לא ביום מלחמה, לא בסערת קרב ולא בפעולת תגמול — כי אם ביום אימונים רגיל כרעת־נפלת, נגדעת מאתנו בזיו נעוריך ועלומיך. ואתה רק בן 19 אביבים. אתמול יום הולדתך וביום בו נולדת הופסק שיר חייך — רפי, רפי, ילדי. — המומים אנחנו מעוצם המכה בה הוכינו כולנו: הוריך, אחיותיך, המשפחה וכל החברים. עוד טרם חדרה ההכרה לעוצם האסון והאבידה עוד לוקים אנו בטשטוש החושים — הננו ממאנים להאמין לאמת אכזרית זו — מה נאמר? מה נגיד? — מה ובמה אנחם את אמך למודת היסורים והסבל אשר כל זוועות המלחמה, השמדת משפחתה, מחנות הריכוז והשמדת העם עברו על כתפיה? — איך היא תתנחם על אבדן יהירה? — מה אומר לאבא אשר חזה בעיניו את מאורעות המלחמה ונלחם בשדה הקרב והקטל? במה אנחמם?

אתה קרנת להם ולכולנו — בקרן אור פניך, בחיוכך הלבבי, ביושר נפשך, בנועם הליכותיך נאמן לך ונאמן לחבריך. —

גאה הייתי לראותך, לטפוח על גבך, לחזות באילן מוצק, תמיר וגא שעלה כנצר ממשפחתנו. גאה הייתי לספור ארבעה בנים רק מהמשפחה בצבא ההגנה לישראל ואתה בתוכם. —



רפי (רפאל) קצ'נובסקי

וכולנו פה שרידים מוצלים מגיא ההריגה ובתקוה להכות פה, באדמה זו, שרשים. שמחתי לראות את האילנות הצעירים בשיג־שוגם וליבלובם — והנה נגדעת מאתנו טרם זמן.

עדה אדמת טרשים זו שבאנו לארץ הזאת לגאול אותה משממונה, לעבדה ולהפריחה בזיעת אפינו — פנינו לשלום וליצירה — לא בנו האשם, כי בנינו את ידם לקרב יאמנו — זה הכרח קיומנו וצו חיינו — וגם היום ומחר נמשיך לתת את מיטב אמונתנו בצבא ההגנה לישראל, וילדינו ימשיכו בשירותו ויתרמו את חלקם בהתאמצותו וגדילתו.

את כאבנו נישא בלבנו ונגוז את זכרונך לעולמי עד — יהי זכרך ברוך.

קיבוץ אילון — אברהם ניב (קצ'נובסקי)

✡

יוסף צחנוביץ

ביום 6 לאוגוסט 1964 שבק חיים בן־עירנו יוסף צחנוביץ. יוסף צחנוביץ הגיע אלינו בשלהי מלחמת העולם השנייה, עם צבאות אנדרס. זוכר אני אותה השבת בטיילי ברחוב אלנבי, והנה נתקלתי בקבוצת חיילים פולניים, ובתוכם החייל היהודי יוסף צחנוביץ. הוא סיפר לי על התלאות שעברו עליו, מיום קבלת צו הגיוס, עם פרוץ המלחמה בין גרמניה לפולין. הוא נאלץ לעזוב את משפחתו, בהשאירו אחריו לפני פרוץ המלחמה, אשה אהובה, ותינוקת בת חודש. כן הוא סיפר על גיוסו לצבא, מלחמתו הקצרה בפולש הנאצי, ואת נסיגת הצבא הפולני,

נפילתו לשבי הרוסי וחייו בסיביר. ע"י המכתבים והחבילות שקיבל בשבי מהמשפחה, והתקוות שכיהודי, שעיר מולדתו נספחה לבריה"מ ישוחרר בקרוב.

הפצרנו ביוסף שיעזוב את הצבא הפולני וישאר בארץ, בידענו על כוס התרעלה שעברה על יהודי פולין, ובתוכם בני עירנו, כשספקות מכרסמים בנו אם האהובים עליו עודם בחיים.

אולם יוסף לא יכול היה להאמין שביתו נהרס, שמשפחתו נרצחה, בתמימותו קיוה שיום יבוא בו ישוב לחיק משפחתו, לאשתו האהובה ולבתו, שטרם שמע ממנה קריאת אבא־לה.

יוסף חזר עם צבאות אנדרס לחזית באיטליה בה רבים מחבריו לנשק מצאו את מותם.

עם סיום המלחמה הובהר ליוסף מה עוללו הגרמנים הנא־צים הטמאים ליהודי העיירה וביניהם גם למשפחתו האהובה ולביתו. המשק החקלאי האהוב עליו שאדמתה הגובלת בדרך לסנוב בלעה 1500 יהודי העיר ובתוכה גם את אביו האהוב ז"ל, שנקבר בעודו בחיים וזעקותיו ותחינותיו לגויים שכיסו את הבור שיצילו אותו מהקבר לא הועילו.

יוסף השתקע בארץ, בודד, שבור ורצוץ עובד הוא קשה לקיומו, להפצרותיו של ידידיו להקים מחדש חיי משפחה לא הטה אוזן.

יוסף נפטר ללא עת בנושאו עמו לקבר את אהבתו לאשתו ולבתו התינוקת. במותו הסתלק אדם בעל נפש רגישה ובעל מידות תרומיות.

✡

אריה שמושקוביץ

ביום י"ט אלול תשכ"ד (27 לאוגוסט 1964) ליוינו את חברינו אריה לייבעלה שמושקוביץ למנוחת עולמים. אריה חברי, ובן עירנו המסור, איננו יותר בין החיים, אריה האהוב על כולם, נעדר לעולמים.

מותו של אריה בא באופן פתאומי בשביל המשפחה, חבריו.



אריה שמושקוביץ׳

וידידיו. עם מותו אבד לנו אדם יקר נעים הליכות, היה בו מיטב הסגולות של איש העם.

הלב הטוב שהדריך אותך לייבעלע בחיים, פסק ללא עת לפתע לפעום.

אריה ספג בבית הוריו את מיטב המסורת ומורשת התרבות היהודית. את אהבתו לעם היהודי לתולדותיו ולמולדתו, ינק בבית הוריו.

אריה היה חניך השומר־הצעיר, בעלייתו ארצה המשיך ללמוד באוניברסיטה בירושלים. עם מות אביו ר׳ ברוך ז"ל, הפסיק ללמוד והתמסר לעבודה עם אחיו יוסף ז"ל, בעבודת בנין, ואחרי זה המשיך לעבוד בעסקו.

כבד האסון שפקד את משפחת הניסוויז׳אים, נתייתמה האשה, נתייתמו בנותיו, נתיתמה המשפחה, נתייתמו חבריו ובני עירו

נעקר מנוף חיינו אדם אציל רוח, ישר דרך וטהור־לב. שיכלנו אחד מטובי החברים, צנוע, ישר והגון.

✡

פסח מאזין

בן עירנו פסח מאזין נפטר בקייפטון דרום־אפריקה. פסח מאזין היה מסור בלב ובנפש לכל מה שהזכיר לו את ניסביז׳. היה פעיל בארגון פלך מינסק באפריקה הדרומית הכולל גם את יוצאי ניסביז׳. עמד בקשר הדוק עם ארגוננו בארץ.

✡

חיים מאז"ה

ר׳ חיים מאז"ה נפטר ביום כ"א תשרי תשכ"ט, (13 לחודש אוקטובר 1968). ר׳ חיים ז"ל נפטר בשיבה טובה בהדר רמתיים.

ר׳ חיים היה איש עמל כל ימי חייו מגיל צעיר למד את



ר׳ חיים מזא"ה

מקצוע החייטות ועבד אצל ר׳ נוח שציפורזיצקי ז"ל, שהיה אמן המקצוע בעיירתנו.

בבחרותו מהגר ר׳ חיים לאנגליה, אבל חזר לנסביז׳. מקים בה משפחה, מחנך את בניו לציונות ולאהבת המולדת ובניו מקיימים את מצוות הגשמה ועולים ארצה. מספר שנים לאחר מכן, בשנת 1935 עולים אף ר׳ חיים ורעיתו ארצה.

אולם בניסוויז׳ נשארת בתם. געגועי האם לבתה גוברים ואשתו של ר׳ חיים חוזרת לנסביז. ר׳ חיים ז"ל סרב לעזוב את

הארץ והאם שנסעה לביקור בלבד עתידה לחזור לבעלה. אולם לפתע פרצה המלחמה ולא היה הסיפק בידי האם לחזור לארץ ישראל. האם ובתה ניספו בשואה.

ר׳ חיים גובר על גורלו המר. משתרש בארץ ועובד בחק־לאות ומשתרש בכפר בקרבת הבנים, ולא נופל למעמסה. משתכר למחייתו ושמח בחלקו.

ר׳ חיים היה איש ישר וצנוע, רכש לו ידידים ואוהבים. חייו הארוכים היו יגיע כפיים אך נהנה מעמל כפיו, ראה כזכות לעצמו לחיות בארץ בקרבת בניו, נכדיו, ונינים, שכולם מושר־שים בארץ עוסקים ועמלים בבנינה.

נתבקש ר׳ חיים לפמליא של מעלה. אך זכה לראות בחייו בנים ובני־בנים ונינים.

הוא מצא מנוחת עולמים בארץ אותה אהב ועזר בבנינה.

✡

פריידל רוזובסקי

כולנו חרדנו לגורלה בהודע לנו שהוגלתה לסיביר בעוון השתייכות בעלה ר׳ יואל רוזובסקי ז״ל, לתנועה הציונית. פריידל ז״ל לוותה את בעלה ר׳ יואל בדרכו. היא היא שאפשרה לו להתמסר לפעולה הציבורית בנטלה על עצמה דאגת קיום משפחתה ואיפשרה לר׳ יואל ז״ל שיקדיש את זמנו להנהגת הקהילה. פריידל ז״ל היתה אמא של כל אלה היושבים כאן, לוותה



פריידל רוזובסקי

את דרכנו ולאחר תלאות רבות הגיעה לאחר המלחמה ארצה. ביושבה אתנו כאן בארץ שמחה לראות את כל אחד ואחד מאתנו. הגורל המר הפסיק את פתיל חייה אבל אצל יוצאי ניסביז בארץ זכרה לא ימוש. יהיה זכרה ברוך וקדוש.

✡

יוסף בן ברוך שמושקוביץ ז״ל

יחד גדלנו, יחד רקמנו את העתיד בבניית הארץ. נפגשנו בתנועה החלוצית בניסביז בוויכוחים על דרך התנועה וכאן בארץ במשך למעלה מעשרים שנים תמיד היית תוסס, כשפניך מטרה אחת — בנית הארץ. עוד שיכון ועוד שיכון ראית בעבודה



יוסף שמושקוביץ

הזאת בעיקר את התפתחות הארץ. בארגוננו עזרת לכל נצרך ובתכניתך היה להקים בית ניסביז ופתאום מעומס פעילותך כרעת ופתיל חייך נפסק.

✡

אליהו בן גצל פרפל ז״ל

רבים מאתנו הכירו אותו בניסביז׳. הקדים אותנו בעליה בהרבה שנים. היה איש כפר אזר, חבר דן ולא הרבה לבקר את כינוסינו. אבל עמד בקשר הדוק עם ארגוננו.

✡

פסח קובל

פסח קובל ז״ל, נעקר מנוף הניסוויז׳אי הישראלי, הסתלק איש ששרשיו העמיקו כאילן בסלע ההר.

פסח צמח מתוך יהדות ניסביז העממית, ממנה ינק וממנה ירש את נאמנותו. היתה זו תקופת המרי של הנוער ברחוב היהודי, הוא היה חבר תנועת הנוער השומר־הצעיר והחלוץ. פסח מילא תפקידים מרובים בתנועה הזאת, נטל על עצמו תפקידים באהבה ובהכרה. פסח עוסק בין הנוער באמונה ומסירות ללא גבול, מחנך את הנוער להגשמה, וכחלוץ הולך לפניהם.

בשנת 1932 עלה פסח ארצה ותחנתו הראשונה היתה ראשון לציון ובה חי את חייו. עד מהרה הוא מתערה בחיי ציבור ומתבלט בעירנותו, ממלא תפקידים ציבורים שונים באמונה ובמסירות, הוא התברך בתבונה ובאהבת האדם.

דמותו ניצבת בפנינו, דמותו של חבר יקר וידיד נאמן.

✡

גנסיה מלאבסקי

בינות גנים ירוקים ועצי פרי למיניהם, ספוגים ריחות השדה ומרחבים עברו על גנסיה ימי בחרותה. טוב־לב ועדינה, שמחה תמיד לעזור לזולת. גדלה במשפחה אוהבת ואף השכנים, רובם גויים, אהבוה כבת ואחות.

משהתבגרה עלתה ארצה מתוך רצון להתחיל חיים חדשים,

אך גנסיה עדינת נפש היתה, וקשים היו לה ימי ההסתגלות לסביבה החדשה, למינהגים חדשים.

בסבלנות ובאורך־רוח תוך עבודה רבה הסתגלה אט אט לאורח החיים החדש ולחברה החדשה.

ואז פגשה את בעלה לעתיד שנתאלמן מאשתו הראשונה בזמן לידת בנו בכורו. תוך תנאים קשים מאד ועבודת נמלים בנתה ביחד עם בעלה את משפחתה וביתה. בפועל ממש בנתה



גנסיה מאלאווסקי

ביתה. טפח אחר טפח לבנה אחר לבנה הקימה את משקה ואת הבן שהתייתם מאמו בטרם הכירה, אמצה לבן. הרבה אהבה, מסי־רות ועדינות נפש השקיעה לגדלו ולחנכו, ואכן הרגיש הבן את שפע האהבה שהשפיעה עליו והחזיר לה אהבה כגמולה.

הבן גדל לתפארת ונהיה לאיש, הבית התנוסס על תילו והיה ספוג אהבה ומסירות ללא גבול.

וברגע הגיעה למנוחה ניתק פתיל חייה והיא עוד מלאת תכניות עבודה ומעין בלתי פוסק של אהבה ומסירות למשפחתה ולכל סביבתה.

✡

אקה ווסילובסקי—מלייר

אקה אסתר מלייר בת נוח וסילובסקי, נפטרה ביום 2 ליאנואר 1968. טובת לב ועדינת נפש היתה, תמיד שמחה לעזור לזולת, כך גדלה אקה במשפחתה האוהבת. בהגיעה לבג־רות מנתקת אקה את קשריה עם סביבתה, ועולה ארצה. כאן נישאה לבעלה האהוב מלייר מהורודזי, ונולדו להם 2 בנים. קשים הם חבלי ההסתגלות לחיים החדשים, ולסביבה החדשה, אבל אט־אט מקבלת היא את אורח החיים החדשים והחברה החדשה. אקה עוקבת אחרי הנעשה בארגון יוצאי ניסביז׳ ומצטרפת למקהלה הוילנאית בארץ, מופיעה אתה על במות הארץ, ומביאה בשיר את זעקת השואה.

אקה משקיעה הרבה מסירות לבניה ולבעלה, ואכן מחזירים הם לה שפע של אהבה.

פתאום ניתק פתיל חייה ללא עת, והיא עוד מליאת חיים. מות אקה הבלתי צפוי למשפחה ולחברים השרה על כולם דכאון רב. עם מותה אבדה למשפחתה אם ואשה טובת־לב ומסורה, ליוצאי ניסביז אחת הדמויות הנעלות שכולם העריצוה.

✡

פסיה פרידשטיין

פסיה בת פייגל ומשה אהרון, אשת ר׳ חיים פרידשטיין ז״ל, נפטרה ביום ששי 9 לאוגוסט 1968 ביוהנסבורג, דרום אפריקה, כשליד מיטתה נמצאים בנה דוד, בנותיה ליבע ופייגעלה ומש־פחותיהם ובתה דובה שהגיעה מהארץ בשעותיה האחרונות.

מהגוף הנסביזאי נעלמה אשה רבת פעלים עדינת נפש. בית פסיה בנסביז במרכז מיכאלישוק בהשראת בעלה ר׳ חיים ז״ל היה בית ציוני עממי. את ילדיהם מחנכת בבתי ספר תורניים ובבי״ס תרבות, את שאול בנה ז״ל שולחת היא להמשיך לימודיו בסמינר המורים העברי בוילנא, את בנה דוד יבדל לחיים ל־בי״ס אורט בוילנא. את הבנות להמשך לימודים בגימנסיה הפול־נית, את הילדים היותר צעירים בהיותם כבר באפריקה ללמודים והשכלה גבוהה.

בית פסיה היה פתוח לבני הנוער בעיר, ומשום כך כונתה, אימם של ה„שומראקעס״. ביתה המה תמיד עם חברים וחברות של ילדיה, שמצאה שפה משותפת בעצה ובהדרכה עם נוער, לבעיות שעמדו ברומו של עולם.

פסיה היתה כאם לילדי מיכאלישוק.

פסיה הייתה דמות של אידישע מאַמע. ליוותה את בעלה ר׳ חיים ז״ל בדרכו. עמלה רבות לקיום המשפחה, והייתה עזר כנגד לבעלה ובכך הקלה על דרכו.

את פסיה ז״ל העריכו שכניה ראו בה ידידה טובה, היא רכשה את הערצתם וחיבתם של כל ידועיה.



פסיה פרידשטיין

לאחר הגירתו לאפריקה שופר מצבו החומרי של ר׳ חיים ומשפחתו עוברת אליו.

בפרידתה מניסביז׳ מלווים אותה כל דיירי הרחוב. לאחר מכן דובה עולה ארצה, שאול ז״ל נשאר בנסביז כמורה בבי״ס תרבות, מחנך את ילדי ניסביז לציונות והגשמה. שאול ומשפחתו מוצאים את מותם בשואה יחד עם כל קדושי העיר.

גם באפריקה קיבלו הילדים חינוך ציוני, ובמלחמת השחרור בא ארצה בנה קלמן ומתיישב בה.

לאחר קום המדינה מבקרת פסיה ז״ל בארץ מספר פעמים. פעם עם בעלה ר׳ חיים ז״ל, נפגשת עם ילדיה, עם בני ניסביז הפזורים בערים, במושבות ובקיבוצים. נהנית מבנין הארץ ורואה בכולם ובצדק את בניה ובנותיה, חרדים לשלום כולם.

✡

אברהם צודיק

מיקירי עירנו, שכל חייו היו קודש לרעיון הנשגב של תחיית עמנו ושפתנו בארצנו המשוחררת.

כבר בצעירותו ספג בחדרו של ר' גרשון זאב דמשק יחד עם תורת ישראל ותרבותו גם את הרעיון הציוני ואחרי גמר לימודיו בישיבת מיר, בהכנסו לגימנסיה בהיותו בן 16 התמסר בהתלהבות לפעולה ענפה וברוכה בתנועת „צעירי ציון" שהיה בין מייסדי אגודתה בעיר.

היה בין מייסדי הספריה היהודית היחידה בעיר ועבד בה בהתנדבות, אירגן נשפים והצגות, כדי לקיים את מוסדות האגודה, את בית הספר העברי ואת הספריה. נטל חלק פעיל בפעולות הציוניות ובפעולות פוליטיות, בבחירות לעיריה לועד ההנהלה, אחרי למדו כמה שנים באוניברסיטאות וילנה ופראג עלה ארצה להשתתף בפועל בבנין הארץ. גופו החלש היקשה עליו להסתגל לתנאי הארץ אך התגבר על כל הקשיים ונכנס יפה לעבודת הבנין ב־„סולל־בונה".

בארץ הוסיף להתענין בחיים הצבוריים. הגה רעיון יסוד כפר מסריק, לזכר האיש הדגול, אוהב ישראל נשיא צ'כוסלובקיה. בתל־אביב ארגן אסיפת אזכרה לזכרו, בה השתתפו אנשים מפור־סמים יוצאי צ'כיה ובתוכם הקונסול הצ'כי.

רבות סבל האיש, ערירי וגלמוד היה, אך תמיד נאמן לתחיית עמו.

*

שלווין ברנרד (שלוויצקי ברוך): נולד ב־4 ביוני 1883 בניסוויז', מינסק, רוסיה. בנם של הירש וצלה לבית שפילברג) למד ב„חדר" ובישיבה ולאחר מכן המשיך בלימודים חילוניים בלונדון. את ראשית דרכו העיתונאית החל בשבועון העברי „היהודי". כן היה כתבם הלונדוני של העתונים העבריים „הצופה" שהופיע בוורשה, „הזמן" שהופיע בווילנה וכן של „יום" הוורשאי. ב־1906 נתמנה כעורכו של ה„דיילי ג'ואיש אקספרס" הלונדוני. בשנת 1908 היה חבר המערכת של ה„מארגן ז'ורנאל" הניו־יורקי. היה חבר הנהלת ההסתדרות הציונית באמריקה וחבר הסוכנות היהודית. מנהל ה„היאס" וחבר הוועד־הפועל של הקונ־גרס היהודי האמריקני, משתתף קבוע ב„דער אמריקענר" וחיבר ספר על משנתו של אחד־העם.

✡

ברײנה גולדין ז"ל

היגרה לאפריקה הדרומית עם בעלה ובנם הראשון.

מרת ברײנה ז"ל, יחד עם בעלה לייזר יבדל לחיים ארוכים, מבקרים את הארץ מדי שנה למספר חדשים. חיים את חיי מדינת ישראל, את חיי בני עירנו ניסוויז' — שהיתה ואיננה עוד. בביקורה האחרון בארץ מתה מיתת נשיקה.

✡

ראובן אלפרט ז"ל

נולד בשנת 1905. היה מעורב בחיי העיירה, נמנה עם בוני תנועת „השומר־הצעיר" ו„החלוץ". יוצא להכשרה חלוצית, עלה



ראובן אלפרט

ארצה בשנת 1933. מצטרף לקיבוץ, מקים משפחה ואחרי זה מצטרף למושב שיתופי. קשיי ההסתגלות לחיי חקלאות מביא אותו לעזיבת המושב. עובר לחולון יחד עם בני משפחתו, בה מפלס דרך ומשתרש בה.

✡

גבריאל אבניאלי (אשטיין) ז"ל

הגיע ארצה אחרי טלטולים רבים. מלחמת העולם השניה עוברת עליו בערבות רוסיה.

ב־1943 מגיע גבריאל ארצה עם הצבא הפולני של הגנראל



גבריאל אבניאלי (אשטיין)

אנדרס. מתיישב בירושלים, פעיל ב„הגנה". בעת מצור בריטי, נפצע ברגלו על ידי שוטר. נזכור אותך גבריאל כחייל צה"ל במלחמת השחרור. שממנה

הנך משתחרר כנכה. הלך מאתנו חבר יקר, פעיל ומסור לבני עירנו.

חבר הועד, שלו הקדיש את זמנו. התמסרותו ודאגותיו להוצאת הספר היו רבות, ולא זכה לראותו.

✡

יוסף ליפשיץ ז"ל

נפטר מהתקפת לב ביום 12.6.74 בחיפה, לאחר מחלה ממושכת.



יוסף ליפשיץ

יוסף ז"ל היה חבר „החלוץ הכללי" בעיר. לאחר הכשרה, עולה לארץ־ישראל ומקים משפחה. עובד בעירית חיפה.

✡

יוסף שמושקוביץ ז"ל

נולד בניסוויז'. בילדותו התייתם יחד עם אחיו רפאל מאמו. למד בתלמוד תורה. בצעירותו מצטרף לתנועת הנוער „פרייהייט". מקבל את חינוכו הציוני־סוציאליסטי. יוצא להכשרה לקיבוץ „שחריה" בוילנה. עלה ארצה בשנות השלושים ומצטרף לקיבוץ רמת רחל. אחרי שנים של חברות בקיבוץ, עובר עם משפחתו לחולון, שם עבד בבנין.

יוסף ז"ל נהרג בתאונת דרכים.

✡

אהרון רוזובסקי ז"ל

נולד בשנת 1908 בניסוויז', בנם של פריידל ויואל רוזובסקי. למד ב„חדר" ואחר כך בגימנסיה הרוסית. היה בין ראשוני „החלוץ הכללי". בשנת 1930 היגר לצ'ילה



אהרון רוזובסקי

ושם הקים קן משפחתי. היה פעיל בקהילה היהודית בצ'ילה ובתנועה הציונית.

✡

לזכרו של גבריאל כץ ז"ל

נולד בשנת 1913 בעירנו ניסוויז' בבית הוריו הוא קיבל חינוך יהודי מסורתי, למד ב„חדר", בבי"ס „תרבות", ובגימנסיה הפולנית.

בנעוריו הצטרף לתנועת „גורדוניה". בה היה פעיל בראשו וברובה, היה איש צנוע ונעים הליכות. כולם רחשו לו כבוד.



גבריאל כ"ץ

לארץ הגיע בשנת 1935 כסטודנט לאוניברסיטה. נמנה עם חברי ההגנה, מצטרף לחיל הנוטרים, ואחרי כן משרת בצה"ל, במלחמת השחרור. עם שחרורו עובד כל השנים במשרד המשפטים בירושלים.

גבריאל ז"ל הכין בחייו 2 מאמרים לספר ניסביז', המתארים את עירנו ניסביז', את יופיה הטבעי, רחובותיה וסימטאותיה.

אברהם ברזין

*

זלמן שיפרס

זלמן שיפרס, בנו של ר' חיים ניעסוויזשער, — כפי שכינוהו בלעכעוויטש, שם התגורר אחרי נישואיו, — התחנך בלעכעוויטש

ובשנת 1915 בזמן המלחמה עברה משפחתו לניסוויז׳. זלמן היה אז מגוייס בצבא הרוסי. בשנת 1918 השתחרר ובשובו הביתה הצטרף ל„צעירי ציון״.

שיפרס התבלט מיד באסיפות חברים, בהבעת דעותיו המקוריות והצעותיו המעשיות. עד מהרה נבחר לחבר הועד ומילא בו את תפקיד המזכיר ואח״כ נבחר לראש הועד. הוא ייצג את „צעירי ציון״ במוסדות שונים בעיר. בשנת 1920 נבחר בתור חבר ועד הקהילה היהודית.

כשנתיים לפני עליתו כיהן שיפרס בתור מורה לתנ״ך בבית הספר העברי ע״ש צ׳לנוב.

אחרי מאורעות תל חי בארץ היה שיפרס הראשון שהגה את הרעיון להתארגנות קבוצת חלוצים לעלייה והצעתו נתקבלה בועד „צעירי ציון״. שיפרס היה הראשון בין הרשומים לקבוצה שעלתה בשנת 1920.

בכל 50 שנות חייו בארץ ו־45 שנה בדגניה א׳ השתתף שיפרס בפועל ממש בהגשמת חזונו — יצירת עם יהודי עובד על יסודות של שויון, אחוה, עזרה הדדית בארצנו החפשית, והיה בין מגיניה של דגניה בעת פלישת הסורים בשנת 1948.

זעזוע קשה עבר עליו בנפול בנו יחידו דניאל על הגנת דגניה ולא יכול להתאושש זמן רב מאסונו.

בגבור עליו יגונו שטח את רגשי אב שכול בשירים אחדים שהתפרסמו בקובץ „בסער ביום סופה״ המוקדש לחללי דגניה.

זלמן שיפרס נפטר בדגניה א׳ בשנת 1970.

ירושלים. בנימין יואלי

ספר ניעסוויזש

יידיש־טייל

1

פון דער ווייטער
און נאענטער
פארגאנגענהייט

ניעסוויזש - געשיכטע פון דער שטאָט און פון דער יידישער קהילה, פון איר אנטשטייונג - ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה *

בנימין יואלי (יעווועלעווסקי)

דאָס זיצאָרט פון די פירשטן ראַדזשיוויל

די שטאָט ניעסוויזש „ליגט" אויפן טייך אושא, 105 קילאָמעטער ווייט דרום־מערבדיק פון מינסק, 86 קל"מ מערבדיק פון סלוצק, 14 קל"מ פון דער באַן־סטאַציע האָראָדזיי (זאַמיריע), אויף דער באַן־ליניע בריסק־מאָסקווע.

אין יאָר 1939 איז די שטאָט אנעקסירט געוואָרן צו דער סאָוויעטשיער ווייסרוסישער רעפובליק ווי אַ קרייז־שטאָט אין מינסקער קאַנט. אין 1861 האָט די שטאָט געציילט 5,500 איינוווינערס. געווען דאָרט פאַבריקן פון בוימאייל, מילך־פולווער, ביאָמיצין און קינסטלעכע באַמיסטיקונג. אין יאָרן 1941—1944 האָט ניעסוויזש זיך געפונען אונטער דער אָקופּאַציע פון נאַצי־דייטשלאַנד. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען דאָרט פאַרבליבן די היסטאָרישע בנינים: דער שלאָס (אויפגעשטעלט אין יאָר 1584), דער קלויסטער (1593), דער ראַטהויז (1596) און דער סלוצקער טויער (1760). אין די יאָרן 1920—1939 איז ניעסוויזש געווען איינגעשלאָסן אין דער פוילישער רעפובליק און זיך געפונען אויפן מזרחדיקן גרענעץ מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. אין די יאָרן 1918—1920 האָבן אין ניעסוויזש געוועלטיקט, טוישנדיק זיך, דייטשלאַנד, ראַטנפאַרבאַנד, פוילן. פון 1793 ביז 1918 איז ניעסוויזש געווען אונטער דער הערשאַפט פון צאַרישן רוסלאַנד און פון דער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט ביז 1793 — אונטער דער הערשאַפט פון ליטע און פוילן.

דעם נאָמען פון דער שטאָט ניעסוויזש האָט פון יאָר 1851 געטראָגן דער 4טער גרענאַדירן־פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין מאָסקווע און זיינע קאַשאַרן האָבן זיך געפונען אינעם ניעסוויזשער געסל.

דער מקור פונעם נאָמען ניעסוויזש איז ניט אַזוי קלאָר. לויט בראָקהאוזס רוסישן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך, מיינט דאָס „אומזעבאַרער" („ניעווידימי"). מעגלעך, אַז עס האָט אַ זין

* געקירצט, פון אַ גרעסערער אַרבעט אין עברית. אַ ביבליאָגראַפישע רשימה — זע צום סוף פון דעם מאמר אין העברעיש זייט 55.



דער ראַטהויז, ווו ס'האָט זיך געפונען דער שטאָטראַט. לינקס — די קראָמען. (פאָטאָגראַפירט אין די צוואַנציקער יאָרן).

„הראטוש" (בנין העיריה) ושדרת החנויות בבנין המקומר. (צילום: מ. פאַיאַנס).

די דאָזיקע דערקלערונג, ווייל די שטאָט ליגט אין אַ טאָל און ניט הויכע בערגלעך פון מזרח און פון מערב רינגלען זי אַרום. אויף זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די נייע פאָרשטעט ניישטאָט און קאַזימיר.

ניעסוויזש איז אַן אַלטע שטאָט, געגרינדעט אין 11טן יאָרהונדערט, באַלאַנגט צום סלאַווישן שבט „קריוויטשי" און געדינט ווי אַ הויפּטשטאָט פונעם ניעסווישער פירשטנטום. לויט אַנטיקע שריפטן, זאָל דער פירשט יורי פון ניעסוויזש זיך האָבן באַטייליקט אין דער שלאַכט קעגן די טאָטערן אין יאָר 1224. אין 14טן יאָרהונדערט, מיט דער דעראָבערונג פון ווייסרוסלאַנד דורכן פירשט געדימין, איז ניעסוויזש איינגעשלאָסן געוואָרן צום ליטווישן קיניגרייך.

די ניעסווישער פירשטן האָבן ווייטער געהערשט אויף זייערע געביטן, געווען אָבער אונטערגעאָרדנט דער מאַכט פון ליטווישן גרויספירשטנטום. אין יאָר 1492 איז ניעסוויזש און די אומגעגנט איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ליטווישן גרויספירשט אַלעקסאַנדער צו פּיאָטר יאַן קישקאָ און נאָכן טויט זיינעם איז די שטאָט איבערגעגאַנגען צו זיינע יורשים.

אין יאָר 1533 איז ניעסוויזש איבערגעגאַנגען צו איינעם פון די יורשים ניקאָליי ראַדזשיוויל, פון וועלכן ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דינאַסטיע פון די ראַדזשיווילס.

אין יאָר 1547 האָט ניקאָליי ראַדזשיוויל דערגרייכט ביים קיסר קאַראָל דער פינפטער דעם טיטל „פירשט פון דעם הייליקן רוים־קיניגרייך". ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1565 און זיין זון קריסטאָף האָט געירשנט דאָס פאַרמעגן און די גיטער. אין די יאָרן 1582־83 האָט ער מיט אַ פמליה עולה־רגל געווען אין דעם הייליקן לאַנד און דערנאָך באַשריבן די דאָזיקע רייזע.

אין יאָר 1584 האָט דער פירשט ניקאָליי ראַדזשיוויל, וועמען מ'האָט אויך גערופן „שיעראָטקאָ" („יתום"), געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם פּרעכטיקן שלאָס און אין יאָר 1589 געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן קאַטוילישיעזואיטישן קלויסטער וועלכער איז געוואָרן אויסגעענדיקט אין יאָר 1593. דאָס איז געווען דער ערשטער קלויסטער אין פּוילן, געבויט לויטן באַראָק־סטיל, אויפן מוסטער פון ישו'ס קלויסטער אין רוים.

די באַפעלקערונג פון שטאָט איז געווען אַן אָרעמע און די הייזער — פון האָלץ. דער פירשט שיעראָטקאָ האָט געזאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און דערפאַר איינגעלאַדן פון אויסלאַנד בעלי־מלאכות און סוחרים. אין יאָר 1586 האָט ער אַרויסבאַקומען פון מלך סטעפאַן באַטאָרי רעכט פאַר די איינוווינער פון זיין שטאָט, באַגלייך מיט די רעכט פון אַנדערע שטעט אין ליטע און אין פּוילן. יענעם יאָר האָט דער פירשט



די קאַזאַרמעס פון „פאַרנע". דער קאַטוילישער קלויסטער און דער סלוצקער בראָם. אַ בליק פון ניישטאָט.

קסרקטין „פרנה", הכנסיה הקתולית ושער סלוצקי. מבט מן העיר החדשה.

צוגעטיילט די איינוווינערס רעכטן און אומזיסטיקע באָדן־פּאַרצעלעס, נאָר פאַר באַקוועמע יערלעכע אָפּצאָלונגען פאַרן שפּיטאָל, שול און שפּילער אויפן אָרגל. ער האָט זיי איבערגעגעבן פאַרשידענע אונטערנעמונגען, ווי גאָזשעלניעס, געשעפטן, יאַטקעס אדג"ל.

אין יאָר 1581 האָט דער פירשט שיעראָטקאָ פאַראָרדנט די איינוווינערס צו פירן די געזעלשאַפטלעכע ענינים לויט די רעכטן פון מאַגדעבורגער געזעץ, דאַקעגן די יידן זענען געווען אונטערגעאָרדנט דער מאַכט פון פירשט און זיינע פאַרשריפטן. פאַר דעם אַלעמען האָבן די איינוווינערס באַדאַרפט אויפשטעלן די שטאָטראַט־געביידע און אַרום איר אַ ריי געשעפטן, ווי אויך צוויי אַריינפאָר־טויערן אין שטאָט.

דער קיניג סטעפאַן באַטאָרי האָט באַשטימט דעם שטאָטישן הערב פאַר ניעסוויזש: אַ פאַנצער, אויף זיין לינקער העלפט איז אויסגעמאָלט אַ האַלבער אָדלער און אויף דער רעכטער העלפט — 10 פאַסן מיט זיך בייטנדיקע פאַרבן: העל־בלוי, רויט און געל. אַן אייזערנע פאָן מיטן הערב איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן שפּיץ טורעם פונעם שטאָטראַט־בנין אין יאָר 1912.

דער פירשט קאַראָל סטאַניסלאַוו, באַקאַנט אַלס „פּאַניע קאַכאַנקאָ", האָט אין יאָר 1780 אויפגעבויט אַ זומער־פּאַלאַץ אין זיין גוט אלבא, אין דרום־טייל פון שטאָט און אין יאָר 1783 אויפגעשטעלט צוויי וואַסער־מילן אויף דער דאַמבע צווישן שטאָט און ניישטאָט. די פירשטן פון דער דינאַסטיע ראַדזשיוויל וואָס זענען ביזן יאָר 1792 געווען די הערשער פון דער שטאָט, האָבן געזאָרגט פאַר איר אַנטוויקלונג און אויפגעבויט שטיינערנע בנינים, ווי: שולן, מאָנאַסטירן און קלויסטערס. נאָר דער רוב וווינונגען זענען געווען פון האָלץ. אין די מלחמות צווישן פּוילן און רוסלאַנד און שוועדן איז די שטאָט איייניקע מאָל חרוב געוואָרן. אויך די אָפטע שריפות האָבן פאַרלענגט אַ סך הייזער. פון דער העלפט 19טן יאָרהונדערט זענען אויף די צענטראַלע גאַסן און אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ אויפגעשטעלט געוואָרן הייזער פון שטיין און די וויכטיקסטע גאַסן זענען ברוקירט געוואָרן.

כדאי צו דערמאָנען, אַז איינער פון די ראַדזשיווילס, מאַרטין ניקאָליי, דער אָרדינאַט פון קלעצק (געבוירן אין יאָר 1705), האָט זיך ערנסט אינטערעסירט מיט דער יידישער רעליגיע. ער האָט אָפּגעהיט שבת און כשרות, געפייערט די יידישע יום־טובים. ער האָט אַפילו באַשלאָסן זיך מגייר צו זיין, נאָר די פאַמיליע האָט נישט דערלאָזט דערצו. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1856.

די הערלעכע לאַנדשאַפט פונעם שלאָס אַרום מיט גרינס, צווישן צוויי גרויסע אָזערעס, די הויכע שטאָטראַט־געביידע אויפן מאַרק, אין צענטער שטאָט און די ריי געשעפטן אַרום אין איינהייטלעכן סטיל; די פאָרנעמיקע, שיינע קלויסטערס; די גרויסע בנינים פון די מאָנאַסטירן; די שולן; קאַזאַרמעס; גראָז־פּלאַנטן; דער גרויסער פּאַרק ביים שלאָס; דער הויכער אָנשיט („וואַל") — האָט צוגעגעבן דעם קליינעם שטעטל אַ גאָר שיינעם אויסזען אין פאַרגלייך מיט די דערבייאיקע שטעטלעך.

ווי אַזוי האָט זיך אויספאָרמירט דער יידישער ישוב

די גענויע צייט פונעם אָנהייב פון יידישן ישוב אין ניעסוויזש — איז ניט קלאָר. ס'איז אָנצונעמען, אַז די יידן זענען געקומען אין שטאָט אָנהייב 16טן יאָרהונדערט. אין דער תקופה פונעם פירשט ניקאָליי ראַדזשיוויל „דער שוואַרצער" (1533—1565), זענען צווישן די איינוווינער פון שטאָט געווען „יידן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט שטעט אין טיף רוסלאַנד".

ס'איז זיך אָנצושטויסן, אַז דער פירשט ניקאָליי דער פּראָטעסטאַנט, וואָס איז באַווירקט געוואָרן פון דער פריינדלעכער

באַציונג פון גלח שמעון בודני צו די יידן, האָט דערלויבט יידן סוחרים און מיט איניציאַטיוו צו באַזעצן זיך אין ניעסוויזש, כדי זי צו אַנטוויקלען און אַפילו באַשעפטיקט יידן אין זיין אונטערנעמונג. אויב גלויבן דער לעגענדע וועלכע איז געווען פאַרשפרייט צווישן יידן וועגן דעם ייד שאול וואהל וואָס איז געווען קיניג פון פוילן איין טאָג, איז מעגלעך, אַז ער האָט געהערט צו די ערשטע יידן וואָס האָבן געוווינט אין ניעסוויזש.

אין דער תקופה ווען ס׳האָט געהערשט דער יורש פון פירשט ראַדזשיוויל („דער שוואַרצער״), פירשט ניקאָליי קריסטאָף „דער יתום״ (1565—1616), איז די צאָל יידישע משפחות אין שטאָט געווען אַ באַדייטנדיקע, זיי האָבן געהערט צום שטאָטישן מעמד און אַפילו גענאָסן פון די זעלבע רעכט וואָס די קריסטלעכע מיעשטשאַנעס.

כדי אַנטוויקלען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון שטאָט און אומגעגנט, האָט דער פירשט שיראָטקאַ („דער יתום״) אַרענדירט די שטאָטלייט גאָזשעלעניעס, געשעפטן, יאַטקעס אדג״ל. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז צווישן די אַרענדאַרן האָבן זיך געפונען אויך יידן, קרעטשמערס און שענקערס.

אָבער ניט אַלע קריסטן זענען געווען טאָלעראַנט צו יידן — צוליב עקאָנאָמישע סיבות, אָדער רעליגיעזע — און האָבן ניט געלאָזט, אַז די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען זאָלן דערלויבן יידן קויפן באָדן און הייזער, בויען שולן און גרינדן אַ בית־הקברות. עס זענען אויך געווען אָנפאַלן אויף יידן מצד דעם המון וואָס איז געוואָרן אונטערגעהעצט דורך די גלחים. דער פירשט שיראָטקאַ האָט זיך אַליין באַטראַכט ווי דער אַפּוטרופּוס פון די יידן פון זיין שטאָט און כדי פאַרמיידן פיינדלעכע באַשלוסן פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן אונטערליגן דירעקט אים — און ניט דעם מאַגדעבורגער געזעץ. אין יאָר 1589 האָט דער פירשט שיראָטקאַ צוגעטיילט די יידן 17 פלעצער אויף אַ באַזונדערער גאַס צו בויען דאָרט הייזער, כדי זיי אָפּטיילן פון די קריסטן, פאַרוועלנדיק שטרענג די יידן צו וווינען אויפן מאַרק־פּלאַץ.

לויט דער פאַראָרדענונג־פּריווילעגיע, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעגעבן דער פירשט שיראָטקאַ, האָט די „יידישע גאַס״ געדאַרפט זיין אַרומגעצאַמט ווי אַ געטאָ, און אין יעדע עקן גאַס דאַרפן די טויערן זיין פאַרשלאָסן יעדע נאַכט, כדי צו פאַרזיכערן די יידן פון אָנפאַלן. אין די דריי טעג פאַר דער קריסטלעכער פסחא, דאַרפן די יידן בלייבן אין זייערע הייזער, די גאַס דאַרף זיין פאַרשלאָסן און די שליסלען דאַרפן בלייבן אין שלאָס־אַמט, און דאָס אַלץ „כדי מען זאָל די יידן קיין גוואַלד־טאַטן ניט אָנטאָן״.

די צאָל פאַרבויטע דורך יידן פלעצער אויף דער „יידן־גאַס״ אין 1628 איז געווען 14, דערפון איינער פון מלמד („שקאָלניק זשידאָווסקי״), וואָס איז געווען פריי פון שטייערן. ווייזט אויס, אַז אויף דעם פּלאַץ איז געשטאַנען דער בנין פון דער שול, וואָס האָט געדינט פאַר דער תלמוד־תורה, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען די דירה פון מלמד וואָס איז אויך געווען רב אָדער מורה־הוראה. פאַר די אַנדערע 13 פלעצער, האָט מען דער אַדמיניסטראַציע פון שלאָס באַדאַרפט צאָלן אַ שטייער פון איין פונט פעפער. אויסער דעם האָבן די יידן געהאַט 7 און אַ פערטל פאַרבויטע פלעצער אין פאַרשידענע געסלעך פון די קריסטן אין דער אַלטשטאָט, אין דער נייער שטאָט און אין קאָזימיר.

יידישע קרעטשמעס און שענק זענען געווען 32 (31) : 7 קרעטשמעס פון מעד, 8 פון ביר און 16 פון בראָנפן, וועלכע האָבן באַדאַרפט צאָלן דעם געטראַנקען־שטייער („קאַפּשטשיזנאַ״).

פון דער פאַרטיילונג פונעם קאָפּ־שטייער וועלכע איז געפירט געוואָרן דורכן ועד הקהילות פון ליטע אין יאָר שפ״ג (1623), ווייזט זיך אַרויס, אַז די ניעסוויזשער קהילה איז געווען די גרעסטע לויט דער צאָל איינוווינערס פון אַנדערע קהילות אין דער געגנט. דער קאָפּ־שטייער וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די קהילות אין יענעם יאָר, איז געווען פאָלגנדיקער : ניעסוויזש 20 שוק, מינסק 10 שוק, סלוצק 12 שוק, סלאָנים 20 שוק.

דער יורש פון פירשט שיראָטקאַ, דער פירשט יאַן ראַדזשיוויל (1616—1625), האָט אין יאָר 1620 פאַרבעטן דעם דאָקטער ר׳ יוסף שלמה דילמעדיגאָ — דער רב, פילאָסאָף, מאַטעמאַטיקער — צו זיין דאָקטער פאַר אים און זיינע בני־ברית. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דילמעדיגאָ האָט פּרובירט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט דער יידישער קהילה אין ניעסוויזש, נאָר צוליב דער נעגאַטיווער באַציונג מצד די פרום־פאַנאַטישע יידן צו אים, ווייל ער האָט אויך געפּרעדיקט צו לערנען וועלטלעכע לימודים, אויסער די לימודי קודש, איז עס אים אַוודאי ניט געלונגען.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן פון דער יידישער קהילה אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט

צום באַדויערן, האָבן זיך ניט אויפגעהיטן קיין לאָקאַלע יידישע דאָקומענטן וועגן אָנהייב פון דער יידישער קהילה אין ניעסוויזש, פון וועלכע מ׳זאָל קענען לערנען וועגן געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן.

דער ניעסוויזשער פּנקס פון 18טן ביז האַלב 19טן יאָרהונדערט עקזיסטירט אין לענינגראַד, אין מלוכהשן אַרכיוו, אָבער איצט קאָן מען אים ניט באַקומען, דאָך זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוויי תקנות אין דער היסטאָרישער יידישער ליטעראַטור. מיר קענען האָבן אַן אַלגעמיין בילד, לויט דעם פּנקס המדינה פון ועד הקהילות במדינת ליטא, וועלכער נעמט אַרום אַ תקופה פון 138 יאָר (1623—1761).

וועלכע זענען געווען אין יענער צייט, די פּרנסה־קוואַלן פון די ערשטע ניעסוויזשער יידן? די עיקרדיקע באַשעפטיקונגען זייערע זענען געווען אין די הענט פון רייכע יידן אין בריסק און פינסק וואָס האָבן אַרענדירט דעם אָפּצאָל פון שטייערן און צאָל, און האָבן באַשטימט יידישע באַאַמטע, איינוווינער פון די שטעטלעך, איינצוקאַסירן די שטייערן מיט דער הילף פון פּאָליציאַנטן.

אין יאָר 1628 האָבן יידן אין ניעסוויזש געהאַלטן 32 שענקען אין דער גאַנצער שטאָט — אויף דער יידן־גאַס, אין קוזימיר און אין ניישטאָט. סוחרים און יידישע הענדלערס האָבן געקויפט ביי די פּויערים זייערע פּראָדוקטן, ווי תבואות, פּוטערלעך פון חיות, וואַקס און זיי פאַרקויפט סחורות וואָס זענען געבראַנגט געוואָרן פון פוילן און אַנדערע לענדער. מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען צוגעקומען נייע פּרנסה־קוואַלן פון די קהילה־באַדינונגען — כלי־קודש און בעלי־מלאכות, וועמענס אַרבעטן דאַרפן געמאַכט ווערן לויטן יידישן דין, ווי שניידערס (שעטנז), קצבים, פּראָדוצענטן פון ראָזשינקעס־ווייַן, בעקערס אאנ״ד.

דער עיקרדיקער האַנדל אין ניעסוויזש איז אָנגעגאַנגען אין די מאַרק־טעג יעדן זונטיק און אויף די צוויי יערלעכע יאַרידן : פאַר קריסטמעס און פאַר דעם הייליקן דריילינג (נאָך שבועות). די יאַרידן זענען אויך געווען אַ געלעגנהייט פאַר די קהילה־עלטסטע פון די שכנותדיקע ערטער צו טרעפן זיך און באַהאַנדלען בשותפותדיקע ענינים.

דער רב און די דיינים, די שטאָט־עלטסטע, די פּרנסים און גבאים האָבן געהאַט אויפזיכט אויפן געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן פון דער קהילה, געזאָרגט פאַרן קיום פון די דערציונג־אַנשטאַלטן, די תלמוד־תורה און ישיבה, די באָד און מקוה, בית־הקברות, פאַרנומען זיך מיט העלפן אָרעמעלייט און קראַנקע, אַכטונג געגעבן מ׳זאָל אָפּהיטן כשרות און שבת און

אַפילו אויפגעפּאַסט אויף די באַציונגען צווישן ייִדן און קריסטן, כדי אויסצומיידן חילול השם און געפאַרן פון פּאָגראָמען. זיי האָבן אויך אָפּגעהיטן די מאָראַלישע אויפפירונג פונעם פּרט, עס זאָל ניט זיין אַזעלכע וואָס טיילן זיך אויס מיט דער קליידונג אָדער מיט מעשים. די קהל־עלטסטע האָבן אָפּגעהיטן דעם מינהג פון „חזקה" ביים אַרענדירן גיטער, וואָס פאַרווערט אַ ייִד צו קאָנקורירן מיט אַן אַרענדאַר אַ ייִד, וואָס האָט שוין געהאַט אַרענדירט מער ווי דריי יאָר. די קהילה־אָנפירונג האָט געהאַט אַ רעכט צו באַשטראָפן מיט געלט, אַפילו אַרעסטירן די שולדיקע. כדי מקיים זיין די תקנות וועלכע האָבן באַדאַרפט דינען דער געזעלשאַפט, פלעגט מען אַרויפלייגן אַ חרם אויף די וואָס האָבן פאַרלעצט די תקנות — און דאָס איז געווען דאָס עפעקטיווסטע מיטל אינעם קהילה־לעבן. דאָס משפטן זיך צווישן ייִדן האָט געהערט צום רב און צום אב־בית־דין און די דיינים. בלויז קאָנפליקטן צווישן ייִדן און קריסטן זענען באַהאַנדלט געוואָרן דורכן געריכט פון שלאָס (שטאָטישער געריכט), וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די צענטראַלע מאַכט.

די קהילה־דאָזאָרעס האָבן רעפּרעזענטירט די קהילה כלפּי חוץ און כלפּי דעם הערשנדיקן פירשט ראַדזשיווויל. וואַלן פון ראש הקהל, פּרנסים און גבאים זענען פאָרגעקומען איינמאָל אין יאָר, חול־המועד פּסח.

די אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע פון דער קהילה האָט געגעבן די ייִדן מער זיכערקייט און זיי געלאָזט אָנגיין מיטן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן לעבן און אויך געהאָלפן אין מאַטעריעלן קיום. אָבער ניט תמיד האָט דאָס ייִדישע לעבן אין ניעסוויזש זיך געפירט אויף שטילע וואַסערן. אין די יאָרן 1625 און 1651 האָבן די כאָלערע־עפּידעמיעס אין שטאָט געבערענגט מיט זיך אַ סך קרבנות.

אין די גזירות ת"ח און ת"ט האָבן ניעסווישער ייִדן ניט געליטן פון די קאָזאַקישע שחיטות, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט די ייִדן אין דרום־ליטע דורך כמיעלניצקיס באַנדעס. דאָס שלעכטס איז געקומען אין 5 יאָר אַרום, אין 1654 (ה׳ תי"ד). אין דער מלחמה האָבן די רוסן פאַרכאַפּט די שטאָט און זי חרוב געמאַכט ביזן גרונט. אַפילו די מענטשן וואָס האָבן געזוכט שוץ אין קלויסטער, האָבן זיי ניט געשוינט און אַ סך זענען אומגעקומען. אין יאָר 1659 זענען די רוסן ווידער אַריין אין שטאָט און זי צום צווייטן מאָל צעשטערט. זיי איז אָבער ניט געלונגען צו דעראָבערן אין ביידע מלחמות דעם באַפעסטיקטן שלאָס פון פירשט ראַדזשיוויל. וועגן גורל פון די ייִדן אין ניעסוויזש אין יענע שווערע טעג — ווייסן מיר גאָרנישט. פון אַלע שטעט פון ווייסרוסלאַנד וווּ עס זענען אַריינגעדרינגען די רוסן, זענען די ייִדן פאַרשוווּנדן. אַ סך זענען אומגעקומען, אַ סך האָט מען געצוווּנגען אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, פיל זענען געפאַנגען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און די אַנדערע זענען אַנטלאָפן.

מעגלעך, אַז יענע ניעסווישער ייִדן וואָס האָבן אַרענדירט אָדער געפירט די געשעפטן פון די פירשטן, האָבן געפונען שוץ אינעם שלאָס פון די ראַדזשיווילס, צוזאַמען מיט די אדל־לייט, און אפשר אפילו איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן אויף מערב — און נאָכן שליסן דעם שלום־טראַקטאַט אין אַנדרוסאָוואָ אין 1667, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ניעסוויזש. די מיינונג, אַז דער רוב ייִדן פון ניעסוויזש איז ניט אומגעקומען, שטיצט זיך אויך אויף דעם פאַקט, וואָס אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דאָרט ווידער פאַרפעסטיקט אַ ייִדישער ישוב און אַפילו זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון דער שטאָט, וואָס האָט דערצערנט די קריסטלעכע סוחרים. דעריבער האָט די פירשטין קאַטאַזשינאַ ראַדזשיוויל אַרויסגעגעבן אין יאָר 1688 אַ פאַרבאָט ניט צו באַטייליקן ייִדן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און אויך פאַרווערט ייִדן אײַנצוזאָמענען שטייערן ביי סוחרים אין די יאַריד־און מאַרקטעג.

ניט אויף לאַנג האָבן ניעסווישער ייִדן גענאָסן פון פאַרהעלטניסמעסיקע פרידלעכע באַציונגען און רו. די אינערלעכע רייסערייען אַרום די קאַנדידאַטן אויפן פּוילישן טראָן האָבן געבערענגט מיט זיך די אינטערווענץ פון די שכנותדיקע מדינות. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן ביידע צדדים און זייערע אונטערשטיצערס. די שוועדן האָבן אָקופּירט אַ גרויסן טייל פון פּוילן און אין יאָר 1706 איז אויך ניעסוויזש געוואָרן אָקופּירט, פאַרברענט און חרוב געוואָרן, צוזאַמען מיטן שלאָס. די שוועדן האָבן ניט געמאָרדעט קיין ייִדן, ווי דאָס האָבן געטאָן די קאָזאַקן און די מאָסקאָוויטערס, אָבער גערויבט דאָס פאַרמעגן, שטיצנדיק זיך אויף די מלחמה־געזעצן.

ייִדן אין ניעסוויזש אין 18טן יאָרהונדערט

אַ לאַנגע צייט נאָך דער אינוואַזיע פון די שוועדן, איז די שטאָט געווען צעשטערט. אין יאָר 1720 האָט דער נייער פירשט מיכאל קאַזשימיעזש („ריבענקאָ") אָנגעהויבן צוריק אויפבויען די שטאָט. ער האָט געבויט קלויסטערס, אויפגעשטעלט שוץ־באַטעריעס און דערמוטיקט די איינוווינערס צום בויען. דער פירשט „ריבענקאָ" האָט איינגעפירט תקנות, לויט וועלכע ייִדן וואָס וווינען אין תחום פון זייערע גיטער, אונטערליגן די געריכטן פון שלאָס, נאָר זיי וועלן דאַרפן אין אַזאַ פאַל באַצאָלן אַ דאָפּלטן שטייער. אין דער הערשאַפט־תקופה פון דעם דאָזיקן פירשט, וואָס האָט געדויערט 42 יאָר, האָט זיך ווידער אַנטוויקלט אַ ייִדישער ישוב אין ניעסוויזש און דאָס לעבן האָט געשטראָמט אויפן געוויינלעכן שטייגער. ביסלעכווייז האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ קלאַס פון פאַרמעגלעכע סוחרים, אַרענדאַרן פון גיטער און שענק, געלט־לייערס אויף פּראָצענט, וואָס מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן פּרנסים פון דער קהילה. פון דער צווייטער זייט האָט זיך געשאַפן אַ מער „נידעריקער" קלאַס פון בעלי־מלאכות און כלי־קודש, וואָס האָבן קוים קוים געצויגן פּרנסה און ביי זיי — אומפאַרמעגלעכע און נויטבאַדערפטיקע וואָס זענען געשטיצט געוואָרן דורך דער קהילה.

אין דער צייט פון פירשט „ריבענקאָ" איז באַרימט געוואָרן דער ייִדישער איינוווינער פון שטאָט, הערש לייבאָוויטש, ווי אַ שטיכמייסטער אין קופּער. אויסער אַנדערע אַרבעטן, האָט ער געריזלט די פּאָרטרעטן פון די ראַדזשיווילס וואָס האָבן געלעבט פון יאָר 1346 ביזן יאָר 1780. זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין אַ בוך וואָס איז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס. און ביידע ביכער — אַ יקר המציאות.

ניט לייכט און רואיק איז געווען דאָס לעבן פון די ייִדן אין ניעסוויזש און אומגעגנט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג, אונטערגעהעצט פון די גלחים, איז געווען דורכגעפרעסן מיט שנאה צו ייִדן; שיכורים פלעגן ווילדעווען און שאָדענען מענטשן און זייערע פאַרמעגנס. די אָפטע עלילות־דם אין די נאָענטע און ווייטערע ישובים פלעגן אָנוואַרפן אַ מורא אויף די ייִדן אין ניעסוויזש. אָפט פלעגן די שילערס פון טעאָלאָגישן סעמינאַר פון די דאָמיניקאַנער אָנפאַלן אויף ייִדן אין די גאַסן און זיך איזדעקעווען איבער יעדן איינעם וואָס זיי האָבן געטראָפן. די דאָזיקע איבערפאַלן זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין דער שטאָט, ווו ס׳איז געווען אַזאַ סעמינאַר (ייִדן האָבן די אָנפאַלן גערופן „אָנגעלויף").

ניט איינמאָל האָבן די ייִדן בעת אַזאַ איבערפאַל מוטיק זיך קעגנגעשטעלט און אָנגעלערנט די פּאָגראָמשטשיקעס, אָנברעכנדיק זיי די ביינער. אין אַזאַ פאַל האָט די קהילה זיך באַשעפטיקט מיט אַרויסנעמען פון די צרות דעם ייִד, וואָס האָט באַוויזן זיין שטאַרקן אָרעם די איבערפאַלערס.

אין יאָר 1762 האָט דער פּירשט קאַראָל סטאַניסלאַוו (דער צווייטער) ראַדזשיווויל, וועמען מ'האָט גערופן „פּאַניע קאָכאַנקו", געירשנט זיין פאָטער, „ריבענקאָ". ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן פון פּוילן און געקעמפט קעגן די וואָס זענען געשטיצט געוואָרן פון רוסלאַנד, דעריבער האָט ער צוויי מאָל געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, נאָכדעם ווי די רוסן האָבן זיך אַריינגעמישט און פאַרכאַפּט ניעסוויזש אין יאָר 1764 און אין די יאָרן 1770—1775.

מיט דער צייט האָט זיך אויסגעברייטערט דער שטח פון ייִדישן ישוב אין ניעסוויזש. אין יאָר 1765 האָט די קהילה און אומגעגנט געציילט 1097 שטייער־צאָלערס. די ייִדן האָבן זיך „אַריינגעשמוגלט" אויך אויפן מאַרק־פּלאַץ און דאָרט אויפ־געבויט קראָמען, אויסנוצנדיק די לאַנגדויערנדיקע אָפּוועזנהייט פון „פּאַניע קאָכאַנקו" צוליב די מלחמות. מיט זיין אומקערן זיך אין יאָר 1778, האָט ער אָנגעהויבן איינשטעלן אָרדענונג אין שטאָט, וועלכע איז געווען פאַרנאַכלעסיקט און צעשטערט. זיין ערשטע גזירה איז געווען „פאַרטרייבן תיכף די ייִדן פונעם מאַרק־פּלאַץ און קאָנפיסקירן פאַרן פירשט־אוצר די בנינים, וועל־כע זיי האָבן אויפגעשטעלט אויף פּלעצער פון קריסטן".

דער פּירשט „פּאַניע קאָכאַנקו" האָט אין שלאָס געפירט אַ הולטייסקע און לוקסוסאַרטיק לעבן. דער פּוילישער היסטאָריקער מאַטשעיאָווסקי ברענגט פאָלגנדיקע דערציילונג וועגן „פּאַניע קאָכאַנקו": איינמאָל האָט דער פּירשט באַפוילן דעם שעף פון זיין מיליץ אויסצושיסן אַלע ייִדן פון ניעסוויזש. דער שעף האָט וועגן דעם צוויסן געגעבן דעם ראש הקהל און פאַראָרדענט צונויפזאַמלען אין אָוונט אַלע ייִדן פון שטאָט אויף אַ באַשטימט אָרט און זיי מעלדן, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן דערהערן האַר־מאַטן־שאָסן פון דער באַטעריע פונעם שלאָס, דאַרפן זיי זיך אויסלייגן אויף דער ערד און ביינאַכט זיך אומקערן אַהיים.

אין אַ צייט אַרום האָט דער פּירשט גערופן דעם פּאָליציי־שעף און אים געפרעגט, ווי אַזוי איז מעגלעך אַז ער זעט ווידער אַרומגיין לעבעדיקע ייִדן, נאָכדעם ווי ער האָט באַפוילן זיי אומ־צוברענגען. אויף דעם האָט דער שעף געענטפערט, אַז ער האָט געשאָסן אין אַלעמען, נאָר די מענטשן וועלכע ער האָט געשיקט קובר צו זיין די ייִדן האָבן אים דערציילט, אַז אַלע זענען צוריק לעבעדיק געוואָרן. דער פּירשט האָט פאַרגעלייגט ווידער אַמאָל אָנצילן די האַרמאַטן אויף די ייִדן, נאָר דער גלח האָט אים געעצהט נישט צו טאָן אַזאַ זאַך — און דער פּירשט האָט אים געענטפערט: „אויב אַזוי, איז שווער זיך קעגנצושטעלן דעם ווילן פון גאָט, זאָלן זיי ווייטער לעבן, די אומגלויביקע, און כ'וועל צוליב זיי ניט זינדיקן".

א. ליטווין דערציילט וועגן „פּאַניע קאָכאַנקו", אַז ער האָט איינמאָל געטראָפן אויפן וועג אַ ייִד און אים באַפוילן אַרויפצו־קלעטערן אויף אַ בוים און דאָרט זינגען ווי אַ קוקאַווקע. ווי נאָר דער ייִד איז אַרויף אויפן בוים, האָט דער פּירשט אָנגעצילט זיין ביקס און אים דערהרגעט. אומקערנדיק זיך אין שלאָס, האָט דער פּירשט זיך באַרימט: „היינט האָב איך דערהרגעט אַ קוקאַווקע".

דער בן־עיר, דער פילאָזאָף שלמה מיימאָן דערציילט אַלס עד ראיה אין זיין אויטאָביאָגראַפיע ווי „פּאַניע קאָכאַנקו" מיט זיין סוויטע זענען אַריינגעקומען אין אַ שול און אָנגעמאַכט דאָרטן אַ גאַנצן חורבן; פון ארון הקודש האָט מען אַרויסגע־וואָרפן די ספר־תורהס אויף דער ערד. אַ ייִד אַ תלמיד חכם, וועלכער האָט געפּרוווט אויפהויבן אַ ספר־תורה, איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם פּירשט אַליין.

אויך דער בן־עיר, דער שריפטשטעלער פאַלק האַלפּערין באַשרייבט וואָס ער האָט געהערט אין זיין יוגנט וועגן אַנדערע מעשים תעתועים פון „פּאַניע קאָכאַנקו" און זיינע באַדינער, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

טראָץ זיין איזדעקעווען זיך און פאַרפאָלגן די ייִדן, האָבן אַ טייל פון זיי געפונען פּרנסה אינעם שלאָס פון פּירשט דורך ליפערן פאַרשידענע סחורות און אויספירן אַלערליי אַרבעטן אין שייכות מיט די טומלדיקע אויפנאַמעס, וועלכע דער פּירשט פלעגט אָפּט איינאָרדענען לכבוד אַ היסטאָרישער געשעעניש, אָדער לכבוד דעם געבורטסטאָג פון עמעצן פון דער משפחה, אָדער אַן אויפנאַמע פאַרן קיניג, צי זיינע מיניסטאָרן.

דער פּירשט ראַדזשיווויל „פּאַניע קאָכאַנקו" איז געווען וואָ־יעוואָדע פון ווילנער קרייז און אין זיין שלאָס האָט זיך געפונען אַ תפיסה, אין וועלכער ס'איז אין יאָר 1788־89 פאַרשפאַרט גע־וואָרן שמעון וואָלפאָוויטש פון ווילנע, וואָס איז פאַרמשפּט גע־וואָרן אין שייכות מיט דער גרויסער מחלוקת אין דער ווילנער קהילה. זיצנדיק אין תפיסה, האָט ער פאַרפאַסט אַ מעמאָראַנדום צום פּוילישן סיים מיט פאַרשלאַגן איינצופירן אויסבעסערונגען אין דער ייִדישער קהילה. דעם מעמאָראַנדום האָט ער אַ נאָמען געגעבן „אַן אַרעסטאַנט אין ניעסוויזש צום סיים וועגן דער נויטווענדיקייט פון אויסבעסערונגען פאַר די ייִדן".

אונטערן איינדרוק פון דעם מעמאָראַנדום, האָט דער קיניג סטאַניסלאַוו אַוגוסט אַרויסגעגעבן דעם 30.7.1786 אַ באַפעל, וועל־כער פאַרווערט די ראשי־הקהל אין ווילנע איינפירן תקנות, וועלכע זענען אין סתירה צום געזעץ.

ניעסוויזש אונטער דער רוסישער הערשאַפט — פון יאָר 1793, נאָכן צווייטן פונאַנדערטייל פון פּוילן

די פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין פּוילן אין די ניינציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט, האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויפן גורל פון דער שטאָט און קהילה.

אין אַ פאַראָרדענונג פון 3.5.1795, האָט די רוסישע מאַכט באַשטעטיקט די עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער קהילה, צו וועמענס פולמאַכטן עס געהערט צו באַשעפטיקן זיך בלויז מיט פראַגן פון רעליגיע און תפילות, אָבער פאַקטיש זענען די פולמאַכטן געווען פיל ברייטערע. די קהילה־אָנפירונג האָט דורכגעפירט די שאַצונג פון די מלוכהשע שטייערן און אויך זיי איינקאַסירט; באַשעפטיקט זיך מיט סאָציאַלער הילף, פער־זענלעכע פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן און געזאָרגט פאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פון ישוב. די ייִדן האָבן באַקומען די זעלבע רעכט ווי די קריסטלעכע איינוווינערס פון שטאָט און זיך באַפרייט פון דעם פּירשטס אונטערגעאָרדנקייט.

מיטן ענדערן אָבער די פּאָליטישע מאַכט, האָבן אָנגעהויבן זיך וועבן פאַרשווערונגען אויף צו באַגרענעצן דאָס ייִדישע לעבן — און ס'האָבן זיך באַוויזן נייע גזירות מצד דער רוסישער מאַכט. לויט אַ פאַראָרדענונג פון 23.6.1794, איז אויף די ייִדן אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ דאָפּלטער שטייער ווי דער וועלכן ס'האָבן באַדאַרפט צאָלן די שטאָטישע קריסטלעכע סוחרים. דער ציל פון דער פאַראָרדענונג איז געווען, אַז די ווינציקע פאַר־מעגלעכע ייִדן זאָלן זיך אָפּטראָגן פון זייערע ערטער אין די געביטן פון נאָוואָראָסיאַ, וווּ די באַפעלקערונג איז געווען אַ שיטערע און מ'האָט געוואָלט די געגנט אַנטוויקלען. לויט אַ באַפעל פון 7.9.1794. האָבן די ייִדן, ווי די קריסטלעכע סוחרים, באַדאַרפט באַצאָלן 500 רובל פאַר באַפרייט ווערן פון מיליטער פון יעדער דינסט־פליכטיקן.

אויסער די אַלע גזירות וואָס האָבן אין אַ ניט קליינער מאָס באַשווערט די מאַטעריעלע לאַגע פון די ייִדן, האָבן די ייִדן אין ניעסוויזש געליטן פון באַליידיקונגען און פאַרפאָלגונגען מצד די מיליטערישע טיילן וועלכן האָבן סטאַציאָנירט אין שטאָט. אין 1805 האָט דער שטאָטראַט זיך באַקלאָגט פאַר דער מיליטערי־שער מאַכט, אַז דער קאָמאַנדיר פונעם 3טן אַרטילעריע־פאָלק האָט זיך דערלויבט צו שלאָגן צוויי ייִדן און אָנטאָן צרות

זיינע זעלנער אויף פאַרשידענע אופנים, ווי אויך דער באַפעלקערונג אין שטאָט, באַזונדערס — די יידן. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער געמאַכט אַ פאָרוווּרף דעם שעף פון פאָלק, גראַף סיוועֶרס.

אויב דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווינציק, האָט די ניעסוויזשער יידן געטראָפן אַ גרויס אומגליק:

אין יאָר 1806, דעם 23סטן סעפּטעמבער, איז אויסגעבראָכן אַ ריזיקע שריפה אין שטאָט און חרוב געמאַכט די גאַנצע ווילענסקע גאַס, ביז דער בראָם, אַ העלפט פון דער סטודענצקע גאַס און פונעם דאָמיניקאַנער מאָנאַסטיר (די געביידע פונעם לערער־סעמינאַר בעת דער רוסישער הערשאַפט, און די גימנאַזיע — בעת פוילנס הערשאַפט) — ביז די שולן. איבער נאַכט זענען ניעסוויזשער יידן געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אינגאַנצן פאַראָרעמט. דער פירשט דאָמיניק ראַדזשיוויל האָט אַ סך געטאָן כדי אויפצובויען די שטאָט און אויפן אָרט פון די פאַרברענטע בנינים אויפגעשטעלט הייזער און געשעפטן, אכסניות און רעסטאָראַנען. די שטאָט איז געוואָרן שענער און מ׳האָט זי באַצייכנט „די קליינע וואַרשע״.

בעת די נאַפּאָליאָנישע מלחמות אין יאָר 1812, איז ניעסוויזש אָקופּירט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן מיליטער.

טראָץ אַלע גזירות פון די מאַכט־אָרגאַנען און רדיפות מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אָן אונטערגעהעצטע פון די גלחים; ניט געקוקט אויף די נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, ווי שריפות און מגיפות — האָט די יידישע קהילה געפירט איר לעבן, מיט אירע רבנים און פרנסים, גבירים און אָרעמעלייט, בתי־מדרשים און לערנערס, לערן־ און צדקה־אַנשטאַלטן.

ווי אין אַנדערע שטעטלעך, איז אין ניעסוויזש פאַרשפּרייט געוואָרן חסידות, נאָכן באַזוך פון ר׳ אהרן קאַרלינער אין יאָר 1769. וועגן חסידים אין ניעסוויזש שרייבט דער שריפטשטעלער א. מ. דיק (1835), וועלכער האָט געוווינט אַ געוויסע צייט אין ניעסוויזש. דאָך, אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, זענען געווען זייער ווייניק חסידים אין שטאָט, דער רוב — פון אַנדערע ערטער.

אונטער דער השפעה פון די קריסטן אין שלאָס, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין באַרירונג, זענען פיל ניעסוויזשער יידן ניט געווען אַזוי עקסטרעם פרום. די סוחרים, רייכע יידן און זייערע קינדער, האָבן געקענט די שפּראַכן פון דעם לאַנד און עס זענען געווען צווישן זיי שתדלנים פאַר יידישע אינטערעסן. אַ סך זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער „השכלה״, וועמענס פונקען האָבן זיך באַוויזן אין די גרויסע שטעט, מיט דער דערמוטיקונג פון דער מאַכט און אונטער דער ווירקונג פון מנשה איליערס ביכער „פשר דבר״ און „שקל הקודש״, וועלכע זענען דורך די קהילות געלייגט געוואָרן אין חרם און אַפילו באַשטימט געוואָרן צום פאַרברענען.

צווישן די ניעסוויזשער יידן איז באַרימט געוואָרן אליעזר דילאָן, אַ רייכער ייד אַן אַרענדאַר, אַ בוי־אונטערנעמער און ליפעראַנט פאַר דער רוסישער אַרמיי. זייענדיק אין פאַרבינדונגען מיטן גענעראַל־שטאַב בעת דער נאַפּאָליאָנישער מלחמה, האָט ער געמאַכט באַמיונגען ביי דער מאַכט אויף צו פאַרגרינגערן די גזירות קעגן יידן. דילאָן האָט געקענט פערזענלעך דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, וואָס האָט אים געהאָלפן אין פאַרשידענע באַמיונגען. צוזאַמען מיט זיין חבר זונדל זאָנענבערג, האָבן זיי אַ סך אויפגעטאָן ביים צאַר אויף אָפּצושאַפן די גזירות.

פאַקטיש האָט די מאַכט באַשטעטיקט די אינסטאַנץ „פאָרשטייערשאַפט פון יידישן פאָלק״, ווי ס׳האָבן זיך אַליין באַצייכנט דילאָן און זאָנענבערג, און באַפוילן, אַז זיי זאָלן געוויילט ווערן דורך די קהילות. אין יאָר 1812 איז דילאָן געוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון די קהילות אין מינסקער קרייז. מיט דער צייט זענען צוליב מיינונג־פאַרשידנהייטן פאַרערגערט געוואָרן די פערזענלעכע באַציונגען צווישן דילאָנען און זונענבערגן און בעת די וואַלן אין 1818, איז דילאָן אויסגעקליבן געוואָרן בלויז ווי אַ פאָרטרעטער. אין יאָר 1825 איז בטל געוואָרן די אינסטאַנץ פון פאָרשטייער. דילאָנס סוף איז געווען אַן אַנטוישנדיקער. צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין יעקב און הערץ, איז דילאָן באַשולדיקט געוואָרן אין באַשמוצן די מאַכט אין מינסק, און אין אויסגעבן 245.000 רובל מיט שווינדל און שאַנטאַזש פון די גיטבאַזיצערס. דילאָן איז געשטאָרבן אין אָרעמקייט אין ווילנע, אין יאָר 1838.

אַן אַנדערער ייד אין ניעסוויזש וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון השכלה, איז געווען דער דאָקטער שמואל בן יקותיאל קושעלעווסקי. ער איז געבליבן טריי דער יידישער טראַדיציע און זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון דער קהילה. ער איז געווען דער ערשטער ייד וואָס האָט זוכה געווען צו אַן אַקאַדעמישן דיפּלאָם פון רוסישן אוניווערסיטעט אין ווילנע, ווי אַ דאָקטער־מעדיצין.

דער באַוווּסטער מחבר פון ראָמאַנען אין יידיש און העברעיש, שמ״ר (נחום מאיר שייקעוויטש), אַ געבוירענער אין ניעסוויזש, האָט געשריבן: „ווען דאָקטער קושלעווסקי איז געשטאָרבן, האָבן אַלע סוחרים פאַרמאַכט זייערע קראָמען, יעדער האָט זיי פאַרלאָזט און נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה. דער רב פון שטאָט האָט אים מספיד געווען און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוויינט און פאַרגאָסן טרערן ווי וואַסער״.

פון דער שילדערונג פון אייזיק מאיר דיק באַקומט זיך אַ בילד, אַז דאָס לעבן פון אַלע יידן אין שטאָט האָט זיך געפירט לויטן טראַדיציאָנעלן שטייגער, אָן שום דערוואַכונג צו דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט געגומען זיך פאַרשפּרייטן צווישן די יידן אין ליטע. אָבער לויט דער עדות פון שרייבער מ. א. גינצבורג (1795—1846) מעג מען פעסטשטעלן, אַז אויסער ד״ר קושעלעווסקי דעם משכיל, האָבן זיך געפונען אין ניעסוויזש נאָך יידן, אָנהענגערס פון דער השכלה און פון איר ליטעראַטור, ווייל די נעמען פון די שרייבערס פון זייער דור איז זיי געווען באַקאַנט און באַליבט.

די אומגליקן פון די שריפות האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זכרון פון פאָלק און די יאָרן פלעגן געציילט ווערן פון די שריפות אָן. די גזירות פון צאַר ניקאָליי דער ערשטער און די קלאַגען וועגן נייע גזירות וואָס גרייטן זיך, האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידן. די פאָרשריפטן האָבן קוואַליפיצירט די יידן פאַר נוצלעכע — דאָס זענען געווען די גרויסע סוחרים, רבנים, דיינים, לאַנדווירטן און בעלי־מלאכות; און אומנוצלעכע — דער רוב יידן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט „לופט־געשעפטן״. די לעצטע זענען געווען באַגרענעצט אין זייערע רעכט, אָבער אין מיליטער האָבן זיי געמוזט דינען, דערצו נאָך אין אַ דרייפאַכיק גרעסערן קאָנטיגענט, ווי די קריסטן.

די רוסישע מאַכט האָט באַשלאָסן צו גרינדן וועלטלעכע מלוכהשע שולן אויפן חשבון פון דער יידישער קהילה, טראָץ דער קעגנערשאַפט פון די יידן, ווייל וועלטלעכע שולן האָבן געקענט דערפירן די קינדער צום שמד. די מאַכט האָט אַפילו אַרויפגעלייגט שטראָפן פאַר טראָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע קליידונג און שפּעטער — אינגאַנצן זי פאַרבאָטן. זיי האָבן אָפּגעשאַפן די הערשאַפט פון דער יידישער קהילה און אויפגעצוווּנגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג די שטאַטישע מאַכט. נאָר אַמשווידערלעכסטן איז געווען די קאַנטאָניסטן־תקופה, ווען „כאַפּערס״ האָבן מיט כוח אַוועקגענומען די קינדער פון די „אומנוצלעכע״ יידן און פון דער פאָלקס־אָרעמקייט, אויף צו דינען לאַנגע יאָרן אין מיליטער, אויב די נאָרמע רעקרוטן איז ניט געווען קיין פולע.

דאָס כאַפּן קינדער צו מיליטער־דינסט אויף אַ סך יאָרן און

צווינגען זיי איבערצוגיין אויף אַ פרעמדן גלויבן, די עקאָנאָמישע נויט און די נאַטור־אומגליקן — די שריפות און מגיפות, ווי אויך די גזירות וועלכע האָבן זיך אַראָפגעלאָזט אויף די יידן אַלע מאָל — האָבן פאַרפולט דעם בעכער פון פיין — און ס׳איז ניט קיין ווונדער, וואָס יעדער שמועה וועגן גזירות אויף יידן פלעגט ביי זיי אַרויסרופן אַ בהלה. וועגן אַזאַ „בהלה" וואָס איז פאָרגעקומען אין 1834 אין ניעסוויזש, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, באַשרייבט א. מ. דיק אין אַ דערציילונג (אין העברעיש): „אַ קלאַנג איז אַרויס, אַז עס פּראָיעקטירט זיך אַ געזעץ, לויט וועלכן ס׳וועלן פאַרבאָטן ווערן חתונות פון יונגע לייט ביז 21 יאָר. די יינגלעך וועלן גענומען ווערן צו מיליטער־דינסט און די מיידלעך — צו אַרבעט אין פאַבריקן. אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ בהלה און אין יענעם יאָר האָט מען חתונה געמאַכט אַ סך מינדעריעריקע פאָרלעך, ווי דער שטייגער איז געווען פון שטענדיק.

ס׳איז אויך קיין ווונדער ניט, וואָס מענטשן האָבן נבואות געזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך דער קץ מיטן פאַרענדיקן די קרימער מלחמה, יידן האָבן געוואָלט גלויבן, אַז עס קומען בעסערע צייטן און אָפּטימיסטישע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין ליטע און דערמוטיקט די יידן.

אמת, קיין שום זאַך האָט זיך ניט געענדערט, נאָר אין יענעם יאָר, 1855, איז געשטאָרבן דער צאַר ניקאָלײַ דער ערשטער און אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער דער צווייטער. אין זיין צייט, מיטן איינפירן גרויסע רעפאָרמען אין דער מדינה, איז אויך די יידן לייכטער געוואָרן, הגם דער רוב באַגרענעצונגען זענען געבליבן אין קראַפט. אין יאָר 1856 איז בטל געוואָרן די גזירה וועגן די קאַנטאָניסטן, וועלכע איז געווען דאָס שרעקלעכסטע געשפּענסט אינעם לעבן פון רוסישן יידנטום, מ׳האָט אויפגעהערט כאַפּן קינדער און זיי ניט נעמען צו מיליטער־דינסט ווי אַ שטראָף פאַר ניט באַצאָלן שטייערן. אין 1874 איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע מיליטער־דינסט און יידן האָבן באַקומען די זעלבע רעכט, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג, אָבער אַ ייד האָט ניט געקענט ווערן אָפיציר אין דער רוסישער אַרמיי.

יידיש לעבן אין ניעסוויזש אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב פון 20סטן י״ה

דאָס לעבן פון דער יידישער קהילה אין ניעסוויזש ווערט געשילדערט אין די קאָרעספּאָנדענצן וועלכע זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט, אָנהייבנדיק פון יאָר 1877, אין דער העברעישער און רוסיש־יידישער פרעסע: „הלבנון", „הצפירה", „המליץ", „עברי אנכי". די קאָרעספּאָנדענטן: צבי הכהן מאַשעוויצקי, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען דער סאַמע פעיקסטער דרדקי־מלמד; מאיר משה אייזנשטאַדט; משה אלעזר אייזנשטאַדט, געוו. קאַזיאָנע ראַבינער אין ראָסטאָוו־דאָן און אין פעטערבורג, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פונעם ניעסוויזשער לעבן — „צוריק אין מיין פאָטערלאַנד" און „אַרויסגייענדיק אין וועג"; יוסף גבריאלוב, וואָס האָט אויך געשריבן וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד; אַהרון קאַנטאָראָוויטש; אהרון שמעון הלוי בעקער; א. צאַפּין; יצחק בער גבריאלוב; מרדכי מאָהילנער. אויסער דעם זענען דערשינען קאָרעספּאָנדענצן, אָן אַ נאָמען, צי אונטערגעשריבן מיט איניציאַלן, מעגלעך, אַז אויס מורא פאַר נקמה מצד די קריטיקירטע קהילה־פרנסים.

אמת, ניט שטענדיק זענען די ענינים באַלויכטן געוואָרן אויף אַן אָביעקטיוון אופן, נאָר ווי אַזוי דער שרייבער האָט זי געזען און סוביעקטיוו אָפּגעשאַצט, אָדער לויט זיין פּאָליטישער און סאָציאַלער איינשטעלונג. אָפטמאָל האָבן די קאָרעספּאָנדענצן געזינדיקט מיט איבערטרייבונגען צוליבן באַנוצן זיך מיט פסוקים פון תנ״ך און מיט ווערטלעך פון תלמוד און מדרש.

כמעט אַלע 10 יאָר זענען געווען שריפות, און צווישן איינער און דער צווייטער — אויך גרעסערע שריפות. איין גרויסע שריפה, אין יאָר 1888 (סיון, תרמ״ח) ווערט דערמאָנט אין „המליץ" פון 4טן מאי 1889 דורך אַ קול קורא פונעם רב אב״ד ר׳ יצחק ליפּמאַן שערעשעווסקי. נאָך יענער שריפה זענען אַוועק מיטן רויך אַ צוויי דריטל הייזער פון שטאָט. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די געליטענע, בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער פירשט ראַדזשיוויל. ער האָט עס אָרגאַניזירט די הילף. די גרויסע שריפות האָבן פאַראָרעמט די באַפעלקערונג עקאָנאָמיש און מאָראַליש. אָבער ביסלעכווייז איז די באַפעלקערונג געקומען צו זיך, ווייל גרויס זענען געווען זייערע באַדערפענישן און מ׳האָט געמוזט צוריק אויפשטעלן די היים.

פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" פון 9.1.1879, אונטערגעשריבן פון צבי מאַשעוויצקי, דערוויסן מיר זיך, אַז ניעסוויזש ציילט איבער 3,000 יידן און אַ דריטל פון זיי באַשעפטיקט זיך מיט ערד־אַרבעט, אָבער נישט אין פעלד, נאָר אין גרינס־גערטנער. אַ סך פון זיי פאָרן אין פרילינג אין אַנדערע שטעט: וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, די שטעט פון קורלאַנד און קעניגסבערג, דאָרט האָבן זיי אַרענדירט באָדן אויף צו פאַרפלאַנצן גרינוואַרג און פאַרקויפן עס אין די גרויסע שטעט.

מען דאַרף באַמערקן, אַז ניעסוויזש איז געווען איינע פון די ווינציקע ערטער וווּ יידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט גרינוואַרג־גערטנער. פיל איינוווינער פון שטאָט האָבן זיך פאַרנומען מיט תבואה־האַנדל, וואָס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט. ערשט ווען ס׳איז אויפגעקומען די אייזנבאַן, איז דער תבואה־האַנדל שטאַרק געפאַלן.

אַ סברה, אַז די עמיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין די זיבעציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. די סיבות דערצו איז געווען — דער מאַנגל אין באַשעפטיקונג פאַרן יונגן דור, די גרויסע שריפה אין יאָר 1887, און דער עיקר — דאָס איינפירן דעם אַלגעמיינעם, אָבליגאַטאָרישן מיליטער־דינסט אין יאָר 1874. די דינסט־צייט האָט געדויערט 4—6 יאָר. דער קאָנטינגענט זעלנער וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער שטאָט, איז געווען אַ קלענערער פון דער צאָל מיליטער־פליכטיקע אין די רשימות, דעריבער האָט זיך געלאָזט באַפרייען איינציקע זין (אַ בן־יחיד) און איינציקע באַשפייזערס פון דער פאַמיליע.

די יידן, זייענדיק בירגער פון דער צווייטער מדרגה, מיט באַרויבטע רעכט, ניט קענענדיק די לאַנד־שפּראַך — האָבן זיך ניט געאײַלט צו דינען אין דער אַרמיי, אין די ווייטע מקומות פון רוסלאַנד, אין אַ פיינטלעכער סביבה, און דערביי פאַרלירן די בעסטע יאָרן אויף איינצואָרדענען זיך אין לעבן. דעריבער פלעגן זיי מאַכן אַ פעלער אין גוף, אָדער זיך געפייניקט מיט תעניתים, כדי צו פאַרלירן פון דער וואָג און באַפרייט ווערן פון דינסט. זיי האָבן אויך אָנגעווענדעט אַנדערע מיטלען: געפעלשט די געבורט־מעטריקעס, אָדער פאָרגעשטעלט אַ „מלאך" — אַן אַנדערן מענטש מיט אַ פעלער, אויפן אָרט פון אַ דינסט־פליכטיקן (דאָקומענטן מיט פאָטאָגראַפיעס האָט מען אין יענע צייטן ניט געפאָדערט). פיל האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד אויף אַן אומלעגאַלן אופן, אָן אַ פאַספּאָרט און געפאָרן קיין אַמעריקע. אויב אַ מיליטער־פליכטיקער האָט זיך ניט צוגעשטעלט פאַר דער מאָביליזיר־קאָמיסיע, איז זיין משפחה באַשטראָפט געוואָרן מיט 300 רובל. אין יענע צייטן איז עס געווען אַ גרויסע סומע געלט. האָבן אַ סך עמיגרירט אומלעגאַל נאָכן מאָביליזירן זיך און זייער משפחה האָט ניט באַדאַרפט צאָלן די שטראָף. אין די יאָרן ווען די צאָל מאָביליזירטע איז געווען קלענער פונעם קאָנטינגענט,

האָט מען גענומען אין מיליטער אויך די, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן זענען זיי געוואָרן באַפרייט.

אין „המליץ” דאַטירט דעם 13.5.1883, שרייבט משה אייזענשטאַדט וועגן אַ יידישן שפּיטאָל אין ניעסוויזש, אַז די שטאָט־פרנסים האָבן געקויפט אַ פּלאַץ און דאָרט אויפגעשטעלט אַ שפּיטאָל (אָדער ווי מ׳האָט עס גערופן אין יענער צייט — „הקדש”). דער „הקדש” האָט זינט זיין גרינדונג פונקציאָנירט נאָרמאַל. דער שטאָטראַט האָט באַשטימט אַ חודשלעכן בודזשעט און די גבאים האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט.

דאָס שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין אַ כסדרדיקן געראַנגל פאַר זיין עקזיסטענץ. לויטן „המליץ” פון 29.1.1895, איז דאָס שפּיטאָל געווען געשלאָסן 3 חדשים און נאָכדעם ווי די אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און געזאַמלט געלט פאַרן שפּיטאָל און די שטאָטלייט האָבן זיך פאַרפליכטעט צו געבן זייערע נדבות יעדן חודש — איז דאָס שפּיטאָל ווידער געעפנט געוואָרן — און „אונדזער ברודער ד״ר סלעפּיאַן וועט באַזוכן די קראַנקע צוויי מאָל אין טאָג, אָן באַצאָלט”.

ד״ר סלעפּיאַן איז געווען דער איינציקער יידישער דאָקטער אין שטאָט און דאָרט געווינט, ביז ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויסער אים האָבן זיך געפונען אין ניעסוויזש צוויי פּוילישע דאָקטוירים: ד״ר באָראָווסקי און ד״ר מאַלקעוויטש.

אין יאָר 1889 האָט דער שטאָטראַט באַהאַנדלט די פראַגע פון אויפשטעלן אַ שטאָטישן שפּיטאָל פון די ירושה־געלטער פון דער באַראָנעסע מאַנערהיים, אַ געבוירענע אין ניעסוויזש. פאַר דעם צוועק האָט די שטאָט באַשטימט אַ פּלאַץ אין ניישטאָט. אַנדערע קריסטלעכע ראַטמענער האָבן פאָרגעלייגט, אַז דאָס שפּיטאָל זאָל באַדינען נאָר די קריסטלעכע באַפעלקערונג, מיט דער טענה, אַז די פאַרשטאָרבענע האָט טאַקע אַזוי געמיינט. דער שטאָט־ריכטער האָט אָפּגעוואָרפן זייער טענה מיטן אַרגומענט, אַז אין דער צוואה איז פאַרשריבן „פאַר אַלע איינוווינער פון שטאָט”, אַרייַנגערעכנט אויך יידן.

די זאָרג פון די איינוווינער צו העלפן קראַנקע און אַליין געניסן פון הילף בעת אַ קראַנקייט, האָט דערפירט צום גרינדן די געזעלשאַפט „לינת הצדק” („המליץ” פון 15.2.1894), וועלכע האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו העלפן אָרעמע קראַנקע. מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, האָבן לויט דער ריי באַדאַרפט נעכטיקן ביי אַ קראַנקן חבר און אים באַדינען, כדי דערמעגלעכן די בני־בית זיך אויסצורוען אין די נעכט. אויסער דעם האָט די געזעלשאַפט אויסגעבאָרגט באַנקעס, קאַנעס און אייז־פענכערס. דאָס נעכטיקן ביים קראַנקן האָט פיל געהאָלפן זיין משפחה, ווייל זיי האָבן זיך מיט אים באַשעפטיקט באַטאָג, אויסער דער נאָרמאַלער אַרבעט, וואָס האָט אַלעמען זייער פאַרמאַטערט, שוין אָפּגערעדט פון דער שטענדיקער זאָרג און ציטער פאַרן לעבן פון קראַנקן.

די קהילה־פרנסים האָבן אויך באַדאַרפט לייזן אַנדערע פראַגן. איינע פון זיי איז געווען — אויפשטעלן אַ טהרה־שטיבל פאַר די געשטאָרבענע, ווייל זינט ס׳איז פאַרברענט געוואָרן דער הקדש, וועלכער האָט אויך געדינט פאַר אַן אָרט ווו עס זאָלן נעכטיקן אורחים און פאַר אַ טהרה־שטיבל, איז ניט באַשטימט געוואָרן אַן אַנדער מקום פאַר זיי.

אויף די זאָרג פון דערציען די זין (ניט די טעכטער) האָט תמיד פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי אַלעמען. בעת די פאַרמעגלעכע יידן האָבן געשיקט זייערע קינדער צו פּריוואַטע מלמדים, האָבן מיטן לערנען די אָרעמע קינדער זיך פאַרנומען דער רב, די קהילה־עלטסטע און איבערגעגעבענע גבאים, וואָס האָבן אין דעם געזען אַ גרויסע מצווה איינצופלאַנצן ביי אָרעמע קינדער תורה און דרך־ארץ. די תלמוד־תורהס זענען ניט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך, סיי צוליב די מלמדים וואָס האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט צופיל קענטעניש, סיי צוליב דעם טראַדיציאָנעלן לערן־סיסטעם.

די השכלה־באַוועגונג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד, האָט אויך מיטגעריסן יידישע יוגנטלעכע אין ניעסוויזש. די יידישע פרעסע אין העברעיש, יידיש און רוסיש איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין שטאָט און משפיע געווען אויפן געדאַנקענגאַנג פון יונגן דור און אים אויפגעוועקט צו ענדערן דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די יידן. די יוגנטלעכע האָבן גענומען פאָדערן ענדערונגען אין דער דערציונג, אַרייַננעמען אויך אַלגעמיינע בילדונג און לערנען די לאַנד־שפּראַך, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אגב דערמוטיקט און געשטיצט. די פּראַקטישע עקספּערימענטן וועלכע מ׳האָט גענומען אַדורכפירן, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פיינטלעכער באַציונג און שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די קאָנסערוואַטיווע רעליגיעזע קרייזן, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די צייטונגען אין די יאָרן 1879—1897.

די משכילים און גבירים אין שטאָט, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם השכלה־גייסט, האָבן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין די רוסישע גימנאַזיעס אין סלוצק און אין מינסק. אַנדערע ווידער האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער רוסישער אָנפאַנג־שול ביים לערער־סעמינאַר, נאָכן לערנען זיי אייניקע יאָרן אין חדר, ווייל אַלע פּרוּוון אויפצושטעלן אַ מאָדערנע שול, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד די רעליגיעזע פאַנאַטיקער און מלמדים. זיי זענען אויך געווען קאָטעגאָריש קעגן דער ווענדונג צו דער מאַכט אין יאָר 1880 וועגן גרינדן אַ צוויי־קלאַסיקע יידישע שול („רוסקי יעווריי” פון 15.4.1881).

ווייזט אויס, אַז אין דער דאָזיקער מלחמה, זענען די פאַנאַטיקער געבליבן די זיגערס. אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך נאָך באַנוצט מיט די אַלטע מעטאָדן פון לערנען יידישע קינדער, ווייל אין 10 יאָר שפּעטער, ווען ס׳איז געקומען אין שטאָט אַ „נאַציאָנאַלער פּרעדיקער” און אין אַ פלאַם־פייערדיקער רעדע געפאָדערט איינצופירן די נייטיקע ענדערונגען אין דער דערציונג פון די זין און טעכטער, האָבן די פרומע יידן געשריגן: „ווי קומען מיר צו ענדערונגען? אַזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערצויגן, אַזוי אויך וועלן מיר דערציען אונדזערע קינדער!” („המליץ”, 14.2.1895).

אויף צו דעקן די אַלגעמיינע אויסגאַבן פאַר דער יידישער קהילה, ווי די מקווה, דער הקדש, די הכנסת־אורחים, ווי אויך געהעלטער פאַרן רב און דיינים, רעמאָנטירן קהלישע הייזער נאָך אַ שריפה און אויסעראָרדנטלעכע אויסגאַבן — זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן די שטייערן, ווי די טאַקסע און „קאָראָבקי”, וועלכע זענען איינגעפירט געוואָרן אויף געוויסע אַרטיקלען. דער וואָס האָט ניט געצאָלט, איז געלייגט געוואָרן אין חרם. די שטייערן זענען געוואָרן אַרויפגעלייגט אויף ליכט. הייוון, שחיטה פון בהמות און עופות. דאָס איבערגעבן איינצומאָנען די שטייערן איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אַן עפנטלעכן קאָנקורס און דער אַרענדאַר האָט דערפאַר אַרייַנגעטראָגן אַ געוויסע סומע אין דער קהלישער קאַסע. טיילמאָל האָט די משפחה פון רב באַקומען די רעכט איינצומאָנען דעם שטייער אויף אַ געוויס אַרטיקל — און דאָס איז געווען דער געהאַלט פאַרן רב.

נאָכן פאַרברענט ווערן פון 7 שולן אין יאָר 1889, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויפצולייגן אַ „טאַקסע” אויף הייוון, כדי רעקאָנסטרואירן די אָפּגעברענטע שולן. האָבן יידן געטענהט, אַז די „טאַקסע” אָדער „קאָראָבקי”־שטייערן באַשווערן זייער די

אָרעמע שיכטן, ווייל פון זיי קומט דאָך די גרעסטע הכנסה פון די שטייערן.

יעדן ערב פסח איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ באַשטייערונג פאַר „מעות חטים" — אַן אַלטער יידישער מינהג צו העלפן יידן צוגרייטן דעם פסח.

לויטן געזעץ פון יאָר 1870, איז די צאָל יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט ניט געווען מער ווי אַ דריטל פון דער אַלגעמיי־נער צאָל ראַטמענער. אַ ייד האָט ניט געטאָרט פאַרנעמען דעם אַמט פון בירגערמייסטער. דאָס אויסוויילן די קאַנדידאַטן איז פאָרגעקומען מיט דער הילף פון אַ גאַלקע אין אַן אורנע, וועלכע איז געווען צעטיילט אויף צוויי טיילן — איינע געפאַרבט אויף ווייס, די צווייטע — אויף שוואַרץ. דער וויילער האָט געוואָרפן די גאַלקע אין איינער פון די צוויי טיילן פון דער אורנע. דער קאַנדידאַט וואָס האָט באַקומען אַ גרעסערע צאָל ווייסע גאַלקעס, איז דערוויילט געוואָרן, און ווער עס האָט זוכה געווען צו די שוואַרצע גאַלקעס — איז דורכגעפאַלן.

וואָל־רעכט האָבן געהאַט די בעלי־בתים, געשעפט־אייגנטי־מערס און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן באַזיצט אַ „פאַטענט" צו האַנדלען אָדער צו פירן זייערע עסקים. אין יאָר 1892 איז פון די יידן צוגענומען געוואָרן די רעכט צו וויילן און דערוויילט צו ווערן אין שטאָטראַט און בלויז געציילטע יידן זענען דורך דער מאַכט באַשטימט געוואָרן אַלס ראַטמענער.

אָבער דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט איז שוין געשטאַנען אויפן שוועל. איינגעשטעלטע ראַמען און טראַדיציאָנעלער לעבנס־שטייגער הייבן אָן זיך פונאַנדערצופאַלן. עס מערט זיך די צאָל משכילים אין שטאָט, עס שפּראָצן אויף די ערשטע זאָמען פון ציוניסטישן געדאַנק און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, דער עיקר צווישן מיטלשטאַנד. פון דער אַנדערער זייט באַווייזט זיך די ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער און פאָלקס־שיכטן, וואָס האָט אויפגעברויזט דאָס קהילה־לעבן און געשטויסן צו ענדערונגען. דאָס שטיצן דעם אַלטן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז געווען איינגעפירט פון קדמונים אָן. שלי־חים פון ארץ־ישראל פלעגן באַזוכן די שטאָט און אַדורכפירן זאַמלונגען פאַר דער מאיר ר׳ בעל הנס פושקע. כמעט אין יע־דער יידישער היים האָט געהאַנגען די פושקע, אין וועלכער פרויען האָבן ערב שבת פאַר ליכט־בענטשן אַריינגעוואָרפן אַ מטבע.

פון צייט צו צייט האָבן אַלטע יידן עולה געווען קיין ירו־שלים, כדי דאָרט זיך אויסלעבן אין דער הייליקער שטאָט און אויך קומען צו אייביקער רו — און ניט דאַרפן, לויט דער יידישער אמונה, זיך קאָלערן נאָכן טויט קיין ארץ־ישראל.

איינער פון די ערשטע עולים אין הייליקן לאַנד איז געווען ר׳ משה בן ר׳ מאיר, פון די תלמידים פון ווילנער גאון. ער האָט עולה געווען אין יאָר 1800 (תק״ס). אויפן בית הקברות אויפן הר הזיתים געפינען מיר פיל מצבות פון נפטרים, אָפּשטאַמיקע פון ניעסוויזש, פון די יאָרן תרכ״ב, תרל״א, תרמ״ט און תרנ״ז.

אויך די חובבי־ציון האָבן געהאַט זייער השפעה אין שטאָט. זיי זענען געווען טעטיק ביים זאַמלען געלט צו „באַזעצן ארץ־ישראל" און ביים מאָביליזירן חברים און שפּענדערס. אין די באַריכטן פון אָדעסער קאָמיטעט פון יאָר 1890 און שפּעטער, געפינען מיר צווישן די אַקטיווע זאַמלערס פאַר ארץ־ישראל, די נעמען פון שמחה ווילקאָמיץ, אפרים מאַשעוויצקי און אַנ־דערע, ווי אויך אַ רשימה פון די מיטגלידער פון „חובבי ציון" אין ניעסוויזש און שפּענדערס.

דער געדאַנק צו באַזעצן ארץ־ישראל און די אידעע פון חיבת ציון האָט אויך דערמונטערט דריי יוגנטלעכע און אייז



אגודת „אחי־ציון". פאַרבאַנד „אחי־ציון" („ברידער פון ציון") אין ניעסוויזש, בראש מיטן פאָרזיצער יעקב אווינאָוויצקי

משפחה עולה צו זיין אין די יאָרן נאָך דער ערשטער עליה (די ביל״ו־עליה). אין יאָר 1886 האָבן עולה געווען: מרדכי בן משה חיים נאָוואָגראָדזקי, אַ רימער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין יפו און געאַרבעט ביי זיין פאַך; אין יאָר 1889 האָט עולה געווען יהודה לייב בן ר׳ קלמן דאַנילעוויטש. ער האָט צומערשט געאַרבעט אין ראשון לציון און דערנאָך אין רחובות און אין 1904 זיך דאָרט באַזעצט. אין יאָר 1892 חתונה געהאַט מיט זיין שטעטישער, אסתר רחל סאַקער. ביי זיי זענען געבוירן געוואָרן 4 זין און 5 טעכטער. אין יאָר 1890 האָט עולה געווען מרדכי גאָראָדענסקי־נחמני, דער זון פון הרב ר׳ יוסף גאָראָדענסקי, אין עלטער פון 23 יאָר, געאַרבעט אין עקרון און אין רחובות. אין יאָר 1891 האָט עולה געווען שלמה זלמן סאַקער מיט זיין משפּחה — און זיך באַזעצט אין יפו.

פונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אָנגעגאַנגען אַ קנאַפּע עליה פון ניעסוויזש. אין 1897 האָבן פון די ערשטע עולה געווען שמחה ווילקאָמיץ און נאָך אים — ד״ר אריה פּוכאָווסקי, ד״ר ניסן טוראָוו, עפּשטיין.

גלייך נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אין ניעסוויזש געגרינדעט געוואָרן דער ציוניסטישער פאַריין און זיין ערשטער אויפטו איז געווען — אַן עפנטלעכע ביבליאָטעק.

די מערהייט פון רעליגיעזן יידנטום אין שטאָט איז געווען ציוניסטיש, אָדער סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם, ווי דאָס באַווייזן די נעמען פון די אונטערגעשריבענע אונטערן הספד נאָכן פאַרשטאָרבענעם רב עליאשבערג. דער ציוניסטישער פאַריין האָט אנטייל גענומען אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אין אָרגאַניזירן הילף פאַר די אָרעמע אין שטאָט.

אין די דאָקומענטן וועלכע האָבן זיך אָפּגעהיטן אין ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים, ווערט דערמאָנט, אַז דעם 22.12.1901 איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג לכבוד דער דערעפענונג פון דער קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן (צו שטיצן יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל), אויף וועלכער ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן צוטרוי דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג ד״ר טעאָדאָר הערצל און דער עקזעקוטיווע אין ווין. אויפן פּראָטאָקאָל זענען אונטערגעשריבן: דער פאָרזיצער פון פאַריין, יעקב אַווינאָוויצקי, דער וויצע־פאָרזיצער און סעקרעטאַר אליהו צאָפּיז און נאָך 30 מיטגלידער.

מיטן טויט פון ד״ר הערצל איז פאָרגעקומען אַ טרויער־פאַרזאַמלונג צו באַערן זיין אָנדענק און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן: 1) שיקן אַ קאָנדאָלענץ־טעלעגראַמע דער אַלמנה און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ווין; 2) צונויפזאַמלען 100 רובל אויף צו פאַרשרייבן „אונדזער אומשטערבלעכן מנהיג״ אינעם ספר הזהב פון קרן קיימת. די דאָזיקע סומע ווערט דינען אַלס פאָנד צו גרינדן אין ארץ־ישראל אַ קאָלאָניע אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם. אונטערגעשריבן: דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג יעקב אַווינאָוויצקי און נאָך 67 חברים.

אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָט אין שטאָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. שליחים פון די גרויסע שטעט האָבן באַזוכט ניעסוויזש און מיט דער הילף פון באַוווסטזיניקע יוגנטלעכע, אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פאַר אַלגעמיינער בילדונג און צו לערנען די רוסישע שפּראַך, געפּרעדיקט סאָציאַליזם און פאַרשפּרייט אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור צווישן די אַרבעטער און די זעלנער פון אַרטילעריע־פּאָלק וואָס האָט גערופן צו שטירצן די צאַרישע מאַכט. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירטע טעטיקייט צו פאַרבעסערן די באַדינגונגען פונעם אַרבעטער, אונטער דער דראָונג פון שטרייקן.

אין יענער צייט איז אין ניעסוויזש געגרינדעט געוואָרן דער „בונד״, וועלכער איז געווען זייער טעטיק אין די רעוואָלוציע־טעג פון 1905. דער „בונד״ האָט אָרגאַניזירט אַרבעטער־שטרייקן און פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, מיט רויטע פענער און רעוואָלוציאָנערע לידער. אַז ס׳האָט זיך באַוויזן זשאַנדאַרמעריע, זענען זיך אַלע צעלאָפן. יענעם יאָר האָט מען אויך אויפגעבראָכן אַ געווער־סקלאַד פון מיליטער און צוגענומען פיל ביקסן און אַמוניציע, וועלכע איז דורך חיים בערעזין און אברהם וואָלאָזשינסקי איבערגעפירט געוואָרן אין זייערע וועגענער קיין מינסק.

אין שטאָט זענען אויך געווען טעטיק די פּועלי־ציון און ס. ס. טעריטאָריאַליסטן, אָבער זייער השפעה איז ניט געווען קיין גרויסע, און די צאָל חברים — אַ קליינע.

נאָכן אונטערדריקן די רעוואָלוציע פון יאָר 1905, זענען געקומען טעג פון דעפּרעסיע און פאַרפאָלגונגען פון די רעוואָלוציאָנערן. אויך די עקאָנאָמישע לאַגע און די אויסזיכטלאָזיקייט זיך איינצואָרדענען אויף אַרבעט, צי אויף אַקאַדעמישע פּאָסטנס, האָבן געצוווּנגען דעם רוב משכילים פונעם מיטלקלאַס צו פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, זיך אָפּגערופן אויפן קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ברייטע פאָלקס־שיכטן זענען נאָך אַלץ געווען קולטורעל צוריקגעשטאַנען. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די פאַרבליבענע אין שטאָט משכילים זיך אַ נעם געטאָן צו קולטורעלער אַרבעט. ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן קרייזן ליבהאָבערס פון דער ליטעראַטור און קונסט, אַ לייען־זאַל, עס זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען און רעפעראַטן, ס׳האָט עקזיסטירט די ציוניסטישע ביבליאָטעק (וועלכע איז דערנאָך געשלאָסן געוואָרן פון דער פּאָליציי) און די ביכער־שענק זענען געווען פאַרחתמעט ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין יאָר 1917.

אין צווישנצייט זענען געגרינדעט געוואָרן אַלגעמיינע רוסישע שולן און אַ שטאָטישע 4־קלאַסיקע שול, אַ יידישע 2־קלאַסיקע עלעמענטאַר־שול און אַ יידישע גימנאַזיע פאַר מיידלעך פון מינא ראָזענבערג (4 קלאַסן). אייניקע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פּריוואַטע 4־קלאַסיקע גימנאַזיע, ווו דער רוב שילערס זענען געווען יידן. אין די אַלע לערן־אַנשטאַלטן איז די אונטעריכטשפּראַך געווען רוסיש. עס זענען אויך אַנטשטאַנען (עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג) צוויי מלוכהשע גימנאַזיעס — איינע פאַר יינגלעך, איינע פאַר מיידלעך. די מיידל־שול האָט אָנגענומען יידישע שילערינס אָן באַגרענעצונגען, דאַקעגן די גימנאַזיע פאַר יינגלעך האָט באַשטימט אַ נאָרמע פון 10% פאַר יידישע שילערס. דער לערער־סעמינאַר האָט בכלל ניט אָנגענומען קיין יידן.

דער נאַציאָנאַלער געדאַנק און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן אין אַ ניט קליינער מאָס געענדערט די לימודים אין חדר. פיל מלמדים האָבן אָנגעהויבן אויך לערנען העברעישע גראַמאַטיק און שפּראַך, יידישע געשיכטע, די רוסישע שפּראַך און חשבון. צו די מלמדים האָבן געהערט: גרשון וועלוול דמשק, עזרא גאָראָדענסקי, צבי הירש מאַשעוויצקי, שמחה פייגעלמאַן, טוביה בורסקי און אַנדערע. אין חדר פון ג. וו. דמשק האָט זיך געפונען אַ קליינע ביבליאָטעק און די קינדער־צייטונגען „עולם קטן״, „החבר״ און „השחר״, וועלכע זענען מיט גרויס הנאה געלייענט געוואָרן פון די קינדער.

כדי פאַרלייכטערן די עקאָנאָמישע לאַגע, האָבן יידן אין ניעסוויזש געזוכט פאַרשידענע וועגן אויפצושטעלן אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף, ווי: אַ ליי־ און אָפּשפּאָר־קאַסע, דערנאָך — אַ קאָאָפּעראַטיווע סוחרים־באַנק. דער שאָסיי וועלכער איז געפלאַסטערט געוואָרן צווישן דער שטאָט און דער באַן־סטאַציע האָראָדזיי, האָט פאַרבעסערט דעם האַנדל מיטן צענטער פון לאַנד. דאָך איז ניט געוואַקסן די צאָל איינוווינערס. דער יונגער

דור האָט זיך ניט איינגעאָרדנט אויף אַרבעט און ניט געזען פאַר זיך קיין אַנדערן אויסוועג, ווי — עמיגרירן קיין אַמעריקע.

די צאַרישע מאַכט האָט אויף פאַרשידענע אופנים געוואָלט טרעפן אין יידישע פרנסות. דער עיקר — אינעם וויכטיקסטן קוואַל, ווי ס'איז געווען דער מאַרק, וועלכער איז פאָרגעקומען יעדן זונטיק. צומערשט האָבן זיי פאַרבאָטן צו עפענען זונטיק די קראָמען פאַר 11 אַ זייגער, די שעה ווען מ'ענדיקט די תפילות אין קלויסטער. צום סוף האָבן זיי אינגאַנצן פאַרבאָטן צו האַנדלען אין זונטיק. צו פאַרלויפן דעם וועג פון דער גזירה, איז יידן געלונגען אויסצופועלן, אַז עס זאָל פאָרקומען אויך יעדן מיטוואָך אַ מאַרק־טאָג. עס האָט געקאָסט אַ סך מי צו וויסן צו געבן די פויערים אין די אַרומיקע דערפער וועגן ניי־איינגעשטעלטן מאַרק־טאָג. באַצייטנס זענען פאַרשפרייט געוואָרן פלוגבלעטלעך אין יעדער דאָרף און אין די אַרומיקע שטעטלעך. ס'איז אויך אַרומגעפאָרן אַן אויסרופער מיט אַ פויק און אומעטום געמאָלדן וועגן דעם, אַז מיטוואָך וועט זיין אַ יאַריד. אַזוי אַרום איז אויסגעמיטן געוואָרן די פאַרשווערונג צו טרעפן דער יידישער ווירטשאַפט, וועלכע איז במילא געווען אַ שוואַכע.

די פויערים, וואָס ערשט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָבן זיי זיך באַפרייט פון פעאָדאַליזם, זענען אין דער גרעסטער מערהייט געווען אָרעם, מיט אַ גאָר נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט. ווינציקע פון זיי האָבן געטראָגן שטיוול צי שיך, נאָר באַגנוגנט זיך מיט לאַפּטשעס און זייערע בגדים גענייט פון היימישן לייוונט און די ווינטער־פעלצן — פון שעפסענע, ניט באַאַרבעטע פעלעכלעך. זייערע כאַטעס זענען געווען באַלויכטן מיט קינשפענדלעך אָדער אין קנויטן, געטונקענע אין נאַפט. וועש האָט מען געוואַשן מיט אַש, אַנשטאָט מיט זייף.

אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע קהילה־לעבן געוואָרן מער אָרגאַניזירט, אַ דאַנק די עסקנים פון צווישן די ציוניסטישע משכילים: הירש נטע אייזנבוד און אַדוו. יעקב אַוויינאָוויצקי, אהרון גאָלדין, פ. בומשטיין, נ. קלאַטשקין, אַדוו. קולש — וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם עול פון אָנפירן מיט דער קהילה און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געווען קאָנצענטרירט אונטער אַן אַלגעמיינעם נאָמען „צדקה גדר־לה". זיי האָבן איינגעפירט אָרדענונג און אויפזיכט, געזאָרגט פאַר יידישע אינטערעסן אין שטאָט און ווען נייטיק, באַמיט זיך ביי דער מאַכט בטל צו מאַכן פאַרשידענע גזירות.

מיט 70 יאָר צוריק זענען אין ניעסוויזש געווען 13 שולן, צווישן זיי געמויערטע פון ציגל: דאָס אַלטע בית־המדרש, דאָס נייע בית־המדרש (ר' סענדערס שול, א. נ. פונעם אַקטיוון עסקן אויפן געביט פון חינוך און תלמוד־תורה), די גרויסע שול, אָדער די קאַלטע שול, וואָס צוליב איר הייך און פאַרנעם, האָט מען זי ניט געקענט אָנוואַרעמען אין ווינטער, די קצבים־שול, די שניידער־שול (פועלי־צדק), די מאַרק־שול, די קאַזימירער שול און די פרושים־שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער גרויסער שול. דאַקעגן פון האָלץ זענען געווען די שוסטער־שול, מיכאַלישקער שול, ניישטאַטער שול, פון די לאַדייער חסידים און קוידאַנאָווער חסידים.

דאָס אַלטע בית־המדרש האָט געהערט צו די עלטסטע יידישע געבעט־הייזער און אויפגעבויט געוואָרן נאָכדעם ווי דער יידישער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט און עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט. אין יאָר 1628 איז אויף דער יידן־גאַס געווען אַ בנין, וועלכער האָט געדינט ווי אַ שול און תלמוד־תורה אָדער ישיבה, ווו ס'האָט געוווינט דער מלמד. די יידן־גאַס האָט, ווייזט אויס, געהייסן „דאָס טויטע געסל", אָדער די סביבה. די יידן האָבן דאַן געוווינט אין געטאָ, אָפּגעשלאָסן אין די נעכט הינטער טויערן פון ביידע זייטן גאַס. אויף איין עק גאַס איז געשטאַנען די אַלטע שול, וועמענס אַריינגאַנג איז געווען געווענדט צום „טויטן געסל" און די צווייטע זייט האָט געפירט צום וועג פון בית הקברות.

אין משך פון דער צייט האָט דער יידישער ישוב זיך אויסגעשפרייט צו די גאַסן מיכאַלישאָק און סעמינאַרסקי (סיראָקאָמלאַ). ס'איז שווער פעסטצושטעלן די צייט ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די קאַלטע שול. (אויפן בוידעם פון דער דאָזיקער שול האָבן זיך פאַרפעסטיקט די געטאָ־אויפשטענדלער אין יאָר 1942 און פון דאָרט געפירט דעם קאַמף קעגן די רוצחים, וואָס האָבן געוואָלט ליקווידירן דאָס געטאָ, אַ סך קעמפערס האָבן דאָרט געפונען זייער העלדישן טויט).

קריסטן און יידן האָבן צוזאַמענגעאַרבעט, אויסער דעם שטאָטראַט, אויך אין דער פייערלעשער־געזעלשאַפט, אַנטשטאַנען אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט. געווען דאָרט פרייוויליקע פייערלעשערס — יידן און קריסטן, מיט אַן אייגענעם גאַראַזש, געמויערט פון ציגל, לעש־מכשירים, מאַשינען און עטלעכע פערד גרייטע צום לויפן, ווי נאָר ס'איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. אין די ערשטע יאָרן פון דער אַנטשטייונג פון די פייערלעשער, איז דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט געווען אַ קריסט, זיין פאַרטרעטער — אַ ייד. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן יידן געזאָרגט, אַז שעף פון אַ פייערלעשער־קאָמאַנדע זאָל זיין אַ ייד.

יידן האָבן זיך באַמיט, אַז וואָס מערער אחינו בני ישראל זאָלן זיך אָנשליסן צו די פייערלעשער, כדי זיכערן דאָרט אַ יידישע מערהייט. אַ דאַנק דעם איז אַלס ערשטער יידישער קאָמענדאַנט אויסגעוויילט געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער טוער אַדוו. יעקב אַווינאָוויצקי.

די באַציונגען צווישן דער קריסטלעכער און דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען גוטע און ס'האָט זיך ניט געפילט קיין שום נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם, אפשר דערפאַר, וואָס צווישן די איינוווינערס פון שטאָט איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל פאָלאַקן, באַאַמטע פון פירשט ראַדזשיוויל, וואָס זיי גופא האָבן געהאַט אַ געפיל פון דיסקרימינאַציע מצד דער צאַרישער מאַכט אויפן געביט פון דערציונג און קולטור, צוליב דעם אונטערדריקן זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

די קריסטן האָבן געלעבט אין די פאָרשטעט און זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, דאַקעגן די יידן זענען געזעסן אין צענטער שטאָט און אין דערבייאיקע גאַסן. אמת, אין די מאַרק־טעג זענען פאָרגעקומען זעלטענע פאַלן פון אָנגרייפן יידן דורך פויערן פון דאָרף, דער עיקר — אָנגעשיכורטע, אָדער פון מאָביליזירטע רעקרוטן אין די דערפער, ווען זיי האָבן זיך געשטעלט צום מיליטער־דינסט. די יונגע רעקרוטן פלעגן זיך מאַסנווייז פאַרזאַמלען אויפן מאַרק און פרובירן טיילמאָל רויבן פון די יידישע קראָמען און געשעפטן. בדרך כלל האָט די פאָליציי זיך אַריינגעמישט און צוריקגעשטעלט די אָרדענונג, נאָר אין פאַל ווען די פאָליציאַנטן האָבן זיך ניט געאיילט צו אינטערווענירן, האָבן יידישע יונגעלייט, צווישן זיי קרעפטיקע בעלי־עגלות און קצבים, גוט אָנגעבראָכן די ביינער די איבערפאַלערס.

אין די יאָרן 1914—1916

שבת, תשעה באב תרע"ד (1914), איז די שטאָט געוואָרן אויפגעציטערט פון דער ידיעה, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן עסטרייך און סערביע, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־מלחמה. דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג רוסלאַנד און געשיקט איר מיליטער אין יענעם לאַנד. אויף די גאַסן פון ניעסוויזש האָבן זיך באַוויזן מאָביליזאַציע־באַפעלן. די איינוווינערס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט. די מאָביליזירטע איז געגעבן געוואָרן ווינציק צייט אויף צו ליקווידירן זייערע ענינים.

די משפחות פון די מאָביליזירטע איז שווער אָנגעקומען דאָס צעשיידן זיך מיט זייערע פּרנסה־געבערס. די געשרייען און געוויינען האָבן זיך געהערט אומעטום. אַ גרויסער עולם האָט באַגלייט די מאָביליזירטע, וואָס האָבן אויף וועגענער געשפּאַנטע אין פערד, זיך געלאָזט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע האַראָדזיי (זאַמירע). די ערשטע געליטענע זענען געווען די משפחות פון די מאָביליזירטע זעלנערס. זיי האָבן באַקומען אַ נישטיקע שטיצע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

דערפאַר אָבער איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער האַנדל ביי די יידן, וואָס האָבן געליפערט סחורות און שפּייז פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי. ביסלעכווייז איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון שטעטל בעסער געוואָרן. די געשעפטן האָבן זיך צוריק געעפנט, די פויערים האָבן געברענגט פּראָדוקטן קיין ניעסוויזש און איינגעקויפט שטאָטישע אַרטיקלען. די דאגות פּרנסה ביי יידן זענען קלענער געוואָרן. נאָר אַזאַ לאַגע האָט לאַנג ניט געדויערט, ווייל אין יולי 1915 האָבן די רוסן אָנגעהויבן זיך צוריקציען. איניקע באָמבעס וואָס זענען אין יענער צייט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַ דייטשן עראָפּלאַן און געפאַלן ביי בלאָטשינסקיס האָטעל, האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך קיין ניעסוויזש. מיט איינמאָל איז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן געוואָרן אָפּגעשטעלט, די סחורות און פּראָדוקטן זענען פאַרשוווּנדן און איבער דער שטאָט זענען דורכגעגאַנגען לאַנגע קאָלאָנעס פונעם אָפּטרעטנדיקן רוסישן מיליטער און פּליטים, צווישן זיי — אויך יידן. אַ טייל פון זיי האָט זיך פאַרהאַלטן אין ניעסוויזש, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט ווייטער.

די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געצוווּנגען צו האַלטן אָפן די געשעפטן, אויך אין שבת, הגם די פּאָליצעס זענען געווען ליידיק. די פויערים האָבן אויפגעהערט קומען אין שטאָט אַריין, ווייל בדרך־כלל האָט זיך געפירט אַ טויש־האַנדל. די לאַגע איז געוואָרן זייער שווער, באַזונדערס פאַר די משפחות וואָס האָבן באַצייטנס ניט אָנגעגרייט זיך קיין שפּייז. צוליב דער שוואַכער דערנערונג, האָבן זיך פאַרשפּרייט קראַנקייטן, צווישן זיי — עפּידעמישע: פלעקן־טיפוס, דיזענטעריע און אַפילו די כאָלערע.

נאָכדעם ווי באַראַנאָוויטש איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, נאָך סוכות 1915, האָט זיך אָפּגעהאַלטן די דייטשע אינוואַזיע און דער פראָנט האָט זיך איינגעשטעלט צווישן סנאָוו און לעכעוויטש אין משך פון צוויי און אַ האַלבע יאָר, ביז פעברואַר 1918.

די שטאָט האָט געדינט ווי אַ באַזע פאַר אַ גרויסער צאָל מיליטערישע רעזערוו־כוחות. אין די הייזער זענען רעקווירירט געוואָרן צימערן פאַר אָפיצירן און זעלנער. אַזאַ לאַגע האָט גינסטיק געווירקט אויף דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג אין שטאָט און פיל יידישע משפחות האָבן ווידער געפונען די מיטלען צו זייער פּרנסה.

די וויכטיקסטע פּראָדוקטן, ווי מעל, צוקער, זאַלץ אאַנ״ד, זענען געבראַכט געוואָרן פון אוקראַינע — און דער האַנדל האָט געבליט.

אויך דאָס קולטורעלע לעבן איז ווי אָפּגעשטאָרבן. דער ליטעראַרישער קרייז וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פון דער יידישער אינטעליגענץ — איז זיך צעפאַלן. די מלחמה איז אַריינגעדרינגען אין יעדער יידישער שטוב. די ווירקונג פון די עלטערן אויף זייערע קינדער איז שוואַכער געוואָרן, די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן מער זעלבשטענדיקייט. די קריג האָט געענדערט זייער לעבנס־גאַנג און מחשבה.

אין יענער צייט האָט געווירקט דער פאַריין פון רעליגיעזע יוגנטלעכע „תפארת בחורים", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה דורך די ברידער יהושע און ישראל באַשינקעוויטש און זייער פאָטער פּרץ. די אויפגאַבע פון דעם פאַריין איז געווען אויפצוהאַלטן אַן אייגענעם מנין, לערנען תורה צווישן מנחה און מעריב און שטיצן נויטבאַדערפטיקע חברים.

די שולן, בתי־מדרשים און שטיבלעך זענען געווען דער עיקרדיקסטער קוואַל פאַר ידיעות און נייעסן פון די פראָנטן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן: בעת איין טייל האָט געהאַלטן מיט די רוסן, האָט דער אַנדערער טייל גאָר סימפּאַטיזירט מיט די דייטשן.

פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע 1917 ביז דער דייטשער אָקופּאַציע אין 1918

ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינצטערניש, איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג געווען די פעברואַר־רעוואָלוציע, וואָס איז אָן בלוט־פאַרגיסונג אַדורכגעפירט געוואָרן אין פעברואַר 1917. די צאַרישע קייטן זענען געוואָרן צעריסן, פרייהייט האָט געהערשט אין גאַנץ רוסלאַנד. יידן האָבן אָפּגעאָטעמט, די דיסקרימינאַציע־געזעצן זענען בטל געוואָרן, יידן האָבן באַקומען די זעלבע רעכט ווי אַלע בירגער.

אין ניעסוויזש איז פון פאַרשטייערס פון פאַרשידענע גרופּירונגען געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסאַריאַט אויף אָנצופירן מיט די שטאָטישע ענינים. בראש פון דעם קאָמיסאַריאַט איז געשטאַנען דער פּוילישער דאָקטער באָראָווסקי און זיין פאַרטרעטער — דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער אַדוואָקאַט יעקב אווינאָוויצקי. די אָרדענונג האָט באַדאַרפט היטן די ניי־געגרינדעטע מיליץ, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט יידן.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן אין שטאָט האָט באַקומען שוווּנג. עס זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע פּאַרטייען און די פריערדיקע האָבן באַנייט זייער טעטיקייט. אויך מיליטער־לייט האָבן געמעגט זיך אָנגאַזשירן אינעם פּאַרטייאישן לעבן — און פיל האָבן טאַקע אויסגענוצט די דאָזיקע מעגלעכקייט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ראַט פון זעלנער און אָפיצירן, אַן אַרבעטער־ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך די אַרבעטער.

דער „בונד" האָט אין יענער תקופה צוגעצויגן צו זיך מאַסן אַרבעטער און בעלי־מלאכות. צו די אַקטיוויסטן האָבן געהערט: א. שריפטזעצער, א. א. ליבערמאַן, אַ סופר סת״ם, נח יאָסעלעוויטש, מישקאָווסקי (אַן אינוואַליד). צו די פּועלי־ציון זענען צוגעשטאַנען געבילדעטע מענטשן און ווייניק אַרבעטער. די אַקטיווע טוערס זענען געווען: בערל ליפּאָווסקי, משה אהרקע שקאָלניק, גאָלדע האַלפּערין, לייבל אייזנבוד.

דער ציוניסטישער פאַריין „אחי ציון" האָט געזאַמלט אַרום זיך ווינציק חברים פונעם מיטלשטאַנד. בראש פון דעם פאַריין איז געשטאַנען יעקב אַווינאָוויצקי, הירש נטע אייזנבוד. די ציוניסטישע טוערס יואל ראָזאָווסקי און ברוך שמושקאָוויטש האָבן זיך ניט געפונען אין שטאָט, ווייל זיי זענען געווען מאָביליזירט.

אויף דער איניציאַטיוו פונעם דענטיסט בנימין אייזנבוד, איז געגרינדעט געוואָרן די „צעירי ציון" אָרגאַניזאַציע, וואָס דער רוב חברים אירע האָט זיך רעקרוטירט פון דער שטודירנדיקער יוגנט פון מיטלקלאַס. די אַקטיוויסטן: די ברידער משה און אברהם צודיק, משה סווירשטשיק, ישראל־משה ראַבינאָוויטש און איניקע פּליטים, וואָס האָבן דערנאָך פאַרלאָזט די שטאָט.

ביי די מיליטער־לייט זענען אַנטשטאַנען פּאַרטייאישע גרופּן, ווי זיי האָבן דאַן געווירקט אויף דער אַלגעמיינער גאַס: מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, ס.ר.־קאַדעטן אאַנ״ד.

די אַלע פּאַרטייען האָבן געפירט אַ זייער לעבהאַפטע טעטיקייט. פאַרמאָגט אייגענע לאָקאַלן, ווו עס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און עפנטלעכע פאָרלעזונגען. אין יאָר 1917 זענען צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען דעמאָקראַטישע וואַלן צום שטאָט־

ראַט, צו וועלכע ס'איז אויפגעטרעטן אַן אַלגעמיינע יידישע ליסטע, געשטיצט פון די ציוניסטן, צעירי ציון, בעלי־מלאכהס, „פועלי־צדק" און מיטלשטאַנד. דער „בונד" איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דעם ערשטן מאַי 1917 איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע פון אַלע ריכטונגען, אויך פון די זעלנערישע ראַטן און אַרבעטער־ראַטן, מיט טראַנספּאַראַנטן, לאָזונגען און רויטע פענער. „אחי ציון" און צעירי ציון זענען דערשינען אויך מיט בלוי־ווייסע פענער.

יענעם זומער זענען פאָרגעקומען נאָך אַ סך גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, מיטן אַנטייל פון די יידישע פאַרטייען. נאָר דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז געווען זייער באַשווערט. די ווירטשאַפט און קאָמוניקאַציע זענען געווען צעטרייסלט, די 3 יאָר מלחמה האָבן צעשטערט די מדינה, אַלץ איז געווען מאָביליזירט פאַרן פראָנט.

זומער 1917 האָט באַזוכט ניעסוויזש דער בן־עיר נח מייזל, אַ פאָרשטייער פון די מענשעוויקעס, מיטגליד פון פעטערבורגער אויבער־ראַט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין שטאָט האָט ער גערופן ווייטער אָנצוגיין מיט דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד. דער עולם האָט אים געוואָלט לינטשן. מיט גרויס שוועריקייטן איז אים געלונגען זיך אָפּצוטראָגן פון שטאָט.

אין הושענה רבה תרע"ח (1918), האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ניעסוויזש באַקומען אַ שווערן קלאַפּ, מיטן טויט פון יעקב אווינאָוויצקי, איינער פון די עלטסטע און אויסגעצייכנטע עסקנים. ער איז נפטר געוואָרן עטלעכע טעג נאָך דעם ווי ר'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס בירגערמייסטער פון שטאָט — צום ערשטן מאָל וואָס אַ ייד האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן אַמט. ער איז געווען אַן אַלטער ציוניסטישער טוער, באַטייליקט זיך אין דער באַוווסטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מינסק, אין יאָר 1902.

אַ סך פרייד און באַגייסטערונג האָט באַהערשט די ניעסוויזשער יידן אויף דער ידיעה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און אַלגעמיינע התלהבות האָבן געברענגט צום אויסדרוק די שטימונגען און געפילן לגבי דער בשורה פון לאָנדאָן.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט די פרייד. די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט אַ סוף געמאַכט צו די אַלע טרוימען און האָפענונגען. אויך אין ניעסוויזש האָט זיך איינגעשטעלט די נייע הערשאַפט אַ דאַנק דער מערהייט, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אין די אַרבעטער־ און זעלנער־ראַטן און איבערגענומען די הערשאַפט אין ניעסוויזש. באַלד איז געוואָרן אַ מאַנגל אין שפּייז. עס האָבן ניט געהאָלפן די פאַראָרדענונגען פון די נייע הערשערס, וועלכע האָבן פאַרבאָטן צו באַהאַלטן פּראָדוקטן.

די יידישע פאַרטייען און אינסטיטוציעס האָבן ווייטער עקזיסטירט, נאָר ניט געווען אַקטיוו. נאָך 3 און אַ האַלבן חודש, איז געקומען אַ סוף צו דער סאָוויעטישער מאַכט אין שטאָט, נאָכדעם ווי די דייטשע אַרמיי האָט אין פעברואַר 1918 פאַרנומען ניעסוויזש.

ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, האָבן יידן אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן זיך אָרגאַניזירט אויף אָפּצוהיטן די אָרדענונג און זיכערקייט פון די איינוווינערס דורך שאַפן אַ שטאָטישע מיליץ, וועלכע איז געוואָרן באַוואָפנט מיט די פאַרבליבענע פון די רוסן ביקסן. אַז די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָט די מיליץ זיך אויפגעלייזט און איבערגעגעבן דאָס געווער דער נייער מאַכט.

אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1918

מיטן פאַרנעמען ניעסוויזש דורך די דייטשן, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער לאַגע פון דער שטאָט. די דייטשן האָבן באַשטימט אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר די מוניציפּאַלע ענינים און איינגעמאָנט די שטייערן וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן דורך דער אָקופּאַציע־מאַכט.

יעדע משפחה האָט באַדאַרפט איין טאָג אין חודש אַרבעטן פאַר דער דייטשער אַרמיי. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט, די געשעפטן זענען פול געוואָרן מיט סחורות און בעלי־מלאכות האָבן געהאַט באַשעפטיקונג. דאָקעגן איז שווער געווען די לאַגע פון די משפחות, וועמענס אַ זון איז געווען מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. די דאָזיקע משפחות זענען געפאַלן צו לאַסט די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס. ביסלעכווייז האָבן גענומען זיך אומקערן פיל מענטשן פון רוסלאַנד און פון די דייטשע אָקופּאַציע־געביטן. די דייטשן האָבן זיך ניט אַריינגעמישט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן. די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן ווייטער געפירט זייער טעטיקייט. אָבער ווען דער „בונד" און פועלי־ציון האָבן פּרובירט דעם 1טן מאַי דעמאָנסטרירן איבער די גאַסן מיט רויטע אָפּצייכענונגען אין די לאַצן — האָט זיי די דייטשע זשאַנדאַרמעריע צעטריבן און איניקע דעמאָנסטראַנטן אַרעסטירט. די פאַרטייען האָבן דאַן געפירט אַן אינטענסיווע, דערציערישע און קולטורעלע טעטיקייט, באַזונדערס אַקטיוו איז געווען די צעירי ציון. אויסער דער עפנטלעכער ביבליאָטעק וועלכע זי האָט געגרינדעט אין 1917, איז אויף דער געבענטשטער איניציאַטיוו פון צאָן־דאָקטער בנימין אייזנבוד, האָט זי אויך געשאַפן אַ העברעישע פאָלקס־שול א. נ. פון ד"ר טשלענאָוו.

אויך די פועלי־ציון האָט געגרינדעט אַ פאָלקס־שול, נאָר מיט דער אונטעריכט־שפּראַך יידיש. ביידע שולן האָבן קאָנקורירט מיט די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג־אַנשטאַלטן, ווי די תלמוד־תורה און פּריוואַטע חדרים.

אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט — 1919

די דייטשע אָקופּאַציע האָט ניט געדויערט לאַנג. נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און אַראָפּזעצן דעם קיסר, האָט די דייטשע אָקופּאַציע־אַרמיי זיך צוריק געצויגן פון מזרח־אייראָפּע. אין דער העלפט דעצעמבער 1918 האָבן די דייטשן פאַרלאָזט, אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן, ניעסוויזש. ווידער איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו היטן די אָרדענונג און זיכערקייט קעגן דעם אַנטיסעמיטישן המון. דער קאָמיטעט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע טוערס. די איבערגאַנג־תקופה איז אָבער אַדורך אָן וועלכע ס'איז באַזונדערע געשעענישן. נאָכן אַוועקגיין פון די דייטשן, איז אין שטאָט אַריין אַן אַוואַנגאַרד־טרופּע פון דער רויטער אַרמיי.

די נייע סאָוויעטישע מאַכט האָט באַלד געשאַפן אַ שטאָטישן אַרבעטער־ראַט מיט פאַרטרעטער פון די אַרבעטער־פאַרטייען: קאָמוניסטן, „בונד" און פועלי־ציון. ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ רעווקאָם (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), צו וועלכן ס'האָבן געהערט: דער מאָלער שלמה ראָזענבלום און דער קריסטלעכער שוסטער טאַטור וואָס האָט גערעדט יידיש. ראָזנבלום איז געווען אַ פאַנאַטישער קאָמוניסט, אָן וועלכער ס'איז עלעמענטאַרער אַלגעמיינער און יידישער בילדונג. ער האָט ממש געהאַסט די מענטשן פון מיטלשטאַנד, די קרעמער און בעלי־מלאכות וואָס האָבן באַשעפטיקט אַרבעטער.

צומערשט האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָרמאַל לעבן. די

רוסישע שול און די פּוילישע גימנאַזיע וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן בעת דער דייטשער הערשאַפט, ווי אויך די צוויי יידישע פאָלקס־שולן, זענען געוואָרן אונטערגעאָרדנט דער מלוכהשער קאָנטראָל. די פּאַרטייען האָבן ווייטער עקזיסטירט. דער „בונד" און פּועלי־ציון, וועלכע האָבן געשטיצט די נייע אָרדענונג, האָבן זיך באַטייליקט אין די מלוכהשע איטסטיטוציעס און מאָביליזירט זייערע חברים אין דער מיליץ. די „צעירי ציון" האָבן געפירט זייער אָרגאַניזאַציאָנעלע און קולטורעלע טעטיקייט און זיך באַגנוגנט מיטן פירן די העברעישע פאָלקס־שול און ביבליאָטעק. נאָר אין אַלגעמיין איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געווען ווי פּאַראַליזירט.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָבער ניט געהאַט גענוג מיטלען צו פינאַנסירן איר טעטיקייט אין שטאָט און דעריבער אַרויפגעלייגט אַ מין „קאָנטריבוציע" — אַ ספּעציעלן שטייער אויף דער בורזשואַזיע. און דאָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אָריגינעלן אופן: אַ געוויסן פרימאָרגן האָט די טשעקאַ (געהיים־פּאָליציי) אַרעסטירט עטלעכע צענדליק סוחרים. מ'האָט זיי געמאָלדן, אַז זיי דאַרפן איינצאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פון עטלעכע צענדליק טויזנט רובל. די סוחרים האָבן ניט גענומען ערנסט די דאָזיקע גזירה. זיי זענען געזעסן צוזאַמען, געדאַוונט מיט מנין און אַפילו אָפּגעלאַכט פון די נייע הערשערס, וואָס קענען זיך רעכט ניט אונטערשרייבן און ווייסן ניט ווי אַזוי צו פירן שטאָטישע ענינים. די אַרעסטירטע זענען געוואָרן געהיטן דורך די מיליציאָנערן פון די יידישע פּאַרטייען און מ'האָט זיי דערלויבט צו זען זיך מיט די קרובים. נאָכן האַלטן זיי אַ וואָך צייט אין אַרעסט און באַצאָלן דעם שטייער, זענען די יידן באַפרייט געוואָרן.

דערווייל האָט די פּוילישע אַרמיי גענומען טרייבן די באָלשעוויסטישע כוחות צוריק קיין רוסלאַנד. די פּאָלאַקן אין ניעסוויזש, וועמענס צאָל איז געווען אַ באַדייטנדיקע, דערוויסנדיק זיך אַז פּויליש מיליטער דערנענטערט זיך קיין ניעסוויזש, האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן און שאַפן געהיימע באַוואָפנטע כוחות, צו העלפן די פּאָלאַקן באַפרייען די שטאָט. אין מערץ 1919, פאַר פּורים, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאָלאַקן איז אָנגעפאַלן דעם שטאָטישן סאָוויעט. אינעם קאַמף זענען געפאַלן צוויי מיליציאָנערן: טאַטור פון די קאָמוניסטן און כתריאל גרינבלאַט פון פּועלי־ציון. די אויפשטענדלער האָבן גאַנץ לייכט באַהערשט אַלע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס אין שטאָט. די סאָוויעטישע מאַכט איז אַנטלאָפן פון ניעסוויזש און אַריבער צו דער באַן־סטאַציע האָראָדזיי. דאָרט האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט מינסק און צו זייער גרויסער אַנטוישונג זיך דערוווסט, אַז דאָס פּוילישע מיליטער געפינט זיך ווייט פון שטאָט. צומאָרגנס פאַרנאַכט איז ניעסוויזש צוריק פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. מ'האָט אַדורכגעפירט אַרעסטן צווישן די פּאָלאַקן און פינף פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג האָט כמעט ניט געליטן ביי די געשעענישן.

סוף זומער האָבן די שלאַכטן זיך פאַרשטאַרקט און אין אָקטאָבער 1919 האָט פּויליש מיליטער אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט.

אונטער דער הערשאַפט פון די פּאָליאַקן (1919—20)

דאָס איבערנעמען די שטאָט דורך די פּאָלאַקן איז אַדורך בשלום. מיטן אָפּטרעטנדיקן סאָוויעטישן מיליטער זענען מיטגעגאַנגען די וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער ראַטנמאַכט. די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך שנעל איינגעשטעלט, די באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ טאָלעראַנטע, הגם דאָ און דאָרט האָבן אייניקע באַאַמטע און פּאָליציאַנטן ניט אויסבאַהאַלטן דעם אַנטיסעמיטיזם, ווייל לויט זייער מיינונג, זענען אַלע יידן — באָלשעוויקעס. באַזונדערס האָט די יידישע באַפעלקערונג געליטן פון די האַלערטשיקעס און פּאָזנאַנטשיקעס (מיליטערישע איינהייטן פון וועלכע ס'איז געשטאַנען בראש דער גענעראַל האַללער און פון אָפּשטאַמיקע פון פּויזנער געגנט). די האַלערטשיקעס פלעגן שניידן די בערד ביי יידן.

נאָכן איינשטעלן זיך פון דער נייער מאַכט, איז באַנייט געוואָרן דער האַנדל און ס'האָט זיך פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע, הגם ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך גענייטיקט אין הילף. ס'איז באַנייט געוואָרן די פאַרבינדונג מיט אַמעריקע און פיל איינוווינער האָבן באַקומען הילף פון דאָרטן. אויך אינטערנאַציאָנאַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן געווירקט אין שטאָט און געשאַפן אַ קיך פאַר נויטבאַדערפטיקע קינדער, וווּ זיי האָבן באַקומען יעדן טאָג אַ גלאָז קאַקאַאָ פון קאָנסערווירטע מילך און געקעכטס. עס האָבן זיך אומגעקערט קיין ניעסוויזש די ציוניסטישע עסקנים: יואל ראָזאָווסקי, ברוך שמושקאָוויטש, דב (באָריס) מייזל, אהרון גאָלדין, פנחס בומשטיין און בנימין אייזנבוד. עס זענען אויך געווען אַקטיוו די גבאים בראש מיטן רב ר' ירחמיאל בורגמאַן, משה לאַכאָוויצקי, מרדכי דוד אַלפּעראָוויטש, שמואל קראָוועץ און אַנדערע.

די לינקע פּאַרטייען, ווי דער „בונד" און פּועלי־ציון, האָבן אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט, ווייל פיל אַקטיוויסטן זייערע זענען אַוועק קיין רוסלאַנד. די פאַרבליבענע האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער טעטיקייט פאַר דער יידישער פאָלקס־שול. צווישן די טוערס איז כדאי צו דערמאָנען לייבל אייזנבוד, משה אַרקע שקאָלניק, אברהם אליהו ליבערמאַן, גאָלדע האַלפּערין. די צעירי־ציון האָבן געפירט זייער טעטיקייט און ווייטער אויפגעהאַלטן די ביבליאָטעק און די העברעישע שול א. נ. פון טשלענאָוו. צו די אַקטיווע שול־טוערס האָבן געהערט: בנימין אייזנבוד, משה מעלניק, זלמן שיפּרעס, משה ראַבינאָוויטש, בנימין יעווועלעווסקי (יואלי), אברהם צודיק, אלישבע קאַפּלאַן־אשכול, משה שטיינהויז (בן־ארצי), ליפּע ברעוודא (לוי בן אמיתי), שמואל אייזנשטאַדט, יעקב אַנדרוסיאַר, אהרון העלער און אַנדערע.

אין יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג — די צענטראַלע אינסטאַנץ אויף אָנצופירן מיט די געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע ענינים, וועמענס השפעה אויף די יידן אין שטאָט איז געווען אַ באַדייטנדיקע. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אויך רעפּרעזענטירט די יידישע באַפעלקערונג כלפּי דער פּוילישער מאַכט. די קהילה־פאַרוואַלטונג איז אַנטשטאַנען אויף דער איניציאַטיוו פון ציוניסטישע טוערס, וועמענס ווירקונג אין ניעסוויזש איז געווען אַ זייער אָנגעזעענע.

סוף 1919 איז געשאַפן געוואָרן אַ וואַל־קאָמיטעט פון פאָרשטייערס פון פאַרשידענע ריכטונגען און אָנהייב 1920 זענען פאָרגעקומען דעמאָקראַטישע וואַלן, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט די פאָלגנדיקע גרופּירונגען: אַלגעמיינע ציוניסטן, צעירי ציון, פּועלי צדק, תפארת בחורים, מזרחי און מתפללים פון פאַרשידענע שטיבלעך. בלויז די „לינקע" וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער יידישער פאָלקס־שול, האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די וואַלן.

עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן 23 מיטגלידער אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. פון די אַלגעמיינע ציוניסטן — יואל ראָזאָווסקי, מייזל באָריס, שמושקאָוויטש ברוך. פון צעירי ציון — אייזנבוד בנימין, ראַבינאָוויטש, שיפּרעס, יעווועלעווסקי (יואלי). פון די פּועלי צדק — בומשטיין, אַלפּעראָוויטש. פון דער אַלטער שול — הרב ר' ירחמיאל בורגמאַן. מזרחי — הרב יצחק דאַווידאָווסקי. פון דער קוזמירער שול — הרב בורגאַנסקי. פון חסידישן בית המדרש — ר' יוחנן מאַלאָוויצקי, שפּעטערדיקער רבי אין לאַכאָוויטש. פון די סוחרים — גאָלדין אהרון, מענדעלעוויטש.

פון תפארת בחורים — יהושע באַשינעוויטש און נאָך אנדערע.

אויף דער ערשטער זיצונג איז יואל ראָזאָווסקי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער. אויך איז דעמאָלט געוויילט געוואָרן אַ פרעזידיום, אַ קאָמיסיע פאַר צדקה־ענינים, פינאַנס־קאָמיסיע, רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו זיצונגען פון דער קהילה. די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען און די בוכהאַלטעריע זענען געפירט געוואָרן אין העברעיש.

די קהילה האָט געהאַט אונטער איר אויפזיכט און אויסהאַלט די סאָציאַלע און דערציערישע אינסטיטוציעס אין שטאָט: די תלמוד תורה, דאָס באָד, דאָס הכנסת־אורחים הויז, דער הקדש, גמילת־חסד קאַסע, חברה קדישא און, להבדיל, דעם „קהלשן אָפּטרעט". די פאַרוואַלטונג האָט אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן שטייער וועלכן די יידישע איינוווינער האָבן גערן געצאָלט. די קהילה איז אויך געשטאַנען אין אַ בריוולעכן קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט אין אַמעריקע און ביי זיי געבעטן הילף. ניעסווישער אין ניו־יאָרק האָבן טאַקע געשיקט זייער צוויי פאָרשטייערס — ד״ר מאָגילעווסקי און לאַנדאַ, צו העלפן מיט געלט די פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

די געשעענישן אין ארץ־ישראל — דער קאַמף אין תל־חי און דער פּאָגראָם אין ירושלים אין פסח 1920, האָבן געגעבן אַ שטויס די צעירי ציון צו שאַפן אַ גרופּע חלוצים עולה צו זיין. דער עליה־קאָמיטעט איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן קרייז־קאָמיטעט אין מינסק. צו דעם ניעסווישער עליה־קאָמיטעט האָבן געהערט: הירש נאָטע אייזנבוד, אַן אַלטער ציוניסט וואָס האָט באַזוכט ארץ־ישראל פאַר דער מלחמה, יואל ראָזאָווסקי, בנימין אייזנבוד, זלמן שיפּרעס, בנימין יעווערעווסקי (יואלי) און משה שטיינהויז (בן־ארצי). די חלוצים האָבן באַשלאָסן עולה צו זיין, איידער די שטאָט וועט אַריינפאַלן צו די סאָוויעטן. די פאָלגנדיקע חלוצים האָבן טאַקע עולה געווען: שרה לאה אַנגעלאָוויטש, לעווין שרגא (פייוול), מנקר משה, מעקלער שאול, סיראָטאַ יוסף, קרעפּף מרדכי, קירזשנער יוסף, שבת מאיר, משה שטיינהויז (בן־ארצי), זלמן שיפּרעס, אלישבע קאַפּלאַן־אשכול, ליפּע ברעוודא (לוי בן אמיתי), ראַבינאָוויטש יעקב.

אונטער דער קורצער סאָוויעטישער הערשאַפט (1920)

מיטן פאַרלאָזן דורך די פּאָלאַקן ניעסוויזש, צוליבן אָפּטרעטן פאַרן אָנגרייפנדיקן סאָוויעטישן מיליטער, האָבן זיך אָנגעהויבן אימהדיקע טעג פאַר די יידן. זייערע געשעפטן זענען געוואָרן צעראַבירט, ביי די פרויען האָט מען צוגענומען די צירונג און אַנדערע געמיינקייטן זענען אָפּגעטאָן געוואָרן דורך די זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי.

דאַן איז געפאַלן אַ קרבן אליהו קירזנער. ער איז דערשאָסן געוואָרן דורך פּוילישע זעלנער, בעת ער האָט זיך קעגנגעשטעלט זייערע רויבערייען.

אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון פאָרזיצער פון קהילה, ר׳ יואל ראָזאָווסקי, וואָס האָט אין די קריטישע מינוטן געבעטן ביי דער פּוילשער זשאַנדאַרמעריע הילף, איינשטעלנדיק ממש זיין לעבן אין געפאַר — זענען אויסגעמיטן געוואָרן גרויסע אומגליקן.

דעריבער האָט די יידישע באַפעלקערונג אויפגענומען מיט פרייד דאָס אַריינמאַרשירנדיקע סאָוויעטישע מיליטער, וואָס האָט זיך טאַקע פריינטלעך באַצויגן צו אַלעמען. ס׳איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט און גענומען אָנפירן מיטן מוניציפּאַלן לעבן. אַלס באַאַמטע זענען צוגענומען געוואָרן פאַרשידענע מענטשן, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, צי סאָציאַלן מעמד. דאַקעגן האָט מען אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אַוועקגעזעצט מיטגלידער פון די לינקע פּאַרטייען, ווי „בונד" און פּועלי־ציון. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, צו וועלכער עס זענען צוגעשטאַנען פיל יידן.

מיטן פּראָקלאַמירן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אין דער רויטער אַרמיי, איז אויך מאָביליזירט געוואָרן אַ צאָל ניעסווישער איינוווינער. אין שטאָט איז איינגעפירט געוואָרן מיליטערישער צושטאַנד און אַרויסגאַנג־פאַרבאָט אין די נאַכט־שעהן. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן שווער, די געשעפטן — אויסגעליידיקט, די פויערן האָבן ניט געבראַנגט קיין פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין.

אין אַלע שולן אויסגעהאַלטן פון דער נייער מאַכט, זענען געפירט געוואָרן די לימודים נאָרמאַל. די העברעישע שול איז איבערגעגאַנגען אויף יידיש. דאַקעגן איז די טעטיקייט פון דער קהילה און פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, געוואָרן אָפּגעשטעלט. אין שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע — „קאָמסאָמאָל", וועלכער האָט געעפנט אַ פּרעכטיקן קלוב, אויסגעשטאַט מיטן מעבל, וואָס איז גענומען געוואָרן פון ראַדזשיווילס שלאָס. דער דאָזיקער קלוב האָט צוגעצויגן אַ סך יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואָלט דאָרט פאַרברענגען די צייט און לייענען צייטונגען.

די סאָוויעטישע הערשאַפט אין ניעסוויזש האָט ניט לאַנג געדויערט. דער ריקצוג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי פון ווייסל האָט אויך דערפירט צום פאַרלאָזן ניעסוויזש דורך די באָלשעוויקעס.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן (1920—1939)

די יידישע באַפעלקערונג האָט מיט געמישטע געפילן אויפגענומען פּוילנס באַפרייונג. פון איין זייט האָט מען געהאָפט, אַז די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט מען מורא געהאַט



דער פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה, ר׳ יואל ראָזאָווסקי
ראש ועד הקהילה ר׳ יואל רוזובסקי

פאַר אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון די פּאָלאַקן, וואָס זענען געווען באַקאַנט מיט זייער שנאה צו יידן. אַ דאַנק דעם פאָרזיצער פון דער קהילה, יואל ראָזאָווסקי, איז די לאַגע פון די יידן אין ניעסוויזש געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטע, ווייל ער האָט געוווסט ווי אַזוי איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט די נייע הערשער און ווייכער מאַכן זייער באַציונג צו די יידן.

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט די

לאַנדסלייט אין אַמעריקע און באַקומען פון זיי אָנגעזעענע סומעס פאַר די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין שטאָט. מיט דער הילף פון „היאס" איז געשאַפן געוואָרן אַ ביוראָ צו העלפן עמיגראַנטן. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו שטיצן די מלחמה־יתומים. אייניקע מיידלעך האָבן זיך פריי־וויליק פאַרנומען מיט פאַריתומטע קינדער.

אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקע, פון „דזשאָינט", פון די שטייערן, ווי אויך פון די הכנסות פון דער חברה קדישא, האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג געהאַט אַ מעגלעכקייט צו העלפן אָרע־מעלייט, גרינדן אַ גמילות־חסד קאַסע, פאַריכטן דאָס הכנסת־אורחים הויז, די באָד און מקווה. נאָר דער עיקרדיקער אויפטו איז געווען דאָס רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעלקערונג פאַר דער פוילישער מאַכט אין פראַגן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום פערזענלעכן, טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם פרט. דאָס איז געווען מעגלעך אַ דאַנק דער צוזאַמענאַרבעט פון די דריי אָנגע־זעענסטע מנהיגים פון דער יידישער קהילה: יואל ראָזאָווסקי, בנימין אייזנבוד און ברוך שמושקאָוויטש.

אין די יאָרן 1931 און 1935 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג, לויט די נייע פאָרשריפטן. די ניי־דערווײלטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון 8 מיטגלידער, וואָס האָט אויך אַרומגענומען פאָרשטייערס פון האָראָדזיי און סנאָוו: יואל ראָזאָווסקי, חיים ליפשיץ, פנחס בומשטיין, יעקב שניצער, אהרון גאָלדין, יהושע קראַוועץ. אַלס פאָרזיצער איז אויסגע־קליבן געוואָרן יואל ראָזאָווסקי.

די חברה קדישא איז באַשטאַנען פון דער „חברה גדולה" און „חברה קטנה". צו די ערשטע האָבן אָנגעהערט אַ ריי בעלי־בתים, וועלכע מ'האָט גערופן גבאים. צו דער צווייטער חברה, די „קליינע", האָבן געהערט בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, קצבים.

אַ וויכטיק געשעעניש איז געווען די גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־באַנק אין אַפּריל 1922, אַ דאַנק דער הילף פון „דזשאָינט" און דער אינסטרוקטאָרישער מיטהילף פון ד"ר חיים שאָשקעס. דער גרעסטער טייל איינוווינער האָט גע־צויגן חיונה פון קליינהאַנדל, האַנטווערקעריי און גערטנעריי — באַשעפטיקונגען וועלכע האָבן געפאָדערט אומזאַץ־קאַפּיטאַל און די יידן, פאַראָרעמטע אין דער מלחמה, האָבן ניט געהאַט די געהעריקע געלט־סומען. דאָס גרינדן די באַנק איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט, ווייל זי האָט געגעבן קאָנסטרוקטיווע הילף די נויטבאַדערפטיקע און אויף באַקוועמע באַדינגונגען. בראש פון דער באַנק־פאַרוואַלטונג זענען געשטאַנען: יואל ראָזאָווסקי, בנימין אייזנבוד, מרדכי דוד אַלפּעראָוויטש, אהרון גאָלדין, מרדכי מענדעלעוויטש און שמואל קראַוועץ. אין אויפזיכט־ראַט: לייבל אייזנבוד, משה אהרון שקאָלניק, אליהו שקאָלניק, אברהם אלי ליבערמאַן, ברוך שמושקאָוויטש אאנ"ד. בוכהאַלטער איז געווען דער שרייבער פון די שורות, ביז זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל (1934), דערנאָך — דוד קולעש.

אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן איז מיט דער הילף פון „דזשאָינט" געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיוו פון די גערטנערס און אַ דאַנק די הלוואות וואָס זיי האָבן באַקומען, איז געלונגען צו אָרגאַניזירן דעם פאַרקויף פון זייערע אוגערקעס. אין שטאָט איז אויך געווען טעטיק אַ סוחרים־פאַריין, בראש מיט אהרון גאָלדין, וועמענס מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט אין די שאַ־צונג־קאָמיסיעס פאַר שטייערן. בדרך כלל זענען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון סוחרים געווען זייער שטורמישע, מיט שווערע טענות אויפן אַדרעס פון דער פאַרוואַלטונג און פון די פאָר־שטייערס אין דער שאַצונג־קאָמיסיע. אויף דעם באָדן איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג און אין יאָר 1930 איז געשאַפן געוואָרן אַ קליינהענדלער־פאַריין, בראש פון וועלכן ס'איז גע־



פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה אין ניעסוויזש. (פאָטאָ: י. כאַיוטין).
ועד הקהילה העברית בניסביז'. מימין לשמאל: אהרן גולדין, פנחס בומשטיין, הרב ירחמיאל בורגמן, יואל רוזובסקי (ראש הקהילה), חיים ליפשיץ, יעקב שניצר, יהושע קרבץ. (צילום: נ. חיותין).



די פאַרוואַלטונג, אויפזיכטס־ראַט און אָנגעשטעלטע פון דער יידישער פאָלקס־באַנק אין ניעסוויזש, אין די יאָרן 1922—1932.

חברי ההנהלה ומועצת הפיקוח והפקידים שפעלו בעשר שנות קיומו של הבנק היהודי־העממי (1932—1922).

בשורה ראשונה יושבים מימין לשמאל: שמואל פרלמן, מישה בשנקביץ, ראובן כץ, יואל רוזובסקי, פנחס בומשטיין, נטע שלומוביץ, ליב קויפמן, מאיר אלפרט, נח שצפורזיצקי. בשורה שניה עומדים: מרדכי מנדלביץ, מרדכי לקח, חנן מירסקי, דוד אלטמן, ירחמיאל מלבסקי, שמואל לייב דנילביץ, מרדכי דוד אלפרוביץ, יצחק ברסוק, אהרן סידרמן, ליפא ירנבורג, אהרן גולדין, יוסף וסילבסקי, שמואל קרבץ, פייבל זאַיאַץ. בשורה שלישית עומדים: ברוך שמושקוביץ, משה רבינוביץ, סנדר זוסמן, לייזר גולרביץ, ברל פבריקנט, שמואל שצפורזיצקי, חנן גולדין, חנה לבס, בנימין יבלבסקי־יואלי, דוד קולש, אברהם רדונסקי. (צילום: משה פאַיאַנס).

שטאַנען מישא באַשינקעוויטש און דערנאָך — דער דענטיסט נחמן כהן. עס זענען דאָרט אויך געווען טעטיק שלמה פאַרפעל און אלתר שטיינבערג.

די האַנטווערקער האָבן נאָך פאַר דער מלחמה זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַריין א. נ. „פועלי צדק" און געשאַפן אַן אייגענע געברויך־קאָאָפעראַטיווע. בראש פון דער שטאַרקער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער דענטיסט פנחס בומשטיין, נח שטשיפורזשיצקי, שמואל פערלמאַן, מרדכי דוד אַלפעראָוויטש, שמואל קראַוועץ, משה לאַכאָוויצקי.

אין דער יידישער פאָלקס־שול האָבן געלערנט קינדער פון די אָרעמע שיכטן, אָנהענגערס פון די לינקע אַרבעטער־פאַרטייען. דאָרט האָט מען אויך געלערנט תנ"ך און די העברעישע שפּראַך. מיט דער הילף פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, איז אויף דער מיכאַלישקער גאַס אויפגעבויט געוואָרן אַ געביידע פאַר דער דאָזיקער שול, וועלכע איז אַהין איבערגעפירט געוואָרן פון דער סטודענצקע גאַס.

די יידישע באַוווסטזיניקע באַפעלקערונג, באַזונדערס די יוגנט, האָט געהאַט פיל גענוס פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וועלכע איז פריער געפירט געוואָרן דורך צעירי ציון—פועלי־ציון און דערנאָך איבערגעגאַנגען צו דער „תרבות"־שול א. נ. פון טשלענאָוו. געווען דאָרט העברעישע, יידישע ביכער און יודאיס־טיק — אין רוסיש.

צוליב דער פיינטלעכער באַציונג פון דער פוילישער מאַכט צו דער יידישער באַפעלקערונג, די שטייערן־פאָליטיק און אַרבעטלאָזיקייט ביי דער יוגנט — האָט זיך געשטאַרקט די עמי־גראַציע מעבר לים: קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אַ דינינקער שטראָם — קיין ארץ־ישראל. נאָך דער עליה פון דער ערשטער גרופּע חלוצים אין יאָר 1920, איז פאַרגעקומען אַן עליה פון יחידים צוליב דער סערטיפיקאַטן־פּאָליטיק פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט. אויסזיכטן אויף עליה זענען גע־ווען שוואַכע. נאָר די חלוצים וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורכן פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צי פון החלוץ — האָבן זוכה געווען עולה צו זיין.

מיט דער פאַרשטאַרקטער עליה אין 1925, איז פון חברים פון צעירי ציון צ. ס. געגרינדעט געוואָרן אין ניעסוויזש אַ החלוץ־אָרגאַניזאַציע אויף צוצוגרייטן קאַנדידאַטן צו עליה. אינעם טאַרטאַק פון פרוי אַבעלעוויטש, וואָס האָט אויך געשטעלט אין רשות פון די חלוצים אַ געביידע ווו זיי האָבן געוווינט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הכשרה־קיבוץ.

אין 1933 איז אויף דער איניציאַטיוו פון דער פועלי־ציון פאַרטיי (צ. ס.), געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון על־טערע פאַכלייט (ביז 35 יאָר) — „העובד", וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער צענטראַלע פון „החלוץ" און זיך פאַרנומען מיט דער עליה פון דערוואַקסענע. דער „העובד" אין ניעסויזש האָט געציילט אַ 30 מיטגלידער און ווינציקע פון זיי האָבן באַ־וויזן עולה צו זיין אין די יאָרן 1934־35: בנימין יעוועלעווסקי (יואלי) און יהודה אַלפעראָוויטש.

אין יענע יאָרן זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען: הפועל המזרחי, החלוץ הדתי, השומר הצעיר, גורדוניה, בית״ר, החלוץ הכלל־ציוני, יונג־וויצ״אָ, „פרייהייט״ און „פרייער סקאוט״.

ציוניסטישע טעטיקייט

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, איז די ציוניסטישע טעטיקייט געפירט געוואָרן דורך דער איינציקער אָרגאַניזאַציע פון די צעירי־ציון, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשפרייטן דעם שקל, באַשטייערונגען פאַרן קרן קיימת, ענינים פון עליה און פון החלוץ. אין די באַשטייער־רונג־אַקציעס פאַרן קרן היסוד זענען געווען אַקטיוו די עלטערע ציוניסטן. שפּעטער, ווען עס זענען אַנטשטאַנען נאָך ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, האָט די גאַנצע טעטיקייט אָנגענומען אַ גאַר אַנדערן כאַראַקטער. בראש פון דער בשותפותדיקער קרן קיימת קאָמיסיע איז געשטאַנען דער מורשה ברוך שמושקאָוויטש, דער־נאָך — יצחק מאָלטשאַדסקי.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז יידן אין ניעסוויזש האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך סימפּאַטיע צום ציוניזם, געגעבן אָנגעזעענע באַשטייערונגען. אויך דער רעליגיעזער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז ניט געווען אַזוי פאַנאַטיש. „אגודת ישראל״ האָט אינגאַנצן ניט עקזיסטירט. דער הרב ירחמיאל בורגמאַן איז געווען נייטראַל און טיילמאָל אַפילו זיך באַטייליקט אין ציוניס־טישע מיטינגען.

לינקע פּאַרטייען, ווי דער „בונד״, לינקע פּועלי־ציון און יידישע קאָמוניסטן האָבן ניט עקזיסטירט אין ניעסוויזש, אָבער זייערע אָנהענגערס און סימפּאַטיקערס האָבן זיך קאָנצענטרירט



קאָמיטעט פון קרן קיימת לישראל אין יאָר 1932. (פאָטאָ: נ. כאַיוטין).

ועדת הקרן קיימת לישראל בשנת תרצ״ב (1932).

עומדים (מימין לשמאל): אליהו צדוק, אנגלוביץ אברהם ברזיז, משה מלבסקי, חיים נובומיסקי? גולדה פרפל, יהושע פוחובסקי.
יושבים (מימין לשמאל): גרזון, יצחק מולצ׳דסקי, יוסף גבאי (מורשה), ברוך שמושקוביץ, נפתלי חיותין (גזבר). (צילום: נ. חיותין).

אַרום דער יידיש־וועלטלעכער פאָלקס־שול און בעת וואַלן זענען זיי אַרויסגעטרעטן קאָנסאָלידירט און אַפילו דעראָבערט געוויסע פּאָזיציעס. צו די אָנגעזעענסטע טוערס פון דעם לאַגער האָבן געהערט: לייבל אייזנבוד, משה אַרקע שקאָלניק, אברהם אליהו ליבערמאַן, אייזיק אַלבענסקי.

דאָס רעליגיעזע לעבן אין שטאָט איז געקומען צום אויס־דרוק אינעם דאַווענען אין די שולן, אין לערנען תלמוד, משניות און עין־יעקב. די רעליגיעזע אַנשטאַלטן, ווי דאָס בית־הקברות, מיקווה, שעכטהויז, תלמוד־תורה — זענען אויסגעהאַלטן גע־



די ערשטע עולים פון ניעסוויזש צו זייער עולה זיין קיין ארץ־ישראל, דעם 9.7.1920. (פאָטאָ: מ. פאַיאַנס)

משפחות החלוצים וקרוביהן וחברי „צעירי ציון״ במסיבת־פרידה לעולים הראשונים מיוצאי ניסביז׳ ביום עלייתם לארץ־ישראל — 9.7.1920.
שורה חמישית מימין לשמאל: ועד העליה — משה רבינוביץ, יואל רוזובסקי, בנימין אייזנבוד, בוריס מייזל, הירש נטע אייזנבוד, ברוך שמושקוביץ.
שורה רביעית: יוסף דב סדובסקי, ד״ר מוגילנסקי ולאנדא (משלחת מארצות הברית), שלמה לוין, אהרן גולדין, פימשטיין, מקלר. שורה עליונה — החלוצים העולים, מימין לשמאל: מוטיל קרפף, יוסף קירזנר, מאיר שבת, יוסף סירוטא, זלמן שיפריס, שרה לאה אנגלוביץ, משה שטיינהויז (בן ארצי), משה מנקר, שאול מקלר, פייבל לוין. (צילום: משה פאַיאַנס).



די העברעישע פאָלקס־שול אויפן נאָמען פון ד״ר טשלענאָוו אין ניעסוויזש. (פאָטאָ: משה פאַיאַנס)
בית הספר העברי העממי ע״ש צ׳לנוב ב־1920.
מימין לשמאל יושבים במרכז המורים: יצקה מולצ׳דסקי, המנהל משה מלניק, הינדה אייזנבוד ושלמה דמשק.
בשורה העליונה עומדים: חברי הנהלת בית הספר: יעקב אנדרוסיאר, ברוך שמושקוביץ, ד״ר איזידוד מוגילנסקי (שליח בני העיר באמריקה) בנימין אייזנבוד, יואל רוזובסקי, לנדא (מאמריקה), משה רבינוביץ, בנימין יעוועלעווסקי—יואלי.

וואָרן דורך דער קהילה־פאַרוואַלטונג און די אויפזיכט אויף כשרות האָט באַלאַנגט צום רב פון שטאָט.

דער רוב איינוווינער זענען געווען גלויביקע יידן, וואָס האָבן אָפּגעהיטן מצוות און מינהגים. אין די שבתים און יום־טובים האָט מען ניט געאַרבעט. אמת, אויף געוויסע ערטער זענען געווען דורכבראָכן, ווי ספּאָרט־פאַרמעסטונגען פון דער יוגנט, אַ פּריזירער פלעגט אַמאָל אַרבעטן נאָך ליכט־בענטשן, אָדער אין אַ געשעפט האָט מען הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס געקענט עפּעס קויפן. צוליב דעם סאָציאַלן צונויפשטעל פון די יידן, ווייל דער גרעסטער טייל זענען געווען קליינהענדלער — איז די צאָל לוין־אַרבעטער געווען אַ קליינע, דער רוב לערנ־יינגלעך און לוין־אַרבעטער ביי די יידישע פאַכן. אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, אויף דער איניציאַטיוו פון פּועלי־ציון (צ. ס.), וועלכע האָט אויסגעקעמפט און אָפּגעהיטן דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען ניט געווען קיין ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס אין ניעסוויזש. ערשט אין 1922, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון צעירי ציון, איז געשאַפן געוואָרן די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מכבי״, וועלכע האָט אַפילו צוגעגרייט אַ באַזונדערן גימנאַסטיק־פּלאַץ אינעם הויף פון דער געזעל־שאַפט „בריאות״. שפּעטער איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פוט־באָל־מאַנשאַפט און דערנאָך, אַ דאַנק דער „פרייהייט״, איז אַנטשטאַנען דער ספּאָרט פאַרבאַנד „הפּועל״ מיט אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט.

די אַנטוויקלונג פון שטאָט אין די יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט

באַלד נאָך פוילנס באַפרייונג, זענען די שטאָטישע ענינים געפירט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג נאָך פון די צאַרישע צייטן, אין וועלכער עס זענען אויך געזעסן פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער איינציקער יידישער באַאַמטער אין מאַגיסטראַט איז געווען שלמה באַשינקעוויטש, וועמען מ׳האָט אין די צייטן פון דער רוסישער ממשלה גערופן „סבאָרשטשיק״ (שטייערן־איינמאָנער). אין יאָר 1927 זענען פאָר־געקומען וואַלן צום שטאָטראַט. די צאָל יידישע וויילערס איז געווען אַ גרעסערע ווי פון די קריסטלעכע. פון 23 ראַטמענער זענען אויסגעקליבן געוואָרן 12 יידן און 11 קריסטן. דאָך איז די יידן ניט איינגעפאַלן פאַרצולייגן זייערס אַ פאָרשטייער אַלס פאָרזיצער פון שטאָטראַט. די באַציונגען צווישן די יידישע און קריסטלעכע ראַטמענער זענען געווען קאָרעקטע.

אין די יאָרן פון פוילנס הערשאַפט, האָט די שטאָט זיך גוט אַנטוויקלט. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן עלעקטראָסטאַציע, אַ סך גאַסן זענען געפלאַסטערט געוואָרן, מ׳האָט אויסגעטרוקנט זומפּן, די ווילענסקי גאַס איז פאַרלענגערט געוואָרן, מ׳האָט פאַרפלאַנצט ביימער אויף די גאַסן, ס׳איז הינטער דער שטאָט צוגעגרייט געוואָרן אַ באַזונדערער מאַרק פאַר בהמות און עס זענען אויפ־געבויט געוואָרן פאַרשידענע עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

ס׳איז אויך אויסגעברייטערט געוואָרן דער מוניציפּאַלער שטח און אַרומגענומען די דערפער אָגאָראָדניקי און רודאַווקא — און צוליב דעם איז די צאָל יידישע איינוווינערס דערגאַנגען

ביז אַ דריטל פון דער אַלגעמײנער באַפעלקערונג אין ניעסוויזש.

לויט דער פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1921, האָט דער יידישער ישוב אין ניעסוויזש געציילט 3,346 נפשות פון 6,840 אײנוווינער (48,9%), און נאָך דער פאָלקס־ציילונג אין 1931 — 3,364 יידן פון 7,586 (44,3%).

אין דער פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1921, זענען אין ניעסוויזש געווען: קאַטאָליקן — 2,319; פּראַוואָסלאַוונע — 1,155; פּראָטעסטאַנטן — 13, יידן — 3,346; אַנדערע — 7. לויט דער נאַציאָנאַליטעט: פּאָלאַקן — 3,034; ווייסרוסן — 643; דייטשן — 5, יידן — 3,106; אַנדערע — 52. סך־הכל — 6,840 נפשות.

דער אונטערשיד ביי יידן לויט דער רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט, ווי אויך ביי די רוסן און פּראַוואָסלאַוון, זענען אַ רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג, ווייל זי איז געווען פאַראינטערעסירט אויפצוווייזן, אַז אויף די ראַנד־געביטן (קרעסן) וווינען וואָס מערער פּאָלאַקן, דעריבער האָבן די וואָס האָבן ניט געקענט די פּוילישע שפּראַך און זיך ניט פונאַנדערגעקליבן אין דעם פּראָבלעם — האָבן די פּוילישע באַאַמטע פאַרשריבן אינעם אַנקעטע־בויגן פון דער פאָלקס־ציילונג די נאַציאָנאַליטעט פון די דאָזיקע יידן — ווי פּאָלאַקן. עס לייגט זיך ניט אויפן געדאַנק, אַז אַפילו איין ייד אין ניעסוויזש זאָל האָבן דעקלאַרירט זיין נאַציאָנאַליטעט אַלס פּוילישע...

אויף דער שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט

נ ח מ י ש ק אָ ו ו ס ק י

(צוויי קאַפּיטלען, 19 און 20, פון זיין בוך „מיין לעבן און מיינע רייזעס”, ערשטער באַנד, מעקסיקע, 1947).

די גרינדונג פון דער צווייטער יידישער שול אין רוסלאַנד

קומענדיק אין ניעסוויזש, האָב איך זיך גלייך באַקאַנט מיט טוביה באַבושקין, אַ פאַרשיקטן רעוואָלוציאָנער פון האָמליע, מיט דער דענטיסטקע סאָניע באָגאָטין, מיט יעקב מאַכטיי, אַ פּ. פּ. ס.־ניק פון וואַרשע און אַנדערע סאָציאַליסטן. אין דער לופט האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט רעוואָלוציע. איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיט יעקב אַווינאַוויצקי, די לערער בעקערס, מיט פאַלק און באָריס האַלפּערינס — די פאַרשטייער פונעם ציוניסטישן געדאַנק. מיינע סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס האָבן זיך דאַן געשטאַרקט און מיינע ציוניסטישע סימפּאַטיעס זענען אַלץ געוואָרן שוואַכער. און אין דער אמתן, צו וואָס דאַרפן מיר זיך אַזוי אָנשטרענגען פאַרן פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק, ווען אָט אָט מוז פאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם און ער וועט אונדזער נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרענטפערן איינס און צוויי... מיר מוזן איצט אַלע אונדזערע כוחות אַוועקגעבן פאַרן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אונדזערן. דער ציוניזם און בונדיזם האָבן רעוואָלוציאָניזירט אונדזער יוגנט און אַ טייל פון אונדזער עלטערער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט זיך דאַן נאָך שטאַרקער אַ נעם געטאָן צו בילדונג, צום לייענען. אין ניעסוויזש איז דאַן געגרינדעט געוואָרן אַ שיינע ביבליאָטעק, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג געווען אָפן און זי איז אַלעמאָל געווען איבערגעפּולט מיט לייענער. פאַרזאַמלונגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען זענען אין ניעסוויזש געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. מען האָט אָפט דיסקוטירט וועגן פאַרשיידענע יידישע און אַלגעמיינע פראַגן. די סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהויבן אַריינציען אין דער באַוועגונג די יידישע אַרבעטער, גרינדן אַרבעטער־קרייזלעך, קריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אַרויסרופן שטרייקן. איך געדענק ווי איצט מיט וואָס פאַראַ זשעדנעקייט מיר פלעגן זיך אַרויפוואַרפן אויף דער פאַרבאָטענער ליטעראַטור און מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג מיר פלעגן זי לייענען. די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. עס איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען די יידישע פּרעסע. עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דער פריינד”. עס זענען אויפגעקומען נייע יידישע שרייבער, עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען נייע יידישע ביכער, זאַמלביכער, בראָשורן מיטן פאַרשיידנסטן אינהאַלט.

דער פּעפּעסאָוויעץ יעקב מאַכטיי האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע אַרבעטער־שניידער, שוסטער, שמידן און איינציקע שניידערינס, וועלכע ער האָט געלערנט לייענען און שרייבן רוסיש, האָפנדיק מיט דעם צוציען זיי צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. צו איינער פון זיינע לעקציעס האָט ער מיך איינגעלאַדן. זיי, די יידישע אַרבעטער, האָבן אויף דער לעקציע שווער געאַרבעט. געשוויצט און פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט באַנעמען די גרויסע תורה און איבערזאָגן די רוסישע ווערטער „מאַט קאַטשאַיעט דיטיאַ” (די מוטער וויגט דאָס קינד). אויך האָט ער מיט זיי געלערנט אַריטמעטיק אין רוסיש, וואָס דאָס איז שוין פאַר זיי געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. ווען די קרבנות פון „וויסנשאַפט” זענען אַוועק, האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ דעבאַטע. איך האָב אים געזאָגט, אַז די אַרבעט פון לערנען זיי רוסיש איז אין גאַנצן אַן אַרויסגעוואָרפענע. די מערסטע פון זיי וועלן סיי ווי סיי אַוועקפאָרן ווער אין אַמעריקע און ווער אין אַפריקע, און גלאַט, פאַר וואָס מוטשעט ער זיי, די אַרבעטער, וועלכע האָרעווען אַזוי שווער ביי שלמהן דעם שניידער און איטשקען דעם שמיד מיט זיין רוסיש לערנען זיי, וואָס וועלן אפשר זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען, אין דער צייט ווען דאָס לייכטסטע און בעסטע איז אַנטוויקלען און אויפקלערן זיי אין יידיש. ערשטנס, קענען זיי כמעט לייענען יידיש און דאָס וואָס זיי פאַרשטייען נישט, דאַרף ער בלויז זיי דערקלערן אין יידיש.

ער האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט, ווי פאַר אים וואָלט געשטאַנען דער פאַרברענטסטער אַפּיקורס. דער געדאַנק, אַז מען קען אַנטוויקלען סאָציאַליסטן אין דער יידישער שפּראַך איז פאַר אים געווען גאָר אַ נייער. אין גיכן איז ער אַוועק געפאָרן און איך האָב די גרופּע איבערגענומען — געמאַכט די ערשטע פּראָבע. אָנגעהויבן זיי לערנען, אַנטוויקלען און דערקלערן אין יידיש. איך האָב געלייענט מיט זיי אין יידיש „די מעשה מ׳ט די פיר ברידער”, „פון וואָס אַ מענטש לעבט”, די בראָשורן און פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון „בונד”, אַמעריקאַנישע און אויסלענדישע יידישע אויסגאַבעס, געזונגען מיט זיי לידער פון דער זאַמלונג „פרייהייט” — און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. איך האָב זיי געגעבן אַן עלעמענטאַרע באַקאַנטשאַפט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. די אַרבעטער האָבן זיך גאַנץ גוט באַקאַנט מיט די סאָציאַליסטישע אידייען און זיי איז דאָס אָנגעקומען בערך גרינג.

אין דער זעלביקער צייט בין איך געצוווּנגען געווען ווידער

צו עפענען אַ שול פאַר אָרעמע קינדער. מען האָט מיך פשוט פאַרוואָרפן מיט בקשות. ווידער די זעלביקע מעשה ווי מיט מיין ערשטער שול אין דער מיר. זיי, אַ סך עלטערן, האָבן געהאַט צו מיר טענות: איך לערן אָרעמע קינדער אָן געלט, פאַר וואָס זאָל איך גראַדע לערנען יענע קינדער און נישט זייערע, וועלכע זענען אַזוי אָרעם, ווי יענע? און פאַר וואָס זאָל איך אין ניעסוויזש נישט גרינדן אַזאַ שול, ווי אין דער מיר.

פאַר די צוויי יאָר איז שוין די לאַגע צו גרינדן אַ מאָדערנע יידישע שול געוואָרן אַ סך אַ בעסערע. מיר האָבן שוין אי'צט פאַרמאָגט אַ יידישע מאָדערנע טעגלעכע צייטונג, מיט אינטערעסאַנטע ביילאַגעס, מיר האָבן פאַרמאָגט מערער שרייבער, עס האָבן זיך געעפנט אייניקע פאַרלאַגן וואָס האָבן אַרויסגעגעבן נוצלעכע ביכער פאַרן פאָלק, אויך לערער האָבן מיר געהאַט אַ סך בעסערע ווי אין דער מיר — לערער מיט אַ פעדאַגאָגישן סטאַזש, און איך האָב באַשלאָסן צו עפענען אַ שול אין ניעסוויזש אַזוי ווי אין דער מיר, פאַר אָרעמע, זיי זאָלן זיך לערנען אומזיסט און מיר די לערער זאָלן אַליין דעקן די אַלע הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אונטערנעמונג. און איך האָב אָנגעהויבן זוכן לערער פאַר דער שול. אָבער, ווען איך האָב אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט די לערער וועגן דער שול, האָבן מיר זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף דער שפּראַך־פראַגע, אויך דאָ אין ניעסוויזש איז די באַלעבאַטישע אינטעליגענץ געווען פאַרקאָכט אין דער העברעישער שפּראַך און איז געווען העברעיסטיש געשטימט. די דעמאָקראַטישע אי'נטעליגענץ האָט פאַרגעטערט די רוסישע ליטעראַטור, שטאָלצירט מיט דער רוסישער שפּראַך און האָט געוואָלט, אַז די שול־שפּראַך זאָל זיין אויסשליסלעך רוסיש און נישט מען ווי אַן אומבאַדייטענדער טייל פון דער אינטעליגענץ האָט דערלאָזן, אַז מען קען די אַלע נייטיקע געגנשטאַנדן לערנען אין יידיש, כאָטש פאַר יידישיסטן וואָלט איך זיי ני'שט אָנגענומען, נישט נעמענדיק אין אַכט וואָס זיי זענען געווען באַגייסטערט פון מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע. אין דער העכערער אינטעליגענץ האָבן זיך געפונען די ברידער האַלפערין באָריס און פאָלק (באַוווּסטער יידישער שרייבער און פעדאַגאָג, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ארץ־ישראל), די ברידער בעקער (איינער פון זיי האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן אי'ן רוסיש דעם „יונגן ישראל” און, ווי איך האָב געהערט, איז ער רעדאַקטאָר פון אַן אָפיציעלער צייטונג אין ראַסטאָוו־פאַרבאַנד). זיי זענען אַלע געווען פאַרקאָכטע ציוניסטן־העברעיסטן. די איזראַילס, די ליפשיצעס און אַ סך אַנדערע זענען געווען נאָר פאַר רוסי'ש. נישט מער ווי איך אַליין בין געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר יידיש, ווייל איך בין דאַן געווען איבערצייגט, אַז אין אונדזער מוטער־שפּראַך וועלן מיר אין אַ קורצער צייט דערגרייכן אַ סך גרעסערע רעזולטאַטן ווי אין העברעיש אָדער רוסיש. איך האָב געוווּסט, אַז ה'נטער מיר שטייען, כאָטש אומבאַוווּסטזיניק, די בעלי־מלאכות, די אַרבעטער. און אויב לערנען רוסיש, איז שוין פאַר די קינדער בעסער גיין נישט אין אַ יידישער שול, נאָר אין די רוסישע פאָלקס־שולן. אונדזער יידישער שול אונטערשיידט זי'ך דאָך פון דער רוסישער מיט דעם, וואָס זי איז אַ יידישע. די אָפטע קריגערייען וועגן דער שפּראַך פון דער שול האָבן דערפירט צו דעם, אַז מיר איז אויסגעקומען צו האָבן אַן עפנטלעכע דעבאַטע מיט פאָלק האַלפערין וועגן דער פראַגע אין וועלכער שפּראַך מיר זאָלן לערנען די קינדער אין אונדזער שול. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען פאַר העברע'יש און איך — פאַר יידיש. ער האָט זיין העברעיזם באַגרינדעט טעאָרעטיש, היסטאָריש און איך בין געווען פאַר יידיש צוליב דער פראַקטישקייט. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די דעבאַטע האָט זיך געצויגן צוויי טעג, צוויי שבתים, זענען מיר פאָרט צו קיין איינשטימי'קן באַשלוס נישט געקומען. ער איז פאַרבליבן פאַר העברעיש און איך פאַר יידיש. דער סוף איז געווען, אַז מיר, די אַלע לערער, זענען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז אין אונדזער שול זאָל מען לערנען די אַלע דריי שפּראַכן — יידיש, רוסיש און העברעיש. דער לערער־צוזאַמענשטעל פאַר דער ערשטער צייט איז געווען: איזידאָר מאַגי'לענסקי (דער נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער דאָקטער איזידאָר מאַגיל), לייבל סלאָנימסקי, (איצט ד״ר ל. סלאָנימסקי אין ניו־יאָרק), רבקה ליסיצקי (איצט רבקה ווינער — אַ לאַנגיאָריקע לערערין אין די ניו־יאָרקער שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדען), חוה ליפשיץ (איצט אַ דאָקטערין אין ראַסטאָוו־פאַרבאַנד), משה איזראַיל (אַרבעט אין „לבנון”־שפיטאָל), אַלטער קוואַטשקאָ און מיין ווייניקייט.

מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן געדונגען אַ דירה פון אַ גרויסן צימער און אַ קלענערן, אויסגעקלעפּט מודעות אויף אַ פּאָר בתי־מדרשים, אין וועלכע מיר האָבן געלאָזט וויסן, אַז מיר עפענען אַ יידישע שול, אָנגעגעבן די געגנשטאַנדן, ווי אויך, אַז מיר נעמען אָן בלויז אָרעמע, געלאָזט וויסן אין וועלכן טאָג די קינדער זאָלן קומען מיט די עלטערן זיך פאַרשרייבן. אָפּגערעדט איז ביי אונדז געווען, אַז מיר נעמען אַריין בלויז די קינדער, וועמענס עלטערן האָבן נישט געקאָנט צאָלן קיין לערער אָדער מלמד. אויף סאָרטירן די קינדער און באַשטעטיקן, אַז זיי זענען זייער אָרעם, איז באַשטימט געוואָרן אַ באַזונדערע קאָמיסיע. מיר האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט, אַז די מלמדים אָדער לערער זאָלן אונדז באַשולדיקן, אַז מיר קאָנקורירן מיט זיי. דאָ האָבן מיר שוין באַשטעלט אַ גרויסן, שוואַרצן, הילצערנעם טאָוול און בענק, זיך באַזאָרגט מיט ביכער, ביכלעך, קליינע טאָוולס און גריפלען פאַר די קינדער, פאַפּיר, טינט, מיט קלאַס־זשורנאַלן און אָנגעהויבן לערנען די קינדער. פאַרשריבן האָבן זיך גאָר אַ סך קינדער, אָנגענומען האָבן מיר עטלעכע און זעכציק, מיט וועלכע עס האָבן געלערנט זעקס לערער. און מאָדנע, אַלע אָנגעקומענע און אַריינגענומענע אין דער קינדער־שול, זענען געווען — מיידלעך. די עלטערן, קענטיק, האָבן זייערע יינגלעך נישט געוואָלט אַריינגעבן אין אונדזער קינדער־שול.

פאַר מי'ר איז ווידער אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן יידישע ביכלעך פאַר אונדזערע קינדער. מיר איז אויסגעקומען זייער שווער אויסזוכן פאַר די קינדער מעשהלעך, דערציילונגען, לידער, פאַבלען אין יידיש. קיין לערן־ביכלעך האָבן די קינדער נישט געהאַט, ווייל אַזוינס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. און אויב אי'ך פלעג זיך אָנשטויסן אויף אַ ביכל, וואָס איז פּאַסיק פאַר קינדער, איז דאָס ביכל געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. און ווי גליקלעך דאָס קינד איז געווען, ווען עס האָט געקראָגן אַזאַ ביכל! אַ גרויסע טובה האָבן מיר דאַן געטאָן אברהם רייזין און וואַרשאַווסקי, וואָס האָבן דאַן אַרויסגעגעבן קליינע זאַמלונגען פון זייערע לידער. די עלטערע קינדער האָבן זייער ליב געהאַט זאָגן אויף אוי'סווייניק אָדער דעקלאַמירן רייזינס לידער און נאָך מער האָבן זיי ליב געהאַט צו דעקלאַמירן און צו זינגען וואַרשאַווסקיס האַרציקע פאָלקסטימלעכע לידער. אי'ך האָב זיי אויסגעלערנט דעקלאַמירן אַ סך לידער פון פרוגן און פּרצן. אויף וויפל די קינדער האָבן עס ליב געהאַט, קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס זיי פלעגן עס אויסלערנען זייערע עלטערן. עס איז כמעט נישט געווען קיין אָרעם הויז אין ניעסוויזש, ווו מען זאָל נישט זינגען וואַרשאַווסקיס לידער. איך געדענק, כ'פלעג אָפט שפּאַצירן איבער די געסלעך אַרום דעם שול־הויף אָדער אויף ניי־שטעטל און שעפּן נחת, זעענדיק ווי אַ פרוי זעצט אַריין ברויט אי'ן אויוון, זינגענדיק דערביי מיט אַ טיף יידישן קרעכץ:

ווו נעמט מען כוחות, קינדער,
קיין כוחות איז נישטאָ,
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ...

און פון אַ צווייטער הויז הערט זיך שוין אַ כאָר. דאָ זינגט מען „אוי'פן פריפעטשיק".

וועגן פּראָגראַם און גייסט פון שול:

כאָטש עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שול זאָל זיין אַ דריי שפּראַכיקע, איז זי אין דער אמתן געווען אַן איין שפּראַכיקע — אַ יידישע. רוסיש און העברעיש זענען געווען בלויז געגנשטאַנדן, אָבער די שפּראַך פון דער שול איז געווען יידיש. אַפילו רוסיש און העברעיש האָבן די לערער געמוזט לערנען אין יידיש. ערשטנס, האָבן די קינדער קיין אַנדער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען און מען האָט זיי אָן יידיש גאָרנישט נישט געקענט דערקלערן. צווייטנס, איז נאָך דאַן די טעאָריע פון עברית בעברית אָדער רוסית ברוסית אונדז געווען נישט באַוווסט. די אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן ווי יידישע געשיכטע, געאָגראַפיע, אַריטמעטיק, האָט מען געלערנט אין יידיש. דיקטאַט, קאָמפּאָזיציע, געשפּרעכן, שמועסן — זענען געווען אין יידיש, ווי אויך יידישע מעשיות, יידישע לידלעך, יידישע ליטעראַטור. די שול איז געווען אַ וועלטלעכע, אַ פּראָגרעסיווע. זי איז געווען נישט אַ דערגאַנצונג פון עפּעס אַן אַנדער שול, נאָר אַ גאַנצע שול, ווו מען האָט געלערנט פון 9 א'ן דער פרי ביז 3 בייטאָג די אַלע געגנשטאַנדן, וועלכע מען האָט דאַן געלערנט אין די אייראָפּעישע אָנפאַנג־שולן.

איך געדענק נישט אויף געוויס, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז די קינדער האָבן געדאַרפט עפּעס אַ קלייניקייט יאָ צאָלן. נאָר די מערהייט האָט אַפילו די קלייניקייט אויך נ'שט געקענט צאָלן. מיר, די לערער, און צו דער זעלביקער צייט די פאַרוואַלטער, האָבן געהאַט גרויסע הוצאות: צאָלן דירה־געלט, קויפן די נייטיקע מאַטעריאַלן, מכשירים, טאָוולען, גריפלס, פּאַפּיר, ב'כלעך. אמת, די קינדער האָבן אונדז געדאַרפט אויסצאָלן, נאָר זעלטן ווער עס האָט דאָס געטאָן. זיי האָבן פּשוט דאָס געלט נישט געקענט קריגן. מיר, די לערער, זענען געווען ווייט נישט קיין רייכע און זייער גיך איז געקומען די צייט, ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים באַנקראָט. מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַן אונטערנעמונג, אויף וועלכער די גאַנצע פּראָגראַם זאָל דורכגעפירט ווערן אויסשליסלעך דורך די קינדער פון אונדזער שול. מ'ר האָבן אָנגעהייבן צוצוגרייטן די קינדער צו דעם אָוונט, ווען זיי וועלן אַרויסטרעטן פאַרן עולם און ווייזן וואָס זיי קענען. מיר האָבן זיך צו דער אונטערנעמונג געגרייט אַ פּאָר חדשים, אין משך פון דער צייט זענען די לערער געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אויסער דער צייט וואָס מיר האָבן געלערנט, פלעגן די לערער איינלאַדן די קינדער צו זיך אַהיים און יעדן טאָג איינחזרן מיט זיי זייערע ראָלן. די קינדער האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט, ווי צו זייער גרעסטן יום־טוב. דער אָוונט האָט געדאַרפט טראָגן אינגאַנצן אַ יידישן און אַפילו אַ יידישיסטישן כאַראַקטער. אַלע פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, פערזאָניפיצירונגען און לידער זענען געווען אויסשליסלעך יידישע.

די גאַנצע צוויי חדשים האָבן די לערער און די קינדער געהאַט נאָר איין טעמע — דער אָוונט. און ס'איז טאַקע געווען אַ וועלט מ'ט אַרבעט. די קינדער האָבן געדאַרפט פאָרלייענען גאַנצע שטיקער פון מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ און שלום עליכם, דעקלאַמ'רן לאַנגע פּאָעמען פון פרוג, אייניקע לידער פון פּרץ, רייזין און אַנד., פאַבלען פון קרילאָוו, וועלכע זיי האָבן פערזאָניפיצירט, זינגען אַ פינף־זעקס לידער פון וואַר־שאַווסקי און אייניקע פאָלקס־לידער. אויך האָבן זיך די לערערינס פאַרנומען מיט קריגן פּאַסיקע קליידער פאַר די קינדער, וועלכע האָבן זיך אין דעם געניטיקט.

ענדלעך איז דער גליקלעכער טאָג געקומען. די קינדער האָבן זיך אָנגעטאָן, ווי נאָר זיי האָבן געקענט אין יום־טובדיקע קליידער, אויסגעפּוצט די שיכלעך, די האָר שיין פאַרקעמט, זיי האָבן אַלע געטראָגן שטענגלעך אין די האָר. די שטענדיק אָפּגעריסענע, באָרוועסע קינדער איז געווען נישט צו דערקענען. און עס איז שווער איבערצוגעבן די גרויסע פרייד, דעם גרויסן גל'יק, וואָס די קינדער האָבן דאַן דורכגעלעבט: זייער ערשטער גרויסער יום־טוב. (פאַרשטייט זיך, אַז אונדז, די לערער, און ספּעציעל די לערערינס האָט עס אָפּגעקאָסט אַ שיינע פּאָר רובל). מיר האָבן גענומען דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט, בעלינסקעס זאַל, אין מיטן מאַרק, און מיר האָבן איינגעלאַדן אַלע יידן, די גאַנצע שטאָט. מיר האָבן געוווּסט, אַז די סימפּאַטיע איז מיט אונדז — און מיר האָבן זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. אין אָוונט איז שוין דער גרויסער זאַל געווען געפּאַקט־איבערגעפּאַקט און פּונקט 8 אַ זייגער זענען מיר צוגעטראָטן דורכצופירן ד' פּראָגראַם.

פאַר די לעצטע פערציק יאָר האָב איך דורכגעלעבט אַ סך אָוונטן, ווען די פאַרזאַמלטע זענען געווען העכסט באַגייסטערט. נאָר אַזאַ באַגייסטערונג, אַזאַ הייליקייט האָב איך דורכגעלעבט מער נ'שט ווי דעם איינציקן מאָל. איך געדענק נישט גענוי די גאַנצע פּראָגראַם, נאָר דאָס געדענק איך, אַז דער עולם איז אַבסאָלוט דעם גאַנצן אָוונט געווען אויף דער העכסטער שטופע פון באַגייסטערונג, פון עקסטאַז. די אַפּלאָדיסמענטן נאָך יעדן נומער זענען פּשוט געווען ווילדע און די קינדער האָט מען געכאַפּט, געדריקט צום האַרצן, געקושט און אַ סך מתנות זיי געשענקט. קענט איר באַגרייפן דאָס גליק פון די גאָט פאַרגעסענע קינדער און פון זייערע דערנידעריקטע און באַליידיקטע מוטערס און פאָטערס? (וועלכע, פאַרשטייט זיך, זענען אַריינגעלאָזן געוואָרן פריי, אַלס אונדזערע בכבוד'יקע געסט).

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער שטאָט ניעסוויזש האָבן זיך אַלע קלאַסן יידן פאַרזאַמלט אין דעם גרויסן פּריצישן זאַל אויף אַ מאָדערנער יידישער אונטערנעמונג, אויף וועלכער עס איז גערעדט געוואָרן, געזונגען, דעקלאַמירט, פאַרגעלייענט און פאָרגעשטעלט געוואָרן אין אונדזער מוטערשפּראַך, אין אַ ריינעם, שיינעם, ליטעראַרישן יידיש. און דורך וועמען? דורך ד' אָרעמסטע קינדער, וועמען זיי אַליין קענען און ווייסן, אַלס פון גאָט פאַרגעסענע, פון גאָט פאַרשטויסענע.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר, די לערער, זענען געווען אויפן זיבעטן הימל פון דעם אומבאַשרייבלעכן דערפאָלג און דעם דערפאָלג פון די קינדער, וועלכע האָבן דאַן אָן צווייפל דורכגעלעבט דעם גליקלעכסטן מאָמענט אין זייער לעבן. און אונדזער שול איז דאַן באַליבט געוואָרן אין אונדזער שטאָט און געקראָגן אַ נאָמען אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אינסט'טוציעס אין שטאָט און די אָנערקענונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו דער פאָרשטייער פון די ציוניסטן יאַקאָוו אַווינאָוויצקי איז אין אַ קורצע צייט שפּעטער געקומען צו אונדז אין שול און אַריינגעשריבן זיין לויב־געזאַנג אין אונדזער קלאַסן־זשורנאַל.

און דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער לעבן שפּילט די יידישע שפּראַך, וויפל גליק, שוין נישט ריידנדיק וועגן נוצן, עס קאָן אונדז געבן די דערציונג אין יידיש, און איך בין מיט מיין יידיש נאָך פעסטער, נאָך שטאָלצער געוואָרן. (פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז געווען מיט 47 יאָר צוריק, ווען קיינער האָט וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט). און דאָס האָט מיר געגעבן מוט אויף דעם ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן

אין באָסטאָן אין 1906 אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע וועגן גרינדן דאָ אין אַמעריקע יידישע, וועלטלעכע פאָלקס־שולן, מיטלשולן און העכערע שולן. די דעלעגאַטן האָבן מיר דאַן אָנגעקוקט, ווי אַ גרויסן פאַנטאַזיאָר.

נאָכן אָונט איז די שול געוואָרן אויף אַזוי פיל פּראָמינענט אין שטאָט, אַז אונדזערע קעגנער, די פריידיקער פון דערציִען אונדזערע קינדער אין רוסיש אָדער העברעיִש, האָבן נישט געוואָגט צו באַקעמפן די יידישע שול. אַפילו די פרומע יידן, וואָס זענען געווען קעגן דער שול צוליב איר וועלטלעכקייט און פאַר וואָס מען לערנט נישט מיט די קינדער די יידישע רעליגיע האָבן איינגעזען, אַז זי איז דורך און דורך נאַציאָנאַל־יידישלעך און איפּגעהערט אונטערצומורמלען אויף „די קלאַסן". אַ סך פון אונדזער רוסיש־העברעיִשער אינטעליגענץ האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער אַרבעט און שטאַרק אַרויסגעהאָלפן.

די באַציִונגען פון די קינדער צו די לערער און פון די לערער צו די קינדער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך וואַרעמע, חברישע. די קינדער האָבן געקוקט אויף די לערער ווי אויף געטער, וואָס גיבן זיך אַזוי פיל אָפּ מיט זיי. און די לערערינס ריידן מיט זיי, פאַרברענגען מיט זיי ווי גלייכע מיט גלייכע. נאָך מער, די לערערינס פּאַסן אויף, אַז זיי זאָלן האָבן ריינע זאַכן און אַז זיי פעלט עפּעס אויס, קריגן דאָס די לערערינס פאַר זיי. די לערער האָבן זייער ליב געהאַט די קינדער. מ'ר געדענקט זיך, אַז נאָכן לערנען, פלעגן מיר, די לערער, אָפּט בלייבן אין קלאַס, ווען אַלע קינדער פלעגן שוין אַוועקגיין און מיר פלעגן ריידן וועגן אונדזערע קינדער, יעדער לערער וועגן די קינדער פון זיין קלאַס. און גערעדט האָט מען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, וואַרעמקייט, אַז צייטנווייז בין איך געווען זייער גערירט פון דעם. און פאַר דער גאַנצער צייט וואָס אי'ך בין געווען מיט דער שול, איז נישט געווען קיין איין פאַל, מען זאָל אַרויסשיקן אַ קינד פון שול פאַר נישט מאַכן די לעקציעס אָדער פאַר נישט גוט האַלטן זיך.

די לערער האָבן געאַרבעט מיט אַ זעלטענער ליבע און איבערגעגעבנהייט און די קינדער האָבן טאַקע אַ גרויסע פּעולה געהאַט. אויסערן לערנען פלעג איך מיט די קינדער אָפּט פאַרברענגען נישט אין שול, נאָר אין אַ פּריוואַטער גרויסער הויז, אין אַ הויז, וואָס האָט געקענט אַריינגעמען אַ 50־60 קינדער און דאַן פלעג איך פירן געשפּרעכן מיט די קינדער אויף וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע טעמעס. שבת איז געווען אונדזער פרייער טאָג. פלעג איך דעם טאָג אויסנוצן אויף זינגען אָדער געשפּרעכן. גערעדט האָב איך מיט די קינדער וועגן אָרעם און רייך, אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, וועגן יידישע יום־טובים, וועגן פייער, וואַסער, בליצן, דונערן, חיות, בהמות, פייגלען, שלאַנגען, פיש, וועגן אַנדערע לענדער און אַנדערע פעלקער, וועגן לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע וועזנס און אַנד. וווּנדערבאַר, ווי די קינדער פלעגן דאָס אויפנעמען און מיטן גרעסטן אינטערעס זיך צוהערן.

מיר געדענקט זיך נאָך איצט אַ בילד: שבת אַ זייגער צוויי נאָך מיטאָג. דאָס מאָל איז אונדזער געשפּרעך וועגן דעם אויסזען פון דער ערד. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט אַלע טרעפן ביי אַ סטאָליער. די שטוב איז צוגעראָמט, צוגעפּוצט. דער שבת פילט זיך אין אַלע ווינקעלעך, די טישן און וואַרשטאַטן צוגעדעקט מיט ליילעכער און טישטעכער, אויפן גרויסן טיש לייכטער מיט פון נעכטן אויסגעברענטע ליכט. פאַר מיר איז שוין אָנגעגרייט אַ שטול, פאַר אַ טייל קינדער — בענק און אַנדערע וועלן מוזן זיצן אויף דעם דיל. עס איז אַ הייסער זומער־טאָג. אין שטוב איז שטיקנד. דער עולם שוויצט. איך מאַך אַ פאָרשלאַג צו האָבן דעם געשפּרעך אין הויף. די קינדער נעמען אים מיט צופרידנהייט אָן. מען טראָגט אַרויס פאַר מיר דעם טיש מיטן שטול. מען דערלאַנגט פאַר מיר אַ גלאָז טיי מי'ט אַ שטיקל באַבקע. איך זיץ שוין און די קינדער: ווער אויף ברושעס, ווער אויף ברעטער און ווער אויף הוילער ערד. און אונטערן אָפענעם הימל דערצייל איך זיי וועגן דער קיילעכדיקייט פון אונדזער ערד, וועגן די פינף טיילן פון אונדזער ערד, וועגן בערג, טאָלן, ימים־טייכן, אָקעאַנען. אַ הייליקע שטילקייט. עס קומען צו טאַטעס, מאַמעס און גלאַט יידן און יידענעס. אַלעמענס אויגן געווענדעט צו מיר, די מיילער אָפן. יעדערער האָט מורא אַ ריר טאָן זיך, כדי די הייליקע שטילקייט נישט צו שטערן און דאָס וואָס איך דערצייל, איז פּלאי־פּלאים. און ווען איך האָב געענדיקט, האָבן זיך אַלע ווי פון אַ שלאָף אויפגעכאַפּט.

איך האָב אין דער שול געאַרבעט אַן אַכט חדשים. פאַר דער צייט האָבן זיך אייניקע לערער געביטן. אַ טייל פון די לערער זענען אויך געווען פּאָליטישע טוער. כאָטש אַלע האָבן געוווסט פון דער שול, אויך די פּאָליציי, איז דאָך די שול געווען אַן אומלעגאַלע, ווייל מיר האָבן נישט אַרויסגענומען קיין דערלויבעניש ביי דער מאַכט די שול צו עפענען. אין יענער צייט זענען פאָרגעקומען עטלעכע שטרייקן אין שטאָט, מען האָט אַרעסטירט אַ יידישן סאָלדאַט אין דער קאַזאַרמע פאַר לייענען טריפענע ליטעראַטור. די מאַכט האָט אויסגעפונען, אַז אין די אומרועןן בין איך שולדיק. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט. איך האָב אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקראָגן צו וו'סן, אַז אין גאַראַדייע (די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע פון אונדז) זענען אָנגעקומען אייניקע זשאַנדאַרן פון מינסק, וועלכע פאָרן קיין ניעסוויזש מיך אַרעסטירן.

דאָס געזעגענען זיך מיט די קינדער איז געווען זייער רירנד. איך וועל עס אויף מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. גלייך ווי איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע, האָב איך געבעטן אַ פּאָר קינדער פון דער שול, זיי זאָלן צענויפרופן אַלע „מיינע" קינדער אין דער שניידערשער שול, אַז כ'וויל זיך מיט זיי געזעגענען. אין אַ האַלבע שעה צייט זענען שוין אַלע קינדער דאָרט געווען פאַרזאַמלט, און ווען איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך מוז פאַרלאָזן ניעסוויזש און טאַקע באַלד, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ געוויין, אַז ביי מיר אַליין האָבן זיך געשטעלט טרערן אי'ן די אויגן און איך האָב ווייטער נישט געקענט ריידן... די קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט אַ וויינענדיקן געבעט:

— טאַטע, פאַרלאָז אונדז נישט.

זיי האָבן מיך צוגעהאַלטן פאָרן רעקל, פאַר די הויזן, ווי זיי וואָלטן מיך וועלן פאַרהאַלטן, איך זאָל נישט פאָרן. איך האָב ווייטער שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. איך בין געוואָרן היסטעריש, אין האַרצן האָט מיר אָנגעהייבן שטאַרק קלאַפּן, אין האַלדז האָט מיר אָנגעהייבן ווערגן און מיט די לעצטע כוחות און מיט טרערן אין די או'גן האָב איך אויסגעשריען: „זייט געזונט, קינדער! זייט גוטע מענטשן!" און בין אַרויסגעלאָפן פון שול, זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, וועלכער האָט שוין אויף מיר געוואַרט און געזאָגט דעם באַלעגאָלע ער זאָל מיך פירן אין סטויבץ, אַ קליין שטעטל אַ פּאָר צענדליק ווי'אָרסט פון מיין שטאָט. אויפן וועג האָב איך זי'ך דערמאָנט, אַז איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. מיינע עלטערן האָב איך שוין מער קיינמאָל אויף מיין לעבן נישט געזען.

אין אייניקע חדשים שפּעטער האָב איך, שוין זייענדיק אין וואַרשע, געקראָגן פון איינעם פון די לערער — משה איזראַיל אַ בריוו, אַז די פּאָליציי האָט די שול צוגעמאַכט, קאָנפיסקירנדיק דעם גאַנצן שול־אינווענטאַר. פון דער שול איז גאָר נישט פאַרבליבן און דאָס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער

געשיכטע פון דעם יידישן וועלטלעכן שולוועזן. ביי מיר איז בלויז פאַרבליבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון די לערער מיט די קינדער, אַרונטערגענומען נישט לאַנג פאַר מיין פאַרלאָזן ניעסוויזש.

נאָך דער פאַרמאַכונג פון דער שול זענען געמאַכט געוואָרן אייניקע פרווון פון דער ניעסווזשער אינטעליגענץ צו עפענען ווידער אַזאַ שול, נאָר אָן דערפאָלג. די פאָליציי פלעגט עס דערשמעקן און פאַרמאַכן.

ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי דאָרט געעפנט אַ יידישע פאָלקס־שול, וועלכע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ציש״אָ. זי איז פאַרמאַכט געוואָרן פון היטלערס באַנדעס, ווען זיי האָבן די שטאָט איינגענומען און אויסגעהרגעט אַלע ניעסווזשער יידן. שפעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די ניעסווזשער יידן האָבן אַרויסגעוויזן היטלערס בעסטיעס און סאַדיסטן אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן ווידערשטאַנד.

מיין געזעלשאַפטלעך־סאָציאַליסטישע אַרבעט אין ניעסוויזש

מיין חבר, דער פּ. פּ. ס. יעקב מאַכטיי, וואָס האָט געגרינדעט די אַרבעטער־גרופּן, כדי זיי צו באַקענען מיט די עלעמענטאַרע באַגריפן פון פאָליטישער עקאָנאָמיע, קלאַסן־קאַמף, סאָציאַליזם, אויך פשוט לערנען זיי לייענען און שרייבן, האָט אין גיכן נאָך מיין קומען אין ניעסוויזש געמוזט פאַרלאָזן זיין היים־שטאָט און ער האָט מיר איבערגעגעבן זיין גרופּע. איך האָב די אַרבעט איבערגענומען מיט גרויס פאַרגעניגן.

אין ניעסוויזש האָט זיך שטענדיק געפונען אַ פאָלק סאָלדאַטן און צווישן זיי זענען געווען אַ פאַר צענדליק יידן. מיט אייניקע פון זיי בין איך געווען באַפריינדעט און איך האָב געגרינדעט אויך אַ מיליטערישע גרופּע פון יידישע סאָלדאַטן, כדי זיי באַקאַנען מיט די גרונט־פּרינציפּן פון מאַרקסיזם.

איינמאָל, געדענקט זיך מיר, האָב איך פאַר דיביידע גרופּעס געהאַלטן אַ פאָרטראַג שבת בייטאָג אין וואַלד. די טעמע איז געווען: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. איך האָב דאַן די יידישע שפּראַך נישט גענוג באַהערשט. מיין גאַנצע מאָדערנע בילדונג האָב איך געקראָגן אויסשליסלעך אין רוסיש. געלייענט האָב איך דאַמאָלט כמעט אויסשליסלעך רוסישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. אין מיין ריידן האָב איך באַנוצט אַ סך מאָל רוסישע ווערטער און טערמינען. און אין אַזאַ ערנסטער לעקציע האָב איך באַנוצט נאָך מער רוסישע ווערטער. דער סוף פון דער לעקציע איז געווען אַ קלאָגעדיקער, נישט איך און נישט די אַרבעטער זענען געווען צופרידן, און גייענדיק פון דער לעקציע האָב איך געטראַכט: מען דאַרף זיך אַ נעם טאָן צו דער יידישער שפּראַך, בעסער זי קענען ריידן און די הויכע רוסישע ווערטער פאַריידישן.

פאַרבונדן אין מיין סאָציאַליסטישער אַרבעט, האָב איך זיך מיט קיינעם נישט. מיר זענען נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום פאַרטיי און פון קיינעם קיין אינסטרוקציעס האָב איך נישט געגומען. נאָר גוטע באַקאַנטשאַפטן מיט די יידישע סאָציאַליסטן אין די אַרומיקע שטעטלעך האָב איך יאָ געהאַט. און מיר פלעגן זיך טרעפן אין די שטעטלעך, ווו מיר פלעגן פון פריער אָפּמאַכן צו טרעפן זיך. אַזוי פלעג איך פאָרן אין קאָפּוליע. דאָרטן זענען דאַן געווען דראַגונסקי פון האָמעל, זיין לאַנדסמאַן בראָכיס, מיין לאַנדסמאַן אַלטער ווינער, אַ באַדייטנדע יידיש סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און אייניקע קריסטלעכע סאָציאַליסטן, וועמענס נעמען איך געדענק שוין נישט.

אויף דער סטאַציע גאָראָדייע האָט זיך דאַן געפונען שאַפּראַנאָוויטש — דער זיידע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אונדזער געגנט. ער האָט נאָך געאַרבעט אין די צייטן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, געזעסן אין די פאַרשיידנסטע טורמעס אין רוסלאַנד און מיר, די יונגע, האָבן אויף אים אַרויפגעקוקט ווי אויף אַ הייליקן. ער האָט שוין יאָ געהאַט פאַרבינדונגען מיט די רוסישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און מיטן יידישן „בונד״ און יעדן מאָל, נאָך אונדזער ראַנדעוווּ, פלעג איך קומען אין ניעסוויזש מיט גרויסע פעק ביכלעך, זשורנאַלן, בראָשורן. און ביי מיינע אַרבעטער איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב. יעדערער האָט געקראָגן וואָס צו לייענען. מייניע סאָלדאַטן פלעגן אויך קריגן, אָבער זיי פלעגן נעמען אויסשליסלעך די רוסישע אויסגאַבן. כאָטש איך האָב אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דאָס לייענען באַהאַלטענערהייט, אַז קיינער זאָל דאָס נישט זען און קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן, דאָך האָט זעלטן ווער אויסגעהאַלטן די קאָנספּיראַציע, און איינמאָל האָט אונדז געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. מיין באַליבטסטער סאָלדאַט שלמה בערקאָוויטש, אַליין פון ערגעץ פון מאָהילעווער גובערניע, איז געלעגן אויסגעצויגן אין ראָטע אויף זיין בעטל און געלייענט די „איסקרא״, פלעכאַנאָווס און לענינס צו יענער צייט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּעריאָדישע אויסגאַבע. און עס דאַרף זיך מאַכן, אַז אַן אָפּיצער איז אַריין און זיין נישט געוויינלעכער צייט און דערזעענדיק אַז אַ סאָלדאַט ליגט און לייענט עפּעס אַ צייטונג, איז ער צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען די צייטונג, כדי זען, וואָס אַזוינס זיינער אַ סאָלדאַט לייענט. דעם אָפּיצער איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז דער סאָלדאַט לייענט פאַרווערטע ליטעראַטור. דער אָפּיצער האָט גענומען לייענען די צייטונג, און ער אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר די ערשטע פאַר שורות, וואָס ער האָט דורכגעלייענט. און דאָ האָט ער דערזען אַז די צייטונג איז די אויסגאַבע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט דעם סאָלדאַט אַרעסטירט. גלייך האָבן מיר אַנדערע סאָלדאַטן וועגן דעם איבערגעגעבן. פאַר מיר איז דאָס געווען איינער פון די שטאַרקסטע קלעפּ, פשוט — אַ קאַטאַסטראָפע. אויסער דעם האָב איך זיך געפילט שולדיק אין דעם אַרעסט, ווייל ווען איך גיב אים נישט די „איסקרא״, וואָלט ער דאָך נישט אַריינגעפאַלן. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען גיט אים איבער צו אַ מיליטערישן משפּט, און מעגלעך, אַז מען וועט אים פאַרמשפּטן צום טויט. איך האָב זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. דאָך האָב איך גענומען אַרבעטן איבער פלענער, ווי אַזוי אים צו באַפרייען.

אין אַ צען טעג נאָכן אַרעסט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָפּיצער וואָס האָט אים אַרעסטירט איז שטאַרק פאַרליבט אין דעם אַקציזניקס טאָכטער. האָב איך באַשלאָסן דורך איר אָנהייבן צו אַרבעטן פאַר שלמהס באַפרייונג. כאָטש איך האָב איר נישט געקאָנט פערזענלעך, האָב איך דורך אַ בריוועלע איר געבעטן צו טרעפן זיך מיט מיר אין אַ באַשטימטער צייט אויף אַ באַשטימטן אָרט. געוווּסט האָב איך פון איר, אַז זי איז אַ ליבעראַלע מיידל, לערנט זיך ערגעץ אויף די העכערע קורסן און אַז מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. גלייך ווי מיר האָבן זיך געטראָפן, האָב איך איר דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז ער איז אַבסאָלוט נישט שולדיק, דער שולדיקער איז דער, וואָס האָט אים געבראַכט די ליטעראַטור פון אַן אַנדער שטאָט און אים דאָס געגעבן לייענען. איך, אַלס זיין נאָענטסטער פריינד, בין אויפן העכסטן גראַד פאַראינטערעסירט אַז מען זאָל אים באַפרייען פון דער מיליטערישער טורמע. איך האָב געהערט, אַז זי איז באַפריינדעט מיט זיין אָפּיצער, און מעגלעך דורך אים קען זי אויסווירקן זיין באַפרייונג. זי האָט מיר צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ מעגלעך אין דער ריכטונג, נאָר פריער מוז זי דערגיין

די איינצלהייטן פונעם אַרעסט און צו האָט מען וועגן דעם שוין איבערגעגעבן דער העכערער מאַכט. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט טרעפן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער און זי וועט מיר איבערגעבן, ווי עס האַלט מיט זיין פּראָצעס. צו דער באַשטימטער צייט האָט זי מיר איבערגעגעבן, אַז אונדזער קליענט זיצט אין טורמע, צו דער העכערער מאַכט איז דאָס דערווייל נישט דערגאַנגען. דער אָפיציר, וועמען עס פאַרדריסט די גאַנצע מעשה מיטן אַרעסט, האָט איר צוגעזאָגט אַרבעטן אין דער ריכטונג, אַז מען זאָל קיין פּראָצעס קעגן דעם אַרעסטירטן סאָלדאַט נישט פאַרפירן און אים באַפרייען.

אין אייניקע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער סאָלדאַט האָט זיך געוואָלט הענגען. די נייעס האָט שוין מיך גאָר משוגע געמאַכט און איך האָב דורכגעמאַכט אייניקע טעג אין טויט־שרעק. איך בין ווידער געלאָפן צו דער מיידל, וועלכע האָט מיר געזאָגט אַז אין אייניקע טעג וועט מען אים באַפרייען. מיר האָט זיך דאַן איינגעגעבן, אַז איינער פון די סאָלדאַטן וואָס היטן די אַרעסטאַנטן, זאָל אים איבערגעבן פון מיר אַ צעטעלע, אַז ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך, אַז מיר אַרבעטן פאַר זיין באַפרייונג און דערוואַרטן אין גיכן גוטע רעזולטאַטן.

דער סוף איז געווען, אַז די קאָמאַנדירן פון פאָלק האָבן אַליין פאַרריבן דעם פּראָצעס אויס מורא פאַר די הויכע באַאַמטע, וועלכע, דערוויסנדיק זיך פונעם אַרעסט, וועלן קוקן קרום אויפן פאָלק, דערפאַר וואָס דורך זיין נאַכלעסיקייט איז דערמעגלעכט געוואָרן אַז צווישן די סאָלדאַטן זאָל זיך געפינען אַ „פּאָליטישער פאַרברעכער". מען האָט אים באַפרייט און אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדערן פאָלק, אין אַן אַנדערער שטאָט. איך האָב אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט אים צו זען פאַר זיין אַוועקפאָר.

איך בין פאַרבליבן פאַרזעצן מיין סאָציאַליסטישע אַרבעט. איך האָב געגרינדעט אַ גרופּע פון מיידלעך אַרבעטאָרינס. איך האָב זיי געלערנט שרייבן און אַנדערע אַפילו לייענען יידיש. איך האָב פאַר זיי געלייענט מעשׂיות מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט און דערנאָך געשמועסט וועגן דאָס איבערגעלייענטע. די מער אַנטוויקלטע און פאַרשטענדלעכע פלעג איך געבן ביכלעך אַהיים, דערקלערנדיק אין פאָרויס וועגן די געפאַרן וואָס לויערן אויף זיי, אויב מען וועט זיי כאַפּן ביים לייענען. די מעשה וועגן דעם ערשטן אַרעסט אין ניעסוויזש האָבן אַלע אין שטאָט געוווּסט און זיי האָבן מיך באַשולדיקט אין דעם. אַ סך עלטערן האָבן פאַרזאָגט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט טרעפן מיט מיר און נישט ריידן מיט מיר, ווייל מען וועט זיי גלייך אַרעסטירן. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף די באַלעבאַטישע קינדער. אָבער נישט אויף די אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, וועלכע האָבן מאַגנעטיש צו מיר געצויגן. און אָט האָט ווי אַ דונער געטראָפן די נייעס, אַז ביי זלמן דעם שניידער קומט פאָר אַ „זאַבאַסטאָווקע" (אַ שטרייק). די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די אַרבעט און פאָדערן אַ גרעסערן געהאַלט און ווייניקער שטונדן. דערנאָך איז געקומען נאָך אַן ערגערע נייעס, אַז זלמן האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַן אַנדער שטאָט אַנדערע אַרבעטער, אַז די „זאַבאַסטאָווטשיקעס" האָבן די נייע אָנגעקומענע אַרבעטער באַגעגנט אונטערן שטאָט, מיט זיי אַ סך גערעדט און די נייע זענען גלייך אַוועקגעפאָרן צוריק. ווען דער שניידער האָט די „זאַבאַסטאָווטשיקעס" געזידלט, געשאָלטן, געסטראַשעט, האָבן די אַרבעטער אים גוט אָנגעשלאָגן און מיט אַ האַרבן וואָרט אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך ווענדן צו דער פּאָליציי, מעג ער זיך געזעגענען מיט זיין לעבן. דער סוף איז געווען, אַז אין גיכן איז זלמן „דער קאַפּיטאַליסט" איינגעגאַנגען אויף די אַלע באַדינגונגען און די אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט.

דאָס מאָל בין איך שוין געווען גליקלעך, וואָס כ׳האָב דורכגעפירט דעם ערשטן שטרייק ביי אונדז אין שטאָט און דער שטרייק איז געווונען געוואָרן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן, זי האָט געווונען דעם רעספּעקט פון די אָרעמע איינוווינער, פון די קליינע הייזלעך און די שמאָלע געסלעך פון אונדזער „ניי שטעטל".

אין מיין העכערער גרופּע, שוין פון די „קלאַסן באַוווסטזיניקע" איז געווען איינער אַ שניידער. איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען. ער איז געווען אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַכער, פלעגט אָפט שפּייען מיט בלוט (היינט פאַרשטיי איך, אַז ער איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז). איז ער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און געשטאָרבן. האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן אים אַן אַרבעטער־לויה. און מיר האָבן אונדזער באַשלוס דורכגעפירט. גלייך נאָכדעם ווי די כלי־קודש איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און אַלע זענען זיך צעגאַנגען, זענען מיר, אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנציק, פאַרבליבן לעבן דעם ערשט פאַרשטאָרבענעמס קבר און איך האָב גערעדט וועגן דעם קרבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און די חברה האָט דערנאָך געזונגען פאַסיקע אַרבעטער־לידער. אָט די לויה האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַרבעטער, אַז לאַנג־לאַנג נאָך דעם, כמעט ביי יעדער צוזאַמענטרעפונג, האָבן זיי גערעדט וועגן איר. און אין יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָט מיר איינער פון דער גרופּע וואָס האָט באַגלייט די לויה, מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן דעם איינדרוק וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט.

די אַרבעט איז מיר געווען ליב און טייער און הייליק און וואָס מער איך בין געווען טעטיק, האָט מיר אַלץ מער און מער געעגבערט אין מוח, אַז ס׳איז עפּעס נישט דאָס. און וואָס מער איך האָב געלייענט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָב איך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז די יידישע אַרבעטער זענען נישט ענלעך צו די ענגלישע, אַז די יידישע ווערקשטאַטן קען מען נישט צוגלייכן צו די ענגלישע גרויסע פאַבריקן און אַז די יידישע „קאַפּיטאַליסטן", וועלכע האָבן אַליין נישט אַמאָל „אויף שבת", זענען זייער ווייט פון די ענגלישע מאַגנאַטן, אַז אונדזער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז נישט קיין אַרבעטער־קלאַס אין אייראָפּעישן זינען פון וואָרט, אַז אונדזער קלאַסן־קאַמף איז אַן אומבאַדייטנדיקער און נישט ווירקזאַמער און וועט נישט דערפירן די וועלט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן אַפּיקורסישע געדאַנקען, וועלכע איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט סיסטעמאַטיזירן. און ריידן וועגן דעם האָב איך קיין מוט נישט געהאַט און טיילן זיך מיט מיינע נייע געדאַנקען האָב איך נישט געהאַט מיט וועמען. און גראָד דעמאָלט איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט דער ערשטער נומער „וואָזראַזשדיעניע", מיט אַרטיקלען פון בן אהוד, באַזין, בן אדיר און אַנדערע. דער נומער האָט געברענט מיט ליבע צום יידישן פאָלק. האָט אויפגעהויבן זייער הויך די פאָן פון יידישן נאַציאָנאַליזם און האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך און אַז די יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגע קענען פאַרענטפערט ווערן טעריטאָריעל. אויך אין גלות קענען מיר אַ סך אויפטאָן, שאַפנדיק די אָרגאַנען פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג.

פאַר יענער צייט איז דאָס פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. איך האָב אַזוי פיל מאָל געלייענט די „וואָזראַשדיעניע", אַז איך האָב אים געקענט אויף אויסנווייניק. קיין אַרבעטער־ביכל, קיין סאָציאַליסטיש בוך האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ טיפן איינדרוק, ווי די „וואָזראַזשדיעניע". איך האָב ליב געהאַט צו

לייענען קאָוטסקין, אָטאָ באַוערן, אָבער איך בין פון זייערע ביכער קיין מאָל נישט געווען אַזוי באַגייסטערט ווי פון דעם יידישן זשורנאַל. און דער איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש איך האָב זיך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט אידענטיפיצירט גייסטיק מיט דער גרופּע, וואָס האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן.

אין יענער צייט איז פאַרגעקומען דער מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן. און כאָטש איך בין דאַן שוין נישט געווען ציוניסטיש געשטימט, האָט זיך מיר זייער שטאַרק גע־וואָלט בייזיין דעם צוזאַמענפאָר, כאָטש ווי אַ גאַסט, אַז איך האָב זיך דאַן מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט צו פאָרן אַהין. און מיט וואָס פאַראַ אינטערעס איך האָב דאַן געלייענט אין די רוסיש־יידישע אויסגאַבן וועגן דעם אַלעם, וואָס עס איז אויף דעם צוזאַמענפאָר פאַרגעקומען און געהערט די באַריכטן פון די, וואָס זענען געווען אויפן צוזאַמענפאָר. טיף אין האַרצן האָב איך סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם, כאָטש איך האָב נישט געהאַלטן, אַז מירן אים פאַרווירקלעכן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך פאַרלאָזן ניעסוויזש און בין קאָנספּיראַטיוו אָנגעקומען אין סטויבץ, ווו איך האָב געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע.

אין די יאָרן 1905—1906

שמעון דמשק

...זומער פלעגן מיר האָבן פאַרזאַמלונגען ביי אַ. זאַוויטאַיען. ווינטער, פרייטיק אין אָוונט, פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אין דער קאָזימער שול, אויבן, ביי די ווייבער.

מיר פלעגן זיך אויך צוזאַמענקומען ביי שמעון אורין דעם אַפּטייקער. ער האָט געהאַט אַ שטיבל הינטערן אַפּטייק. מיר פלעגן איינציקווייז אָדער צו פּאָרלעך קומען אַהין און זיך היטן אויב קיינער גייט אונדז נישט נאָך.

מיר האָבן געהאַט רעוואָלווערן, אָבער נישט אַלע האָבן גע־ווּסט ווו זיי געפינען זיך. בלויז פינף מיטגלידער האָבן געוווּסט. די רעוואָלווערן זענען געווען באַהאַלטן ביי שמערלען שמואל יוסף דעם מולער, אין דער ערד. מיר פלעגן זיי פון צייט צו צייט אָנאיילן און אויסקלינען. אַמאָל, ערב די קריסטלעכע פּאַסכע, האָט מען געזאָגט, אַז די גויים וועלן מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. איך דענק, אַז דאָס איז געווען אין יאָר 1906. האָבן אַלע יידישע יוגנטלעכע זיך פאַרשריבן אין די פייערלעשער (פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע). מיר האָבן אַרויסגענומען דאָס געווער און אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אין דער פּאָזשאַרנע שאָפּע, די פעסלעך אָנגעגאָסן מיט וואַסער, אַז אַלץ זאָל זיין גרייט. מיר האָבן אָוועקגעשטעלט פּאַטרולן ביים פּוילישן און רוסישן קלויס־טערס, איינע פון די אַנדערע אָפּגערוקט ביי אַ 100 פוס ביז דער שאָפּע, קיים וועט עפּעס געשען, וועלן מיר גלייך אַרויס מיט די נאַסאָסן וואַסער. מיר האָבן אויך געהאַט קינדזשאַלן, נאַגאַיקעס — נאָר ס׳איז צו קיין שלעכטס נישט געקומען.

מיר פלעגן אויך דרוקן פּראָקלאַמאַציעס פאַר די סאָלדאַטן. אין 1906 זענען מיר אַרויס אויף אַ דעמאָנסטראַציע. סאָלדאַטן זענען אַנטקעגן געקומען מיט די שטיקעס און אונדז נישט געלאָזן גיין. האָבן מיר אַלע געגעבן אַ געשריי: „דאָ זדראַסט־וויעט סאָלדאַטסקאַיאַ אַרמיאַ!” זענען זיי אַלע אַוועק אָן אַ זייט און מיר זענען דורכגעגאַנגען. מאַשקע פּייוול אהרעלעס מאַמע איז געקומען און אים געוואָלט נעמען אַ היים, האָט ער זי אַוועקגעשטופּט און נישט געגאַנגען.

אין 1905 האָבן חברה אַרויסגענומען פון מיליטערישן געווער־מאַגאַזין אַלע ביקסן און שינעלן. איינער פון אונדזעריקע פלעגט שטיין אויפן פּאָסט די עטלעכע שעה. פלעגן צופאָרן 4 שליטנס און מ׳האָט זיי אָנגעלאָדן מיט געווער. אַזוי עטלעכע וואָכן. דאָס אַלץ האָט מען אַוועקגעפירט אין מינסק. דער סאָלדאַט איז געשטאָרבן אין ישראל. זיין נאָמען איז געווען אברהמ׳ל דרוקער.

דער סוף איז געווען, אַז מורזע דער שערער האָט געזאָגט אַן אָפיציר וואָס האָט זיך ביי אים געשוירן: „דו ווייסט גאָר־נישט, מען האָט באַגנבעט דעם אַרסענאַל”. ווען מ׳האָט געעפנט די טירן, האָט מען געזען אַז ס׳איז אמת. מען האָט אַלעמען געכאַפּט, ווייל אין שטאָט זענען אָנגעלאָפן קאָזאַקן און טשער־קעסן. מען האָט קיינעם נישט געלאָזט דורכגיין. די גאַנצע שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט. די וואָס מ׳האָט פאַרדעכטיקט — האָט מען געשמיסן. בלוט האָט זיך פון זיי געגאָסן, ביז זיי האָבן געזאָגט וואַהין זיי האָבן אַוועקגעפירט די אַמוניציע. אין מען געקומען אין קעלער ווו זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געווער — איז שוין דאָרט גאָרנישט געווען. מען האָט דאָס געהאַט אַוועק־געפירט אין פּעטערבורג. די רעוואָלוציאָנערן זענען אַוועק אין טורמע. דערנאָך איז עפּעס געווען אַ מאַניפעסט, און זיי זענען געוואָרן באַפרייט און דער סאָלדאַט איז אַנטלאָפן קיין דייטש־לאַנד, ער האָט דאָרט חתונה געהאַט און איך בין בייגעווען אויף דער חתונה...



אַ בליק פון דער אַלטער שטאָט פון ניישטאָט.

מבט על העיר הישנה מהעיר החדשה.

מתמידים

(אַ שילדערונג פון דער ניעסוויזשער ישיבה אין יאָר 1872)

איבערגעדרוקט פון ווילנער „דאָס וואָרט",
איבערגעגעבן פאַרן ספר: משה צינאָוויטש.

ס׳איז געווען אין חודש שבט תרל"ב. די גרויסע ברענעדיקע פרעסט וואָס האָבן פאַרשמירט די גאַנצע ערד ווי אייזן — האָבן עטוואָס אָפּגעלאָזן. אָט, שוין דער דער דריטער טאָג אַז אַ נעפּל פאַ־כמאַרעט די לופט פון הימל ביז דער ערד. עס קאַפּעט אַ שפּריי־רעגנדל, לוזשעס און בלאָטעס אין די גאַסן. די דיקע אייז־ליכט וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די דעכער — הויכן נעבעך אויס זייערע נשמות. ס׳איז שוין פון זיי געוואָרן חנוכה־ליכטלעך און אָט אָט זענען זיי אין גאַנצן נישטאָ.

אין דער ישיבה ווו עס געפינט זיך די שניידערישע שול אין ניעסוויזש ווו איך האָב געלערנט — איז שרעקלעך קאַלט. דער שמש האָט געזען אַז ס׳איז אַ ביסל וואַרעמער געוואָרן האָט ער היינט אויסגעהייצט ווי אויף צופלייסן, מיט עטלעכע שפּענער. די ישיבה־בחורים האָבן אַרומגערינגלט דעם איוון אָנצוואַרעמען זיך און אָנוואַרעמען אים מיט זייערע פלייצעס. זיי זיצן און שטייען אַרום אים מיט שטענדערס און גריבלען זיך טיף אין די גמרות, איבערצולייענען דעם „שיעור".

זייער אַ שווערע גמרא לערנט מען דעם ווינטער, עירובין, מיט מאַטעמאַטישע שווערע אויפגאַבן, ווייל דער ראש ישיבה ר׳ משה מירער איז אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. מען האָט אים גערופן משה רמב"ם, איינער פון די ערשטע לומדים אין ניעסוויזש.

ער, דער ראש ישיבה זיצט אין אַלטן פוטערל נעבן אָרון־קדוש און קוקט אויך איבער דעם „שיעור", בעת דער שמש פאַרקעט אויס מיט אַ טשוואָק דעם חלב פון די גרויסע קר־פערנע הענגלייכטער כדי אים פאַרקויפן אַ שוסטער.

ווען צוויי ישיבה־לייט, אַ סלוצקער און אַ קאפולער, ביידע מתמידים, וואָס לערנען שטענדיק צוזאַמען, האָבן אָפּגעלייענט דעם „שיעור" און דערגאַנגען אַ שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, האָבן זיי אַ קוק געטאָן אויפן שמש און געשמייכלט איינער צום צווייטן.

וואָס זיי לאַכן — טאָר קיינער נישט וויסן, בפרט דער שמש וואָס וואָלט זיי ביידע אין קאַשע אויפגעגעסן.

אָט וואָס זייער שׂימחה איז:

אין יענע צייטן, ווען גאַז האָט זיך ערשט באַוויזן, די לעמפּלעך פיצינקע, בלעכענע, מיט אַ בלעכענע טרייבעלע און אַ וואַטע־קנייטעלע וואָס פלעגט רויכערן און טשאַדען און לייכטן ווי בלישטשענדיקע ווערעמלעך ביינאַכט אין אַ פינצטערן וואַלד; ווען פון עלעקטרע האָט מען נאָך אַפילו נישט געהערט און לערנען פלעגן אַלע: טאַטעס, קינדער און דוכט זיך אַז אין ניעסוויזש, מערער ווי אומעטום — אַ שטאָט מיט ישׂיבות, ווו דער גרויסער אַלטער בית־המדרש איז תמיד געווען געפּאַקט מיט לערנערס — גראַד דאָרט איז געווען אַ גרויסער דוחק אין ליכט.

אַרום אַ גרויסן טיש, אין אַלטן גרויסן בית־המדרש, דער צענטער פון אַלע בתי־מדרשים אין שטאָט, זיצן בעלי־בתים און עס צאַנקט אַ קליין חלב־ליכטעלע וואָס שפּריצט און קאַפּריזעט און וויל בשום אופן נישט ברענען — דאָך לערנט מען פאָרט ביי דעם, כאָטש מען בלענדט אויס די אויגן.

מילא, די בעלי־בתים פלעגן נאָך די שמשים געבן ליכטלעך, כאָטש פאַר פיר־פינף בעלי־בתים איין ליכטעלע. אָבער די ישיבה־בחורים — גאָרנישט. ביז 10 אַ זייגער פלעגן נאָך צאַנקען אויף די טישן חלבענע ליכטלעך, אָבער נאָך 10 האָט מען צוגענומען אַלע רעשטלעך ליכטלעך — און גייט קינדער שלאָפן.

עס ברענט נאָר איין ליכטעלע ווי אַ נר תמיד.

זענען אָבער געווען אַמאָל מתמידים וואָס פלעגן זיצן און לערנען גאַנצע נעכט — טאָ ווו נעמט מען ליכט?

פלעגט מען זיך אָן עצה געבן...

יעדער ישיבה־בחור, איבערהויפּט פון די מתמידים, האָבן אין אַ נאָרע ליכט באַגראָבן, אין די חורבות און אָפענע שטאַלן וואָס איז מיט זיי פול געווען אַרום דעם שולהויף צי ערגעץ־ווו. באַלד נאָך פסח פלעגט מען אָנהייבן די מלאכה פון באַגראָבן אין טראַנטעס, אין אַלטע הויזן און אַלטע העמדער, באַשאָטן מיט פעפער און טאַבאַק צוליב מייז — און חמשה עשר באב פלעגט מען שוין מאַכן אָן התחלה פון לערנען ביינאַכט פאַר די דאָזיקע באַהאַלטענע ליכט און ווינטער, אין די גרויסע נעכט, געלערנט גאַנצע נעכט.

די צוויי חברים, דער סלוצקער און דער קאפולער, זענען געווען פון די מתמידים. אויף די מתמידים פלעגן די שמשים ברענען ווי פייער, ווייל די בחורים האָבן זיי בדלות געשטעלט מיט די ליכט. און די צוויי — נאָך מער! זיי זענען געווען פלינק אין דער אַרבעט, געהאַט גרויסע נאָרעס מיט באַהאַלטענע ליכט און אַ גוטן אָרט ביי איינער אַן אַלמנה, אַ צנועה אַ יידענע, אַ בעל־הביתטע פון אַ הויף און אַלטע שטאַלן אויפן שול־הויף. זי האָט געוווּסט אַז זיי לערנען גאַנצע נעכט, האָט זי זיי דערלויבט באַהאַלטן ליכט ביי איר אין די שטאַלן.

אויף די ימים־טובים פלעגט איינער זיך אָפּשטעלן און נישט פאָרן אַהיים, ווייל דעמאָלט איז דער רעכטער סעזאָן פון די ליכט.

געשען איין מאָל אַזאַ מעשׂה:

איינער האָט געבראַכט אויף יום־כיפור אַ גרויסע ליכט וואָס האָט זיך באַטאָג פאַרלאָשן. דער בעל־הבית פונעם ליכט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל דאָס איז נישט קיין גוטער סימן, האָט ער אויסגערעדט זיין גרויס צער פאַר ר׳ משה מירער דעם ראש ישיבה, האָט ער אים געזאָגט:

— גאָר נישט, גאָר נישט! שרעקט זיך נישט, נעמט נאָך מעריב און גיט אָפּ דאָס שטיק ליכט אַ קלויזניק צום לערנען, וועט זיין אַפילו מער מצווה ווי זי וואָלט אויסברענען.

דער קאפולער האָט דאָס געהערט, קלערט ער: ער וועט יאָ אָפּגעבן צי נישט אָפּגעבן — אַ פּראָסטער מענטש. ער וועט נאָך פרעגן ביי צען רבנים שאלות וועגן זיין שטיק ליכט. איז ווי נאָר מ׳האָט געגעבן די תקיעה גדולה און דער בית־המדרש איז פאַרהילכט געוואָרן פונעם „לשנה הבאה בירושלים" — איז דאָס שטיק ליכט שוין געווען ביים קאפולער.

פרייטיק פלעגט דער שמש קומען פון שטאָט מיט אַ קאָשיקל ליכט וואָס ער פלעגט אויפקלויבן ביי די שול־בעלי־בתים ווי דאָס איז אַמאָל געווען אין מאָדע און זיי פונאַנדערטיילן אויפן עמוד און אין די גרויסע קופערנע הענגלייכטער וואָס זענען אַמאָל געווען אין אַלע שולן. די ישיבה־בחורים פלעגן אים העלפן אַריינשטעקן די ליכט און דערפאַר באַקומען מעשׂר. נאָר דער שמש טרייבט זיי:

— גייט, גייט, איך קאָן אַליין, כ׳דאַרף אייך אויף כפרות...

נאָר זיי טרעטן נישט אָפּ און באַקומען ליכט דורך פאַרשידענע קונצן. זיי גייען פון איין שול אין דער צווייטער און די נאָרעס ווערן גרעבער און גרעסער.

דעם צווייטן טאָג שבועות האָבן זיי אַפילו אַראָפּגענומען פון דוד המלכס 24 יאָרצייט־ליכט איין ליכט, וואָס באַטרעפט ווי זיין נאָמען (מיט אַ יוד) — און געזאָגט צו זיך אַליין: נישקשה, דוד המלך איז אַ גוטער, ער וועט געוויס נישט האָבן

קיין תּאַראיבל אַז מען וועט ביי אים צונעמען עטלעכע ליכט צום לערנען. פאַרקערט, ער וועט דערפון זיין העכסט צופרידן.

אין די ווינטער־אָוונטן פלעגן זיי קומען מיט זייערע ליכט לערנען אין בית־המדרש, וווּ אַרום די לאַנגע טישן זיצן די שענסטע בעלי־בתּים און עטלעכע פון זיי לערנען ביי אַ גראַשעדיק ליכטעלע. אַפילו דער ניעסוויזשער גביר ר׳ מאָטל לאַמבורג לערנט אויך פאַר אַ דין ליכטעלע. אַנדערע האַלטן דיקע ליכט און מען לערנט אויף צוויי שטענדערס.

מיט אַמאָל לויפט צו דער שמש און פרעגט מיט כּעס:

— ווּ האָט איר גענומען די ליכט?

זיין שרייען העלפט אים נישט קיין סך. פּונקט ווי מען שפּרונגט אַנטקעגן דער לבנה און מ׳קאָן זיך צו איר נישט צורירן, אַזוי קאָן דער שמש גאָרנישט טאָן קעגן זיי. ער זעט ווי זיי ברענען אַזעלכע דיקע ליכט — און קאָן נישט העלפן.

נאָר אָט שוין עטלעכע וואָכן ווי די בחורים האָבן אויך נישט קיין ליכט. די פּרעסט און שניי־זאַווערוכעס האָבן פאַרשאָטן די נאָרעס און מ׳קאָן נישט צו זיי צוקומען. ביז 10 ביינאַכט זיצן זיי אין גרויסן אַלטן בית־המדרש און בלענדן זיך די אויגן צוזאַמען מיט די ניעסוויזשער בעלי־בתּים. פון 10 ביז 11 ביינאַכט מוזן זיי גיין שלאָפן, ווי אַרעסטאַנטן אין טורמע — און שלאָפן ביזן גרויסן טאָג.

שוין עטלעכע טעג ווי דאָס וועטער איז געוואָרן לינד, די ערד — ווייכער, דער שניי איז זיך צעקראָכן, געוואָרן אַ קאַשע. גרייט מען זיך היינט ביינאַכט עפענען אַ שטאַל — און דערפאַר די שמחה.

היינט איז דאָנערשטיק ביינאַכט, אַ ליל שימורים ביי אַלע מתמידים און נישט־מתמידים. אַזאַ נאַכט, אַנטקעגן פרייטיק, פלעגט אַמאָל זיין אין די שולן הר־האַ. אַלע זיצן און לערנען, אויך אַנדערע בעלי־בתּים.

דער שמש פון דער שניידער־שול פון ר׳ משה מירערס ישיבה וואָס האָט זיך געפּאַרקעט ביי די הענגלייכטער, האָט פאַרשטאַנען וואָס איז די שמחה — און ער פרעגט:

— וואָס עפּעס איז היינט אַזוי גרויס די שמחה ביי אייך?

— גאָרנישט — זאָגןביידע, דער סלוצקער מיטן קאָפּולער. — מ׳איז פּטור געוואָרן די גרויסע פרעסט. די סקאָרפּעטקעס וועלן צוטרוקענען, אָט איז די שמחה...

בייזערט זיך דער שמש:

— גענוג, גענוג לערנען ביז 10, ביז דער שעה גיט מען ליכט אין אַלע שולן און אין גרויסן בית־המדרש גיט מען ביז 10־11. דערנאָך דאַרף מען גיין שלאָפן.

זינגט דער סלוצקער: והגית בה יומם ולילה, מען דאַרף לערנען טאָג און נאַכט.

זינגט דער קאָפּולער מיטן יום־כּיפּורדיקן ניגון: יעלה קולנו מערב ויבוא קולנו עד בוקר. מיר וועלן לערנען אי אין אָוונט, אי אַ גאַנצע נאַכט, ביז טאָג.

צעקאָכט זיך דער שמש און שרייט:

— פאַר געגנבעטע ליכט? אַזאַ יאָר אייך וואָס פאַראַ מצוות איר האָט מיט אייער לערנען גאַנצע נעכט מיט געגנבעטע ליכט...

— נישט פון מצוה וועגן לערנען מיר. פון מצוה וועגן לערנען די גרויסע, די אַלטע. מיר לערנען ווייל עס ווילט זיך לערנען.

— וואַרט — שרייט דער שמש — וואַרט! מען וועט זיך נעמען צו אייך!

— שאַ! — האָט אַ ברום געטאָן דער ראש ישיבה אויפן שמש. — אַ געשעפט האָט ער, קריגן זיך מיט די ישיבה־לייט.

און דער שמש איז שטיל געוואָרן.

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז היינט ביינאַכט וועלן זיי גיין צו זייערע נאָרעס מיט די ליכט. ער האָט באַמערקט ווי זיי האָבן געהאַלטן אַן אָנגעשפּיצט שטיק אייזן און אַ ברעטעלע צוגעשפּאַרט ווי אַ לאָפּעטקע. אָט איז ער אַוועק און פאַרטרויט אַ סוד דעם גרויסן שמש און דעם אונטער־שמש פון גרויסן בית־המדרש און נאָך שמשים פון די שולן פונעם שול־הויף, אַז היינט ביינאַכט קאָן מען כאַפּן די צוויי פייערדיקע גנבים, מ׳דאַרף נאָר זיין גרייט, שטיין אויף דער וואַך.

אַלע שמשים האָבן אים אָפּגעדאַנקט מיט שמחה און פאַרזאָגט ער זאָל היינט מער אַ וואָרט נישט ריידן מיט זיי, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשטיין עפּעס, ווייל זיי זענען קלוגע יונגען.

דאָנערשטיק ביינאַכט, ווייל ס׳איז אַ ליל שימורים, מען לערנט אַ גאַנצע נאַכט — אי קלויזניקעס, אי פּרושים, אי אויך אַנדערע בעלי־בתּים — שלאָפן די שמשים אין די שולן.

אָט האָבן זיי אָפּגערעדט צווישן זיך ווי צו היטן און כאַפּן. זיי האָבן באַשטעלט אַ יינגעלע ער זאָל זיי קלוג נאָכשפּירן, ווען זיי גייען אַרויס און קומען אָנזאָגן.

ביז נאָך האַלבער נאַכט האָבן אונדזערע צוויי מתמידים זיך געמוטשעט אין גרויסן בית־המדרש, געשטאַנען אַרום דעם לאַנגן טיש, געבלענדעט די אויגן און געלערנט האַלב אויסנווייניק. ס׳איז געקומען אַ זייגער צוויי, גיט איינער דעם צווייטן אַ ווונק אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין. פריער גייט דער קאָפּולער אַרומשמעקן און זען צי די שמשים שלאָפן שוין געשמאַק. עפּעס האָט זיי דאָס האַרץ געשראָקן, אַז זייער שמש זאָל נישט אָנזאָגן די שמשים פון גרויסן בית־המדרש וועגן זיי.

— נו וואָס? — פרעגט דער סלוצקער.

— זיי שלאָפן ווי הרוגים, כראָפּען געשמאַק. אַזוי ביידע, דער גרויסער שמש און דער אונטער־שמש.

— דאַרף מען גיין.

זיי האָבן גענומען דאָס שטיק אייזן מיטן שאַרפן ברעטעלע און אַוועק.

שטייט מען און מען גראָבט. אַ פּעקל שוועבעלעך אין האַנט. אַלע ווײַלע — אַ רייב אַ שוועבעלע. ווערט ליכטיק און פינצטער, פינצטער און ליכטיק. שוין באַלד זיך צובאַקומען צו אַ פּעקל ליכט.

מיט אַמאָל ·— הר־האַ, זעקס שמשים מיט לאַמטערנס אין דער שטאַל. קולות ווי בעת אַ נאַכט־שׂריפה. די שכנים האָבן זיך אויפגעוועקט פון אַרום און אַרום. האַלב נאַקעטע און טויט דערשראָקענע.

— וואָס איז? וואָס איז?

— גנבים געכאַפּט, גנבים געכאַפּט!

אין אַ קאַלאָש און אין אַלטע צעפּוילטע הויזן טראָגט מען מיט גרויס פּאַראַד אַ פּעקל ליכט. די מתמידים בעטן זיך רחמים — נאָר עס העלפט נישט.

די אָנגעלאָפענע מתמידים פון די אַנדערע שולן ווילן זיך אָננעמען פאַר דעם סלוצקער און קאָפּולער, נאָר אַלע שמשים זענען ווי צערייצטע וועלף.

געבראַכט די ליכט אין גרויסן בית־המדרש, האָט מען זיי צעלייגט אויפן טיש און מ׳קוקט זען וואָס טוט זיך דאָרט. די צוויי מתמידים זיצן און קלאָגן. אַ זומער געהאָרעוועט און האָבן נישט ביי וואָס צו לערנען.

אויך די אַנדערע פּעקלעך ליכט האָט מען געפונען דאָרט אין שטאַל, אין די נאָרעס. עטלעכע יידן זענען אַריינגעלאָפן אין בית־המדרש מיט אויסגעשרייען:

— פאַראַן גאָך, אָט אַ ביסל אַ חברה...

איצט זענען די מתמידים געבליבן אָן אַ ברעקל ליכט. קלאָגן זיי און האָבן נעבעך אויף וואָס צו קלאָגן. נאָר צרמאָרגנס האָבן זיי אָפּגעווישט די טרערן. אַ בעל־הבית וואָס האָט געהאַט יאָרצייט און יענע נאַכט גענעכטיקט אין בית־המדרש לערנענדיק משניות, האָט זיי צוגעזאָגט אָפּצוקויפן גוטע ליכט. און זיי זענען טאַקע דערפרייט געוואָרן מיט היפּשע עטלעכע פונט גוטע ליכט, ביי וועלכע זיי האָבן געלערנט גאַנצענע נעכט, ביז ראש חודש ניסן...

דאקומענטן דערציילן

העברעישער גן־ילדים אויפן נאָמען פון ח.נ. ביאַליק אין ניעסוויזש

דאָ איז פאָרגעקומען אַ פייערונג לכבוד דער דערעפענונג פון אַ העברעישן גן־ילדים א״נ פון ח. נ. ביאַליק ז״ל. דער גן־



קינדער־גאָרטן אין ניעסוויזש מיט דער פּרעבליסטין ימימה אַנגע־לאָוויטש (לינקס, אונטן). רעכטס, אויבן — חיותה בלאַטשינסקי פון ארץ־ישראל, בעת איר באַזוך אין ניעסוויזש.

גן ילדים עם הגננת ימימה אנגלוביץ (משמאל).
מימין — חיותה בלצ׳ינסקה מארץ־ישראל, בביקורה בעירנו.

ילדים איז געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק דער אַקטיווער מיט־הילף פון דער היגער „וויצ״אָ״־אָפּטיילונג וואָס האָט במשך פון איר עקזיסטענץ באַוויזן פיל צו לייסטן. דער ביישפּיל דאַרף נאָכגעטאָן ווערן אויך אין אַנדערע שטעט.

א. מוטער

(„היינט״ 1934, מס׳ 218, י״ז תשרי תרצ״ח).

תרבות־לערער קרייז־קאָנפערענץ אין ניעסוויזש

אויף דער איניציאַטיוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „תר־בות״, ווערט שבת און זונטיק דעם 13, 14 דעם חודש אָפּגע־האַלטן ווערן אַ קרייז־קאָנפערענץ פון די תרבות־לערער אין ניעסוויזש מיט דער באַטייליקונג פון „תרבות״־וויזיטאַטאָר ה׳ אברהם איינשטיין.

אין דער קאָנפערענץ נעמען אַנטייל די שול־דירעקטאָרן און די לערערס פון די שולן אין באַראַנאָוויטש, האָראָדזיי, לאַכאָוויטש מאָלטשאַדז, ניעסוויזש, סטאָלפּצע און קלעצק. די קאָנפערענץ איז דער עיקר געווידמעט די פראַגן פון די העב־רעישע לימודים און די אָרגאַניזאַציאָנעלע „תרבות״־פּראָב־לעמען.

בעת דער קאָנפערענץ וועלן אויך פאָרקומען פּראַקטישע לעקציעס אין דער שולע אין ניעסוויזש, וועלכע וועלן דינען אַלס יסוד פאַר דער דיסקוסיע פון די באַטייליגטע.


(„מאָמענט״, וואַרשע, 14.2.1937).

געלט־זאַמלונג פאַר די אַרויסגעשיקטע פון דייטשלאַנד (42סטע ליסטע)

ניעסוויזש:

לויט דער איניציאַטיוו פון פּרעזעס פון דער יידישער קהילה ה׳ יואל ראָזאָווסקי, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרע־סערע פאַרזאַמלונג פון פאָרשטייער פון אָרטיקע ווירטשאַפט־לעכע, פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס א. א. און ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט פון פּאָלג. צוזאַמענשטעל:

פּרעזעס — ה׳ יואל ראָזאָווסקי, וויצע־פּרעזעס: הרב ראַ־בינאָוויטש אייזיק, מיטגלידער: פר׳ פרומע, בן־הרב סעגאַל,


ועד הקהלה העברית
בניסויז
יום ... חודש ... תר״פ
Nieśwież z. Nowogódzkiej
tel. № 3

א בריוו פון ר׳ יואל ראָזאָווסקי — פּרעזעס פון דער יידישער קהילה אין ניעסוויזש צו שמואל אייזנשטאַט אין ארץ־ישראל.

ד״ר יעקב גינזבורג, ד״ר בנימין אייזענבוד, ד״ר נחמן קאַגאַן, ד״ר אליהו זכריאָוויטש, ד״ר ישעיהו קעסעל, יוסף וואַסילעוו־סקי און מאיר טענענבוים.

געשפענדעט האָבן פאָלגנדע פערזאָנען:

ה׳ פערלמאַן יצחק — 25 זל.

ה״ה ד״ר גינזבורג יעקב, ד״ר כהן נחמן, גרינוואַלד שלמה, נייפעלד שמואל, שערעשעווסקי משה, כהן יוסף צו 20 זל.

ה״ה איצקאָווסקי ש., סלאָנימסקי מ., סקאקאלסקי ט. צו 18 זל.

לערער פון „תרבות" — 16.50 זל.


ה״ה ד״ר אייזענבוד ב., דאַנילעוויטש ש. ל., ד״ר זכריאָוויטש א., כאַרלאַפּ ברידער, לעווין י. ד., אַדוו. מעססיטע מ., ד״ר קעסעל ש., קויפמאַן אַ., קויפמאַן ל., צו 15 זל.

ה״ה וואַסיליעווסקי י., סווידסקי ר., פאַרפעל ברידער צו 12 זל.

פר׳ באָמשטיין ח., ה׳ גאַלאַס א., פר׳ מייזל קריינע, ה״ה מאַליער אברהם יצחק, נון י., קויפמאַן לייב, קאַצאַנאָווסקי א. ב., רודשטיין הירש, שוואַרץ וואָלף צו 10 זל.

ה״ה אַלטמאַן דוד (מיטן איידעם) אַלבענסקי ש., אָרדזיאַנ־סקי ברוך, גוריאַן וואָלף, גורוויץ בער, גורביץ בנימין, דוניעץ מ., ווינאָגראַד ישראל, וואָקסבערג יעקב, זאַטורענסקי נ., כאַר־לאַפּ דוד, כאַרלאַפּ שמואל (בן אהרן), ליפּאָווסקי דוד, ליפּאָוו־סקי אברהם, פר׳ ליפשיץ חנה, ה״ה מענדעליעוויץ מרדכי, ענשטיין לייב, צינמאַן אהרן, קליעצקין שמואל, שוועד פסח צו 6 זל.

ה״ה אַנגעלאָוויץ אהרן לייב, פר׳ אייזנשטאַט רחל, אַנאַ־נ׳ם, ה״ה באָשינקעוויץ מ. מ., גאָלדבערג שלמה, גאָלדין חנן, גרינוואַלד חנן, יערעשעוויץ יעקב, לוסקי משה, לאַנדוי אהרן, פר׳ מאַלאָווסקאַ שרה, ה״ה מעריצקי איסר, סווירשצעק יוסף, סאָלטאַן ירחמיאל, סראַגאָוועץ יצחק, פאַיאַנס משה, קאַלמאַ־נאָוויץ הירש, פרל׳ שריפטזעצער רחל צו 5 זל.



ביטע פון לייב. וואָרצעל צו דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קאָאָפּע־ראַטיוון פאָלקס־באַנק צו באַקומען אַ הלוואה, דאַטירט פון 20.8.1925.

בקשה להלוואה לבאַנק־העממי הקואופרטיבי היהודי 20.8.1925;
חתום: ל. וורצל.

ה״ה פאָליאַק מנחם, פערעלמאַן שמואל, ציטראָן אהרן, פר׳ קויפמאַן הינדע, ה״ה קליטיעניק הירש, קאָברינסקי ישראל, ראָזאָווסקי יואל צו 4.50 זל.

פר׳ אייזנבוד פרומע, ה׳ בליאַצינסקי ראובן, פר׳ קיליע־וויץ גאָלדע צו 4 זל.

ה״ה אַגינסקי דוד, איסאַקאָוו יוסף, אַלפערין יוסף דוד, אַלפערט מאיר, בליאַכער יוסף, בראַטקאָווסקי אברהם, גור־וויץ מרדכי, גאַברעליאָוו דוד, גאַברעליאָוו שלמה, גאָלדבערג יהושע מאיר, דובאָווסקי יעקב, הייזענבלאָזען יצחק, הונגע־ריקער יחיאל, יוסף וויציג, ברודער, זמודזשאַק לייב, כאַיוטין נפתלי, טענענבוים אבא, טורצין אברהם, טאָרן ישעיהו, לעוו־קאָוויץ יעקב, ליפּאָווסקי יוסף, לקח מרדכי, פר׳ לאַנדאַ ברכה רבקה, ה״ה לייט מיכל, יערענבורג ליפּא, מאַליאַווסקי ירחמיאל, סעליבאָווסקי יעקב, פר׳ סווערשציק צעשע, פר׳ פאָלאַק צירע, ה״ה פענצאָווסקי מאָריס, פאַרבער יצחק, צעכאַנאָוויץ יצחק ברוך, קוליעש דוד, קיל־סוראָוויעץ, קראַוועץ יהושע, קאַצאַ־נאָווסקי אליעזר, קריניצקי מרדכי, קליעצקין אברהם, רעכעלעס שלמה, ראָזאָווסקי ע., רמז זעליג, שקאָלניק משה אהרן, פר׳ שפילבערג, ח., ה״ה שקליאַר הירש, ליאַכאָוויצקי מ., ראַבי־נאָוויץ חיים צבי, צו 8 זל.

ה׳ דוידובסקי לייב הערץ — 2.50 זל.

פר׳ אַלפערט חנה, ה״ה אייזענבוד לייב, איזראַעליט יוסף, פר׳ בערקאָוויץ איטקע, ה״ה בענעראָף מרדכי, ברוק חיים, גאַב־רעלאָוו ש., געלפאַנד לייב, טשאַרני, טענענבוים מענדל, לעמוד דוד, ליפשיץ נטע, לייט יעקב, לובעצקי דוד מאיר, מאַרגאָלין אהרן אליהו, מענדעליעוויץ יעקב, מנקר מרדכי, מאַנדעל ביניש, סראָגאָוויץ הערץ, סראַגאָוויץ יצחק, סווירש־ציק אברהם, סירקוי ישראל, סווירשציק דוואָזשע, פיאַלקאָ יצחק, פראַנק משה, פאָמעראַנץ אברהם, קרעפס יצחק, קראַ־וויעץ דונסקי שרה, פר׳ שטיינהויז ברכה, ה״ה וואָלף, קראַוויעץ שמואל, רמז חיים, פר׳ ראָשוסטער ז., פוכאָווסקי א. ובנו יוסף צו 2 זל.

הרב דמתא ראַבינאָוויטש אייזיק, ה״ה בליאַכער יעקב, בלור־מעס יעקב, ברייטמאַן אברהם, ברעגמאַן שמואל, באָשענקע־וויטש יהושע, בערקאָוויטש קאָפל, גינזבורג מאיר, גאָרפינקעל עוזר, גאַברעלאָוו משה, גאַס יעקב, פר׳ דערעצינסקי זלאַטע, ה״ה ווינאָקור משה, זובאַק משה, כאַלאַווסקי שלמה, טורצין קאָפל, צעכענאָוועץ פייטל, פר׳ ריינשטיין ר., ה״ה שמערקאָוויץ בער, שיפּרעס חיים, שפּיראָ ברוך צו 1 זל.


בלי אדמה אין שום ממשות לתחיתנו.

ועדת — מחלקת

„קרן־קימת־לישראל" בניסויז „אלבום־השמחות"

תעודת הרשמה

№ 390.

לזכרון

בקורו בעיר מולדתו


תרם

הה׳ פוטשניק צבי

לא חמשה למען קרננו

צייגעניש פון אַריינשרייבן אין „אַלבאָם פון שמחות", צום אָנדענק פון הירש פאָטאָשניקס באַזוך אין ניעסוויזש, ל״ג בעומר תרצ״ח.

תעודת הרשמה רגילה ב„אלבום השמחות" לזכר ביקורו של צבי פוטשניק בעיר מולדתו — ל״ג בעומר שנת תרצ״ח.



Żydowskie Stowarzyszenie Kulturalno - Oświatowe w Polsce „Tarbut" oddział w Nieświeżu
dn. 21. VIII. 1925 r.
№ 92

הפרוגימנסיה העברית „תרבות"
נסויז, א' אלול התרפ"ה
№ 92

תעודה

הנהלת הפרוגימנסיה העברית „תרבות" בנסויז מאשרת בזה שהמורה מר מולצ'דסקי יצחק
עבד במוסד הנ"ל בתור מורה מתחלת שנת-הלמודים 1920/1921 עד יום - הנה. (ר"ח אלול התרפ"ה) שעות למודיו - 36 לשבוע
הנהלת ביה"ס מביעה להמורה מולצ'דסקי יצחק את הכרתה על עבודתו הפדגוגית - דידקטית הפוריה.

המנהל: י. גלפין

נסויז א' אלול התרפ"ה


הנהלת ביה"ס מאשרת [illegible] את [illegible] של ההעתקה עם המקור.

המזכיר: [illegible]

קלק א.

באַשטעטיקונג פון דער דירעקציע פון דער ניעסוויזשער פראָ־גימנאַזיע „תרבות" פאַר דעם לערער יצחק מאָלטשאַדסקי פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אַלס לערער אין אָנערקענונג פאַר זיין פרוכטבאַרער פעדאַגאָגישער טעטיקייט.

אישור הנהלת הפרוגימנסיה העברית „תרבות" למורה יצחק מולצ'דסקי על עבודתו בבית הספר ודברי הערכה על פעילותו הפדגוגית.



ניסויז' - כ"א אדר א' התרצ"ה - 24.II.1935

שי־דים

לחברנו היהודי־ציוני -
ברוך שמושקוביץ -
ליום הגשמת שאיפת חייו ומאוויי נפשו - עלותו לארצנו
מגישים: סניף „תרבות" וחבר־המורים"
תשורה זו - לאות הכרה והוקרה -
בעד עבודתו המסורה לטובת
„תרבותנו הלאומית והחנוך העברי".

סניף „תרבות":
חבר־המורים:

אנערקענונג־בריוו פאַר ברוך שמושקאָוויטש פון דעם קאָמיטעט פון ניעסוויזשער „תרבות" און לערער־פערסאָנאַל פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור און נאַציאָנאַלער דערציונג".

תעודת הוקרה למר ברוך שמושקוביץ מסניף „תרבות" ו„חבר־המורים", על עבודתו המסורה לטובת „תרבותנו הלאומית והחנוך העברי".

2

שטייגער,
דערינערונגען,
געזעלשאפטלעך
לעבן

ייִדיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין די דרייסיקער יאָרן

יצחק אַלפּעראָוויטש

די דרייסיקער יאָרן פון פאַרמלחמהדיקן פוילן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט אַ תקופה פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן אויפ־שטייג פונעם פּוילישן ייִדנטום — האָבן אויך נישט אויסגעמיטן ניעסוויזש.

די ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין שטאָט האָט זיך פּאַקטיש קאָנצענטרירט אַרום דריי צענטערס: די קהילה; די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען און דער ייִדיש־נאַ־ציאָנאַלער חינוך.

די קהילה איז געווען די צענטראַלע אַקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך באַוויגן דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן: רבנות, שחיטה, סטאַטיסטיק פון געבורט און שטערבלעכקייט, צדקה און שטיצע פאַר אָרעמעלייט, אויסהאַלטן די „הכנסת־אורחים״, בית־הקברות און אַנדערע אינסטיטוציעס.

לויט איר ראָלע און אויפגאַבן, האָט די קהילה געהאַט אַן איינפלוס אויך אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון די ייִדן אין שטאָט, אָבער די צענטראַלע פונקציע אין דער ייִדיש־שטאָ־טישער עקאָנאָמיק האָבן אויסגעפירט די ייִדישע פאָלקס־באַנק און די גמילות־חסדים קאַסע. דער סוחר און האַנטווערקער, האָבן אָפט געמוזט אָנקומען צו אַ הלוואה.

די גמילות־חסדים קאַסע האָט געהאַט באַגרענעצטע מיטלען, פונדעסטוועגן האָט זי געבראַכט אַ סך נוצן. באַזונדערס פאַר די אָרעמע קרייזן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן באַקומען אָנפּראָצענטיקע הלוואות און אויף אַ לענגערן טערמין.

בראש פון דער קהילה איז ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געשטאַנען דער זייער פּאָפּולערער און איבער־געגעבענער מנהיג פון ניעסוויזשער ייִדנטום — ר׳ יואל ראָ־זאָווסקי, וואָס איז אויך געווען דער וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן

די ייִדישע באַפעלקערונג אין ניעסוויזש האָט געצויגן איר חיונה ס׳רוב פון מסחר און פון צענדליקער פאַרשיידענע מלאָ־כות: שניידערס, שוסטערס, שטעפּערס, סטאָלערס, שמידן א״א. די גרויסע צאָל בעלי־מלאכות האָט באַדינט די שטאָטישע באַפעל־קערונג, ווי אויך די פּויערישע אומגעגנט. צו זיי דאַרף מען צורעכענען די בעקערס און קצבים, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַרן בעסער סיטואירטן עלעמענט. דער רוב יאַטקעס האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער סיראָקאָמלי־גאַס, בעיקר אַרום דעם „שול־הויף״. די בעקערייען זענען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט.

די גרעסטע בעקעריי אין שטאָט האָט געהערט צו חיים בערעזין, וועלכער האָט אויך צוגעשטעלט ברויט פאַרן 27סטן קאַוואַלעריע־פּאָלק, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין ניעסוויזש.

אַ טייל ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין די עקן פון שטאָט, האָבן זיך טיילווייז באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, ווי באַ־אַרבעטן פעלדער, דינגען סעדער אין די דערפער און אין סעזאָן — אַראָפּנעמען אין פאַרקויפן די פּרוכט.

ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט גוט פונקציאָנירט קושע שאַבעסעס טעקסטיל־פאַבריקל, וואָס האָט אויסגעאַרבעט גרעבערע שטאָפן. וועלכע מען פלעגט פאַרקויפן אין פאַרשיידענע שטעט אין פוילן. אין דער פאַבריקל האָבן געאַרבעט אַ פּאָר צענדליק פאַכמענער־ספּעציאַליסטן און דאָס איז פּאַקטיש געווען די גרעסטע אונטערנעמונג אין שטאָט.

דער מסחר און האַנטווערקעריי זענען דער עיקר געלעגן אין ייִדישע הענט. ס׳רוב קראָמען זענען געווען אַרום דעם מאַרק, פון אַלע 4 עקן און אַרום דעם ראַטוש, ווו ס׳זענען געווען שניט־קראָמען און אייזן־קראָמען, אויך אַ קליינע צאָל תבואה־סוחרים. אין שטאָט האָבן פונקציאָנירט 5 האָטעלן:

בליאַטשינסקי, סקאָקאַלסקי, גח, מאַנדל, אייזענבוד.

עס זענען אויך געווען טעטיק עטלעכע צוקערניעס, די פּאָ־פּולערסטע פון זיי האָט געהערט צו יאַנקל־דוד לעווין, גח, בור־סקי, דרוקער, פייגנבערג.

אויסער דער פּוילישער אַפּטייק, איז אויך געווען טעטיק זוסמאַנס אַפּטייק, שיין, טורטשין, מישקאָווסקי, קלאַטשקין.

אויך דאַרף מען צורעכענען אַ 10 פריזיר־אַנשטאַלטן.



דענקמאָל פאַרן ראַטהויז לזכר 20 סאָלדאַטן וואָס זענען געפאַלן ביים פאַרנעמען ניעסוויזש דורך די רוסן, אין דער ערשטער וועלט־קריג.
אנדרטה לזכר 20 החללים שנפלו בכיבושה של ניסוויז׳ מידי הרוסים במלחמת העולם הראשונה. ברקע — בנין העיריה.



מיטגלידער פון קאָמיטעט פאַרן אַרבעטענדן א״י אין ניעסוויזש (1927) צום באַזוך פון משה בן־ארצי—שטיינהויז און לעווין שרגא פייוול פון ארץ־ישראל

חברי הועד למען א״י העובדת בניסוויז׳ לרגל ביקורם של משה בן־ארצי—שטיינהויז ולוין שרגא מהארץ (1927) מימין לשמאל בשורה הראשונה: גיטל קרפף, עדינה אנגילוביץ׳ יעקב גולדברג, רבקה לובצקי, אליהו רדינסקי
בשורה השניה: ברוך פוטשניקי, לוין שרלא, משה בן־ארצי, בנימין יואלי—יעוועלעווסקי
בשורה השלישית: יהודה אלפרוביץ, איטה בילה סופר, יוסף ברזין

חינוך

די יידיש־וועלטלעכע דערציונגס־אַנשטאַלטן אין ניעסוויזש זענען געווען: די „תרבות" און די פאָלקס־שול. חוץ די דאָזיקע 2 שולן, האָבן יידישע קינדער געלערנט אין דער פוילישער „פאָוושעכנע" שול, פוילישער גימנאַזיע און אין פוילישן לערער־סעמינאַר. סוף פון די דרייסיקער יאָרן איז דער דירעקטאָר פון דער „תרבות" שול געווען שאול פרידשטיין. דער לעצטער פאַרדאַנקען דער „תרבות"־שול, וועמענס תלמידים זענען ס׳רוב געווען מיטגלידער פון „השומר הצעיר", „גורדוניה" און בית״ר.

די „תרבות"־שול האָט זיך געפונען אין איר אייגענעם בנין (לעבן ד״ר באַמשטיינס מויער) און אין דעם בנין האָט זיך דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שול איז געווען דער לערער זאַלצמאַן.

חוץ דער „תרבות" און פאָלקס־שול, איז אויך געווען טעטיק די תלמוד־תורה און עטלעכע „חדרים".

די „תרבות"־שול האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע השפעה אויף דעם גרעסטן טייל פון דער ניעסוויזשער יוגנט. אויב ניעסוויזש איז געווען שטאַרק ציוניסטיש־חלוציש, איז דאָס צו



קאָמיטעט פון „החלוץ" אין ניעסוויזש. (פאָטאָ: משה פאַיאַנס).
ועד „החלוץ" בניסוויז׳
שורה ראשונה (מימין לשמאל): אליעזר נון, צביה ברונשטיין, אברהם ברזין. שורה שניה: . . . גולדה פרפל. (צילום: משה פאַיאַנס).



דער סניף „החלוץ הכללי־ציוני" אין ניעסוויזש.
סניף „החלוץ־הכלל ציוני" בניסוויז׳.
יושבים למטה: גרשוני, שלמה פרפל. שורה שניה (מימין לשמאל): הירשל סביצקי, הניה ברזין, ירחמיאל שניצר, מניה קצנובסקי, חנן שקלאר, חשקה אבילביץ, נח פוליאצוק. שורה שלישית, עומדים: מרדכי קולש, גבריאל ליאכוביצקי, נחום רכלס, יוסף פוהובסקי, בנימין רוזובסקי, מרדכי בודובלה, משה אייזנבוד, מרדכי פרפל.

אויך געפונען דער ועד פון קרן הקיימת לישראל. דער לעצטער מורשה פון ק. ק. ל. איז געווען דער לערער מאַלטשאַדסקי. ביים „תרבות" איז אויך געווען טעטיק אַ דראַמאַטישער קרייז וויצ"אַ און דער „הנוער הציוני הכללי".

די פאָלקס־שול האָט זיך אויך געפונען אין דעם אייגענעם בנין אויף דער מיכאַלישקער גאַס. אויך ביי דער פאָלקס־שול איז געווען טעטיק אַ גוט אָרגאַניזירטער דראַמאַטישער קרייז, אַ קינדער־קלוב און דער „סקיף" (קינדער־אָרגאַניזאַציע פון „בונד").

דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער פאָלקס־שול האָט סיס־טעמאַטיש געשפילט פיעסן און מיט אים האָבן אָנגעפירט צוערשט משה קאַטשאַנאָווסקי, שלמה פאַרפעל, דער לערער אליהו ראַ־דונסקי, הירשל טורטשין.

די „תרבות" שול האָט עקזיסטירט ביזן אַריינקומען פון די סאָוויעטן, דעם 17טן סעפּטעמבער 1939. די שול איז גלייך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסישער שול און אין איר האָבן זיך שוין אויך געלערנט רוסישע קינדער.

די פאָלקס־שול איז פאַר דעם סאָוויעטן־פעריאָד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלוכהשער שול און די אונטעריכטס־שפּראַך איז געווען יידיש. אויך די תלמוד־תורה און חדרים האָבן פונקציאָ־נירט — ביזן אַריינקומען פון די סאָוויעטן.

פאַרטייען

ניעסוויזש איז געווען אַ ציוניסטישע שטאָט. די נישט ציו־ניסטישע עלעמענטן האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך בלויז אַ קליינע מינדערהייט. די ציוניסטן, דורך זייערע אָרטיקע פאַרטייען, האָבן פאַרשטייט זיך געגעבן דעם טאָן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די



אַ גרופּע חברים פון „פרייהייט", צום עולה זיין פון חבר שלמה פאַרפעל אין זיין משפחה קיין ארץ־ישראל. (פאָטאָ: חיים שבת).

חברי „פרייהייט" („דרור") לרגל עלייתו של הח' שלמה פרפל. עומדים מימין לשמאל: אתל בלצינסקי, ... , רחל מילצקי. פרומה דרוקר, ברל קפל, קריינה, ברל אַנדרוסייר, עשקה גורפינקל יצחק אַלפרוביץ. יושבים: רייזל סנדלר, יעקב חדש, שלמה פרפל מזיני דינה, רייזל דרוקר. שורה ראשונה: שיינה למש, לובה לבקוביץ, עשקה וולוז'ינסקי. (צילום: חיים שבת).

אַרבעט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל האָט פאַרנומען אַ צענט־ראַלן אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

צווישן די ציוניסטישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען געווען:

אַלגעמיינע ציוניסטן — פאַרזיצער יואל ראַזאָווסקי.
רעוויזיאָניסטן — חאיוטין.
בית"ר — לייבל לאַנסקי.



פאַרוואַלטונג פון „וויצאָ", „יונג־וויצ"אָ" און מורשה פון קרן־קיימת צום אָנדענק פונעם באַזוך פון פרוי אסתר קאַפּלאַן.

ועד „ויצ"ו", „ויצה־הצעירה" ומורשע הקק"ל לזכרון ביקורה של הגב' קפלן אסתר (כ"ז אדר תרצ"ה).

שורה ראשונה, מימין לשמאל: פרומה מנקר? פרומה גבריאלוב, בתיה ליאכוביצקי, חיה פרפל. שורה שניה: . . . שלימוביץ, . . . גרינולד, ליבע ליפובסקי, ברטה וסלובסקי, אסתר קפלן, הנצה בומשטיין, רחל גינזבורג, תמרה אייזנבוד, . . . סלונימסקי. שורה שלישית: מניה קצ'נובסקי פרומה מנדל, נחמה אייזנשטדט, סוניה אלפרט, פרומה בנרץ, צפורה לוין (דוידובסקי), יצחק מולצ'דסקי, סוניה זוסמן, פני שפילברג, זלטה דרצינסקי, . . . מנדלביץ? חוה יבלבסקי, מרים איצקובסקי.

השומר הצעיר" — שלמה טשאַרני, לאַליק אַבעלעוויטש, נח שקלאַר.
„גורדוניה" — שבח אייזנבוד, ירחמיאל שקליאַר.
„פרייהייט" — אברהם בערעזין, יצחק אַלפעראָוויטש.
„החלוץ" — יאַנקל חדש.
וויצ"אָ — פרומקע בענעראָף, פרוי ווסעלאָווסקי, סלאָנימסקי.
ברית החייל — מישא באַשינקעוויטש.
„העובד" — פועלי־ציון (צ.ס.) — שלמהקע אַבעלעוויטש.
„סקיף" — משה אייזענבוד, שאול הינקעדיקער.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן געבילדעט די דאַך־אָרגאַניזאַציע — די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל".

נישט קיין קליינע השפעה אין שטאָט אויף דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט געהאַט דער חלוצישער קיבוץ „שחריה", וועלכער איז ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ גוט אָרגאַניזירטער חלוצישער קאָלעקטיוו. דער ניעסוויזשער הכשרה־קיבוץ איז געווען קאָמפּלעטירט פון די חברים פון „החלוץ", „פרייהייט" און „החלוץ־הצעיר". לעצטנס האָט דער קיבוץ שוין געציילט איבער 60 חלוצים, וואָס האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע פיזישע אַרבעטן אין שטאָט.

אַ גאָר לעבהאַפטע טעטיקייט האָט געפירט דער קרן קיימת, בראש מיט דעם מורשה מאָלטשאַדסקי און ביי דער מיטהילף פון פאָרשטייער פון אַלע ציוניסטישע פאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דער ק. ק. ל.־קאָמיטעט פלעגט איינאָרדענען באַזאַרן אין ראַטוש, וואָס האָט געבראַכט אַ גרויסע אויפלעבונג אין שטאָט.



אַ גרופּע חברים פון „החלוץ" אין ניעסוויזש, צוזאַמען מיט אַ טייל חברים פון הכשרה־קיבוץ „שומריה". (פאָטאָ: חיים שבת).
קבוצת חברי „החלוץ" בניסוויז', עם חברי קבוץ ההכשרה „שחריה".
עומדים (שני מימין): אברהם ברזין, שלישית — חמדה גולרביץ,
חמישי — ראובן אלפרט, שישי — יצחק קויפמן.
יושב, חמישי (מימין לשמאל): יוסף ליפשיץ.
שורה ראשונה, שני מימין: אפרים אלפרוביץ'. (צילום: חיים שבת).

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מכבי" האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל מיטגלידער און פאַרשיידענע ספּאָרט־סעקציעס: פוטבאָל, האַנט־באָל קויש־באָל, שווים־סעקציע, ראָווערן־גרופּע און לייכט־אַטלעטיק. באַזונדערס פּאָפּולער איז געווען די פוטבאָל־דרוזשינע. אירע בעסטע שפּילערס זענען געווען: יאָסל דרוקער, ירחמיאל און נח שקלאַר, באָמקע קאַטשאַנאָווסקי.



פוטבאָל־מאַנשאַפט „מכבי" אין ניעסוויזש. קבוצת כדורגל „מכבי".
ערשטע שורה, זיצן (פון רעכטס צו לינקס): מאיר באַסקיר, יוסף פינטוס, אברהם סאָלטאַן. צווייטע שורה: אברהם פאַוער, משה הינקעדיקער, נחום ווסעלאָווסקי, יאָסל פאַבריקאַנט, משה פאַבריקאַנט, משה שווירשטשיק.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער לאָקאַל פון „מכבי" זיך געפונען ביי בערנשטיינען אין מויער. דער לאָקאַל איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַ טאַנץ־זאַל, לייען־זאַל, ווו מ׳פלעגט קענען לייענען די היגע און אויסלענדישע פרעסע אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען פון „מכבי" זענען געווען אַ שם־דבר נישט נאָר אין שטאָט, נאָר אין דער גאַנצער געגנט. „מכבי" פלעגט אויך מאַרשירן איבערן שטאָט אין שיכות מיט די ל"ג־בעומר פייערונגען.

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפועל" איז געווען אָרעמער אין איר צאָל מיטגלידער און די טעטיקייט האָט זיך באַגרענעצט מיט דער פוטבאָל־סעקציע. צו די בעסערע שפּילערס האָבן געהערט: מלך הינקעדיקער, ניאָניע מאַזין, מאָטל מילשטיין און אפרים אַלפּעראָוויטש.

אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און „מזרחי", איז געווען בעיקר דער באַלעבאַטישער עלעמענט. די „מזרחי" האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער „תלמוד־תורה". דער לעצטער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער לערער גיטלין. צווישן די אָנפירער פון דער „מזרחי"־יוגנט זענען געווען: שאול וואָלאַך, יהודה לאַכאָוויצקי און איסאַקאָוו.

דער „בונד", אַלס אָרגאַניזירטע פאַרטיי, איז אין ניעסוויזש נישט געווען, נאָר אַ קליינע צאָל סימפּאַטיקערס, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער יידישער פאָלקס־שול. די בולטע צווישן זיי זענען געווען: אברהם ליבערמאַן, יאַנקל קאַפּלאַן.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, געזאָרגט פאַר די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער און דאָרט האָבן זיך גרופּירט פאַרשטייער פון „פרייהייט". „פּועלי־ציון" און אַ טייל לינק־געשטימטע עלעמענטן. די בולטע פון זיי זענען געווען: לייזער געצאָוו, דוד ריקלין, אברהם בע־רעזין, שלמה גאַברילאָוו, אליהו ראַדונסקי און ירחמיאל פּאַווער. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט אויך געפירט אַן אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט. באַזונדערס פּאָפּולער זענען געווען די „לע־בעדיקע צייטונגען" און „ליטעראַרישע משפטים", אויף וועלכע ס׳פלעגן אַרויסטרעטן דער אינטעליגענטערער טייל פון דעם פּראָפ. פאַריין: לייזער געצאָוו, אהרון גאַבריאלאָוו, אליהו ראַ־דונסקי, דוד ריקלין, אייזיק אַלבענסקי, מיט דער מיטהילף פון דעם לערער לייב קאַווע — וואָס איז געווען דער ליטעראַרישער לייטער פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען.

בתי־מדרשים, שטיבלעך און שולן

ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען גע־ווען טעטיק אין ניעסוויזש די פאָלגנדיקע בתי־תפילה:

דער אַלטער בית־מדרש און דער נייער.

שולן: די שניידערישע, די שוסטערישע, די פרושים, די „קאַלטע", די קצבישע, מיכאַלישקער, מאַרק־שול, קאָזשימירער, נייער שטאָט, דאַלאַדייער שטיבל, קוידינאָווער שטיבל.

אין די אויבן אויסגערעכנטע שולן זענען שטענדיק געווען מנינים צום דאַוונען. יעדע שול האָט געהאַט אירע מתפללים. איבערהויפּט זענען פול געווען די שולן מיט מתפללים אין די שבתים און יום־טובים, אָבער מער ווי תמיד האָט זיך געפילט די יום־טובדיקייט אין די ימים־נוראים.



ספּאָרט אָרגאַניזאַציע „מכבי" — הסתדרות לספורט וחינוך גופני „מכבי"

שוכבת ראשונה . . . . יושבות (מימין לשמאל) רבקה לבקוביץ׳, ליבע דרבייאנסקי, חוה וויינשטיין, דינה שבת.
יושבים (מימין לשמאל): מאיר לב, הניך איצקובסקי, יוסף דרוקר, לולה גולדין, חיים נובומייסקי, . . . מרדכי בודובלה, נחום וסלובסקי, יוכבד גורודנסקי, אליהו מנדלביץ . . . . . עומדים שורה ראשונה (מימין לשמאל) רוזה גלזר, אליהו פרפל, רוזה קרפצקי, הניה רדונסקי, ... גלאי, נחום רכלס, רוזה צחנוביץ, ברל ברקוביץ, בתיה קוריצקי, עשקע ביילה, גבריאלוב, פרומה בסקיר, רחל קלצקין, חנה רוזובסקי, מרים חולבסקי, דבורה מנחוס, שרה שוסטרמן, חמדה פוליאצ׳ק. שורה שניה (מימין לשמאל): יעקב פרפל, אנשל גלאי, ... ידידיה פיש, מרדכי קולש, רחל פוליאצ׳ק, ראובן סקלסקי, רבקה הימלשטיין, ליובע בנשציק, הניה שבת, מוליך בנרף, אתל שקולניק, סימה שצ׳פורזיצקי, זלדה ש"ץ, יוסף נון. שורה עליונה (מימין לשמאל): יעקב שבת, שלמה לנסקי, ... ברקה שכנוביץ, ישראל מוקסיי, ירחמיאל שקלאר.



„יונג־וויצאָ" אין ניעסוויזש, פאַרן עולה זיין פון דער חברטע בתיה לאַכאָוויצקי אין יאָר תרצ״ו.
„וויצ״ו הצעירה" לפני עליתה של הח' בתיה ליכוביצקי לארץ־ישראל, בחוה״מ סוכות תרצ״ו.
יושבות מימין לשמאל: ליבע צ׳רווינסקי, רבקה שפירא, פרומה גבריאלוב, עשקע פיאלקו. שורה שניה: חיה פרפל, . . . אלטמן, . . . ליבע ליפובסקי, בתיה ליאכוביצקי, פרומה מגדל, סוניה אלפרט, . . „ אלטע קרביץ. עומדות בשורה שלישית: צפורה בשינקביץ, . . . גורביץ, . . . נחמה אייזנשטדט, ברונקה קאגן, אלקע לפשיץ, . . . נון, מנוחה לוין? . . . ג׳רביץ.



ראַיאָן־צוזאַמענפאָר פון „פרייהייט" פון די שטעט ניעסוויזש, סטולפץ, מיר, אין יאָר 1928. מיטן אָנטייל פון דער פוטבאָל־מאַנשאַפט „הפועל".
כנס אזורי של סניפי „פרייהייט" מהערים ניסוויז׳, סטולפצי, מיר — שהתקיים בניסוויז׳ ב־1928, וקבוצת כדורגל „הפועל".
(פאָטאָ: י. כאַיוטין).

ספעציעל האָט מען געשטראָמט אין די בתי־מדרשים צו כל־נדרי. באַזונדערס האָבן יידן פאַרפולט דעם נייעם בית־מדרש, ווו ס'האָט געדרשנט אין דער כל־נדרי נאַכט דער משגיח ר' בערל כאַצקעלס. זיינע יום־כיפור דרשות זענען געווען אַ שם דבר.

באַזונדערס האָט די שטאָט אויפגעלעבט אין פורים. די פורים־שפּילער און קלעזמער אין מאַסקעס פלעגן אויסשפּילן פאַרשיידענע סקעטשן, באַגלייט מיט אַ פּייפל און פידל. און צום סוף פון פורים פלעגט פאָרקומען דער טראַדיציאָנעלער פורים־באַל אין גרויסן זאַל פון ראָטהויז.

אין די פסח־טעג פלעגט מען איינאָרדענען ספּעציעלע קולטורעלע אינטערנעמונגען, ווי: קרן־קיימת באַזאַרן, לעבעדיקע צייטונגען און שפּילן פּיעסן.

מיטן אַריינקומען פון די סאָוויעטן, איז אַ טייל בתי־מדרשים פאַרמאַכט געוואָרן. פון דער מאַרק־שול האָט מען געמאַכט אַ קלוב צום טאַנצן, און די „קאַלטע"־שול האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ סקלאַד פון ברעטער.

פאַר דעם סאָוויעטישן פעריאָד האָט די ניעסוויזשער קהילה, ווי אַנדערע יידישע קהילות אונטער יענעם רעזשים, אָנגעהויבן איר לעצטן עטאַפּ — דער גסיסה־עטאַפּ וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן חרוב מאַכן די שטאָט און די יידישע קהילה — שוין פאַר די דייטשן, דעם 21סטן יולי 1942.



„העובד"־אָרגאַנזאַציע אין ניעסוויזש צום עולה זיין פון ח' בנימין יעוועלעווסקי (יואלי) אין זיין משפחה קיין ארץ־ישראל.

סניף „העובד" בניסוויז', לרגל עלייתו של בנימין יבלבסקי (יואלי) ומשפחתו לארץ־ישראל — 1.9.34. שורה עליונה (מימין לשמאל): ברל קפל, נוח זמודיאק, פייבל קנור, וולוול לובצקי, שמואל פרנסקי, אהרן ליפשיץ, בן־ציון קירזנר, יהודה אלפרוביץ. שורה שניה מלמעלה: ביינוס גבריאלוב, זונדל שבת, שלמה פרפל, גוטה פרפל, הבת לאה, משה יבלבסקי, יוסף בלצינסקי. יושבים (שורה קדמית): וולוול לייבוביץ, בנימין יבלבסקי, חנקה יבלבסקי וילדיהם, יעקב חדש, שלמה אבילביץ, יעקב פרלמן.

לערן־אנשטאַלטן, פילאַנטראָפּישע און קולטור־אינסטיטוציעס

ש ל מ ה   פ א ר פ ע ל

„טאָז"

איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אויפן געביט פון פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ניעסוויזש, איז געווען דער „טאָז". אַ דאַנק זיין לעבהאַפטער טעטיקייט, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע הילף דאָס רוב יידן פון דער אָרעמקייט און פיל קינדער, וואָס האָבן זיך געבייטיקט אין סיסטעמאַטישער היילונג.

דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון „טאָז" אין ניעסוויזש איז געווען דער אומפאַרגעסלעכער לייבל אייזענבוד. דאָס האָט ער מיט זיין שטאַרקן ווילן און אומדערמידלעכער זאָרג באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע. דער „טאָז" איז ווי פאַר יענער צייט באמת געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ, נעמענדיק אין אַכט די הייל־מכשירים און אינסטרומענטן וואָס ער האָט באַוויזן צו שאַפן.

אין די דרייסיקער יאָרן איז דער צוזאַמענשטעל פון דער „טאָז"־פאַרוואַלטונג געווען פאָלגנדער: פאָרזיצער — לייבל אייזענבוד, סעקרעטאַר — אייזיק אַלבענסקי, מיטגלידער — יוסף ליפּאָווסקי, משה־אַרקע שקאָלניק, הייזנבלאָזן, איטשקע בערקאָוויטש. מרדכי־דוד אַלפעראָוויטש, אהרן יאַסינאָווסקי, משה־ראובע זאַטורענסקי (דער מולער), שמעון אַלפערין, שלמה פאַרפעל אאנ"ד.

דאָקטוירים: ד"ר יעקב גינזבורג, ד"ר לאָלע סעגאַלאָוויטש. אַפּטייקער — לייבל שקאָלניק.

די ערשטע צייט האָט דער „טאָז" זיך געפונען אין לאָקאַל פון דער קהילה, אויף שקאָלנע גאַס; שפּעטער אַריבער אין לייבל אייזענבודס מויער. 2 מאָל אין וואָך פלעגן אויפנעמען די דאָקטוירים גינזבורג און סעגאַלאָוויטש. נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג, פלעגן זיי פאַרשרייבן די געהעריקע קוראַציע, אונטער דער אויפזיכט פון די קראַנקן־שוועסטערס.

דער סאַמע וויכטיקסטער און זייער נוצלעכער עטאַפּ פון דער „טאָז"־טעטיקייט איז בלי ספק געווען די יערלעכע זומער־קאָלאָניע אין מיעשטשאַנסקי וואַלד. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון לייבל אייזענבוד און יוסף ליפּאָווסקי, מיט דער אונטערשטיצונג פון די יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט — ר' יואל ראַזאָווסקי (וויצע־בירגערמייסטער), גרויבאַרט בנימין (לאָווניק), ניומע יעוועלעווסקי א. א. האָט דער מאַגיסטראַט באַשלאָסן צו געבן אַ פּלאַץ אין מיעשטשאַנסקי וואַלד פאַר אויפשטעלן אַ קינדער־קאָלאָניע מיט אַן אַנטשפּרעכיקן שפּיל־פּלאַץ. די „טאָז"־צענטראַלע האָט פאַר דעם צוועק באַשטימט אַ געוויסע סומע געלט, אויסער דעם איז געפירט געוואָרן אַ גרויסע אַקציע אין ניעסוויזש גופא.

אינעם צוזאַמענשטעל פונעם „טאָז"־אַקטיוו זענען אויך אַריין די אָנגעזעענסטע טוערס פון דער יידישער פאָלקס־שול.

נאָכן אויפבויען דעם פּרעכטיקן בנין מיט אַלע זיינע צוגאָב־בנינים, ווי די קיך, באָד, שפּייכלערס און באַדינונגען, איז די קאָלאָניע אויסגענוצט געוואָרן אין די זומער־פעריען אין משך פון צוויי סעזאָנען: יעדן חודש — אַ סעזאָן. דער אָפּקלייב פון די קינדער איז באַשטימט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע ביים „טאָז", נאָך אַ געהעריקער אונטערזוכונג פון די דאָקטוירים.

דער עס־זאַל פון דער קאָלאָניע איז געווען די גרויסע וועראַנדע.

די אויפזעערינס און דערציערינס האָבן זיך כמעט יעדן סעזאָן געביטן. דער שטענדיקער אויפזעער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קינדער־קאָלאָניע איז געווען לייבל אייזענ־

בוד —· די נשמה און האַרץ פון דער אונטערנעמונג. ס'איז כמעט נישט געווען קיין טאָג, ער זאָל זי נישט באַזוכן. ער האָט געזאָרגט, אַז ס'זאָל זיין גענוג עסן און אָרדענונג. זיין „אויג" האָט זיך געפילט אומעטום.

ווער עס האָט נאָר געזען דאָס שטראָמען פון הונדערטער מענער, פרויען און יוגנטלעכע צום מיעשטשאַנסקי וואַלד אין די שבתים — דער קען אָפּשאַצן דעם וויכטיקן אויפטו פון דער „טאָז"־געזעלשאַפט און די זאָרג אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון יידישן קינד.

גמילת־חסדים קאַסע

כמעט דער זעלבער קרייז אַקטיווע טוערס אין שטאָט וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער „טאָז"־אינסטיטוציע, לינת הצדק, הכנסת אורחים — האָט אויך אָנגעפירט מיט דער גמילת־חסדים קאַסע.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין יענער צייט איז געווען אַ שווערע. די בעלי־מלאכות האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן רוי־מאַטעריאַלן און כלים צו דער אַרבעט; אויך די קליינע סוחרים האָט געפעלט געלט צום מסחר. איז די איינציקע רעטונג געווען — די פאָלקס־באַנק און די גמילת־חסדים קאַסע.

געווען נישט וויניק פעסימיסטן וואָס האָבן נישט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון דער קאַסע, ווייל אין יענע שווערע צייטן, איז דאָס עפּעס אַזאַ אינסטיטוציע, געווען אַ געוואַגטער שריט. אָבער אַ דאַנק דער עקשנות, ענערגיע און איבערגעגעבנקייט פון אַ טייל געזעלשאַפטלעכע טוערס, האָט די קאַסע געגעבן אָן־פּראָצענטיקע הלוואות פאַר נויטבאַדערפטיקע, וואָס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע הילף. די



זומער־קאָלאָניע פון „טאָז" אין דעם מיעשטשאַנסקי וואַלד.
אין צענטער: די דערציערין פאַניאַ שפּילבערג. ערשטער רעכטס — דער פאַרוואַלטער פון דער קאָלאָניע און פאָרזיצער פון „טאָז" — לייבל אייזנבוד. דער לעצטער לינקס: וועלוול שמערקאָוויטש.

ילדי קייטנת הקייץ של „טאז" ביער העירוני.
במרכז התמונה: מדריכת הקייטנה פאַניאַ שפילברג.
קיצוני מימין: לייבל אייזנבוד. קיצוני משמאל: וולוול שמרקוביץ.

הלוואות פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן נאָכן אַריינטראָגן אַן אַנטשפּרעכנדע ביטע און נאָך דער באַשטעטיקונג פון דער אָנפירונג פון דער ליי־קאַסע.

ווען ס'איז אין שטאָט געמאָלדן געוואָרן וועגן דער דערעפענונג פון דער קאַסע, איז דער ערשטער געקומען שאַיע שמעלקעס, געבעטן לייען 20 זלאָטעס, הגם ער האָט זיך אין זיי נישט גענויטיקט. אָבער אַז מען גיט הלוואות — פאַרוואָס ניט נעמען? ער האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן די הלוואה



מגרש משחקים לילדים ליד אירגון הבריאות „טאז" בניסוויז' (1926). (צילום: נ. חיותין).

אין 10 ראַטעס — צו 2 זלאָטעס און יעדן דאָנערשטיק פלעגט ער אַריינטראָגן די סומע. ווען משה־אַרקע שקאָלניק האָט אים אַ פרעג געטאָן: „צו וואָס דאַרפסטו אַ הלוואה, קענסט נישט לעבן אָן איר?״ — האָט שאַיע אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ בליק, אַז משה־אַרקע איז באַלד אַנטלאָפן...

ביקור חולים, לינת הצדק

איידער דער „טאָז״ איז געגרינדעט געוואָרן אין ניעס־וויזש, האָבן זיינע פונקציעס אויסגעפירט דער ביקור חולים און לינת הצדק. די טעטיקייט פון די אינסטיטוציעס האָט זיך אויסגעדריקט אין העלפן קראַנקע מיט די נויטיקסטע מעדיקאַ־מענטן און מכשירים, אין באַרגן כלים, פאַר אָרעמע און רייך (אַ פענכער, באַנקעס, אייז), ווי אויך באַזאָרגט אַ דאָקטער, ס׳רוב — בחינם. די אינסטיטוציעס פלעגן אַרויסגעבן מעדיקאַ־מענטן און אויך זיך פאַרנעמען מיט אַ חולה.

אַזאַ פאַרצווייגטע אַרבעט האָט געפאָדערט פיל מיטאַר־בעטער און הילף — און אַזעלכע האָבן זיך געפונען. בעיקר האָבן זיי זיך רעקרוטירט פון „עמך״. דער „טאָז״ איז פאַקטיש געווען שפּעטער דער המשך פון ביקור חולים און לינת הצדק.

דער הקדש און הכנסת אורחים

דאָס זענען געווען בעצם קהילה־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צדקה־עניים. דער הכנסת־אורחים איז באַ־שטאַנען פון 2 צימערלעך מיט עטלעכע בעטלעך. ווען עס פלעגט קומען אַן אָרעמאַן אין שטאָט, האָט ער געהאַט וווּ איבערצו־נעכטיקן, אָן אַן אָפּצאָל. נעבן דער הכנסת אורחים האָט זיך אויך געפונען דאָס טהרת־שטיבל.

ווען אַן אָרעמאַן איז קראַנק געוואָרן (און נישט זעלטן אויף אַן אַנשטעקנדיקער קרענק, ווי טיפוס, כאָלערע), פלעגט ער באַקומען אַן אָרט אין הקדש. דאָ פלעגט ער אויך באַקומען אומזיסטע רפואות, אונטערזוכונג פון אַ דאָקטער און אַנדערע הילף. אַ דאַנק אָט די אינסטיטוציעס, הגם זייער פאַרנעם איז געווען נישט גרויס און די טעטיקייט פון די מענטשן — אַ וואָלונטאַרישע — האָט עס דאָך געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויס־צוהעלפן פיל אָרעמע יידן אין זייער שווערער לאַגע און נישט זעלטן — אַפילו זיי געראַטעוועט פון טויט.

יידישע פאָלקס־שול

דער אָנהייב פון דער יידישער פאָלקס־שול איז געווען די באָראָכאָוו־שול, געגרינדעט אין יאָר 1918. די שול האָט זיך געפונען אויף סטודענטסקי גאַס, אַנטקעגן לייבל אייזנבודס מויער. די ערשטע לערער זענען געווען: גאָלדע אַלפערין (פאַלק אַלפערינס שוועסטער), ביילקע דמשק און ראַוון (אַ לינקער פועלי־ציוניסט).

שלמה דמשק איז געווען לערער אין דער יידישער פאָלקס־שול און אויך אין דער העברעישער שול א. נ. פון ד״ר טשלענאָוו (בית־ספר עברי ע״ש ד״ר צ׳לנוב).

היות די שול האָט געשאַפן די פועלי־ציון פאַרטיי, האָט מען זי גערופן „פוילע ציבעלע״ (פועלי ציון). די שול איז געווען טעטיק כמעט אַן איבעררייס. דאָרט האָט מען געלערנט די יידישע שפּראַך, מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע און אויך פויליש. די צאָל קינדער איז נישט געווען קיין גרויסע, דעריבער איז שווער געווען אויסצוהאַלטן דעם לערער־פערסאָנאַל, ווי אויך די אַנ־דערע הוצאות. דער איבערגעגעבענער אַקטיוו האָט אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט געזאָרגט טאָג־טעגלעך צו דעקן



יידישע פאָלקס־שול אין ניעסוויזש, 1931
בי״ס עממי יהודי בניסוויז׳, 1931

דעם בודזשעט און די שכירות פאַר דעם לערער־פערסאָנאַל איז ווי ס׳איז אויסגעצאָלט געוואָרן.

שפּעטער איז די פאָלקס־שול אַריבער אין דעם גרויסן בנין אויף שפּיטאַלנע גאַס. די לערן־באַדינגונגען האָבן זיך פאַרבע־סערט; דער לערער־פערסאָנאַל האָט זיך געביטן. אין יענער צייט איז דירעקטאָר פון דער שול געווען בנימין גרויבאַרט; נאָך אים — עקיבא באַקשט. די איינציקע לערערס וואָס האָבן זיך נישט געביטן: אליהו ראַדונסקי, די לערערינס סוזאַנע און ליובע פון ווילנע.

ווען ס׳איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון בויען אַ גרויסן בנין פאַר דער פאָלקס־שול, כדי אַריינצונעמען די אַלע קינדער וואָס האָבן געוואָלט אין איר לערנען, האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן אַ גרויסע געלט־אַקציע. די ערשטע טויזנט דאָלאַר האָט מען באַקומען פון אַמעריקע און אָפּגעקויפט אַ פּלאַץ אויף מיכאַלישקער גאַס, אַנטקעגן דער שול. האָלץ האָט מען באַקומען פון מאַגיסטראַט, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלעך־אַקציע. מ׳דאַרף זאָגן, אַז כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער אַקציע. די בוי־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, און מיט איר האָט ווידער אָנגעפירט לייבל אייזענבוד. ס׳האָט זיך אויך וואַרעם אָפּגערופן דער קאָמיטעט פון די ניעסוויזשער לאַנדסלייט אין אַמעריקע און געשיקט געלט.

די אַקטיווע טוער פון דער שול־פאַרוואַלטונג זענען גע־ווען: לייבל אייזענבוד, אייזיק אַלבענסקי, בנימין יעוועלעוו־סקי, יידל אַלפעראָוויטש, שלמה פאַרפעל, משהקע קאַטשאַ־נאָווסקי, דוד ריקלין, לייזער געצאָוו, יאַנקל דער שמיד, יאַנקל קאַפּלאַן, יאָראשעוויטש דער זייגער־מאַכער, אליהו ראַדונסקי, אברהם אליהו ליבערמאַן.

די שול־פאַרוואַלטונג האָט געזוכט וועגן צו דעקן דעם דעפיציט. פלעגט מען איינאָרדענען ליטעראַרישע משפטים, בלימל־טעג, טיי־אָוונטן, לעבעדיקע צייטונגען. דער דראַמאַ־טישער קרייז האָט סיסטעמאַטיש געשפּילט, מען פלעגט אויך אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ — קלעצק, סטויפּץ, האָראָדזיי — מיט פאַרשיידענע אָוונטן. אָבער די אַלע הכנסות האָבן נישט געקלעקט אויסצוהאַלטן די שול און די לאַגע איז געווען אַ שווערע.

אויך דער דראַמאַטישער קרייז פון די קינדער האָט גע־שפּילט פּיעסן אין ניעסוויזש, ווי אויך אין קלעצק, האָראָדזיי און סטויפּץ. די קינדער־אָוונטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין שטאָט.

דראַמאַטישער קרייז

אין 1921 איז געגרינדעט געוואָרן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הסתדרות הצעירים בניסוויז' על ידי צעירי ציון". ביי אָט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז. רעזשיסער איז געווען גרובמאַן (חיים־טעוול דעם זייגער־מאַכערס אַן איידעם). ער האָט אָרגאַניזירט אַ קרייז יוגנטלעכע מיט אַרטיסטישע פעיקייטן. צוערשט האָט מען אָרגאַניזירט שבת־צונאַכטס „וועטשערינקעס" אין בית־ספר „צ'לנוב". דאָרט איז אויך געווען די ביבליאָטעק פון די צעירי ציון.

צום דראַמאַטישן קרייז האָבן דאַן געהערט די פאָלגנדע חברים:

שלמה פאַרפעל, יאָסל בערעזין, שרה גרינפעלד, וועלוול לייבאָוויטש, זעליק ריקלין, אַלטע אַבראַמאָוויטש, דוד פאָרטנוי.

די ערשטע פיעסע וואָס מען האָט געשטעלט אין יידיש, איז געווען „דער חתן" פון דער טונקעלער. אין די שפּעטער־דיקע יאָרן, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט די יידישע פאָלקס־שול, האָט דער דראַמאַטישער קרייז זיך אויסגעברייטערט און אַנט־וויקלט. דאַן זענען צוגעקומען פעיקע שפּילערס, ווי: אייזיק אַלבענסקי, משה קאַטשאַנאָווסקי, פאַניע שפּילבערג, נינאַ סי־בירצעוואַ.

דער דראַמאַטישער קרייז האָט זיך געזאַמלט אין דער פאָלקס־שול אויף סטודענטסקע גאַס. די רעפּעטיציעס פלעגט מען מאַכן ביי לייבל אייזענבוד אין שטוב. די פּיעסן, וואָס דער דראַמאַטישער קרייז האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע צייטן, זענען געווען:

„גאָט פון נקמה"; „מאָטקע גנב"; „דער דאָרפס־יונג"; „פאַר אונדזער גלויבן"; „די נבלה"; „דאָס גרויסע געווינס"; „גרינע פעלדער"; „צעזייט און צעשפּרייט"; „צוויי קוני־לעמלס" אאנ"ד.

די שטענדיקע רעזשיסערן זענען געווען: משהקע קאַטשאַ־נאָווסקי און דער שרייבער פון די שורות. די פּיעסן פלעגט מען שפּילן אין גרויסן זאַל פון ראַטוש. פאַר יעדער פאָר־שטעלונג פלעגט מען מאַכן אַ פאָרפאַרקויף פון בילעטן. יעדע נייע פּיעסע איז פאַר דער שטאָט געווען אַ גרויסע קולטור־געשעעניש און וואָכן לאַנג פלעגט מען רעדן וועגן שפּילן פון די „אַרטיסטן".

דער דראַמאַטישער קרייז האָט געהאַט זיינע שטענדיקע ליבהאָבערס וואָס פלעגן נישט אַדורכלאָזן קיין איין פאָרשטע־לונג. איינער פון די בולטסטע פון זיי איז געווען שמעון דער קצב. ער פלעגט שטענדיק קויפן די טייערסטע בילעטן פאַר אים און זיין משפחה. זיי זענען געזעסן אין דער ערשטער ריי און אין גאַנג פון דער פאָרשטעלונג פלעגן מיר אויף דער סצענע הערן זיינע באַמערקונגען: „אָ, די באָמבע האָט געפּלאַצט!"

אַרום דעם דראַמאַטישן קרייז איז געווען טעטיק אַ סטאַ־בילע גרופּע חברים וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די טעכ־נישע ענינים פונעם קרייז. אברהם־אַרע דער שוסטער און



די פאָרשטעלונג „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. אויסגעפירט פון דעם דראַמאַטישן קרייז. עס זיצן (פון רעכטס צו לינקס): אייזיק אַלבענ־סקי, לענא שיין. צווייטע שורה (פון רעכטס צו לינקס): אַלטע אַבראַמאָוויטש, יוסף בערעזין, מיכאל ראַבינאָוויטש, רמז, אברהם גרובמאַן, בנימין גרויבאַרט, חיים . . . , שטייען: דוד פאָרטנאַי, שלמה פאַרפעל, משה לובעצקי, וועלוול לייבאָוויטש, חיים שניצער, מאיר באַשינקעוויטש (דער גרימירער). (פאָטאָ: משה פאַיאַנס)

הצגת „דאָס גרויסע געווינס" לשלום עליכם ע"י חוג החובבים לאמנות התיאטרון. יושבים על הרצפה (מימין לשמאל): אייזיק אלבנסקי, לנה שיין. יושבים (מימין לשמאל): אַלטע אברמוביץ, יוסף ברזין, מיכאל רבינוביץ, . . . , רמז, אברהם גרובמן, בנימין גרוייבט, חיים . . . . . עומדים: דוד פורטנוי, שלמה פרפל, משה לובצקי, וולוול לייבוביץ, חיים שניצר, מאיר בשנקביץ (המאפר). (צילום: משה פאַיאַנס).

שלמהקע מילשטיין האָבן געזאָרגט פאַרן רעקוויזיט. זיי פלעגן אויך „ציען” דעם פאָרהאַנג אויף דער בינע. אליהו ראַדונסקי איז געווען דער שטענדיקער סופלאָר און אויך דער ליטעראַרישער מבין. יאַראָשעוויטש דער זייגער־מאַכער (דער יעקע), איז געווען קאַסיר. איין מאָל, ווען מען האָט געשפּילט „שולמית”, האָט ער געכאַפּט אַ דרימל — און ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, האָט ער אַ פרעג געטאָן אין דייטש: „די קאַצע איז שאָן דורכגעלאָפן?” ליאָווע גאָלדפאַרב (ליאָווע דער פּוילישער) איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בופעט. ער פלעגט באַשטימען פאַר די פרויען ווער עס דאַרף וואָס ברענגען פאַרן בופעט — פיש, וווּרשט, טאָרטן. אים פלעגן העלפן ביים בופעט: רייצע מאַנהייט, משה פאַבריקאַנט, שירקע באַשינקעוויטש, יידל אַלפעראָוויטש, חיה־איטל לעמעש, רחמיאל פאַווער אאנ”ד.

אַ באַזונדערן הומאָר האָט געהאַט אייזיק אַלבענסקי, אַן אָרעמער אינטעליגענט, וואָס האָט געלעבט פון דער סקודנער פענסיע אַלס סעקרעטאַר אין „טאָז”. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן צו דער בינע. און ווען מיר פלעגט אויסקומען מיט אים צו שפּילן צוזאַמען — איז שוין געווען לעבעדיק.

הירשל טורטשין, איינער פון די אויספירער פון די ליבעראַלן, פלעגט אָנטאָן די פענסנע, ווען מען האָט באַדאַרפט און ווען נישט און זשעסטיקולירט ווי אַן אינטעליגענט.

איין מאָל, ווען מיר האָבן אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט פון „מאָטקע גנב”, איז צו אונדז אַרויפגעקומען הינטער די קוליסן שלאַמאָוויטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מבין אויף טעאַטער און נישט קענענדיק זיך איינהאַלטן פון התפּעלות פאַרן גוטן שפּילן, האָט ער געזאָגט: „איך האָב געזען אין וואַרשע, אין אַן אַמתן טעאַטער, ‚מאָטקע גנב׳ — אָבער צו אַייער ‚מאָטקע׳ קומט דאָס נישט”.

„מכירת יוסף”

דער ווינטער פון 1929 איז געווען אַ שווערער. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אייראָפּע האָט אויך נישט אויסגעמיטן ניעסוויזש. אין שטאָט איז געווען אַן אַרבעטסלאָזיקייט. וועלנדיק העלפן די אַרבעטסלאָזע, האָבן די כלל־טוערס געזוכט וועגן ווי אַזוי צו שאַפן געלט. מען האָט פאָרגעלייגט צו שטעלן „מכירת יוסף”, וואָס וועט געוויס „ציען” אַן עולם. ערב פּסח האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו זיין דער רעזשיסער און צונויפקלייבן דעם אַנטשפּרעכנדן אַנסאַמבל פון די וואָס האָבן אַמאָל געשפּילט „מכירת יוסף” און אויסגענומען ביים עולם. די ראָלן זענען געוואָרן פאַרטיילט אַזוי: קליין יוסף — ריווע מאַזע, גרויס יוסף — דער קאָלבאַסניק, יעקב — מרדכי־דוד אַלפעראָוויטש, פּרעה — בערל מענכוס, יוספס ברידער: ראובן — ישעיה מאַזין; די אַנדערע ברידער: יעקב קאַפּלאַן, אָפּיצינער הירש, דוד ריקלין אאנ”ד.

ישעיה מאַזין (מאַזשולקעס) איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט מיט שוואַרצע הויזן; יעקב קאַפּלאַן, זייענדיק טריי דעם היסטאָרישן געשטאַלט, האָט אויך אָנגעטאָן אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט, אָבער באָרוועס. בערל מענכוס, אַלס פּרעה, האָט זיין קערפּער אַרומגעוויקלט בלויז מיט אַ גרויסן ליילעך.

צו דער פּרעמיערע זענען געקומען יידן, וואָס זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין טעאַטער. דער גרויסער זאַל אין ראַטוש איז געווען פול. צו דעם „וויעטשער” זענען אויך געקומען יידן פון קלעצק, סטאָלפּצי, סנאָוו און האָראָדזיי. ישעיהו ספּיוואַק האָט אַ קוק געטאָן דורך דער שפּאַרונע פונעם פאָרהאַנג און דערזעענדיק אַזאַ גרויסן עולם, האָט ער מיט באַוווּנדערונג אויסגערופן צו יעקב קאַפּלאַן: „יאַנקל, אַ קלאָג צו דיר, זע וויפל מענטשן מען האָט דאָ געבראַכט צו ‚מכירת יוסף׳!”.

די פּיעסע „מכירת יוסף” האָט געבראַכט אַ שיינע סומע געלט, וואָס מ׳האָט פונאַנדערגעטיילט צווישן די נויטבאַדערפטיקע אַרבעטלאָזע.

דער דראַמאַטישער קרייז פלעגט אויך איינלאַדן אויף גאַסטראָלן אַרטיסטן־סטאַרן. באַזונדערס פּאָפּולער איז געווען דער וואַרשעווער אַרטיסט פּאַרטשעוו. די „שטערן” פון דראַמאַטישן קרייז אין לעצטן פּעריאָד זענען געווען: רבקה לעווקאָוויטש, ראָזע אַלפּערין און שיינע לעמעש.

אין דראַמאַטישן קרייז זענען אויך געווען אַנגאַזשירט דער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל פון דער שול: עקיבא באקשט, די לערערינס סוזאַנע און ליובע, די שוין דערמאָנטע לערערין רבקה לעווקאָוויטש און דער לערער אליהו ראַדונסקי. די גרים־מלאכה פלעגט אויספירן קראַסנאָסיעלסקי דער פריזיער און די אַרטיסטן גופא.

די אַלע אונטערנעמונגען פונעם דראַמאַטישן קרייז האָבן געהאַט גרויס אָפּקלאַנג אין שטאָט און בלי־ספק צוגעגעבן קאָלאָריט און שטייגער דעם יידישן לעבן אין ניעסוויזש.

מלמדים און חדרים

די יינגלעך אין ניעסוויזש, ווי ס׳האָט זיך געפירט אין יענע צייטן, האָבן זיך געלערנט ביי מלמדים אין אַ חדר. אין פאַרשיידענע צייטן זענען אין ניעסוויזש געווען מלמדים, פון וועלכע אייניקע האָט מען געקענט נאָר לויט זייער צונאָמען:

פּסח פּאַפּערקע (אַ מלמד און אויך אַן אָפּשפּרעכער), דער לאַזאָוויצער רבי, שמעון האָן, רפאל דער שוואַרצער (גמרא מלמד), שמואל געלפאַנד (שורון), שמואל דמשק, עזרא דער מלמד, גרשון־וועלוול דמשק, איזראעל, בוטצין (דער וואַרשעווער רבי), דער אַלטער ראָזאָווסקי, ברוך ליס (די בייטעלעך), משה ליפּאָווסקי (דער לערער), בערל פּאָלאַק, בערל כאַצקלס (דער משגיח), דער סווערזשנער מלמד, דער סנאָווער רב.

אויסער די מלמדים, זענען אויך געווען פּריוואַטע העברעישע לערערס: חיים־אליהו פרידשטיין, דער וואַטניק (געלערנט נאָר מיידלעך), בענטשע דער משוגענער, יודעלעוויטש (היינט אין טשילע), מעלניק און שלמה דמשק.

א פולבלוטיק יידיש לעבן

יצחק שחור (איטשע טשארני)

מען קען נישט זאָגן, אַז ניעסוויזש איז געווען אַ קליין שטעטל; אין שטח אפשר יאָ, אָבער נישט אין גייסט — קול־טורעל און געזעלשאַפטלעך. די שטאָט האָט פאַרמאָגט פיל יידישע אינסטיטוציעס: געזעלשאַפטלעכע, רעליגיעזע, קולטור־רעלע, עקאָנאָמישע — מיט איין וואָרט, ס'איז געווען אַ פול־בלוטיק יידיש לעבן.

אונדזער שטעטל האָט געהאַט 13 שולן און בתי מדרשים, אַ יידישע פאָלקס־שול, תרבות־שול, יבנה, אַ פוילישע פאָלקס־שול („פּאָווּשעכנע", א. ג. „שאַבאַסוווקע"), חדרים, תלמוד־תורה, דריי ביבליאָטעקן, דראַמאַטישער קרייז, תפארת בחורים, חברת תהילים, אַ פאָלקס־באַנק, גמילת־חסד, י. ק. א., סוחרים־פאַראיין, קליינהענדלער־פאַראיין, 2 האַנטווערקער־פאַראיינען, פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון אומפּאַקאָווע אַרבעטער, אין וועלכן ס'זענען געווען אָנגעשלאָסן אַלע פאַכן. אַ קהילה, הקדש, השומר הצעיר, בונד, סקיף, אַלגעמיינע ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, רעכטע פּועלי־ציון, לינקע פּועלי־ציון, גורדוניה, מז־רחי, אגודה, „טאָז"־געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט איר פּרעכטיקער זומער־קאָלאָניע, ווו אַלע יאָר אין די זומער־חדשים פלעגן זיך אָפּרוען און פאַרברענגען 120 שוואַכע יידישע קינדער, לויט דער אָנ־ווייזונג פון די „טאָז"־דאָקטוירים גינזבורג און סעגאַלאָוויטש.

אונדזערע שבתים

אין דעם חסידישן שטיבל איז געווען איינגעפירט צו פּראַ־ווען שלוש־הסעודות יעדן שבת. דער מינהג איז געבליבן פון ר' נחקען דעם לעכעוויטשער רבין, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין ניעסוויזש. די וווינונג פאַר דעם רבין האָט מען האַלב אָפּגעצוימט אין דער חסידישער שול.

די שלוש־סעודות איז באַשטאַנען פון אַ חלה, אַ הערינג, לימאָנאַד, קוואַס, ביר. די געטראַנקען פאַר דער סעודה האָט געשאָנקען אבא דער חסיד. די חלה מיטן הערינג האָט געשאָנקען אַ ייד, אַ בעל־יאָרצייט — און דאָס האָט קיין מאָל נישט גע־פעלט.


אָבער די הויפּט־פאַרוויילונג פון שלוש־סעודות איז באַשטאַ־נען פון זמירות, וואָס די חסידים פלעגן זינגען ביז די ערשטע דריי שטערן האָבן זיך באַוויזן אין הימל.

די ימים נוראים

אבא איז געווען אַ סלאָנימער חסיד, איז ער טאַקע אַלע יאָר אויף ראש־השנה געפאָרן קיין סלאָנים צום רבין, כדי דאָרט אויסבעטן אַ גוט יאָר. פאַר איין ווערס פלעגט ער שוין ברענגען אַ נייעם חסידישן זמרל.

די עשרת ימי תשובה־טעג האָט ער זיך מתעסק געווען מיטן גרייטן זיך צום יום־הדין — יום־כיפור, ווי: איינקויפן ליכט און באַזאָרגן קעסטלעך מיט זאַמד זיי אַריינצושטעלן. ערב יום־כיפור האָט ער געבעטן משהקען דעם שמש, ער זאָל אים שלאָגן מלקות.

ווען ער האָט זיך געשטעלט צום עמוד אין ווייסן קיטל מיט דער שיין־צעקעמטער, ווייסער באָרד און דעם טלית איבערן קאָפּ, כדי צו זאָגן כל נדרי — האָט ער דאָס אַלץ געבעטן ביים רבונו של עולם מיט אַזאַ התלהבות, אַז די מתפּללים אין שול האָבן מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם נאָכגע־זאָגט די תפילות און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער הימל שפּאַלט זיך און דאָס געבעט דערגרייט צום כסא הכבוד.



דער רוסישער לערער־סעמינאַר פאַר די צאַרישע צייטן, שפּעטער — די „תרבות" שולע פאַר די פוילישע צייטן.
בית הסמינריון הרוסי בימי שלטון הצאר — ובית הספר העברי „תרבות" בימי שלטון פולין.

סוכות און שמחת־תורה

נאָך יום־כיפור האָט דאָס שטעטל זיך אָנגעהויבן מתעסק צו זיין מיטן שטעלן אַ סוכה אין דעם חסידישן שטיבל און ביי זיך אין דער היים. אין די וואָך פון סוכות איז אבא חסיד גע־שלאָפן ביי זיך אין סוכה. אָפּטמאָל איז געווען גוט קאַלט אין די אוונטן, אָבער אים האָט עס נישט אָפּגעהאַלטן.

אין שטיבל איז געווען אַ מינהג אַז הושענה רבה ביינאַכט האָט מען געזאָגט תהילים. האָט אבא דער חסיד געבראַכט אַ קויש עפּל און געטיילט די תהילים־זאָגערס בעת דער הפסקה, וואָס מען פלעגט מאַכן נאָכן זאָגן אַ טייל פון תהילים.

שמיני־עצרת און שמחת־תורה איז דער ענטוזיאַזם געווען אין שול מער ווי ביי אַלעמען. דער זייגערמאַכער דוד מילעצקי, האָט געהאַט די חזקה צו זאָגן מיט „כל הנערים" די ברכות ביי קריאת התורה און אבא דער חסיד האָט נישט געלאָזן רויק אברהם־יצחק פּאַטאַשניקן, דעם בעל־קורא, לייענען די תורה. ער פלעגט שרייען צו די קינדער „צאן קדשים" — און די קינדערלעך, מיט דעם איבערגעדעקטן טלית פון דוד מילעצקי איבער זייערע קעפּלעך האָבן מער נישט געדאַרפט און אַלע אין איין קול האָבן געענטפערט: „מע, מע, מע". דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

פורים

עס האָט זיך דערנענטערט פורים. חברה יאַטלעך האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן קאָסטנס צו נעמען אין שול אַריין, כדי שלאָגן המנען. די קאָסטנס האָט חברה געלקחנט ביי די גלאַז־קרעמער לייב עפּשטיין און נח וסעלאָווסקי און ווו מ'האָט נאָר געטראָפן אַ קעסטל ביי אַ קראָם. אַלץ האָט מען געבראַכט אין „דעפּאָזיט", צו טשאַרנען אין הויף.

ווען מען האָט אָנגעהויבן לייענען אין שול מגילת אסתר, האָט חברה גענומען שלעפּן די גרויסע קאָסטנס פון גלאָזוואַרג (שטעלט אייך פאָר וואָס פאַראַ מאַטעריאַל דאָס איז צו קלאַפּן המנען!) גלייך אין שול אַריין. יעדעס ייִנגל האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרויסן שטעקן, וואָס איז געווען גרעסער פונעם שלע־גער, און געוואַרט ביז דער מגילה־לייענער אברהם־יצחק פּאַ־טאַשניק זאָל צוקומען צו די ערטער ווו ס'ווערט דערמאָנט המן.

בעתן ברענגען אין שול די קאָסטנס, האָט שטענדיק זיך אַריינגעמישט משהקע דער שמש, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן צו צענעמען זיי אין שול, נאָר מען זאָל דאָס טאָן אין פאָרהויז.

נישט פאַר אַזעלכע זאַכן איז אַ קדשי־קדשים. דערווייל פלעגט צוקומען נח ווסעלאָווסקי און דערקענט זיינע קאַסטנס. האָט ער אָנגעהויבן טומלען, הלמאי מען האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט און צוגענומען די קאַסטנס פון זיין הויף. זיין צאָרן איז אָבער גיך פאַריבער, זאָגנדיק, אַז דאָס מאָל שענקט ער אונדז, נאָר איבער אַ יאָר זאָלן מיר דאָס נישט טאָן. נאָר משהקע דער שמש האָט נישט נאָכגעגעבן, שרייענדיק, אַז די לײַדאַקעס מיט די שטעקענער אין די הענט וועלן אַלץ צעברעכן אין שול, אַפילו די שויבן.

דאַן האָט זיך אַריינגעמישט אבא דער חסיד און געמאַכט אַ פשרה: מען זאָל עפענען די טיר פון שול אין פאָרהויז און דער בעלעמער ווו מען לייענט די מגילה, איז דאָך נישט ווייט פון דער טיר — וועלן מיר הערן און וויסן ווען מען דאַרף שלאָגן המנען.

מען האָט זיך געשטעלט לייענען די מגילה — און אַ סימן צו קלאַפּן המנען דאַרף אונדז געבן אבא דער חסיד גופא. מיט אַ פּאָר פסוקים פריער פאַרן דערמאָנען דעם רשע המן, האָט אבא דער חסיד, דער ד־ריגענט פון דעם אָרקעסטער, אויפגע־הויבן די לינקע האַנט אין דער הייך אין אונדזער זייט, אַז מיר זאָלן זיין גרייט. ווען דער מגילה־לייענער האָט דערמאָנט המנען, האָט אבא אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס. דאַן האָט חברה אַ לאָז געטאָן די שטעקנס איבער די קאַסטנס. די קלאַ־פעריי האָט נישט אויפגעהערט, ביז ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזן די האַנט און אויפגעהערט טופּען מיט די פיס.

משהקע דער שמש האָט זיך געריסן און געשריען: „לײַ־דאַקעס, בייסטרוקעס, באַנדיטן, הערט אויף קלאַפּן, לאָזט הערן די מגילה!” אָבער מיר האָבן אים געהערט ווי המן דעם גרעגער.

דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדעס מאָל, ווען מען האָט געשלאָגן המנען. נאָך די ערשטע פּאָר מאָל קלאַפּן איבער די קאַסטנס, איז פון זיי געבליבן צעבראָכענע ברעטלעך, צעוואָרפן אויפן דיל, אין פאָרהויז און פאַרן שול. אַז עס זענען נישט געווען קיין קאַסטנס, האָט חברה מיט די שטעקנס גע־קלאַפּט המנען איבער די טירן פון שול. די טירן זענען אָבער געווען פון זייער דיקע ברעטער, זענען די שטעקנס צעבראָכן געוואָרן, הגם יעדער פון אונדז האָט געזוכט אַ וואָס גרעבערן שטעקן. נישט אומזיסט האָט משהקע דער שמש זיך געבייזערט — צוליב דער אַרבעט וואָס ער האָט געהאַט ביים ריניקן די שול נאָך אַזאַ שלאָגן המנען.

ערב פסח

ס'האָט זיך דערנענטערט פסח און די חברה האָבן זיך מער געפונען אין געסל ווי אין שטוב. מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרברענען דעם חמץ — און ווידער זיך אָנגעטראָפן אויף דער קעגנערשאַפט פון משהקע דעם שמש. ער האָט נישט געלאָזן צוגרייטן אין גאָרטן פון דער שול די גרוב צו פאַרברענען דעם חמץ. דער תירוץ: „די לײַדאַקעס וועלן נאָך חס וחלילה ברענגען צו אַ שריפה און די הילצערנע הייזער וועלן פאַרברענט ווערן, ס'וועט זיין אַ צווייטער מדבר”.

אויף אונדזער זייט איז אָבער געווען אבא דער חסיד. טאָ שטעלט אייך פאָר, אַז מיר האָבן שוין יאָ אויסגעגראָבן אַ גרוב



אַ גרופּע חברים מיטן זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי שלמה טשאַרני, בעת אַן אורלויב אין שטאָט.

קבוצת הברים בביקורו של שלמה צ'רנה בניסוויז', בעת שרותו בצבא הפולני.

עומדים (מימין לשמאל): הליה אלפרט, נח צ'רנה, יוסף גילרביץ, מאַשה נוביק, ראובן פונשטיין, נחה סרגוביץ, יהושע פטשניק, שלמה צ'רנה, יצחק צ'רנה, לאה קצ'נובסקי, יוסף דרצ'ינסקי, יוסף שוסטרמן. יושבים (מימין לשמאל): נחמן אבילביץ, צבי הימלשטיין.

צו פאַרברענען דעם חמץ! אבא פלעגט זאָגן צו משהקען דעם שמש: „מאַך אַ שווייג, יידן האָבן נישט דאָ נאָענט ווי צו פאַרברענען דעם חמץ".

אויף קאַזשימיר, אין באָד, האָט מען אויך געברענט דעם חמץ, נאָר גיין אַהין איז געווען צו ווייט. ערב פסח איז מען דאָך פאַרנומען אויך מיט כשרן, ריין מאַכן א.א.וו. פאַר פאַרברענען דעם חמץ האָבן מיר, יינגלעך, געפאָדערט טרינק־געלט, כדי זיך קויפן ניס צום שפּילן. עס האָט אָבער געטראָפן, און גאַנץ אָפט, אַז געוויסע יידן האָבן גאָר נישט געוואָלט געבן, פלעגן מיר אַרויסכאַפּן פון פייער זיין הילצערנעם לעפל מיטן פאַרבונדענעם אין אַ שמאַטקע חמץ. אויף דעם איז געווען אַ ספּעציאַליסט יאַנקל דער טינקעוויטשער. מיט דעם האַלב־ברענענדיקן חמץ אין האַנט איז ער געלאָפן איבערן גאָרטן און געשאַרט דעם לעפל אין דער ערד, כדי צו פאַרלעשן.

אַזאַ ייד האָט שוין קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט און געגעבן די פאָר גראָשן — דאַן האָט מען זיין חמץ אַריינגעוואָרפן אין געדיכטן פייער — און זאָל זיין אַ כשרער פסח.

נאָר איין ייד האָבן מיר געהאַט וואָס האָט יאָ אויסגעפירט ס'זייניקע. דאָס איז געווען דער בעל־עגלה אברהם מאַזולקע. זיין חמץ האָט ער גלייך געוואָרפן אין פייער, קיין טרינק־געלט נישט געגעבן. און די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון פייער, ביז ער האָט נישט געזען אַז פון זיין חמץ איז געבליבן אַ ביסל אַש. איר ווייסט אין וואָס זיין זכות איז באַשטאַנען? ער פלעגט קומען מיט אַ שטעקן, ווי אויך מיט אַ שטריק אין האַנט. נו, זייט אַ בריה און כאַפּט אַרויס אַזאַ חמץ פון פייער־גרוב? חוץ דעם, פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז געווען ביים פייער האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען: „ממזרים, איר איינע" — און הויבנדיק דעם שטעקן אין דער הויך — „די קעפּ וועל איך אייך צעשפּאַלטן! געלט וועל איך אייך געבן? אַפילו קיין האָבער אויך נישט, וואָס איך גיב די פערד!"

מען דאַרף מודה זיין, אַז אין דער צייט ווען מאַזולקע איז געווען, האָבן אויך אַנדערע יידן אויסגענוצט די געלעגנהייט און נישט געגעבן קיין טרינק־געלט.

תשעה באב

אַז ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג ווען יידן טרויערן נאָכן פאַרברענטן בית־המקדש, איז ביי אונדזער חברה אין געסל גראָד געווען פריילעך. וואָס איז די גדולה? משהקע דער שמש פלעגט מיט אונדז שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד. ער האָט זיך גענייטיקט אין אונדזער הילף: אַריינטראָגן האָלץ פון שטעלכל אין שול אַריין; אַראָפּנעמען ברעטער פון שול־בוי־דעם; צוהעלפן נידעריק מאַכן די בענק, אויף וועלכע יידן פלעגן זיצן און זאָגן קינות.

דעם וואָפנשטילשטאַנד האָט ער מיט אונדז איבערגעריסן, ווען מיר האָבן גענומען וואַרפן שטעכלקעס („בערעלעך") אין די בערד, וועלכע האָבן גראָד נישט אויסגעפעלט ביי אונדזערע טאַטעס, זיידעס און סתם יידן. ער האָט אונדז נישט געלאָזן שטיין אויף דעם סטראַטעגישן פונקט — דעם בעלעמער. פון דאָרט האָבן מיר געהאַט די גאַנצע שול יידן אויפן ציל. משהקע האָט אונדז געטריבן און געשריען, אַז מיר שטערן זאָגן קינות.

דאָ איז ווידער אויסגעוואַקסן אונדזער פאַרטיידיקער, אבא דער חסיד:

— איך בין גבאי און דערלויב די קינדער צו שטיין אויף דער בימה, אַ וואָרף טאָן אַ פאָר שטעכיקע בערעלעך. אַז מען וואַרפט אַריין אַ בערעלע אין באָרד, טוט טאַקע ווי ביים אַרויס־נעמען, אָבער יעדער ייד מוז אין טאָג פון חורבן בית־המקדש פילן אַ ביסל ווייטיק. ס'איז אַ מצוה!...

צו משהקען האָט ער געזאָגט, צולייגנדיק דעם ווייז־פינגער צום נאָז:

— מאַך אַ שווייג און שטער נישט זאָגן קינות.

מער האָבן מיר נישט געדאַרפט. די אַרבעט האָבן מיר אויס־געפירט בשלימות.

לאָזער דעם בעקער האָבן אַלע געקענט. אַ ייד מיט אַ לאַנגער, צעקעמטער, ברייטער באָרד — וואָס איז געווען ביי אונדז דער הויפּט־ציל. ער האָט טאַקע זיין באָרד פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילקע, נאָר דאָך האָבן מיר געוואָרפן אַהין בע־רעלעך. קיין גוטע צילערס זענען מיר, אַ סברה, נישט געווען. איז אַזוי אויסגעקומען: איין „בערעלע" האָט געטראָפן אין היטל און דאָרט געבליבן שטעקן; אַ צווייטע — אין די האָר; אַ פאָר „בערעלעך" זענען געבליבן שטעקן אין דער פאַטשיילע וואָס האָט פאַרשטעלט די באָרד. דאָ איז געוואָרן לעבעדיק און פריי־לעך אין שטיבל. לאָזער מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע האָט זיך אויפגעהויבן, אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט ביידע עקן פון זיין קאַפּאָטע, מיט צעשפּרייטע פיס און איינגעבויגן, האָט ער גענו־מען לויפן צו אונדז אויף דעם בעלעמער און געשריען: „שקצים, זשוליקעס, אַרויס פון מקום־קדוש! אייער פוס זאָל דאָ נישט זיין!"

אבא דער חסיד פלעגט אים אָבער באַרויקן: „לאָזער, קאָך זיך נישט אַזוי. זיי וועלן מער נישט וואַרפן אויף דיר קיין „בערעלעך". רעספּעקט האָבן מיר, געסל־יינגלעך, יאָ געהאַט פאַר אבא חסיד. די אַטאַקע מיט די שטעכיקע „בערעלעך" האָט זיך פאָרלויפיק אָפּגעשטעלט — ביז אַ נייע פאַראָרדענונג פון אונדזער עלטסטן, יאַנקל דער טינקעוויטשער.

געווען נאָך אַ ייד אין דעם חסידישן שטיבל: נח דער באָג'גער. געקומען קיין ניעסוויזש פון לעכעוויטש אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג. זיין באָרד איז שוין נישט געווען ווי לאָזערס — נאָר אַ קלענערע, אַ שיטערע, דאָך זענען די שטעכיקע „בערעלעך" געבליבן דאָרט שטעקן. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ גוטמוטיקער ייד, שטענדיק דערציילט אַ וויץ. אַז מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ פאָר „בערעלעך", האָט ער אויך נישט געוואָלט ליידן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער נידעריקער באַנק, געבליבן שטיין אויפן אָרט און האַלב אין כעס און האַלב גוטמוטיק אַ געשריי געטאָן: „לאָבוזעס, איר האָט נישט וואָס צו טאָן, נעמט אַ פולן מויל סמעטענע און קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט, וועט אַרויסקומען פוטער. גייט אַ היים און עסט דאָס מיט כשרן פאָדים!"

איצט ווייסט איר שוין, רבותי, פאַר וואָס ביי אונדזער געסל־חברה איז געווען אַ פריילעכער תשעה באב.

בכלל איז אונדזער געסל געווען אַ פריילעכס. אַ סימן: פון דער גאַנצער שטאָט, ווי פון ניי־שטאָט, קאַזשימיר, שווער־זנער טראַקט, שוין אָפּגערעדט פון מאַרק, שול־הויף, טויטן־געסל אאַז"וו, זענען אַלע יינגלעך, נאָכן אַרויסגיין פון חדר, שולעס, תלמוד־תורה, תרבות, יידישע פאָלקס־שול — געקומען צו אונדז אין געסל זיך שפּילן אין טאַטשקע, טשעד, פּיטבאָל, באַהעלטעניש...

בילדער און זכרונות פון ניעסוויזש

משה איזענבוד

4 קאַפּיטלעך פון משה אייזענבודס בוך „ניעסוויזשער ייִדן" — דערציילונגען. מעלבורן, 1965. 246 ז"ז.

די שטאָט באַגינען

דער זומער איז געשטאַנען אַ הייסער, אָבער ניט קיין גאַר טרוקענער. פון צייט צו צייט פלעגט אַ רעגן דורכשווענקען די אָנגעהיצטע לופט, אַראָפּזעצן דעם שטויב און אָפּפרישן דאָס גרינס. אַ ביסל פריער ווי תמיד האָבן זיך די גרינע קאָרן־זאַנגען אָנגעגאָסן מיט גאָלד און שווערלעך געוויגט זייערע קעפּ מיטן ווינט. עס האָט אויסגעזען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן די שניטערס נעמען די פריש אויסגעשליפטע סערפּן און זיך מיט זיי אַוועק־לאָזן איבער די פעלדער.

ווו ניט ווו האָבן שוין אָרעמע פויערים אויף שנעל צונויפ־גענומען זייערע פאָר גאַרבן, כדי צו קענען גיין פאַרדינען אויף פרעמדע פעלדער.

פויערים זענען געגאַנגען אין די „ראַדן", צווישן די אייזן־קראָמען און אויסגעטאַפּט די גרין־באַמאָלענע סערפּן מיט די גאָלדענע פאַבריק־עטיקעטן, זיי פּרובירט אין דעם גרויסן שטיין, וואָס איז געלעגן נעבן פעשקע־מירעלס אייזן־קראָם. וויפיל די ייִדענע האָט זיך ניט געשווירן אַז דאָס איז ריינער שטאָל, האָבן די פויערים ווידער געקלאַפּט דעם סערפּ אין שטיין און זיך צוגעהערט צום קלאַנג, ווי זיי האָבן עס געטאָן פאַרן „סיענאָ־קאָס" מיט די בלאַנקענדיקע קאָסעס.

שוין אַ היפּשע פאָר וואָכן ווי די קוזשניעס אין אַלע עקן שטאָט טוען ניט מער ווי שלייפן די סערפּן אויף גרויסע שטיי־נערנע טאַטשילעס, וואָס דרייען זיך אין טיפע מולטערס וואָכער און די פויערים דרייען זיי פאָר די הענטלעך פון ביידע זייטן.

עס איז געווען דער לעצטער מאַרק־טאָג פאַרן שניט. היינט וועלן די פויערים איינקויפן זאַלץ, נאַפט, הערינג און אַלע איבע־ריקע זאַכן פאַר דער ווירטשאַפט און וועלן זיך מער ניט ווייזן פאַר אַ זעקס וואָכן אין שטאָט.

מיטן קרייען פון די ערשטע הענער, איז אַברהמל דער מילנער אויפגעשטאַנען, אויף שנעל אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און אַרויס אין דרויסן. דער ברייטער, זאַמדיקער שליאַך איז געווען פייכט פון ביינאַכטיקן טוי און די ווייס־רויטע קאָניעטשינע־בלימלעך האָבן פאַרשלאָפן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך. פון דער ווייטנס האָט זיך געזילבערט דער „האַלבער" טייך, צווישן גע־דיכט באַוואָקסענעם טשערעט.

די ווינט־מיל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל צווישן גרינע פעלדער. אברהמל דער מילנער האָט לאַנג נאָכגעפאָרשט פון וואַנען עס בלאָזט דער ווינט. ער האָט איינגעשפאַנט דאָס פערד און אויסגעדרייט די מיל אַנטקעגן ווינט. פּאַוואָליע, מיט אַ סקריפּ, ווי די פליגלען וואָלטן פויל געווען זיך צו דרייען, אָבער האָבן ניט קיין אויסוועג און מוזן זיך נעמען צו דער אַרבעט, האָבן זיך גענומען באַוועגן די מילשטיינער.



המחזור הראשון של בית־הספר האידישאי (פאָלקס־שול) — 28.6.1932. יושבים בשורה ראשונה: ירחמיאל פאַוער, משה אייזנבוד, ריווע מילשטיין, שיינע למש, ראָשע ברקוביץ, יצחק אלפרוביץ', דוד ריקלין. שורה שניה (מימין לשמאל): שלמה מלשטיין, אייזיק אלבנסקי, לייבל אייזנבוד. חשקה אבילביץ, לייב קאָווע, רבקה לבקוביץ, אליהו רדונסקי, שמעון אלפרין, יעקב בלומס. שורה שלישית: אברהם אהרן ונילובסקי, קריינה הינקדיקר, ... , אפרים לבקוביץ, חנה פיק־צ׳רנה, יחזקאל ליברמן, מערע מנקר, משה פבריקנט, רייצע מונהייט, לייזר גצוב. (צילום: חיים שבת).

אויפֿן זאַמדיקן „האַלבער"־וועג האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אַ פּויעריש פֿורל, וואָס איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין. עס איז פֿאַרביי די ווינט־מיל, זיך איבערגעצלמט ביים הילצערנעם צלם ווו די וועגן צעגייען זיך און זיך פֿאַרנומען אויף מיכאַלישאָק. צו ערשט איז ער פֿאַרבייגעפֿאָרן די גרינע גערטנער וואָס רינגלען אַרום דעם בית־עולם און איבער די גערטנער זעען זיך אַרויס די מצבות. דער פּויער האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעצלמט און אַ יאָג געטאָן ס׳פֿערדל.

פֿון דער ווייטנס איז צו אים דערגאַנגען דאָס הילכיקע קלאַפּן פֿון פּייוול דעם שמידס קוזשניע.

— מוסיט אוזשע ניע ראַנאָ — האָט ס׳פּויערל אַ מורמל געטאָן פֿאַר זיך און ווידער אַ שמיץ געטאָן ס׳פֿערדל.

אַ יידענע מיט אַ פֿאַרפּעדערטן קאָפּ, ניט אויפֿגעקעמט, איז געלאָפֿן צום בעקער נאָך אַ פּאָר זעמל פֿאַר די קינדער — דאָס האַרץ צו דערכאַפּן.

דאָס פּויערל איז שטיין געבליבן פֿאַר אַ קליין הייזל ווו ס׳האָט געוווינט אַן אָרעמע יידענע און אָנגעקלאַפּט. ער האָט געהאַט די חזקה אויף אַרויסצופֿירן אירע פּעסער הערינג אין מאַרק אַריין; און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז מער ווי אַ דריי הערינג וועט ער ניט קריגן דערפֿאַר, האָט ער זיך תמיד געפּרוּווט וווּנדערן:

— שאָ טרי? ני באָלשע? — פֿלעגט ער זאָגן מיט פּויערשער נאַאיווקייט. — איי באָהו, מאַלאָ — האָט ער שוין צוגעגעבן פֿון יוצא וועגן. — דערפֿאַר אָבער, אַז ער האָט געקויפֿט אַ פֿונט שוואַרץ ברויט, האָט ער עס געטונקט אין פֿאַס מיטן געפֿיל פֿון אַ היימישן.

פֿון אַבע דעם חסידס סאָדע־וואַסער זאַוואָד איז אַרויסגעפֿאָרן שויקע „הודאָק". ער האָט געשטופּט אַ וועגל אויף צוויי רעדער אָנגעלאָדן מיט קופּערנע באַלאָנען שעלצן־וואַסער און פֿלעשער מיט רויטן לימאָנאַד. ער האָט זיך געאיילט צוצושטעלן עס אין די קרעמלעך אַרום מאַרק; און אַז ער איז שטיין געבליבן פֿאַר אַ קרעמל, האָט ער געכאַפּט אַ „הודאָק" אין העלדזל פֿון אַ פֿלעשל.

פֿון אַ זייטיק געסל האָט זיך באַוויזן דוד „יאַפּאָנטשיק" מיט זיין פֿאַס. דאָס איז ער געפֿאָרן פֿון „הייפּל"־ברונעם און געפֿירט וואַסער פֿאַר די שטאָטישע באַלעבאַטים. זיין פֿאַס איז געווען גרין־באַוואָקסן מיט מאָך, און מיט אַ ווייס, פֿריש־געהובלטן „שפּונט" פֿון אונטן, אָנשטאָט אַ קראַן, אַרויסצולאָזן דאָס וואַסער.

פֿון קאָזשימער שול זענען אַהיימגעגאַנגען די צוויי ברידער סטעלמאַכעס, מיט די טליתים אונטערן אָרעם. ביידע באַיאָרטע; ביידע מיט קורצע בערדלעך און מיט טיפֿע קנייטשן אויפֿן שטערן, צייכנס וואָס די צייט האָט אויסגעקריצט. כאָטש אַ מיט־וואָך, זענען זיי פֿאַרבליבן אין בית־המדרש אַ ביסל לענגער איבער דער קריגעריי וועגן נייעם רב, וואָס מאָניע האָט אָנגעפֿירט. זיי האָבן אים געפּרוּווט דערקלערן מיט געדולד, אַז ס׳איז ניט שיין פֿאַר אַ יידן צו שלאָגן זיך, זיך אַרומרייסן. אָבער מאָניע איז געבליבן ביי ס׳זייניקע.

— ס׳וועט זיך טאָן חושך, אויב מיין צד וועט ניט אויספֿירן!

דער סטעלמאַכישער קעלער איז שוין געווען אָפֿן, און אַ נייע, נאָך ניט קיין באַרייפֿטע ראָד איז געשטאַנען אין דרויסן.

פֿון קעלער אַרויס האָט שלום, דעם ייִנגערנס בחורל, אַרויסגעקוילערט אַ ראָד, כדי צו ברענגען עס צו רפֿאל דעם שמיד. באַרג אַרויף, ביז צום שפּיץ פֿון שווערזנער גאַס, האָט ער עס געבראַנגט און דאַן דאָס ראָד געלאָזט לויפֿן באַרג אַראָפּ, באַגלייט מיט אַ געשריי:

— משה! האַלט!

איז פֿון רפֿאלס קוזשניע אַרויס זיין זון, משה „קאַוואַדלע", און געוואַרט דאָס ראָד זאָל זיך צו אים דערקייקלען.

ביים האַראָדזשער שאָסיי, באַלד ווי עס הויבט זיך אָן די שטאָט, זענען שוין געווען אין דרויסן די אַבלופֿעס, און פֿון צווייטן זייט — די לאַפּעטקעס. נידעריקע, פֿלינקע, ביינערדיקע יידעלך — האָבן זיי פֿאַרזייט גערטנער, געשטעלט פּעסער אָרגערקעס, איינגעהאַנדלט אַ בינטל פֿלאַקס, אַ פּעקל חזיר־האָר — אַבי צו האָבן פּרנסה.

אויפֿן וועג האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּויערישע פֿורלעך. זיי זענען שטיין געבליבן ביים הילצערנעם ברונעם, כדי אָנצוטרינקען די פֿערד, און אַליין אויך כאַפּן אַ טרונק פֿון הילצערנעם מאָכיקן עמער.

ווי פֿון אונטער דער ערד זענען דאָ אויסגעוואַקסן די לאַפּעטקעס, געטאַפּט מביניש די זעק, און אַז זיי האָבן אַקוראַט ניט געקענט טרעפֿן וואָס דאָרט געפֿינט זיך, האָבן זיי זייטיק אַ פֿרעג געטאָן דעם פּויער:

— טשטאָ פּראָדאַיאָש? — וואָרעם, אַז ער מוז פֿאַרקויפֿן, אין דעם זענען זיי געווען זיכער.

ביי איין וואָגן איז געשטאַנען מיכעלע אַבלופֿעס. ער האָט שוין צום וויפֿלטן מאָל געקלאַפּט אין פּויערס מאָזאָליעדיקער האַנט:

— דאַווײ פּיאַט!

די האַנט האָט זיך ניט גערירט, ווי דעם פּויערס געדאַנק. ער האָט ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פֿון פּרייז.

— נאָ באַזאַריע פּאָיעדו, טאַם פּראָדאַם! — האָט זיך דער פּויער געהאַלטן ביי זייניקע.

אַז מיכעלע איז געוואָרן גוט אין כּעס און האָט געוואָלט אָפּהאַקן דעם מסחר, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פּויער:

— מוזשיק כיטרי יאַק טשאָרט, אַ דורנאָי יאַק וואַראָנאַ!

פֿון דעם זאָג האָט זיך דאָס פּויערל אַ ביסל פֿאַרלוירן, נאָכגעלאָזן אין מקח און אָפּגעשלאָסן ס׳געשעפֿט מיט אַ פּרישן:

— דאַווײ פּיאַט!

אין צענטער שטאָט, אין מאַרק־שול, האָט מען היינט געענדיקט דאַווענען אַ ביסל פֿריער. דער מאַנופֿאַקטור־סוחר איצקאָווסקי, אַ נידעריק פֿעסט יידל, מיט רויטע ווי פֿון פֿראָסט צעוואַרעמטע בעקעלעך, אַ באַבריליטע נאָז און אַ פֿליך פֿון שטערן ביז צום האַלדז, איז שוין געשטאַנען פֿאַר זיין געשעפֿט, כאָטש עס איז געווען פֿאַרמאַכט. עס איז געווען אַרום האַלב־ניין, ווען די מלוכה־באַאַמטע גייען צו זייערע ביוראָס. ווי נאָר איינער האָט זיך באַוויזן, איז ער אים אַנטקעגן געלאָפֿן, שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַפּעלושל מיט אַ ברייטן:

— דזשען דאָברי פּאַנו! —

דאָס איז געווען זיין אַרבעט כמעט יעדן טאָג, ווייל דאָס געשעפֿט האָט געפֿירט זיין פֿרוי שרה־ליבע.

אויף פּויערים האָט ער זיך ווייניק אַרומגעקוקט. דער עיקר זענען ביי אים געווען די מיעשטשאַנעס, וועמען ער האָט געקענט דערזען פֿון ווי ווייט, איז ער באַלד אַנטקעגנגעלאָפֿן און אונטערגעטראָגן דעם ברייטן:

— דזשען דאָברי פּאַנו! —

נאָך איידער מען האָט אויפֿגעמאַכט די קראָמען, האָט זיך פֿון עזריאלס „וואָלקנקראַצער", וואָס איז געווען אַ פּיצינקע שטיבעלע מיט פֿענצטערלעך האַרט ביי דער ערד, אַרויסגעשאָטן אַ מחנה מדינה־גייערס, אָרעמעלייט געפֿירט פֿון קליינע קינדער, ווייבער מיט עופֿעלעך ביי דער ברוסט, בלינדע, קאַליקעס און סתם שנאָרערס. דאָס זענען זיי נעכטן אין אָוונט אָנגעקומען און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן ביי אַ חלבן ליכטל און געציילט די קופּערנע גראָשנס און צווייערס, דערנאָך זיי איינגעוויקלט אין ברודיקע שמאַטקעס. ס׳איז געווען דער טאָג, ווען היגע אָרעמעלייט גייען ניט איבער די הייזער. זיי האָבן זיך צעשאָטן איבער די גאַסן ווי דורך עפּעס אַ געהיימן אָפּמאַך, ניט אַריינצופֿאַלן זאַלבעצווייט אויף איין אָרט.

די יאַטקעס אויפן שולהויף זענען געווען האַלב־אָפּן. אַרום זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט הײמלאָזע הינט, וועלכע דער שטאָטישער היצעל האָט נאָך ניט באַוויזן צו כאַפּן.

אַנטקעגן באַשקע לאַניערקעס שענק, אויף אַ הויכן הילצערנעם בריקל, זענען געזעסן די טרעגערס און ביניע מיטן אייגל. נעבן אים — זיין וועגל אויף צוויי רעדער אָפּצופירן פאַרשידענע סחורות. די רעדער פון וועגל האָבן געהאַט אַ באַזונדערן שם אין שטעטל צוליב זייער אויסטערלישקייט. זיי זענען געווען הויכע, אייזערנע, מיט אַ סך דינע, אייזערנע שפּיצעס. עס איז געווען שווער צו וויסן פון וואַנען די דאָזיקע רעדער שטאַמען. ביז עמיצער האָט געפּסקנט, אַז ניט אַנדערש:

— זיי שטאַמען פון אַ האַרמאַט!

איז געבליבן — ביניע מיט די האַרמאַטנע רעדעלעך...

די שעה איז נאָך געווען אַ פריע, האָבן די טרעגערס גענומען קיבעצן ביניען צוליב די רעדער טאַקע. זיי האָבן געוואָלט וויסן צי זענען עס ניט אַמאָל קיין רעדעלעך, פאַר וועלכע מען קען גיין געשמידט אין קייטן...

ביניע האָט זיך אָנגעצונדן. דאָס אויג וואָס איז פריי געווען פון דער בעלמע, האָט געשפּריצט מיט האַס. עס האָט אים געפעלט ווערטער זיי אַריינצוזאָגן, האָט ער אָנגעהויבן שעלטן:

— זאָל דיר געשוואָלן ווערן די האַרץ, סייטשע! וועסט פּגרן ווי אַ הונט, באַנדיט איינער!

נעבן זיי איז געלעגן איסער מאַזולקעס הונט באָביק. אַ ברוינער, מיט אַ שאַרפן פּיסק און הויכע פיס, ווי עס האָבן הינט פון דער וועלפישער ראַסע. די יאַטלעך האָבן זיך געגרויסט מיט אים.

— ער קען שפּרינגען אויף צוויי פיס!

— ער שפּרינגט דורך אַ רייף!

— ער טשעפּעט ניט קיין יידיש קינד!

— ער פאַרשטייט יידיש!

שטילערהייט האָבן אים די יאַטלעך צוגעטיילט אַ חלק פון זייער פרישטיק און זיך געפּילט מיט אים אַ שטיק מחותן, דערהויפּט די יאַטלעך פון אַרום די שולן.

איצט איז ער געלעגן רויק ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס, געזשמורעט די אויגן אַנטקעגן דער זון, געיאָגט די פליגן און זיך צוגעהערט ווי ביניע „די האַרמאַטנע רעדלעך" שעלט מיט טויטע קללות:

— אַ כאָליערע זאָל אייך נעמען, משוגעים, פּיאַניצעס! — און יעדע קללה זיינע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ הילכיק געלעכטער פון די טרעגערס.

ס'האָט מיין טאַטע דערציילט...

(אַ בלעטל געשיכטע)

ביים ברייטן טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי אונדז אין מיטן שטוב, האָט שיע נאַכאַמעס געהאַט זיין אָרט. כמעט יעדן אָוונט האָט ער פאַרנומען דאָס אָרט און איידער וואָס־ווען גענומען דרייען אַ ציגאַרעט מאַכאָרקע. אַז ער האָט אָפּגעלייגט דעם ברעג און פאַרקלעפּט דעם ציגאַרעט, האָט ער גענומען דערציילן.

אַלע האָבן שוין געוווּסט ווי אַזוי שיע נאַכאַמעס האָט געפויזעט אויפן בויך מיט אַ שער אין האַנט און געשניטן שטעכלדראָטן אויפן פראָנט; ווי אַזוי שיע נאַכאַמעס איז געגאַנגען אויף „שטיקי" און ווי אַזוי ער האָט געפונען שנאַפּס אין אַ דייטשן אָקאָפּ.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז שיע אַכאַמעס איז צוריק געקומען פון פראָנט, ווו ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, מיט אַ פּאַק מעשיות און — אַ מאָגן־פּעלער.

פון די אַלע מעשיות האָט זיך ביי אונדז, קינדער, געפּלאָנטערט אין קאָפּ „דאָס גיין אין באָי" און אַרויסקריגן זיך פון „אָקרוזשעניע". וואָס עס מיינט „נאַסטופּאַיען" און „אָטסטופּאַיען" — איז שווער געווען צו באַגרייפן.

און כאָטש מען האָט פון פריער געוווּסט ווי די זאַך וועט זיך ענדיקן, האָבן מיר, קינדער, געוואַרט אויף זיינע מעשיות.

איין מאָל האָט ער פאַרפעלט צו קומען.

— דער מאָגן־פּעלער האָט אים אַוועקגעלייגט — האָט ווער געזאָגט.

דעמאָלט האָט דער טאַטע גענומען דערציילן די געשיכטע וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ סך יאָרן צוריק.

געווען איז עס אין יענעם יאָר ניינצן־הונדערט און פינף. איך בין דאַן געווען אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט־ניין. איבער דער שטאָט האָט מען מאַרשירט מיט רויטע פענער און געשריגן „דאַלאָי סאַמאָדזשערזשאַוויע". דער אוריאַדניק האָט זיך טאַקע באַהאַלטן, נו איז וואָס? אַז אין פּעטערבורג איז סיי ווי געזעסן דער צאַר און ווי ניט אים מיינט מען. אַלע האָבן געוואַרט וואָס עס וועט געשען אין מאָסקווע. נאָר די מאָסקווער אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין געווער.

האָט דער ניעסוויזשער קאָמיטעט פון „בונד" באַקומען די אויפגאַבע צו שאַפן געווער.

אין ניעסוויזש איז דאַן געשטאַנען די פערציקסטע אַרטילערייסקע בריגאַדע און אַ ספּעציעלע „לעטוטשע בריגאַדע".

אין יענעם יאָר האָט מען זיך אויפן יאַפּאַנישן פראָנט געשלאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין, זענען אַלע סאָלדאַטן געווען אויפן פראָנט. אין שטאָט זענען פאַרבליבן נאָר אַזוי פיל, עס זאָל גענוג זיין אָפּצוהיטן דעם „טשעכאַוואָסט".

אַז דער טאַטע האָט באַמערקט, אַז מיר, קינדער, כאַפּן זיך ניט וואָס ער מיינט, האָט ער צוגעגעבן:

— דאָס זענען געווען די סקלאַדעס ווו די אַרמיי האָט געהאַלטן געווער, פּעלצן, שטיוול...

ווי־זשע קריגט מען זיך דאָרט אַריין?

איז מען דערגאַנגען, אַז צו נאָטע דעם שמיד, דעם בוזינייער, צו זיין טאָכטער, קומט אַריין אַ סאָלדאַט, אַ קאַווקאַזער ייד, אַזוי ווי ער איז אויך געווען אַ לינקער, האָט מען מיט אים אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן:

ווען ער וועט שטיין אויף דער וואַך, וועט מען אויסשניידן דעם ריגל פון טויער צוזאַמען מיט דער פּלאָמבע, אַרויסנעמען די ביקסן און צוריק פאַרמאַכן, מען זאָל ניט דערקענען. ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק, שיקט מען דאָס געווער אָפּ קיין מאָסקווע, און דעם קאַווקאַזער סאָלדאַט — קיין אַמעריקע.

*

אַ פראָסטיקע ווינטער־נאַכט. דער „טשעכאַוואָסט" האָט זיך געפונען אין אַלטן מאָנאַסטיר, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן וואַל. אַרום וואַל איז געווען דער טייך. אויף דריי שליטנס, צו צוויי פּאָר פערד, איז די בונדישע „באָיעווקע" פאַרפאָרן הינטערן וואַל און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אין משך פון דער נאַכט האָט מען די שווערע קאַסטנס מיט די ביקסן פאַרלאָדן און פאַרפּאַקט מיט שטרוי. אַ חוץ דעם האָט מען אַרויסגענומען אַ ביסל פּעלצן און שטיוול פאַרן היימישן געברויך. נאָך דעם שווערן „שטיקל" אַרבעט האָט מען צוריק פאַראַרבעט מיטן זיגל דעם ריגל פון טויער — ווי קיינמאָל גאָרניט געווען.

דריי שווער־אָנגעלאָדענע שליטנס זענען אָפּגעפאָרן קיין מינסק. די שמייסערס, יונגע יאַטן, זענען שנעל געפאָרן מיטן טראַקט. ניט ווייט פון מינסק האָבן ספּעציעלע פאַרטיי־שליחים איבערגענומען דעם טראַנספּאָרט און אָפּגעפאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן די „שמייסערס" באַקומען זייערע שליטנס צוריק צוזאַמען מיט אַ שיינער מטבע טרינק־געלט. זיי האָבן זיך בשלום צוריקגעקערט אַהיים.

ס׳איז אַדורך אַ שטיקל צייט. ביי אַ שנאַפּס האָבן די באַלעגאַלישע „שמייסער״־יונגען אויסגעפּלוידערט די גאַנצע געשיכטע און פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן די איינצלהייטן פון דער פּאַסירונג.

קיינער האָט עס ניט צוגעטראָגן צו „קאַזנאַ״.

פּריזיערס אָבער זענען בטבע זייער באַרעדעוודיקע מענטשן. אין זייערע סאַלאָנען קען מען הערן די לעצטע וועלט־נייעס, שטאָט־געשעענישן און סתם אַ פּליאָטקע.

אין אַ געוויסן טאָג, שוין אייניקע מאָנאַטן נאָכן אַרויספירן די ביקסן, איז דער פּולקאָווניק פון דער „לעטוטשער בריגאַדע״ געזעסן אין דער ראַזורע פון מייער באַשינקעוויטש (מאיר מורזע) און זיך ראַזירט. דערלאַנגט מאיר מורזע אַ מאַך:

— אייער וווילגעבוירן, וואָס הערט מען פון דעם געווער?

— וואָס פאַר אַ געווער?

— איר ווייסט גאָרניט?

— אַבסאָלוט.

— די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך דערפון...

— אַז וואָס?

— אַז די סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעפירט דאָס געווער פון „טשעכאָוואָסט״!

— ?!

קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי עס האָט דעם פּולקאָווניק אַ טראָג געטאָן. די מיליטערישע מאַכט האָט פאַראָרדנט צו עפענען דעם „טשעכאָוואָסט״. פּאַצוקעס האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן סקלאַד. קיין סימן פון די קאַסטנס ביקסן, אַמוניציע. מאיר מורזע, דעם פּריזיער, האָט מען שוין ניט אָפּגעלאָזט, און פון אים איז מען געוואָר געוואָרן אַלע איינצלהייטן.

צום דעמאָלטיקן קאָמיטעט פון „בונד״ האָבן געהערט: די ברידער נח און בערל איזראַעלס, חוה ליפשיץ און יידל ראַווין (ער איז געווען דער סטאָליער, וואָס האָט עס קונציק אָפּגעאַרבעט דעם זיגל, מען זאָל ניט דערקענען). יידל ראַווין האָט באַקומען 5 יאָר תפיסה און איז אָפּגעזעסן אין פאַרשידענע טורמעס. די „שמייסערס״: חיים שעטשקע (בערעזין) און אברהמל קאָפּעלקע (וואָלאָזשינסקי) האָבן באַקומען צו דריי יאָר. דער דריטער שמייסער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט אים — דער רימער פרענסקי.

אויך דער זעלנער, דער קאַווקאַזער ייד, איז דאַן אַוועק מיטן בוזינייערס טאָכטער און זיך באַזעצט אין קאַסעל.

מיט דעם האָט זיך עס אָבער ניט געענדיקט.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ פּאָלק טשערקעסן און עס האָט געדראָט אַ פּאָגראָם. זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און דורכגעזוכט יעדעס הויז. ביים טאָטן אין שייער האָט זיך געפונען דער אַרסענאַל פון בונדישן „באָיעוואָי אָטריאַד״ — אַ זאַק מיט רעוואָלווערן און אַ זאַק מיט לעדערנע נאַגייקעס.

עס איז אַ גליק וואָס מ׳האָט גאָרניט געפונען. קיין פּאָגראָם איז ניט געווען.

צוליב אָט דער מעשה מיטן „טשעכאָוואָסט״ זענען אַ סך בחורים און מיידלעך אַוועק קיין אַמעריקע, און צוזאַמען מיט זיי — מיינע שוועסטערס.

אין אַ שטיבל אויפן „וואַל״ האָט געלעבט דער בעל־עגלה אברהמל קאָפּילקעס. חיים „שעטשקע״ האָט שוין געהייסן ברעזין און געווען אַ ייד אַ גביר, מיט אַן אייגענער בעקעריי.

ביי אונדז, יאַטלעך, זענען זיי תמיד פאַרבליבן די עדות פון אַ לעגענדע.

די מצה־מאַשין...

ס׳איז געווען צו מאָרגנס נאָך פּורים. נעכטן איז זלמן־כאַשע־מושעס אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט זיין פידעלע, פאַרקליידט פאַר אַ פּורים־שפּילער און אויסגעוויינט ניגונים אין יידישע הייזער, געשאָטן מיט גראַמען און איינגעמאָנט פּורים־געלט.

געווען אַ צייט, ווען זלמן האָט פאַרמאָגט אַ טרופּע אַרטיסטן, וואָס האָבן געקענט דערלאַנגען אַ שפּיל־אָפּ די פּורימדיקע מגילה אין אַ פּאָר מינוט. נאָר זינט די טרופּע איז זיך צעפאַלן, שפּילט ער סאָלאָ. דאָס איז שוין ביי אים אַ חזקה־זאַך.

זיין ניט געבעטענע סוויטע — אַ כאָפּטע יאַטלעך מיט צעפלאָמטע בעקלעך, ווי אויסגעקניפּטע פון פראָסט. זיי זענען פון אים ניט אָפּגעטראָטן און אים באַגלייט פון שטוב צו שטוב, און ווי העראָלדן אומעטום אויסגעטרומייטערט:

— מאַכט אַ וואַרע! זלמן־כאַשע־מושעס קומט אָן!

עס האָט ניט געהאָלפן זלמנס בעטן, טרייבן זיי. אָט דוכט זיך זענען זיי פאַרשוווּנדן הינטערן ווייסן, פוכיקן שניי. נאָר ווי ער האָט אויפגעמאַכט אַ טיר, זענען די ווייסע חברה אויסגעוואַקסן אויפן שוועל. ער האָט זיי פון זיך געפּרוּווט אָפּיאָגן ווי אַ פערד פון די זלידנע פליגן וואָס דאָקוטשן אים, נאָר ניט געקענט.

— בעסער זיך ניט מאַכן זעענדיק, כאַפּט זיי דער שוואַרט־שאָר...

דאָס האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — ס׳איז דאָך עפּעס פּורים אויף דער וועלט! די פּורימדיקע באַגלייטערס זיינע זענען אַזוי היימיש געוואָרן מיט אים, אַז די דאָזיקע היימישקייט האָט זיי געסטייעט אויף אַ גאַנץ יאָר. ווו נאָר זיי האָבן אים באַגעגנט, איז די באַגריסונג געווען פון אַ גאַנצן כאָר יאַטלעך:

— מאַכט אַ וואַרע! זלמן־כאַשע־מושעס!

צו מאָרגנס איז זלמן צוריק געוואָרן אַ מולער און ס׳האָט די שטאָט געהאַלטן אויף צו מאָרגנס נאָך פּורים. דאָס האָט געמיינט אַ דאַטע, אַ צייט־אָפּשניט, אַז פּונקט אין אַ חודש אַרום איז פּסח.

אַ שטיק אין ווינטער נאָך, האָבן די „פּאָדריאַד״־אַרבעטער גענומען אַריינשמעקן צו צדוק דעם פּערעמאָלניק:

— אַ פראָסט אַ ביסל ר׳ צדוק? — און הינטערוויילעכץ אַ קוק געטאָן צי דאָס פּסחדיקע מעל ליגט שוין אויפן שטענדיקן אָרט אין אָפּגעצוימטן שפּייכלער.

צדוק האָט אַ וויש געטאָן די פאַרמעליקטע וואָנצן און אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

— אַ שווערער ווינטער, עפּל אין די קעלערס זענען אויסגעפרוירן, סאַדאָווניקעס האָבן דערלייגט אַ סך געלט...

פאַרשטייט יאָשע דער שוסטער אַז פּונטוס איז שוין פריער פאַר אים דאָ געווען און זיך פאַרדונגען פאַר אַ מאַשיניסט, און דערווייל גענומען אַן אַדערויף.

— און חזקה ווו איז? האַ, ר׳ צדוק — פּרוּווט יאָשע אַריינוואַרפן אַ וואָרט.

— אַ פינפערל פון אַ מיירע האָט ער אַראָפּגעלאָזן, ס׳אַ שווערע צייט...

— דוכט זיך, עמיצער איז פאַרפאָרן אין דרויסן, האַ? — לאָזט ער יאָשען שטיין און קומט אַרויס צום פויער וואָס איז גראָד פאַרפאָרן פאַר זיין טיר.

— נו שאָ? — וויל דער פויער וויסן. — בודיעם קרוטיט?

— בודיעם! — מאַכט ר׳ צדוק. — פּאַסכאַ אוזשע זאַ האָראָיו! — ער איז צופרידן וואָס די פויערים פון פאַראַיאָרן ווילן דרייען דאָס גרויסע ראָד פון דער מצה־מאַשין. ער האָט געהאַט אַ שווער לייענען מיט די גויים, ביז זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז אין „פּאָדריאַד״ דאַרף אַלץ זיין כשר, און זיי זאָלן חלילה קיין חזיר אָדער ברויט ניט פאַרשלעפּן..

— נו דאָבראַ — האָבן די פויערים זיך געקראַצט אין די פּאָטיליצעס. — און פון וואַנען וועלן מיר נעמען כוח צו דרייען די ראָד, וויעד טיאַשקאָ...

— סיעלאַדקאָ, — לאָזט זיי צדוק וויסן דעם סוד — מ'קען פון הערינג אויך האָבן כוח...

שטילערהייט האָט צדוק דער פּערעמאָלניק, דער הויפּט־שותף פון מצה־פּאַדריאַד, צוגעגרייט די אַרבעטער און שוין צו מאָרגנס נאָך פּורים האָט מען געכשרט דעם גרויסן אויוון, וואָס איז דעם גאַנצן ווינטער געשטאַנען אַ קאַלטער ביי שלמה עלינקעס, פאַרשטעלט מיט אַ ווענטל.

צו ערשט האָבן זיך אַ שטעל געטאָן די זיפּערקעס זיפּן מעל. די קנעטערקעס האָבן אויסגעשייערט די קופּערנע בעקנס צו פאַרמישן אין זיי די ערשטע מיירע.

פריילעכע יאַטן זענען געזעסן אויף די גלאַנציקע, מיט בלעך באַשלאָגענע טישן. ביי די זייטן פון די טישן זענען צוגעפעסטיקט שווערע, פּירקאַנטיקע אייזנס פון וועלכע עס הענגט אַראָפּ אויף אַ קייט אַ צוגעשמידט שפּאָר, ווי ביים זאָטל פון פערד, דער רייטער זאָל קענען דעם פוס אַריינטאָן.

אָט האָט די קנעטערין געטאָן אַ וואָרף אַרויס אַ רונדיקע מיירע אויפן טיש. זי איז נאָך געווען פעסט איינגעקלאַפּט, גוט צעמישט.

— נו, ס'איז דאָך די ערשטע, מ'עט זיך נאָך גענוג אויסעסן ס'האַרץ פון סייטשען ביי די לעצטע מיירעס!

סייטשע דער „טרעמבאָווטשיק" האָט זי אָפּגעמאָסטן מביניש מיטן אויג, אַרויפגעלייגט אויפן מיט טיש, די פוס אַריינגעטאָן אין שפּאָר און זיך אַוועקגעלאָזט רייטן איבער דער מיירע. דער פּירעקיקער אייזן האָט זיך איינגעקוועטשט אין ווייכן טייג, אָבער עס ניט צעריסן. ער איז איין מאָל איבערגעלאָפן די מיירע און דעם קרייז באַוואָרפן מיט האָריזאָנטאַלע קנייטשן, זי פלינק אומגעדרייט און אָנגעהויבן זי אויסצוקלאַפּן ווערטיקאַל. אויפן טייג האָבן זיך באַוויזן ראָמבן, קוואַדראַטן און לעקעכער.

אַז דער „טרעמבאָווטשיק" האָט די מיירע דערלאַנגט צו דער מאַשין, איז זי געווען אַ גוט אויסגעקנאָטן, פעסט שטיק טייג.

דער מאַשיניסט האָט די מיירע אַריינגעלאָזן צווישן די שטאַלענע וואַלצן איין מאָל און נאָך אַמאָל. די מיירע האָט זיך גענומען בלעטלען און וויקלען ווי אַ לאַנג האַנטוך, וועלכן דער מאַשיניסט האָט צוזאַמענגעלייגט איין שיכט אויפן צווייטן.

— מאַכט אַ ביסעלע דינער — האָט אַ גבירישע באַלעבאַסטע אַריינגערוקט אַ האַלבן זלאָטע פונטען דעם מאַשיניסט.

— ס'מעג אַ פייער אין דיינע זייטן אַריין, פונטע — האָט געשריגן פון זעצערס גרוב אַרויס בעניע „בליץ" — מאַכסט שוין פּראָספּאַפּיר, מאַכסטע! ס'מעג אַ פלאַם אַריין אין אַלע גבירישע קישקעס, דער אויוון פרעסט מיר זיי אויף!

— דו קוק ווייניקער אין פלעשל און מער אין אויוון! — האָט פונטע אים געלאָזט וויסן פון הינטער דער מאַשין אַרויס.

— פאַרטיק!

דערלאַנגט דער מאַשיניסט אַ רוק ס'הענטל און אויפן ווייסן האַנטוך נעמען זיך אויסלייגן פּירעקיקע, געלעכערטע מצות.

פלינק זאַמלט זיי צונויף דער געהילף און וואַרפט זיי אַריבער אין קליינע פעקלעך אויף בלעך איבער וועלכן עס הענגען די קאַצלקעס. מיידלעך צעהענגען די רויע מצות, ווי טאַשן־טיכלעך אויף די לאַנגע שטעקנס. אַ געניטע האַנט טוט זיי אַ נעם און שוין ליגן זיי אויף די צעגליטע ציגל אין אויוון אויסגעלייגט די מצות, שורה נאָך שורה, ווי אויסגעמושטרירטע זעלנער־קאַלאָנעס אויפן פּאַראַד. ווי נאָר בעניע „בליץ" לייגט אַריין די לעצטע שורה, נעמט זיך שוין די ערשטע בלעזן. די מצות ווערן ברוין און די ברעגן הייבן זיך אָן וויקלען. די לאַנגע לאָפּעטע שפּרינגט שוין אין בעניעס האַנט און זאַמלט זיי צונויף ריי נאָך ריי און וואַרפט אַריין די פרישע, שמעקעדיקע מצות אין אַ גרויסן קאַסטן.

— אַ ביסעלע גרעבער, — בעט זיך דער יידישער פויער גוטמאַן. — ס'זאָל גוט זיין צו די בוריקלאַך!...

די פּאַקערס קערן וועלטן. די דינע מצות ווערן פאַרפּאַקט אין גרויסע פיר־עקיקע קאָרבן, איינס אין איינס, ווי זיי וואָלטן געווען גלעזערנע.

אַז דער שטרויענער קאָרב שטייט אַ פאַרפּאַקטער, איבערגעצויגן מיט אַ שטיק לייוונט, פאַרוואַרפט מאָטל גאַך אַ שטריק איבער אים און לאָזט זיך אַוועק שפּאַנען איבער דער נאָך־פּורים־דיקער בלאָטע.

ער טראָגט אַריין דעם פּסח אין שטוב אַריין...

אַרום צוועלף נעמט דער זעצער קלאַפּן מיט דער לאָפּעטע אין קאַסטן:

— נו, רירטצאַך! יאָגט אונטער! וואַרעמס! וואַרעמס!

די „טרעמבאָווטשיקעס" נעמען פלינקער יאָגן, קנעטן די מיירעס, אַזש די קייטן קלינגען.

— די לעצטע מיירע — לאָזט וויסן פונטע דער מאַשיניסט.

די קנעטערקעס זענען שוין ניטאָ. זיי מוזן נאָך באַווייזן אָפּצוואַרעמען אַ ביסל נעכטיק געקעכץ פאַרן מאַן און די קינדער.

אַז די לעצטע קאַטשעלקעס פאַרשווינדן אין אויוון, צעלייגן זיך די מיידלעך אויף די בלעכן אויסצוגלייכן די ביינער.

די פויערים פאַרקלייבן זיך אין דרויסן, צווישן די ברעווניעס האָלץ, עפענען די לייוונטענע זעקלעך און נעמען מאָלן אויף אַלע ציין, ווי זיי וואָלטן וועלן דורך דער קאַרגער שעה צוריק געווינען די פאַרלוירענע ענערגיע, עס זאָל זיי סטייען אויפן גאַנצן נאָכמיטאָג, ביז אַ שטיק אין אָונט אַריין. זיי האָבן געקייט ווייסן קעז מיט שוואַרץ קאָרן־ברויט און פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער פון אַ קופּערנער קוואָרט.

בעניע „בליץ", דער זעצער, האָט פאַנאַנדערגעשאַרט דעם זשאַר איבערן גאַנצן אויוון, די „פּאָסאַדזקע" זאָל ניט קאַלט ווערן.

— אַ ניט ברענען אויבן די מצות און אונטן בלייבן זיי רוי... ער האָט איינגעוויקלט אַ הערינג אין אַ רויער מצה און אים אַריינגעלייגט אָפּצובראָטן.

אין קאַנטאָר האָט זיך די בוכהאַלטערשע פרומטשע בענעראַף, אַ הויכע, געשטאַלטיקע יידענע, וואָס האָט אַליין אויסגעפּילט אַ האַלבע קאַנטאָר, זיך געפּאָרעט מיט די חשבונות. זי איז ניט נאָר געווען דער בוכהאַלטער, נאָר אויך אַ שותף צום „פּאַדריאַד" און איז דעריבער ניט אָפּגעטראָטן פון דער וואָג.

אַזוי איז עס געגאַנגען יאָר איין, יאָר אויס...

*

די צוויי פּאַריין־צימערלעך ביי מיליעצקע דעם זייגערמאַכער אין הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען סיי דער פּאַריין, סיי די אַרבעטער־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון „רבקה גאַלין", זענען געדיכט באַזעצט. אין אַ וואָסערע צוויי חדשים איז שוין פּורים, מען הערט ווי זלמן סטראָיעט זיין פידל, שפּילט איין אַ פריילעכס, נאָר צדוק ווישט זיך פויל די וואָנצן פונקט ווי אַזאַ זאַך ווי פּסח, אַ מצה־פּאָדריאַד און פּרנסה וואָלטן גאָרניט עקזיסטירט.

— אַ שלעכטער אוראָזשיי געווען דאָס יאָר, שווער מיט ווייץ פאַרן נולאָוון מעל — פאַרענטפערט זיך צדוק.

אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער:

— אַז קראַשעווסקי יאָגט זיך ניט צו כשרן די מיל, כ'קען אים עפּעס צווינגען?

אַזוי לייגט אויס זיינע טענות פאַר דער פּאַריינס־פּאַרוואַלטונג איטשע לעמעש, וועמען מען רופט אויך אין גוטן מוט „בוראַק" — אַן אָנדייט אויף זיין פאָרען זיך זומער־צייט מיט גערטנער, מיט שטעלן פעסער זויערע אוגערקעס אין אוזשאַנקער טייך.



פאַרוואַלטונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ברוך שוסטערמאַן, יאַנקל חדש, אברהם טורטשין, שמעון האַלפּערין, דוד ריקלין, לייזער געצאָוו, אברהם בערעזין, ירחמיאל פּאָווער, משה גרינבלאַט. עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): שלמהקע גאַבריעלאָוו און מאָטל מילשטיין. (פאָטאָ: חיים שבת).

ועד האיגוד המקצועי. יושבים (מימין לשמאל): ברוך שוסטרמן, יעקב חדש, אברהם טורצ׳ין, שמעון הלפרין, דוד ריקלין, לייזר גצוב, אברהם ברזין, ירחמיאל פאוור, משה גרינבלט. עומדים (מימין לשמאל): שלמה גבריאלוב, מרדכי מילשטיין. (צילום: חיים שבת).

— ווילן מיר טאַקע, אַז דער פאַריין זאָל עפּעס טאָן אין דער זאַך!

דוד „סאַראָוועטקע", דער סעקרעטאַר פון פאַריין, האָט אויסגעזען מיד. דעם גאַנצן זומער האָט ער זיך „געמאָרעט" כדי אַרויסצוקומען פון פּריזיוו. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך, אַפילו די צוגעלעגענע פּאַמעראַנצן, וואָס ער האָט געקויפט ביי גערשל „לאַצאָץ" אין קנייפּע, האָבן אים ווייניק געהאָלפן.

— דער פאַריין נעמט אין שוץ נאָר אַרבעטער — האָט ער אָנגעהויבן — וואָס אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר. איר זענט נאָר סעזאָן־אַרבעטער. אָפּגעאַרבעט די פּאָר וואָכן און אויס. איינער דינגט סעדער, דער צווייטער זעצט אוגערקעס און נאָך איינער טוט גאָרניט ביזן פרישן סעזאָן. טאָ ווי קאָנט איר ווערן פאַריינס־מענטשן?

איין מאָל איז ער אַוועק ווייטער: מצה איז אַ קלעריקאַלער ענין, ס׳איז גוט פאַר די כלי קודש און מיר זענען דאָך „לינקע"...

— וואָס הייסט — האָט גענומען אַ וואָרט לייזער געצאָוו — מענטשן ווענדן זיך, דאַרף מען העלפן. די צייט שטייט ניט. אַפילו אין „פּאָדריאַד" זענען שוין דאָ נייעסן. אַנשטאָט די גוים, דרייט די מאַשין אַ מאַניעזש מיט פערד, און דאָס יאָר אַ סברה וועט מען שוין דרייען מיט עלעקטרע. בלויז די אַרבעטער באַהאַנדלט צדוק ווי זיי וואָלטן געווען שקלאַפן. ער זויגט זיי אויס. ס׳איז ניט קיין פראַגע פון רעליגיע, ס׳איז קלאַסן־קאַמף!

— קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט — האָט לייזער אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף דער וואַנט, ווו ס׳איז געהאַנגען מאַרקס׳ פּאָרטרעט, געצייכנט פון היימישן מאָלער מאָטל ליס, און אונטער אים האָט מיט רויטע אותיות אַרויסגעפּייערט פון אַ פּלאַקאַט:

„די אַרבעטער קענען נאָר פאַרלירן די קייטן פון די פיס, געווינען קענען זיי אָבער די גאַנצע וועלט". ער האָט געמאַכט אַ פּויזע, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם עולם געבן אַ מעגלעכקייט איבערצולייענען און צו פאַרשטיין וואָס אויפן פּלאַקאַט שטייט.

— מאַרקס האָט געזאָגט, אַז וואָס מער אַרבעטער מירן האָבן אונטער אונדזערע פענער, אַלץ נענטער וועלן מיר זיין צום זיג!

דוד „סאַראָוועטקע" האָט פאַרקנייטשט זיין למדנישן שטערן און זיך געפּרוווט דערמאָנען, ווו געפינט זיך דאָס ביי מאַרקסן דער אָפּזאַץ מיט די פענער. עס איז געווען דושנע און דער מוח האָט זיך ניט געלאָזט אָנשטרענגען.

— נו מילא — האָט ער צו לעצט געפּסקנט — אויב ס׳איז אַפילו לייזערס תורה, איז עס אויך ניט שלעכט.

— מירן זען אַן עצה — האָט ער גערעדט שוין צו דער דעלעגאַציע — און דערווייל זייט ניט געפאַלן...

*

נאָך שבת איז לייבל אייזענבוד אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון פאַריין, ער איז אָבער געווען דער פירער פון די „לינקע" און געהאַט מער צייט ווי אַנדערע. דער ווילנער לערער מאיר גליאָט האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוול צו זיין טאַטן, וואָס איז געווען אַ מעקלער....

*

געלאָזט אין גאַנג די אַקציע־געזעלשאַפט האָט דער סעקרעטאַר פון פאַריין דוד ריקלין. זיין קאָפּ אין דרויסן נאַקעט ווי אַ ביינערנע ביליאַרד־קויל, אינעווייניק איז ער אָנגעפילט מיט תורה, פון וועלכער ער האָט מער ניט געהאַלטן. זיין בייע תורה האָט ניט פאַרמאָגט מער קיין פּלפּולים און סברות. ניט געווען אין איר קיין אָרט פאַר דעבאַטן, דעבאַטן און אָפּפרעגענישן. אַלץ האָט געמוזט זיין על פי שכל המאַטימאַטיקע — דעביט און קרעדיט. ציפערן. צוויי מאָל צוויי איז פיר.

— דאָ — האָט ער אָנגעוויזן איטשע „בוראַק" אויף אַ ברייטן, צעווירעטן בלאַט — שטייען פאַרשריבן דיינע פּראָצענטער. ס׳איז ניט אַזוי ווי ביי צדוקן. דאָ בלאָפט מען ניט. דאָ באַקט מען מצה לויט דער נייער אָרדענונג פון מאָרגן! איז דיר קלאָר?

דער אויפטו מיטן מצה־„פּאָדריאַד" האָט זיך ווי אַ קליין וואַסערל וואָס ווערט אָנגעפילט מיט פרילינגס־שטראָמען, צעגאָסן ווייט איבער זיינע ברעגעס. יעדעס ריטשקעלע, וואָס האָט זיך אין אים אַריינגעגאָסן, האָט דערפילט אין זיך דעם כוח פון ברייטן שטראָם.

— קודם וועט מצה ביליקער ווערן — האָבן געטענהט באַלעבאַטים, וואָס קענען זיך ניט פאַרגינען צו צאָלן צדוקס פרייזן.

— יום־כיפור קעמפט איר קעגן קלער און פסח באַקט איר מצות! — האָבן די ביז גאָר „לינקע" געמוסרט די פאַריינס־טוער. — פיין דערלעבט, יידישע סאָציאַליסטן באַקן מצות האַנט אין האַנט מיט די כלי־קודש!

— אונדזער אויפטו איז אַ באַווייז אַז מען קען אויסקומען אָן באַלעבאַטים. דער מערווערט געהערט דעם אַרבעטער און דער געזעלשאַפט. ס׳איז קלאַסן־קאַמף!

אָבער לעבן, פּרנסה דאַרפן זיי? זאָל צדוק זיי אויסנוצן און רייך ווערן אויף זייער חשבון? אויף זיי מוז רעכענען דער אַרבעטער־קלאַס...

— איר צעבייט די רעוואָלוציע אויף קליינגעלט — האָבן די גאָר לינקע ניט געוואָלט נאָכגעבן.

*

אין דעם אויסגעשלייפטן מוח פון דוד ריקלין, האָט די אַקציע־געזעלשאַפט, מיט אַלע אירע טואונגען, ציפערן און חשבונות — האָט יעדע קליניקייט געהאַט איר אָרט. יעדערער האָט באַקומען זיין גלייכן חלק פּראָפיט און אויסער דעם אויך דעם טאָג־לוין. אַ קליינער פּראָצענט איז געגאַנגען פאַר דער יידישער פאָלקס־שול און פאַרן פאַריין. די מצה־מאַשין בלייבט דאָס אייגנטום פון אַרבעטער־קאָלעקטיוו.

— דאָס יאָר דאַרף די קהילה קויפן מעות־חיטין מצה פון

דעם פאַריין־אַרטעל! — האָט געשטורעמט דער דאָזאָר פון דער ליסטע נומער פיר, לייבל אייזענבוד. — ערשטנס, איז עס ביליקער ווי ביי צדוקן מיט פּרומטשע בענעראַף. צווייטנס, דאַרף יעדער ייד, וואָס רעגיסטרירט זיך נאָך מעות־חיטין, קריגן מצות און ניט קיין געלט. געלט דעמאָראַליזירט און טיילט איין קבצנים אויף בעסערע און ערגערע. יעדערער דאַרף באַקומען מצות לויט דער גרויס פון זיין פאַמיליע!

יאַנקל דער שמיד האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם אויפטו מיט דער מצה־מאַשין. יעדן אויף דער נאַכט איז ער ווי צוגעוואַקסן צו דער גרויסער מאַשין־ראָד און זי געהאָלפן דרייען.

דער פלאַם אין אויוון האָט געפלאַקערט און געוואָרפן אַ רויטלעכן שיין אויף די ווענט, אויף די פנימער. אויף איבערגעדרייטע קאַסטנס זענען געזעסן פאַריינס־לייט, טישלער און שניידער און הנאה געהאַט ווי די אַרבעט גייט אָן פון גאַנצן קאָלעקטיוו, אָן באַלעבאַטים.

— דאָ ווערט געשמידט דער מאָרגן פון דער וועלט — האָט זיך לייזער געצאָוו ניט געקענט איינהאַלטן, ניט צו זאָגן עפּעס וויכטיקס.

*

דער אַלטער פוקס איז געלעגן אין זיין נאָרע, געקוקט אויף דער ווייס־פאַרשנייטער וועלט און נאָכגעטראַכט. ער האָט געזען די אַלע געפאַרן וואָס לויערן אויף אים, אויב ער וועט זיך אַצינד אַרויסלאָזן אויף יאַגד. אומעטום, ווו ער וועט נאָר שטעלן אַ פוס, וועלן זיינע טריט בלייבן אָפּגעדריקט אין שניי. די שפּור־הינט וועלן זיי שמעקן, אַרומשפּרינגען און זיך אַוועקלאָזן נאָכן שפּור. די מענטשן וועלן דאַן פעסטער מאַכן די צוימען אַרום די הינער־שטייגן.

ער איז געלעגן דעריבער אין זיין וואַרעמער נאָרע, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט טרוקענעם היי און געגריזשעט אַן אַלט ביינדל, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון פאַראַיאָרן און געוואַרט אויף זיין געלעגנהייט. אין זיין פוקסישן קאָפּ האָבן זיך געשפּינט די פּלענער ווי אַזוי צו פאַנגען די נאַרישע הינער. ער האָט אויסגערעכנט די קלוגיטשקע גענג זיינע, וואָס וועלן פאַרפירן די שפּיר־הינט ווייט פון זיין נעסט. ער איז געווען זיכער אין זיין אויספּלאָנירטן וועג, ווייל דאָס איז געווען דער גאַנג פון דער וועלט:

— די הינער זענען באַשאַפן געוואָרן דערצו, אַז דער פוקס זאָל האָבן וואָס צו עסן.

צופרידן מיט דעם וועלטס לעבנס־סדר, האָט דער פוקס געדרימלט אויף זיין געלעגער...

אַזוי האָט אויסגעזען אין יענע ווינטער־טעג דער אַלטער פוקס — צדוק.

— פאַראַיאָרן זיך אַ קאַפּיטשקע באַנאַרישט, אַזוי זעט עס אויס, נאָר דאָס יאָר וועל איך עס מירטשעשעם אָפּנעמען...

מיט כיטרע אויסגעלייגטע ווערטער האָט ער געבראַכט צו זיין טיש יוסף פונטוסן און איטשע לעמעש — די צוויי הויפּט־אַקציאָנערן פון דער מאַשין.

דער פינקלדיקער, מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס שטאַמט אַזש פון טולע, האָט געאָטעמט שווער, אַרויסשיסנדיק פון צייט צו צייט אַ פּאָר וואָלקנדלעך דאַמף. ער איז געשטאַנען אויבן־אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גבירישן סאַמאָוואַר און אין זיין קרוין האָט זיך געפּאַרעט אַ פּאָרצעלייען טשייניקל מיט שמעקעדיקן וויסאָצקי־טיי.

אַנטקעגן אים איז פונקט מיט אַזאַ אָנזעעוודיקייט, מיט אַזאַ ווירדע, מיט דער פולער זיכערקייט אין זיך, געזעסן פּרומטשע בענעראַף. איר שוואַרצער קאָפּ האָר גלאַט־פאַרקעמט און איר קיילעכדיק, רויט צעפלאַמט פּנים האָבן איר ווייבלעכקייט צוגעגעבן יוגנטלעכן חן. איר הויכער אויסגעפילטער בוזעם האָט זיך ביים אָטעמען באַוועגט מיט אַזאַ דיסקרעטקייט, אַז מען האָט עס געמוזט באַמערקן. זי איז געווען אַן אַלמנה און די מאַמע פון צוויי שיינע טעכטער. איר גאַנצע ענערגיע האָט זי אַריינגעלייגט אין מסחר...

דער מעל־סוחר, וועלכן מען האָט גערופן מיט איין נאָמען צדוק, האָט זיך בנעימותדיק געטרונקען אַ גלאָז טיי „וו׳פּריקוסקע". זיין הויכע דאַרע געשטאַלט מיט די גרווילעכע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פּריץ. דאָס איינגעפּונדעווטע געשעפט פון מעל־מסחר, פון אויפקויפן תבואה און עס לאָזן איבערמאָלן, האָט אים געפירט צום געדאַנק פון אַ מצה־פּאָדריאַד און צום נאָמען — צדוק דער פּערעמאָלניק. יוסף פונטוס האָט זיך ביים טיש געפילט ניט באַקוועם. אויפגעוואַקסן אין חיים „שוויעטליעס" געסל, ווו טאָג און נאַכט האָבן זיך געוואַלגערט שיכורע זעלנער, הפקרדיקע שקצים, וואָס חיים האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין „הייזל", האָט זיך אַ שפּאָר ביסל הפקרדיקס אָפּגעזעצט אין זיין בלוט. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס אַ ייד אַ גביר און אַ למדן ווי ר׳ צדוק רעדט מיט אים, ווי מיט זיינס אַ גלייכן און וואָס די געשטאַלטיקע פּרוי בענעראַף שמייכלט צו אים מיט איר גאָלדענעם צאָן. אַ וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון דעם קאַכלנעם אויוון. די קאָכיקע גלאָז טיי האָט ער זיך באַמיט צו טרינקען איינגעהאַלטן, באַלעבאַטיש, ניט מיט צו גרויסע זופּן, און דעם צוקער ניט צו כראָמטשען מיט די ציין, נאָר לאָזן עס צעגיין אויף דער צונג. דאָס אָנשטרענגען זיך צו האַלטן שטאָט האָבן אַרויסגערופן טראָפּנס שווייס אויף זיין שטערן. זופּנדיק פון טעצל די קאָכיקע טיי, האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויפן רעגלמעסיקן באַוועגן זיך פון פרוי בענעראַפס הויכן בוזעם, וואָס איז געווען גאָר נאָענט פון אים, אַז ער האָט געקענט פילן די וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט אַרויס פון אים. דער בוזעם האָט זיך באַוועגט ווי אַ שיף אויפן כוואַליעדיקן ים און אים איינגעוויגט.

ער האָט כמעט ווי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. עפּעס אין אים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שווערקייט, וואָס האָט פויל געמאַכט די גלידער, ווי ער וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט אויפגעוואַרעמטן רום, אַ שווערקייט וועלכע מען וויל זי זאָל זיך ציען, ציען...

איטשע לעמעש דער אָגראָדניק, אַ נידעריקער, אַ דאַרער ווי אַ דאָרנדיק געוויקס אין זיין גאָרטן, איז געזעסן איינגענורעט מיטן קאָפּ אין טיי־טעצל און געדולדיק געטרונקען. פון זיין ניט פאַרמעגלעכער אַרבעטער־היים האָט ער געוווּסט ווי שווער מען מוז אַרבעטן אויף חיונה, צו געבן אַ ווייב מיט קינדער ברויט. ער האָט אויף פּרומטשען געקוקט ווי אויף צדוקן — צוויי גלייכע שותפים צום פּאָדריאַד.

— זי האָט אַ מאַנסבילישן קאָפּ אויף זיך, די יידענע — האָט ער בשעת מעשה געטראַכט.

— כ׳האָב אַ ניוך נאָך וואָס ער האָט אונדז געבעטן אַהער קומען, נאָר אַ קרענק וועל איך נעמען רעדן דער ערשטער... וואָרעם געזען האָט ער זיך שוין ווי אַ גלייכער שותף צום „פּאָדריאַד".

איטשע איז געווען ווי אַ געוויקס, וואָס שטעקט מיט די וואָרצלען טיף אין דער ערד און לאָזט קוים אַרויס עטלעכע בלעטלעך אין דרויסן.

— וואָרעם וואָס זענען די בלעטלעך? בלויז פאַנטאַזיע. זאַפט האָט נאָר די מאַמע ערד...

— דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אַ בוראַק — האָט געפּסקנט אַלטער דער רביעלע, וואָס איז אָנשטאָט אַ רב געוואָרן אַ שניידער...

דער אַלטער פוקס האָט דאָס אַלץ געזען.

מיט פונטוסן איז ער געווען אויף אַ דרך. דערפילט, אַז איצט דאַרף ער נעמען די זאַך אין זיינע הענט.

— כ׳מיין איטשע, וואָס איז דער תּכלית אָנצושטאָפּן אַ שטאָט מיט אומזיסטער מצה — האָט ער געזאָגט, אַזוי זיך, צווישן איין זופּ און צווייטן. — און ווידער — האָט ער ניט אָפּגעלאָזט — אַז מען קען עס מאַכן ביליקער. דאַרף מען טרייבן צוויי מאַשינעס מיט מענטשן, מיט הוצאות, אַז איינע קען זיך אויך ס׳פּראַווען. וועט מען אַרבעטן אַ פּאָר שעה לענגער...

אַז איטשע האָט געגעבן תּקיעת־כּף:

— אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט — האָט זיך פּונטע אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, אַ כאַפּ געטאָן פּרומטשעס האַנט און אויסגעברומט:

— אָפּגעמאַכט...

*

ביים שרייב־טיש אין ביוראָ פון „טאָז" איז געזעסן אייזיק אַלבענסקי. ער האָט אַדורכגעקוקט די אָנגעקומענע בריוו און צוגעברומט:

— אַ פּראָסט אַ ביסל, די הענט צענעמען זיך ניט.

ביים קאַכל־אויוון, וואָס איז מיט צוויי זייטן אַריין אין צימער, האָבן זיך געוואַרעמט לייבל און איטשע טשאַרנע, דער פּראָוויזער אין זוסמאַנס „סקלאַד־אַפּטעטשני", וואָס איז געווען אַרבעטלאָז.

— ס׳וואָלט ניט אויסגעמאַכט עפּעס אויסצוטרינקען און צו פאַרבייסן מיט אַ פערטעלע „באָטשעק" — האָט איטשע געפּסקנט. — ס׳איז די אמתע רפואה צום פראָסט...

— סענדער, הויבסט שוין אָן מיט דיינע רפואות — האָט אים אייזיק גערופן מיטן נאָמען פון אַפּטייקער.

פּלוצלונג האָט זיך די גאַס־טיר אויפגעמאַכט און צוזאַמען מיט אַ וואָלקן דאַמף איז אַריינגעפאַלן שלמהקע „ציגעלע". ער האָט אויסגעשאָסן אין איין אָטעם:

— זיי האָבן געמאַכט יד־אחת!

— דיינע רעוואָלוציאָנערן! — האָט זיך אייזיק ניט געקענט איינהאַלטן פון שטעכן שלמהקען.

— אָבער וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל אַרבעטער, זיי בלייבן דאָך אָן אַרבעט, אָן ברויט? זיי וואַרטן דאָך אויפן מצה־סעזאָן דאָס גאַנצע יאָר?

— דאָס וואָס מען האָט געטאָן איין מאָל, קען מען טאָן נאָך אַמאָל — האָט זיך לייבל אָנגערופן — מאַשינען פעלן ניט אויס אין ווילנע...

משה־רוווע דער מוליער, וואָס איז געווען אַ ביסל טויבלעך, האָט פון דעסטוועגן דערהערט וואָס עס האָט פּאַסירט.

— ווי איינער זאָגט: פון אַ חזירשן עק קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן... נאָר גאָט פאַר דער באָרד האַלטן זיי נאָך ניט.

צו מאָרגנס האָט ער זיך געשטעלט אין אַלטן בנין פון דער עלעקטראָווניע, וואָס איז אַ ליידיקער געשטאַנען ביי זוסמאַנען אויפן הויף, אויפצושטעלן אַ בעקער־אויוון.

— די רעוואָלוציע טאָר ניט פאַרשפּילן.

פון גאַראַדייע האָבן אָנגעהויבן קומען שליטנס אָנגעפּאַקט מיט מעל, אמתע צוויי נולן — כּשר לפּסח. פון זוסמאַנס ליידיקן קינאָ איז געוואָרן אַ מעל־סקלאַד.

— אויף צו מאָרגנס נאָך פּורים איז די מצה־מאַשין פון פאַריין אַוועק אויף עלעקטרי.

שטאָט האָט אָנגעקוואָלן:

— מיט דער חבֿרה שפּילט מען זיך ניט...

דער ליטעראַרישער משפּט


צווישן קלעצק און דערמיר ליגט ניעסוויזש. קלעצק — די שטאָט פון בעלי־עגלות און פערד־הענדלער, בעלי־מלאכות און



פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס־שול און לערער פערסאָנאַל, צום עולה זיין פון ח׳ יהודה אַלפעראָוויטש קיין א״י (1936). (פאָטאָ: מ. פּאַיאַנס).

ועד בית הספר האידישאי (פאָלקס שול) ופעיליו לרגל עליתו ארצה של יהודה אלפרוביץ (1936).

שורה ראשונה (יושבים למטה מימין לשמאל): אליהו רדונסקי, רבקה לבקוביץ? יוסף ריקלין. שורה שניה (מימין לשמאל): משה פבריקנט, יעקב ירושביץ, עקיבא בקשט, יהודה אלפרוביץ, לייבל אייזנבוד, שלמה מילשטיין, בנימין יבלבסקי (יואלי). שורה שלישית: שמעון אלפרין, חסיה אבילביץ, אייזיק אלבנסקי, רייצע מונהייט, יחזקאל ליברמן, אברהם אליה ונילובסקי. (צילום: משה פּאַיאַנס).



דער נישט פאַרענדיקטער בנין פון דער יידישער פאָלקס־שול.
די לימודים פלעגן פאָרקומען נאָר אין פאָדערשטן טייל פון דעם בנין,
צו דער מיכאַלישקער גאַס. דער הינטערשטער טייל פון בנין איז נישט
פאַרענדיקט געוואָרן צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן.

בית־הספר היהודי העממי
הלימודים התקיימו רק בחלקו הקדמי של הבנין, חלקו האחורי לא הושלם.
עקב קשיים תקציביים.

ישיבה־בחורים. יידן קרעפּקע, האָרעפּאַשנע, האָבן זיי געטריבן פּי ביז וואַרשע, צוריק געפירט סחורות און צעשיקט עס איבערה די שטעטלעך ווו קיין באַן איז ניט דערגאַנגען.

בעלי־עגלות — האָבן זיי פאַנאַנדערגעבויט דעם טראַנספּאָרט און פון וואַרשע ביז קלעצק געפירט פולע לאַסט־אויטאָס מיט סחורות. קלעצקער יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַלטע, אָפּגעּנוצטע טעקסטיל־מאַשינען פון ביאַליסטאָק און גענומען אַנטאָן דעם פּאָליעסער פויער אין ביליקע געוואַנטן. זיי האָבן געשמידט פויערישע וואָגנס, געהאַלטן מילן און געמאָלן קאָרן, ווייץ פאַר די אַרומיקע פויערים.

זעלטן פלעגט אַן אַקטיאָר פאַרבלאָנדזשען אין דעם שטעטל און פון ליבהאָבערס צונויפשטעלן אַ טעאַטער־קרייזל. דאַן פלעגט קלעצק האָבן פאָרשטעלונגען מיט טענץ און געזאַנג.

אַז די טוער פון דער יידישער פאָלקס־שול אין ניעסוויזש האָבן אונטערגענומען אַ טור איבער די שטעטלעך מיט דער קינסטלערין יהודית בערג, איז אויך קלעצק געווען צווישן די שטעטלעך וועלכע זי האָט באַזוכט.

דער טעאַטער־זאַל — אָנגעפּאַקט. קעפּ אויף קעפּ. אַלע אויגן צוגעשמידט צו דער בינע. די ערשטע נומערן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט טיפן רעספּעקט און איינגעהאַלטענעם אָטעם. נאָכן דריטן נומער האָט עמיצער ניט אויסגעהאַלטן:

— דאַווייי פּיעניע !!!

און טאַקע — וואָס איז עס פאַר אַ טעאַטער אָן געזאַנג ?

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, כדי צו שאַפן געלט פאַר דער יידישער שול, האָט מען אַרויסגעפירט קיין קלעצק אַן אָוונט, וואָס האָט געהייסן — אַ משפט איבער „ציאַנקאַלי". וואָכן פריער האָבן פּלאַקאַטן אָנגעזאָגט די קלעצקער יידן די נעמען פון אַלע דאָקטוירים, וואָס נעמען אָנטייל אין משפט: ד"ר געצאָוו, ד"ר אַלביענסקי, ד"ר סעגאַלאָוויטש, ד"ר קאַוועו, ד"ר האַלפּערן.

קלעצקער האָבן זיך אַפילו געוווּנדערט:

— ווי קומען אַזוי פיל דאָקטוירים קיין ניעסוויזש ?

נאָר היימישע, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די פאָנדן אויסצוהאַלטן די שול, האָבן געוווּסט.

— דאָקטער געצאָוו איז אַ סטאָליער, אַלביענסקי — דער סעקרעטאַר פון „טאָז", קאַוועו — אַ יידישער לערער און האַל־



הנחת אבן היסוד לבנין בית הספר העממי האידישאי („פאָלקס־שול"), דעם 23.8.1929 בין המשתתפים: לייבל אייזנבוד, גרוטברד, שמואל שצ׳פורזצקי, אלתר אנדרוסייר, אהרן אליהו ליברמן, יעקב בלומס, יחזקאל ליברמן, אליה שקולניק, יצחק פרלמן, חנה גבריאלוב.

פערן — אַ בוכהאַלטער. דער איינציקער דאָקטער אין אַנסאַמבל איז ליאָלע סעגאַלאָוויטש...

ווייל קלעצקער יידן האָבן ליב — מען זאָל זיי „נעמען". און דאָ מיט איין מאָל אַזוי פיל דאָקטוירים — מען זאָל זיי ניט דאַרפן...

פון דעסטוועגן איז יעדער טשעקאַווע צו וויסן:

— וואָס אַ שטייגער קענען זיי זאָגן?

צו אַזאַ אונטערנעמונג האָבן קלעצקער רייכע ווייבער זיך געבייט קליידער ווי צו אַ באַל. וואָרעם וואָס אַזוינס עס קומט פאָר, האָבן זיי אויף קלאָר ניט געוווּסט, נאָר אַז אַזוי פיל דאָק־טוירים קומען... ווען די דאָקטוירים האָבן זיך גענומען משפּטן „ציאַנקאַלי", זענען קלעצקער גבירים געזעסן אין דער ערשטער ריי גאַנץ געמיטלער, ווי ביי זיך אין דער היים, געסמאָטשקעט דיביינדלעך פון אַ הינערישער פולקע און פאַרביסן מיט אַ זויערע אוגערקע:

— ווּעמען אַרט עס... עס איז דאָך ניט קיין גויאישער „סוד"...

ניט נאָר דער קולטורעלער ניוואָ, אַפילו די פאַרבינדונג מיטן רבונו־של־עולם איז געווען אַ לויזע. אַ מנין אין דער פרי און פאַרנאַכט, אַ קאַפּיטל תהילים — אום שבת.

טרייבנדיק די „לעבעדיקע שטיקלעך" קיין וואַרשע, האָבן זיי פון דעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו טראַכטן:

— וואָס וועט זיין מיט עולם־הבא? ווי קען עפּעס אַ ייד לעבן אָן מצוות? מיט וואָס וועלן מיר זיך שטעלן פאַרן אייביקן משפּט? דאָרטן קען מען שוין ניט „אָפּשמירן", „אָפּכוירעשן", דאָרט מוז מען זאָגן דעם אמת... דאָס שטעטל — פרום. יידן וועלן פאַר פרומקייט, פאַר גאָטס כבוד וועגן גיין אויף קידוש־השם. זיי וועלן דורסן יעדן אַפּיקורס וואָס וועט זיך דערוועגן מחלל־שבת זיין. האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט אַריינגענומען אַ פּאָר הונדערט ישיבה־בחורים, און קלעצק האָט געגעבן טעג צו עסן.

— זאָל זיין אין זייער זכות — האָבן זיך יידן געווּנטשן...

*

מיר האָט דאָס שטעטל געהייסן אין דער אָפיציעלער פּוי־לישער אַמט־שפּראַך. דערמיר — האָבן עס יידן גערופן, און זאַ־מיריע — האָט דאָס שטעטל פריער נאָך געהייסן, ביים רוסישן צאַר. דעם נאָמען האָט עס געקראָגן, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהערט צום קניאַז מירסקי.

גראָד האָט פּאַסירט, אַז רחל פּיקטושיכעס, אַ מירער יידע־נע, דאַרף פון באַראַנאָוויטש אַהיים פאָרן. ביים קאַסע־פענצטערל פון וואָקזאַל האָט זי געבעטן:

— ביליעט נאַ זאַמיריע!

דער פּוילישער באַן־באַאַמטער, מיט פּאַרדרוס אויף דער יידענע וואָס וויל ניט אָנערקענען דעם פּוילישן נאָמען פון דער שטאָט, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צעפירט די הענט:

— נישטאָ שוין אַזאַ שטאָט!

— וו...אָ...ס...!!! — האָט רחל פּיקטושיכעס ניט געקענט פאַרשטיין; און אין אַ ווײַלע שפּעטער, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין:

— אוי, אַ בראָך איז צו מיר, זאַמיריע האָט אָפּגעברענט...

מירער יידן — יידן למדנים, פרומע, אָפּגעהיטענע. די מי־רער ישיבה האָט געשמט איבער דער גאָרער יידישער וועלט, און בחורים אַזוי ווייט ווי פון אַמעריקע און אַרגענטינע, זענען אַהין געקומען לערנען. עס איז געווען אַ שטילע, מתנגדישע פרומקייט, וואָס האָט ניט געריסן די אויגן; ניט מיט די בגדים און ניט מיט התלהבות־אויסברוכן ביים דינען גאָט. די דאָזיקע פרומקייט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבנס־אַרט פון די יידן, ווי אַן אַלטער, איינגעוואָרצלטער בוים שניידט זיך איין אין דער ערד.

ווייניק בעלי־מלאכות געווען אין דערמיר.. מען האָט גע־לעבט פון שרייבן ספר־תורות, תפילין, וואָס זענען זיך צעגאַנגען איבער די יידישע ישובים; פון די רייכע ישיבה־בחורים, וואָס זענען איינגעשטאַנען אין יידישע הייזער און פון אַ קרוב אין אַמעריקע.

ס'שטעטל האָט זיך געפירט מיט איר אייגענעם סדר. האָט זיך אַ ישיבה־בחור צופיל פאַרקוקט אויף אַ שוואַרץ־אויגיקער יידישער טאָכטער, און ס'איז דערגאַנגען צום ראש־ישיבה, האָט מען דעם בחור — מעג ער זיין אַן אַמעריקאַנער — אַריבער־געלייגט איבערן טיש און אַריינגעשמיסן.

אַפילו נחום־עליע קאַגאַן — דער בונדישער אָראַטאָר, ווי דערמיר האָט אים גערופן — איז אויך געווען אַ געזעלן ביי אַ סופר...

*

און ניעסוויזש?

אַ וואַרעמער זומער־פרימאָרגן. ס'איז שבת. יידן שפּאַצירן געלאַסן מיט די סאַמעטענע טליתים־זעקעלעך אונטערן אָרעם אין שול אַריין. איינער גייט אין דער מאַרק־שול, אַן אַנדערער אין דער קאַלטער. יעדערער לויט זיין שטאַנד נאָך. נאָר ווו אַ ייד זאָל ניט גיין, מוזן זיינע אויגן פאַלן אויף די גרויסע פּלאַ־קאַטן, וואָס זענען ווי ברייטע, קאָלירטע לייוונטן צעהאַנגען איבערן שטעטל. דוכט זיך נעכטן זענען זיי דאָ ניט געווען, און דערפאַר טאַקע רייסן זיי, צווינגען זיך אָפּצושטעלן און איבער־לייענען.

דעם שבתדיקן פרימאָרגן האָט זיך דאָס שטעטל אַ וויג געטאָן פון איין ברעג צום צווייטן, אָט ווי אַ פעלד פון רייפע זאַנגען, ווען איבער אים גייט דורך אַ שטורעם־ווינט.

— אַזאַ חוצפה — האָבן יידן געשריגן.

— ס'איז אַ חרפה פאַר די גויים! — האָבן רויקערע גע־פּרוּווט מוסר זאָגן.

— איי, וועט מען זיי אַ מאָרדע אָנרייבן... — האָבן חברה הנאה געהאַט.

— האַקט זיי אַריין, די שקצים! — האָבן יידן־תקיפים גע־שטורעמט.

— זאָל דער רב גיין צום סטאַראָסטע! — האָבן בעל־תכלית־יידן געעצהט.

— לאָמיר אַראָפּרייסן די אַפישן! — האָבן היציקע יידן, אויפטוערס, געשריגן.

נאָר ס'איז געווען שבת. זענען די פּלאַקאַטן אויף פּויליש און יידיש, ווי דאָס געזעץ האָט פאַרלאַנגט, געהאַנגען איבער דער שטאָט; דערהויפּט אויף ווילנער גאַס, ווו דאָס שטעטל גייט אַממערסטן שפּאַצירן, און זיי האָבן אָנגעזאָגט:

„איבעראַכטאָג שבת קומט פאָר אין גרויסן זאַל פון ראַטוש אַ משפּט איבערן קלער... באַשולדיקער: אהרן גאַבריעלאָוו; עקספּערטן: לייזער געצאָוו און משה פּאַ־מעראַניעץ; פאַרטיידיקער: אליהו צאַדיק.

מ'שטיינס געזאָגט, ווי עלע צאָץ וועט זיי פאַרטיידיקן — האָבן יאַטן צווישן זיך גערעדט — נאָר ווי איז עס אַ משפּט אָן אַ פאַרטיידיקער?...

אין קהל־שטיבל פון דער קאַלטער שול האָט געדאַווּנט דער רב.

— רבי, נו — האָבן יידן אומגעדולדיק געמאָנט ביי אים אַ תשובה.

— שבת — האָט דער רב ניט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין וואָכיקע ענינים.

שבת אויף דער נאַכט האָט דער רב געפּסקנט:

— צום סטאַראָסטע גייט ער ניט. די ערלים זאָלן זיך אָנ־נעמען פאַרן יידישן דת — דאָס וויל ער ניט. זאָל יעדער טאַטע טאָן וואָס אַ טאַטע דאַרף טאָן.

האָבן טאַטעס אָנגעזאָגט אין דער היים מיט האַרבן וואָרט:

— ניע סמעי!

טייבעצקע די אַלמנה האָט פאַרמאָגט ניט מער ווי איין קינד, דאָס אויג אין קאָפּ, ווייל זי איז יונג אַן אַלמנה געבליבן.. צו איר איז די מעשה מיטן משפּט, וועלכן איר אַרעלע גייט מאַכן איבערן יידישן קלער ניט דערגאַנגען. נאָר ס'גענייטע מאַמישע אויג האָט באַמערקט, אַז אַרעלע איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

איז זי געגאַנגען צו שכנים פרעגן אַן עצה.

— איך בעט אייך, ר' מרדכי־דוד, אפשר אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, אָדער אָפּגיסן שרעקעניש? אַז מיין אַרעלע גייט אַרום דעם גאַנצן טאָג, ניט דאָ געדאַכט, און האַלט אין איין רעדן צו זיך אַליין: רבנים, דיינים, שוחטים, בלוט־זויגער, פּיאַווקעס, גנבים... עפּעס רייד, גאָט זאָל אָפּהיטן...

דער שטרענגער טאַטישער „ניע סמעי"! האָט געהייסן — ניע סמעי צו גיין צום משפּט! ניע סמעי מיט דער חברה זיך צו חברן!...

אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. דער זאַל, פול ביז צו די ברע־געס, איז אָנגעפּילט מיט שפּאַנונג:

— וואָס וועט מען דאָ הײנט זאָגן?!

געעפנט די דעבאַטע האָט אַרעלע טייבעצקעס. זיינע רייד — ברענענדיקע שייטן, געוואָרפן אין דער אַלטער וועלט. זיינע אויגן — צוויי אָנצינדער פאַר באָמבעס, וואָס אָט נעמען זיי שיטן מיט פונקען און פון אַלטן שימל בלייבט איבער ניט מער ווי אַ פּרוך. זיינע שטעכיקע פיילן האָבן ניט אויסגעמיטן דאָס אַלץ וואָס צענדליקער דורות האָבן געהאַלטן פאַר הייליק. דער פלאַקער פון זיינע רייד האָט אָנגעצונדן גלויבן אין די נשמות פון יונגע מענטשן, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין צוקונפט אין די איצטיקע באַדינגונגען. עס איז געווען דער רעוואָלט קעגן אייגענעם נעכטן...

פאַר דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי איז דאָס שטעטל גע־ווען ווי אַן אָפענע האַנט. אויף די „שומרים" האָבן זיי געקוקט, אָט אַזוי:

— קאָמוניסטי נאַ עקספּאָרט...

דאָ זענען זיי, קומט אויס, באַלעבאַטישע קינדער. עסן יעדן טאָג בייגל מיט פּוטער און טוען גאָרניט. נאָר אין פּאַלעסטינע וועלן זיי ערשט זיין די ריכטיקע קאָמוניסטן.

— טאָ ניעך סאָביע! זאָל זיך דער ענגלענדער זאָרגן...

נאָר זיי האָבן זיך איבערגערעכנט.

*

אַרעלע — ער האָט שטודירט שיפן־בוי־אינזשיניעריע אין פראַנקרייך — האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און איז פרייוויליק אַוועק קעמפן מיט דער אינטערנאַ־ציאָנעלער בריגאַדע אין שפּאַניע...

אין דעם נייעם, סאָוויעטישן פּוילן, ערגעץ ווו אין אַ מיניס־טעריום, שמועסט מען, זיצט אַ פּאַרגויאישטער אַרעלע טיי־בעצקעס...

דער גערטנער־קאאפעראטיוו

זאב (וועלוול) ברעסלאו

סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אין ניעסוויזש אָרגאַניזירט אַ יידישער גערטנער קאָאָפּעראַטיוו צו וועלכער ס'האָבן געהערט די אַלע יידן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, גערטנעריי און אויך אַרענדירט סעדער.

אין יענער צייט איז די לאַגע געווען אַ שווערע. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט באַזונדערס געטראָפן די יידישע לאַנדווירטן. דער אָפּזאַץ־מאַרק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע סחורות איז געווען באַגרענעצט, ספּעציעל פאַר די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

דער קאָאָפּעראַטיוו איז געווען פאַראינטערעסירט אויפצו־האַלטן און אונטערשטיצן די יידישע גערטנער און פעלד־אַרבע־טער, דעריבער האָט זי פון אירע בענק אַרויסגעגעבן הלוואות וואָס האָבן דערמעגלעכט איבערצוקומען די שווערע צייט.

אין ניעסוויזש האָט דער קאָאָפּעראַטיוו אויסגעבויט אַ „סוש־ניע", ווו מ'האָט געטרוקנט פאַרשיידענע פּרוכט און קאַרטאָפל. די אויסגעטריקנטע קאַרטאָפל און עפּל האָט מען אָרגאַניזירטערהייט אַריבערגעשיקט קיין ארץ־ישראל. די „סושניע" האָבן מיר אויסגעבויט אויף דעם האָראָדזייער טראַקט, נישט ווייט פון דעם שעכט־הויז („בוינע"). אין דער „סושניע" האָבן געפונען אַרבעט פרויען, און באַזונדערס די חלוצים פון ניעסוויזשער קיבוץ.

צום קאָמיטעט פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן געהערט: יוסף לי־פּאָווסקי, גרינוואַלד (פון פּאָהולאַנקע), זאב ברעסלאַוו.

די מיטגלידער פון גערטנער־קאָאָפּעראַטיוו, זענען געווען: פּאַליאַטשאַק, די ברידער צעכאַנאָוויטש פון קאָזימיר, דמשק, וועלוול־אָרע איטשע קארנס, די „באַטשיקעס" פון נייערשטאָט, בלאַך פון מיכאַלישאָק. בוכהאַלטער איז געווען שמעון אַלפּערין.

די קינדער־ארגאניזאציע „סקיפ"

מ. אייזענבוד

רעסטאַווירן געשיכטע אויפן סמך פון זכרון — אויב אַפילו בלויז פון אַ צייט־אַפשניט — איז נישט דער וועג, מיט וועלכן עס גייען געוויינטלעך געשיכטע־שרייבער. וואָרום געשעענישן אין פאַרלויף פון אַן עפּאָכע אין לעבן פון אַ פאָלק אָדער לאַנד, לאָזן איבער נאָך זיך שפורן, פאַרצייכענונגען, מאַטעריאַלן, אויפן סמך פון וועלכע דער געשיכטע־שרייבער באַזירט זיינע אויספירן.

דער טראַגישער גורל פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט כמעט איבער נאַכט פאַרוואַנדלט דאָס צאַפּלדיקע בליענדע לעבן אין געשיכטע און אונדז — די על פי נס געראַטעוועטע — צעשטויבט איבער אַלע עקן וועלט; אָפּגעריסן אונדז פון אָרט, ווו דאָס פאָלק האָט געלעבט, געשאַפן און איז אומגעקומען. ווען מיר פּרובירן אויפלעבן דאָס פאַרגאַנגענע, האָבן מיר נישט מער ווי אונדזער זכרון און די זכרונות, וועלכע האָבן זיך דאָרט אָפּגעהיט.

*

אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט די יידישע רעוואָלוציאָנערע, אומלעגאַלע באַוועגונג, באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַלגעמיינער אַרבעטער בונד פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע", אָדער קורץ: „ב ו נ ד", מיטגעריסן די יידישע יוגנט פון ניעסוויזש. ניעסוויזש האָט נישט פאַרמאָגט קיין אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, קיין פאַבריקן און זאַוואָדן — בלויז יידישע בעלי־מלאכות, האַנטווערקער, וועלכע האָבן באַשעפטיקט נישט מער ווי עטלעכע אַרבעטער. האָט זיך די טעטיקייט פון „בונד" דער עיקר אויסגעוויי־קט אויפן פּאָליטישן געביט, אין קאַמף קעגן צאַריזם. אָנגעפירט מיטן דאָזיקן קאַמף האָבן יידישע סטודענטן, וועלכע האָבן געלערנט אין מאָסקווער און פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעטן. זיי זענען פון צייט־צו־צייט געקומען אַ היים, פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, דורכגעפירט געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער און אָרגאַניזירט די באַוועגונג. אַז די באַוועגונג האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג איז גענוג צו זען פון דעם קווערשניט פון די טוער, וועלכע איך האָב נאָך געקענט אין די שפּעטערדיקע יאָרן:

דער סטודענט און שפּעטערדיקער דאָקטער־מעדיצין נח מייזל („נח דער געלער"), וואָס איז נאָך דער ערשטע־וועלט־מלחמה פאַרבליבן אין לעטלאַנד און געוואָרן אַ דעפּוטאַט אין לעטישן פּאַרלאַמענט. אין 1940 ווערט ער אַרעסטירט פון די סאָוויעטן (ווייל ער איז נאָך אַלץ אַן אויסגעשפּראָכענער בונדיסט). ווי מען ווערט געוויר, איז ער אין יאָר 1956 געשטאָרבן אין אַ סיבירער לאַגער.

אברהם־אליהו ליבערמאַן, פון פאַך אַ סופר, אַן אינטעליגענט, וואָס האָט געהערט צום מיטלקלאַס און איז ביזן לעצטן טאָג געווען פּאָליטיש טעטיק. און די שוסטער: אברהם־אהרן וואַניאַלאָווסקי און שלמהקע מילשטיין.

דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך פון דער געגנט.

דאָס אייגנאַרטיקע מיט וואָס ניעסוויזש איז אַריין אין דער געשיכטע פון „בונד", איז דער פאַל פון אַרויסגנבֿענען געווער פון רוסישן „טשעכאַוואָסט" (מיליטערישן אַרסענאַל). דאָס געווער איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, כדי צו באַוואָפענען די אַרבעטער פאַרן אויפשטאַנד פון יאָר 1905. (די פּאַסירונג איז באַשריבן אין בוך: „ניעסוויזשער יידן", אין קאַפּיטל: „ס'האָט מיין טאַטע דערציילט". זע ז' 329 אין דעם בוך).

ניעסוויזש, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן פון דער צאַרישער אימפּעריע, איז מיט אַ מאָל אין יאָר 1919 — 1920 געוואָרן אַ גרענעץ שטעטל פון פּוילן. אין די שטעטלעך ביי דער רוסישער גרענעץ האָט די פּוילישע מאַכט איינגעפירט אַ שטרענגן רעזשים, אויס מורא פאַר די רעוואָלוציאָנערע רעשטלעך, וועלכע זענען איבערגעבליבן (און האָבן ביי דער מאַכט געהאַט אַן אַלגעמיינעם נאָמען באָלשעוויזם). דערצו האָבן נאָך די באָלשעוויקעס, אָנהייב 20קער יאָרן ליקווידירט דעם „בונד" אין רוסלאַנד. דאָס האָט זיי אָבער נישט באַפרידיקט. זייער ציל איז אויך געווען צו ליקווידירן דעם פּוילישן „בונד". אַלץ וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבן, איז צו שפּאַלטן אַ צאָל בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די גרענעץ־געביטן און שאַפן דעם אַזוי גערופענעם „קאָמבונד".

יעדער פּרווו, דעריבער, פון אויפשטעלן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ניעסוויזש, וואָלט זיך אָנגעטראָפן אויף רעפּרעסיעס פון די מאַכט־אָרגאַנען, באַזעצט פון מענטשן מיט קנאַפּע פּאָליטישע קענטענישן זיך אויסצוקענען אין די אונטערשיידן צווישן איין רעוואָלוציאָנערער שאַטירונג און אַ צווייטער. די אַמאָליקע בונדישע טוער האָבן זיך, דעריבער, גרופּירט אַרום דער יידיש־וועלטלעכער שול (פאָלקס־שול) און צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־עלעמענטן (פּועלי־ציון) געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „לינקע". ביי שטאָטראָט־וואַלן, אָדער קהילה־וואַלן תמיד געגאַנגען אונטער דעם טראַדיציאָנעלן בונדישן נומער 4.

איז אָט:

די בונדישע פאַרגאַנגענהייט האָט זיך געוועבט ווי אַ לעגענדע, וועלכע האָט נישט געלאָזט רוען. ערגעץ ווו, אין ווייטן וואַרשע, איז אַנטשטאַנען אַ קינדער־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד" — „סקיפּ". דער „סקיפּ" האָט אַרויסגעגעבן זיין צייטונג „די קליינע פאָלקס־צייטונג".

אין די ווינטערדיקע שבת־פאַרנאַכטן שפּאַנט אַן אַכט־יאָריקער יאַט, מיט אַ צענער גראָשן פאַרקוועטשט אין האַנט, דורך די שנייען פון שפּיטאַלנע־געסל, אין עק פון וועלכן ס'האָבן געוווינט צוויי בחורים: אַרע הינקענדיקער (היינט אין אַרגענטינע) און נחמיה ליבערמאַן (געשטאָרבן צו 20 יאָר). זיי האָבן אויסגעשריבן די „קליינע פאָלקס־צייטונג". דורך דער צייטונג האָט דער אַכט־יאָריקער יאַט זיך דערפילט אַ שותּף צו דער לעגענדע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע קערנדל.

געגרינדעט דעם „סקיפּ" אין ניעסוויזש האָבן דריי יאַטן: שיעל הינקענדיקער (פאָרזיצער. אַלט געווען 14 יאָר. אומגעקומען אין רוסלאַנד); יאָשקע שוסטערמאַן (אַ לערן־יינגל ביי אַ קאַמאַשן־שטעפּער. אַלט געווען 14 יאָר, אומגעקומען אין דער ערשטער שחיטה)! און דער 12־יאָריקער משהל, אַ שילער פון דער פאָלקס־שול (סעקרעטאַר). זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע שילער פון דער פאָלקס־שול, זיך פאַרבונדן מיטן צענטער אין וואַרשע — און דער „סקיפּ" איז געוואָרן אַ פאַקט. עס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט איינגעפונדעוועטע, לעגאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי: „השומר הצעיר", „גורדוניה", „פרייהייט" און „החלוץ", אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער אידעאַל מיט ארץ־ישראל, מיט עמיגראַציע. זיי האָבן אויך געהאַט דערפאַרענע יוגנט־טוער.

פונדעסטוועגן האָט דער „סקיפּ" זיך גענומען איינפונדעווען. די ערשטע אַרבעט איז געווען: דאָס פאַרשפּרייטן די „פאָלקס־צייטונג" (טאָג־צייטונג" פון „בונד"). פון איינציקן עקזעמפּלאַר וואָס איז אָנגעקומען צו אונדז אין שטוב, האָט זיך איינגעגעבן איינגיכן צו שאַפן אַרום 20 אַבאָנענטן. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז יעדער אַבאָנענט האָט געהאַט דריי־פיר שותּפים (דאָס איז געווען דער נאָרמאַלער אופן פון לייענען יידישע צייטונגען אין די שטעטלעך פון פּוילן), קאָן מען זיך פאַר־

שטעלן, אַז די „פאָלקס־צייטונג" האָט גענומען באַאיינפלוסן די ייִדישע אַרבעטער.

קיין אָרטיקע יוגנט־טוער האָבן מיר נישט געהאַט. פּאָלי־טישע אויסבילדונגס־אַרבעט האָבן געפירט די לערער פון דער ייִדישער שול. צוויי פון זיי האָבן זיך פאַרגעדענקט: לייב קאָווע (וואַרשע) און מאיר גליאַט (ווילנע).

דער „סקיפּ" האָט אַפילו איינגעאָרדנט אַ יוגנט־צוזאַמענפאָר (אין 1934) מיט „צוקונפטיסטן" פון דערמיר און סטאָלפּצי, אונ־טערן אויסרייד פון אַ שבועות־לאַגער, איינגעאָרדנט דורכן „טאָז". (מיין טאַטע איז געווען וויצע־פאָרזיצער פון „טאָז"). טראָץ די אַלע דערלויבענישן, האָט אונדז די פּאָליציי פאָרט אַנטדעקט און מען האָט שפּעטער געהאַט גענוג צרות.

(דער פאַל איז באַשריבן אין בוך „ניעסוויזשער ייִדן", אין קאַפּיטל: „שבועות אין וואַלד").

פון צענטער האָבן דעם „סקיפּ" באַזוכט: קלמן וואָפּנער (ווילנע), מענדל שעלובסקי (סלאָנים) און פון צייט צו צייט מוליע קאַפּלאַן פון סטאָלפּצי. (אים און זיין ברודער חיים, האָבן אָנגערייצטע נאַצישע הינט צעריסן אויף שטיקער אין מיטן מאַרק אין סטאָלפּצי).

די באַציונג פון דער פּוילישער מאַכט צום „סקיפּ" (פון וועמענס עקזיסטענץ זי האָט געהאַט אַ קנאַפּע אַנונג) קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן מיט פאָלגנדן פאַל: אויף אַ באַזוך איז געקומען דער סטודענט באָרע קאָוואַרסקי (סלאָנים). ביים אַראָפּ־גיין פון אויטאָבוס, אין מאַרק, האָט אים פאַרהאַלטן אַ געהיים־אַגענט (אַ „שמעקער") און דערוויסנדיק זיך ווער ער איז און צו וועמען ער דאַרף — האָט ער קאָוואַרסקין גלייך געהייסן פאַרלאָזן די שטאָט.

באַזונדערס האָט זיך דער „סקיפּ" אויסגעצייכנט אין די פּרעסע־טעג פון דער „פאָלקס־צייטונג". מיר פלעגן פאַר־שפּרייטן פון 100 ביז 150 צייטונגען אין דעם טאָג, וואָס איז פאַר ניעסווישער באַדינגונגען געווען אַ גרויסע דערגריי־כונג. אויסגעצייכנט האָט זיך כאַשקע אַלפּערן, מאַטעס באַשינ־קעוויטש (מאַטוס שירקעס).

אַרום יאָר 1936 עקזיסטירט שוין צוזאַמען מיטן „סקיפּ" דער יוגנט־בונד „צוקונפט", וועלכער ציילט אַרום 32 מיטגלידער. דער אַנזען פון „בונד" איז אין יענע יאָרן בכלל געוואָקסן און דאָס האָט זיך אָנגעזען אויך אין ניעסוויזש.

די „צוקונפט" האָט זיך שוין פאַרמאָסטן אויף אַן עפנטלעכן אַרויסטריט מיט יאַנקל זשעליעזניקאָוו (ווילנע) אין גרויסן ראַטוש־זאַל.

דאָס פונאַנדערוואַקסן זיך פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַוועק געשטעלט די פראַגע פון לאָקאַל און במילא פון לעגאַ־ליזירן זיך. ווייל קיינער פון די טוער פון „סקיפּ" און „צוקונפט" זענען נאָך נישט אַלט געווען קיין 21 יאָר, ווי עס פאַרלאַנגט דאָס געזעץ, כדי אונטערצושרייבן אַ ווענדונג וועגן לעגאַליזירן אַן אָרגאַניזאַציע — האָבן עלטערע חברים געגעבן זייער הסכמה און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן באַמיונגען צו גרינדן אַ „קולטור־ליגע". די „קולטור־ליגע" האָט שוין אַפילו געדונגען אַן אייגענעם לאָקאַל, ביי מאיר לאַנסקין דעם וואָיאַזשאַר.

די וויכטיקסטע טוער פון „סקיפּ" און „צוקונפט" זענען גע־ווען: שיעל הינקעדיקער, סאָניע אַבראַמאָוויטש, שמואל־משה ליבערמאַן.

*

ס׳האָט אויפגעטויכט אין זכרון נאָך אַ קליינע פּאַסירונג: אין אַ געוויסן זומער־פאַרנאַכט באַווייזט זיך ביי אונדז אין שטוב אַ פרעמדער ייִדישער בחור און פרעגט זיך אויפן טאַטן. דער טאַטע איז נישט געווען און דער בחור האָט נישט געוואָלט אַוועק גיין, ביז דער טאַטע איז נישט געקומען — ווייל



קייטנת־קיץ של ארגון „טאָז" ביער העירוני (1927). צילום: מ. פאַיאַנס).

ס'איז זייער נייטיק (אַזוי האָט געזאָגט דער בחור). האָב איך אויפגעזוכט דעם טאַטן. זיי זענען אַריין אין אַ באַזונדער צימער. עטלעכע מינוטן שפּעטער איז דער טאַטע אַרויס ווייס ווי קאַלך. עטלעכע פריינד זענען געווען אין שטוב און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויכטיקס האָט פּאַסירט. דער פרעמדער בחור איז אין צווישן פאַרשוווּנדן.

אָט וואָס דער טאַטע האָט דערציילט: „אין קלעצק איז דאָ אַ בלינדער בונדיסט, איר קענט אים אַלע, דוד גאַבריער. איז אָט דער בחור געווען ביי גאַבריערן און דוד האָט אים געשיקט צו מיר, איך זאָל אים העלפן אַריבערשמוגלען די גרענעץ קיין רוסלאַנד, ווייל ער מוז פאַרלאָזן פּוילן, ווו עס דראָט אים אַרעסטירט צו ווערן. איך האָב אים גלייך איבערגעהאַקט און געהייסן גיין פון שטוב און דערביי צוגעגעבן: איך פאַרנעם זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן"...

און צו אונדז האָט דער טאַטע געזאָגט: „דאָס איז געוויס אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכן די פּאָליציי האָט אונטערגעשיקט".

צו מאָרגנס האָט מען שוין דעם בחור געזען אַרומגיין מיט ניעסוויזשער פּוילישע געהיים־אַגענטן. דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אָבער אָפּגעטראָגן, ווייל צווישן ניעסוויזשער יידן האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן...

פונעם ניעסוויזשער יידישן שטייגער

משה בלאָטשינסקי

די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע"

אין דעם פייערלעשער־פאַרבאַנד, אַ פרייוויליקע געזעלשאַפט, זענען געווען פאַרטראָטן יידן און קריסטן, און זייער ציל איז געווען אָפּצוהיטן די שטאָט און סביבה פון שריפות. די גרויסע געביידע פון די פייערלעשער האָט זיך געפונען אויף קאַזשימיר 4, רויט געפאַרבטע טויערן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ בויגן און גלאָז־פענצטער, דורך וועלכע די זונען־שטראַלן זענען אַריינגעדרונגען און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די מעשענע און קופּערנע „נאַסאָסן". די לעש־מאַשינען זענען געשטאַנען אין רייען. דער אַלאַרם־גלאָק, וועמענס קלונג איז געווען גוט באַקאַנט פאַר אַלעמען אין ניעסוויזש, האָט געגעבן אַ געפיל פון זיכערקייט די ניעסוויזשער איינוווינער.

דער פאַרבאַנד האָט עקזיסטירט הונדערער יאָרן און די טראַדיציע פון דעם „פּאַך" און „האָבי" איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. צוויי וועטעראַנען זענען געבליבן טריי דעם פאַרבאַנד ביז זייער לעצטן טאָג אין לעבן: דער באַוווּסטער, טייערער מענטש ר' מרדכי־דוד אַלפּעראָוויטש און דער קריסט קאַמאַצקי.


נעמט, למשל, ר' מרדכי־דודן, וועלכער איז אויך געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע כלל־טוערישע געשעפטן. ווען איר פלעגט אַריינקומען אין זיין וווינונג, האָט זיך גלייך געלאָזט מערקן, אַז דאָ וווינט אַ „פּאָזשאַרניק" — אַ דאַנק דער מעשענער קאַסקע און דעם רויט־שוואַרצן מונדיר, באַצירט מיט אָרדערן און מעדאַלן. די ווענט זענען אויך געווען באַהאַנגען מיט בילדער פון 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן דערמאָנט די רומפולע געשיכטע פונעם פייערלעשער־פאַרבאַנד.

צו אַ פייערונג פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע, פלעגן אונדזערע צוויי „לעצטע מאָהיקאַנער" קומען אויסגעפּוצט אין זייערע שוואַרצע מונדירן מיט די רויטע לאָמפּאַסן.

איך געדענק דעם טאָג, ווען אונדזער טייערער וועטעראַן, ר' מרדכי־דוד, איז געשטאָרבן. אַלע חברים־פייערלעשער, אין פולער אויסשטאַטונג, זענען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. אונטער די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויער־מאַרש האָט געפירט דער לוויה־צוג. אויף אַ קליין, שוואַרץ קישעלע זענען געווען אויסגעלייגט די אויסצייכענונגען, וועלכע האָבן עדות געזאָגט וועגן זיין רייכער און בכבודיקער פאַרגאַנגענהייט. אין גלייכע רייען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן די פייערלעשער געפירט זייער ערן־מיטגליד צו זיין אייביקער רו.

דער פייערלעשער־אָרקעסטער

א'נטענסיווע צוגרייטונגען צו דעם „טאָג פון דעם פייערלעשער" האָבן זיך גוט געפילט אין שטאָט. די אַזוי גערופענע רעפּעטיציעס, וועלכע פלעגן פאָרקומען יעדן זונטיק נאָך מיטאָג, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע מיטגלידער, האָבן געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דאָ האָט יעדער גרופּע געהאַט איר אויפגאַבע: אויספירן די איבונגען פלינק און שנעל. יעדער פייערלעשער איז געווען אָנגעטאָן אין זיין מונדיר. אויפן פּאָזשאַרנעם פּאַסיק איז געהאַנגען די בלישטשענדע קאַסקע. אברהמל יעוועלעווסקי, דער פאַרטרעטער פון דעם נאַטשאַלניק, אין אַ ניקלענער קאַסקע, האָט געגעבן באַפעלן און אָנווייזונגען די גרופּן־פירער. דער אָרקעסטער האָט געהאַלטן אין איין צו־גרייטן זיך און יעדער איינער האָט רעפּעטירט פאַר זיך.



א טייל פון 27סטן קאַוואַלעריע פּאָלק א. נ. פון סטעפאַן באַטארי אויסגעשטעלט אויפן מאַרק, אין פּוילנס אומאָפּהענגיקייט יום־טוב, דעם 11טן נאָוועמבער.

מסדר גדוד הפרשים ה־27 ע"ש סטפאן בטורי, ביום עצמאותה של פולין 11 בנובמבר, בכיכר השוק.

ביי זעליג שפּילבערג איז דאָס פּנים שוין רויט פון בלאָזן אויפן באַריטאָן. די קאָרנעטן־גרופּע שפּילט „סאָלאָ". אויך זעליג באַראַבאַנשטשיק מיט זיין פּויק גיט יעדן צום „טאַקט". יעזשערסקי מיט זיינע צוויי טעלער קלאַפּט צום טאַקט און פאַרשטאַרקט דעם גערויש.

אַלץ ווערט שטיל, ווען דער קאַפּעלמייסטער הייבט אויף זיין קלאָרנעט און זאָגט אויף רוסיש: „ראַז, דוואַ, טרי". איצט שטייען שוין אַלע פייערלעשער אין רייען און זעען אויס „ווי אַלע יוונים, וועלכע האָבן איין פּנים". זיי שטייען איצט אויף „באַטשנאָשטש" („אַכטונג"), ווי אַן ערן־וואַך, ווען עס קומט דער נאַטשאַלניק נח קאַגאַן. ער שטייגט אויס פון דער ווייסער, שטרויענער קאַרעטע און מיט קליינע טריט לאָזט ער זיך אַנטקעגן די אויסגעשטעלטע רייען פּאָזשאַרניקעס. ער איז אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסטן גראַנאַט־מונדיר מיט אַ ניקלענער קאַסקע. אויף דער זייט הענגט אַ קליינע, ניקלענע העקעלע. ער שפּאַנט אַן ערנסטער מיט זיין גבירישן בייכל.

אברהמל יעוועלעווסקי קומט אים אַנטקעגן און גיט אָפּ דעם ראַפּאָרט. אויף זיין באַגריסונג הערט זיך דער ענטפער פון דער גאַנצער אָפּטיילונג. לויטן שמייכל פון דעם נאַטשאַלניק פאַרשטייט מען, אַז ער איז צופרידן און אַז די רעפּיטיציע וועט אים שוין קאָסטן אַ פּאָר גוטע פלעשער בראָנפן. אָבער וואָס טוט מען נישט פאַר כבוד ?

איצט הייבן זיך אָן די רעפּעטיציעס. דער הויכער לייטער ווערט זייער שנעל אויפגעשטעלט און יאָשע דער ראָמאַנאָווער קלעטערט אויף אים פלינק ווי אַ קאַץ. ער האַלט דעם א״ג „סטוואָל״ פון דער קישקע און לאָזט אַ שטראָם וואַסער אויף דער הויכער מאַגיסטראַט־געביידע.

זיידל גורוויטש שטייט מיט אַלע ניעסוויזשער צוקוקער און קלייבט נחת פון די פּאָזשאַרניקעס. דאָס היטל איז ביי אים אַ ביסל פאַ־דרייט, דאָס פּנים מיט די צוויי שפּיזיקע, קוילן־שוואַרצע אייגעלעך — שמייכלט. אָבער זיין פרוי שלעפּט אים אַ היים:

— נאָר אַזעלכע נאַרישקייטן ליגן דיר אין זינען! דו פאַר־געסט, אַז האָסט שוין צוויי טעכטער אויסצוגעבן און פאַרלירסט צייט אויף גאָרנישט.

ער גיט איר צו פאַרשטיין:

— אויב אַלע שוסטערס זענען איצט דאָ און היינט איז דאָך זונטיק, טאָ וועלכער משוגענער וועט צו דיר פאַרשמעקן פון דעם „זאַדניעם כאָד״ ?

אַלע קוקן ווי שנעל די פייערלעשער פירן פלינק אויס זייערע איבונגען. אונדזער נאַטשאַלניק האָט שוין צום צענטן מאָל אַראָפּ גענומען די פענסנע און ווישט זיי. ר׳האָט מורא, ער זאָל חס־וחלילה גאָרנישט פאַרזען. קיין גרויסער ספּעציאַ־ליסט אין די פּאָזשאַרנע זאַכן איז ער נישט געווען, ווייל אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַן אמתע שריפה, האָט ער שטענדיק געהאַט אַ דורכפאַל.

עס ברענט, עס ברענט !...

אָט נעמט, למשל, אַז אין אַ וואָכעדיקער נאַכט ברעכט אויס אַ שריפה. דער אַלאַרם־גלאָק האָט שוין לאַנג געקלונגען און די פערד, איינגעשפּאַנטע אין באָטשקעס וואַסער, זענען נאַ־שפּיץ אַדורכגעלאָפן די גאַסן. דאָס האָט געקענט אויפוועקן אַ טויטן. אָבער לײדער, אַ העלפט פון אונדזערע פייערלעשער הערן נישט דעם אַלאַרם־סיגנאַל און פאַרשפּעטיקן צו דער שריפה. אָפט קומען זיי, ווען ס׳איז שוין נאָך אַלעמען.

אָבער אַנדערש איז ביי דער קליינער גרופּע טרייע פּאָ־זשאַרניקעס: אברהמל יעוועלעווסקי, אברהמל גורוויטש, ידל פרענסקי, עלע שקאָלניק, הירשל טורטשין, פסח בורסקי און מאָריץ לאַזער. זיי זענען שטענדיק די ערשטע צו אַ פּאָזשאַר.

מיר איז איין מאָל אויסגעקומען צו זיין ביי דעם באַוווסטן אָפּיצירן־שניידער עלע שקאָלניק, אַ דאַרער, מיטלוווקסיקער



די ניעסוויזשער פייערלעשער־קאָמאַנדע מיט איר אָנפירונג און אָרקעסטער. (פאָטאָ : משה פאַיאַנס).

מכבי אש מתנדבים על תזמורתם והנהלתם.

בשורה ראשונה — יושבים משמאל לימין : אליהו שקולניק, ישראל ברגון, חיים ברזין, נחמן כגן, רובין מישקובסקי, יואל רוזובסקי, (סגן ראש העיר), אהרן גולדין (מפקד הכבאים). שני מימין : אברשה סולטן. בשורה שניה עומדים (משמאל לימין) : פסח בורסקי(2), אברהם ברייטמן(3), יוסף לפובסקי(8), אברהם יבלבסקי(9), מרדכי־דוד אלפרוביץ(11), אידל לנדא(12), בן־ציון קירזנר(13), ... אפשטיין(17). שורה שלישית משמאל לימין : לייבל קויפמן(1), משה זובק(6), ברוך שפירא(7), יעקב קנור(8), קמוצקי (זקן הכבאים) (10), פסח מזיא(11), אלתר אנדרוסייר(12), לייבל אַנדרוסייר(13), יעקב בלומס(15), אברהם פוּוער(16), ירחמיאל מלבסקי(17). שורה רביעית (משמאל לימין) : מיכאלפיש (1), פונטוס יוסף(2), יוסף פבריקנט(3), מרדכי טורצ׳ין(9), שלמה ברזין(13). תזמורת : שני משמאל (שוכב) פנחס בנקובסקי. שורה שניה : דוד פורטנוי(1), זליג שפילברג(2), ברקה לובצקי(3). שורה שלישית (משמאל לימין) : מוריץ לדר(2), וולוול לייבוביץ(3), שלמה פרפל(4), משה פבריקנט(5), גבריאל גרינבלט(6) . . . ,פרנסקי(7) אברהם טורצין(9), נטע ליפשיץ(11). ליד התוף : זליג מילשטיין. (צילום : משה פאיאנס).

מענטש, הויט מיט ביינער, אַ שמאָלע נאָז, צוויי פּעך־שוואַרצע אויגן. לויטן ערשטן איינדרוק זעט מען אַן ענערגישן מענטש, אָבער זייער אַ נערוועזער. אַזוי ווי ער איז אין דעם מאָמענט געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צושניידן אַן אָפּיצירן־אַנצוג, בעט ער מיך אַ ביסל צוּוואַרטן. שנעל צייכנט ער מיט ווייסע קרייד געאָמעטרישע ליניעס אויפן געוואַנט; פאַרקלערט זיך, נעמט די שער און שניידט פּאַסן. דאַן וואַרפט ער אַוועק דעם מעטער און הייבט אָן שרייען און שעלטן מאַלאָוושטשיכען. ער רעכנט אויס אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט. ער קאָן זיך לאַנג נישט באַהערשן:

— די הענט זאָלן איר צעדרייט ווערן! ווען זי גנבעט נישט אַראָפּ אַ פּאָר סענטימעטער שטאָף, וואָס פעלן מיר צו דער מאָס — וואָלט מיר איצטער דער קאָפּ נישט אויסגעדאַרט געוואָרן!

איך בין געזעסן רויק און זיך צוגעהערט צו זיינע קללות. אין דעם האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונעם אַלאַרם־גלאָק. ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע אַרבעט, געכאַפּט די קאַסקע מיטן מונדיר און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ווי אַ שטורעם לאָזט ער זיך אויף קאַזשימיר, צום פּאָזשאַרנעם דעפּאָ. די ערשטע מינוטן, ביז ער קומט צו זיך פון דעם גיכן לויפן — כאַפּט ער קוים דעם אָטעם, איז בלייך ווי די וואַנט. זיין ערשטע פראַגע איז: „ווו ברענט?" ער קוקט זיך אַרום וויפל פייער־לעשער זענען פאַראַן און רופט זיך אָפּ: „אָט גיי מיט זיי אין פייער!" ער לויפט אַרום איבער דעם דעפּאָ, הייבט אויף דאָס דעקל פון אַ פאַס, קוקט אַריין צי ס'איז פאַראַן וואַסער. אומעטום איז ער פול. מיט זיין נערוועזיטעט שטערט ער מער ווי ער העלפט.

די פּאָזשאַרניקעס לויפן פאַרסאַפּעטע און ווייסן נישט צו וואָס זיך צו נעמען. עלע שרייט: „מיט אַזעלכע פּאָזשאַרניקעס איז נאָר בראָנפן צו טרינקען. צו אַ שריפה קומט מען שטענדיק ביי די לעצטע, אָפּגעסמאַלעטע קלעצער". אָבער דאָך געלינגט איינציקע פּאָזשאַרניקעס אין דעם לעצטן מאָמענט אויסשמירן דעם פּנים און מאַכן דעם רושם, אַז זיי האָבן עפּעס אויפגעטאָן...

אין אַ מאַרק טאָג

נחום ליפּסע מאַכט זיינע לעצטע צוגרייטונגען צום מאַרק־טאָג. די אַזוי גערופענע קאַלאַטשן זענען שוין אויסגעלייגט אויפן סטראַגאַן. דער פייער־טאָפּ איז פול מיט גליענדע קוילן. ער רייבט זיך די הענט און פרעגט דער שכנטע, וועלכע עפנט אויף אַ נייע פּאַס הערינג:

— איך גלויב, אַז היינט וועסטו פאַרקויפן אַ סך הערינג, ווייל מיין קאַלאַטש איז דאָך ממש טאָ־ט, פּוכקע און בעט זיך פאַרבייסן מיט הערינג.

די פאַרקויפערין פון די הערינג, פריידע ברעגמאַן, אַ דיקע פרוי מיט געקרייזלטע האָר וואָס סטאַרטשען אַרויס פון אונטער דער פאַטשיילע און אַ זעקל דינט איר אַלס פאַרטעך, כדי נישט פאַרפּעצן די קליידער, רופט זיך אָפּ מיט אַ שטעכווע־טל:

— זאָג מיר נאָר, וועלכע קאַלאַטשן דיינע זענען פריש? דאָס קענסטו דערציילן די חזירים, נאָר נישט מיר. אַ דאַנק מיין שיינער סחורה וואָס איטלעכער איז גרויס ווי אַ פערד, וועט מען דיינע פאַרדאַרטע קאַלאַטשן אויך נעמען.

דאָס פריינדלעכע דורכוואָרטלען זיך וואָלט נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן, ווען נישט אַ הויך־געוויקסיקער גוי אין אַ גרויסן פעלץ מיט אַ שעפּסענער קוטשמע, וואָס האַלט דעם בייטש־שטעקל טיף אין דעם שעפּסענעם קאָלנער און קראַצט זיך. נחום באַטראַכט דעם גוי ווי אַ „פּאָטשאַטעק־מאַכער" און רופט זיך אָן צו אים:

— היינט האָסטו גוט געטראָפן. וועסט היינט עסן טאָרט. — ער האַלט שוין גרייט דעם לאַנגן מעסער אויפן קאַלאַטש און פרעגט ווידער: — וואָס טראַכסטו אַזוי פיל? וויפל שניידן? איך זע דאָך נאָך דיר, אַז קענסט אַפילו איינשלינגען דעם גאַנצן קאַלאַטש.

דער גוי האַלט זיך נאָך אין איין קראַצן, ביז ער באַשליסט ער זאָל אים געבן פאַר אַ האַלבע זלאָטע. נחום וואַרפט אַ בליק און זאָגט:

— פאַר אַ גאַנצע זלאָטע קענסטו נישט קויפן? וועסט באַלד נעמען אַ הערינג און במילא לייגסטו אַוועק די צווייטע האַלבע זלאָטע.

מיט דעם קאַלאַטש לאָזט זיך גיין אונדזער גוי צו דער הערינג־יידענע, וואָס מסחרט „דזשיעשענטש זאַ זלאָטעגאָ" (צען הערינג פאַר איין זלאָטע).

היות ווי אונדזער פאַרקויפערין איז גוט אויפגעלייגט, גיט זי אויף דעם גרויסן גאָפּל אַ נעם אַרויס אַ בייכיקן הערינג און פרעגט ביי דעם גוי:

— וואָס זאָגסטו צו דער סחורה? — ער וואַרפט אַ בליק אין פּאַס, צי ס'איז דאָ אַ נאָך גרעסערער — און באַצאָלט די צען גראָשן. ער בעט נאָך אַ ביסל „לאַק" אַלס אַ צוגאָב. לאה, די פאַרקויפערין פון די הערינג, גיסט גוטמוטיק אַריין אין דער הוילער סקאָרינקע פון דעם קאַלאַטש אַ בכבודיקע פּאָרציע „לאַק". דעם גוי'ס פאַרגעלטע ציין און וואָנצעס פאַרזינקען אין דעם הערינג־קוואַל און באַוועגן זיך ריטמיש, קייענדיק און סמאַטשקענדיק דעם קאָפּ פונעם הערינג.

דער טראַדיציאָנעלער מאכל

אין וויכטיקער, טראַדיציאָנעלער מאכל איז געווען ביי די ניעסוויזשער יידן — הערינג מיט אַ ציבעלקע. אַבע דער חסיד, ווען ער פלעגט זיך וועלן רייצן מיט די מתנגדים, וועלכע זענען געווען די „הערשנדע מערהייט", איז זיך נו.הג געווען צו חכמענען, אַז דער ניעסוויזשער הערינג שטאַמט פון דעם לויתן, וואָס די חסידים עסן אויף שלוש־סעודות... די מתנגדים האָבן גאַנץ איינפאַך געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער גאָרער וועלט אַ פיינערעו און געשמאַקע־ מאכל, ווי אַ הערינג.

נעמט, למשל, ר' שלמה אייזנבוד־חעמטשיק. אַן עלטערער בכבודיקער ייד, וועלכער שטייט אויף מיט דעם ערשטן קריי פון האָן און גייט דאַווענען איידער די זון גייט אויף. ער הויבט אָן זיין סעודה נאָך דער תפילה מיט אַ גאַנצן הערינג גלייך פון דער פּאַס, מיט ציבעלע און פעפער, מיט אַ לוסטע שוואַרץ ברויט. אויב איר פרעגט: „ר' שלמה, פאַר וואָס עסט איר הערינג גלייך פון פּאַס?" ענטפערט ער: „ווייל דאָס גיט צו דעם גאַנצן אַפּעטיט". ער האַלט נישט פון דער נייער מעדיצין וואָס גיט אַפּעטיט־טראָפּנס. לויט זיין מיינונג זענען אַלע מעדיקאַמענטן סם פאַרן קערפּער. אָבער אַ שטיקל הערינג מיט אַ ציבעלע, און ווער זאָגט קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ און אַ לעבל ברויט — דאַן קאָן מען זיך אויסלאַכן פון דאָקטער גינזבורג, צוזאַמען מיטן דאָקטער ליטשקאָווקי. און אַזוי פאַרנעמט הערינג אַ גאַר בכבודיקן פּלאַץ אין ניעסוויזשער „מעניו".

פון הערינג האָט מען געקענט מאַכן פיל געריכטן. למשל: אַ גוטע פיש־קאַרטאָפל; הערינג, געוויקלט אין אַ נאַסער צייטונג אויף הייסע קוילן — אין ווינטער; געווענדזלט, מאַרינירט, אין מעל געקאַטשעט, געפּרעגלט. זיס און אין זויער — און נאָך צענדליקער פּאָטראַוועס וואָס ניעסוויזשער פּלייסיקע באַלעבאָסטעס האָבן צוגעגרייט.

אויך היינטיקע צייטן, ווען לאַנדסלייט קומען זיך צונויף אויף אַן אַזוי גערופענער „וועטשערע" — באַווייזט זיך אויפן טעלער אונדזער טראַדיציאָנעלער הערינג מיט ציבעלקעס און קאַרטאָפל אין מונדירן. אין אַזאַ פאַל איז דער געטראַנק — „וואָדקע" און דאַן דערמאָנט מען זיך אין די אַמאָליקע צייטן, ווען אַלץ האָט געשמעקט, אַ דאַנק אונדזער הערינג...

זכרונות פון דער אלטער היים

בנימין יואלי (יעוועלעווסקי)

ניעסוויזשער פייערלעשער

שריפות ביי אונדז אין שטעטל זענען געווען אָן אָפּטע דערשיינונג. און ס׳איז נישט קיין ווונדער. די הילצערנע הייזער, די מיט שטרוי באַדעקטע שייערן פון די קריסטן, זענען געווען אַ פּאַסיקער מאַטעריאַל פאַרן פייער. אַפילו דעכער פון געמויערטע הייזער אין די צענטראַלע גאַסן, זענען על פּי רוב געווען באַדעקט מיט גאָנטעס (שינדלען).

אַ שטאַ־קע, דערשיטערנדיקע איבערלעבונג איז געווען פאַר מיר, דעם קליינעם ייִנגל, אַ שריפה אין מיטן נאַכט, ווען דער פאָזשאַרנער גלאָק אויפן ראַטוש פלעגט מיך אויפוועקן פון שלאָף מיט זיינע הילכיקע, מאָנאָטאָנע קלאַנגען און די אַלאַרם־שאַלן פון די פייערלעשער, זייערע אויסגעשרייען: „פאָזשאַר! פאָזשאַר!” האָבן זיך געהערט פון גאַס.

איך כאַפּ זיך אַראָפּ פון בעט, טו זיך שנעל אָן און קוק אַרויס דורכן פענצטער: דער הימל איז רויט ווי פייער און פון איין זייט, וווּ די רויטקייט איז העלער, הייבן זיך קנוילן רויך, געמישט מיט טויזנטער פונקען, וועלכע עס טראָגט פונאַנדער דער ווינט.

מיך באַהערשט עפּעס אַ גייסט פון גבורה און אָפּפערוויליקייט. כ׳פּיל, אַז איך בין איצט באַרופן עפּעס אויפטאָן, העלפן, ראַטעווען, נישט קוקנדיק אויף מיין יונגן עלטער. איך פלי אַרויס מיט אימפּעט אין גאַס.

פייערלעשער אין מונדירן מיט מעשענע קאַסקעס אויפן קאָפּ און מיט פאָזשאַרנע העק אין די גאַרטלען, לויפן צוזאַמען מיט סתם איינוווינער אין דער ריכטונג פון דער שריפה.

פון פאָזשאַרנעם דעפּאָ פירט מען נאַסאָסן (הידראולישע פּאָמפּעס) און פעסלעך וואַסער. אויפן מאַרק אַנטקעגן דעם ראַטוש ווערן געבראַכט פון דער שריפה אויסגעליידיקטע פעסלעך, בכדי זיי ווידער אָנפילן מיט וואַסער פון דעם צאַפּ, אַ גרויסן הילצערנעם וואַסער־רעזערוואַר, אין פאַל פון אַ שריפה. פון אַ נאָענטן ברונעם פּאָמפּעט מען מיטן הידראָפּאָר דאָס וואַסער אין די פעסלעך.

די פייערלעשער זענען בעת דער שריפה די העלדן פון דער שעה. אַ קלייניקייט — ראַטעווען האָב־און-גוטס פון אומגליקלעכע נשרפים. באמת, זיי ווייזן אַרויס גבורה און מסירת נפש, וואַרפן זיך ממש אין פייער, כדי מציל צו זיין וואָס נאָר מ׳קאָן.

אָבער ווייי איז צו דעם פון די זייטיקע מענטשן, וואָס וויל געבן אָן עצה אַ פאָזשאַרניק. ער וועט שוין פון אים גלאַט נישט אַרויס, אויב ער וועט זיך פון דאָרט תיכף נישט אָפּטראָגן.

אַרום דעם ברענענדיקן בנין שטעלן זיך אויס די פאָזשאַרניקעס מיט די נאַסאָסן און מיט דער הילף פון זייטיקע מענטשן, וועלכע העלפן פּאָמפּען — שפּריצן זיי דאָס וואַסער אויפן פייער און אויף די דעכער און ווענט פון די שכנותדיקע הייזער, זיי זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן פון דער היץ, אָדער פון די פונקען. אַנדערע פאָזשאַרניקעס — די טאָפּאָרשטשיקעס און די באַגאַריסטן — וואַרפן איין די ווענט און שלעפּן אַוועק די ברענענדיקע טיילן.

פּאָליציאַנטן האַלטן אָרדענונג און דערלאָזן נישט דעם ביי־געריקן המון צו שטערן אין דער לעש־אַרבעט. דאַקעגן די סאָלדאַטן, וועלכע זענען צוגעשיקט געוואָרן פון די קאַזאַרמעס, היטן אָפּ די זאַכן וואָס מ׳האָט אַרויס געראַטעוועט פון דעם ברענענדיקן הויז און פון די שכנותדיקע בנינים. די שריפה דויערט עטלעכע שעה. די פייערלעשער קלייבן דערנאָך אויף זייערע מכשירים און פאָרן צוריק אין דעפּאָ.

די אומגליקלעכע נשרפים ווערן צייטווייליק אויפגענומען ביי קרובים אָדער באַקאַנטע. נאָר אויב זיי זענען נישט געווען „פאַרסטראַכירט” (פאַרזיכערט) איז זייער לאַגע גאַנץ ביטער.

פאַר מיין צייט האָט געטראָפן אין ניעסוויזש איין גרויסע שריפה, אומגעפער אין יאָר 1910, ווען הינטער דעם טויטן געסל, אויפן וועג צום בית־עולם, זענען אָפּגעברענט געוואָרן 13 יידישע הייזער.

די מערהייט פון די פייערלעשער זענען געווען יידן און דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז געווען צוערשט אַ קריסט (וואַליצקי) און דערנאָך — אַ ייד (יעקב אווינאָוויצקי); דער רוב קאָמאַנדירן פון נידעריקן ראַנג זענען געווען יידן.

ביי דער פייערלעשער־קאָמאַנדע איז געווען אַן אָרקעסטער, וועלכער פלעגט שפּילן אין צייט פון פאַראַדן. די אַנדערע מיטגלידער פון אָרקעסטער האָבן אויסגענוצט זייער קענטעניש פון שפּילן, כדי צו ווערן אויפגענומען אַלס מוזיקאַנטן אין מיליטער און אַזוי אַרום פאַרגרינגערן זייער דינסט.

רעפּעטיציעס פונעם אָרקעסטער און איבונגען אין לעשן די שריפות, זענען פאָרגעקומען זומער־צייט, כמעט יעדן זונטיק. דאָס קלינגען פון פאָזשאַרנעם גלאָק זונטיק נאָך מיטאָג האָט אָנגעזאָגט, אַז ס׳קומט פאָר אַ רעפּעטיציע. די פאָזשאַרניקעס אין די קאַסקעס שטעלן זיך אויס אין רייען. פאָרויס שטייט די אָפּטיילונג קאָמאַנדירן און דער אָרקעסטער.

מ׳וואַרט אויפן אָנקומען פון הויפּט־קאָמאַנדיר. דערווייל מאַכט מען מושטרע. אָט איז געקומען דער קאָמאַנדיר. זיין פאַרטרעטער סאַלוטירט: דער אָרקעסטער שפּילט; דער שעף נעמט איבער די קאָמאַנדע. דערנאָך ווערן אַרויסגעפירט פון דעפּאָ די נאַסאָסן מיט די באָטשקעס (פעסלעך) און אַ וואָגן מיט די לאַנגע באַגאַרן און קרוקעס. די קאָמאַנדע מאַרשירט דורך די גאַסן צום מאַרק, באַגלייט פון ייִנגלעך און סתם ביי־געריקע.

בראש פון צוג לויפט אַ פריילעכער דער תמעוואַטער קליינינקער כאַצקל, אָדער דער אינפאַנטילער ריז הלל מיט אַ שוואַרצע הוט, קראַוואַט און מאַנזשעטן, צי יאָסל דער משוגענער אין זיינע צעפליקטע בגדים. פאַר זיי, ווי פאַר די ייִנגלעך, איז דער פאַראַד אַ גרויסע אַטראַקציע.

אויפן מאַרק, אַנטקעגן דעם ראַטוש, ווערן דורכגעפירט די איבונגען און אויסגעפרווט די נאַסאָסן. מיט דעם הידראָפּאָר פּאָמפּעט מען דאָס וואַסער פון ברונעם, כדי אָנצופילן דעם צאַפּ. מיט די נאַסאָסן שפּריצט מען וואַסער אין דער הייך ביז עס דערגרייכט צום דאַך פון ראַטוש.

די מומחים פון שפּריצן הויך זענען די וועטעראַנען מרדכי־דוד אַלפעראָוויטש און קאַמאַצקי, וועלכע זענען פאָזשאַרניקעס פון דער גרינדונג אָן. די טאָפּאַרשטשיקעס ציען זיך אויפן שטריק וואָס זענען אַראָפּגעלאָזן פון דאַך פון ראַטוש און קריכן אויף די הויכע לייטערס.

נאָכן ענדיקן פון דער רעפּעטיציע, קערט זיך אום די קאָמאַנדע צום דעפּאָ, מאַרשירנדיק איבער די גאַסן, אונטער די מוזיק־קלאַנגען פון אָרקעסטער.

די פאָזשאַרנע קאָמאַנדע האָט זיך געגרינדעט אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. (אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ניעסוויזש אין „המליץ” פון 3.5.1889 קלאָגט זיך מ. א. אייזענשטאַדט, דער שפּעטערדיקער פּעטערבורגער ראַבינער, פאַרוואָס מען גרינדעט נישט קיין פייערלעשער־געזעלשאַפט).

פאַר דער פּוילישער מאַכט, נאָכן יאָר 1918, זענען די הויפּט־קאָמאַנדירן געווען אהרן גאָלדין און נאָך אים — נחמן קאַגאַן. די שפּראַך פון דער קאָמאַנדע האָט זיך געביטן — פון רוסיש אויף פּויליש.

ס׳זענען צוגעקומען מאָטאָריזירטע פּאָמפּעס און אַנדערע פאַרפולקאָמטע מכשירים. דער צאַפּ אויפן מאַרק איז געוואָרן אומנייטיק און מ׳האָט אים באַזייטיקט.

אין אומרויקע צייטן,ביים טוישן זיך פון די הערשער אין מלחמה־צייט, האָבן די יידישע פייערלעשער זיך אָרגאַניזירט און געשטאַנען אויף דער וואַך צו העלפן בעת איבערפאַלן, אָדער עקסצעסן, ווי צ.ב. אין יאָר 1920, ווען די פוילישע זעלנער האָבן ראַבירט די הייזער פון די יידן בעת זייער אָפּטרעטן.

דאָס געהערן צו דער פייערלעשער־וואַך האָט דערהויבן ביי די אָנטיילנעמער זייער מענטשלעכע ווירדע ביי זיך און ביי זייערע באַקאַנטע, וויסנדיק, אַז זיי פילן אויס אַ בירגערלעכע פליכט פון העלפן דעם אַנדערן אין אַן עת צרה.

די חברה קדישא

די חברה קדישא איז געווען די פּאָפּולע־סטע חברה אין שטאָט. פריער צי שפּעטער מוז יעדער צו איר אָנקומען, און דווקא אין די שווערע און טראַגישע מאָמענטן פון דער משפּחה. פילן טאַקע די חברה מתעסקים, אַז זיי טוען אַ גרויסע מצווה פון חסד של אמת מיטן מת, ווי אויך אַ חוב, וועלכן זיי האָבן גענומען אויף זיך מיטן גוטן ווילן, אין אַלע צייטן: אין רעגן, שטורעם־ווינטן, אין שנייען און קעלט. און וואָס ס׳איז שווערער — אַלץ גרעסער איז די מצווה. איז ניט קיין ווונדער, וואָס ס׳קומט זיי אַ גלעזל שנאַפּס אָנצוואַרעמען זיך נאָך יעדער לוויה.

פאַר די גבאים פון דער חברה גדולה שטייט אויך אַ שווערע און אומאַנגענעמע אויפגאַבע. זיי דאַרפן פעסטשטעלן דעם פּרייז פאַר דער קרקע אויפן בית־עולם. אָפט קומט זיי אויס צו זיין האַרטנעקיק, ווען די קרובים פונעם נפטר באַשטייען נישט אויף דער געפאָדערטער סומע און דינגען זיך וועגן פּרייז — און דאָס אין אַ צייט, ווען דער בר־מינן ליגט אין שטוב, ווייל דאָס געלט מוז אייינגעצאָלט ווערן נאָך פאַר דער לוויה.

דאָס געלט פאַר דער קרקע דינט אַלס הויפּט־קוועלע פון די הכנסות צו דעקן די הוצאות פאַר די פיל הצטרכותן פון דער קהילה. אַז עס שטאַרבט אַ גביר, וואָס אויב ר׳איז נאָך ביים לעבן געווען אַ קמצן, וועלכער פלעגט קיין מאָל קיין נדבה נישט געבן אויף קהלישע זאַכן, אַ פּשיטא שוין, ווען ער האָט נישט געלאָזן קיין נאָענטע יורשים — דאַן האָט מען זיך אין שטאָט געוויצלט, אַז ס׳איז אַריינגעפאַלן צו דער חברה קדישא „אַ גרויסער העכט" — און זיי וועלן שוין פון אים אָפּלעקן אַ ביינדל.

די בכבודיקע סומע וואָס די גבאים פלעגן באַשטימען אין דעם פאַל, איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען. דאָס דינגעניש פון די קרובים פונעם נפטר דעם גביר פלעגט זיך אַפילו ציען עטלעכע טעג, וואָס איז געווען אַ בזיון המת, ביז מ׳איז געקומען צום עמק השווה. ס׳האָט אָבער געטראָפן, הגם זייער זעלטן, אַז די קרובים פונעם נפטר האָבן געמאַכט אַ קנוניה מיט אַ חברה קדישא פון אַ שכנותדיק שטעטל און פאַר אַ קלענערן פּרייז האָט מען דעם בר־מינן דאָרט מקבר געווען, איבערפירנדיק אַהין דעם מת שטילערהייט, ביינאַכט.

צוויי מאָל אין יאָר פלעגט די חברה קדישא מאַכן אַ תענית: כ׳ סיון, לזכר די גזירות ת״ח ות״ט, און ט״ו כסלו, אַלס כפּרה, טאָמער האָבן זיי פּוגע געווען בכבוד המת.

נאָכן תענית, פלעגט מען מאַכן אַ סעודת מיצווה כיד המלך אַלס סימבאָל, אַז דער תענית זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום משתה ושמחה.

דער פעטער ביסן וואָס האָט געפעלט אויף דער סעודה

אַז ס׳דערנענטערן זיך ט״ו כסלו אָדער כ׳ סיון, הייבן זיך אָן די צוגרייטונגען צו דער סעודה.

אהרן גאָלדין, איינער פון די גבאים פון חברה גדולה, באַוווסטער בקי אין הלכות אכילה, קלייבט אויף די חברה מתעסקים אָפּצורײדן וועגן די צוגרייטונגען צו דער סעודה. מ׳רעדט אָפּ ווער ס׳זאָל זיין די קעכין און וואָס פאַר אַ געריכטסן זאָלן דערלאַנגט ווערן צום טיש. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז בראָנפן דאַרף זיין בשפע, אויך וויין און ביר פאַר אורחים, און קאַשע פון עטלעכע מינים: פּערל־גרויפּענע, רייזענע, רעטשקע. פיש — געהאַקטע און געפרעגלטע. די קאַרפּן שענקט דער דוקעס. היינט קאָטלעטן, געבראָטענע גענדז און גריבענעס.

דער עיקר, אַלץ זאָל זיין בשפע. אויב ס׳וועט איבערבלייבן, איז קיין דאגה — וועט דאָס זיין פאַר די מתעסקים אויף צו נעמען מיט זיך פאַר זייער משפּחה. פאַרשטייט זיך, אַז די קעכין וועט אַליין זיך נישט קענען ספּראַווען מיט אַזוי פיל אַרבעט, זענען די חברה־לייט גרייט קומען צו הילף: צוגרייטן די קעסלען, אַוועקשטעלן זיי אויפן פייער צו קאָכן די קאַשעס, ברענגען די פּראָדוקטן און געפּעס און דערנאָך צושטעלן דאָס עסן צו דער סעודה. דעם עול נעמען אויף זיך ישעיה שמעלקעס, בערל שוועטלעס, משה־אהרן דער שוסטער און קוריצקי דער שניידער.

דער תענית אין טאָג פאַר דער סעודה ווערט שטרענג אָפּגעהיטן. פאַרטאָג, פאַרן דאַווענען, זאָגט מען סליחות און מ׳לייענט ויחל. צוליב וואָס איז דער תענית און צוליב וואָס איז די סעודה — מעגלעך, אַז נאָר זיי ווייסן, ווייל בייזע צינגער פּלאַפּלען, אַז דער תענית ביי זיי איז נאָר כדי צו פאַרגרעסערן דעם אַפּעטיט בעת דער סעודה.

נאָך מעריב כאַפּט זיך אַריין אהרן גאָלדין אין קיך, ווו מען גרייט די סעודה, קוקט אויף אַלע מאַכלים, ביז זיין בליק פאַלט אויף די געבראָטענע גענדז, וועלכע זענען אויסגעלייגט אויף די פּאָלומיסקעס. און וואָס זעען זיינע אויגן? ביי אַלע גענדז פעלן די הינטנס... דאָס האָט אים שטאַרק אויפגעבראַכט. וואָס הייסט, דער געשמאַקסטער טייל פון דער גאַנדז איז נעלם געוואָרן?...

— די הינטנס זאָלן מיר שוין ווערן אויפן אָרט! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ קול פון רוגזה צו די מתעסקים.

די מתעסקים האָבן זיך צוערשט אַביסל פאַרלאָרן: דערציילן, אָדער נישט דערציילן? נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך בערל שוועטלעס אָנגענומען מיט מוט און זיך מודה געווען.

— פאַניע גאָלדין, איר האָט זיך נישט וואָס צו בייזערן אויף אונדז, איר ווייסט דאָך, אַז היינט האָבן מיר געפאַסט, האָט מען דאָך גענדאַרפט עפּעס כאַפּן אין מויל צום אָפּפאַסטן זיך ביז די סעודה וועט זיך אָנהייבן. האָט מען פאַרזוכט אַ קעלישעק בראָנפן און פאַרביסן מיט... אַ הינטן, איך בעט איבער אייער כבוד. איז דאָס אַ גרויסע עוולה, פאַניע גאָלדין?

אהרן גאָלדין. הגם ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס אַזאַ פעטער ביסן וועט פעלן אויף דער סעודה, האָט אַ קלער געטאָן: אויב מ׳קען נישט אַריבער, דאַרף מען אַרונטער. אַזוי ווי מ׳דאַרף זיך נישט איינרייסן מיט זיי — דאָך איז ער אַ גבאי און אַ רעדל־פירער אין שטאָט און וועט אפשר אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו זייער לאַסקע וועגן אַ שטים ביי די וואַלן — האָט ער זיך געמאַכט מעשה גוטהאַרציקער בעל־הבית און אַ ביסל ווייכער צו זיי געזאָגט:

— נו, וואָס זאָל איך טאָן מיט אייך? איז דאָך היינט געווען אַ טאָג פון סליחות און מחילה בעטן, בין איך אייך מוחל מחילה גמורה — און לאָמיר נעמען אַ גלעזעלע לחיים.

— לחיים!

— לחיים! לחיים!

פחד שוא

אַ שמועה האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט: ס׳קלייבט זיך אַרויסמאַרשירן אַ קריסטלעכע פּראָצעסיע פון ווילנע קיין סלוצק,

צום הייליקן האַווירלעס קבר און זי וועט דורכגיין ניעסוויזש. דער הייליקער האַווירלע, זאָגן זיי, איז פאַ־מוטשעט געוואָרן דורך יידן, כדי פאַרנוצן זיין בלוט צו מצה אויף פּסח.

די צייט איז געווען זומער 1914, נאָך בייליסעס פּראָצעס.

פאַרשיידענע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט: די פּראָצעסיע וועט זיך אַרויסלאָזן פון ווילנע צופוס, וועט גיין פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, בראש פון אַן אַרכיירעיי און אַ סך פּאָפּן, אויך וועט זיך באַטייליקן אין איר דער פאַרביסענער שונא ישראל, דער דומע־דעפּוטאַט פּורישקעוויטש.

צו דער פּראָצעסיע וועלן צושטיין קריסטן פון אַלע ערטער דורך וועלכע זי וועט דורכגיין. אַזוי, אַז זי וועט ציילן אַ ריזיקן המון. ס׳איז דאָ אַ סכנה, אַז די עולי־רגלניקעס וועלן אונטערגעהעצט ווערן דורך די שונאי־ישראל און ס׳קענען, חס ושלום, אויסברעכן פּאָגראָמען אין די שטעטלעך.

די יידן אין ניעסוויזש זענען אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהט. וואָס טוט מען? ווי אַזוי פאַרמיידן אַן אומגליק?

ס׳איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק ביי פיל יידן אַוועק שיקן זייערע משפחות, אָדער לכל הפחות די קינדער, אין שכנותדיקע שטעטלעך, ווו די פּראָצעסיע וועט נישט דורכגיין — עד יעבור זעם.

די שטאָט־מנהיגים האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו פאַרזיכערן די יידישע באַפעלקערונג פון אַ פּאָגראָם אָדער רוי־בעריי. האָט מען זיך געווענדעט צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט, נישט אַן אַ מתנת־יד, און אים געבעטן, צו פאַרשטאַרקן די שמירה און, פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן אויספירן זייער פליכט ווי געהעריק.

מ׳האָט צוגעגרייט געבעקס און קוואַס, וואָס מען וועט פאַרטיילן אויפן מאַרק בחינם. אַ ייד, אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, האָט זיך אונטערגענומען צו שטיין אויפן מאַרק און פאַרטיילן די געבעקס די עולי־רגל.

מ׳האָט פאַרזאָגט, אַז יידן זאָלן זיך נישט געפינען אין די גאַסן און אויך נישט אַרויסקוקן דורך די פענצטער. עטלעכע טעג פאַרן אָנקומען פון דער פּראָצעסיע, איז די שטאָט כמעט געוואָרן ליידיק פון יידן. פרויען און קינדער זענען אַוועקגעפאָרן צו זייערע קרובים אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אין באַשטימטן טאָג, נאָך מיטאָג, האָבן זיך די יידן איינגעשלאָסן אין די הייזער און מיט שרעק געוואַרט אויף דער שעה פון אָנקומען פון דער פּראָצעסיע, בעטנדיק גאָט אויף אַ ישועה.

אונדזער משפחה האָט באַשלאָסן נישט אַוועקצושיקן פון שטאָט די קינדער — מיך, 14 יאָר אַלט, און מיין יינגערע שוועסטער. דאָך, אַ פּאָר שעה פאַרן אָנקומען פון דער פּראָצעסיע, איז אויף מיין פאָטער אָנגעפאַלן אַ פּחד און ער האָט גענומען טענהן, אַז ווער ווייס וואָס ס׳וועט נאָך זיין, ס׳וועט, חלילה, פאָרקומען אַ פּאָגראָם און מיר געפינען זיךביים מאַרק, אויף דער ערשטער פייער־ליניע. מען האָט געדאַרפט איבערפירן די קינדער קיין האָראָדזיי, צו די קרובים.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז קיין רייד נישט געווען אַזוי שפּעט אַרויסצופאָרן. איך און די מוטער האָבן געפּרוווט באַרריקן דעם פאָטער, אַז נישט נאָר מיר זענען געבליבן, נאָר אויך אַנדערע משפחות האָבן זייערע קינדער נישט געשיקט און אַז ס׳זענען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען צו האַלטן אָרדענונג אין שטאָט.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די אָנטיילנעמער פון דער פּראָצעסיע. מיר האָבן פאַרשטעלט די פענצטער מיט אַ פאָרהאַנג און דורך אַ שפּאַלט אַרויסגעקוקט אויפן מאַרק און דערזען עטלעכע צענדליק אַלטע קריסטן און קריסטינס — דאָס איז געווען די גאַנצע מאַסע עולי־רגל, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט עטלעכע וואָכן דאגות און שרעק. זיי האָבן זיך געשלעפּט פאַמעלעך, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס און שטעקנס אין די הענט. זיי זענען צוגעקומען צום מאַרק און זיך געזעצט אָפּרוען. מ׳האָט זיי פאַרטיילט געבעקס און קוואַס. דערנאָך זענען זיי אַוועק נעכטיקן אין צוגעגרייטע פּלעצער.

אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעריכט אין קלויסטער זייער תפילה, איז אַרויס די פּראָצעסיע אין וועג אין דער ריכטונג צו סלוצק.

די ניעסוויזשער יידן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. מען האָט תיכף אָנגעהויבן „קלאַפּן" טעלעגראַמעס צו די קרובים אין די אַרומיקע שטעטלעך, אַז ס׳איז אַלץ, ברוך השם, אַדורך בשלום. כדי מען זאָל נישט אַרויסווייזן די שרעק פאַר די גויים, האָט מען געשריבן אין די טעלעגראַמעס מיט רוסישע בוכשטאַבן די ווערטער „שלום ושלוה".

די קינדער מיט די פרויען האָבן זיך צוריק געקערט אַ היים. אין די שולן האָט מען ביים דאַוונען געבענטשט „גומל" און די יידן זענען איבערגעגאַנגען צוריק צו זייער געוויינלעכן סדר־היום און אַרט לעבן, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן רבונו של עולם, אַז מער קיין פּורעניותן אויף זיין פאָלק וועט ער נישט שיקן.

דער פאַרשטערטער ערשטער מאַי

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט באַשלאָסן אין ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ צו פייערן דעם 1טן מאַי (1929) מיט אַן אויספלוג אין שטאָטישן וואַלד, ווייל דעמאָנסטראַציעס זענען אויף די קרעסן געווען פאַרבאָטן. די דערלויבעניש פון סטאַראָסטע איז געגעבן געוואָרן אויף מיין נאָמען, אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין, מאַכנדיק בפירוש מיך פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג.

אין דער פרי האָט מען זיך אויפגעקליבן אין הקדש־געסל און פון דאָרטן איז מען צוזאַמען אַוועק אין וואַלד. צוויי רייטער־פּאָליציאַנטן האָבן אונדז באַגלייט, כדי היטן די אָרדענונג.

נאָך פאַרן אויספלוג זענען איניקע בחורים געגאַנגען איבער די קראָמען אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט די אָנגעשטעלטע, מערסטנס יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס נישט צו אַרבעטן. די קרעמער זענען געווען אויפגעבראַכט וואָס מ׳נעמט צו די אָנגעשטעלטע, בפרט אין אַ מאַרק־טאָג. איינער פון די קרעמער האָט זיך פאַרקלאָגט, אָדער סתם זיך אָפּגערעדט פון האַרץ פאַר אַ פּאָליציאַנט.

קורץ נאָכן אָנקומען אין וואַלד, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען צו צו מיר און נאָך עטלעכע חברים (געצאָוו, יעקב פּערלמאַן) און אויפגעפאָדערט צו גיין מיט זיי אין פּאָליציי. דאָרט האָט מען אונדז פאַרהאַלטן הינטער די קראַטן, ביז ס׳וועט פאָרקומען די אויספאָרשונג.

יואל ראַזאָווסקי, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט כדרכו בקודש אָנגעהויבן משתדל זיין. געווענדעט זיך צום בירגערמייסטער חאַלאָוועצקי און אים געבעטן אַריינמישן זיך, בכדי צו באַפרייען מיך, דעם ראַטמאַן פון שטאָטראַט און אויך די איבעריקע. דער בירגערמייסטער, וועלכער איז געווען מיט מיר אין גוטע באַציונגען נאָך איידער ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף זיין אַמט, ווייל מיר זענען ביידע געווען אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע פון שטאָטראַט, ער אַלס פאָרזיצער און איך אַלס סעק־עטאַר — האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן פּראָקוראָר און פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

בעת דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען באַשולדיקט אונדז אין דעם, אַז מען האָט מיט כוח און דראָונגען געצווונגען די אָנגעשטעלטע צו פאַרלאָזן די אַרבעט. מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן אָפּגעלייקנט שטיין־און־ביין.

פאַרן אויספלוג אין וואַלד זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די חברים רויטע צייכנס מיטן אויפשריפט „ארץ־ישראלדיקער

אַרבעטער־פֿאָנד״ — לטובת שפּענדונגען, וועלכע ס׳האָט געזאַמלט דער קאָמיטעט פֿאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וועמענס פֿאָרזיצער איך בין געווען. דער אויספֿאָרשער האָט געפֿרעגט וועגן דער באַדייטונג פֿון דעם רויטן צייכן. באַקומענדיק פֿון מיר דעם ענטפֿער, האָט ער נישט תופס געווען די סמיכות הפּרשיות פֿון פּראָפּ־פֿאַריין צו ארץ־ישראל. דאַן האָב איך געמוזט ביי דער געלעגנהייט לערנען מיט אים אַ פּרק ציוניסטישן סאָציאַליזם.

נאָך דער אויספֿאָרשונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען שפּעט אין אָוונט, האָט מען אונדז באַפֿרייט ערשט מאָרגן פֿרי, נאָך 24 שעה. אַ סברה, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מיט אונדזער אַרעסט געוואָלט באַווייזן זייער שטאַרקע האַנט, כּדי אָנצולערנען דעם ניי־אַנטשטאַנענעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין נישט צו פֿאַרנעמען זיך מיט „רעוואָלוציאָנערע אַרבעט״.

דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין אין ניעסוויזש איז געווען לעגאַליזירט אַלס פֿיליע פֿון צענטראַלן פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון אומפּאַכאָווע אַרבעטער אין וואַרשע, אונטער דער השפּעה פֿון פּועלי־ציון צ. ס. (רעכטע). פֿאַקטיש האָבן געהערט צום פּראָפֿ־פֿאַראיין אין ניעסוויזש דער רוב אַרבעטער פֿון אַלע פֿאַכן, מייסטנס יונגטלעכע שניידער, שוסטער, שערער און אָנגעשטעלטע.

אַ דין וחשבון — נאָר פֿאַר פּמליא של מעלה

את חטאי אני מזכיר היום — איך האָב זיך פֿאַרזינדיקט פֿאַר אונדזער ר׳ ירחמיאל און פֿאַרן פּיאַסעטשנער רב, אונדזער בן־עיר, ר׳ וואָלף ראַדזינסקי. ומעשה שהיה כך היה:

אונדזער שטעטל איז געווען אַ ביסל דעמאָראַליזירט, בפֿרט נאָך די מלחמות און רעוואָלוציעס, ווי אויך די ווירקונג פֿון דער וועלטלעכער בילדונג אויף דער יוגנט אין די רוסישע און פּוילישע שולן און פֿון לינקע יידישע פּאַרטייען צוליב זייער באַציונג צו דער רעליגיע.

אונדזער רב איז געווען אַ ייד אַ פּיקח און האָט געפֿירט זיין עדה בניחותא, אָן פֿאַנאַטיזם. דערפֿאַר האָט געהערשט שלום ושלוה אין שטעטל. אויך די פֿרומע בעלי־בתים זענען נישט געווען קיין פֿאַנאַטיקער. דער רוב פֿון זיי, בתוכם דער רב און דער דיין, פֿלעגן געבן זייערע קינדער לערנען אין די רוסיש־וועלטלעכע לערן־אַנשטאַלטן.

מאַכט זיך אָבער, אַז עס קומט צו פֿאָרן פֿון רוסלאַנד אַלס ביעזשעניעץ (פּליט) דער אַלטער פּיאַסעטשנער רב ר׳ וואָלף ראַדזינסקי, אַ ניעסוויזשער געבאָרענער (וועלוול ברעסלאַווס אַ פֿעטער). און וואָס האָבן זיינע אויגן געזען?! שומו שמיים! חילול שבת בפּרהסיא, רחמנא ליצלן. די פֿריזירערס אַרבעטן פֿרייטיק פֿאַרנאַכט זייער שפּעט און „פֿאָרן אַריין״ טיף אין שבת.

איין מאָל, אין אַ פֿרייטיק־צו־נאַכט, נאָכן דאַווענען אין אַלטן בית־מדרש, האָט דער פּיאַסעטשנער רב אויפֿגעפֿאָדערט דעם עולם מתפּללים מיטן רב, אַז מ׳זאָל זען פֿאַרמיידן די נבלה אין שטאָט, דעם חילול שבת; דער גאַנצער קהל מיטן רבֿ בראש זאָלן שוין אַרויסגיין צו די שערערס און צווינגען די עוכרי ישראל צו פֿאַרמאַכן תיכף ומיד זייערע שערערייען.

אונדזער רב האָט קיין ברירה נישט געהאַט — און ביידע רבנים מיט עטלעכע בעלי־בתים זענען אַרויס אין שטאָט צו די שערערס. מעשה שטן, בין איך דאַן געזעסן ביי קראַסנאָסעלסקין דעם שערער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יונגעלייט און געוואַרט אויף אונדזער ריי. פּלוצלונג גייט אַריין דער פּיאַסעטשנער רב, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ לאַנגע גראָע באָרד און פּאות. אונדזער רב מיט די בעלי־בתים זענען שטיין געבליבן ביים שוועל.

— גוט שבת, יידן! — רופֿט זיך אָן דער פּיאַסעטשנער רב. — ס׳איז שבת אויף דער וועלט און איר זיצט אייך דאָ און זייט מחלל שבת. פֿע! ס׳איז אַ חרפּה און אַ בושה!

אייניקע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און בחרפּתם זיך אָפּגעטראָגן. חאָנע מירסקי איז געזעסן אויפֿן שטול מיט אַן אָנגעזייפֿטן פּנים, האַלב ראַזירט; האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ מ׳זאָל אים נישט זען אין שפּיגל. איך און נאָך אייניקע זענען געבליבן זיצן.

זעט אונדזער רב, אַז מיר זיצן און רירן זיך נישט פֿון אָרט, רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— יעווועלעווסקי, גייט אויך אַהיים.

דעם רבס ווענדונג נאָר צו מיר איז געווען צוליב דעם, וואָס איך בין געווען מיטן רב עטוואָס אַ „מקורב״, ביידע זענען מיר געווען מיטגלידער אין דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג. נישט איין מאָל, ווען ער האָט וואָס פֿאָרגעלייגט, פֿלעג איך נישט איינשטימען מיט אים. איך בין דאָך עפּעס געווען אַ ראַדיקאַלער צעירי־ציוניק, אַזוי, אַז דער רב איז געווען געווינט, איך זאָל מיט אים נישט מסכּים זיין.

האָב איך אים אויך איצט געענטפֿערט:

— רבי, דאגה׳ט נישט פֿאַר מיר, איך וועל שוין דעם דין־וחשבון אַליין אָפּגעבן פֿאַר דער פּמליא של מעלה.

די מעשה וועגן מיר און מיין ענטפֿער דעם רב האָט זיך אַזוי שנעל פֿאַרשפּרייט איבערן שטאָט, אַז מיין פֿאָטער האָט זיך דערוווּסט שוין אויף מאָרגן, שבת פֿאַרטאָג, ווען ער האָט געדאַוונט אין מאַרק־שול.

מ׳קען זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פֿאָרציע מוסר איז מיר איינגעטיילט געוואָרן פֿון פֿאָטער און מוטער.

— דו פֿאַרשוואַרצסט מיר מיין פּנים פֿאַר לייטן — האָט ער געטענהט.

צוליב כּיבוד אב ואם האָב איך זיי נישט געענטפֿערט. איך בין אָבער געבליבן ביי מיינע אַנשויאונגען — ווי ס׳פּאַסט פֿאַר „אַ מענטש מיט פּרינציפּן״...

בייגעשטאַנען דעם יצר־הרע

— משוגע זענען זיי געוואָרן, נישט דאָ געדאַכט, משוגע! מ׳מאַכט זיי דאָרט פּשוט משוגע! — האָט פֿאַר אונדז אויסגעגאָסן איר האַרץ די שכנה שרה שמערלס, אברהמל דעם שלאָסערס ווייב (סווידסקי). — איר׳ט געהערט אַ מעשה? אונדזערע ישיבה־בחורים: מיין זון, הירשל דעם שוחט׳ס זון און יהושע דעם קופּערטניקס זון, זענען אַרויסגעגאַנגען פֿרייטיק נאָך מיטאָג פֿון קלעצקער ישיבה און אַוועק צופֿוס אַ היים אויף שבת. אָפּגעגאַנגען זענען זיי די גאַנצע 17 קילאָמעטער און געקומען ביז צו מאָהילקעס, הינטערן שטאָט, אויפֿן קלעצקער טראַקט. פּלוצלונג פֿאַלט זיי איין אַ משוגעת — צו שונא ישראל — אין קאָפּ אַריין, און וואָס קלערט איר האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק צופֿוס קיין קלעצק, כּלומרשט בייצושטיין דעם יצר הרע. איר הערט? זיין אין דער היים, פֿאַרברענגען מיט טאַטע־מאַמען, מיט די ברידער און שוועסטער ביי איין טיש, זען זיך מיט קרובים, מיט חברים — דאָס רופֿט זיך ביי זיי נאָכגעבן דעם יצר הרע. משוגעים, זאָג איך אייך, משוגעים! ווער ווייס וואָס פֿון זיי וועט נאָך ווערן?!

דער אויבערשטער שיקט נישט קיין פּרנסה

זיצט זיך שרה נפשיס (נאַפּשעס) אין קהילה־ביוראָ און וואַרט אויפֿן ראש הקהל יואל ראַזאָווסקי, ער זאָל הייסן סוראָוויטשן דעם סעקרעטאַר אויסצאָלן איר פֿאַר איר אַרבעט — מטהר זיין א מת, אַ פֿרוי. גייט צו איר צו אַ באַקאַנטער.

— גוט אָוונט, שרה, וואָס מאַכט איר, ווי איז די פּרנסה?

— נישט גוט, נישט גוט. דער מאַן איז, פֿאַר קיינעם געדאַכט, קראַנק און פֿאַרדינט נישט, און מיר, ברוך השם, שיקט נישט צו דער אויבערשטער קיין אָפּטע פּרנסה. ס׳איז נישט גוט.

משה בראָדערזאָן און פאַנשטיינס מיידלעך

משה בראָדערזאָן, דער באַוווסטער יידישער פּאָעט און דראַמאַטורג, איז אין יאָר 1915, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געקומען קיין ניעסוויזש, נאָך דעם ווי לאָדזש איז פאַרנומען געוואָרן דורכן דייטש. אַליין איז ער אַ געבוירענער אין מאָסקווע, נאָר ער האָט זיך אין די קינדער־יאָרן דערצויגן אין ניעסוויזש, ביי זיינעם אַ זיידן.

איינגעשטאַנען איז ער אין פאַנשטיינס האָטעל. ביי פאַנשטיינען זענען געווען עטלעכע טעכטער, גאַנץ אינטעליגענטע, געענדיקט מינע ראָזענבערגס 4 קלאַסיקע מיידל־פּראָגימנאַזיע.

משה בראָדערזאָן איז דאַן געווען אַ יונגער שיינער בחור, כאָטש אַ געלער. **פאַרברענגענדיק** מיט פאַנשטיינס מיידלעך, פלעגט ער זיך וויצלען און דעקלאַמירן זיינע אימפּראָוויזירטע לידלעך, זענען פאַנשטיינס מיידלעך, וועלכע זענען געווען זייער דאַרינקע, פּשוט הויט און ביינער, צוגעשטאַנען איין מאָל צו בראָדערזאָנען, ער זאָל מיניה וביה פאַרפאַסן אַ ליד. בראָדערזאָן איז נישט געווען אַזוי גוט געשטימט, האָט ער נישט געוואָלט. אָדער די מוזע האָט אויף אים דאַן נישט גערוט. נאָר אַזוי ווי פאַנשטיינס מיידלעך זענען זייער צוגעשטאַנען און נישט געלאָזן אים צו רו, האָט ער זיי צוליב געטאָן און באַלד אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

> ס׳גייען שטעקלעך,
> אויף די שטעקלעך קליידלעך.
> אין די קליידלעך —
> פאַנשטיינס מיידלעך...

צינערינע, גיט מיר פאַר אַ דרייערל סעמענורע

דעם זעלטן דאָפּלטן נאָמען פון אַפּטייקער שמעון אורי גאָלדבערג האָבן נישט אַלע געקענט פאַרשטיין, בפרט, אַז מען האָט אים גערופן נישט שמעון אורי, נאָר סעמענורע (אין אַ סך פאַלן פלעגט מען אין ניעסוויזש אויסרעדן דעם שין אַלס סמך).

האָט איינער געשיקט זיין נישט גערוטענע טאָכטער צו שמעון אורין אין אַפּטייק קויפן פאַר אַ דרייערל ריצינאייל), קומט זי אַריין אין אַפּטייק, גייט צו צום אַפּטייקער און זאָגט: „צינערינע, גיט מיר פאַר אַ דרייערל סעמענורע". (אַ „דרייערל" איז 3 גראָשנס, אָדער אַנדערהאַלבן קאָפּיקעס)...

דאס אלץ געהערט צו דער פארגאנגענהייט

רחל יאַסינאָווסקי

אַזאַ איז פאַרבליבן אין מיין זכרון די שטאָט: אַרומגערינגלט מיט וועלדער, ווו אַלטעביימער האָבן געהאַט צו דערציילן אַ סך סודות; אויבסט־סעדער און גרינוואַרג־גערטנער; קליינע הייזער מיט קוימענס פון וועלכע ס׳האָט ווינטער זיך געשלענגלט אַ רויך, אויב ס׳איז נאָר געווען מיט וואָס צו הייצן און צו קאָכן.

פון איין זייט האָט זיך געצויגן דער וואַלד מיט זיינע שפּילקעס־ און בלעטער־ביימער, באַדעקט ווינטער מיט דער שניי־ווייסקייט און זומער האָבן דאָרט געגנעסטיקט אַ וועלט מיט פייגל. צופוסנס פון די ביימער — גרינער מאָך אַרום וועלכן עס זענען געוואָקסן און צניעותדיק זיך באַהאַלטן שוואַרצע און רויטע יאַגאָדעס, ווי אויך פאַרשידענע מינים שוואָמען.

אויף אַ צווייט אָרט איז זיך געשטאַנען דער פּאַלאַץ פון פירשט ראַדזשיוויל. די אָזערע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָסע און אַ בריק. דאָרט זענען געוואָקסן אייגנאַרטיקע ביימער און בלומען אין אָראַנזשעריעס — פיאָלקעס און פאַרגעס־מיך־נישט וואָס פלעגן זיך צעבליען אין אָנהייב פרילינג. אַ קאַשטאַנעס־אַלייע האָט אין האַרבסט באַגילדט דעם גאַנצן וועג.

פון דער דריטער זייט האָט די שטאָט פאַרמאַכט די אַלבאַ, פול מיט חיות און פיש אין דער אָזערע. די ווייסע שוואָנען זענען יעדער באַגינען געשווימען אויפן וואַסער און זיך באַגריסט מיטן שלאָס. פון דער פערטער זייט — דער שאָסיי קיין האָראַדזיי, אויף וועלכן מ׳איז מיט אַן אויטאָ געפאָרן צו דער נאָענסטער באַן־סטאַציע.

די הייזקעס זענען תמיד פול געווען מיטן טומל פון די קינדער, מיטן מיאַוקען פון די קעץ, מיטן אַרומפאָרען זיך פון די בעלי־ביתטעס.

*

איך געדענק די „תרבות"־שול ווו יידישע קינדער האָבן באַקומען זייער דערציונג; די מלוכהשע גימנאַזיע א. נ. פון וולאַדיסלאַוו סיראָקאָמלאַ — דער שטאָלץ פון אונדזער געגנט. דער ראָטהויז ווו ס׳זענען פאָרגעקומען פאַרוויילונגען און פאָרשטעלונגען; דאָס איינציקע קינאָ פון ה׳ זוסמאַן, ווו אונדז, שילערינס, איז זעלטן ווען דערלויבט געווען צו באַזוכן.

די אַלטע שול, די שניידערישע שול — דאָרט האָבן מיר פאַרברענגט אַ גאַנצן יום־כיפּורדיקן טאָג, געהאַלטן אין קעשענע אַן עפּעלע און דערלויבט זיך עס איינצובייסן ווי נאָר די ערשטע שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל און דער בעל תוקע האָט פאַרענדיקט בלאָזן שופר. דערנאָך איז מען שנעל אַוועק אַ היים, צו די יומטובדיק געדעקטע טישן מיט כל־טוב און אַ זידנדיקער סאַמאָוואַר האָט געוואַרט אויף די אויסגעהונגערטע פון תענית. געפילטע פיש, אַ געשמאַקע זופּ, פליייש, טיי מיט האָניק־לעקעך...

*

דאָס אַלץ געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ס׳האָט אָן רחמנות אָפּגעווישט דער היטלעריזם. די גאַסן מיט די 5000 יידישע איינוווינער זענען אומגעקומען, צוזאַמען מיט די שולן און בתי־מדרשים ווו מ׳האָט געדאַוונט; די געוועלבער אין וועלכע עס זענען אין די קאַלטע ווינטער־טעג געזעסן אַ גאַנצן טאָג פרויען איבער וואַרעם־טעפּ און פאַרקויפט פאַרשידענע סחורות.

איך געדענק דעם ברונעם צו וועלכן מ׳איז געגאַנגען שעפּן וואַסער. ווינטער איז אַרום דעם אָרט אַלץ געווען פאַרפרוירן און מען פלעגט זיך אויסגליטשן מיט פולע עמערס.

איך געדענק די אַלע היימען ווו מ׳האָט געטרוימט און געוועבט שיינע פלענער פאַר דער צוקונפט...

היינט איז אַלץ פאַרברענט און חרוב. בלויז צוויי ברידער־קברים זענען געבליבן — איינער אין ראַדזשיווילס פּאַלאַץ, דער צווייטער אינעם ליים־גרוב ווו ס׳זענען אומגעקומען טויזנטער ניעסוויזשער יידן און אַפילו אַ דענקמאָל צי אַ שטיין איז דאָרט נישטאָ...

דערינערונגען פון ניעסוויזש

אהרון יאַסינאָווסקי

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ניעסוויזש איז פאָרגעקומען אין האַרבסט 1909, ווען איך בין גערופן געוואָרן אין מיליטער־דינסט אין דער 40סטער אַרטילעריע־בריגאַדע, וואָס האָט דאָרט סטאַציאָנירט. היות ווי איך האָב גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָט מיך דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע־בריגאַדע, פּאָלקאָווניק פעסטאָוו, באַשטימט אַלס שרייבער אין זיין קאַנצעלאַריע. (אין יענער צייט איז געווען אַ זעלטנהייט צו באַשטימען אַ יידישן רעקרוט אַלס שרייבער אין אַ מיליטער־איינהייט, דערצו ביי דעם פּאָלקאָווניק פעסטאָוו).

א

מיינע ערשטע באַקאַנטשאַפטן מיט די ניעסוויזשער יידן זענען געווען אַמטלעכע. דער פּאָלקאָווניק פלעגט מיך שיקן אָפט אונטערשרייבן חשבונות ביי גאָלדינען. אין קאַנצעלאַריע פלעגט אויך אַריינקומען דער פּאָדריאַטשיק כאַלפין און זיין איידעם זאובער. זיי האָבן צוגעשטעלט פאַר דער בריגאַדע פלייש, תבואה, פאַשע און אַנדערע פּראָדוקטן.

אין יענער צייט האָב איך זיך אויך באַפריינדעט מיט דעם הער אייזנשטאַדט און זיין פרוי און מיטן אַלטן קאַפּלאַן, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט פון שרייב־געצייג. איך פלעג טאַקע ביי אים קויפן פאַר דער קאַנצעלאַריע פאַרשיידענע שרייב־מכשירים.

עד היום איז מיר איינגעקריצט אין זכרון די געשטאַלט פון מיין פרויס פעטער, ר׳ בענטשע גאָלדין ז״ל. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער עסקן אין שטאָט, שטענדיק געזאָרגט פאַר די ניעסוויזשער יידן. מיר דערמאָנט זיך די סדרים, וואָס ער פלעגט איינאָרדענען פאַר די יידישע סאָלדאַטן אין דעם סקלאַד פון האָלץ ביי זיין ברודער פייווע גאָלדין. איין מאָל איז אַפילו צו אַזאַ סדר איינגעלאַדן געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל ראָמאַנאָווסקי פון מינסק. אויף דעם סדר האָט אים באַגריסט אין רוסיש, אין נאָמען פון די יידישע סאָלדאַטן, אַ יידישער זעלנער. דער גענעראַל האָט אים דאַן אַ קוש געטאָן אין שטערן. צו מאָרגנס האָבן זיך די רוסישע צייטונגען ברייט צעשריבן וועגן דעם אנטייל פונעם גענעראַל ראָמאַנאָווסקי אין אַ סדר־פּסח און האָבן אים אָנגערופן: „זשידאָווסקי גענעראַל”.

אויסנוצנדיק מיין פּאָזיציע אַלס שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע, פלעג איך טאָן אַ סך טובות די יידישע סאָלדאַטן. איך פלעג אויף אייגענער אחריות אויסשרייבן באַפרייאונג־שיינען אויף די יום־טובים און יידישע סאָלדאַטן פלעגן אַ דאַנק די „פּראָפּוסקן” געמיטלעך פאַרברענגען ביי די ניעסוויזשער בעלי־בתים אין די יום־טוב טעג.

ב

אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אין רעוואָלוציאָ־



יידישע סאָלדאַטן פון 27סטן קאַוואַלעריע־פּאָלק, איינגעלאַדן אויף פּסח אין יאָר 1925 פון די „תפארת בחורים”, בראש מיטן רב פון שטאָט הרב ירחמיאל בורגמאַן און ראש הקהל ר׳ יואל ראָזאָווסקי.

הכנסת אורחים בחג הפסח 1925, ע״י „תפארת בחורים” — לחיילים יהודים מגדוד הפרשים ה־27, שחנה בניסביז׳.

שורה ראשונה (מימין לשמאל): זלמן שפריס, חיים ברזין, לייבה פרפל, יהושע קרבץ, מרדכי מנדלביץ׳, יואל רוזובסקי, הרב ירחמיאל בורגמן, סמל ישראל הורנקריג, זרצקי, ... , יוסף ליפובסקי, יהושע בשינקביץ, יהודה גבריאלוב, מיכאל קוריצקי. שורה שניה — ראשון מימין: יעקב בלומס, קיצוני . . . . . , שורה שלישית: ראשון מימין — ישראל בשנקביץ, קיצוני — פייבל זייץ. (צילום: משה פאַיאַנס).



די קאַזאַרמעס אויפן נאָמען פון די הייליקע בערנאַרדינער, אויף דער פאַרנער גאַס. פון ווייטן זעט זיך דער קלויסטער.

הקסרקטין ע״ש הברנרדינים שברחוב פרנה. ברקע — הכנסיה הקתולית.

נערן קאָמיטעט (רעווקאָם), וואָס האָט זיך דאַן געפונען ביי סווידען אין מזיער. צו יענער צייט האָבן די יידן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט אין שטאָט. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פון ראַדזשיווילס פּאַלאַץ און אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַדמיניסטראַציע, געווען אויך דער פאַראַנט־וואָרטלעכער פאַר ראַדזשיווילס אַרכיוו, ביבליאָטעק, מוזעום, ביל־דער־גאַלעריע און אַנדערע קונסט־זאַכן, וואָס האָבן זיך אויפ־געהיט אין משך פון דורות אין יענעם פּאַלאַץ. אַ חוץ דעם בין איך אויך געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַלע מילי־טערישע פּאָסטנס אַרום דעם „זאַמעק״.

ג

אין דער צייט פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות, בין איך געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון „טאָז״ און צוזאַמען מיט לייבל אייזענבוד, איטשקע בערקאָוויטש בין איך געוואָרן אויסגעקליבן אין בייראַט ביי דער יידישער קהלה. כ׳פלעג זיין אַנטציקט פון לייבלס אַרויסטרעטונגען אויף די זיצונגען פון דער „טאָז״־פאַרוואַלטונג און אין דער קהילה. זיינע רעדעס האָבן געווירקט איבערצייגנדיק.

באַזונדערס זענען ווערט פאַרצייכנט צו ווערן לייבלס אויפ־טוען פאַר דער פּרעכטיקער קינדער־קאָלאָניע פון „טאָז״, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן בנין אין „מיעשטשאַנסקי וואַלד״, ווי אויך זיינע אויפטוען אַלס בויער און פאָרזיצער פון דער יידישער פאָלקס־שול אין ניעסוויזש.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען דעם ד״ר יעקב גינזבורג, וואָס האָט פיל אויפגעטאָן פאַרן „טאָז״.

צוזאַמען מיט איטשע שטשעפּרוזשיצקי, פלעג איך גיין אויפמאָנען דעם מיטגליד־אָפּצאָל ביי די ניעסוויזשער בעלי־בתים פאַר דער „טאָז״־געזעלשאַפט.

ד

היות ווי די פּאָהולאַנקער האָבן געהאַט „שטעט״ אין בית־מדרש נאָענט צום רב ירחמיאל בורגמאַן ז״ל פלעגט מיר אָפט אויסקומען אַריינגיין צום רב אין שטוב וועגן פאַרשיידענע אָנגע־לעגנהייטן. דער רב איז געווען זייער באַליבט אין שטאָט. אַ גרויסער למדן און בקיא אין קבלה. טראָץ זיין גרויסן אויטאָ־ריטעט אין שטאָט און אין דער סביבה, איז ער געווען זייער באַשיידן און צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם. די טראַגעדיע מיט זיין טאָכטער שיינדל האָט אים פריצייטיק פאַרקירצט זיין לעבן.

מיר דערמאָנט זיך אויך די געשטאַלט פון ר׳ בענטשע איינ־בינדער, וואָס פלעגט אין די שבתים און יום־טובים דאַווענען



באַשפּייזונג פון נויטבאַדערפטיקע קינדער דורך דער געזעלשאַפט „טאָז״ אין ניעסוויזש. (18.5.1926). (פאָטאָ: נ. כאַיוטין).

הזנת ילדי נזקקים ע״י ארגון הבריאות „אורט״ בקייטנת־קיץ (18.5.1926). (צילום: נ. חיותין).

ביים עמוד. באַזונדערס האָבן אים ליב געהאַט די קינדער. יעדן פון זיי האָט ער נאָך דער הבדלה צוגעטראָגן זיסוואַרג און גע־מאַכט אַ ברכה איבער זייערע קעפּלעך.

אין די שבתים פלעג איך אָפט דאַווענען מיטן ערשטן מנין אין בית־המדרש, ווו דער בעל־קורא איז געווען ר׳ אהרן דער שוחט ז״ל. אַ טייערער, בכבודיקער ייד. ער פלעגט מיך אָפט מכבד זיין מיט אַן עליה און מפטיר.

ה

בעתן סאָוויעטישן פּעריאָד אין ניעסוויזש, בין איך, צוערשט, געווען רעקאָמענדירט דורך אַ מינסקער ייד, גאַרבער, אַלס פאַר־וואַלטער אין קראַשעווסקיס מיל און דאָרט אָפּגעאַרבעט עטלעכע חדשים.

איין מאָל, אין אַ ווינטער־טאָג, זענען געקומען צו פאָרן אין מיל ליאָלע גאָלדין מיטן פאָרזיצער פון שטאָטישן סאָוויעט סאַווינקאָוו און מיר פאָרגעלייגט צו ווערן סעקרעטאַר פון גאָר־סאָוויעט (היות איך בין געווען איינער פון די ווייניקע אין שטאָט, וואָס האָבן באַהערשט די רוסישע שפּראַך און געהאַט אַ „גוטן עבר״).

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָב איך אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט און הילף פאַר די הונדערטער פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין ניעסוויזש. נאָך דעם ווי מ׳האָט דעם פאָרזיצער פון גאָרסאָוויעט, סאַווינקאָוו, אַרעסטירט, האָב איך געהאַט אין מיינע הענט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, ווייל אַלס סעקרע־טאַר האָב איך אויך אויסגעפירט די פונקציעס פון דעם פאָר־זיצער, וואָס האָט באַדייט — פאַקטישער באַלעבאָס אין שטאָט. איך האָב די פּליטים באַזאָרגט מיט דירות, מיט אַרבעט, פּאַס־פּאָרטן און זיי געטאָן פיל טובות.

אין יענער צייט זענען פאָרגעקומען פיל אַרעסטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ניעסוויזש און אין אַרומיקע שטעט־לעך. באַזונדערס האָט מען אַרעסטירט די יידישע פּליטים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. איך האָב דאַן אַנטוויקלט אין ניעסוויזש אַ גרויסע הילפס־אַרבעט פאַר די פּליטים, זיי אויפגעקלערט וואָס עס דראָט זיי אין פאַל, אויב זיי זאָגן זיך אָפּ צו נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט — און מיר איז געלונגען זיי איבערצוצייגן. כמעט אַלע פּליטים האָבן גענומען די פּאַספּאָרטן און אַזוי אַרום אויסגעמיטן אַרעסטן און די געפאַרן פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

אין דער אַרבעט האָבן מיר געהאָלפן: רישא שמערקאָוויטש, ליאָלע גאָלדין, ליזע ווסעלובסקאַ, מיישקע „הינדעלע״ (זיין פאַ־מיליע האָב איך פאַרגעסן) און איטשקע קאַטשאַנאָווסקי.

ו

בעת ס׳איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה, איז ליאָלע גאָלדין מיט זיין שוועסטער ליזאַ און זייער גאַנצער משפחה אַרויסגעפאָרן אויף אַ פור פון ניעסוויזש. אָבער אויפן וועג איז קראַנק געוואָרן ליאָלעס קינד, האָבן זיי זיך צוריק־געקערט און זענען שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ניעסוויזשער יידן. איך האָב זיך דאַן אויך געווענדעט צו מיין זון יעקב־דוד לעווין, אַז ער זאָל קויפן אַ פערד־און־וואָגן און



טאָג־היים פאַר קינדער־דערנערונג ביי דער געזעלשאַפט „טאָז״.

פון רעכטס צו לינקס: בנימין טונקער; לינקס — די דערציעריןביילקע גאַבריאַלאָוו. (פאָטאָ: נ. כאיוטין).

מעון־יום של ילדים ליד ארגון הבריאות „טאז״. מימין לשמאל: בנימין טינקר, שלישית: ביילקה גבריאלוב. (צילום: נ. היותין).

אַנטלויפן פון היטלערן. כ׳האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל פאָרן מיט מיר צוזאַמען. האָט ער מיר געענטפערט, אַז נישט אַלעמען הרגעט היטלער.

ס׳זענען געווען פיל ניעסוויזשער יידן, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו דעם. איך געדענק, אַז דער קאָזשימער רב ז״ל האָט אין בית־המדרש געוואָרנט די יידן, אַז טאָמער די דייטשן וועלן דערגיין צו ניעסוויזש, זאָל מען אַנטלויפן צו דער גרענעץ, אַפילו צופוס. ליידער, האָט מען דעם רבס וואָרענונג נישט געהערט.

יענטל לעווין, אויס שנאה צו די סאָוויעטן, האָט געמיינט אַז די דייטשן וועלן זיין בעסער פאַר די רוסן און זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיט אונדז. אַ שאָד, וואָס אין דעם לעצטן טאָג פאַר׳ן פאַרלאָזן ניעסוויזש, האָב איך נישט געזען בערקע לובעצקי — אפשר וואָלט איך אויף אים געווירקט ער זאָל פאָרן מיט מיר.

זכרונות פון א בונדישן וועטעראן

שמעון געצאָוו

איך בין געבאָרן אין ניעסוויזש. מיין טאַטע איז געווען אַן אָגראָדניק (גערטנער). נאָך מיין טאַטנס טויט האָב איך זיך נאָר געלערנט אין די חדרים, שפּעטער אין דער שטאָטישער רוסישער אוטשילישטשע, אָבער צו 12 יאָר האָבן מיר זיך אַרויסגעקליבן אין מינסק. דאָרט איז מיר געווען שלעכט.

איך גיי אַוועק לערנען און אַרבעטן. הונגער און קלעפּ. אין עלטער פון 15 יאָר ווער איך אַריינגעצויגן אין דער אומלעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אין „בונד״ און ווער אַקטיוו. אין יאָר 1903 ווער איך אַרעסטירט פאַר פאַרשפּרייטן בונדישע פּראָקלאַמאַציעס וועגן קישיניעווער פּאָגראָם. איך ווער מערדערלעך געשלאָגן אין דער פּאָליציי און אַרעסטירט אין מינסק. אין אַ יאָר אַרום קומט אָן דער אורטייל. נאָך דעם אָפּזיצן דאָס יאָר שיקט מען מיך צוריק אין מיין געבורט־שטאָט ניעסוויזש צו מעלדן זיך אַלע וואָך צום „נאַדזיראַטעל״ (פּאָליציי־קאָמיסאַר). אַזוי האָב איך געדאַרפט זיין אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט דריי יאָר.

פאַר דער צייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט די אָרטיקע טוער פון „בונד״. איך בין געווען אין ניעסוויזש 2 חדשים. אויף מיין פאַרלאַנג צו גרינדן אַ ביבליאָטעק פון יידישע ביכער, האָט מען גלייך געזאַמלט געלט. דאָס איז געווען אין וואַלד, זומער 1904. איך בין געפאָרן קיין מינסק אויף עטלעכע טעג און געקויפט ביכער.

אָנהייב אויגוסט פאַרלאָז איך ניעסוויזש אומלעגאַל און פאָר צוריק אין מינסק. איך ווער ווידער אַקטיוו אין „בונד״. אין 1905 ווער איך אַרעסטירט פאַר אָנפירן מיט אַן אַרבעטער־קרייז. עס קומען די אָקטאָבער־טעג פון 1905. איך ווער באַפרייט אַ דאַנק דער אַמנעסטיע. אין מינסק בין איך אַן אָנפירער פון אַ „באָיעוואָי אָטריאַד״ פון דער בונדישער זעלבשוץ. די גאַנצע צייט שטיי איך אין פאַרבינדונג מיט ניעסוויזש. איך פיר אַהין געווער, ליטעראַטור און רעדנערס.

אין דער באַוועגונג אין ניעסוויזש זענען געווען טעטיק די איזראעלס, מאָזעס, בערל און מענדקע איזראַעל, חוה ליפשיץ, יודל ראַוואָן, בערטע מישקאָווסקי. בעת דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין 1905 קום איך קיין ניעסוויזש. אויך דאָרט דערקלערט מען אַ שטרייק. מיר רייסן איבער די טעלעגראַפישע דראָטן מיט סלוצק און מינסק. אין דעצעמבער 1905 באַשליסן מיר, אַז מיר דאַרפן האָבן געווער פאַר מינסק און מאָסקווע. די ניעסוויזשער טוערס האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט עטלעכע סאָלדאַטן פון אָרטיקן גאַרניזאָן. צום ערשט האָט מען גענומען אַ צאָל ביקסן, רעוואָלווערן און קוילן. דאָס האָט געטאָן אַ יידישער זעלנער, נאָכן אַראָפּנעמען דעם סטעמפּל פון טיר, ווען ער פלעגט זיין אויף קאַראַול. מיר האָבן אַרויסגענומען נאָענט צו 200 ביקסן און אַ גרויסע צאָל קוילן און רעוואָלווערן.

איך קום ווידער פון מינסק, זען צו מען קען נעמען נאָך געווער. איך קום צו יודל ראַוואָן. ער שטייט איין ביי באָראָזינערן אין גאָסטיניצע (גאַסט־הויז). עס איז ווינטער. אין גאַס ליגט אַ שניי. ס׳איז נאָענט צו 12 ביינאַכט. מיר וואַרטן אויף צוויי אָרטיקע בחורים. עטוואָס איינגעדרעמלט, הערן מיר געשרייען פון גאַס: „ספּאַסאַי! ראַטעוועט!״ איך און יודל לויפן אַרויס אין גאַס. איינער פון די אויף וועמען מיר האָבן געוואַרט, ליגט אויף דער צווייטער זייט גאַס. דריי סטראַזשניקעס שלאָגן אים מיט די ביקסן. מען וויל אים אַרעסטירן. וואָס קען מען טאָן? איך בין נישט באַוואָפנט, דאָס זעלבע — יודל ראַוואָן. איז מיך באַפאַלן אַ שרעק, נאָר צו די סטראַזשניקעס האָב איך אַ געשריי געטאָן: „איך וואַרף אַ באָמבע!״ ס׳איז פאַר זיי געווען אַזאַ איבעררראַשונג, אַז זיי האָבן זיך אומגעקוקט און געוואָרן צעטומלט. דערווייל איז דער וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן. אויך איך מיט יודלען האָבן זיך געלאָזן לויפן. איך האָב גלייך דערהערט שאָסן און זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ הויף לעבן פּיוראַניעס הויז. איך בין געווען אָן אַ היטל און פּאַלטאָ. יודל האָט מיך געפונען און געזאָגט, אַז אין צווייטן הויף וווינט הירשל נאָטע אייזנבוד, זיין טאָכטער פייגעלע איז אַן אונדזעריקע, וואָס וועט אונדז העלפן. דעם באָראָזינערס טאָכטער, רבקה, האָט געבראַכט אַהין מיינע זאַכן.

מיט אונדזער קליין ביסל געווער איז מען געווען מאַכטלאָז. איך בין די גאַנצע צייט פאַרבונדן מיט ניעסוויזשער חברים. אַ ניעסוויזשער בונדיסט מיטן נאָמען יודל ראובן סטאָליע־ האָט מיר דערציילט, אַז עטלעכע סאָלדאַטן וועלכע ער קען, האָבן אים פאַרגעשלאָגן ביקסן, רעוואָלווערן און אַמוניציע. האָב איך פאַרהאַנדלט מיטן קאָמיטעט פון „בונד״ וועגן פינאַנסיעלע מיטלען. עס ווערט באַשטימט, אַז איך און דער חבר נח קאַזאַנאָוויטש דאַרפן דורכפירן די „טראַנזאַקציע״.

ווען אין מינסק איז געווען מיליטערישער צושטאַנד און אין אָוונט האָט מען זיך נישט געקענט באַווייזן אין גאַס, האָב איך און נאָך בונדיסטן געמוזט פאַרלאָזן מינסק.

איך קריג אַ פאַלשן פּאַספּאָרט און לאָז זיך אין וועג אַריין. איך באַזוך פיל שטעט און בלייב אין ווילנע. איך געפין אַרבעט ביי אַ זאַגאַטאָווטשיק. איך שליס זיך אָן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע און ווער אַ מיטגליד פון דער בונדישער קאַמפּס־גרופּע. איך לעב אומלעגאַל — ביז עס דערגרייכט מיך די צאַרישע פּאָליציי.ביים אַרעסטירן שטעל איך אַ ווידערשטאַנד. מען צעהאַקט מיר דעם קאָפּ מיט רעוואָלווערן און אַ צעבלוטיקטן ברענגט מען מיך אין דער פּאָליציי. דאָרט שלאָגט מען ווידער. צומאָרגנס פירט מען מיך אַוועק אין דער לוקישקער טורמע אין ווילנע. עס דויערט איבער 21 חדשים אויף צו זאַמלען אַלע מיינע „זינד״. ענדלעך קומט דער טאָג פון פּראָצעס. מיין אַדוואָקאַט איז אַ באַוווּסטער אין ווילנע, אַ געוועזענער „גאָלאָוואַ״ פון שטאָט, דעפּוטאַט פון דער צווייטער גאָסודאַרסטווענאַ־דומע. אָבער דער אורטייל איז 4 יאָר קאַטאָרגע און דערנאָך לעבן אין סיביר. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער טוט מען מיר

אַן קייטן אויף די פיס. דורכגעגאַנגען אַ צענדליק טורמעס — און איך קום אָן אין ווייטן סיביר. נאָר דאָס איז שוין אַ צו לאַנגע געשיכטע צו דערציילן.

אָפּגעקומען מיינע פיר יאָר, מיין וווין־אָרט איז אין אַ דאָרף, אין דער טייגע. דאָס לעבן איז שווער. איך באַשליס צו אַנטלויפן. עס גיט זיך מיר איין. איך קום אָן קיין מינסק. חברים העלפן מיר. געהיימערהייט כאַפּ איך זיך אַראָפּ אין ניעסוויזש, זען מיין מאַמען און שוועסטער. דאָס איז געווען סוכות־צייט, אין יאָר 1913. אָבער די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט. איך לויף קיין מינסק, פון דאָרט העלפט מען מיר פאָרן קיין וואַרשע און דערנאָך — צו דער דייטשער גרענעץ. איך קום קיין אַמעריקע.

דאָס לעבן איז דאָ געווען שווער, מ׳האָט אָפט געהונגערט. די פאַרדינסטן — 5 דאָלאַר אַ וואָך. איך הייראַט. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער שטאַרבט מיין פרוי און נאָך דעם ווער איך ערנסט קראַנק. נאָר אַ דאַנק דעם מינסקער ברענטש פון אַרבעטער־רינג — ראַטעוועט מען מיך אָפּ.

אין אַלע אַקציעס פאַר ניעסוויזש האָב איך גענומען אַן אָנטייל: פאַר די שולן, פאַר די באַדערפעניש פון דער קהילה.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און שפּעטער

יהודה לעקער

„תפארת בחורים"

סוף 1914 האָט אין ניעסוויזש זיך געגרינדעט די חברה „תפארת בחורים". די גרינדער זענען געווען די ברידער יהושע און ישראל־פּרץ באַשינקעוויטש און די צוויי אַקטיווע מיטגלידער צבי נטע קונאָווסקי און יעקב אַנדרוסיער. זייער פּראָגראַם — אַ ריין רעליגיעזער. מ׳האָט געלערנט יעדן טאָג, צווישן מנחה און מעריב, די פּרשה חומש און אַ ביסל שולחן ערוך. נאָכן לערנען האָבן מיר געדאַוונט מעריב. יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער מיטגליד געדאַוונט פאַרן עמוד. שבת האָבן מיר געדאַוונט ביי פּרץ באַשינקעוויטש אין הויז, מיט אַן אייגענעם מנין. נאָך מיטגלידער וועלכע איך געדענק: בנימין יעווועלעווסקי, אהרן העלער און הערצל בלומעס (געשטאָרבן אין אַרגענטינע).

עס איז געווען די ערשטע וועלט־מלחמה. עטלעכע חברים זענען מיט דער צייט מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. מיר יידן זענען געווען אין אַ געדריקטער שטימונג צוליב די מפּלות פון רוסישן מיליטער אויף די פראָנטן. מען האָט אונדז געהאַלטן פאַר שפּיאָנען לטובת דעם דייטש. אין אַזאַ שווערער צייט האָט אונדזער חברה געהאַט גרויס דערפאָלג צווישן יידישע בחורים. דער גרינדער פון „תפארת בחורים", יהושע באַשינקעוויטש, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ בעל־תשובה און זיך פאַרלאָזן אַ באָרד.

איין מאָל האָט מיט אונדז פּאַסירט אַזאַ פאַל: אין יאָר 1916, אין רעכטן ברען פון קריג, ווען אַלע אונדזערע מיטגלידער זענען שוין געווען אויף די פראָנטן, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון ישראל באַשינקעוויטש, אין וועלכן ער האָט באַשריבן די שוידערלעכקייטן פון דער מלחמה. זיין ברודער יהודה האָט אונדז צוגערעדט, אַז מיר זאָלן גיין אויפן בית־עולם און אַ גאַנצע נאַכט זאָגן דאָרט תהילים. פאַר אונדז, יונגטלעכע, האָט דאָס אויסגעזען, ווי מען וואָלט אונדז איינגעלאַדן צו גיין אויף אַ פּיקניק. אין אַ זומערדיקן אָוונט זענען מיר אַוועק אויפן בית־עולם. פּלוצלונג איז אָנגעקומען די פּאָליציי און מען האָט אונדז אַלע פאַרנומען אין „חד גדיא". אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון אהרן גאָלדין זענען מיר באַפרייט געוואָרן.

נייע ווינטן...

אין יענער צייט, אין 1917, מיטן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, האָט אונדזער חברה אָנגעהויבן צו ווערן שוואַכער. אונדזער אַקטיווסטער מיטגליד, צבי נטע קונאָווסקי, האָט אָנגעהויבן רעוואָלטירן קעגן רעליגיע. בכלל האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע, פרייע ווינטן. מיר פאַרשרייבן זיך אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, גייען אויף מיטינגען און לייענען ביכער. אַלע האָבן דעמאָלט דיסקוטירט צווישן זיך און מען האָט געהאָפט, אַז עס וועלן אָנקומען גאָר אַנדערע בעסערע צייטן.

איך געדענק אַזאַ פאַל: איך האָב געזען אויפן מאַרק צוויי יידן דיסקוטירן צווישן זיך שטאַרק. איינער פון זיי איז געווען וועלוול גאַך, אַן אייגנטימער פון אַ סאָדע־וואַסער פאַבריק, דער צווייטער — אַלטער וואָנס (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט גרויסע וואָנסעס, פון פאַך איז ער געווען אַ שוסטער). אַלטער האָט געהאַלטן פאַרן קאָמוניזם און וועלוול איז געווען קעגן. אין מיטן זייער דיסקוטירן איז אָנגעגאַנגען אברהמ׳קע דער קאַלכער, אַ ריז, וועלכער האָט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן: געקאַלכט הייזער, געגראָבן קברים, גערייניקט קלאָזעטן. „אָט זעסטו" — רופט זיך אָן וועלוול גאַך צו זיין קעגנער, אַלטער וואָנס — „מיט דעם אברהמ׳קען קענסטו שוין מאַכן קאָמוניזם, דו וועסט אים אויפנייען אַ פּאָר שטיוול, וועט ער דיר מאַכן אַ קבר".

די טראַגעדיע פון דעם פייערלעשער־אָרקעסטער

צבי נטע קונאָווסקי איז געווען אַ פעיקער, אַנגעלעזענער בחור. ח״ץ דעם האָט ער געשפּילט אויף קלאָרנעט אין דער ניעסוויזשער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע. דאָרט זענען געווען אַ סך יידישע שפּילערס. אין 1919 האָט מיט זיי פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק. קיין ניעסוויזש איז דאַן אָנגעקומען אַ גרענעץ־פּאָלק פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אָרקעסטער, האָבן זיי אָנגעשלאָסן צו זיך אַלע אונדזערע מוזיקאַנטן. אין 1920 איז דער דאָזיקער אָרקעסטער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די פּאָלאַקן. די פּאָלאַקן האָבן געהייסן אַלע יידן אַרויסטרעטן פון דער ריי און זיי האָבן זיי געשאָסן אויפן אָרט. צוויי ניעסוויזשער יידן האָבן זיך געראַטעוועט פון דער דאָזיקער שחיטה: איציק סאָלנצע, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ קריסט, איז נישט אַרויסגעטראָטן פון דער ריי און אָנגעגעבן אַ פּוילישן נאָמען. דער צווייטער איז געווען אברהם יעווועלעווסקי, אַ זון פון מרדכי דעם מאָלער. ער איז דאַן געפאַלן אַ פאַרוווּנדעטער. ווען מ׳איז געקומען באַערדיקן די טויטע, האָבן זיי באַמערקט, אַז ער אָטעמט. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, ווו מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט. איך האָב אים שפּעטער געטראָפן אין דער היים, ווו ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט.

די נעמען פון יענע געפאַלענע זענען: צבי נטע קונאָווסקי, די ברידער לייבע און שמערל עפראַימסקי, אברהם ליפשיץ (זון פון מאָטע ליפשיץ, וואָס האָט פאַרקויפט געהילץ), יעקב טייבעטשקעס פון וואָל, וואָס האָט פאַרקויפט פרוכט.

זאָלן מיינע שורות דינען פאַר זיי ווי אַן אייביקער מאָנומענט, ווייל זיי זענען דאַן געפאַלן ווי יידישע מאַרטירער — און נישט ווי רויטאַרמייער.

אין יענע טעג

שלמה דמשק

3 קאַפּיטלען פונעם בוך „אין יענע טעג" פון שלמה דמשק (פאַרצייכענונגען און בילדער פון מיין היימשטאָט ניעסוויזש). אַרויסגעגעבן פון תּלמידים און פריינד. ניו־יאָרק, תשי"א, 1950, 160 ז"ז.

די קאַלטע שול

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין ליבן תּלמיד, דער קדוש שאול פרידשטיין, הי"ד.

העכער פון אַלע הייזער אַרום און העכער פון אַלע שולן, בתּי־מדרשים און קלויזן אויפן שול־הויף, איז געווען דער בנין פון דער קאַלטער שול.

אַ גרויסער, חרבותדיקער בנין איז עס געווען, מיט אונטער־שטיבלעך און אויבערשטיבלעך.

די קאַלטע־שול איז געווען אַנדערש פון די איבעריקע שולן אין שטאָט, סיי מיטן אויסערלעכן אויסזען און סיי מיט איר אינעווייניקסטער געשטאַלט.

די קאַלטע שול האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע שולן אויך מיט געוויסע ספּעציעלע מנהגים, וואָס זענען דאָרט געווען איינגעפירט.

אַ געמויערטער בנין פון נאָענט צו דריי שטאָק די הייך איז געווען די קאַלטע שול. די ווענט פון דרויסן זענען געווען געטאַרקעוועט און אָפּגעפאַרבט מיט אַ גאָלדיק־געלבלעכער פאַרב. די מזרח־און־צפון־ווענט זענען פון דרויסן געווען געשטיצט פון מאַסיווע־פעסטע געמויערטע זיילן, ברייטערע פון אונטן ביי דער ערד און שמעלערע אין דער הויך ביי די קאַרניזן.

די זיילן האָבן דער קאַלטער שול צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ פעסטונג.

צווישן אָט די זיילן האָבן זיך געפונען די פענצטער, וואָס האָבן פאַרנומען מער ווי אַ העלפט פון דער הויך פון די ווענט. יעדער פענצטער איז באַשטאַנען פון אַ גאַנצער נעץ פון דינע ציַנענע רעמלעך, אין וועלכע שמאָלע, לאַנגלעכע שייבלעך זענען געווען אַריינגעשטעלט. די שייבעלעך זענען געווען פון רויטע, ברוינע בלויע און גרינע קאָלירן. און ווען די שטראַלן פון דער זון האָבן זיי באַרירט, האָט זייער אָפּשיין, אויסזעענדיק ווי אַ דינער שטויב, דורכגעזיפּט דורך אַ פיל־קאָלירטער זיפּ, — שע־מערירט אין חלל פון דער שול און פאַרכאַפּט און דערקוויקט דאָס אויג מיטן רעגנבויגנדיקן גלאַנץ.

אַזעלכע קאָלירטע שייבעלעך, נאָר האַלב־דורכזיכטיקע, זע־נען געווען אַריינגעשטעלט אויך אין די דאָפּלטע טירן פון גרויסן, לאַנגן פּאָליש פון דער קאַלטער שול.

אויף די אויבערשטיבלעך פון די פענצטער, האָבן פייגעלעך זייערע נעסטן געבויט און פויגל־געזאַנג און צווישטשעריי האָט מען שטענדיק געהערט ביים דאַווענען אין שול.

אויפן שפּיץ פון גרויסן משופּעדיקן דאַך, אויף זיין סאַמע מיטן, איז געווען אַרויפגעזעצט נאָך אַ קליין דעכעלע, ווי אַ מין פּירקאַנטיקע יאַרמלקע מיט פאַרשפּיצטע ברעגן ביי די זייטן.

אָט דער אויבערשטער דעכל האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ מין „הר־ההר" פון חומש, און אַזוי האָב איך אים גע־ווינטלעך גערופן אין מיין דמיון.

*

צוויי טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט פון פּאָליש אין שול אַריין, מקיים צו זיין דעם פּסוק אין תּהלים: „ממעמקים קראתיך ה'" (פון די טיפענישן רוף איך דיך, גאָט) *.

אויף דער מזרח־וואַנט, פון ביידע זייטן ארון־קודש, זענען געווען אויסגעמאָלט פון אַ קינסטלער־האַנט צוויי ריזיקע בייִ־מער: פון די צווייגן זענען געווען סקולפּטאָריש אויסגעקנאָטן הענגלעך פרוכט, אויסגעפאַרבטע אין גאָלד־קאָליר.

אויפן שפּיץ פון יעדן בוים איז געווען אויסגעמאָלן אַ בר־שאָל, שטייענדיק אין זיין נעסט אויף איין פוס. די פייגל האָבן אויסגעזען נאַטירלעך, לעבעדיק.

ווען כ'פלעג קוקן אויף די ביימער, האָב איך אָפט געטראַכט: וואָס האָט באַוועגט דעם אומבאַקאַנטן קינסטלער אויפצומאָלן אויף די ווענט פון דער קאַלטער שול אַזעלכע מיני געמעלן? האָט ער אין זינען געהאַט דעם פּסוק אין „ברכי נפשי" „חסידה ברו־שים ביתה"? (דער שטאָרך, זיין הויז זענען ציפּרעסן), אָדער אפשר האָט יענער קינסטלער גענומען פאַר אַ מוסטער פאַר זיינע געמעלן די אַלטע ריזן־ביימער פון „האַלבע", פירשט ראַדזיווילס פּאַלוואַרק, — וווהין די ניעסוויזשער יידן פלעגן שבת גיין שפּאַצירן? אויף זייערע שפּיצן האָבן גענעסטלט די באָטשאַנעס, וואָס לויט זייער אָנקומען אין אונדזער קאַנט און לויט זייער אַוועקפליען האָב מיר געוווּסט די צייטן פון יאָר, ווען ס'ווערט וואַרעם און ווען ס'ווערט קאַלט.

אין צענטער פונעם געוועלבטן סופיט פון דער קאַלטער שול, איז געווען אויסגעמאָלט אַ ריזיק־גרויסער פיש, אויסגעדרייט ווי אַ בייגל, וואָס האָט אין מויל געהאַלטן זיין שפּיץ עק.

ווען איך בין אַ קליין קינד געווען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער לויתן, וואָס האַלט זיין עק צווישן די ציינער. און אויב ער זאָל, חלילה, אויף איין רגעלע אַרויסלאָזן דעם עק, וועט די גאַנצע וועלט פאַרפלייצט ווערן און חרב־ונחרב ווערן. פלעג איך דעריבער תּמיד, ווען כ'בין געווען אין דער קאַלטער שול, אַרויפקוקן יעדע ווײַלע צום „לויתן", צו זען אויב ער האַלט דעם עק פעסט צווישן די ציינער. כ'האָב זיך שטענדיק געשראָקן, טאָמער וועט ער, חלילה וחס, אַרויסלאָזן דעם עק פון מויל. דעמאָלט וועלן דאָך די וואַסערן פון ים, דאָס הייסט, פון ניישטאָטער טייך, תּיכף ומיד פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט — די הייזער פון שטאָט מיטן מאַרק, מיט די קראָמען, דעם שול־הויף, און וועט, די שעה זאָל ניט זיין, חרוב מאַכן אַלע שולן און אויך אָט די קאַלטע שול, ווו איך שטיי דאָרט איצט.

צום ארון־קודש איז מען אַרויפגעגאַנגען אויף זיבן טרעפּ.

ווען מען האָט אַ צי געטאָן דעם פּרוכת און דער ארון־קודש האָט זיך געעפנט, האָט זיך דערהערט אַ דין איידעלער גע־קלאַנג פון גלעקעלעך. זיי האָבן זיך געפונען, די גלעקעלעך, אין די שנעבעלעך פון קליינינקע גאָלדענע פייגעלעך, וואָס זענען געווען צוגעפעסטיקט ביי די ראַנדן פון דינע קופּערנע שטענגלעך איבער די טירן פון ארון־קודש. דער זיסער געקלאַנג האָט דער־מאָנט אָן דעם פּסוק „ונשמע קולו בבואו אל הקודש". (און דער קול דערפון זאָל זיך הערן ווען ער קומט אַריין אין היילִיקטום.)

די הויכע בימה פון דער קאַלטער שול האָט פון אויבן געהאַט אַ „יאַרמלקע" — אַ האַלב־קיילעכדיקע חופּה, אויסגעפלאָכטן ווי אַ נעץ פון דינע קופּערנע פּרענטלעך, דורכגעצויגענע דורך הילצערנע קיילעכלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מילגרוימלעך.

איבער אָט דער חופּה, אין סאַמע צענטער, איז אויף אַ גע־שטעל געשטאַנען אַ גרויסער שוואַרצער בושאָל מיט צעשפּרייטע פליגלען — אַ פּראַכטפול סקולפּטאָרישע שאַפונג.

פון דעם בושאָלס שנאָבל איז אַראָפּגעהאָנגען אַ ריזיקער קוכן. אָט דער קוכן האָט געדינט פאַר אַן ערוב־תּצרות פאַר די

* די איבערזעצונג פון די פּסוקים איז לויטן תּרגום יהואש.

יידן פון שטעטל. איטשע דוד־וועלוולס דער בעקער האָט זיך עס ספּעציאַליזירט אויף אויסבאַקן אָט דעם עוג־מלך־הבשנדיקן קוכן. אויף אַ פּאָר צענדליק אייער איז ער געווען פאַרקנאָטן און געבאַקן.

ערב פּסח פלעגט מען אַרויפקריכן אויף אַ הויכן דאָפּלטן לייטער און אַרויסנעמען דעם קוכן פון דעם בושאָלס שנאָבל.

משה דער שול־קלאַפּער, דער שמש פון דער קאַלטער־שול, פלעגט דעם קוכן אַרומשטויבן און אַרומווישן, אים צעשניידן אויף שטיקער, איינטיילן מיט זיי זיין הויזגעזינד און גוטע ברידער און פּראַווען אויף אַ ביסל משקה די לעצטע חמץ־סעודה. באַלד נאָך פּסח האָט מען מיט גרויס פייערלעכקייט אויפגעהאַנגען אויפן שנאָבל פון בושאָל אַן אַנדער אויסטערליש גרויסן קוכן, אַ פריש־אויסגעבאַקענעם אין איטשע דוד־וועלוולס בעקער־אויוון.

אין צפון־מערבדיקן ווינקל פון שול איז געווען אויסגעפורעמט אַ פּיצינקע שטיבעלע, שוואַרץ אָפּגעפּאַרבט. אין דעם מיניאַטור־שטיבעלע האָט טאָג און נאַכט געבלינצלט אַ פייערפלעמל אין אַ קליין לעמפּל. דאָס איז געווען דער נר־תמיד, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן.

פון דרום־זייט האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע ווייבערישע שולן. איינע איבער דער אַנדערער, און פון מערב־זייט האָט זיך איבער אַ העלפט פון גרויסן פּאָליש געפונען די דריטע ווייבערישע שול.

אין דרומדיקן עק פון פּאָליש איז געווען דאָס גרויסע קהל־שטיבל, וואָס האָט געדינט אַ גאַנצע וואָך ווי אַ בית־מדרש, ווו מ'האָט געדאַוונט און געלערנט.

אין אָט דעם קהל־שטיבל זענען אָפט פאָרגעקומען שטורעמדיקע אסיפות, דאָרט זענען עס באַשלאָסן געוואָרן די וויכטיקסטע ענינים פאַרן ווווילזיין פון די איינוווינער פון שטעטל.

איבערן קהל־שטיבל האָט זיך געפונען דאָס פּרושים־שטיבל, ווו ותיקים־מתפללים האָבן געדאַוונט יעדן אין דער פרי, צוגלייך מיטן זון־אויפגאַנג.

*

די קאַלטע שול איז געווען פאַררעכנט פאַר דער שטאָט־שול.

פון פּסח ביז ראש־השנה האָט דער רב פון שטאָט דאָרט געדאַוונט אין די שבתים און ימים־טובים. (אין די זומערדיקע וואָכנס־טעג און אַ גאַנצן ווינטער, האָט דער רב געדאַוונט אין אַלטן בית־המדרש, ווו דער רוב לומדים פון שטעטל האָבן געדאַוונט).

ווען ס'האָט געטראָפן און אַ חזן איז געקומען קיין ניעסוויזש מיט זיינע משוררים, האָט ער געדאַוונט שבת אָדער אַ וואָכנדיקן מעריב אין דער קאַלטער שול.

איז קיין ניעסוויזש געקומען אַ באַוווסטער „מטיף לאומי", האָט ער אויף דער בימה פון דער קאַלטער שול געהאַלטן זיינע פלאַמענדיקע דרשות און געשאַפן אַנהענגער פאַרן נאַציאַנאַלן געדאַנק און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען אַ „פייערטאָג" איז אויסגעפאַלן, אַן אַזוי גערופענער „טאַבעלנער טאָג", ווי למשל „קרינאַציע", אָדער דעם קיסרס „געבורטס־טאָג", פלעגט זיך דער עולם יידן פאַרזאַמלען אין דער קאַלטער שול. אַהין זענען אויך געקומען די קאָמאַנדירן פון דער 40סטער אַרטילעריע־בריגאַדע, וואָס האָט זיך געפונען אין די גרויסע ניעסווויזשער קאַזאַרמעס. דאָרט אין שול איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פייערלעכער „גאָטעס־דינסט". דער שטאָט־חזן האָט געזונגען „הנותן תשועה" און די שילערס פון דער „נאַראָדנע" מיט זייערע לערערס האָבן געזונגען הימנעס און רוסישע נאַציאַנאַלע לידער.

ווען ס'פלעגט אַמאָל טרעפן און דער מינסקער גובערנאַטאָר איז אַראָפּגעקומען קיין ניעסוויזש, האָבן די יידן פון שטעטל אים געגעבן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים אין דער קאַלטער שול. אַהין זענען דאַן געקומען דער „איספּראַווניק" מיטן „באַדזיראַטעל", דער שטאָט־„גאָלאָוואַ" און אַלע שרייבער פון דער „דומע". לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט פלעגט דאַן אויך קומען צופאָרן פון סלוצק דער ראַבינער און האַלטן אַ היפּער־פּאַטריאָטישע דרשה.

דער חלל פון דער קאַלטער שול האָט פון צייט צו צייט אויפגענומען אויך טרויעריקע געשעענישן.

ווען דער רב פון שטאָט, אָדער איינער פון די גאָר חשובע בעלי־בתים איז נפטר געוואָרן, פלעגט מען צו די שלושים מאַכן אויף זיי הספּדים אין דער קאַלטער שול.

ווען ס'האָט זיך געטראָפן אַ הונגער־יאָר, ווייל ס'זענען ניט געגאַנגען גענוג רעגנס און די תבואות אויף די פעלדער זענען פאַרברענט געוואָרן פון טרוקעניש און די מעל־סוחרים, די „פּערעמאָלניקעס" פלעגן אַרויספירן מעל פון שטעטל און דורכדעם אַרויפשרויפן די פּרייזן נאָך העכער — אָדער, ווען מ'פלעגט צומאָל אַריינפירן אין ניעסוויזש „שחיטת חוץ" (פלייש פון אַנדערע שטעטלעך) און שעדיקן דורך דעם די הכנסה פון „קאַראָבקע" — איז געשען אין אַזעלכע פאַלן, אַז דער בית־דין, דער רב מיט די דיינים, אין הסכם מיט די מנהיגים פון שטעטל, פלעגן באַשליסן אויסצורופן אַ חרם — האָט מען „דאָס אויסרופן פון חרם" דורכגעפירט, מיט דער גאַנצער צופּנדיקער אימהדיקייט, אין דער קאַלטער שול. דאָרט האָט מען אָנגעצונדען די שוואַרצע ליכט, דאָרט האָט מען געזאָגט פּסוק נאָך פּסוק די „אָנגענומענע" קאַפּיטלעך תהלים, וואָס אין זיי ווערט אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן און קללה אויף די פאַרברעכער. דאָרט האָט דער רב געהאַלטן אַ שטאַרקע מוסר־דרשה, וואָס האָט געבייטשט און געברענט די בעלי־עבירה. דאָרט האָט מען געבלאָזן שופר, און דאָרט האָט מען געהערט פון די דריי ווייבערשע שולן יאָמער־קולות און ביטערע יללות.

אין די „דריי וואָכן", פון שבעה־עשר בתמוז ביז תשעה באָב, פלעגן די זקנים פון שטעטל זיך צונויפקומען מיטאָג־צייט אין דער קאַלטער שול „אָפּריכטן חצות" צו טרויערן אויפן חורבן בית המקדש און גאָט בעטן פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל.

*

דער שמש פון דער קאַלטער שול האָט זיך גערעכנט פאַרן שטאָט־שמש. זיין פליכט איז געווען צו גיין פאַרבעטן די יידן פון שטעטל צו אַלערליי שמחות, ווי צו אַ ברית־מילה, אַ תנאים און אַ חתונה.

אין איינער פון די שול־קעמערלעך זענען געלעגן די צוויי ברוינע לעדערנע קישעלעך, וואָס האָבן געדינט אַלס אויסבעט פאַרן „כסא של אליהו הנביא". ווען ס'איז געווען אַ ברית אין שטעטל, האָט משה דער שול־קלאַפּער געטראָגן אָט די קישעלעך מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט צום הויז פון בעל־ברית.

אין דער זעלבער קעמערל האָט זיך אויך געפונען די חופּה. ביים אַריינגאַנג פון דער קאַלטער שול זענען געשטעלט געוואָרן כמעט אַלע חופּות. פון אַלע עקן שטאָט, האָבן די אונטערפירערס געפירט חתן־כלה צו דער קאַלטער שול, באַגלייט מיטן שפּילן פון מאַטעס דעם קלעזמערס קאַפּעליע.

אַהין פלעגן מיר, קינדער פון שטעטל, זיך ציען אין די פרייטאָג־פאַרנאַכטן צו הערן חתונה־ניגונים. זיך מיטצופרייען מיט די מחותנים און מיט חתן־כלה אין זייער פריילעכן טאָג.

לעבן אַריינגאַנג פון שול, ביים אָרט ווו מ'פלעגט שטעלן די חופּה, איז געלעגן אַ גרויסער פאַרשפּיצטער שטיין. ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע אין שטעטל, אַז אויף דעם שטיין האָט מען געשמיסן שלמה מימון, ווען ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס.

יעדעס מאָל, ווען מיין אויג איז געפאַלן אויפן שטיין, פלעג איך זיך דערמאָנען אין אָט דער לעגענדע, און אין נאָך לעגענדעס און מעשיות וועלכע מ׳האָט דערציילט אין ניעסוויזש וועגן אָט דעם אויסטערלישן, ווונדערלעכן פילאָסאָף. זיי האָבן פיל באַשעפטיקט מיין פאַנטאַזיע און געדאַנק אין די קינדער־יאָרן און אויך שפּעטער.

און דווקא אין דער קאַלטער שול, ווו מיר, קינדער, מיט אונדזערע טאַטעס, האָבן געהערט אַזוינע זיסע תפילות פון חזנים און געזאַנגען פון משוררים, ווו מ׳האָט געפּראַוועט אַלערליי פייערונגען און וואָס ביי איר אַריינגאַנג האָבן מיר זיך בעתן שטעלן די חופות געקוויקט מיט די מאַרשן און אויפשפּילן פון די כלי־זמר — דווקא אין אָט דער קאַלטער שול זענען די מתים געקומען דאַווענען נאַכט אין נאַכט. און ווען אונדז, קינדער, איז אויסגעקומען. גייענדיק פון חדר, פאַרבייצוגיין דעם פינצטערן, גרויסן בנין פון שול, האָט אונדז באַנומען אַ ציטערניש. די האָר האָבן זיך אונדז געשטעלט קאַפּויער פון שרעק. מיר זענען איילנדיק פאַרבייגעלאָפן דעם בנין, עס זאָל אונדז חלילה, קיין שלעכטס ניט געשען. און ווען מיר זענען אַריבער בשלום, האָבן מיר געפילט אַ דערלייכטערונג, וואָס מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ סכנה וועלכע האָט געלויערט אויף אונדז.

אָבער ערב־שבת, ווי נאָר משה דער שמש האָט פאַרצויגן די חופה לעבן דער קאַלטער שול, זענען מיר, קליינוואַרג, געווען די ערשטע ביי דער שמחה. יעדערער פון אונדז האָט געוואָלט האַלטן די חופה־שטאַנג. מיר האָבן זיך אַלע געפילט יום־טובדיק און פריילעך. אונטערטאַנצנדיק פון פרייד, האָבן מיר אויפגעכאַפּט די „אונטערפיר־מאַרשן״, וואָס האָבן זיך שוין פון דער ווייטנס געטראָגן פון מאַטעס דעם כלי־זמרס קאַפּעליע.

יעדע זאָרג איז פון אונדז אַוועק. ס׳איז פאַרגעסן און אויסגעריסן געוואָרן פון האַרצן די שרעק, וואָס מיר האָבן נעכטן ביינאַכט געפילט פאַרביילויפנדיק דעם פינצטערן בנין פון דער קאַלטער שול.

ווייל מיר, קליינוואַרג, האָבן דאָך באמת ניט געהאַט אין דער גאַנצער שטאָט קיין פריילעכערן אָרט, ווי דאָ, ביים אַריינגאַנג פון דער גרויסער קאַלטער שול.

די בונדיסטן פאַרזאַמלען זיך אין אַלטן בית־מדרש

ס׳איז געווען ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. כ׳האָב נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף פון די געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט אין יענע שטורעמדיקע טעג. אָבער מייך וואַכזאַם אויער האָט שוין אויפגעכאַפּט אַ סך פון דעם וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. צו אונדז אין הויז איז אָנגעקומען די „הצפירה״ און מ׳האָט שטענדיק געשמועסט וועגן די טאָג־נייעס. אויך אין אַלטן בית־מדרש, ווו כ׳פלעג פאַרברענגען מיינע פרייע שעהן, האָב איך זיך צוגעהערט אויפמערקזאָם צו די שמועסן וועגן די „היכע ענינים פון פּאָליטיק״. כ׳האָב געוווסט, אַז אַ שטורעם טראָגט זיך איבער רוסלאַנד.

פיל פון די רעוואָלוציאָנערן ביי אונדז אין שטאָט זענען מיר געווען גוט באַקאַנט. זומערצייט, אין די שבתים, פלעגן גיין שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן פאַרביי אונדזער הויז בחורים און מיידלעך אָנגעטאָן אין רויטע און שוואַרצע „רובאַשקעס״. כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס זענען סאָציאַליסטן, חברים פון „בונד״ און פון „פּועלי־ציון״, וואָס גייען אין „האַלבער״ וואַלד אויף „סכאָד־קעס״ (פאַרזאַמלונגען).

כ׳האָב געפילט, אַז אַ סך יידן אין אונדזער שטאָט סימפּאַטיזירן מיטן הויפּט־ציל פון די סאָציאַליסטן. די יידן האָבן דאָך אויסגעקוקט אויפן טאָג, ווען ס׳וועט קומען די מפּלה פונעם צאַר, דעם צורר היהודים, וואָס האָט יעדן טאָג אַרויסגעגעבן אויף זיי נייע גזרות! ס׳האָט אָבער די יידן ווייי געטאָן צו זען ווי די מערסטע סאָציאַליסטן רייסן זיך אָפּ פון יידישקייט און פאַרשוועכן אַלע הייליקייטן. האָט דער צווייפל געעגבערט אין זייערע הערצער: קען דאָס יידישע פאָלק געהאָלפן ווערן פון אָט אַזעלכע ווי זיי זענען?!

ס׳האָבן זיך אויך געפונען יידן וואָס האָבן מורא געהאַט אַז ס׳וועט אויסגיין צו יידישע קעפּ, אויב די רעוואָלוציאָנערן וועט ניט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זייער שטרעבונג.

אַ געוויסן שבת האָט זיך אין ניעסוויזש פאַרלאָפן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און צעווייטיקט די הערצער פון די פרומע יידן. מ׳האָט וועגן דעם גערעדט מיט טיפן פאַרדרוס אַ לענגערע צייט, אַזוי אַז די טרויעריקע געשעעניש האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

יענעם שבת האָבן די חברים פון „בונד״, „פאַרכאַפּט״ דעם אַלטן בית־מדרש פאַר אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג.

דער אַלטער בית־מדרש איז געווען אין אונדזער שטאָט איינציק אין זיין מין. דאָס איז געווען אַ זייער אַלטער בנין מיט אַ געוועלבטן סופיט און מיט אומגלויבלעך דיקע ווענט, געטאַרקעוועטע און אָפּגעקאַלכטע פון אינעווייניק און אויסנווייניק, ביז צו דער ערד. ס׳איז געווען אָנגענומען ביי די יידן פון ניעסוויזש, אַז דער בנין איז שוין אַזוי אַלט, אַז דער שטיינערנער פונדאַמענט און עטלעכע שורות ציגל פון בית־מדרש זענען פאַרזונקען אין דער ערד.

אין די ווינקלען פון דער צפונדיקער וואַנט און פון דער דרומדיקער וואָס גרענעצן זיך מיט דער מזרח־וואַנט, זענען געווען אויסגעוועלבטע טיפע ערטער אויף צו האַלטן ספרים. אין דער טיפעניש זענען געווען איינגעבויט פּאָליצעס, אויף וועלכע ס׳זענען אין דריי שורות, איינע נאָך די אַנדערע, געשטאַנען גמראָס פון גרויסן ווילנער ש״ס.

דער געוועלבטער סופיט האָט זיך געשטיצט אויף פיר פירקאַנטיקע געמויערטע זיילן („סלופּעס״, האָבן זיי געהייסן), וואָס זייער דיקייט איז אויך געווען אַ געוואַלדיקע. ביי די זייטן פון די צוויי מעריבדיקע זיילן זענען געשטאַנען אַלמערס אָנגעפּאַקטע מיט טויזנטער ספרים.

דער אַלטער בית־מדרש איז געווען דער איינציקער מקום־קדוש אין ניעסוויזש, וואָס האָט ניט געהאַט קיין עזרת־נשים (ווייבערישע שול).

פון די אַלטע דורות אָן איז דער אַלטער בית־מדרש געווען דאָס אָרט, ווו די לומדים פון שטאָט זענען געזעסן און געלערנט מיט גרויס חשק.

און אָט דעם מקום־קדוש האָבן עס די חברים פון „בונד״ אויסגעקליבן פאַר זייער פאַרזאַמלונג־אָרט.

שבת נאָכמיטאָג האָבן די בחורים און מיידלעך, אָנגעטאָן אין די רויטע „רובאַשקעס״, זיך געגומען צוזאַמענקומען איינציקווייז אין אַלטן בית־מדרש און זיך אויסגעזעצט אויף די בענק אַרום דער בימה. אין דעם לאַנגן פּאָליש זענען געווען אויסגעשטעלט די קעמפּערס, „דער באַיעוואָי אָטריאַד״ מיט „שפּייערס״ (רעוואָלווערן) אין די קעשענעס, גרייט אויף וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן.

די עלטערע יידן וואָס זענען געזעסן און געלערנט, האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס טוען די חברה־לייט דאָ אין אַלטן בית־מדרש? זענען אפשר די שקצים גאָר געוואָרן בעל־תשובהס? און וואָס טוען דאָ, אין מקום־קדוש. אָט די מוידן?!

די חברים וואָס האָבן געוואַרט אויף די אַגיטאַטאָרס, האָבן דערווייל אַרויסגענומען פון די קעשענעס פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך און גענומען רויכערן.

דערזעענדיק דאָס, זענען די אַלטע יידן די לערנערס פאַרציטערט געוואָרן. אויפגעשטורעמטע האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען

און זידלען די משומדים, וואָס זענען מחלל שבת אין אַזאַ הייליקן אָרט.

די חברים פון „בונד" האָבן זיך אָבער אויסגעלאַכט פון זיי און געהייסן די עלטערע יידן צו האַלטן דאָס מויל.

עטלעכע פון די זקנים האָבן דעמאָלט פאַרלאָזן דעם בית־מדרש, זיי זאָלן ניט צוקוקן מיט די אויגן דעם חילול הקודש. די מערסטע עלטערע יידן זענען אָבער געבליבן אויף זייערע ערטער אין בית־מדרש, ווי זיי וואָלטן געוועזן אַ וואַך וואָס היט אַז זייער הייליקע פעסטונג זאָל ניט אַריינפאַלן, חלילה, אינגאַנצן אין די הענט פון די אייגענע „מהרסים ומחריבים" (צעשטערער און פאַרוויסטער).

די לערנערס האָבן אַריינגעקוקט אין די ספרים, אָבער זייערע אויגן, פאַרלאָפן מיט טרערן, האָבן שטאַר געוואַנדערט איבער די שורות. די הערצער זענען געווען צעקלעמט און די ליפן האָבן געמורמלט: „ווײ צו די אויגן, וואָס זעען אַזוינס!"...

איינער פון די זקנים וואָס איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט ביים טישל לעבן דעם קאַכליאָוון אויוון, איז געווען דער אַלטער ר' קלמן, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן זיך עוסק געווען אין צדקה־זאַכן, אין שפּייזן אָרעמעלייט, וואָס די מערסטע פון זיי זענען געווען דערשלאָגענע בעל־מלאכהס.

איינער פון די חברים, אַ ריכטיקער עזות־פּנים, האָט צוגעטראָגן אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס צו ר' קלמנען, כלומרשט געוואָלט אים מכבד זיין מיט דעם... דער אַלטער ר' קלמן האָט אים גוט אויסגעשגצט — און דער חבר האָט זיך אָפּגעטראָגן.

די אַגיטאַטאָרן זענען אַריינגעקומען אין בית־מדרש באַגלייט פון עטלעכע „קעמפערס".

די בונדישע רעדנערס האָבן דער עיקר גערעדט און אַגיטירט וועגן „גנתקה" — וועגן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר ניקאָלאַי, שאַפן אַ קאָנסטיטוציע, איינפירן פרייהייט און גלייכהייט אין רוסלאַנד. זיי האָבן אָבער אויך געשאָטן פעך און שוועבל אויף גאָט און אויף די וואָס גלויבן אין משיחן. איבערהויפּט האָבן זיי געצאַרנט קעגן די, וואָס האָפן אויף אַ נייער גאולה פאַר יידן דורך די פּאָליטישע נסים, וואָס עס וועלן ווייזן די ציוניסטן — אָט די „בורזשויען" וואָס פאַרלאָזן זיך אויף די צוזאָגן פון די קיסרים און זייערע שוואַרצמאַהדיקע מיניסטאָרן.

צווישן די אַגיטאַטאָרס איז געווען איינער וואָס האָט מעשה דרשן אויסגעפּילפּולט, אַז אין דער אמתן באַלאַנגט גאָר דער אַלטער בית־מדרש צו זיי, צו די חברים פון „בונד", און זיי זענען עס די ריכטיקע יורשים פון דעם מקום־קדוש.

„אָט דעם בנין, — האָט דער דרשן זיך צעפלאַמט ריידנדיק — האָבן געבויט יידישע אַרבעטער, אמתע פּראָלעטאַריער: מורליאַרעס, טשעסליאַרעס און סטאָליאַרעס האָבן מיט זייער שווייס און שווערע מי אויסגעבויט אָט דעם בנין. זענען געקומען די שיינע יידן, די באַנק־קוועטשערס, קרעמערלעך, קליינע בורזשויען, וואָס זויגן אויס די קראַפט פון אַרבעטער און פויער און האָבן גאָר פאַרכאַפּט דאָס הויז פאַר זיך!"

ביי אַ שעה דריי איז דער אַלטער בית־מדרש יענעם שבת געווען „פאַרכאַפּט" דורך די חברים פון „בונד".

ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, זענען די ערשטע אַרויסגעגאַנגען די אַגיטאַטאָרס אין דער באַגלייטונג פון די קעמפערס. די אַנדערע חברים זענען זיך צעגאַנגען איינציקווייז, אויפן זעלבן שטייגער ווי זיי זענען פריער צוזאַמענגעקומען.

נאָך זייער אַוועקגיין איז אין דער לופט פון אַלטן בית־מדרש נאָך געשטאַנען אַ געדיכטער רויך און ס'האָט זיך געפילט דער שלעכטער ריח פון טאַבאַק. פּאַפּיראָסן־עקלעך און שטיקלעך אָפּגעברענטע שוועבעלעך האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל פון בית־מדרש, — עדות פון דעם חילול שבת און דאָס פאַרשוועכן פון מקום־קדוש.

די זון האָט זיך גענומען זעצן. די יידן וואָס זענען פאַרבליבן אין אַלטן בית־מדרש, האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום ר' קלמנס טיש. די מערסטע פון זיי — ר' קלמנס תלמידים — זענען געווען בעל־מלאכהס, קינדער פון בעל־מלאכהס זינט דורות וואָס האָבן גאָרניט געוווּסט אַז זיי זענען „פּראָלעטאַריער" און דער חוק לישראל איז געווען זייער איינציקע קאָנסטיטוציע.

מיט צעווייטיקטע הערצער און מיט אַ ניגון אָנגעזאָפּט מיט טרויער, האָבן זיי אָנגעהויבן זאָגן פּסוק נאָך פּסוק:

„אַשרי תמימי דרך"...

„האַלבע" *

שבת ביי טאָג, זומערצייט, באַלד נאָך דער צווייטער סעודה, האָט זיך דורך אונדזער גאַס מיכאַלישאָק אָנגעהויבן דער שפּאַציר קיין „האַלבע" — צו דעם מיט נאַטור־שיינקייט געבענטשטן פּאָלוואַרק פון פירשט ראַדזשיוויל, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ צוויי וויאָרסט ווייט פון ניעסוויזש.

ס'רוב שפּאַצירער זענען געווען יונגע בחורים און מיידלעך, אַרבעטער־געזעלן, נייטאָרינס, פריקאַזטשיקעס, וואָס אַ מהלך פון עטלעכע וויאָרסט האָט ביי זיי קיין באַטרעף ניט געהאַט. זיי האָבן געשטעלט אויף די הילצערנע טראָטואַרן פעסטע טריט, וואָס האָבן הויך אָפּגעהילכט אין דער לופט.

געגאַנגען שפּאַצירן זענען אויך ווייבער און מענער, ס'רוב פון די בעלי־מלאכות פון מיכאַלישאָק און פון די אַרומיקע געסלעך. מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען קליינוואַרג, יינגעלעך און מיידעלעך, וואָס האָבן זיך נאָך אָנגעהאַלטן אָן דער מאַמעס שבתדיקער קלייד. די עופהלעך האָבן די מאַמעס אָדער טאַטעס געטראָגן אויף די הענט.

עס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שבת־שפּאַציר קיין „האַלבע" דערוואַקסענע יינגלעך, חברה־קונדסים, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט פון גאַס מיט אַ לוסטיקן טומל און הפקרדיקן געפילדער.

געגאַנגען שפּאַצירן זענען אויך בחורים אָנגעטאָנענע אין שוואַרצע און רויטע רובאַשקעס, אַרומגעגאַרטלט מיט קוטאָסן.

דאָס קליינוואַרג אין אונדזער גאַס האָבן געוווּסט, אַז אָט די בחורים זענען חברים פון „בונד" און „פּועלי־ציון" און האָבן זיך געשושקעט, אַז דאָס גייען זיי אין האַלבער־וואַלד אויף „סכאָדקעס". געענוי וואָס איז אַזוינס אַ „סכאָדקע", האָבן ניט אַלע קינדער געוווּסט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזוינס וועגן וואָס מ'דאַרף זיך סודען און ניט ריידן וועגן דעם אין דער הויך.

פאַר עטלעכע שעה האָבן זיך אַזוי געצויגן אַלערליי שפּאַצירער דורך אונדזער גאַס מיכאַלישאָק, וואָס פירט אַרויס צום עק שטאָט, צו די גערטנער און פעלדער און צום ווייסן זאַמדיקן וועג וואָס ברענגט קיין „האַלבע".

די שפּאַצירער האָבן אָנגעפילט די שבת־לופט מיט אַ באַזונדערער פריילעכקייט.

*

ביי מיר האָט „האַלבע" פאַרנומען אין מיין קינדהייט גאָר אַ באַזונדער אָרט. כ'האָב דאָרט פאַרבראַכט די שענסטע שעהן פון מיין לעבן. כ'האָב אַהין שפּאַצירט גאַנץ אָפט איינער אַליין. צייטנווייז צוזאַמען מיטן טאַטן און מיט מיינע שוועסטער און ברידער. און אַ סך מאָל מיט מיינע חברים. „האַלבע" האָט מיך געצויגן צו זיך אין די שבתים און ימים־טובים און אין יעדן טאָג, ווען מ'איז נאָר פריי געווען פון „חדר".

---

* דער נאָמען „האַלבע" ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ ווייכער „למד", ווי ס'וואָלט נאָך איר געשטאַנען אַ רוסישער „מיאַכקי זנאַק".

אין די ווינטער־חדשים, ווען אַ דיקער שניי־צודעק האָט איינגעהילט די פעלדער און וועלדער, האָב איך מיט בענקשאַפט געטראַכט וועגן דער פאַרשנייטער, פאַרלאָזענער „האַלבע".

דאָס עצם גיין קיין „האַלבע" האָט מיר פאַרשאַפט אַ פרייד, אַ מין ציטער.

דאָס אַרויסגיין אויסערן שטאָט האָט ביי מיר, דעם מיכאַלישאָקער יינגל, לאַנג ניט גענומען. ווי איך בין נאָר פאַרביי־געגאַנגען די גרויסע גערטנער אין עק פון אונדזער גאַס, בין איך שוין געווען אויסערן שטאָט. עטלעכע מינוטן שפּעטער האָב איך זיך שוין געפונען אויך ווייט אַוועק פון בית־עולם. ס'איז פאַר מיינע אויגן אויסגעוואַקסן די ווינט־מיל מיט די לאַנגע צעשפּרייטע פליגלען און כ'בין שוין געגאַנגען איבערן זאַמדיקן וועג וואָס פירט קיין „האַלבע".

פון ביידע זייטן וועג שפּרייטן זיך ווייט און ברייט די תבואה־פעלדער. עס וואַקסט דאָ קאָרן, ווייץ, האָבער און גערשטן. די גאָלדענע זאַנגען וויגן זיך כסדר. עס דוכט זיך מיר, אַז זיי פאַרנייגן זיך און באַגריסן מיך.

פון צווישן די זאַנגען ווינקען צו מיר די איידעלע, בלוי־ענקע קאָרן־בלימלעך אויף זייערע דינינקע פיסעלעך, די גאָל־דיק־זילבערנע מאַרגאַריטקעס און די רויטלעכע „פייגל־מילך" קווייטעלעך מיט די ווייסע, זיסע וואָרצעלעך.

אָט קום איך שוין צום ערשטן בערגל. איך דאַרף פאַרביי־גיין דעם ערשטן צלם. ס'האַרץ קלאַפּט. כ'קוק זיך אום אויף אַלע זייטן, זאָג שטילערהייט דריי מאָל: „שקץ תשקצנו" — און לויף גיך פאַרביי.

און אָט בין איך שוין לעבן יונה „דעם האַלבערס" הויז. דאָס שטיבל שטייט דאָ איינע אַליין, ווי אַ פאַרלאָרענע צווישן די גרויסע תבואה־פעלדער. נאָר דער לאַנגער קאַלבעראַד פון ברו־נעם וואָס געפינט זיך אין פאָדערשטן טייל פון הויף, ווינקט צו מיר און רופט מיך: „קום אַהער, יינגעלע, זעץ זיך דאָ צו, רו זיך אָפּ און דערקוויק דאָס האַרץ מיט די לויטערע, קאַלטע וואַסער פון ברונעם".

כ'פאָלג. זעץ מיך אַוועק אַ ווײַלע אויפן פריזבע. נאָכדעם גיי איך צו צום ברונעם, שעפּ אָן וואַסער און טרינק גלייך פון עמער.

עס קומט אַרויס פון שטיבל יונה דער הויכער, מיט דער לאַנגער, פלאַקסענער באָרד. מיר זענען אַלטע באַקאַנטע. יונה דאַוונט דאָך אין די שבתים און אין ימים־טובים אין דער מיכאַלישקער שול. שבת פרי קומט ער אַהין צו גיין איינגע־וויקלט אין ווייסן, וואָלענעם טלית. ער וויל ניט נכשל ווערן, חלילה, מיט טראָגן אום שבת.

שמועס איך אַ ווײַלע מיט יונהן. כ'דאַנק אים פאַר די געשמאַקע, קאַלטע וואַסער, זאָג אים אַ גוטן שבת און גיי מיר ווייטער.

נאָר אָט איז שוין דער צווייטער בערגל מיטן אַנדערן צלם. ווידער קלאַפּט ס'האַרץ. ווידער קוק איך מיך אום און זאָג אין דער שטיל „שקץ תשקצנו". אַז איך גיי אָפּ נאָך אַ שטיקל וועג, שפּאַציר איך שוין גלייך אין „האַלבע" אַריין. אַ געדיכטע אַלייע פון הימל־הויכע דעמבעס מיט אַ ברייטן געלען זאַמד־וועג אינ־מיטן, איז מיך מקבל־פּנים.

די ריזן־ביימער זענען בייכיק, ברייט־צווייגיק, און שפּרייטן אַרום זיך אַ קילן שאָטן. ס'דוכט זיך: אָט די דעמבעס ווייסן דעם סוד פון אייביק־לעבן.

פיל פון די ביימער האָבן שוין צעפּלאַצטע בייכער פון גרויס דיקייט און טיפן עלטער. זיי זענען אַרומגעשמירט מיט וואַפּנע און אַרומגעגאַרטלט מיט רייפן. זיי שטייען אָבער שטאַרק און האַלטן זיך פעסט. זייער זאַפט איז נאָך ניט אויסגעטרוקנט. די וואָרצלען פון די ביימער וואָס זייער אייבערשטער טייל קריכט אַרויס פון דער ערד, זעען אויס ווי פאַרקראַמפּטע אייזערנע ריזן־פינגער פון דער לאַפּע פון אַ מאָנסטער־חיה. די לאַנגע צווייגן פון די ביימער זענען גרין און געדיכט באַבלעטערט...

דאס שטעטל סנאוו

חיים יעלין

דאָס שטעטל סנאָוו מיט די הונדערט יידישע משפחות, האָט זיך געפונען צווישן די שטעט באַראַנאָוויטש און ניעסוויזש. די הויפּט־פאַרבינדונג האָט זי געהאַט מיט ניעסוויזש — די פּאָוויאַטאָווע שטאָט. דאָס לעבן אין סנאָוו איז געגאַנגען שטיל און רויק. אַזוי ווי אַנדערע יידישע שטעטלעך, האָט סנאָוו געהאַט צוויי בתי־תפילה: אַ בית־מדרש, וווּ מען פלעגט יעדן טאָג דאַוונען און אַ שול, וווּ מען האָט געדאַוונט אין די שבתים און ימים־טובים; אַ רב, אַ שוחט און אַנדערע כלי־קודש.

דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך דער־פער און יידן האָבן געצויגן חיונה פון קליין־מסחר און מלאכה. די הויפּט־פּרנסה אין די קלייטן איז געקומען פון מאַרק־טאָג, איין מאָל אין דער וואָך. אויסער עטלעכע פאַרמעגלעכע יידן, האָט דער גרעסטער טייל משפחות קוים זיך מפרנס געווען. אָבער די הוצאות זענען געווען צוגעפּאַסט צו די הכנסות און יידן האָבן געלעבט רויק און צופרידן.

דאָס גייסטיקע לעבן פון דער קליינער קהילה איז געווען קאָנצענטרירט אין שול. דאָרט זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַלע פּראָבלעמען פון שטעטל, די אַסיפות פלעגן דאָרט פאָרקומען און אויך באַשלוסן אָנגענומען. אין די פאַרנאַכט־שעהן האָט מען געקענט זען יידן, זיצנדיק ביי טישן און שטענדערס און פאַרטאָן אין עבודת הבורא: ווער ס'האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, ווער ס'האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא אָדער אַ בלאַט משניות.

כדי צו פאַראייביקן דעם הייליקן אָנדענק פון די יידן פון שטעטל סנאָוו, איז כדאי צו דערמאָנען אייניקע געשטאַלטן, וועלכע זאָלן דינען אַלס דענקמאָל פאַר די אַלע וועלכע זענען שוין נישטאָ:

דוד סלוצקי ז"ל

ער איז געווען אַ גרויסער בעל־תורה, ממש אַ מובהק אין ש"ס און פוסקים. הגם ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין שניט־געשעפט, האָט ער דאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו לערנען פאַרן עולם־לומדים דעם דף־יומי פון תלמוד. דער שיעור איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט ויכוחים און פלפול. ר' דוד פלעגט אַרויסווייזן זיין בקיאות ביי אַ שווערע סוגיא. זיין ברייטע־שטערן פלעגט אויף אַ ווײַלע ווערן פאַרקנייטשט, אָבער באַלד האָט דאָס פּנים אָנגעהויבן שטראַלן און דער ריכטיקער ענט־פער איז געקומען. אַזוי האָט אויסגעזען אַ טיש אין שול אין די פאַרנאַכט־שעהן, ביזן יאָר פון זיין פטירה. זיינער אַ דרוש געפינט זיך אין מאַסף דרושי פון הרב מאיר סעגאַלאָוויטש, כרך שני, דף כ"ב 1919, פסחים ד' ט"ו. ער איז אויך געווען דער מחבר פון ספר „עלי הדס".

ר׳ בער קראַשינסקי ז״ל

ר׳ בער קראַשינסקי איז געווען אַ ייד אַ פּיקח. ער האָט פאַרקערפּערט תורה און מלאכה — ערד־אַרבעט. געווען אַ גרויסער למדן און דערצו זייער אַ שיינער בעל־תפילה און בעל־מנגן. ער האָט געצויגן זיין חיונה פון מסחר און ערד־אַרבעט. נאָענט פון שטעטל אַרענדירט אַ פעלד און ער פלעגט עס באַ־אַרבעטן. ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן זיין בקיאות אין ערד־אַרבעט. אין זיינע געשפּרעכן פלעגט ער אַריינמישן קלוגע ווערטער און פסוקים פון תנ״ך אָדער תלמוד. זיין לייענען די תורה און דאַווענען האָט געהאַט אַ שם. לערנענדיק פאַרן עולם אַ בלאַט משניות אָדער עין יעקב, פלעגט ער צושמידן די צוהע־רער מיט זיין שיינער הסברה און פשט.

דער לערער מאָטל יעלין

דער העברעיש־לערער מאָטל יעלין איז אָנגעקומען פון פּוילן און זיך באַזעצט אין שטעטל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט די פּראָגרעסיווע יוגנט. אַ מענטש מיט וועלטלעכער בילדונג און עברית, האָט ער פיל צייט און ענערגיע אָפּגעגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אַלע וואָס האָבן מיט אים געהאַט אַ קאָנטאַקט, זענען אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט זיין ציון־אידעאַל.

מאָטל יעלין האָט געשאַפן אַ החלוץ־אָרגאַניזאַציע, אָבער זיין גרעסטער פאַרדינסט איז געווען די העברעישע שול. וועלכע ער האָט געגרינדעט און געווען איר פאַרוואַלטער. כאָטש די מאַטעריעלע מיטלען פון דער שול זענען געווען זייער באַשיידן, איז זי געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און אַ דאַנק אים זענען צענדליקער יידישע ייִנגלעך און מיידלעך דער־צויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַלן יידישן גייסט און דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון יידישער קולטור און העברעישער שפּראַך.

ארץ־ישראל איז געווען דער חלום פון זיין לעבן. ער האָט אָבער נישט דערלעבט די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק.

בעלי־מלאכות און עמך יידן

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרדינען די בעלי־מלאכות און עמך־יידן פון שטעטל. יענע גוטע און האַרציקע יידן, שוסטערס, שניידערס, פון וועלכע ס׳האָט געשטראָמט מיט פשטות און גוטסקייט. ביי יעדער געלעגנהייט זענען זיי געווען גרייט איינ־צושטעלן זייערע לעבנס פאַר יידישן האָב און גוטס, פאַרן יידישן כבוד.

די שבת יום־טובדיקע שלוה פון שטעטל האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן יידישן חן אין זייערע אָרעמע היימען. דער בית־המדרש איז געווען דער הייליקער צענטער, ווו ס׳פלעגן אָפּ־קלינגען זייערע האַרציקע תפילות. כאָטש נישט אַלע האָבן פאַר־שטאַנען דעם פירוש פון דער תפילה, איז אָבער זייער רעליג־יעזער עקסטאַז פול געווען מיט האַרציקייט און געפיל.



3

אין מלחמה-צייטן,
אין געטא,
אין וואלד

דער 1טער סעפטעמבער 1939

משה בלאַטשינסקי

אַ שטאַרקער גערויש וואָס טראָגט זיך שנעל אין די פריימאָרגן־שעהן, רייסט מיך אויף פון געלעגער. איך לויף גלייך אַרויס אין גאַס און פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקן זיך אין די הימלען צענדליקער עראָפּלאַנען, וואָס זעען אויס ביי די ערשטע זומערשטראַלן ווי זילבערנע פייגל. פון זייער טומל און רעש ווערט די פרימאָרגן־לופט אויפגעציטערט.

ניעסוויזשער איינוווינער, וועלכע וואָלטן נאָך זיכער געשלאָפן, לויפן אַרויס אין גאַס דערשראָקן, האַלב־אָנגעטאָן. זיי שטייען און קוקן מיט פאַריסענע קעפּ. איין געדאַנק לויפט נאָכן צווייטן. נאָר גיך נעמט מיך דורך אַ ציטער ווען איך דערמאָן זיך, אַז היינט איז שוין דער זיבעצנטער טאָג זינט די דייטשן זענען באַפאַלן פוילן און זייען טויט און חורבן.

די גוט־באַקאַנטע פוילישע געהיים־אַגענטן דוץ און טעץ, מיט איניקע באַוואָפנטע פאָליציאַנטן, לויפן אין דער ריכטונג אויף מערב. דאָס שפּילט זיך אָפּ ביי די ערשטע שטראַלן וואָס וואַרפן אַ מין פיאָלעטע פאַרב אויף דער קאַלטער שול. די שול זעט איצט אויס אַזוי שיין און נאַטירלעך, עס גלויבט זיך גאָר נישט, אַז עס קאָן פאָרקומען אַזאַ קאָשמאַר. ניעסוויזשער יידן קלייבן זיך איצט אין גרופּן און מיט ציטער הייבט זיך אָן אַ דין־ודברים: וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַנדערע זאָגן, אַז מען גייט העלפן פוילן. אָבער גיך ווערט איבערגעריסן די גאַנצע דיסקוסיע. פון ניישטאָט קומען אָן טאַנקן מיט אַ שווערן קייטן־גרילץ און געברום. אין אַ גיכן טעמפּאָ פאָרן זיי איבער דער סטודענצקער גאַס. ביי די ערשטע אָנקומענדיקע טאַנקן לויפן יידן אַריין אין די הייף. נאָר ווען מען זעט אַז זיי פאָרן רויק אַדורך, שטעלט מען זיך אויס ווי אויף אַ פּאַראַד. אַלע קוקן זיך צו נייגעריק צו די אומגעבעטענע געסט.

די ניעסוויזשער גאַסן זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע האַמעטנע כלים וואָס מוזן זיך יעדעס מאָל אָפּשטעלן. ביי אַזאַ געלעגנהייט שפּרינגען אָפּט אַראָפּ די טאַנקיסטן, באַגריסן זיך און זאָגן, אַז זיי זענען געקומען באַפרייען פון די פּוילישע אונטערדריקער. באַלד לאָזט זיך אויך הערן אַ ברייטער יידישלעכער ברוך הבא: „איר זענט באַפרייט פון אַלעמען...״ דער שוואַרץ־חנעוודיקער יידישער סאָלדאַט האָט מיט דעם זאָג גאָר אַ סך געגעבן צו פאַרשטיין. ניעסוויזשער יידן האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט נישט די הגדה — נאָר די קניידלעך.

די יידן וואָס האָבן געוווינט אין די ענגע געסלעך, האָבן איצט געשטראָמט מאַסנווייז, פירנדיק זייערע קינדער ביי די הענט. אַלע זוכן איצט אַ באַקוועם אָרט צו קוקן. זיי ווילן אויך הערן וואָס ברענגט מיט זיך דער זיבנצטער טאָג פון דעם שוידערלעכן קריג. אַלע באַטראַכטן די „געסט״ — ווער מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, ווער מיט אַ ציטער.

פון דער מאַסע שטופּט זיך אַרויס יאַנקל דער שניידער מיטן ביינאָמען קאַדזשאַב. ווער האָט נישט געקענט יאַנקלען דעם האָרבעוואַטן? אַ באַוווּסטער „חד־גדיא״־זינגער ביי דער פּוילישער מאַכט. ער האָט שטענדיק געפייערט דעם ערשטן מאַי הינטער די קראַטעס. איצט שרייט ער: „חברים, איך בעט האַלטן אָרדענונג״! זיין אָרעם איז אַרומגעבונדן מיט אַ רויטע לענטע און אויף דער זייט הענגט אַ גרויסער נאַגאַן. אויף דער גאַס איז איצט קיל, אָבער דער אָרדענונג־מאַכער שוויצט. ער בעט און דראָט, אַז מען זאָל נישט שטערן די באַוועגונג פון דער רויטער אַרמיי. מען שמועסט, אַז יאַנקל איז געקרוינט געוואָרן אַלס נייער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ.

דער ניעסוויזשער לץ, וועמענס ביינאָמען איז שלמה קאַטשערקע, זאָגט צו אונדזער נייעם נאַטשאַלניק: „דו זעסט אויס מיט דעם שפּייער אויף דער זייט ווי פּאָרוטשניק קוטשינסקי אויף אַ דעפילאַדע״. (דאָס איז געווען דער שענסטער און העכסטער אָפיציר אין 27סטן פּולק).

אויב דער פּאָליציאַנט מאַדע, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט שמאָלקע, וויל אונדזער נאַטשאַלניק, אַז שמאָלקע זאָל דווקא שטיין אויפן טראָטואַר. ער שטויסט אים און שרייט, גלייך ער וואָלט געווען דער גאַנצער שולדיקער. נאָר אַזוי איז דאָס שוין: איין הויקער ליידט נישט דעם צווייטן. ווער געדענקט נישט אונדזער שמאָלקען, דעם אַזוי גערופענעם „דאַטשע־לאַניע״? דער וואָס האָט דורכגעמאַכט פרייד און פּיין, ווי איטלעכער ייד. שטענדיק האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט דאָס וואָס די אויערן האָבן אויפגעכאַפּט. אַ קליין־געוויקסיקער, תמיד געקליידט אין אַמעריקאַנער זאַכן וואָס זיינער אַ ברודער פלעגט אים שיקן. זעט אויס, אַז זיין ברודער איז געווען העכער פון אים, ווייל די בגדים זענען אויף שמאָלקען געווען לענגער, פון די אַרבל פלעגן זיך אַרויסזען נאָר די שפּיץ־פינגער. אויך די הויזן־מאַנזשעטן זענען געווען 3 מאָל פאַרבויגן. אין גרויס איילעניש, כדי גאָרנישט פאַרשפּעטיקן און אַלץ זען, האָט אונדזער שמאָלקע פאַרגעסן דאָס אַזוי גערופענע „קערענקע־היטל״, דערפאַר האָט ער איצט, אָן דעם היטל, אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש. זיין קליין גרוי קעפּעלע, ענלעך צו אַ האָלענדער־קעזעלע, האָט זיך נערוועז באַוועגט אין אַלע זייטן. די קליינע האַלב־אָפענע אויגן, פאַרצויגן מיט אַ בעלמע, וואַרפן בליקן אויף דער מאָטאָריזירטער אַרמיי און אויף דעם נייעם דעה־זאָגער, וועלכער האָט אים עטלעכע מאָל געשטויסן. אָן אויפהער רעדט ער צו זיך אַליין: „הערסט? הערסט?״

פון אַ טאַנק וואָס איז קאַליע געוואָרן און זיך נישט געקענט רירן, זענען אַראָפּ געשפּרונגען טאַנקיסטן. מען שטעלט זיי קלאָץ־קשיות. יידן לופּטערן פּשוט די רוסישע שפּראַך, אָבער די זעלנער ענטפערן אויף אַלץ פּאָזיטיוו. אַפילו לימאָן־פאַבריקן זענען ביי זיי פאַראַן. „או נאַס וסיאָ יעסט״.

אויפן געזיכט פון אונדזער לייבע בלאָך דער זייגער־מאַכער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען טרויעריק, איז אַדורך אַ שמייכל. אונדזער ניעסוויזשער זייגער־מאַכער, וועלכער פלעגט צושטעלן פאַר די אָפיצירן זייגערלעך און ביזשוטעריע אויף ראַטעס, שטייט איצט בלייך און פאַרדאגהעט. וועלוול וואָלושניק פרעגט לייבען: „איך זע נאָך דיין פּנים אַז האָסט אָפּגעברענט אָן אַ פייער״. רופט זיך אָפּ שלמה קאַטשערקע: „אָבער דאָס בוך פון די אָפיצערסקע חובות איז גאַנץ״. דאָ מישט זיך אַריין וואַלושניק: „ווען דו האָסט איצט דאָס ביסל זייגערלעך וואָס האָסט באַגראָבן, וואָלטן די ‚באָרוועסע׳ זיי צוגעכאַפּט ווי אַ מאַלינקע״.

איין זעלנער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אויפן ראַנד פון טאַנק און אָן אויפהער געקוקט אויף לייבעס זייגערל, איז אַראָפּ געשפּרונגען און פאָרגעלייגט ער זאָל עס אים פאַרקויפן, ער איז גרייט צוצאָלן צו זיין זייגער, וואָס זעט אויס ווי אַ גרויסע „כראָמאַלין״־פּושקע צו פּוצן די שיך. דער זעלנער לויבט שטאַרק די פאַבריק פון די זייגערס „קיראָוו״. נאָר צו אונדזער לייבען, אויב ער אַליין האָט נישט קיין חשק, קען מען רעדן וויפל מע וויל.

די צוויי שוועסטערס מאַטעצקי, וועלכע פלעגן פונאַנדערטראָגן צייטונגען, האָבן, זעט אויס געהאַט פאַרדרוס אויף לייבע בלאָך. די יינגערע, יהודית, האָט שטענדיק, בעת זי האָט גערעדט

„אינטעליגענט״, געהאַלטן די האַנט אויפן מויל. אַז מען האָט איר אָבער אָנגעטראָטן אויפן „נאַגניאָטעק״, איז די האַנט מעכאַניש אויפגעשפּרונגען און זי האָט אָנגעהויבן שיטן לויב־ווערטער פאַר לייבע בלאָך. ווען נישט וועלוול וואַלושניק וועלכער האָט זיך אַריינגעמישט, אַז אונדזער לייבע זאָל שטעלן קאַמאַשן, איז ווער ווייס מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט.

די ניעסוויזשער יידן האָבן דערפילט, אַז זיי טאַנצן איצט אויף אַ פרעמדער חתונה. איבערהויפּט — אונדזער טייערע יוגנט, די ציוניסטישע, אין אַלע אירע שאַטירונגען. אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען האָבן זיך אויטאָמאַטיש אויפגעלייזט. דער אייזערנער פאָרהאַנג הייבט אָן זיך אַראָפּלאָזן. אַ קליינע גרופּע פון „השומר הצעיר״ לאָזט זיך שוואַרצן די גרענעץ קיין ווילנע, פון וואַנען ס איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג צו דערגרייכן די ברעגן פון ארץ־ישראל.

מען זעט שוין מער נישט די סקויטישע יוגנט, וועלכע האָט מיט העברעישע לידער פאַרהילכט די גאַסן. איצט טראָגט זיך אומעט און פאַרצווייפלונג. יידן דערפילן גלייך די נייע מאַכט וואָס נעמט זיך ענערגיש מאַכן אָרדענונג: אַרעסטן און רעקוויזיציעס אָן אויפהער. אַ געוויסן טאָג ווערן ניעסווישער יידן אויפגעציטערט, ווען מען ווערט געוויר, אַז אונדזער חשובער ציוניסטישער כלל־טוער ר׳ יואל ראַזאָווסקי איז אַרעסטירט. דער איז איצט אַ קרבן פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר דער יידישער קהילה. זיין פרוי פריידל און זון ניאָמע ווערן פאַרשיקט קיין סיביר. אַזוי הויבן אָן די באַפרייער צו הערשן אין ניעסוויזש.

גיך ווערן אונדזערע אָרטיקע קאָמוניסטן דעגראַדירט. מען קערט זיי אום צו זייערע באַרופן. אונדזער יאַנקל דער נאַטשאַלניק פאַרבייט דעם נאַגאַן אויף דער נאָדל, צו וועלכער ער איז מער צוגעוווינט. אין שטאָט האָט מען געפילט, אַז יעדן טאָג קומען אָן נייע הערשער מיט זייערע משפחות פון מזרח. דאָס לעבן אין שטאָט ווערט נאָך מער איינגעשרומפּן און פאַרקלעמט. די געשעפטן ווערן נאַציאָנאַליזירט און די סחורה גייט איבער אין זייערע הענט.

רבקה רודשטיין, מיט איר צונאָמען „בראָכאַלקע״ פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז אויף יעדער סחורה קומט איר צייט. ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי די נייע באַפרייער זענען די דאַמסקע זיידנס פון מאַרישיניעס ראַדזשיווילס צייטן געווען אַ מציאה. אַזוי ווי זייערע „זשענשטשינעס״ (פרויען) האָבן ליב זיידנס, האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט און פאַרנאַכט זיך געלאָזן אין פּאַרק, אויף דער אַמאָליקער „פּלאָשטשאַדקע״ פון טעניס. זיי האָבן פּאַראַדירט אין די נייע אַריסטאָקראַטישע גאַרדעראָבעס. איצט האָט זיך דאָ באַגעגנט די גאַנצע נייע עליטע. אונטער די קלאַנגען פון פּאָזשאַרנעם אָרקעסטער האָבן זיך אונדזערע „באַלערינעס״ געלאָזן אין טאַנץ.

אונדזער באַריטאָניסט זעליג שפּילבערג האָט שטאַרק געוואָלט, אַז דער וואַלס זאָל זיין וואָס מער „סערצע־דראַטעלנע״ (האַרצרייסנדיק). האָט מען פאַר אים אויסגעפונען אַ נייעם פּאַטענט: מען פלעגט אַריינגיסן צוויי הונדערט גראַם „וואָדקאָ״ אין זיין באַריטאָן־טרובע. דאַן האָבן זיך געלאָזן הערן באַמבלענדיקע אַקאָרדן, וועלכע יאָהאַן שטראַוס אַליין וואָלט נישט דערקענט אין זיין אייגענער שאַפונג. אונדזערע פּאָרלעך האָבן זיך געפילט ווי אין זיבעטן הימל...

אונטער סאוויעטישער הערשאַפט אין די יאָרן 1941-1939

משה אייזנבוד

אויסצוגן פונעם בוך „געלעבט הינטער קראַטן״.

די מאַכט

די נייע, נאָך נישט מונדירטע מאַכט, מיט קנעפּ און קאָקאַרדעס, האָט ביי די שטאָטישע גויים געהייסן: „די יידישע מאַכט״. וואָרעם ערשט מיט אַ טאָג פיר־פינף צוריק, זענען פּוילישע שקצים אַרומגעגאַנגען מיט ביקסן אויף די אַקסלען און מיט ווייסע לענטעס אויף די אָרעמס: „סטראַזש אָבּיוואַטעלסקאַ״ (בירגער־וואַך).

און שוין היינט לויפן אַרום יידישע בחורימלעך, וואָס די ביקס איז זיי געהאָנגען איבערן אַקסל ווי אַ שטיק טעאַטער־רעקוויזיט, און אַ רויטן באַנד אויפן אַרבל, וואָס באַשטעטיקט אַז דער טרעגער פון דער ביקס איז די מאַכט: „נאַראָדנאַיאַ מיליציאַ״ (פאָלקס־מיליץ).

דאָס זענען געווען די ערשטע פרייוויליקע מיליציאָנערן, אויסגעקליבן אויף אַ מאַסן־מיטינג. נאָר קאָנטיק אַז די, וואָס האָבן יאָ געוווּסט וואָס אַזוינס עס איז אַ ביקס, און ווי עס דאַרף פונקציאָנירן אַ פאָלקס־מיליץ — זענען געבליבן קאַלט און מיט באַוואָרענישן אָפּגעוואַרט דאָס געשטאַלטן זיך פון דער נייער מאַכט.

דער שטאָט־קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן צו איינקוואַרטירן אין אַלטן שטאָטראַט צוזאַמען מיט עטלעכע ציווילע וואָס זענען געווען האַלב־מיליטעריש געקליידט, מיט ברייטע לעדערנע שיידן פאַר רעוואָלווערן איבער די הויזן — איז געווען די אָפיציעלע מאַכט. דער ערשטער באַפעל האָט געלויטעט: עפענען די געשעפטן און זאָל דער האַנדל אָנגיין ווי פריער. דער ווערט פון דער פּוילישער זלאָטע — איז איין סאָוויעטישער רובל.

זאָל מען אין די קלויסטערס קלינגען און זאָלן זיי זיין אָפן ווי פריער.

די פּראַוואָסלאַוונע גלחים, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, האָבן האָפערדיק געקוקט אויף די קאַטוילישע און זייער נצחונדיקער שפּאָטישער בליק האָט געמיינט:

— איצט זענען אונדזעריקע ביי דער מאַכט, פּראַוואָסלאַוונע, מירן שוין נישט זיין מער אין גלות ביי די קאַטאָליקן...

נאָר דער פּוילישער קאָשטשיאָל מיט זיין געהיימניספולער שטילקייט און מיט די הייליקע בילדער, געמאָלן פון מאַטייקאָ — וואָס האָט פריער בלויז אין אַ חגא באַוויזן זיך אָנצופולן — איז אַצינד יעדן טאָג געווען פול. אין זייער שטומען פּראָטעסט האָבן פּאָליאַקן זיך געלאָזן וואַקסן „סלאָוואַצקי־בערדלעך״, אָדער ווי מאַנכע האָבן עס גערופן: די סקלדאַקאָווסקי־בערדלעך. די רוסן, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון די אַלע קונצן, האָבן געמיינט אַז די פּאָליאַקן זענען עס באַגייסטערט פון וולאַדימער איליטשן און דעריבער טראָגן זיי זיין בערדל...

כמעט יעדער יונגער פּאָליאַק האָט זיך געלאָזן וואַקסן אַזאַ מין בערדל, און אין אַ וואָכן צוויי ווי די נייע מאַכט האָט זיך באַוויזן, איז אַ היפּשער עולם שוין געווען באַבערדלט.

די יידישע קרעמער אָבער האָבן זיך נישט געאיילט אויפצומאַכן די געוועלבער. זיי האָבן געקענט די „גדולים״, וואָרום

ערשט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק זענען זיי געווען די באַלעבאַטים פון שטאָט. פון דעמאָלט אָן ביז איצט, האָבן זיי זיך נישט געענדערט.

— די זעלבע האַלעסראַקעס — האָבן זיך סוחרים געזאָגט בסוד־סודות.

נאָך בעסער ווי זיי האָבן געקענט די רוסן, האָבן די קרעמער געקענט דעם ווערט פון רובל, וואָס איז פריער ווערט געווען אַ שיבוש. דעריבער האָט זיך קיינער נישט געיאָגט צו פאַרטאַכלעווען ס'פאַרמעגן פאַר די קנאַקענדיקע „טשערוואָנצעס" (צען־רובלדיקע באַנקנאָטן).

די אָנגעפאַרענע טשינאָווניקעס — אין מיליטערישע שינעלן און ציווילע היטלען, אויסגעדרייטע שטיוול מיט קורצע כאָלעוועס, וואָס זיי האָבן גערופן „גאַרמאָשקעס", האָבן דעם פרעסטיזש פון דער נייער מאַכט נישט געהויבן, כאָטש זיי האָבן אָן אויפהער איבערגעחזרט:

— או נאַס ווסיאָ יעסט! (ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן!).

נאָר נאָכן אָנדערציילן וואָס „ביי אונדז איז אַלץ דאָ", האָט אַזאַ פאָניע אָנגענומען זיין מיטשמועסער ביים לאַץ און געמיטלעך אַ פרעג געטון:

— קאָסטיום פּראָדאַיאָש?... (פאַרקויפסט דעם אָנצוג?).

דער זייגערמאַכער לייבקע בלאָך האָט שנעל באַוויזן אָפּצוקלאָגן די פערציק טויזנט זלאָטעס אין וועקסלען וואָס זענען אומגעקומען צוזאַמען מיטן קאַסיר פון 27סטן פולק אולאַנער, און די אַלע חובות וואָס עס זענען אים שולדיק די קאַפּראַלן, וועלכע ער וועט שוין מער פאַר די אויגן נישט אָנזען. דער ערשטער האָט ער דעריבער אויפגעמאַכט זיין טיר, מיט אַ פריש, אויף שנעל אויפגעמאָלטן, טאָוול: „טשאַסאָוואָי מאַסטער", וואָרעם ס'האָט אים געצויגן צו האָבן אין טאַש די נייע וואַלוטע.

— מיט וואָס, איך בעט אייך, זענען טשערוואָנצעס ערגער פון זלאָטעס?

באַלד איז זיין געוועלבל פול געוואָרן מיט רוסן, וואָס האָבן אויפגעמאַכט טייסטערס אָנגעשטאָפּטע מיט טשערוואָנצעס. געפרעגט האָבן זיי בלויז איין וואָרט:

— סקאָלקאָ? (וויפיל?).

און באַלד האָבן זיי מיט איינגענעצטע פינגער געציילט קנאַקענדיקע הונדערטער און רויטע דרייסיקער אויף לייבקעס קליינעם זייגערמאַכער־טישל.

צוזעענדיק דאָס, האָבן די סוחרים ערשט דערזען די גרויסע פרנסה וואָס זיי וועלן דאָ האָבן.

— סט'געזען אַ ביסל — האָט געזאָגט סענדער־סאָרע־זעלדעס — אַ גוי זאָל זיך נישט דינגען? ביז דו פלעגסט דערזען פון אים אַ גראָשן, האָסטו די האַרץ אויסגעשפּייט. אים צוואַנציק מאָל צוריקגערופן — און דאָ, נאָר איין וואָרט: „סקאָלקאָ"? און שוין פליען די פאַפּירלעך...

די אייזערנע שטאַנגען איבער די געוועלב־לאָדנס האָבן זיך נישט אויפגעמאַכט.

איין פרימאָרגן האָט דער מיליציאָנער שמואל־יאָסל ספּיוואַק, מיטן רויטן באַנד אויפן אָרעם און מיט דער ביקס אויפן אַקסל, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון שניט־סוחר איצקאָווסקי, דאָס איז געווען אַן אַלטע איינגעפונדעוועטע פירמע, וואָס האָט ערשט דעם זומער איבערגעבויט דאָס געשעפט מיט מאָדערנע רולעטן אויף די פענצטער און מיט באַזילבערטע בוכשטאַבן איבער דער טיר, וואָס אַ קינסטלער פון דער פרעמד האָט ספּעציעל אויסגעפּאַרטיקט.

די שטאָט־לייט און די דאָרפישע פויערים וואָס האָבן דאָס געזען און באַוואונדערט די פיינע אַרבעט, האָבן פונדעסטוועגן דאָס געשעפט גערופן ביים אַלטן נאָמען:

— סאָרע־ליבעס שניטקראָם.

שמואל־יאָסל האָט זיך געפילט אַ שטיקל מחותן צום געשעפט, ווייל דאָ זענען זיינע צוויי שוועסטער: פרומע־איידליע און דיניע־רייזל אויסגעוואָקסן, כלה־מיידלעך געוואָרן און חתונה געהאַט. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ ביקס און אַ רויטע לענטע און ער האָט רעפּרעזענטירט אַ מאַכט פון טאַנקן און האַרמאַטן, איז נאָך זיין באַוווסטזיין נישט געווען רייף און זיין זעלבסטגעפיל נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט, אַז טאַקע ער אַליין קען באַפעלן. דעריבער איז ס'ערשטע געשעפט געווען סאָרע־ליבעס, וואָס ער וועט הייסן אויפמאַכן.

נישטא דרייסט האָט ער מיטן שפּיץ פון שוך אָנגעקלאַפּט אין דער אייזערנער טיר:

— סאָרע־ליבע, מאַכט אויף!

ווער איז? — האָט אַ נישט־זיכערע שטים געפרעגט פון אינעווייניק.

— ס'איז די מאַכט! — איז די שטים פון אינעווייניק נישט געווען גענוג זיכער, אַז ס'איז טאַקע די מאַכט.

— שמואל־יאָסל...

*

דער הויפּטנערוו, דער מוח פון דער מאַכט, איז געזעסן אין מינסק. פון דאָרטן האָבן זיך געצויגן אַלע פעדים ביז צום בוג, און אפשר נאָך ווייטער. אין מיטן אָבער, צווישן איין מיליטערישע קאָלאָנע און אַ צווייטער, האָט זיך געשאַפן אַן אומזיכערער חלל, אין וועלכן עס זענען אַרומגעשוווּמען שטעט, שטעטלעך, דערפער, מענטשן, מיטאַמאָל זענען זיי פריי געוואָרן פון אַלע פענטעס וועלכע דאָס פּוילישע געזעץ האָט זיי אין משך פון צוואַנציק יאָר איינגעבונדן און פאַרפּענטעט, ווי דאָרפישע פערד וועלכע מען לאָזט אַרויס אויף נאַכט־פּאַשע, אויפן פרייען פעלד.

די נייע פענטעס האָט מען נאָך אויף זיי נישט אַרויפגעלייגט. געווינט צו גיין אין יאָך פון פּאַפּירענעם אות, האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זייער פרייהייט.

די נייע מאַכט, וואָס איז דורך אַלע יאָרן געווען בסך־הכל מיטן האַנט צו דערלאַנגען און עס האָט זיך געדוכט אַז מען קען איר, נאָך פון אַמאָל, איז מיטאַמאָל דערשינען איינגעוויקלט אין טויזנט שלייערן, ווי דורך אַ ווייטן וואָלקן פאַרשטעלט. מען האָט אויך נישט קלאָר געזען ווער עס וועט היינט זיין דאָס אייבערשטע פון שטייסל...

איז מען געזעסן הינטער פאַרמאַכטע טירן און געוויגן דעם אייגענעם גורל. דורכגעלופטערט אין זכרון די אייגענע פאַרגאַנגענהייט צו געפינען אַ קערנדל זינד, פאַר וועלכע מען קען היינט שמייסן. דער דאָזיקער פרייער אָטעם־צוג צווישן איין מאַכט און דער צווייטער איז גענוג געווען פאַר די, וועמענס ווילן צו צעפירן די הענט איז געצוימט געוואָרן דורך סטאַביליקייט. איצט — אין כאַאָס, אויפן חשבון פון מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, האָבן זיי דערפילט אַז די צייט, ווי קורץ זי זאָל זיין, איז זייערע...

דער „רויטער מויער" האָט ביי די ניעסוויזשער יידן געהייסן די גרויסע געביידע פון טונקל־רויט געברענטע ציגל, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע גאַס. זי איז איצט געשטאַנען ווי אַ דענקמאָל נאָכן פרישן חורבן פון אַ מלוכה, וועלכע איז זיך צעפאַלן אין עטלעכע וואָכן.

יאָרן לאַנג זענען די ברייט־צעפראַלטע פענצטער פון דעם הויז געווען באַצירט מיט בלומען. פון זיי האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ פון גוט־געפלעגטע בולדאָגן, יאַגדהינט. צוזאַמען מיט זיי האָט מען אויך געקענט זען אַרויסקוקן אין דרויסן איידל־געפּיעשטשעטע הענט מיט רויט־געפאַרבטע נעגל און דין־געשנירעוועטע ליפּעלעך.

פאַרבייגייער האָבן תמיד געוואָרפן נייגעריקע בליקן צו די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, הינטער וועלכע עס האָבן זיך באַוועגט סודותפולע סילועטן, טיילמאָל צום ריטם פון מוזיק.

די דריי־שטאָקיקע געביידע איז געווען די היים פון די אָפּיצירן פון 27סטן אולאַנער פּולק.

אין די דאָזיקע איבערגאַנגס־טעג איז דער שטיינערנער בלאָק געווען איינגעטונקען אין חושך, שטילקייט — אפשר טרויער, אָבער גאָר אין אַ גרויסער מאָס — אומזיכערקייט. די מענער זענען אַוועק אין קריג. דאָרט ערגעץ האָבן זיי געקעמפט, „אַפילו אַ קנעפּל וועלן מיר נישט אָפּגעבן דעם שונא". נאָר דאָ אין ניעסוויזש, אין רויקסטן ווינקל ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ, איז שוין מער נישט געווען זייער מלוכה; און אויב זיי האָבן נאָך ערגעץ־ווו געלעבט, האָבן זיי שוין נישט געהאַט פאַרוואָס צו קעמפן. זייערע פרויען זענען געבליבן ווי יונגע ביימעלעך, וואָס זענען געוואָקסן אין שאָטן פון געדיכטן וואַלד — און זענען זיכער געווען אין דעם דאָזיקן שאָטן. נאָר ווען דער וואַלד איז פאַרשווונדן, האָבן זיי זיך דערפילט איינזאַם און הילפלאָז אין זייער נישט־פאַרוואָרצלטקייט, ווען דער שטורעם איז אַדורך איבער זיי.

אין דער דאָזיקער בין־השמשות־צייט, ווען דער טאָג פאַרשווינדט און וואָס די נאַכט ברענגט מיט זיך איז נישט באַקאַנט, האָבן זיך אין דאָזיקן הויז אַריינגעשלייכט עטלעכע פון די וואָס האָבן געגאָלטן פאַר „שטאַרקע": סייטשע, זלמן דעם בלעכערס, איסער, „מאַזולקעס" און האָבן לטובת דעם אונטערדריקטן קלאַס, ווי זיי זענען עס געווען, קאָנפיסקירט עטלעכע ראַדיאָס, אַ פּאָר גאָלדענע זייגערס און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס געהערן צום בורזשואַזן רעקוויזיט — און איצט דאַרף עס געהערן צו די אָרעמע מאַסן. און ווער איז נאָך אָרעמער ווי סאָרע־ריוועס „די ווייסע קאָפּס" אײדעמס? — — —

און ווידער איז איבערן שטאָט געהאָנגען די אומזיכערקייט פון מאָרגן, וועלכע האָט געצווונגען שטאַרקער צו פאַרריגלען טיר און טויער, ענגער צו פאַרהענגען ס'פענצטער.

אויף נייע רעלסן...

די ברייטע, דעמבענע טירן פון יאָרהונדערטער אַלטן ראָטהויז זענען געשטאַנען אָפן. מענטשן אין גרויע שינעלן און פויערישע שטיוול; יונגעלייט, וואָס האָבן ערשט נעכטן נאָך געטראָגן ווייסע קעלנערלעך און עלעגאַנט־אויסגעבונדענע קראַוואַטן, אין נאָר־וואָס אויפגענייטע גרינע „גימנאַסטיאָרקעס" און ברייטע לעדערנע רימענס, אַרומגעגאַרטלט: מיידלעך אין ווייסע וואָלענע טיכלעך אָדער גרינע מיליטערישע „פּילאָטקעס", זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. קיינער האָט זיי נישט געפרעגט וועמען זיי זוכן און וואָס זיי דאַרפן. די שפּיגלדיק־געוועקסטע פאַרקעטן פון גרויסן טעאַטער־זאַל זענען געווען צעריבן פון שווער־באַשטיוולטע פיס און פון די שטולן, וואָס מען האָט אַן אויפהער גערוקט אַהין און צוריק. פון דער מיט גאָלד־באַשלאָגענער ראַם איז פאַרשווונדן דאָס בילד פון „דזיאַדעק"* אין זיין גאַנצער גרויס; און אַ ליידיקע ראַם — ווי אַן אויסגעשלאָגן אויג — האָט שטאַר געקוקט פון וואַנט אַראָפּ.

דער בינע־פאָרהאַנג איז מער נישט געפאַלן. אַ רעדנער איז אַרויף. אויסגעטאָן ס'היטל און אַ שאָקל טוענדיק מיט דער נישט געשוירענער טשופּרינע, האָט ער אויסגערופן:

— טאָוואַרישטשי! (חברים!).

זיינע רייד זענען געפאַלן אויפן פול־געפּאַקטן זאַל, וואָס איז געווען איין צוזאַמענגעגאָסענע מאַסע פון קעפּ.

* פּילסודסקי.

— טאָוואַרישטשי! — האָט ער ווידעראַמאָל געזאָגט, — די גרויסע שעה פון באַפרייונג איז געקומען. איר דאַרפט באַשליסן צו ווילט איר זיך אָנשליסן אין דער ווייסרוסישער רעפּובליק, צי איר ווילט זיך פאַראייניקן מיט אייערע ברידער — אַוודאי ווילט איר! מיר האָבן אייך באַפרייט פון די פוילישע פּאַנעס, וועלכע האָבן אייער בלוט געזויגט! איצט דערוואַרט אייך אַ גליקלעך לעבן אין דער משפחה פון די סאָוויעטישע פעלקער...

די מאַסע איז געבליבן קאַלט. דער האַס צו די מאַכטהאָבער און די פאַררייסענע פוילישע ביוראָקראַטן איז מיטאַמאָל אויסגערונען. דעם וואַקום האָט די נייע מאַכט נישט באַוויזן אָנצופילן מיט ליבע — און כאָטש די ווערטער זענען געפאַלן אין אַ פּוסטקייט, האָבן זיי דאָך נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג. די מידע פּנימער האָבן אויסגעדריקט — לאַנגווייל.

עס רעדט אַ רעדנער אין יידיש: משה פאָנשטיין, און גערופן האָט מען אים קורץ: פאַניע.

— די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט פון די נעגל פון ווייסן אָדלער...

באַפליגלטע רייד. נישט מער, צו גוט קען מען „פאַניען" אַז זיין רעדע זאָל מאַכן אַן איינדרוק. כאָטש יונג, האָט ער שוין באַוויזן צו כאַפּן די גאַנצע סאָוויעטישע תורה. און היות ער איז געווען דער זון פון אַן אָרעמאַן, איז ער געווען ראוי אַרויסצוטרעטן ווי איינער פון פאָלק.

— טאָוואַרישטשי!

אויף דער בינע שטייט די דעלעגאַטקע צו דעם צוזאַמענפאָר וואָס דאַרף באַשליסן צו פאַראייניקן די געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד מיטן סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד.

— איך בין אַ „ניעגראַמאָטנע" מיידל און כ'האָב געפּאַשעט געגנדז ביים פּריץ, מיין מאַמע האָט געוואַשן וועש און דער טאַטע איז געגאַנגען אויף טאָג־אַרבעט.

דאָס איז די ביאָגראַפיע פון קאַנדידאַט פאַרן דעפּוטאַט וואָס ווערט געוויילט ווערן צו פאַרטרעטן ניעסוויזש. זי איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן.

דער רוס מיט דער צעשויבערטער טשופּרינע האָט זיך ווידער באַוויזן:

— טאָוואַרישטשי! אַלע ווי איינער וועלן מיר שטימען פאַר דער חברטע לאָדזיאַטע!

מיכל איז געזעסן אין זאַל. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער מיטינג איז אַ נישט־גוט־צוגעגרייטע פאָרשטעלונג. אַפילו פאַניעס רעדע איז נישט ריינע אימפּראָוויזאַציע, נאָר אויסגעשטודירט פון אַ פּאַפּיר. מענטשן זענען אַריין און אַרויס פון זאַל. אויף דער בינע איז אויפגעטראָטן אַ כאָר, און נאָך איין רעדנער, און מען האָט געוויזן אַ פילם: „לענין אין אָכצטן יאָר".

נאָך איידער דער צוזאַמענפאָר פון די דעפּוטאַטן איז זיך צוזאַמענגעקומען, אַפילו נאָך איידער מען האָט זיי באַוויזן אויסצוקלייבן, זענען די אייזנבאַן־רעלסן פון די פוילישע געביטן איבערגערוקט געוואָרן, כדי זיי זאָלן פּאַסן גענוי צו די סאָוויעטישע.

— צוריק וועלן זיי עס דאָך נישט איבעררוקן — האָט מיכל געטראַכט, זיך צוקוקנדיק מיט וואָס פאַר אַ טעמפּאָ די באַן־אַרבעטער שטעלן איבער רעלס נאָך רעלס, און גלייך נאָך זיי רוקט זיך אַ שווער־סאָפּענדיקער לאָקאָמאָטיוו מיט אַ רויטן שטערן.

— טאָ צו וואָס איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג די פּאַרטיי־מאַשין, כדי צו איבערצייגן, אַז מיר זאָלן גיין שטימען, ווייל אונדזערע שטימען וועלן דעצידירן וועגן גורל פון לאַנד?!

די סאָוויעטישע טאַנקן וואָס זענען געפאָרן אָפּט איבערן שטאָט און די שטאָלענע פייגל אין הימל, זענען געווען דער בעסטער אַרגומענט צו איבערצייגן, אַז די פּאָליאַקן וועלן סיי ווי זיך מער נישט צוריקקערן.

*

דער אייז־קאַלטער יאַנואַר־טאָג האָט ממש גערעדט ווערטער. דער פראָסט איז אַרונטערגעקראָכן אונטער די פוטערנע היטלען, אַריינגעקראָכן אין די שווערע שטיוול און געקניפּט אָן רחמנות.

— „פּאַניע" האָט פאַרשלעפּט אַ שטיק סיביר אַהער — האָבן אַלטע פויערים גערעדט צווישן זיך, קלאַפּנדיק איין האַנט אָן דער צווייטער. זיי זענען אַרומגעקראָכן איבערן שטעטל און געפּרוווט אויסטאָפּן ביי באַקאַנטע יידן ווו מען האַלט אין דער וועלט. זיי האָבן נישט געטרויט די אַגיטאַטאָרס וואָס האָבן אין די דערפער געהאַלטן אין איין רעדן, געוויזן פילמען און ווידער גערעדט.

— די יידן ווייסן באַשטימט בעסער — האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט.

פון די צוגעזאָגטע פּריצישע ערד איז גאָרנישט געוואָרן.

— איך האָב געמוזט אָפּגעבן אַ בהמה. פערד — אַ בראָך אין קאָפּ — האָט זיך דער אַגאָראָדניקער פויער, וואַסיל, געקלאָגט פאַר אַ באַקאַנטן יידן אין זיין האַלב־גויישן יידיש.

— געזאָגט קאָמיסאַר, ווער נישט פערד — געבן, ווער נישט קאָראָווע — געבן, ערד — געבן. איך גאָרנישט. נישט קאַראָווע, נישט פערד, נישט ערד. איך גוט סאָוויעצקע וולאַסט. איך גיי קניאַז ראַדזיוויל — נעם אַלץ. קומט סאָלדאַט זאָגט: ניין, גיב צוריק. דו גיי קאָלכאָז — אַלץ דיינע. כאָליערע זיין קאָפּ. — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שפּיי, ווייזנדיק די גאַנדז, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— מאַכאָרקע האָסטע, איך נישט דאַרף „פּאַפּירלעך"!

די פויערים האָבן זיך נישט געקענט צוגלויבן, אַז פון די פּריצישע פעלדער וועלן זיי גאָרנישט האָבן און אַז זיי וועלן דאַרפן גיין אַרבעטן אין קאָלכאָז, אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. דאָס הייסט ביי זיי:

— צו גיין אַרבעטן אויף יענעם.

מיט פאַרדאַכט האָבן זיי געקוקט אויף די שילדן וואָס זענען געהאָנגען אויף די גרויסע יידישע קראָמען: „גאַרקאָמפּישטשעפּראָמטאָי", „וואָיענטאָרג", „אָסבאַנק", „פּראָמקאָמבינאַט". האַלב מיט פאַרדאַכט און האַלב נייגעריק האָבן זיי אַריינגעשטעקט זייערע נעז און אויף די ליפּן איז זיי געבליבן הענגען אַ פראַגע:

— אַ גדיע סאָרע־ליבע? שאָ פּוסטוי קראַם? (ווו איז שרה־ליבע, פאַרוואָס איז ליידיק די קראָם?) — האָבן זיי זיך נישט געקענט אָפּווונדערן. מען האָט נישט געקענט וויסן אויף וואָס זיי ווונדערן זיך צוערשט. צי וואָס סאָרע־ליבע איז נישט מער די באַלעבאָסטע פון געשעפט, אָדער וואָס סאָרע־ליבעס קראָם האָט ליידיקע פאַכן.

— דאָס איז אַ סאָוויעצקע קראָם — האָט זיי אַ פאַרבייגייער דערקלערט.

זעענדיק די פּוסטע ברעטער אין די גאָר־וואָס געעפנטע סאָוויעטישע געשעפטן, איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז יידן זענען נישט אַזעלכע גוואַלדיקע יחסנים, און צווייטנס, אַז פאַר פּוטער און קעז, אַ צענדליק אייער אָדער אַ הון, דאַרף מען קיין טשערוואָנצעס נישט נעמען:

— באָ שאָ קופּיש זאַ עטיע הראָשי? (וואָס וועסטו פאַר דעם געלט קויפן?).

קריכנדיק אַזוי איבערן ליידיקן שטאָט־מאַרק, זענען זיי שטיין געבליבן אין מיטן און מיט פאַרוווּנדערונג דערזען, אַז אויף פּוילנס אומאָפּהענגיקייט־דענקמאָל, ווו ס'איז תמיד געשטאַנען אַ בראָנדזענער אָדלער — שטייט איצט אַ מענטשל מיט אַ בערדל, און זיין אויסגעשטרעקטע האַנט ווייזט אין דער ריכטונג פון דער מאַרקשול. זיי האָבן זיך נישט געקענט צוגלויבן:

— שאָ, ניעמאַ פּיעטוכאַ? אַ שאָ עטאָ זאַ דיאַדקאַ (נישטאָ דער האָן? און ווער איז דאָס דער פעטערל?

— מוסיט ז'איכניך (משמעות אַ זייעריקער) — האָט אַ צווייטער געענטפערט.

*

נישט געקוקט אויפן פראָסט, איז מיכלען נישט געווען איינצוהאַלטן אין שטוב.

— אַ בעלנות פון אַ מענטשן, אין אַזאַ פראָסט זיך צו שלעפּן אין גאַס — האָט געזאָגט מיכלס מאַמע.

אָבער מיכל האָט נישט געהערט. ער האָט נערוועז איבערגעוואָרפן די ביכער און העפטן, דורכגעקוקט די אויפגאַבן וואָס ער דאַרף צוגרייטן אויף מאָרגן, נאָר די הענט האָבן זיך נישט צענומען. שוין יאָרן אַז ער איז נישט געזעסן אויפן שולבאַנק. נאָר איצט, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טון, האָבן אַלע חברים באַשלאָסן:

— מירן זיך גיין לערנען אין דער ווייסרוסישער גימנאַזיע.

די גימנאַזיע האָט זיך געפונען אין מאָנאַסטיר פון די שוועסטער פון דאָמיניקאַנער אָרדן. אין איינעם פון די ווייטסטע בלאָקן האָבן זיך די נאָנעס אָפּגעשלאָסן, כדי ווייטער זיך קענען אַרומטראָגן מיט זייער אומשולד און איבערגעגעבנקייט צום געקרייציקטן. אין דער פריערדיקער מיידל־שול האָבן זיך אַצינד אַרומגעדרייט מענער און פרויען, שילער און שילערינס.

אויפן ברייטן הויף איז געשטאַנען אַ הויכער הילצערנער צלם און אויף זיין שפּיץ — די קליינע זילבערנע פיגור פון קריסטוסן. באַלד דעם צווייטן טאָג האָבן די פויערישע קינדער פון די דערפער צעטראָטן די בלומען אַרום דעם צלם און אָפּגעריסן דאָס ווייסע פאַרטעכל. זיי זענען נאָך געווען צוריקגעהאַלטן. די ערשטע שניי־קוילן זענען געפלויגן צו דער קליינער פיגור ביז אַ שטיין האָט פאַרבלאָנדזשעט און עס אַראָפּגעריסן...

מיכל איז געשטאַנען אויפן בריקל פון שול און זיך צוגעקוקט. עס האָט אים נישט געפרייט די דערשיינונג וואָס קריסטלעכע קינדער צעהאַקן מיט שטיינער דאָס בילד פון זייער גאָט, כאָטש ער אַליין איז נישט קיין גלויביקער. ער האָט אָבער נישט געזען קיין העלדישקייט אין דער דאָזיקער טאַט. גיכער איז עס געווען אַ הפקרדיקער אַקט פון פראַוואָסלאַוונע איבערן קאַטוילישן גאָט.

אין דעם פראָסטיקן יאַנואַר־פרימאָרגן האָט ער דעם צלם מער נישט געפונען אויפן שולהויף.

מיט הנאה האָט אים כוויסקאָ דערציילט:

— ביינאַכט האָבן מיר אים אונטערגעזעגט, דעם פאַרשאָלטענעם. וואָלסטו געזען ווי די מאָנאַשקעס האָבן געוויינט, נאָר האָבן מורא געהאַט צוצוגיין. זיי האָבן אים ווי אַ פּגר אַריינגעטראָגן אין קלויסטער, און איצט בעטן זיי געוויס פאַר אים...

„די ערשטע סימנים פון דער נייער מאַכט: נישט בויען, איבערדערציען — נאָר צעשטערן, אונטערזעגן"... האָט מיכל געטראַכט. צו פריש און צו ניי זענען די איינדרוקן געווען פאַר מיכלען, ער זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט צוגרייטן די שול־אויפגאַבן. ער האָט געמוזט רעדן מיט עמעצן, כדי אין געמיינזאַמען געשפּרעך פרווון אויפצוקלערן עס פאַר זיך און שאַפן אַ קלאָרע מיינונג וועגן דאָס געשעענע. ער איז דעריבער אַוועק צו זיין חבר סיאָמקען.

ווי לאַנג זיי זענען שוין חברים, האָט מיכל קיינמאָל נישט געקענט קלאָר וויסן. נאָר גערעכנט האָט ער, אַז זינט זיי ביידע האָבן זיך געקענט שטעלן אויף די פיס און האָבן ווי קליינע קעצלעך אַרויסגעפּויזעט אויף גאָטס וועלט, זענען זיי געוואָרן פריינד. כאָטש שפּעטער זענען זיך זייערע וועגן צעגאַנגען.

סיאָמקע אין דער העברעישער שול און מיכל אין דער יידישער. די חברשאַפט אָבער איז געבליבן. ווען סיאָמקע האָט אָנגעשריבן זיין ערשט ליד, האָט ער זי געבראַכט ווייזן מיכלען. אויך פאַר מיכלס לידער איז סיאָמקע געווען דער מבין.

סיאָמקע איז נישט געגאַנגען זיך לערנען. אויך נישט סראַליק. זיי זענען ווייטער געשטאַנען ביי די טישלער־וואַרשטאַטן און געמייסטרעוועט טישן און בענקלעך, שאַפעס און פענצטער.

ביי סיאָמקען אין שטוב האָט מיכל דערפילט, הענגט עפעס אין דער לופטן, עפעס האָט פאַסירט און דאָס דריקט די שטוביקע אויף די געמיטער. סיאָמקעס קליינער ברודער, וועלכן מיכל האָט תמיד געשנעלט אין נאָז און גערופן: „שוואַרצער קאָטער פיפערנאָטער״, איז אומעטוק געזעסן אין אַ ווינקל און נישט דרייסט אַריבערגעקוקט צו מיכלען.

מיכל איז דאָ געווען צו היימיש, אַז מען זאָל פאַר אים מאַכן אַ סוד, אַגב האָט שוין אַזאַ פאַל פאַסירט אין שטאָט. סיאָמקע האָט אים אַריינגערופן אין צווייטן צימער, ווייל אין זיין מאַמעס אויגן האָט ער געפילט וועט ער נישט קענעןריידן.

— ווייסטע דאָך וואָס עס האָט פאַסירט מיט זימל דעם שניידער — זיי האָבן פון אים געפאָדערט צען טויזנט רובל שטייערן און אים איינגעזעצט אויף אַ יאָר צייט.

נעכטן ביינאַכט האָבן זיי אַרויסגערופן מיין טאַטן. זיי ווילן פון אים דריי טויזנט רובל, אָדער זלאָטעס.

— וואָס, פון דיין טאַטן? — האָט זיך מיכל נישט געקענט איינהאַלטן.

— יאָ, פון אים. נעכטן האָבן זיי אים געוויזן אַ קעלער אין דער נ. ק. וו. ד. און געזאָגט: זעסט — דער אַריינגאַנג איז אַ ברייטער, אָבער אַרויסצוגיין איז אַזוי שמאָל, האָבן זיי אָפגעמאָסטן מיט די הענט. מילא. דו ווייסט דאָך: פון וואַנען זאָלן מיר נעמען געלט? פון מיינע פאַרדינסטן, פון מיין שוועסטערס? אַז צו פאַרקויפן וואָס פון שטוב איז אויך נישטאָ.

מיכל האָט עס גוט געוווסט. ער האָט געקענט פייווע דעם קצב, אַז קוים וואָס ער שטעלט צונויף אויף אַ קעלבל, אָדער אַ פאָר שעפסן. ער מאַכט אָפט אַ כוסע און האָט זיכער אַזאַ סומע קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

— פאַר די פאָר חדשים וואָס מען האָט געמעגט האַנדלען — אַזאַ סומע. כ׳ווייס, פריער, פאַר די פאָליאַקן וואָלט מען עפעס אָפגעשריבן. מ׳שטיינס געזאָגט — וואָס ס׳איז דאָ אָפצושרייבן. נאָר גאָרנישט — האָט סיאָמקע מיט ביטערקייט פאַרענדיקט.

מיכלען האָבן מיטאַמאָל אַלע זיינע פראָבלעמען געגומען אויסזען קליין און אַפילו נאַריש. צוליב אַ פאָר טויזנט זלאָטעס וועט אַ מענטש פאַרלוירן גיין אין תפיסה...

מיכל האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אויך נישט געוווסט פון וואַנען זיי וועלן נעמען צו באַצאָלן.

ביז צום געריכט איז פייווע יעדן טאָג היפשע עטלעכע שעה, אין משך פון אַ וואָכן צוויי, אָפגעזעסן אין דער נ. ק. וו. ד. אויף „דאָפראָס״. פונקט ווי עס וואָלט אין שטראָף־קאָדעקס געווען אַ פאַראַגראַף וואָס זאָגט: „ס׳איז פאַרבאָטן צו זיין אַן אָרעמאַן״.

ערב דעם משפט האָט שטאָט דערזען, אַז „פאָניע״ מיינט נישט קיין קאַטאָוועס.

— וואָס הייסט — האָבן יידן זיך געקאָכט — פאַר אַ פאָר זלאָטעס זאָל מען אַ יידן לאָזן איינזעצן אין אַסטראָג? ס׳איז דאָך עק וועלט!

מען האָט צוזאַמענגעקליבן אַ טייל פון דער סומע, און געגעבן עס פייווען ער זאָל אַהינטראָגן.

— וואָס? — האָט דער פינאַינספעקטאָר* צו אים געזאָגט — וואָס ספעקולאַנט, נעכטן האָסטו נישט געהאַט און היינט האָסטו שוין?!...

פייווע פאַרפעל האָט באַקומען אַ יאָר צוואַנגס־אַרבעט און אַן אומזיסטע רייזע קיין קאָמסאָמאָלסק...

ביי מיכלען אין קאָפ האָט עס זיך נישט געקענט אַריינפאַסן.

— די גבירים האָבן אַי פריער געהאַט געלט צו באַצאָלן, אַי איצט האָבן זיי באַצאָלט זייערע שטייערן און ס׳איז נאָך זיי געבליבן גענוג אויף צום לעבן, כאָטש מען האָט צוגענומען זייערע געשעפטן.

— אַז דער אָרעמאַן איז פריער געלעגן אין דער ערד — איז שולדיק געווען דער קאַפיטאַליזם. היינט ווערט ער מיטאַמאָל אַ פיינד פון אַרבעטער־קלאַס, ווייל ער איז אַן אָרעמאַן.

נאָך איידער מיכל האָט געהאַט צייט זיך פאַרנאַנדערצורקלייבן וואָס אין דעם אַלעם שטעקט, האָט אין שטאָט פאַסירט אַ נייע מעשה.

— דער מאָהילנער שניידער האָט זיך אויפגעהאַנגען! פאַרטאָג האָט מען אים געפונען אויפן בוידעם אַ קאַלטן. און פון זיך אויס האָבן מענטשן צוגעגעבן:

— ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט איינזעצן פאַר די שטייערן, ער איז נעבעך אַ ביטערער אָרעמאַן. ער האָט נישט געקענט איבערלעבן די בושה.

מיכל האָט געקענט דעם שטילן יידן וואָס האָט געלעבט אויפן מיכאַלישאָק און קוים געצויגן חיונה פון זיין שער און אייזן. זיין זון שמעון לעווין, איז געווען מיכלס אַ חבר. אַ נערוועזער בחור, וואָס האָט קינדהייז פאַרלוירן דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט, שפילנדיק זיך מיט אַ האַנט־גראַנאַט.

מיכל האָט אים אויפגעזוכט און געפרווט טרייסטן.

— דאַרפסט מיט מיר קיין געשעפטן נישט האָבן — האָט שמעון איבערגעהאַקט. — מ׳האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון גימנאַזיע, ווייל כ׳בין אַ זון פון אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער...

— — — — — — —

דער לאָקאָמאָטיוו פון רעזשים איז פעסט געזעסן אין די שטאָלענע רעלסן, מיט וועלכע די מערב־געביטן זענען פאַראייניקט געוואָרן צו דער פעדעראַטיווער ווייסרוסישער רעפובליק. נישט מער וואָס דאָרט האָט זיך דער דאָזיקער לאָקאָמאָטיוו גערוקט לאַנגזאַם. און איבער יעדן שפאַן ערד וועלכן ער איז דורכגעפאָרן זענען געבליבן ליגן ווי שפאַלן אונטער די רעלסן — מענטשלעכע קערפערס; זיי זענען צעלייגט געוואָרן אויף מיילן — אָפשניטן פון צייט — 30 יאָר. די דאָזיקע דרייסיק יאָר האָט דער לאָקאָמאָטיוו־פירער, וואָס האָט געהאַט אין די הינטערשטע וואַגאָנען גענוג ביקסן און טאַנקן און פאַר זיך געהאַט נישט מער ווי יידישע קרעמערלעך, באַלמעלאָכעס, אָרעמע אָפגעשטאַנענע ווייסרוסישע פויערים — איצט דורכגעמאַכט קוים אין אַ יאָר צייט.

בלעטלעך פון אַ נישט־געשריבענעם טאָגבוך

אַרום האָבן די טיראָלער בערג־שפיצן זיך געריסן צו די הימלען. זייערע גרין־באַוועלדערטע רוקנס האָבן איינגעשלאָסן דעם טאָל ווי אין אַ צויבער־רינג. נאָר די גרויע, בעטאָנענע קאַזאַרמעס האָבן צוריקגעבראַכט צו דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט פון אַ די. פי.־לאַגער. פאַר מיכלען איז געלעגן אַ ווייסער בויגן פאַפיר. דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק האָט ער געזען די מאָלערישע לאַנדשאַפט, אָנגעוואָרפן מיט אַ בכיוונדיקער דיסהאַרמאָניע פון אַ קינסטלערס האַנט, וואָס דווקא די דאָזיקע דיסהאַרמאָניע פון פראָפאָרצן און קאָלירן האָבן דאָס דאָזיקע בילד צוגעגעבן דעם וווּנדערלעכן באַגריף, וואָס הייסט: די נישט־קאָרעגירטע נאַטור.

נאָר מיכל האָט נישט געקענט מאָלן. תמיד ווען ער האָט

---

* פינאַנס־אינספעקטאָר.

זיך דערמאָנט אָן זיין חרובער היים, זענען פאַר אים אַרויפגעשווומען קליינע, אומבאַדייטנדיקע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן אפשר געלעבט אין מענטשלעכע זכרונות נישט מער ווי אַ רגע — אָבער דורך דער דיסטאַנץ פון יאָרן האָט מיכל אין די דאָזיקע טראָפּנס דערזען דעם ים.

דאָס זענען געווען טראָפּנס מענטשלעכער צער, וואָס זענען געפאַלן אויף די דינע געוועבן פון זיין מוח, און אַנשטאָט זיי זאָלן אויסטריקענען, צאַפּלען זיי, גיסן זיך צוזאַמען און טיילן זיך אויפסניי פאַנאַנדער און ווערן ווידער לעבעדיק... דאָס זענען די טראָפּנס, וועלכע מיכל וויל איבערגיסן אין פּשוטע ווערטער, וועלכע ער וואָלט געוויס געווען פאַרצייכנט אין אַ טאָגבוך. ווען — — — ...

פעברואַר 1940.

„סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט — נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם״... דאָס איז די סאָוויעטישע לייזונג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז געווען דער טרוים פון אַ יידישער שול — אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה. צוערשט האָט די „תרבות״־שול געפּרוווט אונטערן מאַנטל פון לערנען יידיש — דורכשמוגלען העברעיש. דאָס איז געוואָרן אוממעגלעך. האָבן די ציוניסטן, אין נאָמען פון די עלטערן פון די קינדער, באַשלאָסן: איידער יידיש — בעסער רוסיש...

אין פּינסקער העברעישער גימנאַזיע זענען די אַלטע טוער, אויף אַ באַראַטונג וועגן דער צוקונפט פון דער גימנאַזיע, אַרויסגעטראָטן מיט צאָרן: יידיש וועט אונדזער שוועל נישט אַריבערטרעטן! יידיש ניע זשעלאַיעם! בעסער רוסיש...

דער פאַרוואַלטער פון ראַיאָנאָ * האָט געשלאָסן די איינציקע יידישע פאָלקס־שול צוליב מאַנגל אין קינדער, וואָס דאַרפן אויספאַלן אויף יעדן לערער, לויטן פּלאַן...

מיט איין דעקרעט — געשריבן אויפן לינקן זייט פון עפּעס אַן אַלטן פּוילישן אַמטלעכן פּאַפּירל — איז צונישט־געוואָן די יאָרן איבערגעגעבענע אַרבעט פון יידן עקשנים, ביים בויען אַ בנין און אויסהאַלטן אַ יידישע שול, אַ וועלטלעכע שול פאַר יידישע קינדער...

אין שול־בנין געפינט זיך אַן אינטערנאַט פאַר דאָרפישע שקצים — וואָס לערנען אויף קורסן...

מערץ.

— — — די קלויסטערס קלינגען. זייער גלאָקן־קלאַנג האָט דעם ווערט פון גאָלד... אַזוי, אַלנפאַלס, שאַצט עס אָפּ דער פינאַטדיעל **, וועלכער מעסט אויס דעם קולטור־שטייער, וואָס מוז באַצאָלט ווערן פאַר דינען גאָט אין זיין טעמפּל.

די יידן האָבן פאַרוואַנדלט די שולן אין אַרטעלן.

די קאַזשימער שול — אַ סטעלמאַכישער אַרטעל.

די שוסטערשע שול — אַ שוסטער־אַרטעל.

די תלמוד־תורה און די קהל־שטיבל — אַ סטאָליער־אַרטעל.

די קאַלטע שול — אַ מעבל־סקלאַד.

די אַנדערע בתי־מדרשים זענען דערווייל פאַרמאַכט. מען וועט פון זיי שוין עפּעס מאַכן, אַז זיי זאָלן בלייבן אין יידישע הענט, און פאַרן דאַוונען זאָל מען נישט דאַרפן צאָלן...

פון דער גבירישער מאַרק־שול, איז געוואָרן אַ קלוב. דאָס איז דער אויפטו פון מאָניק זאַרכין... ער האָט צוזאַמענגענומען אונטערשריפטן און געפועלט. דער געדאַנק איז אפשר זיינער, נאָר דעם פּלאַן דורכצופירן, דאָס איז געווען די אַרבעט פון ראַיאָן־קאָמיסאַר פון „קאָמסאָמאָל״ * וואָס איז געוואָרן דער פּאַטראָן איבערן קלוב...

די יידן וואָס האָבן באַוווינט דעם מאַרק, האָבן זיך נישט געלאָזן. דעלעגאַציעס, אינטערווענצן. אדרבא — האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר געזאָגט — יעדערער קען פריי אָפּריכטן זיין גלויבן. נישט מער — איר זעט דאָך אַליין, די יידישע יוגנט פּאָדערט...

די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע איז נאָכן דריטן חודש מיד געוואָרן צו צאָלן דעם שטייער, וואָס ווערט יעדן חודש פאַרגרעסערט. צו־אָרעם איז דער ווייסרוסישער פּויער ער זאָל זיך עס קענען פאַרגינען... די צערקווע־גלאָקן שווייגן...

דער קאַטוילישער קלויסטער איז פול מיט קניענדיקע. די לאַסט פון קולטור־שטייער ווערט געטראָגן מיט אַ סטאַאישער רויקייט — ווי קריסטוס האָט געטראָגן דעם צלם. אין קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקן, הערן די פּאָליאַקן די שטים פון פּראָטעסט קעגן די אַריינדרינגלער...

דער דירעקטאָר פון ליעסכאָז ** איז אַן אַגיטאַטאָר פון דער געזעלשאַפט „בעזבאָזשניק״. זיין אויסזען — ווי אַן אַפּאָסטאָל וואָס איז אַריינגעקראָכן אין אַ מיליטעריש־פּאַרטייאישע כאַקי־בלוזע און שטיוול...

זיינע רעפעראַטן פאַרמאָגן הומאָר, אַ זאַך, וואָס ווערט זעלטענער פון טאָג צו טאָג...

סוף מערץ

די שטאָטישע ביבליאָטעק גיט נאָך נישט אַרויס קיין ביכער. מען מוז צוערשט אויסרייניקן די קאָנטער־רעוואָלוציע...

סאָליע זוסמאַן האָט מיר געזאָגט:

— די ערשטע ביכער וואָס די קאָנטראָלאָרן האָבן מיטגענומען, זענען טראָצקיס „זבראָדניאַ סטאַלינאַ״; זיי ווילן אויך עפּעס לייענען...

פונדעסטוועגן גיט מיר סאָליע גענוג ביכער אַרויס צום לייענען... מאָדנע, דורך די אַלע יאָרן האָב איך ווייניק געלייענט פּויליש — אַצינד לייען איך נאָר פּוילישע ביכער... איז עס אַ רעאַקציע אויף עפּעס? אָדער איז עס אומבאַוווסטזיניקער, אינערלעכער פּראָטעסט?

פון דער „תרבות״־ביבליאָטעק האָט מען די יידישע ביכער פאַראייניקט צו דער שטאָטישער. אַרום אַ העלפט ביכער זענען פאַרשוווּנדן. וויפל יידישע שרייבער זענען דען סאָוויעטיש־כשר?

די „רבקה גאַלין־ביבליאָטעק״, פאַר וועלכער נח מישקאָוסקי האָט פון אַמעריקע איבערגעשיקט אַלע ביכער פון זיין פאַרשטאָרבענער פרויס ביבליאָטעק — איז אויך אויסגערייניקט געוואָרן. וווּהין די ביכער זענען פאַרשוווּנדן — דאָס ווייס סאָליע זוסמאַן אויך נישט. מ׳האָט זיי ערגעץ אַוועקגעפירט...

אויף אַ זייטיקער פּאָליצע שטייען די פּאָר ביכער וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט. צו זיי זענען נאָך צוגעקומען עטלעכע בענדער פון סאָוויעטישע שרייבער. צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ קליינע, פאַריתומטע גרופּע — יידישע ליטעראַטור...

גערודפטער, פאַרפאָלגטער יידישער לשון. האָסט געוואָלט אויסגלייכן דיינע פליגל אונטערן שוץ פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע — ביזט אָבער געפאַלן דער ערשטער קרבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע מיט וועלכער מיר האָבן אַזויפיל האָפענונגען פאַרבונדן...

---

* ראַיאָנאָ — געגנט־אַדמיניסטראַציע פאַר בילדונג.

** פינאַנסאָווי אָטדעל — פינאַנס־אָפּטייל.

* קאָמסאָמאָל״ קאָמוניסטיטשעסקי סאָיוז מאָלאָדיאָזשי — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד.

** ליעסכאָז — ליעסנאָיע כאָזייסטוואָ — וואַלד־ווירטשאַפט.

מאַי

— — — מיין אויפפאַסונג פון באַגריף: וועלט־באַשאַף — איז אַ וויסנשאַפטלעכער, וואָס פּאַלט זיך לגמרי נישט צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער... די ריטועלע געזעצן זענען אַ צר־ענגער קרייז, אַז אַן אַכצן־יעריקער בחור זאָל זיך אין אים קענען פריי באַוועגן. אויפן פּראָבלעם חתונה קוק איך, ווי אַלע יונגע מענטשן אין דעם עלטער און פון דער זעלבער פּאָליטישער שיטה, מיט די אויגן פון אַ וועלטלעכן, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיידן פון ראַסן, גלויבן און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. און אפשר זענען דאָס באַטראַכטונגען פון אַ נאַיוון בחור, וואָס קען נאָך נישט דאָס האַמעטנע לעבן...

די יונגיטשקע מאַשע בערעזין, וואָס איז ערשט קוים זעכצן יאָר אַלט, וויל חתונה האָבן מיט אַ רוס...

איר טאַטע, יאַנקל „שעטשקע" דער באַלעגאָלע, איז אַרויף אויפן בוידעם און זיך אויפגעהאָנגען... מ'האָט אים אָפּגעשניטן... צום סוף האָט ער מסכים געווען אויפן אײדעם... אַנישט וואָלט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר, פאַר וועלן נעמען זיך דאָס לעבן...

וואָס וויים „שעטשקע" פון ראַסן־גלייכהייט, פון די אַלע שיינע זאַכן, וואָס שטייען אין די ביכלעך... צי איז נישט אַ כבוד פאַר אַן אַלטן באַלעגאָלע צו האָבן אַן אָפיציר פאַר אַן אײדעם?

דער געזונטער פאָלקס־אינסטינקט איז שטאַרקער פון אַלע טעאָריעס... מען מוז נישט־ווילנדיק אַ טראַכט טון: צי איז עס נישט קידוש־השם?

יוני

קאָמוניזם — דאָס איז געווען די גלויבנס־קראַפט וואָס האָט געצויגן דעם ייִדישן בחור און געגעבן אים די מעגלעכקייט צו אויסלאָדן די אָנגעזאַמלטע ענערגיע וואָס איז צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן אונטערן דרוק פון די פּוילישע מאַכטהאָבער. נישט אַלע האָבן אָבער געהאַט מוט אַוועקצושענקען די בעסטע יאָרן פאַר די קאַלטע, שטיינערנע תפיסה־ווענט. זיי זענען געווען קאָמוניסטן פון איבערצייגונג, אָבער נישט פון טאַט. „ניעשקאָדליווי קאָמוניסטאַ" — אַן אומשעדלעכער קאָמוניסט האָט אַזאַ אײנער געהייסן ביי דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי.

איצט איז געקומען די צייט זיי זאָלן אָפּצאָלן זייער חוב צו דער רעוואָלוציע. לייזער געצאָוו און שלמהקע „ציגעלע" האָבן געדאַרפט צושטעלן דער נ. ק. וו. ד. באַווייזן קעגן מיין טאַטן — דעם פאַרוואַלטער פון רעסטאָראַן נר. 1, וואָס געפינט זיך אין ליאַנגעס מויער... צו גוטע פריינד זענען זיי געווען.

און אין פּראָטאָקאָל פון נ. ק. וו. ד. איז געוואָרן פאַרשריבן:

„דעם 17טן יוני האָבן מיר אין רעסטאָראַן נר. 1 באַשטעלט צום עסן אַ פּיינקוכן. מיר שטעלן פעסט, אַז ער איז געווען רוי..."

יאַנקל דער שוסטער האָט אַרויסגעגעבן אברהם־אַרע דעם שוסטער צו דער נ .ק. וו. ד. אַז ער שפּעקולירט, און פאַרקויפט אַ פּעקל הייוון אויף דעם שוואַרצן פּרייז...

אברהם־אַרע האָט באַקומען אַ יאָר טורמע... ביידע — ביטערע אָרעמעלייט, טאַטעס פון קינדער...

יולי

די אָרעמעלייט זענען פאַרשוווּנדן... מאָדנע, פון וואַנען לעבן די מדינה־גייערס וואָס האָבן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געקראָגן זייער קופּערנעם גראָשן, וואָס איז געלעגן אונטערן צעראַטע ביי אונדז אין קיך... אָדער די שטאָטישע אָרעמעלייט, וועלכע די קהילה האָט אויסגעהאַלטן...

מאָדנע איז אויך וואָס די קראַנקע קינדער פון די אָרעמע ייִדישע היימען, זענען מער נישטאָ. אַפריער פלעגן זייערע על־טערן אָפּשלאָגן די שוועלן פון „טאָז" און זיך בעטן:

— איך בעט אייך, פריער גאָט און נאָכהער איר, העלפט מיין קינד, עס זאָל כאָטש אַ פאַר וואָכן זיין אויף דאַטשע...

צי האָבן זיי באַקומען בעסערע וווינונגען, אָדער איז די לופט אין די „טויטע געסלעך" אָדער אַרום די שולן, געוואָרן ריינע סאַנאַטאָריום־לופט?!

אויף די דאָזיקע מחשבות בין איך געקומען, ווען כ'האָב אין פּאַרק דערזען שטיין די געוועזענע געביידע פון דער קינדער־קאָלאָניע, און איבער איר — אַ פריש אויפגעמאָלטע שילד: ב ו פ ע ט.

נאָך אַלץ: יולי

מען אַרעסטירט... מ'ווייס נישט פאַרוואָס.. מערסטנטייל פּאָ־לאַקן „אָסאַדניקעס", ספּעציעל־באַזעצטע ביי די גרענעצן, פריי־ווויליקע לעגיאָנערן וואָס האָבן געקעמפט פאַר פּוילנס אומאָפּ־הענגיקייט... דער אַדוואָקאַט פּאָליעוואָדאַ איז אויך צווישן די אַרעסטירטע.. מ'זאָגט אין שטאָט: זיין נייער מויער געפעלט דער נ. ק. וו. ד. זיי וווינען שוין דאָרט... זיי פאָרן אויך מיט זיין אויטאָ.

יואל ראָזאָווסקי איז אַרעסטירט. פאַרוואָס? מעגלעך דערפאַר וואָס ער טראָגט אַ באָרד. מעגלעך דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ צר־פיינער און אָנשטענדיקער ייִד אַלס וויצע־בירגערמייסטער און פאָרזיצער פון קהילה... מעגלעך דערפאַר וואָס ער איז אַ ציוניסט...

פאַרטאָג פירט מען די משפחות פון די אַרעסטירטע אין פויערישע פורלעך צום באַן. ווו זענען די אַרעסטירטע, ווייס קיינער נישט... וווהין שיקט מען די משפחות — איז דערווייל אַ סוד...

די ייִדישע מיליציאָנערן, וועלכע מען האָט צעיאָגט נאָך עט־לעכע וואָכן דינסט, רופט מען אָבער יעדעס מאָל, זיי זאָלן צוהעלפן ביי די אַרעסטן...

און נאָך אַלץ יולי.

מען פאַרשיקט „ביעזשענצעס", וואָס האָבן נישט קיין סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. די שפּיל פון רעגיסטרירן זיך, כדי אַהיימצופאָרן אויף דער טעריטאָריע וואָס איז אונטערן דייטש — איז געלונגען...

איצט זענען אַלע אויפן אָרט, און מען פּאַקט זיי אַריין אין די וואַגאָנען. מאַטעס מיט משהן האָבן איבערגעקליגלט די פּאָליציי. אין באַראַנאָוויטש האָבן זיי זיך רעגיסטרירט אַהיים צו פאָרן, און אין ניעסוויזש — אַרויסגענומען פּאַספּאָרטן. זיי זענען געבליבן.

צי איז אַ מלוכה־פאַרברעכן צו וועלן זיין מיט פרוי און קינד, מיט טאַטע־מאַמע?

די אַלע פרייהייטן וואָס עס זאָגט־צו די סאָוויעטישע קאָנ־סטיטוציע, זענען בלויז ווערטער אָן אינהאַלט, אָן באַדייט. ווייַזט אויס — זי איז געשריבן פאַר אויסלאַנד...

אויגוסט.

מען נעמט אָן מיטגלידער אין „קאָמסאָמאָל". עפנטלעך, אויף מיטינגען אין ראָטהויז; יעדער אײנער קען רעדן פריי וועגן די קאַנדידאַטן און אַרויסזאָגן אַ מיינונג. אַחוץ די פאָרמעלע אונטערשריפטן און רעקאָמענדאַציעס, איז גוט צו זיין פון פריער אַ מיטגליד פון „השומר־הצעיר". דאָס איז אַ פּאָזיטיווער שטריך אין דער פאַרגאַנגענהייט... אַז אַ קאָמסאָמאָלסקע ביכל באַדייט פּריווילעגיעס, איז קלאָר. מער נישט — צי איז דער פּרייז, וואָס מען צאָלט דערפאַר, נישט אַביסל צו הויך... די שקאָלניקעס זענען געוואָרן „קאָמסאָמאָלצעס", און משה „פּאַניע", און איטשע „קובאַק", און מאַניע לאָזערס...

דערווייל מער קיינער. שטאָטישע קריסטן האַלטן זיך נאָך אַלץ פונדערווייטנס. דערפֿאַר פון די דערפֿער רייסט מען זיך אין קאָמסאָמאָל...

נאָוועמבער.

טשיקאַווע — וואָס וועט זיין מיט ראַדזשיווילן און מיט זיין שלאָס?

שוין איבער אַ יאָר ווי זיי זיצן אין דעם פיינעם שלאָס, אַ היסטאָרישע פירשטן־פעסטונג פון 13טן יאָרהונדערט; צוזאַמען מיט זיי — איינציקע פּרויען פון פוילישע מיניסטאָרן, וואָס האָבן זיך דאָ צייטווייליק פֿאַרהאַלטן. איצט לעבן זיי אַלע אין „הויז־אַרעסט". זיי האָבן די זעלבע דינער וואָס פריער, און די נ. ק. וו. ד. שטעלט־צו פּראָוויאַנט, עס זאָל גאָרנישט פעלן... אין ראַד־זשיווילס אימעניעס שטעלט מען דערווייל אויף קאָלכאָזן...

אַ סענסאַציע:

ראַדזשיוויל פאָרט אָפּ קיין איטאַליע... שטאָט זאָגט, אַז מוסאָליני אָדער דער איטאַליענישער קעניג זאָלן האָבן אינטער־ווענירט. איצט פאָרן די ראַדזשיווילס אָפּ, מיטנעמענדיק דאָס צירונג פון דער פאַמיליע ווי אַ היסטאָרישן אָנדענק...

און נאָך שמועסט מען:

ראַדזשיוויל האָט די רוסן געזעגנט מיט די ווערטער: „ביע ביל בים יאַ קניאַזיאָם — סטאַל בים באָלשעוויקאָם"[1].

מעגלעך: די פֿאַנטאַזיע פון די ניעסוויזשער יידן אַרבעט צו שאַרף...

אין שטאָט דרייען זיך אַרום די היימלאָזע פּרויען פון די מיניסטאָרן און זוכן קונים אויף זייערע לעדערנע טשעמאָדאַנעס...

מאַטעס האָט געקויפט איינעם: ס׳וועט אַרויס, מיינט ער, אַ דריי פאָר שטיוול־כאָליעוועס...

דעצעמבער־יאַנואַר 1941.

טאָג און נאַכט קלאַפּן האַמערס אין שלאָס... עס קומען היס־טאָריקער, קאָמיסיעס... שרייבער... יעדער נעמט עפּעס צום אָנ־דענק. די ביבליאָטעק, וואָס ווערט געשאַצט אין אַ מיליאָן דאָלאַר, פירט מען אַריבער אין מינסקער מוזיי — אַלע היסטאָרישע אַנטיקן זענען באַשטימט פאַרן מוזיי. אין די סטאַלאָוועס זענען שוין דאָ פאַרצעלייענע קרוגן און קרישטאָלענע שיסלען, מיטן הערב פון די ראַדזשיווילס געקריצט אין גאָלד... דאָס האָט די קאָמיסיע קוואַליפיצירט ווי: באַראַכלאָ.[2] און אַוועקגעשענקט אין די סטאַלאָוועס...

סוף יאַנואַר.

דער שלאָס איז פוסט. עס פאָרן שוין מער נישט קיין לאַסט־אויטאָס אַהין און צוריק. איבערן שלאָס פלאַטערט אַ רויטע פאָן, און אין פאַרק פאַרן אַרום טאַנקן. עס איז אַ „וואָיעננִי גאָראָ־דאָק"[3]. אין די איבער הונדערט צימערן האָבן זיך צעלייגט סאָלדאַטן. די צוויי גרויסע קאַזאַרמעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו ווייניק. דאָרטן שטייען איין פילאָטן און רעקרוטן פון ווייטע, אַזיאַטישע געביטן...

פון פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך שטאָק־פינצטער, ביז שפּעט אין דער נאַכט, הילכן מיליטערישע לידער איבער דער שטאָט...

---

1. וואָלט איך נישט געווען קיין פירשט, וואָלט איך געוואָרן אַ באָלשעוויק.

2. „באַראַכלאָ" — שמאַכטעס, אָלטוואַרג, אָן ווערט.

3. אַ מיליטעריש שטעטל, אַ גאַרניזאָן.

אַ טיפער שניי באַדעקט די גאַסן. קיינער רייניקט נישט — ז׳ייל אַלע הייזער געהערן צו דער מלוכה. דער שטאָט־סאָוויעט איז איינגעקוואַרטירט אין בלאַטשינסקיס האָטעל. יאַסינאָווסקי איז דער סעקרעטאַר, און מוליק פרענסקי — דער באַלעבאָס איבער די הייזער. נאָר דעם שניי רייניקט קיינער נישט. יעדערער טאָפּטשעט זיין וועג זיך אויס אַליין, דורכן שניי.

אַ טאָג אין מערץ.

— — — די ריי איז געקומען אויף די דרייצן־יעריקע יאַטלעך. געהייסן האָט עס: מען דאַרף זיך לערנען אַ פאַך און דערצו איז נויטיק אַ פאַך־שול. פאַר דעם האָבן די רוסן אַ קורצן נאָמען: פע. זע. אָ.[4]

מען האָט צוזאַמענגענומען דאָס ביסל קליינוואַרג, וואָס האָבן זיך נאָך, ווי הינדעלעך, געוואַרעמט אונטער דער מאַמעס פליגל און זיי אַוועקגעשיקט אין טיף־רוסלאַנד.

מיט פאַרווייִנטע אויגן זענען די מאַמעס געלאָפן אין איס־פּאָלקאָם[5] אַריין:

— ווו זענען אונדזערע קינדער?!

האָט זיי זייצעוו, דער סעקרעטאַר פון איספּאָלקאָם, אָנגע־קוקט ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען:

— טשטאָ ווי — ניע סאָוויעטסקיע לודי?[6].

נאָר שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די דאָזיקע „סאָ־וויעטן" זענען נאָך קיין יאָר נישט אַלט, איז ער ווייכער גע־וואָרן:

— עך באַבי, וואָס וויינט איר? אין אַ יאָר פיר אַרום וועלן זיי צוריקקומען, וועט איר זיי נישט דערקענען. וואָס רעביאַטאַ בודוט — ס׳פּריסיפּקאָי[7] — האָט ער מיטן גראָבן פינגער באַוויזן, סאַרנע יאָטן זיי וועלן אויסוואַקסן. — זיי וועלן זיך אויסלערנען אַרבעטן און ווערן ריכטיקע סאָוויעטישע מענטשן. איר ווייסט נישט — איז ער ווידער אַריין אין דער ראָל פון איספּאָלקאָם־סעקרעטאַר — אַז מיר בויען סאָציאַליזם?!

זענען די ווייבער געבליבן זיצן צעשראָקענע און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. די דאָזיקע פאַרלוירנקייט האָט זייצעוו אויסגענוצט:

— גייט אַהיים — האָט ער געזאָגט — און מאַכט נישט קיין פּאַניק... מיר דאַרפן האָבן געשולטע אַרבעטער, און זיי וועלן עס טאַקע זיין.

*

ווען מיכל וואָלט געקענט פירן זיין טאָגבוך, וואָלט ער אויף דעם אָרט אויפגעהערט צו שרייבן. ער וואָלט בלויז פאַרצייכנט:

אַלץ איז געענדיקט, ניעסוויזש, אַפּריל 1941.

דאָס טוט ער איצט. די דאָזיקע בלעטלעך וואָס זענען גע־וואָרן פאַרצייכנט אויף די דינע געוועבן פון זיין מוח, האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווי אַ מיקראָ־פילם אין אַ געהיימען אַרכיוו, צו וועלכן ס׳האָט זיך נישט געקענט דערקלייבן קיינער, אַפילו נישט די נ. ק. וו. ד.

נאָך יאָרן שפּעטער, אין אַ לאַגער פאַר היימלאָזע, שיפרירט מיכל פאַנאַנדער די געשעענישן, די בלעטלעך פון אַ נישט־פאַר־שריבענעם טאָגבוך...

---

4. פ. ז. אָ. — פאַבריטשנאָ־זאַוואָדנאָיע־אָבוטשעניע.

5. איספּאָלקאָם — איספּאָלניטעלני קאָמיטעט. עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

6. וואָס זענט איר — נישט קיין סאָוועטישע מענטשן?

7. ס׳וועלן זיין חברה־לייט, מיט אַ צושיטל...

אויפן שוועל פון חורבן

י. אַלפּעראָוויטש

ניעסוויזש, אַן אַלטע שטאָט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, האָט זיך געפונען האַרט ביי דער אַלטער פויליש־סאָוויעטישער גרענעץ. דאָ האָט פון דור דורות עקזיסטירט אַ יידיש לעבן מיט אַ רייכער יידישער קולטור, מיט שיינע טראַדיציעס.

דווקא דאָ, אין ניעסוויזש האָט דער פירשט ראַדזשיוויל — דער אַמאָליקער פאַקטישער מושל פון ליטע און ווייסרוסלאַנד — אין 1583 יאָר פאַרלייגט זיין רעזידענץ: אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן שלאָס, אַרום וועלכן ס'האָט זיך צעשפּרייט אַ פּרעכטיקער פאַרק, וואָס האָט שפּעטער באַשיינט די אַזוי אויך שיינע און גרינע נאַטור אַרום דער שטאָט.

אַ פּאָר דורות פאַר די ראַדזשיווילס האָבן שוין אין דער שטאָט געלעבט יידן, וועגן דעם האָבן עדות געזאָגט די אַלטע מצבות פון יידישן בית־הקברות, וועלכער איז געווען איינער פון די עלטסטע פון ווייסרוסלאַנד. די אַלטע מצבות האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ האָבן שוין יידן געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט.

פון דור צו דור האָבן דאָ יידן געבויט אַ פאַרצווייגט יידיש לעבן, וואָס האָט טיף געשלאָגן זיינע וואָרצלען. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן שוין אין ניעסוויזש געלעבט העכער 5000 יידן, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט 50 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

פון די אַלע בתי־מדרשים (און זיי זענען געווען 13), האָט אַ באַזונדערן שם געהאַט דער אַלטער בית־המדרש, וועלכער האָט געהאַט אַ לאַנגע געשיכטע. דער אַמאָליקער יי. וו. אָ. אין ווילנע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם היסטאָרישן בנין, וואָס זיינע ווענט זענען שוין פון אַלטקייט מער ווי אַ העלפט געווען איינגעזונקען אין דר'ערד. אויך די גרויסע אַלטע שול, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1722 האָט געשמט מיט איר שיינער אַרכיטעקטור אין דער אַרומיקער סביבה. די יידישע געשיכטע פון דער שטאָט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון פוילן און ווייסרוסלאַנד. און נישט איינמאָל איז די געשיכטע פון דער שטאָט געווען אַן אָביעקט פון פאָרשונג פון יידישע און נישט יידישע היסטאָריקער.

צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זענען דאָ געווען טעטיק: אַ גרויסע יידישע פאָלקס־שול; אַ „תרבות״־שול; אַ תלמוד־תורה; אַ „שבתאָווקע״; אַ פּוילישע פּאָווש־עכטע־שול, אַ פּוילישע גימנאַזיע, אַ פּוילישער לערער־סעמינאַר. אומעטום אין אַלע שולן האָבן זיך געלערנט יידישע קינדער.

אויך יידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים האָט דאָ נישט געפעלט, און ווי אומעטום האָבן די פּאַרטייען צווישן זיך געפירט אַ הייסן קאַמף.

עס זענען דאָ געווען טעטיק יידישע ביבליאָטעקן מיט אַ רייכן פאָנד יידישע און נישט יידישע ביכער, יידישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס; יידישע קלובן, אַלע האָבן געפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט. און ווי אומעטום האָבן דאָ געלעבט יידן: אָרעמע און רייכע, אַרבעטער און סוחרים, און סתם לופט־מענטשן. ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין רבנים, שוחטים, חזנים. דאָס לעבן האָט געהאַט זיין אייגנאַרט און זיין קאָליר. אַזוי האָבן יידן געלעבט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שוין אויפן פינפטן טאָג, ווען די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָבן די היטלעריסטן פאַרכאַפּט די שטאָט. בלויז איינצלנע משפחות האָבן באַוויזן זיך צו עוואַקואירן. און גלייך שוין פון די ערשטע טעג האָבן די נייע מושלים באַוויזן זייער פּרצוף. עס האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ פאַרשידענע שוואַרצע עלעמענטן, וועלכע זענען שטענדיק געווען גרייט אָנצוטאָן צרות דער יידישער באַפעלקערונג. יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שיסערייען, קאָנטריבוציע, געלע לאַטעס, פון שלאָגן, טרייבן אויף די שווערסטע אַרבעטן. יידן האָבן געלעבט אין גויט און אין שרעק ביז...

ביז עס איז געקומען דער חודש אָקטאָבער 1941 יאָר. דעם חודש האָבן די דייטשן פאַרשטאַרקט די רציחות איבער די יידן. אַלץ אָפטער האָבן זיך איבערגעחזרט שיסערייען, רויבן יידיש האָב און גוטס. אַן אַ פאַרוואָס זענען יידן דערשאָסן געוואָרן פאַר יעדער קלייניקייט: פאַר קויפן קאַרטאָפל ביי פויערים, פאַר נישט גיין אינמיטן גאַס, פאַרן נישט געהעריקן אָפּגעבן כבוד אַ דייטש א. א. וו.

די וואָך פון 22סטן ביזן 30סטן אָקטאָבער 1941 יאָר איז געווען אַ שווערע. אין דער דאָזיקער וואָך זענען דערשאָסן געוואָרן אַ סך יידן. פון שטוב צו שטוב זענען געגאַנגען דייטשן מיט זייערע ווייסרוסישע משרתים און גערויבט יידיש פאַרמעגן.

דעם 29סטן אָקטאָבער האָט דער דייטשישער קאָמענדאַנט פאַראָרדנט דעם פּרעזעס פון יודענראַט ער זאָל צונויפשטעלן אַ רשימה פון אַלע פאַמיליעס און מאָרגן פרי צושטעלן די רשימה אין קאָמענדאַטור.

ווען דער פּרעזעס האָט געבראַכט די רשימה פון אַלע פאַמיליעס, האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין משך פון 2 שעה מוז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. ווער עס וועט זיך נישט מעלדן — וועט דערשאָסן ווערן.

די יידישע פּאָליציי האָט גלייך פאַנאַנדערגעטראָגן די טרויעריקע בשורה און געטריבן אַלע יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ.

דערווייל, אין דער נאַכט פון 29סטן אויפן 30סטן אָקטאָבער 1941 האָבן די דייטשן מאָביליזירט אַ סך פויערים און געהייסן זיי גראָבן אין פּאַרק צוויי גרויסע גריבער.

קרוב 5.000 יידן האָבן צונויפגעזאַמלט זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ, אין יענעם האַרבסטיקן פרימאָרגן פון דעם 30סטן אָקטאָבער 1941 יאָר. עפּעס האָט מען געפילט, אַז די דייטשן גרייטן אַ צרה פאַר די יידן. אָבער קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס גרייט זיך אַ מוראדיקע שחיטה. קינדער האָבן זיך געטוליעט צו מאַמעס, די מאַמעס מיט די קינדער — צו די מענער, זוכנדיק שוץ ביי זיי. יידן האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַ נס,



די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק ביי דער „תרבות״־שול אין ניעסוויזש.

שטייען פון רעכטס אויף לינקס: יוסף דערעטשינסקי, סיאָמקע פאַרפעל (מיטן רוקן), הירשל געצאָוו, קלמן מעדוועצקי און משה אייזענבוד. זיצט: מרדכי באָנשטשיק. (פאָטאָ: גרשון פאַיאַנס).

הספריה העממית ליד בית הספר „תרבות״

עומדים מימין לשמאל: יוסף דרצינסקי סיומקה פרפל (בגבו), צבי גצ׳ב (ספ״ן), קלמן מדבצקי, משה אייזנבוד. יושב: מרדכי בנשצ׳יק. (צילום: גרשון פאַיאַנס).



דער אַלטער ניעסוויזשער בית־הקברות וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס. (פאָטאָגראַפירט נאָך דער באַפרייונג פון דער שטאָט).
בית הקברות היהודי, שחולל בידי הנאצים (צולם אחר שחרור העיר).

אָבער אָנשטאָט אַ נס איז אָנגעקומען דער דייטשישער קאָמענ־דאַנט מיט זיין סוויטע. ער האָט באַפוילן אַלע פאַכמענער אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט און דערלויבט מיטצו־נעמען זייערע משפחות.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל אויפן פלאַץ, זענען פונקט ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן ליטווישע און ווייסרו־סישע פאַשיסטן און דייטשן און מיט אויטאָמאַטן און מאַשין־געווער אַרומגערינגלט דעם מאַרק־פלאַץ. מענטשן האָבן פאַר־שטאַנען, אַז עס גרייט זיך אַ מוראדיקער פאָגראָם. האַרצרייסנ־דיקע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן פלאַץ.

די גאַנצע עדה יידן האָט מען צעטיילט אויף צוויי טיילן: איין טייל, אין גרופּעס צו 200 האָט מען אונטער אַ שטאַרקער וואַך אָפּגעפירט אין פּאַרק, ווו עס זענען שוין געווען פאַרטיקע גריבער. דעם צווייטן טייל, אויך צו 200 מאַן אין אַ גרופּע, האָט מען געטריבן דריי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, ווו עס האָט זיך געפונען אַ ריזיקער ליים־גרוב.

מען האָט די יידן צוגעפירט צו די גריבער. אַ באַפעל: זיך אויסטאָן נאַקעט!

אַ האַרבסטיקער ווינט האָט דורכגעשניטן די נאַקעטע לייי־בער, אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט געלע בלעטער און די יידן האָבן מקנא געווען די בלעטער, וועלכע זענען דאָך „גע־שטאָרבן" מיט זייער נאַטירלעכן טויט...

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע: דייטשן און ליט־ווינער האָבן געעפנט אַ פייער פון קוילנוואַרפער. די געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע זענען געפאַלן אין די גריבער, קינדער האָט מען געוואָרפן אַהין לעבעדיקערהייט. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געהערט די שיסעריי און הימלשרייענדיקע קולות פון די קרבנות. אַ סך האָט מען פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געוויגט די ערד פון די ריזיקע קברים. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ביים דעם ליים־גרוב, דריי קילאָמעטער פון ניעסוויזש אויפן וועג צום שטעטל סנאָוו — דאָ זענען דערשאָסן געוואָרן איבער 2.500 מאַן.

אַזוי זענען אין משך פון איין טאָג אויסגעקוילעט געוואָרן העכער 4.000 יידן פון ניעסוויזש. די פאַכלייט זענען אָפּגעפירט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער וואַך צו דעם בנין פון דער געוועזענער פוילישער גימנאַזיע און שפּעטער האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ. זומער 1942 יאָר, ביים ליקווידירן דאָס געטאָ, האָבן די יידן געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד: אונ־טערגעצונדן דאָס געטאָ און געענטפערט מיט קוילן, אָבער בלויז איינצלנע האָבן זיך געראַטעוועט.

אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך איינער פון די עלטסטע יידישע ישובים אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

יעדן יאָר אין האַרבסט פאַלן געלע בלעטער אויף די צוויי גרויסע קברים אין דעם אַלטן ניעסוויזשער פּאַרק און פאַרדעקן דעם בית־הקברות, ווו עס ליגן איבער 1.500 יידן. און ווי אַ שטומער עדות פון דער גרויסער טראַגעדיע פון די ניעסוויזשער יידן, שטייט דאָ לעבן די קברים דער אַלטער טאָפּאָל.

„פאָלקס־שטימע" נר׳ 170 (2064), וואַרשע.



אין „מרתף השואה" אין ירושלים, ווו ס׳איז אויך איינגעמויערט דער אָנדענק־שטיין לזכר דער יידישער קהילה ניעסוויזש.
לוח־זכרון לקהילת ניסוויז׳ ב„מרתף השואה" בירושלים.

די צוואה פון די קדושים

משה לאַכאַוויצקי

א

איך בין געבוירן געוואָרן אין דער קליינער שטאָט לעכאַוויטש — און ביז צו דער חתונה געווינט אין דעם שטעטל. מיין רבי איז געווען ר׳ דוד פריידשטיין ז״ל. זיין זון איז געווען מיין אינטימער חבר. מיר האָבן ביידע חתונה געהאַט אין ניעסוויזש מיט צוויי חברטעס. די גאַנצע צייט האָבן מיר געלעבט ווי ברידער. זיינס אַ זון האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי מיר אין שטוב. ער איז די לעצטע צייט געווען פאַרוואַלטער אין דער ניעסוויזשער „תרבות״־שול, ווייל ער האָט געענדיקט דעם ווילנער העברעישן לערער־סעמינאַר. ער איז פון קינדווייז אָן געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און האָט אויף דעם געביט אויפגעטאָן זייער אַ סך. ער איז אומגעקומען אין עלטער פון 35 יאָר, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד.

אויף מיין רבין ר׳ דוד ז״ל איז מקיים געוואָרן דער פסוק: „לא ימושו מפיך ומפי זרעך, ומפי זרע זרעך״ — איז כדאי צו דערמאָנען אין מיינע זכרונות פון דער שטאָט ניעסוויזש זיין נאָמען: שאול ב״ר חיים אליהו פריידשטיין ז״ל, וואָס איז אומגעקומען פון די מערדער מיט אַ שרעקלעכן טויט דעם 9־טן חשון תש״ב. ת.נ.צ.ב.ה.

35 יאָר האָב איך אָפּגעלעבט אין ניעסוויזש. געהאַט פינף קינדער מיט מיין פרוי: פיר טעכטער און אַ זון. דריי קינדער האָב איך אַרויסגעשיקט אין ארץ־ישראל נאָך פאַ״ דער פינצטערער מלחמה. איין טאָכטער מיט מיין פרוי האָבן די דייטשע באַנדיטן דערשאָסן, איין טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט מיר. איך לויב גאָט וואָס כ׳בין געקומען אין דעם הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות הקדושים.

ב

דעם 22סטן יוני 1941 יאָר, אַרום 4 פאַרטאָג, איז שוין ביי אונדז אין שטאָט קענטיק געווען די מלחמה. די ווילדע נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַטאַקירן די סאָוויעטישע טעריטאָריע. ס׳איז געוואָרן אַ געלויף און אַ בהלה אויף אַלע גאַסן.

ביי אונדז אין שטאָט איז געווען אַזוי פיל סאָוויעטיש מיליטע״, אַז ס׳איז נישט געווען מער קיין אָרט אין די קאַשאַרן. האָבן די אָפיצירן געמוזט זיין אין פריוואַטע וווינונגען, וועלכע זיי האָבן געדונגען ביי דער ציווילער באַפעלקערונג. עס איז געווען אַזאַ מאַנגל אין דירות, אַז אַפילו אונדזער גאַס מיכאַלישאָק (דער אָרעמער קוואַרטאַל) האָט אויך געהאַט וווינען אָפיצירן אין יעדן דריטן הויז. אויך ביי מיר אין הויז זענען געווען צוויי לייטענאַנטן.

יענעם פרימאָרגן האָט מען געשיקט זעלנער אויף שנעל צונויפרופן די אָפיצירן, כדי זיי צו ברענגען אין שטאַב. דאָס לויפן פון די זעלנער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. אַלע מענטשן זענען אַרויס אויף די גאַסן. איינער פרעגט ביים צווייטן וואָס זאָל דאָס באַדייטן — און קיינער ווייסט נישט. אַ זייגער 6 פרי האָט מען שוין געקענט זען ווי די אָפיצירן האָבן אַרויסגעטראָגן פון זייערע וווינונגען דאָס ביסל זאַכן וואָס זיי האָבן געקענט נעמען מיט זיך און דעם רעשט געבעטן די בעלי־בתים אָפּצושיקן צו זייערע פרויען אָדער עלטערן.

7 אַזייגער האָט דאָס מיליטער אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט. מיר האָבן זיך ענדלעך דערוווּסט, אַז די דייטש־רוסישע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע איינוווינער האָבן זיך שנעל אַרויסגעלאָזט פון זייערע הייזער אויף די סטודענטצקע און קוזמירער גאַסן, ווייל דורך די צוויי פונקטן האָט דאָס מיליטער געדאַרפט אַרויס פון שטאָט.

ביים דעפאָ, ווו עס געפינט זיך די פייערלעשער־קאָמאַנדע, האָבן די זעלנער מיט די אָפיצירן גענומען זיך געזעגענען מיט זייערע פרויען, געליבטע און מיט דע״ באַפעלקערונג. די געשרייען, געוויינען און היסטעריע פון די פרויען פון די אָפיצירן און זעלנער האָבן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק.

דאָס מיליטער האָט פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן דעם שונא אַהער נישט צולאָזן, זיין וועלן אים חרוב מאַכן. די געדאַנקען זענען ביי יעדן איינעם צעמישט געוואָרן. מען האָט שוין נישט געדענקט און געוווּסט וואָס מען האָט געוואָלט טאָן מיט עטלעכע שעה צוריק. איצט איז יעדער געווען זיכער, אַז עס שמעקט טאַקע מיט פולווער.

אַ זייגער 9 איז שוין די שטאָט געווען אויסגעליידיקט פון מיליטער. מען האָט נישט געקענט געפונען אַפילו איין זעלנער. די פאַניק האָט זיך נישט איינגעשטילט.

די פרויען פון סאָוויעטישע מיליטער־לייט און בירגער וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן זוכן פורן. יעדער האָט געוואָלט אַוועק פון שטאָט. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך צו באַקומען אַ פור, ווייל דאָס מיליטער האָט אַלע וועגענער און פורן צוגענומען צום „אָבאָז״ וואָס איז נאָכגעפאָרן נאָך דער אַרמיי.

מחנות פרויען מיט די פעקלעך אויף די פלייצעס האָבן זיך געלאָזט גיין צופוס צו דער באַן, אַ 14 קילאָמעטער ווייט פון שטאָט. פאַר די רוסן האָט מען די סטאַנציע גערופן „זאַמיריע״ (גאָראַדייע).

מענטשן זענען אַרומגעלאָפן, געוואָלט קויפן אַ צייטונג, אָדער הערן ראַדיאָ, מען זאָל וויסן ווי האַלט מיט דער מלחמה. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל ביי די סאָוויעטן זאָגט מען נישט אַזוי שנעל אויס פון חדר.

ביסלעכווייז האָבן די פרויען פון די מיליטער־לייט פאַרלאָזן ניעסוויזש און אין שטאָט ווערט רויקער. נאָר עס הייבט זיך אָן גאָר אַ נייע באַוועגונג — אין שטאָט באַווייזן זיך פליטים פון קלעצק, סנאָוו, לעכאָוויטש. פאַרנאַכט זענען אַפילו אָנגעקומען יידן־פליטים פון סלאָנים און באַראַנאָוויטש. יעדער ציט קיין ניעסוויזש, נענטער צו דער גרעניץ, וועלכע איז 10 קילאָמעטער פון שטאָט.

איך בין אַריין אין בית־המדרש צו מעריב און געזען פנים חדשות — יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייערע היימען צוליב די נאַצישע באַנדיטן. זיי האָבן דערציילט זאַכן, וואָס אונדז האָט זיך גאָרנישט געגלייבט. יעדער פון אונדז האָט געטראַכט: ווי קאָנען מענטשן טאָן דאָס וואָס אַפילו חיות טוען נישט ווען זיי זענען זאַט? מיר האָבן געמיינט, אַז זיי דערציילן אונדז ספּעציעל אַזעלכע שרעק־מעשיות, כדי אָנוואַרפן אויף אונדז אַ פחד און מיר זאָלן זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות. מען האָט געטראַכט: ביי מיר אַליין איז אַ גרויסע משפחה אוז דער פליט וויל איך זאָל אים אַריינלאָזן, בעת איך ווייס נישט צו ער וועט קאָנען צאָלן דירה געלט? און אפשר האָט ער נישט פאַר וואָס צו עסן, וועט זיין נאָך ערגער...

צומאָרגנס מאָנטיק, דעם 23סטן יוני, האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויטאָס מיט פרויען און קינדער, וועלכע זענען דורכגעפאָרן ניעסוויזש אויפן וועג קיין מינסק. דאָס זענען געווען פרויען פון סאָוויעטישע אָפיצירן און באַאַמטע, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט צום פראָנט. זיי זענען געפאָרן אין זייערע היימען.

פון שעה צו שעה איז די באַוועגונג געוואָרן שטאַרקער, הגם נישט יעדער וואָס האָט געוואָלט האָט געקענט פאָרן, ווייל די באַנען האָבן געפירט נאָר מיליטער. חוץ דעם, האָבן די סאָוויעטן נישט דערלויבט די פוילישע בירגער צו פאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל מען האָט אונדז געהאַלטן פאַר שטיף־קינדער, הגם מיר זענען שוין געווען מער ווי אַנדערהאַלבן יאָר אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט.

מאַנטיק האָבן שוין די דייטשן באָמבאַרדירט די וועגן אויף דער ליניע באַראַנאָוויטש־מינסק, אַזוי, אַז מיר האָבן שוין נישט געקענט לויפן.

מיטוואָך האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע יונגעלייט, ניעסוויזשער פּליטים און זיך געלאָזט צו דער גרעניץ, וועלכע ליגט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט — 10 קילאָמעטער פון שטאָט. די סאָוויעטן האָבן זיי פון דאָרט צוריק געטריבן, זאָגנ־דיק, אַז מען זאָל נישט מאַכן קיין פּאַניק, ווייל מען טרייבט שוין דעם דייטש צוריק. ווען די פּליטים האָבן דערקלערט אַז צוריק וועלן זיי נישט גיין, האָבן זיי די רוסן געפרעגט צו זיי ווילן, אַז מען זאָל באַנוצן קעגן זיי הייס געווער?

די יונגעלייט זענען צוריק געקומען אין שטאָט, מיט נאָך מער מורא ווי פריער, ווייל אויב דער דייטש וועט אַריינקומען און עס וועט ווער דערציילן אַז זיי זענען געלאָפן צום גרעניץ, הייסט דאָס, אַז זיי זענען קאָמוניסטן — און זיי וועלן זיי דערשיסן. צווישן דער גרופּע האָט זיך אויך געפונען מיין טאָכ־טער און איך האָב זיך די גאַנצע צייט זייער געשראָקן.

צוויי פרויען, סאָוויעטישע בירגערינס, וואָס זענען געקו־מען פון לענינגראַד צו גאַסט קיין ניעסוויזש (איינע אַ טאָכטער פון ר׳ פּייווע לאַנדאָן ז״ל — אַ דאָקטער, איז געקומען צו אַ שוועסטער, און די צווייטע, בערל פּאַבריקאַנטס אַ טאָכטער — אַ פאַרמאַצעטין), האָט זיך איינגעגעבן אָפּפאָרן מיט די לעצטע פּליטים, סאָוויעטישע באַאַמטע, ווייל זיי האָבן געהאַט פּאַפּירן אַלס סאָוויעטישע בירגערינס וואָס פאַרנעמען וויכטיקע שטע־לעס אין לענינגראַד. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט פאָרן קיין מינסק און אַוועק קיין סלוצק. ווען זיי זענען געקומען ביז באָברויסק, האָבן זיי ווייטער נישט געקענט פאָרן, ווייל די געגנט איז שוין געווען פאַרנומען דורך די נאַצישע באַנדיטן. מיט גרויס מי זענען זיי געקומען צוריק קיין ניעסוויזש. די צוויי סאָוויעטישע בירגערינס פון לענינגראַד זענען מיט זייי־ערע קינדער געבליבן ליגן אין די מאַסן־גריבער פון אַלע יידישע קדושים.

דאָנערשטיק, דעם 26סטן יוני 1941, האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אין שטאָט רוסיש מיליטער — פוסגייער, זעלנער אויף מאָטאָציקלען, לייכטע האַרמאַטן, שווערע אַרטילעריע, טאַנקן. די שטאָט און אַלע וועלדער און פעלדער אַרום איר זענען פאַר־פולט געוואָרן מיט מיליטער. עס האָט געקאָכט און גערודערט אַ גאַנצע נאַכט, אָן אויפהער. פאַרנאַכט האָט מען פונאַנדער־געקלעפּט באַפעלן, אַז יעדער ביי וועמען עס געפינען זיך רע־גירונגס־זאַכן ווי אויך זאַכן פון סאָוויעטישע אָפיצירן, זאָלן דאָס גלייך אַריינטראָגן אין שטאַב. פון דעם האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז די מעכטיקע רויטע אַרמיי ציט זיך צוריק. ביי מיר זענען אויך געווען זאַכן פון אָפיצירן איבערצושיקן, אָבער זונטיק איז די פּאָסט געווען פאַרמאַכט און מאָנטיק האָט מען שוין גאָר נישט געוואָלט אָננעמען אויף דער פּאָסט, מיטן מאָטיוו, אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל נישט אָנצונעמען קיין זאַכן, ווייל זיי קענען נישט גאַראַנטירן אַז זיי וועלן דאָס קענען אָפּשיקן צו די אַדרעסאַטן.

מורא האָבנדיק, אַז די דייטשן זאָלן שפּעטער די זאַכן נישט געפונען און מיך נעמען אויף אַ פאַרהער פון וואַנען איך האָב אָפיצירישע זאַכן, האָב איך זיי באַגראָבן אין דער ערד. איצט, ווען דער באַפעל איז געווען אָפּטראָגן אַלץ אין שטאַב, בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און מיין פרוי ע״ה האָט געזאָגט: „קום, לאָמיר פּטור ווערן פון דעם פּגר”. מיר האָבן די זאַכן אַרויסגעגראָבן פון דער ערד. איך האָב גענומען איין וואַליזע, מיין פרוי די צווייטע, די טאָכטער דעם רעשט זאַכן און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום שטאַב, וועלכער האָט זיך געפונען נעבן דער קירכע. ווי נאָר מ׳האָט זיך פאַר־נומען פון אונדזער גאַס אין אַ צווייטער, האָט מען געהערט



די מצבה פאַר ניעסוויזש אין „מרתף השואה” אין ירושלים.

שיסערייען און רוסישע מיט דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אָנגע־הויבן פירן אַ לופט־שלאַכט. אונדז איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן. מיר אָבער קענען נישט די זאַכן אַוועקוואַרפן, בעת צום שטאַב איז נאָך ווייטלעך. מיר באַשליסן גיין ווייטער און מיט אַלע כוחות זיך געלאָזט לויפן. ענדלעך צוגעקומען צום שטאַב — האָבן מיר קיינעם נישט געטראָפן. די שיסערייען זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און מיר זענען קוים לעבעדיקע צוריק אַריין אין שטוב.

דעם 27סטן יוני, נאָך האַלבן טאָג, האָט מען שוין געהערט דאָס דונערן פון דייטשע האַרמאַטן. די פּאַניק איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. דער לויפט אַהין, דער אַהער — און ס׳איז נישטאָ קיין אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן, שיצן זיך פון אַ דייטשע קויל. מיט אַמאָל ווערט שטיל. מען שמועסט, אַז מ׳האָט דעם דייטש אָפּגעשטויסן אויף אַ פּאָר קילאָמעטער צוריק, מען וועט אים פאַרטרייבן נאָך ווייטער, ווייל עס זענען אָנגעקומען פרישע כוחות. יעדער איז צופרידן, אין האַרצן קומט אויף אַ האָפע־נונג — אפשר טאַקע אין זכות פון שבת וועט מען אָפּהאַלטן די רוצחישע האַרמאַטן. ווען יידן האָבן אָנגעהויבן זאָגן „לכו דודי” האָט זיך דערהערט אַ ניי און געדיכט קלאַפּעריי פון די דייטשע האַרמאַטן. וועגן שלאָפן האָט שוין אַפילו קיינער נישט געטראַכט.

שבת דעם 28סטן יוני 1941, איז שוין די דייטשע אַרטי־לעריע געשטאַנען 1 קילאָמעטער פון דער שטאָט, אויפן וועג וואָס רופט זיך סנאָווער. די שיסעריי האָט זיך פאַרשטאַרקט פון מינוט צו מינוט אַזוי, אַז די סאָוויעטן וואָס האָבן זיך פריער געפונען הינטער די בנינים פון די מנישקעס, האָבן גע־מוזט פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס און איבערגיין אויף אַ צווייטן פונקט, לעבן שלאָס פון פירשט ראַדזשיוויל. דעמאָלט זענען

די דייטשן אַריבער אויף סוועדזשנער וועג וואָס ציט זיך נאָך מינסק און פון דאָרט האָבן זיי מיט נייע כוחות דערלאַנגט פייער אויף די סאָוויעטן.

ג

עס איז אויסגעקומען ווי אין פסוק שטייט: „מצפון תפתח הרעה על כל יושבי הארץ" — ווייל דאָרט ווו די דייטשן זענען געגאַנגען, האָבן די סאָוויעטן שוין נישט געקענט גיין, ווייל מינסק איז געווען פאַרנומען נאָך פריי־טיק און פאַרן סאָוויעטישן מיליטער איז נישט געווען קיין אַנדער וועג ווי אויף סלוצק און באָברויסק.

פון די אַלע שיסערייען זענען מער נישט אָפּגעברענט געוואָרן ווי 4 הייזער: צוויי אין איין עק שטאָט און צוויי אין אַנדערן עק. באַלד האָבן זיך באַוויזן דייטשע טאַנקן. צוויי סאָוויעטישע טאַנקן, וועלכע די סאָוויעטן האָבן נישט באַוויזן מיטנעמען, האָבן די דייטשן גלייך פאַרברענט אויפן גרעבלע ווו מען גייט צו ניישטאָט און אויף קאַזמיר־גאָראָדייער וועג.

אַ גייסטיק נישט נאָרמאַלער בחור זישע ע״ה איז דער־שאָסן געוואָרן, ווען ער איז בשעת די שיסערייען געלאָפן אין גאַס און א דייטש האָט אים נאָכגעשריגן: „האַלט!" און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען לעבן דעפּאָ פון די פייערלעשער און אויף דעם אָרט האָט מען אים צו קבורה געבראַכט, ווייל אַזוי האָט דער דייטש געהייסן. מער קיין שלעכטס איז דערווייל נישט פאָרגעקומען.

שבת פאַרנאַכט איז די גאַנצע שטאָט געווען פאַרנומען פון די דייטשע באַנדיטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויסשפּרייטן זייער מאַכט. אין אַלע גאַסן און געסלעך האָט מען צעשטעלט פּאַטרולן, די מאָטאָציקליסטן זענען אַרומגעפאָרן איבערן שטאָט ווי טייוולאָנים. ביסלעכווייז איז שטיל געוואָרן. יעדער האָט געלויבט גאָט, וואָס מען איז ניצול געוואָרן בעת אַזאַ פייער. קיינער האָט נישט געקלערט, אַז דאָס פייער דאַרף ערשט קומען...

ביינאַכט איז יעדער אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער, אויסגעמאַטערט פון נישט שלאָפן. יעדער האָט געפּרוּווט אַליין זיך באַרואיקן. די נגידים האָבן געטראַכט: וואָס קאָן זיי זיין ערגער ביים דייטש ווי ביים רוס? די סאָוויעטן האָבן דאָך צוגענומען די קראָמען, הייזער, מען האָט געדאַרפט שטיין אין רייען כדי עפּעס צו באַקומען — טאָ וואָס קאָן נאָך זיין ערגער?

געווען אָבער אַזעלכע, וועמען דער שלאָף האָט נישט גע־נומען. דאָס זענען געווען די, וואָס ביי די באָלשעוויקעס האָבן זיי פאַרנומען פאַרשידענע פּאָסטנס; אויך די וועלכע האָבן ליב געהאַט צו שרייען „יחי המלך" און זינגען תשבוחות דער סאָוויעטישער מאַכט — האָבן זיך געשראָקן מען זאָל זיי איצט נישט אונטערמסרן. איך אָבער האָב זיך אין ערגיץ נישט גע־מישט, נישט מיינע קינדער, כ'בין אַ לאָיאַלער בירגער, וואָס קען מען צו מיר האָבן? — האָב איך זיך געקלערט. מיר געדענקען דאָך דעם דייטש פון 18טן יאָר, פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נו, איז דאַן געווען שלעכט?

אַזעלכע געדאַנקען האָבן אין די ערשטע מינוטן באַהערשט דעם עולם און קיינער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון און מאַכן דעם אונטערשיד פון יענע דייטשן ביז די היינטיקע נאַציס. אַ־ן דאָס וואָס די פּליטים האָבן אונדז דערציילט וועגן די נאַציס, האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן. מן הסתם האָט ער זיך פאַרשוולדיקט, אומזיסט טשעפּעט מען קיינעם נישט, אומזיסט שמייסט מען נישט און מען שיסט נישט. מיט אַזעלכע־אָ געדאַנקען האָט די מערהייט יידן זיך אַרומגעטראָגן אין שטאָט.

זונטיק פרי, דעם 30סטן יוני, איז מען אַרויס אין גאַס כאַפּן אַ שמועס מיט אַ שכן, הערן ווי מען פילט זיך עפּעס אונטער דער נייער ממשלה. נישט איינער האָט געענטפערט אַז עס וועט נישט זיין ערגער ווי פריער.

מען האָט דערציילט, וואָס איצקאָווסקי האָט געזאָגט: איצט זענען געקומען די מלאכים, ווייל די פריערדיקע — די באָל־שעוויקעס, האָבן ביי אים צוגענומען די קראָם און נאַציאָנאַ־ליזירט ביידע הייזער, איז ער אַנטלאָפן אין נאָוואָגרודעק פאַר מ׳ראַ מען זאָל אים נישט פאַרשיקן אַלס בורזשוי. אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער מאַכט אין ניעסוויזש האָט ער זיך טאַקע באַזעצט אין זיין הויז און נאָך אַריינגעלאָזט שכנים — דערפאַר זענען אים דייטשן בעסער געפעלן ווי די באָלשעוויקעס.

ביי די דייטשע באַנדיטן איז געווען, ווי מען זאָגט: גענד־זעלע פּאַשע זיך, באַלד וועט מען דיך שעכטן און באַקומען דאָס שמאַלץ, וואָס האָסט אָנגעקליבן...

אַ זייגער 9 פרי זענען אַרויס דייטשע פּאַטרולן און אויפ־געריסן אַלע קראָמען וואָס האָבן געהערט צו דער סאָוויעטישער מאַכט. איבערהויפּט די קראָמען פון ספּירט, ווייל די לעצטע צייט איז געווען אַ סך בראָנפן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרטיילן דעם בראָנפן אָן געלט — און באַלד האָבן זיך גע־שאַפן לאַנגע רייען ביי די געוועלבן, ס'איז געוואָרן אַ שטור־פּעניש, מען האָט אַפילו זיך אָנגעהויבן שלאָגן. יעדער האָט געוואָלט כאַפּן וואָס מער פלעשער און וואָס פריער. די דייטשן זענען געשטאַנען און געקליבן נחת פון אַזאַ שפּיל. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס עס האָט זיך געטאָן, ווען מען האָט געלאָזט די קריסטן כאַפּן בראָנפן אָן געלט. אויב אייניקע יידן האָבן אויך געוואָלט באַקומען אַ ביסל בראָנפן, האָט מען זיי אונטערגעהאַקט די זייטן, אָדער דערלאַנגט אין די ציין אַריין. ביי דער געלעגנהייט האָט מען איפּגעבראָכן אַנדערע געשעפטן מיט סחורות און דער עולם האָט אָנגעהויבן ראַבירן. אין די אַרומיקע דערפער האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן דעם און די פויערים האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו אונדז אין שטאָט, ווער מיט פורן, ווער צופוס און ווער רייטנדיק אויף אַ פערד. באַלד האָבן די גאַסן אויסגעזען ווי בעת אַ פּאָגראָם. די סאָוויעטישע קראָמען האָבן נישט געקאָנט באַפרידיקן אַזאַ המון, וואָס האָט זיך גענומען אויפרייסן פּריוואַטע געשעפטן, וועלכע די פריערדיקע מאַכט האָט נישט רעקווויזירט, ווייל זיי האָבן געהאַט ווייניק סחו־ה. מ'האָט אָנגע־הויבן אויפרייסן וואַרשטאַטן, וואָס זענען געווען דערלויבט ביי דער סאָוויעטישער מאַכט, ווייל מען האָט געאַרבעט אַליין, אָבער געצאָלט דער רעגירונג שטייערן. זיי האָט מען גערופן „קוסטאַרניקעס".

פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ הפקרות איז מען גלייך אַריבער צו ראַבעווען יידישע וווינונגען, אַרויסגעשלעפּט אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט, יידיש האָב־און־גוטס, אַפילו מעבל האָט מען גענומען ראַבירן.

געפינענדיק זיך אויפן גאַס, האָב איך באַמערקט ווי אַ באַנדע צעיושעטע קריסטן האָבן זיך געלאָזט צום וואַרשטאַט פון מיין פלימעניק ירחמיאל מאַלאַווסקי ז״ל, אויפגעבראָכן די טירן און אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון דאָרט ניי־מאַשינען, ראַדיאָס און פאַרשידענע טיילן. איך בין צו און געפּרוּווט נישט לאָזן, אָבער זיי האָבן זיך אויף מיר געוואָרפן און כ'בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. ווען מיין פלימעניק מאַלאַווסקי איז אָנגעקומען, האָט ער געבעטן אַ דייטשן זשאַנדאַ־ ער זאָל נישט לאָזן ראַבירן, ווייל ביי אים געפונען זיך פרעמדע מאַ־שינען וואָס ער האָט אָנגענומען צו פאַריכטן. אַלס ענטפער האָט דער דייטש אים דערלאַנגט מיט דער גומענער נאַהייקע עטלעכע מאָל איבערן קאָפּ. בכלל האָבן די דייטשן געלאָזט אַלץ ראַבירן, כדי נושא־חן צו זיין ביי די ווייסרוסן. ווען זיי האָבן געזען, אַז דאָס מעסטל איז שוין איבערפולט — האָבן

זיי אָנגעהויבן שיסן אין דער לופטן, אַפילו שלאָגן די קריסטן. אָבער ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי געשאָסן אַ פויערטע, וואָס איז געגאַנגען באַלאָדן מיט אַ פּאַק אָנראַבירטע זאַכן. אַ דייטש האָט איר באַפוילן שטיין בלייבן, ווייזט אויס, אַז איר איז געווען אַ שאָד די זאַכן און זי איז געלאָפן ווייטער. האָט דער דייטש איר נאָכגעשיקט אַ פּאָר קוילן. דאָס האָט געווירקט אויף די אַנדערע און זיי זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן.

נאָך 7 אַ זייגער אין אָוונט האָט זיך קיינער נישט געטאָרט באַווייזן אין גאַס. זיצנדיק אַזוי אין די שטובן, האָט יעדער געמאַכט פאַר זיך דעם חשבון. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז צו אונדז אַריין די רויטע אַרמיי. זיי האָבן גאָרנישט צוגענומען ביי דער ציווילער באַפעלקערונג, אַפילו נישט אָנגערירט אַן עפּל פון בוים. דער רויט־אַרמייער איז געווען העפלעך, באַצאָלט ווען ער האָט עפּעס געקויפט, געדאַנקט. די יידישע קינדער פלעגן זיין פריינד מיט די סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן. די באַציונג פון מיליטער צו דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געווען אַ גוטע. איצט קוקט יעדער דייטש אויף אַ ייד ווי אויף אַ חיה. ווער עס געדענקט דאָס 18טע יאָר, דער זעט, אַז עס איז נישט דער זעלבער דייטש ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ביי דער סאָוויעטישער מאַכט איז קיין קהילה נישט געווען. נאָר אַ מאַגיסטראַט. די קהילה־פירער האָבן זיך נישט געפונען אין ניעסוויזש. דער ראש־הקהל ר׳ יואל ראָזאָווסקי ז״ל איז פריער געווען אויך וויצע־בירגערמייסטער, נאָר איצט איז ער געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט דעם קריסטלעכן בורמיסטרזש פון פאַר דער מלחמה הענעריצע. ר׳ יואלן האָט מען אַרעסטירט דערפאַר, ווייל ער פלעגט העלפן די ישיבה־בחורים וואָס זענען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד קיין פוילן. אַזוי ווי אונדזער שטעטל האָט זיך געפונען אַמנאָענטסטן פון דער רוסישער גרעניץ, פלעגן די אַנטלאָפענע דאָס ערשטע קומען צו אונדז. ר׳ יואל האָט געשריבן ביטעס אין מאַגיסטראַט און זיך איינגעשטעלט פאַר די געקומענע. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, אַ גרויסער מענטשן־פריינד. די ניעסווישער יידן האָבן די ערשטע געגעבן הילף די דאָזיקע ישיבה־בחורים, אָבער אַ רוסישער בירגער האָט דעמאָלט נישט געטאָרט זיך געפונען אין פוילן. האָט טאַקע ר׳ יואל די אַלע פאָרמאַליטעטן דערליידיקט אַזוי, אַז דער אָנגעקומענער בחור זאָל קענען גלייך פאָרן אין מיר אָדער אין קלעצק לערנען אין ישיבה.

ר׳ יואלן האָט מען שפּעטער אַרויסגעפירט קיין רוסלאַנד — און מער האָט מען פון אים נישט געהערט. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז ער געפינט זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט מען אויך אַרויסגעשיקט זיין פרוי מיט אַ זון קיין רוסלאַנד, טאַקע צוליב אים — ר׳ יואלן. זיי זענען, דאַנקען גאָט, לעבן געבליבן.

דער צווייטער מיטגליד פון דער קהילה, ר׳ זעליק כץ, איז געווען אַ סוחר. ער האָט ערב מלחמה אָנגעגרייט אַ ביסל סחורה און זי באַהאַלטן. די סאָוויעטן־מאַכט האָט די סחורה געפונען און מען האָט אים אַרעסטירט. אַרויסגעלאָזט האָט מען אים אויף אַ פּאָר טויזנט רובל קויציע. אַזוי ווי ער האָט זיך דערוווּסט אַז עס גרייט זיך קעגן אים אַ משפט און אים דראָט 5 יאָר טורמע, איז ער אַנטלאָפן אין דייטשן טייל פון פוילן און דאָרט אומגעקומען גלייך מיט אַלע קדושים.

דער דריטער — לייבל אייזענבוד, פון דער לינקער פראַקציע, איז אַוועק געפאָרן אין רוסלאַנד און איז לעבן געבליבן מיט צוויי זין.

ד

די דייטשן האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ יודענראַט מיטן וואַרשעווער אַדוואָקאַט מאַגאַליף בראש, וועלכער האָט גוט געקענט דייטש; אַ דאַלמעטשער, אויך אַן אַדוואָקאַט פון לעבן וואַרשע מיטן נאָמען מאַרקאָווסקי און נאָך אייניקע פּליטים. די ניעסווישער בעלי־הבתים האָבן זיך געוואָלט אויסקויפן און נישט אַריין אין יודענראַט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייערע רייד וועלן נישט קענען ווירקן אויף אַזעלכע געלערנטע מענטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון די גרויסע שטעט, ווי לאָדזש, וואַרשע, פּויזן און אַנדערע און אַלע האָבן גוט געקענט די דייטשע שפּראַך. אָבער די פּליטים האָבן געפאָדערט, אַזוי ווי זיי קענען נישט אַזוי גוט די שטאָט, זאָלן אויך זיין עטלעכע ניעסווישער יידן. מען האָט אַריינגענומען אין יודענראַט ר׳ בנימין אייזענבוד — אַ פייערדיקער ציוניסט, לייבל קויפמאַן און שלמה גרינוואַלד, אויף וועלכן מען האָט אויסגערעכנט, אַז פון אים קען מען האָבן אַ טובה דערפאַר וואָס ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די ווייס־רוסישע באַאַמטע, וועלכע האָבן געדינט דעם דייטש. נאָר די עכטע רעדל־פירער זענען געווען די פּליטים.

דער פּרעזעס מאַגאַליף איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, אָבער זיין שכל האָט דאָ נישט געהאָלפן. ווי נאָר מען האָט דערלאַנגט דעם צעטל מיט די נעמען פון דעם אויסגעוויילטן יודענראַט דעם דייטשן קאָמענדאַנט, האָט ער באַלד אַרויסגעגעבן די באַפעלן אַז יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר, נאָר אינמיטן גאַס. יידן מוזן טראָגן אויפן אַרבל אַן אָפּצייכענונג — אַ ווייסן אָרעמבאַנד פון 8 סענטימעטער די ברייט אויפן אַרבל, מיט אַן אויסגענייטן מגן דוד אויף שוואַרץ. אין פאַל ווען מען וועט טרעפן אַ ייד עובר זיין אויף די פאַראָרדענונגען — ווערט ער דערשאָסן. די יידן איז פּשוט אויסגעקומען צו גיין אין רינשטאָק, ווייל אין מיטן גאַס זענען געפאָרן פורן, פערד, אויטאָס, אַזוי, אַז קיין אַנדער אָרט ווי אין רינשטאָק איז נישט געווען צו גיין.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה קאָנטריבוציעס און רויב ביי יידן — וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. מען איז אַרומגעפאָרן מיט אַן אויטאָ און געקליבן זייף, נישט אויסגעמיטן קיין איין יידיש הויז. וויפל מען האָט געגעבן — איז אַלץ געווען ווייניק. די דייטשן פלעגן אַליין זוכן און ווען זיי האָבן עפּעס געפונען וואָס איז זיי געפעלן, האָבן זיי עס גלייך צוגענומען. אַלץ איז פאַר זיי געווען אַ גוטע סחורה. געענדיקט מיטן אויסליידיקן די שטובן, האָבן זיי זיך גענומען צו שאַפן אַ רעסטאָראַן פאַר די זעלנער און אָפיצירן וועלכע פאָרן דורך ניעסוויזש. מען האָט געקליבן אַלץ וואָס מדאַר׳ף דאָרטן: טעפּ, פאַנען, טעלער, לעפל, גאָפּל, מעסער, טישטעכער, האַנטעכער און כל מיני אַנדערע זאַכן. אַלץ האָט מען געפאָדערט פון יודענראַט. שפּעטער האָבן די דייטשן זיך גענומען שאַפן אַן אכסניה פאַר דורכפאָרנדיקע דייטשן. האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ סדרה פון „זאַמלען” בעטן, מאַטראַצן, קישנס, וואַטאָווע דעקן, ליילעכער, טישלעך, טאַבורעטקעס, שענק, אַלמערס. ווידער האָט דער יודענראַט געמוזט אַלץ צושטעלן. דער יודענראַט פלעגט אַרויסשיקן די יידישע פּאָליציי איבערן שטאָט און זיי האָבן שוין געבראַכט אַלע זאַכן וואָס זענען נייטיק געווען פאַר די דייטשן. אויף דעם זענען געווען ספּעציאַליסטן די פּאָליציאַנטן־פּליטים. זיי פלעגן אַריין אין אַ הויז און אויב עמיץ האָט נישט אַזוי שנעל געגעבן, פלעגן זיי אַליין נעמען און באַציען זיך גלייכגילטיק צו דעם אַלעם, ווייל ער אַליין איז דאָ געווען אַן איינזאַמער, אַן באַקאַנטע, אָן פאַמיליע, אים איז געווען אַלץ איינס.

אַזוי האָט איין אַקציע געיאָגט די צווייטע. קוים באַוויזן דאָס צו ענדיקן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקציע — פוטערס. מען האָט צוגענומען ביים ייד וואָס ער האָט נאָר געהאַט: קאַראַקול, פעלץ — אַלץ וואָס האָט געהייסן פוטער. דער יודענראַט האָט די אַקציע דורכגעפירט, כדי נושא־חן זיין ביי די דייטשע מערדער. בדרך־כלל איז נישט אַדורך קיין איין טאָג אָן אַן אַקציע.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיי שוין אויסגעקלערט עפּעס

נייעס. די דייטשע באַנדיטן איז נישט געפעלן מער די ווייסע אָרעמבענדער מיט די שוואַרצע מגן־דודס וואָס די יידן האָבן געמוזט טראָגן, האָבן זיי באַפוילן דאָס איינטוישן אויף רונדע, געלע לאַטעס, 8 סענטימעטער די גרויס, וואָס מען האָט געמוזט טראָגן פון פאָרנט און פון הינטן אויפן אויבערשטן מלבוש. דעם באַפעל האָבן זיי אַרויסגעגעבן אין דער פרי, נאָר אַזייגער 2 בייטאָג האָב די דייטשן חרטה געהאַט און געהייסן אָנניייען אַזעלכע געלע לאַטעס אויף יעדן בגד וואָס מען טראָגט. דאָס אַלץ איז געווען צוגעטראַכט, כדי צו איזדעקעווען זיך איבער אונדז. ווייל אין דער פרי, ווען די יידן זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָבן זיי שוין געטראָגן די געלע לאַטע אויפן אויבערשטן בגד, ווי עס האָט געלויטעט דער באַפעל. נאָר ווען זיי האָבן 4 אַזייגער זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, זענען געשטאַנען דייטשע פאַטרולן, קאָנטראָלירט די יידן און געפאָדערט די געלע לאַטע אויף יעדן בגד. פאַרשטייט זיך, אַז דער ייד האָט פון גאָרנישט געוווּסט — פאַרן דייטשן סאַדיסט אָבער איז עס געווען אַ געלעגנהייט צו שלאָגן די יידן ביז בלוט.

אַזאַ פאַל האָט געטראָפן מיט מיר אַליין. איך בין אין דער פרי אַוועק צו דער אַרבעט און ווען כ'האָב זיך אומגעקערט, האָבן די דייטשן מיך פאַרהאַלטן און נישט געפינענדיק אויף דער וועש קיין געלע לאַטעס, האָבן זיי מיר געגעבן אַזעלכע פייערדיקע פעטש, אַז ביזן היינטיקן טאָג הער איך נישט אויף דעם אויער. דער פאָליציי־מאַן וואָס האָט מיך אַזוי געשלאָגן, איז גראַד געווען אַ באַקאַנטער ווייסרוס.

אַזוי פלעגן זיי יעדן טאָג, אָפטמאָל עטלעכע מאָל אין טאָג, צוקלערן נייע מיטלען ווי אַזוי צו פייניקן די יידישע באַפעלקערונג. ווען זיי האָבן אָפּגעשטעלט אַ ייד אין גאַס, אים באַטראַכט און ר'איז געווען ריין — האָבן זיי אים געשלאָגן פאַר וואָס איז ער אַזוי ריין... איז ער געווען שמוציק, האָבן זיי אים געשלאָגן פאַר וואָס ער היט נישט אָפּ די ריינקייט... האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ דאַרן מענטשן — האָט מען אים געשלאָגן און באַפוילן: „דו מוזט זיין גראָב". האָבן זיי געכאַפּט אַ דיקן ייד — „דו מוזט זיין אַ בורזשוי, מען דאַרף דיך שיסן". אָבער נישט קוקנדיק אויף די אַלע פייניקונגען, האָט ניעסוויזש זיך געפונען דאָך אין אַ בעסערע לאַגע ווי די אַרומיקע שטעטלעך סטויפּץ, מיר, קלעצק, לעכאָוויטש, באַראַנאָוויטש. דאָרט האָט מען אָנשטאָט פייניקן די יידן, אין די מערסטע פאַלן זיי צעשאָסן אָדער אַרויסגעפירט אויף אַרבעט. ביי אונדז איז כמעט דריי חדשים געווען „שטיל" — ס'זענען נישט פאָרגעקומען קיין מאָרדן, חוץ פייניקונגען. דאָס איז אויך געווען די סיבה וואָס אַ סך יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען געקומען קיין ניעסוויזש, הגם ס'איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און ריזיקע, ווייל מען האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט און אַריבערפאָרן אין אַ צווייטער, אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. און וועלכער ייד האָט אַזאַ דערלויבעניש געקריגן?

פרומע מענטשן פלעגן זאָגן, אַז אין ניעסוויזש איז „בעסער" אין זכות פון דעם גרויסן צדיק אונדזערן ר' מאיר'קע ז"ל. ער איז געווען אַ גרויסער גאון און האָט בשעתו געבענטשט ניעסוויזש, זי זאָל נישט האָבן קיין גרויס גוטס און אויך נישט קיין שלעכטס. די ערשטע העלפט פון זיין ברכה איז באמת מקוים געוואָרן — קיין גרויס גוטס האָט ניעסוויזש קיינמאָל נישט געהאַט. האָט מען גערעכנט, אַז די צווייטע העלפט פון דער ברכה וועט אויך מקוים ווערן. דאַקעגן די קריסטן פלעגן זאָגן, אַז דאָס איז צוליב דעם גרויסן פירשט ראַדזשיוויל, וועלכער איז געווען אַ מחותן מיטן קיסר ווילהעלם...

די „גוטע צייט" פון די דריי מאָנאַטן אין יאָר תש"א, ווען מען האָט אַלץ אויסראַבירט און די ערגסטע באַליידיקונגען אויסגעשטאַנען — האָבן זיך שנעל געענדיקט. עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר תש"ב און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־מאָרדן און אַלדאָס בייז. דעם 12טן אָקטאָבער אַזייגער 12 ביינאַכט זענען די דייטשן אַריין אויף סלוצקער גאַס אין אַן אַכסניה, אַרויסגענומען אַ יידישן בחור און אים גלייך דערשאָסן. אָן אַ פאַר וואָס און פאַר ווען. זיי האָבן געמאָלדן דעם יודענראַט מען זאָל קומען צונעמען דעם קערפער. מיר האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו דערוויסן זיך די סיבה, מיר האָבן נישט געקענט באַגרייפן אַז דאָס איז סתם אַזוי, ווייל ביי אונדז איז ער געווען דער ערשטער קרבן — איז די זאַך אויסגעקומען זייער שרעקלעך.

ה

אין אַ פאָר טעג אַרום האָבן די דייטשן באַפוילן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק. דערנאָך האָבן זיי געהייסן גיין אַהיים און אין אַ שעה אַרום ווידער קומען, נאָר מיטברענגען מאַנופאַקטור, לעדער און פאַרשידענע סחורות. ווער עס וועט נישט קומען, אָדער נישט ברענגען קיין סחורות — וועט ווערן דערשאָסן. יעדער איינער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן. ווען ער אַליין האָט נישט געהאַט וואָס צו ברענגען, האָט ער געבעטן ביי אַ שכן, ביי אַ פריינד — אבי דאָס לעבן צו ראַטעווען. אַזוי האָט יעדער אָנגעהויבן טראָגן צום מאַרק וואָס נאָר ער האָט געקענט. אויב עמיץ האָט געבראַכט ווייניק, האָבן זיי אים באַפוילן גיין ברענגען נאָך. אַזוי האָבן במשך אַ שעה זיך אָנגעזאַמלט ריזיקע שטויסן פון פאַרשידענע סחורות. די דייטשע רוצחים זענען געווען צופרידן און די יידן האָבן געמיינט, אַז דערמיט ענדיקט זיך עס. אָבער ניין. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל „לאָס", וואָס מיינט לויפן — און ווען די יידן האָבן אָנגעהויבן לויפן, האָבן זיי געעפנט אַ פייער פון מאַשין־געווער און געשאָסן אויף די אַנטלויפנדע.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען גערופן דעם פרעזעס פון יודענראַט און אים באַפוילן צו ברענגען במשך פון 2 טעג אַ האַלבן מיליאָן רובל אין פאַפיר, סאָוויעטישע וואַלוטע, אויך גאָלד, אַז נישט וועלן זיי שיסן די יידן. באַלד האָט דער יודענראַט אַרויסגערופן יעדן ייד, אים געהייסן געבן אַ געוויסע סומע אין פאַפיר און גאָלד. ס'איז געוואָרן דער אמתער טומל. יעדער איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט אַזוי פיל און דער פרעזעס האָט געטענהט, אַז מען מוז שאַפן די סומע, אַנדערש וועט מען אַלעמען שיסן. דער עולם האָט אָנגעהויבן טראָגן אין יודענראַט פאַפיר־רובלס, גאָלד־רובלס, פינגערלעך, זייגערלעך און פאַרשידענע חפצים. ווער עס האָט נישט געוואָלט אָדער נישט געהאַט צו געבן, איז דורכן יודענראַט פאַרשפּאַרט געוואָרן אויף אַ טאָג אָדער מער. אַנדערע האָט מען געסט־אַשעט, אַז מען וועט זיי איבערגעבן צום דייטשן קאָמענדאַנט. אָבער דאָס איז נישט געשען.

עס האָבן זיך געענדיקט די צוויי טעג. מען האָט אויפגעקליבן 2,5 קילאָ גאָלד, און מער ווי אַ האַלבן מיליאָן רובל. די דייטשן זענען געווען צופרידן. דאָס האָבן מיר געוווּסט פון אַ דייטש גופא, וועלכער האָט אונדז דערציילט. דער זעלבער דייטש האָט זיך אַמאָל באַשטייערט מיט 50 מאַרק, ווען מ'האָט אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אויף די יידן. מיר האָבן אים נישט געקאָנט פאַרשטיין. געווען עטלעכע אַזעלכע דייטשן וועלכע פלעגן קומען אין געטאָ און שיכורן מיטן פרעזעס. דאַן פלעגן זיי דערציילן, אַז מיר אין געטאָ זענען פיינע מענטשן, מיר דאַרפן נישט מורא האָבן, ווייל מיר העלפן די דייטשן מלחמה האַלטן. אָבער ווען מען פלעגט זיי פרעגן פאַר וואָס זיי שיסן אויס די יידן, האָבן זיי געהאַט אַ גרייטן, גלאַטן ענטפער: זיי זענען איבעריק, נישט קיין נוצלעכע מענטשן...

דעם 20סטן אָקטאָבער איז מען געקומען פון גאָראָדיי קיין ניעסוויזש, 14 קילאָמעטער ווייט, רופן אויף אַ ברית מילה ר' אהרן לעווין ז"ל, דעם שוחט, ער זאָל מוהל זיין אַ קינד, ווייל ביי זיי אין שטעטל איז קיין מוהל נישט געווען. איז ער אַוועק

מיטן שליח וואָס איז געקומען אים רופן. ער האָט געהאַלטן, אַז „שליחי מצוה אינן נזקין״, ווייל ווי קען מען עס לאָזן ביי אַ יידן אַ קינד נישט געמלהט? אויפן זיבעטן קילאָמעטער זענען אָבער אָנגעקומען דייטשן און געפאָדערט פון זיי אויסוויי־ שיינען. מען האָט זיי באַלד צוריק געבראַכט קיין ניעסוויזש אין דער קאָמענדאַטור, פון דאָרט האָט מען זיי אָפּגעפירט אין גל׳נישצע, ווו עס האָבן זיך געפונען רויט־אַרמייער און אַנדערע מענטשן וועלכע זענען די דייטשן נישט געפעלן. די אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען — האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן.

ווען ס׳איז שוין געווען דאָס געטאָ, איז פאָרגעקומען אַ פדיון־הבן, ווו איך בין געווען דער כהן, קיין ברית־מילה איז נישט געווען, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין מוהל.

עס איז אויך פאָרגעקומען אַ חתונה אין געטאָ.

דעם 25סטן אָקטאָבער האָבן די דייטשן ווידער דערשאָסן דריי יונגע יידן, אין עלטער פון 25—30 יאָר. זייער „חטא״ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט קויפן ביי אַ קריסט קאַרטאָפל.

יעדער ייד האָט געמוזט גיין אויף אַרבעט. אַפילו 10־יאָריקע קינדער האָבן גערייניקט די קריסטלעכע גאַסן און קלאָזעטן. אויך גראָבן גריבער פאַ״ די צעשאָסענע קרבנות איז געווען אַ יידישע אַרבעט. זיי האָבן די יידן אויך געמאַכט פאַר קברנים.

אויפן באַפעל פון די דייטשן פלעגן יידן אויסגראָבן גרויסע גריבער. ווען זיי האָבן פאַרפולט דעם גרוב מיט צעשאָסענע און האַלב־דערשאָסענע מענטשן, פלעגן זיי טעלעפאָנירן צום יודענראַט, אַז מען זאָל שיקן יידן צו פאַרשיטן די גריבער. יידן האָבן אויך געטאָן אַנדערע אַרבעטן, ווי פאַשען בהמות, טרייבן די פערד צום פראָנט. אויך פרויען האָבן געאַרבעט ביי פּאָדלאָגעס וואַשן, גערטנעריי און אַנדערע שווערע אַרבעטן.

ו

דעם 29סטן אָקטאָבער 5 אַזייגער פאַרנאַכט האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט געמאָלדן דעם פּרעזעס פון יודענראַט, אַז ער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון באַראַנאָוויטש פון געביטס־קאָמיסאַר, אַז מאָרגן, דעם 30סטן אָקטאָבער 1941, (ט׳ חשון תש״ב) 8 אַ זייגער אין דער פרי, מוזן אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. די קראַנקע וואָס קענען נישט אַרויסגיין פון די בעטן, מוזן גענוי פאַרעגיסטרירט ווערן אויף וועלכע אַדרעסן זיי געפונען זיך און די רשימה איבערגעבן דעם קאָמענדאַנט. אַלע יידן מוזן זיך אָנטאָן ריין און וואַרעם, ווייל עס קאָן אויסקומען צו שטיין אַ לאַנגע צייט אויפן מאַרק... מען מוז ביי אַלע איבערקוקן די פּאַספּאָרטן.

דער יודענראַט האָט גלייך מאָביליזירט די יידישע פּאָליציי און זיי געשיקט איבער די יידישע שטובן אָנזאָגן די בשורה. אַ פחד איז יעדן איינעם באַפאַלן, ווייל די הערצער האָבן געזאָגט, אַז דאָס שמעקט נישט מיט קיין גוטס, הגם אויף אַזאַ שרעקלעך אומגליק האָט זיך קיינער נישט געריכט. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז מ׳וועט פייניקן, שלאָגן, אויספּרעסן נאָך געלט — נאָר אַז מען קען אויסשיסן אַ באַפעלקערונג פון איבער 4000 מענטשן — אַזאַ זאַך האָט קיינעם נישט געקענט קומען אַפילו אויפן געדאַנק. אין די אַנדערע שטעטלעך פלעגן זיי די צעשיסונגען מאַכן אין קליינע גרופּן, דערפאַר האָבן זיך אַ סך געקענט אָפּראַטעווען. זיי זענען שוין געווען צוגעגרייט. אָבער אין ניעסוויזש און אין קלעצק האָבן זיי מיט איין מאָל צונויפגעזאַמלט אַרום 7000 נפשות און אַלע אויסגעשאָסן. אַזוי ווי דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל, האָט מען קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. ס׳איז קיינעם אַפילו נישט איינגעפאַלן זיך צו ראַטעווען — און דער ווייטיק איז נאָך גרעסער, ווייל אין ניעסוויזש האָבן זיך געפונען אַ סך יונגע, געזונטע מענטשן. געווען אויך פיל יונגע פּליטים.

וואָלטן מיר געהאַט אַן אָנונג וואָס עס גרייט זיך, וואָלטן אַוודאי אָט די אַלע יונגע מענטשן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און באַוויזן זייער כוח. אָבער אַז מ׳איז שוין געשטאַנען אויפן מאַרק — האָט מען געוואַרט וואָס וועט מען מיט אונדז טאָן. ביז דער לעצטער מינוט האָט מען אַלץ געקלערט, אַז די דייטשן וועלן אונדז איבערשיקן אין אַ לאַגער אָדער אין אַ צווייטער שטאָט. ביי זיי האָט עס געהייסן „איבערזידלונג״. היות מען האָט זיך געגרייט „אין וועג אַריין״, האָט יעדער אָנגעטאָן צו צוויי אַנצוגן און וועש, וויפל עס האָט זיך געלאָזט, איינגענייט אין די קינדער־זאַכן געלט, פאַרשטעקט פאַרשידענע חפצים. אפשר וועט ווער פון דער פאַמיליע צוריק קומען, זאָל מען כאָטש עפּעס האָבן.

5 פאַרטאָג איז שוין איינער געלאָפן צום צווייטן פרעגן וואָס זאָל מען זיך אָנטאָן, ווי זאָל מען עפּעס באַהאַלטן?

ביינאַכט איז געווען אַ פראָסט מיט אַ דראָבנע שניי. אָבער אין דער פרי איז די זון אַרויס מיט איר שטאָלץ און גלאַנץ ווי אַ הערשערין, אָן מורא פאַר היטלערן.

7.30 פרי. די יידישע פּאָליציי איז אַרומגעלאָפן אין די גאַסן און אונטערגעיאָגט די יידן: „ברידער, ס׳איז שוין צייט צו גיין אויפן מאַרק־פּלאַץ״!

פון אונדזער הויף זענען אַרויס צען נפשות: מיין פאַמיליע (זעקס נפשות), אַ שכן אַ פּליט פון פּויזן און נאָך דריי. אין טויער האָט מיין ייִנגסטע, 15־יאָריקע טאָכטער זיך צעוויינט ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט אַז אַהער וועט זי מער נישט קומען. זי איז געווען זייער אַ פעיקע שילערין. פאַר דער מלחמה האָט זי געלערנט אין דער „תרבות״־שול און בעת דער סאָוויעטן־מאַכט איז זי שוין געווען אין 8טן קלאַס גימנאַזיע.

אויפן גאַס האָבן שוין מוטערס געטראָגן זייערע פּיצלעך קינדער אויף די הענט, בעת די גרעסערע האָבן זיי געהאַלטן פאַרן קלייד. גרויסע קינדער האָבן געפירט די עלטערן אונטער די הענט, פאָטערס האָבן געשפאַנט מיט דערשראָקענע קינדער. די גאַנצע מיכאַלישעק־גאַס איז שוין געווען אויף די פיס. אויך פון סיראָקאָמלאַ־גאַס, אָגראָדאָווע גאַס, פון דעם שול־הויף און פון שפּיטאָל־געסל — זענען מענטשן געגאַנגען צום מאַרק־פּלאַץ. די טאָכטער פון ר׳ אבא טענענבוים ז״ל אָדער אבא חסיד — ווי מען פלעגט אים רופן, האָט געפירט דעם זקן, דעם ליבלינג פון שטאָט ר׳ אברהם יצחק מאָלער ז״ל און זיין פרוי (וועלכע איז שוין ביי אים געווען די דריטע). אויך פערעלע צעכאַנאָוויטש, אַ זקנה פין 108 יאָר, די גבאיטע פון שטאָט — גייט דאָ. איר טעטיקייט האָט זי אָנגעהויבן צו 55 יאָר און געשפּייזט אַלע אָרעמעלייט פון שטאָט. זי פלעגט צונויפנעמען חלות, פלייש און אַוועקטראָגן די נויטבאַדערפטיקע. קיין איין אָרעמע כלה האָט נישט חתונה געהאַט אָן פערעלעס הילף. זי האָט געהאָלפן אַ סך פרויען פאָרן צו זייערע מענער קיין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. איצט האָט איר אייניקל, דער טאָכטערס איידעם ד״ר ליובאַוויטש, זי געפירט אונטערן האַנט צו איר לעצטן וועג. ביז דער לעצטער מינוט איז זי געווען ביים פולן באַוווסטזיין.

אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט דער פּרעזעס מיט דער יידישער פּאָליציי איינגעשטעלט די רייען. מען האָט אונדז געשטעלט מיטן פנים צום מזרח, צום טראָטואַר, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַנישיצקיס אַפּטייק ביז ר׳ זלמן גאָלדבערגס הויז, ווו ס׳איז געווען דער פּוילישער פּאָסטערונעק. מיר זענען געווען אויסגעשטעלט ווי זעלנער וואָס וואַרטן אויפן קיסרס קומען. אַלע אויסגעפּוצטע, אָנגעטאָן אין יומטובדיקע בגדים, ווי מיר וואָלטן גיין אויף אַ שמחה.

באַלד זענען פון קלעצקער זייט אָנגעקומען לאַסט־אויטאָס מיט די מערדער, וועלכע האָבן שוין באַוויזן דורכצופירן אַ שחיטה פון טויזנט מענטשן אין קלעצק. מיר זענען געווען אַזוי נאַריש, אַז מיר האָבן געמיינט, אַז די אויטאָס זענען אונדז געקומען נעמען אויף אַרבעט. די מערדער זענען אַראָפּ פון די

איטאָס. מערסטן טייל זענען דאָס געווען ליטווינער, אוקראַינער, ווייסרוסן, באַן־אַרבעטער, פּאָליציי און סתם פרייוויליקע רוצחים. יעדער פון זיי איז געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, גראַנאַטן א.א.וו. זיי האָט זיך געלוינט דורכצופירן אַזאַ שטיקל אַרבעט. וואָס זיי האָבן געוואָלט האָט מען געקענט נעמען פון די קרבנות, אויך גוט זיך אָנטרונקען. קוקנדיק אויף זיי, איז יעדן איינעם פון אונדז באַפאַלן אַ פּחד. מען האָט געמיינט, אַז זיי וועלן אויסקלויבן אייניקע יינגעלייט, זאָגן אַז זיי זענען קאָמוניסטן און זיי שיסן. דערפאַר טאַקע האָבן זיך די יונגע נישט גערוקט אין די פאָדערשטע רייען.

אַ פאָר מינוט פאַר 8 איז געקומען דער דייטשער שטאָט־קאָמענדאַנט מיט ווייס־רוסישע ציווילע באַאַמטע. מען האָט אונדז אָנגעהויבן אויסגלייכן און פאָטאָגראַפירט. פונקט 8 אַ זייגער (דייטשע פּינקטלעכקייט!) איז אַרויסגעקומען דער גרעסטער מערדער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונגס־אַקציע — אַ געלער זשאַנדאַר מיט 2 בענדלעך, אַן ס.ס. מאַן, אפשר 2 מעטער די הייך, און נאָך עטלעכע דייטשן, ווייזט אויס אויך ס.ס.־לייט. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי אין סאַמע מיטן און דער געלער האָט אַ געשריי געטון: „אַרבעטער — פאָרויס, מיט אייערע פאַמיליעס!" איך מיט מיין משפחה זענען אַוועק פאָרויס. אַ סך אַרבעטער זענען נישט אַרויס, רעכענענדיק, אַז מען וועט זיך באַגיין אָן זיי. איך האָב זיך געמוזט אַרויסרוקן, ווייל אונדזער וואַרשטאַט וווּ איך האָב געאַרבעט, איז געווען דער גרעסטער אין שטאָט און מיך האָבן אַלע פּוילישע אַרבעטער געקענט און געוווּסט, אַז איך אַרבעט ביים פירשט ראַדזשיוויל. מיין געליבטע פרוי מיט איר מוטער האָבן מיך אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל נישט אַרויס פון דער ריי, נאָר שטיין הינטער זיי, ווייל זיי וועט גאַרנישט געשען, זיי וועט מען נישט טשעפּען. איך האָב זיי נישט געקענט אָפּזאָגן און צוליב געטון. באַלד האָט דער געלער זשאַנדאַר אַ געשריי געטון: „וועשער אַרויס". און דער וועשער קלאַצקאַ מיט זיין פרוי, דריי קינדער און אַ שוויגער האָבן זיך אַ־ויסגערוקט. קלאַצקאַ האָט געהאַט אַ וועשעריי אין שטאָט און דאָס האָבן די באַנדיטן געדאַרפט האָבן. באַלד האָט מען אַרויסגערופן די דאָקטוירים, אָבער פון די זעקס האָט מען אויסגעקליבן צוויי און פיר געלאָזן אויפן אָרט. די וועלכע מען פלעגט אויסקלייבן, האָט מען אַוועק געפירט אויף ווילענסקע גאַס און דאָרטן האָבן זיי געוואַרט ביז מען האָט געבראַכט נאָך. איין דאָקטער איז געווען אַ ניעסוויזשער איידעם, ד"ר קעסעל, דער צווייטער, ד"ר גורוויטש — אַ פּליט. דעם חשובסטן, ד"ר גינזבורג וואָס איז געווען באַליבט סיי ביי יידן סיי ביי קריסטן, האָט מען נישט אויסגעקליבן צוליב דעם, ווייל ער איז געווען דאָקטער אין קליניק וווּ עס זענען געלעגן 20 פאַרוווּנדעטע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי. איין מאָל, ווען ד"ר גינזבורג האָט געהאַט דיזשור, האָבן די זעלנער געזונגען קאָמוניסטישע לידער. דאָס האָט ווער דערציילט דעם דייטשן קאָמענדאַנט, האָט מען די 20 זעלנער דערשאָסן. מען האָט אויך געוואָלט דערשיסן דעם ד"ר ר' יעקב ב"ר משה הערץ גינזבורג, נאָר מיט גרויס מי פון די קריסטן און דעם יודענראַט, איז אים געלונגען אָפּצוראַטעווען. אָבער די דייטשן האָבן אויף אים געהאַט די גאַנצע צייט אַן אויג צוליב אַ צווייטער מעשה וואָס איז געווען: ד"ר גינזבורג האָט געוווינט אויף איינער פון די הויפּט־גאַסן, די ווילענסקאַ גאַס. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ניעסוויזש האָבן זיי באַפוילן, אַז אַ האַלבע ווילענסקע גאַס און די סטודענטצקאַ גאַס זאָל ווערן „יודענריין", ווייל די דייטשע באַנדיטן דאַרפן דאָרט וווינען. ד"ר גינזבורג האָט זיך דאַן אַריבערגעצויגן אין זיין פאָטערס הויז אויך אויף סיראָקאָמלאַ גאַס. פאַרן פאַרלאָזן זיין פריערדיקע וווינונג, האָט ער איינגעמויערט אין אַ קעלער 3.500 גאָלד־רובל. ער האָט דאָס געלט נישט געקענט אַרויסנעמען פון דאָרט און וועגן דעם דערציילט דעם פּרעזעס פון יודענראַט. אפשר קען ער אים העלפן מען זאָל דאָס געלט אַרויסקריגן, ווייל דער פּרעזעס פלעגט אָפט מאַכן אַ שנעפּסל מיטן דייטשן קאָמענדאַנט. דער פּרעזעס האָט טאַקע וועגן דעם געלט דערציילט דעם דייטשן קאָמענדאַנט, וועלכער האָט תיכף גענומען אַרבעטער, אויפגעגראָבן דאָס אָרט און אַרויסגענומען די גאָלד־שטיקלעך. אָבער דער דייטש האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן געלט. מען האָט גינזבורגן גענומען אין דער קאָמענדאַטור און אים געשלאָגן מכות רצח. ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון דאָרט. אַזוי פלעגט מען אים פון צייט צו צייט „איינלאַדן" אַהין און יעדעס מאָל שטאַרקער שלאָגן.

דערנאָך האָבן די דייטשן אַרויסגענומען פון די רייען די ציין־דאָקטוירים — די פרוי פון דענטיסט פּנחס באָרנשטיין, וואָס האָט נאָך איר מאַנס טויט געפירט דעם קאַבינעט, מיט אַ זון און טאָכטער; צוויי פּליטים, רובינשטיין און נאָך איינער, וועמענס נאָמען איך ווייס נישט, און ר' בנימין אייזענבוד ז"ל, אַ ציין־דאָקטער, אַ טרייער ציוניסט, וואָס האָט געשיקט זיינע דריי קינדער אין ארץ־ישראל און זיין גאַנצע שטרעבונג איז געווען כל ימיו צו פאָרן אין לאַנד פון די אָבות, אָבער זיין טרוים איז ליידער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די פיר מעדיצין־דאָקטוירים וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט, זענען געווען:

ר' יעקב ב"ר משה הערץ גינזבורג ז"ל, אַ בן עיר, אַ ישיבה־בחור, געהאַלטן עקסטערן־עקזאַמענס אין דער צאַרישער צייט אין סלוצקער גימנאַזיע און שפּעטער אָנגעקומען אין פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט און אים געענדיקט מיט די בעסטע אויסצייכנונגען. ער איז געווען באַליבט ביי יעדן איינעם, קריסטן ווי יידן און געשמט אַלס גוטער דאָקטער. די מערדער האָבן אים אומגעבראַכט אין 50סטן לעבנסיאָר.

דער צווייטער ד"ר מעדיצין סכאַריאַנאָוויטש, אַ ביאַליסטאָקער, געלעבט אַ יאָר צען אין ניעסוויזש, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיפן וויסן.

דער דריטער דאָקטער ליובאַשיץ, אַן אייניקל פון פּערעלע צעכאַנאָוויטש, זייער אַ ווילער מענטש, איז אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע אין דרייסיק און געשטאַמט פון באַראַנאָוויטש.

דער פערטער דאָקטער, קאָקאָטעק, אַ פּליט, פון וואַנען ער איז געקומען קיין ניעסוויזש, איז מיר נישט באַקאַנט.

דערנאָך האָבן די דייטשן אַרויסגערופן די פאַרמאַצעטן: אַ וואַרשעווער בחור, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט ד"ר גינזבורגס טאָכטער, האָט ער אַרויסגעפירט אַלס זיין מוטער ד"ר גינזבורגס פרוי און אַ זון מיט צוויי טעכטער אַלס זיין שוועסטער און ברודער.

(דאָס וואָס די דייטשן האָבן דערלויבט די אַרבעטער מיטנעמען זייערע פאַמיליעס, האָבן זיי געהאַט דערביי אַ מיין. ביי די פריערדיקע צעשיסונגען אין אַנדערע שטעט, האָבן זיי גענומען נאָר די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס אויסגעשאָסן — האָבן שפּעטער די אַרבעטער זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן. דערפאַר האָבן זיי איצט באַשלאָסן נעמען די אַרבעטער מיט די פאַמיליעס, טראַכטנדיק זיך: איר וועט סיי־ווי נישט אַרויס פון אונדזערע בלוטיקע לאַפּעס)...

דערנאָך איז געקומען די ריי אויף די טעקסטיל־אַרבעטער. עס איז אַרויס פון דער ריי דער לאָדזשער בחור, מילשטיין, אַ טעקסטיל־אַרבעטער מיט זיינע 30 מענטשן. זיי אַלע האָבן געאַרבעט אין דער סאָוויעטישער נאַציאָנאַליזירטער טעקסטיל־פאַבריק און ווען די דייטשן זענען אַריין קיין ניעסוויזש, האָבן זיי די פאַבריק איבערגענומען. דער רוב פון די אַרבעטער איז געווען פּליטים, אָבער גוטע פאַכלייט.

די ריי איז געקומען אויך אויף אינזשינירן: דער פּליט

פּאָפּ, אַ געוועזענער פּוילישער אָפיציר; שלמה גרינוואַלד, אַ פעיקער מענטש. דערנאָך — די טעכניקער: אַ ברודער פון אונדזער מילשטיין, אַ ברודער פון שלמה גרינוואַלד, און דוד גרינוואַלד, אַ בן־עיר.

שפּעטער האָט מען אויסגערופן מעטאַל־אַרבעטער, שמידן, שלאָסערס, מוליאַרעס, גלעזער, רימערס — נאָר אַלץ אין אַ באַגרענעצטע צאָל. אַמיינסטן איז געווען שניידערס — 30 און שוסטערס — 30. דער דייטשער זשאַנדאַר פלעגט יעדן באַקוקן און ווער ס'איז אים נישט געפעלן, — האָט ער אים אָפּגעשטופּט אויף צוריק. ווער יאָ — פלעגט ער הייסן אַוועקפירן אויף ווילענסקע גאַס, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט אַלע „נוצלעכע״, אונטער אַ שטאַרקער שמירה.

די פּליטים האָבן זיך גערוקט פאָרויס. זיי האָבן פאַ־שטאַנען, אַז די וואָס בלייבן אױפן אָרט, וועלן מסתמא אומקומען. די ניעסוויזשער אײנוווינער ווידער האָבן זיך געטראַכט, אַז די אַלע וואָס מען קלויבט אויס, וועלן אוודאי נישט בלייבן לעבן. אויב די פּליטים שטופּן זיך פאָרויס, איז עס דערפאַר ווייל זיי מיינען אַז מ'וועט זיי אַוועקפירן אין אַ צווייטער שטאָט, אפשר וועט דאָרט זיין בעסער, ווייל וואָס איז זיי אַ חילוק ווו זיי זענען? דאַקעגן מיר, ניעסוויזשער, אונדז איז כדאי צו בלייבן, דאָ איז דאָך אונדזער היים. אָבער די מחשבות האָבן אויפגעהערט, ווען מען האָט אויסגערופן עס זאָלן אַרויסגיין 20 סטאָלאַרעס. האָבן די פּליטים ווידער אָנגעהויבן שפּאַרן זיך פאָרויס, און גראָד אַזעלכע וואָס מיר האָבן געוווּסט אַז זיי זענען נישט קיין סטאָלאַרעס. דערביי האָט איינער געזאָגט צו אַ ניעסווי־זשער: „ברודער, אויב וועסט נישט אַרויס — ביזטו אַ קדוש״... האָט שוין יעדער געוואָלט אַרויס פון דער ריי. איינער האָט אָנגעהויבן לויפן פאַרן צווייטן. עס איז אַרויס מוליק נייפעלד, ער איז גאָר געווען דער ווירט פון דער ניעסוויזשער עלעקטראָווניע און נישט קיין סטאָלער. זיין פרוי איז נישט אַרויס, ווייל איר איז נישט אָנגעשטאַנען צו זיין אויף איין ברעטל מיט די סטאָלערס. דער צווייטער איז אַרויסגעלאָפן צבי אָפּיצינער, אַ שניידער. ווען איך האָב זיך אַרויסגערוקט און צוגעגאַנגען צום זשאַנדאַר, בין איך שוין געווען דער 21סטער! דער זשאַנדאַר האָט מיר דערלאַנגט אַ זעץ מיט זיין מערדערישער האַנט איבערן קאָפּ — „צוריק!״ דאָס הייסט — מער דאַרף ער נישט. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען נאָענט פון דעם זשאַנדאַר, נאָר אַזוי ווי מיין פרוי האָט געוואָלט איך זאָל שטיין הינטער איר און דער שוויגער, איז ביז איך האָב זיך אָפּערגעקריגן, איז די צאָל שוין געווען פאַרפולט. מיין פרוי, דערזעענדיק די סצענע, האָט זיך שנעל אויסגעמישט צווישן עולם און איך, זייענדיק צעטומלט, בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם. מיין טאָכטער האָט זיך נישט פאַרלוירן, מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און נאָך אַמאָל צוגעפירט צו דעם זשאַנדאַר און אים געזאָגט, אַז איך בין דער בעסטער טישלער אין שטאָט. יענער האָט שוין ווידער אויפגעהויבן די האַנט, גרייט מיך מכבד צו זיין, נאָר זי האָט מיך ווי ס'איז אַוועקגעשלעפּט. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען... ווען כ'בין געקומען צו די געדאַנקען, בין איך שוין געשטאַנען נישט ווייט פון די אָפּגעקליבענע אַרבעטער אויף ווילענסקע גאַס, ווייט פון דעם רוצחישן זשאַנדאַר. איך בין צוגעגאַנגען און זיך אַריינגעשטעלט צווישן די אַרבעטער. ביזן היינטיקן טאָג איז מיר נישט קלאָר געוואָרן דאָס רעטעניש, ווי אַזוי איך בין געקומען אויף דעם פּלאַץ לעבן דער אַפּטייק, נישט ווייט פון דער גרופּע. מיין טאָכטער, זעענדיק אַז דער זשאַנדאַר וויל מיך נאָך אַמאָל שלאָגן, איז געלאָפן זען וואָס איז מיט דער מוטער און באַלד זיך אומגעקערט, אָבער מיך שוין נישט געטראָפן. איך האָב זיך געפרעגט ביי אַ סך מענטשן, וועלכע זענען געווען מיט מיר אויפן פּלאַץ — אָבער קיינער האָט גאָר נישט געוווּסט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט אַ ליטווינער צוגעברענגט צו אונדזער גרופּע מיין שכן דעם מאַרמעלאַדע־מאַכער, זיין פרוי מיט צוויי קינדער און... מיין טאָכטער. ווען דער זשאַנדאַר האָט די פאַמיליע אַרויסגערופן, האָט די פרוי געזאָגט צו איר: „טעכטערל, קום שנעל מיט״. זי איז גלייך אַרויס פון דער ריי און מיטגעגאַנגען.

איידער די פרוי האָט זי גערופן, האָט זי מיך שטאַרק געזוכט און געטראָפן אַ באַקאַנטן יידישן פּאָליציי־מאַן, אַ משומד, געשטאַמט פון וואַרשע. האָט זי אים געפרעגט צי ר'האָט מיך געזען. האָט ער איר געענטפערט: „לויף שנעל ווו עס שטייען די אָפּגעקליבענע מענטשן, אפשר איז ער דאָרט. אויב נישט, בלייב דאָרט, וועסט קיין חרטה נישט האָבן״. נאָך די ווערטער האָט זי די שכנה גערופן — און איצט איז זי געווען מיט מיר.

ס'איז צוגעקומען דער קאָמענדאַנט, אונדז געהייסן אויסשטעלן צו פיר אין אַ ריי און אונטער אַ שטאַרקער וואַך אונדז אָפּגעפירט אויפן גימנאַזיע־הויף, ווו ס'איז אַמאָל געווען דער רוסישער סעמינאַר.

ז

מען האָט אונדז אַוועקגעשטעלט צווישן צוויי מויערן, מיטן פּנים צום וואַנט. אונדזער שרעק איז געווען גרויס, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז מען וועט אונדז דערשיסן. אַזוי זענען מיר געשטאַנען — אפשר 30 מינוט. דערנאָך האָט מען געעפנט די טיר פון גימנאַזיע און אונדז באַפוילן אַריינגיין אויפן ערשטן שטאָק, נאָר אָפּגעטיילט מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. מ'האָט אונדז אָנגעזאָגט נישט קוקן דורך די פענצטער, ווייל אויב מען וועט באַמערקן פון גאַס אַז עמיץ קוקט אַרויס — וועט מען אים שיסן. ביים אַרויסגאַנג האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי באַוואָפנטע ווייס־רוסישע פּאָליציאַנטן.

זיצנדיק אין גימנאַזיע־צימער, האָט יעדער פון אונדז געטראַכט פון די משפּחה־מיטגלידער וואָס זענען געבליבן אויפן מאַרק־פּלאַץ. הגם מ'האָט געלאָזט אַרויסגיין די פאַמיליעס מיט די אָפּגעקליבענע אַרבעטער, האָט דער קאָמענדאַנט גוט אַכטונג געגעבן, עס זאָל נישט מיטגיין קיין צו גרויסע צאָל פאַמיליע־מענטשן. אויב ער האָט באַמערקט, אַז אַ פאַמיליע איז צו גרויס, האָט ער אַ סך פון זיי באַלד געהייסן זיך צוריקשטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. מיר האָבן געטראַכט: ס'איז שוין ווינטער, אויב מען וועט אונדז פאַרשיקן, וואָס וועלן זיי אָנטאָן, ווער וועט זיי שפּייזן?

מיט אַמאָל איז געקומען צו לויפן דער קאָמענדאַנט מיט צוויי דייטשן און ער זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן גענומען מיט זיך אין גימנאַזיע־בנין אַ הינקעדיק קינד — און זאָל מען עס גלייך אַרויסגעבן, אַז נישט וועט מען אַלע שיסן, אויב מען זאָל דאָס קינד נישט געפונען. ס'איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. אַלע האָבן געזוכט — אָבער דאָס קינד איז נישט געווען. עס איז קוים אַוועק אַ האַלבע שעה און דער קאָמענדאַנט קומט ווידער צוריק מיט אַ מעלדונג: „ווער ס'איז אַלט 70 יאָר — זאָל אַרויסגיין!״ עס האָט זיך געמאָלדן ר׳ אהרן צינמאַן. הגם ער איז נאָר אַלט געווען 68 יאָר, האָט ער געמיינט, אַז מען וועט אים צוריק פירן אויפן מאַרק־פּלאַץ און ער וועט בלייבן לעבן. דערפאַר אָבער האָט זיך נישט אָפּגערופן די 85־יאָריקע טייבע גאַברעלאָוו, וועלכע איז טאַקע געבליבן, מיטגעגאַנגען מיט אונדז אין געטאָ און זיך געמאַטערט נאָך 9 חדשים.

פון שעה צו שעה איז געוואָרן אומעטיקער. מיר האַלטן אין איין קלערן: וואָס וועלן די באַנדיטן טאָן מיט אונדז? פון גרויס מידקייט און צרות לייגן מיר זיך אויף דער פּאָדלאָגע. דער בנין איז גרויס, אָבער פאַר אונדז איז ער ענג.

עס קומט אַריין אַ דייטש און פאָדערט, אַז 15 אַרבעטער

זאָלן גיין מיט אים. מען דאַרף ברענגען האָלץ פון פירשט ראַדזשיווילס שלאָס אין דער קאָמענדאַטור. באַלד האָבן זיך געמאָלדן יונגע בחורים, צווישן זיי נייפעלד, דער עלעקטראָוניע־אייגנטימער, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס סטאָלער. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסקריגן, כדי צוקומען צו זיין פרוי, איר ברענגען אַהער, אָדער בלייבן מיט איר אויפן מאַרק־פלאַץ — אַבי זיין צוזאַמען. אים איז געלונגען. ווען די 15 מענטשן זענען געפאָרן צום שלאָס מיט אַן אויטאָ, הגם עס איז געווען נאָר ½ קלמ׳ פון גימנאַזיע — האָבן זיי געזען ווי מען פירט אַ גרופּע יידן פון מאַרק צום שלאָס — און זיין פרוי איז צווישן זיי. האָט ער געבעטן דעם דייטש וואָס איז געווען אויפן אויטאָ, ער זאָל אַרויפנעמען די פרוי. דער דייטש האָט נישט געוואָלט דערפון הערן. האָט ער אַראָפּ גענומען זיין זייגער פון האַנט און געגעבן דעם דייטש. ווייזט אויס, אַז דער זייגער איז געווען אַ צו קליינע מתנה. האָט נייפעלד אָנגעהויבן זוכן — און געפונען אַ גאָלדענעם רינג, וועלכן ער האָט אויך געגעבן דעם דייטש. יענער איז ווייכער געוואָרן. ווען דער אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן לעבן דער פרוי, האָט מען איר אַ כאַפּ געטאָן און אַרויף געצויגן אויפן אויטאָ. די דייטשן און ליטווינער האָבן געשריען, אָבער „אונדזער" דייטש האָט זיך פון זיי אויסגעלאַכט און געפאָרן ווייטער.

נאָכן אויסלאָדן אין דער קאָמענדאַטור דעם אויטאָ האָלץ, האָט דער זעלבער דייטש געבראַכט די 15 אַרבעטער צוריק אין גימנאַזיע.

אַז נייפעלד איז געקומען מיט זיין פרוי, האָט ער אונדז דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זי אַרויסגעראַטעוועט. דאַקעגן די אַרבעטער האָבן דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע טייערסטע און נאָענסטע: מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין הייפל זאַיעזשעזשע, אַ ½ קילאָמעטער פון שלאָס. די באַנדיטן האָבן די קרבנות באַזוכט און צוגענומען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ ווערט. דערנאָך האָבן זיי געהערט שאָסן פון ביקסן און מאַשין־געווער.

ח

דאָך האָבן מיר זיי נישט געגלויבט, נאָר געמאַכט זיך אונדזערע אויסטייטשונגען: ווען מען האָט אָפּגעפירט אין הייפל אַ גרופּע מענטשן, איז מן הסתם איינער אָדער צוויי נישט געגאַנגען לויט דער דייטשישער מושטרע — האָט מען זיי דערשאָסן. אמת, מיר האָבן געוווסט אַז די דייטשן זענען פּעיק סתם הרגענען מענטשן, ווייל ביי אונדז אין שטאָט האָבן זיי דאָך אויך געשאָסן אומשולדיקע, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט. אָבער מיר האָבן נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זיי קענען אַלע יידן אומברענגען.

עס איז געקומען דער פּרעזעס מיט אַ דאָלמעטשער. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט אַ טיש און געמאָלדן, אַז אַלע וואָס געפינען זיך אין גימנאַזיע־בנין זאָלן זיך רעגיסטרירן, ווייל ווער עס וועט נישט זיין רעגיסטרירט, וועט נישט באַקומען קיין עסן און וועט בכלל באַטראַכט ווערן ווי אַן אומלעגאַלער אין געטאָ.

גלייך האָט זיך יעדן עפּעס אָפּגעריסן אין האַרץ. וואָס געטאָ? ווען געטאָ? מיר ווייסן אַז אַמאָל זענען געווען געטאָס, מיר האָבן געלייענט וועגן זיי — אָבער ווען איז דאָס געווען?

מיר האָבן זיך געשטעלט פאַרן פּרעזעס צום פאַרשרייבן. אייניקע האָבן זיך געפרעגט צו מ׳קאָן אויך פאַרשרייבן די פרוי, אַ קינד. אויף דעם האָט דער פּרעזעס געענטפערט גלאַטיק, אַז יענע דאַרף מען נישט פאַרשרייבן, ווייל די וואָס זענען אויפן מאַרק — זענען שוין פאַרשריבן...

באַלד האָט אויסגעבראָכן צווישן אונדז אַ יאָמערלעך געוויין. האָט דער דייטש געשריגן, אַז מיר זאָלן זיך באַרויקן, מען טאָר נישט וויינען. דאָ האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען שוין צעשיידט מיט אונדזערע טייערסטע און ליבסטע אויף אייביק.

אַ סך פון אונדז האָבן געחלשט. אַפילו די וואָס זענען דאָ געווען מיט גאַנצע משפחות האָבן אויך ביטער געקלאָגט, ווייל ווער האָט דען נישט געלאָזט קיין קרובים אויפן מאַרק־פלאַץ? נאָר די וועלכע האָבן איבערגעלאָזט דאָרט אַ פרוי, אַ קינד — האָבן זיך ממש געריסן די האָר פון קאָפּ. זייער פּיין איז געווען גרויס. מען האָט זיך פאָרגעוואָרפן, הלמאי מ׳איז אַליין אַוועק פון מאַרק־פלאַץ און זיי געלאָזט. פאַר וואָס זאָל מען נישט קענען אויף זיי זאָגן: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו"?!

קריסטן האָבן אונדז שפּעטער דערציילט, אַז די צעשיסונג איז פאָרגעקומען אין פּאַרק פון פירשט ראַדזשיוויל. אַ נאַכט פריער האָבן די מערדער באַפוילן אויסגראָבן צוויי ריזיקע גריבער — איינעם 70 מעטער די לענג און 4 מעטער די ברייט, דעם צווייטן — 30 מ׳ די לענג און 4 מ׳ די ברייט. ווי נאָר מ׳האָט די אָפּגעקליבענע אַרבעטער אַוועקגעפירט אין גימנאַזיע־בנין, האָט מען די מענטשן פון מאַרק־פלאַץ אָנגעהויבן פירן, צו גרופּעס פון 100 מאַן, צו די גריבער. אויפן וועג האָט מען זיי אָפּגעשטעלט, רעווידירט און אַלץ צוגענומען. ביים זוכן דאָס גאָלד און ווערטפולע זאַכן, האָט מען די יידן געפּייניקט. ווען מען האָט זיי געבראַכט אויפן אָרט, האָט מען זיי געהייסן זיך אויסטאָן, ביז די וועש. ביי וועמען ס׳איז געווען גוטע וועש, האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן, דערנאָך באַפוילן אַריינלייגן זיך אין גרוב מיטן פּנים אַראָפּ — און די מאַשין־געווערס האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן... ווען זיי האָבן געענדיקט מיט דער גרופּע, האָט מען געבראַכט אַ צווייטע. אויך די רוצחים האָבן זיי געביטן. אַזוי האָבן זיי אויסגעשאָסן אַלע יידן.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען נישט ווייט פון דעם אַלטן בוים, וואָס איז שוין געשטאַנען איבער 200 יאָר אין ניעסוויזש און יעדעס קינד האָט געקענט און געוווסט פון זיין אַלטקייט און אָרט.

די קריסטן האָבן דערציילט, אַז אויפן מאַרק־פלאַץ זענען פאָרגעקומען האַרצרייסנדע סצענעס. אַ טייל האָבן געפּרוווט אַנטלויפן און זענען געוואָרן דערשאָסן. אַנדערע האָט מען פּשוט צעטראָטן אין דער גרויסער מהומה.

ווען זיי האָבן שוין אַריינגעלייגט אַלע יידן אין גרוב און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צעשיסונג, האָבן די געוויינען און געוואַלדן זיך געטראָגן גאָר ווייט. עס האָט געטראָפן, אַז אַ מוטער אָדער פאָטער האָט געהאַלטן אויפן האַנט דאָס קינד און געלייגט זיך דערויף אין גרוב, כדי עס צו פאַרהיטן פון די קוילן. דאָס קינד איז טאַקע לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן — און אַ סך געשרייען האָבן זיך נאָך געטראָגן פון די מתים־גריבער. צומאָרגנס האָט זיך נאָך די ערד געהויבן פון די האַלב־לעבעדיקע מענטשן.

ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז ווער פון די ווייסרוסן אָדער אוקראַינער האָט באַמערקט אין גרוב אַ זשיפּעדיקן ייד, האָבן זיי אים געגעבן מיט דער לאָפּעטע איבערן קאָפּ, ביז ער איז שטיל געוואָרן. די געוואַלדן און די „שמע־ישראלס" האָבן זיך געהערט פון ווי־ווייט. אויפן צווייטן טאָג האָט פון דעם מאַסן־קבר אַרויסגעפּליצט אַ קוואַל פון בלוט. די דייטשן האָבן דאַן באַפוילן גראָבן אַ ריוו, כדי אָפּציען דאָס בלוט פון גרוב.

אַזוי האָבן די דייטשע חיות אומגעבראַכט צוויי טויזנט אומשולדיקע יידן.

געענדיקט אין פירשט ראַדזשיווילס פּאַרק, האָבן זיי גענומען די פאַרבליבענע יידן קיין וואָיטעשצינע וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן בית־עולם. דאָרט איז געווען אַ ריזיקער

גרוב ווו די גאַנצע שטאָט פלעגט נעמען ליים. דעם גרוב האָבן זיי פאַרגרעסערט און אים פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן קבר פאַר העכער 2000 אומשולדיקע ניעסוויזשער יידן — אויף דעם זעלבן אופן ווי מיט די יידן וועלכע מ׳האָט צעשאָסן פריער.

בעתן באַזוכן די קרבנות, איז איין מערדער געווען זייער פאַרנומען מיט דער מלאכה. דאָס האָבן אויסגענוצט צוויי פרויען און זענען אַנטלאָפן. איין פרוי, אסתר באָרענשטיין, האָט איבערגעלאָזט אין די רייען פיר קינדער, די צווייטע — די 17־יעריקע טאָכטער פון קאָפּל פּאָליאַצעק. זיי איז געווען באַשערט צו מאַטערן זיך אין געטאָ נאָך 9 חדשים.

די רוצחים האָבן אַרויסגעפירט פון די הייזער אַלע קראַנקע און קאַליקעס וואָס האָבן נישט געקענט גיין און זיי געשאָסן.

צו יענער צייט זענען געווען פאַרעגיסטרירט אין יודענראַט קרוב 5000 יידן. ניעסוויזש אַליין האָט געציילט 4000, דערנאָך זענען צוגעקומען אַ סך פליטים, אַזוי, אַז די צאָל איז געווען כמעט 5000 יידן. זיי אַלע האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן, אָדער באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין די צוויי גריבער.

אַ קריסט האָט דערציילט:

ביים פאַרשיטן דעם גרוב, האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט דער 28־יעריקער יהודה כאַרלאַפּ. ווייזט אויס, ער איז נאָר געווען פאַרוואונדעט. דאָס האָט דערזען אַ ווייסרוס וואָס האָט געאַרבעט ביים פאַרשיטן דעם גרוב, האָט ער אויפגעהויבן די לאָפּעטע און זי אַראָפּגעלאָזט אויף כאַרלאַפּס קאָפּ, וועלכער איז צעשפּאָלטן געוואָרן. אַ דייטש וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך אָנגערופן צום רוצח: „זע, דער הימל ווייגט און קאָן נישט צוזען וואָס האָסט געטאָן"... (ס׳איז דעמאָלט געפאַלן אַ רעגן).

קריסטן האָבן דערציילט, אַז אין גאָראָדייע האָט אַ דייטש געזאָגט די זעלבע ווערטער, ווען מען האָט אומגעבראַכט די גאָראָדייער יידן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דער זעלבער דייטש.

ט

פרייטיק, דעם 31סטן אָקטאָבער 1941 (פ׳ לך שנת תש"ב), 12 בייטאָג, האָט מען אונדז געעפנט די טיר פון גימנאַזיע און באַפוילן: „לך! גייט פון דאַנען אין געטאָ". מ׳האָט אונדז געגעבן 4 שעה צייט אַריינצוטראָגן אין געטאָ דאָס ביסל זאַכן און געוואָרנט, אַז ווער עס וועט אַרויס נאָך 4, וועט געשאָסן ווערן.

מען האָט אָנגעהויבן לויפן. יעדער האָט געוואָלט קומען וואָס פריער אַ היים. אפשר לעבט ווער, חוץ דעם דאַרף מען ראַטעווען ס׳ביסל האָב־און־גוטס. אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף נאָך עפּעס האָבן.

איך גיי מיט מיין טאָכטער — אַרויס זענען מיר אַ פאַמיליע פון זעקס נפשות און געבליבן זענען צוויי. זי זאָגט: „טאַטע, גענוג דיר צו וויינען". די זעלבע ווערטער זאָג אויך איך, אָבער וויינען, וויינען מיר ביידע. די פיס אונטער אונדז ברעכן זיך. ס׳איז דען אַ וווּנדער? 42 שעה נישט געהאַט אין מויל — אויסער אַ טרער וואָס האָט זיך אַהין אַריינגעקייקלט...

דאָך בין איך אַ „גליקלעכער" מענטש. מיין הויז געפינט זיך אין אויסגעטיילטן געטאָ, איך וועל נישט דאַרפן שלעפּן אויף די פּלייצעס דאָס ביסל זאַכן. דער טומל איז גרויס. מען לויפט, מען טראָגט איבער. יעדער וויל פאַרכאַפּן אַ בעסערע וווינונג, וויל מען ווייסט, אַז די פריערדיקע בעלי־בתים וועלן שוין נישט צוריק קומען.

בסך הכל זענען אין געטאָ אַריין 562 יידן. 180 זענען געווען ניעסוויזשער איינוווינער, די פאַרבליבענע 382 נפשות — פליטים פון אומעטום.

צוגעקומען צו דער שטוב, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע געוויינען און היסטעריעס. ווו איז מיין געליבט ווייב? ווו איז מיין שיין קינד? ווו איז מיין גוטע שוויגער? עס ווילט זיך נישט אַריין אין שטוב. אָבער איצט העלפט גאָרנישט. גיי שריי „שמע ישראל"!

כ׳בין צו צו דעם אָרט ווו כ׳האָב באַהאַלטן דעם שליסל ווען איך בין אַוועק מיט מיין פאַמיליע. דער שליסל איז געלעגן אויפן זעלבן אָרט. באַלד איז געקומען מיין שכן מיט דער גאַנצער משפחה — גליקלעכע מענטשן. אמת, אויך זיי האָבן געוויינט, קוקנדיק אויף מיר, דאָך איז ביי זיי געווען אַנדערש אין האַרץ.

מיר האָבן נישט באַוויזן רעכט זיך אויסוויינען, זענען אַריין פיר דייטשן און געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ. זיי זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען נישט געגאַנגען מיט אַלע יידן אויפן מאַרק־פלאַץ, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן. מיר האָבן זיי דערציילט, אַז מ׳איז געווען אין גימנאַזיע, נאָר מען האָט אונדז געהייסן גיין אַהער, אין געטאָ. פאַרשטענדלעך, אַז ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי שוין צוגענומען וואָס נאָר זיי איז געפעלן — און זענען אַרויס.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין טרייען מחותן, ר׳ חיים שבת ז"ל, און געלאָפן אַ היים זען וואָס הערט זיך ביי אים. ער איז געווען אַ שוואַכער מענטש, אַליין נישט געקאָנט גיין אויפן מאַרק־פלאַץ, האָט מען אים רעגיסטרירט מיט די קראַנקע און שוואַכע. ער האָט געוווינט אויף ניי־שטאָט, אַ האַלבן קילאָמעטער פון מיר. איך בין געלאָפן אָן אָטעם. אויפן וועג ביים „בראָם" (טויער) וואָס טיילט אָפּ די שטאָט פון ניי־שטאָט, האָב איך באַגעגנט דעם פּאָפּ מיט זיין פרוי טראָגן שווערע פּעק. אויך זיי האָבן זיך געצויגן. ער האָט געבעטן איך זאָל אים העלפן שלעפּן די פּעק. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך מוז זען וואָס איז געשען מיט מיין מחותן. „האָסט נישט וואָס צו לויפן, ער איז דאָרט ווו אַלע יידן". ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען מען האָט מיין מחותן אַרויס גענומען פון שטוב און אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ, זענען אַרויס עטלעכע קריסטן און געבעטן די מערדער זיי זאָלן אים אָפּלאָזן, ווייל ער איז אַ טייערער מענטש צו אַלע. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. מען האָט אים מיט אַלע קראַנקע אַוועקגעפירט צום שיסן.

איך האָב דעם פּאָפּ שוין געהאָלפן צוטראָגן די זאַכן ביזן שול־הויף, ווו עס איז געווען באַשטימט דאָס געטאָ.

צוריק אַהיים, האָב איך געזען ליגן אויף אַ פור אַ מאַן פון אַ יאָר 35, וועלכן אַ דייטשער אויטאָ האָט איבערגעפאָרן נאָך פאַר דער אַקציע און אים צעבראָכן ביידע פיס. די דייטשן האָבן אים פאַרגעסן ווען זיי האָבן אַוועקגעפירט די קראַנקע. איצט האָבן זיי זיך אין אים דערמאָנט און אים געפירט צום גרוב.

איך האָב געזען ווי דער יונגערמאַן וויינט. מיינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט בלוט. מיר האָבן זיך מיט די בליקן געזעגנט. ער האָט געוווּסט, אַז מען פירט אים שיסן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון דעם קדוש ר׳ זאב ב"ר אהרן ארונס ז"ל.

ווי פון אַ שריפה האָט יעדער אַרויסגעכאַפּט אַ ביסל זאַכן. מען איז געלאָפן צום שול־הויף. איצט מוז מען נעמען אַלץ וואָס מען קען — ווייל עס ברענט, הגם קיין רויך זעט מען נישט — האָב איך געטראַכט.

אין יעדן הויז האָבן זיך אַריינגעקליבן 3—4 משפחות. צו צוויי משפחות אין אַ דירה איז געווען אַ זעלטנהייט.

באַלד האָבן די דייטשן צוגענומען אַלע בהמות, גענדז, הינער. צונויפגעקליבן אַ 20 בהמות און אין געטאָ איבערגעלאָזט די 6 מאָגערסטע.

דאָס געטאָ האָט מען פאַרצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, איבער 2 מעטער די הייך. אַנטקעגן שול האָט מען געהייסן מאַכן אַ גרויסן אַריינפאָר־טויער און אַ קליינע טיר פאַר די מענטשן.

ביים טירל האָט מען אויפגעשטעלט אַ ביידל, וווּ ס'איז געזעסן אַ יידישער פּאָליציי־מאַן, כדי אַכטונג צו געבן ווער עס גייט אַריין אָדער אַרויס און וואָס מען טראָגט אַרויס אָדער אַריין אין געטאָ. אַרויסטראָגן פון געטאָ זאַכן האָט מען נישט געטאָרט. אַפילו עסן האָט מען נישט געלאָזט אַריינפירן אין געטאָ, אויסער די ראַציעס וועלכע זענען באַשטימט געווען פאַר די אַרבעטער. מ'ט 30 גראַם ברויט און מיט 10 גראַם פלייש האָט מען נישט געקענט לעבן, האָט מען געזוכט וועגן ווי אַזוי צו שאַפן עפּעס עסן, הגם די סכנה איז געווען גרויס.

די רוצחים האָבן אָנגעהויבן באַזייטיקן פון די הייזער די געשאָסענע. צו דעם צוועק האָט מען גענומען די יידישע אַרבעטער. ביים רוימען האָבן „גוטהאַרציקע" דייטשן דערלויבט צו נעמען טאָרף און האָלץ צום ברענען, אויך זאַכן וועלכע זענען פאַר זיי נישט געווען נוצלעך. פאַרן געטאָ האָבן זיי געלאָזן בלויזע שמאַטעס. אַלע ווערטפולע זאַכן פון געטאָ פלעגן אָפּגעשיקט ווערן קיין באַראַנאָוויטש און פון דאָרט אין דייטשלאַנד. ערגערע זאַכן, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אַ ווערט — האָבן זיי פאַרקויפט די קריסטן. צו דעם צוועק האָבן זיי געעפנט צוויי קראָמען.

אין ר' סענדערס ז"ל שול, אין דער הייך וווּ ס'איז געווען די עזרת נשים, האָט מען געמאַכט אַ סקלאַד און געטיילט די שמאַטעס פאַרן געטאָ. פריער האָט מען דאָ געטיילט די פאַרציעס ברויט מיט פלייש. איצט פלעגט מען אַמאָל קריגן אַ ביסל וואַרעניע, צי האָניג, ווייל אין טייל שטובן איז דאָך געווען עפּעס אָנגעגרייט, הגם דאָס בעסטע און לרוב — האָבן די דייטשן אַליין צוגענומען.

אין געטאָ זענען נאָך געבליבן עטלעכע מענטשן וואָס דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט. למשל, דער 80־יעריקער למדן און מלמד ר' שמואל דמשק האָט אין יענעם פרימאָרגן גראָד געדאַוונט, ווען זיין טאָכטער די אַקושערין און זיין איידעם דער שלאָסער מיט צוויי קינדער זענען אַוועק צום מאַרק־פּלאַץ. די טאָכטער האָט אָנגעזאָגט דעם אַלטן, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן און באַלד קומען. דערווייל איז געוואָרן 8 אַזייגער און 7.50 האָט מען שוין געדאַרפט זיין אויפן אָרט. האָט דער אַלטער דמשק געטראַכט, אַז מען וועט זיך באַגיין אָן אים און געבליבן אין שטוב. ווען מען האָט אַרויסגעפירט די קראַנקע, זענען די דייטשן אַריין אין אַ רייך הויז בשכנות פון דאָרט און געווען אַזוי פריילעך און בגילופין, אַז זיי זענען צום אַלטן נישט געקומען. דערנאָך איז די טאָכטער מיטן איידעם אין איינציקלעך צוריק געקומען, זיי זענען געווען צווישן די אָפּגעקליבענע אַרבעטער. אַזוי איז ר' שמואל דמשק באַשערט געווען צו לעבן נאָך 9 חדשים, ביז דער צווייטער שחיטה.

אין געטאָ האָט מען געשאַפן וואַרשטאַטן פון שוסטערס, שניידערס, סטאָלאַרעס, שלאָסערס, אַ וועשעריי און אַ כעמישע פאַרבעריי. די וואָס זענען נישט געווען באַשעפטיקט אין די וואַרשטאַטן, האָט מען גענומען צו אַנדערע אַרבעטן, ווי האָלץ זעגן, אין דער קאָמענדאַטור וואַשן די פּאָדלאָגעס, באַאַרבעטן די גערטנער וואָס די דייטשן האָבן פאַרזייט ביי זייערע וווינונגען, קערן די גאַסן, ריייניקן די קלאָזעטן. אין געטאָ האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן, אַפילו קינדער אין עלטער פון 10 יאָר. מען פלעגט אויך נעמען די יידן פון געטאָ צו גראָבן גריבער פאַר רויט־אַרמייער, פאַרטיזאַנער און סתם קריסטן וואָס זענען די דייטשן נישט געפעלן און זיי פלעגן זיי שיסן.

די אַרבעטער האָבן זיך געזאַמלט ביים טויער פון געטאָ און יעדן טאָג פלעגט מען זיי נעמען און צוריק ברענגען, ווייל אַליין האָבן זיי דאָס געטאָ נישט געטאָרט פאַרלאָזן. נאָר די וואָס זייער אַרבעט איז געווען אַ זעלבשטענדיקע (אַ דאָקטער, אַן אַקושערין, אַן אינזשיניער), פלעגן האָבן אַן אויסווייז, זיי האָבן געמעגט אַרויסגיין. אָבער אַזעלכע זענען געווען יחידים. אויך איך האָב געהאַט אַזאַ אויסווייז, ווייל מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרומגיין פאַריכטן אַ פענצטער, אַ טיש, אַ שטול.

די וואַרשטאַטן פון די שוסטערס, שניידערס, טשוועקלמאַכערס (קיין טשוועקעס זענען נישט געווען, האָט מען זיי אַליין געמוזט מאַכן), די וועשעריי און כעמישע פאַרבעריי, האָבן זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ. די סטאָלעריי, שלאָסעריי און רימעריי זענען געווען אין געטאָ, אין אַלטן בית־המדרש וואָס איז געשטאַנען שוין 300 יאָר. דאָרט ווו יידן פלעגן לערנען בייטאָג און ביינאַכט, האָט זיך איצט געפונען די סטאָלעריי. אין דער קאַלטער־שול, וואָס איז געווען נאָך עלטער ווי דער בית־המדרש — איז געשטאַנען אַ שטיבל, וואָס מען האָט גערופן קהל־שטיבל. דאָרט איז געווען די שלאָסעריי, און אין תלמוד־תורה וואָס איז געווען לעבן דער קאַלטער שול, איז געווען דער רימער־וואַרשטאַט און אַ טאַפּיצירער־וואַרשטאַט, ווו מ'האָט געמאַכט מאַטראַצן און געזעסן פאַר דייטשע אויטאָס.

8.30 פרי האָט מען באַדאַרפט זיין ביים געטאָ־טויער, ווייל 8.45 איז דער קריסט געקומען נעמען די אַרבעטער. ווען עס פלעגט זיך ווער פאַרשפּעטיקן, האָט מען אים שוין נישט אַרויסגעלאָזט. אַז אַן אַרבעטער האָט נישט געקאָנט אָנווייזן קיין גענוגנדע סיבה פאַר זיין פאַרשפּעטיקונג, האָט ער באַקומען אַ שטראָף.

די אַרבעט אין געטאָ און אויסערן געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן 9 אַזייגער. פון 12 ביז 1 אַזייגער איז געווען מיטאָג. פון 1 ביז 4 — האָט מען געאַרבעט אָן איבעררייס. עסן איז מען געגאַנגען גרופּנווייז.

ווען די אַרבעטער פלעגן אַמאָל גיין אַליין אַהיים — איז געווען שלעכט. דעמאָלט האָט יעדער זיך איינגעשאַפט עפּעס עסן פאַרן ווייב, צי פאַרן קינד. ווען דער קריסט האָט געפירט די גרופּע, האָבן די דייטשן נישט געזוכט ביי אונדז. אויב אָבער מען האָט זיך אומגעקערט אָן דעם קריסט — האָבן זיי אַלעמען באַזוכט. דאָס האָט געדראָט מיט טויט, ווייל אַ ייד איז געווען בפירוש פאַרבאָטן צו טרעפן זיך מיט אַ קריסט. אויב מ'האָט ביי אים געפונען עפּעס שפּייז, הייסט עס, אַז ער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַ קריסט. אין אַזאַ פאַל האָט מען געקענט ביידע דערשיסן. דאָך האָט מען געשמוגלט, כדי צו דערהאַלטן די נשמה.

דער טויט האָט אונדז אומעטום נאָכגעיאָגט. אָבער קיין הונגער האָבן מיר בדרך כלל, נישט געליטן אין געטאָ, ווייל אויף אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען, טראָץ די געפאַרן, האָט מען עפּעס אַריינגעשמוגלט — אויף אַזאַ אופן: ביים מעסטן די אַרבעט, אָדער ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן פלעגט מען זיך טרעפן מיט אַ קריסט. דער קריסט וואָס האָט אונדז געפירט צו דער אַרבעט, איז געווען אַ שטאָטישער און טיילמאָל אויך געהאַט מענטשלעכע געפילן.

דערפאַר האָבן מיר אין געטאָ זייער געליטן פון מאַנגל אין וואַסער. פון די עטלעכע ברונעמער דאָרטן האָט קיין איינער נישט געטויגט. דאָס וואַסער האָט מען נישט געקענט טרונקען. אַזוי ווי דער אַרויסגאַנג פון געטאָ איז געווען פאַרבאָטן, זענען מיר געבליבן אָן וואַסער.

דער פּרעזעס פון יודענראַט האָט זיך פאַרשענדיקט מיטן דייטשן קאָמענדאַנט און אונדז איז דערלויבט געוואָרן איין שעה אין טאָג, פון 7.30 ביז 8.30 פרי צו גיין אין מאַרק, וווּ ס'איז געווען אַ פּאָמפּע מיט וואַסער. אַ סך מאָל איז מען אָפּגעשטאַנען אַ שעה צייט און אַוועק מיט די ליידיקע עמערס, ווייל עס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אַ 100 מענטשן, אויך קריסטן —

און די צייט איז געווען צו קורץ, אַז אַלע זאָלן באַווייזן צו נעמען וואַסער. אָפּט האָט געטראָפן, אַז דער גליקלעכער וואָס איז געגאַנגען צוריק מיטן וואַסער, האָט זיך אויסגעגליטשט, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער און איז געקומען אַהיים מיט גאָר־נישט. דאָס האָט אָפּט פּאַסירט, צוליב דער שטענדיקער איי׳עניש נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. אָפּט פלעגט טרעפן, אַז די פּאָמפּע איז קאַליע געוואָרן און דער גאַנצער עולם האָט זיך אומגעקערט אָן וואַסער. ווען ס׳איז געווען שניי, האָט מען טאַקע געקאָכט מיט שניי.

לעבן מײַן הויז, נאָר אויף דער צווייטער זייט פון די שטעכיקע דראָטן, האָט זיך געפונען אַ ברונעם מיט גוט וואַסער. איך בין אויפגעשטאַנען מיט מײַן שכן 2־3 בײַנאַכט. איינער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך די דראָטן, אָנגענומען וואַסער, דערלאַנגט דעם צווייטן, וועלכער איז אַריין אין הויז דאָס וואַסער איבערגיסן און ווידער זיך אומקערן מיטן עמער. פאַרשטענדלעך, אַז אונדזער לעבן איז געווען איינגעשטעלט.

נאָכן ווינטער האָט מען אויסגעגראָבן צוויי נייע ברונעמער אין געטאָ. איינער אַ גוטער, דער צווייטער מיט שלעכט וואַסער. ס׳איז אָבער געווען אַ כּך לייכטער, ווײַל אַ העלפט געטאָ־איינוווינער האָט שוין גענומען וואַסער ביי דעם ברונעם.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ קיך פאַר די וועלכע האָבן נישט געהאַט ווער עס זאָל זיי צוגרייטן עפּעס עסן. אָבער קיין לאַנגע צייט האָט די קיך נישט עקזיסטירט, ווײַל זי איז געווען אין אַ שול און די פרומע האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָלערירן. האָט די קיך זיך איבערגעטראָגן אויפן מאַרק, ווו ס׳איז בעת דער סאָוויעטן־מאַכט געווען אַ טיי־האַלע (טשייניע). די קיך האָט לאַנג נישט עקזיסטירט, ווײַל אין שטאָט איז נישט געווען קיין שוחט און די פרומע האָבן נישט געוואָלט דאָרט עסן. די עיקרדיקע סיבה איז אָבער געווען די, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן צונעמען פון דעם אָרט די קיך, ווײַל נישט ווייט האָט זיך געפונען דער רעסטאָראַן פאַר די דורכפאָרנדיקע דייטשן. האָט מען די קיך איבערגעטראָגן אין הויז לעבן געטאָ.

פון די זעקס בתי־מדרשים וואָס זענען געווען אין שטאָט, האָט מען געדאַוונט נאָר אין איינעם, ווײַל די אַנדערע פינף זענען געווען פאַרנומען פון די וואָרשטאַטן. אין דער שוסטער־שול האָט זיך געפונען אַ סקלאַד פון קאַרטאָפל, אין דער קצבישער שול זענען געשלאָפן די יידישע פּאָליציי, לעבן רעכטן טויער פון געטאָ.

אין אַ פּריוואַטער שטוב זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ פּאָר מענטשן — די מיט מער צעבראָכענע הערצער — און דאָרט געדאַוונט. ר׳ ישראל ב״ר פּרץ באַשינקעוויטש ז״ל, האָט אַמאָל דערציילט, אַז פאַרן טויט האָט זיין פאָטער אים געזאָגט, אַז משיח וועט קומען אין דעם יאָר וואָס וועט זיך אויסלייגן מיט די אותיות ש ב ת, אַזוי ווי דאָס יאָר איז געווען תש״ב — איז נישט אַנדערש, נאָר משיח קומט...

דער ייד פלעגט פאַסטן גאַנצע טעג און אויך זיינע צוויי קינדער געפייניקט מיט פאַסטן. איבערהויפּט האָב איך רחמנות געהאַט אויף זיין מיידל, וועלכע איז געווען אַ שוואַכע און געמוזט פאַסטן יעדן צווייטן טאָג. דער פאָטער איז געזעסן גאַנצע טעג און געלערנט, געזאָגט תהילים, הגם קיין גרויסער יודע ספר איז ער ניט געווען. דער פּרעזעס האָט אים צוליב דעם באַפרייט פון אַלע אַרבעטן. ער איז געווען אַ בעל־מלאכה פון אייזערנע קופערטס און קאַסטנס, וואָס די קריסטן פלעגן דאָן קויפן אַנשטאָט שענק.

ער איז אומגעקומען גלייך מיט אַלע יידן אין געטאָ.

ת. נ. צ. ב. ה.

אין חודש ניסן האָט דער עולם אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מצות. צוויי־דריי בעלי־בתים האָבן צוזאַמען געבאַקן מצות. כוסות זענען געווען אין יעדער יידישער שטוב און טרערן האָבן געסטאַיעט זיי פול צו מאַכן.

נאָך שבועות זענען פאָרגעקומען אַזעלכע צוויי פאַלן: ר׳ יהושע ב״ר שמואל קראַוועץ ז״ל איז געגאַנגען צו אַ קריסט מאַנען אַ חוב. האָט דער קריסט גערופן אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט דעם יידן אַוועקגעפירט אין גלינישצע, ווו מען פלעגט אַלעמען אומברענגען — און אים געשאָסן.

דער צווייטער פאַל איז געווען מיטן אַדוואָקאַט ר׳ משה מויסיטע ז״ל, אַ גאַליציאַנער, וואָס האָט געוווינט 10 יאָר אין ניעסוויזש. בעת דער סאָוויעטישער מאַכט איז ער געווען אַ פּוילישער פּאַטריאָט און פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעדעס קעגן דער סאָוויעטן־רעגירונג. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און זיין פרוי מיט די קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן נאָך רוסלאַנד. קיין ניעסוויזש האָט דער אַדוואָקאַט זיך אומגעקערט, ווען עס איז שוין געווען דאָס געטאָ. נאָר מער ווי אַ שעה האָט ער נישט באַוויזן צו זיין. ווען ער איז אַרויס געגאַנגען פון אַ באַקאַנטן קריסט, האָט אים אַ דייטש אָפּגעשטעלט און געמאָלדן, אַז יידן איז פאַרבאָטן צו קומען אין באַרירונג מיט קריסטן. דערנאָך האָט ער אים אָפּגעפירט אין גלינישצע. די דייטשן האָבן באַלד טעלעפאָנירט צום יודענראַט, מען זאָל שיקן פיר יידן מיט לאָפּאַטעס אים באַגראָבן. ווען די יידישע אַרבעטער זענען געקומען אין גלינישצע, האָבן זיי געטראָפן דעם אַדוואָקאַט שטיין אַ נאַקעטן. די דייטשע באַנדיטן האָבן פון אים אַלץ אַראָפּגענומען, אַריינגעוואָרפן אין ברודער־קבר און פאַרשאַטן.

אַזוי האָט מען געלעבט אין געטאָ. יעדער טאָג — אַנדערע פייניקונגען. דאָס לעבן האָט געהאָנגען אויף אַ האָר. אַז מ׳איז אַרויס אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָט מען נישט געוווּסט צי מען וועט זיך אומקערן. האָט מען זיך אומגעקערט — איז געווען גומל צו בענטשן. מיר זענען יעדע מינוט גרייט געווען, אַז אָט־אָט גייען אונדז די דייטשן שיסן. אויף אונדז איז מקויים געוואָרן דער פּסוק פון דער תוכחה: „בערב תאמר מי יתן בוקר — ובבוקר תאמר מי יתן ערב״. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען נערוועז, מ׳האָט זיך געטרייסלט, הערנדיק אַ שאָרך.

אין געטאָ זענען געווען צוויי פרויען: ד״ר קעסטלס פרוי און די פרוי פון אינזשיניער פּאָפּ, וואָס פלעגן אונדז מקצר זיין דאָס לעבן מיטן דערציילן זייערע בייזע חלומות, בשורות רעות און סתם שרעקלעכע מעשיות. זיי זענען געווען מייסטערינס אויף צו מאַכן אַ פּאַניק. בכלל האָט זיך די שטימונג פאַרערגערט און די שרעק איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן.

דאָס האָט דערפירט צו דעם, אַז אַ סך משפחות האָבן אין געהיים אָנגעהויבן בויען באַהעלטענישן און בונקערס, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן אין פאַל פון אַ נייער שחיטה.

מיין שכן וואָס האָט געוווינט אין צווייטן הויז, (געקומען צו אונדז פון פּיזן מיט אַ פאַמיליע פון פיר נפשות) און איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער ערשטער אַקציע, האָט מיך געבעטן: „לאַכאָוויצקי, מיר מוזן מאַכן עפּעס אַ הייל צו באַהאַלטן זיך, ווײַל די דייטשן וועלן אונדז סוף סוף אומברענגען״. מיר איז נישט געלעגן אין זינען זיך צו ראַטעווען, ווײַל כ׳בין געווען אַ דערשלאָגענער, אַ צעבראָכענער. נאָר צוליב דעם וואָס מיין טאָכטער איז געווען מיט מיר, האָב איך זיך נאָך געהאַלטן. ער אָבער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און געזאָגט, אַז טאַקע צוליב מיין געראַטעוועט קינד מוז איך לעבן. ער האָט מיר צוגעגעבן חשק און מוט.

מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע אָרט פאַר אַ בונקער איז אונטערן פונדאַמענט פון זיין וווינונג, וואָס גייט אַרויס אין אַ גאָרטן. אַזוי ווי איך בין אַ פאַכמאַן און אויך ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, האָבן מיר אונטערגעהויבן 3 ברעטער פון דער פאַדלאָגע און געמאַכט זיי זאָלן זיך דרייען אויף אַן אַקס, ד. ה. אַז מען גיט אַ צי ביים עק ברעט, הייבן זיי זיך אונטער. לאָזט מען אָפּ דאָס שטריקל — פאַרמאַכן זיך די ברעטער. קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט.

דעם בונקער האָבן מיר געבויט זייער אַ לאַנגע צייט, ווייל די ערד איז געווען אַ ליימיקע. די ערד וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן האָט מען געדאַרפט אַזוי באַהאַלטן, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן אַז דאָס איז פרישע ערד. די הייזקע איז געווען אַ קליינע און די באַהעלטעניש האָט געדאַרפט זיין פאַר אַ 20 מענטשן, ווייל ביי מיר האָט געוווינט נאָך אַ פאַמיליע פון 6 מענטשן, מיט 3 בחורים, וואָס האָבן געהאַט מיידלעך: די פרוי ליטוואַקאָווע, אַ גימנאַזיע־לערערין מיט הויכע בילדונג, וואָס איז צו אונדז געקומען פון וואַרשע. איר מאַן, דירעקטאָר פון דער „וושעכניצאַ פּאָלסקאַ”, איז אומגעקומען בעת דער ערשטער שחיטה און זי האָט זיך געראַטעוועט. זי איז אַמאָל צופעליק אַריין צו אונדז, ווען מיר האָבן פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די ברעטער פון בונקער. פאַרשטענדלעך, אַז ווען זי האָט זיך דערוווּסט וואָס מיר טוען, איז זי צוגעשטאַנען, מ׳זאָל אויך זי אַריינעמען. צוזאַמען זענען מיר געווען 20 מענטשן — אַ צו גרויסע צאָל אויף אַזאַ קליין אָרט.

נישט אַלע בונקערס האָבן געהאַט מזל. אַזוי, למשל זענען אין איין בונקער אַריין 22 ייִדן. ביים אַרויסגיין — זענען 17 געשאָסן געוואָרן און נאָר 5 איז געלונגען צו אַנטלויפן.

יא

די שמועות וועגן זיך דערנענטערנדיקן אומגליק האָבן זיך פאַרשפרייט בליץ־שנעל. מיר האָבן שוין געוווּסט אַז איצט איז געקומען אונדזער ריי. מיר האָבן געהערט וועגן אַלע רציחות אין די אַרומיקע שטעטלעך. די פאַניק האָט זיך פאַרשטאַרקט, מענטשן האָבן אַפילו אָנגעהויבן שיכורן, כדי פאַרטרייבן די פינצטערע מחשבות וועגן אומגליק.

אין חודש אב תש״ב איז פאָרגעקומען די שחיטה אין גאָראָדיי, 14 קילאָמעטער פון ניעסוויזש און אין מיר, באַוווּסט צוליב איר ישיבה.

אין גאָראָדיי איז אומגעקומען מיין ברודער מיט זיין משפחה און נאָך קרובים. עס איז אויך אומגעקומען אַ ברודער פון אונדזער פרעזעס אַ דאָקטער. ביז זיין טויט, האָט אונדז דער פרעזעס שטענדיק געמוטיקט, אַז די דייטשן מיינען נישט ניעסוויזש, אַז אונדזערע ייִדן וועלן זיי נישט טשעפּען, מיר זענען נוצלעכע אַרבעטער. ווען אָבער ס׳איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז אויך זיין ברודער איז געפאַלן — איז ער געוואָרן אַנטמוטיקט. אויב אַזוי — איז דאָך עק וועלט. אַז זיי האָבן געקענט שיסן אַ דאָקטער — ווער־זשע איז נוצלעכער פון אים? וואָס פאַר אַ ווערט קען דען האָבן אַ פּשוטער אַרבעטער פון ניעסוויזש אַנטקעגן אַ דאָקטער?

אַ סך האָבן אָנגעהויבן קלערן וועגן אָנשליסן זיך צו די פאַרטיזאַנער־גרופּן. מען האָט זיך באַראַטן מיטן פרעזעס, ער אָבער האָט אָנגעזאָגט, אַז ביז ער וועט זיך נישט פאַרשטענדיקן מיט די פאַרבינדלער פון די פאַרטיזאַנער, זאָל קיינער נישט רירן זיך פון אָרט, ווייל דאָס קען ברענגען צו אַ נייער שחיטה.

צוויי טעג פאַר דער אַקציע זענען דייטשן געקומען צו די אַרבעטער און געפאָדערט אויספאַרטיקן אַלע באַשטעלונגען, ווייל זיי מוזן דאָס נייטיק האָבן. דער וואָס קען ביז מאָרגן די אַרבעט נישט אויסענדיקן, זאָל זי אַזוי אָפּגעבן.

די נייעס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפרייט אין געטאָ. דער פּחד איז געוואָרן אָן לשער. אומעטום האָבן ייִדן דערציילט אַז מ׳האָט שוין זיי צוגענומען די אַרבעט וואָס איז אַ סימן אויף אַ זיכערער שחיטה. אַ סך האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אַנדערע האָבן געטענהט, אַז מען טאָר נישט אַנטלויפן. דער פרעזעס האָט דערווייל אַלעמען באַרויקט, אַז דער יודענראַט טראַכט אַליין וועגן דעם. זיי טוען אַלץ וואָס מעגלעך, כדי ראַטעווען די ייִדן.

קיינער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן. ביינאַכט איז דער שלאָף צוגענומען געוואָרן. מען וואַרט אויפן טאָג.

מאָנטיק, אַ טאָג פאַר דער שחיטה, האָבן מיר זיך געשטעלט דאַווענען. אַ סך האָבן געוויינט. נאָכן דאַווענען און אָנגרייטן וואַסער — איז מען, ווי יעדן טאָג, אַוועק צו דער אַרבעט.

מיין אַרבעט יענעם טאָג איז געווען אין אַ ייִדישער שטוב, פון וועלכער מען האָט דעם אייגנטימער מיט זיין פאַמיליע אויסגעשאָסן. איצט האָט אַ קריסט פאַרנומען זיין הויז. איך אָבער קען נישט אַרבעטן. מיינע געדאַנקען לויפן אַהין־און־צוריק: מיין ברודער איז געווען 11 יאָר אין אַמעריקע און איז צוריק געקומען קיין ניעסוויזש, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיינע קינדער זאָלן דאָרט אַרבעטן אין שבת. ער האָט אויך געהאַט פינף אייניקלעך — און איצט ליגט ער אין גרוב, מיט אַלע ייִדן, בעת אין זיין הויז וווינט אַן אַנטיסעמיטישער קריסט. „ווּ ביזטו, מיין ליבער ברודער? בעט גאָט פאַר מיר. אפשר אין זכות פון אונדזער טאַטן דעם למדן, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געלערנט אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה — וועט די גזירה אָפּגעשריגן ווערן?” אַזוי האָב איך כסדר געטראַכט. דערווייל האָט דער זייגער געוויזן די צוועלפטע שעה.

איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש פון פרעזעס צו עסן ביי מיר אין שטוב, ווייל איך האָב געגעסן נאָר כשר, אַזוי, אַז כ׳האָב מיטאָגצייט זיך אומגעקערט אין געטאָ. מיין טאָכטער איז געווען סעקרעטאַרין אין יודענראַט. איצט איז זי געקומען מיר געבן עסן און מיט גרויס אויפרעגונג דערציילט: „טאַטע, דער פרעזעס איז 10 פרי אַרויסגערופן געוואָרן צום קאָמענדאַנט וועלכער האָט אים געמאָלדן, אַז היינט 6 פאַרנאַכט קען ער אַראָפּנעמען די ייִדישע פּאָליציי פון די פּאָסטנס און אַלע קענען רויק שלאָפן. די ווייס־רוסישע פּאָליציי וועט אַליין היטן דאָס געטאָ”.

איך האָב זיך שוין געשטיקט מיט יעדן ביסן. וואָס טוט מען איצט? צו דער אַרבעט האָב איך געמוזט צוריקגיין און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, אַז מיין אינזשיניער, ווען איך בין געווען אונטערגעוואָרפן, זאָל שוין גיין עסן מיטאָג. איך האָב געמעגט צו אים אַריינגיין אין פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן בנוגע דער אַרבעט. אַפילו ווען מען טרעפט מיך ביי דעם קריסט, בין איך געווען אין אָרדענונג.

דעם אינזשיניער האָב איך געטראָפן זיצן מיט צוויי פרויען, וועלכע זענען מיט מיין אַריינקום שטאַרק בלאַס געוואָרן. זיי האָבן אַ פּנים געוווּסט וואָס עס גרייט זיך פאַר די ייִדן. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט מיר מיטפילן, איז ער דאָך אַליין געווען אַ מר נפש, ווייל זיין פרוי מיט צוויי קינדער האָבן די סאָוויעטן פאַרשיקט קיין סיביר אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

די ערשטע פאָר מינוט בין איך געשטאַנען אין צימער, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. דאָס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט און די טרערן האָבן געשטיקט. ווען איך האָב זיך באַרואיקט און אים געבעטן ער זאָל מיך מיט מיין קינד ראַטעווען פון דער שחיטה, האָט ער געענטפערט, אַז ער קען מיר גאָרנישט העלפן, איצט וועלן די דייטשן מיט גאָרנישט

זיך רעכענען *. „וואָס־זשע טאָן״? — האָב איך געפרעגט. „לויף אין וואַלד אַריין״ — האָט ער געענטפערט. „ווו זאָל איך לויפן און וואָס וועלן מיר דאָרט עסן״? האָב איך זיך ביי אים געבעטן. „אויב דו גלויבסט אין גאָט — טאָ פרעג נישט קיין קשיות, ער וועט דיך נישט פאַרלאָזן, אַנטלויף!״ — זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אויך די פרויען האָבן זיך צעוויינט — און איך האָב פאַרלאָזט זיין שטוב.

די ווערטער פון דעם אינזשיניער האָבן אין מיר דערוועקט אַ נייע האָפענונג, צוגעגעבן מוט צו קעמפן, צו וועלן לעבן.

ווען איך האָב 4 אַזייגער זיך אומגעקערט אין דער פינצטערער היים, האָט מיך אָפגעשטעלט אַ יידישער פאָליציאַנט און געמאָלדן, אַז אין ר׳ סענדערס שול קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג. אַנשטאָט גיין אַהיים, בין איך אַוועק אין שול. ווו איך האָב געטראָפן אַ סך מענטשן. אַ פחד איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פנימער.

איינער האָט געזאָגט, אַז אַנטלויפן פון געטאָ טאָר מען נישט. דאָס קען ברענגען צו אַן אַלגעמיינער שחיטה. אַ צווייטער האָט געטענהט, אַז מיר מוזן שטעלן אַ ווידערשטאַנד! תמות נפשי עם פלישתים! נישט גיין ווי די שעפסן צו דער שחיטה, הגם מיר ווייסן, אַז מיר וועלן באַזיגט ווערן. מען האָט גערעדט, געטומלט — און די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

אין אַ שעה אַרום איז ווידער פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. מען האָט אויסגעקליבן עטלעכע יונגע פעיקע מענטשן, איינגעטיילט גרופן, וועלכע מען האָט גערופן די „קאָמפאַניע פון אחדות״, אַז עס זאָל זיין גרינגער די פאַרטיידיקונג, דאָס ראַטעווען זיך. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין פאַל די ווייסרוסישע פאָליציי וועט אַרומרינגלען דאָס געטאָ, זאָלן אַלע יידן זיך פאַרזאַמלען אין דער קאַלטער שול, אויבן, אין עזרת נשים און פון די פענצטער שיסן צו די דייטשן און פאָליציי וואָס וועלן זיך באַווייזן ביים געטאָ־טויער.

ס׳איז געווען אַ ביסל געווער, ווייל די מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דייטשער קאָמענדאַטור, האָבן פון צייט־צו־צייט אַריינגעשמוגלט געווער אין געטאָ.

אין געטאָ זענען געבליבן 2 קופעס היי, פון דער צייט ווען עס זענען געווען בהמות. האָט מען באַשלאָסן, אַז ווען עס וועט קומען די צ״רה, זאָל מען דאָס היי אונטערצינדן — און דאָס זאָל זיין אַ סימן פאַר די יידן אָנצוהייבן דעם ווידערשטאַנד. צו דעם צוועק האָט מען אויך אָנגעגרייט נאַפט און בענזין, אַז עס וועט זיין נייטיק, זאָל מען אויך אונטערצינדן די הייזער.

יב

כ׳האָב זיך אומגעקערט אַ היים מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון מיין לעבן. מילא, מיר איז שוין אַלץ איינס. איך האָב שוין אָפגעלעבט מיינע 54 יאָר, אָבער מיין קינד, מיין טאָכטער וואָס האָט זיך פון ערשטן פייער אָפגעראַטעוועט, איז קוים 21 יאָר אַלט. זי דאַרף נאָך לעבן און בלויז צוליב איר מוז אויך איך לעבן. איך מוז זי ראַטעווען. אָבער ווי אַזוי? אין דעם גרוב־בונקער וואָס מיר האָבן צוגעגרייט? ווי לאַנג וועלן מיר קענען זיין אין אַזאַ לאָך? ווו וועלן מיר נעמען עסן?

איך האָב באַמערקט ווי אַ שכנה האָט געעפנט דעם לופטשיק פון איר פענצטער — דאָס איינציקע פענצטער אין געטאָ וואָס מען האָט געקענט עפענען צווישן די שטעכיקע דראָטן וואָס זענען געווען פאַרצויגן איבער די פענצטער פון יענער זייט — און זי געבעטן צורופן צום פענצטער די קריסטן בערנאַצקי, מיינע אַ גוטע באַקאַנטע. באַלד איז זי טאַקע צוגעקומען. דאָס איז געווען אַ גרויסמוטיקייט פון איר זייט, ווייל ווען מען זעט דאָס פון דרויסן, וואָלט מען אונדז ביידן געשאָסן. איך האָב געוווסט אַז זי איז אונדזערס אַ פריינד, ווייל איך האָב זיי אַמאָל געטאָן אַ טובה און זיי האָבן געזאָגט, זיי וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— פאַני בערנאַצקאַ, ראַטעווע מיך מיט מיין קינד. דערלויב מיר עטלעכע טעג צו זיין ביי דיר.

דערויף האָט זי מיר געענטפערט, אַז איך ווייס גאַנץ גוט אַז אין באַראַנאָוויטש האָט מען דערשאָסן אַ קריסטלעכע פאַמיליע און פאַרברענט זייער הויז, ווייל מ׳האָט דאָרט געפונען אַ ייד. אָבער זי איז גרייט מיר אָפצוגעבן איר שטאַל, וועלכע געפינט זיך אַביסל ווייטער פון איר הויז און איז שטענדיק אָפן. אין פאַל ווען מען זאָל מיך דאָרטן כאַפן, קען זי טענהן, אַז די שטאַל איז געווען אָפן און זי איז אין גאָרנישט שולדיק. איך האָב געזען, אַז זי האָט מיר געוואָלט העלפן, נאָר מורא געהאַט. מיט איר בלויזן קומען צו מיר, האָט זי דאָך איינגעשטעלט מיטן לעבן. אַרויסגייענדיק פון מיר, איז פונקט אַדורך אַ פאַטראָל אויף אַ מאָטאָציקל, אָבער קיינער האָט זי נישט באַמערקט.

אויב זי האָט אָפגעזאָגט, הייסט עס, אַז כ׳האָב זיך שוין אויף קיינעם נישט צו פאַרלאָזן, צו וועמען צו ווענדן, ווייל נאָך אַזעלכע קריסטלעכע פריינד האָב איך נישט געהאַט. (אגב, אין צוויי וואָכן אַרום איז די קריסטן אָפגעברענט געוואָרן).

איך בין געשטאַנען ווי צעשמידט ביים פענצטער. די קריסטן זענען זיך געגאַנגען פראַנק און פריי אויף דער גאַס. איך האָב געקוקט אויף מיין טאָכטער — און דאָס האַרץ ווערט צעשפרונגען. פאַר וואָס זאָל זי נישט קענען גיין אין גאַס? מיר זענען דאָך די זעלבע מענטשן! וואָס פאַראַ ביטערער גורל איז אויף אונדז אויסגעפאַלן...

דאָס פענצטער איז געווען אַזוי פאַרהאַנגען, אַז מען זאָל פון דרויסן נישט זען וואָס עס טוט זיך אין שטוב. פאָרזיכטיק האָב איך נאָכגעפאָלגט וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס.

8 אַ זייגער ביינאַכט האָב איך געזען ווי מען האָט צעשטעלט פאָסטנס לעבן טייכל וואָס גייט אַדורך ביי מיין שטוב. זיי האָבן זיך אַזוי געדיכט צעשטעלט, אַז קיין איין ייד זאָל זיך נישט קענען דורכרייסן. יעדע פינף מינוט האָט אַ דייטש קאָנטראָלירט די שמירה.

מיין טאָכטער איז אָנגעקומען פון יודענראַט און דערציילט, אַז די שחיטה גרייט זיך. אין געטאָ ווערט אַ פאַניק. איינער לויפט צום צווייטן, מען ווייסט אַליין נישט וווהין. איך האָב געבעטן מיין טאָכטער: „קינד מיינס, ביזט יונג און מוזט זיך ראַטעווען. אין געטאָ זענען דאָ נאָך יונגע מענטשן, אפשר וועלן זיי געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן. גיי, שליס זיך אָן צו זיי״. מיין טאָכטער איז צוריק אַוועק אין יודענראַט. איך בלייב זיצן ביים פענצטער. פלוצלונג איז אַ פאַליציאַנט צוגעגאַנגען צו דעם וואָס איז געשטאַנען לעבן מיין הויז, אים עפעס איינגערוימט — און יענער האָט באַלד אויסגעשאָסן צו מיר. די קויל איז אַדורך די שאַנק און געטראָפן אין אַ בילד אויף דער וואַנט. ווי נאָר מיין שכן האָט דערהערט דעם שאָס, איז ער אַריין צו מיר און געבעטן מיר זאָלן שנעל אַראָפ אין בונקער. נישט האָבנדיק קיין שום אַנדערן אויסוועג, האָב איך געכאַפט אַ פאַלטאָ, כדי אים אונטערלייגן אונטערן פוס וואָס האָט שרעקלעך געליטן פון רעומאַטיזם. אין

* ווען ער וואָלט געווען אין ניעסוויזש ביי דער ערשטער אַקציע, וואָלט ער געראַטעוועט אַ סך יידן מיט דער פאָדערונג צו די דייטשן אַז ער דאַרף צו זיין אַרבעט 80 יידן און נישט 30 אַרבעטער, ווי די דייטשן האָבן אים צוגעטיילט.

בונקער איז געווען פייכט, ווייל דערלעבן איז געפלאָסן אַ טייכל. איך מיט מיין טאָכטער, מיין שכן מיט זיין פרוי און צוויי יינגלעך (16 יאָר און 9 יאָר), די פרוי ליטוואַקאָווע און גימנאַזיע־לערערין זענען אַריין אין בונקער. אַנדערע שכנים פון מיין שטוב זענען זיך צעלאָפן ערגעץ אַנדערש.

מיר האָבן זיך פאַרמאַכט און באַלד געהערט קולות. מיר האָבן נישט געוווּסט צי די פּאָליציאַנטן זענען אַריין צו אונדז נעמען זאַכן, אָדער דאָס האָבן זיך אומגעקערט די שכנים.

מיר שטייען אין גרוב צונויפגעפּרעסט, די הערצער קלאַפּן. אַרום 12 אַזייגער — ווידער טריט. מיר האָבן געטראַכט, אַז דאָס גייט מען צו אונדז. די שרעק איז געוואָרן גרויס. אָבער פּלוצלונג האָבן מיר געהערט אַ שטילער קלאַפּן, שוין גאָר נאָענט פון אונדז, און עמיץ האָט גערופן: „ר׳ משה, לאָזט אַריין, ראַטעוועט מיך, מען באַשיסט דאָס געטאָ".

איך האָב דערקענט דאָס קול פון מיין גוטן פריינד יעקב ליפשיץ — און אים געעפנט. מיין שכן גאָלדבערג איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט, ווייל די ענגשאַפט איז געווען גרויס. אים האָט אויך פאַרדראָסן וואָס נאָך עמעץ ווייסט פון אונדזער בונקער. אָבער ליפשיץ האָט באַלד פאַרשטאַנען יענעמס כעס און אים געזאָגט, אַז ער האָט יאָ געוווּסט פון אונדזער באַהעלטעניש, ווייל איך בין אַמאָל געקומען צו אים בעטן עטלעכע ברעטער (ליפשיץ האָט געהאַנדלט מיט ברעטער) — און דערפון האָט ער פאַרשטאַנען אַז מיר מאַכן אַ באַהעלטעניש. איצט, אין עת צרה, איז ער געקומען מיר זאָלן אים ראַטעווען. ער האָט דערציילט, אַז די פּאָליציי האָט דורך די פענצטער געשאָסן אין די הייזער אַריין. אַ סך מענטשן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. זיין פרוי איז ערגעץ אַנטלאָפן מיטן קינד, ער ווייסט נישט צי זי לעבט. דעם געטאָ האָט מען אינטערגעצונדן. די פּאָליציי שיסט — און פון געטאָ שיסט מען צוריק.

דינסטיק, דעם 7טן טאָג אין חודש אב, 3 פאַרטאָג, האָט פרוי ליטוואַקאָווע זיך געפּילט שלעכט, אַוודאי צוליבן מאַנגל אין לופט. זי האָט געבעטן מ׳זאָל זי אַרויסלאָזן, אפשר וועט זי זיך ראַטעווען. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מיט איר אַרויסגיין וועט אַנטדעקט ווערן אונדזער באַהעלטעניש, נאָר איינזעענדיק אַז מיט וואָס איר צו העלפן איז נישטאָ, און אַז זי קען שוין נישט רעדן — בין איך אַרויס פון באַהעלטעניש זען וואָס קומט פאָר אין דרויסן.

יג

דאָס גאַנצע געטאָ האָט געברענט, אָבער דאָס פייער איז געווען ווייט פון אונדזער הויז, אַרום וועלכן ס׳זענען געווען ליידיקע פּלעצער. קיין ווינט איז אויך נישט געווען. דערווייל האָט אונדז נישט געדראָט פאַרברענט צו ווערן אין בונקער. איך בין צוריק אַריין אין דער באַהעלטעניש און אַרויסגעלאָזט די פרוי. זי איז אומגעקומען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אומגליק: אויך גאָלדבערגס יינגל האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן, אַזוי ווי פריער די ליטוואַקאָווע. מיר האָבן גראָד געהאַט ביי זיך אַ שטיק אייזן און דערמיט אויסגעהאַקט אַ לעכל אין דער הייך, אַזוי אַז ס׳איז אַריין אַ ביסל לופט. גאָלדבערג מיט זיין פרוי האָבן אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן דאָס 9־יאָריקע יינגל ביי דער קליינער עפענונג, געפאָכעט מיט אַ טיכל אויפן פּנים, ביז ס׳איז אים בעסער געוואָרן.

דאָס האָט געדויערט אַ טאָג מיט צוויי נעכט.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט די פּאָליציי „געאַרבעט" אויף אייגענער האַנט, נישט לויטן דייטשן פּלאַן. די אויסראָטונג האָט געדאַרפט זיך אָנהייבן 7 טעג אין חודש אב תש״ב, 6 אין דער פרי. צו דער באַשטימטער שעה איז צום געטאָ צוגעקומען דער דייטשער קאָמענדאַנט מיט פּאָליציי און געפאָדערט פון יודענראַט אַרויסרופן דעם טעקסטיל־אינזשעניר מילשטיין מיט זיינע 30 אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט איבערלאָזן די אַרבעטער און צעשיסן זייערע משפחות. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז מען וועט זיי האַלטן אַ שטיקל צייט, ביז זיי וועלן אויסלערנען די קריסטן דאָס פאַך — און דערנאָך וועט מען זיי שיסן. נאָר ווען די דייטשן האָבן געשטעלט אַן אולטימאַטום, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דרייסיק מאַן וועט זיין גרינגער צו שיסן ווי 600. פון 600 קען זיך אפשר ווער ראַטעווען, אָבער פון 30 איז שווער. זיי האָבן זיך צום טויער אַ לאָז געגעבן נישט דרייסיק, נאָר פיל מערער יידן. ביים טויער האָבן די דייטשן געעפנט אַ פייער — און די יידישע קאַמפס־גרופּע האָט געענטפערט מיט פייער. די בחורים זענען געווען גרייט צו דעם, זיי האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין דער קאַלטער שול, ווייל די פענצטער פון „עזרת נשים" האָבן זיך געפונען אַנטקעגן געטאָ־טויער. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער טומל. אייניקע זענען געפאַלן טויט, אַנדערע זענען אַנטלאָפן. דעם אינזשעניר מילשטיין מיט זיין ברודער און נאָך 9 נפשות האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוכאַפּן אין דער קצבישער שול, ביים רעכטן טויער. דאָרט איז געווען אַ קעלער מיט אַ דאָפּלטע־וואַנט, ווו זיי האָבן געטראָפן באַהאַלטן אַכט דערוואַקסענע און דריי קינדער.

די דאָזיקע גרופּע איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש נאָך 3 טעג. די מיידלעך זענען געווען אין עלטער פון 7 ביז 9 יאָר. איין מיידעלע האָט זיי געפירט צו איר ייִדן, וועלכער האָט געוווינט 3 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. די קינדער האָבן אויפן וועג דערזען פּאָליציי און זענען געווען אויף אַזוי פיל קלוג, אַז זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין קאָרן. די מערדער האָבן זיי דאָך געכאַפּט און דערשאָסן.

מילשטיין מיט זיין ברודער, אַ טאָכטער פון דעם דאָקטער פנחס באַמשטיין זענען געבליבן לעבן, ווייל אַ קריסטין האָט זיי אויסבאַהאַלטן.

די אַנדערע פינף זענען נאָך געלעגן אין דעם קעלער באַהאַלטן 5 טעג און זענען קוים אַרויס לעבעדיקע. 4 פון זיי לעבן און חיים גאָלשטיין ז״ל, אַ לאָדזשער יונגערמאַן, איז אומגעקומען ווי אַ פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

(דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט, ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט פון וואַלד — אונדזער שלמה מילשטיין, וועלכער האָט זיך געפונען ביים טויער ביז דער לעצטער מינוט).

קריסטן האָבן דערנאָך איבערגעגעבן, אַז פון די יידישע שאָסן זענען געהרגעט געוואָרן 9 פּאָליציאַנטן און עטלעכע דייטשן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

מיר זענען געזעסן אין בונקער מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש. יעדעס מאָל האָבן מיר געהערט ווי מען גייט אַריין אין אונדזער הויז, און נאָך אַ געוויסער צייט — צוריק אַרויס. דאָס האָבן די קריסטן פריער אויסגעליידיקט די שטובן. ביז די דייטשע רוצחים זענען געקומען ראַבירן די יידישע הייזער, האָבן די אָרטיקע קריסטן שוין געהאַט צוגענומען כמעט אַלע גוטע, ווערטפולע זאַכן. מיר האָבן אין בונקער אַפילו געהערט ווי איינער מיטן צווייטן האָבן גערעדט וואָס צו נעמען.

12 אַזייגער זענען אַריין אין אונדזער הויז פּאָליציי, אַרויף אויפן בוידעם, דערנאָך זענען זיי אַריין אין דער צוגעבויטער סוכה, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געדינט פאַר אַ צימער. זיי האָבן דאָרט געפונען 2 פלאַשן מיט בראָנפן, וועלכע איך האָב באַהאַלטן אויף אַ שמחה...

זיי זענען אַרויס פון צימער דורכן פענצטער. די מערדער האָבן זיך געפוילט אויפצומאַכן די טיר.

אין דער נאַכט פון 7טן אויפן 8טן אין חודש אב, האָבן

מיר זיך אָנגעהויבן קלייבן אין וועג אַריין. אונדזער פּלאַן איז געווען גיין אין שטאַטישן וואַלד („מעשצאַנסקי״), וועלכער האָט זיך געפונען 3 מיט אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט פון אונדז, דערנאָך אָנקומען אין אַ גרויסן וואַלד, 20 קילאָמעטער ווייט. דאָרט האָט ליפשיץ געהאַט אַ באַקאַנטן וואַלד־היטער, אַ גוטער קריסט, צו וועלכן ער האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי.

איך מיט ליפשיצן זענען אַרויס קוקן צי פּאָליציי געפינט זיך נישט אין דער סביבה. מיר האָבן געזען ווי דאָס געטאָ האָט נאָך געברענט, אַרום איז געווען פּוסט.

3 אַזייגער זענען מיר אַרויס דורכן גאָרטן, פּיזנדיק, כדי קיינער זאָל אונדז נישט זען און הערן. גאָלדבערג מיטן זון זענען אַוועק מיט אַן אַנדערן וועג ווי מיר. נאָך ליפשיצן איז אַרויס מיין טאָכטער, דערנאָך גאָלדבערגס פרוי מיטן צווייטן קינד. איך בין אַרויס דער לעצטער. אָבער גאָלדבערג מיטן זון זענען נישטאָ. אונדז איז ביטער געוואָרן אויפן האַרצן. וואָס זאָל מען טאָן? שרייען, רופן — טאָר מען נישט. די פרוי פאַלט אין חלשות. מיר מונטערן זי. נאָר עס העלפט נישט. מיר זענען פאַרצווייפלט. אַ שאָד די צוויי מענטשן. מען האָט זיך מיט גאָלדבערגן געקענט אַן עצה האַלטן. אין אַזעלכע ביטערע באַדינגונגען קומען אַזעלכע צוויי מענטשן צונויף. אונדזע לאַגע איז פאַרצווייפלט. אָבער וואַרטן טאָר מען נישט. מיר זענען אַוועק ווייטער.

פון דעם סאָד זענען מיר אַריין אין דעם קריסטלעכן הויף. איך האָב געהערט ווי דער פּאָלאַק זאָגט צו זיין פרוי: „הערסט, עמיץ קריכט אַרום ביי אונדז אין הויף״!

איך בין צו צו זיין פענצטער און געזאָגט: „סטאַש, דאָרט ליגט אַ ווערטפולע זאַך, נעם דאָס צו״. איך האָב געוואָלט אָפּהאַלטן אַ ווײַלע דעם קריסט, ער זאָל נישט אָנהייבן שרייען „ווער גייט דאָרט״?

פון דעם הויף זענען מיר ווייטער אַוועק אין אַ קליין געסעלע, דערנאָך אַריינגעקראָכן אין אַ קאָרן־פעלד און דער־גאַנגען ביזן בית־עולם. אויפן וועג האָבן מיר געהערט עט־לעכע שאָסן. די הערצער זענען אונדז אַנטפאַלן. ווער ווייסט, אפשר האָט מען געשאָסן גאָלדבערגן מיטן זון?

אויפן בית־עולם האָבן מיר געהערט ווי מען רעדט און תיכף זיך אַוועקגעלייגט צווישן די מצבות. צוויי פּאָליציאַנטן זענען פאַרבייגעריטן אויף פערד. אין דעם מאָמענט האָב איך געטראַכט: „ווי גליקלעך זענען איצט די מתים? זיי האָבן זוכה געווען צו שטאַרבן ווי מענטשן און מיר ווייסן נאָך נישט ווי אַזוי מיר וועלן אומקומען און ווו וועלן זיך וואַלגערן אונדזערע ביינער״. אַזוי זענען מיר געלעגן אַ 15 מינוט, ביז די רייטער זענען אַדורך. באַלד האָבן מיר גענומען גיין ווייטער.

דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. לעבן סושנע האָבן מיר דערזען איינעם מיט אַ ביקס. מיר האָבן מורא געהאַט ווייטער צו גיין. דאָס איז געווען אַ גליק, ווייל שפּעטער, זייענדיק אין וואַלד, האָבן מיר זיך דערוווסט אַז אויף יענעם אָרט האָבן זיך געפינען דייטשן.

מיר זענען געקומען צום וואַלד. דאָ איז פריער געווען אַ קינדער־קאָלאָניע פון „טאָז״. אַ געוויין האָט אָנגעהויבן שטיקן. ווו זענען אַלע קינדערלעך פון דער קאָלאָניע? ווו זענען זיי, מיט זייער שיין געזאַנג וואָס פלעגט פאַרהילכן דעם וואַלד?

די קאָלאָניע איז געווען אַ שם־דבר אין אונדזער געגנט. דער איניציאַטאָר פון דער קאָלאָניע איז געווען לייבל אייזענ־בוד. ער האָט פאַר איר אַוועקגעגעבן פיל כוחות. במשך פון דעם זומער האָבן דאָרט פאַרברענגט עטלעכע הונדערט אָרעמע קינדערלעך פון די פאָלקס־שולן.

גאָלדבערגן האָבן מיר אין ערגיץ נישט געפונען. אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז ער לעבט. אַ קריסט האָט אים אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט, דערנאָך האָט ער אים אַוועקגעפירט אין וואַלד, צו פּאַרטיזאַנער. ביי דעם זעלבן קריסט זענען אויך געווען אויס־באַהאַלטן צוויי קינדער. שפּעטער, אַז ער האָט זיי מער נישט געקאָנט האַלטן, האָט ער אויך זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד.

מיר זענען אַריין טיפער אין וואַלד. עס איז געוואָרן גוט ליכטיק. באַלד וועלן אָנקומען די פאַסטעכער מיט זייערע בהמות. ווו וועלן מיר זיך אַהינטון?

אונטער אַ קוסט האָבן מיר געטראָפן מיינעם אַ שכן אַלפעראָוויטש, אַ בחור פון אַ יאָר 24, אַ ציין־טעכניקער, אַ געוועזענער זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי. מיר האָבן זיך צעקושט און דערציילט איינער דעם צווייטן ווי אַזוי מיר האָבן זיך געראַטעוועט.

מיר זענען געווען שטאַרק הונגעריק, ליפשיץ איז אַוועק צו זיין באַקאַנטן קריסט שאַפן עסן.

ער האָט דאָרט געטראָפן פיר געראַטעוועטע קינדער און צוויי דערוואַקסענע מענטשן. די קינדער זענען געווען פון איין משפחה, וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען. די קינדער זענען אַוועק אין אַ בונקער און זיך געראַטעוועט.

מיר האָבן געזען ווי ליפשיץ קומט צוריק מיט עסן און מיט די קינדער פון רפאל דמשק. ווידער האָט מען זיך געקושט, געוויינט, אויסדערציילט ווי אַזוי מען האָט זיך געראַטעוועט.

מיר האָבן זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיטן ברויט און קעז. עס איז געוואָרן פריילעך, אַ גרויסע גרופּע. אָבער אויף צו באַהאַלטן זיך — איז דאָס אַ חסרון. מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ באַהעלטעניש. צו דעם צוועק איז ליפשיץ אַוועק אין איין זייט וואַלד, אַלפעראָוויטש — אין דער צווייטער. זיי וועלן אויסגעפונען אַ גוט אָרט אויף אַ באַהעלטעניש, דערנאָך וועלן מיר אַלע גיין אַהין.

אַלפעראָוויטש האָט אויפן וועג געזען שטיין אַ נייעם פּאָלעמיאַט. קיינער איז דאָרט נישט געווען. ער האָט נישט לאַנג געקלערט, אים גענומען אויפן אַקסל און זיך אומגעקערט צו אונדז.

דערווייל האָט אויך ליפשיץ זיך אָנגעהויבן אומקערן. אויפן וועג האָט ער דערזען אַ מענטש אָנגעטאָן אין שוואַרצן (אַלפעראָוויטש האָט געטראָגן אַ שוואַרצע טוזשורקע, שוואַרצע הויזן און שטיוול), מיט געווער אויפן אַקסל. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ דייטש, און אָנגעהויבן לויפן צוריק אין וואַלד.

מיר, די איבערגעבליבענע, האָבן גוט געזען פון דער ווייטנס וואָס דאָרט קומט פאָר און גלייך זיך געלאָזט אַנטקעגן ליפשיצן, כדי אים זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין דייטש, נאָר אונדזערס אַ מענטש. אָבער ליפשיץ האָט געמיינט, אַז מיר אַנטלויפן, טאַקע צוליב דעם דייטש — און ער איז פון אונדז אַזוי אַנטלאָפן אויף גאַנצע צוויי יאָר...

דאָס האָט אונדז געטראָפן זייער שווער. מיר זענען געווען 9 מענטשן. אָן ליפשיצן איז געווען ביטער. ער האָט גוט געקענט דעם וואַלד. פון קינדווייז אָן געהאַט פאַרבינדונגען מיטן וואַלד־היטער — און דאָ אַזאַ אומגליק! נישטאָ ליפשיץ! וואָס וועלן מיר טאָן, מיר אַלע זענען דאָך שטאָטישע אַרבעטער.

אין אַ צייט אַרום, 7 טעג אין חודש אָב, זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן דייטשע רוצחים. עס איז פאָרגעקומען אַ ביטערער קאַמף, אין וועלכן אַלפעראָוויטש איז געפאַלן ביי זיין פּולע־מיאָט. ער האָט נישט געקענט שיסן, ווייל קיין קוילן זענען אין פּולעמיאָט נישט געווען. איך האָב אַפילו נישט געקענט זיין קערפּער אַרויסנעמען. כ׳האָב זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט.

ווען בערל אַלפּעראָוויטש איז געפאַלן, האָבן די דייטשן צוגענומען דעם פּולעמיאָט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ וואַלד נעבן ניעסוויזש.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך געטראָפן פּאַרטיזאַנער, 20 קילאָמעטער פון ניעסוויזש, וועלכע זענען געגאַנגען אויפרייסן אַ בריק. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען מיינער און אַלפּעראָוויטשעס אַ גוטער באַקאַנטער. זיי זענען געווען 7 מאַן, אַלע מיט געווער. זיי האָבן אונדז געהייסן בלייבן אין וואַלד. ווען זיי וועלן זיך אומקערן, וועלן זיי אונדז נעמען אין דער גרויסער פּושטשע: נאַליבאָצקאַ, איוועניצקא, וואָלאָזשינסקאַיאַ פּושטשאַ, ווו פון איין זייט גייט דורך דער טייך ניעמען.

נאָך צוויי טעג האָבן זיי זיך אומגעקערט. פאַר דער צייט זענען צוגעקומען נאָך פינף נפשות אין אונדזער גרופּע (פיר מענער און אַ פרוי, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין קצבישן בית־המדרש, ווען די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער ביים טויער פון געטאָ אויף די פאַרזאַמלטע אַרבעטער). צוזאַמען זענען מיר געווען פערצן מאַן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אונדז גענומען אין זייערע וועלדער, ווייל אין דער פּושטשע איז געווען אַ דורכפאַל: אַ קאָמאַנדיר האָט צונויפגעזאַמלט אַ סך פּאַרטיזאַנער אויף איין פּונקט, זיי אויסגעשטעלט און געזאָגט, אַז באַלד וועט מען זיי ציילן. דערווייל איז ער אַוועק און געמאָלדן די דייטשן — און מ׳האָט אַלע אויסגעשאָסן. דער קאָמאַנדיר איז געווען אַ שפּיאָן.



יצחק אַלפּעראָוויטש ביי דעם ברודער־קבר פון די ניעסוויזשער קדושים אויף סנאָווער וועג, ווו עס ליגן באַגראָבן 2500 קרבנות. די הילצערנע מצבה ווי אויך דער פּאַרקאַן אַרום דעם ברידער־קבר איז געמאַכט געוואָרן פון די ניעסוויזשער שארית הפליטה אין 1945. איצט איז פון דעם קיין זכר נישט געבליבן.

יצחק אלפרוביץ ליד קבר־אחים של קדושי עירנו בדרך לסנוב, בו נקברו 2500 קרבנות. הצבת שלט העץ וגידור המקום נעשו ע״י שארית הפליטה בשנת 1945. עתה — אין כל זכר לקבר. (צולם ב־1946).

זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד, נישט ווייט פון סטויפּץ, אין דער צווייטער זייט פון מיר, ווו עס איז געווען די באַרימטע ישיבה.

דאָס ערשטע יאָר אין וואַלד איז אונדז געווען וויסט און ביטער. אין משך פון 4 חדשים האָבן מיר נישט געזען די ליכטיקע שיין. דערנאָך האָבן אונדז געפונען פּאַרטיזאַנער — באַנדיטן און פינף פון אונדזערע מענטשן האָבן זיי דערשאָסן. מיר זענען געווען געצוווּנגען אַ סך מאָל צו בייטן אונדזער אָרט, וואָס האָט נאָך שווערער געמאַכט דאָס לעבן. דאָס צווייטע יאָר זענען מיר אַריבער אין דער גרויסער פּושטשע.

די לעצטע 9 חדשים פאַר דער באַפרייאונג, האָב איך זיך געפונען אין אַ פּאַרטיזאַנישער פאַבריק, ווו מ׳האָט פאַריכט ביקסן, פּראָדוצירט מינעס און טיילן צו געווער. דאָס איז געווען דער הויפּט־וואַרשטאַט פון דער גאַנצער פּושטשע, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ 60.000 פּאַרטיזאַנער.

יד

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר מיין איבערגעגעבענער אַרבעט.

אין ניעסוויזש האָב איך געפונען צוועלף ניצול־געוואָרענע, דערוואַקסענע יידן און צוויי קינדער. צוויי קינדער! ווו זענען די קינדער פון יבנה־שול? ווו זענען די קינדער פון ישיבה־הקטנה, פון תרבות־שול, פון פאָלקס־שול, פון גימנאַזיע? ווו זענען אַלע יידן?

איך בין געבליבן דער עלטסטער פון שטאָט. שפּאַצירט איבער די חרוב-געוואָרענע גאַסן. אַלץ איז ליידיק! אַ שטאָט אָן יידן.

ווען איך בין אַוועק פון די גריבער ווו עס האָבן גערוט די ביינער פון אַלע ניעסוויזשער קדושים, האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין פרוי שרייט מיר נאָך: „משה, פאַר וואָס גייסטו אַוועק פון מיר”?! און מיין טעכטערל האָט נאָכגעשריגן: „טאַטע! ווו ביזטו געווען די גאַנצע צייט”?! אַלע באַקאַנטע, אַלע יידן צוזאַמען האָבן געשריגן פון די גריבער אַרויס: „משה! מיר ווייסן אַז דו פאָרסט אַוועק! גיב איבער אונדזערע שוועסטער און ברידער, אונדזערע קרובים, אונדזערע קינדס־קינדער, דעם גאַנצן יידישן פאָלק, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן, נאָר תמיד געדענקען וואָס די דייטשע רוצחים האָבן געטאָן מיט אונדז! און זאָלן נקמה נעמען פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט!!!”

אַזאַ איז געווען די צוואה פון די קדושים...

*

איך האָב זיך געלאָזט אויפן וועג צו מיינע קינדער — קיין ארץ־ישראל, ווו מען בויט אַ נייע היים פאַר זיך און פאַר כל ישראל.

(געשריבן אין יאָר 1947)

זכרונות פון געטאָ און פון וואַלד

דוד פּאַרפּעל

אין פינפטן טאָג נאָכן אויסברוך פון דעם דײַטשיש־רוסישן קריג, האָבן די נאַצי־חיילות זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל. נאָך אַ העפטיקן און בלוטיקן קאַמף אין די טעג פון 26סטן און 27סטן יוני, האָבן זיי פאַרנומען ניעסוויזש.

גלייך פון ערשטן טאָג אָקופּאַציע האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער בלוטדורשטיקייט. דעם זעלבן טאָג איז אויך געפאַלן דער ערשטער יידישער קרבן — דער וואַסערטרעגער זושע, וועמען דײַטשישע זעלנער האָבן דערמאָרדעט ביי זיין הויז.

מיטן אָנקומען פון די פאַשיסטישע האָרדעס אין אונדזער געגנט און מיט זייער שנעלן פאָרויסגיין אויף מזרח, האָבן אויך אונדזערע אייגענע שוואַרצמאהניקעס אויפגעהויבן דעם קאָפּ. צוערשט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פּוילישע פּאָליציי וועלכע האָט איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט. די דײַטשן האָבן זיי געשאָנקען צוטרוי, ווייל גלייך אין די ערשטע טעג האָבן זיי געזען, אַז ס'איז דאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך.

דאָס ערשטע מיטל פון פייניקונגען איז געווען: כאַפּן יידן אויף די גאַסן און זיי שלעפּן הינטער דער שטאָט צו באַגראָבן די טויטע רוסישע זעלנער. דערביי האָבן ניט געפעלט קיין זידלערייען, באַליידיקונגען און קלעפּ.

אַזאַ צושטאַנד האָט געדויערט אומגעפער אַ 3־2 טעג.

מיט דער הילף פון יודענראַט

אויפן פערטן טאָג נאָך דער אָקופּאַציע, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יודענראַט, אין וועלכן עס זענען אַריין 12 חשובע איינוווינער פון שטאָט. בראש האָט זיך געשטעלט אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט, וועלכער איז אין יאָר 1939 אַנטלאָפן פון פּוילנס הויפּטשטאָט און האָט די לעצטע 2 יאָר געלעבט אין ניעסוויזש. געהייסן האָט ער מאַגאַליף. געווען זייער פעיק, קלוג און ראַפינירט.

דאָ הייבן זיך אָן אָרגאַניזירטע פייניקונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג — מיט דער הילף פון יודענראַט.

די ערשטע דײַטשע פאַראָרדענונג איז געווען, אַז אַלע יידן פון 15 יאָר אָן מוזן אַרבעטן. ביים יודענראַט האָט זיך געשאַפן אַן אַרבעטס־אַמט — און פון דאַנען פלעגט מען טאָג־טעגלעך צעשיקן צו דער אַרבעט, ווי רייניקן דעם מאַרק־פּלאַץ, עפנטלעכע הייזער און אָפטמאָל פלעגט מען צווינגען מיט די הוילע הענט צו רייניקן קלאָזעטן. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען צו גראָבן גריבער. צו דעם האָט מען באַנוצט בלויז יידן. פון ערשטן טאָג אָן, ווען די דײַטשן האָבן אָקופּירט ניעסוויזש, האָט די קאָמענדאַטור אָנגעהויבן שיסן מענטשן אָן שום סיבה. מען האָט מאַסנווייז געשאָסן רוסישע קריגס־געפאַנגענע, סאָוויעטישע מענטשן, ווי אויך פּראָגרעסיווע יידן און קריסטן וועלכע זיינען געמסרט געוואָרן דורך זייערע שכנים.

באַזאַמען מיט דער צוואַנגס־אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאַסנווייזע רויבן די יידישע באַפעלקערונג. יעדן טאָג, אָפטמאָל עטלעכע מאָל אין טאָג, פלעגן אָנקומען אין יודענראַט „באַשטעלונגען", וועלכע האָבן געמוזט גלייך אויסגעפירט ווערן, אין קעגנפאַל וואָלט מען געשאָסן יידן.

מיט די אַלע פייניקונגען, האָט זיך אויך אָנגעהויבן מאָראַלישע דערנידעריקונג. דעם 5.7.1941 האָט דער דײַטשער קאָמענדאַנט באַפוילן, אַז אַלע יידן פון 10 יאָר אָן מוזן טראָגן אויף דער רעכטער האַנט אַן אָרעם־באַנד 10 ס"מ ברייט און אַן אויפגעצייכנטן מגן־דוד פון 7 ס"מ; אַז אַ ייד טרעפט אַ דײַטשן זעלנער, מוז ער אים באַגריסן. אויך איז פאַרבאָטן געוואָרן יידן צו גיין אויפן טראָטואַר, נאָר אינמיטן גאַס. טרעפן זיך מיט קריסטלעכע שכנים האָט אויך געהערט צו די דײַטשע פאַרבאָטן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט בלית־ברירה זיך צוגעפּאַסט צו די אַלע גזירות און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז דער טאָג פון דער נאַצישער מפּלה מוז קומען. נאָר די אַלע גזירות און רויב האָבן ניט געשטילט די נאַצישע רוצחים.

ווי אַזוי מ'האָט געראַטעוועט 200 יידן

אין צווייטן חודש פון דער דײַטשער אָקופּאַציע, האָט אַ באַנדע ס. ס. זיך אַריינגעריסן אין שטעטל און באַפוילן, אַז אַלע מענער פון 15 יאָר אָן זאָלן זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. זיי זיינען אַרומגעפאָרן אין אַלע געסלעך און געטריבן די יידן אויפן באַשטימטן אָרט. ווען אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך צונויפגעקליבן, האָבן זיי אַרויסגענומען 200 יידן אַלס ערובניקעס. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין איין שורה און באַפוילן די יידן ברענגען פאַרשיידענע זאַכן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געניייטיקט. אין קעגנפאַל האָבן זיי געדראָט צו דערמאָרדן די 200 ערובניקעס. יידן, זעענדיק מיט וואָס דאָס שמעקט, האָבן אָנגעהויבן טראָגן וואָס זיי האָבן געהאַט. וואָס נאָר דער דײַטשער מערדער האָט פאַרלאַנגט — פלעגט גלייך באַשאַפן ווערן. אַזוי אַרום זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די 200 יידן.

איך אַליין בין אויפן מאַרק־פּלאַץ ניט געגאַנגען און זיך אויסבאַהאַלטן אין דער געביידע פון גימנאַזיע, ווו איך האָב דאַן געאַרבעט.

נאָך דעם איז געקומען אַ באַפעל, אַז די הויפּט־גאַסן פון שטאָט מוזן פריי ווערן פון יידן. דעם 1טן סעפּטעמבער 1941 איז פאַראָרדנט געוואָרן די עוואַקואַציע פון די גאַסן, וועלכע האָט געדויערט 7 טעג. די הויפּט־גאַסן לענינסקאַ און ווילענסקאַ, ווי אויך די דערבייאיקע געסלעך זיינען אין משך פון אַ פּאָר טעג פריי געוואָרן פון זייערע יידישע איינוווינער. איינגעוואָרצלטע פאַמיליעס אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן און באַזעצט זיך אין די קליינע געסלעך פון מיכאַלישאָק אין שול־הויף. די ענגשאַפט איז געווען אומדערטרעגלעך. די נויט האָט זיך געלאָזט אַלץ מער פילן.

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן צום זיידן אין מויער, אויפן שול־הויף. אין הויז ווו פריער האָבן געוווינט 5 מענטשן, האָבן זיך איצט צוזאַמענגעדרענגט 15 נפשות. אַזוי איז געווען אין כמעט יעדער שטוב.

טאָג־איין טאָג־אויס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן מענטשן. דאָס אָרט פון שיסן האָט די דײַטשע קאָמענדאַטור אויסגעקליבן אין די גלינישטשינעס, הינטער דער פּאָושעכנער שול. דאָס איז געווען אַזאַ אָרט, פון וואַנען אַנטלויפן איז געווען אוממעגלעך, ווייל די ווענט זיינען געווען אומגעפער 10 מעטער די הייך.

יום־כיפור האָט דער דײַטשער קאָמענדאַנט באַפוילן דעם יודענראַט צונויפצוזאַמלען אַ סומע פון 500.000 רובל אין משך פון געציילטע טעג. דער ראַט האָט אינטענסיוו זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט געפּרעסט און געשלעפּט געלט פון אַלע זייטן, אָנווענדנדיק אַפילו דראָונגען, אַרעסטן, קלעפּ אאַז"וו.

דער פרעזעס מאַגאַליף מיט זיינע געהילפן — די יידישע פּאָליציי, האָבן ניט דערלייגט צו דעם געשעפט. אויפן חשבון פון פאָלקס־אומגליק האָבן זיי געשיכורט, געהוליעט און אַוודאי פאַרנוצט געלט אויף אייגענע פּערזענלעכע צוועקן פון דער סומע וואָס איז אויפגעקליבן געוואָרן ביי דער שטאָטישער אָרעמקייט. אין יענע טעג פון צער און אומגליק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, האָט מאַגאַליף זיך געלאָזט רעמאָנטירן אַ וווינונג און זי איינגעאָרדנט מיט אַלע לוקסוסן. ער האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט. זיין מאַכט איז געווען אַ דיקטאַטאָרישע. אויב ער האָט עפּעס באַשטימט, האָט עס קיינער ניט געקענט ענדערן.

אַזוי איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען. טאָג־איין טאָג־אויס פלעגן מענטשן זיך אויפהויבן צו דער אַרבעט און וואָס שנעלער אַוועק פון שטוב, ווייל וואָס עס זאָל ניט געשען אין שטעטל, האָט מען גערעכנט, אַז ביי דער אַרבעט איז פאָרט זיכערער.

די נויט ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז שטאַרק געוואָקסן. דאָס ביסל מזומנים וואָס יעדער האָט געהאַט, האָט מען אויפגעגעסן. בכלל האָט דאָס געלט פאַרלוירן די ווערט. מען האָט אָנגעהויבן אויסצופאַרקויפן שטוביקע זאַכן, אָדער אויסטוישן זיי אויף פּראָדוקטן. נאָר אַזוי ווי מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געווען פאַרבאָטן צו זיין אין קאָנטאַקט, האָבן אין שטאָט זיך געעפנט קריסטלעכע טויש־מאַגאַזינען, ווו יידן פלעגן ברענגען זייערע זאַכן און באַקומען פאַר דעם פּראָדוקטן — פאַרשטייט זיך, אַז אַ פינפטל צי אַ פערטל פון דעם ווערט. די טויש־מאַגאַזינען האָבן אויך גענוצט דער דייטשער קאָמענדאַטור... וואָס ס׳איז זיי געפעלן געוואָרן, האָט מען גענומען פאַר זיך. ניט נאָר די דייטשע פּאָליציי האָט געראַבעוועט, נאָר אויך די פוילישע פּאָליציי האָט גענומען וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

אַן אייגנטימערין פון אַזאַ געשעפט האָט מיר דערציילט אין יאָר 1944, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין ניעסוויזש, אַז אַ יידישע פרוי האָט איין מאָל געבערענגט צו פאַרקויפן צוויי פּאָר אויסערגעוויינלעך שיינע הענטשקעס. אין דעם מאָמענט איז אין געשעפט געקומען דער באַוווסטער מערדער פון דער פוילישער פּאָליציי „טאַטור”. אַז ער האָט דערזען די צוויי פּאָר הענטשקעס זיינען זיי איםו געפעלן געוואָרן און איין פּאָר גענומען פאַר זיך. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט אין געשעפט און געהייסן געבן די צווייטע פּאָר. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די אייגנטימערין פון געשעפט האָט זיך געטראָפן מיטן פּרעזעס מאַגאַליף, האָט זי אויף זיינע הענט דערקענט אירע הענטשקעס. אָט פאַר וועמען „טאַטור” איז געקומען נעמען די צווייטע פּאָר הענטשקעס. אַזאַ פריינדשאַפט האָט געהערשט צווישן מאַגאַליפן און די מערדער.

אומגלויבלעכע ידיעות

עס איז געקומען דער חודש אָקטאָבער. דער אָקופּאַציערעזשים האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט. די פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געוואָרן אַכזריותדיקער. פון די אַרומיקע שטעטלעך אויף יענער זייט גרענעץ (די אַלטע פויליש־רוסישע גרענעץ ביז 1939) זיינען אָנגעקומען פאַרשיידענע ידיעות אַז די יידן ווערן געמאָרדעט. אָבער די ידיעות האָט מען ניט גענומען ערנסט, באַצויגן זיך צו זיי מיט גרויס פאַרזיכטיקייט פשוט דערפאַר ווייל דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד האָט דאָס ניט געקענט באַגרייפן: ווי אַזוי מאָרדעט מען אויס אַ גאַנצע שטאָט אַלטע לייט, פרויען, קינדער? דאָקעגן די וועלכע האָבן יאָ געגלויבט, זיינען אַריינגעפאַלן אין יאוש. און פיל פון זיי האָבן זיך געווונטשן דעם טויט, איידער אַזאַ לעבן. דער יאוש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט פאַקטיש אָנגעוואָרן אַלע האָפענונגען. מען מוז פעסטשטעלן, אַז אַ גרויסער טייל האָט געגלייבט אין דייטשן נצחון, זעענדיק זייער שנעלן און זיגרייכן פאָרויסמאַרש אויף מזרח. דערפאַר האָבן זיי געטראַכט אַז יעדער ווידערשטאַנד איז צוועקלאָז.

דער האַס צו דער יידישער באַפעלקערונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, הן פון די דייטשן, הן פון דער פוילישער און ווייסרוסישער באַפעלקערונג.

מיטוואָך דעם 22סטן אָקטאָבער 1941 האָט די פוילישע פּאָליציי פאַרהאַלטן די יידן גרשון פיק, מאָריץ לעדער און ישראל לעמפּערט און זיי באַשולדיקט אין קויפן קאַרטאָפל ביי אַ פויער. מען האָט זיי אָפּגעהאַלטן אין קאָמענדאַטור אַ פּאָר שעה און 4 אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען זיי געשאָסן. די שטימונג איז געוואָרן אַ דערשלאָגענע. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל פון אַזאַ באַשולדיקונג.



די משפחה כאַלאָווסקי. דער ערשטער פון לינקס, זיצט: ר׳ אהרון דער שוחט, דער ערשטער קרבן פון די דייטשע רציחות אין ניעסוויזש.
משפחת חולבסקי. יושב הראשון, משמאל: ר׳ אהרון שו״ב, מקרבנות הראשונים של רציחות הנאצים בניסוויז׳.

צומאָרגנס האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט געטראָפן אויפן וועג קיין האָראָדזיי צוויי יידן. איינער פון זיי איז געווען ר׳ אהרון דער שוחט. זיי זיינען געגאַנגען קיין האָראָדזיי מל זיין אַ קינד. דער קאָמענדאַנט האָט ביי ר׳ אהרונען געפונען אַ חלף. ער האָט זיי באַפוילן מאָרגן זיך מעלדן אין דער קאָמענדאַטור. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך צוגעשטעלט, האָט מען זיי אין אַ פּאָר שעה אַרום דערשאָסן.

איצט האָט מען אָנגעהויבן פילן, אַז אין דער לופט טראָגט זיך עפּעס שרעקלעכס. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מערן די רעוויזיעס. מחנות דייטשן מיט זייערע ווייסרוסישע געהילפן זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געראַבעוועט.

די וואָך פון 30סטן אָקטאָבער איז געווען אַ וואָך פון רויב און מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

אַזוי זענען אומגעקומען 4000 ניעסוויזשער יידן

מיטוואָך דעם 30סטן אָקטאָבער 1941, נאָכן דערשיסן די צוויי יידן שלאַמאָוויטש און בראָדקאָווסקי, האָט דער קאָמענדאַנט גערופן צו זיך דעם גאַנצן יודענראַט און באַפוילן, אַז מאָרגן פרי זאָל דורך זיי צוגעשטעלט ווערן אַ ליסטע פון פאַכלייט.

6 אַזייגער פרי האָבן זיך צוגעשטעלט אין קאָמענדאַטור דער פּרעזעס מאַגאַליף מיטן יודענראַט. מען האָט זיי באַפוילן, אַז דאָס גאַנצע שטעטל יידן מוז אין משך פון 2 שעה, ד. ה. ביז 8 פרי, זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווו עס וועט פאָרקומען אַ קאָנטראָל פון דאָקומענטן.

דער ראַט האָט בלינד געגלויבט דעם נאַצישן רוצח און גלייך צעשיקט די יידישע פאָליציי צוזאַמענטרייבן די יידן אויפן מאַרק־פלאַץ. געווען איז דאָס אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן, דעם 30.10.1941, ווען דער ערשטער שניי האָט באַדעקט די ערד. אַרום און אַרום איז געווען ווייס.

די ניעסוויזשער יידן האָבן אויף גיך זיך אָנגעטאָן די יום־טובדיקע מלבושים און ווי צו אַ שמחה געשטראָמט פון אַלע גאַסן און געסלעך צום מאַרק־פלאַץ. קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג.

איך האָב ניט געוואָלט גיין און געהאַט בדעה צו זוכן אַ באַהעלטעניש, נאָר נאָך דעם ווי כ׳האָב אין יודענראַט פעסטגעשטעלט אַז איך געפין זיך אויף דער ליסטע פון די פאַכלייט, בין איך צוזאַמען מיט מיינע עלטערן, ברידער און קוזין אַוועק אויפן מאַרק־פלאַץ ווו מען האָט צוזאַמענגעטריבן דאָס גאַנצע שטעטל יידן: אַלט, יונג, פרויען און קינדער.

פינקטלעך 8 אַזייגער פרי איז געקומען אויפן מאַרק־פלאַץ דער דייטשער קאָמענדאַנט. מיט דער הילף פון אַ יידישן איבערזעצער, מאַרקאָווסקי, האָט ער באַפוילן אַלע פאַכלייט, וועלכע זיינען געווען רעגיסטרירט, אַרויסטרעטן פאַר אים. ער האָט די יינגערע מענטשן אָפגעשיקט אויף לינקס און די אַנדערע צוריק געשיקט צו דער מאַסע. פון די ערשטע קאַטעגאָריעס פאַכלייט, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן אויסרופן, — זיינען געווען דאָקטוירים. פון 5 האָט ער אויסגעקליבן 2. דאַן — אינזשינירן, בוי־טעכניקער און גלעזער.

אַזוי ווי איך בין געווען רעגיסטרירט אַלס גלעזער, בין איך אַרויסגעגאַנגען. דער קאָמענדאַנט האָט מיך אָנגעקוקט און באַפוילן גיין לינקס. איך האָב מיטגענומען מיט זיך מיין פאָטער, מוטער, מיין ברודער אייזיק און קוזין מיכאל, ווייל די פאַכלייט איז געווען דערלויבט מיטנעמען זייערע פאַמיליעס.

אין דער צייט ווען ס׳איז פאָרגעקומען די סאָרטירונג, זיינען אָנגעפאָרן ס. ס. מיט זייערע ליטווישע באַהעלפערס, אַרומגערינגלט די עדה יידן מיט אָנגעצילט מאַשין־געווער. אין דעם מאָמענט האָבן זיך די יידן פאַרלאָרן, ס׳איז געוואָרן אַ פאַניק, ווייל מען האָט געמיינט, אַז די אָפגעקליבענע פאַכלייט וועלן אַוועקגעשיקט ווערן אויף אַרבעט.

מיין חברטע, זעענדיק אַז איך מיט מיין פאַמיליע זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף לינקס, האָט זיך אויך אַריבערגעכאַפט צו מיר. אָבער נאָך דעם ווי איר פאַמיליע איז געבליבן אויף רעכטס, איז זי צוריק געלאָפן און צוזאַמען מיט זיי איז איר געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין די רייען פון לינקס.

ווען די סעלעקציע האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונדז, די אָפגעקליבענע פאַכלייט, אָפגעפירט אונטער אַ שטרענגער וואַך אין בנין פון דער גימנאַזיע און אַריינגעטריבן אין יעדן צימער צו 30—20 פערזאָן.

אין אַ פאָר שעה אַרום זענען געקומען צו אונדז עטלעכע ס. ס. און גענומען אויף אַרבעט 20 פרויען און 10 מענער. צווישן די פרויען איז אויך אַריינגעפאַלן מיין חברטע מיט איר שוועסטער ליבע. מיר זיצן אַ גאַנצן טאָג פאַרשפאַרט אין די צימערן, אַרום געפינט זיך אַ וואַך פון דייטשן און ווייסרוסישע פאָליציי. מיר ווייסן גאָרניט וואָס עס קומט פאָר מיטן גאַנצן עולם.

פאַרנאַכט האָט מען צוריק געברענגט די וועלכע מען האָט גענומען צו דער אַרבעט. מיין חברטע האָט דערציילט, אַז פאָרנדיק צו דער אַרבעט אין שלאָס (ווו זיי האָבן געהייצט די אויוונס), האָבן זיי געזען ווי מען האָט געטריבן מחנות יידן, צו 200. איין טייל אין פאַרק, דעם צווייטן — צום האָראָדזייער שאָסיי.

עס איז געוואָרן אָוונט. מען האָט אונדז געברענגט ברויט, אַרויסגעלאָזט פון די צימערן אויפן פאַרטער און געהייסן אַרויפגיין שלאָפן אויפן ערשטן שטאָק. נאָר ווער האָט געקענט שלאָפן? דער געדאַנק האָט געמאַטערט: ווו זיינען די נאָענטע און ליבסטע? אַ וואָסער גורל האָט זיי געטראָפן? פון דער ווייסרוסישער פאָליציי וועלכע האָט אונדז געהיטן, זיינען מיר דערגאַנגען, אַז קיין גוטס איז מיט דער יידישער באַפעלקערונג ניט געשען.

צומאָרגנס, דעם 31.10.1941, מיטאָג־צייט, האָט מען אונדז אַלע, אַ גרופע פון בערך 600 פערזאָן, צוזאַמענגעטריבן אין טעאַטער־זאַל. מיט אַ קורצער רעדע איז אַרויסגעטראָטן דער פרעזעס מאַגאַליף, וועלכער האָט דערקלערט: „מיר זיינען געבליבן אַ קליין הייפל...״ פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז דער רוב יידן איז אומגעקומען.

די דייטשע רוצחים האָבן אין איין טאָג (דאָנערשטיק, ט׳ מרחשון, 30.10.1941) אין אַלטן פאַרק און הינטערן שטאָט, אויפן וועג קיין באַראַנאָוויטש, אין די גריבער ווו מען פלעגט אַמאָל גראָבן ליים -- אויסגעמאָרדעט דעם ניעסוויזשער יידישן ישוב — 4000 מאַן.

ביי די פויערים, וועלכע זיינען בייגעווען די אַקציע, האָבן מיר זיך דערוווסט אַז גלייך פון מאַרק־פלאַץ, ווען מען האָט צוגענומען די פאַכלייט, האָט מען די איבעריקע מאַסע צעשטעלט צו 200 אין אַ גרופע און אונטער אַ שטרענגער וואַך אָפגעפירט צום גרוב. די ערשטע פאַרטיע האָט מען באַפוילן אויסטאָן זיך מוטער־נאַקעט, צוגעפירט צו די גריבער און זיי דערשאָסן, דער עיקר דורך ליטווינער. די אַקציע האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. מיר, זיצנדיק אין גימנאַזיע, בסך־הכל 1 קילאָמעטער פון יענעם אָרט, האָבן ניט געהערט קיין איין שאָס.

אַזוי איז אין משך פון געציילטע שעהן אומגעבראַכט געוואָרן איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות פון ווייסרוסלאַנד. געבליבן זיינען צו יענער צייט אומגעפער אַ 600 פאַכלייט וועלכע דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אָפגעקליבן. פאַר די געבליבענע איז פאַראָרדנט געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ געטאָ.

אַריין אין געטאָ

פרייטיק, דעם 31.10.1941, האַלב צוויי אַזייגער בייטאָג, נאָך דער רעדע פון פרעזעס מאַגאַליף, איז געקומען דער קאָמענדאַנט און דערקלערט, אַז ער גיט אונדז 4 שעה צייט, ד. ה. ביז 6 אָוונט, אַריבערצוגיין אין געטאָ. ווער עס וועט באַווייזן אַריבערקלייבן זיך, וועט בלייבן אין געטאָ, די פאַרשפעטיקטע וועלן ווערן צוגענומען. פערד אָדער אויטאָס איז פאַרבאָטן צו באַנוצן. די גרענעצן פון געטאָ זיינען באַשטאַנען פון שול־הויף און די געסלעך אַרום, ווי אויך מיכאַלישאָק פון דער רעכטער זייט. נאָך דער דערקלערונג פון קאָמענדאַנט, האָט מען אונדז 2 אַזייגער בייטאָג אַרויסגעלאָזן פון גימנאַזיע.

אויפן גאַס זיינען שוין געשטאַנען פיל פויערים און אָפגעוואַרט צו זען, צי איז ניט געבליבן קיין ייד, וועלכער האָט זיי אָפגעגעבן צו באַהאַלטן פון זיין אָנטועכץ צי ווערטפולע זאַכן. ווייל אַ סך יידן האָבן איבערגעלאָזט זייערע זאַכן ביי פויערים. זייער ווייניק זיינען געווען פון צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועמען עס האָט גערירט די יידישע טראַגעדיע. פאַר דעם רוב איז דאָס געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו רויב, אויף וואָס זיי האָבן געוואַרט מיט פיל אומגעדולד.

אין געטאָ איז די מאַכט אַריבערגעגאַנגען צו דער יידישער פאָליציי.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, האָט מען געענדיקט דאָס אַריבערקלייבן זיך אין געטאָ — און פון דעם שיינעם, בליענדן ישוב זיינען געבליבן בלויז 585

ייִדן. עס הייבט זיך אָן אַ נײַ לעבן, אין איזאָלאַציע. דאָס קליינע הײַפל ניעסוויזשער ייִדן האָט געציילט 185. די אַנדערע זײַנען געווען פּליטים פֿון מערבֿ־פּוילן. די צאָל געראַטעוועטע פּליטים איז דערפֿאַר געווען גרעסער, ווײַל זיי זײַנען שוין געווען געליטענע פֿון דײַטש, האָבן אים בעסער געקאָנט, זיי איז ניט פֿרעמד געווען די דײַטשע טאַקטיק פֿון אויסראָטונג.

מאַגאַליף אָרגאַניזירט אַ נײַעם יודענראַט און הייבט אָן אײַנשטעלן דאָס לעבן אין געטאָ. אַרומצוימען דאָס געטאָ מיט שטעכיקן דראָט האָט געדויערט אייניקע טעג. די שטימונג בײַ דער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ שווערע, אַ דערדריקטע. ניט געווען קיין איינער, וועמען דער אומגליק האָט ניט אָנגערירט. בײַ וועמען עס האָט געפֿעלט די פֿרוי, דער מאַן, קינדער, ברידער, שוועסטער, טאַטע־מאַמע. מען איז אַרומגעגאַנגען ווי לעבעדיקע מתים. קיינער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַזוי קאָן ווערן פֿון אַ שטאָט מענטשן. אַ לאַנגע צײַט איז אַריבער, ביז מיר האָבן זיך טאַקע איבערצײַגט, אַז אַלע זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן. די ייִדן זײַנען געווען צעטומלט. מען האָט ניט געזען אַ סך וויינען. יעדער האָט געפֿילט, אַז ער איז אויף דער וועלט אַ גאַסט, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועט ער האָבן דעם זעלבן סוף. דאָס אָרט וווּ מען האָט שטאַרק געפֿילט די ווונד און ווייטיק איז געווען — די שול, ווען דער עולם פֿלעגט זאָגן קדיש. דער מאַסן־קדיש האָט געלעכערט דאָס האַרץ.

עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אַרבעטס־אַמט, ווו יעדער איינער האָט געמוזט טאָג־טעגלעך זיך צושטעלן און ווערן צוגעטיילט צו אַן אַרבעט.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון געטאָ־לעבן איז אָנגעקומען אַ „באַשטעלונג" פֿון קאָמענדאַנט אויף צוואַנציק אַרבעטער, צו וועלכע אויך איך בין אַרײַנגעפֿאַלן. נאָכן אָנקומען אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ, אויסגעשטעלט אין 2 רייען, איז צו אונדז אַרויס דער זשאַנדאַרמעריע־שעף, אַ באַנדיט, און דערקלערט אַז מיר זײַנען גערופֿן געוואָרן אַהער אויפֿצוראַמען און אין אָרדענונג ברענגען די אויסגעליידיקטע הײַזער.

מיר ווערן צעטיילט אין 4 גרופּן. מיט יעדער גרופּע וועט אָנפֿירן אַן ס. ס.־מאַן. די ווערטפֿולע זאַכן מוזן איבערגעפֿירט ווערן אין דער קאָמענדאַטור. דאַקעגן די שפּײַז־פּראָדוקטן וואָס מען וועט געפֿינען אין די שטובן — אָפּגעבן אין געטאָ.

צוויי חדשים האָט געדויערט די אַרבעט פֿון אויפֿראַמען די הײַזער. מען איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, אָפּגעריסן די שלעסער, צעבראָכן טירן און פֿענצטער. אייניקע ווערטפֿולע זאַכן האָט מען זיך באַמיט צו פֿאַרניכטן, זיי זאָלן ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די מערדער.

די 2 חדשים זײַנען געווען די פֿאַרהעלטניסמעסיק רויִקסטע פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון עקזיסטענץ פֿונעם ניעסוויזשער געטאָ.

ווען די „רייניקונג" האָט זיך פֿאַרענדיקט און ייִדיש האָב־און־גוטס איז געוואָרן צעראַבעוועט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהדרגהדיק פֿאַרערגערן פֿון געטאָ־לעבן. די ערשטע צײַט האָט מען זיך אין געטאָ געפֿילט מער זיכער, ווײַל דער ווײַסרוסישער פּאָליציי איז געווען פֿאַרבאָטן אַרײַנצוגיין אין געטאָ און אויף אייגענער האַנט דאָרט ראַבעווען אָדער טאָן שלעכטס. האָבן ייִדן אָנגעהויבן גלויבן: אפֿשר וועלן מיר דאָך בלײַבן לעבן, דער דײַטש דאַרף אונדז האָבן. ווי וועט ניעסוויזש קענען עקזיסטירן אָן ייִדישע פֿאַכלײַט? ווער וועט טאָן אַלע שוואַרצע אַרבעטן?

אין געטאָ האָט געבאַלעבאַטעוועט מאַגאַליף. מען מוז מודה זײַן, אַז ער האָט געהאַט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿעיִקייטן. ער האָט אַזוי אײַנגעשטעלט, אַז נאָך דעם ווי דאָס רייניקן די הײַזער האָט זיך געענדיקט, איז יעדער געטאָ־אײַנוווינער געווען באַשעפֿטיקט. מען האָט געמיינט, אַז אַלע באַשעפֿטיקטע וועלן בלײַבן לעבן. יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן פֿון געטאָ־טויער בײַ דער קצבֿישער שול, מענטשן אַוועקגיין גרופּנווײַז צו דער אַרבעט. מאַגאַליף האָט אָרגאַניזירט שנײַדערײַ־ און שוסטערײַ־וואַרשטאַטן, אַ כעמישע וועשערײַ. אויסערן געטאָ האָבן ייִדן געאַרבעט בײַ בוי.

די ווינטער־חדשים 1941—42 זײַנען פֿאַריבער גאַנץ רויִק, אפֿשר רויִקער ווי פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון געטאָ. יעדער איינער האָט געאַרבעט און געהאָפֿט: אפֿשר פֿאַרט וועט ער איבערלעבן דעם דײַטש.

פֿון פֿראָנט האָבן צו יענער צײַט אויך אָנגעהויבן אָנקומען בעסערע נײַעס. די רוסן האָבן פֿאַרהאַלטן דעם דײַטש בײַ מאָסקווע, די ווערמאַכט גייט נישט מער פֿאָרויס. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן פּאַרטיזאַנער אין די אַרומיקע וועלדער. בײַ יעדן פֿון אונדז האָט זיך דערוועקט אַ ווילן צו ראַטעווען זיך. מ׳האָט געוואַרט אויפֿן פֿרילינג, ווען מען וועט קענען אַוועק אין וואַלד.

די לאַגע פֿאַרערגערט זיך

מיטן דערנענטערן פֿון פֿרילינג, האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פֿאַרערגערן די לאַגע אין געטאָ. די פּראָדוקטן האָבן זיך אויסגעלאָזן. די באַציאונג פֿון די דײַטשן האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיך אַרײַנגנבֿענען ידיעות אין געטאָ, אַז היינט־מאָרגן, צי אין אַ וואָך אַרום, וועט מען אַלעמען אויסמאָרדן. די צושטעלער פֿון די ידיעות זײַנען געווען די ווײַסרוסישע פּאָליציי, וועלכע פֿלעגט באַזוכן מאַגאַליפֿן, בײַ אים זיך אָנפֿרעסן און שיכורן.

דעם 4טן מערץ איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז אין באַראַנאָוויטש איז פֿאָרגעקומען די ערשטע שחיטה. די נײַעס האָט צעטרייסלט דאָס גאַנצע געטאָ. אַפֿילו די אַלע אָפּטימיסטן וועלכע האָבן נאָך געגלויבט אין דײַטשן חסד, האָבן פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג. יעדער האָט איצט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל בלײַבן לעבן, מוז מען דאָס געטאָ פֿאַרלאָזן, אַנדערש איז — אומקום. דערווײַל האָט מען געלעבט חיה־שעה.

בײַ אַ קליינעם טייל געטאָ־אײַנוווינער איז אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. ידיעות פֿון די אַרומיקע שטעטלעך וועגן פֿולשטענדיקער ליקווידאַציע פֿון די געטאָס האָט געגעבן דאָס געפֿיל, אַז די מערדערישע שווערד וועט אויך זיך אַראָפּלאָזן אויפֿן ניעסוויזשער געטאָ.

פֿרײַטיק, דעם 17.7.1942, איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז אין האָראָדזיי און אין סנאָוו קומען פֿאָר שחיטות. אין דער פֿרי האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלויבט. אויף דער נאַכט האָט זיך באַשטעטיקט די ידיעה, אַז די ישובֿים זײַנען ריין פֿון ייִדן. דאָ איז די טרויער־שטימונג דערגאַנגען בײַ אונדז צום העכסטן גראַד. די יוגנט האָט געפֿאָדערט אַז דער יודענראַט זאָל פֿרײַ מאַכן דעם טויער פֿון געטאָ, זאָל יעדער איינער נעמען דעם גורל אין זײַנע הענט. נאָר צו דעם האָט מאַגאַליף ניט געוואָלט מסכים זײַן. ער האָט גערופֿן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג אין נײַעם בית־מדרש. נאָכן זאָגן קדיש נאָך די האָראָדזייער ייִדן, האָט מען געשטעלט די פֿראַגע: וואָס טאָן? די יוגנט האָט געטענהט: „מיר ווילן ניט אומקומען ווי שעפּסן, מיר ווילן קעמפֿן". שלום כאָלאַווסקי האָט גערעדט פֿאַר די ייִדן אין שול און גערופֿן צום ווידערשטאַנד. נאָך גרויסע וויכּוחים איז מען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס: אויב מען וועט זען, אַז עס דערנענטערט זיך אַ געפֿאַר פֿאַרן געטאָ, זאָל

מען דאָס געטאָ ניט פאַרלאָזן, נאָר שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און נעמען זיך צוגרייטן געווער.

אין משך פון אַ פּאָר טעג איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט פון שאַפן געווער. מען האָט די יוגנטלעכע צעטיילט אין פינפטלעך. שבת, זונטיק און מאָנטיק זיינען געווען טעג פון גרויל און פחד. יעדער וואָס איז געקומען פון שטאָט האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז אַ פינצטערע כמאַרע הענגט איבערן ניעסוויזשער געטאָ. די אָרנטלעכע פויערים האָבן זיך ממש געבעטן: „אַנטלויפט ערגעץ".

מאָנטיק פאַרנאַכט זיינען געקומען צו גיין די לעצטע אַרבעטער פון דער דייטשער קאָמענדאַטור און געבראַכט די נייעס, אַז די פּאָליציי אין דער סביבה האָט באַקומען אַ באַפעל מאָרגן פרי זיך צושטעלן אין ניעסוויזש. אונדזער יוגנט האָט זיך אַ ריס געטאָן צו די דראָטן, אָבער מאַגאַליף האָט אַוועקגעשטעלט ביי דער פאַרצאַמונג אַ וואַך פון מענער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אַרויסגיין פון געטאָ.

אַלע האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערן זיך די לעצטע מינוטן. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. פּלוצלונג איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שטאַרקע פּאָליציי־קאַדרען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געשאָסן אין דער לופטן. צו מיר אין פענצטער האָבן זיי אַריינגעשאָסן, צעהאַקט די שויבן. איך מיט מיין פרוי האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די שטוב. כ'האָב זיך שוין געהאַט געזעגנט מיט מיין טייערער מוטער, וועלכע האָט מיר געזאָגט: „גיי און זיי מצליח, ראַטעווע זיך צוזאַמען מיט עלקען". דעם ברודער האָט זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

דער העלדישער ווידערשטאַנד

צו מאָרגנס פרי איז געקומען אַ פּאָליציאַנט און גערופן מאַגאַליפן אין דער קאָמענדאַטור. דאָרט האָט מען אים דערקלערט, אַז היינט דאַרף פאָרקומען אַ סעלעקציע אין געטאָ. בלייבן וועלן בלויז די מער נוצלעכע אַרבעטער. מיט דעם באַריכט איז מאַגאַליף צוריק געקומען אין געטאָ, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגענומען גאָר אַנדערע באַשלוסן: ניט דערמעגלעכן קיין שום סעלעקציעס. אויב לעבן — וועלן אַלע בלייבן לעבן, אויב ניט — וועלן אַלע אומקומען.

ווי נאָר די דייטשן האָבן געמאַכט דעם ערשטן פּרווו פון אַריינגיין אין געטאָ, איז זיי גלייך געגעבן געוואָרן דער געהעריקער ענטפער. מען האָט דערהערט דעם אָפּגערעדטן סיגנאַל און פון צוויי זייטן האָט מען אונטערגעצונדן דאָס געטאָ. אַ העלער פייער האָט אַלץ אַרומגעכאַפּט. די פלאַמען האָבן זיך געריסן אַלץ ווייטער און העכער — צו די אַנדערע טיילן פון שטאָט. צו יענער צייט האָב איך צוזאַמען מיט מיין פרוי, דעם טאַטן און קוזין זיך געפונען אין עק פון געטאָ, ווייל כ'האָב אַלץ געזוכט אַ וועג צו פאַרלאָזן. איך האָב געטראַכט, אפשר וועט מיר געלונגען איבערצוקויפן אַ פּאָליציאַנט און זיך אַריבערכאַפּן אויף יענער זייט געטאָ, ווייל גרויס איז געווען דער ווילן און חשק צום לעבן. איך בין שוין געווען גרייט צו לויפן דורך דעם פּאָליציי־קאָרדאָן וואָס איז געשטאַנען אַרום דעם געטאָ, נאָר מיין פרוי האָט מיך ניט געלאָזט. מיין קוזין מאָטע פאַרפעל האָט זיך יאָ דערצידירט און געלאָפן. מ'האָט אויף אים געעפנט אַ פייער און ער איז גלייך געפאַלן טויט פאַר מיינע אויגן. מיר זיינען ווידער צוגעלאָפן צום טויער, נאָר דאָ איז געווען אַ טומל און מישמאַש. עס זיינען אויך געפאַלן די ערשטע שאָסן. מיר האָבן בלויז באַוויזן אַריינצוגיין אין דער קצבישער שול, ווו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט די אַרבעטער פון דער פאַבריק, וועלכע האָבן געהאָפט אַז זיי וועלן בלייבן לעבן.

איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן. פּלוצלונג האָב איך אין קעלער געפונען 2 אויפגעריסענע ברעטער. זיי האָבן געפעלט. מיר זיינען אַראָפּ אונטן, אין נאָך אַ קעלער. באַלד הערט זיך אַ שיסעריי אין שול. בלויז אַ פּאָר מענטשן זיינען אַראָפּ צו אונדז. די אַנדערע זיינען געבליבן ליגן טויט אין דער שול. אייניקע האָבן זיך אַליין גענומען דעם טויט דורך איבערשניידן די אָדערן. אין דער גסיסה שרייען זיי: „יידן, גייט אַרויס פון קעלער, איר ווערט פאַרברענט לעבעדיקערהייט". און אין שול ברענען טאַקע די פענצטער און סופיט. מיר ליגן אַלץ אין דעם אָפענעם קעלער.

פּלוצלונג האָט זיך מיין פאָטער דערמאָנט, אַז דאָ דאַרף זיין נאָך אַ קעלער. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן אים געפונען און אַהין אַריבער. צוזאַמען זיינען מיר געווען 9 דערוואַקסענע מענטשן און 3 קינדער, וואָס ווערן שיער ניט דערשטיקט פון רויך. נאָר מיר דעצידירן: בעסער שטאַרבן מיט אַזאַ טויט, איידער פון אַ דייטשער קויל. דערווייל האָט אָפּגעברענט דער סופיט וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף אונדזער פאַדלאָגע און ניט געלאָזט זי אָנצינדן.

דער טאָג איז פאַרביי, די שיסעריי איז געוואָרן קלענער. דורך אַ שפּאַרונע וואָס מיר האָבן געמאַכט אין דעם אַלטן פונדאַמענט פון שול, האָבן מיר געזען ווי עס האָבן זיך געוואַלגערט די טויטע קערפּערס פון אונדזערע קדושים.

ווען דאָס פייער האָט זיך איינגעשטילט, האָבן מיר געזען ווי עס זיינען געקומען צופאָרן פויערים און אָנגעהויבן צוזאַמענלייגן די מתים. מען האָט אויסגעטאָן די הרוגים און זיי אַוועקגעפירט צו דעם גרויסן גרוב וועלכן מ'האָט צוגעגרייט אויף סנאָווער וועג, 2 ק"מ פון שטאָט.

פון דינסטיק פרי ביז שבת צו נאַכט זיינען מיר אָפּגעלעגן אין קעלער. כל זמן ס'איז דאָרט געשטאַנען אַ וואַך־פּאָסטן, האָבן מיר פריער ניט געקענט אַרויסגיין. הונגעריק, אָן איין טראָפּן וואַסער, האָבן מיר אויסגעהאַלטן די 5 טעג. שבת פרי זיינען די פויערים געגאַנגען זוכן „מעלינעס" (יידישע באַהעלטענישן).

שבת אָונט, אַז ס'איז שוין געווען שטאַרק פינצטער, האָבן מיר דעצידירט צו פאַרלאָזן דעם קעלער. איך בין אַרויס דער ערשטער און פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ בילד: פון ניעסוויזש זיינען געבליבן חורבות. ניט ווילנדיק, האָט דאָס האַרץ זיך געפרייט, קוקנדיק אויף דער שטאָט, וועלכע איז חרוב געוואָרן אין אַ געוואַגטן, הגם ניט גלייכן קאַמף פאַרן יידישן כבוד. ס'איז מקוים געוואָרן דער „תמות נפשי עם פלישתים". ס'איז ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ, אָבער ניט אַזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען די רוצחים. שוין נישט אַזוי ווי ביי דער ערשטער שחיטה. אויך פון די רוצחים זענען געפאַלן קרבנות פון די הענט פון יידישע קעמפערס — און קיין רויב האָבן די מערדער אויך ניט געהאַט. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. דאָס פייער האָט אַזש דערלאַנגט ביז פאַרנע־גאַס, ביי די קאָשאַרן. אויך דאָרט האָבן אָפּגעברענט עטלעכע הייזער.

מיר פאַרלאָזן ניעסוויזש

די לעצטע פינף יידן זיינען מיר געווען, וועלכע האָבן פאַרלאָזן ניעסוויזש נאָך איר חורבן: מיין פאָטער, מיין פרוי, קראַמאַרסקי, אַ סוואָלקער, און גאָלדשטיין, אַ לאַדזשער, וואָס זיינען געווען ביי אונדז אין ניעסוויזש פליטים פון סעפּטעמבער 1939, און איך. גאָלדשטיין איז שפּעטער געפאַלן פון באַנדיטן־פּאַרטיזאַנער, סוף 1942 יאָר.

אונדזער ציל איז איצט געווען — דער וואַלד. וואָס שנע־

לער צוקומען צו אים. אָבער ווי אַזוי, אַז מיר געפינען זיך אין צענטער שטאָט. דאָך האָבן מיר צוגעטראַכט אַ פּלאַן פון אַרויסגיין. מיר זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם מאָנאַסטיר ביז צו יאַבלאָנסקיס פּלאַץ, ווייטער, דורך מיכאַלישאָק, פאַרביי דעם יידישן בית־עולם און איבער פעלדער און לאָנקעס דורכגעשניטן דעם האָראָדזייער וועג. פון דאָרט, מיט די תבואה־פעלדער, דערגאַנגען ביז צום שטאַטישן וואַלד.

אויפן וועג האָבן מיר אָנגעקלאַפּט ביי אַ פּויער, צו פרעגן אים ווי זעט אויס די לאַגע אין שטאָט, צי האָבן די דייטשן געלאָזן לעבן אַ ביסל יידן און וואָס הערט זיך בכלל. דער פּויער, הערנדיק אַז מע קלאַפּט, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. נאָר דערזעענדיק יידן, איז ער גלייך אַוועק און בלויז געזאָגט: „אַנטלויפט וואָס שנעלער, די דייטשן האָבן אַלעמען אויסגעמאָרדעט”. מיר האָבן ביי אים געבעטן עסן, האָט ער אונדז דאָס שטיקל ברויט שנעל צוגעוואָרפן און פאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן שוין אַוועקגיין פון זיין הויז. ניט ווייט איז געווען אַ ברונעם. מיר האָבן אַרויפגעצויגן אַן עמער מיט וואַסער, צוערשט זיך אַרומגעוואַשן און נאָך דעם זיך אָנגעטרונקען, שטילנדיק אונדזער דורשט נאָך אַ פינפטאָגיקן תענית אָן וואַסער און אָן עסן. מיטנעמענדיק אַ פלעשל וואַסער, האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער וועג אין דער ריכטונג פון שטאָטישן וואַלד. אין די גרינס־גערטנער האָבן מיר אָנגעריסן אַ ביסל ירקות.

אין די פרימאָרגן־שעהן פון 26.7.1942 זיינען מיר ענדלעך געווען ביים שטאָטישן וואַלד. מיין פרוי האָט שוין ניט געקענט דערגיין צום וואַלד, זי איז געבליבן אין קרעפּטן. מיר האָבן איר אויף די הענט צוגעטראָגן אַ האַלבן קילאָמעטער. אַריינקומענדיק אין וואַלד, האָט אונדז די לופט דאָרט ווי פאַרשיכורט. מיר זיינען אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און איינגעשלאָפן.

אויפכאַפּנדיק זיך, האָבן מיר גענומען זוכן מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. דערווייל האָט מען געקליבן יאַגדעס. דאָס ביסל גרינוואַרג וואָס מיר האָבן אַ טאָג פריער אָנגעריסן ביים לויפן פון שטאָט האָט מען שוין געהאַט אויפגעגעסן און מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל ווערן פינצטער כדי זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין זוכן פאַרטיזאַנער.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער געוועזענער „טאָז”־קאָלאָניע און זיך אַוועקגעלייגט אין גראָז וואַרטן ביז עס וועט פינצטער ווערן. אַ רעגנדל האָט אָנגעהויבן טריפן, אָבער מיר זיינען געלעגן אומבאַהאָלפן. נאָענט פון אונדז האָבן זיך געפונען פויערישע הייזלעך, אָבער מיר האָבן ניט געוואָלט ריזיקירן, ווייל אין יענע טעג איז דאָס געווען געפערלעך.

ליגנדיק אַזוי אונטערן רעגן, האָבן מיר באַשלאָסן וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די ניעסוויזשער געגנט, ווייל אויף אַלע וועגן און שטעגן האָט געבושעוועט די פּאָליציי מיט די דייטשן. די פויערים פון דער געגנט האָבן באַקומען וואָרענונגען, אַז אויב מען וועט ביי זיי געפינען אַ יידן, וועט מען זיי פאַרברענען צוזאַמען מיט זייערע ווירטשאַפטן.

ווען ס׳איז גוט פינצטער געוואָרן, זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם סטאָלפּצער טראַקט און דאָרט אַריין צו אַ פויער בעטן אַ שטיקל ברויט. ער האָט אונדז אַוועקגעטריבן. זיינען מיר אַריין צו אַ צווייטן, וועלכער האָט אונדז יאָ געגעבן אַ שטיקל ברויט נאָר געבעטן מיר זאָלן וואָס שנעלער אַוועק פון אים. אַ דריטער פויער האָט אונדז געזאָגט מיר זאָלן וואַרטן אין וואַלד, וועט ער אונדז באַלד ברענגען עסן. ער האָט געהאַלטן וואָרט און טאַקע געבראַנגט ברויט, מילך און פעטס.

אָפּגייענדיק אַ פּאָר קילאָמעטער, זיינען מיר אַריין צו אַ פויער זיך קויפן עפּעס עסן, ווייל אַ ביסל געלט האָבן מיר נאָך געהאַט. דער פויער האָט יאָ פאַרקויפט, נאָר פאַר אַ געזאַלצענעם פּרייז.

ווען איך מיט גאָלדשטיינען זיינען צופרידענע אַרויס פון פויערס שטוב, האָבן מיר געטראָפן אַזאַ לאַגע: מיין טאַטע, מיין פרוי און קראַמאַרסקי, וואַרטנדיק אויף אונדז, זיינען איינגעשלאָפן. פלוצום דערהערט מיין פרוי ווי אין חלום, אַז מען רעדט פויליש. זי האָט אַ ציטער געטאָן, ווייל זי האָט געמיינט אַז דאָס איז פּאָליציי. אָבער די מענטשן זיינען שוין געשטאַנען איבער זיי — און צו איר גרויסער שטוינונג האָט זי דערזען אונדזערע ניעסוויזשער בחורים: משה דמשק, בערל אַלפּעראָוויטש און אַ פּאָליאַק וועלכער איז געווען אַ פאַרטיזאַנער־פאַרבינדלער.

די שמחה פון דער פלוצומדיקער באַגעגעניש איז געווען גרויס. דמשק און אַלפּעראָוויטש האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט פאַרטיזאַנער וועלכע האָבן זיי איבערגעלאָזן אַ נאַגאַן אַלס צייכן פון פריינדשאַפט. די פאַרטיזאַנער האָבן זיי געהייסן קומען אין צוויי טעג אַרום אויף אַ באַשטימטן אָרט, כדי זיי צונעמען אין אָטריאַד. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז מיט זיי געפינען זיך ביידע שוועסטער און ברודער דמשק, דער אַלטער ליאַכאָוויצקי מיט זיין טאָכטער, פריידל, ישי מאַזין און נאָך אַ פרוי מיט אַ קינד. מיין פרוי האָט זיי איבערגעגעבן, אַז איך מיט גאָלדשטיינען לעבן, אַז מיר זיינען געגאַנגען צו אַ פויער קויפן שפייז. זיי האָבן געוואַרט ביז מיר זיינען אַרויסגעקומען.

דינסטיק פאַרטאָג דעם 28.7.1942 זיינען אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט געקומען 8 רוסישע פאַרטיזאַנער און אַ פּאָליאַק, יוזשעק מאַרכווינסקי. ער איז געווען אַ לאָדזשער. אין יאָר 1939 איז ער געקומען קיין ניעסוויזש ווי אַ פּליט פון פּוילן, מיט אַ יידישע פרוי. ער איז פאַרבליבן אין ניעסוויזש. אין דער ערשטער שחיטה פאַרלירט יוזשעק זיין פרוי און בלייבט אַליין מיט אַ חדשימדיק קינד. שפּעטער פאַרלירט ער אויך זיין קינד — און ער באַשליסט צו גיין צו די פאַרטיזאַנער.

אָט דער גליקלעכער פאַל וואָס מיר האָבן זיך מיט אים געטראָפן, האָט אַ סך פאַרלייכטערט אונדזער ווייטערדיקן וועג, ווייל די פאַרטיזאַנער האָבן ניט געהאַט קיין גרויסן חשק אונדז מיטצונעמען. נאָר זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט דעצידירט און צומאָרגנס האָבן מיר צוזאַמען זיך געלאָזט אין וועג אַריין — צו דער נאַליבאָקער פּושטשע.

ניט לייכט איז אונדז אָנגעקומען דורכצוגיין דעם ניעסוויזשער ראַיאָן, וועלכער האָט צו יענער צייט זיך גערעכנט פאַר אַ פּאָליצייסקי ראַיאָן. אָבער מיט גרויס פאַרזיכטיקייט איז אונדז געלונגען, נאָך אַ מאַרש פון צוויי נעכט, דורכגיין די אייזנבאַן־ליניע באַראַנאָוויטש־סטאָלבצי און אַריין אין מירער ראַיאָן וווּ מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז דאָ געווען גענוג פריי. פאַרטיזאַנער פלעגן פאָרן אויף פורן, ווייזן זיך אין אַנדערע דערפער אַפילו בייטאָג. אונדזער ציל איז אָבער ניט געווען דער מירער ראַיאָן, נאָר די פּושטשע.

צוקומענדיק צום ניעמאַן, וועלכער רעכנט זיך פאַר דער גרענעץ פון דער פּושטשע, זיינען מיר געבליבן שטיין. די דייטשן האָבן דאָ אָרגאַניזירט די ערשטע אָבלאַווע אויף פאַרטיזאַנער און די אָטריאַדן וועלכע זיינען געשטאַנען אין פּושטשע, האָבן זי געמוזט פאַרלאָזן. אַזוי אַרום זיינען מיר געבליבן אין מירער ראַיאָן. דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן מיט נאָך רוסישע פאַרטיזאַנער, „קלימאָווצעס” (אויפן נאָמען פון זייער עלטסטן קלים), און נאָך גרופּן. עס איז דאַן געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו פאַראייניקן די אַלע גרופּן אונטער איין אָנפירונג. עס איז אָבער ניט געלונגען. יעדער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך.

פון אונדזער ניעסוויזשער גרופּע האָט זיך אויסקריסטאַלי־

זירט אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון יוזשעק פּאַרכווינסקי. די צאָל יידן און ניט־יידן אין דעם אָטריאַד איז געווען אַ גלייכע.

ווער זענען געווען די פּאַרטיזאַנער אין מירער ראַיאָן?

די ערשטע זיינען געגאַנגען אין וואַלד — רוסישע קריגס־געפאַנגענע. זיי זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך די דייטשן גלייך אין די ערשטע וואָכן פון קריג, ווען גאַנצע רוסישע דיוויזיעס זיינען צעקלאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט אַזאַ גרויסער צאָל קריגס־געפאַנגענע. יידן, פּאָליטרוקן און די וואָס האָבן פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָסטנס אָדער געהערט צום אָפיצירן־קאָרפּוס — האָבן זיי גלייך געשאָסן. די אַנדערע האָבן זיי צעשיקט אין די אַרומיקע דערפער און באַפוילן יעדן פויער צו נעמען זיך אַ קנעכט. אַזוי האָבן זיי די גאַנצע סאָלדאַטן־מאַסע צעוואָרפן אין די אַרומיקע דערפער. דאָס איז פאָרגעקומען אין די זומער־חדשים פון 1941.

ס׳איז געקומען דער ווינטער, אָבער אָן דעם דייטשס נצחון. די רוסן האָבן זיך פאַרפעסטיקט ביי מאָסקווע און אָנגעהויבן צוריקגעבן קלעפּ דער מעכטיקער דייטשער אַרמיי. דאָס הינטערלאַנד, ווו ס׳זענען געווען צעוואָרפן איבער די דערפער געווו. רוסישע סאָלדאַטן, האָט אָנגעהויבן עפּעס דערוואַרטן. פאַר דעם האָבן די דייטשן יאָ מורא געהאַט.

אין יאַנואַר 1942 גיבן זיי אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע קריגס־געפאַנגענע רוסן מוזן זיך מעלדן אויף אַ רעגיסטראַציע־פּונקט. צווישן דער סאָלדאַטן־מאַסע אין די דערפער גייט אָן אַ וויכוח: גיין, אָדער ניט גיין. אַ גרויסער טייל, ניט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, רעגיסטרירט זיך. זיי קומען אַלע צוריק אין זייערע דערפער.

דעם 15.2 ווערט אַרויסגעגעבן אַ צווייטער באַפעל מיט דראָאונגען, אַז ווער עס וועט זיך ניט רעגיסטרירן — וועט ווערן דערשאָסן.

דער איבערוויגנדיקער טייל געוו. סאָלדאַטן, זייענדיק אַפּאַטיש און פּעסימיסטיש צוליב דעם גאַנג פון קריג, קומען ווידער זיך רעגיסטרירן. אויך זיי שיקט מען צוריק אין זייערע דערפער.

ווען ביי די דייטשן איז אַלץ געווען פאַרטיק, אַלע רשימות צונויפגעשטעלט, רופן זיי ווידער (אין חודש מערץ) די גאַנצע סאָלדאַטן־מאַסע אויף אַ רעגיסטראַציע. נאָר דאָס מאָל ווערן זיי פאַרהאַלטן און מען שיקט זיי קיין דייטשלאַנד.

מיט דעם האָבן די דייטשן געשאָסן 2 האָזן מיט אַמאָל. ערשטנס, האָבן זיי באַזאָרגט די דייטשע קריגס־אינדוסטריע מיט אַ מאַסע שקלאַפן, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי דערוויטערט פון הינטערלאַנד אַן עלעמענט וואָס וואָלט שנעל געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרמיי קעגן דייטשלאַנד.

אָבער ניט אַלע קריגס־געפאַנגענע זיינען געגאַנגען זיך רעגיסטרירן. אַ גרויסע טייל האָט בעסער אויסגעקליבן אומקומען אויפן אָרט און ניט אַוועקגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד אויף קאַטאָרגע־אַרבעט. אין משך פון די 8־9 חדשים האָבן שוין אַלע מער־ווייניקער דערקענט די דייטשן און די באַציאונג צו די יידן האָט באַוויזן וואָס מען קאָן פון זיי דערוואַרטן.

אָטאָ די פאַרבליבענע רויטאַרמייער האָט געטריבן צו גיין אין וואַלד, כדי צו קעמפן פאַרן לעבן. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קליינע גרופּעס, כדי געמיינזאַם פירן דעם קאַמף.

הגר דאָס זיינען געווען מענטשן פון איין אַרמיי און פון איין דערציאונג, האָבן זיך צווישן זיי געפונען פאַרשיידענע טיפּן. ניט אַלע זיינען געקומען אין וואַלד מיטן זעלבן ציל. געווען צווישן זיי מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר זיך איין אויפגאַבע: דאָס לאַנד, דאָס פאָלק קעמפט קעגן די דייטשע באַנדיטן — זאָלן זיי ניט אָנטייל נעמען? איז מען אַוועק אין וואַלד קעמפן. דאָס זיינען געווען אמתע קאָמוניסטן און רוסישע פּאַטריאָטן. אָבער אַ גרויסער טייל איז געגאַנגען אין וואַלד כדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. אַזוי אַרום איז רויב און מאָרד געוואָרן ביי זיי אַ טאָג־טעגלעכקייט. נאָר די קליינע צאָל ערלעכע און פאַראַנטוואָרטלעכע האָבן זיך שטענדיק באַמיט צו שטעלן זיך בראש פון דער מאַסע און זי איינשפּאַנען אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דייטש.

אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע אין מירער ראַיאָן, ווען מיר זיינען אָנגעקומען: פיל קליינע גרופּן, אָפּגעזונדערט, וועלכע האָבן איין דאגה — ווי זיך בעסער צו באַוואָפענען און זען עס זאָל זיין וואָס צו עסן.

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג (אין וועלכער איך האָב אָנטייל גענומען) פון עטלעכע אַזעלכע גרופּן כדי זיך צו פאַראייניקן — האָט זיך גאָרניט באַקומען. די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט ניט געוואָלט קעמפן, פיינט געהאַט דיסציפּלין און בעסער זיך אויסגעלעבט אין אַ צושטאַנד פון הפקרות.

אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד

מיר, די געקומענע יידן, האָבן זיך גערופן אַרום יוזשעקן, ווייל הן פון מיליטערישן, הן פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, איז ער צו יענער צייט געווען אַן אויטאָריטעט מיט וועמען מען האָט זיך גערעכנט.

אונדזער אָטריאַד, וועלכער האָט זיך גערופן אויף יוזשעקס נאָמען, הייבט אָן זיך אָרגאַניזירן. עס ווערט איינגעשטעלט אַן אָנפירונג: אַ קאָמאַנדיר, אַ קאָמיסאַר און די אַנדערע אַמטן — ווי אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. מען נעמט זיך אויך צום באַוואָפענען. דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע, ווייל די מערהייט געקומענע אין וואַלד זענען אָן געווער.

די ערשטע פאָר וואָכן איז געגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט אויף דעם געביט. מיר האָבן זיך אַלע באַוואָפנט.

אַז דער אָטריאַד האָט זיך אַ ביסל אָרגאַניזירט און מיר האָבן זיך שוין צוגעפּאַסט צו די וואַלד־באַדינגונגען, באַקומען מיר אַ ידיעה, אַז פון שטעטל מיר זיינען אַרויס אַ 200 מענטשן און זיך צעוואָרפן אין די אַרומיקע וועלדער. אַ טייל פון זיי האָט געווער. מיר האָבן זיי אָפּגעזוכט. אַ פּאָר צענדליק ווערן אַריינגענומען אין אונדזער אָטריאַד. פאַר די אַנדערע איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגער, אונטער אונדזער אויפזיכט.

די פויערים פון מירער ראַיאָן האָבן אָנגעהויבן פילן אויף זיך די יידישע פּאַרטיזאַנקע, איבערהויפּט די וועלכע האָבן זייערע הענט איינגעטונקען אין יידיש בלוט. יעדער נאַכט פלעגן אַרויספאָרן גרופּן אויף פאַרשיידענע אויפגאַבן, דער עיקר — ברענגען שפּייז פאַר אַזאַ גרויסער מאַסע.

אַזוי האָבן מיר געלעבט אומגעפער אַ חודש צייט. פיל אויפגאַבן און דיווערסיע־אַקטן האָבן מיר דאַן אויסגעפירט: פאַרברענט מעלקערייען וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן דייטש, שפּייכלערס מיט תבואה. זיי האָבן אָנגעהויבן פילן אונדזערע קלעפּ.

פאַר אונדז איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו פאַרברענען די גאַנצע תבואה וואָס איז איינגעזאַמלט געוואָרן אין 3 גרויסע סטויגן ניט ווייט פון דעם הויף אָברינע.

מיין ערשטע אויפגאַבע

איך באַקום די אויפגאַבע אונטערצינדן די סטויגן און אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט לאָז איך זיך אַרויס פון וואַלד. אויף אַ דין ברעטל בין איך אַריבער דעם טייך אושע, וועלכער פאַלט

דאָרט אַריין אין ניעמאַן, ווייל די בריק איבערן טייך איז געווען אויפגעריסן.

איך גיי אַריין אין ערשטן הויז פון דאָרף, צום מילנער, כדי באַקומען אינפאָרמאַציע. עס איז זונטיק. ביים מילנער אין שטוב איז פול מיט געסט. מען עסט, מען טרינקט און מ׳איז זיך משמח, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, גלייך עס וואָלט קיין קריג ניט געווען. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אַפילו פאַרלאָרן: אין וואָס פאַר אַ וועלט בין איך אַריינגעפאַלן? אָבער דער בעל־הבית און די געסט האָבן זיך געכאַפּט אַז כ׳בין אַ פּאַרטיזאַנער. זיי לאַדן מיך איין צום טיש. טרינקען זאָג איך אָפּ. איך בייס עפּעס איבער און נאָכן באַקומען אייניקע ידיעות, לאָז איך מיך אַרויס פון מילנערס הויז אויסצופירן מיין אויפגאַבע.

איך גיי אַריין אין דאָרף, ווייל קיין אַנדערן וועג האָב איך ניט געהאַט. די פּויערים מיט די פּויערטעס זיצן אויף די פריזבעס פון זייערע הייזער און פאַרברענגען. איך גיי שנעל פאַרביי אייניקע הייזער און דאַן פאַרנעם איך זיך רעכטס, ווו ס׳איז געווען דער פּריצישער הויף אָברינע. דער וועג איז מיר אומבאַקאַנט. איך גיי ווי מען האָט מיר געשילדערט, ביז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. גיי איך דעם ריכטיקן וועג? האָב איך ניט פאַרבלאָנדזשעט? פּלוצלונג דערזע איך אויפן האָריזאָנט אַ שוואַרצן פלעק, איז מיר איינגעפאַלן אַז דאָס מוז זיין דער סאָד, הינטער וועלכן עס שטייען די סטויגן תבואה. דאָס האַרץ נעמט שטאַרקער קלאַפּן.

אָט בין איך שוין ביים סאָד. איך לייג זיך אַוועק אויף דער ערד איינצוהערן צי ס׳איז דאָ אַ וואַך ביי דער תבואה. איך רוק זיך פאָרויס, גיי איבער דעם וועג וואָס טיילט אָפּ דעם סאָד פון די פעלדער, לייג זיך ווידער אויף דער ערד. אָט בין איך שוין ביי די סטויגן. איך קוק זיך אַרום — ניטאָ קיינער. איך טראַכט: ווי אַזוי אונטערצינדן, איך זאָל נאָך האָבן צייט צו אַנטלויפן איידער זיי וועלן אין גיך דערזען דאָס פייער.

איך צי אַרויס פון סטויג אַ ביסל שטרוי, נעם אַרויס די שוועבעלעך און פּרוּוו אונטערצינדן. פון גרויס אויפרעגונג, צי פון ווינט, פאַרלעשט זיך די ערשטע און די צווייטע שוועבעלע. די דריטע צינדט זיך אָן — און די גאַנצע תבואה כאַפּט אַרום אַ ריזיקער פלאַם, פון וועלכן עס ווערט באַלויכטן די גאַנצע סביבה. איך הייב אָן לויפן, אָבער דער שטח איז באַלויכטן ווי בייטאָג. אין דעם מאָמענט עפנט זיך אַ פייער. די קוילן פייפן ביים אויער. איך פאַל און לויף, פאַל ווידער. דער שטח איז אַזאַ, אַז ס׳איז נישטאָ קיין איין ביימעלע, קיין נאַטירלעכע שוץ. אין דעם מאָמענט פיל איך, ווי כ׳קייקל זיך אַראָפּ פון אַ בערגל. איצט בין איך אויף אַ שטח, ווו דאָס פייער פון דער ברענענדיקער תבואה באַלויכט מיר ניט. אַ פרייד צעגיסט זיך אין מיין האַרץ. איך האָב מיין פּאַרטיזאַנער־אויפגאַבע אויסגעפירט. די ערשטע דיווערסיע־אַרבעט.

איך הויב אָן טראַכטן, ווי אַזוי קומט מען צוריק אין לאַגער. לויפנדיק, האָב איך פאַרלאָרן די אָריענטאַציע און איך ווייס ניט ווו איך געפין זיך. אָן אַ ציל גיי איך איבער פעלדער, לאַנקעס, נעם לויפן, ביז איך קום צו דער בריק וועלכע איך בין דורכגעגאַנגען. איך רוק זיך שנעל איבערן ברעטל און בין שוין אויף דער צווייטער זייט טייך.

איצט ווייס איך אַז די הויפּט־געפאַר איז פאַריבער. דאָ איז דער וועג אַ פרייער — און מיט אַ געפיל פון נצחון קער איך זיך אום צו מיין באַזע.

עס ווילט זיך וואָס שנעלער ראַפּאָרטירן דעם קאָמאַנדיר וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט. הגם מיין פּלאַן איז געווען אויסגערעכנט אויף 2 טעג, וויל איך שוין זיין אין לאַגער אין דער זעלבער נאַכט. אַ דאַנק דעם וואָס איך האָב זיך גוט אָריענטירט אין די וועלדער, געלונגט מיר טאַקע אין דער זעלבער נאַכט קומען בשלום צוריק.

מיט אַ געפיל פון פרייד און שמחה נעמען מיך אויף מיין פרוי, פאָטער און די פּאַרטיזאַנער.

אין דער פרי ראַפּאָרטיר איך דעם קאָמאַנדיר, אַז די אויפגאַבע איז אויסגעפירט. ער ענטפערט קורץ: „איך דאַנק דיר״.

די דאָפּלטע אויפגאַבע

מיטן אָנקומען פון די מירער יידן אין די אַרומיקע וועלדער, האָט זיך אונדזער לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. די פּאָליציי, ווייסנדיק אַז די יידן זיינען אַרויס פון געטאָ אומבאַוואָפנט, האָט אָן מורא אָנגעהויבן זוכן אין אַלע לעכער.

אין אַ סעפּטעמבער־טאָג פון יאָר 1942, איז אַ גרופּע פון אונדזער אָטריאַד, צוזאַמען מיט עטלעכע מירער יידן, אַרויס אויף אַ דאָפּלטער אויפגאַבע: ערשטנס, פאַרברענען אַ גרויסן גיט, וועלכער איז פול געווען מיט תבואה און די ספּירט־פאַבריק דאָרטן; צווייטנס, ברענגען שפּייז פאַר די מירער יידן. דער מאַרש איז געווען אַ ווייטער. דריי טעג זענען מיר געפאָרן אויף פיר פורן. אויפן וועג האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם שטעטעלע דערעווניע און פאַרברענט די מעלקעריי. בייטאָג, פלעגן מיר אין אַ זייטיקן כוטאָר איבערוואַרטן ביז נאַכט.

אָט זיינען מיר געקומען ניט ווייט פון דעם אָרט פון אונדזער אויפגאַבע. דאָס איז געווען אַ סמאָליניע, וועלכע האָט אַמאָל געהערט צו אַ יידן. איצט, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך דאָ געפונען קריסטן.

דערזעענדיק אַז צווישן די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך אַ סך יידן, האָבן די איצטיקע בעלי־בתים אונדז געזאָגט, אַז די געוו. יידישע אייגנטימער באַהאַלטן זיך דאָ אויס. דאָס האָט שטאַרק אינטערעסירט אונדזער חברה און מיר האָבן געבעטן די קריסטן זיי זאָלן איבערגעבן די יידן אַז מיר ווילן זיי זען.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ס׳האָבן זיך באַוויזן עטלעכע דערשראָקענע, צעטומלטע יידן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן, אַז מען באַהאַנדלט זיי ניט שלעכט. קיין חשק מיט אונדז מיטצוגיין האָבן זיי ניט געהאַט. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און אַוועק אויסצופירן אונדזער אויפגאַבע. ניט ווייט פון פאָלוואַרק זיינען זיי געבליבן שטיין.

דער קאָמאַנדיר גיט איבער אין קורצן ווי די לאַגע זעט אויס. אין הויף געפינען זיך 71 דייטשן מיט פּאָליציי. אונדזער אויפגאַבע: פאַרברענען די תבואה, צעברעכן די מאַשינען פון דער ספּירט־פאַבריק, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די פּראָדוקציע.

נאָכן איבערקוקן דאָס געווער און פעסטשטעלן נאָך איינצלהייטן, זענען מיר אין פולער מיליטערישער אָרדענונג דערגאַנגען צום ראַנד פון וואַלד און דערזען דעם אָביעקט פון אונדזער אויפגאַבע.

ס׳איז שוין געווען האַלבע נאַכט. אַ דאַנק דער לבנה האָבן מיר דייטלעך געזען יעדן פּרט. הגם די נאַכט איז ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ אויפגאַבע, זיינען מיר דאָך געגאַנגען, פאָרויס.

מיר גייען אין פולער מיליטערישער גרייטקייט. די ביקסן געלאָדן. נאָר מיר האָבן געהאַט גרויס גליק. די דייטשן מיט דער פּאָליציי זיינען יענעם טאָג אַרויסגעפאָרן, דער גיט איז געווען פּוסט.

מיר זיינען אַריין אין קאַנצעלאַריע, פאַרניכטעט אַלע פּאַפּירן, צעבראָכן די הויפּט־מאַשין פון דער ספּירט־פאַבריק און נאָכן פאַרלאָדן פאַר אונדז די 4 פורן מיט תבואה — זיינען מיר אַוועק געפאָרן.

ווען אונדזערע פורן זיינען שוין געווען אין וואַלד, זיינען

נאָך אין גיט פֿאַרבליבן עטלעכע פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן אונטערגעצונדן די ריזיקע שפּייכלערס מיט תבואה.

מיט אַ געפֿיל פֿון נצחון קערן מיר זיך אום צוריק.

מיר פֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט מיטן וואַלד. פֿאַרטאָג זיינען מיר אַריין אין אַ דאָרף און דאָרט זיך אָפּגערוט. די פּויערים זיינען געווען צעטומלט פֿון דער ריזיקער שריפֿה, וועלכע מען האָט געזען אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום. זיי האָבן ניט געוווּסט ווער עס האָט דאָס געמאַכט, די פּאַרטיזאַנער אָדער די דייטשן, וועלכע פֿלעגן פֿאַרברענען גאַנצע דערפֿער.

מיר האָבן אין דעם דאָרף אָפּגעגעסן, געמאַכט אַ „באָמביאָזשקע" (אָנגענומען פּראָוויאַנט), אויך גענומען אַ קו פֿאַר די מירער יידן. פֿול מיט פֿרייד פֿאָרן מיר צוריק.

אויפֿן פֿאַראָם אין קריניצנע ווו מיר האָבן זיך איבערגעשיפֿט איבערן ניעמאַן, טרעפֿן מיר אַסך פּאַרטיזאַנער, וועלכע גראַטולירן אונדז פֿאַר דער דורכגעפֿירטער אויפֿגאַבע.

דער איבערפֿאַל אויפֿן וואַלד־לאַגער פֿון די מירער יידן

פֿאַרנאַכט קומען מיר אָן אין דעם לאַגער פֿון די מירער יידן. די מירער וועלכע זיינען מיט אונדז מיטגעפֿאָרן, זיינען צוזאַמען מיט די שפּייז געבליבן ביי זיך. מיר, יוזשעקס אָטריאַד, זיינען אַוועק אויף אונדזער באַזע, וועלכע האָבן זיך דאַן געפֿונען אומגעפֿער 4־5 ק"מ ווייטער.

מיר האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אויסגערוט פֿון ווייטן וועג, ווי אַ שטאַרקע שיסעריי פֿון דער ריכטונג פֿון מירער לאַגער האָט אָפּגעהילכט איבערן וואַלד. מיר האָבן ניט געוווּסט און ניט געקענט זיך פֿאַרשטעלן וואָס קומט דאָ פֿאָר.

אַלע האָבן זיך גלייך צעלייגט אין פֿאַרטיידיקונג. נאָכן אָפּוואַרטן אַ פּאָר שעה, זיינען מיר אַרויס אין דער ריכטונג פֿון וואַנען עס זיינען געקומען די שאָסן. נישט ווייט פֿון לאַגער האָבן מיר באַגעגנט עטלעכע דערשראָקענע יידן, וועלכע האָבן אונדז דערציילט אַז ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען אין לאַגער דערהערט פֿאָרן אויפֿן פֿערעסיעק און אַז עס קומט דאָרט פֿאָר אַ שטאַרקע באַוועגונג.

דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער וואַך, חיים ליס, האָט געפֿרעגט: „ווער איז דאָס," האָט מען געענטפֿערט „אייגענע"! ווען ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט, מיינענדיק אַז דאָס זיינען פּאַרטיזאַנער, האָט מען אויף אים געעפֿנט אַ פֿייער. ער און נאָך אַ מיידל זיינען געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט. די אַנדערע יידן, אין אַ צאָל פֿון אַ 150, האָבן איבערגעלאָזט אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט און זיך צעלאָפֿן איבערן וואַלד.

מיט אַ טריאומף־מאַרש האָט זיך צוריקגעקערט די פּאָליציי נאָך איר געלונגענער אָבלאַווע אויף די מירער יידן. די פּאָליציי איז געפֿאָרן איבער די דערפֿער און געוויזן דאָס האָב־און־גוטס וואָס זיי האָבן צונויפֿגעקליבן פֿון דעם וואַלד־לאַגער, ווען די יידן זיינען זיך צעלאָפֿן. גלייכצייטיק האָבן זיי געהעצט און געדראָט די פּויערים ניט צו שטיצן די וואַנדערנדיקע יידן אין די וועלדער.

ווען מיר, יוזשעקס אָטריאַד, זיינען צוגעקומען צום מירער לאַגער און געזען אַז די פּאָליציי איז אַריינגעקומען אין אַזאַ אָרט אין וואַלד, וואָס זי האָט ביז איצט ניט געוואַגט דאָס צו טאָן, דערצו נאָך מיט אַזאַ דערפֿאָלג, האָט עס אונדז אַלעמען דערשלאָגן. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ זיינען מיר געבליבן שטיין ביים קערפּער פֿון חיים ליס, וועלכער איז מיט אַ נאַכט פֿריער געפֿאָרן מיט אונדז דורכפֿירן אַן אויפֿגאַבע. איצט איז ער געלעגן פֿאַר אונדז אַ דערשאָסענער, מיט אַ קויל אין קאָפּ.

סאַשקע רייסט איבער דאָס שטילשווייגן און זאָגט: „איך קוק אויף אים און זע זיך אַליין". אַזויפֿיל אַפּאַטיע און צערודערונג האָט די געשעעניש אַרויסגערופֿן. סאַשקעס פּראַזע האָט סימבאָליזירט די לאַגע פֿון יעדן איינעם פֿון אונדז.

מיר זיינען פֿאַרבליבן אין לאַגער אַ פּאָר שעה.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿזאַמלען די יידן פֿון לאַגער, נאָך דעם ווי די שיסעריי האָט אויפֿגעהערט. אָבער יוזשעק איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס איצט צו טאָן: איבערלאָזן די יידן, צי ניט. די יידן אַליין האָבן געזען, אַז אויך אויף יוזשעקן איז ניטאָ וואָס צו פֿאַרלאָזן זיך, האָט מען זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין קלענערע גרופּעס און זיך צעשאָטן איבערן וואַלד. אַ טייל איז אַוועק אין די מיראַנקער וועלדער, אַ צווייטע — אין די בערשטאַנער וועלדער. אָבער די מערהייט איז פֿאַרבליבן אין די זאַמאָסטאָווטשיזנער וועלדער.

די באַוואָפֿענונג איז געווען אַ בישטיקע. די גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען געווען מיט אָסוואַלדן *, האָבן אין זייער רשות געהאַט דאָס ביסל געווער. זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן זייערע נאָענטסטע און אַוועק אַלס אַ באַוואָפֿנטע גרופּע. דערפֿאַר האָט מען זיי גערופֿן די „וואָראָזשאָניע" (באַוואָפֿנטע). די אַנדערע זיינען געבליבן אין וואַלד אויף גאָטס באַראָט, אָן געווער. יעדער האָט אַליין געזאָרגט פֿאַר זיך. מען פֿלעגט אַרויסגיין איבער ד' דערפֿער און אין מיטן העלן טאָג גיין פֿון שטוב צו שטוב און בעטלען.

דאָ מוז געזאָגט ווערן צום שבח פֿון די פּויערים פֿון יענע דערפֿער, אַז זיי זיינען ניט מיד געוואָרן צו געבן. אין משך פֿון איין טאָג פֿלעגן זיך ווייזן ביים זעלבן פּויער אַ צענדליק יידן און ער האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט: דעם אַ ביסל קאַרטאָפֿל, דעם אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך א. א. וו. ניט איין מאָל פֿלעגן די פּויערים אויסבאַהאַלטן יידן, ווען זיי האָבן געזען אַז עס דראָט זיי אַ געפֿאַר. ווען עס פֿלעגט זיך גרייטן אַן „אָבלאַווע", האָבן די סאָלטיסן פֿון די דערפֿער אָנגעזאָגט מען זאָל זיין גרייט.

דער „מאַרש אויף ניעסוויזש"

אַזוי האָבן די יידן זיך צוגעפּאַסט צו די וואַלד־באַדינגונגען. די אַנטיסעמיטן צווישן אונדזער אָנפֿירערשאַפֿט האָבן אָבער אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי זיך דערווייטערן פֿון די יידן און פֿון דעם אָרט ווו די מירער האָבן זיך געפֿונען.

און זיי האָבן צוגעטראַכט אַ פּלאַן, וועלכער האָט געהייסן: „מאַרש אויף ניעסוויזש".

שבת, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה 1942, האָט מען דורכגעפֿירט אַ „סאָרטיראָווקע" אין אָטריאַד. די ייִנגערע מיט געווער אין האַנט האָבן זיי גענומען צו זיך און די וועלכע האָבן געהאַט פֿרויען אָדער עלטערן, האָט מען איבערגעלאָזט אויפֿן אָרט מיטן צוזאָג, אַז מען גייט אויספֿירן אַ גרויסע אויפֿגאַבע, דעריבער בלייבן דאָ די מענטשן אומגעפֿער ביז 10 טעג.

מיך האָט די אָנפֿירערשאַפֿט געצוווּנגען איבערצולאָזן מיין פֿרוי און פֿאָטער און גיין מיט זיי. איך האָב קיין אויסוועג ניט געהאַט און בין געגאַנגען.

דעם 2טן טאָג ראש־השנה 1942 זיינען מיר 36 מאַן אַרויסגעגאַנגען פֿון אונדזער באַזע, אין דער ריכטונג פֿון ניעסוויזש.

---

* אָסוואַלד רופֿאייזן, געוו. חלוץ, בעת דער אָקופּאַציע געווען קאָמענדאַנט פֿון דער דייטשער פּאָליציי אין מיר (ער איז אָנגעגאַנגען ביי די דייטשן אַלס פֿאָלקסדויטש), נאָכן אַנטדעקן אים, באַהאַלט ער זיך אויס אין אַ מאָנאַסטיר, דערנאָך קומט ער אין וואַלד. היינט איז אָסוואַלד רופֿאייזן אַ גלח אינעם קאַרמעליטן־קלויסטער אין חיפֿה, ווייל ער איז איבערגעגאַנגען אויפֿן קאַטוילישן גלויבן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך אַ מאַרש פון 3 נעכט (בייטאָג פלעגן מיר זיך פאַרשטעקן), זיינען מיר אָנגעקומען אין ניעסוויזשער געגנט, אונדזער געבורטאָרט ווו מיר זיינען געוואָרן דערצויגן, געלערנט און די ערשטע טריט אין לעבן געשטעלט. יעדער טראָט דאָ איצט האָט דערמאָנט אין יענע יאָרן, ווען יידיש לעבן האָט נאָך עקזיסטירט. היינט איז אַלץ פאַרוויסטעט, בלויז די גריבער אַרום דער שטאָט האָבן עדות געזאָגט וועגן גרויסן אומגליק... מיר זיינען ווידער פאַרבייגעגאַנגען דער „טאָז"־קאָלאָניע און אַריין אין דער ציגעלניע „פאָהולאַנקע". דאָ איז אונדזער קאָמאַנדיר איינגעפאַלן מיר זאָלן נעכטיקן אין שייער, אויפן סאַמע וועג וואָס פירט פון ניעסוויזש קיין שעלאָוויטש, ווו ס'איז געווען אַ גרויסער פאָליציי־גאַרניזאָן. פאַרטאָג האָבן מיר דעם שייער פאַרלאָזן און זיך געלאָזן אין דער ריכטונג פון ווינקלעראַוושטשינע, ווו מיר האָבן געדאַרפט, לויט אונדזער פלאַן, צונעמען די קאַסע פון דער לעשניצטווע.

מיר זיינען דאָ געווען עטלעכע אַנטרונענע יידישע פאַרטיזאַנער, וועמעס האַרץ האָט געלעכצט נאָך נקמה פאַר דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען די לויערונג 4 ק"מ פון סטאָלבצער טראַקט, ניט ווייט פון ד"ר גינסבורגס ווילע.

די לויערונג האָט זיך טיילווייז איינגעגעבן. מיר האָבן צעקלאַפּט אַ דייטשן אָנגעלאָדענעם לאַסט־אויטאָ — די ערשטע געוואַגטע דיווערסיע־אַרבעט נעבן ניעסוויזש. אויף דעם אָרט זיינען גלייך אָנגעקומען פאָליציי און דייטשן, אָבער מיר זיינען שוין דאָרט ניט געווען. מיר זיינען אָפּגעטראָטן און פאַרלייגט אונדזער לאַגער נענטער צו דער שטאָט, און רודאָווקער וואַלד. ביינאַכט האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין.

מיין האַרץ האָט פאָרויסגעזאָגט ניט קיין גוטס. איך האָב גוט געקענט די פויערים אין דער געגנט, כ'האָב געדענקט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן זיי אַקטיוו געהאָלפן אויסראָטן דעם יידישן ישוב. ניט אַנדערש, די זעלבע פויערים וועלן פירן די דייטשן אויף אונדזערע שפורן.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער לעשניצטווע. פלוצום הערן מיר אַ שאָס. איך זאָג דעם קאָמאַנדיר: „יוזשעק, דער שאָס איז אַ צייכן אַז מיר זיינען דאָ". ער לאַכט מיך אויס: „עס איז ניט ריכטיק". פון אַ גאַנצער נאַכט שיכורן און צופרידן פון ערשטן דערפאָלג ביים צעקלאַפּן די מאַשין, פירט ער די מענטשן ביז דער לעשניצטווע. מיר ברעכן אויף עטלעכע ברעטער אין פאַרקאַן און באַקומען זיך אַריין אינעווייניק. אין דעם מאָמענט עפנט מען אויף אונדז אַ פייער.

בערל אַלפעראָוויטש דער איינציקער פולעמיאָטשיק, דעקט אונדזער צוריקטריט און מיר גייען פון דאָרט אַוועק אָן פאַרלוסטן.

עטוואָס ווייטער מאַכן מיר אָן אומגעלומפּערטע „זאַסאַדע" אויף דער פאָליציי אין אַן אַלטן, שיטערן וואַלד. די פאָליציי דערשנאַפּט אונדז, רינגלט אַרום און עפנט אַ שטאַרק פייער. מיר האָבן אָפּגעענטפערט, אָבער זיי זיינען געווען פיל מער פון אונדז, אויך זייער פייער איז געווען שטאַרקער. מיר זיינען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד איינעם פון די ערשטע גרינדער פון אונדזער אָטריאַד, בערל אַלפעראָוויטש.

— איך שטאַרב. יוזשעק. ראַטעווע! — דאָס זיינען געווען בערלס לעצטע ווערטער.

די צווייטע גרופּע איז צוריק געקומען אין אַ פּאָר שעה אַרום אויפן זעלבן פּלאַץ — און דאָרט, ניט ווייט פון ווינקלעראַוושטשינע, האָט בערל געפונען זיין אייביקע רו. די חברים האָבן אים קובר געווען.

מיר זיינען דאַן צעטיילט געוואָרן אין צוויי גרופּן, נאָר איינע האָט ניט געוווּסט דעם גורל פון דער צווייטער.

אונדזער גרופּע (14 מאַן) מיטן קאָמאַנדיר יוזשעק זיינען אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג אין אַ געדיכטן יונגן וואַלד. ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער, זיינען מיר פון דאָרט אַוועק. צעקלאַפּטע, דערשלאָגענע, האָבן מיר גענומען ציען צו אונדזער אַלטער פאַרטיזאַנער־באַזע אין מירער ראַיאָן, ביים ברעג פון טייך ניעמאַן, דאָרט ווו מיר האָבן איבערגעלאָזן אונדזערע פאַמיליעס.

אויך דער וועג צוריק איז ניט געווען קיין לייכטער. מ'האָט ווידער געדאַרפט דורכגיין די אייזנבאַן־ליניע און דעם הויפּטשאָסיי באַראַנאָוויטש־סטאָלבצי וועלכע זיינען געווען שטאַרק באַוואַכט.

דריי נעכט האָט געדויערט דער מאַרש. אָבער אַמשווערסטן איז געווען דאָס אויסבאַהאַלטן זיך בייטאָג.

טיף אין זכרון איז איינגעקריצט יענער טאָג, ווען מיר זיינען געשטאַנען אין אַ שיטערן וועלדל צווישן דער באַן־ליניע און שאָסיי. הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע האָבן מיר זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, דער שניידיקער ווינט האָט דורכגענומען מיט אַ ביטערער קעלט. פונאַנדערלייגן אַ פייער האָט מען ניט געטאָרט צוליב דער שיטערקייט פון וואַלד. ס'איז געווען דער טאָג פון ערב יום כפור, ווען יידן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן זיך געגרייט צו כל־נדרי. יעדער פון אונדז האָט שטילערהייט געלאָזט אַ טרער, דערמאָנענדיק זיך, אַז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָבן מיר נאָך געהאַט אונדזערע היימען און משפחות — און איצט זיינען מיר דערשלאָגענע, פאַרמאַטערטע, הונגעריקע יידן.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס וועלדל און נאָך אַ פּאָר שעה אָנגעקומען אין מירער ראַיאָן. דאָ האָבן מיר זיך געפילט ווי אין דער היים.

גאַנץ פרי האָבן מיר געטראָפן אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן אין צווישן־צייט געביטן דעם לאַגער. שפּעטער איז אָנגעקומען אונדזער צווייטע גרופּע פון דער ניט געלונגענער אויפגאַבע.

די מערהייט פאַרטיזאַנער איז געווען שטאַרק ברוגז אויף דער אָנפירערשאַפט, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין לייכטזיניקייט.

יוזשעק פאַרלאָזט אונדז

דער פּרעסטיזש פון קאָמאַנדיר יוזשעק מאַרכווינסקי איז שטאַרק געפאַלן. קיינער האָט זיך מער ניט געהאַלטן געבונדן, אַז יוזשעק מוז זיין דער עלטסטער. אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג. ס'האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע גרופּן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן נעמט יוזשעק זיין גרופּע און צווינגט די איינצלנע יאַטן גיין מיט אים. ער איז אַוועק, איבערלאָזנדיק די אַנדערע אויף הפקר.

אַלע פאַמיליע־מענטשן זיינען געבליבן. וואָס זאָלן זיי טאָן? איז אויפגעשווומען אַ געדאַנק: אַזוי ווי דאָס געווער וואָס יעדער האָט געהאַט איז געבליבן ביי אים, זאָל מען זיך אָרגאַניזירן אין אַ גרופּע, אַוועקגיין טיף אין וואַלד, אויסבויען אַן ערד־הייזל (זעמליאַנקע), אָנגרייטן שפּייז — און אַזוי איבערווינטערן.

צווישן די איבערגעבליבענע פאַמיליע־מענטשן האָט זיך געפונען דער ייד גאָלדבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון פּויזן.

ער איז געקומען אין וואַלד פון ניעסוויזשער געטאָ, צוזאַמען מיט משה ליאַכאָוויצקי. גאָלדבערג האָט זיך אָנגעגעבן

אַלס גרויסער מומחה צו בויען זעמליאַנקעס. אַרום אים האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַלע איבערגעבליבענע.

צוויי ניעסוויזשער פאַמיליעס זיינען אַריין אין אַ סכראָן, וועלכן זיי האָבן פריער צוגעגרייט. ווען מיין שוועגערין האָט זיי געבעטן זי אַריינלאָזן, האָט מען איר געענטפערט מיט זידלערייען: „גיי אַוועק, אַ נישט וועט מען דיך דערמאָרדן".

זי איז אַ פאַרצווייפלטע אַוועק און — אומגעקומען. אָבער אַז יאַנקל ליפשיץ איז דערנאָך צוגעלאָפן צו דעם סכראָן און געדראָט, אויב מען וועט אים ניט אַריינלאָזן וועט ער זיי מסרן, איז פאַר אים געוואָרן אַן אָרט. אַלע האָבן זיך געראַטעוועט.

ווען איך האָב געטראָפן די יידן אין וואַלד, האָט מיר די דאָזיקע געשיכטע שטאַרק וויי געטאָן און איך פלעג זיי פאַרוואַרפן, אַז זיי האָבן אויף זייער געוויסן דעם טויט פון מיין שוועגערין. דעריבער האָבן זיי געזוכט אַ געלעגנהייט צו דערווייטערן זיך פון אונדז — און די געלעגנהייט איז געקומען. אויך די צוויי פאַמיליעס האָבן צונויפגעזאַמלט אַרום זיך די פאַרבליבענע מענטשן און מיט זיי אַוועק, איבערלאָזנדיק בלויז אונדז דריי אין וואַלד.

איך האָב זיך אָבער ניט פאַרלאָרן, ניט געפילט אין דעם קיין אומגליק. איך האָב בלויז געטראַכט: וואָלט אויך איך געקענט אַזוי האַנדלען? אָבער טיף אין האַרצן האָב איך געמיינט, אַז גוט וואָס ס'האָט אַזוי פאַסירט. איך וועל זיין וואָס ווייטער פון די וועלכע מיר האָבן באַטראַכט פאַר אונדזערע גוטע פריינד.

מיר זיינען אַוועק צו די מירער יידן זעען פון דער נאָענט ווי זעט אויס זייער לעבן. מיר לאָזן דאָרט איבער דעם טאָטן. איך מיט עלקען לאָזן זיך קיין מיראַנקע, אַ 7 ק"מ פון זאַמאָסטאָוושטשינע, צו טרעפן זיך מיט אונדזער באַקאַנטן פון יוזשעקס אָטריאַד — אפרים סינדער.

איך באַגעגן אים ניט ווייט פון וואַלד און מיר ביידע פירן אַדורך די ערשטע „באָמביאָזשקע" אין דערבייאיקן דאָרף. גאַנץ פרי קערן מיר זיך אום צופרידענע און מיר גלויבן, אַז מיר וועלן זיך איינאָרדענען ניט ערגער פון אַלע אַנדערע.

מיר קלייבן זיך צוזאַמען און גייען צוריק אין זאַמאָסטאָוושטשינע, ווייל דאָרט האָט מען זיך געפילט זיכערער, ס'איז געווען ווייט פון אַ פּאָליציי־סטאַציע.

די זיכערקייט אין זאַמאַסטאָוושטשינע איז אויך געווען אַ גרעסערע דערפאַר, ווייל יוזשעק מיט זיין אָטריאַד זיינען אַוועק פון דעם ראַיאָן.

אין שטעטעלע יערעמיטש האָבן די דייטשן איינגעשטעלט אַ פּאָליציי־סטאַציע, פון וועלכער זיי האָבן געקענט קאָנטראָלירן אַלע וועגן אַרום און ניט דערלאָזן קיין פּאַרטיזאַנערטעטיקייט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אַנדערע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, פון יענער זייט ניעמאַן, האָבן אין איין נאַכט צעקלאַפּט און פאַרברענט די פּאָליציי־סטאַציע צוזאַמען מיטן שטעטעלע.

דאָס האָט ראַדיקאַל געענדערט די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין דעם ראַיאָן. די יידן אין זאַמאָסטאָוושטשינע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט, מען האָט זיך געפילט עטוואָס זיכערער ווי פריער.

אין זעמליאַנקעס

ווען מיר זיינען צוריק געקומען פון די מיראַנקער וועלדער קיין זאַמאַסטאָוושטשינע, האָבן מיר זיך גלייך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון 14 מאַן. מ'האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו ווינטער. עס איז שוין געווען אָקטאָבער 1942. די ערשטע זאַך איז געווען: אויסזוכן אַ פּלאַץ אין וואַלד, ווו מיר זאָלן מאַכן אונדזער זעמליאַנקע. נאָך אַ פּאָר טעג זוכן האָבן מיר באַשטימט דאָס אָרט און גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דעם באָדן האָבן מיר געמוזט האַקן מיט העק.

10 טעג האָט געדויערט ביז מיר האָבן אויסגעהאַקט די גרוב — 8 מעטער די לענג און 3 מעטער די ברייט. מיר פלעגן אינטענסיוו אַרבעטן ביז מיטאָג און דערנאָך זיך אַרויסלאָזן פון וואַלד אויף אַ „באָמביאָזשקע" אין איינעם פון די אַרומיקע דערפער. פאַר די פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט זיינען מיר נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אַלס קעמפערס פון יוזשעקס אָטריאַד, ווען מיר פלעגן זיך מיט זיי טרעפן אונטערוועגס.

אונדזער פּלאַן איז געווען אָנצוזאַמלען שפּייז אויף די שווערע ווינטער־חדשים, ווען דאָס אַרויספאָרן וועט ווערן אוממעגלעך צוליב די שפּורן אויפן שניי און דער סכנה אַנטדעקט צו ווערן דורך דער פּאָליציי און דייטשן. אין משך פון אַ קורצער צייט געלונגט אונדז אָנצוזאַמלען גענוג עסנוואַרג. מיר באַוועגן זיך פריי אין דער גאַנצער געגנט.

אין דעם רוב פאַלן זיינען מיר געווען ניט מער ווי 5 מאַן מיט 3 ביקסן, וואָס 2 פון זיי פלעגן זיך פאַרהאַקן שוין ביים ערשטן שאָס. מיר גייען אַריין אין אַ דאָרף, אָפּטמאָל אַ שטאַרק פיינדלעכן וואָס ניט אין פויער דאָרטן האָט פרייוויליק געדינט אין דער פּאָליציי. אָבער מיר באַלעבאַטעווען אין דעם דאָרף. מיר נעמען אַלץ וואָס איז נייטיק. קיינער שטעלט זיך ניט קעגן. דאָס גאַנצע דאָרף איז רואיק. מען הערט ניט אַפילו קיין בילן פון אַ הונט, ווייל מיר פלעגן תמיד פאַראָרדענען אַז מ'זאָל צונעמען די הינט, אויב ניט וועלן מיר זיי דערשיסן.

מיר פלעגן ריידן צווישן זיך: אָט דאָס איז דער כוח פון געווער. 5 יידן מיט 3 ביקסן — און גאַנצע דערפער פויערים האָבן מורא געהאַט, קיינמאָל זיך ניט קעגנגעשטעלט און אַנטקעגן געטראָגן וואָס מען האָט פאַרלאַנגט.

אין זאַמאַסטאָוושטשינע איז געווען אַזאַ לאַגע: די עטלעכע גרופּן וועלכע האָבן געהאַט געווער, האָבן געהייסן „וואָראָזשאָנניע" (באַוואָפנטע). זיי זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אָסוואַלדן. אויסער דעם איז ביי זיי געבליבן געווער וואָס אָסוואַלד האָט אַריינגעשמוגלט אין געטאָ. די גרופּן האָבן פאַר יעדן פרייז זיך געוואָלט דערווייטערן פון דער אומבאַוואָפנטער מאַסע, די משפּחות. האָבן זיי פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי גייען אַוועק אויף יענער זייט ניעמאַן, בעת אין דער אמתן האָבן זיי אויסגעקליבן אַן אָרט ניט ווייט פון די אומבאַוואָפנטע, אין אַ יונגן סאָסנאָוון וועלדל, געמאַכט זיך אַ גרויסע זעמליאַנקע און געוואָלט זיך אָפּשליסן פון אַלעמען. די צווייטע זעמליאַנקע איז געווען אונדזערע. אַ מרחק פון אַ האַלבן קילאָמעטער האָבן זיך אויסגעגראָבן אַ זעמליאַנקע די אומבאַוואָפנטע. פאַקטיש איז דאָס געווען אַ נאָרע, ווייל זיצן דאָרט האָט מען ניט געקענט. זייער זעמליאַנקע האָט געהייסן „אָבשטשע" (אַלגעמיינע). דאָרט איז מען ניט געווען אָרגאַניזירט. יעדער איינער פלעגט פאַר זיך שאַפן עסן, אָן שום דיסציפּלין, אָן פליכטן — ממש הפקר.

פּאַרטיזאַנער מאָרדן יידן

דעם גורל פון ליאַכאָוויצקין און גאָלדבערגן ווייסן מיר ניט. אין אַ פּראָסטיקן טאָג קומט צו אונדז איינער פון די יידן פון דער אַלגעמיינער זיעמליאַנקע און דערציילט, אַז פּאַרטיזאַנער האָבן געשאָסן צוויי בחורים פון יענער גרופּע: גאָלדשטיין און ישראל רעזניק. מיר זיינען אויפגעציטערט געוואָרן: פאַר וועמען דאַרף מען איצט זיך היטן — פאַר די דייטשן אָדער פאַר די פּאַרטיזאַנער?!

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ברענגט מען אַ ידיעה, אַז ווידער זײַנען געפֿאַלן 2 בחורים פֿון פּאַרטיזאַנישע הענט.

אין אַ פֿראָסטיקן פֿעברואַר־טאָג פֿון יאָר 1943 הערן מיר קלאַפּן צו אונדז אין זיעמליאַנקע: „פּאַרפּעל, פּאַרפּעל". מען רעדט ייִדיש. מיר גייען צו, אויבן שטייען ליאַכאָוויצקי מיט זײַן טאָכטער פֿריידל, יאַנעק אַבראַמסקי מיט זײַן פֿרוי און בעטן זיך: „לאָזט אונדז אַרײַן. פּאַרטיזאַנער זײַנען אונדז באַפֿאַלן. אַלע אונדזערע יונגע בחורים האָבן זיי דערשאָסן, מיר זײַנען קוים אַנטלאָפֿן מיטן לעבן".

מיר האָבן זיי גלײַך אַרײַנגעלאָזט און אויפֿגענומען ווי אייגענע ברידער און שוועסטער. קיין איבעריקער פּלאַץ איז בײַ אונדז ניט געווען, אויך די זאַפּאַסן האָבן געהאַלטן בײַם אויסגיין. אין יענער צײַט זײַנען מיר שוין ניט געפֿאָרן אין די דערפֿער. קיין ברויט האָבן מיר ניט געהאַט, בלויז אַ ביסל קאַרטאָפֿל און גרויפּן. מיר האָבן זיך געטיילט מיט די נײַגעקומענע מיטן לעצטן ביסן. מיר פֿלעגן קאָכן 2 מאָל אין טאָג: באַגינען, ווען ס'איז נאָך געווען פֿינצטער און אין אָוונט. געקאָכט האָט מען אויף אַן אויוועלע פֿון אייגענע פּראָדוקציע.

די ווינטער־חדשים יאַנואַר און פֿעברואַר 1943 זײַנען מיר כּסדר געזעסן אין זיעמליאַנקע. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט ווער פֿון אונדז זיך אַרײַנכאַפּן אין נאָענטסטן דאָרף לוזשע כּדי צו הערן וואָס טוט זיך אַרום. דאָס האָבן מיר געטאָן נאָר בעת אַ גרויסן שניי, נאָך וועלכן די פֿוסטריט זענען גלײַך פֿאַרווישט געוואָרן.

דערווײַל האָט די לאַגע זיך געביטן. די קליינע גרופּן פּאַרטיזאַנער זײַנען אויסגעוואַקסן אין גרויסע אָטריאַדן, נאָר מיט אָפֿענע, אַנטיסעמיטישע טענדענצן. קיין ייִדן האָבן זיי ניט אַרײַנגענומען. צו דעם איז צוגעקומען אַן אומגליקלעכער פֿאַל, וואָס האָט די אַלע אַנטיסעמיטן געגעבן אַן אויסרייד צו מאָרדן ייִדן.

ווינטער־צײַט 1943 האָט אַ גרופּע ייִדן, געוועזענע אײַנוווינער פֿון דאָרף קריניצע זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ זיעמליאַנקע ניט ווײַט פֿון דעם דאָרף. גייענדיק בײַנאַכט נאָך שפּײַז, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רוסישן פּאַרטיזאַן מיצקע. צווישן די ייִדן און דעם פּאַרטיזאַן אַנטוויקלט זיך אַ שאַרפֿער ויכּוח. מיצקע מאַכט זיי פֿאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע פֿאָרווּרפֿן. איינער פֿון די דרײַ ייִדן, זעענדיק אַז מיצקע וויל זיי טעראָריזירן, הייבט אויף זײַן שטעקן און דערלאַנגט דעם רוס איבערן קאָפּ. אין דעם מאָמענט פֿאַלט אים אַרויס דער אַווטאָמאַט. די ייִדן כאַפּן אים צו און אַנטלויפֿן, איבערלאָזנדיק מיצקען אין וואַלד. אַז מיצקע קומט צו זיך און קערט זיך אום צו זײַנע חברים, דערציילט ער זיי די געשיכטע — אָבער אין פֿאַרקערטן נוסח: אַז די ייִדן זײַנען אים באַפֿאַלן און צוגענומען די ביקס.

עס הייבט זיך אָן אַן אָרגאַניזירטער קאַמף קעגן אַלע ייִדן, ווײַל אין וואַלד האָט געהערשט אַ געזעץ, אַז אַלע זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איינעם. וועלכן ייִד מען טרעפֿט בײַנאַכט אין דאָרף, ווערט דערמאָרדעט. מער ווי אַלץ איז זיי געגאַנגען אין געפֿינען דעם אַווטאָמאַט, אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען, ווי אויך ניט די גרופּע קריניצער ייִדן.

ווער ווייסט צו וויפֿל נאָך קרבנות דער צעווילדעוועטער מיצקע וואָלט דערפֿירט, ווען עס טרעפֿט ניט דער פֿאַל: איין מאָל איז ער אַרויס פֿון לעשניטשיס הויז, איז אָנגעפֿאָרן אַן אָבאָז מיט פֿורן. אויף זײַן פֿראַגע: „ווער איז דאָס?" ענטפֿערן זיי: „פּאַרטיזאַנער". זיי פֿאָרן צו נאָענט, עס דערהערט זיך אַ שאָס און מיצקע גיט אַ פֿאַל ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

די ייִדן אָטעמען אָפּ. ענדלעך פּטור געוואָרן פֿון אַ מערדער. אָבער זײַנע חברים פֿון דער גרופּע פּאַראַשוטיסטן זוכן און נישטערן אין אַלע לעכער. ווען זיי טרעפֿן אַ ייִדן וואַרפֿן זיי אים פֿאָר הלמאי ער גייט נישט אין אָטריאַד. „טאָ נעמט אונדז" — זאָגן די ייִדן. דער ענטפֿער: „אַ ייִד — דאָס נישט".

די שרעק פֿון די ייִדן איז איצט ניט פֿאַר די דײַטשן מיט זייער פּאָליצײַ, נאָר פֿאַר די פּאַרטיזאַנער. אונדזערע ייִדן זיצן אין וואַלד הפקר, אויסגעשטעלט אויף טויזנטער געפֿאַרן.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן צום שבֿח פֿון די פּויערים אין די דערפֿער לוזשע, סקאַריץ און בערעזשנע, אַז זיי האָבן פֿיל מאָל אויסבאַהאַלטן ייִדן און נישט געלאָזן מען זאָל זיי שיסן, דווקא דורך די פּאַרטיזאַנער.

אָנהייב מערץ 1943 שיקט אונדז אָנזאָגן דער סאָלטיס פֿון לוזשע, מאַלעוויטש, אַז מיר זאָלן צו אים קומען. ער גיט איבער, אַז דער פּאָליצײַ פֿון שטעטל מיר איז געוואָרן באַקאַנט אין וועלכע וועלדער מיר זיצן און אַז מיר זאָלן זיך באַצײַטנס פֿון דאָרט אָפּטראָגן, ווײַל עס גרייט זיך אַן אָבלאַווע.

אָבער וווּהין גיין? אין דרויסן ברענט דער פֿראָסט און די פּאַרטיזאַנער־געפֿאַר איז גרויס. מיר זיצן און וואַרטן געדולדיק אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

דעם 16טן מערץ 1943 גאַנץ פֿרי הערן מיר פּלוצלונג אַ שטאַרקע שיסערײַ פֿון דער זײַט פֿון דאָרף מיראָנקאַ. נישט אַנדערש — פּאָליצײַ און דײַטשן. זיי זשאַלעווען נישט קיין קוילן, זענען נישט אַזוי אויסגערעכנט ווי פּאַרטיזאַנער.

מיר פֿאַרלאָזן די זיעמליאַנקע און לאָזן זיך גיין אין דער ריכטונג פֿון די גרויסע וועלדער. דער שניי אין וואַלד איז נאָך געלעגן הויך, אָבער דער פֿרילינג האָט אָנגעהויבן אָנזאָגן זײַן אָנקום. נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער הערן מיר ווי אונדזער וואַלד ווערט פֿאַרהילכט פֿון אַ שטאַרקער שיסערײַ. מיר בלײַבן רויִק אויף אונדזערע ערטער, ווײַל מיר ווייסן אַז ווו צו גיין איז נישטאָ. ווער זײַן מזל, וועלן זיי אונדז נישט אַנטדעקן. אַ פּאָר שעה האָט געדויערט זייער פֿײַער. דערנאָך זײַנען זיי אַרײַן אין וואַלד און אַנטדעקט די ערשטע זיעמליאַנקע — פֿון די טורעצער, וועלכע האָט זיך געפֿונען גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג.

די טורעצער זענען געקומען אין וואַלד ווינטער־צײַט, נאָך זייער אַנטלויפֿן פֿון שווערזנער לאַגער. זיי האָבן נישט געקענט די זאַמאַסטאָווטשינער וועלדער און זיך געמאַכט די זיעמליאַנקע גלײַך בײַם אָנהייב, דעריבער זענען זיי אויך געווען די ערשטע קרבנות פֿון דער פּאָליצײַ. אויס מורא פֿאַר פּאַרטיזאַנער, האָבן די רוצחים נישט לאַנג פֿאַרבראַכט אין וואַלד, נאָר אַ ביסל אים באַשאָסן און זיך צוריק געצויגן.

דער קורצער באַזוך זייערער האָט יענעם טאָג געקאָסט דאָס לעבן פֿון 4 ייִדן: 3 טורעצער און איין מיידל פֿון קאָרעלישטש, וועלכע מיר האָבן שפּעטער געפֿונען אַ דערשאָסענע.

דעם 20.3.43 דערהאַלטן מיר אַ ידיעה, אַז די דײַטשן קלײַבן זיך ווידער אונדז באַזוכן. מיר באַשליסן נישט צוריק גיין אין דער זיעמליאַנקע, נאָר נעכטיקן אויפֿן שניי אין וואַלד. 3 נעכט זענען מיר געשלאָפֿן אויפֿן שניי און דערנאָך זיך אומגעקערט אין דער זיעמליאַנקע.

דער טראַגישער טעות פֿון שלמה כאַכאַס

עס האָט זיך דערנענטערט דער פֿרילינג. דאָס אײַז האָט גערירט. דער וואַלד איז ווידער געוואָרן אונדזער היים און באַשיצער פֿון אַלע געפֿאַרן, וועלכע האָבן געלויערט הן פֿון פּאָליצײַ און דײַטשן, הן פֿון פּאַרטיזאַנער־מערדער. ברענגען שפּײַז איז דערווײַל נישט געקומען אין באַטראַכט. דאַן פֿאַרבינדן מיר זיך מיטן סאָלטיס פֿון דאָרף לוזשע, מילעוויטש. ער ברענגט אונדז פּראָדוקטן אין וואַלד, אָבער אונדזער לאַגע איז אַ ביטערע.

אַ געוויסן פרימאָרגן איז פאַרלוירן געגאַנגען דער מירער דאָקטער. קיינער ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אין אַ צייט אַרום געפינט מען זיינע זאַכן מיט טיילן פון קערפער ערגעץ־ווו אין וואַלד. אַלע סימנים האָבן באַוויזן, אַז ער איז געוואָרן פאַרנאַרט און אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט דורך אַ פאַרטיזאַנער־באַנדע. מיר לעבן ווידער אין שרעק.

אַ קליינעם טייל געלונגט אַוועקצוגיין אין אָטריאַד. דאָס זענען בחורים, אָן פרויען און אָן משפחה־מיטגלידער.

אָט האָט זיך געשאַפן אַ פאַראַדאָקסאַלע לאַגע. מיר זיצן אין די וועלדער, אַן ערך 8 — 10 ק״מ פון אַ פאָליציי־סטאַציע און האָבן נישט מורא. די שרעק איז גאָר פאַר עטלעכע צעווילדעוועטע באַנדיטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פאַרטיזאַנער־רייען און מאָרדן יידן.

ווידער האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אויפגערודערט אַלעמען און געגעבן די באַנדיטן נאָך אַ געלעגנהייט צו מאָרדן יידן, אַפילו חברים פון אייגענעם אָטריאַד.

אין מאַי 1943 קומט צו פאָרן שלמה כאַכאַם מיט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער אויף אַן אויפגאַבע אין מירער ראַיאָן. אונטערוועגס טרעפט ער דעם סטאָלפּצער ייד בערקאָוויטש מיט זיינע 2 זין, נאָר וואָס אַנטלאָפענע פון באַראַנאָוויטשער לאַגער. כאַכאַס נעמט זיי מיט זיך. איינעם פון די יינגלעך שטעלט ער אַוועק אויף דער וואַך און באַפעלט דעם יינגל, אַז אין פאַל ווען ער וועט הערן אָנקומען פורן, אָדער עמעץ דערנענטערט זיך — זאָל ער עפענען אַ פייער. נאָך אַ שטיקל צייט הערט דאָס יינגל ווי עס דערנענטערט זיך אַ פור. ער שיסט אויס און טרעפט אין האַרצן פון אַ רוסישן פאַרטיזאַן. אויף דער פור זענען געזעסן פיר פאַרטיזאַנער, צווישן זיי — דאָס באַוווסטע מירער בחורל, וואָס האָט מיט זיינע העלדישע מעשים אויסגענומען אַפילו ביי די ערגסטע אַנטיסעמיטן. די אַנדערע 3 פאַרטיזאַנער שפרונגען אַראָפּ פון דער פור און כאַפן לעבעדיקערהייט דעם יינגל. זיי לייגן אַוועק אויפן פור דעם דערהרגעטן חבר, נעמען מיט זיך מיט דעם יונגן בערקאָוויטש און פאָרן אין דאָרף לוזשע, ווו עס זאַמלען זיך די פאַרטיזאַנער, וועלכע ווילן גאָרנישט וויסן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

ערשטנס ווערט פאַר אַלעמען אין די אויגן דערשאָסן דאָס יינגל, דערביי ווערן געהאַלטן העצערישע רעדעס קעגן אַלע יידן. דעם זעלבן טאָג כאַפּן זיי פינף חברה פון דער גרופּע און צעשיסן זיי.

די פּאַניק איז גרויס. מיר וויסן נישט וואָס דאָ קומט פאָר. איז דאָס נאָר אַן איינמאָליקער כוליגאַנישער אַרויסטריט פון אַ קליינער גרופּע, אָדער אַ פּלאַנירטע אַקציע? שלמה כאַכאַס שיקט אַרויס פינף פאַרטיזאַנער אין שטאַב פון די נאָענטסטע אָטריאַדן, כדי אויפצוקלערן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מען באַפאַלט זיי און אויך זיי ווערן דערשאָסן. אַזוי האָט דער אומשולדיקער טעות געקאָסט דאָס לעבן פון 11 יידישע בחורים.

די אַלע פאַקטן זענען סוף־כל־סוף דערגאַנגען צו די העכסטע פאַרטיזאַנער־אינסטאַנצן, פון וואַנען עס איז אָנגעקומען אַ שטרענגער באַפעל נישט צו מאָרדן קיין יידן, ווי אויך אַ צוזאָג אויסצופאָרשן די גאַנצע פרשה און שטעלן פאַר אַ משפט די שולדיקע.

די מאָרדן זענען טאַקע אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער די שולדיקע זענען נישט אַנטדעקט געוואָרן, אונטערן אויסרייד, אַז ס׳איז נישט כדאי איינצורייסן מיט גוטע קעמפער צוליב אַ פאָר יידן.

(נאָכן קריג האָבן עטלעכע מירער בחורים געוואָלט אויפוועקן די גאַנצע געשיכטע, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען).

די גרופּעס יידן וועלכע זענען געזעסן אין זאַמאַסטאָוושטשינע און נישט געהאַט קיין שייכות צו דער געשיכטע, איז באַפאַלן אַ שרעק. אין די אַרומיקע דערפער פלעגן די פויערים וואָרענען די געקומענע יידן פאַר דער גרויסער געפאַר וואָס זיי דראָט פון די פאַרטיזאַנער.

די „פאַרטיזאַנסקע אָבלאַווע"

דעם 2.6.43, אין די נאָך מיטאָג־שעהן, איז אונדזער וואַלד שטאַרק באַשאָסן געוואָרן פון ביקסן און אַוטאָמאַטן. נאָך דער שטאַרקייט פון פייער און די געשרייען האָבן מיר געזען, אַז דאָס זענען נישט קיין דייטשן, נאָר פאַרטיזאַנער וואָס וויסן אַלע געגנט פון וואַלד. די באַהאַלטענע יידן, אין אַ צאָל פון אַ 150, האָבן זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן וואַלד. אַ גליק, וואָס אין דער אָבלאַווע (אין אונדזער לעקסיקאָן — „די פאַרטיזאַנסקע אָבלאַווע"), זענען קיין קרבנות נישט געווען. די אָנפאַלערס זענען צוגעקומען נאָענט צו אונדזערע ביידלעך, ווו עס איז געלעגן אַ ביסל קאַרטאָפל און גרינס און האָבן דאָס אַלץ פאַרניכטעט. דערנאָך זענען זיי אָפּגעטראָטן פון וואַלד.

ביינאַכט איז די שיסעריי שטיל געוואָרן. פון די באַהאַלטענע ערטער האָבן זיך גענומען צוזאַמענקלייבן דאָס ביסל יידן. ס׳איז טאַקע קלאָר געוואָרן, אַז קיין קרבנות זענען נישטאָ, אָבער מעגן מיר בלייבן אויפן אָרט? האָבן מיר דען אַ גאַראַנטיע, אַז היינט — מאָרגן וועט זיך נישט איבערחזרן דאָס זעלבע? עס הייבט זיך אָן אַ שטאַרקער וויכוח: בלייבן דאָ, אָדער גיין אין אַ צווייטן וואַלד? און אפשר שיקן אַ פאַרשטייער אין נאָענטסטן פאַרטיזאַנער־אָטריאַד פון קאָמאַנדיר מיצקע, וועלכער האָט אויך נישט צוגענומען קיין יידן, אָבער קיין שלעכטס זיי נישט געטאָן?

שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע געשיכטע איז יאָ דערגאַנגען אין די הויכע פאַרטיזאַנער־פענצטער און פון דאָרט איז געקומען אַ קלאָרער באַפעל נישט אָנרירן קיין יידן. גלייכצייטיק האָט די העכערע מאַכט אָנגעהויבן צוטראַכטן ווי אַזוי ליקווידירן די באַזונדערע גרופּן יידן און זיי איינגלידערן אין אָטריאַדן.

אַזוי ווי נאָך אַ שטורעם קומט אַ שטילקייט, אַזוי איז אויך געשען דאָ, אין זאַמאַסטאָושטשינע. מיט איין מאָל איז געוואָרן רואיק. מ׳האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, שוין נישט מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיט פאַרטיזאַנער. געווען אויך פאַלן, ווען מען האָט עטלעכע יידישע בחורים צוגענומען אין אייניקע אָטריאַדן.

מיר פלעגן באַזוכן די נאָענטע דערפער. איבערהויפּט דאָס דאָרף לוזשע, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דער פאַרטיזאַנער־רעזידענץ. דאָרט פלעגן מיר באַקומען די דייטשע צייטונגען און דערוויסן זיך די לעצטע ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די רוסישע פראָנטן און אויפן אַפריקאַנער פראָנט.

פון צווישן די שורות אין די צייטונגען איז קלאָר געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן פאַרלוירן די איניציאַטיוו אויף אַלע פראָנטן, הגם קיין גרויסע מיליטערישע אָפּעראַציעס זענען דעמאָלט נישט פאָרגעקומען (פון דעם גרויסן רוסישן נצחון ביי סטאַלינגראַד אין פעברואַר 1943 ביז יולי 1943). די דייטשן האָבן געשריבן, אַז זיי שטויסן אָפּ אַלע רוסישע אַטאַקעס. די געענדערטע לאַגע אויף די פראָנטן און דאָס קלאָרע בילד אַז די דייטשן פאַרלירן דעם קריג, האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן הינטערלאַנד. ס׳איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די רוסן וועלן קומען צוריק. אַ חודש פריער צי שפּעטער — זיי וועלן קומען צוריק ווי זיגערס. דאָס האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף אונדזער לאַגע אין די וועלדער פון

זאַמאַסטאָווטשינע. אָפּגערעדט פון דעם געפיל, אַז מיר האָבן שאַנסן צו דערלעבן די באַפרייונג, אַז אונדזער קאַמף פאַרן לעבן זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

אין יענער צייט זענען די קליינע אָטריאַדן אויסגעוואַקסן אין בריגאַדעס, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון אַן איינהייטלעכן שטאַב, אונטער דער אָנפירונג פון דער צענטראַלער פאַרטיזאַנער באַוועגונג אין מאָסקווע.

די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז געווען איינגעשטעלט און עראָפּלאַנען פלעגן רעגולער ברענגען שפּייז, געווער, אײַ־בערהויפּט אויפרייס־מאַטעריאַל, מעדיקאַמענטן און גלייכצייטיק צונעמען די שווער־פאַרוווּנדעטע. די גאַנצע נאַליבאָקער פּושטשע איז שוין געווען אונטער דער פאַרטיזאַנער־קאָנטראָל, נאָר פאַר דעם ביסל ייִדן אין זאַמאַסטאָווטשינע איז קיין ליַיזונג נישט געווען. וויפל מיר פלעגן זיך בעטן „נעמט אונדז אין אָטריאַד, מיר ווילן קעמפן צוזאַמען מיט אײַך" — איז שטענדיק געקומען אַ נעגאַטיווער ענטפער.

מיט ייִדישע פאַרטיזאַנער אין זאָרינס אָטריאַד

ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן פון יולי 1943 האָבן זיך באַוויזן אין וואַלד פינף ייִדישע פאַרטיזאַנער מיט דער ידיעה, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן פון קאָמאַנדיר זאָרין, אַ מינסקער ייִד, וועלכער קלייבט אויף ייִדן און אָרגאַניזירט זיי אין אַן אָטריאַד. ווער עס וויל, זאָל מיט זיי גיין אין דער נאַליבאָקער פּושטשע.

אויפן רעכטן זייט ניעמאַן האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל זיך געטראָפן מיט זאָרינען און דער גאַנצער גרופּע. אונדזער פרייד — נישט צום באַשרייבן. ענדלעך אויסגעגלייכט דעם רוקן, געוואָרן גלייך מיט אַלע פאַרטיזאַנער.

נאָך זאָרינס קורצער רעדע און נאָך דער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט, זענען מיר, אַ מאַן פערציק, אַוועק אין דעם הויפּט־לאַגער פון אָטריאַד, אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. דער מאַרש אַהין האָט געדויערט 2 טעג.

מען האָט אונדז שיין אויפגענומען. אַ 200 מאַן זענען שוין דאָן געווען אין אָטריאַד. דער לאַגער איז געווען אויסגעבויט מיט געשמאַק, די ביידלעך — סימעטריש, איינס נאָכן צווייטן, ווי 2 גאַסן.

די אָנפירונג פון אָטריאַד — ווי אומעטום: אַ קאָמאַנדיר, אַ קאָמיסאַר א. אז. וו. נאָר דער מענטשן־מאַטעריאַל איז דאָ געווען לגמרי אַן אַנדערער. דער רוב — מינסקער ייִדן, וועלכע האָבן דעם אָטריאַד געשאַפן.

פרילינג 1943, נאָכן גרויסן רוסישן נצחון ביי סטאַלינגראַד, ווען אין די וועלדער פון ווייסרוסלאַנד האָט זיך אָרגאַניזירט די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג קעגן דייטשן אָקופּאַנט, טראַכטן אויך אַ טייל מענטשן פון מינסקער געטאָ, אַז אויב מען וויל בלייבן לעבן — מוז מען דאָס געטאָ פאַרלאָזן און גיין אין וואַלד. אין יענער צייט אַרבעט אויף אַ שטעלע דער ייִד זאָרין מיט דעם רוסישן קריגס־געפאַנגענעם סעמיאַנאָוו. זיי באַקענען זיך נענטער, זאָרין העלפט סעמיאַנאָוון אַנטלויפן פון לאַגער אין וואַלד. סעמיאַנאָוו הויבט אָן אין וואַלד אָרגאַניזירן אַ פאַרטיזאַנער־אָטריאַד. ער אַליין צייכנט זיך אויס מיט זיין ייִדן־פריינדשאַפט, ביים צונעמען אין אָטריאַד מאַכט ער נישט קיין אונטערשייד צווישן אַ ייִד אָדער אַ קריסט. ער זוכט בלויז קאַמפס־פעיקע יונגעלייט.

סעמיאַנאָוו שטייט אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט זאָרינען און אויך מיטן געטאָ. נאָך אַ שטיקל צייט פאַרלאָזט זאָרין דאָס געטאָ און גייט אַוועק אין וואַלד צו סעמיאַנאָוון. ער טרעפט דאָ אַ גרעסערן אָטריאַד. די פאַרבינדונג מיטן מינסקער געטאָ ווערט אָנגעהאַלטן אַ דאַנק פאַרבינדלער־קינדער פון 10 ביז 14 יאָר. זיי זענען די וועג־ווייזער און זיי ברענגען מענטשן פון מינסקער געטאָ צו די פאַרטיזאַנער. מיט גרויס מסירת־נפש האָבן זיי דערפילט די אויפגאַבן. דורך געפערלעכע ערטער, ווו ס'איז געווען שטענדיק אַ דייטשישע באַוועגונג, האָבן זיי דורכגעפירט די מענטשן און געבראַכט אין וואַלד צו סעמיאַנאָוון. די מערהייט פון זיי איז אָבער נישט געווען קיין קאַמפס־עלעמענט. וואָס זאָל מען מיט אָט די מענטשן טאָן? די וועלדער פון מינסקער געגנט זענען אויך נישט אַזוי געדיכט, מען זאָל זיך קענען אויסבאַהאַלטן. סעמיאַנאָוו באַשליסט, אַז פאַר דעם עלעמענט מוז מען שאַפן אַ ספּעציעלן אָטריאַד און גלייכצייטיק זוכן אַ מער זיכערן אָרט. ער באַשטימט זאָרינען אַלס קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד און שיקט אים אַוועק אין נאַליבאָקער פּושטשע.

ווען מען האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין הויפּט־לאַגער, איז די לאַגע פון אָטריאַד געווען אַ גאַנץ קלאָגעדיקע. אַ גרויסע מערהייט פרויען און קינדער, וועלכע קענען קיין ביקס נישט האַלטן און אַ קליינע גרופּע פאַרטיזאַנער, וועלכע דאַרפן אָט די מאַסע באַשפּייזן און באַשיצן. דער הונגער איז טאַקע געווען גרויס. אָבער זאָרין האָט זיך פון דעם נישט געקימערט. זיין אויפגאַבע, האָט ער געזאָגט, איז ראַטעווען ייִדן. איי, מען ליידט הונגער? — נאַרישקייטן, דאָס וועט פאַרבייגיין...

זאָרין פאָרט טאַקע אַרום איבער די וועלדער, זוכט אויף ייִדן און נעמט זיי צו זיך אין אָטריאַד.

צוריק אין מירער געגנט

צומאָרגנס פון אונדזער אָנקומען אין אָטריאַד, שיקט מען מיך צוריק אין מירער ראַיאָן וועלכן כ'האָב גוט געקענט, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פאַרטיזאַנער, כדי איינשאַפן פראָדוקטן.

אַ הונגעריקער בין איך אַוועק אויף אַ מאַרש פון 40 ק"מ. מיר זענען בשלום אָנגעקומען אין מירער ראַיאָן און שטעלן אויף אונדזער באַזע 4 ק"מ פון שטעטל מיר. פון דאַנען פאָרן מיר יעדע נאַכט אַרויס אויף אַ „באָמביאָזשקע" און זאַמלען פראָדוקטן פאַרן אָטריאַד.

אין דער צווייטער נאַכט באַשטימען מיר דורכצופירן אַ „באָמביאָזשקע" אין דאָרף זאַלוזשע וואָס געפינט זיך אויפן הויפּט־שאָסיי באַראַנאָוויטש־סטאָלפּצי. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אין האַלבן טאָג, מיט דער אויסרעכענונג, אַז ווען מ'וועט צוקומען צום ראַנד פון וואַלד וועט שוין זיין בין־השמשות און דאַן וועלן מיר ביינאַכט אָנקומען אין דאָרף און נאָך האָבן צייט אין דער פינצטער זיך צוריקקערן אין וואַלד. אָבער ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון וואַלד, האָבן מיר דערזען פון דערווייטנס אַ שוואַרצע מאַסע מענטשן. מיר האָבן געמיינט, אַז מ'איז אַרומגערינגלט פון דייטשן. אָבער צו אונדזער גליק זענען דאָס געווען באַקאַנטע רוסישע פאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט און געווען גליקלעך וואָס ס'איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ צוזאַמענשטויס וואָס וואָלט זיכער געקאָסט קרבנות.

מיר האָבן צווישן זיך „איינגעטיילט" דאָס דאָרף ווו ווער דאַרף נעמען פראָוויאַנט.

ווען ס'איז געוואָרן שטאַרק פינצטער, זענען מיר אַריין אין דאָרף, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. די פויערים האָבן בדרך כלל נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן גענומען תבואה און פאַרשיידענע שפּייז־אַרטיקלען און פאַרטאָג בשלום זיך צוריק געקערט אויף אונדזער באַזע.

די לאַגע אין אָטריאַד איז שוין געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי מיט אַ וואָך פריער, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן צו אונדזער אויפגאַבע. אין צווישן צייט זענען אָנגעקומען אַנ־

דערע גרופּן, וואָס זענען אויך געפאָרן אויף ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן, און מיט הצלחה זיך צוריקגעקערט. דער הונגער איז פאַרשוווּנדן, די מענטשן זענען געוואָרן מוטיקער.

די ווירטשאַפט אין אָטריאַד האָט זיך פאַרגרעסערט. עס זענען שוין געווען עטלעכע מילך־קי און פערד — אַן אייגענער טראַנספּאָרט. מיט יעדן טאָג פלעגט דער אָטריאַד זיך פאַרגרעסערן, דער עיקר אַ דאַנק די מענטשן וועלכע זענען אַנטלאָפן פון מינסקער געטאָ.

די דײַטשע בלאָקאַדע אַרום דער נאַליבאָקער פּושטשע

אָנהייב יולי 1943 באַקומען מיר די „סוואָדקע" פון רוסישן שטאַב, אַז אויפן אָפּשניט אָריאָל־קורסק זענען די דײַטשן איבערגעגאַנגען אין אָפענסיווע. 9 טעג האָט געדויערט זייער אָנגריף, וועלכער איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן דורך דער רוסישער קעגן־אָפענסיווע. די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן זיך רוקן אויף מערב, באַפרייענדיק אַלץ מער און מער געביטן.

גרויס איז געווען אונדזער פרייד. מיר האָבן ממש אָנגעהויבן פילן די דערנענטערונג פון דער רוסישער אַרמיי, אָבער פּלוצלונג באַקומען מיר אַ ידיעה, אַז גרויסע דײַטשע מיליטער־טיילן זענען קאָנצענטרירט אין די אַרומיקע פּאָליציי־סטאַציעס, צוזאַמען מיט די וולאַסאָווצעס און פּאָליציי. די דײַטשן האָבן אַרומגעשטעלט די נאַליבאָקער פּושטשע, בכדי פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע איז זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. אין פאַל פון זייער צוריקטריט האָבן זיי געוווּסט וואָס ס'דערוואַרט זיי פון די פּאַרטיזאַנער.

אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן די דײַטשן פון אַלע אַרומיקע גאַרניזאָנען אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף דער נאַליבאָקער פּושטשע. (פון די דאָקומענטן וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן שפּעטער פאַרכאַפּט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זייער צאָל איז געווען בײַ אַ 40 טויזנט). זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף די ערשטע אָטריאַדן, אָבער אויפנעמען אַ רעגולערן קאַמף, האָט דער שטאַרקסטער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד נישט געקענט. נאָך עטלעכע טעג פון צוזאַמענשטויסן, זענען די פּאַרטיזאַנער צוריק געטראָטן, לײַדנדיק שווערע פאַרלוסטן.

אונדזער אָטריאַד איז געשטאַנען אויף אַן אָרט וואָס איז געווען אָפּגעשניטן פון אַרום דורך גרויסע בלאָטעס. בלויז איין וועג האָט געפירט אַהין.

אויפן פערטן טאָג פון דער אָבלאַווע, ווען די דײַטשן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אונדזער באַזע, וויל זאָרין אַרויספירן דעם אָטריאַד פון די זומפּן, כדי אין פאַל פון אַ דײַטשן אָנגריף זאָל זײַן ווּ אָפּצוטרעטן. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: די דײַטשן האָבן אָפּגעשניטן דעם וועג. ווען מיר האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש געפּרוּווט זיך דורכרײַסן, האָט מען אונדז אויפגענומען מיט אַ שטאַרק פײַער און מיר זענען צוריק געטראָטן.

די שטימונג איז געוואָרן אַ דערשלאָגענע, איבערהויפּט בײַ די וואָס זענען ערשט געקומען פון געטאָ און נישט געוווּסט וואָס מיינט אַן אָבלאַווע, באַשיסונג און קאַמף.

אויף יענעם אָרט וואָס האָט געהייסן באַרקי, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן 4 פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן: זאָרינס, די 1טע מאַי־בריגאַדע, דער פּוילישער לעגיאָן וועלכער האָט געקעמפט צוזאַמען מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער און ביעלסקיס אָטריאַד.

די לאַגע איז קריטיש. די דײַטשן דערנענטערן זיך און דאָ איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב נישט שלאָגן זיך, נאָר צעטיילן זיך אין קליינע גרופּעס און אויסבאַהאַלטן.

אויפן אינדזל

אַנדערהאַלבן ק"מ פון באַרקי האָט זיך געפונען אַן אינדזל — און אַהין דאַרף מען זיך אַריבערכאַפּן. ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז פון אינדזל טיילט אונדז אָפּ אַ ריזיקער זומפּ, וועלכן עס שנײַדט דורך אַ שטראָמיק וואַסער 6 מעטער די ברייט.

האָט מען פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעהויבן שנײַדן וואַלד. אין 2 טעג איז די בריק פאַרטיק געוואָרן, אָבער אונדזערע אויסשפּירער דערטראָגן, אַז די דײַטשן זענען גאָר נאָענט.

ס'איז געוואָרן אַ שטיקל פּאַניק. די נאַטשאַלסטווע, נישט האָבנדיק צופיל דערפאַרונג, צעלויפט זיך און לאָזט איבער די מענטשן אויף הפקר. ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן, האָב איך זיך נישט פאַרלוירן און גיב אַ געשריי: „חברה, ווער עס וויל גיין מיט מיר — זאָל גיין. איך לאָז זיך צו דער בריק!"

אַכצן מאַן זענען מיר מיט גרויס פאַרזיכטיקייט דורכגעגאַנגען דאָס שוואַכע בריקל איבערן שטראָמיקן וואַסער.

אָבער גלײַך זענען מיר אַרײַנגעקראָכן אין אַזעלכע זומפּן, וואָס זענען אין טייל פאַלן געווען ערגער פונעם וואַסער... ווי נאָר מ'האָט אַרײַנגעשטעקט אַ פוס, פלעגט מען גלײַך אײַנזינקען. נאָר בלויז דער אימפּעט צו לעבן און דער קאַמפּס־ווילן האָט אַזוי געטריבן, אַז מיר זענען בשלום איבערגעקומען דאָס שטיקל זומפּ און אַרויף אויפן אינדזל. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. די ערשטע זאַך איז געווען — עפּעס עסן. יעדער פון אונדז האָט געהאַט אַ קעסעלע. האָבן מיר פונאַנדערגעלייגט אַ פײַער, אָנגענומען אַ ביסל וואַסער און פון דעם ביסל מעל וואָס יעדער האָט געהאַט בײַ זיך — אָפּגעקאָכט אַ „זאַצירקע". בײַם פײַער האָט מען אויך אויסגעטרוקנט די אָנעצעס פון די פיס.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר פאַרלאָשן די פײַערן און שטאַרק אײַנגעשלאָפן, ווײַל מיר האָבן שוין עטלעכע נעכט נישט גערוט.

אויפגעכאַפּט האָט מען זיך פון אַ שטאַרקער שיסערײַ נישט ווײַט פון אונדז. אין דעם מאָמענט איז צו אונדז געקומען זאָרין מיט אַ 100 מאַן פון אָטריאַד. דאָס פײַער איז טאַקע געווען געצילט אויף אָט דער גרופּע, וועלכע איז באַמערקט געוואָרן דורך די דײַטשן. צום גליק זענען בײַ זיי נישט געווען קיין קרבנות.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך צוזאַמען געקליבן אויף אָט דעם אָרט אַ 120 מאַן. וואָס ווײַטער טאָן — ווייסט מען נישט. וווּהין אָפּטרעטן — איז אויך נישטאָ, ווײַל ס'איז אַ קליינער אינדזל מיט גרויסע זומפּן אַרום. בלײַבט איבער איין וועג: ווען די דײַטשן אונדז אָנגרײַפן — מוזן מיר ענטפערן מיט אַ קאַמף. ווען זיי אונדז נישט באַמערקן, איז ווי געוווּנטשן, ווײַל ס'זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן מיר זאָלן זיי באַזיגן. אין דעם האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ גאָס־רעגן. דאָ קומט דער באַפעל פון זאָרינען, אַז יעדער זאָל זיך זעצן, נישט פּרוּוון רירן זיך פון אָרט, ווײַל אין אַ מרחק פון אַ פּאָר צענדליק מעטער האָבן אויך די דײַטשן זיך אײַנגעאָרדנט אויף נאַכט־אָפּרו. זיצנדיק אונטערן רעגן, האָבן מיר זיך נאָר באַמיט, אַז אונדזער געווער זאָל נישט פאַרנעצט ווערן. אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

אין זאָרינס גרופּע איז אויך געווען אַ דאָקטער מיט זײַן פרוי און צוויי יינגלעך — פון 4 און 2 יאָר. בעת מיר זיצן אַזוי ווי צוגעשמידט צו דעם אָרט, כדי נישט אַרויסרופן דעם מינדעסטן רעש, צעוויינט זיך דאָס קלענערע יינגל: ער וויל צוקער. ווּ זאָל מען אים איצט שאַפן דאָס אַרטיקל? דאָס קינד צעוויינט זיך נאָך שטאַרקער. דער עולם ווערט דערשראָקן און נערוועיש, עס קומען אַפילו פאָדערונגען מען זאָל דאָס קינד דערשטיקן. אָבער דאָ ווײַזט זאָרין אַרויס זײַן הויכע

מענטשלעכקייט: ער גייט צו צום קינד, נעמט עס אויף די הענט און לאַנגזאַם באַרואיקט עס זיך.

ס'איז געוואָרן טאָג. דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט, מיר הערן דייטלעך דייטשע באַפעלן.

מיר זעען אַפילו ווי זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און געלאָזט אין וועג אַריין — ממש פאַרביי אונדז. מיר האָבן פרייער אָפגעאָטעמט, נאָר גלייכצייטיק זיך דערמאָנט אַז מען דאַרף אויך עסן. אָבער וווּ נעמט מען עס?

חברה האָט געדענקט, אַז מיט 2 טעג פריער, ווען מ'איז געגאַנגען דורך דער בריק, האָט מען אויך געפּרוּווט אַריבער־פירן אַ פערד, איז עס איינגעזונקען אין די בלאָטעס. מען שעכט דאָס פערד, מען ברענגט שטיקער פלייש און זיי ווערן צעטיילט צווישן דער מאַסע. פונאַנדערלייגן אַ פייער לאָזט מען נישט. מיר האָבן מורא אַז די דייטשע עראָפּלאַנען זאָלן אונדז נישט אַנטדעקן. עסן מיר דאָס פערד־פלייש רויערהייט, אַבי שטילן דעם הונגער.

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אַנטקעגן מיר איז אויף אַ וואַלד־פּיען געזעסן דער דאָקטער פון אָטריאַד, אַ פּוילישער ייד, מיטביידע הענט געהאַלטן אַ שטיק פּוס פונעם פערד, געגריזשעט מיט הנאה און זיך פאָסמאַקעוועט: „געשמאַק! געשמאַק!"...

מיר פאַרבלייבן אויף דעם אָרט נאָך אַ טאָג. נאָכן איבער־צייגן זיך אַז מער קיין דייטשן זענען נישטאָ אַרום, שיקן מיר אַרויס אונדזערע אויסשפּירער. זיי מעלדן, אַז די דייטשן זענען אַוועק אויף צפון און אַז אַ טייל פון אונדזער אָטריאַד האָט זיך שוין צוריק געקערט אין פריערדיקן לאַגער.

אויפן וועג צוריק האָבן מיר אָנגעטראָפן פאַרשידענע גרופּן פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געבלאָנדזשעט איבער די וועלדער, נישט וויסנדיק וווּ צו גיין. צווישן די פאַרטיזאַנער זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן דאַרפן נאָך אַמאָל קומען אין די וועלדער, גייענדיק פון צפון צוריק פון דער פּושטשע. דעריבער האָט דער רוב קריסטלעכע אָטריאַדן באַ־מיט זיך די פּושטשע צו פאַרלאָזן, ווייל זיי האָבן געהאַט מער שאַנסן זיך אויסצובאַהאַלטן אין די דערפער.

אָבער פאַר אונדז יידן איז נישט געווען קיין בעסער אָרט ווי די פּושטשע.

די נישט־יידישע אָטריאַדן האָבן ביים אָפּטרעטן פון זייער־ערע לאַגערן איבערגעלאָזן די ווירטשאַפטן, קי און פערד. האָבן טאַקע די בהמות אַרומגעבלאָנקעט איבער פעלדער און וועלדער. מיר קלייבן זיי צוזאַמען און טרייבן אַוועק אין אונדזער לאַגער.

ביסלעכווייז קלייבט זיך צונויף אויף אונדזער אַלטע באַזע (דער כוטאָר „באַרקי") די איבערוויגנדיקע מערהייט פון אָט־ריאַד. אַ קליינער טייל האָט, אַנטלויפנדיק, זיך אָפגעריסן פון אָטריאַד און דורכגעמאַכט די אַבלאַווע מיט אַנדערע אָפּטיי־לונגען.

אונדזער קאָמאַנדיר זאָרין שטעלט ווידער איין די פאַר־בינדונג מיט דעם ראַיאָן־צענטער אונטער דער קאָמאַנדע פון דובאָוון, פון וואַנען ער ברענגט די ידיעה, אַז די דייטשן זע־נען אַוועק אויף צפון, אָבער זיי דאַרפן נאָך צוריק קומען. אַזוי ווי זיי האָבן געוווּסט די ערטער וווּ די אָטריאַדן שטייען, מוזן מיר דאָס אָרט בייטן. אַ פּאָר טעג האָט געדויערט ביז אונדזערע אויסשפּירער האָבן אויסגעפונען אַ זיכערן אָרט און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געגאַנגען, ביז מיר זענען אָנגעקומען אויף דעם באַשטימטן אָרט פאַרן נייעם לאַגער, אַ 5—6 ק"מ פון דאָרף קליצישט, נאָענט פון הויפּט־וועג.

אויף אַ נייער באַזע

דאָ, אויף דער נייער באַזע, איז דער אינערלעכער רעזשים געוואָרן שטרענגער, ווייל מיר זענען געזעסן ביים הויפּט־וועג, וווּ די דייטשן האָבן כסדר זיך באַוועגט. דעריבער איז גע־קומען אַ שטרענגער באַפעל פון זאָרינען נישט אַרויסגיין קיין איין טראָט פון לאַגער אָן אַ דערלויבעניש, ווייל קוים פאַלט עמעצער אַריין צו די דייטשן, וואָלט ער נאָך זייערע גרויזאַמע עינויים אויסגעגעבן דעם גאַנצן אָטריאַד.

דערווייל האָט זיך אונדזער לאַגע פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. די באַשפּייזונג איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. מען פאָרט נישט אַרויס, ווייל אַלע וועגן זענען באַזעצט דורך דייטשן. אונדזערע זאַפּאַסן זענען געווען אַ פאָר זעקלעך קאָרן, וואָס מיר האָבן איבערגעפירט פון דער אַלטער באַזע. קאָכט מען דעם קאָרן, מען טיילט אויס יעדן איינעם אַ קליין קענדעלע אין דער פרי און אין אָוונט — און דאָס איז אונדזער עסן.

זאָרין, וועלכער האַלט אָן די פאַרבינדונג מיטן ראַיאָן־צענ־טער, גיט איבער, אַז אין די נאָענטסטע טעג מוזן די דייטשן פאַרלאָזן די פּושטשע. זאָלן מיר זיין נאָך מער דיסציפּלינירט, נישט אָפּטיילן זיך פון אָטריאַד, הגם מיר זיצן און הונגערן. מ'דאַרף זיין מער איינגעהאַלטן אין אַזאַ שווערן מאָמענט.

ס'איז אָבער געשען אַ פאַל וואָס האָט אונדז אַלעמען אויפגעטרייסלט: אַ 16־יאָריק ייִנגל, ערשט־געקומען פון מינס־קער געטאָ, האָט זיך באַרימט אַז ר'איז געווען אין דאָרף קלי־צישט און איז נאָר וואָס צוריק געקומען פון דאָרטן. דאָס איז דערגאַנגען צו זאָרינען, וועלכער איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט: „דו ביסט געווען אין קליצישט?" „יאָ" — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט. „פאָרויס!" — האָט זאָרין אים באַפוילן — און זיי זענען אַוועק. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט עטלעכע שאָסן וואָס האָבן אונדז אָנגעזאָגט אַז דאָס לעבן פון ייִנגל איז פאַרענדיקט.

מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען זאָרינס לאַגע אַלס קאָמאַנדיר און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן גאַנצן אָטריאַד. אָבער מיר יידן האָבן געטראַכט: האָט מען נישט געקענט געפינען אַן אַנדער מיטל צו באַשטראָפן, ווי נאָר אַ קויל אין קאָפּ? געוויס, דאָס ייִנגל האָט שווער געזינדיקט, אָבער ער איז נאָך כמעט אַ קינד געווען.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער גרויסע אַבלאַווע אויף דער נאַליבאָקער פּושטשע אין די זומער־חדשים פון יאָר 1943, האָבן זיי געבישטערט אין אַלע וועלדער, געקראָכן אין אַלע זומפּן, כלומרשט געוווּסט וווּ יעדער אָטריאַד איז גע־שטאַנען. מיר איז באַקאַנט אַ פאַל, אַז ווען זיי זענען געקומען אין לאַגער פון דער 1טער מאַי־בריגאַדע, זענען זיי גלייך צוגעגאַנגען צו דעם בוים אונטער וועלכן ס'זענען געווען באַ־גראָבן אַלע דאָקומענטן פון אָטריאַד און האָבן זיי אַרויסגע־נומען.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי נישט גע־רירט. ווען זיי זענען דאָס ערשטע מאָל אַריין אין דאָרף, זענען זיך די פּויערים צעלאָפן. אָבער די דייטשן האָבן קיינעם נישט פאַרהאַלטן און גאָרנישט גענומען. אַזוי אַרום האָבן די פּויערים, דער רוב פון זיי פּאָליאַקן, פאַרלוירן דעם פּחד פאַר די היטלעריסטן. ווען די דייטשן פלעגן צוריק קומען אין דאָרף נאָכן נישטערן אין די וועלדער, פלעגן שוין די איינ־וווינער נישט אַנטלויפן און בלייבן אויפן אָרט. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן די לאַגע אַ גאַנצן חודש.

אָבער נאָך אַ מאָנאַט זוכן און נישטערן פאַרטיזאַנער און זעענדיק אַז זיי טוען גאָרנישט אויף, האָבן זיי אויסגעלאָזן דעם כעס צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג, ווי זיי האָבן

דאָס פריער געטאָן מיט די יידן. זיי האָבן מיט איין מאָל אַרומגערינגלט די דערפער, צוזאַמען געקליבן די מענטשן און זיי פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד אויף קאַטאָרגע־אַרבעט. דעם לעבעדיקן אינווענטאַר האָבן זיי צוגענומען פאַר זייער אַרמיי און די ווירטשאַפטן האָבן זיי פאַרברענט. מיט דעם האָבן זיי געוואָלט שיסן 2 האָזן: מעלדן זייערע שטאַבן, אַז זיי האָבן געפאַנגען אַזוי פיל און אַזוי פיל פאַרטיזאַנער, און צווייטנס — פאַרניכטן די אַלע דערפער, זיי זאָלן נישט זיין קיין באַזעס פאַר די פאַרטיזאַנער וואָס זיצן אין די וועלדער.

דאָס ערשטע איז זיי געלונגען, אָבער דאָס צווייטע — פאַר־ניכטן די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג — אין קיין פאַל נישט. פאַר־קערט: די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז שטאַרקער געוואָרן, ווייל די פויערים וועלכע ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די וואַגאָ־נען, האָבן זיך פרייוויליק איינגעגלידערט אין די פאַרטיזאַנער־רייען.

מיר, אין אונדזער נייעם לאַגער, האָבן יעדער נאַכט געזען די רויטע הימלען אַרום, און פאַרשטאַנען וואָס דער דייטש טוט מיט די דערפער. דערצו נאָך פלעגן די פייערן אַלץ מער זיך דערנענטערן צו אונדז. ביז אין אַ געוויסער נאַכט האָט זיך צעפלאַקערט דער נאָענטסטער צו אונדז דאָרף קליצישטש. איצט האָבן מיר שוין געוווסט, אַז אין דער פרי דאַרפן די דייטשן פאַרבייגיין אונדז. די נערוון זענען שטאַרק אָנגעצויגן. די מענטשן וואַרטן מיט אומגעדולד: וואָס וועט אונדז ברענגען דער נייער טאָג?

אונדזער פאָרפאָסטן גיט צו וויסן, אַז די ערשטע גרופּע דייטשן איז דורכגעגאַנגען. ווייסן מיר, אַז נאָך זיי וועט אָנהויבן מאַרשירן זייער הויפּט־כוח.

זאָרין באַפעלט פונאַנדערשפּרייטן זיך איבער די וועלדער אין קליינע גרופּן. מיר, אַ גרופּע פון אַכט מאַן, האָבן זיך אָנגע־הויבן דערווייטערן פון גאַנצן אָטריאַד. מיר זענען אַריינגעקראָכן אין געדיכטע קוסטן פון מאַלינעס, אַ פּאָר צענדליק מעטער פון הויפּט־וועג. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר דאָרט געלעגן. מיר האָבן דייטלעך געהערט די דייטשן און געזען ווי עס האָט זיך געצויגן זייער אָבאָז. אַ רעגנדיקער טאָג איז עס געווען. דורכגעווייקט ביז צום העמד, האָבן מיר זיך צוגעקוקט ווי די באַנדיטן מאַר־שירן.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, זענען מיר אַרויס אויפן זעלבן וועג און אַריין אין קליצישטש, פון וואַנען די דייטשן זענען נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעגאַנגען. אין ערשטן כוטאָר איז אַלץ געווען פאַרברענט: דאָס הויז, די שטאַלן און די אַנדערע געביידעס. בלויז דעם פאַרקאַן אַרום דעם הויז האָט דאָס פייער אויסגעמיטן. מיר זענען אַריין אין הויף און אָנגעהויבן זוכן עסן. אין קעלער האָט מען געפונען קאַרטאָפל. אויפן הויף האָבן מיר אויך געפונען אַ גרויס שטיק אַלטע טאַל. מיטנעמענדיק מיט זיך דעם טאַל, זענען מיר אַוועק אין דערבייאיקן וועלדל.

ווען ס׳איז געוואָרן טאָג, האָבן מיר אָנגעהויבן קאָכן די קאַרטאָפל. וואַסער האָבן מיר גענומען פון די אַרומיקע זומפּן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געלעגן און גערוט. אַרום אונדז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ מאָדנע רואיקייט.

פאַר אונדזערע אויגן איז געווען אויסגעשפּרייט דאָס גאַנצע דאָרף קליצישטש. ווו נישט ווו האָבן נאָך גערויכערט די האָלאָוועשקעס פון די הייזער, איינצלנע קי האָבן אַרומגע־בלאָנדזשעט איבער די פעלדער.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט חורבן און פאַרוויסטונג, ווי נאָך דעם חורבן ניעסוויזש, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס בעת די איינוווינער פון די דערפער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט קיין דייטשלאַנד,

זענען אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן.

צוויי טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין דעם וועלדל. אויפן דריטן טאָג, ווען מיר זענען ווידער אַוועק אויפן זעלבן כוטאָר זוכן קאַרטאָפל, האָבן מיר פּלוצלונג געזען ווי עס פאָרן אונדז אַנטקעגן צוויי רייטערס — אונדזער קאָמאַנדיר זאָרין מיט זיין אַדיוטאַנט. מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט. זיי האָבן דערציילט, אַז די דייטשן האָבן די פּוסטשע פאַרלאָזן און אַז מיר דאַרפן זיך צוזאַמען קלייבן אויף אונדזער פריערדיקער באַזע.

דעם זעלבן טאָג זענען מיר שוין געווען אויף אונדזער באַזע. מיר האָבן זיך געפרייט מיט אַלע אונדזערע חברים, יעדער איינער האָט גראַטולירט דעם צווייטן מיטן דורכמאַכן דעם שווערן און ביטערן טעם פון אָבלאַוועס וואָס האָט געמיינט ליגן גאַנצע טעג און נעכט אין די בלאָטעס, אין הונגער און קעלט.

נאָך דעם וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, זענען אונדזערע בג־דים זיך צעפאַלן. האָט מען דעם גוף פאַרדעקט מיט שמאַטעס, אויף די פיס — לאַפּטשעס, געמאַכט פון רויע פעל, אויף וועלכע טוי־זנטער פליגן האָבן געראַיעט. אַזוי האָבן מיר דעמאָלט אויס־געזען, אָבער פריש און מונטער זענען מיר דאָך אַרויס פון דעם קאַמף, אַז מיר וועלן דעם דייטש איבערלעבן.

נאָך יענער גרויסער אָבלאַווע, זענען די דייטשע פאַרלוסטן גרעסער געוואָרן. צענדליקער אויטאָס מיט דייטשן זענען אַרויף אויף פאַרטיזאַנישע מינעס און צעשמעטערט געוואָרן. אונדזער אָטריאַד האָט פאַרלוירן אַ 10—12 מענטשן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטלעכע פּרויען, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר רוסישע פּליטים, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטש־לאַנד און זענען צוריק געקומען נאָכן זיג איבער דייטשלאַנד.

זאָרין וויל ראַטעווען וואָס מערער יידן

איצט הויבט זאָרין אָן ווידער צו רעאָרגאַניזירן דעם אָט־ריאַד. אַלס קאָמיסאַר בלייבט דער זעלבער פעלדמאַן, נאָר אַלס נאַטשאַלניק פון שטאַב באַשטימט ער ווערטהיימען.

ווערטהיים איז געווען אַ פּוילישער פּליט פון דער שטאָט מלאַווע. דער גורל האָט אים געבראַכט קיין סטאָלפּצי, ווו יידן האָבן אים געשיקט אין יודענראַט. נאָך דעם ווי ס׳איז געקומען די ערשטע פאָדערונג פון די דייטשן, אַז דער יודענראַט זאָל זיי צושיקן 50 מענטשן, ווייסט שוין ווערטהיים וואָס דאָס באַדייט. ער ענטפערט זיי, אַז ער קאָן זיי צושטעלן בלויז איינעם — דאָס איז ער אַליין. ער אַנטלויפט אין וואַלד און קומט אָן צו אונדז פאַר דער אָבלאַווע.

אַלס קאָמאַנדירן פון ראָטעס ווערן באַשטימט איזע און קאָפּעלאָוויטש — ביידע מינסקער.

איצט גייט די אַרבעט אין צוויי ריכטונגען: ערשטנס — אויסבויען אַ נייעם לאַגער, כדי צו קענען אַריינעמען דעם גאַנצן אָטריאַד און אים באַשפּייזן. צווייטנס — ראַטעווען וואָס מער יידן פון געטאָ מינסק, וואָס האָט נאָך דאַן עקזיסטירט.

זאָרין זעט אַ הייליקן פליכט אין ראַטעווען וואָס מער יידן.

עס ווערט אויסגעקליבן אַ ניי אָרט פאַרן אָטריאַד און מיר טרעטן צו בויען דעם נייעם לאַגער. צום ערשט — די קיך, דערנאָך די בעקעריי.

יאַנקל דער מילנער (אַזוי האָט מען אים גערופן), אַ ייד פון סטאָלפּצי, האָט אויסגעבויט אַ מיל וואָס פלעגט זיך דרייען מיט אַ מאַניעזש און מאָלן ביז 40 פּוד תבואה אַ טאָג.

אשר לונגער, אַ ייד פון רוביזשעוויטש בויט אויס אַ וווּרשט־פאַבריק און די אַרומיקע קריסטלעכע אָטריאַדן ברענגען פלייש צו מאַכן וווּרשט.

עס ווערן אָרגאַניזירט שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן, אויך צום פאַריכטן געווער. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ שפּיטאָל,

ווו די באַוווּסטע דאָקטערין פון מינסק, קאַפּלאַן, ערטיילט הילף דעם אייגענעם אָטריאַד און פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָטריאַדן.

אַזוי אַרום האָט זיך צפונדיק פון דאָרף קליטשישטש און שטעטל לובטש צעוואָרפן זאָרינס יידישער אָטריאַד, וועלכער איז אויך געווען אַ ווירטשאַפטלעכער פונקט, ווו עס האָבן זיך געווענדעט אַנדערע אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין פאַרשיידענע פאַכמענישע באַדינגונגען — און ביי אונדז האָבן זיי עס באַקומען. דער יידישער זשעני האָט אַפילו אין וואַלד־באַדינגונגען געשאַפן אַ יש מאַין.

די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן מיט נאָך אַ גרעסערן שווונג. די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז געוואָרן אַ רעגולערע. טאָג־טעגלעך פלעגן קומען עראָפּלאַנען און ברענגען אויפרייס־מאַטעריאַל, ליטעראַטור, מעדיקאַמענטן און גלייכצייטיק צונעמען די פאַרווונדעטע.

איבער צענדליקער קילאָמעטערס אין הינטערלאַנד פון שונא האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט די ראַטנמאַכט. וואָס מער זי האָט זיך פאַרפעסטיקט — אַלץ בעסער איז געוואָרן די יידישע לאַגע. עס האָט אויפגעהערט דאָס מאָרדן יידן. אויב פּאַרטיזאַנער פלעגן באַגעגענען בלאָנדזשענדיקע יידן, האָבן זיי שוין געוווּסט וווהין זיי אָפּצושיקן: צו זאָרינען אָדער צו ביעלסקין. זאָרינס קאָנטאַקט מיט דובאָוון איז געווען אַן ענגער, ער שטייט מיט אים אין טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג.

הגם ס'איז געווען אַ בפירושער באַפעל אַז די אָטריאַדן זאָלן זיך פאַרבינדן אין „סאָיעדיניעניעס", איז זאָרינס אָטריאַד געבליבן דער איינציקער וועלכער האָט געהערט בלויז צום ראַיאָן־צענטער, אונטער דובאָווס קאָמאַנדע. דובאָוו האָט געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט. ער האָט זאָרינען צוגעטיילט די רעכט אויסצוגראָבן קאַרטאָפל פון די פעלדער, וועלכע די אָרטיקע פּויערים האָבן פאַרזייט פאַר דער אָבלאַווע — און דאָס איז געווען דער ערשטער מקור פון באַשפּייזונג. איין טייל מענטשן האָט געגראָבן די קאַרטאָפל; אַנדערע האָבן זיי געפירט און אַ דריטער טייל האָט צוגעגרייט קעלערס אין וואַלד, מען זאָל די קאַרטאָפל מאַגאַזינירן.

גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען אַן אַרבעט פון ברענגען וואָס מער יידן פון געטאָ מינסק. אין די האַרבסט־חדשים פון יאָר 1943 האָבן טאָקע הונדערטער יידן פאַרלאָזן דאָס געטאָ און דער רוב האָט דערגרייכט צו אונדזער אָטריאַד. יעדע פּאָר טעג פלעגן די יונגע באַגלייטערס ברענגען פּאַרטיעס יידן. מיר פלעגן אַלעמען אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. טראָץ דעם וואָס ס'איז געווען אַ באַפעל צו ברענגען יונגע מענטשן, עס זאָל זיין וועמען צו געבן אַ ביקס אין האַנט, כדי פאַרשטאַרקן אונדזער כוח, פלעגן די באַגלייטערס ברענגען אין דער מערהייט פרויען און אַלטע לייט.

אין יענער צייט בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַן ערנסטן אופן. צוליב דעם ליגן אין די בלאָטעס און וואַסערן האָב איך פאַרקילט די בלוטן און פשוט נישט געקענט זיך אויפשטעלן. מיין געלעגער איז דאָך געווען די האַרטע ערד, דער צוקאָפּנס — אַ קאָרטש פון אַ בוים. מיין פרוי האָט מיך באַדינט מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. אַזוי פלעגט זי מיר צוגרייטן טרוקענע האָלץ („סוכאָסטאָי"), איך פלעג ליגן און לעבן מיר האָט געברענט אַ פייער („קאַסטיאָר"). איך פלעג אין קאַסטיאָר אָפּבאַקן אַ פּאָר קאַרטאָפל. אַז עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, פלעג איך בלייבן ליגן אונטערן בוים, נישט קענענדיק זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. נאָך ערגער פלעגט ווערן אויפן האַרצן, ווען אויף יענער זייט בלאָטעס האָבן זיך „פונאַנדערגעזינגען" דייטשע פּולעמיאָטן און דיך האָט באַהערשט אַ געפיל, אַז כ'בין אומבאַהאָלפן, איך קען זיך נישט רירן פון אָרט.

מיין פרוי דערוויסט זיך, אַז ביים ד"ר הירש געפינען זיך מעדיקאַמענטן, וואָס קענען מיך אויסהיילן. זי גייט צו אים בעטן די רעצעפּטן. אים אינטערעסירט אָבער נישט צו געבן הילף קראַנקע. מיין פרוי גייט צו זיין פרוי און בעט איר זי זאָל פועלן ביים דאָקטער ער זאָל מיר געבן אַ רפואה. יענער וויל אָבער פון גאָרנישט הערן. איין מאָל, ווען מיין פרוי האָט אים געבעטן ער זאָל מיר העלפן, באַפאַלט ער זי און שרייט: „דו ווילסט איבערלעבן דעם קריג צוזאַמען מיט דיין מאַן?! דאָס איז אַ לוקסוס!"

דאַן מישט זיך אַריין די אָנפירערשאַפט פון אָטריאַד און מען באַפעלט דעם ענגהאַרציקן דאָקטער צו געבן מיר די מעדיקאַמענטן. נאָכן נעמען די רעצעפּטן, טרעט גלייך אַריין אַ פאַרבעסערונג אין מיין לאַגע. איך הויב אָן קומען צו די כוחות.

די לעצטע יידן אַנטלויפן פון נאָוואָגרודקער געטאָ

מערב־ווייסרוסלאַנד איז אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1943 געווען יידן־ריין, נאָר וווּ־נישט־ווו האָט נאָך עקזיסטירט אַ לאַגער אָדער אַ געטאָ מיט אַ קליינער צאָל יידן, אין וועלכע די דייטשן האָבן זיך גענייטיקט. אַזאַ לאַגער האָט זיך געפונען אין נאָוואָגרודעק, הינטערן שטאָט, אין בנין פון אַמאָליקן פּויליש געריכט. פאַר די יידן איז קיין סוד נישט געווען, אַז זייער לעבן איז אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל זיי זענען נוצלעך די דייטשע רוצחים. אין מאָמענט ווען מען וועט זיי קענען פאַרבייטן, ווערן זיי אַלע אומגעבראַכט. צווישן אָט די יידן ווערט געבוירן דער געדאַנק פון אויסגראָבן אַ טונעל וועלכער זאָל פירן ביזן שאָסיי, נישט ווייט פון וואַלד.

אין געהיים, ציטערנדיק פאַר דייטשן און אויך פאַר יידישע מוסרים, איז אָנגעגאַנגען די מסירת־נפשדיקע אַרבעט פון גראָבן דעם טונעל. מען האָט געדאַרפט לייזן אַזעלכע פּראָבלעמען ווי אַזוי די אויסגעגראָבענע ערד באַהאַלטן, ווו אונטערשטעצן אָנשפּאַרן, אַז די ערד זאָל נישט איינפאַלן. ביז ס'איז געקומען די שעה און דער טונעל איז געוואָרן פאַרטיק.

דעמאָלט האָבן די יידן פאַרלאָזן דעם לאַגער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, זיך דערווייטערט פון נאָוואָגרודעק ביז די פּאַרטיזאַנישע געגנטן.

דער העלדישער טאָט פון די פאַרשלאָסענע יידן אין נאָוואָגרודקער געטאָ איז גלייך באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער נאַליבאָקער פּושטשע און דער רוב אַנטלאָפענע יידן איז געקערעוועט געוואָרן צו די צוויי יידישע אָטריאַדן: „זאָרין" און „ביעלסקי".

אין אונדזער אָטריאַד איז דאַן אָנגעקומען אַ מחנה פון אַ 50 מענטשן. זאָרין אַליין איז צו זיי אַרויסגעקומען און געפרעגט ווער עס וויל בלייבן ביי אים אין אָטריאַד און ווער וויל גיין צו ביעלסקין. פאַר די וואָס ווילן צו ביעלסקין, איז ער גרייט צו געבן אַ וועגווייזער זיי אָפּצופירן אַהין. אַ גרויסע מערהייט האָט אויסגעדריקט דעם ווילן צו גיין צו ביעלסקין, ווייל זיי האָבן דאָרט געהאַט באַקאַנטע און משפחה.

אַזוי ווי איך בין נאָך נישט געווען ביים פולן געזונט און געווען באַפרייט פון אַלע אַרבעטן, האָט מיר זאָרין געשיקט אַלס אַ באַגלייטער מיט דער גרופּע.

אַ צופרידענער האָב איך אָנגענומען די אויפגאַבע. ערשטנס — כ'האָב געוואָלט זען מיין טאַטן וועלכער האָט זיך געפונען ביי ביעלסקין. איך האָב אים נישט געזען פון פאַר דער אָבלאַווע. צווייטנס, האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט נאָך יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. מיך האָט אינטערעסירט אַלץ פון דעם גרויסן חורבן: דער אומקום פון יעדער שטעטל, ווער איז געבליבן לעבן?

איך האָב בשלום געבראַכט די מענטשן אויפן אָרט. אין יענער צייט איז נאָך ביעלסקי נישט געווען אין פּושטשע. אָנגע־

פירט מיט דער גרופּע האָט אַ נאַליבאָקער ייִד קעסלער.

איך האָב בײַ זײַ פֿאַרבראַכט אַ פּאָר טעג, אַ ביסל זיך באַקאַנט מיט די מענטשן — אַלע פּוילישע ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. די שטימונג און אַטמאָספֿער איז געווען אַ היימישע, אַ ייִדישע, נישט קיין אָנגעצויגענע ווי בײַ זאָרינען. מען האָט גערעדט פֿרייער. די מענטשן זענען זיך געווען נענטער און געבונדענער איינער מיטן אַנדערן.

אויפֿן דריטן טאָג האָב איך זיך האַרציק געזעגנט, פֿאַרלאָזן די מחנה פֿון די היימישע ייִדן און זיך צוריק אומגעקערט אין מײַן אָטריאַד.

ראש־השנה אין וואַלד

ערב ראש־השנה 1943 האָט זאָרין דערקלערט, אַז ווער עס איז רעליגיעז און האַלט פֿון יום־טובֿ, באַפֿרײַט ער פֿון אַלע אַרבעטן און פֿליכטן און גיט אים די מעגלעכקייט צו פֿײַערן די צוויי טעג.

איך בין קיין מאָל נישט געווען רעליגיעז, נאָר טיף אין האַרצן איז מיר אײַנגעבאַקן אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט ייִדישקייט, מיט ייִדישע טראַדיציע.

אין צוויי מנינים זענען מיר זיך צוזאַמען געקומען, געדאַוונט. אייניקע מינסקער ייִדן האָבן אין וואַלד אַ סידור און אַ מחזור געבראַכט.

ווען מיר האָבן זיך געקליבן צו שטעלן דאַווענען, איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז צום טויער דערנענטערט זיך אַ פּאַרטיע מינסקער ייִדן. גרויס איז געווען די פֿרייד, ווען אונדזער באַקאַנטער יאַנקעלע בעקער האָט געטראָפֿן זײַן זון *.

אַזוי האָט זיך געפֿירט אויך צו יום־כּיפּור. ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געפֿאַסט און זיך געפֿירט לויט דער ייִדישער טראַדיציע. זאָרין פֿון זײַן זײַט האָט ספּעציעל צום תּענית צוגעטיילט אַ גרעסערן פּאַיאָק ברויט און אויך געגעבן שנאַפּס (סאַמאַגאָנקע).

דער אָטריאַד איז געוואַקסן הן אין צאָל, הן אין שטח. יעדן טאָג פֿלעגן אַרויסגעשיקט ווערן גרופּן אויף פֿאַרזאָרגונג. די צושטעלונג איז מער ווייניקער געווען אַ צופֿרידנשטעלנדיקע. די שטימונג בײַ די מענטשן — אַ געהויבענע. די „סוואָדקעס" פֿלעגן יעדן טאָג ברענגען אַלץ בעסערע ידיעות: די רויטע אַרמיי טרײַבט די דײַטשן אויף אַלע פֿראָנטן. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן — אָט־אָט ווערן מיר באַפֿרײַט.

פּאָליאַקן ווילן פֿאַרענדיקן די דײַטשע מאָרד־מלאכה

נאָר אין יענער צײַט ווען מיר זענען געווען אַזוי אָפּטימיסטיש, האָבן אויך די פּאָליאַקן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָרגאַניזירט: ערשטנס — קעגן די ייִדן. אָט די פּאָליאַקן, וועלכע זענען אין ערשטן יאָר פֿון דער אָקופּאַציע געווען אונדזערע נאָענטסטע פֿאַרבינדעטע, האָבן איצט, אין אָנבליק פֿון דער זיך דערנענטערנדיקער רויטער אַרמיי, אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן די רוסן. און אויב קעגן די רוסן, דאַרף מען קודם כּל שיסן ייִדן.

פּאַסירט האָט דער טרויעריקער פֿאַל, ווען אַ גרופּע פֿון 15 מענטשן פֿון אונדזער אָטריאַד איז אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ פֿאַרזאָרגונגס־אָפּעראַציע אין דער געגנט פֿון הרובזעוויטש און אַרײַן אין אַ דאָרף ווו ס'האָבן סטאַציאָנירט א. ג. פּוילישע לעגיאָנערן. אונדזער גרופּע האָט נישט אָנגענומען קיין ספּעציעלע פֿאָרזיכט־מיטלען, האַלטנדיק די פּאָליאַקן פֿאַר פֿרײַנד. ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפֿונען אין צענטער פֿון דאָרף, זענען זיי פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ 200 פּוילישע רײַטערס, וועלכע האָבן זיי געוואָלט אַנטוואָפֿענען. לויט די דערציילונגען פֿון דריי לעבן־געבליבענע פֿון דער גרופּע, האָבן אונדזערע בחורים נישט געוואָלט געבן דאָס געווער. האָבן זיך די פּאָליאַקן געוואָרפֿן אויף זיי, אַלעמען אַנטוואָפֿנט און דאַן געבונדענערהייט צעשאָסן.

אויפֿן דריטן טאָג נאָך דער בלוט־באָד, איז די ידיעה וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד דערגאַנגען צו אונדז אין אָטריאַד און זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער פּושטשע. אַלע אָן אויסנאַם אָטריאַדן זענען דאַן געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס. דאָס ערשטע וואָס דער ראַיאָן־צענטער האָט געטאָן: אויפֿגעלייזט און פֿונאַנדערגעטריבן די לעגיאָנען. די הויפּט־פֿירער האָט מען אַרעסטירט און מיטן עראָפּלאַן זיי צוגענומען קיין מאָסקווע.

אויף דער גרופּע מיט זייער אַטאַמאַן נאַדז (נורקעוויטש), וועלכע האָבן אויסגעפֿירט דעם שרעקלעכן מאָרד, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אָבלאַוועס. אָבער גיי כאַפּ זיי, די מערדער, אַז די מערהייט פֿון זיי האָט זיך רעקרוטירט פֿון דער אָרטיקער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וועלכע פֿלעגט בײַטאָג אַרבעטן אויפֿן פֿעלד און בײַנאַכט זיך נעמען צום געווער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקער, אַכזריותדיקער קאַמף מיט די באַנדיטן, וועלכע האָבן נאָך געחלומט פֿון אַ פּוילן פֿון ים ביז ים. שרעק און פּחד האָבן אָט די באַנדיטן אָנגעוואָרפֿן, וויסנדיק אַלע פּאַרטיזאַנישע געניג, אַלע פּאַרטיזאַנער־לאַגערן. צענדליקער קרבנות האָט אײַנגעשלונגען אָט דער קאַמף. איבער די וועגן און אומוועגן פֿון דער גאַנצער נאַליבאָקער פּושטשע זענען צעוואָרפֿן די קבֿרים פֿון אָט די קרבנות.

אָקטאָבער 1943. דער אָטריאַד פֿירט אַן אינטענסיוו, רויִק לעבן. פֿון אונדזער אָטריאַד פֿאָרן פּאַרטיזאַנער אויף פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבעס. די פֿאַרבינדונג מיט דעם צענטער איז אַ סטאַבילע און פּינקטלעכע. עס קומען אָן מענטשן, וועלכע וואַלגערן זיך וואָכן איבער די דערפֿער, אַנטלאָפֿענע בעת דער ליקווידאַציע פֿון מינסקער געטאָ.

עס קומען צו אונדז אין אָטריאַד קאָמאַנדירן פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען און באַוווּנדערן וואָס מיר האָבן אין אַ קורצער צײַט אויסגעבויט.

עס רוקט זיך אָן דער ווינטער און צו אים מוז מען זיך אַ ביסל צוגרייטן. מען בויט זיעמליאַנקעס — ממש הײַזער. די האָפֿענונג אויף דער באַפֿרײַונג איז גרויס. די שטימונג — ענטוזיאַסטיש. די אָנפֿירערשאַפֿט הייבט אָן צוגרייטן דעם אָטריאַד צו גרעסערע אָפּעראַציעס. ס'איז דאָך ערבֿ די אָקטאָבער־פֿײַערונגען.

די אָפּעראַציע בײַ ליובטש

דעם 6טן אָקטאָבער האָט זיך טאַקע אונדזער אָטריאַד אַרויסגעלאָזן אויף אַ געפֿערלעכע אויפֿגאַבע. מיר זענען געשטאַנען אומגעפֿער 15 ק"מ פֿון שטעטעלע ליובטש, ווו ס'איז געווען אַ שטאַרקער פּאָליציי־פּונקט. די אָפּעראַציע איז באַשטאַנען אין דעם: צונעמען די קי וועלכע האָבן זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע פֿאַרן שטעטל. די קי האָבן אין זייער מערהייט געהערט צו פּאָליצייסקע משפּחות. ווי מאַכט מען עס, ווען פֿון אויבן, אויפֿן בריק, גייט אַרום אַ פּאָליציי־פּאַטרול? האָבן זיך אונדזערע חבֿרה צעלייגט ביים ראַנד פֿון וואַלד און צוויי רײַטערס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף דער לאָנקע צו די פּאַסטעכער און זיי באַפֿוילן די קי טרײַבן אין וואַלד. די פּאַסטעכער האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און אַרײַנגעפֿירט די סטאַדע אין וואַלד

* צום גרויסן אומגליק איז דער פֿאָטער געפֿאַלן אין לעצטן טאָג ערבֿ דער באַפֿרײַונג. דער זון איז געפֿאַלן אין ישׂראל, אין דער מלחמת־העצמאות (1948). ערע זייער אָנדענק!

אַריין. דאָ האָבן די קי איבערגענומען אונדזערע פאַסטעכער און זיי געגומען טרייבן צו אונדזער באַזע. אַ טייל פּאַרטיזאַנער איז געבליבן ליגן אויף וואַך נאָך אַ פּאָר שעה און דערמעגלעכט די פאַסטעכער צו דערווייטערן זיך פון ליובטש און אויך פאַר־שטעלן דעם וועג פאַר דער פּאָליציי און דייטשן, אויב זיי וואָלטן זיך אַרויסגעלאָזן זוכן די פאַרכאַפּטע סטאַדע.

די אָפּעראַציע איז געלונגען — און זאָרין האָט געשטראַלט פון פרייד און שטאָלץ. ער איז געגאַנגען פון זיעמליאַנקע צו זיעמליאַנקע, געשמועסט מיט די מענטשן, געהויבן זייער מאָ־ראַל, דערוועקט ספּעציעל יידישע האָפענונג, אַז מען וועט איבער־לעבן דעם ביטערן צורר־ישראל. ער האָט נישט געגלויבט אַז מען וועט קענען בויען אַ לעבן אַרום די מאַסן־גריבער פון יידישע קרבנות — און ער האָט געזאָגט, זיצנדיק אַנטקעגן מיר אויף דער נאַרע אין זיעמליאַנקע:

— מיין טרוים און פאַרלאַנג איז בלויז איבערלעבן די מלחמה, קומען קיין ארץ־ישראל, לעבן אַ האַלב יאָר און דאָרט שטאַרבן. אויף מיין מצבה זאָל זיין געשריבן: „דאָ ליגט זאָרין״. (זאָרין האָט עולה געווען קיין ישראל ערשט אין יאָר 1971 און דאָ געשטאָרבן אין דעצעמבער 1973).

אַזאַ איז געווען דער פאַרלאַנג ביי דעם אַלטן קאָמוניסט, וועלכער האָט מער נישט געהאָפט אויף צו קענען בויען אַ גע־מיינזאַם יידיש־קריסטלעך לעבן. זיינע אויגן האָט ער געווענדעט צו ציון, דאָרט זאָל ער אויסלעבן זיינע יאָרן.

די געלונגענע אָפּעראַציע ביי ליובטש האָט די דייטשן נאָך מער צעטומלט און זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן דאָס אָרט פון אָט־ריאַד, וועלכער האָט די אויפגאַבע אויסגעפירט. די פּאָליציי פלעגט שיקן פאַרשיידענע שפּיאָנען אין פּושטשע זיי זאָלן גיין נאָך די פוסטריט פון די קי, אָבער די אַלע פאַרשוינען פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון אונדזערע פאַרפּאָסטנס און ליקווי־דירט ווערן. שפּעטער האָבן די דייטשן געשיקט אויסשפּיר־עראָפּלאַנען. איין מאָל האָט אַזאַ אויסשפּיר־עראָפּלאַן זיך אַראָפּ־געלאָזן נידעריק איבערן לאַגער און אים אָנגעהויבן באַשיסן פון אַ מאַשין־געווער. דעמאָלט דעצידירט זאָרין, אַז מען מוז וואָס שנעלער פאַרלאָזן דאָס אָרט.

אין טשערעביינע

עס איז שוין געשטאַנען אַ שווערער ווינטער, ווען מיר זענען אַריבער אויף דעם נייעם אָרט טשערעביינע — אויפן נאָמען פון נאָענטסטן דאָרף. פאַקטיש האָט דאָס דאָרף נישט עקזיסטירט. די גאַנצע באַפעלקערונג איז פאַרטריבן געוואָרן קיין דייטשלאַנד און די געביידעס זענען פאַרברענט געוואָרן.

גרופּנווייז (יעדן טאָג אַן אַנדערע גרופּע), האָט מען עוואַ־קוּאירט דעם אָטריאַד. אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט צוגרייטן זיעמליאַנקעס פאַרן גאַנצן אָטריאַד — און דאָס האָט מען נישט געקענט מאַכן אין איין טאָג — האָט דאָס איבערציען זיך אויפן נייעם פּלאַץ געדויערט אַ צוויי וואָכן.

ענדע דעצעמבער 1943 איז שוין דער גאַנצער אָטריאַד געווען אינעם נייעם לאַגער אין טשערעביינע. די חדשים יאַ־נואַר־פעברואַר זענען געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיקע. די דייטשן האָבן מער נישט געוואַגט אונדז אַנצוגרייפן און זיך באַגנוגנט מיט אויסשפּירונגען פון דער לופט און פון צייט־צו־צייט — אויך מיט באָמבאַרדירונגען. אָבער קיין גרויסע פאַר־לוסטן האָבן זיי אונדז נישט פאַרשאַפט. עס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט, אַז אַ דייטשער עראָפּלאַן פלעגט זיך אַראָפּלאָזן איבערן לאַגער און באַשיסן פון מאַשין־געווער. מיר פלעגן אויף דעם אַפילו קיין אַכט נישט לייגן.

די שטימונג ביי די מענטשן איז געווען אַ געהויבענע. די נייעס האָבן געהויבן די שטימונג, צוגעגעבן מוט און האָפע־נונג, אַז די ישועה איז נאָענט.

איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען דער בלינדער גורל, אָדער אַ באַוווּסטזיניקער אַקט פון איינעם פון אונדזערע קאָ־מאַנדירן, וועלכער האָט אויסגעקליבן דעם נייעם אָרט פון אָט־ריאַד גאָר נאָענט פון ביעלסקין. דער פאַקט וואָס ביידע יידישע אָטריאַדן האָבן זיך געפונען אין נאָענטער שכנהשאַפט האָט נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק פילן אונדזער יידישע עלנטקייט. דאָס האָט אויך דערפירט צו בשותפותדיקע אויפגאַבן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ביידע אָטריאַדן. אין יענע ווינטער־חדשים פון 1944, איז אַ ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע אויך געווען אַ מיליטערישע אויפגאַבע, ווייל אַרום דער פּושטשע האָבן געבושעוועט די אַזוי גערופענע קאָזאַקן, וועלכע די דייטשן האָבן מיטגענומען פון די אָפּטרעטנדיקע געביטן אין רוסלאַנד און די פּאָליאַקן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין איינער אַזאַ בשותפותדיקער אויפגאַבע פון ביידע אָט־ריאַדן בין אויך איך געווען. צום גרויסן באַדויערן, נאָכן אָפּזיין 12 טעג אין דער סביבה פון איוויע, האָבן מיר זיך געמוזט צוריקציען און קומען אין לאַגער מיט גאָרנישט. במשך יענע 12 טעג האָט איין דורכפאַל געיאָגט דעם צווייטן. פאַרן אַריבער־גיין דעם טייך בעריאָזקאַ האָט דאָס אייז געלאָזן און מיר האָבן געמוזט 3 טעג בויען אַ בריק צוזאַמען מיט נאָך פּאַרטי־זאַנער, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אויף דער א. ג. פּערעפּראַווע. אויף יענער זייט טייך האָבן מיר זיך געפונען אין אַ פולשטענדיק אַנדערן מצב: דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגאַנגען [?] מיר האָבן אויסגעטוישט אונדזערע שליטנס אויף שנאַבס און ווייטער אַוועק צופוס. אָבער אין וועלכן דאָרף מיר זענען אַריין האָבן מיר גע־טראָפן אַ פיינטלעכע באַציונג צו אונדז, ווייל די באַפעלקערונג איז געווען אַ פּוילישע און זיי האָבן אָפן מיטגעאַרבעט מיט די „ווייסע״ פּאָליאַקן. אין איינעם אַזאַ דאָרף, ווען מיר האָבן ביי־נאַכט געפּרוּווט אַריינגיין, האָט מען אונדז באַגעגנט מיט פייער. צום גליק, זענען נישט געווען קיין קרבנות.

דאָס צוריקגיין אין אָטריאַד איז אויך נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די בריק וועלכע מיר האָבן געבויט אויף דער בעריאָזקע, איז צעשטערט געוואָרן פון די שטורמישע וואַסערן. האָבן מיר געמוזט זוכן לאָדקעס, כדי זיך אַריבערשיפן אויפן צווייטן ברעג. אינמיטן טייך האָבן אונדז באַמערקט דייטשע עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן צו באַשיסן. מיט גרויס מזל זענען מיר אַרויס גאַנץ פון דער באַשיסונג. געשפּרונגען פון די לאָד־קעס, ווען מיר זענען שוין געווען נאָענט צום ברעג, אָבער דאָס אָרט איז געווען שטאַרק זומפּיק. ביזן בויך זענען מיר געזונקען אין די בלאָטעס. ווו זיך אָפּטרוקענען איז נישט געווען, ווייל אויף דער זייט טייך האָבן די דייטשן אַלץ פאַרניכטעט. איז אונדז געבליבן איין זאַך: לויפן וואָס שנעלער, כדי דער פראָסט זאָל נישט דורכנעמען. לויפן צום אָטריאַד פון סאַשקען, וועל־כער האָט געהאַט זיין לאַגער 15 ק״מ פון דעם אָרט. דער סאַ־מאָגאָן וואָס יעדער האָט געהאַט ביי זיך, האָט צוגעגעבן כוח און מוט דורכצולויפן די שטרעקע.

דער „דאָזאָר״ פון אָטריאַד האָט אונדז אויפגענומען פריינט־לעך, צוגעטיילט אַ זיעמליאַנקע מיט אַן אויוועלע, ווו מיר האָבן אויסגעטרוקנט די מלבושים. זיי האָבן אונדז געגעבן עסן. פאַרטאָג זענען מיר אַוועק צו אונדזער באַזע — אַ מרחק פון אַ טאָג גיין.

אין אָטריאַד האָט מען שוין געוווּסט פון אונדזער דורכגע־פאַלענער אויפגאַבע. אָבער מיר זענען געווען צופרידן, וואָס אַלע האָבן זיך אומגעקערט אָן קרבנות.

אין יענער צייט האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג אָנגעהויבן איר אידעישע אויפקלערונג־אַרבעט אין די אָטריאַדן. צו אונדז

קומט צו אַ פּאָליטרוק, אַ ייִד, וועלכער רעפּערירט אויף דער טעמע: „26 יאָר פ.ס.ס.ר.‟ ער ווייזט אויף די אַלע גוטע זייטן וואָס די ווייסרוסן האָבן דערגרייכט ביי דער סאָוויעטן־מאַכט.

איך ווייס נישט פון וואַנען ס'האָט זיך צו מיר גענומען מוט עפּנטלעך אַרויסצוטראָטן מיט דער פֿאָדערונג, הלמאי קומט נישט אויך אונדז, ייִדן, קיין זעלבשטענדיקייט און רעכט אויף מלוכהשאַפֿט ווי אַלע פֿעלקער פון גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

מיין פראַגע נאָך זיין רעדע האָט מיך באַזאָרגט לאַנגע וואָכן און חדשים: וועט ער נישט וועלן מיך באַשטראָפן פאַר דער ציוניסטישער שאלה? ווייזט אויס, אַז ער אַליין איז מיט מיר געווען מסכים און דער ענין איז פאַרשוויגן געוואָרן.

עס דערנענטערט זיך די באַפרייונג

אַפּריל 1944. די רוסן גייען פאָרויס אויף אַלע פראָנטן. זיי זענען שוין דערגאַנגען ביז קאָוועל און ראָוונע, אָבער מיר שטעקן נאָך גאַנץ טיף אין הינטערלאַנד. אין אָטריאַד ווערט אָרגאַניזירט אַן אויפרייס־גרופּע, וועלכע פירט דורך סאַבאָטאַזשן אויף די באַן־ליניעס. דער רעזולטאַט — טויטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן.

עס קומט דער פרילינג. אין אָטריאַד באַווייזן זיך אַלץ מער גרופּן פון פאַראַשוטיסטן, וועלכע ווערן נאַכט נאָך נאַכט אַראָפּגעלאָזן פון רוסישע עראָפּלאַנען. מען זעט ממש באַשיינפּערלעך, אַז די גרויסע שעה פון באַפרייונג איז נאָענט.

6טער יוני 1944. די אַליאירטע האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין פראַנקרייך. די געשעעניש, אויף וועלכער יעדער רוסישער זעלנער האָט אַזוי געוואַרט — איז אַ פאַקט. אַמעריקאַנישע און ענגלישע איינהייטן קעמפן אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט קעגן דער בלוטיקער דייטשער בעסטיע.

פרייד און האָפענונג האָבן באַהערשט אַלע אָטריאַדן, נאָר צוזאַמען מיט דעם אויך שרעק פאַר דעם וואָס אונדז קאָן ברענגען דער נאָענטסטער רוסישער אָנגריף און דאָס דייטשע צוריקטרעטן. ווי וועט עס פאָרקומען?

זאָרין, דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, טראַכט וועגן דעם גאַנץ ערנסט און זוכט אַ נייעם אָרט ווו דעם אָטריאַד איבערפירן, בכדי מיט ווייניקער שרעק און בלוט איבערקומען די טעג ווען דער פראָנט וועט זיך דערנענטערן. ער צעטיילט דעם אָטריאַד אויף 2 ערטער, אַז ווען דער לאַגער וועט ווערן אַנגעגריפן, זאָל זיין ווו זיך צוריקציען.

דערווייל איז שטיל, ווי פאַר אַ שטורעם. יעדער איינער פון אונדז וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם וואָס דאַרף היינט־מאָרגן פאַסירן.

און דאָס געגאַרטע איז געקומען. דעם 23סטן יוני 1944, איז די רויטע אַרמיי אין ווייסרוסלאַנד אַריבער אין אָנגריף אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן.

דער פראָנט האָט זיך געפונען פון אונדז אַ 300—400 ק״מ. דערווייל איז אין לאַגער שטיל. ערשט אין צוויי־דריי טעג אַרום הערן מיר איינצלנע אַרטילעריע־שאָסן און פאַרשטאַנען, אַז דער פראָנט רוקט זיך פאָרויס.

דעם 2טן יולי האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז 22 דייטשע דיוויזיעס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין אַ „קעסל‟ ביי מינסק.

דאָ האָבן מיר געפילט, אַז מ'איז אין סאַמע צענטער פון פראָנט, ווייל די פּושטשע האָט זיך געפונען אויף אַ מרחק פון קנאַפּע 100 ק״מ פון מינסק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דייטשן וועלן זיך באַמיען דורכצורייסן דורך דער פּושטשע אויף באַראַנאָוויטש, פון וואַנען זיי האָבן געהאַט אַ וועג אויף אָפּצוטרעטן.

דעם 3טן יולי מעלדעט דער ראַדיאָ, אַז די שטעט ניעסוויזש און קלעצק זענען באַפרייט געוואָרן — און מאָסקווע האָט לכבוד זיי סאַלוטירט. די פרייד איז גרויס: אָט ווערן מיר באַפרייט. די היטלעריסטישע בעסטיע איז פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזערע היימען. צוזאַמען מיט דער פרייד האָט אונדז אויך באַהערשט צער און פיין: ווי וועט אויסזען אונדזער צוריקקער אין די חרוב־געוואָרענע היימען? ווער וועט אונדז אָפּוואַרטן? וועלן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער אַרויסגיין באַגעגענען די קעמפער וואָס קערן זיך אום פון פראָנט, ווי דאָס וועט זיין ביי די רוסישע פאַרטיזאַנער? ניין! דאָס נישט! אַזעלכע אילוזיעס האָבן נישט געקענט האָבן די ייִדישע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט אַלע דייטשע שוידערלעכקייטן און געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן צו חרובע שטעט און גרויסע ברידער־קברים.

דעם 6טן יולי פאַרטאָג מעלדעט אונדזער אויסשפּיר־גרופּע, אַז אַ גרופּע ס. ס. רוקט זיך מיט די בלאָטעס אין דער ריכטונג פון לאַגער. זאָרין מיט נאָך 14 מענטשן מאַכן אַ „זאַסאַדע‟ און פאַרגעסן אין יענעם מאָמענט דעם פּשוטן חשבון, אַז 14 איז שווער צו קעמפן קעגן 200.

נאָכן ערשטן רוף פון זאָרינען זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, אַנטוויקלט זיך אַ שלאַכט. די רעזולטאַטן: פון אונדזער זייט 6 געפאַלענע פאַרטיזאַנער און 4 פאַרוווּנדעטע, אויך דער קאָמאַנדיר זאָרין ווערט פאַרוווּנדעט אין פוס, וועלכער ווערט שפּעטער אַמפּוטירט.

דער אָטריאַד טרעט אָפּ צום צווייטן לאַגער, וועלכן זאָרין האָט צוגעגרייט. אַ טייל פון די דייטשן רייסן זיך אַדורך פאָרויס און אַ צווייטער טייל ווערט פון אונדז געכאַפּט.

איצט זענען מיר אין צענטער פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס. מיר האָבן ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי איז שוין אַוועק ווייטער אויף מערב, אָבער מיר טאָרן זיך נישט אַרויסציען פון דאַנען. מיר דאַרפן האַלטן דעם פּונקט און כאַפּן די דייטשע באַנדיטן, וועלכע דרייען זיך אַרום אין די וועלדער. מען האָט זיי גרופּנווייז געבראַכט אין לאַגער.

שווער איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר יענעם מאָמענט, ווען ייִדישע בחורים האָבן געפירט די מערדער וואָס האָבן אויך געוווּסט אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן אין ייִדישע הענט און קיין רחמים וועט דאָ נישט זיין.

דאָס זענען געווען יענע הייליקע מינוטן, ווען איינצלנע פון מיליאָנען האָבן דערלעבט צו נעמען נקמה. דאָס איז נישט געווען קיין סתם בלוטדורשטיקייט פון מענטש צו מענטש — נאָר עפּעס העכערס. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אויספירן דעם הייליקן פאַרלאַנג פון אונדזערע קדושים, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען מיטן לעצטן וואָרט: „עס זאָל כאָטש ווער בלייבן נקמה צו נעמען‟.

לאַנג האָט מען די געכאַפּטע באַנדיטן נישט געהאַלטן. נאָכן אויספאָרשן, האָט מען זיי געשאָסן, נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. האַלטן זיי איז געווען ריזיקאַליש, עס האָבן זיך נאָך געקענט אונטעררוקן אָפּטרעטנדיקע דייטשע טיילן און זיי באַפרייען.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז דער טומל געוואָרן נאָך גרעסער: שיסערייען פון אַלע זייטן. קיינער ווייס נישט, ווו זענען אונדזערע און ווו זענען די דייטשן. אויף שאָסן ענטפערן מיר מיט שאָסן — און דאָס איז אַלץ. עס קומען אויך פאָר לופט־קאַמפן. אָט ווערט דער הימל באַלויכטן מיט ראַקעטן און סנאַריאַדן רייסן זיך אין די הימלען.

פאַרטאָג, דעם 10טן יולי 1944, פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט דורך אָפּטרעטנדיקע דייטשע טיילן.

אָבער גלייך קומט אָן אַן אַנדערע ידיעה, אַז די דייטשן וועלכע אונדזערע אויסשפּירער האָבן געזען פון צפון, זענען נישט קיין דייטשן, נאָר אַ רויט־אַרמייאישע אויסשפּיר־גרופּע, אָנגעטאָן אין דייטשע מונדירן. די ידיעה אַז מיר זענען שוין

באַפרייט דורך רוסישע מיליטער־טיילן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ באַגייסטערונג, וואָס נאָר מענטשן וואָס האָבן דאָס אַליין דורכגעמאַכט, קענען פאַרשטיין און פילן די פרייד פון פאַראורטיילטע צום טויט.

ענדלעך איז די באַפרייונג געקומען. דער גרעסטער שונא פון יידנטום און פון דער מענטשהייט איז פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזערע היימען. מיר, די איבערגעבליבענע רעשטלעך, האָבן דערלעבט צו דעם.

איצט זענען מיר, די באַפרייטע יידן — רוסישע בירגער.

עס קומט פאָר אַ קליינע פראָנט־צערעמאָניע. אונדזער אָטריאַד שטעלט זיך אויס אַנטקעגן דער גרופּע רויטאַרמייער, מיט וועלכער מיר האָבן זיך פאַראייניקט. באַגריסונגען, קורצע רעדעס, האַנט־דרוקן.

איך שטיי אַנטקעגן די רויט־אַרמייער און זע: דאָס זענען נישט די זעלבע מיט וועלכע מיר האָבן זיך צעשיידט אין יאָר 1941,ביים אָנהייב קריג. פאַר אונדז שטייען איצט יונגע, 17—18 יאָריקע קינדער און ביי אַ 50־יעריקע סאָלדאַטן.

מיר מאַרשירן אָפּ מיט זיי ביז דער באַוווסטער אַזיערע קראַמען.

מיר שטייען דאָ 3 טעג אויף איבער־אָרגאַניזירונג. מיר ווייסן נאָך נישט וווהין צו גיין. זאָרין איז פאַרוווּנדעט. די אָנפירונג נעמט איבער דער קאָמיסאַר, וועלכער איז נישט אַזוי באַליבט ווי זאָרין און אויך נישט אַזוי פעיק. די דיסציפּלין אין אָטריאַד איז געפאַלן. מענטשן ווילן דעם אָטריאַד פאַרלאָזן. אָבער קיינער ווייס נישט וואָס צו טאָן.

איך וויל זיין צוזאַמען מיט מיין פאָטער, וועלכער געפינט זיך ביי ביעלסקין אין אָטריאַד. אָבער אָפיציעל דערלויבט מען נישט. ביעלסקיס אויסשפּירער גיבן איבער, אַז אין לעצטן מאָמענט זענען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך אַ גרופּע דייטשן און זיי האָבן געהאַט 10 קרבנות. איך ציטער פאַרן גורל פון מיין טאַטן, הגם די אויסשפּירער גיבן איבער, אַז זיי האָבן אים געזען צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן אָטריאַד, וועלכער מאַרשירט אין דער ריכטונג פון נאָוואָגרודעק. גאַנץ פרי דאַרפן זיי דורכגיין פאַרביי אונדז.

איך גיי צו אונדזער צייטווייליקער אָנפירונג און בעט זיך: „לאָזט מיך פאַראייניקן מיט מיין פאָטער". — „ניין און ניין". זיי האָבן געוואָלט זיין פויפּסטלעכער פונעם פויפּסט. ביז ס'איז אָנגעקומען דובאָוו מיט זיין גאַנצן שטאַב, כדי איבערנעמען די מאַכט אין באַראַנאָוויטש און פאַרלייגט זייער לאַגער לעבן אונדז. איך גיי צום גענעראַל דובאָוו און ראַפּאָרטיר אים, אַז אַזוי ווי מיין פרוי איז אין אַנדערע אומשטענדן, איז מיין פאַרלאַנג, ער זאָל מיר דערלויבן זי אָפּצופירן קיין ניעסוויזש און דאָרט מאָביליזיר איך זיך אין דער אַרמיי.

זיין ענטפער איז געווען: „איינעם קאָן מען אָפּלאָזן".

איך גיב דאָס איבער מיינע קאָמאַנדירן. זיי וואַרפן זיך מיט טענות, הלמאי איך בין געגאַנגען צום גענעראַל. פאַרטאָג בין איך אַוועק וואַרטן אויפן וועג, פון וואַנען עס האָט געדאַרפט אָנקומען ביעלסקיס אָטריאַד. איך האָב זיך דערוואָרט. פריער באַווייזן זיך די אויסשפּירער, דערנאָך — דער אָטריאַד. איך דערזע מיין טאַטן, מיט וועלכן איך האָב נישט גערעדט אַ פּאָר וואָכן, זינט דער רוסישער אָפענסיווע אין ווייסרוסלאַנד. אונדזער באַגריסונג איז אַ האַרציקע, ווי אַ טאַטע מיט אַ זון. איך גיב אים איבער ווי די לאַגע זעט אויס. דער טאַטע לויפט דאַן צו ביעלסקין, אַז אויך ער זאָל אינטערווענירן ביי אונדזערע קאָמאַנדירן מען זאָל מיך באַפרייען. ביעלסקי אינטערווענירט און מען באַפרייט מיך. איך באַקום אַ צייטווייליקן דאָקומענט און צוזאַמען מיט מיין טאַטן און מיין פרוי פאַראייניקן מיר זיך מיט ביעלסקיס אָטריאַד, וועלכער מאַרשירט קיין נאָוואָגרודעק.

זיי געזעגנט, נאַליבאָקער פּושטשע!

עס האָט זיך געשטעלט אַ הייסער זומערדיקער טאָג, ווען מיר האָבן גאַנץ פרי זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג, אין דער ריכטונג פון נאָוואָגרודעק. די זאַמדן האָבן געגליט אונטער די פיס און באַשווערט אונדזער פאַרויסמאַרש. ביעלסקיס אָטריאַד, וועלכער האָט געציילט ביי דער באַפרייונג ביי אַ טויזנט מענטשן, האָט זיך צעוואָרפן אויף אַ לאַנגער שטרעקע. ס'איז נישט געווען קיין טרונק וואַסער. נאָר יעדער האָט געשטרעבט וואָס שנעלער אַרויסגיין פון די בלאָטעס. מענטשן האָבן זיך געדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען, כדי נישט ווערן צוזאַמענגעבראָכן און נישט אָפּשטיין פון אָטריאַד. פאַרנאַכט־צו זענען מיר אָנגעקומען צום טייך ניעמאַן.

רוסישע עראָפּלאַנען קרייזן איבער אונדז און וואַרפן אַראָפּ צעטעלעך, צוגעבונדענע צו שטיינדלעך: 3 ק"מ מזרחדיק — דייטשן; 4 ק"מ מערבדיק — דייטשן. דאָ איז די בריק אויפן ניעמאַן נאָך נישט פאַרטיק. רוסישע סאַפּיאָרן אַרבעטן ביים אויפשטעלן די בריק. מיר פאַרלייגן אונדזער צייטווייליקן לאַגער ביים טייך. פּלוצלונג ווערט דער הימל פאַרוואָלקנט און עס הייבט אָן פּלייצן אַ רעגן — אַ מבול. מיר שטייען ביים ברעג טייך, אָן אַ בוים, נישטאָ קיין דאַך, דער רעגן האָט אונדז דורכגעווייקט. אַזוי זענען מיר געשטאַנען און זיך געטרייסלט פון קעלט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט פאַרטאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט. מען האָט געבראַכט די ידיעה, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט די בריק זיין פאַרטיק און מיר וועלן קאָנען אַריבערגיין אויפן צווייטן ברעג פון ניעמאַן. צו דער צייט איז טאַקע געגעבן געוואָרן דער באַפעל.

שטייענדיק אויף דער בריק, האָב איך זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער פּושטשע און געשעפּטשעט אַ תפילה: „דיר, נאַליבאָקער פּושטשע מיט דיינע גרויסע וועלדער און טיפע בלאָטעס — האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין געראַטעוועט לעבן. ווען די דייטשע חיה אין געשטאַלט פון אַ מענטש האָט מיך געוואָלט אומברענגען, האָסטו מיר געגעבן אַ באַהעלטעניש גאַנצע צוויי זומערן און צוויי ווינטערן. איצט, מיין ליבע פּושטשע, געזעגן איך זיך מיט דיר. געבענטש זאָלסטו זיין! איך ווייס נישט וווהין איך גיי, מיין היים איז פאַרברענט און אָפּגעווישט. מיינע נאָענטע און ווייטע — אומגעבראַכט. נאָר ווו איך וועל קומען און ווו איך וועל מיין אהל אויפשטעלן, וועל איך מיט אַ ציטער אין האַרצן דערמאָנען דיך און דיינע איינוווינער, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן. זיי געזונט"!

מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער מחנה און אָנגעהויבן אויפן שאָסיי מאַרשירן אין דער ריכטונג פון נאָוואָגרודעק. ווי מאָדנע דאָס איז אויסגעקומען. 3 יאָר צייט האָבן מיר נישט געטאָרט זיך באַווייזן אויפן שאָסיי און איצט מאַרשירן מיר פריי, אַלס סאָוויעטישע זעלנער.

אין ערשטן דאָרף זענען מיר אַריין אין אַ שטוב און געבעטן אַ געלעגער פאַר מיין פרוי, וועלכע איז געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט און אויך דורכגענעצט. דער פויער האָט געמאַכט אַ געלעגער און דערלאַנגט עסן. מיר האָבן זיך ווידער פאַראייניקט מיט דער מחנה און פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָגרודעק.

אין באַפרייטן נאָוואָגרודעק און ניעסוויזש

נאָוואָגרודעק איז מיר פריער נישט געווען באַקאַנט. איך דערמאָן זיך יענעם מאָמענט, ווען מיר זענען אַרויף אויפן שטאָטישן טראָטואַר. אונדזער גליק איז נישט געווען צום באַשרייבן.

דער אָטריאַד איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין „הויף", אַ פּאָר קילאָמעטער פון שטאָט.

די נאָוואָגרודקער האָבן זיך געלאָזן זוכן זייערע הייזער, בכדי נישט ליגן אויף דער גאַס. נאָר מיר, וועלכע זענען געווען פרעמדע אין נאָוואָגרודעק, זענען געבליבן אין דרויסן.

דריי טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין נאָוואָגרודעק. עס איז פאָרגעקומען אַ הערלעכע דעפילאַדע אויף די רואינען פון דעם אַלטן שלאָס. דאַן האָט ביעלסקי פונאַנדערגעלאָזן דעם אָטריאַד. יעדן איינעם האָט ער אויסגעשריבן „ספּראַווקעס" און געזאָגט: „גייט זיך, קינדערלעך, יעדער זיין וועג. איך האָב מיין אויפגאַבע דערפילט".

מיך, מיין פרוי און טאַטן האָט פאָרט געצויגן קיין ניעסוויזש. זענען מיר אַרויס הינטערן שטאָט און מיט מיליטערישע אויטאָס אָנגעקומען צום שטעטעלע מיר. דאָ האָבן מיר ווידער געוואַרט אויף אַ מאַשין, וועלכע זאָל אונדז נעמען קיין ניעסוויזש.

פאַרנאַכט זענען מיר געווען אין ניעסוויזש.

מיר זענען אַראָפּ פון אויטאָ און געבליבן שטיין. קיין באַקאַנטע, קיין קרובים. בלויז פיינטלעכע שטעכיקע בליקן פון קריסטן צו די צוריק געקומענע יידן. און זייער ציטער: קוים באַווייזט זיך יענער ייד, וועלכער האָט זיי געגעבן עפּעס וואָס צו באַהאַלטן, אָדער אפשר קומט עמעצער, וואָס וועט זיין אַן עדות וועגן זיין צוזאַמענאַרבעט מיטן אָקופּאַנט. בלויז יחידים האָבן זיך געפרייט צו זען צוריק געקומענע יידן.

מיר זענען גלייך אַוועק צו אונדזערע 2 הייזער. ווי נאָר איך בין צוגעגאַנגען, האָב איך באַמערקט אַז דאָס שילדל אויפן הויז זאָגט גאָר, אַז ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ ווייסרוסישן פּאָליציאַנט. איך האָב דאָס שילדל אַראָפּגענומען, אַריין אין שטוב און דערקלערט די איינוווינער, אַז זיי מוזן דאָס הויז גלייך פאַרלאָזן.

זיי האָבן געטאָן מיין פאַרלאַנג. דאַן זאָג איך צו מיין פרוי: „עלקע, לאָמיר צוגיין אין געטאָ און זען די גרוב ווו מיר האָבן זיך געראַטעוועט".

אָפּגייענדיק אַ הונדערט מעטער, קומט אונדז אַנטקעגן אַ מונדירטער סאָוויעטישער פּאָליציאַנט פון דער נ.ק.וו.ד. ער זאָגט



דער ניעסוויזשער אַלטער בית־הקברות, צעשטערט דורך די דייטשן אין זייערע ניעסוויזשער מיטהעלפערס.

בית הקברות היהודי מחולל והרוס ע"י הגרמנים ומשתפי הפעולה מתושבי **עירנו.**



די פאַרברענטע ווילענסקע גאַס. רחוב ווילנסקה השרוף והחרב.

אויף יידיש: „עמך?" — „יאָ, עמך" — ענטפער איך אים. צווישן אונדז פאַרפירט זיך אַ האַרציקער שמועס. „איך הייס ווילענסקי, אַ ייד פון וויטעבסק. גענוג האָט זיך אונדזער בלוט געגאָסן און גיסט זיך נאָך. קום מאָרגן אין נ.ק.וו.ד. וועל איך דיך איינאָרדענען אויף אַרבעט". כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב דאָ מיינעם אַ חבר, מאזין. ענטפערט ער: „ברענג אים אויך".

צו מאָרגנס בין איך מיט ישי מאזין אַוועק צו ווילענסקין. מיר זענען געבליבן אַרבעטן אין נ.ק.וו.ד. אַ יאָר צייט — און הונדערטער יאָרן תפיסה האָבן מיר צוגעטיילט די אַלע וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן דייטש. אויך צוויי טויט־אורטיילן אונטערגעשריבן אויף פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן טויזנטער יידישע לעבנס.

אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך איינגעזען, אַז כ'האָב נישט וואָס צו טאָן אין ניעסוויזש. אָנהייבן בויען אַ לעבן אויף אַ בית־עולם איז זייער שווער. אויב די ערשטע צייט האָבן די אַרומיקע פויערים געקוקט אויף אונדז מיט רחמנות, האָבן זיי איצט ווידער אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי אונדז צו פאַרמסרן. דאַן איז אונטערגעקומען די געלעגנהייט, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט דערלויבט יידן — פּוילישע בירגער — אַרויסצופאָרן קיין פּוילן.

מיר האָבן דעצידירט זיך פאַרשרייבן אויף אַרויסצופאָרן קיין פּוילן. נישט גרינג איז דאָס אָנגעקומען. די רוסן אַרעסטירן מיך. איך זיץ 15 טעג אין תפיסה אונטער גאָר אַן אַנדער באַשולדיקונג — און נאָר מיין שטאַלצע האַלטונג אין תפיסה און די כסדרדיקע באַמיונגען פון דרויסן מצד מיין פרוי און טאַטן, געלינגט מיך דעם 2טן אויגוסט 1945 יאָר צו באַפרייען, אויך פון דער אַרבעט אין נ.ק.וו.ד.

מיר זענען נאָך געווען אין ניעסוויזש ביז פסח און דעם 14טן אַפּריל 1946 יאָר האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט מיטן ציל צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

נאָך 3 יאָר וואַלגערניש דורך פּוילן און דייטשלאַנד, זענען מיר דעם 7טן סעפּטעמבער 1949 אָנגעקומען קיין ישראל.

קנעכטשאפט, ווידערשטאנד, טויט

ישי מאזין (מזא"ה)

סדום'ס פארנאכטן
(געשריבן אין געטא)

ווען ס'פארגייט דער טאג אין סדום,
ווערן אירע שאטן־קינדער שרעקלעכער און גרעסער,
זיי לויערן אין יעדער שטוב און אין יעדן בוים
און שניידן זיך אלץ אריין ווי מעסערס.
איך זע די גאס דורך אונדזער שויב:
זעלנער אונטערן ביקסן־וואך פירן מענטשן־שאטנס —
דאן ווייס איך: סדום פירט איר רויב,
פון מענטשן־פלייש מאכן א געבראטנס...
עס קלאפן שנעל סעקונדן אין מיין הארץ,
די שאטנס לויפן־יאגן ווי דער טויט.
מיין חדר ווערט אלץ גרוי און שווארץ
און איך ווער בלאס, עס ציטערט די הויט
פלוצלונג א קנאל פון א ביקסן־שאס,
די שטילקייט גיט א ציטער, ענטפערט אפ — אך!
סדום ווערט דאן אנטשלאפן נאך איר „שפאס" —
נאר איך מאך ניט צו קיין אויג א גאנצע נאכט...

דאס גייסטיקע לעבן — פאראליזשירט

מיטן ערשטן טאג פון דער היטלער־הערשאפט אין ניעסוויזש, האט זיך אנגעהויבן אונדזער גרויסע טראגעדיע. די 3500 יידן אין שטאט, ווי הונדערטער טויזנטער זייערע ברידער אין אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, זענען אריינגעשליידערט געווארן אינעם גהינום נאך ביים לעבן. די דייטשע קאניבאלן, מיט דער הילף פון ארטיקע שונאי ישראל, האבן אנגעהויבן זייער מארד־מלאכה איבער דער פארשקלאפטער יידישער באפעלקערונג. די ערד האט געגומען בליען מיט אומגעוויינלעכן יידן־האס און די הימלען האבן אנגעהויבן פארשלונגען די צאן קדושים...

דער ערשטער קלאפ פון די אונטערדריקערס איז געווען — פאראלי/שירן דאס גייסטיקע לעבן. מיט איין מאל איז געווארן אויס שולן, אויס צייטונגען, אויס ביבליאטעקן. א סוף אויך צום מאטעריעלן קיום. אנשטאט דעם — גזירות און פארבאטן צו האנדלען, צו ארבעטן פאר קריסטן אדער האבן מיט זיי וועלכן ס'איז מגע־ומשא. די כוונה איז געווען צו דערפירן די יידן צו יאוש און דערנידעריקונג. זיי האבן ניט געטארט גיין אויף די טראטוארן, נאר אין מיטן גאס, אנגעטאן געלע לאטעס און מיט הכנעה אראפנעמען דאס היטל פאר יעדן פארבייגייענדיקן דייטש. און דאס אלץ — תמיד באגלייט מיט קלעפ, באליידיקונגען און אויך טויט־פאלן.

אונדזערע קינדער און יוגנט האבן אויפגעהערט לערנען. די שול־געביידעס זענען באזעצט געווארן פון מיליטער. איז דאס קליינוואַרג געזעסן אין די היימען און מיט אומרואיקע בליקן געפארשט די פאריאושטע פנימער פון טאטע־מאמע, צוגעהערט זיך צו זייערע זיפצן און פונקט ווי דער טאג האט זיך געשטעלט מיט פחד, אזוי איז די נאכט געווען פול מיט בייזע חלומות. די קינדער זענען באצייטנס געווארן אלט, נאר טיילמאל — אויך קלוג ווי פילאזאפן און פאר דער צייט אנטוישט זיך אין דער וועלט און אינעם מענטש.

די בתי־מדרשים און שולן, די גייסטיקע צענטערס פונעם פאלק, זענען געווארן פארשלאסן פאר יידן. פיל טרייע מתפללים האבן א סך ספרים און ספרי־תורות ארויסגענומען און ביי זיך אין די היימען באהאלטן. דאך זענען נאך פיל הייליקייטן געבליבן אין די שולן ווי א פקדון אויף גאטס באראט. ס'האט אויפגעהערט דער ניגון פון חזן און מתפללים. א דריקנדער איכה־טרויער ווי תשעה באב האט געהערשט אין די האלב־טויטע יידישע געסלעך, הייזער און שולן.

און איינעם א טאג, הארט פאר די ימים נוראים, האבן דייטשן געכאפט יידן מיט בערד און פאות, מיט זיי אויף מאשינען פון שול צו שול געפארן און ליקווידירט די „געפאר" — די ארונות־הקודש מיט די שענק ספרים געפאקט אויף אויטאס און אפגעפירט אויפן גרויסן קאזארמע־פלאץ. ווען ס'זענען שוין געלעגן צוויי גרויסע בערג פון די הייליקע פאלקס־אוצרות, האבן די דייטשן געצוווּנגען די יידן דאס אלץ אונטערצינדן.

דער שייטערהויפן פון די הייליקע פארמעטן

די יידן האבן זיך געטרייסלט ווי אין קאנוולסיע און אוודאי געווארט אז גאט זאל נתגלה זיין אין א ווונדער און פארטיידיקן זיין פארשוועכטן כבוד. אבער קיין ווונדער איז ניט געשען — און די יידן האבן אונטערגעצונדן דעם גייסטיקן מזבח. ס'איז אוועק א פייער אין הימל וואס האט דערמאנט די מיטל־אלטערלעכע שייטער־הויפנס.

אז יידן האבן פון די הייזער געזען דאס בילד, האבן זיי ביטער געוויינט אויף דער שכינה וואס ווערט געברענט און געזאגט ווידוי ווי פארן טויט.

צוויי מעת־לעת האבן געברענט די הייליקע פארמעטן, ספרים און אנדערע דברי קודש. אין די נעכט האט זיך געדוכט, אז דער אמאליקער סנה — גאטס־דארן, ברענט מיט א העליש פייער און ווערט ניט פארלאשן. א בארג פון גייסטיקע שפייז וואס דורות האבן געטרונקען זייגע וואסערן און געגעסן זייגע פירות פון חכמה און וויסן — איז אוועק מיטן רויך. נאך דעם איז געקומען די ריי אויף יידישע לעבנס.

ציוניסטן און בונדיסטן, געטריבן פון איין גורל־שווערד, האבן אין אנבליק פון טויט געשלאסן א ברידער־בונד — צום אומקום.

דער פארביסענער אויפקלערונג־קאמף וואס א דור האט אים אויסגעטראגן מיט אזוי פיל ברען און באגייסטערונג כדי צו לייזן די יידן־פראגע — איז געווארן אפגעשטעלט, ווי נאר ס'איז געקומען די היטלער־בעסטיע מיט איר „לייזונג". געשיקטע מויל־העלדן זענען געווארן קראפטלאז און ווארטלאז, און פראטעסט זיך איינגעשפאנט אין יאך פון קנעכטשאפט, אריינגעפאלן אין דער נעץ פון רוצח. ציוניסטן און בונדיסטן האבן זיך געשלאגן על חטא, פאר וואס זיי זענען געזעסן, געווארט און ניט ליקווידירט פריער דעם גלות, געמאכט פליטה — און טאקע קיין ארץ־ישראל.

עס זענען אויך געבליבן אין תלינס נעץ מחנות חלוצים אין וועג, מיטן טרוים פון היימלאנד אין הארצן, געבליבן אין געפענגעניש פון שונא — און ביזן לעצטן טאג געפלעגט זייער הייליקן טרוים וואס האט זיי געטרייסט, אז בזכות ארץ־ישראל וועלן זיי געהאלפן ווערן.

די פרומע יידן האבן געזאגט אז ס'איז א גאט־זאך און משלים געווען מיטן גורל, געטאן תפילה צו גאט און געווען זיכער — השם ירחם.

נאך אנדערע האבן געזאגט, אז ס'איז משיחס צייטן און אויסגערעכנט מיט באווייזן פון קבלה, אז ס'איז געקומען די צייט פון משיחס אנטפלעקונג, אויף וועלכן הונדערטער דורות האבן געווארט — און ניט דערווארט זיך.

פעסימיסטן זענען געווען אלע, נאר אויך צווישן די פעסימיסטן האבן זיך געפונען אזעלכע וועלכע האבן א שטראל האפענונג ניט פארלוירן און געטרייסט און געמוטיקט. א סך האט געווירקט דער איינגעבוירענער יידישער בטחון, וועלכער ציט זיין יניקה דורך דורות יסורים און פיין.

ביז ס'זענען געקומען די ערשטע מאסן־אקציעס און גע־

געבן אַ טויט־קלאַפּ די לעצטע לעבנס־אילוזיעס פון אַ לאַגישן, מענטשלעכן דענקען.

געשאַפן דעם יודענראַט

מיטן דייטשן אָנקום איז אַריין די נויט אין אַ סך יידישע הייזער. די אַנדערהאַלבן יאָר סאָוויעטן־מאַכט זענען קיין זאַטע תקופה ניט געווען און קיין זאַפּאַסן שפּייז זענען ניט געלעגן גרייט אויף אַ שוואַרצן טאָג. דאָס פּראָבלעם ברויט און אַ ביסל קאַרטאָפל איז געווען גלייך מיטן פּראָבלעם פון זיכערקייט. צוליב ברויט האָבן יידן זיך אָנגעגורט מיט מוט, ריזיקירט מיטן לעבן, אַרויס אין גאַס, געשטאַנען ווי „שולדיקע" אין די לאַנגע רייען, באַקומענדיק אָפט געשלאָגן פון די קריסטלעכע אונטער־וועלט־יונגען.

„ניטאָ מער פאַר אייך דער באָלשעוויסטישער גן־עדן" — האָבן זיי געשטאָכן און געטריבן יידן צו באַערדיקן פּגרים און אויפרוימען חורבות.

דערנאָך האָט זיך אָרגאַניזירט דער יודענראַט, וועלכער האָט שוין אַליין פאַרזאָרגט מיט אַרבעט, מיט שטיקלעך ברויט און אָרעמע מיטאָגן פאַר יידן. דער יודענראַט איז בלויז געווען אַ ווערקצייג פון די דייטשע קאָמענדאַטורן, וועלכע האָבן זיך געביטן זייער אָפט, צוליבן אָפּפאָרן מיט זייערע מיליטער־איינהייטן אויפן פראָנט. בדרך כלל זענען די קאָמענדאַנטורן ניט געווען צו יידן אַזוי שלעכט ווי די געסטאַפּאָ־לייט. די הערשאַפט פון די מיליטער־קאָמענדאַטורן האָט זיך געצויגן אַ סך וואָכן און זיי האָבן טיילמאָל אַפילו באַשיצט יידן פון פאַרשידענע פּוילישע פּראָוואָקאַציעס.

ביסלעכווייז האָבן זיך די יידן צוגעפּאַסט צו די נייע אומ־שטענדן, איבערהויפּט — די פּליטים פון מערב־פּוילן, וועלכע האָבן געקענט דייטש און דייטשן, אַפילו אַוועק צו זיי אויס־פירן פאַרשידענע אַרבעטן און גוט באַפרידיקט געוואָרן. די קאָמענדאַנטורן, אונטערגעקויפט מיט ווערטפולע זאַכן דורכן יודענראַט, האָבן ניט אַרויסגעוויזן צו פיל רשעות לגבי יידן. זייער אויפגאַבע איז געווען — פראָנט. דאָך האָבן זיי שוין אין אָנהייב געפאָדערט פון די יידן, אונטער טויט־דראָונגען, אַ סך ווערטפולע חפצים. דער יודענראַט, אויסנוצנדיק די רייכע יידן, האָט שטענדיק דערפילט די פאָדערונגען.

די ערשטע זעקס וואָכן האָט דער יודענראַט פונקציאָנירט אין מאַרק־שול, מיטן פּרעזעס מאַגאַליף בראש. אין יענע וואָכן האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען דייטשע חילות אויפן מזרח־פראָנט און די אויפגאַבע פון די יידן איז געווען: צו באַדינען די סטאַציאָנירנדע אין שטאָט איינהייטן, רייניקן זייערע קאַשאַרן, וואַשן וועש, רוימען וווינונגען, אאַז"וו. די דייטשן האָבן דערפאַר באַפרידיקט מיט שפּייז, ברויט און ציגאַרן. זייענדיק פאַרשיכורט פון די גרויסע זיגן אויפן פראָנט, האָבן זיי פאַרגעסן צו פּייניקן יידן, וועלכע זענען געווען צופרידן וואָס מ'לאָזט זיי צורו און אַז מען קאָן זיך אַזוי „דרייען" אַלט אַרבעטער, אַפילו אין דייטשן סדום.

ביז אַ געסטאַפּאָ־וויזיט האָט צעטריבן די פאַלשע רואיקייט און געצווונגען שטאַרק זיך פאַרטראַכטן וועגן — טויט.

די ערשטע ערובניקעס, קאָנטריבוציעס און קרבנות

דאָס איז געווען אַ פאַרמיטאָג־שעה פון אויגוסט 1941 יאָר. מען האָט אַלע יידן באַפוילן אָנגייען געלע לאַטעס פון פאָרנט, אויף דער רעכטער זייט ברוסט — און אויף דער פּלייצע. אָן אַזאַ צייכן האָט מען ניט געטאָרט זיך באַווייזן אויף דער גאַס. אמת, אויך פריער האָבן יידן געטראָגן אָרעם־בענדער מיט געלע מגן־דודס אויפן אַרבל, אָבער איצט האָט עס שאַרפער אַ שטאָך געטאָן מיט ווייטיק און שאַנד, דאָס האַרץ איז געוואָרן פאַר־קלעמט פון אַ ניט גוטן פאָרגעפיל. דאָך זענען יידן געגאַנגען צו זייער טעגלעכער שקלאַפן־אַרבעט. מיר איז דאַן אויסגע־קומען שילדן איבערצומאָלן אין דער קאָמענדאַטור.

צוליב מיין אַרבעט, געשיקט פון יודענראַט, בין איך גע־ווען אַן אָפטער אַריינגייער אַהין, און שטענדיק, בזכות מיין קאָרעקטער אַרבעט, אויסגעמיטן שלעכטס. נאָר דאָס מאָל...

שוין אויף די טרעפּ האָב איך אָנגעטראָפן אַ געלויף פון יודענראַט־מיטגלידער, צעטראָגענע און צעשראָקענע, וועלכע האָבן מיר געהייסן תיכף לויפן און אָנזאָגן אַלע מענער פון 16 ביז 50 יאָר צונויפקלייבן זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ. — — —

ג ע ס ט אַ פּ אָ !

אַרויסלויפנדיק, האָבן זשאַנדאַרמען מיט זייערע שטיוול אונדז געקאָפּעט און נאָכגעשריען מיט רציחה: „לאָס! שנעלער לאוף"!

די אימה איז געפלויגן פאָרויס און דורכגעדרונגען יידישע הערצער מיטן באַפעל:

— אַלע מענער אויפן מאַרק־פּלאַץ! געסטאַפּאָ!

אין די גאַסן טוט זיך חושך. אַ שרעק, אַ געוויין — געסטאַפּאָ! מאַמעס און פרויען — גיט אַ ברכה אייערע זין און מענער, גיסט אויס ס'האַרץ אין בלוטיקע טרערן און געוויין. עס שמעקט מיט טויט־געפאַר...

נאָר מען מוז לויפן וואָס שנעלער. אויפן מאַרק קלייבן זיך מענער אין די הונדערטער. פּאָליציאַנטן מיט ביקסן שטייען שוין אין די ראָגן און אויף די טראָטואַרן, גרייט ווי בלוט־דורשטיקע וועלף. מען שטעלט זיך אויס אין פיר רייען. דער יודענראַט — בראש פון די הילפלאָזע און פאַרצווייפלטע...

אייניקע אויטאָס פאָרן צו. אינסטינקטיוו כאַפּן אַלע אַראָפּ די היטלען, האַלטן איין דעם אָטעם און די פאַרנעפּלטע אויגן קוקן: ברוין־געקליידעטע געסטאַפּאָ־לייט מיט גרויסע רויטע האַקן־קרייצן אויף די אַרבל גייען אַראָפּ — די הארן פון אונדזער גורל.

די רוצחים פון געסטאַפּאָ זענען היינט מיט „חסד." עס טוען ניט וויי זייערע פלאַמיקע פּעטש אין די פּנימער פון די האַלב־טויטע יידן. אַפילו מיט זייער אָפּטיילן באַזונדער 50 חשובע יידן מיטן יודענראַט בראש אַלס ערובניקעס פאַר זייער פאַרלאַנג, איז נאָך דאָ אַ שטראַל פון האָפענונג! זייער פאַר־לאַנג איצט איז ניט יידן־בלוט, נאָר יידן־גוטס; אַ סך לעדער, שטיוול, שטאָף, פּראָדוקטן, וויין, סיגאַרעטן — דאָס אַלץ האָבן נאָך יידן געגוג אין זענען גרייט צו געבן. דעריבער ענטפערן זיי: „יאַוואָל!" — און לויפן וואָס שנעלער אַהיים צו ברענגען יעדער דעם פּדיון הנפש:

לעדער און סחורות אויף שטיוול און אַנצוגער, אַבי צו שטילן דעם טייוולס פאַרלאַנג.

זע — אַפילו אַ שמייכעלע האָט באַוויליקט צו געבן דער רוצח. אים געפעלן די ציגאַרן און וויין. עס וואַקסט די האָפע־נונג אויף אויסקויפן זיך. ער דערלויבט די פופציק יידן זיך אומקערן אַ היים, נאָר פריער — אַ פייערדיקע רעדע פון מוסר און שטראָף זיינע שקלאַפן, אַז זיי זאָלן זיין ראוי צו טראָגן דאָס קנעכטישע לעבן אויף סדומס ערד...

צום שלוס זאָגט ער אונדז אָן, אַז אין אַ מינוט נאָך זיין באַפעל „לאָס!" זאָלן מיר אַנטרינען ווערן פון מאַרק־פּלאַץ. „לאָס!" — און מענטשן לאָזן זיך אין אַ ווילדן געלויף. איינער פאַלט אויפן צווייטן. אין די בליקן פון די יידן: שרעק און פרייד, פרייד און שרעק. אַן אינסטינקטיוו געיעג צו אַנטלויפן פונעם טויט. פלוצלונג, פון הינטן, איבער די קעפּ — עס הערן זיך שאָסן. מענטשן ווערן צעטומלט, זיי פאַלן, שטייען אויף און לויפן ווידער, ביז זיי ווערן פאַרשוווּנדן אין די הייף.

הינטער זיי שטייען געסטאַפּאָ־לייט און קוועלן אָן פון דעם שגעון־בילד און פון דעם האָב־און־גוטס.

דער יידישער קוואַרטאַל

יענער טאָג האָט אויפגעטרייסלט אונדזער נשמה, געלאָזן אַ ווונד אין יעדנס האַרץ. מיר האָבן געזען די געסטאַפּאָ, מיר האָבן געזען דעם טויט.

און די געסטאַפּאָ האָט שוין אָן אונדז ניט פאַרגעסן. ס׳זענען געקומען איינס נאָך איינס גזירות און שווערע קלעפּ, כדי דערמאָנען ווער מיר זענען און ווו מיר האַלטן אין דער וועלט.

ס׳איז אַרויס אַ באַפעל איינקוועטשן די יידן אין אַ סדום־בעטל. פון די באַקוועמע וווינונגען איבערזידלען זיי אין דער ענגשאַפט פון שול־הויף־ראַיאָן; די צענטראַלע־גאַסן דאַרפן ווערן יידן־פריי.

יידן צעשיידן זיך מיט זייערע דירות און פירן איבער אין גיך די נייטיקסטע זאַכן אין די קליינע פינצטערע דירות אין די געסלעך אַרום שול־הויף, ווו ס׳ווערט געשאַפן אַ יידישער קוואַרטאַל — דאָס שפּעטערדיקע געטאָ. אייניקע גאַסן, ווי סלוצקע, סווערזשנער און פאַרנע האָבן נאָך „מזל״ — זיי בלייבן דערווייל באַווינט פון יידן וואָס זענען אָבער ניט זיכער מיטן לעבן. אויך די קהילה האָט זיך איבערגעטראָגן פון מאַרק־שול בנין אין דער פאָלקס־שול אויף עק מיכאַלישקער, ווו זי איז פאַרבליבן ביז דער ליקווידאַציע.

נאָך דעם זענען געקומען נייע גזירות: אָנטאָן אַ יידישן צייכן, אַ געלן מגן דוד; גיין אינמיטן גאַס, אַנשטאָט אויפן טראָטואַר; אַריינטראָגן נייע קאָנטריבוציעס פון גאָלד, געלט און זאַכן.

פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן מער אָנגעשטרענגט. איין מאָל, אין אַ מאַרק־טאָג, האָבן פּאָליציאַנטן פאַרכאַפּט דריי יידן פון הונגעריקע משפחות. זיי זענען געשטאַנען ביי אַ פּויעריש פורל מיט קאַרטאָפל. דערפאַר האָט מען זיי אַוועקגעפירט הינטער די קאַזאַרמעס, אויף גלינישטשע, אין די ליים־גריבער. מיר האָבן געזען ווי זיי ווערן פאַרשוווּנדן, געציילט די מינוטן פון דער טויטער שטילקייט — ביז מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ ביקסן־זאַלפּ. זיי זענען געווען די ערשטע קדושים אויף דער ניעסוויזשער עקדה.

ווען די געסטאַפּאָ האָט זיך געגרייט צו פאַרטיליקן מאַסן יידן, איז אַ יידיש קינד געבוירן געוואָרן אין האָראָדזיי, 14 ק״מ פון ניעסוויזש. דאָרט איז קיין מוהל ניט געווען. איז דער ניעסוויזשער ר׳ אהרון דער שוחט, אַ ייד אַ בן־שמונים, אַוועק צופוס מיט נאָך אַ האָראָדזייער (אויך אַ בן שמונים) מיט אַ פאַרשטעקטן חלף אין בוזעם, מקיים צו זיין די הייליקע מצוה. לעבן האָראָדזיי איז אָנגעפאָרן אַ דייטשע מאַשין מיט זשאַנדאַרמעריע. דערזעענדיק ווי די צוויי יידן מיט בערד און מגן־דודס שפּרייזן אייליק, האָבן זיי די אומגליקלעכע פאַרהאַלטן און ביי דעם שוחט געפונען אַ מעסער אין בוזעם...

דורך פאַרנע גאַס האָט מען זיי געפירט דעם לעצטן וועג. זיי זענען געגאַנגען און ווידוי געזאָגט. צוויי יידן בני שמונים, וואָס האָבן אַ לעבן רק מצוות געזוכט און געטאָן — און די לעצטע מצווה ניט פאַרענדיקט. דער טייוול האָט זיי פאַרכאַפּט און איבערגענומען אין זיינע הענט. דאָרט, אין ליים־גרוב אויף „גלינישטשע״, האָבן זיי זייער ערלעכן לעבן פאַרענדיקט...

ווי טרויעריק־אומרויק זענען געווען די ימים־טובים פון יאָר 1941. שרעק, הונגער און יאוש האָבן געיאָמערט אַזש ביז די שוואַרץ־פאַרנעפּלטע הימלען. כדי מיט עפּעס לינדערן די נויט, האָט די קהילה געטיילט די נויטבאַדערפטיקע ברויט, מעל און גרינוואַרג. נאָר קיינער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם פינצטערן געדאַנק, אַז דאָס זענען די לעצטע יום־טובים אונדזערע.

נאָך די יום־טובים איז געקומען דער האַרבסט 1941 מיט בייזע ווינטן און פאַלנדיקע געלע בלעטער. די תליינים האָבן אָנגעהויבן זיך צואיילן מיט אויפנעמען ביי די יידן דאָס ביסל פאַרבאַהאַלטענע גאָלד און גוטס. דערווייל האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט „נאָרמאַל״. מען האָט געטריבן די יידן צו פאַרשיידענע עבודות־פרך, טאָג־טעגלעך. אונטער רעגנס, שמוץ און פּאָליצייאישע נאַהייקעס. די שטראַלן פון האָפענונג זענען ווייט פאַרגאַנגען, באַזאַמען מיט דער אַוועקגייענדער זון און דער יאוש האָט זיך אַלץ שטאַרקער אויסגעשפּרייט.

מאַסן־מאָרד פון רוסישע זעלנער און ציגיינער

די יידן — די נוצלעכע אַרבעטס־שקלאַפן, האָט מען דערווייל נאָך ניט אומגעבראַכט. אויסער די יידן, האָט דער דייטשער רוצח זיך גענומען צו נייע מענטשן־קרבנות: ציגיינער און רוסישע זעלנער, די פאַרבליבענע אין די טויזנטער נאָך זייער צעגראָמירונג. אַ גאַנצן זומער האָבן זיי נאָך געאַרבעט ביי די פּויערים, אָדער געבלאָנקעט אין די וועלדער. אַצינד האָט דער טייוול זיי געכאַפּט און ליקווידירט. יעדן פאַרנאַכט האָט מען זיי געזען פירן צו 20 מאָן אין אַ גרופּע — סאָוויעטישע זעלנער, אַ געמיש פון כלערליי נאַציאָנאַליטעטן — אויף גלינישטשע, צום ליים־גרוב.

די יידן וואָס זענען געווען ביי די עקזעקוציעס אַלס קברנים קדישא האָבן דערציילט, ווי אייניקע קרבנות האָבן זיך געבעטן רחמים, מען זאָל זיי לאָזן לעבן, בעת אַנדערע האָבן פאַרן טויט מיט שטאָלץ געלויבט די פאָן פון רעוואָלוציע און געוואָרפן אין פּנים פון תלין אַ דראָונג, אַז קומען וועט נאָך די הייליקע נקמה. אַנדערע האָבן זיך געלאָזט לויפן — נאָר די מערדער־קויל האָט זיי געטראָפן. בלויז געציילטע איז געלונגען אויסמיידן די קוילן און זיי זענען אַנטלאָפן. די זענען שפּעטער אַוועק אין די וועלדער, צו די פּאַרטיזאַנער.

אַזוי אַרום האָבן די ליים־גרובן פאַרשלונגען טויזנטער סאָוויעטישע קרבנות: קאָמסאָמאָלן און קאָמסאָמאָלקעס, פאַרטיי־מענטשן — נאָר אָפּגעריסענע, הונגעריקע, וואָס האָבן דאָך געהאָפט צו ראַטעווען זיך אין מערדערישן סדום.

אין האַרבסט 1941 איז אויך געקומען די ריי אויף די ציגיינער. אַ זומער האָבן זיי פריי אַרומגעוואַנדערט איבער וועלדער און פעלדער, געהאַט „בעשייניקונגען״ פון פאַרשיידענע דייטשע קאָמענדאַנטן, ביז מ׳האָט זיי געפאַנגען און פאַרפירט אין ניעסוויזשער וואַלד — אַ טאַבאָר פון אַ 500 נפשות. אונדזערע יידן האָבן פאַר זיי אַ מאַסן־קבר געגראָבן און ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט די שוידערלעכע סצענע פון פאַרטיליקונג. די ערד האָט זיי צוגעדעקט אויף אייביק.

די יידן האָבן דערפילט אַז ס׳איז שלעכט, אַז עס רוקט זיך אָן אויך אונדזער סוף. דאָך האָבן זיך אַנדערע געפּרוּווט טרייסטן: די סאָוויעטן און ציגיינער — הפקר־מענטשן פון וועלדער און פעלדער, פאַר די דייטשן — אומזיכערע, אומנוצלעכע עלעמענטן. אָבער מיר יידן — פון דורות איינוווינער פון שטאָט, אַזעלכע גוטע דינערס זייערע, נוצלעכע אַרבעטער — אונדז וועלן די דייטשן דאָך האַלטן...

קיין ניעסוויזש זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון יידישע מאַסן־שחיטות. עטלעכע יידישע פרויען מיט זייערע קינדער האָט מען געבראַכט אין דער ניעסוויזשער קאָמענדאַנטור. די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט בעתן אַרומבלאָנקען אויפן פעלד און אונדזערע יידן וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן

שוין געוווסט וועגן שוידערלעכן אמת. די האָראָדישטשער פרויען און קינדער האָבן שוין ניט געהאַט קיין רעכט צו לעבן. מען האָט זיי אומגעבראַכט אין די מאַסן־גריבער. דערנאָך זענען אָנגעקומען לעבעדיקע עדות פון אַ שטעטל אין מזרח־ווייסרוסלאַנד. זיי האָבן דערציילט ממש אומגלויבלעכע שוידערלעכקייטן וועגן אַ מאַסן־שחיטה און יידן־אויסראָטונג. בלויז איינצלנע איז געלונגען זיך דורכצורייסן און אַנטלויפן. די דאָזיקע יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער אייניקע טעג, נאָר דער הונגער און קעלט האָבן זיי געטריבן צו אונדז. מיר האָבן זיי ברידערלעך אויפגענומען און אויסבאַהאַלטן. אויך דער יודענראַט האָט געהאָלפן.

נאָך אַזעלכע ידיעות זענען ניעסוויזשער יידן געווען זיכער אינעם אומפאַרמיידלעכן אומקום און האָבן זיך געריכט אויף דעם יעדן טאָג. מיר האָבן געפילט, אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע — נאָר וועגן אַנטלויפן האָט קיינער ניט געטראַכט. ניט געווען וווהין צו לויפן, אומעטום האָט געגרווילט די שנאה, און אויסער דעם — דער ווינטער אויפן שוועל. ביז דער לעצטער מינוט האָט דער יודענראַט געמונטערט, איבערגעגעבן פאַרשפּרעכונגען פון שטאָט־קאָמענדאַנט וועגן אונדזער נוצלעכקייט און אַרבעטזאַמקייט, אַז ער גיט זיין „ערן וואָרט", אַז דערווייל דראָט ניט קיין געפאַר.

דער טאָג פון אומקום איז אָבער געקומען...

דער לעצטער טאָג פון אונדזער זיין צוזאַמען — ח' מרחשון 1941. ווי שטענדיק, טרויעריק־הילפלאָז און מוראדיק שווער אויפן געמיט, הונגעריק־פוסט אין מאָגן. אין שטוב איז מרה־שחורה, ס'האָבן זיך אויסגעלאָזן אַלע זאַפּאַסן, און מיט זיי — די לעצטע האָפענונג. עס קומען צו אונדז, ווי שטענדיק, די צוויי יינגלעך: סיאָמע און אידע. זייער בליענדע יוגנט ראַנגלט זיך מיט די אימהדיקע טעג און דעם לויערנדן טויט. באַזונדערס היינט זענען די יינגלעך אומעטיק און אומרויק. זייער שטוב איז אַ קוואַל פון אַלע נייעסן, ווייל דאָרט וווינען קוואַרטיראַנטן קהילה־אַרבעטער, ברענגען זיי צו טראָגן צום אָוונט־ברויט די טעגלעכע נייעס — אייביקע האַרץ־קלעמעניש און טרויער, די באַלוינונג פאַר דער אַרבעט. היינט קומען די יינגלעך מיט פרישע נייעס און דערציילן ווי ווייט די דייטשע האָרדעס זענען שוין פאַרקראָכן — אַזש אַרום מאָסקווע, לענינגראַד און כאַרקאָוו.

די יינגלעך האָבן אויך דערציילט וועגן אַ געפאַר וואָס דראָט אונדז. די דייטשן האָבן פלוצלונג אָפּגעשלאָסן אַלע וועגן וואָס פירן אַרויס פון שטאָט. אין יודענראַט גופא איז אויך אַ צערודערונג, מער ווי שטענדיק. אין געאייל, לויט אַ באַפעל פון „אויבן", גרייט מען צו די אַרבעטער־ליסטעס.

נאָך אַזעלכע נייעס ווערט פינצטער אין די אויגן און שווער אין קאָפּ: אַ קשיה אויף אַ מעשה וואָס מאָרגן קאָן טרעפן. דאָך גייען מיר שלאָפן, איינזינקען אין פאַרגעסנהייט, אָבער לאַנג־לאַנג קאָן מען ניט איינשלאָפן פון אַ שלעכטן פאָרגעפיל.

די ערשטע מאַסן־עקידה

אין דער נאַכט פון 29סטן אויפן 30סטן אָקטאָבער 1941 זענען אויף אַ צענדליק אויטאָס אָנגעקומען אין שטעטל די טויט־מחבלים פון די ס. ס. און ליטווינער. אין געאייל האָט די אָרטיקע פּאָליציי אויפגעוועקט ביינאַכט צענדליקער קריסטן, געהייסן זיי מיטנעמען גראָב־מכשירים און אין צוויי ערטער — אין ראַדזשיוויל־פּאַרק און אויף אַ פעלד ביים סנאָווער טראַקט, געהייסן גראָבן לאַנגע, טיפע גריבער... ווען דער באַגינען איז אויפגעגאַנגען, זענען די גריבער שוין געווען פאַרטיק, אָבער די גראָבערס האָט מען פאַרהאַלטן און באַפוילן צו וואַרטן...

אַ סך יידן זענען יענע נאַכט ניט געשלאָפן. זיי האָט געפייניקט אַ באַאומרויקנדיק געפיל. און די וואָס זענען געשלאָפן יענע נאַכט, האָבן פון שלעכטע חלומות קיין רו ניט געפונען.

ווען דער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן זיך רויטלען, איז אַרויס אַ באַפעל פון דער קאָמענדאַטור צום יודענראַט און פון דאָרט — שנעל־שנעל, דורך יידישע פּאָליציי־שטאַפּעטן, צו אַלע יידן אין שטעטל:

אַלע יידן אָן אויסנאַם זאַמלען זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ ביז 8 אַ זייגער אין דער פרי.

דער מחבל, וועלנדיק פאַנגען אין זיין נעץ אַלעמען און גרינג, האָט אויסגעטראַכט אַ באַרואיקונג: רעווידירן פּאַספּאָרטן און הויז־זוכונגען... נאָר אַ מאָדנער אומרו האָט געקלאַמערט דאָס האַרץ פון אימה: וואָס וועט געשען — ווער ווייסט?

די גוישע שכנים האָבן געוווסט דעם שרעקלעכן סוד, דאָך אים געהאַלטן אין זיך — צי אויס מורא, אָדער מיט אַ כוונה אַריינפירן די יידן אין הענקערס צוים.

אין יענעם פרימאָרגן איז געוואָרן אַ פּאַנישער געאייל. די וועלט אַרום איז פלוצלונג געוואָרן אַזוי קליין און פינצטער, אָן אַן אויסוועג, אָן אַ האָפענונג. ווי קאָן מען זיך אַרויסרייסן פון דעם קלעם?

מיט אַ שווערן געמיט פאַרלאָזן יידן צום לעצטן מאָל די שוועל פון זייער הויז, צעקושן זיך אויגנבליקלעך מיט יעדע זאַך וועלכע האָט זיך איינגעוועבט אין האַרצן. פאַרן לעצטן אָפּשייד, פאַרן פאַרמאַכן די טיר, קושט מען די מזוזה מיט טיפן געבעט.

און דער דרויסן איז היינט — אַן איראָניע פון דער נאַטור. גאָטס וועלטל האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אַ ווייס שניי־קלייד. אויך דער הימל איז היינט בלוי, דורכזיכטיק, מיט אַ גרויסע רויטע זון אויפן ווייטן האָריזאָנט.

אין אַזאַ פרימאָרגן זענען די יידן אַרויס אויפן מאַרק־פּלאַץ — און וואָס דאָס באַדייט, האָט קיינער אויפן מויל ניט געוואָלט ברענגען. אַל תפתח פה לשטן...

אַזוי קלייבט זיך יעדע משפחהלע פון איר הויז און אַן עדה פון אַ גאַנצע גאַס יידן גייט צוזאַמען אויפן מאַרק־פּלאַץ. עס שפּילן זיך אָפּ האַרץ־רייסנדע סצענעס. פרויען ברעכן אויס אין אַ יאָמערדיקן געוויין, האַלדזן זיך, קושן און געזעגענען זיך, ווי חלילה פאַרן טויט.

מיינע אומפאַרגעסלעכע שכנים פון פאַרנע־גאַס.

אָט גייען אונדזערע שכנים, די משפחות לייטס, אַזוינע שיינע געראָטענע קינדער אין סאַמע בלי. יאַנקעלע און זאַוועלע און דער מוזיניק מאָטעלע, מיט זייערע עלטערן קריינע און מיכאל. סיאָמע און אידע מיט זייערע עלטערן יאַנקל און ליזע. אָט קומען אָן די משפחות סוויצקי מיט די צוויי טעכטער, ווי רויזן אין זייער בליאונג: מאַניע און זלאַטע. זיי ווײנען ווי די טעכטער פון יפתח אויף זייער יוגנט. עס קומען אָן בחורס טעכטער ראַיע, פאַניע און צערנע; די משפחה אַגינסקי מיט די יינגלעך — אַ צווילינג, הירשל און מאָטל; דאָרט ווייטער — קראַסנאָסעלסקיס משפחה. און אין ראָג־גאַס זאַמלען זיך די „צאַדעקס" — די פרומסטע פון שטעטל, וואָס זייערע קינדער וואַקסן גאונים.

מיר וואַרטן נאָך אויף אונדזערע שכנים, די משפחה עפּשטיין — עפּעס האָבן זיי זיך פאַרזאַמט אין שטוב, ווו זיי ראַנגלען זיך מיטן באַשלוס: יאָ גיין, ניט גיין. נאָר ווייל אַלע שטייען און וואַרטן, און גיין מוז מען — קומען זיי סוף־סוף

אויך ארויס און דא שפילט זיך אפ א דערשיטערנדיקע סצענע: דיסקע, די באבע, טראגט דאס אייניקל אויף די הענט — א וווּנדערבאר שיין קינד, קוים א יאר אלט, דאס איינציקע נחת און פרייד. נאך איר גייט די איבעריקע משפחה, ווי אליהו מיט זיין ווייב און דער אלטער עפשטיין. צוקומענדיק צו דער עדה יידן, הייבט דיסקע פלוצלונג אויף דאס קינד ווי א ספר־תורה צום הימל און אין א הארצרייסנדן אויסברוך שרייט זי אויס: „אויך דאס הייליקע שעפעלע אויף דער עקדה!"... אלע פארגייען זיך אין א פריש געוויין, בלוטיקע טרערן פאלן אויפן ווייסן שניי.

איך, מיין ברודער לייבל, מיין מאמע עטל און מיין טאטע פנחס האלטן זיך צוזאמען. מיין שוועסטער חיה איז נישטא. זי דארף זיין ערגעץ־ווו אין מינסק, הגם קיין ידיעות פון איר האבן מיר שוין ניט לאנג.

מיר גייען משפחותווייז געארעמט צום מארק־פלאץ, דורך א לענגערן וועג וואס פירט דורך בערנארדינסקע גאס. אויך פון די אנדערע גאסן ציען זיך עדות יידן צום מארק, אנגעטאן אין די בעסטע ווינטער־בגדים, אבער אלעמענס פנימער זענען פארזארגט און פארחושכט.

אז מיר קומען צו צום מארק־פלאץ, שטייען שוין דא יידן אין די טויזנטער אין איין גורל־שרעק, אומבאהאלפענע ווי שאף. אויף די טראטוארן דרייען זיך ארום באוואפנטע פאליציאנטן און ווארפן וועלפישע בליקן אויף דעם אנגעזאמלטן לעבן און האב־און־גוטס.

מערקווירדיק, די שרעק האט ניט אפגעהאלטן פון קומען אלע יידן אויפן מארק. נאך קיין מאל האט דער מארק אזוי פיל יידן ניט געזען. ארום 3500 נפשות — פון קינדערלעך אויף די הענט ביז גרייז־גראע, ווייסבערדיקע זקנים.

אבער לאנג דארף מען ניט ווארטן. פונקט 8 אזייגער קומען אן דער קאמענדאנט מיט זשאנדארמעריע. דער יידן־עלטסטער מאגאליף לויפט ארויס און גיט אפ א ראפארט. אלעמענס בליקן קוקן געשפאנט אין יענער זייט. דער קאמענדאנט נעמט ארויס א צעטל און גיט איבער א באפעל צו דעם פרעזעס — און ס'ווערט געמאלדן אויפן קול, אז אלע פאך־ארבעטער זאלן זיך שטעלן אין פראנט, אין א ריי. עס ווערט א געדראנג און א טומל. די ארבעטער רייסן זיך פארויס און מאכן א וועג אויך פאר זייערע משפחות צו דערשלאגן זיך צו דער ערשטער ריי. די צאל פאכלייט אנטקעגן דער גרויסער מאסע יידן איז נישטיק, עס שטעלן זיך אויס א 150 מענטשן.

איך און מיין ברודער שטייען שוין אין דער ריי אלס שילדן־מאלערס. דער קאמענדאנט גיט איבער, לויטן צעטל, וויפל ארבעטער ער פארלאנגט. לויט דעם אנבאט קאנען ניט אלע ארבעטער אדורך און אין גרויסן געדראנג און שפאנונג באמערקן מיר ניט ווי מיר ווערן ארומגערינגלט מיט א שטארקן קארדאן באוואפנטע ס. ס.־לייט. ווען אלע יידן דערזען זיי, גיט זיך די גאנצע מאסע א טרייסל מיט אן אינסטינקטיוון ציטער. מיר פילן, אז די לעצטע שעה האט געשלאגן.

ווי אפפילנדיק די מוטערס הערצער — צעוויינען זיך די עופהל'עך אויף די הענט, ס'ווערט א יללה פון קינדער און מאמעס, ווי די קולות וואלטן הימלען געוואלט גרייכן, שטיינערנע הערצער צעשפאלטן.

עס קומען צו אייניקע דייטשן מיט גומענע שטעקנס און רעווידירן די מענטשן. זיי שטייען הארט און אכזריותדיק, די פנימער רויט־שיכורע און די אויגן — שרעקלעך ווילדע. דא פאלן באפעלן רציחהדיק: „צוואנציק טישלער — אויף לינקס"!

די טישלערס, יעדער מיט זיין משפחה, רייסן זיך ארויס פון דער מאסע ווי אפגעריסענע אברים פון א גרויסן גוף. דערנאך: צוואנציק שניידערס... פופצן שוסטערס... צען מאלערס... און אזוי ווייטער — ביז דאקטוירים, דענטיסטן און אינזשינירן...

אלע פילן, אז די־א מינוטן דעצידירן צווישן טויט און לעבן. אין מיטן שטייען די ס.ס.־באנדיטן און ציילן די ארבעטער. דערביי פארפעלן זיי ניט צו קאטעווען מיט זייערע גומי־שטעקנס איבער די קעפ, וועלנדיק אפשטעלן דעם געדראנג פארויס. דאך זענען פאראן א סך ניט ארבעטער וואס לויפן אונטער דעם האגל קלעפ, כדי אדורכגיין דארט ווו עס שטייען די ארבעטער.

אין געדראנג און אונטער די קלעפ פארליר איך מיינע נאענטסטע און דערפיל מיין איינזאמקייט און עלנט שטייענדיק אין דער ארבעטער־גרופע. אייניקע מינוטן זוך איך מיט מיינע אנגעשטרענגטע אויגן און פלוצלונג דערזע איך מיין ברודער און מיין מאמען אנקומען מיט א נייער גרופע. מיר ווערט גרינגער אויפן הארצן, כ'בין גליקלעך מיט זיי צו גיין אין לעצטן גורל־וועג. מיר פרייען זיך ווי ניי־געפונענע. אבער אונדזער טאטע איז נישטא. ער איז געבליבן אין דער גרויסער מאסע, נישט אויסגענוצט דעם מאמענט צו גיין צוזאמען מיט אונדז. אט ווערט אפגעשלאסן די ארבעטער־סעלעקציע. א סך פון זיי פארבלייבן „איבעריקע" און ווערן צוריק געשטויסן אין דער גרויסער מאסע.

...און א דייטשער אפיציר איז געשטאנען אויפן באלקאן און פילמירט דעם היסטארישן מאמענט פון יידן־אומקום. שיינע יידן מיט בערד, יאמערנדיקע פרויען און קינדער אין דערווארטונג פון טויט.

איך זוך גאט צווישן דער מאסע אומבאהאלפענע, צום טויט פארמשפטע יידן. יא, כ'געפין אים. די פרומע שטייען מאדנע רויק — און זיי באהעפטן מיך מיטן געדאנק פון דורות אויף קידוש השם. א פארביסענע גבורה ליגט אנטשלאסן אויף זייערע פנימער. יא, זיי טראגן גאט ווירדיק און שטאלץ, אויף קדוש השם!

און איך, אן איין־און־צוואנציק יאריקער בחור, בין ניט משלים מיטן געדאנק פון קידוש השם. מיר קומט אויפן זכרון ביאליקס אויסגעשריי צו גאט: „באם יש צדק בעולם, יופיע מיד"!...

צוערשט האבן זיי באפוילן רירן פון ארט דער ארבעטער־גרופע און גיין. מיט האנט־צייכנס און מיט טרערן האבן מיר זיך געשיידט אויף תמיד מיט די 3000 הייליקע ברידער און שוועסטער. אונדז האט מען געפירט אין דער גרויסער געביידע פון דער געוועזענער פוילישער גימנאזיע. אייניקע ליטווינער האבן אין גאנג באפוילן אויסטאן די זייגערס און זיי אוועקגעבן. אויפן הויף פון גימנאזיע האט מען אונדז אוועקגעשטעלט צום וואנט צו פיר אין א ריי און די ס. ס. אנטקעגן אונדז מיט זייערע מאשין־געווער, א מאן פופציק. מיר האבן געמיינט אז אט קומט אונדזער סוף, מ'איז געווען גרייט צו שרייען „שמע ישראל" — אבער דא איז געשען דאס פארקערטע: עס קומט א באפעל: „רעכטס־אום"! מיר האבן פארשטאנען, אז מיר ווערן איזאלירט פון אונדזערע ברידער, וואס מיט זיי וועט געשען דאס שרעקלעכסטע.

באלד האט מען צו אונדזער גרופע געבראכט צופירן דעם פרעזעס מאגאליף מיט זיין משפחה און דעם דאלמעטשער מארקאווסקי מיט זיין משפחה — צוויי וויכטיקע יודענראט ארבעטער, וואס האבן מיט זייער טעטיקייט א סך געלייסטעט פאר די דייטשן און אצינד האט מען זיי דערלויבט קומען צו אונדז ווידער אנפירן און לייסטן...

פלוצלונג האבן מיר דערהערט פון מארק־פלאץ א שאס און באלד נאך איינעם. ווי מיר האבן זיך שפעטער דערוווּסט, האבן די ס. ס.־באנדיטן דערשאסן א ווארשעווער פליט, אן

אַפּטייקער, וואָס האָט אויך דאָ געפּרוווט מאַכן פּליטה פון טויט.

די פּוילישע און ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן אין וועמענס הענט מ׳האָט אויסגעליפערט אונדזער אַרבעט־גרופּע, האָבן אָפּגעשלאָסן די טירן פון גימנאַזיע און מיט קלעפּ און זידלערייען אונדז אַריינגעטריבן אין די צימערן וווּ ס׳זענען געשטאַנען צוויי־שטאָקיקע בעטן מיט שטרוי. שיכורע פּאָליציאַנטן זענען אַרומגעגאַנגען מיט נאַהייקעס און אומרחמנותדיק געשלאָגן איבער די קעפּ.

אָבער זייערע קלעפּ האָבן אונדז ניט ווי געטאָן. אַ הונדערט מאָל שטאַרקערן ווייטיק האָבן מיר געפילט אין האַרצן צוליבן גורל פון אונדזערע ברידער, געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט. מיר האָבן זיך הילפלאָז געפייניקט אין אונדזער פאַרמאַכטן שטייג. ווייל כמעט יעדער האָט דאָך געהאַט אין דער גרויסער מאַסע נאָענטע און טייערע — דערפאַר האָבן די ווונדן געבלוטיקט אָן אויפהער.

אין אַ צייט אַרום זענען געקומען אייניקע דייטשן און אַרויסגעפאָדערט אַלע אַלטע לייט, פון 65 יאָר און מערער, וואָס האָבן זיך געפונען מיט אונדז, די אַרבעטער־משפּחות. מען האָט אַרויסגענומען עטלעכע צענדליק און זיי אָפּגעפירט צו די צום טויט פאַרמשפּטע ברידער, ווו אויפן מאַרק־פּלאַץ איז אָנגעגאַנגען די אַקציע פון טרייבן צו דער שחיטה גרופּעסווייז, צו 150 ביז 200 מאַן, אַרומגערינגלטע מיט אַ שטאַרקע וואַך פון די ס. ס.־מערדער. די גרופּעס האָט מען געטריבן אייניקע אין פּאַרק, אייניקע אויף סנאָווער טראַקט. קריסטן האָבן שפּעטער דערציילט, אַז די קרבנות זענען געגאַנגען רויק, משפּחותווייז, געאָרעמט און מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די מערדער. בראש פון דעם המון זענען געגאַנגען פרומע יידן וואָס האָבן מיט דבקות תפילה געטאָן.

די וואָס מען האָט געפירט אין פּאַרק, זענען אין קלויסטערהויף פאַרהאַלטן געוואָרן און געזאַמלט ביי די אומגליקלעכע געלט און ווערטפולע זאַכן. פון דאָרטן האָט מען זיי ווייטער געטריבן אין זייער לעצטן וועג. ביז די גריבער איז מען נאָך אַלץ ניט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז מען טרייבט צום טויט. ערשט אין פּאַרק, אַדורכגייענדיק דעם קניאַזש ראַדזשיווילס שלאָס, אין אָנבליק פון די טיפע גריבער און באַוואָפנטע ליטווינער — איז געוואָרן קלאָר דער סוף...

דאָ, ווי אויף די פעלדער פון סנאָווער טראַקט, און אין אַנדערע הונדערטער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין יענער צייט, האָט מען דורכגעפירט דאָס גרויסע פאַרברעכן. די מענטשן־שלאַנגען, די בלוט־דורשטיקע מערדערס האָבן מיט סאַדיסטישער הנאה געטאָן זייער פאַרברעכערישע אַרבעט. די מערדער האָבן די קינדער באַוואָרפן מיט גראַנאַטן, זייערע צעפליקטע אברימלעך זענען אויף צענדליקער מעטער געפלויגן, באַשפּריצנדיק דעם אַרום מיט בלוט, אַז דער שניי איז רויט געוואָרן. אַדער פרויען און מענער געצווונגען דורך קלעפּ זיך אויסטאָן ביז די אונטערוועש, זיך אויסשטעלן ביים ראַנד פון גרוב, ביז אַ סעריע פון אַ מאַשין־ביקס האָט זיי אַריינגעשליידערט אין קבר — טויטע און פאַרווונדעטע, אַזוי שיכטן אויף שיכטן, דורות אויף דורות. ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג האָט צו די טויבע הימלען זיך געטראָגן דער „שמע ישראל״!...

דער ניעסוויזשער ראַדזשיווויל־פּאַרק מיטן היסטאָרישן שלאָס־טורעם אויף זיין באַרגיקן הויך, מיט די שיינע אַלייען און וואַסערן — איז געוואָרן אַ גרויל־אָרט וואָס וועט דערציילן פאַר דורות דאָס אומגליק פון 30סטן אָקטאָבער 1941.

צוויי מעת־לעת האָבן מיר זיך געפייניקט אין אונדזער תפיסה, צווישן אומקום פון די ניעסוויזשער יידן און אויפקום פון אונדזער געטאָ.

די יידישע מנהיגים, מיטן פרעזעס מאַגאַליף בראש, האָבן זיך באַמיט אונדז צו מונטערן און טרייסטן, אַז מיר, די אויסדערווייילטע אין זייער „חסד״, וועלן בלייבן לעבן אַלס נוצלעכע אַרבעטער פאַר דער וועדמאַכט.

דעם ערשטן טאָג פאַרנאַכט האָבן מיר באַקומען צו גאַנצע ברויטן, אויך די פּאָרציע פון די פריער פּאַרטיליקטע. זיי איז שוין פאַרשפּאָרט צו עסן. זייט אונדז מוחל, הייליקע ברידער און שוועסטער, וואָס מיר האָבן אייער ברויט באַקומען אין טאָג פון אומקום. ניט מיר זענען שולדיק אין דעם. ניט מיר זענען שולדיק וואָס מיר לעבן, וואָס מיר זיצן דאָ פאַרשפּאַרט אין אונדזער תפיסה.

גערעטעוועט זיך פון די גריבער

צו אונדז זענען אין די פּאָר טעג צוגעקומען נאָך אַ צענדליק יידן, אַנטלאָפענע פון לויערנדיקן טויט. יעדער האָט געהאַט זיין אויסטערלישע דערציילונג. צוויי קינדער זענען צו אונדז געקומען פון זייער לעצטן וועג, פאַרן אָנקומען צום שחיטה־אָרט, נעמלעך — „דעזערטירט״. זייער מוטער האָט געוואָלט זייערע לעבנס ראַטעווען, האָט זי מיט ציטערדיקע הענט אַראָפּגעריסן פון אירע קינדער די מגן־דוד צייכנס און אַרויסגעשיקט אירע צוויי פייגעלעך פון שטייג, אפשר וועלן זיי דערגיין צו אַ ברעג... זייער געוואַגטער שריט האָט אָפּגעגליקט. זיי האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון דער ריי אומבאַמערקט און זיך אויסגעמישט מיט די פאַרבייגייערס אויפן טראָטואַר. גוטע גויים האָבן זיי געבראַכט צו אונדז... די קינדער האָבן דערציילט ווי נאָך אַנדערע האָבן געפּרוווט זיי נאַכטאָן און געפאַלן אַ קרבן פאַר זייער געוואַגטן שריט.

נאָך איינער איז געקומען — טאַקע פון „יענער וועלט״, פון סאַמע גיהנום, פון די שחיטה־גריבער. ער, אַ בעל־עגלה וואָס האָט זיך ניט געשראָקן צו טרייבן די פערד אין פינצטערע נעכט דורך אומזיכערע וועגן — איז אים דאָ זיין דרייסטקייט בייגעשטאַנען. אַנשטאָט געטויט צו ווערן, האָט ער אַראָפּגעריסן זיין יידישן צייכן און געוואָרן אַ... באַשיטער, מיט אַ לאַפּאַטע אין האַנט, ווי די גויישע יונגען — אגב, זיינע גוטע באַקאַנטע. ער איז אָבער ניט געווען אין גאַנצן זיכער אויף דעם פּלאַץ. האָט ער געזוכט וועגן ווי זיך אַרויסצודרייען פון יענעם אָרט.

למען האמת מוז מען באַמערקן, אַז יענער טאָג האָט אויפגעטרייסלט אַ סך קריסטן, איבערהויפּט די וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי דער באַערדיקונג בשעת דער שוידערלעכער עקזעקוציע. פון זיי האָבן אַ סך גויים ניט אויסגעהאַלטן דעם טייוולס בלוט־שפּיל און באַקומען נערוון־דערשיטערונגען און אַנדערע קראַנקייטן. אויך די פּשוטע קריסטן פון גאַס האָט דאָס אויפגעטרייסלט. אַ ראיה — טאַקע אַ דאַנק זיי איז געלונגען עטלעכע יידן צו דעזערטירן פון טויט. אויך אייניקע פּאָליציאַנטן וואָס האָבן באַוואַכט אויפן הויף פון אונדזער תפיסה, זענען געוואָרן ווייכער און אַדורכגעלאָזן די יידן צו אונדז.

אָבער למען האמת מוז איך זאָגן, אַז אַזוינע „צדיקים״ איז געווען בלויז אַ קליינער פּראָצענט אַנטקעגן אונדזערע רשעים פון סדום וואָס האָבן אין סאַמע גרויל געפּרוווט ראַבירן און אויך מיטהעלפן די דייטשן אין זייער אויסראָטונג אַרבעט.

האָט דערציילט אַ צוריק געקומענער פון שחיטה־אָרט, ווי מ׳האָט קינדערלעך, אָנגעוואָרפענע אויף איין אָרט, זייערע אבֿרימלעך מיט גראַנאַטן אויפגעריסן און ווי ס׳האָבן גרעסערע קינדער זיך קעגנגעשטעלט, געוואָרפן צו די מערדער שטיינער, ערד, געשאָלטן זיי מיט יללות און קללות — ביז זיי זענען געפאַלן; ווי אַזוי די געזונטע יונגען פון די שייצעס און אי־

טערס וואָס האָבן גאַנצע מערק גויים „געטרייבערט״ אין די מיטוואָכס, די בחורים מיט אייזערנע הענט און פויסטן, פּראָסטע און בראַווע אין זייער אויסוועגלאָזן קלעם, האָבן אויך דאָ געזוכט און געפונען אַ תיקון פאַר זייער שטאָלץ — בלוט פאַר בלוט — אַז אויך דייטשיש בלוט האָט זיך געגאָסן אויף די הערצער פון די טויט־פאַרווונדעטע יידן; ווי מ׳האָט עס אָנגעכאַפּט אַ דייטש ווי אַ כפרה־הענדל און אים געשמעטערט ווער מיט אַ מעסער, ווער מיט אַ גראָב־אייזן און ווער מיט אַן אַרויסגעריסענער ביקס; געהאַקט און געבראָקט די קעפּ פון די מערדערס פאַר די הונדערטער, טויזנטער, פאַר מיליאָנען — און אַזוי זענען זיי אַריין אין דער געשיכטע ווי גבורים פון פּאָ׳ק.

געווען אויך גוטע קריסטן

און ווידער זענען געקומען נייע נסים: אויך צוויי קינדער פון יענעם אָרט האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון טויטס נעגל מיט גאַנץ פּשוטע שפּיצלעך — אומבאַמערקבאַר זיך אַריינגעקליבן ווי מייזלעך אין אַ באַרג אָנגעקליבענע זאַכן וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין יענעם טאָג און ציטערנדיקע דאָרט געלעגן און געוואַרט. ביינאַכט האָט די פינצטערניש זיי געהאָלפן אַרויסרוקן זיך, זיי זענען אַוועק צו באַקאַנטע קריסטן וועלכע האָבן די קינדער איבערגעליפערט צו אונדז, די „אויסדערוויילטע״. די קינדער האָבן די גאַנצע צייט געציטערט, ס׳האָט זיי געוואָרפן פון קעלט און פון שרעק.

אַנדערע יידן האָבן זיך געראַטעוועט פון זייערע אייגענע הייזער, געוואַגט אָנרירן דעם באַפעל פון די דייטשע הענקערס אויפצוזאַמלען זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ. יעדער האָט געהאַט זיינע סיבות דערצו: איינער איז געווען שטאַרק קראַנק, מיט גרויס טעמפּעראַטור, אָבער אים האָט אָפּגעגליקט, וואָס אַ באַקאַנטער פּאָליציאַנט האָט אים געבראַכט צו טראָגן צו אונדז... נאָך איינע, אַ יונגע פרוי, האָט געדאַרפט געבוירן אַ קינד — אַ נייַ באַשעפעניש צום טויט — און אויך זיי האָבן גוטע גויים געבראַכט צו אונדז. דאָס זענען געווען איינצלנע טאַטן פון גוטע קריסטן, אָבער אַ סך זענען געווען מערדעריש־אַקטיוו אין יענעם טאָג, געהאָלפן אויסזוכן און אומברענגען די אַלטע און קראַנקע לייט, וואָס האָבן ניט געקאָנט מיט אייגענע כוחות גיין דעם לעצטן וועג...

פון די גוטע טאַטן איז כדאַי צו דערמאָנען אויך אונדזער שכן מאַמאַנקע מיטן אַלטן, בן־שמונימדיקן תושב פון אונדזער פאַרנע־גאַס, שמואל דמשק. אויך ער האָט ניט געקאָנט גיין אויפן מאַרק, ווייל ער איז געלעגן קראַנק. מאַמאַנקען מיט נאָך אַנדערע פּאָלאַקן האָט מען באַפוילן אויסצוזוכן פאַרשטעקטע יידן און מעלדן דער פּאָליציי. האָט דער מזל געוואָלט, אַז דאָ האָט דאָמינירט די אַלטע באַקאַנטשאַפט און שכנים־שאַפט, ווייל דער גוי, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, האָט דעם אַלטן ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן, מיט עסן און טרינקען, ביז ער האָט זיך ווידער געטראָפן מיט זיין טאָכטער, איידעם און צוויי אייניקלעך וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט די אַרבעטער. דער פּאָלאַק מאַמאַנקע, וואָס האָט גוט גערעדט יידיש, האָט דערנאָך שטאָלצירט מיט זיין טאַט, דערציילנדיק אונדז וועגן זיין „יידן־פריינדשאַפט״. דאָך האָט אים גאָט געשטראָפט און איך בין זיכער, אַז זיין שטראָף איז געווען אַן אָפּצאָל פאַר ניט ווייניק עבירות פון וועלכע קיינער האָט ניט געוווסט, אויסער די פינצטערע נעכט און שטומע, איינזאַמע יידישע הייזער, וועלכע האָבן אומזיסט געוואַרט אויף זייערע אַלטע בעלי־בתים... די געטאָ־שׂריפה האָט אים געטראָפן. די צעבושעוועטע פלאַמען האָבן אַ שפּרונג געטאָן אַזש פון געטאָ איבערן מאַרק אין דער סטודענצקאַ־גאַס, אָנגעכאַפּט ב׳ויז זיין הויז און אַזוי בליץ־שנעל עס פאַרצוקט, אַז ער האָט גאָרנישט געראַטעוועט. דאָס יידישע האָב־און־גוטס וואָס איז צו אים אַריינגעפאַלן — איז אַוועק מיט די פלאַמען.

דריי געבליבן פון אַ גאַנצער משפּחה

ווען מען האָט די פרישע גרויסע קברים געהאַט אין גאַנצן פאַרשאָטן און די בערג זאַכן פון די קדושים אָפּגעפירט אין דייטשע מקומות; ווען מ׳האָט דורכגענישטערט אַלע יידישע הייזער און באַהעלטענישן; ווען מ׳האָט אויסגעפּלאַנירט און אויסגעמאָסטן דעם נייעם געטאָ־שטח מיט די שטיבלעך און געסלעך אָרעם און אָרום פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט, פאַרקלאַפּט אַלע טירן צום דרויסן און אויך אויף די פענצטער אָנגעטאָן דראָט־נעצן — זענען די מלאכי־חבלה אָפּגעפאָרן מיט גאָלד, בריליאַנטן און אַנדערע ווערטפולע חפצים, כדי באַנייען די זעלבע בלוטיקע אַרבעט ערגעץ אַנדערש. מיט זייער אַוועקפאָרן איז פאַרמעל אַרויס דער טויט פון ניעסוויזש און דער דייטשער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט אונדז דערלויבט אויף אַ צייט פון דריי שעה זיך באַוועגן פריי צו אונדזערע אַלטע היימען און איבערטראָגן בלויז אייגענע זאַכן צו דער נייער היים אין געטאָ.

דער פרעזעס מאַגאַליף האָט עס געמאָלדן פייערלעך, ווי אַ תקיעת שופר נאָך נעילה. און אין יענעם זוניקן טאָג האָבן מיר טיף באַגראָבן אונדזערע אויגן צו דער ערד, מיט ווייטיק און שאַנד זיך געלאָזן גיין צוריק דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן מיר זענען אַרויס אין די טויזנטער צום גרויזאַמען אומקום...

פון אונדזער פאַרנע גאַס זיינען געבליבן פון אונדזער משפּחה דריי: איך, מיין ברודער און מיין מאַמע. פון קראַסנאָסעלסקיס משפּחה — סאָניע מיטן מאַן און קליין קינד און די משפּחה אָגינסקי מיטן אַלטן דמשק.

מיר קומען צו אונדזער שטוב. די שויבן זענען אויסגעהאַקט, עס ווייעט מיט קאַלטקייט. דאָך איז דער שלאָס אויפן אָרט און ווען מיר עפענען די טיר, גיט אַ שלאָג אין פּנים אַ נייע כוואַליע פון ווייטאָקן און בלוט. „אַ גוטן טאָג דיר, שטוב, מיר זענען ווידער דאָ!״ אָבער אונדזערע שעהן זענען געציילטע, מיר מוזן אַוועק אין געטאָ. צי מיר וועלן ווען ס׳איז צוריק קומען? איין גאָט אין הימל ווייסט.

אַ נייער טרויער — דער טאַטע איז מיט אונדז ניטאָ. עס וויינען זיינע איבערגעבליבענע זאַכן מיטן טלית און תפילין און מחזורים. אויך די שכנים זענען מיט אונדז ניטאָ. עס וויינען די פענצטער־לעכער אָנטקעגן זייערע איינזאַמע הייזער, איינגעהילטע אין גרויסן טרויער.

מיר האָבן אָבער ניט קיין צייט צו וויינען און צו קלאָגן. מיר באַהערשן זיך און פּאַקן אין זעק די איבערגעבליבענע נוצלעכע זאַכן און טראָגן זיי אין געאייל אין נייעם געטאָ. אונדז געלונגט דריי מאָל אַדורכצומאַכן דעם וועג און אַרויסטראָגן דאָס ביסל גוטס פון הפקר. צום לעצטן טראָגן מיר איבער אַ ביסל שפּייז, אויך אייניקע פּוד קאַרטאָפל.

אַלע סימנים באַווייזן, אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע. סיסטעמאַטיש זאָגט מען אָפּ יידן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. זיי זענען איבעריק צו אַרבעט און צו... לעבן. צוערשט האָט מען אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס אין שטאָט אַלע דאָקטוירים, אַפּטייקערס און דענטיסטן. נאָך דעם זענען געקומען געסטאַפּאָ־לייט אין געטאָ, אויסגערוימט אַלע מעדיקאַמענטן און זיי אַוועקגעפירט. אַ צווייט מאָל האָבן זיי אויסגעוויילט די בעסערע זאַכן פון הייזער און זיי אָפּטראַנספּאָרטירט. אויך די לאַגע אויף אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער איז געוואָרן קריטיש. מ׳האָט צוגעאיילט צו פאַרענדיקן אַלע באַשטעלונגען פאַר די דייטשן און ווייסרוסן — און קיין נייע זענען ניט געקומען. דאָס איז געווען דער בעסטער סימן ווו מיר האַלטן. ס׳איז געוואָרן

אומדערטערעגלעך אין די לאַנגע, זומערדיקע טעג מיט דער גליענדער זון. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טשאַד...

מ׳האָט אין גרויס איילעניש און שרעק אָנגעהויבן בויען באַהעלטענישן. יעדער — בסוד־סודות, איינער האָט ניט געוווּסט פון צווייטנס פּלענער, הגם קיינער איז ניט געווען זיכער, אַז דאָס וועט ראַטעווען. אַנדערע האָבן אויך אָנגעהויבן צוגרייטן פּלעשער בענזין, מיטן געדאַנק אין לעצטן מאָמענט אָוועקצולאָזן דאָס געטאָ אין פלאַמען, אַז דאָס פאַרמעגן זאָל ניט אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט.

אין איינעם פון די לעצטע געטאָ־טעג זענען אייניקע פּאָליציאַנטן אַריין אין געטאָ און אַרעסטירט דעם יודענראַט־מיטגליד אַדוואָקאַט מעסיטע. דערנאָך האָבן זיי אים אַוועקגעפירט, נאָך איידער דער פּרעזעס האָט באַוויזן צו קומען אין דער קאָמענדאַטור אינטערווענירן, באַרויבנדיק און שלאָגנדיק ווילד זייער קרבן, געטריבן אים גלייך צו די גריבער אויף גלינישטשע און דאָרט אים בעסטיאַליש דערמאָרדעט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פּאָליציאַנטן האָבן דאָס געמאַכט אויף אייגענער האַנט, האָבנדיק אַ שיכות מיט דעם קרבנס זאַכן וועלכע האָבן זיך געפונען אין קריסטלעכע הייזער, ביי דעם אַדוואָקאַטס „גוטע פריינד".

אַזאַ הפקר־שריט מצד די ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן איז פון דער דייטשער קאָמענדאַטור אַדורך אומבאַשטראָפט, ווי ס׳וואָלט געהייסן — וואָס איז די נפקא־מינא, אומקומען היינט צי מאָרגן?

דער געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד

איך ווייס ניט ווער ס׳האָט דער ערשטער אויפגעהויבן דעם געדאַנק. דאַכט זיך אַז ער איז אַליין אַרויסגעשווומען פון די טיפענישן פון אונדזערע הערצער, גראָד אין פאַסיקן מאָמענט ווען ס׳האָט זיך געפאָדערט די זאַך.

דער געדאַנק איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון די חלוצישע באַוועגונגען, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין געטאָ. זי איז בייהילפיק געוואָרן דורך די צוויי מיידלעך דרוקער און כהן, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין אָרטיקן, דייטשן געווער־אַרסענאַל, ביים רייניקן אַלע מינים כלי־זין. זיי האָבן דאָרט באַלעבאַטעוועט ווי ביי זיך אין דער היים. די דייטשן האָבן געהאַט צו זיי צוטרוי (אויך פון דער ערשטער מאַסן־שחיטה זענען זיי אַרויס אַ דאַנק אָט דער אַרבעט).

די צוויי מיידלעך האָט מען אָנגעטרויט אין די לעצטע געטאָ־טעג די הייליקע אויפגאַבע צו ברענגען געווער. האָבן זיי אין משך פון אַ קורצער צייט אַריינגעבראַכט אין געטאָ, דורך פאַרשידענע אופנים און אין טיילן, צוויי שווערע מאַשין־ביקסן, רעוואָלווערן און אַ צאָל גראַנאַטן, וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן אין געהייט צו דעם ספּעציעלן שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אויך האָט מען אָרגאַניזירט אַלע אויסגעדינטע זעלנער און קאַמפּס־פעיקע בחורים.

אין איינעם אַ פרייטיק (דער לעצטער פרייטיק אין געטאָ), גייענדיק אויף מיטאָג, האָבן גויים געבראַכט די ידיעה וועגן צוויי שחיטות וואָס קומען פאָר אין שטעטל האָראָדזיי — 14 ק"מ פון אונדז, און די צווייטע אין סנאָוו, 20 קילאָמעטער פון אונדז. דער טויט האָט ווידער געבושעוועט אַזוי נאָענט, אַז מ׳האָט געפילט זיין אָטעם אומעטום.

אמת, מיר גייען נאָך היינט אַרום פריי, מיר באַוועגן זיך אומגעשטערט, ס׳איז נאָך מעגלעך היינט צו אַנטלויפן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער — דאָך זענען מיר אַזוי געבונדן צום געטאָ ווי מיט כישוף — אָבער דאָס זענען די בונדן פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע.

ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק. יעדער האָט אין ציטער געשטאַמלט: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? דאָס מאָל איז דער פּרעזעס אַליין צעטראָגן — און אַלע ווייסן פאַרוואָס: זיין ברודער איז פּרעזעס אין האָראָדזיי, און ס׳איז פאַרשטענדלעך, זיין האַרץ בלוטיקט... ווי געוויינלעך אין אַזעלכע מאָמענטן, ווערן אַלע געטאָ־איינוווינער צונויפגערופן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין גרויסן רוים פון בית־מדרש. זיי קומען אַלע צעטומלטע, בלייכע. אַן עדה שאָף וואָס שפּירט אַז ס׳דערנענטערט זיך די געפאַר פון וועלפישע ציין...

מ׳צינדט אָן ליכט ווי אין יום־כיפור, ס׳לייגט זיך אויף אַלעמען אַ הייליקייט וואָס דאַרף אונדז לייטערן און גרייט מאַכן צום מאָמענט פון נסיון — ווירדיק אומקומען אויף קדוש השם...

דער פּרעזעס הייבט אָן און זיין שטים איז געבראָכן. ער דערמאָנט דאָס פרישע פאַרגאָסענע בלוט אין האָראָדזיי און סנאָוו, וווּ זיין ברודער געפינט זיך שוין צווישן די קדושים. רירנד ביז טרערן איז דער מאָמענט, ווען דער פּרעזעס הייבט אָן זאָגן „קדיש". דער עולם האַלט ניט אויס און ברעכט זיך איין אין יאָמער. נאָר טראָץ זיין גרויסן ווייטאָק, באַהערשט זיך דער פּרעזעס און ער באַרויקט דעם עולם. ער זאָגט, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, אָבער ס׳איז פריצייטיק אויפצוגעבן אַלע האָפענונגען. לויט זיינע ידיעות, וועט דאָס מאָל די פאַרניכטונג אויסמיידן אונדזער געטאָ.

נאָך אים רעדט אַ ייד פון די רעליגיעזע, אַן עלטערער שוין, מיט אַ באָרד און אַ הדרת־פּנים. ער מישט אויף בלעטער פון דער געשיכטע און פאַרגלייכט דעם איצטיקן מאָמענט מיט יענע צייטן פון אינקוויזיציע און קרייץ־טרעגערס, ווען דאָס פאָלק איז בייגעשטאַנען אַזעלכע נסיונות און אומגעקומען אויף קידוש השם. נאָך אים רעדן די פאָרשטייער פון יונגן דור — שלום כאָלאַווסקי און ירחמיאל שקלאָר. זיי באַמיען זיך מיט גרויס התלהבות צו מוטיקן און וועקן צום קאַמף, אָן פחדנות, נקמה נעמען אין די מערדער ווי ס׳פּאַסט פאַר קינדער פון חלוצישן דור. נאָך זיי נעמט אַ וואָרט אַ יונגע פרוי, אַ וואַרשעווערין. זי רעדט פויליש און מאַכט אַ רירנדיקן איינדרוק. זי איז אַ מוטער פון אַ קליין קינד, דאָך רעדט זי וועגן אומפאַרמיידלעכן טויט אַזוי פּשוט. זי רופט אויך צום לעצטן קאַמף פון „תמות נפשי עם הפלשתים" און פאַרענדיקט: „זאָל דאָס מערדער־פאָלק פאַרשאָלטן ווערן אויף אייביק!"

די פאַרזאַמלונג האָט גערופן דעם עולם צום קאַמף, ניט זעענדיק פאַר זיך קיין אַנדערן אויסוועג פון רעטונג.

— קינדער מיינע — זאָגט אונדזער מאַמע צו מיר און צו מיין ברודער. — איך וועל שוין אומקומען אין געטאָ, אָבער איר זייט נאָך יונג, איר דאַרפט נאָך לעבן, זעט גייט אַוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער און ראַטעוועט זיך. בלייבט כאָטש איר פון אונדזער משפּחה, אַ קדיש... אַ זכר...

דאָס איז מיין מאַמעס לעצטער, הייליקער ווונטש. זי איז שוין פון לאַנג האַרץ־קראַנק, פילט זיך זייער שלעכט. דאָך וויל זי אָנקומען אויף יענער וועלט ווי אַ צדקנית, טוט זיך איבער אין נייע, זויבערע וועש און פאַר אונדז גרייט זי צו טאָרבעס מיט סוכאַרן. אין מאָמענט ווען אַ גרופּע וועט זיך לאָזן אין וועג, זאָלן מיר ניט קוקן אויף איר און אַוועקגיין.

אַזאַ איז געווען מיין מאַמעס צוואה!

„קאַץ־און־מויז שפּיל"

די נאַכט איז אַדורך אין טויט־שפּאַנונג, קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן — שבת. ווי אַלע מאָל זענען יידן אַוועק צו זייערע אַרבעטן מיט צעבראָכענע הערצער און פאַרנעפּלטע מוחות. דאָך האָט אויך שבת גאָרניט פּאַסירט, גלייך דער טויט

וואָלט זיך מיט אונדז געשפּילט אין „קאַץ און מויז" — ער לאָזט אונדז אָטעמען נאָך אַ טאָג!

אָבער די פּאָלאַקן ווייסן, אַז ביז 20 טאָג מוז אונדזער געטאָ ליקווידירט ווערן. די „גוטע" פון זיי וואָרענען אונדז באַצייטנס. ניט זונטיק, איז מאָנטיק באַשטימט — אַזוי רעדט מען. דאָך איז אויך די נאַכט אויף מאָנטיק אַדורך רויִק. מ'הויבט אָן זיך איינצושטילן. מיר הייבן אָן אַ נייע וואָך אַרבעט. אַ גוטער סימן — יידן שמייכלען שוין, מ'האָט אַדורכגעשפּאַנט דעם 20סטן...

אָבער מאָנטיק נאָך מיטאָג — אַ פּריזירער האָט געבראַכט אַ פאַרטרויליכע ידיעה פון דער פּאָליציי, אַז אויף 7 אַ זייגער אָוונט איז פאַראָרדנט געוואָרן אַ קאָנצענטראַציע פון פּאָליציאַנטן פון אַלע אַרומיקע פונקטן, וואַרשיינלעך אויף אַרומצורינגלען דאָס געטאָ.

יונגע חברה גרייטן זיך צום אַוועקגיין אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. מען קלויבט זיך שוין אין וועג אַריין, טראָץ דעם וואָס דער געטאָ־פּאָליציי האָט מען באַפוילן צו שטערן. פּלוצלונג הייבט אָן פאַלן אַ זומערדיקער רעגן און טרייבט אַלעמען צוריק אין די הייזער. ווען נאָכן רעגן האָט מען זיך ווידער גענומען גרייטן אין וועג אַריין, זענען אַרויס די פרויען מיט די קינדער און אַזוי געיאָמערט און געוויינט, אַז עס האָט אָפּגעטויט דעם רצון צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

מ'האָט שוין אָנגעהויבן רעזיגנירן פון גיין, זייענדיק באַהערשט פון דעם פרויען־געבעט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון גורל. 8 אַ זייגער אין אָוונט האָט דער טויט שוין באַוואַכט דאָס געטאָ — דאָס איז געשען אין דער נאַכט פון 20סטן אויפן 21סטן יולי 1942.

כ'וועל עס ניט קאָנען אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר. נאָך אַזאַ נאַכט און אַזאַ מאָרגנדיקן טאָג, קאָן שוין אַ האַרץ ניט רעדן. טויט האָט ניט קיין שפּראַך און אונדז האָט באַהערשט דער טויט, צעבראָכן דאָס האַרץ און פאַרשטומט אויף אייביק.

אינעם אַרומגערינגלטן געטאָ

ווי נאָר דאָס געטאָ איז געוואָרן אַרומגערינגלט, האָבן מיר געוווּסט אַז מאָרגן פרי דאַרף קומען דער סוף. מענטשן האָבן געזוכט ווי צו פאַרלייכטערן זיך דעם טויט און ניט אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט. די „גליקלעכע" זענען געווען די וואָס האָבן פאַרמאָגט סם־פּילן איינצושלאָפן אויף אייביק.

די מערדער האָבן געעפנט אַ שיסעריי פון לייכט־געווער, מיטן ציל צו פאַראַליזירן דאָס געטאָ און ניט דערמעגלעכן קיין פאַרקער און רעטונגס־פרווון. די קוילן זענען געפלויגן בלינד אין דער פינצטערניש. פון צייט צו צייט האָבן אויפגעבלענדט העל־רויטע ראַקעטן, וואָס האָבן דערשיטערט די נערוון און געהאַלטן אין טויט־שפּאַנונג די אומגליקלעכע קרבנות אַ גאַנצע נאַכט.

דאָס געטאָ האָט יענע נאַכט זיך געגרייט צום לעצטן קאַמף און צום אומקום. די קאַמפּס־גרופּע, אין צאָל פון אַ 80 מאַן, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זייערע פּאָזיציעס. דער הויפּט קאַמפּס־פונקט איז געווען די גרויסע, געמויערטע „קאַלטע" שול, וואָס האָט פאַרמאָגט די מעלות פון אַ פעסטונג. מסתמא האָבן אירע ערשטע בויערס מיט 300 יאָר צוריק געהאַט אין זינען איר נויטווענדיקייט צו דינען אויך אַן אַנדערן צוועק, אויסער דעם מתפּלל זיין צו גאָט... דאָס אָרט איז געווען סטראַטעגיש וויכטיק — מיטן פּנים צום געטאָ־טויער און צו דער שטאָט. די באַוואָפענונג איז באַשטאַנען פון 2 שווערע מאַשין־געווערס, אַ קליינע צאָל ביקסן און גראַנאַטן.

חוץ דעם איז געווען נאָך אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע: אונטערצינדן דאָס געטאָ! זאָל אַלץ אַוועקגיין אין פלאַמען!

אין דער נאַכט איז די געטאָ־מאַכט געוואָרן אויפגעלייזט, די יידישע פּאָליציי זענען געוואָרן אויס „קאָנאַקערס", ניט האַלטנדיק מער די וואַך ביים טויער, ווייל ס'האָבן זי איבערגענומען די ווייסרוסישע זין פון אַלע אַרומיקע דערפער, „מלא" מיט שנאַפּס און בלוטדורשטיק נאָך רויב. פאַר זיי, די צעיושעטע חיות, איז עס געווען אַן אמתער יום־טוב, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט מיט וועלפישן אומגעדולד.

מיין ברודער איז קעמפעריש געשטימט, זיין אָרט איז צווישן די וואָס פאַרנעמען פּאָזיציעס אין דער שול־פעסטונג. מיין מאַמע איז אומרויִק מיט זיין אָפּוועזנהייט. אין דער לעצטער נאַכט וויל זי האָבן אירע קינדער מיט זיך.

דאָך פאַרלאָז איך אויף אַ ווײַלע מיין מאַמען און גיי אַרויס אין דרויסן באַנעמען די רעטעניש: ווי קוקן דאָס הימלישע שטערן־אויגן אַזוי לויטער און רויִק אויף אונדזער גורל? איך שלייך זיך פאַרביי די ווענט ווי אַ שאָטן, איך וויל באַנעמען דעם לעצטן פּולס פון געטאָ.

דאָס געטאָ איז אויסגעלאָשן, טויט־שטיל, אָבער עס שלאָפט ניט. ס'איז איינגעהילט אין סודות. איך ווייס: מענטשן גרייטן באַהעלטענישן, יעדער לויט זיין איינפאַל אין זיינע ד' אמות. זיי ווילן אויף אַזאַ אופן אויסמיידן די גרוילן פון קומענדיקן טאָג. זיי טראַכטן זיך אַראָפּצולאָזן אין דער ערד און לעבן ווי אַ קרעט — עד יעבור זעם... אָבער וואָס וועט זיין ווען דאָס געטאָ וועט שטיין אין פלאַמען? צי וועלן זיי אויסהאַלטן אויך דעם פייער?

איך דעצידיר זיך פאַרלאָזן אויפן גורל — וואָס וועט זיין, זאָל זיין! איך קער זיך אום אין דער פינצטערניש צו מיין מאַמען.

די זומער־נאַכט איז קורץ און אַ שעה נאָך חצות גייט אויף דער פרימאָרגן אין אַ כסדר שטייגנדער העלקייט. עס לעשן זיך אויס די שטערן און דערנאָך שפּרינגט אַרויס אַן אייביק נייע, גאָלד־צעגליטע זון און פאַנגט אָן איר הימלישן טאָג־גאַנג. אַזוי אויך איז עס געווען נאָך יענער נאַכט. די זון איז אַרויס — נאָר אויף צו באַשטראַלן די בלוטיקע וואַקכאַנאַליע וואָס דאַרף זיך אָנהייבן אין די פרימאָרגן שעהן. און ס'האָט זיך געוואָלט עס זאָל זיין פינצטער, אייביק פינצטער. זאָל אונדז די זון ניט רייצן מיט איר געלעכטער. דאָס געטאָ וועט ברענען רויט און פאַרשטערן דעם מערדערישן יום־טוב.

ווי נאָר ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָבן די פּאָליציאַנטן אָפּגעשטעלט זייער שיסעריי. צוערשט איז אַרויס דער פּרעזעס אַליין און אָנגעקניפּט אַ „קאָנטאַקט" מיט די „הערן" פון אונדזער גורל. אויף אים קוקנדיק, זענען אַרויס די צאָן קדושים פון זייערע באַהעלטענישן און מיט שטוינונג פריי זיך באַוועגט אין געטאָ, הגם זייערע באַלאַגערערס זענען געשטאַנען רציחה־לוסטיק מיט ביקסן און אַווטאָמאַטן אַרום דעם געטאָ־צוים, יעדע 20 מעטער אַ פּאָליציאַנט.

און ווער זענען עס געווען די היטערס? ניט פאַר איין געטאָ־ייִד גוט באַקאַנטע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. היינט האַלטן זיי אַלע זייערע גוט באַקאַנטע „מאַשקעס" אויפן ציִנגל פון די ביקסן: „ניע פּאָדכאָדזי!"

אין דער נאַכט־שיסעריי זענען אַ סך הייזער געוואָרן ראַבירט. אַ בלינדע קויל האָט אויך געטראָפן און שווער פאַרלעצט די מוטער פון די קינדער דמשק און יידישע דאָקטוירים האָבן נאָך געפרווט ראַטעווען דעם ערשטן קרבן.

צווישן די האַלב־טויטע יידן זענען אַרומגעגאַנגען ווערסיעס, אַז עס וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע און די וויכטיקסטע אַרבעטער וועלן בלייבן. אַזוי האָט דערקלערט דער פּרעזעס — און דאָס געטאָ דאַרף וואַרטן ביז ס'וועלן קומען די דייטשע

תּלינים, ווייל אָן זייער באַפעל און אָנוועזנהייט וועט זיך גאָר ניט אָנהייבן. קאָן זיין אַז זיי וועלן אין גאַנצן ניט קומען, דאַן וועלן מיר פאַרלויפיק זיין געראַטעוועט.

אַזוי האָט דאָס געטאָ געוואַרט ביז 8 אַ זייגער אין דער פרי אין אַן אַלץ שטייגנדער שפּאַנונג. פּונקט 8 אַ זייגער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט פון שטאָט אַ וואָלפישער סירענע־געוואָי און — — — ס'האָט זיך אָנגעהויבן!

הגם דער אַלאַרם איז געווען געווענדעט צו די פייערלעשער אויף צו לעשן אַ שׂריפה 20 קילאָמעטער פון אונדז, אין שטעטל קלעצק, וועמענס געטאָ האָט שוין געברענט, האָט עס אַלעמען געשטעלט אויף די פיס — אי די פּאָליציאַנטן, אי די אויפן טויט וואַרטנדיקע ייִדן. טאַקע אין דעם מאָמענט האָט מען געמאָלדן, אַז אַלע ייִדן דאַרפן זיך זאַמלען לעבן געטאָ־טויער.

ווי־דער דאָס זעלבע בילד וואָס כ'האָב געזען מיט 9 חדשים צוריק אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווען מ'האָט 3 טויזנט ייִדישע לעבנס געטריבן צו דער שחיטה. היינט געפינען מיר זיך אין זייער לאַגע, אויף זייער וועג... די זעלבע טויט־שרעק אויף פּנימער פון פרויען, מענער און קינדער, די ־זעלבע הילפלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג. אָבער אַלע ווייסן: אַזוי גלאַטיק וועט די שחיטה ניט דורכגיין. עס וואַכט אַ ייִדישע קאַמפּס־גרופּע מיט געווער, עס שטייען מענטשן דעצידירט צו וואַרפן זיך אין שלאַכט, אָנצינדן דאָס געטאָ — דערפאַר זענען מיר היינט רויקער.

מיין מאַמע און איך ווילן זען צום לעצטן מאָל דעם ברודער, וואָס געפינט זיך אין שול מיט דער קאַמפּס־גרופּע. נאָר אַלע טירן זענען שטאַרק פאַרבאַריקאַדירט און מיר מוזן אויפגעבן אונדזער פאַרלאַנג. מיר שטייען געפּרעסט אין דער גרויסער מאַסע און וואַרטן. דער פּרעזעס מאַגאַליף און זיין געהילף מאַרקאָווסקי שטייען אויך היינט בראש פון דער מאַסע און פּילן נאָך אויס זייער אויפגאַבע אַלס געטאָ־עלטסטע.

אָט עפנט זיך אויף דאָס טירל ביים געטאָ־טויער און ס'גייט אַריין אַ ס. ד.־מאַן אין באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע פּאָליציי־עלטסטע. דער ס. ד.־מאַן דערמאָנט די ערשטע תּלינים פון מאַרק־פּלאַץ — אין אַ העלם, אַ הויכער בלאָנדער סאַדיסט, אויף זיין פּנים רוט אַ קאַלטע רציחה און זיינע אויגן — צוויי שאַרפע שפּיזן, וועלכע שטעכן דורך אַלעמענס הערצער.

יאָ, ס'וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע. אַ ראיה — דער תּליין האַלט אַ פּאַפּירל און דאָרט איז פאַרשריבן: מי לחיים ומי למות.

אָבער וויפל קאָן ער זיך פאַרגינען צו לאָזן לעבן, ווען דאָס געטאָ מיט די נעבעכדיקע 600 נפשות מוז ליקווידירט ווערן, אַז אונדזער שטאָט, ווי די אַנדערע שטעטלעך און שטעט, מוז ווערן ייִדן־פריי?

דער סאַדיסט הייבט אָן מיט זיין שאַרפן טאָן אויסרופן פון פּאַפּיר אַרבעטער פון שבת'עס טריקאָטאַזש־פאַבריק, ווו די לערן־שקצים האָבן נאָך ניט דערגרייכט די שטופע פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אָט גייען די ברידער שבת, די ברידער מילשטיין און נאָך אַ 20 מאַן, בלויז די פאַבריק־אַרבעטער. אויסער זיי — קיינער מער. דאָ ווערט די ליסטע אָפּגעשלאָסן.

די אויסגערופענע אַרבעטער דאַרפן אַריבערגיין אויפן צווייטן זייט און שטעלן זיך ביים ראַנד פון פאַרמאַכטן טויער. אָבער דאָ שפּילן זיך אָפּ האַרצרייסנדע סצענעס מיט די אַרבעטער גופא, ווייל דער ס. ד.־סאַדיסט דערלויבט ניט מיטצונעמען זייערע פרויען און קינדער. איז ניט בעסער דער טויט צוזאַמען, איידער ווערן אַזוי בעסטיאַליש אָפּגעריסן פון די טייערסטע און נאָענטסטע? די מינוטן זענען געווען די פיינלעכסטע. די מענער האָבן געיאָמערט, געבעטן רחמים ביים מערדער וואָס איז געשטאַנען קאַלט און שאַרף ווי אַ שפּיז, סאַדיסטיש אַוועק טריי־

בנדיק די פרויען און קינדער... כ'לעבן, אויף זיי איז געווען מער צער ווי אויף אונדז. אַזוי האָב איך געפילט אין יענעם מאָמענט און פעסטער געדריקט צו זיך מיין מאַמען — מיר זענען דאָך צוזאַמען.

אַלץ איז אַדורך גיך און ס'איז געקומען די ריי אויף אונדז. דער פּרעזעס האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז און אויף זיין פּויליש געזאָגט בזה הלשון:

— און איצט קינדער, לאָמיר זיך שטעלן צו פיר אין אַ ריי און מיר וועלן אָפּפאָרן אויף מאַשינען קיין באַראַנאָוויטש אויף אַרבעט...

דער פּרעזעס איז געווען בלייך, אָבער רויק. גלייך זענען צוגעקומען צו אים זיין פרוי און זיין קליין ייִנגעלע, אויך רויקע. זיין גרעסערע טאָכטער איז ניט געווען אויפן אָרט. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן צו פיר אין אַ ריי. די ערשטע צוויי רייען האָבן פאַרנומען קעמפערישע מענער און מיר איז געווען אַ וווּנדער, פאַרוואָס האָבן דווקא זיי זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען. דער פּרעזעס מיט זיין פרוי און קינד זענען געשטאַנען בראש פון דער מחנה, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעשטעלט.

„לאָמיר ברעכן דעם טויער!"

פּלוצלינג האָט אַ מאַן פון דער ערשטער ריי, אויסשרייענדיק באַפעלעריש „ייִדן, נאָך מיר! לאָמיר ברעכן דעם טויער!" — האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און מיט אים — די פאָדערשטע רייען. זיי זענען צוגעלאָפן צום פאַרמאַכטן געטאָ־טויער, אים אויפגעריסן — און אין דעם מאָמענט האָט זיך עס אָנגעהויבן. עס האָט אַ זעץ געטאָן אין דער לופט אַ בינטל אויפגעריסענע גראַנאַטן פון יענער זייט טויער און אין דער סעקונדע האָבן זיך אויסגעמישט אין איין קנויל ערד און פליייש און שטיינער. עס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע פון די וואָס האָבן געשטורעמט דעם טויער און פון די וואָס זענען געשטאַנען לעבן טויער, די „אָפּגעקליבענע". אויך דעם פּרעזעס האָט, דאַכט זיך, ניט געשוינט דער אויפרייס. אַלץ איז געוואָרן איינגעהילט אין אַ געדיכטן רויך, ס'איז אוממעגלעך געווען צו באַנעמען דאָס שוידער־בילד פונעם ערשטן שניט.

די מאַסע האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן אויף צוריק, נאָר זיי זענען באַגעגנט געוואָרן מיט קוילן פון הינטער אַלע פּלויטן. אָבער דאָ האָט זיך שנעל אָנגעהויבן עפּעס גאָר אומגעריכטעס פאַרן פיינד, באַדראָענדיק זיין זיכערקייט פון יענער זייט געטאָ־צוים. דעם געטאָס נקמה־וואָפן איז געווען — פייער! די טרוקענע, הילצערנע, מיט בענזין באַגאָסענע הייזער האָבן זיך געלאָזן אין הייליקער שליחות פון נקמה — גלייך אויף די מערדער. זיי זענען געוואָרן צעטומלט און זיך פאַרלוירן אַנטקעגן דעם פייער.

די שׂריפה אין געטאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען פונעם טויטן געסל. אָפּטרעטנדיק, האָב איך געזען דעם בראַוון בחור יאָסעלע לאַנגמאַן, אַ פלאַמיקן און פאַרסאַפּעטן אַרויסלויפן פון די הייזער און גלייך נאָך אים האָבן זיך געיאָגט קוילן רויך און פלאַמען. דאָס האָט ער אויסגעפירט די גרויסע שליחות פון געטאָ — פייער!

אַ ווינט האָט דאָס פייער געטריבן פון דרום־מערב אויף צפון־מזרח זייט — גלייך אויף דער שטאָט. מיר האָבן זיך דורכגעריסן דורכן פייער־שטורעם און אַרויס צום לעצטן דרום־מערב ווינקל פון געטאָ. דאָ איז אונדזער צוריקטריט. דאָ וועט זיין אונדזער לעצטער אָרט. און טאַקע אַהער רייסן זיך דורך די פלאַמען צעטומלטע, פאַרסמאַליעטע מענטשן, טאַקע אויף דעם וועג האָבן די פּאָליציאַנטן געשיקט זייערע קוילן און

מענטשן פֿאַלן, בעת די לעבעדיקע אָדער לייכט פֿאַרוווּנדעטע גייען ווייטער. אונדזער לעצטער עטאַפּ איז די שטוב. פֿון דאַנען גייען פֿענצטער אַרויס אין גאַס, און ווער ס׳וויל לויפֿן אַנטקעגן דעם טויט — קאָן שפּרינגען דורכן פֿענצטער. ווער עס וויל אָבער האָבן עטלעכע מינוטן רו פֿאַרן טויט — קאָן בלייבן זיצן אין פֿאָדערהויז. דאָ איז פֿאַראַן וואַסער צו לעשן דעם פֿאַרטרוקנטן גומען. דאָ קאָן מען נאָך אויסריידן אַ פּאָר ווערטער צווישן זיך, כאָטש ריידן איז שוין ניטאָ וואָס. באַנאַל זענען אַצינד די ווערטער, זיי בינדן זיך ניט, ווי עס בינדט זיך ניט מער אונדזער לעבן. אַזוינע מינוטן זענען אייביקייטן.

דאָס גאַנצע געטאָ אַרום בושעוועט אין פֿלאַמען. דורכן פֿענצטער וואָס גייט אַרויס אויף דער פּוילישער גאַס זעען מיר ווי די קריסטן טראָגן זייערע בעבעכעס אין פֿעלד, ווייל די פֿייער־צונגען לעקן שוין זייערע שטיבער. קיינער פֿון זיי טראַכט שוין ניט וועגן רויב. אַלע לויפֿן אין איין בהלה מיט די פּעק אויף דער לאָנקע.

פֿון יענער זייט ווו די שול־פֿעסטונג, הילכן אָפּ אַפּטע שאָסן, דאָך איז שווער צו וויסן וואָס דאָרט קומט פֿאָר — און כ׳ווייס ניט עד היום וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, ווייל קיינער איז פֿון דאָרט מיטן לעבן ניט אַרויס...

וואָס מאַכסטו, מיין ברודער? מסתמא האָסטו זיך פֿאַרבענקט נאָך דער מאַמען און ברודער, וועלכע דערמאַנען דיר דאָ — און דו ביסט דאָרט אַן איינזאַמער, אין אָנבליק פֿון שטורעמדיקן טויט. און די מאַמע איז אויך נעבעך הילפֿלאָז.

אָט ראַנגלט זיך מיטן טויט, אַ צען טריט פֿון אונדזער פֿאָדערהויז, אַ שווער געטראָפֿענער דאָקטער. אַ שיינע, איידעלע געשטאַלט. ער באַמיט זיך אויפֿהויבן זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געבעטן: „נאָך איין קויל״... די גנעדיקע קויל קומט — און ער בלייבט רויק ליגן אויף זיין אָרט.

מיטן לעצטן דראַנג פֿון לעבן, פּרוּוון חברה זייער לעצטן שאַנס אַדורכצוברעכן דעם צוים און שפּרינגען דורכן פֿענצטער אין גאַס. זיי לויפֿן ווי חיות פֿון אַ שטייג, אָבער דאָ צעהילכט זיך אַ ווילד שיסעריי, די ביקסן נעמען זיי אויפֿן ציל און איך זע ווי עס פֿאַלן טויטע און פֿאַרוווּנדעטע. אַ טייל קערן זיך צוריק, שפּרינגען דורכן פֿענצטער אין צימער פֿון אונדזער הויז — ניט געלונגען. דערפֿאַר איז אַ קליינער גרופּע געלונגען אַדורכצודראַפּן זיך דעם הויכן פּלויט, שוין פֿון יענער זייט גאַס און אַריינפֿאַלן אין גאָרטן פֿון הויכע קאַרטאָפֿל־קוסטעס, וועלכע פֿאַרשטעלן זיי אין גאַנצן. אָבער דאָס האָבן באַמערקט די פּאָליציייִשע הינט, זיי וועלן שוין זייערע קרבנות ניט אַרויסלאָזן — ניין!

אַרויסרייסן זיך פֿון אונדזער קלעם, איז ניטאָ קיין שאַנסן. אַלע פּאָליציאַנטן אַרום האָבן שוין געוואָרפֿן אַן אויג אויף אונדזער נעסט און פֿון זייערע ערטער שיקן זיי צו אונדז קוילן.

אין פֿאָדערהויז האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ דרייסיק מאַן. די פֿרויען און קינדער זיצן שטיל, ווי שטומע לעמער, די יונגע מענער האַלטן אָנגעגרייט מעסערס און אייזערנע שטאַנגען, צו באַגעגענען דערמיט דעם שונא.

מיין מאַמע זיצט צוזאַמען מיט איר קרובה רחל גינזבורג און קלעמען זיך אין חלשות. אַצינד זיצן זיי דאָ גלייך, דערשלאָגן אויף איין שטאַפּל, כאָטש אין לעבן — זאָל זי מיר מוחל זיין מיין קרובה — האָבן זיי ניט געקאָנט זיך חברן, צוליב דער גרויס־האַלטעניש פֿון מאַדאַם גינזבורג, די פֿרוי פֿון ד״ר גינזבורג, איינער פֿון די רייכסטע אין שטאָט. קאַרג איז זי געווען, ניט אָנערקענט די נויטן פֿון אַ צווייטן. אַזוי איז עס געווען אין לעבן. אַצינד זיצן זיי צוזאַמען, אויסגעגלייכט...

האָט זיך אויפֿגעשטעלט איינער אַ שניידערל, אַ דאַרער, פֿון פּאָמערן־קאַנט געקומען, אַנטלאָפֿן אַזש אַהער מיט זיין פֿרוי און צוויי קינדערלעך, אַ פּראָלעטאַריער אין פֿולן זין פֿון וואָרט וואָס האָט געטרוימט וועגן „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט אייך״ און זיך ניט באַרויקט, ביז ער איז ניט אַרויס מיט זיין קליין יינגעלע אין דרויסן, פּרוּוונדיק אַפּעלירן צום מערדערס געוויסן, שרייענדיק אין פּויליש:

— הערן פּאָליציאַנטן! האָט רחמנות אויף אַן אָרעמען שניידער און זיינע קליינע קינדער, לאָזט לעבן! פֿאַרוואָס זאָלט איר אומברענגען אומשולדיקע אַרבעטער?

אַלס ענטפֿער האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן און דער אָרעמער שניידערל מיט זיין יינגעלע האָבן זיך גיך אַריינגעכאַפּט צוריק אין פֿאָרהויז.

די קוילן האָבן געהאַלטן אין איין קנאַלן אין אונדזער זייט און פּלוצלונג האָט איינער באַמערקט, ווי אַ גרופּע פּאָליציאַנטן דערנענטערן זיך אין אונדזער ריכטונג. האָבן חברה אינסטינקטיוו אויפֿגעוואַכט פֿון זייער גליווער, ווייל ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן איין מעגלעכקייט:

— אַרויפֿקלעטערן אויפֿן בוידעם!

האָבן מיר, יונגע בחורים און מיידלעך, געלאָזט זיך אויפֿן בוידעם, נאָר דאָ האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד: אַ ייִד איז געהאַנגען רויק און גליקלעך, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן צונג צו דער וועלט — און אַלע זענען מקנא געווען דעם געהאַנגענעם. אָבער ניט אַזוי לייכט איז זיך אויפֿצוהענגען, ווען די שטריק איז אין דרייען געפֿלאָכטן, אַ דיקע. נידעריק איז אויך דער בוידעם, עס פֿיבערן די הענט פֿון 18 אָדער 25 פֿריילינגס. האָבן אַכט ייִדן און איין פּאָרל (גאָדל דאָבעק און ליבע אָפּיציר) באַמיט זיך צו באַגיין זעלבסטמאָרד. עס האָבן זיך געוויגט מענטשלעכע לעבנס...

אין אַ באַהעלטעניש

פּלוצלונג האָט זיך אַנטפּלעקט דער ערשטער, אומדערוואַרטער נס. געשען איז דאָס אין דער לעצטער מינוט, ווען אין פֿאָרהויז זענען שוין אַריין די מערדערס. אַ קינדערישע האַנט האָט אויפֿגעעפֿנט אַ קליינטשיקן צודעק ביים ראַנד פֿון בוידעם, אַ קעפּל האָט זיך אַרויסגעשטרעקט און אויסגעמורמלט: „קומט אַריין״!

ווי די מייז האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן אַהין, אַראָפּקריכנדיק אויף אַ לייטערל געשווינד — און אין דעם מאָמענט האָבן זיך געהערט קנאַלן אין פֿאָרהויז. מיר האָבן פּלוצלונג דערשפּירט ווי מיר זינקען אין אַן ענדלאָזן, פֿינצטערן אָפּגרונט, הגם מיר אָטעמען נאָך. מיין ווייטיק איז זייער גרויס — די מערדער האָבן אָקאָרשט אומגעבראַכט מיין מאַמען, די איינציקע טרייסט אין לעבן. אויך מיין ברודער איז מסתמא שוין ניטאָ מער. איך בין געבליבן אַליין.

אונדזער וועלט האָט זיך אַצינד אָפּגעגרענעצט אין אַ שמאָלע, פֿינצטערע נאָרע צווישן צוויי ווענט. זי איז אַזוי געווען געבויט פֿון אָנהייב: צוויי הייזער אונטער איין דאַך, און צווישן די צוויי הייזער — אַ ליידיקער חלל וואָס האָט היינט געדינט פֿאַר אַ באַהעלטעניש. געווען זענען שוין דאָ 10 פּערזאָן, צווישן זיי — ביידע פֿרויען שבת מיט זייערע צוויי פּיצינקע קינדערלעך וואָס ווילן פֿון גאָרנישט וויסן און לאָזן זיך הערן ווי ערשט געבוירענע קעצלעך. זענען טאַקע אַלע געשפּאַנט דאָ ביזן העכסטן גראַד צוליב די צוויי לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וועלכע קאָנען אונדז אומברענגען.

מיט אונדזער אַריינקומען איז די נאָרע פֿאַרפֿולט געוואָרן און באַלד האָט געגומען שטיקן פֿון לופֿט־מאַנגל און פֿון שווייס. דאָס ביסל וואַסער איז דערגאַנגען צום סוף און יעדערער האָט

זיך באַנוגנט מיט אָפּנעצן בלויז די פאַרברענטע גומענס און ליפּן.

נאָכן דערליידיקן זיך אין פאַרהויז מיט די אַרום 20 קרבנות, האָבן די פּאָליציאַנטן פאַרנומען אַלע צימערן און אָנגעהויבן נישטערן און זוכן, אויך אַרויף אויפן בוידעם. דער צודעק איז געווען אַביסל אויפגעמאַכט (ס׳האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט פאַרמאַכן) און ס׳האָט געדראָט אַ געפאַר זיי זאָלן אונדז אַנטדעקן. אָבער מיר האָבן זיך פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף נסים. אונדזערע אויערן האָבן געהערט דעם נאָענטן אָטעם פון די מערדערס, ווי זיי האָבן אָפּגעלאַכט פונעם געהאַנגענעם, ווי זיי האָבן אים אויסגעטאָן, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, שיעור ניט אַרויפגעטרעטן אויף אונדזער צודעק. לויט זייערע דיבורים איז געווען קענטיק, אַז זיי זענען שיכור, דאָך ווייסן זיי אַז מערער מענטשן דאַרפן זיין ערגעץ דאָ פאַרשטעקט. ס׳האָט געדויערט גענוג לאַנג ביז זיי האָבן פאַרלאָזן דעם בוידעם — און ס׳איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער אויפן האַרצן.

די פלאַמען אַרום האָבן געהאַלטן אין איין בושעווען. דורך די שפּאַרונעס פון בוידעם־דאַך האָבן אַריינגעשיינט רויטע פלעקן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט שטייט שוין אויך אונדזער שטוב אין פלאַמען, מיר ווערן פאַרברענט. אַזוי האָבן זיך געצויגן שעהן מיט שרעק. די עכאָס פון ווילדן שטורעם אין דרויסן האָבן זיך אַריינגעריסן צו אונדז. די שאָסן מיט די ווילדע געשרייען הערן ניט אויף. אַלץ קומט פאָר ווי אין אַ שרעקלעכן חלום, ס׳דאַכט זיך ווי מיר זיצן אין פאַרכישופטן קרייז, וווּ ווילדע וועלף רייסן זיך צו פאַרצוקן, דאָך ווערן זיי אָפּגעווענדט דורך אַ געהיימע געטלעכע קראַפט.

דאָס איינציקע גאַנצע הויז אין דעם סעקטאָר פון געטאָ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „שטאַב" פון די מערדערס. דאָ האָבן זיי געכאַפּט אַ שנאַפּס און אַ ביס... דורכן וואַנט האָבן מיר דייטלעך געהערט זייער שיכורן גערודער מיט סאַדיסטישע פרייד און גיפטיקן שמוץ אויף אונדזער פאַרגאָסן בלוט.

בייטאָג האָבן מיר דערהערט אַ גערויש פון מאַשינען לעבן אונדזער הויז. דאָס זענען געקומען די ס. ד.־מערדער בכבודם ובעצמם. אויף אונדזער באַהעלטעניש האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאָנצענטרירטער אָנגריף פונעם טויט. מיר האָבן געמיינט אַז מ׳וועט ניט אויסהאַלטן. דאָ מוזן מיר אומקומען. אַזאַ געפּיל האָט אונדז באַהערשט און פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן.

זיי זענען צוגעטראָטן פאַכמעניש, מיט געניטע מכשירים. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אַנטדעקן זיי אונדז, אָט רייסן זיי אויף דעם באָדן, נישטערן אויף דעם בוידעם, קלאַפּן אין די ווענט, צענעמען די אויוונס. באַלד וועלן זיי צענעמען דאָס גאַנצע הויז, אָדער עס אונטערצינדן. אָט הערן מיר ווי זיי רופן אונדז אַרויס, דראָענדיק מיט אונטערצינדן. זיי לאָזן אַרויס אַ פּאָר סעריעס קוילן און צום סוף הערן מיר:

— גראַנאַטן!

דאָ פּילט יעדער דעם טויט באַצייטנס. ס׳הערן זיך שטאַרקע אויפרייסן ממש פאַרביי אונדזער נאָז, אַלע ווערן באַטויבט און צעטומלט, אָבער די ווענט זענען געבליבן גאַנץ און מיר — אויך!

אָבער זיי באַוואַכן אונדז כסדר, די פּאָליציאַנטן, עס הערן ניט אויף די שיסעריי און געשרייען. אָט גייט שוין דער טאָג צו ענדע און די מחבלים לאָזן זיך נאָך אַלץ הערן נאָענט פון אונדז. חברה דעצידירן, אַז ווי עס זאָל ניט זיין, וועט מען אין מיטן דער נאַכט אַרויסגיין. בלייבן דאָ איז אוממעגלעך.

פאָר חצות איז פלוצלונג אַנטשטאַנען אַ פאַרדעכטיקטע שטילקייט. וואָס באַדייט עס? צי ווילן זיי ניט אַמאָל דערשפּירן אונדזער לעבעדיקן אָטעם? דאָך גרייטן מיר זיך צום אַרויסגיין.

צומערשט וואַרפט מען גורל, זאָל איינער אַרויסגיין אויסשפּירן די לאַגע און ברענגען וואַסער. ביז וואָס־ווען, דערהערן מיר פלוצלונג פון דרויסן אַ קלינגעדיקע קינדערישע שטים אין פּויליש, ווי אַ בת־קול פון יענער וועלט: „ווּ זייט איר? ווּ זייט איר?" איינער פון אונדז האָט זיך אינסטינקטיוו אַרויסגעכאַפּט און אויסגעשריען: „מיר זענען דאָ"! מיר האָבן געמיינט אַז מ׳איז פאַרלוירענע, ס׳קאָן דאָך זיין אַ פּאָליצייאיש שפּיצל. אָבער צום גליק איז געווען אַנדערש: דאָס האָט דאָס ייִנגל קובעק אָסטראָווסקי אונדז גערופן פון דרויסן — אַ באַווייז, אַז פּאָליציאַנטן זענען ניטאָ. איינער נאָכן אַנדערן קלעטערן מיר אַרויס אין דער שטאָק־פינצטערניש. דער לייטער איז ניטאָ און מיר מוזן שפּרינגען אויף דער ערד. מיר פאַלן אויף גופים פון מתים, וועלכע ליגן דאָ אָנגעוואָרפן אין אַ קופּע. דער ערשטער פאַרלאַנג איז — וואַסער! דער דורשט פון אַזאַ טאָג איז גרויס. צום גליק געפינט מען וואַסער און מיר טרינקען זיך אָן מיט מים־חיים. דערנאָך פאַרלאָזט מען דעם פאַרהויז, אַרויסגייענדיק אויף דער נאַכטיקער וועלט. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די פאַרנעפּלטע אויגן אַ בילד, וואָס נאָר אַ גרויל־פאַנטאַזיע קאָן עס אויסמאָלן: ווּ געפינען מיר זיך? ניטאָ מער דאָס לעבעדיקע געטאָ, אַלץ איז דאָ אַזוי גרויזאַם, פרעמד און גיהנומדיק. אין דער פינצטער, ווי ווייט און ווי ברייט, שלענגלען זיך צום הימל הונדערטער פייער־ריטער, ביזן האָריזאָנט. אַ סברה, אַז די גאַנצע שטאָט האָט געברענט. אַ טויטע שטילקייט האָט געגלייוערט אויף דער פאַרברענטער ערד.

ווּ זענען פאָרט די פּאָליציאַנטן? אַוודאי היטן זיי ערגעץ אַרום די צוימען. אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן האָבן פאַרלאָזן דאָס אָרט ווּ עס זענען נאָך דאָ באַהאַלטענע ייִדן. (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין יענער נאַכט, אויסנוצנדיק די אָפּוועזנהייט פון די פּאָליציאַנטן, האָבן זיך פאַרקליבן פּאַרטיזאַנער אין זייערע דערפער און דאָרט באַלעבאַטעוועט. האָט מען געמוזט אָפּרופן אַלע פּאָליציאַנטן — קעגן די פּאַרטיזאַנער). פאַר אונדז אָבער איז דער מאָמענט געווען זייער גינסטיק. צו ערשט האָבן זיך געלאָזט גיין אין „ראַזוויעדקע" אַ גרופּע פון 6 מאַן, צום ייִדישן בית־עולם. דאָרט וועלן זיך אַלע צונויפטרעפן. נאָך אַ 5 מינוט האָט זיך געלאָזן אויף דעם זעלבן וועג — די צווייטע גרופּע, פון אַכט. איך בין געגאַנגען אין דער דריטער, לעצטער גרופּע. געבליבן אויפן אָרט זענען די צוויי פרויען שבת מיט זייערע עופה׳לעך. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין, מיט דער האָפענונג צו זען זיך מיט זייערע מענער און האָבן זיך אומגעקערט אין דער נאָרע. מיר, אַ פיר מאַן, האָבן זיך געלאָזט דורכגיין דעם געטאָ־צוים. אָט זענען מיר שוין אין גוישע הייף, מיר דערגייען שוין צו הויכע, צייטיקע קאָרן־פעלדער, וועלכע ציען זיך צום בית־עולם. דאָ האָט זיך פלוצלונג אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן זיך פאַרלוירן, ס׳העלפן ניט קיין רופן און קיין געשרייען. כ׳בין געבליבן אַליין.

די פלוצלומדיקע איינזאַמקייט האָט אָנגעפילט מיט נייע אימה מיין גאַנץ וועזן און געהאַמערט אין די שלייפן: וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען?

איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אויף עק מיכאַלישאָק־גאַס אַ באַקאַנטן קריסט, וועלכער האָט מיר געהאָלפן אין דער געטאָ־צייט. אפשר וועט ער אויך היינט מיר העלפן? סיי ווי, קיין אַנדערן וועג האָב איך ניט. גיי איך זיך אַזוי איבער וויסטע שטעגן און כ׳קום צו צו דעם פּאַלאַץ ווױנונג. אויף מיין ציטערדיקן אָנקלאַפּן אין שויב ענטפערט עפּעס אַ פרעמדע, טויט־דערשראָקענע פרוי, וואָס קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם און הייסט וואָס גיכער אָוועקגיין — איך האָב אַ טעות...

שפּאַן איך מיר אַרום אויפן טראָטואַר פון עק מיכאַלישאָק־גאַס און דערזע פלוצלונג, אַ הונדערט מעטער פון מיר,

אַ מענטש וואָס איילט צו די פעלדער. איך שריי ער זאָל וואַרטן. אָבער דער צום טויט־דערשראָקענער מענטש נעמט פון מיר אַנטלויפן, מיינענדיק אַוודאי אַז כ׳בין אַ פּאָליציאַנט... דאָך לאָז איך ניט אָפּ מיין לעצטן שאַנס פון רעטונג און איך יאָג אים אָן. מיר פאַלן ביידע אַרויף אויף אַ שטעכלדראָט־צוים, צערייסנדיק אויף זיך די לעצטע זאַכן, וועלכע מיר פאַרמאָגן.

דער מענטש איז אַ געוועזענער זעלנער, איצט — אַ פּאַרטיזאַנער און אַ קענער פון באַוועגן זיך אויף אומבאַקאַנטע, לויערנדע וועגן. דער בחור איז מיינער אַ יוגנט־חבר און ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, ווי איך מיט אים. דאָס איז געווען משה דמשק, מיט אים איז געווען אויך זיין שוועסטער.

מיר זענען זאַלבעדריט אַרויס פון געטאָ און אַריין אין די תבואה־פעלדער, געצויגן זיך וואָס ווייטער, אַוועק פון דער טויטער, פאַרשאָלטענער שטאָט, צו די גרויסע אַרומיקע גרינע געדיכטענישן — די וועלדער.

ענדלעך אין וואַלד

הינטער אונדז — אַ פאַרוויסטע, אָפּגעברענטע און פאַרטיליקטע געטאָ־היים מיט פאַרשרפּעטע גופים פון עלטערן, שוועסטער און ברידער. פאָרויס — אויף טויזנטער קילאָמעטער לאַנג, אַ לויערנדע ערד, וואָס אויף יעדער שפּאַן דערוואַרט אונדז דער טויט. דאָך גייען מיר גרינג. דער היינטיקער פרימאָרגן איז פאַר אונדז אַ פון גאָט געשענקטער, אַ געפונענער און מיר פילן, נאָך די איבערגעקומענע גרוילן, אַז ס׳איז אַזוי לייכט צו אָטעמען אויף די זומערדיקע פעלדער־רחבותן.

מיט אַזעלכע נייע געפילן גייט אונדזער דריטל. עס פירט אונדז משה דמשק צום שטאָטישן וואַלד וואָס געפינט זיך אַ 4 קילאָמעטער פון ניעסוויזש. דאָרט דאַרפן זיך טרעפן נאָך יידן, ווי מ׳האָט געהאַט אָפּגערעדט. אויך דאַרפן קומען אַהין דמשקס ברודער און שוועסטער און אַנדערע יידן, געראַטעוועטע לעצטע מאָהיקאַנער פון געטאָ...

פאַרטאָג שפּרייזן מיר אַריבער דעם שאָסיי ניעסוויזש—האָראָדזיי. ביים ראַנד פון וואַלד שטייען הייזער, וועלכע זענען אונדז גוט באַקאַנט. איין הויז, אויסגעבויט דורכן „טאָז", האָט געדינט פאַר קינדער אַלס זומער־קאָלאָניע... וויפל גליקלעכע זומער־חדשים האָט אונדזער קינדהייט און יוגנט דאָ איינגעזאַפּט! אויך אַנדערע הייזער האָבן דאָ געדינט פאַר זומער־אָפּרו פאַר אונדזערע יידישע קינדער פון ניעסוויזש — אָרעם צי רייך. אַצינד שטייען זיי ליידיק. שוין קיינמאָל וועלן יידן ניט קומען אַהער אויף אָפּרו... מיר קוקן מיט אומזיכערקייט און פאַרדאַכט אויף די ליידיקע הייזער. אויך באַוווינטע הייזער געפינען זיך דאָ, פּויערישע כאַטעס, באַקאַנטע פון אַ סך יאָרן. טאַקע צו אַזאַ הויז ווילן מיר גיין און באַקומען וואָס צו עסן און הערן נייעס. נאָר ווען מיר האָבן דערזען שטיין מענטשן אין מיטן וועג און ווייזן צייכנס מיט די הענט איינער צום אַנדערן, רעזיגנירן מיר צו זעטיקן אונדזער הונגער און גייען אַריין אין וואַלד.

ענדלעך זענען מיר אין וואַלד, נאָר דאָך ניט אין גאַנצן זיכער. אויף דער פּאָלאַנע, אַ געבענטשטע מיט כלערליי ווילדגעוויקסן און בלומען, פּאַשעט אַן אַלטער גוי זיינע פי. דאָס בילד איז אַזוי אידיליש, אַזוי האַרמאָניש־שיין פאַרוועבט אין דער נאַטור, אַז אונדזערע הערצער זאָגן נישט קיין שלעכטס, קיין געפאַר.

מיר גייען צו צום אַלטן פּאַסטעך, ער נעמט אונדז אויף ווי הונגעריקע, פאַרבלאָנקעטע שאָף פון אַ סטאַדע, טיילט זיך מיט אונדז מיטן ביסן, באַדויערט זייער־אונדזער לאַגע און בענטשט אונדזער ווייטערדיקן וועג.

מיר פאַרשטעקן זיך ערגעץ־דאָרט אין אַ געדיכטעניש און לייגן זיך אַוועק אויסרוען די מידע קערפּערס. אונדזער צייטווייליקע היים וועט זיין דער שטאָטישער וואַלד, וווּ מיר דאַרפן זיך טרעפן מיט נאָך יידן, אַנטלאָפענע פון געטאָ.

פלוצלונג ווערט צעשטערט אונדזער רו: פון טראַקט הערן זיך געשרייען, עס הילכן אָפּ איינציקע שאָסן און נאָך דעם — האַרצרייסנדע יללות פון קינדער. דאָס האָבן פּאָליציאַנטן דערשאָסן צוויי קינדער, אַנטלאָפענע פון געטאָ. ס׳ווערט קלאָר, אַז אויך מיר זענען באַדראָט, הגם דאָ איז די מורא אַ סך קלענער ווי אין געטאָ.

מיר ליגן אַזוי אין דער וואַלד־באַהעלטעניש שעהן־לאַנג. פון צייט צו צייט הילכן אָפּ איינצלנע שאָסן. מיר וואַגן ניט אַרויסגיין זוכן אונדזערע ברידער יידן, וואָס דאַרפן ליגן פאַרשטעקט אַזוי ווי מיר.

מיטאָג־צייט דערהערן מיר אַ געריידעריי ניט ווייט פון אונדז. אינסטינקטיוו באַפאַלט אונדז אַן אימה: דאָס זענען זיי — די פּאָליציאַנטן. אָבער ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייַדיקע איבעראַשונג, ווען מיר האָבן דייטלעך דערזען אונדזערע פינף ברידער־יידן: ר׳ משה לאַכאָוויצקי מיט זיין טאָכטער פריידל, בערל אַלפּעראָוויטש און אינזשיניער גאָלדבערגס פרוי מיטן קינד. די שמחה פון טרעפן זיי איז געווען גרויס און פול ביז טרערן. אַצינד ציילט שוין אונדזער וואַלד־משפּחה 8 מאַן. ס׳ווערט הי״מלעכער אויפן געמיט. מיר דערציילן זיך קעגנזייטיק אונדזערע איבערלעבענישן און די האָפענונג וואַקסט.

ר׳ משה לאַכאָוויצקי, אַ ליבער און קלוגער ייד, איבער 50 שוין. אַ גוטער סטאָלער און אַלס אַ ספּעץ אין זיין פאַך האָט ער איינגעריכטעט אַזאַ באַהעלטעניש ביי זיך אין שטוב, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג זוכענישן. דאָרט האָבן אויך געפונען אַ מקום מקלט זיין טאָכטער און די משפּחה גאָלדבערג (פיר נפשות). די פיר ברידער און שוועסטער דמשק האָבן זיך געראַטעוועט אין זייער סכראָן, ווייל זייערע הייזער אויפן עק מיכאַלישאָק־גאַס האָט די געטאָ־שריפה ניט פאַרצוקט און אַלע זענען אַרויס און דערגאַנגען אין וואַלד. בערל אַלפּעראָוויטש האָט אייניקע שעה פאַרן אָפּשיסן דאָס געטאָ אים פאַרלאָזן און קיינער האָט ניט געוווּסט צי ער איז אַוועק. אַצינד איז ער דאָ — און זייער נוצלעך איז ער ביי אונדז, דער געזונטער, שרעקלאָזער בערל. נאָך מער, ער, דער פריינדלעכער בערל איז ווי געשיקט געוואָרן מן השמים אַרויפצופירן אונדז אויף דעם ריכטיקן וועג, צו די פּאַרטיזאַנער טאַקע.

בערל האָט אַ באַקאַנטן חבר קאַזשיק, אַ פּאָלאַק, ער וווינט ניט ווייט. קאַזשיק האָט קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער און מיט אונדזערן אַ „מקורב", אַ בן־עיר, וועלכער רופט זיך יוזיק (יוזעף מאַרכווינסקי). מיר אַלע קאָנען אים, דעם פּוילישן קאָמוניסט און יידן־פריינד. פון צייט־צו־צייט קומט יוזיק מיט זיין גרופּע צו קאַזשיקן און ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אַ דאַנק דעם וועלן מיר געהאָלפן ווערן מיט אמתע פּאַרטיזאַנער, ווייל אָן זיי — וואָס באַדייטן מיר אומבאַוואָפנטע, שוואַכע און הונגעריקע יידן? אונדזער האָפענונג וואַקסט.

דערווייל גיט אונדזער קאָלעקטיוו זיך אַן עצה: מען טיילט זיך מיטן ביסן ברויט וואָס עמיצער פאַרמאָגט, אַנדערע האָבן אויך געלט און גאָלד מיט זיך — ניט געדאגהט! ביינאַכט וועט בערל גיין צו זיין קאַזשיקן נאָך אינפאָרמאַציעס און קויפן עסנוואַרג.

נייעס פון דער פאַרשניטענער שטאָט

פאַרנאַכט צו גייען מיר אַרויס אויף אַ באַשטימטן אָרט און אין אָוונט לאָזט זיך אַוועק אונדזער בערל צו זיין באַקאַנטן

פּאָלאַק. אויך משה דמשק גייט אויפזוכן זיין ברודער און שוועסטער, וואָס דאַרפן זיין אין די פעלדער אַרום.

מיר וואַרטן מיט שפּאַנונג אויף זייער צוריקקער. און ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען שוין נאָענט צו חצות האָבן זיך אומגעקערט בערל און משה מיט זיינע אָפּגעפונענע ברידער און שוועסטער.

אויסער דעם עסן האָט בערל געבראַכט פרישע נייעס פון קאַזשיקן, וועלכער איז בייטאָג געווען אין שטאָט און ווייס צו דערציילן וועגן אַנטדעקונגען פון סכראַנען, צווישן זיי — אויך דעם סכראָן ווו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן. נייע צענדליקער קרבנות האָט דער טאָג פאַרצייכנט. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך פאַרטאָג אומגעקערט אין געטאָ, געזוכט און געפונען פאַרבאַהאַלטענע יידן. די שול, ווו ס׳האָבן זיך געפונען ביי 80 געטאָקעמפערס שוין נאָך דער שלאַכט, אין וועלכער ס׳זענען געפאַלן אויך אייניקע פּאָליציאַנטן, איז געוואָרן אויפגעריסן מיט דינאַמיט — און אַלץ ליגט דאָרט אין ברוך־שטיקער. אויך רעדן די גויים וועגן אַנטלאָפענע יידן וואָס דאַרפן זיך געפינען אין אונדזער וואַלד, דעריבער מעג מען זיך ריכטן אויף אַ גרויסע אָבלאַווע אין די אַרומיקע וועלדער. אונדזער איינציקע האָפענונג — יוזשיק מיט זיין גרופּע פּאַרטיזאַנער — דאַרפן ערשט קומען אין אַ 5 טעג אַרום, דערווייל דאַרפן מיר מאַנעווורירן אין דער געגנט, זיין וואַכזאַם און ניט אַריינפאַלן אין די פּאָליציישע הענט.

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע ערשטע טעג און נעכט אין וואַלד. צוליב פאָרזיכטיקייט האָבן מיר מאַנעווורירט, ווייענדיק פאַרשטעקט איין מאָל אין רעכטן זייט וואַלד פון שאָסיי, און אַ צווייטן מאָל — אין לינקן זייט, האַלטנדיק אָן אויפהער וואַך. דאָך איז קיין אָבלאַווע ניט פאָרגעקומען, אויסער וואָס אייניקע מאָל איז דייטשע זשאַנדאַרמעריע דורכגעפאָרן אויף לאַסט־אויטאָס מיט קאָנפיסקירטע קי און אַנטדעקט אונדזער באַהעלטעניש, אָדער פויערטעס וואָס האָבן געקליבן יאַגעדעס האָבן באַמערקנדיק אונדז, מיט געוואַלד און בהלה געגומען אַנטלויפן ווי פון וואַלד־־רוחות. אַזעלכע פאַלן האָבן אונדז געצוווּנגען דרינגענד צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און זיך אַריבערטראָגן אין אַ צווייט אָרט אין וואַלד, ווייט־ווייט פון ערשטן — און אַזוי כסדר. אויך האָבן טאָג־טעגלעך און שעהן לאַנג געגישטערט איבער די וועלדער, ווי ריזיקע שפּאַרבערס, דייטשע עראָפּלאַנען.

אַזוי זענען זיך געגאַנגען די אויגוסט־טעג, זוניקע און מחיהדיקע אין וואַלד־שאָטן, און אין נעכט — לבנהדיקע און קילע. מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, געוואַרעמט און געטרייסט זיך מיט האָפענונג. יעדן אָונט איז אונדזער בערל געגאַנגען צו זיין קאַזשיקן און איינגעשאַפן פאַר אַלעמען פראַדוקטן. גאָט צו דאַנקען, אַפילו קיין הונגער ליידן מיר אויך ניט. אויפן דריטן טאָג זענען מיר געוואָרן באַרייכערט מיט אַ שטיקל געווער אויך, הגם אַ פאַרזשאַווערטס, פאַרלויפיק אַ לאַ־יוצלחדיק, אָבער ווי ס׳האָבן באַהויפּטעט אונדזערע מבינים, וועט עס טויגן פאַר דער צוקונפטיקער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. דאָס איז געווען אַ מאַשין־ביקס פון אַ רוסישן טאַנק, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ געדיכטן בוים, אַ פאַרלאָזענער פון אַ רוסישן טאַנקיסט און געוואַרט אויף זיין גואל. האָט גאָט געשיקט אַ גוס־רעגן, דער בוים האָט אונדז צוגעצויגן און אָפּגעליפערט זיין פּקדון. כאָטש ער האָט געוויגן ביי 16 ק״ג, האָט ער גרינג געמאַכט אונדזער גאַנג — מיר האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן! וואָס שייך דיסקן און קוילן צו אים — וועלן מיר קריגן! מיר גלויבן!

אויף דער פערטער נאַכט זענען בערל און משה אַוועק, ווי שטענדיק, צו קאַזשיקן קויפן עסן און הערן וועגן אָנקום פון די פּאַרטיזאַנער. זיי זענען געגאַנגען פאָרזיכטיק צווישן די תבואה־שטעגן. פלוצלונג האָבן שאָטנס זיך באַוויזן אויפן וועג, האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין דער תבואה און נאָכגעפאָרשט. ווער קאָן דאָס זיין? אַז די שאָטנס — פינף אין צאָל — האָבן זיך דערנענטערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן: יידן! זענען אונדזערע אַרויס אַנטקעגן, יענע האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּליטה, אָבער יידישע ווערטער האָבן זיי אָפּגעשטעלט און אומגעקערט צו זייערע ברידער. אַזוי זענען אָנגעקומען צו אונדז אין יענער נאַכט גרשון פאַרפעל, זיין זון דוד מיט זיין ווייב עלקע ווי אויך צוויי „ביעזשענצעס״ (פּליטים) — קראַמאַרסקי און חיים גאָלדשטיין. גאָט צו דאַנקען, אונדזער גרופּע האָט שוין געציילט 15 מאַן. ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד!

וועגן זייערע איבערלעבונגען האָבן זיי דערציילט אָט וואָס:

ווען ס׳האָט אָפּגעהילכט דער אויפרייס לעבן געטאָ־טויער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ מיט קוילן און פלאַם, זענען זיי אַריינגעשפּרונגען אין דער קצבים־שול און זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ קעלער, ווו מ׳איז אָפּגעזעסן קאַשמאַרפולע שעהן. דערווייל איז די לאַגע געוואָרן געפערלעכער פון מינוט צו מינוט. זייער צייטווייליקע באַהעלטעניש אין קעלער האָט נישט פאַרזיכערט אויסצוהאַלטן די געפאַרן פון די פלאַמען, ווי אויך ניט אַנטדעקט צו ווערן פון דער פּאָליציי. פלוצלונג האָבן זיי אַנטדעקט אונטער זייער קעלער נאָך איין קעלער, אַ צווייטן שטאָק אין דער ערד, וואָס קיינעם איז נישט איינגעפאַלן וועגן דעם צו טראַכטן. האָבן זיי אויפגעריסן אַ בעלקע און זיך אַריינגעלאָזן אין דער נייער באַהעלטעניש, ווו מ׳איז אָפּגעזעסן פיר מעת־לעת אָן עסן און טרינקען. דער פייערשטורעם, ווי אויך די מענטשלעכע כלבים האָבן צו זיי נישט דערגרייכט. נאָך פיר מעת לעת, ניט קאָנענדיק מער אויסהאַלטן, האָבן זיי זיך פאַרלאָזן אויפן גורל, ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען, פאַרנעמענדיק זיך דורך די פעלדער אין שטאָטישן וואַלד. אונדזערע בראַווע בחורים האָבן זיי געפונען בלאָנדזשענדע און אויפגענומען אין אונדזער גרופּע.

אין יענער נאַכט האָט בערל געבראַכט צו אונדז אויך קאַזשיקן, דעם ווילן און טרייען פּאָלאַק, וואָס האָט אַזוי טיף־מענטשלעך געפילט אונדזער טראַגעדיע. ער האָט זיך באַמיט אונדז טרייסטן און פאַרשפּראָכן העלפן מיט אַלעם מעגלעכן. ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען די פּאַרטיזאַנער און ווי ער ווייסט, דאַרפן זיי אָנקומען שוין מאָרגן. לאָמיר האָפן, אַז מאָרגן וועט זיין אונדזער באַגעגעניש.

אַלע זענען צופרידן פון קאַזשיקס פאַרשפּרעכונג, מיר באַדאַנקען אים האַרציק פאַר זיינע טובות צו אונדז. מיר שיידן זיך פריינדלעך־ברודעריש. צום ווידערזען — מאָרגן!

ווי דערלעבט מען שוין דעם גרויסן מאָמענט?! ווען וועלן מיר זיך שוין טרעפן מיט אמתע פּאַרטיזאַנער?!

סוף־סוף האָבן מיר זיך דערוואַרט. טאַקע אויפן פינפטן טאָג פון אונדזער בלאָנקען אין שטאָטישן וואַלד — זענען זיי אָנגעקומען, אַ 10 מאַן. ווי הערלעך זיי האָבן אויסגעזען, אונדזערע באַפרייערס. אַלע מיליטעריש געקליידט, מיט אויטאָמאַטן אין די הענט און רויטע שטערנדלעך אויף די פוראַזשקעס. בראש האָבן געשפּאַנט יוזשיק מיט קאַזשיקן. ווען מיר האָבן זיי דערזען, איז אויסגעבראָכן אַ געוויין פון פרייד און פון ווייטאָק, וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן אויך ביי די פאַרהאַרטעוועטע רוסישע זעלנער.

אויסער דעם פּאָלאַק יוזשיקן זענען אַלע געווען רוסישע טיפּן. אייניקע פון זיי — לייטענאַנטן און איינער גאָר אַ יונגינקער פון 15 יאָר, אַ פעסט געבויטער.

זיי האָבן אויסגעהערט אונדזער טראַגעדיע, דאָך איז שווער געווען זיי איבערצוצייגן זיי זאָלן שוין דערצידירן אונדז מיט־

נעמען מיט זיך. זיי האָבן דערקלערט, אַז מען גייט איצט „נאַ וואָסטאָק", אויף מזרח, אויספירן אייניקע אויפגאַבן און ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן בשלום — וועט מען זען.

מיר האָבן אונדזער גאַנצע האָפענונג געלייגט אויף יוזשיק מאַרכווינסקי, אים געבעטן ער זאָל אונדז ניט איבערלאָזן אויף הפקר, וואָס מיינט — זיכערער אומקום. איבערהויפּט האָט פריידל לאַכאָוויצקי גוט געקענט יוזשיקן און האָט זיך באַמיט ווירקן אויף אים ער זאָל האַלטן וואָרט און אונדז אַרויסנעמען פון דאַנען. צום סוף האָט ער געגעבן זיין ערן־קאָמוניסטיש וואָרט אַז דעם צוזאָג וועט ער דערפילן.

דאָ איז כדאי צו דערציילן בקיצור וועגן יוזשיקס פאַרגאַנגענהייט: ער שטאַמט פון לאָדזש, געווען דאָרט אַן אַקטיווער קאָמוניסט, געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס און איז לאַנגע יאָרן געזעסן אין תפיסה. שפּעטער, מיטן אָנקום פון די דייטשן, איז ער אַנטלאָפן און מיט זיין יידישער פרוי און אַ קליין קינד אָנגעקומען אין ניעסוויזש. זיין פרוי, אַלס אַ יידישע, איז אומגעקומען אין דער ערשטער מאַסן־שחיטה. יוזשיק מיט זיין קליין קינד זענען געבליבן אויף געהאַקטע צרות. דאָס קינד איז באַלד קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. יוזשיק האָט זיך געהאַלטן מיט די געטאָ־יידן, געשמט אַלס אַ יידן־פריינד און באַוווּסטער קאָמוניסט. אַזוי האָבן זיך געצויגן חדשים, ביז פרילינג 1942. ווען ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען נייע אַרעסטן און מאָרדן פון ליבעראַלע מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, איז מען געקומען אויך נאָך אים. אָבער יוזשעק, אַנשטאָט עפענען די גאַס־טיר, האָט אויפגעפראַלט דאָס הינטערשטע פענצטער און איז פאַרשוווּנדן, אָנגעקומען צו זיין פריינד קאַזשיק, וואָס האָט אים אָנגעטאָן אין אַ פּוילישן מיליטערישן מונדיר, געגעבן אַ ביקס אין האַנט און ער איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. ער האָט דערגרייכט די נאַליבאָקער פּושטשע ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די מערהייט פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. זיין קעמפערישע נאַטור און קאָמוניסטישער אידעאַליזם האָבן אים דערהויבן צו אַ גרופּן־פירער. ער האָט אויסגעפירט אַלע אָנפאַרטרויטע אים אויפגאַבן. די רוסן האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ און געשעצט זיין האַלטונג און טאַקט. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרראַטן דעם ערלעכן וועג פון אַ קאָמוניסט. דאָס איז געווען אפשר דער איינציקער פּאַלאַק פון דעם מין, וואָס האָט פאַרדינט צוטרוי אויך מצד די רוסישע שטאַבן. ער האָט דורכגעמאַכט דעם העראָישן פּאַרטיזאַנער־וועג מיט אַ סך קאַמפן און נצחונות, פאַרדינט מיליטערישע אויסצייכענונגען. אין דער נייער פּוילישער רעגירונג האָט ער באַקומען דעם ראַנג פון מאַיאָר און לעבט אין לאָדזש מיט זיין יידישער פּאַרטיזאַנען־פרוי אסתר *.

ווי דערמאָנט האָט אונדז יוזשיק געגעבן זיין ערן־וואָרט, אַז ווי באַלד זיי וועלן זיך אומקערן פון זייער אָפּעראַציע, נעמט ער אונדז מיט צו זיך אין דער בריגאַדע וואָס סטאַציאָנירט אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. דאָרט האָבן זיי אייגענע וואַרשטאַטן און אַ ווירטשאַפט — אַלע וועלן צונוץ קומען.

מיט האַרציקע ווערטער דאַנקען מיר יוזשיקן פאַר זיין אויפמונטערנדיקן צוזאָג. מיר פאַרברענגען צווישן פּאַרטיזאַנער אייניקע שעה, עסן אָפּ זאָט, צום ערשטן מאָל, זייער אָוונט־ברויט — און צעשיידן זיך.

מיר וואַרטן מיט אומגעדולד צוויי מעת לעת — עפּעס פאַרזאַמען זיי זיך אָנצוקומען. צי האָט, חלילה, פּאַסירט אַן

* יעזשיק מאַרכווינסקי מיט זיין פרוי אסתר, אַן אַנטלאָפענע פון מירער געטאָ, געפינען זיך איצט (1974) אין דעינעמאַרק, צוזאַמען מיט זייערע צוויי זין.



אַנטהילונג פון דער מצבה נאָך די קדושים פון דער ניעסוויזשער קהילה אין דעם „מרתף השואה" ירושלים.

הסרת הלוט מעל לוח הזכרון לקדושי קהילתנו, במרתף השואה בירושלים.

בעורה משמאל לימין: גוטה פרפל, יוסף ברזין, פייבה מילעטיין, שלמה פרפל, ירחמיאל שניצר, בנימין יואלי, חיים שניצר, אברהם ברזין.
העורה מימין לשמאל: יוסף צחנובין, צבי פטשניק, מרים גוטרמן־אייזנבוד, גנסיה מלבסקי, בתיה ליאכוביצקי, יונה גבריאלוב, פיינמסר (בעלה של יונה גבריאלוב), . . . , דוד פרפל, יצחק וולוז'ינסקי, מרדכי בידובלה.

אומגליק? די גאַנצע דריטע נאַכט וואַכן מיר מיט ציטער אויפן גורל פון אונדזערע רעטער און ערשט פאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען אומעטיקע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

— וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט, חברים־פּאַרטיזאַנער?

פּאַסירט האָט דאָס וואָס קאָן פּאַסירן מיט פּאַרטיזאַנער. פאָרנדיק שוין צוריק, זענען זיי אַרויף אויף אַ פּאָליציייאישער זאַסאַדע, געלאָזן אַלץ אויף זייערע פורן און אָפּגעטראָטן צוריק. דער יינגסטער פון זיי איז פאַרשווּנדן און וואָס ס'איז מיט אים געשען — ווייסט קיינער ניט. (מיט אייניקע טעג שפּעטער איז ער געקומען צוריק צו זיין גרופּע, אין די וועלדער פון ניעמאַן). דערווייל איז די שטימונג אַ טרויעריקע, געקומען מיט ליידיקע הענט, געהאַט אַן אומגעריכטע מפּלה. נאָר דאָך קומען די פּאַרטיזאַנער ווידער צו זיך — דערויף זענען זיי פּאַרטיזאַנער צו קאָנען זיך באַהערשן אין אַלע מאָמענטן.

נאָך אייניקע טעג אָפּרוען זיך אין אַ ווילד פאַרוואַקסענעם ווינקל אין וואַלד, רירט אונדזער גרופּע אַרויס אין וועג, אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. מיר שפּאַנען אייניציקווייז אין א לאַנגער ריי, פאָרויס און פון אונטן באַוואַכט מיט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. מיר גייען גיך אין זייט פון סטאָלפּצער טראַקט, מיטטראָגנדיק אונדזער מאַשין־ביקס. אַזוי גייען מיר אַ גאַנצע נאַכט, ניט אָנטרעפנדיק קיין לעבעדיק וועזן. פאַרטאָג „באָמבאַרדירן" מיר אין אייניקע כוטאָרס פּראָדוקטן און פאַרנעמען זיך אין דער ריכטונג וואָס דאַרף דורכשניידן די אייזנבאַן־ליניע האָראָדזיי — סטאָלפּצי.

דעם טאָג רוען מיר אין אַ געדיכטן וועלדל און פאַרנאַכט גייט מען ווידער אין וועג, נענטער צום אייזנבאַן, אַלץ מער פאָרזיכטיק, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן מענטשלעכע ישובים. אַ פּאָר הונדערט מעטער פון די באַן־רעלסן בלייבן מיר שטיין. אונדזערע וועג־פירערס זענען פאָרזיכטיק, צי לויערט ניט קיין געפאַר. דערווייל יאָגן פאַרביי מיט אַ טראַסק אייניקע העלבאַלויכטענע צוגן. דאָס איילט דער שונא צום פראָנט און ער האַלט שטאַרק באַוואַכט די וועגן, דערפאַר איז אַ געפאַר זיי אַדורכצושפּרייזן.

מיר וואַרטן אָפּ אַ מאָמענט ווען אַ וואָלקן פאַרציט די לבנה מיט אַ פינצטערניש־שלייער און דאַן, מיט קלאַפּנדיקע הערצער פון שפּאַנונג, לאָזן מיר זיך גיין דורך ווילד־פאַרוואַקסענע אומוועגן און תבואה־פעלדער. ניט ווייט שטייען כוטאָרס, און הינט, דערשפּירנדיק אונדזער אָנקום, צעבילן זיך מוראדיק. דאָך זעצן מיר פאָר אונדזער וועג. עס דויערט ניט לאַנג און מיר קומען צו צום אייזנבאַן־וואַל, איינער נאָכן אַנדערן פויזן מיר אַדורך די ליניע און ווערן איינגעהילט אין אומענדלעכן ים פון תבואה. אונדזער מאַרשרוט איז צום ניעמאַן — דאָרט געפינען זיך די ערשטע פאַרפּאָסטנס פון די פּאַרטיזאַנער, דאָרט הייבט זיך אָן די פּאַרטיזאַנער־זאָנע ווו אַלע דערפער זענען פּאַרטיזאַניש געשטימט.

אַזוי איז אונדזער גרופּע, די געראַטעוועטע דורך כלערליי נסים, אַריין אינעם מלכות פּאַרטיזאַנער, ווו מ'איז ניט אינגאַנצן זיכער מיטן יידישן קאָפּ. אויך דאָ האָבן געלויערט אומצאָליקע געפאַרן פון דייטשע קוילן און פון פיינטלעך געשטימטע צו יידן פּאַרטיזאַנער.

זאָל אונדז דער אויבערשטער שומר ומציל זיין...

א הערלעך קאַפּיטל פון יידישן ווידערשטאַנד

יצחק אַלפּעראָוויטש

יאָרן זענען פאַריבער זינט יענעם זומערדיקן פרימאָרגן פון 22סטן יולי 1942 יאָר, ווען פונעם דאַך פון דער גרויסער שול אין ניעסוויזשער געטאָ, איז געפאַלן דער ערשטער שאָס מצד די העלדישע יידישע קעמפערס וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן דעם בלוטיקן היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

אַ הייפעלע קעמפערס זענען זיי געווען, אַ הייפעלע אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל באַוואָפנטע היטלעריסטן, ווייסרוסישע פּאָליציי און ליטווישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן יענעם פרימאָרגן געדיכט אַרומגערינגלט דעם געטאָ און געגרייט אים צו געבן אַ טויט־קלאַפּ. נישט קוקנדיק דערויף, האָבן די יונגע יידישע קעמפערס באַשלאָסן זיך נישט אונטערצוגעבן, שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא און אַזוי אַרום אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן פאַשיזם בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

וועגן דאָזיקן אויפשטאַנד האָבן בשעתו געשריבן די אונטערערדישע אויסגאַבעס פון וואַרשעווער געטאָ און געשיקט באַריכטן קיין אויסלאַנד. אַזוי צום ביישפּיל, לייענען מיר צווישן אַנדערן אין דעם געהיים־אַרויסגעשיקטן באַריכט פון דעם אונטערערדישן „בונד" קיין אויסלאַנד, דאַטירט פון 31סטן אויגוסט 1942, די פאָלגנדיקע ידיעה:

„דאָ און דאָרט זענען געווען פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. הייזער זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך באַריקאַדן, און אין געוויסע שטעט, למשל, ניעסוויזש, איז אַפילו געשטעלט געוואָרן אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד".

די געשיכטע פון ניעסוויזשער געטאָ איז נישט קיין לאַנגע, פונקט ווי ס'איז נישט לאַנג די געשיכטע פון אַנדערע געטאָס אויף דער טעריטאָריע פון מערב־ווייסרוסלאַנד. סך הכל 9 חדשים האָט עקזיסטירט דאָס געטאָ (נאָוועמבער 1941 — יולי 1942). אָבער פאַר דער קורצער צייט האָבן די יידן איבערגעלעבט שווערע, פינצטערע צייטן, ווען יעדן טאָג האָט מען געוואַרט אויפן טויט.

נאָך דער גרויסער שחיטה פון 30סטן אָקטאָבער 1941 יאָר, ווען די היטלעריסטן האָבן דערמאָרדעט איבער 4000 יידן פון ניעסוויזש, זענען לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער היטלעריסטישער מאַכט, אָפּגעקליבן געוואָרן קרוב 600 פאַכמענער מיט זייערע משפּחות און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ.

די טעריטאָריע פון געטאָ איז געווען קליין און האָט אַרומגענומען קוים עטלעכע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט. דאָס האַרץ פון געטאָ איז געווען דער שול־הויף, ווו ס'האָבן זיך געפונען 7 בתי־מדרשים. וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקלאַדן און אין דירות. בלויז דער נייער בית־מדרש איז געבליבן דאָס איינציקע אָרט, ווו יידן האָבן געדאַוונט, געזאָגט קדיש און געמאַכט זייערע אַסיפות.

דאָס געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָט און באַוואַכט פון אינעווייניק דורך דער יידישער פּאָליציי און פון דרויסן דורך דער פאַשיסטישער, ווייסרוסישער פּאָליציי.

מיטן לעבן פון געטאָ האָט אָנגעפירט דער יודענראַט, בראש פון וועלכן די דייטשן האָבן אַוועקגעשטעלט דעם קאָלאַבאַראַנט אַדוו. מאגאליף — אַ געוועזענער פליט פון וואַרשע. מאגאליף האָט אָרגאַניזירט פאַרשידענע וואַרשטאַטן אין געטאָ און באַשעפטיקט כמעט אַלע געטאָ־איינוווינער. שוין גלייך פון די ערשטע וואָכן איז ביי דער פאַרשפאַרטער אין געטאָ יוגנט געבוירן געוואָרן אַ פלאַן וועגן אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ, וועלכע וואָלט באַדאַרפט אין פאַל פון אַ שחיטה שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דעם שונא און נישט לאָזן זיך אויסקוילענען, ווי דאָס האָט פאַסירט בעת דער ערשטער שחיטה. די יוגנט האָט געלעכצט נאָך נקמה פאַר די אומגעקומענע משפחות.

אין אָנבליק פון דער געשאַפענער לאַגע איז לויט דער איניציאַטיוו פון דעם פאַרוואַלטער פון דער אונטערערדישער שול אין געטאָ — דער לערער שלום כאַלאַווסקי, אַנטשטאַנען די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ שטאַב פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין באַשטאַנד פון די חברים:

קאָמאַנדיר — שלום כאַלאַווסקי.

שטאַב־מיטגלידער: ירחמיאל שקלאַר, סיאָמקע פאַרפעל, בערל אַלפעראָוויטש, פריידל לאַכאָוויצקי, משה דמשק, פאַליאַטשאַק, נתן מעסער, באַרנשטיין, בוזין, רעכטמאַן. — (די לעצטע 4 זענען געווען פליטים פון פוילן).

אַלע חברים פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע זענען פאַרטיילט געוואָרן אין פינפטלעך — בראש פון יעדער פינפטל איז געשטאַנען אַ קאָמאַנדיר — אַ מענטש, וועלכער איז פריער געווען אַן אויסגעשולטער מיליטער־מאַן.

יעדעס פינפטל האָט זיך אָנגעהויבן לערנען באַגיין מיט הייס און קאַלט געווער און זיין גרייט אויף יעדער עווענטועלער מעגלעכקייט צו באַגעגענען דעם שונא מיט אַ האָגל פון פייער.

דער יודענראַט און די עלטערע מענטשן פון געטאָ, האָבן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען זיך באַמיט אָפּצווענדן די יוגנט פון אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ, מאָטיווירנדיק, אַז אויב די דייטשן וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן, וועלן אַלע ווערן אויסגעקוילעט (קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט).

אין יענער צייט, אָנהייב 1942 יאָר, האָבן זיך שוין באַוויזן אין די וועלדער פון באַראַנאָוויטשער געגנט קליינע גרופן פאַרטיזאַנער (די אַלגעמיינע פאַרטיזאַנישע באַוועגונג האָט זיך נאָך דאַן געפונען אין די וויקעלעך). אָבער צום געטאָ זענען שוין דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין די וועלדער געפינען זיך פאַרטיזאַנער און די ניעסוויזשער יידישע יוגנט פון געטאָ האָט געהאָפט איינצושטעלן מיט זיי אַ קאָנטאַקט.

דערווייל איז מען צוגעטראָטן דעראָבערן געווער. אָבער ווי אַזוי? אויסנוצנדיק די מעגלעכקייט, וואָס צוויי יידישע מיידלעך דיקער און קאַהאַן האָבן געאַרבעט אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור ביים רייניקן געווער, איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט אַרויסצוגנבענען טיילן פון געווער און אַמוניציע און איבערשמוגלען עס אין געטאָ. פאַר אַ קורצער צייט איז די העלדישע מיידלעך געלונגען צונויפצוקלייבן טיילן פון אַ קוילנוואַרפער און איבערגעבן אים אין רשות פון שטאַב פון דער זעלבשוץ. גלייכצייטיק האָבן זיי געבראַכט טיילן פון ביקסן, עטלעכע גראַנאַטן און קוילן.

דאָס געטאָ האָט, אַלזאָ, געהאַט אין זיין רשות אַ קוילנוואַרפער — אַ זעלטן געווער אין יענע באַדינגונגען. אויך איז געלונגען בערל אַלפעראָוויטשן אַרויסצוגנבענען פון אַ דייטשישן סקלאַד עטלעכע פיסטאָלעטן און זיי איבערגעבן דעם שטאַב פון דער זעלבשוץ.

עס איז אויך געשטאַנען די אויפגאַבע צוצוגרייטן „קאַלט״ געווער: מעסערס, אייזנס, שטיינער, העק, רידלען. אויף דעם כעמיע־אינזשיניער גאָלדבערג איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אחריות פון פראָדוצירן שוועבלזויער־פלעשלעך, כדי אין בייטיקן מאָמענט וואַרפן זיי אויפן שונא און אויסברענען זיי די אויגן. עס זענען אויך צוגעגרייט געוואָרן אַ היפשע צאָל פלעשלעך מיט בענזין און נאַפט, כדי אין מאָמענט פון אויפשטאַנד אונטערצוצינדן דאָס געטאָ. אַזוי האָט אויסגעזען דער געווער־„אַרסענאַל״ פון דער ניעסוויזשער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. ס׳זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן פינפטלעך בראש פון וועלכע ס׳זענען געשטאַנען חברים, וועלכע האָבן געדינט אין פוילישן מיליטער.

אין פרילינג 1942 יאָר, האָט שוין די ניעסוויזשער געטאָ־זעלבשוץ געהאַט אין איר רשות קרוב אַ האַלבע מאה אַקטיווע קעמפער, וועלכע זענען גרייט געווען צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא, און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מערווייניקער אָרגאַניזירטן כוח, וועלכער איז געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

דער לאָזונג פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע איז געווען: „תמות נפשי עם פלישתים״.

אַנדערע האָבן אויף דער אייגענער האַנט געגראָבן בונקערס און „מעלינעס״ און געהאָפט דאָרט „איבערזיצן״ די טרויעריקע צייט. צוליב די שווערע באַדינגונגען פון באַוועגן זיך, איז נישט געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרטיזאַנער, אַזוי, אַז אין פאַל פון ליקווידירן דאָס געטאָ, איז נישט געווען פון וועמען צו דערוואַרטן הילף.

נאָך דער מפּלה, וואָס די היטלעריסטן האָבן באַקומען ווינטער 1941/42 הינטער מאָסקווע, ווען זיי זענען געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן צוריק אויף מערב, איז דער אָקופּאַנט געוואָרן נאָך אכזריותדיקער און די לאַגע אין די געטאָס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט. עס האָט זיך אָפּט איבערגעחזרט דאָס דערשיסן יידן אָן אַ פאַרוואָס, דער טעגלעכער שפּייז־ראַציאָן האָט זיך פאַרקלענערט, דערביי איז דער ווייסרוסישער פּאָליציי, וועלכע האָט באַוואַכט דעם געטאָ, געגעבן געוואָרן פרייע הענט צו זיין די פאַקטישע באַלעבאַטים.

אין מערץ 1942 יאָר איז אין באַראַנאָוויטשער געטאָ פאָרגעקומען אַ ריזיקע שחיטה און די ידיעה איז גיך דערגאַנגען קיין ניעסוויזש. די יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן און די שווערד פון מלאך־המות וועט זיך אַראָפּלאָזן אויך אויפן ניעסוויזשער געטאָ.

אָנהויב יולי 1942 איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז די היטלעריסטן ליקווידירן די שכנותדיקע געטאָס אַרום ניעסוויזש. דעם 17 יולי 1942 האָבן זיי אויסגעקוילעט די יידן פון סנאָוו, (18 קלמ. פון ניעסוויזש). איצט איז נישט געווען קיין ספק, אַז יעדע שעה קען מען זיך ריכטן אויף אַ שחיטה.

די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט גערופן אירע מיטגלידער צו זיין גרייט און ווען די היטלעריסטן וועלן אָנהייבן די אַקציע צו ליקווידירן דאָס געטאָ, זאָל מען שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אונטערצינדן דאָס געטאָ און דערמעגלעכן אַ טייל צו אַנטלויפן אין וואַלד. דער פּרעזעס פון יודענראַט האָט געוואָרנט די יוגנט נישט צו האַנדלען אויף דער אייגענער האַנט.

אין אָנבליק פון דער דערוואַרטעטער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט דער שטאַב פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע גערופן די יידן פון געטאָ אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין דעם נייעם בית־המדרש, בכדי צו אָפּריכטן די אזכרה נאָך די אומגעקומענע יידן פון האָראָדזיי, און גערופן צו אַן אַנטשיידענע שלאַכט מיטן שונא.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט דער גאַנצער עולם

מיט געשטיקטע טרערן געזאָגט קדיש בציבור נאָך די קדושים פון האַראַדזיי. און דער אָנפירער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע שלום כאָלאַווסקי האָט מיט רירנדע ווערטער זיך געווענדעט צום עולם:

„ייִדן, מיר זענען אָפּגעריסן און איינזאַם פון דער ייִדישער וועלט, אפשר וועט נישט דערגיין צו זיי אונדזער רוף. אפשר זענען מיר שוין די לעצטע ייִדן פון די לעצטע געטאָס. בלויז שטומע וועגנט וועלן קענען דערציילן דאָס, וואָס זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט...

...ייִדן, לאָמיר פאַרטיידיקן דעם געטאָ, לאָמיר קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט מיט דעם בלוטדורשטיקן שונא אויף דעם שטח פון קליינעם געטאָ, — לאָמיר קעמפן אַזוי ווי ס'האָבן געקעמפט די לעצטע ייִדן פון ארץ־ישראל! לאָמיר זיין גרייט צו דעם, — דאָס קען פּאַסירן יעדע מינוט, יעדע רגע...

דעם 18טן יולי זענען די היטלעריסטן אַריין אין געטאָ און צוגענומען זייערע זאַכן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן.

דעם 21סטן יולי איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ גרויסע אָפּטיילונג ליטווישע פאַשיסטן. עס איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ גרויסער קאָרדאָן פּאָליציי. דעם זעלבן טאָג בייַנאַכט איז שוין דאָס געטאָ געווען געדיכט אַרומגערינגלט פון היטלעריסטן, שאַוליסטן און ווייסרוסישער פּאָליציי. דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט געמאָלדן דעם יודענראַט, אַז פון היינטיקן טאָג אָן ווערט די ייִדישע פּאָליציי אַראָפּגענומען פון אירע פּאָסטנס און זי וועט פאַרביטן ווערן דורך ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'דערנענטערן זיך די לעצטע שעהן פון דער עקזיסטענץ פון ניעסווויזשער געטאָ.

דער שטאַב פון דער זעלבשוץ האָט גערופן אַלעמען צוגרייטן, וואָס עס איז נויטיק צום קאַמף: העק, מעסערס, רידלען, אייזנס, שטיינער, פלעשלעך מיט שוועבל־זויער, בענזין. דער פּלאַן פון אויפשטאַנד איז געווען פאָלגנדער: אויפן בוידעם פון דער גרויסער שול וועט אַוועקגעשטעלט ווערן דער קוילנוואַרפער. ווען ס'וועט אָנגעצונדן ווערן אַ סטויג היי אַלס סיגנאַל פון אויפשטאַנד, זאָל דער קוילנוואַרפער עפענען אַ פייער. די חברים, וועלכע האָבן גראַנאַטן און פּיסטאָלעטן — טוען דאָס זעלבע. גלייך זאָל מען צוטרעטן צום אונטערצינדן דאָס געטאָ און אויסנוצנדיק די שריפה, אַנטלויפן דורך די דראָטן אין וואַלד.

דעם 21סטן יולי 1942, מיטן אויפגאַנג פון דער זון, האָבן זיך די דייטשן מיט אַ קאָרדאָן פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי און ליטווישע שאַוליסטן מיט כוח זיך אַריינגעריסן אין געטאָ. מיט כוח האָבן זיי גענומען קאָנצענטרירן די עדה ייִדן פאַרן טויער פון געטאָ ביי דער „קאַלטער־שול".

דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן דעם פּרעזעס פון יודענראַט מאַגאַליף אָפּצוקלייבן 30 ספּעציאַליסטן פון דער טעקסטיל־פאַבריק פון קושע שבת, אָן זייערע משפחות.

די דאָזיקע ידיעה האָט מאַגאַליף איבערגעגעבן אין נאָמען פון דייטשישן קאָמענדאַנט די ייִדן פון געטאָ. אָבער די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן געהאַט אַן אַנדערן ענטפער.

„קיין שום סעלעקציע — אויב לעבן — איז דער גאַנצער געטאָ — אויב נישט — וועלן מיר קעמפן"!

אַז מאַגאַליף האָט איבערגעגעבן דעם קאַטעגאָרישן און אַנטשלאָסענעם ענטפער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דעם דייטשישן קאָמענדאַנט, איז גלייך געפאַלן דער ערשטער שאָס פון די דייטשן. די ייִדן זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן און

די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן באַלד פאַרנומען זייערע צוגעגרייטע פּאָזיציעס.

וועגן דעם פאַרלויף פון דעם אויפשטאַנד אין געטאָ שרייבט דער אָנפירער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, שלום כאָלאַווסקי, אין זיין בוך „עיר ויער במצור" („די שטאָט און וואַלד אין באַלאַגערונג"):

„די דייטשן האָבן געוואָלט בכוח אַרויסציען די ייִדן פון געטאָ, אָבער די ייִדן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט אייזנס, שטיינער, מעסערס און אַנדערע צוגעגרייטע כלים.

קלאַטשקאָ, דער עלטערער אין יאָרן און ישראליק שוסטערמאַן דער יונגער, האָבן זיך געוואָרפן אויף אַ דייטש און האָבן אים דערהרגעט. די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט דאָס פייער אין געטאָ. אַרום די הייזער האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן די ייִדן וועלכע האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט קאַלט געווער און צווישן די דייטשן און פּאָליציאַנטן אין געטאָ — געהרגעטע און פאַרוואונדעטע דייטשן. דער שטח פון געטאָ איז פול מיט טויטע קערפּערס.

דער געטאָ קעמפט".

אַ צווייטער לעבעדיקער עדות פון ניעסווויזשער געטאָ, דוד פאַרפעל, שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן אויפשטאַנד:

„נאָכדעם ווי ס'איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער סטויג היי און ס'איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל פון אויפשטאַנד, האָט מען פון צוויי זייטן אונטערגעצונדן דאָס געטאָ. די פלאַמען פייער האָבן אַרומגעכאַפּט אַלץ מער בנינים און אויך די איבעריקע טיילן פון שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון ביידע זייטן. ייִדן האָבן זיך געוואָרפן כמעט מיט הוילע הענט אויף דייטשן און פּאָליציי. דער רויך האָט געשטיקט אין האַלדז. די פייער־צונגען האָבן איינגעשלונגען דאָס געטאָ. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט אָפּגעברענטע הרוגים. איך האָב זיך שוין דעצידירט דורכצורייסן דורך די דראָטן, אָבער מיין פרוי און פאָטער האָבן מיר נישט געלאָזט. מיין קוזין מאָטל פאַרפעל האָט געפּרוּווט זיך דורכצורייסן דורך די דראָטן און איז געפאַלן טויט אויפן אָרט.



יצחק אַלפּעראָוויטש ביי די חורבות פון דער ניעסווויזשער גרויסער („קאַלטער") שול, נאָך דער מלחמה אין 1946. די שול איז פאַרברענט געוואָרן בעתן אויפשטאַנד אין ניעסווויזשער געטאָ דעם 22.7.42. די סאָוויעטן האָבן סוף 1946 באַזייטיקט די חורבות, פּלאַנירנדיק פון דאָסניי דעם אויפבוי פון שטאָט.

יצחק אַלפרוביץ' ליד הורבת בית הכנסת הגדול (1946), שנשרף בעת ההתקוממות בגיטו ונהרס כליל ע"י השלטונות הסובייטיים בתכנגם מחדש את העיר לאחר חורבנה.

איך מיט מיין פאָטער און פרוי זענען אַריינגעלאָפן אין דער קצבישער שול און זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער אין משך פון 5 טעג, אָן ברויט און וואַסער. אויפן זעקסטן טאָג, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען אָפּגעברענט און די וואַך איז געווען אַראָפּגענומען, זענען מיר אַוועק אין וואַלד. דאָרט האָבן מיר אויפן צווייטן טאָג געטראָפן די איינציקע געראַטעוועטע פון אויפשטאַנד: בערל אַלפּעראָוויטש, משה לאַכאָוויצקי מיט זיין טאָכטער, שיע מאַזין, דמשק".

זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ מצבה אויף דעם קבר פון די געפאַלענע קעמפער פון ניעסוויזשער געטאָ. זאָלן אויך די שורות זיין אַ מצבה אויפן איינזאַמען קבר פון מיין אומגעקומענעם ברודער בערל אַלפּעראָוויטש, וועלכער האָט שפּעטער פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין די פּאַרטיזאַנער־רייען און געפאַלן אין שלאַכט מיט דער פאַשיסטישער ווייסרוסישער פּאָליציי, 12 קלמ. פון דער שטאָט ניעסוויזש.

דאָס הייפעלע יידישע קעמפער פון ניעסוויזשער געטאָ האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן דעם דייטשישן פאַשיזם בעת דער צווייטער וועלט מלחמה.

זייער הייליקער אָנדענק וועט לייכטן פאַר דורות.

שקר און אמת וועגן יידן און יידישן ווידערשטאַנד אין ניעסוויזש

מרדכי וו. בערנשטיין ז"ל

מיר ברענגען דאָ צוויי אַרטיקלען פונעם פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער מרדכי וו. בערנשטיין, פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" דעם 6טן יאַנואַר און דעם 10טן פעברואַר 1963 : 1) „ווי אַזוי קאָמוניסטן שענדן דעם אָנדענק פון יידן אין ניעסוויזש" ; 2) „אין ניעסוויזש איז געווען דער ערשטער אויפשטאַנד קעגן די נאַציס". מיר האָבן ביידע אַרטיקלען פאַראייניקט, געגעבן אונדזער „קאָפּ" און אויך עטוואָס געקירצט. (רעד.)

...איצט ליגט פאַר מיר אַ ביכל „ניעסוויזש", אַרויסגעגעבן אין רוסיש אין מיטן יאָר 1962, געדרוקט אין דער הויפּט־שטאָט פון דער סאָוויעטישער ווייסרוסלאַנד, אין מינסק, אין 18 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דער פּרייז אַ שפּאָט־ביליקער — נישט מער ווי 6 קאָפּיקעס... דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס איז די צווייטע אויסגאַבע, די ערשטע איז שוין צעכאַפּט געוואָרן.

וויל איך גלייך פון אָנהייב זאָגן, אַז מען מוז זיך אונטערגאַרטלען מיט געדולד, מאַכן נערוון פון שטאָל און אַ האַרץ פון גראַניט, כדי אויסצוהאַלטן און קענען דורכלייענען די דאָזיקע שענדלעכע פעלשונג ביזן סוף. אַזוינס איז, דוכט מיר, נאָך ביז היינט נישט געווען. מיר ווייסן ווי אַזוי די קאָמוניסטן פעלשן געשיכטע ; ווי אַזוי זיי וואַרפן אַרויס פאַקטן, דאַטעס, מענטשן, געשעענישן. די וועלט ווייסט פון דעם ווי אַזוי די קאָמוניסטן פלעגן צעשטערן גאַנצע ענציקלאָפּעדיעס, פון וואַנען מען האָט געמוזט באַזייטיקן די יידישע נעמען. מיר ווייסן אויך, אַז אַ געוויסע צייט האָט מען אָנגעהויבן אויסרייניקן די פאַרשידענע רעפערענץ־ביכער : ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען און אַזוי ווייטער פון יידן, מען האָט פשוט ביים אַרויסגעבן נייע אויפלאַגעס אַרויסגעוואָרפן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן. אַפילו דאָס וואָס ס'איז געווען אין ענציקלאָפּעדיעס אַרויסגעגעבן אונטער דער צאַרישער הערשאַפט — האָבן זיי באַזייטיקט. דאָס איז שוין אַ „נאָרמאַלע" דערשיינונג. אָבער דער אויפטו מיט ניעסוויזש איז ממש אַ מייסטערווערק — פון פעלשונג.

*

יידן וואָס האָבן אַפילו נישט גאָר קיין גרויסע קענטעניש וועגן געשיכטע, וועגן יידישער געשיכטע פון שטעט און שטעטלעך, האָבן געהערט וועגן אַ יידישער שטאָט ניעסוויזש. טרעפט מען דאָך ניעסוויזשער אומעטום אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

די וואָס קענען יידישע געשיכטע, ווייסן מיט וויפל טויזנטער פעדים ניעסוויזש איז אַריינגעפלאָכטן אין דער יידישער גייסטיקער שעפערישקייט. דער שלאָס פון די ראַדזשיווילס האָט אין געוויסע צייטן געהאַלטן אין זיך אַ גרופּע בונטאַרן קעגן ווילנער קהל־תקיפים (אין דער צייט פון ווילנער גאון) — און אַן אַרבעט וואָס איינער פון זיי האָט אָנגעשריבן, האָט טאַקע געהייסן : „דער פּראָיעקט פון דעם ניעסוויזשער אַרעסטאַנט וועגן רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן".

ניעסוויזש האָט אַריינגעשריבן דאָס ערשטע בלעטל אין יידיש וועלטלעכן שולוועזן. מיט העכער 60 יאָר צוריק איז דאָרט געשאַפן געוואָרן די ערשטע אין דער וועלט יידיש־וועלטלעכע שול.

איך האָב בלויז אַרויסגעכאַפּט באַזונדערע איינצלנע פאַקטן. אין משך פון 500 יאָר איז ניעסוויזש געווען אַ יידישער צענטער פאַר צענדליקער אַרומיקע ישובים און מיר געפינען די דאָזיקע קהילה סיי אין די פּראָטאָקאָלן פון „וועד ארבע ארצות", סיי אין „וועד מדינת ליטא" — דאָס הייסט אין די יידישע פאַרלאַמענטן פון פּוילן און ליטע.

נאָר אַ גאָר באַזונדערן קאַפּיטל, אַ בלוטיק־העראָישן, האָבן די יידן פון ניעסוויזש אַריינגעשריבן אין דער צייט פון חורבן. מיר ווילן וועגן דעם באַזונדער דערמאָנען.

אָבער דאָס ביכל „ניעסוויזש" וואָס דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן וועגן פּריצים און פירשטן ; וועגן וואָיעוואָדעס און אַנדערע שליאַכטעס וואָס האָבן געהערשט אין ניעסוויזש — האָט נישט געזען קיין יידן. מען דערמאָנט וועגן געוויסע געביידעס וואָס זענען אויפגעקומען ; וואָס פאַראַ מלאכות מען האָט דאָרט געטאָן — אָבער נישטאָ קיין יידן... אין משך פון די אַלע יאָרהונדערטער זענען זיי גאָר נישטאָ ; זיי, די יידן וואָס האָבן די שטאָט געבויט און איר רייך געמאַכט ; די יידן וואָס מיט זייער פּראַצע און מוח האָבן זיי אַרויסגעהויבן די שטאָט — זיי זענען נישטאָ.

אַנטשולדיקט, אין איין אָרט ווערט יאָ דערמאָנט איין נאָמען. איך שטרייך אונטער איין נאָמען און ער, דער דאָזיקער נאָמען, איז שוין דווקא אַ יידישער. אויף זייטל 5 ווערט דערציילט ווי אַזוי די ראַדזשיווילס פון ניעסוויזש האָבן אונטערדריקט די פּויערים, די שטאָטישע איינוווינער, און : ...„דער הויפּט־קאַסיר פון דעם פירשט ראַדזשיוויל, שמואל איצקאָוויטש, האָט מיט אַ מחנה באַוואָפנטע מיט דובינעס און אַנדערע געווער, זיך געלאָזט קאָנטראָלירן דעם באַזיץ..."

שמואל איצקאָוויטש מיט דובינעס !... אַזוי זענען קיין יידן נישטאָ, אָבער אַ „שמואל" האָט מען יאָ געפונען.

כדי מיר זאָלן וויסן דעם „גייסטיקן" געשמאַק פון די פאַרפאַסער פון ביכל, ווערט גאָר וואַרעם דערציילט וועגן דעם

העטמאַן באָגדאַן כמעלניצקי — דעם „גרויסן פריינט פון דעם ווייסרוסישן פאָלק". לאָמיר דאָ ציטירן אַ פּאָר שורות:

„...זומער 1648 זענען צו הילף דעם ווייסרוסישן פאָלק געקומען פון אוקראַינע קאָזאַקישע אָפּטיילונגען פון באָגדאַן כמעלניצקין, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון נעבאַבי, מיכנענקאָ, קריוואָשאַפּקאַ, גאַרקושי..."

יאָ, דאָס איז אמת, דאָס זענען טאַקע די פּאַגראָמשטשיקעס וואָס האָבן אויסגעשאָכטן די קהילות פון האָמעל, לאָיעוו, בראַגין, ביכאָוו, מאָזיר, פינסק, רעטשיצע.

ס'איז ווינציק פאַר די פּראָפעסער דער דאָזיקער „יחוס", דערציילן זיי נאָך ווייטער, אַז שפּעטער, אין די יאָרן 1740 און 1744, איז אין ראַדזשיווילס גיטער ווידער אויסגעבראָכן אַ בונט אָנגעפירט פון כמעלניצקיס אַן אייניקל וואַסילי וואַשטשילאָ...

אויך דעם דאָזיקן פאַרשוין קאָן די יידישע געשיכטע; ער איז אַריין אין אונדזער בלוטיקער מאַרטירער־געשיכטע מיטן נאָמען „גזירת וואַשטשילאָ" — אַ סעריע שחיטות פון קהילות האָט ער דורכגעפירט.

אָבער לאָמיר צוקומען צום לעצטן קאַפּיטל. לייענען מיר דאָרט:

..וועגן די אַכזריותן פון די דייטשע פאַשיסטן... דערמאָנען אונדז די ברידער־קברים אין ניעסוויזשער פּאַרק. אין אָקטאָבער 1941 האָבן די פאַשיסטן צונויפגעטריבן די בירגער פון שטאָט און געהייסן זיי אויסגראָבן אַ לאַנגן ראָוו. ...זיי האָבן נאָכדעם גענומען באַשיסן די מענטשן פון פּולעמיאָטן און אויטאָמאַטן. קינדער האָט מען געוואָרפן לעבעדיק אין די גריבער..."

ווער זענען דאָס די „סאָוויעטישע בירגער", וועמען האָט מען פאַרטיליקט? וועמענס קינדער האָט מען דאָס געוואָרפן לעבעדיק אין די גריבער?

די פעלשער, די סאָוויעטישע „היסטאָריקער" קאָנען דאָך נישט זאָגן אַז דאָס זענען יידן, ווייל אַזעלכע זענען, לויט זיי, דאָך גאָרנישט געווען אין ניעסוויזש.

אָבער ביי אונדז זענען פאַראַן יידישע עדות צווישן די וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פון די גריבער, און נישט פון צווישן 1,500, נאָר פון צווישן קרוב 5,000 אויסגעקוילעטע.

מיר ווייסן אויך וועגן דעם וווּנדערלעכן העראָישן אויפשטאַנד פון ניעסוויזשער געטאָ — וואָס איז געווען פון די געציילטע קלענערע געטאָס וואָס האָט ביי דע־ זייט פון דער גרויסער וואַרשע אַריינגעשריבן אַ בלאַט פון העלדישקייט אין דער געשיכטע פון ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס.

עס איז טאַקע נישט לאַנג געוואָרן 20 יאָר, זינט די ניעסוויזשער יידן האָבן דורכגעפירט זייער ווידערשטאַנד קעגן די נאַצישע בעסטיעס; עס איז אויך 20 יאָר ווי די ניעסוויזשער ווידערשטענדלער (בערך 200 מאַן) זענען נאָכן פאַרניכטן דאָס געטאָ, אַוועק אין די וועלדער און פון דאָרטן, ווי פירער פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, ווידער גענומען נקמה אָן די דייטשן און זייערע ווייסרוסישע אַרויסהעלפערס.

די ניעסוויזשער קדושים און גיבורים האָבן פאַרדינט, אַז וועגן דאָזיקן העלדישן קאַפּיטל זאָל מען באַזונדער דערציילן.

*

מיר האָבן דערציילט וועגן דעם, ווי קאָמוניסטן האָבן אויף אַ סקאַנדאַליעזן אופן פאַרטושט די מאַרטיראָלאָגיע פון די ניעסוויזשער יידן. זיי האָבן דערביי אָבער אַריינגעוואָרפן אַ זאַץ וועגן „העלדישע פאַרטיזאַנער" — דערביי האָט דאָס געדאַרפט מיינען, אַז דאָס זענען געווען ווייסרוסן...

דאַרף מען, ר׳כטיקער — מוז מען דערציילן וועגן דער העראָישער עפּאָפּייע פון די ניעסוויזשער יידן, וואָס איז אַ וווּנדערלעכער קאַפּיטל אין דער תקופה פון דעם נאַצי־חורבן.

שוין אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע האָבן זיך אין די פאַרשידענע טיילן פון פּוילן, אין די געטאָס און לאַגערן דערטראָגן ידיעות וועגן דעם, אַז אין ווייטן קרעסן־שטעטל ניעסוויזש איז פאָרגעקומען אַ ווידערשטאַנד פון די פאַרשפּאַרטע אין דאָרטיקן געטאָ יידן. עס האָבן וועגן דעם געשריבן די אונטערערדישע אויסגאַבעס פון וואַרשעווער געטאָ און עס האָבן וועגן דעם געשיקט באַריכטן אין אויסלאַנד די אָנפירנדיקע שטאַבן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. אַזוי ל'ייענען מיר אין דעם אַרויסגעשיקטן געהיימען באַריכט פון דעם אונטערערדישן „בונד" קיין אויסלאַנד, וואָס איז דאַטירט פון 31טן אויגוסט 1942, צווישן אַנדערע די ווייטערדיקע ידיעה:

„...דאָ און דאָרט זענען געווען פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. הייזער זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך באַריקאַדן און אין געוויסע שטעט, למשל, ניעסוויזש, איז אַפילו געשטעלט געוואָרן אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד..."

אַלזאָ, ניעסוויזש איז געווען דער ערשטער פונקט פון וואַנען עס איז געקומען די ערשטע אינפאָרמאַציע פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

וואָס איז פאָרגעקומען אין ניעסוויזש? ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער ווידערשטאַנד אויסגעזען? ווער האָט אים אָרגאַניזירט? וואָס איז ווייטער געשען מיט די דאָרטיקע יידן? — וועגן דעם האָט שוין מער קיינער, ביז דעם סוף פון דער מלחמה נישט דערציילט. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן די דאָזיקע יחוסדיקע שטאָט. נישט געבליבן אויפן אָרט קיין לעבעדיקער עדות אָדער עפּעס אַ דאָקומענט. מ'איז שוין געווען גענייגט צו טראַכטן, אַז עפּעס איז די ידיעה איבערגעטריבן, ווייל ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זיין, אַז אין אַ געטאָ פון אַ קליינעם שטעטל זאָל מען זיך קעגנשטעלן, און נאָך מיט געווער, קעגן דער מעכטיקער היטלערישער אַרמיי.

אָבער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. ס'האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון די ווייסרוסישע וועלדער און פּאָליעשער בלאָטעס די יידישע פּאַרטיזאַנער און עס הייבט אָן קלאָר צו ווערן, אַז מעשה ניעסוויזש איז נישט קיין לעגענדע, אַז דאָס וואָס דאָרטן איז געשען — איז אַ וווּנדערלעכע העראָישע געשיכטע, וואָס איז טאַקע לעגענדאַריש אין איר ווירקלעכקייט.

אין פאַרשידענע גבית־עדותן און דערקלערונגען — סיי פון פּאַרטיזאַנער, סיי פון אַזעלכע וואָס האָבן איבערגעלעבט אין בונקערס ביי פּויערים, סיי פון דערקלערונגען פון אָרטיקע פּויערים און אויך אין דייטשישע באַריכטן, געפינט מען וועגן דעם וואָס ס'איז געשען אין ניעסוויזש.

פון איין אַרבעט, אַ העקטאָגראַפירטער, אונטערן נאָמען „חורבן ניעסוויזש", אָנגעשריבן פון משה לאַכאָוויצקי, אַליין אַן עדות פון די געשעענישן (דערשינען אין תל־אביב, 1948), דערוויסן מיר זיך וועגן דער חורבן. באַזונדערע קאַפּיטלען: 1. די ערשטע חדשים פון דער דייטשער הערשאַפט; 2. די ערשטע שחיטה; 3. געטאָ; 4. די צווייטע שחיטה — דערציילן וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון די טויזנטער ניעסוויזשער יידן. לייענען מיר דאָרטן (זייטן 15־16) וועגן דעם ווי מען האָט אויסגעקוילעט די יידן, ווי מען האָט זיי פאַרטיליקט:

„...איין טייל, 2000 יידן, האָט מען אָפּגעפירט דורך דעם שלאָס־וועג נעבן דעם הייפל זאַיעזשעזשע אין אַלטן פּאַרק נעבן דעם גרויסן בוים, וועלכער שטייט שוין מער ווי 200 יאָר. דאָרטן זענען געווען אויסגעגראָבן 2 גרויסע גריבער. איינע 70 מעטער און די צווייטע — 30 מעטער אויף 4 מעטער.

...אויפן ברעג פון גרוב האָט מען זיי געהייסן אויסטאָן די בגדים און ביי די וואָס די אונטערשטע וועש איז געווען אַ גוטע, האָט מען געהייסן די וועש אויך אויסטאָן. ווי מען דער־

ציילט, זענען די קולות, געשרייען און יללות דערגאַנגען ביז אין הימל אַריין. אין יענער צייט איז געוואָרן וואָלקנדיק, דער רבונו־של־עולם האָט זיך באַהאַלטן ער זאָל נישט זען און נישט הערן, ווי זיינע קינדער שיסט מען פון ביקסן און מאַשינען־געווער און מען רייסט זיי פונאַנדער מיט גראַנאַטן. קריסטן דערציילן, אַז ווען מען האָט פאַרשאַטן די גריבער, האָט זיך די ע״ד געהויבן מער ווי אַ האַלבן טאָג... אויף מאָרגן האָט זיך באַוויזן בלוט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסשטראָמען פון איבער די גריבער. עס איז געוואָרן אַ גאַנצער טייך. מען האָט געמוזט אויסגראָבן אַ קאַנאַווע עס זאָל אָפּציען דאָס בלוט פון אונדזערע הייליקע קדושים".

דאָס איז געווען אין פּאַרק.

„די אַנדערע 2000 יידן האָט מען אָפּגעפירט קיין אויטאָור־שטיזנע אויפן סנאָווער וועג, אַנטקעגן יצחק־ברוך צעכאַנאָוויטשעס גאָרטן... דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע סצענע. די איינציקע גרוב האָט אויפגענומען די גאַנצע 2000 קדושים..."

דאָס איז נאָר אַ קליינער פראַגמענט פון דער שחיטה... דערציילט אויך דער עדות ווי אַזוי די ווייסרוסישע שכנים האָבן געראַבעוועט, געהאָלפן מאָרדן — די זעלביקע, וואָס וועגן זיי צעשרייבט זיך אַזוי פיין די איצטיקע רוסישע מאָנאָ־גראַפיע.

אָבער עס איז געקומען צום מאָמענט פון גבורה. עס איז אויפגעדעקט געוואָרן דער דאָזיקער אַקט אַ דאַנק די באַשריי־בונגען פון די אָנטיילנעמער און שפּעטערדיקע פּאַ־טיזאַנער.



דער פאַרזיצער פון ארגון יוצאי ניסביז׳ בישראל, אברהם בערעזין, אַנטהילט דעם לוח זכרון פאַר די קדושים פון שטאָט אין מרתף השואה אין ירושלים.

יו"ר ועד יוצאי ניסביז׳ בישראל, אברהם ברזין, מסיר הלוט מעל לוח הזכרון לקדושי עירנו במרתף השואה בהר ציון בירושלים.

מיר געפינען עס אין דאָקומענטן פון דער פוילישער היסטאָרי־שער קאָמיסיע, אין דער פּובליקאַציע אין פויליש, און אין די העברעישע אויסגאַבעס פון „לוחמי הגיטאות" (געטאָ קעמ־פער) און אין פאַרשידענע יידישע חורבן אַנטאָלאָגיעס. מיר וועלן געבן דאָס וואָרט איינעם פון זיי: שלום כאָלאַווסקי. פון זיינער אַ גבית־עדות וועלן מיר אַריינסנעמען אַ פראַגמענט:

...„אין יאַנואַר 1942 איז אַנטשטאַנען אין ניעסוויזשער גע־טאָ די אונטערערדישע באַוועגונג. אירע אָנפירער זענען גע־ווען: ירחמיאל שקליאַר, סיאָמקע פאַרפעל, פריידעל לאָכאָ־וויצקי און שלום כאָלאַווסקי. דאַן איז אויך אַנטשטאַנען אַ צווייטער אונטערגרונט, מיט די טוער: בערל אַלפעראָוויטש, דמשק און פאָליאַטשעק. מיט דער צייט האָבן זיך ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט.

צוויי וואָכן פאַר דער אַקציע האָבן די יונגע באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין יודענראַט, וואָס האָט געהאַט אַ קאָנ־טאַקט מיט די דייטשן און איז געווען אימשטאַנד צו באַקומען לייכטער ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע־אַרבעט וואָס גייט כסדר אָן.

די יידישע האַנטווערקער זענען געווען אָרגאַניזירט אין גרופן פאַכלייט, יעדע גרופע מיט איר קאָמיטעט... דער ראַט האָט צוגעפּאַסט זיין פאַרטיידיקונג־פּלאַן צום פּלאַן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע... דאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער יודענראַט... עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן „פינפטלעך" און בראש פון יעדן פינפטל אַ קאָמענדאַנט. די אינזשיניערן כעמיקער פאַרדעס און גאָלדבערג האָט מען געהייסן פּראָדו־צירן שוועבל־זויער, אָפּצובריען די אויגן און פּנים. אַזוי איז אויך צוגעגרייט געוואָרן בענזין אונטערצוצינדן דאָס געטאָ.

געווער איז געווען אין געטאָ זייער ווייניק. בסך־הכל געציילטע רעוואָלווערן. קויפן געווער איז געווען אויסגעשלאָסן, צוליבן מאַנגל פון יעדן קאָנטאַקט מיט דער באַפעלקערונג מחוץ דעם געטאָ. צוויי יונגע מיידלעך, דוקער און קאַגאַן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דייטשער קאָמענדאַטור ביים רייניקן טיילן פון געווער, פלעגן זיי ברענגען אין געטאָ. אויפן דאָזיקן וועג האָבן זיי געבראַכט אַ קוילן־וואַרפער, עטלעכע צענדליק גראַנאַטן און קוילן. פון אָט דעם געווער־סקלאַד האָט בער אַלפעראָוויטש, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אין פּאַרטי־זאַנער־קאַמפן, געבראַכט עטלעכע רעוואָלווערן. די יונגע דוקער האָט כסדר זיך ספּעציאַליזירט אין ווייט שיסן אין ציל. יעדער איינער האָט זיך צוגעגרייט „כלי־זין": פלעשלעך מיט שוועבל־זויער, מעסערס, שטילעטן, האַלאַבלעס מיט טשוועקעס, העק און דאָס גלייכן.

...דעם 20סטן יולי 1942 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָנקו־מען אין געטאָ, כדי אָפּצונעמען די וועש, וואָס זיי האָבן געגעבן די יידן צו וואַשן. עס האָבן אויך אָנגעהויבן קומען פויערים צו נעמען ביי די יידן דאָס מעבל און שטוב־זאַכן, וואָס די דייטשן וועלן דאָך סיי־ווי צונעמען...

דעם 21סטן יולי זענען אין שטעטל אָנגעקומען ליטווישע פּאָליציאַנטן, איינציקע האָבן געזאָגט אַז די פּאָליציאַנטן זענען געפאָרן ווייטער, אַנדערע — אַז זיי זענען געבליבן אין שטעטל...

נאָך דער אינפאָרמאַציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אַל־געמיינע פאַרזאַמלונג אין שול. די מענטשן זענען גערופן גע־וואָרן צו שיצן זיך, באַזונדערס די יעניקע, וואָס האָבן בשעתו געדינט אין מיליטער. עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר־טיידיקונגס־פּונקטן און ערטער ווו מען וועט קענען דורכברעכן די צוים פון געטאָ. דער קוילנוואַרפער מיט וועלכן עס האָט זיך באַדינט דאָס מיידל דוקער, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם דאַך פון דער שול. אַלע זענען פאַראָרדענט געוואָרן צוצו־גרייטן זייערע „כלי־זין". עס איז באַשטימט געוואָרן אַ שטאַב,

וואָס האָט געדאַרפט געבן דעם צייכן אָנצוהייבן דעם געראַנגל. דער סיגנאַל איז געווען — אָנצינדן אַ קליינע קופּע שטרוי.

דעם 22סטן יולי 1942, מיטן זון־אויפגאַנג, זענען די דייטשן אַריין אין געטאָ און אָנגעהויבן קאָנצענטרירן די יידן פאַר דער שול... און אָט איז געפאַלן אַ שאָס מצד די דייטשן. די וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי, האָבן זיך צעשפּרייט. יעדער האָט געכאַפּט זיין „געווער” און די שלאַכט האָט זיך צעפלאַקערט. די וואָס האָבן געהאַט ביי זיך בענזין, האָבן אָנגעצונדן אַ פייער אין געטאָ. דאָס יונגע מיידל דוקער האָט אָנגעהויבן שיסן פון קוילנוואַרפער. עס איז פאַרגעזעצט געוואָרן אַ ניט־אָרגאַניזירטע שלאַכט פון מענטשן, באַוואָפנטע מיט שטעקנס, האַלאַבליעס, העק, מעסערס און שוועבל־זויער — קעגן אַ שונא באַוואָפנט מיט מאָדערנעם געווער.

אייניקע שעה האָט געדויערט דער קאַמף צווישן די יידן אין ניעסוויזש און די דייטשן און פּאָליציאַנטן. צום אָונט איז דער גאַנצער שטח פון געטאָ געווען באַדעקט מיט געפאַלענע. די יידן האָבן נישט געלאָזט דורכפירן די ליקווידאַציע־אַרבעט. די דייטשן איז איבערגעבליבן בלויז צו זאַמלען די געפאַלענע פון שלאַכט־פעלד און אַרויספירן די פאַרקוילטע און דערשטיקטע קערפּערס פון די בונקערס...”

נאָך יענעם נישט־גלייכן קאַמף איז אַ היפּשער טייל פון די ווידערשטענדלער אַוועק אין די וועלדער, געוואָרן אַ טייל פון די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. וועלן מיר ברענגען אַ פּאָר פראַגמענטן וועגן ניעסוויזשער פּאַרטיזאַנער פון משה קאַגאַנאָוויטשעס בוך „די מלחמה פון די יידישע פּאַרטיזאַנער”:

...„מיכאל פיש פון ניעסוויזש, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון ווידערשטאַנד אין טאָג פון דער שחיטה אין ניעסוויזשער געטאָ, ווערט נאָמינירט גלייך נאָך זיין אָנקום אין גילטשיקס אָטריאַד אַלס פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר. אין אַפּריל 1943 איז ער אַוועקגעפאָרן מיט נאָך 18 פּאַרטיזאַנער אויף אַ ווירטשאַפט־אָפּעראַציע אין באַראַנאָוויטשער געגנט. צוריקפאָרנדיק פון דער אויפגאַבע, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשישער מחנה, וועלכע איז דאַן אָנגעפאַלן אויפן פּאַרטיזאַנער לאַגער אין טשעטשעוויטשער וואַלד (פּאָלעסיע). דעם קאַמף וועלכן די פּאַרטיזאַנער האָבן דאַן אויפגענומען אין רוקן פון שונא, האָט דערמעגלעכט, אַז די גאַנצע בריגאַדע פון 2,000 מאַן זאָלן זיך אַרויסבאַקומען פון אַרומרינגלונג. אין דעם נישט גלייכן קאַמף זענען אַלע 18 געפאַלן און מיכאל פיש, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין אויסוועג, האָט זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ” (2טער טייל, זייטן 161־162).

...„בעת אַ קאַמף צווישן דער יידישער גרופּע פּאַרטיזאַנער אין קאַפּיטאַן טשאַרניס אָטריאַד (פּאָלעסיע) מיט די דייטשן, איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט אַ פאַרוואונדעטער דער 29־יאָריקער שלמה לאַנסקי פון ניעסוויזש. די דייטשן האָבן אים צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ פערד און אים געבראַכט אין דאָרף נאָוואָסיאָלעק. דאָרט האָט מען אים געפאָרשט וועגן די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. נישט אַרויסבאַקומענדיק פון אים קיין לעבעדיק וואָרט, האָבן אים די דייטשן אַ גוססדיקן עפּענטלעך געהאַנגען אין דעם שטעטל האַנצעוויטש”.

אַזוי האָבן אויסגעזען די ניעסוויזשער גיבורים, וואָס זענען דורך די קאָמוניסטישע „היסטאָריקער” געשענדעט געוואָרן.

די קאָמוניסטן האָבן זייער זכר אויסגעמעקט, אָבער אין זכרון פון פאָלק וועלן אונדזערע גיבורים אייביק לעבן.

אין געטא און מיט פארטיזאנער אין די וואלאזשינער וועלדער

משה דמשק

1

איך בין געבוירן אין ניעסוויזש, אין יאָר 1916. צומערשט געלערנט אין תלמוד־תורה און אין יאָר 1931 געענדיקט די פּוילישע פאָלקס־שול („פּאָווּשעכנע”). שפּעטער אַוועק אַרבעטן ביי מיין פאָטער אין דעם שמידעריי — ביזן יאָר 1938, ווען כ׳בין מאָביליזירט געוואָרן אין פּוילישן מיליטער. געדינט האָב איך אין 82סטן פוסגייער־פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין ברעסט־ליטאָווסק. צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מיליטער נאָך 6 חדשים.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן ביים טייך וואַרטאַ אויפן דייטשן גרענעץ. פון דאָרטן האָבן מיר אָפּגעטראָטן ביז וואַרשע, וווּ מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די דייטשן 2 וואָכן און ווידער גענומען אָפּטרעטן אויף פּאָלעסיע. דאָ האָט מען אונדז געזאָגט, אַז יעדער קען גיין וווּ ער וויל. בין איך אַוועק אַהיים. אין ניעסוויזש בין איך אָפּגעווען אַ 2—3 חדשים. די סאָוויעטן האָבן מיך געשיקט לערנען אין אַ שול פון אָפיצירן. בעצם, האָט דער קורס געדאַרפט זיין אין מאָסקווע, נאָר מען האָט אונדז צוריק געשיקט קיין ניעסוויזש. נאָכן ענדיקן דעם קורס, האָט מען מיך באַשטימט צוגרייטן יונגוואַרג צום מיליטער.

(אין פּוילישן מיליטער בין איך געווען אַ קאָרפּאָראַל, דערייבער האָבן מיך די סאָוויעטן געשיקט אויף אַ קורס).

2

דעם 22סטן יוני 1941, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע קריג האָט מען מיך מיט די מענטשן וואָס כ׳האָב צוגעגרייט צום מיליטער צוגעטיילט אָפּצוהיטן די שטאָט. פאַרנאַכט, ווען די מענטשן זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָב איך באַשלאָסן זיך צוכאַפּן אַהיים. אין דער פרי געוואָלט גיין צוריק, האָבן אַלע אָנגעהויבן טענהן, אַז איך זאָל בלייבן שלאָפן אין שטוב. איך בין אַריין צו אַ שכנה, געשלאָפן אפשר אַ שעה, אָדער אַנדערטהאַלבן — און מען האָט מיך גענומען וועקן. ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, זענען איבער מיר געשטאַנען 4 דייטשן. זיי האָבן עפּעס געפרעגט, נאָר די שכנה האָט הינטער זייערע פּלייצעס מיר געגעבן צייכנס, איך זאָל נישט רעדן. איך האָב געשוויגן. האָבן זיי געזאָגט, אַז מסתמא בין איך אַ רוסישער אָפיציר. ביי דער שכנה האָט געוווינט אַ רוסישער מאַיאָר, און זיין טשעמאָדאַן איז געווען אונטערן בעט. ווען זיי האָבן דעם טשעמאָדאַן אַרויסגעצויגן, האָבן זיי דאָרט געפונען דעם מונדיר פון אַ מאַיאָר. זיי האָבן מיך אַוועקגענומען אין דער קאָמענדאַטור, נישט ווייט פון מיין הויז. דאָרט איז געזעסן אַ הויכער דייטשער אָפיציר און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז איך בין אַ מאַיאָר. ער האָט זיי געהייסן מיך אַוועקפירן אין עק גאַס און מאַכן קאַפּוט. 2 דייטשן זענען מיט מיר מיטגעגאַנגען. ביים עק גאַס זענען געווען צוויי זייטיקע גריבער און אַ שמאָלער דורכגאַנג. איין דייטש איז געבליבן שטיין און איין דייטש איז מיט

מיר אַוועק. קומענדיק צום גרוב, האָב איך אים געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ. דער דייטש איז אַריינגעפאַלן אין גרוב, איך האָב גענומען אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון האַנאָוושטשינע.

עס איז שוין געווען אַרום 8 אַזייגער. ווידער האָבן מיך פאַרהאַלטן 2 דייטשן און געפירט אין דער קאָמענדאַטור. דאָרט זענען געווען טאַנקיסטן. האָב איך זיי דערציילט אין דייטש, אַז איך בין אַ היגער בירגער, האָב גאָרנישט צו טאָן מיט קיינעם. דער באַפעל איז געווען: — פיר אים אַוועק צווישן די געפאַנגענע.

דאָס איז געווען לעבן פאָזשאַרנע, אויף גאַ־אַדייער גאַס. דאָרט בין איך געשטאַנען אַ פּאָר שעה. אין דער היים האָט מען זיך אַלץ דערוווּסט און אָנגעהויבן זוכן פּראָטעקציע וויאַזוי פון דאָרטן מיך אַרויסצונעמען. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז געקומען אַ דייטשער מאַיאָר. ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ מאָטאָציקל און גענומען פאָרן איבער דער שטאָט — איך זאָל אים ווייזן די געגנט. ער דאַרף אויך האָבן אַ פּאָר דאָקטוירים פאַר די פיל פאַרוווּנדעטע רוסישע געפאַנגענע און פון דער ציווילער באַפעלקערונג. איך בין מיט אים געפאָרן עטלעכע שעה. צום סוף האָט ער מיך צוגעפירט צו אונדזער שטוב און געזאָגט: „אַרבעט דאָ". מען האָט באַלד געבראַכט פערד צום שמידן. איך בין געבליבן אין דער היים.

3

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטי־יידישע גזירות און רדיפות.

ערשטנס האָבן זיי באַפוילן, אַז יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר, נאָר אין מיטן גאַס, ווו די פערד מיט די וועגענער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די יידן געמוזט אָנטאָן אויף דער לינקער האַנט אַ מגן־דוד מיט אַ ווייסן אַרעמבאַנד. שפּעטער האָבן זיי באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אָנטאָן אַ געלן מגן־דוד אויפן ברוסט.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די מערדער געהייסן אַלע יידן זיך צונויפקלייבן אויפן מאַרק און ברענגען שטיוול, שיך, פוטערס, וואַרעמע זאַכן.

שפּעטער האָבן זיי באַפוילן אַראָפּנעמען דעם מגן־דוד פון ברוסט און אָנטאָן צוויי קיילעכיקע געלע לאַטעס — איינע פון פאָרנט און איינע פון הינטן.

נאָך דעם האָבן זיי ווידער צונויפגעקליבן די יידן אויפן מאַרק און זיי געצוווּנגען צו ברענגען גאָלדוואַרג און אַנדערע האָב־און־גוטס. אַ דריטן מאָל האָט מען געטריבן די יידן אויפן מאַרק. דאָס מאָל האָבן זיי געמוזט ברענגען לעדער, בכלל — ס'גאַנצע פאַרמעגן אָפּגעבן.

אין די ערשטע טעג זענען געווען קרבנות. איך געדענק נישט אַלע. אהרן דער שוחט איז געגאַנגען מלא זיין אַ קינד. האָט מען אים געטראָפן אויפן וועג, אַוועקגעפירט אין שטאָט און דערשאָסן. אויפן בולוואַר האָט מען געהרגעט זישען פון קאַזימיר, ווי אויך מעסיטע דעם אַדוואָקאַט און אַנדערע.

4

דעם 30סטן אָקטאָבער 1941 האָט מען ווידער באַפוילן אַז אַלע יידן זאָלן זיך צונויפקלייבן אויפן מאַרק. יעדער איז געגאַנגען, ווייל מען האָט געמיינט, אַז אויך דאָס מאָל וועט מען הייסן עפּעס ברענגען און דערנאָך וועט מען צוריק אַהיימגיין. איך פלעג קיינמאָל נישט גיין אויפן מאַרק. יענעם טאָג האָב איך געאַרבעט אין דאָרף האַנאָוושטשינע, ווייל דער יודענראַט האָט מיך געשיקט אַהין אויף אַרבעט, 8 ק"מ פון ניעסוויזש.

פאַרנאַכט בין איך געקומען אַהיים, כדי צו גיין אין דער פּ־י אויפן מאַרק. מיינע עלטערן האָבן נישט געהייסן, אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך איינגעשפּאַרט און יאָ געוואָלט גיין. ווען מיר זענען געקומען אויפן מאַרק, ווו ס'זענען געווען קרוב צו 5000 מענטשן, האָט מען גענומען רופן נאָך די נעמען. קודם — דאָקטוירים. דער דאָקטער מיטן נאָמען זוסמאַן האָט זיך נישט אָפּגערופן. האָט מען אויסגערופן אַנדערע דאָקטוירים, אייניקע זענען אַרויס פון דער ריי, אַנדערע זענען נישט געגאַנגען. נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבן רופן דענטיסטן, ציין־טעכניקער, שניידערס, סטאָלאַרעס, מעבל־סטאָלאַרעס, שמידן, שלאָסערס — בכלל אַלע פאַכלייט וואָס זענען געווען אין ניעסוויעזש. עס איז געקומען צו מיין פאָטערס נאָמען. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין. בין איך איבערגעגאַנגען אויפן צווייטן זייט און געוואָלט הערן וואָס קומט דאָרט פאָר. צופעליק האָט מיר איינער פון די קריסטן געזאָגט: „דער וואָס גייט אַהער — בלייבט; דער וואָס בלייבט דאָרטן — פירט מען אַרויס קיין דייטשלאַנד". צוריק גיין האָט מען נישט געטאָרט. נאָר איך האָב אויף דעם נישט געקוקט, אַ לויף געטאָן צוריק צום פאָטער און אים געזאָגט, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין מיט דער גאַנצער משפּחה, האָט ער געענטפערט: „ניין!" איך האָב אים דערציילט וואָס כ'האָב געהערט, האָט ער געזאָגט: „ניין, די מענטשן וואָס מען קלייבט אויס, די פאַכלייט, וועט מען שיקן קיין דייטשלאַנד. אָבער קיין דייטשלאַנד פאָר איך נישט, איך וויל דאָ שטאַרבן".

פונדעסטוועגן האָב איך אים איבערגערעדט. מען האָט אונדז נאָך אַ מאָל גערופןביים נאָמען, ווייל קיין סך שלאָסערס און שמידן זענען אין שטעטל נישט געווען, זענען מיר אַריבער אויפן צווייטן זייט.

5

ביי אונדז אין דער משפּחה זענען געווען דער פאָטער מיט דער מוטער און פינף קינדער. דעם פאָטערס מוטער איז געבליבן אין שטוב — דאָרטן איז זי דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף. ווען מיר זענען אַריבערגעגאַנגען אויפן צווייטן זייט, האָט מען גענומען קלייבן פון אונדז די ייִנגערע מענטשן און זיי באַפוילן אַרויפגיין אויף אויטאָס. האָב איך מיטגענומען מיינע 2 שוועסטער מיט אַ קליין ברודערל. דער פאָטער מיט דער מוטער זענען געבליבן. דעמאָלט האָב איך געזען די ערשטע טראַגישע סצענע, ווי אַ דייטש האָט לעבן בערנשטיינס מויער אַרויסגעריסן ביי אַ מוטער אַ קינד, אָנגענומען עס פאַר די פיסלעך און דאָס קעפּל אַ זעץ געגעבן אין וואַנט. די מוטער האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט מען זי ערגעץ אַריינגעשטופּט. איך האָב נישט געזען ווו, ווייל מיר זענען אָפּגעפאָרן, אַ 20 מענטשן, צום הויף פון מאַגיסטראַט. דאָרט האָבן מיר אָנגעלאָדן האָלץ אויף אַן אויטאָ און גענומען אָפּפאָרן צום פירשט ראַדזשיווילס פּאַלאַץ.

אויפן וועג האָבן מיר געזען די יידן מאַרשירן צו 8 מענטשן אין אַ ריי, ווי אויסגעדינטע זעלנער. מענער, פרויען און קינדער.

משפּחות האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַז איך בין צוגעפאָרן ביזן קאָשטשאָל אויפן וועג צום זאַמעק, האָבן מיר געזען אַ 500—600 מענטשן זענען געגאַנגען צום זאַמעק. מיר זענען געבליבן שטיין און דורכגעלאָזט די מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוווּסט ווו מען פירט זיי.

אפשר 4 דייטשן האָבן געפירט יעדער קאָלאָנע. אין דעם מאָמענט האָבן מיר דערזען ווי עס קומט אָן ירחמיאל שקליאַר. מיר האָבן פאַררעדט דעם דייטש וואָס איז געזעסן אין דער קאַבינע און שקליאַרן אַרויפגעשלעפּט אויפן אויטאָ. איצט זענען מיר געווען 21 מענטשן: מאָטע פּאַרפּעל, ראובן סקאָקאָלסקי, שקליאַר, איך מיט מיינע 2 שוועסטער און אַ ברודער און אַנדערע. אַז מיר זענען געקומען אין שלאָס, האָט מען אונדז גע־

הייסן זעגן דאָס האַלץ, הייצן די אויוונס און קאָכן עסן פאַר די מערדער. מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז אין דער זעלבער צייט קומט פאָר די שחיטה פון די ניעסוויזשער יידן.

נישט ווייט פון אונדז, אפשר אַ 300 — 400 מעטער, האָט מען צעשאָסן אין די גריבער אַלע יידן. אין שלאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט די גריבער געגראָבן נעכטן ביינאַכט. דער שלאָס האָט געהאַט 4 שטאָק, בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, געוואָלט זען וווּהין פירט מען די יידן. נאָר איך האָב קיינעם נישט געזען, די ביימער האָבן פאַרשטעלט. אויסער דעם האָט מען נישט געפילט, אַז עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדז שיסט מען מיט פּולעמיאָטן. איך האָב נישט געהערט קיין איין שאָס, הגם כ'בין 3 מאָל אַרויף אויפן דאַך. ווי נאָר מיר האָבן צעזעגט דאָס האָלץ — ס'איז געגאַנגען גאַנץ שנעל — זענען מיר ווידער געפאָרן אַ צווייט מאָל ברענגען האָלץ. צוריקוועגס, האָבן מיר ווידער געטראָפן רייען מיט מענטשן אויף גאַראַדזייער גאַס. אין דער ערשטער ריי איז פריילעך און מונטער געגאַנגען חיים בערעזין מיט זיין גאַנצער משפּחה, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען צו אַ חתונה, הגם קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין מען גייט.

מיר זענען צוריק אַריינגעפאָרן אין שלאָס און ווידער געטאָן אונדזער אַרבעט, נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך אַרום.

ווען מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט, זענען געקומען די דייטשן. מיר האָבן געפילט אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. זיי האָבן געבראַכט פאַרבלוטיקטע זאַכן, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט.

מען האָט אונדז געבעטן גיין עסן. קיינער פון אונדז איז נישט געגאַנגען.

6

אַרום 5 פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט אין שלאָס, האָט מען אונדז געהייסן אַרויפגיין אויף די אויטאָס און גענומען ציילן. צום מזל, זענען געווען 2 אַנדערע דייטשן וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען האָט זיי איבערגעגעבן וועגן 20 מענטשן. מיר האָבן געטענהט, אַז עס זענען געווען 21. זיי האָבן אונדז געגלייבט און אַוועקגעפירט אין גימנאַזיע, אויפן הויף, ווו ס'זענען געווען פאַרזאַמלט בערך אַ 500 מענטשן. פון דאָרטן איז נישט געווען ווו אַרויסצוגיין, סיידן ברעכן אַ פענצטער און לויפן. מיר זענען דאָרט געשטאַנען בערך אַ שעה. דערנאָך איז געקומען אַ דייטש, די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און מען האָט אונדז געהייסן אַרויפגיין. די פרויען לינקס און די מענער רעכטס. מען האָט אָנגעהויבן פרעגן איינער דעם צווייטן: „וואָס האָט דאָ פאַסירט? ווו זענען אַלע יידן?” מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט. דערנאָך איז געקומען דער פּאָליציאַנט טשווירקאָ, מיינער אַ שכן, האָט ער מיך אָפּגערופן אין אַ זייט און דערציילט, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסער חורבן און אויסער די וואָס זענען דאָ — איז קיינער נישט געבליבן.

מיר האָבן גענעכטיקט אין גימנאַזיע און מאָרגן פרי האָט מען אונדז געגעבן 2 שעה צייט, אַז יעדער זאָל גיין צו זיך אַהיים און ברענגען נאָר דאָס וואָס ער קאָן טראָגן אין די הענט, נישט מער.

דאָס געטאָ איז שוין געווען אַרומגעצוימט. געטאָן האָט מען דאָס אין דעם טאָג, ווען מיר זענען געווען אין גימנאַזיום. אַדוואָקאַט מאַגאַליף איז באַשטימט געוואָרן אַלס פרעזעס פון יודענראַט.

אַלע יידן־פאַרבלייט מיט די משפּחות וואָס זענען געבליבן — זענען אַריין אין געטאָ. אויך איך מיט מיין משפּחה.

אין געטאָ האָבן געלעבט אַן ערך 600 יידן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די איבעריקע יידן, וועלן זיי טאָן אויך מיט אונדז. מיר האָבן גענומען זוכן מיטלען אַוועקצוגיין.

7

אין געטאָ האָט מען געלעבט פון דער אַלגעמיינער קיך. אין דער קיך האָבן אַלע געגעסן. דאָס עסן איז געווען גאָר שלעכט. נאָר די פאַרמעגלעכע יידן וואָס האָבן געהאַט באַהאַלטן ביי קריסטן פאַרמעגנס, פלעגן פון צייט צו צייט עפּעס אַריינפירן.

איך האָב געאַרבעט אין אַ שמידעריי־שלאָסעריי מחוץ דעם געטאָ. מיט מיר האָבן געאַרבעט נאָך אַ 16 צו 18 מאַן. צוריק גייענדיק, פלעגן מיר צווישן די הויזן אַריינטראָגן אין געטאָ אַ צעשניטן שטיקל פלייש, אַ שטיקל קעז. מיט דעם האָבן יידן געלעבט. דאָס געטאָ איז געווען באַוואַכט דורך אונדזער פּאָליציי אינעווייניק. אויסנווייניק זענען געשטאַנען אַ 2—3 פּאָליציאַנטן, צי דייטשע זשאַנדאַרן.

צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט פלעגן מיר גיין אין מיטן גאַס, אויסגעשטעלט איינער נאָך דעם צווייטן אין איין ריי, אָדער אין צוויי. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין וועג. מיר מוזן פון דאַנען אַוועק — און פאַר דעם צוועק האָבן מיר געשאַפן אַ קליינע אונטערגרונט־באַוועגונג.

מיט מיר זענען געווען אַ פּאָר מענטשן, נישט קיין ניעסוויזשער, ווי אַרעלע גאַך, וואָס איז געקומען אין געטאָ פון דייטשלאַנד, אַלס קריגסגעפאַנגענער. ער איז געווען אַ געניטער מיליטער־מאַן, האָבן מיר זיך מיט אים פאַרבונדן.

צו דער אונטערערדישער גרופּע האָבן אויך געהערט די דריי קינדער פון פייוול דוקער — די זין משה און ניאָמע און די טאָכטער לאה. אויסער זיי — רחל קאגאַן. זי מיט לאהקע דוקער האָבן געאַרבעט ביים ריינקין לייכט געווער אין דער דייטשער קאָמענדאַטור. איך האָב זיך מיט זיי פאַנאַנדערגעשמועסט און זיי האָבן גענומען שמוגלען פון דאָרטן פאַרשידענע טיילן, וועלכע מיר האָבן גענומען צונויפשטעלן. אָבער דאָס איז געווען ווייניק. לאהקע דוקער איז געווען שיין און ברייט געבויט, אַז זי פלעגט פאַר איין מאָל ברענגען אונטער די ברוסטן 2 האַנט־גראַנאַטן.

איך האָב געוווּסט, אַז ווען די רוסן זענען אָפּגעטראָטן, האָט מען באַגראָבן אין אַ געוויס אָרט אַ פּולעמיאָט. איך, אהרון גאַך און חיים־אליהו פּאָליאַטשעק, האָבן זיך נישט געפוילט און זענען 2 ביינאַכט אַוועק צו יענעם אָרט מיט רידלען און אויסגעגראָבן דעם פּולעמיאָט. ביז 4 פאַרטאָג איז אונדז געלונגען אַריינצוגיין דורכן פּלויט אין געטאָ, מיט דעם פּולעמיאָט, אים באַהאַלטן אין אַ הינער־קאַטוך, וועלכער איז גלייך פאַרשטעלט געוואָרן מיט בלאָקן, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געקענט וויסן וואָס דאָרט איז.

פּאַטראָנעס האָבן מיר נישט געהאַט, נאָר אַזוי ווי ביידע מיידלעך האָבן געאַרבעט אין דער דייטשער קאָמענדאַטור, פלעגן זיי אַריינשמוגלען די קוילן. אין געטאָ האָט מען מורא געהאַט אַז מען זאָל זיך נישט דערוויסן, קיינער זאָל אין ערגעץ נישט דערטראָגן.

אין געטאָ זענען געווען נאָך עטלעכע אונטערערדישע גרופּן. איין גרופּע בראש מיט שלום כאָלאַווסקי, אַ צווייטע מיט אַלפּעראָוויטש. איינער פון צווייטן האָבן נישט געוווּסט.

די לעצטע נאַכט פון דער ליקווידאַציע פון אונדזער געטאָ האָט מען זיך צונויפגעקליבן אין שול. עס זענען געגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען. אַ זייגער 6 פאַרנאַכט, קומענדיק פון מיין אַרבעט, האָט מיר דער פּאָלאַק דאָמאַשעוויטש דער־

ציילט, אַז היינטיקע נאַכט וועט מען ליקווידירן דאָס געטאָ.

איך בין מיט דער נייעס אַוועק אין יודענראַט און געזאָגט, אַז איך האָב געהערט פון געוויסע קוועלן, אַז היינט ביינאַכט איז די שחיטה. לאָמיר עפּעס פּרווון טאָן. אַפילו גערעדט מיט מאגאליפן. ער האָט מיר געענטפערט:

— משה, ס'הויבט זיך נישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס. אויב עס וואָלט עפּעס געדאַרפט פּאַסירן, בין איך דאָך יעדן טאָג דאָרטן. עס איז נישט אַזוי.

פונדעסטוועגן האָב איך געהייסן 2 מיידלעך (איך געדענק נישט זייערע נעמען, זיי זענען געווען פּליטים) — וואָס זענען געווען מיט מיר צוזאַמען אין איין גרופּע, זיי זאָלן אים היטן. 7 אָוונט האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז דער פּרעזעס פון יודענראַט דרייט זיך אַרום מיט דער ווייב און מיט די קינדער. קען זיין, ער וויל זיי אַרויסשמוגלען פון געטאָ. ס'זענען געקומען פיל מענטשן און געזאָגט דאָס זעלבע. האָט מען געמאַכט אַ פאַר־זאַמלונג אין שול.

מאגאליף האָט דערקלערט, אַז ער גייט אין קאָמענדאַטור געוויר ווערן. מיר אין שול האָבן דערווייל אָנגעהויבן זיך בונ־טעווען. אייניקע האָבן געשריען מען זאָל אַנטלויפן, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט גיין. איך האָב געשוויגן און בין געגאַנגען טאָן מיין אַרבעט.

אויף די גרופּן־פאַרזאַמלונגען זענען אַרויסגעטראָטן אַ סך מענטשן, מיט פאַרשיידענע דעות: יאָ גיין, נישט גיין, וואַרטן אויף מאגאליפן, וואָס וועט ער זאָגן.

ווען דער פּרעזעס מאגאליף איז געקומען צוריק, בין איך דאָרט נישט געווען. שפּעטער האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט פאַרזיכערט: ס'וועט גאָרנישט פּאַסירן. אָבער מיר האָבן שוין געהאַט צו פיל דערפאַרונג און אָנגעהויבן אַרבעטן. יעדער גרופּע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אירע מיטגלידער דאָס פאַראַנענע געווער און פאַרשידענע כלים. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געווער, האָט מען געגעבן בענזין און נעפט, כדי זיך אונ־טערצינדן און נישט גיין צו דער שחיטה.

8

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן ביינאַכט פינף בחורים אין שטאָט און אין פאַל ס'וועט עפּעס פּאַסירן, מען וועט הערן שיסערייען, זאָל מען אונטערצינדן די שטאָט.

1 ביינאַכט האָבן מיר דעם פּולעמיאָט אַרויפגעשלעפּט אין דער גרויסער שול, אין דער הייך. דאָרט איז געווען אַ באַהעל־טעניש פון מיין חבר אַרל גאַך און נאָך צוויי, וועלכע זענען אומ־לעגאַל געקומען אין געטאָ. צווישן דער דיקער וואַנט האָבן זיי געהאַט אַ צימער, דאָרטן האָבן מיר אַלץ צוגעגרייט, מיר זענען געזעסן אין עק פון אַ געטאָ, וואָס בינדט 2 וועגן. אויב מען וועט אונדז באַפאַלן, זאָל זיין לייכט דורכצוררייסן אַ וועג, אַז אַלע זאָלן קענען אַנטלויפן.

2 אַזייגער ביינאַכט, ווען אַלץ איז שוין געווען באַטראַכט און צוגעגרייט, זענען מיר אַרויף אין דער קאַלטער שול. דאָרטן זענען געבליבן אַן ערך 12 מענטשן: אַרל גאַך, לאָהקע דוקער, חיים־אליהו פּאַליאַטשעק, אירע ברידער, שוסטערמאַן און נאָך עטלעכע. מיר האָבן באַשלאָסן נישט אָנהויבן קיין קאַמף, ביז די דייטשן וועלן נישט אָנהויבן.

דעם 22סטן יולי 1942, אַרום 6 פרי, האָט מען צוגעפירט עטלעכע לאַסט־אויטאָס צום געטאָ און געהייסן עפענען דעם טויער. איך בין דאַן געשטאַנען ביים טויער. דער פּרעזעס מאַ־גאליף האָט באַפוילן, אַז די יידן זאָלן אָנהויבן אַרויפגיין אויף די אויטאָס. אָבער די יוגנט האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן און געשריען: „קיינער גייט נישט אויף די אויטאָס!"

דאַן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ברעכן דעם טויער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. דער פּולעמיאָט אויפן שול־דאַך האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. פון פּולעמיאָט האָט געשאָסן אהרן גאַך. די אַנדערע האָבן געהאַט צו 2 הענט־גראַנאַטן. איך האָב אין דעם מאָמענט גענומען לויפן צו אַ קופּע שטרוי אין געטאָ, אָבער נישט באַוויזן זי אונטערצינדן. מיינער אַ חבר, אַ פּליט, האָט אונטערגעצונדן דאָס שטרוי — וואָס איז געווען דער סיג־נאַל צום אויפשטאַנד, און אויך אַז די חברה וואָס זענען אַוועק פון געטאָ זאָלן צינדן אין אַלע עקן שטאָט ווו זיי געפינען זיך. בדרך כלל האָבן מיר געשיקט די וואָס האָבן געוואָלט אַליין גיין. פון די מענטשן איז קיינער נישט געבליבן לעבן. די שטאָט האָט אָנגעהויבן שטאַרק ברענען. דאָס פייער האָט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צום געטאָ.

ווען איך בין אַוועק פון טויער, האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך שניידן די הענט, דעם האַלדז. איך בין פון דאָרט געלאָפן אין דער ריכטונג ווו כ'האָב געדאַרפט עפענען די דראָטן. פון ביידע זייטן זענען געווען הייזער, נאָר ביים עק געטאָ, איז געווען אַן איבעררייס פון די הייזער. דאָרט האָט מען שטאַרק באַשאָסן, אָבער מיר נישט געטראָפן. איך בין אַריינגעלאָפן אין שטוב און געזאָגט: — טוט זיך אָן, מען רייסט די דראָטן און מען גייט.

איך האָב געוווסט אַז דאָ דאַרפן זיין אַכט מענטשן, נאָר דערזען, אַז קיין איין מענטש איז נישטאָ. פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אַ גראַנאַט אָדער צוויי זענען באַהאַלטן אונטערן באַלקן ביים פענצטער. איך בין אַרויף אויף דער קאַנאַפּע, כדי אַרויסצונעמען דעם גראַנאַט, האָט ווער דורכן פענצטער אַריינ־געשאָסן. מיין מוטער איז געשטאַנען לעבן מיר — און זי האָט באַקומען די קויל אין האַרצן. וואַרשיינלעך אַז דאָס איז געווען אַ דום־דום־קויל, ווייל ס'האָט איר געעפנט די פּלייצע. מיר האָבן זי אַוועקגעטראָגן אין צווייטן צימער. איך האָב געזאָגט צו די קינדער: „מיר גייען — נישטאָ מער וואָס צו וואַרטן". מיין פאָטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער טויטער מאַמען און געזאָגט: „איך גיי מיט איר צוזאַמען".

דאַן איז אַריינגעלאָפן צו אונדז מאָטע פאַ־פעל. ער האָט באַמערקט די טויטע און געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון שטוב און געלאָפן צו די דראָטן. די דייטשן האָבן אים דאָרט געהרגעט. ער איז געבליבן הענגען אויף דער געטאָ־פאַרצוימונג.

איך האָב איינגעזען, אַז מיר קענען דאָ נישט בלייבן, מיר מוזן גיין. פון געווער האָב איך געהאַט ביי זיך נאָר איין גראַנאַט און איין רעוואָלווער מיט אַ קויל, וואָס מיר האָבן זי אַליין געמאַכט. מיר האָבן גענומען גיין צום דראָט. מען האָט שטאַרק געשאָסן. די צווייטע שטוב איז געווען נאָענט. דער בעל־הבית כישין האָט מיך אַ רוף געטאָן: „משה, קום אַהער, איך האָב אַ סכראָן און דו האָסט געווער!" אָבער איך האָב שוין קיין געווע־ נישט געהאַט.

מיר זענען אַריינגעלאָפן צו כישינען. ער האָט געזאָגט: „גיי אַראָפּ אונטן, מיר האָבן דאָ באַהאַלטן אַ גרופּע מענטשן. שפּרונג שנעל אריין, איך פאַרמאַך". איך האָב געזאָגט: „ניין, איך מוז זיי אַלע ברענגען אַהער". איך בין אַריין אין שטוב, גענומען מיינע צוויי שוועסטער און בין געלאָפן זוכן מיין ברודער. דעם פאָטער האָב איך געפרעגט, צי ער גייט מיט, די מוטער איז דאָך שוין טויט. זאָגט ער: „ניין, איך גיי מיט איר".

מיר זענען אַריין אין סכראָן. דאָרט זענען געווען בערך אַ 16—17 מאַן: אַ באַראַנאָוויטשער משפּחה, אַ ניעסוויזשער מש־פּחה, מיר, ראובן סקאקאלסקי, פעדער — אַ וואַרשעווער. דאָס איז געווען אַ פינצטערע גרוב. איך האָב זיי באַלד געפרעגט,

צי מען קאָן אַרויסגיין אין אַ צווייטער ריכטונג. כישין האָט געענטפערט אַז „ניין". האָב איך געזאָגט, אַז ביי אים אין פירהויז שטייען 2 רידלען, אַז איך גיי אַרויס זיי נעמען, ווען נישט, וועלן דאָ אַלע בלייבן. איך בין אַרויסגעשפּרונגען, געכאַפּט די 2 רידלען און געפרעגט: „ווו קומט אויס דער אַרויסגאַנג?" זאָגט ער: „לעבן פלויט, פון ווינקל פון געטאָ". זאָג איך, אַז מיר וועלן אָפּוואַרטן ביז ביינאַכט, מאַכן אַ צווייטע עפענונג און דאָרט אַרויסגיין. זיין ענטפער: „ניין, כ׳האָב אונטערגעקויפט אַ פּאָליציאַנט, מען וועט אַרויסגיין דורך וואַנען מ׳איז אַריין. ס׳איז פיל צו גראָבן, זייער טיף". זאָג איך: „מען וועט שוין דאָס אָפּגראָבן, מיר וועלן עפענען יענע זייט, ווען די דייטשן וועלן זיין אין שטוב".

ווען מיר זענען אַריין אין קעלער, איז אין שטוב געבליבן שטיין אַ וויגעלע, אויף דער עפענונג פון אַריינגאַנג אין קעלער. אַז די דייטשן זענען אַריין אין שטוב, האָבן זיי אַרויס גענומען דאָס קינד פון וויגעלע און מיר האָבן געהערט, ווי זיי וואַרפן עס אָן דער ערד. זיי האָבן אַפילו נישט געשאָסן. זעען האָבן מיר דאָס נישט געזען, אָבער מיר האָבן געהערט. זיי זענען געגאַנגען מיט הינט, אָבער צופעליק אונדזער באַהעלטעניש נישט אַנטדעקט.

איך געדענק נישט, וויפל טעג און שעהן מיר זענען דאָרט געזעסן. לויפנדיק צום בונקער, האָב איך מיין זייגער פאַרלאָרן. נאָר דאָס גראָבן איז געגאַנגען שנעל. דערזען דעם אַרויסגאַנג, האָבן מיר געגעבן אַ שפּרונג אַרויס. איך האָב צופעליק געהאַט מיט זיך אַ שער און איין האַנט־גראַנאַט. איך האָב זיך מיט די מענטשן דערעדט, אַז מיר מוזן אויסמיידן דעם בית־עולם, אַראָפּגיין בידעריקער, צום מיעשטשאַנסקער וואַלד. מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך אין וואַלד, לעבן דער דאַטשע.

.9

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען דעם 22סטן יולי 1942. מיר האָבן אויסגעמיטן דעם בית־עולם און גענומען גיין. אין וועג האָבן מיר זיך צעשיידט. ראובן סטאָקאַלסקי מיט כישינען זענען אַוועק אויף אַלבע. איך האָב דאָס נישט באַמערקט. ווען איך בין איבערגעגאַנגען דעם צווייטן וועג, האָט עמעצער גענומען שטאַרק לויפן, האָב איך געזאָגט צו די מענטשן, זיי זאָלן זיך לייגן און זיין שטיל. אָבער יענער האָט געגעבן אַ געשריי: „משה, דאָס בין איך". דאָס איז געווען אַ ניעסוויזשער יינגל — ישי מאזין. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר וועלן גיין צוזאַמען.

מיר זענען אַריבערגעגאַנגען דעם וועג פון אלבע און אַוועק פאַרביי פאָסטאַרעמטשוקן, ביים שאָסיי קיין גאָראָדייע. דער שאָסיי איז אויך ביינאַכט געווען געפערלעך. ערשט פאַרטאָג האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן דורך די פעלדער לעבן פּאָפּלאַווע און דערגאַנגען ביזן וואַלד, וועלכן דייטשע רייטער האָבן געהאַט אַרומגערינגלט. איך האָב שוין קיין געווער מיט זיך נישט געהאַט, ווייל ס׳איז מיר געווען שווער צו טראָגן. איך האָב דער שוועסטער געהייסן ליגן אין וואַסער און אַליין אויך דאָרט געלעגן. עס איז געווען אַ שיינער טאָג, די פויערים האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די פעלדער. איך האָב ביי אַ פויער גענומען זיינע 2 גראַבליעס, דער שוועסטער געגעבן איינע און פאַר זיך גענומען די צווייטע. מיר זענען צוגעגאַנגען צום וועג, וואָס פירט אין וואַלד. איך האָב דאָרט געטראָפן בערל אַלפּעראָוויטש. ער איז פריער געווען מיט אַ גרופּע מענטשן — און געבליבן אַליין. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט ווי אַזוי צו טרעפן זיך מיט פאַרטיזאַנער און מיט די אַנדערע מענטשן, ווייל איך האָב נישט געגלויבט אַז מען האָט זיי געהרגעט. מיר זענען אַוועק זיי זוכן, אָבער קיינעם נישט געטראָפן.

פאַרנאַכט האָב איך, מיין שוועסטער און בערל זיך געלאָזן צום מיעשטשאַנסקי וואַלד מיט דער האָפענונג, אַז ביים היטער פון וואַלד מוזן זיך געפינען מיין ברודער מיט נאָך אַ שוועסטער. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן אַ קריסט, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ ביקס מיט עטלעכע קוילן.

מיר זענען אַוועק ווייטער, אין „זשאָנדאָווע" (מלוכהשן) וואַלד און געפרעגט די וועכטער צי זיי האָבן געזען יידן? „יאָ, אַ מאַן מיט אַ יינגל זענען אין יענעם הויז". ווען מיר האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו דעם הויז, זענען אָנגעפאָרן דייטשן. איך מיט בערלען האָבן פון הינטער אַ בוים געעפנט אויף זיי אַ פייער. די דייטשן האָבן גענומען זיך צוריקציען. אין דעם מאָמענט האָב איך געזען, ווי עס לויפט אַ פרוי מיט אַ יינגל. דאָס איז געווען מיין שוועסטער מיטן ברודער. זאָגט בערל: „יאָ, איך ז׳ערקען, שיס נישט, וואַרט אַ ווייל". די דייטשן הויבן אָבער אָן אַרומרינגלען. איך האָב אַראָפּגעשאָסן פון די פערד 2 אָדער 3 דייטשן. בערל האָט אָנגעהויבן שרייען: „יהודית, קום שנעל אַהער!" זי איז צוגעלאָפן.

ווידער זענען מיר 5 מענטשן, אַריין אין מיעשטשאַנסקי וואַלד. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן פריידל ליאַכאָוויצקי און איר פאָטער.

.10

אין אָוונט, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין אַ צווייטן וואַלד, האָט מען געטראָפן דוד פאַרפעל, זיין פרוי עלקע און זיין פאָטער. מיר האָבן זיי גענומען און אַוועק ווייטער צוזאַמען. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָרט, ווו אונטער אַ בוים איז געשטאַנען אַ גאַנצער שפּאַנדער. זאָג איך: „בערל, עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, דאָ מוזן זיצן און וואַרטן מענטשן".

איך בין צוגעגאַנגען נענטער. קיינער איז נישט געווען. אַזוי האָט געוואָלט דער גורל: ס׳איז געשטאַנען אַ פאַרטיקער פולעמיאָט מיט קוילן, נאָר צום שיסן. ער איז נאָר געווען אָן פיס. איך האָב באַלד אויסגעשניצט פון האָלץ אַ פיסל אויף אַוועקצושטעלן. מען האָט איצט געקענט דאָס געווער אָנשטעלן און קלאַפּן.

מיר האָבן גענומען זיך רוקן ווייטער. אַ זייגער 4 פאַרטאָג זענען געקומען די פאַרטיזאַנער — אַ גרופּע פון 12 מענטשן. מיר זענען צו זיי צוגעשטאַנען, אַז זיי זאָלן אונדז מיטנעמען. „ניין, מיר קענען נישט היינט, מיר ווילן זען אייער כוח, מיר גייען דורכפירן אַן אַקציע". מיר האָבן זיך מיט זיי אָפּגערעדט.

בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען דער פאָלקאָווניק, ריכטער אין גזוו. נאַטשאַלניק פון דער מיליטערישער שול פאַר דער רויטער אַרמיי, ווו איך האָב געלערנט 6 חדשים. איך האָב אים אָבער ביינאַכט נישט דערקענט.

ער האָט געזאָגט, אַז פרויען קען ער נישט נעמען. „איך וועל קומען מאָרגן 12 ביינאַכט. איר מוזט גוט זיך באַהאַלטן, מען זאָל נישט וויסן ווו איר זענט".

צומאָרגנס ביינאַכט האָבן מיר זיך געטראָפן. זיי זענען געווען שטאַרק צעטומלט. נישט אַלע זענען געקומען, נאָר זעקס מאַן, די אַנדערע זעקס זענען נישט געקומען. זאָגן זיי: „אַז מיר טרעפן זיך נישט היינט, איז מאָרגן, איבערמאָרגן, מיר וואַרטן דאָ, ביז יענע זעקס קומען. מיר וועלן שיקן מענטשן, זען, ווו זיי זענען". האָב איך געפרעגט ווו דאַרף מען גיין זוכן, וועל איך גיין, ווייל איך קאָן די געגנט. זאָגט ער: „ניין, דאָס איז אונדזער אַ סוד, מיר וועלן אַליין זוכן".

די נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט צוזאַמען און בייטאָג האָט ער מיך דערקענט, נאָר איך אים — נישט. זאָגט ער:

— מיכאל, מישא, דאָס ביסטו? האָסט דאָך געדינט אין ניעסוויזש, איך האָב דאָך ביי דיר אין שטוב געוווינט 4 חדשים. איצט, ליידער, קען איך גאָרנישט מאַכן. איך בין קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער און מוז נישט אַלעמען מיטנעמען.

איך האָב אים געענטפערט:

— קענסט דאָך מיר, איך בין אַן עקשן, אויב דו נעמסט נישט אַלע, גיי איך אייך נישט.

פון די 12 מענטשן זענען צומאַרגנס געקומען 11. מיר האָבן מער נישט געוואַרט, זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין. און מיר — זענען אַוועק מיט זיי צוזאַמען אין דער ריכטונג צו די קאַשטאַנער אָדער בערעשטשאַנער וועלדער, אַן ערך 7 ק״מ פון מיר. דאָס איז געווען אַ לאַנגער וועג. מען האָט געמוזט אויסמיידן די הויפּט־וועגן, אַריבערגיין אייזנבאַן־ליניעס, ס׳איז אָבער געווען פריילעך.

קומענדיק אהין, זענען מיר איינגעשלאָסן געוואָרן אין די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיך דאָרט שנעל איינגעאָרדנט, שוין געהאַט ווו צו שלאָפן, וואָס צו עסן און מיר פלעגן כמעט יעדן טאָג באַפאַלן די דייטשן, אָפּגעבן זיי דאָס וואָס זיי האָבן אונדז געטאָן.

מיר, די אָנגעקומענע, זענען געווען ביי אַ 16 מענטשן און צוזאַמען מיט די וואָס זענען דאָרטן געווען פון פריער, זענען מיר געווען אַ 45 מאַן.

מיר האָבן גוט געקעמפט, די פרויען האָבן געקאָכט. מיר פלעגן אַוועקגיין אויף 2—3 טעג, באַפאַלן די דייטשן, די פּאָליציאַנטן — און זיך צוריקקערן.

.11

אין אַ צייט אַרום האָט מיין חבר בערל פאַרגעלייגט אָנצופאַלן אויף ניעסוויזש, צעקלאַפּן די שטאָט עס זאָל פון איר נישט בלייבן קיין זכר. ער האָט שטאַרק צו דעם צוגערעדט. איך בין שוין דאַן געווען קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג פון 10 מענטשן. דער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד האָט געציילט אַ 60 מאַן.

מיר, די ניעסוויזשער, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן מיט אַ פּאָר מירער חברה און אויך קריסטן. מיר האָבן געוואָלט באַפרייען אין ניעסוויעזש די פאַרשפּאַרטע אין תפיסה. זענען מיר נעגאַנגען גאַנצע 2 מעת־לעת, געווען זייער מיד. קומענדיק אין מיעשטשאַנסקי וואַלד, לעבן דער יידישער דאַטשע, איז מען געשלאָפן אפשר 2 שעה. אַ באַקאַנטער פויער האָט אונדז געזאָגט, אַז באַלד דאַרף דורכפאָרן אַ קאָלאָנע דייטשן. דער קריסט איז געווען אַ פאַרבינדלער פון די פּאַרטיזאַנער.

מיר זענען געווען אַ 35 מאַן, גוט באַוואָפנט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צום טראַקט און געוואַרט אויף די דייטשע מאַשינען, וועלכע זענען טאַקע באַלד אָנגעפאָרן. מיין קליינער ברודער האָט נישט געהאַט קיין געדולד — דאָס איז געווען זיין ערשטער אָנטייל אין קאַמף, איז ער אַרויסגעשפּרונגען אויפן טראַקט און גלייך אַריינגעשאָסן אין דער קאַבינע און געהרגעט אַ דייטש. מיר דאַרפן האָבן נישט געקענט שיסן, ווייל ער איז געווען ביי דעם אויטאָ.

אויך אויפן צווייטן אויטאָ איז געווען איין דייטש, האָט ער אויך דאָרט אַריינגעשאָסן, מיין ברודערל. דער דייטש איז אַראָפּגעשפּרונגען פון מאַשין און אָנגעהויבן לויפן. מיר האָבן צוגענומעןביידע אויטאָס און אויף זיי אַרומגעפאָרן. אין דער געגנט האָבן אַלע געזאָגט, אַז דאָ זענען פאַראַן פיל פּאַרטיזאַנער און זעלנער פון דער רויטער אַרמיי.

די דייטשן האָבן גענומען אַראָפּברענגען מיליטער. איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך שנעל אָפּטראָגן. אָבער איך בין נאָך געווען אַ קליינער דעה־זאָגער. האָבן די אַנדערע געטענהט: „ניין, מיר ווילן נאָך קעמפן, מיר דאַרפן נאָר האָבן געלט, מיר מוזן נאָך פאָרן אין דער לעשניטשעווקע פון קאַזשאַנעם וואַלד״. מיר זענען אַהין אַוועק, נאָר דאָרט האָט מען אונדז באַגעגנט מיט אַזאַ פייער, אַז מיר זענען קוים אַנטלאָפן מיט 3 פאַרוווּנדעטע קריסטן. מיר האָבן זיך אָפּגערוט און אַוועק צוריק, נישט געוואָלט רעזיגנירן פונעם פּלאַן צו גיין ביינאַכט באַפרייען די גלחים און אַנדערע אַרעסטירטע פון תפיסה.

אָבער אין יענער נאַכט האָט מען אונדז אַרומגערינגלט. דער וואַלד איז געווען אַ גאַנץ קליינער, די דייטשן זענען דערגאַנגען ביז 3 מעטער פון אונדז. ווען מיר האָבן זיך געגעבן אַ הויב, האָט מען אויף אונדז געעפנט אַ פייער. לעבן מיר איז געזעסן בערל אַלפעראָוויטש. ער איז געווען דער פּולעמיאָטשיק. פּלוצים האָט ער געגעבן אַ געשריי: „משה, איך בין פאַרוווּנדעט״. מער קיין וואָרט האָב איך נישט געהערט. בערל האָט געקראַגן עטלעכע קוילן אין ברוסט. ער איז, קענטיק, שוין געווען טויט. איך האָב געזען, אַז דייטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט. איך האָב נאָר געזען זייערע פיס. איך האָב געוואָרפן איין האַנטגראַנאַט, דעם צווייטן — און דורכגעריסן די דייטשע אַרומרינגלונג. איך האָב זיך געלאָזן לויפן, נישט געוווּסט וווהין. אַרויסגעלאָפן אין עק פון דעם וועלדל, כ׳האָב קיינעם נישט געזען. אָבער מיר האָבן געהאַט אַ באַפעל: נאָכן קאַמף — צוריק קומען. איך בין אַרומגעקראָכן אַ 2—3 שעה און קיינעם נישט געטראָפן, האָב איך זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון וואַנען איך בין געקומען. כ׳בין צו אויף דעם פּלאַץ ווו מיר פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, איך האָב געוואַרט 3—4 שעה און קיינער איז נית געווען, האָב איך געטראַכט: זענען אַלע פאַרלוירן? אויסגעהרגעט? אָבער ניין, עס קאָן נישט זיין. איך האָב געפרעגט דעם פויער: „אפשר האָסט געזען פּאַרטיזאַנער?״ זאָגט ער: „יאָ, זיי זענען נאָר־וואָס אַוועק, גיי שנעלער נאָך״. איך האָב זיי אַזוי נאָכגעיאָגט 24 שעה — און קיינעם נישט דעריאָגט. איך בין שוין געווען שטאַרק מיד און זיך געלייגט שלאָפן.

אין דער פרי, גייענדיק ווייטער, האָב איך געטראָפן צוויי אונדזעריקע, דערנאָך דריי, פיר, זעקס. האָב איך געפרעגט: „ווו זענען די רעשט?״ זאָגן זיי: „קיינער איז נישט געבליבן. מיר זענען געווען אויפן אָרט״.

גייענדיק צוריק, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף די פעלנדיקע מענטשן. זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן באַערדיקט בערל אַלפעראָוויטש.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן די דייטשן צעשניטן בערלען אויף שטיק־שטיקלעך. בערל האָט פאַר אונדזער באַפאַלן די דייטשן, דערהרגעט אַ פּאָליציאַנט און אָנגעטאָן זיינע שטיוול און מונדיר. עטלעכע וואָכן איז ער געגאַנגען אַלס דייטשער פּאָליציאַנט. איך גלויב, אַז צוליב דעם וואָס ער איז געווען אין זייערע זאַכן אָנגעטאָן, האָבן זיי צעשניטן זיין קערפּער.

.12

אין דער צייט איז אונדזער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, דער געוועזענער נאַטשאַלניק פון שול, געבליבן אין ניעסוויעזש. ער האָט דאָרטן באַדאַרפט מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן, מען האָט אים אָבער געכאַפּט און דערשאָסן.

קאָמאַנדיר פון אָטריאַד איז געווען יוזשעק מאַרכווינסקי, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געוווינט אין ניעסוויזש, אַליין אַ לאָדזשער. ער האָט געהאַט אַ יידישע פרוי, אַ גוטער קריסט געווען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אונדז געטראָפן אַזאַ פאַל: אַ ייד האָט געהרגעט אַ פּאַרטיזאַנער. דער מערדער איז געווען פון ניעסוויזש, נאָר אַ פּליט. אַ מיאוסער פאַרשוין. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָבן מיר אים געפרעגט, צי ער האָט עס געטאָן. האָט ער געזאָגט: „ניין". האָבן מיר אים געזאָגט: „אויב דו האָסט עס געטאָן, מוזטו פון דאַנען אַנטלויפן". ער האָט אָבער געלייקנט. מען האָט דעם פּאַרטיזאַן אויפגעגראָבן און אַלע סימנים האָבן באַוויזן, אַז מען האָט צו אים געשאָסן פון אָרט. מען האָט דעם יידן געמשפּט און אים דערשאָסן.

איך האָב פאָרגעלייגט מיר זאָלן זיך צעטיילן און פאַרלאָזן דאָס אָרט. איך בין דאַן געווען קאָמאַנדיר איבער 30 מאַן. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין נאַליבאָקער פּושטשע, דאָרטן זיך אָנגעשלאָסן אין גרויסע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און געפירט שטאַרקע קאַמפן. מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם עראָדראָם, ווו ס'פלעגן לאַנדן עראָפּלאַנען פון רוסלאַנד.

די פאַראייניקונג האָט געהייסן „טשקאַלאָווער בריגאַדע", צו וועלכער איך האָב געהערט. מיר פלעגט אויסקומען איין מאָל אין יאָר צו היטן מיט מיינע 150 מענטשן דעם פּלאַץ ווו דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט.

מיר האָבן באַפרייט גריניעץ, באַפרייט וואָלאָזשין, עטלעכע מאָל אָנגעפאַלן און צעהרגעט דאָרט אַלע דייטשן. מיר פלעגן באַפאַלן באַנען מיט מיליטער און זיי אויפרייסן. מיר האָבן גענומען נקמה, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק.

אַלס קאָמאַנדיר פלעג איך זיך טרעפן אויף די וועגן מיט זאָרינס אָטריאַד (פון בלויז מינסקער יידן). אויך בעלסקיס אָטריאַד איז געווען פון בלויז יידן, וועלכע ער האָט אויפגעקליבן. איך פלעג אַריינפירן צו זיי מעל און פלייש, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט צופיל עסן.

איך גלויב, אַז ביי אונדז אין אָטריאַד איז נישט געווען ספּעציעל קיין אַנטיסעמיטיזם, ווייל די פירערשאַפט איז נישט געווען אַזעלכע. אין אַנדערע ערטער האָט מען געהערט פון אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן, אָבער ביי אונדז האָב איך עס בכלל נישט געפילט. די קריסטן פלעגן זאָגן: „דו ביסט נישט קיין ייד". איך אָבער האָב געענטפערט: „שטענדיק אַ ייד!" און תמיד זיך פאָרגעשטעלט מיט מיין יידישן נאָמען.

.13

אונדזער באַפרייאונג איז פאָרגעקומען אין יולי 1944. נאָך דער באַפרייאונג האָט מען מיר נישט ז'ערלויבט צו גיין אין מיליטער, נאָר העלפן דער נייער מאַכט אויפן אָרט. איך האָב געוואָלט קיין ניעסוויזש, נעמען נקמה פון די אָרטיקע קריסטן, די דייטשע מיטהעלפערס. ליידער, האָט מען מיך ניט געלאָזט אַהין, נאָר באַשטימט צו פירן דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי, אָדער דייטשע קריגס־געפאַנגענע. מיר האָבן עטלעכע מאָל געפירט אַזעלכע גרופּעס, צו 70—80 מענטשן. געדאַרפט זיי צושטעלן אין מינסק. מיר האָבן זיי אָבער נישט דערפירט, נאָר אויפן וועג אויסגעהרגעט. ווען אַנדערע פּאַרטיזאַנער פלעגן פירן דייטשע קריגס־געפאַנגענע, פלעגן זיי אויך טאָן דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן. אָבער לאַנג האָט עס נישט געדויערט. נאָך דעם האָט מען נישט דערלויבט פּאַרטיזאַנער צו פירן דייטשע קריגס־געפאַנגענע.

דאַן האָב איך געמ'זט אַכטונג געבן אויף מאָביליזירטע פּריזיוויניקעס. צושטעלן זיי אין וואָיענקאָמאַט אין וואָלאָזשין. איך האָב זיך געריסן אַהיים — נאָר מען האָט מיר נישט דערלויבט. ענדלעך האָב איך געקריגן אַ דערלויבעניש פון אַ פּאָלקאָווניק אין סטאָלפּצי, ווען איך האָב אים געבראַכט 600 דאָפּריזיוויניקעס און קיינער האָט נישט געפעלט. פאַרן דערפירן אַלע מענטשן צום אָרט, האָב איך באַקומען עטלעכע פרייע טעג און געפאָרן אַ היים.

אין ניעסוויזש איז נאָך נישט געווען קיין מאַכט. מען האָט איר אָנגעהויבן ערשט איינצושטעלן. איך בין אַריין צום פּראָקוראָר טאַזשאַקין, וועלכן כ'האָב געקענט פון פאַרן קריג. איך האָב זיך מיט אים פאַנאַנדערגערעדט, אַז איך וויל קומען קיין ניעסוויזש, האָט ער געזאָגט: „מוזט קומען אַהער, איך דאַרף דיך דאָ האָבן". ער האָט מיר געגעבן אַ „נאַפּראַוולעניע". כ'בין געפאָרן קיין וואָלאָזשין, דאָרט זיך באַפרייט — און ענדלעך געקומען אין ניעסוויזש און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס נאַטשאַלניק פון בוי־אָפּטייל פון דער פאַזשאַרנע קאָמאַנדע, וואָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער נ.ק.וו.ד. און האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט פיל אָרטיקע קריסטן — קאָלאַבאָראַנטן אויסצוליפערן דער סאָוויעטישער פּאָליציי וועלכע האָט זיי פאַרשיקט קיין סיביר.

איך האָב זיך געפונען אין ניעסוויזש אין משך פון אַ יאָר צייט, אָבער מיין שט'עבונג איז געווען אַוועק צו פאָרן. איך האָב געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, אָבער די נאַטשאַלסטווא האָט נישט געוואָלט. ביז עס איז געקומען די צייט פון מיין אורלויב. זיי האָבן מיך געפרעגט: „וווהין ווילסטו פאָרן? קיין מאָסקווע אויף אַ חודש צייט? ביטע". זאָג איך: „יאָ, איך וועל שוין פאָרן".

איך בין אַוועק קיין באַראַנאָוויטש. האָב באַצאָלט און געמאַכט זיך פאַפּירן. קיינער האָט נישט געוווּסט. פון באַראַנאָוויטש בין איך אַריינגעפאָרן קיין ברעסט־ליטאָווסק, אַריבער די פּוילישע גרענעץ און אין פּוילן זיך פאַרבונדן מיט מיין אָרגאַניזאַציע פון פאַרן קריג — „השומר הצעיר". מיר האָבן געזוכט אַ וועג דורכצורייסן זיך קיין ארץ־ישראל.

איך בין געווען אין מינכען און אין פערנוואַלד. אין יאָר 1947 האָט מען פון פערנוואַלד גענומען פיל פּליטים אויף דער שיף „עקזאָדוס".

דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט דער דאָזיקער מעפּילים־שיף — איז אַלעמען באַקאַנט. נאָך דער „אויפנאַמע" פונעם בריטישן מיליטער אין חיפהער פּאָרט — איז „עקסאָדוס" געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן קיין דייטשלאַנד. אין פּעפּענדאָרף זענען מיר געווען אַ 6 חדשים, ביז מיר זענען מיט דער „עליה ב'" אָנגעקומען קיין ישראל.

מיינע איבערלעבונגען בעת דער היטלעריסטישער אקופאציע

יהודית מירסקי־דמשק

דעם ערשטן טאָג, ווען די דייטשן זענען אַריין אין ניעסוויזש, זענען זיי געקומען צו מיינע עלטערן באַשטעלן אַרבעט. מיין פאָטער איז געוו־ען אַ שמיד און אַ שלאָסער. ווי נאָר די דייטשן זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי ה־געגען אַלע יידן.

סוף יוני 1941טן יאָר, ווען די רוצחים האָבן פאַרנומען דאָס שטעטל, האָבן זיי זיך טאַקע אַ נעם געטאָן צו די יידן — און קודם כל אָנגעהויבן ראַבעווען. ס'איז געוואָרן אַ זייער שווערע צייט. מען האָט נישט געלאָזט די יידן גיין אויף די טראָטואַרן, נאָר אינמיטן גאַס. צומערשט — מיט לאַטעס, דערנאָך מיט מגן־דודס. די דייטשן האָבן גענומען שיסן און הרגענען, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

די יידן האָט מען געטריבן צו דער אַרבעט. שפּעטער האָבן די פּאָלאַקן אַ סך געהאָלפן די דייטשן.

מיר האָבן געלעבט אין אַ קריסטלעכן ראַיאָן, ביז מען האָט געשאַפן דאָס געטאָ. ביזן אָנטשטיין פון געטאָ, האָבן מיר נאָך באַאַרבעט די אייגענע פעלדער. דערנאָך האָבן די דייטשן צוגענומען ביי אונדז די פעלדער מיט די בהמות און נאָך גוטע זאַכן, וואָס זענען געווען אין שטוב. נאָר דער טאַטע האָט נאָך געאַרבעט אין קוזניע פאַר די דייטשן.

*

די ערשטע שחיטה איז ביי אונדז פאָרגעקומען דעם 30סטן אָקטאָבער 1941. אין אָוונט, איידער מיר זענען געגאַנגען שלאָפן. איז צו אונדז אַריין אַ קריסט און געזאָגט אַז מען גראָבט גריבער, מעגלעך אַז מאָרגן וועט עפּעס געשען מיט די יידן, אָבער וואָס — האָט ער נישט געוואָלט זאָגן.

אין ניעסוויזש איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט.

פרעזעס איז געווען מאגאליף. יענעם פרימאָרגן האָט מען גאַנץ פרי געשיקט די יידישע פּאָליציי אָנזאָגן, אַז אַלע יידן מוזן קומען אויפן מאַרק. ווען מיר זענען געקומען אהין, האָט די דייטשע פּאָליציי אונדז אַרומגערינגלט.

אַ 5—4 טויזנט יידן, גלויב איך, זענען געווען אין ניעסוויזש. האָבן מיר זיך אַלע א־יפגעקליבן אויפן מאַרק. די דייטשן האָבן אויסגערופן אַלע פּאַכלייט, זענען מי־ אַרויס מיט די פּאַכלייט. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין גימנאַזיע. די, וואָס זענען געבליבן אויפן מאַרק האָבן געזאָגט, אַז מען פירט אונדז שיסן. קיינער האָט אָבער נישט געוווסט ווען מען פירט שיסן און בכלל וואָס דאָ טוט זיך.

אין גימנאַזיע האָט מען אויסגעקליבן די יוגנט — אויך איך בין געווען צווישן זיי. מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין מאַשינען און אַוועקגעפירט אינעם פּאָלוואַרק פונעם פירשט ראַדזשיוויל. דאָרט זענען איינגעשטאַנען די דייטשן וועלכע האָבן די יידן געפירט צו דער שחיטה. מיר האָבן געדאַרפט צוגרייטן דאָס אָרט פאַ־ די רוצחים, אַז נאָך דער שחיטה זאָלן זיי האָבן וווּ זיך אָפּצורוען. פאַרשטייט זיך, אַז אין אָנהייב האָבן מיר גאָרנישט געוווסט. דערנאָך, אַז מען האָט גענומען פירן צום קניאַ־ש ראַדזשיווילס פּאַלאַץ די זאַכן פון די טויטע, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז מ'האָט אויסגעהרגעט די יידן.

אין גימנאַזיע זענען מיר געווען אַ 5 טעג. מען האָט אַלעמען פאַרטיילט אַ לעבל ברויט אויף די 5 טעג. מען האָט אונדז דאָרטן געהאַלטן, ביז וואַנען מען האָט דאָס געטאָ אַרומגעצוימט מיט דראָטן. אַרויסגייענדיק פון גימנאַזיע, האָט מען אונדז געגעבן 2 שעה פריי, מיר זאָלן גיין אַהיים און נעמען זאַכן וואָס מען קען איבערטראָגן אין די הענט. ווען מיר זענען געקומען אַ היים, איז כמעט אַלץ געווען צעראַבירט. מיר האָבן נאָר גענומען אַ פּאָר קליי־יקייטן.

בעתן אַריבערגיין אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ, האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג נישט געלאַכט, נאָר געשטאַנען און געקוקט אויף אונדז ווי אויף גערודפטע חיות.

נאָך די 2 שעה זענען מיר געקומען אין געטאָ.

אָבער די טראַגעדיע וואָס איז געווען ביים אַריינגיין אין געטאָ, איז נישט צום באַשרייבן.

משפחות זענען געוואָרן צעשיידט. אפשר אַ 2—3 משפחות זענען געבליבן צוזאַמען. אונדזער משפחה איז גראָד געווען צוזאַמען.

מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין אַ שטוב צו 10 און 20 מענטשן. אַזוי האָבן מיר געלעבט אין געטאָ 10 חדשים.

איך האָב געאַרבעט פאַר די דייטשן אין אַ שניידעריי־וואַרשטאַט.

אַלע וואַרשטאַטן זענען געווען אויסערן געטאָ.

אין געטאָ פלעגן בלייבן נאָר די עלטערע מענטשן וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דער ערשטער מאַסן־צעשיסונג.

דאָס געטאָ איז געווען באַוואַכט פון דער יידישער פּאָליציי פון אינעווייניק און דייטשן — פון דרויסן.

עס זענען געווען פאַלן, ווען די דייטשן פלעגן קומען אין געטאָ, אַרויסנעמען מענטשן אויף וועלכע זיי האָבן געוואָרפן אַן אומחן און דערהרגענען אָן אַ פאַרוואָס. איינער אַזאַ קרבן איז געווען יהושע קראַוויעץ.

ער האָט פריע־ געהאָט אַ געשעפט. אין געטאָ האָט ער געאַרבעט אין דער פּאָליציי. מיין שוועסטער איז גראָד דאָרט געווען און געזען ווי מען האָט אים דערשאָסן אויפן הויף פון דער יידישער פּאָליציי.

אין ניעסוויזש אי־ז געווען אַן אַדוואָקאַט מעסיטע. האָט מען אים פון געטאָ אַ־ועק געפירט אין „גליבישטשע" (אַזוי האָט געהייסן דאָס אָרט מיט די ליים־גריבער) און דאָרטן געשאָסן.

זיי האָבן אויך געשאָסן מאָטל לעדער, וועלכע־ איז געגאַנגען עפּעס אויסטוישן אויף ברויט און קאַרטאָפל.

מען האָט נאָך געהרגעט אהרון דעם שוחט. ער איז געגאַנגען קיין האָראָדזיי מל זיין אַ קינד. אויפן וועג האָט מען אים געכאַפּט און דערשאָסן.

*

די יוגנט אין געטאָ האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע.

לאה דוקער און רחל קאָהען האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן ביים געווער, פלעגן זיי נעמען פאַ־שידענע טיילן פון געווער, זיי אַריינלייגן אין בוזעם און ברענגען אין געטאָ. די אויפגאַבע צו גנבענען געווער פאַרן געטאָ האָט זיי געגעבן בערל אַלפעראָוויטש, מיין ברודער משה דמשק און שלום כאָלאַווסקי.

צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט א־יך געהערט אה־ון גאַך. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געפונען ביי די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט, איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און געקומען צו אונדז אין געטאָ. מיין ברודער איז געווען זיינער אַ חבר, איז ער געקומען צו אונדז אין שטוב.

ס׳איז נאָך געווען סיאָמקע פאַרפעל און אַנדערע חברה וואָס האָבן צוזאַמענגעאַ־בעט אין דעם אונטערגרונט. מיין ברודער האָט אַנטייל גענומען אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און פון צייט־צו־צייט מיר דערציילט, אַז די יוגנט איז אַנטשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין פאַל אַז מ׳וועט ליקווידירן דאָס געטאָ.

מען האָט אָנגעהויבן קלייבן געווער און צוגעגרייט שטרוי אַז אין פאַל פון אַ שחיטה, וועט מען אונטערצינדן דאָס געטאָ.

אַ געוויסן טאָג זענען געקומען קריסטן און דערציילט, אַז מ׳הרגעט אויס די יידן וואָס זענען פאַרבליבן אין די קליינע שטעטלעך. דעם 20—21סטן יולי 1941 האָט מען אומגעברענגט די יידן אין האָראָדזיי און אין סנאָוו. דעם 22סטן יולי האָט מען געמאַכט די שחיטה אין ניעסוויזש.

מיט אַ טאָג פריער האָט מיר געזאָגט דער ווייסרוס רובלעוויטש, אַז עס וועט זיין ביי אונדז אַ שחיטה.

ער האָט געהערט, אַז מען וועט מאָרגן הרגענען די יידן. מיין שוועסטער האָט געוואַשן די פּאָדלאָגעס אין דער פּאָליציי און אין תפיסה, האָבן מיר זי געשיקט פרעגן ביי אַ דייטש וועלכער האָט איר געזאָגט: „נאַדיר מיינע זאַכן, וואַש זיי אויס און וועסט זיי מאָרגן ברענגען צו דער אַרבעט״.

פאַרנאַכט איז געוואָרן אַ טומל אין געטאָ — מען האָט גענומען רעדן וועגן דער שחיטה. דערווייל האָט דער פּרעזעס פון יודנראַט צוזאַמענגערופן די מענטשן וועגן וועלכע ער האָט געוווּסט אַז זיי האָבן געגעווער. אַ סברה, אַז ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און זיי אַרויסגעבן. מיין ברודער איז געזעסן ביים פּרעזעס ביז אַזייגער 2—3 ביינאַכט. מיר האָבן בכלל נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך. מיר האָבן שוין נישט געקענט אַרויסגיין אין געטאָ וואָס איז שוין געווען באַזעצט מיט דייטשן.

אַזייגער 4 פאַרטאָג איז געקומען דער ברודער. ווען ער איז געקומען אַהיים, איז קיינער נישט געשלאָפן. פּלוצלינג האָט די מאַמע דערהערט אַז מען שיסט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „קינדער, קינדער, לייגט זיך אויף דער ערד, ווייל מען שיסט״. אין דעם מאָמענט האָט זי געקראָגן אַ קויל און איז שטאַרק פאַרווונדעט געוואָרן. איך בין אַוועק צום דאָקטער קעסעל. ער איז געווען אַ גוטער באַקאַנטער דער מאַמעס און איז אַליין געקומען. ער האָט איר נאָר איבערגעבונדן. איך האָב אים געבעטן, אפשר האָט ער סם. האָט ער געזאָגט: „קינדערלעך, ס׳איז שפּעט, איך האָב גאָרנישט״.

דער פאָטער מיינער האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן, ער האָט געזאָגט, אַז ער בלייבט מיט דער מאַמען. די מוטער האָט נאָך געזאָגט אירע לעצטע ווערטער: „אַנטלויפט קינדער פון שטוב, זעט ראַטעוועט זיך״.

מען האָט שוין געהערט אַ געדיכטע שיסעריי.

ס׳איז געווען 5 אַזייגער פאַרטאָג. אין דער צייט איז צו אונדז אַריינגעלאָפן מאָטע פאַרפעל און געזאָגט: „קומט, מיר וועלן פּרווון אַנטלויפן, מען דאַרף זיך ראַטעווען. פאַראַן דאָ אַ קליין מיידעלע, ראַטעוועט עס״. איך ווייס נישט צי דאָס קינד איז געווען זיינע אַ שוועסטערס, צי אַ ברודערס. „איך האָב געלט — זאָגט ער — אפשר וועט מיר געלונגען זיך אויסצוקויפן ביי די דייטשן״. אַרויסלויפנדיק פון אונדזער שטוב, האָט מען אים גלייך געהרגעט.

דערנאָך איז צו אונדז געקומען מיינע אַ קוזינע און אויך געבעטן מיר זאָלן זען זיך ראַטעווען. האָב איך איר געזאָגט: „האָדעלע, איך גיי נישט אין ערגעץ זיך ראַטעווען. זעסט דאָך אַז די מאַמע ליגט אויף דער ערד, זי איז שוין כמעט טויט״. אָבער די לעצטע ווערטער פון דער מאַמען, וואָס זי האָט אונדז געזאָגט („אַנטלויפט קינדער פון שטוב, זעט ראַטעוועט זיך״) — זענען גוט אַריין אין זכרון. דעריבער זענען מיר פיר קינדער אַרויס פון שטוב.

מיר זענען אַריין צו אַ שכן אין קעלער ווו ס׳האָבן זיך געפונען 17 אָדער 19 מענטשן. צווישן זיי די משפחה גורוויטש מיט אַ קליין קינד פון אַ יאָר אָדער אַנדערהאַלבן. זיי האָבן עס געלאָזן זיצן אין צימער אויף דער פּאָדלאָגע וואָס איבער אונדזער קעלער־באַהעלטעניש. דאָס קינד האָט זייער שטאַרק געשריען, האָבן זיך די עלטערן פון קינד אָפּגעסמט אין קעלער. אַז די דייטשן זענען אַריין אין דער וווינונג, האָבן זיי דאָס קינד דערהרגעט. ווי אַזוי זיי האָבן עס דערהרגעט, האָבן מיר נישט געזען, מיר זענען דאָך געווען אין קעלער.

אַרום 4 פאַרנאַכט, ווען מיר זענען געווען פאַרשפּאַרט אין קעלער אַ 12 שעה, אָן לופט, איז דער פּליט פון באַראַנאָוויטש, כישין, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אונדז — אַראָפּ פון זינען. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: „פּאָלאַקן, ראַטעוועט!״ אין דעם מאָמענט האָט מען איינגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג, האָט מען אויפגעריסן דעם קעלער און גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער. איך און מיין ברודער יוסף זענען אַוועק אויפן יידישן בית־עולם. מיר זענען דאָרט אַריין אין אַ רבנישן אהל און געזעסן ביז פינצטער. מיר האָבן געהערט אַ זייער שטאַרקע שיסעריי. ערשט אַזייגער 12 ביינאַכט זענען מיר דורכגעגאַנגען דעם שאָסיי און זיך געלאָזן קיין האָראָדזיי און דערנאָך אין די וועלדער אַרום ניעסוויזש, אויפן וועג קיין סטאָלפּצי. דער צווייטער ברודער מיט נאָך אַ שוועסטער זענען אויך צוזאַמען אַרויסגעשפּרונגען פון קעלער און שפּעטער אַריין אין וואַלד.

*

אויפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך געטראָפן אין וואַלד ביי דער אַלטער פּויערטע פּיטקעוויטש. מיר האָבן פאַר דער מלחמה געהאַט ביי איר בינשטאָקן.

אין וואַלד האָבן מיר אויך באַגעגנט בערל אַלפּעראָוויטש, פריידל ליאַכאָוויצקי מיט איר פאָטער און פאַרפעל.

עטלעכע טעג זענען מיר אַרומגעגאַנגען אַלע צוזאַמען.

אין פּאָהולאַנקע, נעבן וואַלד, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן יונגן קריסט קאַזשיק. ער האָט אונדז פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער פון יוזשעק מאַרכווינסקי און זיין גרופּע.

מיר זענען אַוועק מיט די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אונדז געבראַכט ביז די מיר׳ער וועלדער. דאָרט איז מען אַריין צו פּויערים און אָפּגעגעסן. איין מאָל, זיצנדיק אין וואַלד, האָבן מיר געזען פאַרבייגיין אַ מיידל מיט בחורים, אַלע ווייסרוסן. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז אויך זיי זענען פּאַרטיזאַנער. „וואָס דאַרפט איר זיין אַליין, קומט צו אונדזער גרופּע״. זענען מיר אַוועק מיט די עטלעכע פּאַרטיזאַנער.

אין דער פרי האָבן די קריסטן אויפגעוועקט עטלעכע יידן צו דער אַרבעט, זיי זאָל׳ן העלפן קאָכן עסן. אין קיך איז געזעסן איינער וואָס האָט געהייסן סאַשקאַ דערעוואָ. ער האָט געהערט אַז ס׳איז געקומען אַ גרופּע יידן. איך האָב נישט געוווּסט ווו מ׳גייט נעמען וואַסער, איז ער מיט מיר געגאַנגען און געוויזן דאָס אָרט. אויפן וועג זאָגט ער מיר אויף רוסיש, אַז ער ווייסט ווו ס׳געפינען זיך זיינע עלטערן... איך האָב בעת־מעשה זיך נישט געכאַפּט, אַז ער איז אַ ייד. עס זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג, האָט ער מיר אויסגעזאָגט, אַז ר׳איז אַ ייד.

מיר זענען שוין פאַרבליבן מיט יענע פּאַרטיזאַנער צוזאַמען. דאָ האָבן זיך אויפגעקליבן ביי 60 מענטשן, יידן און

קריסטן. קאָמאַנדיר איז געווען יוזשיק. די 12 יידן האָט מען פאַרטיילט צווישן אַלע 4 גרופן, צו עטלעכע יידן און אָפּגעשמועסט, אַז מיר דאַרפן זיך טרעפן אין אַ חודש אַרום.

מיר זענען געבליבן מיט סאַשאַן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט סאַשאַ געמאַכט אַ טומל, פאַרוואָס זיי האָבן צעשיידט די יידן. אַ דאַנק דעם איז מען ווידער געווען צוזאַמען.

אין אַ צייט אַרום זענען אַ 120 מירער יידן אַרויס פון געטאָ. אַ ייד וואָס האָט געאַרבעט אין געסטאַפּאָ האָט זיי דערצו געהאָלפן. אַז זיי זענען געקומען אין וואַלד, זענען מיר געגאַנגען זיי באַזוכן. ביי אונדז איז שוין געווען מער געווער און מער פאַרטיזאַנער. אויפן דריטן טאָג האָט פאָליציי זיי געפונען און שטאַרק באַשאָסן די מירער יידן. אַ דאַנק אונדזער גרופּע וואָס האָט געקענט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, האָבן די מירער באַוויזן צו אַנטלויפן. אָבער די וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך האָט מען דערהרגעט. די יידן זענען זיך צעלאָפן און דאָס וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך פון געטאָ, האָבן זיי אויך איבערגעלאָזן אין וואַלד.

*

אין יענער צייט איז געוואָרן אומרואיק אין דעם פאַרטיזאַנער־לאַגער, האָבן די מירער יידן גערופן מיין מאַן און אים דערציילט, אַז ס׳איז זייער שלעכט, מען נעמט אויסה־גענען דאָס ביסל יידן וואָס זענען פאַרבליבן פון מיר. דאָס טוען גראָד די רוסישע פאַרטיזאַנער וואָס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט אונדז. מיין מאַן האָט זיך פון דעם שטאַרק אויפגערעגט.

אין צווישנצייט איז מען באַפאַלן די דערפער וואָס זענען געווען אַרום דעם וואַלד. זענען די פאַרטיזאַנער פון אונדזער לאַגער אַוועק העלפן די אַנדערע פאַרטיזאַנער. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפטיקער קאַמף און עס זענען געפאַלן 18 פאַרטיזאַנער, אַלע קריסטן. דעם קאָמאַנדיר יוזשעק זענען אָפּגעפרוירן די הענט מיט די פיס, ער איז אויך פאַ־ווונדעט געוואָרן. די יידן האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון פייער, אַנדערש וואָלט ער געבליבן און מ׳וואָלט אויך אים גענומען לעבעדיקערהייט.

נאָך דער שלאַכט איז מיט נאָך אַ פאַרטיזאַנער צוריק געפאָרן אַ ניעסוויזשער ייד און ביי אים אין ביקס איז געבליבן אַ קויל. פאָרנדיק אין שליטן, האָט די ביקס אויסגעשאָסן און דער פאַרטיזאַנער איז דערהרגעט געוואָרן.

אַז מ׳איז צוריק געקומען אין לאַגער, האָבן די קריסטלעכע פאַרטיזאַנער גענומען פאָרשן ווי אַזוי ער איז געהרגעט געוואָרן, און דערגאַנגען, אַז די קויל איז געפאַלן פון אַ נאָענטער שטרעקע. זיי האָבן זיך גענומען צו דעם יידן, דערנאָך אויסגעשטעלט אַלע מירער יידן און מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס געווער, געפאָדערט אויסצוזאָגן ווער ס׳האָט אים געשאָסן. די יידן האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן נישט, האָט מען זיי געדראָט מיט שיסן. ס׳איז דאַן געווען אַ שלעכטע צייט אין לאַגער. איז מיין מאַן צוגעגאַנגען צו דעם ייִנגל (אַ פריזירער) און אים געזאָגט: „הער, מיר וועלן סיי־ווי זיך פונאַנדערגיין, ווייל מיר קענען נישט מער זיין צוזאַמען, גיי אַוועק אויף יענעם וועג, ווייל זיי וועלן דיך במילא שיסן”. זאָגט ער, אַז ר׳איז נישט שולדיק, נישט ער האָט געשאָסן. איך ווייס נישט צי דאָס ייִנגל האָט יאָ געוווּסט אַז סאַשע איז אַ ייד, אַז ער וויל אים פאָרשן. ער האָט נישט געוואָלט גיין. דערנאָך איז געקומען אַ גרופּע פאַרטיזאַנער און מ׳האָט אים געשאָסן.

נאָך זיין טויט איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל. דאַן האָבן מיר זיך אָפּגעשפּאָלטן. עטלעכע קריסטן זענען אַוועק מיט אונדז און די אַנדערע זענען געבליבן. מיר זענען אַריבער אין נאַליבאָקער פושטשע, וווּ ס׳זענען געווען אַ סך פאַרטיזאַנער, גוט אָרגאַניזירט.

זייענדיק אין וואַלד, האָט מען באַשלאָסן אַדורכפירן אין ניעסוויזש איינצקע פאַרטיזאַנישע אַקציעס. פאַר אַלעמען האָבן זיי געוואָלט דאָרט אויפרייסן די תפיסה. ווען מ׳איז געגאַנגען אויף ניעסוויזש, האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף דייטשן און פּאָליציאַנטן נישט ווייט פון דער לעשניטשעווקע. די דייטשן האָט מען דערהרגעט און צוגענומען זייער־ע זאַכן. בערל אַלפעראָוויטש איז געווען צווישן אונדז, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון אַ פּאָליציאַנט. מיט דעם וואָס מיר זענען געגאַנגען פון אָרט אויף אָרט, האָבן מיר זיך אַליין געמסרט, ווייל אַ טייל פויערים פלעגן איבערגעבן ווו מיר געפינען זיך און אין וועלכער זייט מיר גייען.

מ׳איז געווען שטאַרק מיד פון דער שלאַכט, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אָרט און דאָרטן געבליבן ליגן. ס׳איז געווען פאַרטאָג, עס איז געפאַלן אַ רעגנדל. די מענטשן זענען איינגעשלאָפן. דער וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, איז, קענטיק, אויך אַנטשלאָפן געוואָרן. איך בין נישט געשלאָפן און געהערט, אַז עס בילן הינט. צו מיר איז צוגעגאַנגען בערל אַלפעראָוויטש און געבעטן איך זאָל אים געבן צום פאַרויכערן. זאָג איך אים: „דו ווייסט בערל, אַרום־און־אַרום בילן עפּעס הינט. אויב אין אַזאַ וואַלד בילן הינט, זענען מסתמא דאָ דייטשן”. איך האָב אים געזאָגט ער זאָל זיך לייגן. זאָגט ער צו מיר: „ס׳איז גאָרנישט, גיב מיר אַ סיגאַרעט”. ווי נאָר ער האָט גענומען דעם סיגאַרעט, האָט מען געעפנט אַ פייער און ער איז דאָרטן געפאַלן דער ערשטער קרבן. (איידער ער איז געגאַנגען אויף ניעסוויזש האָט ער געזאָגט, אַז ער מיינט ר׳וועט פון דאַ־טן נישט צוריק קומען. ער האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז ער וועט פאַלן).

קיין קאַמף האָבן מיר נישט געקענט פירן, זענען מיר זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן. איין גרופּע מענטשן האָט אין עטלעכע שעה אַרום זיך צוריקגעקערט אויף דעם אָרט און געפונען בערלען אַ טויטן. זיי האָבן דאָרט אויסגעגראָבן אַ גרוב און אים קובר געווען. איך געדענק נישט גענוי דאָס אָרט, דוכט זיך — לעבן אַ לעשניטשעווקע, נישט ווייט פון ניעסוויזש.

דאָס איז געווען דער איינציקער קרבן פון אָטריאַד. נאָך איינער איז געווען פאַרוווּנדעט, אָבער נישט שטאַרק.

אונדזער פאַרטיזאַנער־בריגאַדע האָט געהייסן „סאָוויעטסקאַיאַ ביעלאָרוס”.

קאָמאַנדיר איז געווען וואַסיוטין. שפּעטער זענען מיר אַריבער אין דער בריגאַדע פון קאָמאַנדיר סטאַריצקי. ליידער, ביי די קעמפּערס איז געווען אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם. דער סטאַריצקי האָט געהאַט אַ יידישע פרוי.

די ערשטע צייט האָב איך געאַרבעט אין קיך, איך האָב דאָרט געקאָכט.

אויף קאַמפּס־אָפּעראַציעס בין איך נישט געגאַנגען.

*

מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד. ביי אונדז פלעגן זיך אַראָפּלאָזן סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. פייערן אַרום אונדזער עראָדראָם האָבן געוויזן די עראָפּלאַנען ווו צו לאַנדן. זיי פלעגן ברענגען געווער, באַנדאַזשן. מיט אונדז אין וואַלד האָבן זיך געפונען דאָקטוירים און אַ סך שוועסטער, עס זענען אָבער אויך געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע.

אין אונדזער אָטריאַד האָט זיך געפונען דער ווייסרוס וואַסקע, וועלכער איז אויך געווען אַ דייטשער שפּיאָן. ווען

די דייטשן האָבן בלאָקירט די פושטשע, האָט מען אים געשיקט אַ קוק טאָן. ער איז אַרויס מיט דריי פּאַרטיזאַנער — האָט ער זיי אַלע געהרגעט, צוגענומען זייער געווער און זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן.

די דייטשע בלאָקאַדע איז געווען זייער אַ שווערע. אין די ערשטע טעג האָט מען זיך זייער שטאַרק געשלאָגן מיט זיי — מ׳האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין וואַלד. אָבער מיר האָבן נישט געהאַט אַזאַ כוח ווי זיי. נאָך זייער שווערע קאַמפן און אויסהרגענען זייער פיל דייטשן, זענען זיי אַריין אין פושטשע, און זיך אַ נעם געטאָן צו די פּאַריטזאַנער. זיי זענען געווען אין פושטשע אַ 18—20 טעג.

אַז עס האָט זיך געענדיקט די בלאָקאַדע, האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם וואַסקען, אַז ער אַרבעט ביי די דייטשן און געפינט זיך ביי זיי אין זשאַנדאַרמעריע. דער וואַסקע האָט געהאַט אַ מיידל אין איינעם פון די דערפער, נאָענט פון דעם אָרט וווּ מיר האָבן זיך געפונען און ער קומט צו איר ביינאַכט. די פּאַרטיזאַנער מיט וועלכע ער איז געווען צוזאַמען אין דער גרופּע, האָבן באַשלאָסן, אַז זיי דאַרפן אים נעמען לעבעדיקערהייט. מען האָט אים דאָרטן אָפּגעוואַרט. ווען ער איז אַריין צו דער געליבטער, זענען די פּאַרטיזאַנער געזעסן ביים טיש און געטרונקען. מ׳האָט וואַסקען געבראַכט לעבעדיקערהייט אין לאַגער. צומאָרגנס האָט מען אויסגעשטעלט די גאַנצע ברי־גאַדע, אים אַוועקגעשטעלט פאָרויס און געפרעגט וואָס ער האָט געטאָן ביי די דייטשן. ער האָט זיך אַזוי פאַרענטפערט ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען שולדיק. נאָך אַ פּאָר טעג האָט מען אים גענומען אין שטאַב. איך בין אויך געפאָרן, ווייל אין שטאַב האָט זיך געפונען די שוועסטער מיינע.

דאָרטן האָט מען אים גענומען פאָרשן. ער האָט אויסגעזאָגט, אַז ר׳האָט דערהרגעט די דריי פּאַרטיזאַנער, צוגענומען ביי זיי דאָס געווער און אַז ער האָט שפּיאָנירט לטובת די דייטשן. מען האָט אים אַזוי שטאַרק צעהרגעט, אַז ווען מיר האָבן אים גענומען צוריק, איז שוין נישט געווען כמעט וועמען צו נעמען.

צומאָרגנס האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט פאַר וואַסקעס תליה. מען האָט אים געבעטן ער זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט ער נישט געוואָלט. אַז מען האָט אים אַרויפגעצויגן, האָט זיך די שטריק איבערגעריסן. זאָגט מען צו אים: „נו, וואַסקע, וועסט אפשר זאָגן אַ פּאָר ווערטער פאַרן טויט?״ האָט ער געענטפערט: „ווער עס פאַרראַט דאָס לאַנד, פאַלט מיט אַזאַ טויט ווי איך״. מען האָט אים אויפגעהאַנגען.

געווען ביי אונדז נאָך אַ פאַל. אין אָטריאַד האָט זיך געפונען אַ טאַטע מיט צוויי זין. דוכט זיך, אַז ער איז געווען אַ האָראָדאָקער. האָט מען אים איינמאָל אַוועקגעשטעלט היטן ביינאַכט די קיך. דער טאַטע האָט געכאַפּט אַ דרעמל, און אַן אינספּעקציע האָט דאָס אַנטדעקט. מען האָט אים אַרעסטירט, צוגענומען די ביקס. דעם צווייטן טאָג האָט מען אויסגעשטעלט דעם גאַנצן אָטריאַד און געמאָלדן, אַז דער באַשולדיקטער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און איינגעשלאָפן, איז ער הייסט עס, אַ פאַררעטער. עס קומט אים טויט־שטראָף. די זין האָבן געמוזט צוזען ווי מען הרגעט דעם טאַטן. מיר האָבן געוווּסט, אַז ווען דאָס פּאַסירט מיט אַ קריסטלעכן פּאַרטיזאַנער, וואָלט ער דערפאַר נישט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

די עראָפּלאַנען פון רוסלאַנד פלעגן אויך אַראָפּוואַרפן פּאַראַשוטיסטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען געפערלעכע אַנטיסעמיטן. איינער פון זיי, איך ווייס נישט דעם נאָמען זיינעם, ווו נאָר ער פלעגט טרעפן אַ יידן, האָט ער אים געשאָסן און די זאַכן צוגענומען. ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ געוויסע צייט, ביז די מיר׳ער יידן האָבן זיך דערוווּסט ווער עס הרגעט די יידן — האָבן זיי אים אַוועקגעלייגט.

מען האָט געפירט שטאַרקע קאַמפן מיט די דייטשן. געווען אַ מירער יינגל, גולקאָוויטש. ער איז געפאַלן צוויי טעג פאַר דער באַפרייאונג, ווען ער איז געפאָרן אויפן עראָדראָם זען צי דאָרטן זענען פאַראַן דייטשן. די קויל האָט אים געטראָפן אין קאַרק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין וואַלד געקומען אַ רוסישע „ראַזוויעדקע״ און אונדז איבערגעגעבן, אַז די רויטע אַרמיי איז זייער נאָענט, מיר דאַרפן פאַרלאָזן אַלע פלעצער און אַרויסגיין פון וואַלד נאָענט צו די הויפּט־וועגן, כדי מיר זאָלן קענען קעמפן מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשן.

די ערשטע גרופּע דייטשן אויף וועלכער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, איז דורך אונדז געהרגעט געוואָרן. איין דייטש האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט אַריינגעפאַלן צו פּאַרטיזאַנער ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער, וואָלט ער געבליבן לעבן, נאָר אויב ער איז אַריינגעפאַלן צו די רוסישע פּאַרטיזאַנער — וועלן זיי אים הרגענען.

דערנאָך איז אַרויס אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיי נישט הרגענען. אַלע דייטשן, וועלכע מען כאַפּט, זאָל מען גרופּעסווייז שיקן קיין מינסק.

*

מיין באַפרייאונג איז פאָרגעקומען אין די וועלדער פו̇ן דער נאַליבאָקער פושטשע.

נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר געקראָגן אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַרטיזאַנער דאַרפן זיך צונויפקומען אין מינסק. די וואָס זענען געווען די אָנפירער אין וואַלד, האָט מען זיי איבערגעגעבן אין די שטעט און שטעטלעך צו פירן די לאָקאַלע מאַכט. מיין מאַן האָט מען געשיקט אין וואָלאָזשין. ער איז דאָרט געווען פאָרזיצער פו̇ן שטאָטראַט, געאַרבעט עטלעכע חדשים, נאָר ווי אַ ייד נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין קיעוו זיך דערוויסן וואָס איז געשען מיט זיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער, צי זיי לעבן. פון דער אַרבעט האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען, ווייל ס׳איז נאָך געווען מלחמה, איז ער אַרויס ביינאַכט און אויסגעשאָסן עטלעכע קוילן. האָט מען אים אַרעסטירט. דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. איז געווען פון אי̇נדזער אָטריאַד, אַמאָליקע חברים, צוזאַמען דורכגעמאַכט די קריג. זאָגט ער: „וואָלט געווען אַן אַנדערער, וואָלט געווען שלעכט, אָבער מיט דיר מעגן מיר זיך רעכענען. מיר וועלן דיר געבן אַ צעטל, פאַר אין שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג״. מיר זענען אַוועק אַהין, אָפּגעגעבן דאָס געווער וואָס מיר האָבן געהאַט און אַוועק געפאָרן קיין מינסק. דאָרט האָט מיין מאַן באַקומען באַצאָלט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז געווען אין וואַלד. ער האָט מיר געגעבן אַ ביסל געלט, איך בין געפאָרן צוריק קיין ניעסוויזש. אַ חבר פון וואַלד, אַ פּאַרטיזאַנער, האָט אים אויסגעאַרבעט פּאַפּירן, ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו זוכן זיינע עלטערן. די עלטערן האָט ער דאָרט נישט געטראָפן, זיי זענען געווען אין עוואַקואַציע, אַ שוועגערין האָט ער יאָ געפונען.

ווען ער איז געקומען צוריק, זענען מיר נאָך געווען אַ יאָר אין ניעסוויזש, פון וואַנען די יידן האָבן גענומען זיך פונאַנדערפאָרן, דער עיקר קיין פּוילן, כדי פון דאָרט קומען קיין ארץ־ישראל.

*

אונדזער וועג אין דער יידישער מדינה מיט אַן 1־יאָריק קינד, פֿאָדערט אַ באַזונדערע באַשרייבונג. בכדי זיך דערשלאָגן צום ברעג פֿון ארץ־ישראל, איז אונדז באַשערט געווען נאָך אַריינצופֿאָרן קיין באַראַנאָוויטש און פֿון דאָרט, אויף „געמאַכטע" פּאַפּירן, זיך דערשלאָגן קיין ברעסט־ליטאָווסק און נאָך אַ נאַכט קאָנטראָלן און רעוויזיעס, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין וואַרשע.

פֿון דער הרובער הויפּטשטאָט פֿון פּוילן, זענען מיר אַוועק קיין קאַטאָוויץ, וווּ מיין מאַן האָט געפֿונען זיין שוועסטער מיט אַ שוואָגער. דאָרט זענען מיר געווען נישט מער ווי איין וואָך.

אין פּוילן איז דעמאָלט נישט געווען קיין אָרט פֿאַר דער שארית־הפליטה. אין מאַי 1946 האָבן מיר זיך געלאָזן קיין דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין אַ קיבוץ פֿון השומר הצעיר אין לייבהיים. נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ יאָר צייט, איז אונדז באַשטימט געוואָרן עולה צו זיין מיט דער היינט באַרימטער שיף „עקסאָדוס" („יציאת אירופּה"). וואָס די דאָזיקע שיף מיט אירע פּאַסאַזשירן־עולים האָבן דורכגעמאַכט — איז אַלעמען באַקאַנט.

ערשט אין מאַי 1948, ווען מ'האָט פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה — האָבן מיר ענדלעך זוכה געווען אָנצוקומען קיין ישראל.

יידן האבן געשטעלט א ווידערשטאנד

לייזער קאַצאָוויטש

אויף אַ קינסטלעך אָנגעשאָטענעם באַרג, באַזוימט אַרום און אַרום מיט אַ שמאָל טייכל, שטייט שוין אַריבער 400 יאָר דער ניעסוויזשער שלאָס, וואָס האָט געהערט צו די פּירשטן ראַדזשיוויל.

גרויסאַרטיק זעט אויס דער שלאָס מיט זיינע טורעמס. פֿיל לעגענדעס האָבן פֿאַר די פֿיר הונדערט יאָר זיך אָנגעזאַמלט וועגן אים. אויך פֿיל דערציילונגען וועגן די פּירשטלעכע ווילדע קאַפּריזן און הפקר־טאַטן.

אָט איז איינע פֿון די דערציילונגען:

איבער דעם ברייטן שליאַך וואָס פֿירט צום שלאָס, האָט איינעם פֿון די ראַדזשיווילס, מיט פֿיל יאָרן צוריק, זיך פֿאַרוואָלט זומער־צייט זיך דורכפֿאָרן אויף אַ שליטן. האָט ער באַפֿוילן, מען זאָל דעם שליאַך באַדעקן מיט אַ שיכט זאַלץ... נאָר פֿאָרן זומער אויף אַ שליטן איבער אַ זאַלץ־וועג — דאָס איז פֿאַרן פּירשט געווען נאָך ווייניק — און ער האָט געהייסן אַנשטאָט אַ פֿערד איינשפּאַנען אין שליטן אַ בער...

אָט דער „אויפֿטו" איז פֿאַרצייכנט געוואָרן אַפֿילו אינעם פֿאַמיליען־בוך פֿון די ראַדזשיווילס.

איצט איז אין דעם שלאָס איינע פֿון די שענסטע און בעסטע סאַנאַטאָריעס פֿון ווייסרוסלאַנד.

*

די דייטשע וואַנדאַלן האָבן חרוב געמאַכט דעם ניעסוויזשער שלאָס, צעגנבעט דאָס גוטס, די בילדער, אַפֿילו דעם פּאַרקעט אַרויסגעריסן. די דריי הונדערט פֿינף און זעכציק צימערן און זאַלן פֿונעם שלאָס זענען פֿאַרבליבן וויסט און פּוסט.

די רעגירונג פֿון סאָוויעטן־ווייסרוסלאַנד האָט ניט ווייניק מי און געלט אַריינגעלייגט אויף אויפֿצושטעלן דעם שלאָס אין זיין פֿולער פּראַכט. פֿאַר די נייע איינוווינערס זיינע — פֿאַר די אַרבעטנדיקע וואָס קומען אין דער ניעסוויזשער סאַנאַטאָריע, זענען געשאַפֿן געוואָרן אַלע באַקוועמלעכקייטן. זיי זאָלן קענען זיך היילן, גוט אָפּרוען און אָננעמען פֿרישע כוחות.

אין דער סאַנאַטאָריע „ניעסוויזש" היילט מען נערוון און האַרץ־חולאתן. די מעדיצינישע קאַבינעטן זענען אויסגעשטאַט מיט דער נייסטער אַפּאַראַטור, דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל איז אַ הויך קוואַליפֿיצירטער און באַציט זיך מיט דער גרעסטער פֿילבאַרקייט צו די אָפּרוענדע.

אַרום און אַרום דעם שלאָס שפּרייט זיך אַ גרויסער פּאַרק. דאָ שטייט אַ ברייט־צעצווייגטער פֿירהונדערטיאָריקער דעמב. ווער עס זאָל ניט אַדורך פֿאַרביי, שטעלט זיך אָפּ ביים מעמאָריאַל־טאָוול וואָס איז צוגעפֿעסטיקט צום אַלטן דעמב. אויפֿן טאָוול זענען אויסגעקריצט די ווערטער: „דאָ ליגן 1500 יידן וועמען די דייטשישע מערדער האָבן אומגעבראַכט אין אָקטאָבער 1941".

פֿונעם דעמב ציט זיך אַ ריזיקער ברודער־קבר, וווּ עס ליגן ניעסוויזשער יידן, אָמיינסטן פֿרויען, קינדער און אַלטע לייט — די ערשטע קרבנות פֿון די פֿאַשיסטן. ווייניק איז נאָך געשריבן געוואָרן וועגן דעם העראָישן קאַמף פֿון די ניעסוויזשער יידן קעגן די דייטשישע אָקופּאַנטן. זייער העלדן־טאָט דאַרף פֿאַראייביקט ווערן.

דאָ, אינעם קליינעם שטעטל ניעסוויזש, האָבן די יידן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די פֿאַשיסטישע חיות.

די היטלעריסטישע מערדער האָבן אומגעבראַכט ניט אַלע יידן מיט איינמאָל. די בעל־מלאכות האָבן זיי צוערשט פֿאַרשפּאָרט אינעם געטאָ, געצוווּנגען זיי אַרבעטן פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעטער נאַכט — ביז ענדלעך ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען די דייטשן האָבן באַשטימט אויסשעכטן אויך די בעל־מלאכות.

די יידן האָבן זיך צוגעגרייט צום ווידערשטאַנד. זיי האָבן פֿאַרגרייט געווער: אַ קוילן־וואַרפֿער, רעוואָלווערן, פֿאַרפֿעסטיקט זיך אין די הייזער און שטאַלן. ווען די דייטשן זענען געקומען זיי נעמען, האָבן פֿון געטאָ זיך אַ שאָט געטאָן קוילן און גראַנאַטן. צענדליקער פֿאַשיסטן זענען געבליבן ליגן טויט אַרום דער געטאָ. נאָר קעגן דעם ביז די ציין באַוואָפֿנטן רעגולערן מיליטער, איז שווער געווען בייצושטיין. די בעל־מלאכות האָבן זיך געשלאָגן ביז דער לעצטער קויל, נאָכדעם באַגאָסן מיט בענזין די הייזער און צוזאַמען מיט זייערע פֿרויען און קינדער פֿאַרברענט געוואָרן.

בלויז איינצלנע יידן האָט זיך איינגעגעבן דורכרייסן זיך מיט געווער און אַוועקגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. די דייטשן האָבן פֿון רציחה פֿאַרברענט אַלע הייזער פֿון געטאָ.

*

ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אין 1944 יאָר באַפֿרייט ניעסוויזש, האָט דער טאַנקן־טייל וואָס איז דער ערשטער אַריין אין שטאָט, געבראַכט אין אָרדענונג די קבֿרים פֿון די אכזריות־דיק אומגעבראַכטע יידן.

צו דעם אַלטן דעמב קומען מענטשן, זיי שטייען מיט פֿאַרבייגטע קעפּ ביים קבֿר, וואָס איז אַרומגעצוימט און באַצירט מיט לאַנגע, שווערע טאַנקן־קייטן.

זאָרגזאַמע הענט האָבן אַרום דעם קבֿר פֿאַרפֿלאַנצטביימלעך און קוסטעס. זומער בליען דאָ רויטע קווייטן, ווי דאָס אומשולדיק פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון די מענטשן.

...פּונקט ווי דער שלאָס האָט באַקומען זיין פֿריערדיקן אויסזען, אַזוי ווערט אויך פֿון טאָג צו טאָג אויפֿגעריכט דאָס שטעטל ניעסוויזש, וואָס איז גוט באַקאַנט אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד, צוליב דער סאַנאַטאָריע „ניעסוויזש".

(„איינִיקייט" פֿון 3.4.1948, מאָסקווע)

דערציילונג פון אַ קריגס־געפאַנגענעם און פּאַרטיזאַנער

דב בערעזין

איך שטאַם פון ניעסוויזש, פון וואַנען איך בין אַוועק אין 39סטן יאָר דינען אין פּוילישן מיליטער. אָפּדינענדיק 5 חדשים אין גרודזשאָנדז, אין 64סטן פּאָלק פּיעכאָטע, האָט אויסגעבראָכן די קריג.

אין קוטנע בין איך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. מען האָט אונדז אַלעמען קאָנצענטרירט אין אַ הויף. אָפּזייענדיק דאָרטן אַ 6 טעג, האָט מען אונדז אַלעמען גענומען קיין דייטשלאַנד. דעם טראַנספּאָרט, ווו איך בין געווען, האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין העמער און דאָרטן האָט מען אויסגעשטעלט באַזונדער יידן, פּאָלאַקן, ווייסרוסן און אוקראַינער.

אָנקומענדיק אין דעם לאַגער סטאַראָ־קסעקסאַ, האָט מען אַלעמען געשיקט צו דער אַרבעט, נאָר יידן זענען געווען באַשעפטיקט אויפן אָרט ביי פאַרשיידנאַרטיקע שמוציקע אַרבעטן אויף צו דערנידעריקן און באַליידיקן. אָפּזייענדיק עטלעכע וואָכן אין דעם לאַגער, האָט מען בלויז יידן אַרויסגעשיקט אויף אַ פּלאַצוווקע, ווו מען האָט אָנגעהויבן צו פּלאַסטערן שאַסייען. מיר האָבן געקראָגן 200 גראַם ברויט און אַ האַלבן ליטער זופּ, אין דערפרי און ביינאַכט — שוואַרצע קאַווע. מיט דעם האָבן מיר געלעבט עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען איך בין אָנגעקומען אין לובלין.

אויף דער באַן־סטאַציע האָט מען אונדז ניט אויסגעלאָדן. מיר זענען אָנגעקומען 10 ביינאַכט און מען האָט אונדז געהאַלטן ביז אין דער פרי. פאַרטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ס. ס. באַנדיטן אַרום דעם עשאַלאָן מיט וועלכן מיר זענען אָנגעקומען און אונדז אַוועקגעפירט אויף ליפּאָווע גאַס אין לאַגער. ס'איז אַרויסגעקומען דער שאַרפירער שראַם. קאָמענדאַנט איז געווען דאַלף, אַ נידעריקער דייטש, איינער פון די גרעסטע סאַדיסטן. צו אים איז געווען איינער אַ מאָרפינקל און נאָך איינער — רידל, ווי אויך צוויי יידן געבוירענע אין דייטשלאַנד: איינער האָט געהייסן פּראָפעסאָר דוד און איינער סימאָן.

מען האָט אונדז באַפוילן אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנען. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט און דער מערדער רידל האָט גלייך געפרעגט: „ווער קען דייטש?" ס'זענען אַרויסגעגאַנגען אונדזערע חברים, פון די געפאַנגענע, וואָס האָבן געקענט דייטש. ער האָט זיי עפּעס געזאָגט אין דייטש און זיי האָבן איבערגעגעבן אין יידיש, אַז מיר קומען איצט אַריין אין לאַגער, דאָרטן וועלן מיר אַרבעטן און קריגן צו עסן, נאָר אויב עס וועט ווער אַנטלויפן — וועט יעדער דריטער ווערן דערשאָסן. מען האָט זיך אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און צוגעפירט צו דעם לאַגער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לובלין, האָט מען די געפאַנגענע צוגעפירט צו דער יידישער באָד. מיר זענען אַריינגעגאַנגען זיך וואַשן און די ס.ס.־לייט האָבן אָנגעטריבן יידישע מיידלעך אַז זיי זאָלן אונדז וואַשן. דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב אַזעלכעס דורכגעמאַכט אין מיין לעבן. אין די גאַסן האָט מען געזען יידן — ווי לעבעדיקע מתים זענען זיי אַרומגעגאַנגען. ראשית כל, האָט אַ ייד ניט געטאָרט גיין אויפן טראָטואַר, יעדער איינער, ווער עס האָט געוואָלט, האָט געשלאָגן דעם ייד, אַפילו אים געהאַרגעט. די הפקרות איז געווען גרויס. פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן ערגער. די דייטשן פלעגן כמעט אַלע נאַכט אַדורכפירן אַבלאַוועס. אַריינגיין אין די הייזער און אַרויסנעמען אַלצדינג. צו דעם האָב אויך יידישע אונטערוועלטניקעס צוגעהאָלפן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן איבערלעבן די קריג. ס'איז געווען איינער שאַמע גרייער — ווער האָט ניט געהערט פון אים?! איך, אַלס קריגס־געפאַנגענער, פלעג אַרויסגיין אין גאַס און דאָס אַלצדינג צוזען — האָט מיר דאָס האַרץ וויי געטאָן.

דער לאַגער איז געשטאַנען כמעט אין צענטער פון לובלין, נישט ווייט פון קריסטלעכן בית עלמין. באַראַקן און נאַרעס זענען געווען דאָרטן. מיר האָב באַלאַנגט צו דער ווערמאַכט, אפשר דערפאַר האָט מען אונדז ניט געשלאָגן, אָבער אַרבעט האָט מען אונדז געגעבן די שווערסטע און שמוציקסטע.

אין דעם לאַגער ווו מיר זענען געווען, האָט מען נישט ווייט פון אונדז אָנגעהויבן בויען מיידאַנעק. ס'איז געווען אַזוי: אין אַ פאָרשטאָט פון לובלין, איז געשטאַנען אַ צעגעלניע און פון ביידע זייטן איז געווען בערג. מיר האָבן געדאַרפט אויסגלייכן ביידע בערג, כדי אויפצובויען דעם לאַגער. מען האָט געמאַכט נאָסילקעס פון ברעטער, וועלכע צוויי פלעגן טראָגן, איינער פון פאָרנט, איינער פון אונטן. אַזוי איז געגאַנגען אַ ריי פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אַרויף און אַראָפּ. במשך אַ קורצע צייט, האָט מען געזען ווי דער באַרג ווערט קלענער און גלייכט זיך אויס מיטן באָדן.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען איינער פון אונדז איז אַנטלאָפן — ער האָט געהייסן באַראָן. מען האָט אַלע אַריינגעפירט צוריק אין לאַגער, אויסגעשטעלט צענטלעך — און יעדן צענטן אַרויסגענומען פון דער ריי, אים אַריינגעזעצט אין אַזאַ קעלער, וואָס האָט באַטייט אַז מען וועט אים הענגען אָדער שיסן. אָבער מיר זענען נאָר אָפּגעקומען מיט קלעפּ — מען האָט אונדז גוט צעשלאָגן און נישט געשאָסן.

שפּעטער איז געווען נאָך אַ פאַל, וואָס עטלעכע זענען אַנטלאָפן פון לאַגער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט. מען האָט אויסגעשטעלט רייען אין יעדן באַראַק און געהייסן אַרויסגיין.ביים טיר זענען געשטאַנען ס. ס.־לייט און מען האָט געקלאָפּט מיט שטעקנס. נישט איינער איז פון די קלעפּ געהאַרגעט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ ווינטערדיקע נאַכט — און מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן באָרוועס אויפן שניי, די הענט אין דער הויך. אַזוי זענען מיר געשטאַנען עטלעכע שעה, ביז ס'איז געקומען אַ באַפעל אַריינגיין צוריק אין לאַגער. נאָך דעם אַפּעל זענען געווען עטלעכע געהאַרגעטע און זייער אַ סך קראַנקע. אויף מאָרגן אינדערפרי איז מען צוריק אַוועק צו דער אַרבעט.

אָפּאַרבעטענדיק נאָך עטלעכע וואָכן, איז געווען אַ פאַל, וואָס איינער איז אַנטלאָפן און מען האָט אים געבראַכט צוריק. איך ווייס נישט ווי אַזוי מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין וואָלאָדאַווע. מען האָט אים אַזוי געשלאָגן, אַז ער איז געלעגן אַ וואָך צייט, צו מער, אין „איזבע כאָריך" אין לאַגער, דערנאָך האָט מען אים גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

איינער אַ ס. ס.־מאַן אַ סאַדיסט, האָט אים אַוועקגעשטעלט אין קיך ביים קעסל, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט איין טאָג און אויפן צווייטן טאָג האָט ער געהייסן ברענגען וואַסער. גייענדיק מיט די צוויי עמערס, האָט ער אים געשאָסן.

געווען אַ פאַל, ווען געפאַנגענע זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט ס. ס.־לייט נעמען ביי יידן וואַרעמע זאַכן פאַר די סאָלדאַטן אויפן פראָנט. ווייזט אויס, אַז איינער האָט געגנבעט אַ סוועדערל און אים אָנגעטאָן — האָט אים דער דייטש געהאַרגעט.

ס'זענען געווען אין לאַגער עטלעכע שוסטערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אָפּיצערסקע שטיוול פאַר די ס. ס. האָט ווער פון די שוסטערס צוגענומען אַ פּאָר שטיוול. ווען מיר זענען געקומען צוריק פון דער אַרבעט, האָט מען איינעם פון די שוסטערס געהאָנגען.

עס זענען געווען פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעטן: בעסערע פלאַצוווקעס. ווו מען האָט געקענט גוט אָפּעסן און אפשר נאָך אַריינברענגען אַ פּאָר זלאָטעס. דאַקעגן די וואָס זענען געגאַנגען אַרבעטן אין מיידאַנעק, ווען מען האָט אָנגעפאַנגען בויען דעם לאַגער, האָבן גאָרנישט ניט געהאַט. אַזוי איז זיך געגאַנגען אונדזער לאַגער־לעבן, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן די קריג מיט רוסלאַנד.

פון איין זייט האָט מען געזאָגט, אַז די רוסן זענען שוין אין פּראַג, ווייל 4 צו 5 טעג האָט מען גאָרנישט געוווּסט און געהערט. אין איין שיינעם טאָג איז גאַנץ לובלין, מיט אונדזער לאַגער, באַמאָלן געוואָרן מיטן אות V — דער זיג פון דייטשלאַנד. דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער דייטש האָט פאַרנומען מינסק און ער גייט פאָרויס. די לאַגע האָט זיך פאַר אונדז אַ סך פאַרערגערט.

פריער האָט מען געמיינט, אַז ס׳וועט אויסברעכן אַ קריג מיט רוסלאַנד, וועלן מיר אפשר באַפרייט ווערן. אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך מיט נאָך עטלעכע חברים אַרויסגענומען צו אַרבעטן אין שפּיטאָל, ס׳איז געווען זייער אַ גוטע אַרבעט, ווייל אין שפּיטאָל איז דאָ וואָס צו עסן. דאָס שפּיטאָל איז אויך געווען דער אָנהייב צו העלפן און צו ראַטעווען נאָך חברים.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז עס פלעגט אָנקומען אַ טראַנספּאָרט פאַרווונדעטע, האָבן מיר אים באַדאַרפט אויסלאָדן און אַריינפירן אין שפּיטאָל, אויסבאָדן די שווער פאַרווונדעטע, איבערבאַנדאַזשירן און אַוועקשיקן אין דייטשלאַנד; די לייכט פאַרווונדעטע פלעגט מען איבערלאָזן — און נאָך אַ חודש צי ווייניקער, פלעגן זיי ווערן צוריק געשיקט אויפן פראָנט.

איך בין צופעליק באַשטימט געוואָרן אַלס מאַגאַזיניער אויף אָפּנעמען ביי זיי און צוריקגעבן די זאַכן.

דאָס שפּיטאָל איז טאַקע געווען פון דער ווערמאַכט, אָבער אויך זיי זענען געווען דייטשן — ימח שמם. דאָך האָט מען געקענט ריידן פרייער אַ וואָרט, עסן האָט אונדז נישט געפעלט. מיר האָבן אויך געהאַט אַ גוטן שעף, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט, אַז מיר זאָלן קענען דאָרטן בלייבן, נישט אומקערן זיך אויף ביינאַכט אין לאַגער. אַלס מאַגאַזיניער פלעג איך פירן די וועש אין דער וועשעריי. איך האָב באַקומען אַ שיין, אַז איך מעג גיין טאָג און נאַכט, קיינער טאָר מיך נישט פאַרטשעפּען.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געבראַכט עטלעכע געהאַרגעטע דייטשן. מען האָט צווישן זיך גערעדט, אַז פּאַרטיזאַנער האָבן זיי אַוועקגעלייגט. האָט זיך דעמאָלט פאַרגנבעט אין מיר אַ געדאַנק: „פּאַרטיזאַנער — ווי קען מען צו זיי אַנטלויפן? ווי אַזוי באַקומען אַ קאָנטאַקט״? איך האָב זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן, ביז ס׳איז אין אַ שיינעם טאָג אַנטלאָפן פון אונדזער לאַגער 15 צי 17 אונדזערע חברים. זייער אָנפירער איז געווען קאַגאַנאָוויטש. (פון די וואָס האָבן דורכגעלעבט פון דער ערשטער גרופּע, געפונען זיך איצט גרובער און פּינקעל — אין אַמעריקע. אין ישראל איז דאָ טשאַרנע — אַ לאַכעוויטשער, און אייזענבערג. דאָס זענען די פינף, וואָס האָבן איבערגעלעבט פון דער ערשטער גרופּע).

ווי אַזוי איז פאַרגעקומען דאָס אַנטלויפן? קאַגאַנאָוויטש האָט געטראָפן אַ קריסט פון באַראַנאָוויטש, וואָס האָט זיך מיט אים צונויפגערעדט, אַז ס׳איז דאָ אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער. זאָלן זיי אים געבן געלט, וועט ער שאַפן געווער. זיי האָבן געאַרבעט אויף פלאַצוווקעס, ווו מען האָט געקענט מאַכן געלט. זיי האָבן געגעבן דעם קריסט אַ סומע, נאָר ווען זיי זענען געקומען אין וואַלד, איז מען געבליבן שטיין אָן גאָרנישט. דער פּאָלאַק האָט צוגענומען דאָס געלט און קיין געווער נישט געגעבן, נאָר אַ פּיסטאָלעט. מיט דעם פלעגט איינער אַריינגיין צו אַ פּויער שאַפן עפּעס עסן און די אַנדערע זענען געשטאַנען אויף וואַך אין דרויסן, באַוואָפנט מיט שטעקנס.

אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר פּינקעל (היינט אין אַמעריקע) מיט אַ צעטעלע פון קאַגאַנאָוויטשן, וואָס שרייבט די ווערטער: „אונדזער גורל איז אין דיינע הענט, דו ווייסט וואָס אונדז דערוואַרט, אויב מיר זאָלן קומען צוריק אין לאַגער. ראַטעווע אונדז!״ ווי אַן אַרבעטער אין שפּיטאָל, האָב איך אים צוגענומען, דאָרטן איז געווען אַ קעלער, ווו כ׳האָב אים אַריינגעזעצט. אין משך פון טאָג האָב איך אים באַזוכט. 2 אַ זייגער ביינאַכט האָב איך פאַרלאַדעוועט 12 ביקסן מיט פּאַטראָנעס, וועש, מונדירן — און דאָס אַראָפּגעטראָגן אונטן, ווו אַ וואַרטאָווניק איז געשטאַנען און געגאַנגען הין און צוריק. איך בין צוגעקומען צו אים און געזאָגט:

— גיי נעם אַ דראָזשקע. פאָר אין דער שעה פאַרביי דעם שפּיטאָל און איך וועל דיר געבן וואָס איך קען.

און אַזוי איז געווען. ער איז צוגעפאָרן מיט דער דראָזשקע, איך בין צוגעגאַנגען צום דייטש, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסטן און אים געזאָגט:

— הער זיך איין. גיי אַריין אין קאַנטינע, דאָרט ליגט פאַר דיר אַ פּעקעלע.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען, איך האָב אַלץ אַרויסגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויף דער דראָזשקע. ער איז דורכגעפאָרן די קראָקאָווער פאָרשטאָט גאַס אין לובלין. דאָס שפּיטאָל איז געווען נעבן די קאַשאַרן פון 8טן פּאָלק. אַזוי ווי איך האָב אַרויפגעלייגט דאָס געווער, בין איך אַוועק אויפן צווייטן זייט און אָבסערווירט, אַפילו נאָכגעגאַנגען, אַז קיים כאַפּט מען אים, וועל איך אין שפּיטאָל נישט אַריינגיין. זעענדיק אַז אַלץ איז אַדורך בשלום, זענען מיר צוריק אַריינגעגאַנגען. אַלע ביקסן זענען אָנגעקומען אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער.

ווי נאָר זיי האָבן געקראָגן די ביקסן, איז דאָס לעבן געוואָרן גאָר אַנדערש. פון דער לובלינער פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי — קאָמוניסטן) איז געקומען אַ געוויסער זבישעק, און מיט מיר אָנגעהויבן צו פירן אַ משא־ומתן. איך האָב זיי געגעבן וואָס איך האָב געקענט, ווייל איך בין שוין געגאַנגען אויף אַן „אייזערנעם בריק״, הגם איך האָב געציטערט, אַז אַפילו חברים פון אונדזער לאַגער זאָלן נישט וויסן. איך האָב איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט קאַגאַנאָוויטשן, ווי אויך מיט דער פּ. פּ. ר.

דער פּאַרטיזאַנער פּינקעל איז געווען אַ ריכטיקער העלד. אַליין שטאַמט ער פון ראַקאָוו. ווען די דייטשן האָבן אים געכאַפּט, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט. געקומען צו לויפן צו מיר אין שפּיטאָל און געזאָגט:

— בערעזין, ס׳איז נישט גוט. מען האָט מיך געכאַפּט און איך בין אַנטלאָפן. וואָס טוט מען?

איך האָב פון דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין אַריין אין שפּיטאָל, געהאַט אַ נאַגאַן פאַרן אייגענעם געברויך. האָב איך אַרויסגענומען דעם נאַגאַן און געגעבן פּינקעלן — און אים אַוועקגעשיקט.

אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ בריוו פון קאַגאַנאָוויטשן, אַז מיר זאָלן אַוועק אויף יענער זייט בוג, אין אונדזער געגנט, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן. דאָרט ווייסט מען די וועלדער, אפשר וועט אונדז זיין לייכטער זיך אויסצובאַהאַלטן. ער וויל, אַז איך זאָל קומען. איך האָב דאָס אָנגענומען און אָנגעהויבן גרייטן אַלץ, וואָס איך דאַרף.

אַנטקעגן מיין שפּיטאָל, איז געווען נאָך אַ שפּיטאָל, זייער גרופּן־פירער האָט געהייסן שפּרונג. איך האָב אים דערציילט די געשיכטע און אַז כ׳וויל נישט זיי זאָלן ליידן, אויב מיר וועלן אַוועקגיין.

— קומט מיט מיר — האָט ער געזאָגט.

נאָך צוויי טעג האָט ער באַשלאָסן: „מיר גייען!" מיר האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג אַריין. איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט די צוועלף, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, אויסגעשטאַט מיטן נייעסטן געווער. קאַגאַנאָוויטש האָט געשיקט אַ פאַרבינדלער, מיר זאָלן וויסן ווו צו גיין. אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן, איז געקומען שפּרונג, פון דער צווייטער גרופּע, און געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז דער גאַנצער לאַגער גייט אַוועק! אפשר איז כדאי אָפּצולייגן?

האָב איך אים געזאָגט: — אפשר ביסטו גערעכט? פון דער צווייטער זייט, האָב איך צוגעגרייט פּאַטראָנען, ביקסן, דייטשע מונדירן, ריינע וועש, נייע שטיוול.

איך האָב געזאָגט דעם שאָפער פון שפּיטאָל, אַז היינט 6 אַזייגער האָב איך אַ ביסל סחורה וואָס מען דאַרף אַרויספירן צו פאַרקויפן. איך האָב אים באַשטעלט, ער איז געקומען צו דער צייט. מיר האָבן גענומען די פעק און זיי אַרויסגעטראָגן אויפן אויטאָ. דערווייל איז אָנגעקומען דער גרופּן־פירער פון צווייטן שפּיטאָל, וואָס איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר גייען ניט. ער האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. געווען צווישן אונדז איינער, סאַנעק, פון שטעטעלע מאַלץ, נעבן בערעזאַ־קאַרטוסקאַ, זייער אַ פיינער בחור. ער האָט יענעם אַ נעם־געטאָן, אַרויפגעטראָגן אויפן אויטאָ — און איז מיט אים אַוועק. איך האָב זיך געזעצט לעבן שאָפער און מ'איז צוגעקומען הינטער לובלין, אויפן וועג וואָס פירט קיין לובאַרטאָוו. דער שאָפער האָט געזאָגט, אַז ער וויל ווייטער ניט פאָרן, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט... איך האָב אים דערקלערט, אַז ביז היינט בין איך געווען אַ קריגס־געפאַנגענער און געאַרבעט פאַר די דייטשן, פון איצט אָן בין איך אַ פּאַרטיזאַן. איך האָב אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט און ער איז געפאָרן נאָך אַ 8 קילאָמעטער און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג ווו קאַגאַנאָוויטש האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף 15 ק"מ פון לובלין. אַזוי גייענדיק אַ 2 שעה, זענען מיר אָנגעקומען אין וואַלד, צום גאַיאָווע. ער האָט געזאָגט:

— ס'איז ניט גוט, מיר האָבן היינט געהאַט אַן אַבלאַווע און איך ווייס ניט ווו זיי געפינען זיך.

שפּרונג האָט אָנגעהויבן וויינען, ווייל ער האָט דאָך פאַרלאָזן זיינע חברים, הגם ער איז נישט געווען שולדיק אין דעם. ערשט צומאָרגנס האָבן מיר געטראָפן עטלעכע פון די אַלטע חברים אונדזערע, וועלכע זענען שוין געווען אין וואַלד. צוזאַמען מיט גרובערן און איגערן, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן קאַגאַנאָוויטשן. אַזוי זוכנדיק, האָבן מיר אים געטראָפן אַ געהאַרגעטן. ער האָט נאָך געהאַלטן דעם פּיסטאָלעט אין האַנט, וואָס איך האָב אים געשיקט... מיר האָבן אים קובר געווען — דער איינציקער קרבן פון יענער ערשטער אַבלאַווע.

דאָס לעבן אין וואַלד איז געוואָרן זייער שווער, נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז כ'האָב געמאַכט אַ שלעכטן שריט וואָס איך בין אַוועק פון לאַגער, אפשר וואָלט מיר דאָרט געווען לייכטער.

אין 42סטן יאָר האָבן מיר קוואַרטירט ביי אַ פּויער. פאַרטאָג איז אָנגעקומען אַ דזשיפּ מיט דייטשן, אַלע חברים אונדזערע זענען אַרויף אויפן דאַך. איך מיט פראַנעק בלייכמאַן זענען געבליבן. ווי נאָר דער דייטש האָט געעפנט די טיר, האָט ער גלייך געשאָסן צו אים און נישט געטראָפן. מיר זענען ביידע אַרויסגעלאָפן, איך האָב געקראָגן פון דייטש 2 קוילן און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. נישט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך זיך נישט פאַרלוירן: מיט איין האַנט האָב איך אָנגעכאַפּט דעם דייטש פאַרן האַלדז. און מיט דער צווייטערביים פּיסטאָלעט. ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי איך. איך האָב זיך געקלאַמערט מיט מיין האַנט אין זיין גאָרגל און נישט אָפּגעלאָזן. אַזוי האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב געפילט אַז איך פאַל פון די כוחות. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, ביז איינער פון מיינע חברים איז אָנגעקומען און ער האָט דערשאָסן דעם דייטש.

די חברים האָבן געכאַפּט אַ פור און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער פויער האָט מיך געפירט, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין די באַנקאָווער וועלדער. דאָס איז געווען מיין ערשטער קאַמף מיט די דייטשן, אויג אויף אויג.

ס'איז דאָ אַ סך אַזעלכע פאַלן, פון וועלכע איך האָב צו דערציילן. איך בין 3 מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן. איין קויל ליגט נאָך ביז היינט ביי מיר צווישן די לונגען.

די דייטשן האָבן אונדז נישט געלאָזן לעבן. פון אַלע זייטן האָבן זיי אונדז געשטערט און נאָכגעיאָגט, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ גוטן מורה־דרך פון יענער געגנט — (היינט אין אַמעריקע) — פראַנעק בלייכמאַן, אַ זון פון אַ מולער, וואָס האָט געאַרבעט אין די דערפער און גוט געקענט יענע מקומות. ער האָט געשטאַמט פון קאַמינקע — אַ קליין שטעטעלע צווישן לובאַרטאָוו און לובלין. ער האָט געהאַט אַ גוטן חבר, אַנטעק, וואָס איז געפאַלן אין מאַרקושאָוו. אַ פיינער בחור געווען, אַ יאָר 27—30. אַ קאָמוניסט נאָך פון פאַרן קריג. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער פּאַרטיזאַנקע, נאָכדעם ווי איך האָב זיי געטראָפן אַ געוויסן אָוונט אין וואַלד און געהערט אַ פאַרדעכטיקן גערויש. צוקומענדיק נענטער, האָבן מיר אַ געשריי געטאָן, „סטוי" — האָבן זיי געענטפערט: „עמך!" („עמך" איז געווען דער יידישער פּאַראָל). איך בין צוגעגאַנגען נענטער און דערזען פיר יידישע יינגלעך. זיי האָבן דערציילט פון וואַנען זיי זענען. איך האָב געזאָגט, אַז זיי קענען גיין מיט אונדז. מיר האָבן זיי געגעבן געווער.

מיט אונדז איז אויך געווען אַ פּאַרטיזאַנקע פון יחיאלס גרופּע — צירל. איר נאָמען פאַמיליע קען איך נישט געניי. זי איז געווען מיט נאָך צוויי ברידער: אברהם און יורעק. זייער אַ ווויל מיידל, וועלכע האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז אַלצדינג. איך האָב איר דערקענט, ווען כ'בין שוין געקומען צו יחיאל גרינשפּאַנס גרופּע אין 44סטן יאָר.

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן וואַנדערן אין יענער געגנט פון פאַרטשעוו ביז לובאַרטאָוו. דערנאָך זענען מיר איבערגעגאַנגען אויפן וועג צו וואַרשע — באָגאָטשין, לוקאָוו. דאָרטן האָבן געהערשט די אַנטיסעמיטן פון דער א. ק. („אַרמיאַ קראַיאָוואַ"). אַזוי ווי מיט מיר איז געווען דער חבר יעגער, וועלכער האָט געקענט זייער אַ גוטן פויליש, האָט ער זיך מיט זיי צוזאַמענגערעדט. יעגער איז געווען מיינער אַ חבר פון לאַגער אויף ליפּאָווע. ער איז אַנטלאָפן מיט דער ערשטער גרופּע, וואָס איך האָב זיי געגעבן געווער.

מיט מיעטעק גרובער איז ער געווען צוזאַמען. אַלע פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן יעגערן גוט אויפגענומען. זיי האָבן זיך מיט אים גערעכנט. דאָרט איז געווען איינער כילאַ, דער אָנפירער אין יאַסטקאָוו, פון די „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע" (פּויערישע באַטאַליאָנען). איידער מיר זענען געקומען צו זיי, זענען זיי געווען זייער אַנטיסעמיטיש געשטימט לגבי יידן. נאָכדעם וואָס מיר האָבן אַלץ אויפגעטאָן, האָבן זיי איינגעזען, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט קעמפערס — און דאָס האָט פאַסירט אַ דאַנק יעגערן. אפילו כילאַ האָט יעגערן געגעבן אַ ביקס. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען די „אַרמיאַ־לודאָוואַ", זי איז אַנטשטאַנען ערשט אין 44סטן יאָר, דעם 1טן מאַי, אין וואַלד

אין בויקאַ. דאָן איז געקומען געג. ראָלאַ־זשימערסקי און איינ־געשלאָסן חברים פון דער פּ. פּ. ר. אין דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" (פאָלקס־אַרמיי).

קאַפּיטאַן טאָלקאָ איז געווען אַ רוסישער געפאַנגענער. וועלכן איך האָב דערקענט אין יאָר 42־43. מיט אים איז געווען נאָך אַ חבר, אַ רוס. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יידישע פאַרטיזאַנער. ווען די דייטשן האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אַלע רוסישע געפאַנגענע וואָס געפינען זיך אויף פאַרשיידענע אַרבעטן, זאָלן זיך מעלדן. דאַן איז ער אַוועק אין וואַלד און דאָרט געטראָפן די ערשטע גרופּע יידישע יינגלעך מיט מיידלעך פון מאַרקושאָוו און געוואָרן דער פירער פון דער מאַרקושאָווער גרופּע. אַז איך האָב באַגעגנט דעם טאָלקאָ, האָב איך געקענט מיט אים זיך אונטערהאַלטן, ווייל ער איז אַליין אַ רוסישער — און איך האָב געקענט רוסיש. ער איז אומגעקומען אין יאָר 1944.


4

געשטאלטן

דער גאון פון ניעסוויזש

עס זענען דאָ נעמען וואָס לעבן תמיד אין אייער באַוווסטזיין, וואָס גייען אייך נאָך ווי געטרייע חברים, וואָס קלינגען אין אייך ווי גלאָקן — וועקן, מונטערן, דערמאָנען. געציילטע נעמען, גאָר גרויסע. אַמאָל בייטן זיך די נעמען, ווערן די גלאָקן איבער־געגאָסן, איבערגעשמאָלצן. טויזנטער יאָר כמעט נאָכאַנאַנד האָט געקלונגען אין דער גאַנצער קולטור־וועלט דער גלאָק אַריס־טאָטעל. פון סאַמאַרקאַנד, ווו ס׳האָט געלעבט דער גרויכער אַראַבישער דענקער איבן סינאַ, ביז קאָרדאָוואַ אין שפּאַניע, ווו איבן ראַשד און דער רמב״ם זענען געבוירן געוואָרן; פון רוים ביז פּאַריז און דער גרינער אינדזל אירלאַנד — אומעטום איז אַריסטאָטעל געווען דער לערער, דער פירער, דער מדריך און דער צענטער פון אַלע ויכוחים.

אַריסטאָטעלס קלאַנג איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן און ס׳האָט אָנגעהויבן זיך הערן דער גלאָק פּלאַטאָן. און זיין מעטאַלענער קלאַנג איז נאָך ניט פאַרהילכט. אַנדערע נעמען. אַנדערע טענער זענען אַריין אין דעם קולטור־באַוווסטזיין. העכער פון אַלע — קאַנט. ווו מען קערט זיך, ווו מען ווענדט זיך — אומעטום הערט מען אים. ווילט איר מיט דעם דענקען באַפאַסאַן די



שלמה מיימון

וועלט — מיט אים, דעם קליינעם פּראָפעסאָר פון קעניגסבערג, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין שטאָט, וואָס האָט גע־לעבט אין דער קליין־שטעטלדיקער באַשיידנקייט און אָרעמ־קייט — מיט אים מוזט איר פריער פאַרטיק ווערן.

און אַזוי נאָך עטלעכע נעמען. און איר שטייט פאַרגאַפט, קוקט זיך איין אין דעם פּרצוף פון דעם באַצווינגער, פון דעם דיקטאַטאָר, קוקט מיט פאַרוווּנדערונג און אָפּשיי און בייגט דעם קאָפּ מיט הכנעה: אַ הייליקייט, אַ גרויסקייט, אַ גנאָד, דער חסד פון געניאַליטעט.

איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, כ׳וויל אַפילו ניט פרווון צוגיין נאָענט צו דעם פּראָבלעם. אַ סך פסיכאָלאָגן און פאָרשערס האָבן זיך אונטערגענומען צו פאָרשן די פראַגע — און ס׳איז קיינעמען ניט געראָטן. וואָס ווייסן מיר בכלל פון דעם סוד

וואָס הייסט מענטשלעכע פערזענלעכקייט? ווו איז דער שליסל אויסצוגעפונען: פאַרוואָס אונטערשיידט זיך איינער פון דעם צווייטן? פונוואַנען קומט עס, אַז עס וואַקסן אויס אין איין משפּחה, ביי איין פאָטער, פּירות אויף איין צווייג — אַזעלכע גרונט־פאַרשידענע קינדער? איינער אַ נאָרמאַלער, געוויינלעכער, פּשוטער מענטש, און דער צווייטער — אויסעראָרדנטלעך און איינציק־אַרטיק?

אָבער מיך באַשעפטיקט איצט אַן אַנדערע פראַגע. ס׳איז אַ פּראָבלעם וואָס איז פונקט אַזוי שווער צו לייזן, ווי דער וואָס הייסט געניאַליטעט. עס איז די פראַגע פון גאונות. אַ ריין יידישע און דערפאַר אַזאַ קאָמפּליצירטע. אַ פּילזייטיקע.

פאַרוואָס האָבן מיר ביי יידן אַזוי ווייניק געניאַלע מענטשן און אַזוי פיל גאונים? צו ווייניק אין פאַרהעלטעניש צו דער לענג פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן, צו פיל גאונים אין פּראָ־פּאָרץ צו דער יידישער צאָל. ווייל דאָס איז זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר יידן: אויף יעדן טריט אַזוי פיל הויך באַגאַבטע, אומגעהויער פעיקע, שאַרפזיניקע, ווייט קוקנדיקע מענטשן. קעפּ אָנגעלאָדן מיט וויסן, מוחות שאַרף ווי אַ מעסער, אינטע־לעקטן ווי הייב־מאַשינען וואָס שפּילן זיך מיט די שווערסטע משאות, באַלאַנסירן זיי אין דער לופטן.

נעמען קומען אויפן זין — נעמען פון דער גאָר אַלטער צייט. די חכמי התלמוד וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַזאַ שאַרפן, אַזאַ אַריינדרינגלעכן אַנאַליז, ווי כמעט קיינער נישט נאָך זיי. גאונים — ווי ר׳ סעדיה, ווי דער רמב״ם, ווי רש״י, ווי ר׳ יום־טוב ליפּמאַן העלער, ווי דער רשב״ם, ביז גאָר נאָענט צו אונדז, ביז דעם ווילנער גאון דעם בעל התניא און נאָך נענטער.

אַ גאַלעריע פון גייסטיקן יחוס, וואָס איז איינציק אין דער וועלט און דאָך — אָוועקגעשטעלט אַקעגן דער גאַלעריע פון אַנדערע פעלקער — עפּעס אַזוי אויסטערליש, פרעמד און עקזאָטיש. מאַקס בראָד, דער פּראַגער ראָמאַניסט, האָט אַמאָל פאַרזוכט אָוועקצושטעלן אַזעלכע צוויי געשטאַלטן, איינער לעבן דער צווייטער. איינעם אַ גאון. דעם צווייטן — אַ געניאַלע נאַטור. טיכאָ בראַהע, דער דענישער אַסטראָנאָם און זיין תלמיד דער דייטש יאָהאַן קעפּלער. טיכאָ בראַהע איז געווען שאַרפער, פעיקער פאַנטאַזיעפולער ווי קעפּלער. ער איז געווען אויף זיין אופן — אַ גאון. אָבער קעפּלער, דער שטילערער, דער באַשיידענער, דער נאַיווער — איז געווען געניאַל. טיכאָ בראַהע האָט פאַרשטאַנען. קעפּלער האָט געשאַפן. און געניאַליטעט איז אין דעם לעצטן אַנאַליז — שעפערישקייט.

דער גאון אָבער — שאַפט ניט. דער גאון איז ניט נאַיוו, דער גאון איז צו קלוג, צו שאַרף. ער האָט אַלצדינג וואָס מען באַדאַרף צו גרויסקייט, אַחוץ דעם לעצטן: די פעיקייט צו זיין אין דעם „ניט״, צו פאַרווילן אין דער וועלט פון כאַאָס און אַרויסשלעפן פון אים די פאָרם.

און אפשר דאָס איז געשטאַנען דעם יידישן גאון אין וועג: ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם כאַאָס, ער האָט ניט געטאָרט שאַפן.

*

לויזע געדאַנקען, וואָס זענען אויפגעשווומען ביי מיר ביים לייענען אַ בוך אַ מערקווירדיקן, פאַרצייטיקן און דאָך אַזוי פרישן, גלייך ווי נעכטן געשריבן: די אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון (איבערזעצט אין אַ זייער גוטן יידיש פון א. י. גאָלדשמידט אין ווילנע).

און מער ווי דאָס בוך אַליין, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג געווען באַקאַנט אין זיין דייטשן אָריגינאַל, האָט מיך פאַרכאַפּט דאָס בילד פון שלמה מיימון. אַ בילד פון אַכצנטן יאָרהונדערט (מיימון איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1754 ביי ניעסוויזש און געשטאָרבן אין 1800 אינעם הויז פון אַ שלעזישן מאַגנאַט גראַף קאַרל־קרויט). אַ גלאַט ראַזירט פּנים, אַ צעפּעלע וואָס באַמבלט זיך אַראָפּ אויף דעם קאָלנער, דער לבוש פון אַכצנטן יאָרהונדערט, אַ שאַרפער אויסדרוק אין דער פיזיאָנאָמיע און אַ גרויסע ענלעכקייט צו קאַנטן.

געקוקט אויף דעם בילד און פאַר מיינע אויגן איז ווי לעבעדיק אויפגעשטאַנען דער מענטש שלמה מיימון, דער נע־ונדניק פון אַלט פוילן. דער גאון פון ניעסוויזש וואָס האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט אַלע חכמות, אַלע שאלות. דער למדן, דער דענקער, דער בטלן, דער איינזאַמער און ניט פאַרשטאַנענער.

איך זע אים ווי ער דרייט זיך אַרום אין זיין קליין שטעטעלע, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, מיט האַלב צעפּאַלענע שטיוול, לערנט קבלה ביי דעם מגיד, זיצט אָפּ ביי אים גאַנצע נעכט ביי אַ קאַניצל, און לאָזט אים נישט שלאָפן און דערפירט די יונגע פּרוי פון דעם אָרעמען מגיד צו פאַרצווייפלונג. איך זע אים ווי ער קומט אַהיים, כאַפּט קלעפּ פון זיין בייזער שוויגער, קללות פון דער יונגיטשקער מיאוסער ווייב, גנבעט זיך ביינאַכט אַרונטער אונטער דעם בעט פון דער שוויגער, קנייפּט זי ביז זי ווערט בלוי און גרין און שרעקט זי איבער אויף טויט. און אָט גייט ער מיט זיין פריינד — אויך אַ קבצן און אַ בטלן, ביידע נאָך יינגלעך און ביידע שוין באַווייבטע און טאַטעס פון קינדער — איבער די פעלדער, און מען חקירהעט זיך איבער, גאָט און וועלט. ער, דער דענקער; דער פריינד — לפּידות אַ פּאָעט.

אָדער אָט שטייט ער אין דעם פאַרלאָזענעם שלאָס פון דעם פּוילישן גראַף מיט קרייד אין דער האַנט און מאָלט נאָך די בילדער פון די אַלטע גאַבעלינען. און דערנאָך זע איך אים אויף די גאַסן פון דער פּראָווינציעלער קעניגסבערג, פון דער קליינבירגערלעכער בערלין, פון האַמבורג — תמיד פאַרהונגערט, איינזאַם. גערודפט און טיף טיף אומגליקלעך.

ער איז מיט אַלע באַקאַנט: מיט מענדעלסאָנען, דעם גוטמוטיקן משכיל, דעם „אויפקלערער״, אָבער מענדעלסאָן האָט מורא פאַר מיימונס שאַרפקייט. מיימון איז צו גאוניש פאַר אים. מענדעלסאָן איז אַ מפרש, ניט מער ווי אַ פאַרמיטלער צווישן יידנטום און דער דייטשער קולטור, אַ מעסיקער און אַ מיטלמעסיקער. און מיימון איז — אַ צעברעכער, אַ צעשטערער, אַ חלף מיט אַ גאַנץ קליינינקער פּגימה. ער איז אַ „סיני ועוקר הרים״ — רייסט בערג, כדי זיי צונויפצופירן. דעם רמב״ם און קאַנטן, קבלה און עקזאַקטע וויסנשאַפט. מיימון פאַרשטייט צופיל, אַזוי פיל, אַז ער דערהייבט זיך איבער אַלע שטאַנדפּונקטן. ער דענקט אַזוי קריטיש, אַז אַפילו דער געניאַלער קאַנט קאָן אים ניט מער נאָכפאָלגן. און ווי זאָל עס טאָן דער מיטלמעסיקער מענדעלסאָן?

מיימון שרייבט ביכער אויף העברעיש. קיינער וויל זיי ניט דרוקן. שרייבט ביכער אויף דייטש, אַן אַנאַליז פון דער קאַנטישער פילאָזאָפיע, אַ פאַרזוך פון אַ נייער לאָגיק אאז״וו, אָבער ווינציקע לייענען די ביכער. צו שווער, צו טיף און צו ווייניק קאָנסטרוקטיוו.

ער שטאַרבט יונג. און באַלד איז זיין נאָמען כמעט פאַרגעסן. בלויז אַ לעגענדע, אַ שאָטן, ניט מער קיין גייסטיקע ווירקלעכקייט.

פון צייט צו צייט דערמאָנט זיך דער פאָרשער אָדער אַן אַנדערער אָן אים. די מאָדערנע לאָגיקער האָבן אויפגעפרישט זיין געדעכעניש. ער ווערט אַפילו ציטירט אין די זעלטן פון וועמען געלייענטע, בלויז פאַר ספּעציאַליסטן באַשטימטע ביכער איבער לאָגיק.

אָבער אויך דאָרט ווערט ער בלויז דערמאָנט ווי איינער פון די וואָס האָבן עפּעס געוואָלט, אָנגערעגט, פאַרטראַכט און ניט אויסגעפירט.

אַ קאַנטישער פּנים — און דאָך ניט אַ קאַנטישער מענטש. גאונות — אָבער ניט קיין געניאַליטעט.

מיימון דערציילט וועגן זיך אַ מערקווירדיקן שטריך. ער האָט פון דער יוגנט אָן, זאָגט ער, ליב געהאַט צו מאָלן. און ווען ער וואָלט געלעבט אונטער אַנדערע אומשטענדן, וואָלט אפשר פון אים געוואָרן אַ גרויסער מאָלער — אָבער בלויז פון סקיצן, פאַרטראַכטונגען, אָנהייבן, ניט פון פאַרטיקע און פאַרענדיקטע ווערק. ער האָט תּופס געווען, ער האָט געקאָנט אָנוואַרפן די ראשי־פּרקים. אויספירן האָט ער ניט געקאָנט, ניט געהאַט קיין געדולד. דאָס הייסט, ער האָט ניט געהאַט דעם זין פון געשטאַלטונג, דעם דראַנג צו דער פאָרם. דאָס הייסט — ער איז ניט געווען שעפעריש.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר פריער וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ צווייטער אבן־עזרא, אַ גרויסער געדאַנקען־בליצער; מיט הונדערט יאָר שפּעטער, אין אַ נייער אייראָפּעישער אַטמאָספער, וואָלט ער געוואָרן אַ מין ווייניגער, פאַנטאַסטיש, שאַרף, דורכדרינגענדיק און מער פּאַראַדאָקסאַל ווי גרונטיק.

אין זיין צייט, אין אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ריזן־קאַמף פון דער קולטור פאַר שאַפן נייע אינהאַלטן און פאָרמען — האָט ער ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ, ניט אין דער דייטשער קולטור וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען, ניט אין דער יידישער וואָס האָט אָנגעהויבן פונאַנדערפאַלן. אַ וואַנדערער פון דעם גוף — און נאָך מער אַ וואַנדערער. אַ נע־ונדניק פון דער נשמה.

*

מיר דוכט זיך, אַז אויך ביי יידן הייבט זיך אָן אַ נייער גייסטיקער פּעריאָד. די צייט פון נאַיוויטעט קערט זיך אום, עפּעס אַ פרישע לופט, אַ דראַנג צו שעפערישקייט. און עס פאַרשווונדעט צו ביסלעך דער טיפּ פון דעם יידישן גאון.

מיר האָבן נאָך ניט קיין געניאַליטעט — אַ חוץ איינשטיין, אַן אמת געניאַלע גייסטיקייט. אָבער מיר האָבן שוין אויך ניט דעם גאון. מיטלמעסיקייט — דערווייל. אָבער בעסער אַזוי. אַ באַפרייונג וואָס קאָן פירן צו אַ באַנייונג.

מיר מוזן שוין איצט ציילן די גאונים. זיי זענען שוין פאַר אונדז געשיכטע. און ס'איז ניט קיין ספק, אַז לעבן דעם גאון פון ווילנע וועט הענגען אין דער גרויסער און מערקווירדיקער יידישער גאַלעריע דאָס בילד פון לעצטן גאון, דעם גאון פון ניעסוויזש — שלמה מיימון.

ד״ר א. קאַראַלניק

(„דער טאָג״, ניו־יאָרק, 19.5.1928).

דער קופערשטיכער הערשקאָ לייבאָוויטש פון ניעסוויזש (1770—1700)

אין דער עפּאָכע פון פעאָדאַליזם ביזן אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, האָט די מאָלעריי און סקולפּטור אין אייראָפּע געדינט אויסשליסלעך דער קירך און די מאַכטהאָבערס, ד. ה. — דעם קעניג און דער מאַגנאַטעריע. קופערשטיכעריי איז אין יענעם פעריאָד געווען די איינציקע רעפּראָדוציר־טעכניק אַ דאַנק וועלכער די געבילדעטע שיכטן פון בירגערטום האָבן זיך געקאָנט באַקענען מיט די קונסטווערק פון די גרויסע מייסטערס. מיט קופערשטיכן האָט מען אויך אילוסטרירט ביכער. זייערע שער־בלעטער און אילוסטראַציעס זענען געווען ווערק פון קינסטלערס און אַ דאַנק זיי קענען מיר איצט אָפּשאַצן די פּלאַסטישע קולטור פון דער געגעבענער צייט. אויך יידישע ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין 16טן—18טן יאָרהונדערט אין קראָקע, זשולקעוו און לובלין האָבן געהאַט שער־בלעטער, באַפּוצטע מיט פּאַרשידענע אָרנאַמענטן, אילומינאַציעס און אַנדערע צייכענונגען. די קופערשטיכעריי האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל אַלס רעפּראָדוציר־קונסט, ביז וואַנען מען האָט נישט אָנגעהויבן באַנוצן זיך מיט ליטאָגראַפיע, צינקאָגראַפיע און פאָטאָגראַפיע.

אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, טרעפן מיר זיך אָן אין פּוילן אויף אַן אויסערגעוויינלעך ווערק פון דער קופערשטיך־קונסט. דאָס איז אַ שטאַם־בוך וואָס באַשטייט פון 165 פאַמיליע־פּאָרטרעטן פון איינער פון די מעכטיקסטע מאַגנאַטן־משפחות אין לאַנד — די פירשטן ראַדזשיווילס.

דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1758 און פאַרמאָגט אַ ברייטערע פאָררעדע אין דער לאַטיינישער שפּראַך. אָבער מיט קיין איין וואָרט ווערט אין דעם בוך ניט דערמאָנט דער שעפער פון די דאָזיקע 165 קופערשטיך־פּאָרטרעטן. דער מחבר פון די אַלע קופערשטיכן איז געווען אַ באַשיידענער, קליינשטעטלדיקער ייד וואָס האָט געלעבט אין די יאָרן 1700—1770 אין די גיטער פון דעם גרויסן מאַגנאַט פירשט מיכאל ראַדזשיוויל און געהייסן האָט ער הערשקאָ לייבאָוויטש.

הערשקאָ לייבאָוויטש איז געווען אַ קופערשטיכער, וואָס האָט אין 18טן יאָרהונדערט נישט געהאַט זיינס גלייכן אין פּוילן. עס זעט פּשוט אויס אומגלויבלעך דער פאַקט, אַז אַ מענטש פון אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ, וועלכער האָט מסתמא נישט פאַרלאָזט זיין געבוירן־שטאָט, זאָל זיין אימשטאַנד אין אַזאַ מאָס צו באַהערשן די טעכניק פון גראַווירן אין האַרטן מעטאַל. די ביז איצטיקע פאַרשונגען האָב נאָך נישט באַוויזן, אויף וועמען עס האָט זיך געשטיצט אין זיין שאַפונג אָט דער דאָזיקער כמעט ווי אַנאָנימער קינסטלער. ווען לייבאָוויטש איז געבוירן געוואָרן — וואַרשיינלעך אין יאָר 1700 — אין דער גרעסטער פּוילישער קופערשטיכער, יערעמיאַש פאַלק, שוין זיבנס 23 יאָר געווען טויט. דערביי האָט פאַלק, ווי ס'איז באַוווסט, די לעצטע צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז לייבאָוויטש האָט געזען אייניקע ווערק פון פאַלקן אין דער בילדער־גאַלעריע פון די ראַדזשיווילס. ס'קאָן אויך זיין, אַז די דאָזיקע ווערק טאַקע האָבן אינספּירירט לייבאָוויטשן צו נעמען זיך צו זיין קינסטלערישער באַשעפטיקונג.

צו די קופערשטיכער וועלכע זענען, אַזוי ווי לייבאָוויטש, געווען פאַרבונדן מיט ניעסוויזש, קאָן מען אויך פאַררעכענען טאָמאַש מאַקאָווסקין, וואָס האָט געלעבט פאַר די צייטן פון מיקאָלאַי קשישטאָף ראַדזשיוויל (1616—1549). מאַקאָווסקי איז געווען אַ קופערשטיכער און אַ קאַרטאָגראַף. ער האָט באַגלייט דעם אויבן דערמאָנטן ראַדזשיווילן אויף זיין רייזע קיין פּאַלעסטינע און שפּעטער האָט ער אילוסטרירט דאָס ביכל, וואָס יענער האָט אָנגעשריבן א. נ. „דאָס עולה־רגל זיין צו דער הייליקער ערד". דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קראָקע אין 1607 יאָר. וואַרשיינלעך האָט דאָס בוך אויך געזען לייבאָוויטש און ס'קאָן זיין, אַז די קופערשטיכן וואָס זענען דאָרט פאַראַן, האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין שאַפונג.

הערשקאָ לייבאָוויטשעס קינסטלערישע טעטיקייט פאַלט אויס אין דער צייט, ווען ס'האָט געלעבט דער פירשט ראַדזשיוויל — ריבענקאָ.

ס'איז מעגלעך, אַז מען האָט אים פאַרטרויט אויסגראַווירן די משפּחה־פּאָרטרעטן לויט דעם פאָרשלאַג פון ריבענקאָס פרוי אורשולאַ פון די וווישניאָוויעצקיס (1753—1705). זי איז געווען, ווי פאַר יענע צייט, זייער אַ געבילדעטע פרוי. זי האָט איבערזעצט אויף פּויליש פראַנצויזישע דראַמאַטישע ווערק און באַנייט די טעטיקייט פון דער דרוקעריי, וועלכע האָט געהערט צו די ראַדזשיווילס און איז אין משך פון אַ לאַנגער צייט נישט געווען טעטיק. זי האָט זיך פאַרגרעסערט די שלאָס־ביבליאָטעק ביז 20.000 בענדער.

ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, מ'זאָל אַ פּראָסטן יידן אָנפאַרטרויען צו מאַכן די משפּחה־פּאָרטרעטן פון די מאַגנאַטן ראַדזשיווילס, איז עד היום נאָך נישט גענוג אויפגעקלערט. מעגלעך, אַז ער איז שוין פריער באַשעפטיקט געווען אין אויספאָרמירן פּרעכטיקע גיפּיורן, קלאַמרעס, זשאַבאָטן, בראָשן. נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע, אַז דעם כאַראַקטער פון יעדער געשטאַלט וואָס לייבאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט, האָט אויסגעדריקט יעדנס אייגנאַרטיקע שטריכן. אַזוי אַרום האָט לייבאָוויטש געשאַפן 165 קופערשטיך־פּאָרטרעטן, וועלכע זענען אָפּגע־שפּעטער אַריין אין דעם אָריגינעלן שטאַם־בוך, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1758 אין דער פירשטלעכער דרוקעריי אין ניעסוויזש. אין דעם בריטן לאַטיינישן אַריינפיר צו דעם פּאָרטרעטן־בוך, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן דער פאַרוואַלטער פון דער ראַדזשיווילער גאַלעריע פראַנצישעק וואָכע, קאָן מען אין ערגעץ נישט געפינען דעם נאָמען פונעם שעפער פון די אַלע קופערשטיך־פּאָרטרעטן און אַפילו נישט קיין אָנדייטונג וועגן אים. אַז לייבאָוויטש איז דער מחבר פון די קופערשטיכן, זאָגן עדות בלויז צוויי אונטערשריפטן, פון וועלכע איינער געפינט זיך אויף דעם ערשטן קופערשטיך, דער צווייטער — אויפן לעצטן. דער אונטערשריפט לויטעט:

H. Leybowicz Sculp. Nieswisii

בלעטערנדיק דאָס דאָזיקע פּאָרטרעטן־בוך, וואָס איז געדרוקט זייער זאָרגפעלטיק און שיין, באַוווּנדערן מיר די גרויסע מי, וועלכע דער קינסטלער האָט אַריינגעלייגט אין זיין שאַפונג, וואָס האָט באַדאַרפט אויפהייבן דעם רום פון איינער פון די דעמלט מעכטיקסטע משפחות אין פּוילן. דאָס דאָזיקע אַריגינעלע שטאַם־בוך, וואָס דער ערשטער עקזעמפּלאַר איז באַשטימט געווען פאַר די ראַדזשיווילס גופא, איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אויף פּאַרמעט, פּראַכטפול־געבונדן און פאַרזען מיט אַ באַגילדעטן פירשטלעכן הערב. שפּעטער, ווען עס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן די ווייטערדיקע עקזעמפּלאַרן, איז עס באַקאַנט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע. עס האָט זיך געפונען אין יעדן אייראָפּעישן קייזערלעכן צי פירשטלעכן שלאָס. מיט דעם שעפער פון די דאָזיקע ווערטפולע קופערשטיך־פּאָרטרעטן האָט זיך אָבער קיינער נישט אינטערעסירט. דאָס איז נישט געווען קיין אויסנאַם־פאַל, ווייל נישט איין גרויסער מאַגנאַט האָט אויף אַזאַ אופן אויסגענוצט די טאַלאַנטן פון זיינע אונטערטעניקע. מ'וואָלט געקאָנט ברענגען אַ סך אַזעלכע ביישפּילן. איינעם פון די דראַסטישע אַזעלכע פאַלן האָט באַשריבן

יאַן בערנאַולי, אַ באַרימטער קונסט־קענער פון 18טן יאָרהונדערט. רייזנדיק איבער פּוילן, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אינעם פּאַלאַץ פון די בראַניצקיס אין ביאַליסטאָק אויף אַ פּראַכטפולער סקולפּטור אין מאַרמאָר, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט דעם קעניגלעכן העטמאַן בראַניצקין. ווען ער האָט זיך געפרעגט, וועמענס שאַפונג עס איז די דאָזיקע סקולפּטור, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די סקולפּטור האָט געשאַפן אַ ביאַליסטאָקער ייִד, וועלכער האָט נאָך דעמלט געלעבט. באַרנאַולי האָט זיך נענטער פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן קינסטלער און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער א.ז. אַרבעטלאָז און לעבט אין גרויסער נויט.

הערשקאָ לייבאָוויטש איז געווען אין אַ גליקלעכערער לאַגע, ווייל טיילמאָל — כאָטש אויף דעם באַשיידנסטן אָרט — האָט ער געגעבן זיין אונטערשריפט.

נישט פאַרמאָגנדיק קיין גענויערע ידיעות וועגן לעבן און שאַפן פון דעם דאָזיקן פענאָמענאַלן קופּערשטיכער פון ניעסוויזש, חוץ די דערמאָנטע ווערק זיינע וועלכע האָבן באַצרט די משפחה ראַדזשיוויל, איז כדאַי צו ברענגען די אַרויסזאָגונגען פון צוויי אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן (זיי שטאַמען אויך פון די ראַדזשיווילער גיטער פון דער אומגעגנט פון נ׳עסוויזש), פון דעם פילאָזאָף שלמה מיימאָן (1753—1800) און דעם פּאָעט סיראָקאָמליאַ. וועגן לייבאָוויטשן דערמאָנט בלויז סיראָקאָמליאַ. מיימאָן באַשרייבט בלויז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע (1792), וועלכע ער האָט דערלאַנגט דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, דעם ראַדזשיווילער פּאַלאַץ, אין וועלכן לייבאָוויטש האָט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט איבער די קופּערשטיך־פּאָרטרעטן.

די אַרויסזאָגונגען פון די צוויי דערמאָנטע מחברים באַלייכטן אונדז טיילווייז די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָט געלעבט און געאַרבעט הערשקאָ לייבאָוויטש.

מיימאָן, שרייבנדיק וועגן זיינע קינדער־יאָרן, דערמאָנט, אַז עס האָט אים שטענדיק געצויגן צו דעם פּראַכטפולן ניעסוויזשער שלאָס. ער פלעגט זיך דאָרט אָפּט אַריינגנבענען און בלאָנדזשען איבער די ריזיקע, ליידיקע, נישט געהייצטע זאַלן, וווּ ער האָט איבערגעצייכנט די מוסטערן פון די טאַפּעטן אויף די ווענט. איינמאָל האָט מען אים אַפילו געפונען אין איינעם פון די זאַלן אַ האַלב פאַרפרוירענעם, מיט אַ בליישטיפט און פּאַפּיר אין די פאַרשטאַרטע פינגער. הגם מיימאָן האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט וואָס לייבאָוויטש, דערמאָנט ער אים נ׳שט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. מעגלעך, אַז אין זיינע וואַנדערונגען איבערן שלאָס איז ער נישט דערגאַנגען צו די זאַלן, אין וועלכע ס׳האָט געאַרבעט לייבאָוויטש, אָדער זיינע באַזוכן זענען פאָרגעקומען אין די שעהן, ווען דער קופּערשטיכער איז נישט געווען ביי דער אַרבעט.

אויך סיראָקאָמליאַ, דרוקנדיק אין יאָר 1853 זיין בוך — „אַמאָליקע וואַנדערונגען איבער מיינע געגנטן״, דערמאָנט דעם הערלעכן ניעסוויזשער שלאָס. באַשרייבנדיק דעם קעניגלעכן זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק און האָט געדינט פאַר אַן עסצימער און אויף אויפצונעמען געסט, שטרייכט ער אונטער זיין אויסערגעוויינלעכע רייכקייט. ער דערמאָנט אויך דעם העטמאַן־זאַל, ד. ה. די גאַלעריע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די משפחה־פּאָרטרעטן פון די ראַדזשיווילס. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען דער זאַל, אין וועלכן לייבאָוויטש האָט געקריצט זיינע פּאָרטרעטן־שטיכן. סיראָקאָמליאַ, באַטראַכטנדיק די פּאָרטרעטן פון די העטמאַנעס, פּוילישע און ליטווישע, זאָגט זיך אַרויס, אַז אַ טייל פון די וועמענס פּאָרטרעטן עס געפינען זיך דאָ, זענען ווירדיקע מענטשן, אַנדערע דאַקעגן האָבן „געלערנט זייערע קינדער צו באַנוצן קראַפּט, כדי אונטערצודריקן די אָרעמע״.

דאָס פּאָרטרעט־בוך פון דער פאַמיליע ראַדזשיוויל איז צום צווייטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1875 אין פּעטערבורג. און הגם דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָט מען ווייטער זייער ווייניק דערמאָנט וועגן לייבאָוויטשן. דאָ אָדער דאָרט זענען אַפילו געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפצוקלערן, ווער עס איז געווען דער דאָזיקער קופּערשטיכער, אָבער מ׳האָט זיך מערסטנס באַגנוגנט מיטן פעסטשטעלן, אַז די 165 שטיך־פּאָרטרעטן פון די פירשטן ראַדזשיוויל האָט געשאַפן אַ ניעסווישער ייִד, הערשקאָ לייבאָוויטש. אין זשורנאַל „קלאָסי״ פון יאָר 1879 דערמאָנט וואָיטשיצקי אין נעקראָלאָג וועגן יאַן (סאַלאָמאָן) מונהיימער די באַרימטע פּוילישע קופּערשטיכער און האָלצשניצער, ווי וויט סטוואָש, יאַן זשאַרנקאָ און יאַצענטי יאַגעללאָ, וועלכער האָט אין די יאָרן 1620—1665 אילוסטרירט אייניקע ביכער אין קראָקע. צו זיי האָט ער אויך פאַררעכנט הערשקאָ לייבאָוויטשן. אין דער דאָזיקער נאָטיץ שרייבט ער: „אין דעם באַשיידענעם קרייז פון קינסטלער האָט זיך אויסגעצייכנט הערשקאָ לייבאָוויטש, אַ ייִד, וועלכער האָט מיט זיינע האָלצשניטן באַצירט דאָס ווערק, וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט״. אין דעם זעלבן נעקראָלאָג שרייבט וואָיטשיצקי ווייטער, אַז צו די טרעפלעכסטע ווערק פון דעם דאָזיקן קינסטלער געהערט די זאַמלונג פון 165 פּאָרטרעטן פון דער משפחה ראַדזשיוויל. די ענציקלאָפּעדיע פון אָרגעלבראַנדן, דערמאָנענדיק וועגן לייבאָוויטשן, גיט אָן: „אַ ייִד, איינער פון די באַרימטסטע פּוילישע קופּערשטיכער פון 18טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געוווינט אין ניעסוויזש, אויפן הויף פון די פירשטן ראַדזשיוויל. צווישן פיל פון זיינע ווערק צייכנט זיך אויס די זאַמלונג פון 165 צייכענונגען, וואָס שטעלן פאָר די מיטגלידער פון דער דאָזיקער משפחה, וועלכע האָבן געלעבט פון יאָר 1346 ביז 1780 (אַ טעות אין דער לעצטער דאַטע, וועלכע דאַרף זיין 1758 — ס.). פון דעם דאָזיקן ווערק זענען פאַראַן צוויי אויפלאַגעס.ביידע זענען זעלטנהייטן״. אויך יוליאַן קאָלאַטשקאָווסקי, דער מחבר פונעם „ווערטערבוך פון פּוילישע קופּערשטיכער״ *, דערמאָנט לייבאָוויטשן אין דעם דאָזיקן ווערק אויף פאָלגנדיקן אופן: „לייבאָוויטש ה., געבוירן אין ניעסוויזש, (1700—1770), האָט געקריצט אַ סך פּאָרטרעטן און אַנדערע זאַכן. ער האָט אויך געשאַפן 105 (אַ טעות — ס.) פּאָרטרעטן פון די פירשטן ראַדזשיוויל״.

פון די דאָזיקע נאָטיצן וועגן לייבאָוויטשן, די ערשטע וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די פּוילישע אויסגאַבן, קאָן מען, וואָס אַן אמת, אַרויסדרינגען, אַז לייבאָוויטש האָט געמאַכט אַ סך קופּערשטיכן, אָבער ער גיט נישט אָן קאָנקרעט וועלכע. מיר ווערן אויך פון זיי געוואָר, אַז לייבאָוויטש איז געווען אַ האָלצשניצער.

ציטירנדיק די נאָטיץ וועגן הערשקאָ לייבאָוויטשן, וועלכע ס׳האָט געשריבן עדוואַרד ראַסטאַוויעצקי אין זיין „ווערטערבוך פון פּוילישע קופּערשטיכער״ **, לייענען מיר אויף דער זייט 171 פונעם ווערטערבוך פאָלגנדיקס: „לייבאָוויטש הערש, לויט סאָביעשטשאַנסקין — אַ האָלצשניצער, אַ ייִד, האָט געאַרבעט אין ניעסוויזש אויפן הויף פון די פירשטן ראַדזשיוויל אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, הויפּטזעכלעך ביים אָרנאַמענטירן ביכער״.

* ווערטערבוך פון פּוילישער קופּערשטיכער און פרעמדע, וועלכע זוינען אין פּוילן, אָדער וועלכע האַלטן זיך דאָ צייטווייליק אויף, פון די עלטסטע ביז די נייעסטע צייטן, ווי אַ ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער קונסט אין פּוילן. געשאַפן דורך יוליאַן קאָלאַטשקאָווסקי, לעמבערג. געזעלשאַפט א. נ. פון שעווטשענקאָ, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון פּ. סאַרנעצקי, 1874.

** ווערטערבוך פון פּוילישע קופּערשטיכער און אויך פרעמדע, באַזעסענע, אָדער אַזעלכע, וואָס אַרבעטן צייטווייליק אין פּוילן. עדוואַרד ראַסטאַוויעצקי: אויסגאַבע פון דער „געזעלשאַפט פריינד פון די וויסנשאַפטן״, פּויזן 1886.

דערנאָך ציטירט ראַסטאַוויצקי דאָס דאָזיקע אָנדענק־בוך לכבוד דער פירשטין אַננאַ פון די סאַנגושקעס.

דער קולטור־היסטאָריקער סטאַניסלאַוו וואַשילעווסקי באַשרייבט אין זיין ווערק „ביי דער פירשטין” אויף פאָלגנדיקן אופן זיינע איינדרוקן וועגן הערשקאָ לייבאָוויטשן און זיינע ווערק:

„אין אַ ווינקל פון אַן אַלטער ביבליאָטעק האָב איך אויסגעפונען אַ גרויס בוך, וואָס מע קאָן קוים דערשלעפּן צום טיש. דער פערגאַמין איז מאַיעסטעטיש שווער, געקנייטשט פון פייכקייט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. אויף דעם באַנד פון אמתער חזיר־לעדער, וואָס איז וואַרשיינלעך אַראָפּגעצויגן געוואָרן פון צוויי יונגע חזירימלעך, האָט אַמאָל געשיינט דער גאָלדענער פירשטלעכער הערב; איצט איז ער בלאַס און אָפּגעריבן. בלעטערנדיק די זאַמלונג, באַמערקן מיר, אַז ס'אינטערעסירן אונדז מער די קופּערשטיכן, ווי די געשיכטע פון דער משפחה. ווי זאָרגפעלטיק עס זענען אויסגעפּאַרטיקט די דאָזיקע קופּערשטיכן, ווי עס קוויקן דאָס אויג די פּראַכטפולע געוועבטע קליידער. אַן אמתע אויסשטעלונג פון טואַלעטן: דעליעס, קאָנטושן און גראַנאַסטאַיען, מיידלשע קריסעס און איטאַליענישע קאַמעטעס, אַטלאַסן, סאַיעטן, סאַמעט, פוטערנע היטלען, שווערע פּאַנצערס, פראַנצויזישע גראַדעטורן און זשאַבאָטן. נישט ווייניק אַרבעט האָט געהאַט דער מחבר ביי די דאָזיקע שטיכן. ווער דאָס איז געווען — איז מער נישט געווען באַוווסט, ווייל די אַרבעטן זענען נישט געווען אונטערגעשריבן. אויפן בוך איז דאָ בלויז דער אונטערשריפט פון דעם אַרויסגעבער — דעם פּאַרוואַלטער פון די ניעסוויזשער זאַמלונגען, הער וואַבע. ערשט אַ סך שפּעטער און כמעט צופעליק האָב איך אָפּגעפונען דעם נאָמען פונעם קופּערשטיכער. ער איז נישט געווען קיין האָלענדער און נישט קיין איטאַליענער. קיין שיינעם נאָמען האָט ער נישט פאַרמאָגט, און די וועלט האָט ער ווייניק געזען. ער האָט בלויז געהייסן הערש לייבאָוויטש, אַ באַשיידן יידל פון די פאַרוואָרפענע ניעסוויזשער הייזלעך, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן. אפשר האָט ער געהאַלטן אין פאַכט איינעם פון די פירשטלעכע פאָלוואַרקן, אפשר האָט ער געהאַנדלט מיט האָזענע פעלעכלעך — ס'איז נישט באַוווסט. אין די פרייע מינוטן האָט דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער ייד זיך גענומען צו אַזעלכע אַרבעטן, וואָס האָבן ביי די ליטווישע יידן געמוזט אַרויסרופן פאַרוווּנדערונג: ער האָט געקריצט אויף אַ בלעך. געוויס האָט מען געלאַכט פון אים אין דער פאַרשטאָט, געוויס האָט מען געשאָקלט מיט מיטלייד מיט די קעפּ, זאָגנדיק: „דער הערשקאָ — ער איז נעבעך אַ געריר טער...”

הערשקאָ לייבאָוויטש האָט געלעבט 70 יאָר. חוץ די פּאָרטרעטן פון די ראַדזשיווילס, האָט ער אויך אויסגעפירט אַ צייכענונג צום ווערק „רעדעס און הספדים אויף דער לוויה פון אַננאַ פון די סאַנגושקעס ראַדזשיוויל”, ווילנע 1750. אויף דער דאָזיקער צייכענונג איז אויפגעהאַלטן דער איינציקער שפּור פון מחבר — דער אונטערשריפט:

H. Leybowicz Sculp. Nieswisii

ווען אין יאָר 1750 איז אויפן סמך פון דער פּריווילעגיע פון קעניג אַנטשטאַנען די דרוקעריי פון די ראַדזשיווילס אין ניעסוויזש, האָט לייבאָוויטש באַקומען אַ שטרענגן באַפעל, אַז ער זאָל צום ערשטן בוך, וואָס וועט אַרויס פון דער דרוקעריי, צוגרייטן אַ שיינעם קופּערשטיך. דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער בוך פון „רעדעס און הספדים”. אַ געוויסער אויסלענדישער מאָלער, מאַוריצי פּעטעטי, האָט אָנגעצייכנט די אינעווייניקסטע טייל פון דער יעזואיטן־קירך בעת דער לוויה פון דער פירשטין אַננאַ. לייבאָוויטש האָט די דאָזיקע צייכענונג זייער שיין אויסגעקריצט אויף אַ ריזיקער בלעך. ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט געמוזט צופרידנשטעלן דעם געשמאַק פון די ניעסוויזשער מאַגנאַטן, ווייל, נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט ער באַקומען זייער אַ בכבודיקן פאָרשלאַג. דער פירשט, דער פּאַן, האָט באַפוילן, מ'זאָל דעם יידן אַריינלאָזן אין שלאָס און אים באַזעצן אין העטמאַן־זאַל. „האַ־האַ! — האָבן געטראַכט די הויפלייט, — וואָס פאַר אַ צייטן ס'זענען געקומען — עפּעס אַ יידל אין העטמאַן־זאַל!”. אָבער דער פירשט, דער העטמאַן, האָט ווייטער באַפוילן: „זאָל דאָרט לייבאָוויטש זיצן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט נישט אויספירן אַלע 165 פּאָרטרעטן אין בלעך, און זאָל דער הער וואַבע אים דערקלערן, וועלכע אַרבעטן ער זאָל שענער, וועלכע מיטלמעסיקער מאַכן. און ווען ער וועט ענדיקן, זאָל מען פון דעם צונויפשטעלן אַ בוך צום רום פון די אָבות און צום אָנדענק פאַר די ווייטערדיקע דורות”. הערשקאָ האָט מסתמא נישט קיין קליינעם קלאָפּאָט געהאַט — אויספירן 165 פּאָרטרעטן, פון וועלכע אַ טייל זענען אַזוי מיאוס געווען, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. אָבער ער האָט געמאַכט דאָס, וואָס מען האָט אים באַפוילן. ער האָט עס געמאַכט אַזוי ווי קיינער וואָלט עס נישט געמאַכט אין דעם פינצטערן, עם־האַרצישן פּוילן אין די צייטן פון די זאַקסן. ער האָט זיך אינגאַנצן נישט געוווּנדערט, וואָס מען האָט אים פאַרגעסן אונטערצושרייבן אויף זיין ווערק, — ווייל, ווי שיקט זיך דאָס: נעבן העטמאַנעס און סענאַטאָרן — הערשקאָ לייבאָוויטש.

און שפּעטער האָט מען אויך פאַרגעסן וועגן דעם קינסטלער פון דער ניעסוויזשער פאָרשטאָט, וואָס האָט פאַרגרעסערט די קליינע משפחה פון אונדזערע קופּערשטיכער. עס לוינט זיך אים אַרויסצוהייבן פון דער פאַרגעסנקייט, און זאָלן די קונסט־היסטאָריקער האָבן אין האַרץ דעם ענין פון הערשקאָ דעם קופּערשטיכער”.

אַזוי האָט געשריבן וועגן הערשקאָ לייבאָוויטשן און וועגן זיין ווערק, און וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער פּוילישער קופּערשטיכעריי סטאַניסלאַוו וואַסילעווסקי, ווען ס'איז באמת געלעגן אויפן האַרצן, מ'זאָל זיך געבן די מי אויסצופאָרשן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן גלענצנדיקן טאַלאַנט. ביז אַהער האָט מען כמעט גאָרנישט געטאָן אין דער ריכטונג.

לייבאָוויטש האָט באַהאַנדלט יעדן באַזונדערן פּאָרטרעט מיט אַ סך ווירטואָזישקייט און אינדיווידועל אונטערפּרעטירט יעדע געשטאַלט. די טעכניק פון קופּערשטיך איז דערגאַנגען ביי אים צו הויכער מייסטערשאַפט. טייל פון זיינע שטיכן צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער ווייכקייט פון דער ליניע און פאָרם, און עס שלאָגט זיך אין זיי דורך די קעגנזעצלעכקייט פון ליכט און שאָטן. אין אַ סך שטיכן קאָן מען באַמערקן דאָס פאַרשידנאַרטיקע און דאָס סינטעטישע. דאָס קומט צומערסטן צום אויסדרוק אין די קופּערשטיכן, וואָס שטעלן פאָר די לעצטע פון די ראַדזשיווילס, וועלכע האָבן געלעבט אין דער זעלבער צייט, וואָס לייבאָוויטש. מעגלעך, אַז די דאָזיקע האָט דער קופּערשטיכער אויסגעפירט אויפן סמך פון אייגענע שטודיען.

די 165 אַרבעטן פון לייבאָוויטשן באַווייזן אַ קינסטלער אַ קופּערשטיכער אין פאַרשידענע סטאַדיעס פון זיין שאַפן. נעמענדיק אין אַכט די זשמודנעקייט פון דער שטיכער־אַרבעט, אַז די פּונקטן און ליניעס וואָס קומען אַרויס פון אונטער דעם קריץ־שטיך אויף דער קופּערנער פּליטע, מוזן זיין אויסערגעוויינלעך פּרעציז אויסגעפירט — קאָן מען זיך משער זיין, אַז דאָס אויספירן אַ פּאָרטרעט אויף איין פּליטע האָט געפאָדערט 2—3 חדשים אַרבעט ביי אַ 6—8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. לייבאָוויטש האָט אַלזאָ ביי די פּאָרטרעטן פאַרבראַכט עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

די מאַכט פון דער פּוילישער מאַגנאַטישער משפחה פון די ראַדזשיווילס איז שוין לאַנג פאַרביי. די גיטער, וואָס האָבן אַזויפיל יאָרהונדערט געהערט צו די ראַדזשיווילס, זענען אַריי־

בער צו די אייניקלעך פון די הונדערטער טויזנטער פויערים, וואָס זענען אַמאָל עקספּלאָאַטירט געוואָרן דורך די דאָזיקע מאַגנאַטן. הערש לייבאָוויטש, וועלכער האָט געלעבט אין די פינצטערע צייטן פון פעאָדאַליזם, האָט, וואָס אַן אמת, אין זיינע ווערק געצייכנט די דאָזיקע ראַדזשיווילס מיט די פּילגאַרנדיקע טיטולן, אָבער נישט יענע מאַגנאַטן רופן אַרויס אונדזער פאַר־אינטערעסירונג און נישט זייער אָנדענק וועט בלייבן אין פּוילן, בלייבן וועט דער אָנדענק אין דער נאָמען פון הערש לייבאָ־וויטש, דעם פּרעכטיקן קופּערשטיכער און קינסטלער, וועלכער האָט באַרייכערט די קולטור פון פּוילישן פאָלק.

יוסף סאַנדעל

*

לייבאָוויטש הערש (הערשעק)

איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּוילישע ריטאָווניקעס אין 18טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געווױנט אין ניעסוויזש, אויפן הויף פון פירשט ראַדזשיוויל. צווישן פיל פון זיינע שאַפונגען מיטן רילעץ, צייכענען זיך אויס: די זאַמלונג פון געשטאַלטן פון דער פאַמיליע ראַדזשיוויל וואָס באַשטייט פון 165 צייכענונגען פון די משפּחה־מיטגלידער וואָס האָבן געלעבט פון יאָר 1346 ביז 1780. פאַראַן צוויי אויסגאַבן פון דעם ווערק, נאָר זייער זעלטענע.

(„ענציקלאָפּעדיאַ פּאָווסעכנאַ" — אַלגעמיינע ענציקלאָ־פּעדיע, 16טער באַנד, וואַרשע 1864, ז' 824).

✡

אונדזער פאָטער שמ"ר

(צוויי קאַפּיטלען, 1 און 2, פונעם בוך מיט דעם זעלבן נאָמען. די מחברין — שמ"רס טאָכטער מרים שאָמער־צונזער).

אָבות

אין ערשטן פערטל פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אין דער שטאָט ניעסוויזש, מינסקער גובערניע, האָט געלעבט אַ ייד מיט דעם נאָמען ר' גבריאל גאָלדבערג. אין זיין צייט איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאָר גרויסן גביר. געהאַנדלט האָט ער מיט פּראַכט, זיינע שיפן זענען געשווומען איבערן טייך ניעמאַן און וויט־וויטער — אַזש ביז די ברעגעס פונעם באַלטישן ים.

אין די טיפע זעכציקער איז ר' גבריאל נאָך געווען אַ קרעפטיקער מאַן און ס'האָט אויסגעזען, אַז קיין גליקלעכער מענטש פון אים איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אָבער אין אמתן איז עס אַזוי נישט געווען, ווייל ער און זיין ווייב האָבן קיין קינדער נישט געהאַט.

אין יענער צייט איז ביי יידן צו האָבן אַ קינד, אַ קדיש, געווען אַזוי נייטיק ווי לעבן. שטאַרבן אָן אַ קדיש האָט געמיינט נישט נאָר אַז דעם יידנס הויז און נאָמען וועלן פאַרגעסן ווערן, נאָר אַז אַ צווייג פון פאָלק ישראל וועט אָפּגעהאַקט ווערן. דאָס האָט ר' גבריאלן שטאַרק געפּלאָגט און איבערלאָזן זיין גרויס פאַרמעגן צו פרעמדע, האָט זיך אים אויך נישט געוואָלט.

ער האָט באַטראַכט זיין לאַגע מיט גרויס באַזאָרגטקייט: זיין ווייב איז געווען אין איין עלטער מיט אים. כמעט פופציק יאָר זענען זיי געווען פאַרהייראַט, אָבער אין דער גאַנצער צייט האָט זי אים קיין קינד נישט געבוירן. גטן זי האָט ער נישט געוואָלט, ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. אָבער איצט, ווען זיין לעבן האָט שוין באַלד דערגרייכט דעם עלטער פון זיבעציק יאָר, האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַ קינד.

ר' גבריאל האָט זיך גענומען מיישב זיין מיט זיינע פריינד, אָבער ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף חילוקי־דעות. איין טייל האָט אים דערמאָנט זיין עלטער און אויך געוואָרנט וועגן יושר בנוגע זיין ווייב. דער אַנדערער טייל האָט געטענהט, אַז דאָס פאָלק ישראל שטייט העכער פון אַ ווייב, מעג זי זיין ווי ליב און געשעצט. די וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פונעם פאָלק ישראל, האָבן געגעבן האַפענונגען ר' גבריאלן, אַז מיט אַ יונגער פרוי וואָלט ער געקאָנט באַגליקן דאָס יידישע פאָלק. און נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט זיך אַליין האָט ער ענדלעך באַשלאָסן: ער וועט זיך גטן מיט זיין ווייב.

דער אַלטער מאַן האָט זיך גענומען עסקן וועגן אַרויסבאַ־קומען אַ גט. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן דער אייזער־נער וואַנט פון יידישן דין, וואָס זאָגט, אַז אַ מאַן מעג אָפּגטן זיין ווייב, אויב צען יאָר נאָך דער חתונה האָט זי אים קיין קינדער נישט געבוירן. אָבער אויב ער האָט עס נאָך די צען יאָר נישט געטאָן, קאָן ער שוין שפּעטער אויף דעם גרונט זי נישט אָפּגטן.

דער גביר ר' גבריאל איז נישט געווױנט געווען נישט אויסצופירן אַ זאַך, און בפרט אין אַן אָנגעלעגנהייט וואָס האָט אַזוי טיף אָנגערירט זיין לעבן. ס'איז אים נישט געפעלן געוואָרן, וואָס די ניעסוויזשער רבנים האָבן נישט צוגעשטימט צו זיין ווילן. אָבער יאָ גבירישקייט צי נישט קיין גבירישקייט, יאָ קדיש צי נישט קדיש — זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט געבן זייער הסכם.

ר' גבריאל איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. סטייטש, יאָרן לאַנג האָט ער געטיילט צדקה מיט אַ פולער האַנט. קיין שול, קיין קלויז, קיין מקווה און קיין הקדש איז נישט געווען, ווו זיינע הונדערטער האָבן ניט געשטעקט, קאָן מען איצט ניט געפינען אַ היתר אויף זיין פאַרלאַנג? ער האָט זיך געבעטן, צוגעזאָגט אַרנטלעך באַזאָרגן זיין ווייב, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. באין ברירה האָט ר' גבריאל אַרויסגעפירט זיין גט־פּראָצעס אין אַנדערע שטעט און אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף צו באַפרייען זיך פון זיין פרוי.

די מעשה מיט ר' גבריאלס גט האָט אַזוי אויפגערודערט ניעסוויזש, אַז זי איז פאַרשריבן אין דאָרטיקן פּנקס. אין יענער צייט האָט אַזאַ געשעעניש אויפגערודערט דאָס דעמאָלסדיקע לעבן. אין דער מחלוקת זענען אַריינגעשלעפּט געוואָרן באַוווּסטע רבנים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

ר' גבריאל איז געגאַנגען פון איין בית־דין צום אַנדערן. דער גאַנצער ענין האָט זיך געדרייט אַרום דער אויסטייטשונג פון דעם דין אונטער געוויסע אומשטענדן. אייניקע רבנים האָבן אַפילו איינגעזען, אַז ר' גבריאל איז גערעכט, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַדורכצופירן דעם גט. ענדלעך האָט דער ניעסוויזשער רב ר' נחום־מאיר געוואָגט אָפּצוזאָגן ר' גבריאלן פון זיין ווייב און האָט אים מתיר געווען נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן.

מיט דעם אָבער האָט זיך די מעשה נישט געענדיקט. דאָס אַלטע ווייב האָט נישט געוואָלט נעמען דעם גט אין איר האַנט. זי האָט אויך נישט געוואָלט צורירן זיך צו די צען טויזנט רובל, וואָס איז געווען איינגעלייגט פאַר איר.

ר' גבריאל אָבער האָט זי נישט געהערט, און עטלעכע חד־

שים נאָך זיין גט, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ זעכצן־יאָריק מיידל. סאָרקע האָט זי געהייסן.

דעמאָלט איז שוין ר׳ גבריאל אַלט געווען ניין־און־זעכציק יאָר. די חתונה איז געווען אַ שטילע, בלויז די נאָענטע און אַ פּאָר געסט. דער מסדר־קידושין איז געווען דער רב ר׳ נחום־מאיר אַליין.

שווער איז געווען די לאַסט וואָס דער רב האָט אויף זיך גענומען. שווער האָט ער געמאַכט דאָס געמיט פון די, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום אים. שטייענדיק ביי דער חופה, האָט ער פּלוצלונג אויסגערופן: „אויב די חתונה איז קעגן דעם ווילן פון גאָט, זאָל דיין ווייב, גבריאל, בלייבן אַן עקרה, אומפרוכטבאַר, ווי דאָס זאַמד פון מדבר; אויב אָבער איך האָב געפּאַלגט גאָטס ווילן, זאָל אייער בונד געבענטשט ווערן מיט קינדער, און דו, גבריאל, זאָלסט זוכה זיין חתונה־מאַכן אַפילו דעם יינגסטן פון זיי. זאַגט אַלע אָמן!" די חתונה־געסט האָבן געענטפערט „אָמן" און אין פחד זיך צעלאָפן. סאָרקע איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט פון דעם רבס ווערטער.

עס ווערט דערציילט, ווי ניעסוויזש האָט אין די קומענדיקע חדשים גענומען נאָכקוקן סאָרקען. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז „סאָרקע קרימט זיך". מען האָט זיך גענומען סודן, אַז סאָרקע גייט נישט מער אין מקווה. ס׳איז געבליבןביים שטעטל איינס פון דיביידע: אָדער סאָרקע לעבט נישט מיט איר מאַן, אָדער זי איז טראָגעדיק. דאָס צווייטע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת.

ווען די נייעס האָט דערגרייכט צו גבריאלס אַלט ווייב, האָט זי צוגענומען דעם גט. אין דעם קומען פון אַ קינד האָט זי געזען גאָטס ווילן. זי האָט צוזאַמענגעקליבן אירע זאַכן, האָט צוגענומען דאָס געלט, וואָס איז געווען איינגעלייגט פאַר איר און איז אַוועק געפאָרן קיין ארץ־ישראל צו שטאַרבן. זי האָט נישט געקאָנט געבן קיין קינד צו איר פאָלק, זאָלן כאָטש אירע אַלטעביינער רוען אין דער ערד פונעם הייליקן לאַנד.

אין ניעסוויזש האָט גענומען שפּעקולירן: — אַ יינגל צי אַ מיידל? אַ „קדיש" צי נישט? איז טאַקע געווען נישט קיין „קדיש", נאָר אַ מיידל.

האָדעס האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. האָדעס, דאָס ערשטע קינד פון דעם פּאָר, איז שפּעטער געווען די מוטער פון דעם, וואָס איז באַוווּסט געוואָרן אַלס „שמ"ר". מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נחום־מאיר, נאָך דעם רב, וואָס האָט חתונה געמאַכט גבריאלן מיט סאָרקען.

פון אָנהויב־אָן האָט די זעכצן־יאָריקע סאָרקע געקוקט אויף איר חתונה מיט דעם אַלטן ר׳ גבריאל ווי אויף עפּעס אַ גאָט־זאַך. אויב ס׳איז איר געווען באַשערט אים צו געבן אַ דור קינדער, האָט זי געהאַט דאָס רעכט הויך האַלטן איר קאָפּ און שטאָלצירן מיט איר מזל. די געבורט פון איר יעדן קינד איז געווען אַ מין „אָמן" צו דעם רב ר׳ נחום־מאירס שבועה.

צען קינדער האָט סאָרקע געבוירן איר מאַן — זין און טעכטער. ר׳ גבריאל האָט דערגרייכט דעם הויכן עלטער פון איבער הונדערט יאָר. ער האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן אַלע קינדער, טאַקע ביז דעם סאַמע יינגסטן.

עס ווערט אַפילו דערציילט ווי די באָבע סאָרקע האָט זיך אַליין פאָרגעוואָרפן וואָס זי האָט חתונה געמאַכט איר מיזיניק אברהם. וואָלט זי אים נישט חתונה געמאַכט, האָט זי געטענהט — וואָלט דער אַלטער אירער נאָך געלעבט און געלעבט — ווער ווייס ווי לאַנג.

קאַרגע פערציק יאָר האָט סאָרקע מיט איר מאַן אָפּגעלעבט. אין דער צייט האָט זי איבערגענומען זיינע געשעפטן און איז געוואָרן די באַלעבאָסטע נישט נאָר איבער זיין הויז, נאָר אויך איבער זיינע פּראַכט־שיפן, וועלכע זענען געגאַנגען אין ווייטע לענדער.

סאָרקע איז געווען אַ קלוגע פרוי. זי האָט זיך געקאָנט אַריינפּאַסן אין יעדער אומגעבונג. האַנדלענדיק מיט סוחרים פון אַנדערע לענדער, האָט זי באַוויזן זיך אויסצולערנען שפּראַכן. זי האָט געקענט רעדן דייטש, רוסיש און פּויליש. איר אַלטן מאַן האָט זי אָפּגעהיט און אים געלאָזן ביי זיין לערנען. זי אַליין האָט דערצויגן אירע צען קינדער מיט אַ שטרענגער, כאָטש אַ וואַרעמער האַנט. איר הויז איז געווען אַ מין מאַטריאַרכאַט, ווו זי האָט געהערשט. אירע זין און טעכטער האָבן איר געהאָלפן אין די געשעפטן. אונטער איר השגחה האָבן זיך ר׳ גבריאלס שיפן פאַרטאָפּלט און סאָרקע גבריאלס, ווי מען האָט זי גערופן, איז געוואָרן אַ גאָר־באַקאַנטע פּערזענלעכקייט נישט נאָר אין ניעסוויזש, נאָר אויך אין דער גאַנצער אומגעגנט.

ווען האָדעס איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט איר מאַמע געזוכט פאַר איר אַ מאַן, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם אָרט לעבן, וואָס זי, איר מאַמע, האָט פאַר איר באַשטימט.

האָדעס איז געווען אַ בילד־שיינע מיידל און פאַר יענער צייט איז זי געווען אויסערגעוויינלעך געבילדעט. ווי איר מוטער, האָט זי געקענט רעדן, לייענען און שרייבן עטלעכע שפּראַכן. זי האָט אויך געקענט שפּילן אויף דער גיטאַרע. חוץ דעם אַלעם איז איר דערציונג געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש, רעליגיעז.

אין סאָרקעס אויגן איז האָדעס גרעסטע מעלה געווען איר אויסטויגן זיך אין געשעפט. דערפאַר טאַקע האָט זי געזוכט פאַר איר טאָכטער אַ שידוך, ווו דער מאַן זאָל זיין אַ למדן; ער זאָל זיין פאַרטאָן אין די שוואַרצע אותיותלעך און זאָל האָבן גענוג געלט צו קאָנען האָדעסן פאַרזיכערן מיט אַן אייגענעם לייטישן געשעפט.

סאָרקע האָט טאַקע אויסגעקליבן פאַר איר טאָכטער איינעם אַ געוויסן יצחק־אייזיק שייקעוויטש, אַ זון פון פאַרמעגלעכע וואַלד־הענדלער. דער שידוך איז געווען פּונקט ווי סאָרקע האָט געוואָלט. דער חתן איז געווען אַ שטילער, אַ ווייל־לערנער, אַ בעל־חלומות און, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איינער פון די יורשים פון דעם זיידע אליהו־לייבס גאָר אַ גרויס פאַרמעגן.

נאָך דער חתונה האָט האָדעס אויפגעעפנט אַ גרויס אימפּאָרט־געשעפט ווו זי האָט געוועלטיקט מיט אַן אייזערנער האַנט. אַלץ איז געגאַנגען ווי געוווּנטשן. אַלץ, אַ חוץ איין זאַך — גאָר אַ וויכטיקע. מיט דער צייט האָט יצחק־אייזיק זיך אַנטוויקלט גאָר נישט ווי זיין ווייב און שוויגער האָבן געוואָלט. ער האָט זיך אויפגעהערט צו שאָקלען איבער זיינע ספרים און גענומען חלומען וועגן דער אויסלייזונג פונעם יידישן פאָלק פון גלות.

זיינע טרוימען וואָלטן האָדעסן גאַנץ ווייניק געשטערט, ווען איר מאַן וואָלט נישט געווען אַזוי אומפּראַקטיש. ער האָט אָבער מיט זיין אידעאַליזם איר אָנגעטאָן גרויסע צרות. ער האָט געשלעפּט געלט פון געשעפט און דאָס געליען אָדער אַוועקגעשענקט יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געבעטן. אַלעמען האָט ער געגלויבט און געטרויט. האָדעס איז געווען געדולדיק, צוגעזען און נישט פאַרבאָטן אים צו טאָן עס, ווייל נאָך אַלעמען איז יצחק־אייזיק געווען דער פאָטער פון אירע קינדער.

דערווייל איז דער זיידע אליהו־לייב געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ קאַפּיטאַל פון איבער פופציק טויזנט רובל פאַר זיינע יורשים. ווייל יצחק־אייזיקס פאָטער, איינער פון אליהו־לייבס דריי זין, איז שוין אויף דער וועלט נישט געווען, האָט זיין חלק פון דער ירושה באַדאַרפט אָנקומען צו אים, צו יצחק־אייזיקן. דער אומפּראַקטישער מענטש האָט אָבער דערלאָזט אַז זיינע רייכע פעטערס זאָלן ביי אים אויסנאַרן זיין חלק פון דער ירושה. האָדעס איז געווען אויסער זיך. לויט איר שכל איז אויסגעקומען, אַז קיין גרעסערע שאַנד איז פאַר אַ מענטשן נישטאָ, ווי זיך לאָזן אַזוי מיאוס אָפּנאַרן. פאַרלירנדיק זיין ירושה, האָט יצחק־אייזיק אויך פאַרלאָרן דעם חן און די לייטזעליקייט אין

זיין ווייבס אויגן. פון דאַן אָן איז דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן.

דאָרט ווו עס איז נישטאָ קיין שלום, איז נישטאָ קיין ברכה. דער שטרייט צווישן האָדעסן און איר מאַן האָט געפירט צו חורבן־פרנסה. האָדעס האָט געמוזט צומאַכן דאָס געשעפט און דער יאָך פון חיונה איז געפאַלן אויף יצחק־אייזיקן. אין זיין נויט איז אים געקומען צו הילף זיין פעטער אברהם שייקעוויטש, איינער פון די פעטערס, וועלכע האָבן ביי אים אויסגענאַרט זיין ירושה. דער פעטער אברהם האָט פאַר אים באַקומען אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער אין אַ בראָנפן־בראַוז, מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן. יצחק־אייזיק האָט אָבער פאַר דער אַרבעט נישט געטויגט. האָט דער פעטער אברהם אים אַוועקגעשיקט אין דעם שטעטל כאַראַל, ווו ער איז געוואָרן דער „רעוויזאָר" איבער אַנדערע אַקציזניקעס. פאַר דעם אַמט האָט יצחק־אייזיק אויך נישט געטויגט. פון כאַראַל איז ער אַוועק און געוואָרן אַן אַקציזניק אין דעם דאָרף נאַראַסים, פון נאַראַסים איז ער אַוועק קיין ווישניקע און דערנאָך קיין יאַנקי.

פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיך יצחק־אייזיק איינער אַליין געפּלאָגט, ביז ער האָט געקאָנט ברענגען זיין פאַמיליע צו זיך.

קינדהייט

דערווייל האָט זיך אין ניעסוויזש, אונטער דער אויפזיכט פונעם עטלעכע־און־צוואַנציק־יאָריקן זיידן גבריאל, געהאָדעוועט יצחק־אייזיקס ייִנגל נחום־מאיר (ער איז געבוירן דעם 18טן דעצעמבער, 1846). אַ שיין קינד איז דאָס געווען, מיט פעך־שוואַרצע האָר און בלוי־גרויע אויגן, מיט אַ קורץ נעזל — ווי זיין פאָטערס, און אַ ווייסע הויט — ווי ביי זיין מוטער. ער איז געגאַנגען אין חדר, זיך גוט געלערנט און צו זעקס יאָר אָנגעהויבן לערנען גמרא, אָבער דער דרויסן האָט אים שטאַרק געצויגן. די גרינע פעלדער, די שמעקעדיקע וועלדער — ווי האָט מען זיי געקאָנט פאַרגלייכן מיט דעם ענגן, פינצטערן חדר? האָט דאָס ייִנגל, שוין אַביסל אַן עלטערער, גענומען אַרומלויפן אַ באָרוועסער און אַ פאַרחלומטער איבער בערג און טאָלן. זיינע חברים, זעענדיק זיין ווייס לייב, האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „ווייסע פיס". דער רבי זיינער האָט נישט געקאָנט צוזען ווי דאָס בחורל בלאָנקעט אַ־ום. אים איז נישט געפעלן געוואָרן ווי דאָס גמרא־ייִנגל רייסט זיך אָפּ פון לערנען, האָט ער אים געקאַטעוועט אויף דעם אַלטן שטייגער.

נחום־מאיר איז נישט געווען קיין גליקלעך קינד. די מאַמע זיינע איז געווען פאַרנומען מיט פרנסה, זיין גוטער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים. די מעשה מיט דער אויסגענאַרטער ירושה האָט פאַראומערט זייערע טעג. די באָבע סאָרקע, שוין נישט אַזוי רייך ווי פריער, איז געווען פאַרטאָן אין אירע געשעפטן. דער רבי מיטן קאַנטשיק האָט פאַרביטערט זיין קינדיש לעבן. די איינציקע טרייסט וואָס איז פאַר דעם ייִנגל פאַרבליבן, איז געווען דער אַלטער זיידע גב־יאל. און נאָך אַ טרייסט האָט נחום־מאיר געהאַט — דערציילן מעשיות. זיצנדיק אויפן אַלטנס קני, פלעגט דאָס יונגע קינד אויסגיסן זיין האַרץ און פאַנטאַזיע פאַר דעם גרייז דורך פאַרשיידענע מעשהלעך. דער זיידע האָט אים ליב געהאַט. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט נחום־מאירן — אַ נאָמען נאָך דעם, וואָס האָט אים אַמאָל באַגליקט. פלעגט דער אַלטער אַרויפלייגן זיין שטאַרקע האַנט אויף דעם קינדס קעפּל און זאָגן: „דערצייל, מיין קינד, דערצייל". און דער קליינער האָט דערציילט פריער אים, דעם זיידן אַליין, און דערנאָך אויך זיינע חברים — די ייִנגלעך, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקליבן צו הערן זיינע מעשיות.

ווען דער טאַטע יצחק־אייזיק האָט שפּעטער אַרויסגערופן זיין ווייב און קינדער צו זיך אין ווישניקי, ווו ער האָט זיך דאַן געפונען, איז נחום־מאירן אַ שאָד געווען איבערצולאָזן דעם זיידן, די וועלדער און פעלדער אַרום ניעסוויזש, און דעם טייך. דערפאַר אָבער האָט ער זיך געטרייסט, וואָס ער וועט האָבן אַרום זיך דעם טאַטן און ס'וועט זיין אַ נייע וועלט, נייע הייזער, נייע גאַסן, נייע מענטשן און אַ נייער רבי, וואָס וועט אפשר אַזוי נישט קאַטעווען. אָבער ס'איז אים נישט באַשערט געווען קיין גוטער מלמד. מען האָט דאָס קינד אַוועק געשיקט אַליין צו אַ רבין אין כאַראַל, ווו ער האָט געלעבט אויף קעסט.

דער נייער מלמד איז נישט געווען בעסער פאַר דעם אַלטן. ער האָט נישט נאָר געקאַטעוועט מיט אַ קאַנטשיק ווי דער אַלטער מלמד, ער האָט דערצו נישט געגעבן גענוג צו עסן. די רביצין האָט זיך געשאַפּט מיט דעם תלמיד ווי מיט אַ משרת:

— נחום־מאיר, קער אויס די שטוב! נחום־מאיר, טראָג אַרויס די פאַמוויניצע! נחום־מאיר, האַק אָן האָלץ פאַרן אויוון!

ווען ער האָט נישט געפאָלגט, האָט מען אים געשלאָגן ביז בלוט. פינצטער און ביטער איז געווען דעם ייִנגלס לעבן ביים מלמד אין שטוב.

איין מאָל אין אָונט, ס'איז געווען ווינטער־צייט, האָט די רביצין געהייסן דעם תלמיד גיין אין קלייט עפּעס איינצוקויפן. אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, און אין שטעטל האָט מען געהאַט געזאָגט, אַז וועלף דרייען זיך אַרום אין די גאַסן. ס'ייִנגל האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. האָט די רביצין אין גרויס צאָרן געכאַפּט אַ שטעקן און אים גענומען שלאָגן. דער רבי האָט אונטערגעהאָלפן, ביז מען האָט דאָס קינד שיער נישט דערהרגעט. בלוט האָט זיך געגאָסן. דעם קינדס קולות האָט מען דערהערט אין גאַס. צוויי מענטשן זענען אַריינגעלאָפן אים ראַטעווען. די מענטשן זענען טאַקע געווען דעם ייִנגלס לייבלעכע פעטערס, יחיאל וויגאָדסקי פון באָברויסק און יוסף מישקינד פון מינסק, וועלכע זענען געקומען קיין כאַראַל מיט דעם צוועק אים אויפצוזוכן. אָפּגעראַטעוועט זייער אומגליקלעכן פלימעניק, האָבן די פעטערס געגעבן דעם רבין און דער רביצין אַ פינצטערן סוף, האָבן דעם ייִנגל צוגענומען פון זייער הויז און אים אַוועק געפירט צוריק אַהיים, צו טאַטע־מאַמע.

יצחק־אייזיק האָט באַשלאָסן מער זיין אָרעם קינד אין קיין חדר נישט שיקן. האָדעס אָבער האָט נישט איינגעשטימט: ניין, אַ קינד דאַרף גיין אין חדר; אויב נישט, איז גאָט וויסט, וואָס עס וועט פון אים ווערן! זי האָט אָפּגעזוכט אַ מלמד אין אַן אַנדער שטעטל, און ווידער נחום־מאירן אַוועקגעשיקט. דאָרט האָט ער געליטן דחקות און נויט און איז פאַרקרעציקט געוואָרן, שלאָפנדיק אויף אַ פּאַק שמאַטעס. האָדעס האָט געמוזט ברענגען איר זון אַהיים, אין יאַנקי, ווו יצחק־אייזיק האָט געזוכט אַ נייע פרנסה. נחום־מאיר האָט דערווייל אויפגעהערט צו גיין אין חדר.

איצט האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן די גליקלעכסטע צייט פון זיין יונג לעבן. פריי פון חדר, האָט נחום־מאיר גענומען לערנען און לייענען דאָס וואָס ער אַליין האָט געוואָלט. ער האָט דורכגעלערנט גאַנץ תנ"ך אין מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג, ווי אויך די פאָפּולערע געשיכטע־באַשרייבונגען — „יוסיפון" און „שארית ישראל".

מיט אַ יאָר שפּעטער זענען יצחק־אייזיק מיט זיין פאַמיליע ווידער געקומען אין ניעסוויזש. נחום־מאיר איז דעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר. אים האָט זיך נישט געוואָלט ווידער פאַרלאָזן פּיאות, אָנטאָן אַ קאַפּאָטע און גיין צוריק צו די מלמדים און רביים, וועמען ער האָט אַזוי פיינט געהאַט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן: אַזוי האָט די מאַמע געפאָדערט. אָבער דער גרויסער צער וואָס האָט ווידער אַמאָל דעם ייִנגל אַרומגעכאַפּט, איז מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער פּלוצלונג פאַרמינערט געוואָרן דורך אַ גאָר־נייער און וווּנדערלעכער איבערלעבונג.

ביז אַהער זענען געווען פאַרמישט אין דעם יונגן נחום־מאירס לעבן צוויי אויסערגעוויינלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן

שטאַרק געווירקט אויף זיין פאַנטאַזיע. ערשטנס, די וווּנדערלעכע מעשה וואָס איז נאָך אַלץ דערציילט געוואָרן וועגן זיידן גבריאל און דער באָבע סאָרקע; צווייטנס, דער אומגליק, וואָס איז געשען מיט זיין פאָטער — די מעשה וועגן דער אויסגענאַרטער ירושה. איצט איז אים געקומען צו דער האַנט אַ דריטער איינפלוס — דאָס איז געווען דער באָבע סאָרקעס בוידעם!

אין דער צייט ווען סאָרקע האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּראַכט, זענען סוחרים פון פרעמדע לענדער געווען פאַרבונדן מיט איר אין געשעפט־ענינים. אָפטמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ סוחר האָט פאַרגעסן אַן אַלטן טשעמאָדאַן, אַ מאָדנע היטל, אַ ווילדן רעקל, אַ בוך, פּאַפּירן אאַז״וו. סאָרקע פלעגט די זאַכן צונויפקלייבן און זיי באַהאַלטן אויפן בוידעם, ביז די סוחרים וועלן שיקן נאָך זיי אָדער אַליין קומען זיי אָפּנעמען. ביסלעכווייז האָבן זיך אויפן בוידעם אָנגעקליבן פעק מיט אויסטערלישע זאַכן. ס׳האָט זיך דער באָבע סאָרקען קיינמאָל נישט געחלומט, אַז דער דאָזיקער בוידעם זאָל ווערן פאַר איר ערשטן אייניקל אַן אָרט, ווו זיין פאַנטאַזיע זאָל קאָנען שוועבן און פליען ביז אין זיבעטן הימל אַריין.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער באָבעס אייניקל, האָדעס׳ תכשיט, נחום־מאיר, פאַרבלאָנדזשעט אויפן בוידעם. ער האָט דאָרטן דערזען אַן אוצר. וואָס נאָר קינדער און פּאָעטן קאָנען אָפּשאַצן: היטלען פאַרצייטיקע, אַלט־פראַנקישע פּושקעס, אינסטרומענטן, מלבושים, וואָס זענען געטראָגן געוואָרן פון מענטשן פון ווייטע, פרעמדע לענדער. אָט דער געוואַלדיקער אוצר האָט אויפגערודערט די פאַרשטעלונגס־קראַפט פון דעם יונגען מעשה־דערציילער. באַלד אָבער האָט ער געפונען נאָך אַ גרעסערן אוצר — ביכער! ביכער געדרוקט אין פרעמדע לשונות, — לשונות, וואָס ער האָט געקענט לייענען, ווייל זיין מאַמע און באָבע האָבן אים אויסגעלערנט. דייטשע, רוסישע און פּוילישע ביכער זענען דאָס געווען, ווו ס׳זענען געווען באַשריבן געשיכטעס פון ליבעס און מאָרד און פון וועלט־מלחמות! ווונדערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט וועגן זיי קיינמאָל נישט געהערט אין חדר.

צווישן די דאָזיקע ביכער איז געווען איינס, וואָס האָט דעם יונגן נחום־מאירן אינגאַנצן פאַרכאַפּט. דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג פון אַ פראַנצויזישן בוך מיטן מאָדנעם נאָמען „מסתרי פאַ־יז״, געשריבן פון איינעם אַ שרייבער מיטן טשיקאַווען נאָמען יודזשין סיו! די ווירקונג וואָס דאָס בוך האָט אויף אים געמאַכט, איז געווען אומגעהויער־גרויס. פיל מאָל האָט דאָס עלף־יאָריק ייִנגל עס איבערגעלייענט, ביז דאָס בוך, מיט זיין פאַרנעם און זיין סטיל, איז אַריין אין זיין צערודערטער נשמה און געגעבן אים פליגלען פאַר זיין כוח־הדמיון.

פון דעם ערשטן מאָמענט וואָס ער האָט געפונען די פאַרבאָרגענע אוצרות, האָט מען נחום־מאירן מער אויף דער ווייסער וועלט כמעט נישט געזען. יעדע פרייע מינוט וואָס ער האָט געהאַט, איז ער געלעגן פאַרבאָרגן ביי די ווונדערלעכע ביכלעך. ביז איין שבת בייטאָג איז אים זיין מוטער שטילערהייט נאָכגעגאַנגען און אים געכאַפּט ביי דער האַנט. אין איר צאָרן האָט די פרומע האָדעס איר זון גוט אויסגעפּאַטשט און פאַרגעסנדיק אַן דעם הייליקן טאָג שבת, האָט זי צעריסן דעם „טריף־פּסול״ אויף שטיקער. נאָך דעם האָט דאָס הויזגעזינד נאָכגעקוקט דעם תכשיט מיט טויזנט אויגן.

נחום־מאירס לעבן איז שטאַרק פאַרביטערט געוואָרן, ביז גאָט האָט געהאָלפן און יצחק־אייזיק, דער איינציקער וואָס האָט מיט זיין זון מיטגעפילט, האָט געקראָגן אַ שטעלע אין דעם שטעטל קאַפּוליע. דאָרט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, איז נחום־מאירן געווען באַשערט צו קריגן אַ רבין, וועלכן ער האָט ליב באַקומען — אַ רבין אַ משכיל, וועלכער פלעגט אים שטילערהייט געבן לייענען ראָמאַנען: אברהם מאַפּו׳ס ראָמאַנען „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״ אין אַ גאַר־ווונדערלעכן העברעיש. אָבער די פרומע מאַמע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם און אים פון זיין טייערן רבין צוגענומען. דער אַפּיקורס דער טאַטע האָט מיטגעפילט מיט זיין זון, נאָר העלפן אים האָט ער נישט געקאָנט.

נאָך אַ פאָר יאָר האָט זיך דאָס בחורל געלעבט אין קאַפּוליע און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן זיין וואַנדער־ן פון איין ישיבה אין אַן אַנדערער.

מרים שאָמער־צונזער

*

פאַלק הייל‍פּערין

(5טן דעצ׳, 1876 — 8טן מערץ, 1945)

געבוירן אין נ־עסוויזש, ווייסרוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ גערטנער און אַן איידעם ביי אַ רייכן שוסטער, ביי וועמען הייל‍פּערין האָט זיך אויפגעצויגן. האָט געלערנט אין חדר, ישיבות און אַ צייט אויך אין דער שניידערשער קלויז אין מינסק. האָט דערנאָך זיך גענומען צו אַלגעמיינע לימודים, געווען אַ לערער „אויף קאָנדיציעס״ (אויפן ישוב), האָט דערנאָך אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף לערער, אין מינסק געאַרבעט אַ יאָר צייט אין אַ שול אונטער דער לייטונג פון דעם באַרימטן גריגאָרי גערשוני, דערנאָך — ווי אַ לערער פון העברעיש אין דער אָרטיקער תלמוד־תורה, פון וואַנען ער איז אין 1905 באַזייטיקט געוואָרן פאַר איינפירן אין דער ת״ת יידיש ווי אַ לימוד און פאַרן פרווון אָרגאַניזירן די מלמדים צו קעמפן פאַר רעפאָרמען אין דעם אָפּגעלאָזענעם לערן־אַנשטאַלט. הייל‍פּערין איז דאַן אַוועק קיין ווילנע, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער העברעישער מיידל־שול „יהודיה״, איז אין 1908 אַריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג, דאָרט געוואָרן לערער אין דער שול פון דער חברה מפיצי השכלה און איז באַזייטיקט געוואָרן דורכן קוראַטאָר פאַרן אָרגאַניזירן אַ קרייזל צו שטודירן די יידישע ליטעראַטור. נאָך זיין פאַרלאָזן פעטערבורג איז ער געווען טעטיק ווי אַ העברעיש־יידישער לערער אין שולן אין סימפעראָפּאָל, וואַרשע און ווידער אין ווילנע. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער, ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון דער מאָסקווער אָפּטיילונג פון „מפיצי השכלה״, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט (אין 1916) מיט אַ יידישער שול פאַר פּליטים אין טאַמבאָוו, — בשעתה אַ מוסטער־שול. געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון יידישיסטישע לערערס אין טאַמבאָוו (1916), סעקרעטאַר פון דער „יידישער שול־ליגע״ (שפּעטער „קולטור־ליגע״) אין קיעוו (1917). אין 1918 איז ער געווען שול־אינסטרוקטאָר פון יידישן מיניסטעריום אין אוקראַינע, דערנאָך לערער אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער גימנאַזיע פון בראַן, ווו יידיש איז געווען די לערן־שפּראַך. אין 1921 איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע, ווו געווען טעטיק ווי אַ לערער פון העברעיש און יידיש אין דער גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש, אין יידישן לערער־סעמינאַר פון צב״ק (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט) א״אַ.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט הייל‍פּערין אָנגעהויבן אין העברעיש אַרום 1900 אין הצפירה, נאָך דעם זיך באַטייליקט אין די העברעישע הצופה, הזמן, לוח אחיאסף, השלח א״אַ, אויך אין די רוסיש־יידישע וואָסכאָד און יעווריעסקאַיאַ זשיזן. אין יידיש האָט הייל‍פּערין אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען אַרום 1906 און זיי פאַרעפנטלעכט אין די ווילנער פאָלקסצייטונג, דאָס יודישע פאָלק, די פאָלקס־שטימע, שפּעטער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן — וואַרשעווער און וויל־

נער, ווי: פריינד, היינט, די וואָך, ווילנער טאָג, די נייע שול, ביכער־וועלט, ליטעראַרישע בלעטער, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט פובליציסטישע, קריטישע און פעדאַגאָגישע אַרטיקלען, אויך דערציילונגען און פעליעטאָנען. היילפערין האָט רעדאַקטירט דעם ערשטן יידישן קינדער־זשורנאַל גריניקע ביימעלעך פון זינט זיין גרינדונג דורכן קלעצקין־פאַרלאַג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 1923, איז אויך געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון חודש־זשורנאַל לעבן און וויסנשאַפט. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: ערצעהלונגען, 1 ב׳, פאַרלאַג שרעבערק, ווילנע, 1910, 168 זז׳; אויפן שוועל, דערציילונגען, פאַרלאַג „די וועלט", יעקאַטערינאָסלאַוו 1918, 78 זז׳; מעשהלעך פאַר שול־קינדער, „סטאַר היברו בוק קאָ", נ״י, 1927; מעשהס פון פאַרצייטן, פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1929, 120 זז׳; בייאָפגרונטן, ב׳ 1, ווילנע 1930 250 זז׳ (נעמט אַריין (1) תפילות, מיניאַטור־פיעסע אין דריי בילדער, צו ערשט געדרוקט אין דער יודישער וועלט, 1, 1915, אויפגעפירט אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער און אין ווילנע; (2) יוסף דילה ריינה, פאָעמע אין 6 בילדער; (3) קיניגין מרימו, אַ טראַגעדיע פון די צייטן פון הורדוס המלך, איבערגעזעצט דורך אהרן מאַרק אויף פויליש און אויפגעפירט אין פוילישן טעאַטער „רעדוטאַ", שפּעטער איבערגעזעצט אויף העברעיש דורך אביגדור המאירי און אויפגעפירט אין אַ העברעישן טעאַטער אין תל־אביב. אויסער דעם האָט היילפערין אין 1918 אין יעקאַטערינאָסלאַוו (אין איינעם מיט ווילטערן) געגרינדעט אַ קינדער־פאַרלאַג („נאַטור און מענטש"), וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביכלעך פאַר קינדער, ווי: למד וואָווניק (קינדער־פיעסע), האָלאַנד און בעלגיע, לויפנדיקע פייגל, אַ קינדער־זאַמלבוך ווינטער. אין פאַרלאַג פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין ווילנע האָט היילפערין אַ סעריע איינבויגנדיקע קינדער־מעשהלעך, ווי: מיטן טאַטן אין וואַלד, אַ מאַמע, באַציאַנעס, מצרים, דער נצחון, רעגנדל, בלויער מאַי, דער קליינער כישופמאַכערל, זשאַקאָ דעם כאַנס רינג א״אַ.

היילפערין האָט אויך געמאַכט די פאָלגנדיקע איבערזעצונגען אויף יידיש: ניקאָלאַי רובאַקין, גרויסע געשעענישן פון פאַרשיידענע צייטן און פעלקער, ווילנע, 1923, 205 זז׳; פּיאָטר קאָגאַן: (1) געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, ב׳ 1, ווילנע, 1924, 360 זז׳, ב׳ 2, ווילנע, 1925, 360 זז׳, (2) די געשיכטע פון דער גריכישער ליטעראַטור, ווילנע, 1927, 291 זז׳; ב. דיזראַעלי־ביקאָנספילד, דוד אַלראָי, ווילנע, 1924, 149 זז׳; קנוט האַמסון: (1) ראָזאַ, וואַרשע, 1926, 239 זז׳, (2) דאָס לעצטע קאַפּיטל, ווילנע, 1928, 536 זז׳, און (3) בענאַני, ווילנע, 1930, 292 זז׳; לעוו טאָלסטאָי, דעקאַבריסטן, ווילנע, 1930, 236 זז׳; נ. וו. גאָגאָל, שריפטן, ווילנע, 1926; גוסטאַוו קאַרפּעלעס, געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווילנע, 1927, 421 זז׳; פרידריך שילער: (1) ווילהעלם טעל, ווילנע, 1929, 196 זז׳, (2) די יונגפרוי פון אָרלעאַן, ווילנע, 1929, 234 זז׳, (3) אינטריגע און ליבע, ווילנע, 1929, און (4) פאַרשווערונג פון פיעסקאָ אין גענוא, ווילנע, 1929, 244 זז׳; ג. וו. פּלעכאַנאָוו, פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט, ווילנע, 1936, 288 זז׳. אויך איבערגעזעצט מעשהלעך פון די ברידער גרים, אַנדערסען א״אַ.

אַ וויכטיקן טייל פון זיין ענערגיע האָט היילפערין אָפּגעגעבן דער יידישער און העברעישער שול אי ווי אַ לערער, אי ווי אַ מחבר פון אַ גרעסערער צאָל יידישע און העברעישע שול־ביכער. ווי: די אלף־בית־ביכער דאָס וואָרט (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1923); די כרעסטאָמאַטיעס — ערשטע טריט, פעסטע טריט; די פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך (אין איינעם מיט מ. ווײַנרייך); אין העברעיש — די לערנביכער עברית, פרוזדור לספרות, עבודה עצמית, הספר א״אַ.

פ. היילפערין האָט מיטגעאַרבעט מיט די שרייבערס פון „יונג ווילנע". איז אַ צייט געווען פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב. אין 1938 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין פּעדאַגאָגישע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט און, צוו״אַ, געשריבן זיין בוך „שמשון הגיבור בימי ילדותו". איז געשטאָרבן אין מדינת־ישראל.

(לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, באַנד 3, ניו־יאָרק 1960. באַנד 1, ניו־יאָרק 1956. מקורות:
ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 1, קאָל׳ 829־832; י. ראַפּאַפּאָרט, ליטעראַרישע בלעטער, 1 אַפּריל, 1927, און 17 יאַנ׳, 1934; י. צינבערג, ביכער־וועלט, וואַרשע, אויג׳, 1928; ד. טשאַרני, צוקונפט, יאַנ׳, 1929, אָקט׳ און דעצ׳, 1935; א. מאַרק, ליטעראַרישע בלעטער, 16 יאַנ׳, 1931; לע, ווילנער טאָג, 20 פעב׳, 1931; נ. גראָס, טאָג, נ״י, 19 יולי, 1931; א. אַבשטוק, עטיודן און מאַטעריאַלן, כאַרקאָוו, 1934, ז׳ 25; ב. מאַרק, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 30 אָקט׳, 1936; „אַ פאָר געזונט", ווילנער טאָג, 4 פעב׳, 1938; מ. ראַוויטש, מיין לעקסיקאָן, ב׳ 1, מאָנטרעאָל, 1945, און ב׳ 3, 1958, ז׳ 474; א. שולמאַן, געצעלטן, נ״י, מאַי־יוני, 1945, זז׳ 88־89; נעקראָלאָגן אין: ספר השנה של העתונאים, ת״א, תש״ו, ז׳ 345; נייוועלט, ת״א, 11 מערץ, 1945; קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, 11 מאַי, 1945; יידישע קולטור, נ״י, יולי, 1945, א״אָ; א. גאָלאָמב, די גאָלדענע קייט, נומ׳ 21, ת״א, 1955; ז. דויר, דבר, ת״א, 18 מערץ, 1955; י. ליכטבוים, הסיפור העברי, ת״א, 1955 (ביאָגראַפיע אויף ז׳ 517); ח. ש. קאַזדאַן, פון חדר און „שקאָלעס" ביז צ״ש״אָ, מעקסיקע, 1956, זוכצעטל.

ב. טש.

*

ליפּאָווסקי נחום (1874 — 24סטן דעצ. 1928)

געב. אין ניעסוויזש, ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין ווילנער תלמוד־תורהס און ישיבות. נאָכן דערווערבן זיך וועלטלעכע לימודים אַוועק קיין מאָסקווע, געלערנט אויף די דראַמאַטישע קורסן אין „פילהאַרמאָניע", דערנאָך געוואָרן אַ סטאַטיסט אין מאָסקווער „קליינעם טעאַטער". 1891 געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ יידישער וואַנדער־טרופּע, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין א. ר. קאַמינסקיס טרופּע, שפּעטער געווען אַ רוסישער אַקטיאָר. 1904 אַוועק קיין דייטשלאַנד, געווען אַ פרייער צוהערער אין דאַרמשטאַטער פּאָליטעכניקום, ווו דורך עקספּערימענטן אַנטוויקלט זיין פענאָמענאַלן זכרון און געמאַכט בינע־אויפטריטן צו ווייזן זיינע אויפטוען. נאָכן צוריקקער קיין רוסלאַנד, אָרגאַניזירט דעם ווילנער „יידישן פאָלקס־טעאַטער", וואָס האָט עקסיסטירט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָך דער מלחמה געווען אַ מיטגליד פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע. אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַן אייביקן לוח (זיין לוח אויף 220 יאָר, 1826—2025, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער אילוסטרירטער ביילאַגע פון פאָרווערטס, נ״י, 28סטן דעצ. 1924). איז אויפגעטראָטן מיט זיינע פענאָמענאַלע זכרון־עקספּערימענטן אין אַ ריי אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. 1924 באַנייט דעם ווילנער „יידישן פאָלקס־טעאַטער". ליפּאָווסקי פלעגט אָפּט איבערזעצן פּיעסעס פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. אין סעפּאַראַטע אויסגאַבעס זענען דערשינען די איינאַקטערס: זי האָט באַזיגט, די דאַמען־שפּילקע, דער דאַמען־שניידער, אַן אַדוואָקאַט אויף אַ האַלבע שעה, מיט אַ געלעגנהייט — אַלע געדרוקט אין ווילנע, דאָס יאָר ניט אָנגעגעבן. געשטאָרבן אין ווילנע.

ז. זילבערצווייג, טעאַטער־לעקסיקאָן, ב׳ 2; ב. קוטשער, געווען אַמאָל וואַרשע, פּאַריז, 1955, ז׳ 228.
(לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק, 1963).

י. כ.

בעקער יוסף

**(וואַנדער־וועג פון אַ ניעסוויזשער
יידישן שרייבער־אינטעליגענט)**

געבוירן אין יאָר 1881 אין ניעסוויזש, ווייסרוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ גערטנער. ביז 13־14 יאָר געלערנט אין חדר און אין אַ ישיבה. ערשטע אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין אַ רוסישער פאָלקס־שול. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגע־הויבן מיט אַן אַרטיקל „די פאָלקס־שפּראַך און איר באַדייטונג" אין חודש זשורנאַל „דאָס לעבן", נומער 4, 1905. שפּעטער געווען פּעטערבורגער דומע־קאָרעספּאָנדענט פון וואַרשאַווער „דער וועג". אין יאָר 1906 באַזוכט שעדלעץ נאָכן פּאָגראָם און די געשעענישן באַשריבן אין דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" (ווילנע). מיטגעאַרבעט דערנאָך אין וואַרשעווער „מאָמענט". רעדאַקטירט דאָס אָדעסער טאָג־בלאַט „שלום עלי־כם". צוריק געקומען קיין וואַרשע און מיטגעאַרבעט אין „פריינד" און שפּעטער אין „דאָס לעבן".

אין יאָר 1913 געדרוקט אין „וואָכענבלאַט" (פון „פריינד") אַרטיקלען איבער דער פראַגע פון דער יידישער פאָלקס־שול, איבער יידישער פאָלקס־בילדונג אין פּוילן, איבער דער שפּראַכן־פראַגע אין גריכנלאַנד א. א. וו. מיטגעאַרבעט אויך אין „דער יידישער וועקער" און ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג און האָט דאָרט מיטגעאַרבעט אויף אין דער רוסישער פּרעסע. שפּעטער געווען געהילף־סעקרעטאַר פון דער פּעטערבורגער יידישער קהילה. מיטגעאַרבעט אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917. זיך צוריק געצויגן פון דער צייטונג, ווען זי איז געוואָרן ציוניסטיש. מיטגעאַרבעט אין מאַקסים גאָרקיס טאָג־צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן", ביז איר אונ־טערגאַנג אין 1918.

באַזוכט ליטע און ווייסרוסלאַנד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיינע איינדרוקן באַשריבן אין „ווילנער פּנקס" (אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען). 1920־1921 געווען מיטרעדאַקטאָר פון ווילנער „טאָג". דאַן אַוועק קיין ריגע און דאָרט רעדאַקטירט דאָס רוסישע טאָג־בלאַט „נובי פּוטיי". אין יאָר 1923 איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד און געוואָרן מיטאַרבעטער פון דער סאָוויע־טיש־רוסישער פּרעסע. זיין ווייטערדיקער גורל איז אומ־באַקאַנט.

אין בוכפאָרם: „ליטע און די ליטווינער" (ווילנע 1920); „די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע" 1 באַנד. פון פעברואַר ביז אָקטאָבער 1917 (ווילנע 1920); 2 באַנד „פון אָקטאָבער ביז יולי 1918" (ווילנע, 1921). אין רוסיש „די דייטשן אין פּסקאָוו, קרים, ליטע", לענינגראַד 1925.

פּסעוודאָנימען: י. בערי בערטוס, ד"ר ראָזענבערג א. א. וו.

(„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק 1956, — ערשטער באַנד).

*

דער זיידע פאַלק

רבי שמואל גיטקעס האָט אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע, אַלע שוסטערס צוזאַמען מיט דעם זיידן האָבן אויך אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטעס און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן שיר די פּאָדלאָגע נישט צעבראָכן. וויפיל בראָנפן מען האָט אויסגע־

טרינקען — דאָס האָבן געוווּסט נאָר דער שענקער און דער זיידע פאַלק. ער — ווייל ער האָט געצאָלט. שיכור איז מען געווען, אַזש רבי שמואל גיטקעס האָט אָנגעהויבן צו זינגען לידער אויף גויִיש.

פון דעמאָלט אָן איז די גוטע פריינדשאַפט צווישן רבי שמואל גיטקעס מיטן זיידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַר־ציקער קעגנזייטיקער ליבשאַפט.

רבי שמואל גיטקעס איז שפּעטער אַריבער אין דער קאַ־זימירער קלויז. דאָס איז געווען כמעט ווי אַ רבנות, ניאָמע איז שוין אָבער דעמאָלט געווען אַ באַלעבעסל מיט סמיכה, און ער איז געוואָרן אין דער שוסטערישער שול רבי און גלייך טאַקע געעפנט דאָרט אַ ישיבה.

איצט, ווען דער זיידע פאַלק איז געזעסן אויפן קראַנקן־בעט און האָט געלויבט די שיינקייט פון לעבן, האָט זיין שבט אויף דעם שטח צווישן שול־הויף מיט דעם אונטערוואַל זיך צעשפּרייט מיט פינף הייזער, רעכענענדיק דערונטער אויך די שוסטערישע שול, אָבער נישט זיין אייגן הויז, וווּ ער האָט געוווינט מיט דער משפחה פון זיין זון יאָשע און מיט יאָשעס בת־יחידה, וועלכע האָט געהאַט אַ מאַן אַברעמל, אַ טעכטערל סימע און אַ יאָריק ייִנגעלע — בערל.

דער אונטערוואַל איז שוין געווען באַהערשט פונעם שבט פאַלק.

*

מען קאָן נישט וויסן, צי דער זיידע פאַלק האָט צו זיינע העכער זיבעציק יאָר געהאַט דעם קלאָרן באַוווּסטזיין, אַז ער האָט זיין שליחות אויף דער וועלט אויסגעפירט און מער האָט ער שוין דאָ נישט וואָס צו טאָן; אַז זיין שבט וועט שוין אָן אים אויך זיך מערן און פרוכפּערן, אָנפילן דעם אונטערוואַל, פאַרשפּרייטן זיך איבער אַנדערע טיילן פון שטאָט, איבערן לאַנד און אַפילו אַריבערוואַרפן זיך איבערן ים אויף אַנדערע טיילן פון דער ערד. קאָן זיין, אַז דעם באַוווּסטזיין האָט ער ניט געהאַט, נאָר הינטערן באַוווּסטזיין איז עס ביי אים בלי־ספק געווען. וואָרעם ווען ער האָט זיך חנוכּה־צייט אַוועקגע־לייגט און רבי שמואל גיטקעס איז אים געקומען מבקר חולה זיין און געטרייסט: — נישקשה, רבי פאַלק, ר'ט זיין געזונט, השם יתברך איז אַ רופא חולים.

— רבי, איך האָב צו גאָט קיין טענות נישט.

דער זיידע האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם ליגן אין בעט. ער האָט אָבער מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט, חוץ מיטן קאַזימירער.

דער קאַזימירער פלעגט אַריינקומען גאַנץ אָפט. די ערשטע צייט פלעגט זיך דער זיידע אָנשטרענגען און זעצן צוליב דעם רבינס כבוד. שפּעטער איז אים דאָס שוין געווען שווער. פלעגט זיך דער רבי מיט זיין היכן אויסגעבויגענעם רוקן און מיטן קאָפּ, וועלכער האָט אויסגעוויזן זייער לאַנג צוליב דעם היכן היטל מיט די פוטערנע קליאַפּעס, וואָס ער האָט געטראָגן סיי זומער, סיי ווינטער און צוליב די לאַנגע פּאות און שמאָלן בערדל — אָנבויגן איבערן בעט און לאַנגע שעהן פלעגן זיי ביידע שמועסן.

חוץ דעם קאַזימירער פלעגט נאָך דער זיידע שטיל און בסוד אָפט שמועסן מיט דעם זון ר' בנימין, דעם ראש ישיבה. דער זיידע האָט זייער געהאַלטן פון ר' בנימינס שכל און פאַר אים איינעם פון דער גאַנצער משפחה האָט ער אַנטפּלעקט דעם סוד, וואָס ער טראַכט וועגן זיין מחלה. אַפילו פאַר עטקען מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט זיך. יעדער שבת נאָכן דאַווענען פלעגן אַלע זין מיט זייערע בחורים מוזן קומען אויף

ברכה, און נאָך וואַרעמס — די שניר מיט די מיידלעך מיטן קליינוואַרג פלעגן זיך צושטופּן מיט אַ געפילדער, האָט זיך אָפּטמאָל אַ שנור אָנגעבייזערט:

— שטילער, דער זיידע קאָן נישט הערן!

פלעגט זיך דער זיידע אָפּרופן:

— דאָס קאָנסטו טאָכטערקע, נישט הערן, איך קאָן.

און צום קליינוואַרג:

— שפּילט זיך, ווייסע חברהניקעס. טומלט, וואָס מער טומל, אַלץ מער שמחה.

דאָס זעלביקע איז געווען מיט די פּועלים אַז זיי פלעגן זיך פונאַנדערזינגען, און יאָשע פלעגט געבן אַ צייכן אַנטשוויגן צו ווערן; דער זיידע פאַלק האָט שוין גלייך געקלאַפּט מיט די ביינערדיקע פינגער און זיך געוועוּרטלט.

— וואָס איז מען עפּעס פלוצלינג שטום געוואָרן? האַ? דאָס האָסטו געהייסן, יאָשע?

אויך איצט, ווען דער זיידע איז געזעסן אונטערגעשפּאַרט מיט קישנס און אַרויסגעטראָגן דער וועלט אַזעלכע פיינע שבחים, האָבן די פּועלים אויף יענער זייט ווענטל זיך צעוינגען מיט יוסף הצדיקס ווערטער פון פּורים־שפּיל, וואָס עס האָבן דאָ נישט לאַנג אין דער שוסטער־שול אויפגעפירט די ישיבה־בחורים פון רבי בנימינס ישיבה.

„איר שלאַנגען און עקדישן, איר זאָלט מיך נישט אָנרירן, די ברידער זאָלן מיך צוריק צום אַלטן פאָטער יעקב פירן".

דער זיידע האָט זיך אַ רגע צוגעהערט צו דעם טומל פון די קינדער אינדרויסן, צו דעם פּישטשען פון די וואָראָבייקעס אויף די דעכער און צו דעם געזאַנג פון די אייגענע פּועלים, ער האָט קורץ אָפּגעזיפצט און אָנגעקלאַפּט אין וואָרט.

— יאָשע, שיק מיר אַריין די מאַמען..

ווען זי איז געקומען, האָט ער איר געהייסן דערלאַנגען אים די טשוהונעס.

— וואָס עפּעס פלוצלינג אינמיטן מיטוואָך די טשוהונעס? האָט זיך די באָבע געוווּנדערט.

— פרעג נישט קיין קשיות. אַז דו וועסט אַלץ וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן, — האָט דער זיידע געשמייכלט.

דער זיידע האָט די טשוהענענע טעפּ באַטראַכט און פאַראָרדנט: דעם אויסקאָכן, דעם אויסשייערן, דעם אויסברענען. דערווייל האָט שוין די באָבע פאַרשטאַנען, צו וואָס ער דאַרף די טשוהונעס און גענומען ווישן די אויגן. דער זיידע האָט פון איר געלאַכט:

— וואָס וויינסטו, נאַרישע יידענע! איך וויל די טעפּ זאָלן שטיין גרייטע, וואָרעם אַז זיי וועלן נישט שטיין קיין גרייטע, מיינסטו, וועט עפּעס בעסער זיין?

דאָס איז געווען דער ערשטער מאָל, ווען דער זיידע האָט געלאָזן פאַר דער באָבען פאַלן אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם אויף וואָס מען דאַרף זיך רעכטן.

דערנאָך האָט דער זיידע געהייסן שיקן נאָך שמואל גרשונען, וועלכער האָט גענייט שערמיגעס פאַר די פּויערים און אַמאָל תכריכים פאַר אַ געהויבענעם בר־מינן. ווען גרשון איז געקומען, האָט דער זיידע געהייסן אַלעמען אַרויסגיין, און אַליין האָט ער זיך מיטן שניידער אַ קורצע צייט געשושקעט. נאָכדעם איז שמואל גרשון אַוועק אין גאַס און געבראַכט צוויי שטיקלעך לייוונט אויף אויסוואַל. דער זיידע האָט אויסגעקליבן דעם בעסערן סאָרט און געהייסן אָפּשניידן וויפיל מ'דאַרף.

— נאָר נישט זשאַלעווע, שמואל גרשונקע, — האָט ער געזאָגט, — בעסער זאָל בלייבן איבעריקע, איידער שטוקעווען. איך וויל דער מלבוש זאָל זיין לויט דער לעצטער מאָדע, זאָל מען דאָרט נישט אָפּלאַכן פונם אַלטן שוסטער.

שמואל גרשון האָט אַראָפּגענומען אַ מאָס און געזעצט זיך נייען, דער זיידע האָט געקוקט, ווי דעם שניידערס פינגער לויפן אַרויף און אַראָפּ איבערן סקריפּנדיקן לייוונט.

— זע נאָר, שמואל גרשונקע, — האָט ער געשמייכלט, — זאָלסט אָקאָרשט נישט פאַלשעווען. דאָס איז דיר נישט קיין צווייטן. וואָרעם אַ ניט וועט זיך פאַנאַנדערקריכן, וועט דאָרט נישט זיין ווער ס'זאָל פאַריכטן.

נאָר שמואל גרשון האָט זיך געסטאַרעט. דער מלבוש איז געווען גוט. דער זיידע איז געבליבן צופרידן.

נאָך די פינף זין און נאָך בראָנפן האָט ער זיך פריער געהייסן שיקן, און אַז די תכריכים זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אַלעמען אַריינגערופן אין קאַמער און געבעטן טרינקען צו אים „לחיים". חיים־לוי, דער בכור האָט געטרונקען, נחום דער צווייטער זון האָט געטרונקען. נאָר דער דריטער זון יאָשע, אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ, האָט נישט געקענט טרינקען. די הענט האָבן זיך ביי אים גענומען טרייסלען און דער פּנים — ציקן. דאָס גלעזל האָט ביי אים צווישן די פינגער געטאַנצט און אויסגעפּלושקעט די בראָנפן אויף דער ערד. ביי דעם זיידן האָבן די ברעמען אויפן פאַרמעטענעם פּנים זיך צונויפגערוקט. ער האָט שטרענג אַ בליק געטון אויפן זון און באַפוילן:

— טרינק!

יאָשע האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, באַמיט זיך איינצוהאַלטן דעם געוויין. פון גרויסן צימער, ווו עס האָבן זיך דערווייל פאַרזאַמלט די ווייבער, האָט זיך אויך דערהערט אַ געוויין.

— טרינק, יאָשע! — האָט דער זיידע באַפוילן, — דו פאַרהאַלטסט מיר די ריי.

יאָשע האָט נישט געטרונקען, די ווייבער האָבן זיך העכער צעכליפּעט.

דאַמאָלט האָט דער זיידע געהייסן זיך אונטערלענען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט גלייך און געזאָגט:

— הערט, ווייבער, און דו, יאָשע, הער אויך: היינט איז ביי מיר אַ שמחה, איר זאָלט מיר מיין שמחה נישט פאַרשטערן!

און נאָכדעם שוין צו יאָשען אַליין:

— איך בין אויף דיר גוזר מיט דער גזירה פון כיבוד־אָב. זאָלסט צו מיר טרינקען לחיים אויף מיין שמחה.

יאָשע האָט זיך געוואָרגן מיטן בראָנפן, אָבער געטרונקען.

נאָכדעם האָבן געטרינקען לחיים די יינגערע, די פּועלים די שנור, קליינוואַרג, וואָס איז נאָכגעלאָפן די מאַמעס, האָבן באַקומען לעקעך.

פונקט ווי אַ שבע־ברכות וואָלט זיך דאָ געפּראַוועט.

*

אין אָונט איז געקומען רבי שמואל גוטקעס און געשריבן די צוואָה. דער זיידע האָט געדענקט — ווער וואָס איז אים שולדיק, וועמען וואָס ער איז שולדיק. ביי אים אין קאָפּ איז שוין געווען פאַרטיק דער גאַנצער חשבון מיט דעם שיינעם לעבן, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרשריבן און צדקה אַלעמען פאַרטיילט, האָט ער געהייסן צושרייבן נאָך 50 רובל פאַר דעם אַלטן באַלעבאַטישן בית־מדרש אויף אַן אייזערנער בימה.

— איר מיינט אַוודאי, רבי, אַז איך רייד פון היץ, — האָט ער געזאָגט צום רבין, — ניין, דאַנקען גאָט. דער קאָפּ איז ביי מיר לויטער, כאָטש נאָך אויף צוואַנציק יאָר לעבן. אלא, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּופּציקער די באַלעבאַטים? — פאַרשטייט איר מיך; אַמאָל גאָר אַמאָל, האָב איך איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אין באַלעבאַטישן בית־מדרש, אונטער דער בימה, אין די שמות. די הילצערנע בימה איז שוין דאַמאָלט

געווען אַ צעפּוילטע. איז אָט, וויל איך איצט באַצאָלן פֿאַר נאָכטלעגער. זאָלן די באַלעבאַטים נישט זאָגן, אַז פֿאָלק דער שוסטער האָט אין זייער בית־מדרש גענעכטיקט אומזיסט...

אַזוי האָט דער זיידע פֿאָלק זיך אָפּגערעכנט אויך מיט די באַלעבאַטים פֿון דער שטאָט און מיט זייער יחוסדיקן בית־מדרש.

נאָכדעם האָט ער געלעבט נאָכמער ווי אַ מעת־לעת. ער איז לייכט געשטאָרבן. אינמיטן טומל פֿון די האַמערס ביי די וואַרשטאַטן און אונטער דעם געזאַנג פֿון די וואָראָבייעס הינטערן פֿענצטער, האָט ער לייכט אויסגעהויכט די נשמה. אויף זיין פּנים איז געבליבן אַ צופֿרידענער אויסדרוק, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אַ שיינע וועלט, אַ פֿיינע וועלט... ס׳איז כדאַי צו לעבן אויף דער וועלט.

*

ביז יום־טוב איז געווען אַ מנין אין שטוב. קיין פֿרעמדע פֿון גאַס האָט מען נישט געדאַרפֿט שלעפּן. עס איז אין שטוב פֿון אייגענע געווען ענג, — כמעט ווי די יוצאי מצרים מיט שנור און איידעמס.

דער שבט פֿאָלק האָט שוין געקענט אויסקומען אָן דעם לעבעדיקן טאַטן. דער שבט פֿאָלק האָט שוין געקענט פֿאַרוואַנדלען זיין פּאַטריאַרך אין אַ לעגענדע.

די באָבע עטקע האָט מיר די דאָזיקע לעגענדע דערציילט. זי האָב איך געקענט. דעם זיידן נישט. איך בין נאָך אים אַ נאָמען.

נאָר וויפֿל ציילט מיין שבט — ווייס איך נישט. אין אַמעריקע אַליין קער שוין זיין היפּשע הונדערטער.

ווען איך זאָל מיך מיט זיי עמעצן באַגעגענען, וועלן זיי מיר אַפֿילו נישט דערקענען, אַז איין שטאַם האָט אונדז גענערט. פֿיל פֿון זיי האָבן שוין אַוודאַי די לעגענדע וועגן דעם ערשטן פֿון זייער שטאַם נישט געהערט.

פֿאָלק היילפּערין

(„דאָס נייע וואָרט״ וואַרשע, נר. 72.
17טער מערץ 1937)

*

רבי מאירקע

ווי איר גייט אַדורך דעם טויער פֿון בית־עלמין, אַזוי נעמט אייך תיכף אַרום אַ געדיכטער שאָטן פֿון ברייטע צווייגענדיקע קליאָנעס און ליפּעס, וועלכע לאָזן נישט דורכגיין קיין איינציקן שטראַל דורך זייער געדיכטעניש צו דער ערד. איר גייט איבערן שמאָלן וועגעלע צווישן די קוסטעס, אייערע אויגן זוכן קברים און מצבות, די אויערן שטרענגען זיך אָן צו פֿאַרנעמען קלאַנגען און זיפֿצן. דאָס האַרץ גרייט זיך אויף אַ טרויער־שטימונג, נאָר די ערד אונטער אייערע פֿיס איז באַדעקט מיט פֿרישן גראָז. און די גרינס אין די געדיכטע צווייגן פֿון דער הייך שיט זיך אייך איבערן קאָפּ — אַ טויזנטער־שטיקער כאָר פֿון פֿייגעלעך, אַ לעבעדיקער און פֿריילעכער, און ניט ווילנדיק דערפֿילט אייער האַרץ אַ פֿרייד. אייך דאַכט זיך, אַז איר שפּאַצירט אין אַן אַלטן ווילד פֿאַרלאָזענעם פּאַרק, ערגעץ אין אַ מאַיאָראַטענעם הויף פֿון אַן אַלטער מיוחסדיקער פּריצישער משפּחה; אייך דאַכט זיך, אַז אַמאָל האָט דאָ, צווישן די הויכע געזונטע שטאַמען, געוויס גערוישט אַ פֿריילעך לעבן און אייך אַליין פֿאַרווילט זיך אויך לעבן, פֿריילעך זיין. איר פֿילט, אַז איר לעבט און פֿרייט זיך מיט אייער לעבן. איר פֿאַרגעסט, אַז דאָס יונגע גראָז אונטער אייערע פֿיס פֿאַרשטעלט מיט זיין בליענדיקער פֿרישקייט אַלטע, אין דר׳ערד פֿאַרזונקענע מצבות.

איר גייט... נאָר אָט הייבן זיך אָן אינעם שאָטן אויפֿן גראָז אויסגעפֿלעכטן פֿאַרשידענע אוזאָרן פֿון זונענשטראַלן, הונדערטיעריקע קליאָנעס און ליפּעס צאַמען אייך אַלץ זעלטענער איבער דעם וועג. וואָס ווייטער — אַלץ מער נידעריקע פֿלוימען־ און קאַרשן־ביימער, אַלץ עפּטער איבער דער ערד קריכנדיקע קוסטעס. וואָס ווייטער — אַלץ שיטערער, אַלץ ווייניקער שאָטן, אַלץ מער זון.

אָט זעענט איר אַרויס פֿון שאָטן אונטער אַ גרופּע באַרן־ביימער און אַ דורכויסיקער ים פֿון זונענשיין גיסט אייך אָפּ מיט הייסע שטראַלן פֿון אַלע זייטן. עס עפֿנט זיך פֿאַר אייך אַ פֿעלד, אַזוי ברייט און לאַנג, אויף וויפֿל דאָס אויג קאָן פֿאַרנעמען, און דורכויס איינגעדעקט אין בערגלעך און בערגעלעך, אין מצבות און אַלערליי קאָלירן און פֿון יעדער מאָס. זעלטן־ווו הייבט זיך איבערן גראָז אַ דאַרער דאָרן־קוסט מיט ניט צייטיקע שופּסיגעס. זעלטן־ווו בלישטשעט איבער די מצבות אַ ווייס אויסגעקאַלעכט מויערל אָן טירן און פֿענצטער. דער פֿויגל־געזאַנג קלינגט גאָר ווי פֿון הימל, צי פֿון אונטער דער ערד, טויב און איינגעהאַלטן: דאָס גראָז טוליעט זיך פֿאַרמאַטערט און אָפּגעחלשט צו די מצבות. די קברים שטייען אָן באַוועגונג, פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿער שטומער רו...

אַקעגן אייך — אַ שטיל פֿאַרחלשטע רו אויף דער זון, הינטער אייך — אַ פֿריילעך־רוישנדיק לעבן אין שאָטן. דאָס שטייט איר אויף דער גרענעץ פֿון אַלטן און נייעם בית־עלמין. מאַכט פֿון דאַנען אַ טריט צען — פּופֿצן רעכטס, וועט איר קומען צו אַ מויערל נעבן אַן איינזאַמען נידעריקן באַרן־בוים. דאָס דאָזיקע מויערל איז ניט ענלעך צו אַלע איבעריקע וואָס שטייען דאָרט צווישן די קברים. ס׳איז גרויס, הויך, ברייט און אַ ברייטע טיר האָט עס פֿון צפֿון־זייט, אַ פֿענצטערל מיט אייזערנע קראַטעס פֿון מערב־זייט. גייט איר דורך די טיר אינעווייניק אַריין, זעט איר אַ גרויסן שטח, ווו עס קאָנען פֿריי אָרט האָבן אַ פֿינף בנינים. פֿיר ווענט הוילע, שאַרע, מיט לאַנגע פּשוטע ניט באַפֿאַרבטע בענק אַרום און אַרום. אַ נידעריקע סטעליע אויבן און אַ בערגעלע זאַמד אונטן, אויף דער ערד, אויפֿן רעכטן מיטן. אויפֿן זאַמד — אַ שורה פּושקעס פֿון פֿאַרשידענע צדקות; אינעם זאַמד — אַ סך צעטעלעך פֿאַרגראָבן, פֿון וועלכע עס שטעקן ווייסינקע שפּיצעלעך אַרויס אין דער הייך; אַרום זאַמד — קופּעס צעבראָכענע הילצערנע שווערדן פֿול און פֿיל אין אַלע ווינקעלעך.

שטיל איז אין טויערל, האַלב פֿינצטער. אַ לופּטיק ווינטל נעמט אייך אַרום מיט אַ קאַלטן ציטער. איר באַטראַכט זיך אַרום — קיין זאַך דערמאָנט אייך דאָ נישט פֿון פּוץ און תענוג עולם הזה.

אַלץ שאַ, שטום, אַלץ שטיל, פֿאַרזונקען אין זיך. אייך דוכט זיך, אַז דער ווינקל איז אויסגעצאַמט פֿון דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס שטילע לעבן וואָס רוט דאָ האָט קיין פֿאַרבאַנד ניט מיט יענעם פֿון וועלכן איר זייט געקומען. איר ווייסט ניט פֿון וואַנען גייט אָט דאָס שטילע לעבן וואָס רוט דאָ — צי פֿונעם בערגל זאַמד, צי פֿון די שאָטנס אין די ווינקלעך. נאָר איר פֿילט, אַז דאָס שטילע לעבן רוט דאָ און האָט מורא צו שטערן זיין רו. שטיל גייט איר אַריין, שטיל, מיט ערפֿורכט באַטראַכט איר אַלץ און שטיל־שטיל גייט איר צוריק אַרויס.

און אַזוי ווי איר, אַזוי האָט קיינער קיין שליטה ניט אויף דאָס דאָזיקע אָפּגעזונדערטע לעבן. אַליין פֿאַר זיך, אין זיינע אייגענע גרענעצן, נאָך זיינע אייגענע כללים — דויערט עס דאָ. איין מאָל אין יאָר, ט״ו כסלו, קומט חברה קדישא, זעצט זיך

אויף די אַלטע בענק, זאָגט אָפּ סליחות און גייט אַוועק. איין מאָל אין יאָר תשעה באב, קומען קינדער, שטעלן זיך איבערן בערגעל זאַמד, צעברעכן זייער הילצערן געווער און גייען אַוועק. אפשר נאָך איין מאָל אין יאָר, אין אַ צרה, ווען אויף אייגענע זכות אָבות קאָן מען שוין נישט האָפן, קומט עמיצער מיט אַ בקשה אויף אַ צעטעלע, ער גראָבט דאָס פּאַפּירל אין זאַמד און גייט אַוועק. שטיל קומען זיי, שטיל גייען זיי אָפּ. און אַרויסגייענדיק, פילן זיי אַלע, אַז אָט ערשט זענען זיי געווען אויף אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער לעבן; איינער טראַכט: אין אַ לעבן וואָס איז אַמאָל געווען; אַנדערע טראַכטן: אין אַ לעבן וואָס איז נאָך איצט אויך פאַראַן, נאָר אַלע גלייך זענען מודה און פילן, אַז דאָס לעבן אין וועלכן זיי זענען ערשט געווען, איז הייליק, ניט פאַרשטענדלעך, באַהאַלטן און שרעקט.

ווילט איר איבערלייענען דעם שטיינערנעם טאָוול וואָס איז איינגעמויערט פון דרויסן אין וואַנט אונטערן פענצטער, כדי צו דערוויסן זיך ווער איז עס דער צדיק, צו וועלכן אַלע קומען מיט תפילות, גרויסע — מיט צעבראָכענע הערצער פון דער היים, קינדער — מיט געווער וועלכע זיי צעברעכן דאָ — איז אומזיסט אייער טירחה, דער שטיין איז אָפּגעריבן פון יאָרן, ס׳איז אויף אים קיין אות נישט פאַרבליבן.

אויב איר ווילט וויסן ווער ס׳איז געווען דער צדיק, גייט צוריק אין שטעטל און פרעגט. אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, וואָלט אייך אַפילו דער אלף־בית׳ניק גלייך דער־ציילט:

— אַמאָל איז געווען אַ רב אין שטאָט, אַ גרויסער צדיק. רבי מאירקע האָט ער געהייסן...

אַזוי, אַמאָל האָט רבי מאירקע געלעבט. דאָס איז געוויס, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קבר, איז אַ סימן אַז אַמאָל איז אַ מענטש געווען אויף דער ערד. נאָר ווי האָט ער געלעבט, ווי לאַנג האָט ער געלעבט און וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַר זיין לעבן ביז ער איז געשטאָרבן, דאָס האָבן מיר, קינדער, ניט געוווּסט. ווען מיר פלעגן זיך צונויפקלייבן שמועסן וועגן אַלטע, אַמאָליקע צייטן, פלעגט זיך דער צדיק פאָרשטעלן אין אונדזער פאַנטאַזיע אין דער געשטאַלט פון אונדזער רב, פאַר וועלכן מיר פלעגן זיך איילן אויפשטיין, אַז מיר פלעגן אים דערזען פון וויטן, און וועלכן מיר פלעגן אַלע שבת נאָכן דאַווענען לויפן גוט־שבת זאָגן: אַ הויכער שיינער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט שיין אויסגעקרייזלטע פאות אויף די שלייפן, אין אַ לאַנגן אַט־לאַסענעם בגד, אויפן גאַס אין אַ האָריקן שטריימל, אין שטוב און אין שול — אין אַ סאַמעטענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. בייטאָג פסקנט ער שאלות, הערט אויס דין־תורות און ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן...

אונדזער רב איז קיין צדיק נישט געווען, ר׳ מאירקע איז דאָך געווען אַ צדיק. וואָס־זשע טוט אַ צדיק ווען אַלע שלאָפן? און פון די מעשיות וואָס מיר האָבן געוווּסט וועגן למד־וואָוניקעס, האָבן מיר געשעפּט מאַטעריאַל אין וועלכע אונד־זער פאַנטאַזיע האָט געפּוצט ר׳ מאירקען: ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, לערנט ער תורה. מלאכים נידערן אַראָפּ פון הימל צו אים אין צימער און הערן תורה פון זיין מויל. נאָר מלאכים קומען אַ סך, פאַר אַלעמען קלעקט נישט אינעווייניק קיין אָרט. בלייבן פיל אין דרויסן. זיי באַלאַגערן דעם דאַך, פאַלן צו צו די ווענט און שלינגען מיט ציטערניש יעדן אָפּקלאַנג פון צדיקס מויל. אַזוי בלייבט די שטוב איינגעוועבט פון אַלע זייטן מיט פייערדיקע מלאכים, ווי אַ גרויסער פייערדיקער באַרג, אַ גאַנצע נאַכט, ביז פאַרטאָג, ווען מענטשן הייבן אָן אויפשטיין צו דער אַרבעט און מלאכים קערן זיך צוריק אין הימל — שירה זאָגן פאַר גאָט. דער צדיק לייגט זיך דעמאָלט שלאָפן און נאָך אַ קורצער רו, אַז ער שטייט אויף צום דאַווענען, דערציילט ער



יידן קלייבן זיך צונויף אויף אַ לווייה אויף דער ווילענסקי גאַס.
יהודי העיר מתכנסים ללויה ברחוב וילנסקה.

אַ שמועס פון אַלטע לייט — אַנטקעגן שפּילן זיך קינדער.
שיח זקנים — מול משחקי ילדים.

קיינעם ניט און קיינער ווייסט ניט און קיינער טראַכט ניט ווי ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט.

נאָר מיר האָבן געוווסט אַז מיר פאַנטאַזירן. שמועסנדיק אַזוי וועגן ר׳ מאירקען, פלעגן מיר איינע די אַנדערע אָנקוקן מיט ניט זיכערע בליקן: אפשר איז עס געווען נישט אַזוי ווי מיר שטעלן זיך פאָר? מיר פלעגן פרעגן ביי עלטערע און זיי האָבן אונדז אויך גאָרנישט געקאָנט זאָגן. אין אַלטע פנקסים איז ר׳ מאירקעס לעבן ניט געווען באַשריבן. אַלטע זיידעס און באָבעס האָבן פון זייערע זיידעס און באָבעס וועגן ר׳ מאירקעס לעבן גאָרנישט געהערט. די געשיכטע פון זיין טויט האָט מיט איר גלאַנץ פאַרטונקלט און ענדלעך אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן פון זכרון ביי די שפּעטערדיקע דורות די געשיכטע פון זיין לעבן. מיר האָבן אַפילו ניט געוווסט אין וואָסער צייט דער צדיק האָט געלעבט. מען האָט אונדז נאָר געזאָגט: פאַרצייטן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען אַן אַנדערע, אונדזער שטעטל האָט אַן אַנדערע מראה און דאָס לעבן אין אים האָט אַן אַנדער פּנים געהאַט. דער בית־מדרש איז שטענדיק געפּאַקט געווען מיט לומדים. אַקעגן שול, איבערן שולהויף, ווו דער אונטערוואַל איז איצט, איז נאָך קיין שורה חרובדיקע ייִדישע הייזלעך ניט געווען — אַ שלאָס איז דאָ געשטאַנען..

דער שלאָס — זיין געשיכטע, דאָס איז די געשיכטע פון ר׳ מאירקעס טויט, דעריבער האָבן מיר וועגן אים אַזוי פיל און גענוי געוווסט. אויפן ברעג טייכל וואָס רינט דאָ אונטער די אונטערוואַליקע הייזלעך, איז ער געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט פעסטע ווענט, מיט שטאַרקע אייזערנע טויערן, באַוואָפנט פון אַלע זייטן מיט שרעקלעכע כלי־זין. אין איין ווינקל פון שלאָס, גלייך אַקעגן שול, איז הינטער די פעסטע ווענט געשטאַנען אַ הויכער טורעם מיט גרויסע קופּערנע גלעקער, מיט אַ גאָלדענעם שפּיץ. ווען עמיצער פלעגט זיך דערנענטערן צו דער שטאָט פון מזרח, צי פון מערב, פון צפון און דרום, פלעגט ער שוין פאַר וויפל מייל ווייט, ווען מ׳האָט פון אַלע איבעריקע בנינים נאָך קיין סימן ניט געזען, מוזן באַמערקן דעם גאָלדענעם שפּיץ פון טורעם ווי ער בלישטשעט אין די וואָלקנס. איז דאָס געווען אַ ייִד, פלעגט ער אומעטיק אַראָפּלאָזן די אויגן צו דער ערד און שטיל זאָגן אַ תפילה. אויב אַ גוי — פלעגט ער מיט שרעק אָנהויבן צלמען זיך. וואָרעם אין דער גאַנצער געגנט איז נישט געווען קיין בנין שטאַרקער פאַר דעם שלאָס און העכער פאַר זיין טורעם און אַלע איינוווינער פון דער געגנט האָבן צו די הערשער פון דעם שלאָס געדינט ווי קנעכט און געצאָלט שווערע צינזן. געדינט ווי קנעכט און צינזן געצאָלט אין שלאָס נאָך מער פאַר אַלע איבעריקע איינוווינער פון דער געגנט, האָבן אויך די ייִדן פון אונדזער שטאָט. נאָר די הערשער פלעגן זיי דאָך דריקן אָן רחמנות. עס פלעגט זיך טרעפן: אין מיטן יום־כיפור פלעגן די הערשער פון שלאָס באַפעלן די שולן מיט זילזולים און ניבול־פה פון שיכורים, מיט פאַרשייטן געלעכטער פון לייכטזיניקע פרויען און מבלבול זיין די רעיונות ביי די מתפללים. אַמאָל פלעגן די רשעים אום שבת, ווען ייִדן גייען פון שול, אַריינרייסן זיך רייטנדיק אין עולם, אַרויסכאַפּן דעם שענסטן ייִד, אַרויפציִען אויפן פערד און אַוועקרייטן מיט אים אין פעלד אַריין, ווייט, ווייט הינטערן שטאָט. זיי פלעגן ייִדישע טעכטער שלעפּן אין די פינצטערע וועלדער, אין די גערדיכטע קאָרן אויף די פעלדער, אָדער אין געהיימע קאַמערן אין שלאָס גופא, פאַרשפּאַרן זיי דאָרט און פייניקן...

און נאָך אַ סך אַנדערע עינוּיים פלעגן זיי אָנטאָן די ייִדן און צדיקים האָבן געשוויגן, צי זיי האָבן דעם רבונו של עולם ניט געוואָלט מטריח זיין, כל זמן ס׳איז נאָך געווען כוח צו ליידן דעם גלות, צי דער שטן איז זייער תקיף געווען און מען האָט מן השמיים נישט געלאָזן; נאָר קיינער האָט גאָרנישט געטון, אַלע האָבן געשוויגן און ר׳ מאירקע האָט אויך אַ גאַנץ לעבן געשוויגן, ביז די מאָס פון די ליידן איז פאַרפולט געוואָרן.

און די מאָס איז פלוצלונג איבער די ברעגן פול געוואָרן. די איינוווינער פון שלאָס האָבן אַזאַ רשעות אויסגעטראַכט, וואָס איז נאָך קיינמאָל קיין צורר אויפן זין נישט געקומען. דער שטן אַליין האָט זיך באַזעצט אין שלאָס אין געשטאַלט פון אַ גרויסן שר און האָט די רשעים אָנגעלערנט וואָס זיי זאָלן טאָן.

און אָט וואָס דעם שטנס עצה איז געווען: דער וועג פון שטאָט צום בית־עלמין איז געגאַנגען פאַרביי דעם שלאָס, האָבן די רשעים געהייסן קלינגען אין די גרויסע גלעקער וואָס זענען געהאַנגען אין דעם הויכן טורעם, יעדעס מאָל וואָס אַ לויה פלעגט גיין פאַרביי. ייִדישע נשמות פלעגן אַרויף אויפן הימל געשטעמפּלט מיט דעם קלאַנג פון די גלעקער. דער שר הממונה אויף ייִדן פלעגט די חתימה דערזען און אָפּשטויסן די ייִדישע נשמות: גייט, איר זייט ניט קיין ייִדן. פלעגן די נשמות קומען צום שר הממונה איבער די אומות העולם. דער פלעגט דערזען די חתימה פון וידוי און על חטא, וואָס זיי האָבן געזאָגט פאַרן טויט און פלעגט זיי אויך אָפּשטויסן פון זיך: גייט, איר זייט מזרעו של אברהם אבינו.

אַזוי פלעגן ייִדישע נשמות אַרומבלאָנדזשען פון איין שר צום צווייטן, ערגעץ קיין מנוחה נישט געפינען און ענדלעך אַראָפּ אויף דער ערד, קלייבן זיך אין פּאַליש פון שול, שרעקן מענטשן אין די גאַסן, רייסן פון שלאָף קרובים און פרומע ייִדן, וויינען און בעטן זיך מען זאָל זיי געבן אַ תיקון.

אויף דער שטאָט איז אָנגעפאַלן אַן אימה. טאָמער ווערט עמיצער קראַנק, האָט מען נישט אַזוי מורא פאַר דעם מלאך המוות, ווי פאַר דעם עולם התוהו.

מיין עלטער־באָבע, אַז זי פלעגט די מעשה דערציילן, פלעגט זי אַזוי זאָגן:

— די גזירה איז געווען די ערגסטע גזירה און נישט פאַר טויטע אַליין, נאָר פאַר לעבעדיקע אויך. די מתים האָבן ניט געקאָנט אויפן הימל זיין גוטע בעטערס פאַר די וואָס אויף דער ערד. ווי־זשע קאָנען מיר, לעבעדיקע, אַ קאָפּ הויבן אויף דער וועלט, אַז אונדזערע פאַרשטאָרבענע קרובים קומען אונדז ניט צו הילף פון יענער וועלט?

און דעמאָלט האָט שוין ר׳ מאירקע ניט געקאָנט פאַרשווייגן. ער האָט געשיקט די שמשים אויסרופן אין אַלע שולן, אַלע זאָלן דריי טעג נאָכאַנאַנד פאַסטן, זאָגן סליחות און לייענען ויחל. אַליין האָט ער די גאַנצע דריי מעת־לעת פאַרבראַכט ביי זיך אין צימער, האָט קיינעם ניט צוגעלאָזן צו זיך, אַפילו ווייב און קינדער ניט. נאָר אויפן פערטן טאָג איז ער אַרויס אָנגעטאָן אין שבתדיקן און איז אַוועק אין שלאָס.

צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט גיין אין שלאָס? ער האָט דען ניט געוווּסט ברוח הקודש, אַז די רשעים וועלן אים ניט הערן?

נאָר דער צדיק האָט דעם שטן ניט געוואָלט געבן קיין פּתחון־פה, ער זאָל ניט האָבן קיין טענות, כלומרשט — מען האָט זיי ניט מזהיר געווען.

און ר׳ מאירקע איז געגאַנגען צו זיי. חשובי העיר האָבן אים באַגלייט און אָפּגעשטעלט זיך וואַרטן נעבן די אייזערנע טויערן, האָפנדיק, אַז אָט ברענגט ער זיי אַרויס די ישועה. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אַרויס און האָט זיי אָפּגעשיקט אַהיים.

— גייט, ייִדן, בעט גאָט, טוט תפילות, מיר דאַרפן אַ סך, אַ סך רחמים...

איין מנין נאָר פון די עלטסטע זקנים האָט ער מיט זיך

געלאָזן, האָט זיי געגומען צו זיך, האָט זיך מיט זיי פֿאַרשפּאַרט און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— רבותי, מיר ווייסן דאָך אַז גאָט איז אַ גרויסער, זיינע וועגן זענען פֿון אונדז פֿאַרהוילן. מסתמא זענען מיר ווערט, אַז ער שטראָפֿט אונדז. מיר טאָרן נישט אויף זיינע מעשים נישט מתרעם זיין, חס ושלום. און היות ווי אַלע זענען מיר אין זיין האַנט און יעדער רגע קען ער אונדז רופֿן צום דין וחשבון, על־כּן פֿאַרלאַנג איך פֿון אייך, אַז בשעת השם יתברך וועט מיך וועלן צונעמען פֿון אייך, זאָלט איר מיר אויף דער מיטה אַוועקשטעלן אַ קריגל ריינע וואַסער און אַוועקלייגן דערביי אַ תהילים, אָן אָפּענעם אויף דעם אָרט ווו ער וועט זיך עפֿענען. נאָר איר זאָלט, חס ושלום, ניט אַריינקוקן אין תהילים, בשעת איר וועט אים עפֿענען, כּדי עס זאָל קיין תקלה ניט אַרויסקומען. בשעת מיין לויה וועט גיין פֿאַרביי דעם שלאָס, זאָלט איר אַראָפּשטעלן די מיטה אויף דער ערד. פֿאַר בזיון המת זאָל אייך ניט אַרן און שטיין זאָלט איר, ביז וואַנען איר וועט שוין אַליין פֿאַרשטיין.

דערנאָך האָט ער ביי זיי גענומען אַ תקיעת כּף, אַז זיי וועלן פּינקטלעך דערפֿילן אַלץ ווי ער האָט געזאָגט, האָט זיך מיט זיי געזעגנט און אָפּגעשיקט אַהיים... ווען זיי זענען אַוועק, האָט ער זיך טובֿל געווען, איבערגעטאָן זיך אין ריינע וועש, גערופֿן ווייב און קינדער, האָט זיי געלאָזט אַ צוואה, געבענטשט, געזעגנט זיך און געהייסן אַוועק. אָפּענדיקנדיק מיט אַלץ און מיט אַלעמען, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט און איז נפֿטר געוואָרן.

און אויף מאָרגן איז געווען די לויה. די גאַנצע שטאָט, קליין און גרויס, זענען אַוועק נאָך דער מיטה, אָפּטאָן מיט זייער רבֿ דעם חסד של אמת. דער גאַנצער פּלאַץ פֿון שול ביזן שלאָס איז געווען פֿאַרלעגערט מיט עולם. אויף די באַוואָפּנטע ווענט פֿון שלאָס האָבן זיך די רשעים אויך צונויפֿגעקליבן, גרייט מקבל פּנים זיין די לויה מיטן קלאַנג פֿון זייערע גלעקער. זיי האָבן דעם צדיק אויך ניט געשוינט. מסתמא האָט שוין דער שטן געגנוג מיט זיי געאַרבעט...

און ווען די מיטה האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם טורעם, האָבן די גלעקער תּיכּף אָנגעהויבן שטורעמען און דעמאָלט איז עס געשען... די זקנים וואָס האָבן געטראָגן די מיטה, האָבן זייער משא אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד... אַרומגערינגלט פֿון דער עדה, האָט דער הייליקער בר־מינן זיך אויפֿגעהויבן אויף דער מיטה, האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און אָפּגעזאָגט אַ פּאָר פּסוקים פֿון דעם אָפּענעם תהילים.

און אין דער זעלבער רגע האָבן די ווענט פֿון שלאָס, מיטן טורעם, מיט די באַגאָלדטע שפּיצן, אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך צוזאַמען מיט די איינוווינער וואָס אינעווייניק אַלץ נידעריקער, נידעריקער — ביז זיי זענען אינגאַנצן פֿאַרשלונגען געוואָרן אין דער ערד.

דעמאָלט האָט זיך ר׳ מאירקע געלייגט און איז צוריק געשטאָרבן. די לויה איז אַוועק איר וועג, נאָר אַ שטאַרקער ווינט האָט זיך אויפֿגעהויבן, דריי מעת־לעת האָט ער געשטורעמט און אָנגעטון גרויסע הזיקות אין שטאָט און אין דער סבֿיבֿה.

און ווען דער שטורעם האָט זיך איינגערויקט, איז דאָס אָרט ווו דער שלאָס איז געשטאַנען, געבליבן גלאַט און ליער, גלייך דאָרט איז קיינמאָל גאָרנישט געשטאַנען.

*

אַזוי איז ר׳ מאירקע נפֿטר געוואָרן. נאָר פֿאַרבליבן איז זיין אָנדענק צווישן די לעבעדיקע.

בשעת די גרויסע מלחמה איז געווען אין לאַנד, האָט מען דאָ אָנגעשאָטן הויכע און נידעריקע בערגלעך, וועלכע זענען מיט דער צייט פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז.

אָט דער גרינער בערגיקער פּלאַץ אויפֿן ברעג טייכל, וועלכער טיילט זיך אָפּ מיט אַ שורה גרויע נידעריקע יידישע חורבות פֿון שול־הויף — דאָס איז דער אונטערוואַל אין עק בית־עלמין גאַס אין אונדזער שטעטל. אין איינער פֿון די נידעריקע חורבות איז געווען אונדזער חדר. און ווען דער רבי פֿלעגט אונדז פֿריילאָזן פֿון טיש, פֿלעגן מיר זיך דאָ שפּילן אויף די גרינע בערגלעך ביים ברעג טייכל.

מיר פֿלעגן אַרומלויפֿן באָרוועסע איבערן גראָז, שפּרינגען באַרג־אַרויף און קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ, פּליושקען זיך אין די קלאָרע וואַסערן פֿון טייכל. פֿריילעך, לייכט און מיט רעש פֿלעגן מיר דאָ אַרומטראָגן אונדזער יונגע לעבנס־פֿרייד פֿון בערגל צו בערגל, פֿון טאָלעכל צו טאָלעכל, פֿון דער טריקעניש אויפֿן ברעג צו די וואַסערן אין טייך, וועלכער פֿלעגט אונדז פֿאַר אונדזער פֿריי געמיט שענקען אַ שיינע מתנה: אַ צווייטן בלויען הימל מיט אַ צווייטער שיינענדיקער זון אויף זיין גרונט.

און אַקוראַט ווי די טיפֿעניש אונטערן וואַסער פֿלעגט אונדז געבן אַ צווייטע זון ווי אין הימל, אַזוי פֿלעגט אונדז די טיפֿעניש אונטער די בערגלעך געבן אַ צווייט לעבן, ווי אויף דער ערד, און נאָך שענער...

אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן פֿלעגט זיך אַמאָל די זון צעפֿלאַקערן אַנטקעגן די אונטערוואַליקע בערגלעך, ווי אַ גליענדער פֿייער־קויל און באַפֿאַרבן מיט ראָז־רויטע קאָלירן דעם הימל און די ערד און די גאַנצע וועלט. ווייט אין דער הויך פֿלעגן וואָלקנדיקע וווּנדער־באַשעפֿענישן מיט משונה־גרויסע אבֿרים לאַנגזאַם אַרומשווימען, ביייטנדיק זייער מראה פֿון מענטשן אויף פֿייערדיקע שווערדן מיט מלאכים מיט פֿלאַמענדיקע פֿליגלען. אין פֿעלד אויף יענער זייט טייכל פֿלעגן זיך די זאַנגען שאָקלען און שטילערהייט שושקען, דאָס טייכל פֿלעגט אויך שטיל וועןניט־ווען אויספּליושקען עפּעס אַזוינס וואָס פֿלעגט אויסמיידן און רעדן גלייך צום האַרצן. מיר קינדער פֿלעגן עפּעס מורא האָבן און גוט פֿלעגט אונדז זיין. אַוועק פֿון אונטערוואַל פֿלעגן מיר ניט קאָנען און שפּילן פֿלעגט זיך וועלן. אַליין פֿון זיך פֿלעגן פֿון זכרון אַרויסשווימען וווּנדערלעכע מעשיות, וועלכע מיר האָבן געהערט פֿון אַלטע זיידעס און באָבעס, פֿון רביים און חבֿרים. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן פֿלעגן מיר די מעשיות דערציילן, בענקען נאָך די ווונדער וואָס אין זיי און אָפּט טאַקע דאָ, אויפֿן גראָז גופֿא שטילן די דאַזיקע בענקשאַפֿט אונדזערע.. מיר פֿלעגן צולייגן די אויערן צו די בערגלעך און צוהערן זיך.

— דו הערסט? — פֿלעגן מיר פֿרעגן איינע די אַנדערע.

— און דו?

— אַוודאי...

— איינס, צוויי, דריי... פֿלעגן מיר נעמען ציילן פֿאַר אַ באַווייז אַז מיר הערן.

און מיר האָבן טאַקע געהערט. דייטלעך, שאַרף פֿלעגט צו אונדזערע אויערן דערגיין אַ קלאַנג פֿון די גרויסע גלעקער. איך ווייס ניט צי פֿון אונטער דער ערד, צי פֿון אייגענעם האַרצן — נאָר מיר האָבן געהערט און דער קלאַנג פֿלעגט אַריין אין אונדזערע נשמות און מאַכן זיי פֿול און גרויס און ברייט, אַז זיי פֿלעגן זיך פֿונאַנדערוויקלען אָן אַ גרענעץ, צונויפֿגיסן זיך מיט אַמאָליקע דורות און די אַלטע אונטערוואַליקע מעשה פֿלעגט פֿאַר אונדז ווערן אַ ווירקלעכקייט, אויף די גרינע בערגלעך, אויפֿן ברעג טייכל...

געקלונגען אונטער דער ערד האָבן עס די זעלבע גלעקער וואָס זענען דאָ איינגעזונקען געוואָרן, ווען דאָס גרויסע ווונדער מיט ר׳ מאירקען איז געשען. די רשעים פֿון שלאָס האָבן זינט דעמאָלט קיין רו נישט באַקומען. דער קאָפּ רייסט זיי, די אויערן פּלאַצן זיי פֿון רעש און אויפֿהערן קלינגען קאָנען זיי נישט אין אַ שטילן וועטער, ווען אַ צווייגל רירט זיך נישט אויף

דיביימער און קיין גרעזעלע אויף דער ערד, האָבן מיר געוווסט, אַז מען לייגט צו דעם אויער צו דער ערד, הערט מען דעם קלאַנג פון דער טיפעניש.

נאָך אַ סך יאָרן זענען אַריבער זינט מיר, קליינע חדר־ייִנגלעך, האָבן זיך געשפּילט אויף די גרינע בערגלעך פון אונטערוואל. פאַר די צייט האָט זיך דער אונטערוואל ווייטער איבערגעביטן. ער איז נאָר נעלם געוואָרן. ניטאָ די גרינע בערגלעך וואָס מען האָט אָנגעשאָטן בשעת די גרויסע מלחמה איז געווען, דאָס טייכל איז אויך ניטאָ — זיי האָט אויך עמיצער איינגעשלונגען. די איינוווינער פון די גראָע הייזלעך וואָס דערביי האָבן די בערגלעך אָפּגעגראָבן, די ערד פאַרגלייכט און אויפגעבויט שטאַלן פאַר פערד און פאַר בהמות, האָבן דאָס טייכל פאַרשאָטן און פאַרזייט גערטנער. אויף דעם אָרט ווו בלומען האָבן אַמאָל געבליט, ליגט איצט אַ דיקע קופּע מיסט. אויף דעם אָרט ווו פריילעכע וואַסערלעך האָבן געפּלייצט, שטייען איצט קורצע, מיאוסע און ניט־פריינטלעכע קעפּלעך קרויט. קינדער שפּילן זיך דאָ ניט. ניטאָ וועמען צו פרעגן, צי הערט זיך נאָך איצט אויך דער קלאַנג פון די קופּערנע גלעקער אונטער דער ערד. איך ווייס ניט צי ווייסט דאָ עמיצער פון די אַמאָליקע פון אונטערוואל וועגן ר׳ מאירקע. אַלץ האָט זיך דאָ אַזוי איבערגעביטן. ניטאָ דער אַמאָליקער אונטערוואל, ניטאָ די אַמאָליקע חברים. איך אַליין בין אויך ניט דער זעלבער וואָס אַמאָל. איך האָב נייע רביים באַקומען, נייע חדרים. נייע חברים. גוטע, ליבע, טייערע זענען מיינע נייע חברים.

נאָר איך קאָן ניט פאַרגעסן: אַמאָל איז געווען אַן אונטערוואל מיט בליענדיקע בערגלעך, מיט אַ קלאָרן טייכל דערביי; דער גייסט פון הייליקן ר׳ מאירקע האָט איבער די בערגלעך און איבערן טייכל געשוועבט; וווּנדער האָבן זיך געזען אויף דער וואָר.

איך קען ניט פאַרגעסן — ר׳ מאירקע האָט געקענט שטאַרבן און לעבעדיק ווערן, כדי ווייטער צו שטאַרבן פאַר זיינע ברידער...

פ. היילפּערין

(פונעם בוך „דערציילונגען“, ערשטער באַנד. פאַרלאַג־בוכהאַנדלונג שלמה שרעבערק, ווילנע).

*

דער פּרוש

איך זיץ אין דער פּרושים־שול וואָס געפינט זיך אין אַן אויבער־שטיבל פון דער גרויסער קאַלטער־שול און לערן גמרא.

אין דער פּרושים־שול דאַוונט מען נאָר ותיקין. פון נאָכן דאַוונען בהשכמה ביז מנחה, קומט איצט זעלטן ווער אַריין אין דעם שטיבל. דער איינציקער וואָס זיצט דאָ און לערנט אויסער מיר, איז דער שוואַרצער פּרוש.

מיט עטלעכע יאָר פריער האָט מען נאָך דאָ אין פּרושים־שול געהערט די זיסע קולות פון בחורים, וואָס האָבן געלערנט גמרא ביי ר׳ יוספן, דעם גרויסן למדן און צדיק.

וועגן ר׳ יוספס צידקות, מידות און אויפפירונגען זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס נאָך ביי זיין לעבן. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געווען דיין אין ניעסוויזש. ר׳ יוסף האָט געהאַט אַ געשלאָסענעם מויל — גערעדט געציילטע ווערטער. דערפאַר האָט דער יעניקער, מיט וועמען ר׳ יוסף האָט אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, געהאַלטן עס פאַר אַ גרויסע זכיה. ר׳ יוסף איז געווען דער רבי אין פּרושים־שול, ווו ער פלעגט זיצן און לערנען ס׳רוב טאָג.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז דאָס אויבער־שטיבל דאָ געווען געפּאַקט מיט „פּרושים“, — יונגעלייט לומדים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען און קינדער אין זייערע שטעטלעך און געקומען קיין ניעסוויזש לערנען. זיי זענען געזעסן דאָ אין שול און געלערנט טאָג און נאַכט מיט התמדה.

כאָטש איצטער לערנען דאָ שוין מער ניט קיין פּרושים און די שול שטייט ליידיק כמעט אַ גאַנצן טאָג, האָט זי ניט פאַרלאָרן דעם זכות צו רופן זיך די „פּרושים־שול“. אַזוי אויך רופט מען נאָך דעם איינציקן פּרוש, וואָס איז געבליבן ווי אַ זכר פון יענע גאָלדענע צייט — „דער שוואַרצער פּרוש“, כאָטש ער איז שוין מער ניט קיין פּרוש, ווייל זיין ווייב און קינדער וווינען איצט מיט אים אין ניעסוויזש. ער איז שוין אויך ניט מער קיין שוואַרצער, ווייל די האָר פון זיין קאָפּ און באָרד זענען שוין פון לאַנג ווייס געוואָרן.

איך האָב ליב צו אָבסערווירן דעם פּרושס אויפפירונג און זיינע מידות און זיך צוהערן צו זיינע באַהאַרצטע, זיס־טרויעריקע ניגונים ביים לערנען גמרא.

דער פּרוש איז נאָר אַ „הויפןביינער“. ס׳רוב טעג פון זיין לעבן האָט ער געפּראַוועט סיגופים און תעניתים. ער גייט שטענדיק געבויגן, איינגעהויקערט, ווי ס׳וואָלט געלעגן אויף אים די שווערע לאַסט פון דעם יידישן ביטערן לעבן אין גלות. זיין פּנים דריקט אויס טיפן צער, נאָר די אויגן ברענען מיט אַ הייליקן פייער.

דער שוואַרצער פּרוש איז אויך אַ מקובל. שוין לאַנג זיצט ער פאַרטיפט איבערן זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים און גרונטעוועט זיך אין סתרי־תורה.

מ׳דערציילט וועגן פּרוש: נאַכט און נאַכט, ווען ער בלייבט אַליין אין אַלטן בית־מדרש, ווו ער דאַוונט שטענדיק מעריב, ריכט ער דאָרטן אָפּ חצות אויף אַ מאָרימדיקן שטייגער. ער מאַכט הקפות אַרום בעלעמער, פאַלט נאָכדעם אַריין אין אָרון־קודש, וויינט און קלאָגט פאַר גאָט אויפן ביטערן גורל פון די יידן וואָס ווערן געפּלאָגט אין דעם פינצטערן גלות. ער גיסט אויס זיין האַרץ וועגן די שרעקלעכע גזירות, וואָס די באַצווינגער און באַדריקער זענען גוזר טאָג־טעגלעך. די ניגונים פון פּרוש ביים אָפּריכטן חצות זענען מוראדיק־טרויעריק און זיינע זיפצן און טרערן ברעכן דאָס האַרץ.

און נאָך דערציילט מען וועגן פּרוש: גאַנץ אָפט ביינאַכט גייט ער אויפן הייליקן אָרט און טוט תפילה אין די אוהלס און אויף די קברים פון די רבנים־צדיקים. ער וועקט די צדיקים מתפלל־צו־זיין און צו בעטן רחמים פאַרן כסא־הכבוד אויף די יידן וואָס ווערן גערודפט און געפּייניקט.

דעם פּרושס האַרץ איז אָנגעזאָפּט מיט יידישן פּיין. פיל פון די אומגליקלעכע און דערשלאָגענע פון שטעטל קומען צו אים אין פּרושים־שול און גיסן אויס זייערע צעבראָכענע הערצער פאַר אים. זיי בעטן אים מתפלל צו זיין פאַר זייערטוועגן, אָדער פאַר זייערע ליבע און נאָענטע.

דער פּרוש שטאַרקט די געמיטער פון די ליידנדיקע און מוטיקט זיי מיט זיינע ברכות און טרייסט־ווערטער.

ער העלפט אויך אייניקע מיט קליינע געלט־סומען, וואָס ער באַקומט פאַר דעם צוועק פון גוטהאַרציקע, פאַרמעגלעכע בעלי־בתים.

*

צייט עס האָט אויסגעבראָכן די שרעקלעכע וועלט־מלחמה, זענען דעם אַלטן פּרושס דאַגות פאַרפילפאַכט געוואָרן.

אין די גרויסע קאַזאַרמעס אין אונדזער שטאָט ניעסוויזש, שטייען סאָלדאַטן און רעזערוויסטן. צווישן זיי געפינער זיך אַ סך יידן. און וואַהין כאַפּט זיך אַריין אַ יידישער זעלנער אָדער אַ געטומענער אין זאַפּאַס, ווען ער גייט אַרויס אין אַ פרייער

שעה פון קאַזאַרמע? ער כאַפּט זיך אַריין אין בית־מדרש אָדער אין פּרושים־שול, ווו ער געפינט זיך צווישן ברידער־יידן און ווו ער קען גאָט בעטן פאַר זיך און פאַר זיין הויז־געזינד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ווי אויפן וואַסער, ווען ס׳איז אַרויס דער באַפעל צו רעקרוטירן זיך.

דער פּרוש ווייזט אַרויס גרויס רחמנות צו די יידישע „זאַ־פּאַסניקעס״. ער טרייסט זיי און שטאַרקט זייער אמונה, אַז גאָט, דער שומר־ישראל, וואַכט איבער זיינע קינדער, אַז ער איז שטענדיק מיט זיי און וועט זיי אַרויסהעלפן.

אויסער מיט אַ טרייסט־וואָרט, העלפט דער פּרוש די יידי־שע זעלנער מיט וואָס נאָר ער קען. ער קלייבט צונויף פאַר זייערטוועגן אַ ביסל געלט, זיי זאָלן קענען שיקן הילף צו זייערע פאַמיליעס.

דער פּרוש באַזאָרגט די פרומע זעלנער מיט כשרע שפּייז, זיי זאָלן ניט דאַרפן עסן פון קעסל.

פאַר די אַכט טעג פּסח אָרדנט ער איין פאַר די יידישע זעלנער אַ כשרה קיך לעבן די קאַזאַרמעס, זיי זאָלן ניט מוזן עסן, חלילה, חמץ אין פּסח.

ערב פּסח פאַרנאַכט גייט דער אַלטער פּרוש דורך אין אַלע בתי־מדרשים צו זען, מ׳זאָל זיך ניט שטעלן דאַוונען מעריב, ביז יעדער יידישער זעלנער ווערט איינגעלאַדן צו די צוויי סדרים. ער וויל אַז זיי, די פאַרוואָרפענע פון זייערע היימען, זאָלן פילן דעם טעם פון יום־טוב אין דער וואַרעמער סביבה פון אַ יידישער היים.

די „זאַפּאַסניקעס״ פילן גרויס דאַנקבאַרקייט צום פּרוש, וואָס זאָרגט זיך פאַר זיי ווי אַ געטרייער טאַטע זאָרגט פאַר זיינע קינדער.

ווען אַ יידישער זעלנער ווערט אַריינגעשטעלט אין רעיעס־טער פון די וואָס דאַרפן אַוועק אויפן פראָנט, קומט ער אין פּרושים־שול צו נעמען אַ ברכה און זעגענען זיך מיטן אַלטן פּרוש.

אָט זע איך ווי עס שטייט לעבן פּרוש אַ זאַפּאַסניק, אַ ייד פון אַ יאָר פינף־און דרייסיק. ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט פינף קליינע קינדער. דערצו האָט ער נאָך אַן אַלטן קראַנקן טאַטן, וועמען ער דאַרף אויסהאַלטן. איצט ליידן זיי אַלע נויט און דחקות.

דער זעלנער גיסט אויס דאָס האַרץ פאַרן פּרוש, דערציילט, אַז מ׳שיקט אים אַוועק אויף די שחיטה־פעלדער.

דער אַלטער פּרוש איז אַליין אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, צעבראָכן. זיין פּנים איז בלאַס און די אויגן פול מיט צער, אָבער ער טרייסט און מוטיקט דעם יידן.

ער נעמט אַריין דעם זעלנערס האַנט אין זיין וואַרעמער האַנט, דריקט זי אַ לאַנגע צייט מיט ליבשאַפט. ער בענטשט דעם זעלנער און שטאַרקט זיין געמיט. ער דערמאָנט אים, אַז גאָט־ברוך־הוא פאַרלאָזט ניט די, וואָס האָפן צו אים, און אויך אין די שווערסטע שעהן טאָר אַ ייד זיך ניט מיאש־זיין פון רחמים.

דער פּרוש לייגט אַריין שטילערהייט אין דעם זעלנערס קעשענע אַ ביסל מינץ, דריקט ווידער זיין האַנט. זאָגט בעת־מעשה דאָס קאַפּיטל תהילים: „אשא עיני אל ההרים מאַין יבוא עזרי״, (איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?) און זעגנט זיך מיט אים מיט די ווערטער: „ד׳ ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם״. (גאָט וועט היטן דיין גיין און קומען, פון אַצינד און ביז אייביק).

נאָכדעם ווי דער זעלנער קושט די ספרי־תורות, זיצט אַ ווילע אויפן באַנק ביי דער טיר, גיט ער אַ קוש די מזוזה און פאַרלאָזט די פּרושים־שול.

דעמאָלט ערשט ברעכן אויס פון פּרושס האַרץ שווערע זיפצן.

ער פאַרגיסט זודיקע טרערן, איז מתפּלל צו גאָט ער זאָל האָבן רחמים און שיצן די קינדער פון ישראל. און מיט אַ ניגון וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טיפן טרויער, בעט ער:

„שומר ישראל, שמור שארית ישראל ואַל יאבד ישראל״.

„שומר גוי אחד, שמור שארית עם אחד, ואַל יאבד גוי אחד״.

אָט די תפילה חזרט ער איבער פיל מאָל מיט יענעם ניגון, וואָס מאָנט און בעט רחמים.

דער ווידערקלאַנג פון דער תפילה טראָגט זיך אין חלל פון פּרושים־שול פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

אָט גייט דער פּרוש אַוועק פון פּרושים־שול זיך עוסק צו זיין אין אַ דבר־מצוה. איך בלייב זיצן איינער אַליין. כ׳בין ווי צוגעשמידט צו מיין אָרט.

אין מיינע אויערן קלינגט אַלץ די תפילה מיט איר מיסטיש טרויעריקן ניגון, אָנגעזאַפּט מיט אהבת־ישראל, וואָס האָט קיין סוף ניט:

„שומר ישראל, שמור שארית ישראל, ואַל יאבד ישראל״...

שלמה דמשק

אדר, תרע״ה.

פונעם בוך „אין יענע יאָרן״ (פאַרצייכענונגען און בילדער פון מיין היימשטאָט ניעסוויזש). אַרויס־געגעבן פון תלמידים און פריינד. ניו־יאָרק, תשי״א—1950. ז״ז 160.

*

משה אלעזר אייזענשטאַט

יידישער שרייבער און עסקן, געבוירן אין יאָר 1870 אין ניעסוויזש, געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. העכערע בילדונג באַקומען אין בערלין, ווו ר׳האָט גלייכצייטיק באַזוכט די הויכשול פאַר יידישע וויסנשאַפטן וועלכע ר׳האָט פאַר־ענדיקט מיטן טיטל דאָקטאָר פילאָזאָפיע. אין יאָר 1889 ווערט מ. אייזענשטאַט באַשטימט אַלס אַלגעמיינער ראַבינער אין ראָסטאָוו א/דאָן. נאָך אַלס סטודענט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן, פעליעטאָנען, דערציילונגען, קריטישע נאָטיצן, קאָרעספּאָנדענצן און פובליציסטישע אַר־טיקלען. די לעצטע אַרבעטן זענען דער עיקר געווידמעט פראַגן פון דערציונג. אַלס באַזונדערע אויסגאַבן זענען דערשינען: „מחיי בני ליטא״ — דערציילונגען פונעם לעבן פון די ליט־ווישע יידן אין וואַרשע. 1893. איבערזעצט אויף רוסיש און דייטש. 2) ביבל־קריטיק אין דער תלמודישער ליטעראַטור (זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע), 1898. 3) יידיש־איבערזעצונג פונעם ערשטן טייל פון ד״ר דעמבאָס בוך וועגן שחיטה, וואַרשע 1896. 4) יידיש־איבערזעצונג פון ד. כוואָלסאָנס אַרטיקל „אַלטע געדרוקטע יידישע ביכער״, אונטערן קעפּל „ראשית מעשה הדפוס״, וואַרשע 1897.

(יעווריעיקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ, 1טער באַנד, ז׳ 483, ס. פּעטערבורג, 1913).

*

ד״ר משה־אליעזר אייזענשטאַט

ראַבינער און געלערנטער. געב. 1869 אין ניעסוויזש, ווייס־רוסלאַנד. געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, זינט 1899

שטודירט פילאָסאָפיע און אָריענטאַליסטיק אין בערלינער אוניווערסיטעט. געווען ראַבינער אין ראָסטאָוו־דאָן און זינט 1910 אין פעטערבורג. 1924 זיך באַזעצט אין פאַריז, ווו ער איז ראַבינער פון דער מזרח־יידישער קהילה. זיך באַטייליקט אין העברעישע, רוסיש־יידישע, דייטשע און יידישע צייטשריפטן. דערהויפט וועגן ענינים פון יידישער דערציונג; אַרויסגעגעבן אויך אייניקע ווערק אין העברעיש, ווי ד״ר דעמבאָס אַרבעט איבער שחיטה, פראָפ. ד. כוואָלסאָנס „ראשית מעשה הדפוס בישראל״, בילדער פון דעם יידישן לעבן אין דער ליטע („בשובי אל ארץ מולדתי״, „מחיי בני ליטא״), אין יידיש — אַ דערציילונג „נאָך דער שריפה״ (ווילנע 1901), אין רוסיש — אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר יידישע קינדער „נאַשים דיעטיאַם״ צוזאַמען מיט מ. דאַיכעס (1911).

ז. ר.

(אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפעדיע, פאַריז, 1935. באַנד 2, ז׳ 173).

*

גע׳ב. אין ניעסוויזש 13 יאַנואַר 1869, — 27 נאָוו. 1943).

צו 13 יאָר שוין געשריבן קאָרעספאָנדענציעס אין המליץ און הצפירה. געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה און זינט 1889 שטודירט אין בערלינער אוניווערסיטעט און אין דער הויכשול פאַר דער וויסנשאַפט פון יידנטום. באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטול פאַר אַ דיסערטאַציע וועגן ביבל־קריטיק אין דער תלמודישער ליטעראַטור. געווען אַ צייט לערער פון יידישע לימודים אין אַ צאָל גימנאַזיעס אין רוסלאַנד, דאַן געוואָרן ראַבינער אין ראָסטאָוו ביים דאָן און פון 1910 אין פעטערבורג. זינט די סטודענטישע יאָרן געשריבן דערציילונגען, רעצענזיעס און פובליציסטישע אַרטיקלען אין העברעישע, רוסיש־יידישע און דייטשע צייטשריפטן. אויף יידיש פאַרעפנטלעכט אַ סקיצע אין הויזפריינד, 5, א״נ „וואו זיינען זיי?״. זיך באַטייליקט אין יוד מיט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דערציונג, אויך אין פריינד, דער טאָג, ש. פרוגס לוח פיר ערד־אַרבייטער. געאַרבעט אויף אַ גרויס ווערק אין יידיש — די איינלייטונג אין תלמוד. שפעטער עמיגרירט קיין פאַריז און נאָך היטלערס אַריינמאַרש קיין פראַנקרייך אין 1942 געקומען קיין אַמעריקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 1; אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע, ב.2. (לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, 1טער באַנד).

*

לאָזער פאָגעלמאַן

געבוירן דעם 27סטן מאַי 1888. אַדאָפטירטער נאָמען פון אליעזר פייגעלמאַן.

געב׳ אין ניעסוויזש, מינסקער גובערניע, ווייסרוסלאַנד. דער פאָטער שמחה, דער גרינדער פון ערשטן חדר־מתוקן אין ניעסוויזש, האָט אַליין אים געגעבן אַ יידישע און וועלטלעכע דערציונג. לאַזאַר פאָגעלמאַן האָט ווי אַן „עקסטערן״ יעדן יאָר אָפגעלייגט עקזאַמען אין סלוצקער גימנאַזיע. אין 1906 איז ער אַריין אין זיבעטן קלאַס פון דער וואַרשעווער צווייטער גימנאַזיע און זי געענדיקט אין 1912, און אַ יאָר שפעטער צוגעשטעלט זיין דיסערטאַציע וועגן „אויטאָר־רעכט אויף ליטעראַרישע ווערק״. דערנאָך שטודירט אין פעטערבורגער פסיכאָנעוראָלאָגישן אינסטיטוט. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „נאַ פליאַזשע״ (אויף דער פליאַזשע) אין אַ פעטערבורגער רוסישן ליטעראַרישן זשורנאַל, אין יענער צייט געוואָרן לעקטאָר אויף הויכקורסן איבער רוסישער ליטעראַטור. אין אָנהויב פון ערשטער וועלט־מלחמה, 1914, געווען יוריסקאָנסול אין סובמאַרינען־זאַוואָד „רעקס״, שפעטער געאַרבעט אין דער נאַפט־פירמע „מאַזוט״.

אין די יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געווען לערער און פאַרוואַלטער פון אַלגעמיינע שולן אין וויטעבסק, האָראָדאָק, סלוצק, לסוף אין זיין היימשטאָט ניעסוויזש, אין אַ 8־קלאַסיקער מיידל־גימנאַזיע געווען לערער פון רוסישער ליטעראַטור און פון לאַטיין. אין 1921 עמיגרירט קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און נאָך אַ צוגרייטונג אַריינגעטראָטן אין דער יוריספרודענץ־שול פון פאָרדהאַם אוניווערסיטעט; געענדיקט אין 1927 און געהאַט בדעה צו פראַקטיצירן אַדוואָקאַטור. דערווייל געווען לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן און מיטגעאַרבעט אין פועלי־ציוניסטישן טאָגבלאַט די צייט, רעדאַגירט פון דוד פינסקי — ביז די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט. אויך אין טאָג, נ״י. אָנגעהויבן דרוקן אין פאָרווערטס אַ סעריע שילדערונגען פון יידישן לעבן אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, און דער רעד׳ אב. קאַהאַן האָט אים פאַרבעטן צו שרייבן רעגלמעסיק. אין 1927 געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״. פאַרעפנטלעכט ביאָגראַפישע סעריעס וועגן גרויסע פערזענלעכקייטן אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער, אויך דערציילונגען און ליטעראַטור־קריטיק, אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער פסעוודאָנים ד״ר פ. לאַזאַר, טעוועליעוו, פ. סאָלאָווייטשיק און ל. איידעלמאַן.

נאָך אב. קאַהאַנס טויט, 1952, איז הלל ראָגאָף געוואָרן דער רעדאַקטאָר און פאָגעלמאַן — פאַרוואַלטונג־רעדאַקטאָר פון פאָרווערטס. ווען ראָגאָף האָט רעזיגנירט אין 1962, איז פאָגעלמאַן געוואָרן רעדאַקטאָר. אין די יאָרן פון אינטענסיווער זשורנאַליסטישער טעטיקייט, אויך געווען אַ לעקטאָר און דער ערשטער דירעקטאָר פון די אַרבעטער־רינג לערער־קורסן, אַ לערער אין דער אַרבעטער־רינג־מיטלשול, אַ לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר, אַ מיטגליד פון בילדונגס־אָפטייל ביים אַרבעטער־רינג און קאַסירער פון אַרבעטער־רינג. זיך אויך באַטייליקט ווי אַ פובליציסט, רעצענזענט און קריטיקער אין אַ ריי זשורנאַלן, בעיקר אין דער וועקער, אָרגאַן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, און אין צוקונפט.

נאָך א. ליעסינס טויט רעדאַגירט די צוקונפט אין איינעם מיט הלל ראָגאָף, אין די יאָרן 1939־1940. זיך אויך באַטייליקט אין זאַמלבוך ווילנע, 1935; אין רוסישן זאַמלבוך יעווריעיסקי מיר, אַרויסג׳ פון פאַרבאַנד פון די רוסישע יידן, ניו־יאָרק, 1944, מיט אַ לענגערער אָפהאַנדלונג וועגן די יידן אין אַמעריקע; אין רוסישן נאָווי זשורנאַל, נומ׳ 59, ניו־יאָרק, 1960, מיט אַ לענגערער שטודיע וועגן שלום־עליכמען. פאָגעלמאַן איז עטלעכע מאָל געווען פרעזידענט פון י. ל. פרץ־שרייבער־פאַראיין, פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע זשורנאַליסטן אין ניו־יאָרק. גרייט צום דרוק געזאַמלטע אָפהאַנדלונגען וועגן יידישע און אַלגעמיינע שריפטשטעלערס, וועגן פערזענלעכקייטן אין פאָליטישן לעבן, צווישן זיי אַ צאָל אַמעריקאַנער פרעזידענטן. זיין וועכנטלעך פובליציסטיש אַרטיקל אין פאָרווערטס איז געווידמעט יידישע און אַלגעמיינע צייט־פראָבלעמען. האָט אין 1936 געדרוקט אין פאָרווערטס אַ סעריע רייזע־אַרטיקלען נאָך אַ טור איבער אַ צאָל אייראָפעישע לענדער; אין 1951, נאָכן באַזוך אין מדינת־ישראל, אויף דער פאַרבעטונג פון דער ישראל־רעגירונג, און ווי אַ מיטגליד פון אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן־גרופע זיך צו באַטייליקן אין דער ערשטער פלי־רייזע דורך דער „על־על״־לופט־ליניע פון לוד קיין ניו־יאָרק, געדרוקט אין דער צייטונג אַ וויכטיקע סעריע אַרטיקלען איבער דער

ייִדישער מדינה. פאָגעלמאַנס ערשטע פרוי איז געווען בעלאַ דמשק, שוועסטער פון העברעיש־ייִדישן שריפטשטעלער שלמה דמשק. זיין צווייטע פרוי איז די טאָכטער פון ב. באָטוויניק. זייער בכור, שמחה־סיימאָן איז געפאַלן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה קעגן די דייטשע נאַציס. אין בוכפאָרעם: בוקער ט. וואַשינגטאָן, פאַרלאַג אַרבעטער־רינג, 1930; פּאַוועל אַקסעלראָד, פ"ג ייד' סאָצ' פאַרבאַנד, נ"י, 1928; געשיכטע פון דעם אַרבעטער־רינג, פאַרלאַג אַרבעטער־רינג, נ"י, 1931. וווינט אין ברוקלין, נ"י.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב' 3; הלל ראָגאָף, דער גייסט פון פאָרווערטס, נ"י, 1954, זז' 163־165 (צו ערשט געדרוקט אין פאָרווערטס, נ"י, 16טן מאַי 1953); י. ש. הערץ, די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, נ"י, 1954, זוכצעטל; שלמה דמשק, מפה ומשם, נ"י, 1956, עמ' 102־107; אַרבעטער־רינג־בויער און טוער, נ"י, 1962, שפּ' 305־306; ס. רעגענסבערג, פאָרווערטס, נ"י, 16טן יוני 1962; י. שמולעוויטש, פאָרווערטס, 28סטן יוני 1962 און דאָרט, 2טן דעצ' 1962; ה. לאַנג, פאָרווערטס, נ"י, 20סטן אָקט' 1962; קורות העתונאים היהודיים, 9, ירושלים, א' כסלו, תשכ"ו, 25סטן נאָוו' 1965;
יעפים ישורין, 100 יאָר ייִדישע ליטעראַטור, נ"י, 1966.

ח. ש.

(לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, באַנד 7).

*

אליהו־ישראל ראַדונסקי

אָנגעהויבן זיין פּראַקטיק (1927) אַלס העברעישער לערער אין דער ציש"אָ־שול אין ניעסוויזש. שפּעטער איז ער דאָרט געוואָרן אויך אַ טיכטיקער שול־טוער און איז יאָרן לאַנג געווען סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער ציש"אָ־אָפּטיילונג. פאַרבראַכט גאַנצע אָוונטן אויף פאַרוואַלטונג־זיצונגען, טעאַטער־פּראָבעס און פאָרשטעלונגען.

עליע איז אַלע יאָרן געזעסן אין סופליאָר־בודקע, אין שטאַטישן זאַל. נישט איינמאָל האָט ער דעם אַרטיסט אַרויסגעפירט פון אַ שווערער סיטואַציע, ווי אַ געניטער רעזשיסער. אַ לעבן לאַנג צווישן שול־בענק, זיצונגען אין סופליאָר־בודקע — איז נישט געבליבן קיין פלאַץ פאַר פערזענלעך גליק.

אומגעקומען בשעת די צעשיסונגען פון ניעסוויזשער ייִדן, אין אָקטאָבער 1941.

(לערער יזכור־בוך)

*

עקיבא באַקשט

אַ קיילעכיק פּנים, בלאָנדע האָר, מיט ברילן אין גראָבע אַמעריקאַנער ראָמען — האָט עקיבא באַקשט געהאַט אין זיין אויסזען ווייניק ייִדישעס, נאָך ווייניקער — ווי אַ ייִדישער לערער. זיין גאַנץ וועזן האָט געשפּראָצט מיט דאָרפישער געזונטקייט און נאַיוויטעט.

געשטאַמט האָט ער פון איוויע, אַ שטעטל לעבן נאָוואָגרודעק, אין מזרח־פּוילן. ווי אַ פיזיש־געזונטער מענטש, האָט ער ליב געהאַט די נאַטור, און אויך זיינע שילער אָנגעשטעקט מיט דער ליבע. קיים האָט געקלונגען דער שול־גלאָק, איז באַקשט נישט געווען מער דער שטרענגער לערער, נאָר דער גוטער צוגעלאָזענער חבר. זיין שוואַכקייט איז געווען — מאַרשירן. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט זיך אַראָפּצוכאַפּן אין אַ פרייען טאָג פון ניעסוויזש, וווּ ער האָט געאַרבעט אין דער ציש"אָ־שול, אין זיין היימשטאָט אַריין, איוויע. אַ מהלך פון וואָסערע 90 קילאָמעטער איז פאַר אים געווען אַ נאַכטשפּאַציר, ביי וועלכן מ'פאַרשטויבט אַפילו נישט די שיך.

ווי באַקאַנט, איז אַ ייִדישער לערער אין שטעטל געווען מער ווי לערער: ער האָט געמוזט זיין אַ „קראַפט", מ'זאָל אים קענען אויסנוצן אַלס טוער, רעדנער אָדער אַרטיסט. באַקשט איז נישט געווען קיין אויסנאַם. ער האָט געשפּילט טעאַטער, ער האָט געטאָן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — אַזוי אין ניעסוויזש, אַזוי אין איוויע, וווּ ער איז געווען דער לערער און פאַרוואַלטער פון דער שול.

מ. אייזענבוד

*

בנימין גראַובאַרט

אַרום 1926 האָט זיך אין ניעסוויזש באַוויזן אַ יונגער אינטעליגענט פון וואַרשע. אַ נידעריקער און דיקלעכער, עטוואָס הינקענדיק אויף אַ פוס, מיט צוויי קלוגע שמייכלענדיקע אויגן הינטער די ברילן אין גאָלדענע ראָמלעך, — איז ב. גראַובאַרט געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער ניעסוויזשער ציש"אָ־שול. שפּעטער, שוין אַ תושב אין ניעסוויזש, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט, און אייניקע יאָר געווען לאַווניק. ער העלפט דער ייִדישער אָרעמער באַפעלקערונג, ער גיט זיך אָפּ מיט דער ערציונג פון ייִדישן קינד. אין 1930 אינסצעניזירט ער דעם „פּרינץ און דער בעטלער". ער שניידט און מאָלט די דעקאָראַציעס, ער רעזשיסירט די ראָלן מיט די קינדער. די פאָרשטעלונג האָט געשאַפן גרויס אָנזען דער שול און אירע טוער.

אין 1932 פאָרט ער איבער קיין פּינסק און ער ווערט פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער באָראָכאָוו־שול. אָבער אונטערן דרוק פון דער פּוילישער שול־מאַכט האָט גראַובאַרט געמוזט אויפגעבן זיין לערער־פּאָסטן און ער ווערט בוכהאַלטער אין אַ האַנדלס־אונטערנעמונג. ער ווידמעט ווייטער זיין גאַנצע ענערגיע פאַר קינדער־דערציונג און פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט לטובת דער אָרעמער ייִדישער באַפעלקערונג.

אומגעקומען איז ער אין פּינסק.

(לערער יזכור־בוך)

✡

מיכאל טשאַרני ז"ל

(1874—1928)

אַלזייטיק און קאָלירפול איז געווען דאָס געשטאַלט פון מיכאל שטאַרני. פון דער נאַטור אַ שטילער, באַשיידענער מענטש, אַ געבוירענער אינטעליגענט, האָט ער שוין אין זיינע פרישטע יאָרן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו אַלגעמיין־וועלטלעכע לימודים, פּאָעזיע, פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען איבער אַקטועלע פּראָבלעמען. אָבער אַ ספּעציעלן אינטערעס

האָט ער געהאַט צו לערנען מאַטעמאַטיק. ער האָט געקענט, צום ביישפּיל, אויסרעכענען פון פּאָרויס, ווען עס פאַלן אויס די ערשטע טעג פּסח, ראש־השנה, סוכות און אַנדערע יום־טובים אין משך פון צענדליקער יאָרן. איטשע טשאַרני דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך געלערנט אין דער רוסישער גימנאַזיע אין די



מיכאל טשארני

יאָרן 192—1918. פלעגט אים דער פאָטער שטענדיק העלפן צו לייזן אַלגעברעישע און טריגאָנאָמעטרישע אויפגאַבן, טראָץ דעם וואָס ער אַליין האָט אין קיין גימנאַזיע נישט געלערנט.

אין זיינע יוגנט יאָרן האָט ער אייניקע יאָר געלערנט אין דער מירער ישיבה, אָבער ער איז נישט געווען קיין רעליגיעזער מענטש. אין שול פלעגט ער גיין דאַוונען בלויז אין שבתים און אין די יום־טובים, אַמאָל פלעגט ער אויך צוליב טאָן זיין פרוי וואָס איז דווקא געווען רעליגיעז געשטימט און זיך אַריינ־כאַפּן אין שול צו מנחה. אָבער דאָס פלעגט קומען אין רעזולטאַט פון איר מוסר זאָגן: „מיכאל, דו ביסט דאָך אַ טאַטע פון קינדער, פאַרוואָס דאַוונסטו נישט? ס׳איז דאָך פאַראַן אַ יענע וועלט”!

טראָץ דעם וואָס צוליב זיין פרנסה, ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, איז אים ס׳רוב צייט אויסגעקומען צו זיין אין די וועגן, איז ער געווען צוגעבונדן צו זיין שטוב און משפחה. ער איז געווען געבענטשט מיט אַ סך שיינע געפילן און מידות. אַן אידעאַלער אויפריכטיקער מענטש, דורכגענומען מיט אַ משכיליש־פּראָגרע־סיוון גייסט, פלעגט ער נישט אַדורכלאָזן די קלענסטע געלעגנ־הייט אַדורכצולייענען די ביכער וואָס די קינדער פלעגן ברענגען אַהיים פון דער תרבות־ביבליאָטעק. ער פלעגט זיצן ביז די שפּעטע שעהן אין דער נאַכט, לייענען מיט גרויס התמדה און אויך מאַכן פאַרשיידענע נאָטיצן און באַמערקונגען. און, פאַר־שטייט זיך, שמועסן מיט די קינדער וועגן די אַדורכגעלייענטע ביכער.

פאַרלירנדיק אַלס קינד אַן אויג, האָט ער זיך געפילט ווי באַעוולט פון דער נאַטור. געווען אומצופרידן און פאַרביטערט און אין דער געזעלשאַפט פון ידידים איז ער געווען מער הערער ווי רעדער, הגם ער האָט תמיד געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט ליב געהאַט דעם צימצום, דאָס אַרויסגעזאָגטע איז ביי אים געווען געווויגן און געמאָסטן, וואָגיק און זאַכלעך.

זיין ליבע צו ארץ־ישראל האָט ער אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט, טראָץ דעם וואָס ער איז נישט געווען אַ מיטגליד אין קיין ציוניסטישער פּאַרטיי. דער ציוניסטישער גייסט אין שטוב האָט אויך באַווירקט זיינע קינדער, וועלכע זענען געווען אַקטיווע טוערס אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

מיט זיין סאָלידער און טאַקטישער האַלטונג, האָט ער אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ, דערצויגן די קינדער צו טאָלע־ראַנץ. איטשע טשאַרני דערמאָנט זיך איינמאָל, אַז ווען דער יינגערער ברודער נח האָט אין אַ פּורים־נאַכט ביים לייענען די מגילה אין חסידים־שטיבל געזוכט אַ שטעקן צו קלאַפּן המנען אין אַ קאַסטן, האָט זיך אָפּגערופן דער פאָטער: „וואָס ווערסטו שלאָגן אַ טויטן המן איבער אַ קעסטל, מען דאַרף בעסער שלאָגן די לעבעדיקע המנ׳ס, וועלכע מאַכן פּאָגראָמען איבער יידן”!

די לעצטע פּאָר יאָר פאַר זיין טויט האָט מיכאל טשאַרני זייער געליטן פון אַ ראַק־קראַנקהייט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, כדי נישט גורם זיין קיין יסורים דער פרוי און קינדער. די יסורים האָט ער געשטילט מיט לייענען ביכער. אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט, האָט ער שוין כמעט פאַרלוירן דאָס לשון.

ער איז געשטאָרבן מיטן פולן באַוווסטזיין, אין מיטעלן עלטער פון 54 יאָר. זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אין שטאָט.

יצחק אַלפּעראָוויטש

*

יידן פון מיין היימשטאָט

מיין חבר ליבערמאַן

חבר ליבערמאַן איז געווען אַ זון פון ר׳ נחמיה מלמד ע״ה — אַ קליין יידעלע, דערפאַר אָבער אַ גרויסער העברעיער. יידן פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער לייענט דעם מליץ („המליץ”) און פון אים טאַקע האָט מען זיך דערוווסט יידישע און וועלטלעכע נייעס.

אָט דער רבי האָט פאַרמאָגט נאָר אַכט תלמידים און פון דעם האָט ער געהאַט פרנסה. זיין הויז איז געווען אַרום דעם טויטן געסל. פרייטיק נאָך האַלבן טאָג איז ר׳ נחמיה געווען באַשעפטיקט ביים איינאָרדענען צוגעוואַנדערטע אָרעמע יידן אַלס אורחים אויף שבת. איך געדענק, איך בין נאָך געווען אַ יינגל, פלעגט ר׳ נחמיה קומען צו אונדזער לובאַוויטשער שטיבל און בעטן מיין פאָטער ע״ה, ער זאָל נעמען אַן אורח אויף שבת. פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער האָט גלייך זיין ביטע דערפילט. איך האָב געפרעגט מיין פאָטער, פאַר וואָס ר׳ נחמיה דאַוונט נישט. האָט דער טאַטע געענטפערט: העוסק במצווה פטור ממצוות.

אָט דער שיינער מלמד האָט געהאַט אַ זון, וועלכער איז געווען מיין חבר, הגם אַ פיל עלטערער פון מיר. זייענדיק אַ ישיבה־בחור, האָט ער אָבער חוץ גמרא און מוסר־ספרים, געלייענט פיל ביכער. קומענדיק פון ישיבה, אַרום 1904, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין „בונד” און אַקטיווער חבר אין דער באַוועגונג. ער פלעגט עפנטלעך אַרויסטרעטן אויף מיטינ־גען, האַלטן רעדעס קעגן דער אָרדענונג. ער האָט זיך אויסגע־לערנט אַ פאַך — אַלס סופר און געשריבן די תורה. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ יצחק סופר ע״ה. אין 1917, נאָך דער רעוואָלוציע, איז ער אָנ־פירער פון „בונד” און ווערט אויסגעוויילט אַלס ראַטמאַן אין שטאָטראַט. ער העלפט שאַפן די יידישע פאָלקס־שול, איז באַליבט ביי דער אָרעמקייט פון שטאָט. דאָך קומט חבר ליבער־

מאַן יעדן טאָג דאַווענען אין בית־מדרש און לייענט יעדן שבת די פירושים.

בעת מיין באַזוך אין ניעסוויזש אין 1934, קום איך צו אים אין הויז. עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. איך בין אין אַ ליידיקער שטוב. נישטאָ מער ווי אַ טיש און אַ בענקל, אויף־וועלכן חבר ליבערמאַן זיצט און שרייבט אַ ספר תורה. אַפילו אַ פאָדלאָגע איז נישטאָ און דער דלות איז גרויס. איך האָב זיך באַמיט אים אַ ביסל לייכטער מאַכן.

אַזוי האָט געלעבט אין אָרעמקייט דער גרויסער קעמפער פאַר די אָרעמע יידן. אין 1941 איז אָט די שיינע נשמה פאַרלאָשן געוואָרן דורך היטלערס רוצחים.

ר׳ אבא חסיד

שוין אַלס יינגל האָב איך געקענט אָט דעם שיינעם ייד, ר׳ אבא. אַ הדרת פנים, אַ שיינע לאַנגע באָרד און גרויסע שוואַרצע אויגן. זיין לאַנגע קאַפּאָטע האָט ר׳ אבא געטראָגן זומער און ווינטער. באַשעפטיקט זיך מיט פיל זאַכן, אָבער קיין גביר נישט געווען, כאָטש ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויס הויז אויף מיכאַלישאָק. פרייטיק פאַרנאַכט, פלעגט ער קומען פון דער מקווה אַן אויסגעוואַשענער, פיין אויסגעקעמט די באָרד, אין זיין שיינער אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיטן חסידישן גאַרטל און קורצע שטיוועלעך. דאָס פנים שיינט און וואַרט אויף קבלת שבת. ער שטייט ביי זיין שטענדער, דאַוונט מיט יענע שיינע ניגונים און טאַנצט אונטער צו ביסלעך. צייטנווייז דאַוונט ער ביים עמוד, זינגט אַזוי האַרציק און די חסידים העלפן אים צו. אַזוי איז געווען יעדן שבת.

שמחת תורה האָט מען געזען ר׳ אבאן טאַנצן ביי די הקפות מיט אַלע חסידים. דאָס זענען נישט געווען קיין פּשוטע טענץ, מען האָט געזען באַשיינפערלעך, ווי ער שווימט אין דער לופטן, זינגענדיק און האַלטנדיק די תורה און זיינע אויגן — צוויי בריליאַנטן.

ר׳ אבא העלפט אָרעמע יידן אין דער שטיל, אָן רעקלאַמע. ביי מנחה־מעריב לערנט ר׳ אבא דינים פאַר די פּשוטע יידן.

צום לעצטן מאָל האָב איך געזען ר׳ אבאן, ווען כ׳האָב באַזוכט מיין שטעטל, מיט אַ גמרא אויף אַ באַרג ברעטער, ביי סימינאַרינסקיס סאָד. דאָס איז געווען אין חודש אב און אַזאַ איז געווען ר׳ אבאס דאַטשע. היטלערס מערדערס האָבן אָט דעם שיינעם יידן דערשאָסן אויפן מאַרק, צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטעטל. ת.נ.צ.ב.ה.

יאָסעלע

אַ לעבעדיקער, אויסגעוואַקסן הויך, אָבער קען נאָר ריידן אייניקע ווערטער. ווען יאָסעלע פלעגט קומען אין גאַס, איז גע־וואָרן לעבעדיק, ער האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט. יאָסעלע רייסט פון זיך די קליידער, אָפט איז ער נאַקעט. מענטשן האָבן רחמנות, מען גיט אים אַנדערע מלבושים, אָבער צו מאָרגנס זענען זיי אויך צעריסן.

יאָסעלע איז געווען באַליבט ביי אַלעמען, אַפילו ביי די קריסטן. אָפיצירן אינטערהאַלטן זיך מיט אים, יאָסעלע עסט און טרינקט מיט זיי. דעריבער האָט ער די פּריווילעגיע צו מאַר־שירן מיט די סאָלדאַטן צום פּאַראַד. ער האָט ליב געהאַט מוזיק. ווי נאָר ער האָט געהערט שפּילן איז ער געלאָפן אַהין, אַפילו ווען דאָס איז געווען אין אַנדערן עק שטאָט.

יאָסעלע האָט גערן געהאַט די פייערלעשער. ער פלעגט זיי שטענדיק העלפן פּאָמפּען וואַסער פון טייך. ער האָט קיין מאָל נישט געבעטן קיין עסן. צו אונדז אין שטוב פלעגט ער קומיי־ ווי אַן אייגענער מענטש, אַפּעסן און נאָכן עסן פלעגט אים מיין פאָטער בעטן זיצן. אָבער יאָסעלע האָט נישט געהערט, ר׳איז ווידער געלאָפן אין גאַס און געשריען: אַ טויט!

ד״ר ליצקאָווסקי האָט מיט אים געהאַט מיטלייד, ווייל יאָסעלע איז אָפט פול געווען מיט ווונדן, צייטנווייז פון דער גרויסער קעלט. דער דאָקטער האָט געהיילט זיינע ווונדן, געגעבן אים אַ בגד און איינגעלאַדן צו עסן. יאָסעלע האָט זיך געפילט ביים דאָקטער ווי אין דער היים. ווען ד״ר ליצקאָווסקי פלעגט גיין באַזוכן קראַנקע, איז יאָסעלע געגאַנגען פאַרויס מיטן דאָקטערס שטעקן און געשריען: אַ טויט!

יאָסעלעס שרייען „אַ טויט" האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען. אפשר האָט ער פאַרויסגעזען דעם שרעקלעכן טויט וואָס האָט דערוואַרט מיין היים ניעסוויזש, צוזאַמען מיט אַלע יידן, מיט וועלכע ס׳איז אויך אומגעקומען דער ליבער יאָסעלע.

ווען איך בין געקומען אַ היים פון דער ווייטער אַפריקע אין 1934 און בין אַרויס פון וואַגאָן, איז אָנגעקומען יאָסעלע, געכאַפּט מיין טשעמאָדאַן און געלאָפן פאָרויס אָנזאָגן דעם פאָטער וועגן מיין קומען. ער איז מיר דאַן געווען נאָענט, ווי אַן אייגענער ברודער.

הלל

אַ הויכער, איבער 7 פוס. ער איז געקומען אין מיין שטאָט, ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־יינגל. אַליין איז הלל געווען פון סווערזשנע, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון ניעסוויזש. דאָרט האָט ער געלעבט ביז 25 יאָר. שפּעטער האָט ער געפילט, אַז זיין שטעטל איז אים ענג און ער האָט געזוכט מער לעבן. אין אונדזער שטעטל זענען געווען פיל סאָלדאַטן און אָפיצירן, ס׳איז געווען לעבעדיק. דאָס מיליטער האָט אים געגעבן אַרבעט, צו שלעפּן און טראָגן. געזונט איז ער געווען ווי אַ לייב, האָט זיך פאַר אים שטענדיק געפונען אַרבעט — פאַר אַ מאָלצייט, אָדער אַ פּאָר אַלטע הויזן. יינגלעך און מיידלעך פלעגן אים אַריינגעמען אין זייער געזעלשאַפט און זיך מיט אים אונטער־האַלטן. מען טוט אים אָן אַן אַלטן צילינדער, אַ פּאָר מאַנ־זשעטן און אַן אַלט העמד — און אַזוי גייט הלל איבער די גאַסן און חברט זיך מיט יידישע סאָלדאַטן.

הלל קומט צווישן יונגע און מען בעט אים דערציילן ווי אַזוי ער האָט זיך באַפרייט פון פריזיוו. ער נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר און לייענט כלומרשט אַרויס פון דאָרט, כאָטש ער קען נישט לייענען און שרייבן. ער דערציילט, ווי דער מאַרשאַלעק פרעגט: „הלל, ווי איז דיין נאָמען? און ער ענטפערט: „הלל מאַרשאָוויטש". און דער מאַרשאַלעק פרעגט: „יעסלי בודיעש באַראַבאַנשטשיקאָם?" און הלל ענטפערט: „אַ טי, סמאַראָוואַז, בודיעש באַראַבאַנשטשיק?" און דער עולם לאַכט האַרציק.

אָדער, ווען מען שדכנט הללן אַ שיין מיידל און מען פרעגט אים, וואָס וועט ער טאָן מיט זיין ווייב, ענטפערט ער, אַז ער וועט איר מאַכן אַ ניי קלייד און זי טראָגן אויף די הענט.

צווישן די קצבים איז לעבעדיק, ווען הלל פאָרט מיט זיי אין שעכט־הויז. ער איז אויף די גאַנצע נאַכט, דערפאַר גיט מען אים גוט עסן.

קומענדיק צום לעצטן מאָל אין מיין היים, האָב איך באַ־געגנט הללן אַן אויסגעהאָרעוועטן, איינגעבויגן, אָן ציין — אָבער דער זעלבער גוטער הלל.

הלל איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע פיינע יידן, טראָגנדיק דעם פּעקל צום לעצטן מאָל. ער איז געוואָרן אַ קדוש מיט אַלע קדושים צוגלייך.

חאַצקעלע

פאַר וואָס חאַצקעלע — ווייס איך אַליין נישט, אַזוי האָט מען אים גערופן. ווער האָט אים אַזאַ נאָמען געגעבן, ווייס איך

אויך נישט. אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז ער האָט אַ מוטער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל, ווו ער גייט שלאָפן יעדער נאַכט.

חאַצקעלע איז דאַן געווען אין די פערציקער, אָדער אפשר אין די פופציקער יאָרן. קיינער האָט נישט געוווּסט זיין עלטער. יעדן טאָג זעט מען חאַצקעלען אין גאַס, ער איז פול מיט געלעכטער און אָפט זינגענדיק, אויף יעדער חתונה גייט ער פאָרויס פון די כלי־זמרים און זינגט דעם זעלבן מאַרש אָדער טאַנץ.

ביי אונדז אין הײז איז חאַצקעלע געווען אַן אָנגעזעענער גאַסט, מיר פלעגן אים אַריינרופן, זעענדיק, אַז ער עסט שטייענדיק אין גאַס. נאָכן עסן איז ער ווידער געווען אין גאַס, מיטן זעלבן שמייכל.

בעת אַ פאַראַד, פלעגט חאַצקעלע גיין ווי אַ סאָלדאַט, מיטן מיליטערישן אָרקעסטער, זינגענדיק דעם מאַרש.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט צווישן די סאָלדאַטן און איז ערגעץ פאַרלוירן געוואָרן. שפּעטער איז ער צוריק געקומען און ווידער געדרייט זיך אין גאַס. מיר פלעגן אים אָפט געבן קאָפּיקעס, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט די קאָפּיקעס.

אַ ווינטער־טאָג האָב איך געהערט, אַז חאַצקעלע איז געשטאָרבן. ווי אומעטיק איז מיר געווען יענעם טאָג.

לאָנדאָן. יעקב אַנדרוסיער

*

פון אונדזערע געשטאַלטן

ר׳ משה ציצית

ווי אין יעדער שטעטל, האָבן אויך אין ניעסוויזש זיך געפונען בעלי־בתים, וועלכע פלעגן זיך פאַרנעמען מיט קהל׳ישע זאַכן, יעדער לויט זיין נייגונג, לויט דער וויכטיקייט פון דער זאַך און גרויס פון דער מצווה. איינער פלעגט זיך אָפּגעבן מיט דער מקווה, דער אַנדערער מיט הכנסת אורחים, דער דריטער מיטן הקדש, תלמוד־תורה, גמילת־חסד אדג״ל.

ר׳ משה פערלמאַן, אַ ניעסוויזשער בכבודיקער בעל־הבית, דער פאָטער פון ר׳ ליפא פערלמאַן און זיידע פון זשורנאַליסט משה (מויש) פערלמאַן, איצט ירושלימער תושבים, האָט גענומען אויף זיך אַן אָריגינעלע אויפגאַבע: צו באַזאָרגן די אָרעמע יינגלעך, תינוקות של בית רבן, מיט ארבע כנפותן, כדי זיי זאָלן זיך צוגעווינען מקיים צו זיין מצוות ציצית. דערפאַר פלעגט מען אים רופן ר׳ משה ציצית.

— אַ קלייניקייט, מצוות ציצית, — פלעגט ער זאָגן — דאָס איז דאָך אַ מצווה מדאורייתא. אַז מ׳בענטשט ציצית, דערמאָנט מען זיך אין אַלע מצוות התורה און מען וועט זיי מקיים זיין, ווי אין פסוק שטייט: „והיה לכם לציצית, וראיתם אותו וזכרתם כל מצוות ה׳ ועשיתם אותם״.

טרעפט ער אַ ייִנגל, שטעלט ער אים אָפּ און גיט אַ פרעג:

— ייִנגעלע, האָסטו ציצית? באַווייז מיר דיינע ארבע כנפות.

האָט דער ייִנגעלע געהאַט געוויזן דעם ארבע כנפות, פלעגט ר׳ משה אים אַ גלעט טאָן איבערן קעפּל און זאָגן:

— זייער פיין, בענטשסטו כאָטש ציצית יעדן טאָג? ס׳איז אַ גרויסע מצווה.

האָט אָבער ס׳ייִנגעלע נישט געהאַט קיין ארבע כנפות, פלעגט ר׳ משה פרעגן זיין נאָמען און ווו ער לערנט. אויף מאָרגן האָט ר׳ משה אים געבראַכט אַן ארבע כנפות און אויפן אָרט געהייסן אים בענטשן ציצית.

— זייער גוט, אָט אַזוי זאָלסטו בענטשן יעדן טאָג אין דער פרי, נאָך מודה אני.

ביי דער פמליא של מעלה איז דאַן פאַרשריבן געוואָרן אויף ר׳ משה ציצית חשבון נאָך אַ מצווה לכף זכות.

דער בריוו־שרייבער

דער לאַזאָוויצער ר׳ לייב וואָרצעל, חוץ מלמד און גערטנער, איז ער אויך געווען אַ שרייבער פון בריוו אין יידיש פאַר די נישט־שרייבערס, מערסטנס ווייבער. זיינע בריוו האָבן, ווייזט אויס, געדאַרפט מאַכן אַן איינדרוק און אויך ווייכער מאַכן די הערצער פון די קרובים אין אַמעריקע, זיי זאָלן שיקן שטיצע.

ר׳ לייב האָט זיך גוט אויסגעלערנט פון שמ״רס „בריי־פענשטעלער״ די דייטשמערישע מליצה־ווערטער און פון די יידישע צייטונגען די פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פרעמדווערטער טערמינאָלאָגיע. ניט פאַרשטייענדיק אַפילו גענוי זייער טייטש, פלעגט ע־ זיי באַנוצן אין די׳ בריוו סתם, אָן קיין שום צוזאַמענהאַנג מיטן ענין, נאָר כדי צו פאַרשענערן מיטן פרעמדן וואָרט דעם טעקסט, אָדער צ׳געבן זיין אייגענעם טייטש.

איך ברענג דאָ זיינע אַ ביטע צו דער יידישער פאָלקס־באַנק וועגן אַ הלואה:

20.8.25

יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק, ניעסוויזש

ביטע!

איך ווענדע זיך צו די גיהערטע „ראַטט אין פאַרוואַלטונג״, געבן אין די פערוויקלכונג מיט אַלע אַלע אייערע אַקטיווע כוחות צו בעשטעטיגען אין צו שאַפען דעם באַדין צו דיזער הלואה פון 100 דאָלאַר וועלכע עס פעלט נאָך מיר צו דער קניה ביז 240 ד. אויף 2 — אָדער 3 חדשים. די גאַראַנטיע פון דער הלואה וועט פערפעסטיגען אייער געפיל לעגעליזירען זיך צו ראַטעווען אין צו בריינגען אין דעם איצטיגען מאָמענט דעם גרויסן בנין פון וועלכין אייער באַנק ברענגט צו יעדער מיטגליד אַ פקוח נפש אין אייך איז אָן אַ שאָד. ביטע צו ברענגען איין גליקליכע בעוועגונג צו מיין מאַנדאַט אין האָפן אויף אַ געזעצליכען רעזולטאַט ווייל איך צייכין זיך אויס מיט מיינע הלואות געגן אַלימען צו בריינגען פאַרין טערמין.

אונטערגעשריבן: ל. וואָרצעל

יאָשע מלכהס דער רופא

די פונקציעס פון קראַנקן־שוועסטער און קראַנקן־ברודער האָבן אויסגעפירט די שערערס און די פעלדשערס וואָס פלעגן שטעלן „טרוקענע״ אָדער „געהאַקטע״ באַנקעס, מאַכן אַ קליסטיר, שטעלן פּיאַווקעס און באַנדאַזשירן וווּנדן. די פעלדשערס פלעגן אויך אויספילן די פונקציעס פון אַ דאָקטער. אַזעלכע האָט מען גערופן „רופא״. די צוויי רופאים־פעלדשערס, וועלכע איך האָב געקענט, זענען געווען מאָשע (משה) דער רופא (געשטאָרבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה), און יאָשע דער רופא (געשטאָרבן נאָך דער מלחמה, אין די 20קער יאָרן). זיין איידעם, אויך אַ פעלדשער, פלעגט מען שוין רופן משה דער פעלדשער (צירולניקאָוו).

ווען איינע־ פלעגט קראַנק ווערן, האָט מען צום ערשטן גערופן דעם רופא. דער רופא פלעגט בודק זיין דעם חולה דורך אויסקלאַפּן דעם ברוסט־קאַסטן, צולייגן זיין אויער צום האַרץ און צו די לונגען, אַנשטאָט אַ סטעטאָסקאָפּ; בודק זיין דעם דופק אָן דער הילף פון אַ זייגער, פלעגט ער פאַרשרייבן אַ לאַנגן רעצעפּט כדת וכדין, ווי אַ דאָקטער און שמעון אורי דער אַפּ־

טייקער פלעגט לויט דעם רעצעפּט מאַכן די רפואה. (לויטן געזעץ, האָבן די יידישע אַפּטייקערס ניט געהאַט קיין רעכט צו מאַכן רפואות, אַפילו לויט רעצעפּטן, פאַרשריבענע דורך דאָקטוירים — נאָר אין דער „רוסישער אַפּטייק", וועמענס פאַרוואַלטער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער „פּראָוויזאָר".) על פּי רוב פלעגן העלפן די רפואות פון דעם רופא־פעלדשער און דער חולה איז געזונט געוואָרן. אין שווערע פאַלן, ווען אַפילו תהילים זאָגן האָט נישט געהאָלפן, האָט מען שוין גערופן דעם דאָקטער. ד"ר סלעפּיאַן איז געווען אַן ערנסטער און אַ פּעדאַנט. ער פלעגט זיך זייער בייזערן, ווען דער חולה האָט נישט אויסגעפירט זיינע אָנווייזונגען. מען האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט.

יאָשע דער רופא האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, וועגן דעם האָט אויך עדות געזאָגט זיין גראָבע, רויטע נאָז. בעת זיין וויזיטירן די קראַנקע, פלעגט מען אים מכבד זיין, חוץ דעם האָנאָראַר, אויך מיט אַ גלעזל בראָנפן, אַזוי, אַז צום סוף טאָג איז ער שוין געווען בגילופנדיק און געשלעפּט זיך אַ היים אַ שיכורער, פלאַפּלענדיק און פּאָנפּענדיק אונטער דער נאָז. יינגלעך, זעענדיק אים אַ שיכורן, פלעגן זיך מיט אים רייצן. ווען זיי האָבן אים אַריינגעבראַכט אין שטאַרקן כעס, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף זיי זיין גראָבן, סוקעוואַטן שטעקן. אַ דורכגייער פלעגט אים אויפהייבן, דערלאַנגען דעם שטעקן דעם רופא, געבנדיק אים גערעכט און טאַדלענדיק די שטיפערס.

איין מאָל, אין דער ערשטער נאַכט פון פּסח, נאָך דעם ווי אַלע יידן זענען שוין געקומען פון שול און אָנגעהויבן פּראַווען דעם סדר, איז יאָשע דער רופא אַריינגעקומען אַהיים, ווי געוויינלעך, אַ שיכורער, נאָך זיין טעגלעכער אַרבעט.

— חיה, דערלאַנג די קניידלעך — האָט יאָשע מיט אַ בורטשענדיקן קול אויסגערופן צו דער ווייב.

— ס'טייטש, יאָשע, היינט איז דאָך עפּעס פּסח אויף דער וועלט. טו אָן די יום־טובדיקע קליידער און נעם זיך אָפּריכטן דעם סדר.

— פריער דערלאַנג די קניידלעך!

אַזוי ווי די ווייב האָט נישט געקענט בשום אופן פּועלן ביי אים, נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן, האָט זי נעבעך געמוזט נאָכגעבן יאָשען און אים דערלאַנגט דאָס פלייש מיט די קניידלעך. יאָשע האָט מיט גרויס אַפּעטיט אָפּגעגעסן.

— נו, איצט זאָג שוין די הגדה, — איז חיה צו אים ווידער צוגעשטאַנען, דערלאַנגענדיק אים די הגדה.

— דו ווילסט, חיה, די הגדה, טאָ זעץ זיך, וועל איך דיר דערציילן: ווען משה רבנו איז געקומען צו פּרעהן און געבעטן ביי אים ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים, איז משה געשטאַנען פאַר אים ווי אַ נעבעכקע, הכנעהדיק און פּרעה איז געשטאַנען צו אים ראַקאָם (אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע). אָבער נאָך דעם אַז פּרעה האָט געקראָגן די מכות, און ער איז געקומען צו משהן און אים געבעטן ער זאָל אויפהערן די מכות, איז פּרעה געשטאַנען פאַר משהן ווי אַ נעבעכקע, הכנעהדיק, און משה איז געשטאַנען צו אים ראַקאָם...

מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט די הגדה און זיך אַוועקגעלייגט אין בעט שלאָפן.

חיה האָט שוין גוט פאַרשטאַנען זיין הגדה...

מלך רמז דער ניהיליסט

מלך רמז איז געווען אַ גבר אַ ייד, נאָר אַז ס'האָט אָנגעהויבן שטאַרק דונערן און בליצן, פלעגט אים גלייך אָנכאַפּן אַזאַ שרעק, אַז ער איז תיכף געלאָפן אַ היים, אַריינגעקראָכן אין בעט און מיט אַ לאַנגער פּערענע זיך צוגעדעקט ביז איבערן קאָפּ. ער פלעגט אַזוי לאַנג ליגן, ביז די דונערן האָבן אויפגעהערט.

מלך האָט געהאַנדלט מיט וואַלוטע און לייען געלט אויף „טעגלעכע". דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער אינפלאַציע אין פּוילן, ווען דער מאַרק איז פון טאָג צו טאָג געפאַלן, דעריבער פלעגט דער פּראָצענט זיין 20—40 גראָשן אַ טאָג פאַר 100 זלאָטעס, וואָס האָט אויסגעמאַכט פון 72% ביז 144% יערלעך.

דעם רוב אָוונטן פלעגט ער פאַרברענגען אין קאָרטן־שפּיל ביי זיך אין שטוב. אין די צייטן פון די רוסן — מיטן נאַדזיראַטעל (פּאָליציי־קאָמענדאַנט) און מיטן נאָטאַריוס, אויך אייניקע יידן, צווישן זיי — אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין די עלטערע יאָרן, דער אַלטער קאַפּלאַן, וועלכער איז שטענדיק געווען שכורלעך.

מלך'ס ווייב האָט געהאַט גרויסע צרות פון קאַפּלאַנען. ער פלעגט אָפּט משתין זיין, אָבער נישט אַרויסגיין אויפן הויף, נאָר זיך אַריינכאַפּן אין קיך און מאַכן אין אַ טעפּל, וועלכן ער האָט געטראָפן אונטערן האַנט.

זיינער אַ באַקאַנטער האָט אַמאָל געמוסרט מלך'ן פאַר זיין שפּילן אין קאָרטן:

— סטייטש, מלך, וואָס וועט זיין מיט דיר דער סוף, ביסט דאָך שוין נישט קיין יונגער מענטש און פאַרנעמסט זיך נאָך אַלץ מיט אַזעלכע נאַרישקייטן? וואָס וועט זיין לאחר מאה שנה, אַז ס'וועט קומען דער יום־הדין? ווי וועסטו דאָרטן אויסזען, וואָס וועסטו דאַן זאָגן?

האָט מלך, ווילנדיק אַרויסזאָגן זיין ניהיליסטישן קוק אויף עולם הבא, אָנגענומען זיין מוסר־זאָגער פאַר די לאַצן און אים אַריינגערוימט אַ סוד:

— אַז איך וועל שטאַרבן און מען וועט מיך טראָגן אויף דער מיטה, וויל איך מער נישט ווי איין זאַך: איך זאָל זיך אויפשטעלן אויף דער מיטה, אין מיינע תכריכים און פאַר די אַלע וואָס גייען צו מיין לוויה, מאַכן אַ דרייגאָרנדיקן רוסישן „מי שברך" — און צוריק זיך אַוועקלייגן אין דער מיטה.

געלעבט האָט מלך מיט חשבון, רעכענענדיק תמיד די ציינזן וואָס קומען אים פון זיינע בעלי־חובות. געשטאָרבן איז ער אָבער אָן וידוי, פּלוצלינג. זיין פאַרלאַנג בעת זיין לוויה, האָט ער נישט אויסגעפירט, מסתמא איז עס נישט אַקצעפּטירט געוואָרן דורך דער פמליא של מעלה...

די בת־יחידה זשעניע

זשעניע טורעצקי האָב איך געקענט פון איר קינדהייט אָן, ווען זי האָט נאָך געהייסן זעלדע. איך פלעג אָפּט אַריינקומען צו זיי אין שטוב, צו איר ברודער זעליג, מיט וועלכן איך האָב זיך געלערנט אין הירשל מאַשעוויצקיס חדר, און שפּעטער — אין גימנאַזיע.

זשעניע איז געווען אַ קליינטשקע, אַ רירעוודיקע, אַ צעפּיעשטשעטע מיידעלע, ווי דער שטייגער אַ בת־יחידה ביי פאַרמעגלעכע עלטערן.

שפּעטער, פלעג איך זי טרעפן אַלס גימנאַזיסטקע אין דער ביבליאָטעק פון „צעירי ציון", וווּ זי פלעגט קומען לייענען ביכער. וויזט אויס, זי האָט זיי נישט געלייענט, נאָר „געשלונגען", ווייל אין אַ טאָג אָדער אין צוויי איז זי שוין געווען פאַרטיק מיטן ספר, האָט אים צוריק געבראַכט און געבעטן אַן אַנדער בוך.

נאָך שפּעטער פלעג איך זי אָפּט טרעפן מיט אירע צוויי חברטעס: שרהל צאַדיק און באַשקע צעכאַנאָוויטש. פון דעם דריילינג זענען אַלע געווען נידעריק, אין איין הייך. קיינמאָל, דוכט זיך, האָבן זיי זיך נישט צעשיידט, צוזאַמען געלערנט אין גימנאַזיע, צוזאַמען זיך אָנגעשלאָסן אין „צעירי ציון", צוזאַמען געלערנט בהתמדה העברעיש, צוזאַמען געווען אַקטיוו אין דער ביבליאָטעק.

אַז ס'איז אָבער געקומען די צייט פון זוכן אַ תכלית, זענען

זיך זייערע וועגן פונאַנדערגעגאַנגען. זשעניע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ" — מיט אַן ערנסטן מיין עולה צו זיין, הגם אירע עלטערן האָבן גאָר נישט געטראַכט, אַז זייער בת־יחידה זאָל זיי פאַרלאָזן און ווערן אין ארץ־ישראל אַ חלוצקע וואָס וועט, נעבעך, האַקן די שטיינער און גראָבן די ערד. זייערע פּלענער זענען געוועזן גאָר אַנדערע: זשעניע וועט חתונה האָבן מיט אַ דאָקטער אָדער אינזשיניער, אָדער מיט אַ יונגן מאַן וועמען מ׳וועט נעמען צו זיך אין געשעפט אַריין.

טאַטע־מאַמע האָבן וועגן ארץ־ישראל נישט געוואָלט הערן, הגם זיי זענען געווען איבערגעגעבענע ציוניסטן און פּלעגן געבן אויף קרן קיימת און קרן היסוד מיט אַ ברייטער האַנט.

זשעניע איז אָבער געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער. און אַז זי האָט באַשלאָסן — וועט איר קיינער נישט איבערשטעלן, בפרט ווען זי האָט געפילט, אַז איר ציל אין לעבן איז אַ ריכטיקער און די וואָס ווילן בלייבן אין גלות, לעבן אין אַ גרויסן טעות. זי האָט גלייך אָנגעהויבן קלערן וועגן עולה צו זיין וואָס שנעלער. איר הכשרה איז באַשטימט געוואָרן אין וואַלד פון איוואַצעוויטש, אין די פּינסקער בלאָטעס. אָבער ווי דערציילט מען דאָס די עלטערן, ווען זי ווייסט, אַז זיי וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין? לאַנג האָט זי זיך געשלאָגן מיט דער דעה, עטלעכע נעכט נישט געקענט איינשלאָפן און אַלץ געקלערט וואָס טאָן. סוף־כל־סוף איז איר איינגעפאַלן אַ פּלאַן: אַרויסגנבענען זיך פון דער היים מיט דער הילף פון עטלעכע חברים וואָס וועלן ביינאַכט איבערנעמען אירע פּעקלעך און צו מאָרגנס, ווען די עלטערן וועלן אין שטוב נישט זיין, וועט זי אַוועקפאָרן און לאָזן אַ בריוול, אַז זי איז אַוועק צו די קרובים אין זשעטל. אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. זי איז אַוועק צופוס הינטערן שטאָט, דאָרט האָבן איר אָפּגעוואַרט די חברים מיט אירע פּעקלעך און ווען ס׳איז אָנגעקומען דער איטאַבוס, איז זי אַוועקגעפאָרן אין גרויסן וואַלד, וווּ ס׳איז געשטאַנען אַן איינציקע הילצערנע שטוב. דאָס איז געווען דער הכשרה־קיבוץ.

פול מיט התלהבות און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, אַז איצט הייבט זי אָן צו דערפילן אַ וויכטיקע שליחות, האָט זי מיט די פּעקלעך אין די הענט געשפּאַנט אין דער ריכטונג פון דעם הויז. די שטוב איז באַשטאַנען פון עטלעכע אָפּגעלאָזענע צימערן. אין איין צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט עטלעכע לאַנגע בענק. אין די אַנדערע צימערן — אויפגעקלאַפּטע פּרין ברעטלעך בעטלעך און עטלעכע פּאָליצעס אויף צו האַלטן די זאַכן. דאָס איז געווען ס׳גאַנצע מעבל. אין קיך, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסער רוסישער אויוון, האָבן געאַרבעט עטלעכע מיידלעך, חלוצות. זיי האָבן צוגעגרייט עסן פאַר די חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַק.

זשעניע האָט זיך ענערגיש איבערגעגעבן דער אַרבעט אין קיך און אין אויפראַמען די צימערן — און האָט זיך גוט איינגעלעבט אין קיבוץ.

אירע עלטערן, דערוויסנדיק זיך אַז זשעניע געפינט זיך נישט ביי די קרובים, האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַוועק אין אַ הכשרה־קיבוץ. נאָר אין וועלכן קיבוץ און ווו דאָס איז — האָבן זיי נישט געוווּסט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט צו מיר אַריין קלמן טורעצקי און הייבט אָן שיטן אויף מיר פּעך און שוועבל, הלמאי כ׳האָב אַוועקגעשיקט זיין טאָכטער אין קיבוץ זיך מאַטערן. ער איז מתרה, אַז אויף מיר וועט פאַלן די גאַנצע אחריות, טאָמער וועט זי חלילה, קראַנק ווערן. און בכלל — פאַרוואָס איך אַליין פאָר נישט קיין ארץ־ישראל, נאָר שיק גאָר אַנדערע צו מוטשען זיך דאָרט.

פון מיר איז קלמן טורעצקי אַוועק צו ניאָמע אייזענבודן — מיט די זעלבע טענות. אַזוי ווי נישט איך און נישט אייזענבוד זענען אין יענער צייט געווען טעטיק אין „החלוץ", האָבן מיר אים אָפּגעשיקט צו די טוערס פון דער אָרגאַניזאַציע. סוף־סוף האָט קלמן טורעצקי זיך דערוווּסט ווו זיין טאָכטער געפינט זיך און געשיקט זיין ווייב צו זשעניען איר איינרעדן זי זאָל זיך אומקערן אַהיים.

די מאַמע איז אַראָפּגעקומען אין קיבוץ אין וואַלד און געפונען איר טאָכטער, די צעפּיעשטשעטע בת־יחידה, שטיין אַ באָרוועסע אין קיך און וואַשן די געפעס. אירע פיס און הענט זענען געווען פול מיט ווונדן פון די ביסן פון קאָמאַרעס. וויפל די מוטער האָט נישט גערעדט, מיט גוטן און מיט בייזן — האָט נישט געהאָלפן. זשעניע האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם קיבוץ. מיט גרויס אַנטוישונג און עגמת נפש האָט די מאַמע זיך צוריקגעקערט אַהיים.

אַ וואָך שפּעטער איז געקומען קלמן טורעצקי בכבודו ובעצמו. ער האָט מיט זשעניען נישט גערעדט קיין סך, נאָר אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן געזאָגט, אַז ער איז מסכים זי זאָל עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער נישט אויף אַזאַ אופן.

— דו האָסט דאָך געענדיקט גימנאַזיע, טאָ פאָר קיין אויסלאַנד, לערן זיך אַגראָנאָמיע און נאָכדעם וועסטו עולה זיין.

בלית ברירה, און מיט אַ נישט קליינעם געפיל פון בושה, האָט זיך זשעניע געמוזט געזעגענען מיט די חברים פון קיבוץ און איז געקומען אַהיים.

ערשט דאָ האָט זי געזען, אַז דער טאַטע קלערט גאָר נישט צו דערפילן זיין צוזאָג. דאָס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן און זי האָט געמאָלדן אַז זי וועט אַזוי לאַנג פירן אַ הונגער־שטרייק, ביז דער טאַטע וועט מקיים זיין דעם צוזאָג. נאָר לאַנג האָט דער הונגער־שטרייק נישט געדויערט. ר׳ קלמן איז ווייכער געוואָרן, זשעניע האָט אַוועקגעשיקט איר אַטעסטאַט אין פראַנקרייך, אין אַגראָנאָמישן פאַקולטעט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי אַוועקגעפאָרן קיין נאַנסי שטודירן.

דאָרטן איז איר דער מזל שנעל אַנטקעגנגעקומען. זשעניע האָט זיך באַקאַנט מיט אַ סטודענט פון ירושלים און מיט אים חתונה געהאַט.

אין נאַנסי איז זיי געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער שלומית. יעדן יאָר האָבן זיי באַזוכט די עלטערן אין ניעסוויזש און נאָכן ענדיקן דאָס לערנען — איז די יונגע משפּחה אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

בנימין יואלי (יעוועלעווסקי)

*

מיין משפחה

מיין מוטער גוטקע איז געווען אַ סימבאָל פון גוטסקייט און בנעימותדיקייט. אין די יוגנט יאָרן האָט זי באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציונג און אויסגעאיבט איר השפּעה דער עיקר אויפן פאָטער, ער זאָל אָפּהיטן די מצוות, גיין אין שול דאַווענען צו דער צייט. מיט אונדז, די קינדער, האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט מלחמה האַלטן, מיר זאָלן גיין אין שול.

זי האָט געהאַט די אייגנשאַפטן פון אַ גבאיטע, פלעגט העלפן אָרעמע און קראַנקע. זי האָט געוווּסט ווער אין וואָס נייטיקט זיך און באַמיט זיך צו העלפן מיט וואָס זי האָט געקענט. זי האָט באַזונדערס געהאַלטן פון דער מצווה פון הכנסת אורחים און איז געווען גליקלעך, אַז זי האָט געקענט אויפנעמען אַן אורח אין שטוב.

יעדן אינדערפרי פלעגט זי זיך נוהג זיין שטעלן דעם



די פאַמיליע טשאַרני.
זיצן פון רעכטס: שלמה, גוטקע, איטשע.
שטייען: נח און האַנדזשע.

משפחת טשארני.
יושבים מימין: שלמה, גוטקה, איצ'ה.
עומדים: נח והנדז'ה.

סאַמאָוואַר און איינלאַדן די שכנים צו קומען מיט טשייניקעס זיי זאָלן נעמען טיי. דאָס איז שוין געווען אין געסל אַ חזקה. זומער־צייט פלעגט דאָס חסידישע שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן אונדזער שטוב, תמיד זיין פול מיט אָרעמעלייט (מדינה־גייער, ווי מ'ען פלעגט זיי רופן). זי פלעגט צו זיי אַריינגיין אין שטיבל און פרעגן ווער אין וואָס עס נויטיקט זיך, איינלאַדן אויף אַ גלאָז טיי מיט צובייסן. די אָרעמעלייט פלעגן זיך מחייה זיין מיט איר כיבוד.

זי האָט ליב געהאַט ארץ־ישראל און זיך באַמיט, אַז מיר, די קינדער, זאָלן באַקומען אַ ציוניסטישע דערציונג. ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל, איז זי געווען אין ארץ־ישראל 3 יאָר, געוווינט אין רחובות, ווו ס'האָט זיך דאַן געפונען אַ קליינע צאָל קאָלאָניסטן. צווישן זיי — איר ברודער. תל־אביב, — פלעגט זי דערציילן, איז נאָך דאַן אויף דער וועלט נישט געווען. איר פאָרן קיין ארץ־ישראל איז דאַמאָלט געווען פאַרבונדן מיט דעם וואָס איר מוטער — מיין באָבע — האָבנדיק אַ זון אין רחובות, האָט געוואָלט זיין מיט אים און שטאַרבן אין דעם הייליקן לאַנד. צוליב פאַרשיידענע סיבות, האָט מיין מוטער זיך געמוזט אומקערן צוריק אין גלות, אָבער איר ליבע צו ארץ־ישראל האָט זי אַרויסגעוויזן אויף שריט און טריט.

מיינע ברידער נח און שלמה'קע און מ'יין שוועסטער האַנדזשע, זענען געווען אַקטיווע חברים אין „השומר הצעיר". די שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט ארץ־ישראל טעמאַטיק. זיי האָבן געשטרעבט, ווי אַלע חלוצים, אַרויסגיין אויף הכשרה און עולה זיין קיין ארץ־ישראל. מיין שוועסטער האַנדזשע איז אַפילו אַ שטיקל צייט געווען אויף הכשרה אין סלאָנים, אין אַ שומרישן קיבוץ. די שטוב איז אויך געווען פול מיט חברים פון „השומר־הצעיר", מ'פלעגט דיסקוסירן אויף פאַרשיידענע טעמעס, איבערהויפט וועגן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל. ווען עס פלעגט קומען אויף אַ באַזוך אַ חבר פון דער הנהגה הראשית פון „השומר־הצעיר" פון וואַרשע, איז זיין אכסניה געווען ביי אונדז אין שטוב און די מוטער האָט זיך באַמיט, אַז אויך דעם גאַסט זאָל זיין באַקוועם. אַזוי פלעגן אויך חברים פון אַנדערע שטעט פון „השומר־הצעיר" נעכטיקן ביי אונדז, ווען זיי פלעגן קומען אויף באַזוכן אין קן. שלמה'קע איז באַזונדעס געווען זייער אַקטיוו אין דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג. אַ באַוווסטזיניקער בחור, געווען בקי אין די כתבים פון די טעאָרעטיקער פון ציוניזם און מאַרקסיזם. ער פלעגט האַלטן רעפעראַטן אין דעם ניעסוויזשער קן און אויך אַרויספאָרן אויף באַזוכן אין אַנדערע שטעט, ווו דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „השומר־הצעיר" האָט אים געשיקט. פאַר דער מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי, געווען אויף אורלויב אַ שטיקל צייט. מיטן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה אין סעפטעמבער 1939, איז ער מיט זיין פאָלק אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט און וואַרשיינלעך אומגעקומען אין איינע פון די קאַמפן. די מוטער און דער ברודער נח מיט דער שוועסטער האַנדזשע האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע ניעסוויזשער יידן.

כבוד זייער אַנדענק!

איטשע טשאַרני

*

אבא דער חסיד און אַנדערע ניעסוויזשער יידן

אין סאַמע האַרץ פון מיכאַלישאָק איז געשטאַנען אַ געמויערטע געביידע מיט אַ הויכן גאַניק. דאָרט האָבן געוווינט אבא דער חסיד מיט זיין פרוי דבורה און צוויי טעכטער. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון אַ סאָדע־וואַסער פאַבריק, ביר־פאַרקויף, (זומער־צייט — אויך פון אייז־קרעם), ווי אויך אַ „שמעק טאַבאַק" דירה־געלט פון זיין הינטער־שטיבל, ווו עס האָט געוווינט אַלתר דער שוסטער (אלתר „וואָנס") מיט זיין פרוי און זעקס קינדער. (וועגן אַלתרן — זע ווייטער).

אייגנטלעך, האָט אַבאַ זעלבסט נישט אָפּגעגעבן זיך אין געשעפט קיין סך צייט, ווייל זיין טאָכטער מירל איז געווען די גאַנצע געשעפט־פירערין, דעריבער האָט ער זיך באַשעפטיקט

מיט גבאות אין דעם הסידישן שטיבל, וואָס איז געווען נאָענט פון זיין הויז. ער פלעגט טאַקע גיין עטלעכע מאָל אין טאָג אין שטיבל, געלערנט אַ ביסל פאַר זיך, אָדער מיט עמעצן פון זיין גלייכן. אַ רעדנער איז ער געווען גאָר אַ קנאַפּער, שטענדיק אַריינגעטאָן אין זיך.

די קאַפּאָטע זיינע האָט ער קיין מאָל נישט אַריינגעטאָן אין די אַרבל, נאָר געטראָגן אויף די אַקסלען. ע״שט קומענדיק נאָענט צו דער שול, האָט ער די קאַפּאָטע אָנגעטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

געדאַוונט האָט ער שטענדיק מיט גרויס התמדה, זיך געשאָקלט, געטשפּעט מיט די פּיס. אייניקע פּסוקים פון דאַוונען אָדער פון די תפילות, האָט ער אויסגעשריען הויך אויפן קול. זיין „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד״, פלעגט ער אויסשרייען אַזוי הויך, אַז מיר האָבן געהערט ביי אונדז אין שטוב.

בין מנחה למעריב פלעגט ער לערנען פאַר דעם עולם. ווי דער שטייגער, האָבן די יידן די צוהערער שטענדיק זיך געפּילפּולט אין לערנען — און ער האָט זיך געוואונדערט. געפירט מיט אים דעם פּילפּול האָט יעקב ריפּ, אַ גרויסער למדן, געהאַט סמיכות אויף רבנות. האָט ער מסכים געווען מיט זיין געדאַנק און ווייטער געלערנט. אויב ס׳איז געווען משה חיים דער אַדזער, אויך אַ ייד אַ למדן, האָט ער אַזוי גיך נישט נאָכגעגעבן און געוואָלט בלייבן ביים זייניקן. נאָר טאָמער האָט אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן.

פון דער נאַטור איז אבא דער חסיד געווען זייער אַ גוטער, ליב געהאַט יענעם צו טאָן אַ טובה. אין שטיבל זענען אַלע מאָל געווען אַ פּאָר „מדינה־גייערס״, וועלכע פלעגן נעכטיקן אין שול. האָט ער איינעם פון זיי תמיד גענומען צו זיך אויף שבת.

ווען אבא דער חסיד האָט מיט זיין חסידישער התלהבות, עמאָציע און שפּרינגען קדוש, קדוש, קדוש מחדש געווען די לבנה, האָט זיך געדוכט, אַז די קיילעכיקע ריינע לבנה נעמט אויף זיין געבעט...

אין שטעטל ניעסוויזש איז געווען אַ קינאָ. זיינע אייגנטימער — שמעון־ארע גאָלדבערג מיט זיין איידעם סענדער זוסמאַן. אַ געוויסן אָוונט באַווייזט זיך אבא דער חסיד אין קינאָ. ער דאַרף רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין מיט שמעון־ארע גאָלדבערג: אַזוי ווי שמעון־ארע קען זיך מיטן אינזשינער קרופּסקי, זאָל ער זיך ביי אים דערוויסן ווי אַזוי האָט געהייסן די מוטער פון סקראַצקין, דעם לייטער פון „אוזשאָנד סקאַרבאָווי״ (שטייער־אַמט). דער אינזשינער קרופּסקי איז אַ יוגנט־חבר פון סקראַצקין. שמעון־ארע האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ טאָן, כדי זיך דערוויסן דעם נאָמען, הגם אבא דער חסיד האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערציילן צוליב וואָס דאָס איז אים נייטיק.

נאָכן שמועס האָט אים שמעון־ארע איינגעלאַדן, ער זאָל אַריין אין פינצטערן זאַל און זען דעם פילם. צוזאַמען מיט שמעון־ארען האָט אבא דער חסיד זיך געזעצט אויף דער באַנק און נישט געקענט זיך אָפּוווּנדערן, ווי מענטשן גייען, פערד לויפן, אַ באַן פאָרט — און אַלץ אויפן וואַנט. זאָגט ע־ צו שמעון־ארען: „ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אַלץ ס׳זאָל גיין אויף דער וואַנט? ממש נסים!״

אַזוי זיצן זיי ביידע, קוקן און האָבן הנאה: די בילדער פון פילם טוישן זיך יעדן מאָמענט. פלוצלונג באַווייזט זיך אויף דעם עקראַן אַ באַלעט, עטלעכע טויץ האַלב־נאַקעטע פרויען. מער האָט מען נישט געדאַרפט! אבא דער חסיד האָט גלייך צוגעמאַכט די אויגן, וואַרפנדיק מיט די הענט אויף צו פאַרטרייבן דעם שׂטן: „ברר... ברר... טמאה״.. — און איז אַרויסגעלאָפן ווי אונטערגעשאָסן. ר׳האָט נאָך אַ פרעג געטאָן ביי שמעון־ארען: „פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ טמאה צו אייך?״

געוויס ווילט איר וויסן, אויף וואָס האָט אבא דער חסיד געדאַרפט דעם נאָמען פון סקראַצקיס מוטער?

ווער האָט אין ניעסוויזש נישט מורא געהאַט פאַר סקראַצקין פון „אוזשאָנד סקאַרבאָווי״? אַפילו אַ קינד אין וויג האָט זיך געשראָקן, הערנדיק זיין נאָמען. סקראַצקי איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט. אויסנוצנדיק זיין הויכן אַמט אַלס לייטער פון שטייער־אַמט, האָט ער זייער שווער געדריקט, ממש הנאה געהאַט אַרויפצולייגן וואָס גרעסערע שטייערן אויף אַ יידישן סוחר, קליינהענדלער, האַנטווערקער, אין אַ צייט ווען די אָרעמקייט ביי יידן איז געווען גרויס.

אין אַ מאַרק־טאָג, ווען עס פלעגן זיך אָנפאָרן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און ברענגען זייערע פּראָדוקטן צום פאַרקויפן, בכדי דערנאָך אַרומגיין איבער די יידישע קראָמען און קויפן פאַר זייער באַדערפעניש — פלעגט ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן סקראַצקי ביי די יידישע קראָמען און זען ווי די פּויערים טראָגן אַרויס אַ פעקעלע זאַלץ, אַ פלאַש עסיק, אַ שטיקל זייף צו וועש, אַ פּאָר אַרשין שטאָף אאַז״וו — האָט ער זיך ציניש צעלאַכט: „איך וועל זיך מיט אייך, יידעלעך, אָפּרעכענען אין דער שאַצונג־קאָמיסיע״.

געוווינט האָט סקראַצקי ביי פּיניע בערענשטיין אין מויער, אויף דעם ערשטן שטאָק, מיט אַ באַלקאָן צום גאַס. שבת פאַרנאַכט, אָדער יום־טוב, האָט ער זיך געשטעלט אויפן באַלקאָן באַטראַכטן די שפּאַצירנדיקע יידן אין די שבתדיקע קליידער. ווען מען האָט געשאַצט די שטייערן, פלעגט ער אָנרופן די יידן ביי די נעמען, זאָגן אַז זיי גייען שיין אָנגעטאָן — במילא פאַרמאָגן זיי אויך צו צאָלן שטייערן. ער איז געווען ביי אַלעמען פאַרהאַסט. יעדער מחלוקת און ויכוח אין שטאָט האָט מען פאַרענדיקט מיט אַ קללה „נאָך סקראַצקיס קאָפּ״.

צוזעענדיק די רשעות פון סקראַצקין, האָט אבא דער חסיד גענומען אויף זיך די אויפגאַבע עפּעס צו טאָן. מען דאַרף פאָרן צום רבין און מיט דעם אויבערשטנס הילף וועלן יידן פּטור ווערן פון רשע סקראַצקי. אָבער צום רבין דאַרף מען ברענגען אַ העמד, אָדער אַ נאָז־טיכל וואָס דער רשע נוצט, ווי אויך דעם נאָמען פון דער מוטער.

דער וויזיט ביי שמעון־ארע גאָלדבערג צו דערוויסן זיך ביים אינזשינער קרופּסקי דעם נאָמען פון סקראַצקיס מוטער — האָט קיין רעזולטאַט נישט געגעבן. קרופּסקי האָט נישט געדענקט, נאָר געזאָגט שמעון־ארענען, אַז דעם נאָמען פון סקראַצקיס מוטער ווייסט ד״ר לאַפּאַטע (געוווינט אַ לאַנגע צייט אין ניעסוויזש, אַ קרוב פון סקראַצקין).

ד״ר לאַפּאַטע האָט געוווינט אין דער שטאָט בריסק, וווּ אבא דער חסיד האָט געהאַט אַ געהייראַטע טאָכטער. נישט לאַנג טראַכטנדיק, איז ער געפאָרן צו זיין טאָכטער און אַלס כלומרשטער קראַנקער איז ער אַוועק צום דאָקטער לאַפּאַטע, וועלכער האָט, ווייזט אויס, געהאַט סענטימענטן פאַר ניעסוויזש, אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן אויף זיינע באַקאַנטע. בינו לבינו האָט אבא דער חסיד זיך דערוווּסט דעם נאָמען פון סקראַצקיס מוטער. (אגב, האָט ד״ר לאַפּאַטע קיין אָפּצאָל פאַרן וויזיט נישט גענומען).

האָבנדיק פאַרשריבן אויף אַ צעטעלע דעם נאָמען, איז אבא גלייך געקומען אַ היים און אַוועק צו פּיניע בערנשטיין, ער מוז אים קריגן סקראַצקיס אַ העמד אָדער אַ נאָזטיכל. ער דאַרף מיט דעם ברענגען אַ ישועה פאַר די ניעסוויזשער יידן. פּיניע האָט זיך געקווענקלט, ווי אַזוי קאָן ער דאָס באַקומען, ער האָט מיטן צורר היהודים קיין שום געשעפטן נישט. אבא דער חסיד האָט גענומען מיט זיין חסידישער התלהבות מיט אים איינטענהן, ביז ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז פּיניע בערנשטיין זאָל זיך דורכרעדן מיט דער שיקסע, וועלכע אַרבעט ביי סקראַצקין אַלס

דינסט־מיידל, זי זאָל ברענגען זיינע אַ נאָזטיכל — און פאַר דער טרחה וועט מען איר גוט באַצאָלן.

אַ געוויסן טאָג איז אבא דער חסיד געפאָרן צום סלאָנימער רבין, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ צעטעלע, ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען פון סקראַצקיס מוטער און אויך זיינס אַ נאָזטיכל.

(מען דאַרף באַמערקן, אַז פון דעם האָבן געוווסט אַ פּאָר געציילטע חסידים אין שטיבל. עפּעס האָט מען גערעדט אין געסל, אַז אבא דער חסיד פאָרט צום רבין בעטן, אַז מען זאָל אויסגעלייזט ווערן פון אַנטיסעמיט סקראַצקי. קיינער האָט אָבער ניט געוווסט קיין פּרטים).

ווען אבא דער חסיד איז צוריק געקומען פון סלאָנימער רבי און מען האָט אים געפרעגט: „רב אבא, וואָס הערט מען?" איז זיין ענטפער געווען: „מאַך אַ שווייג, השם יתברך וועט העלפן".

אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן. קיין אַנדערע ברירה האָבן יידן נישט געהאַט: מען האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון די שווערע שטייערן, אונטער סקראַצקיס הערשאַפט.

אַ געוויסן זומער, אַ שבת נאָך מיטאָג, איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן די ידיעה איבערן שטעטל, אַז דער רשע סקראַצקי איז פּלוצלונג פּאַראַליזירט געוואָרן. מענטשן האָבן זיך געשושקעט, הלוואי זאָל דאָס זיין אמת! אַ פרייד האָט אַלעמען באַהערשט, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַזאַ צורר יהודים, וועלכער האָט אויף אַלע יידן אָנגעוואָרפן אַ שרעק. די העכסטע פרייד האָט באַהערשט אבא דעם חסיד, ווען ער האָט יענעם שבת פאַרנאַכט געפּראַוועט שלוש סעודות. זיינע זמירות אויף הויכע טענער און דאָס טופּען מיט די פיס — זענען דערגאַנגען העט ווייט. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך, גלאָצנדיק מיט די אויגן צום הימל. אין דער מעלאָדיע פון די חסידישע געזאַנגען האָט ער אַריינגעפלאָכטן די ווערטער: „אצבע אלוהים היא, אצבע אלוהים היא, אצבע אלוהים היא". דער שלוש סעודות איז געפּראַוועט געוואָרן ביז שפּעט, שפּעטער ווי אַלע מאָל. דער עולם האָט זיך משמח געווען.

נאָך מעריב, יענעם שבת פאַרנאַכט, האָט אבא דער חסיד דערציילט פאַר די חסידים אין שטיבל, אַז דער רבונו של עולם האָט זיך צוגעהערט צום געבעט פון די ניעסוויזשער יידן און סקראַצקי האָט באַקומען זיין פאַרדינטע מפּלה.

זאָל די דערציילונג זיין אַ מצבה נאָך אבא דעם חסיד פון זיינעם אַ פאַרערער אין די קינדערישע יאָרן.

דער סאָציאַליסט און פריידענקער אלתר

אין יאָר 1905, ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד זענען פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס קעגן צאַר ניקאָלאַי, איז פון דעם אויך ניעסוויזש פאַרכאַפּט געוואָרן. פון די באַטייליקטע אין די מאַניפעסטאַציעס, האָבן פיל בחורים און מיידלעך געמוזט עוקר זיין פונעם שטעטל — ווער קיין לאָנדאָן, קיין פּאַריז, אין אַמעריקע, אויסטראַליע און אַפריקע.

צווישן די אַנטלאָפענע איז געווען אלתר „וואָנס", וועלכער איז אַוועק קיין אַפריקע. נאָכן אָפּמאַטערן זיך דאָרט עטלעכע יאָר, איז ער פאַרן ערשטן וועלט־קריג צוריק געקומען קיין ניעסוויזש, צו זיין ווייב און קינדער.

ער איז דאָך געווען אַ סאָציאַליסט און דעם ערשטן מאַי האָט זיך אים געוואָלט פּראָטעסטירן קעגן צאַר — פלעגט ער פאַרשפּאַרן און פאַרהענגען טיר און פענצטער; דעם טיש אַוועק געשטעלט אין מיטן צימער; אויף אַ ווילקע אָנגעבונדן אַ רויטע טוך; אַ האַלבע פאַמיליע זיינע, ד. ה. די פרוי מיט צוויי טעכטער און פיר זין האָט ער אויסגעשטעלט ביים וואַנט. דאָס איז געווען ס'פאָלק. ער, אלתר וואָנס מיט דער פאָן אין האַנט, און זיינע עלטערע צוויי טעכטער און זין, זענען געווען די מאַניפעסטאַנטן. זיי פלעגן זיך דרייען אַרום דעם טיש און שרייען: „דאָלאָי צאַר ניקאָלאַי!"; „דאָלאָי צאַר ניקאָלאַי!"; „זשעלאַיעם סוואָבאָדו!" דאָס פּובליקום וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, האָט אַפּלאָדירט. דערנאָך האָט אַלתרס ווייב געגרייט אַ יום־טובדיקן וואַרעמס און אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי; לעבן זאָל די קומענדיקע רעוואָלוציע!"

אויסער אַ סאָציאַליסט, איז דאָך אָבער אלתר אויך געווען אַ פרייַדענקער. איז ער שבת און יום־טוב געשטאַנען אויפן ראָג, נעבן קריינע סאָלטאַנאָווערס מויער און דערציילט מעשיות וועגן אַפּיקורסות. איז אַ ייד מיטן טלית אונטערן אָרעם געגאַנגען אין שול דאַווענען, פלעגט ער זאָגן: „די בהמה גייט אויף פּאַשע". און ווען די יידן פלעגן נאָכן דאַווענען אַרויסגיין פון שול אין גרופּן, פלעגט ער זאָגן: „די בהמות גייען פון דער פּאַשע".

עפּעס אַ שפּילעכל: אַ פריידענקער — האָט ער זיך דערלויבט צו רעדן אַזוינע דיבורים...

בענטשע דער איינבינדער און זיין פרוי שרה

ווען אַ ייד, אַ דורכפאָרער אין אונדזער שטעטל ניעסוויזש, האָט אָפּגעשטעלט אַ קליין קינד און געפרעגט: „ווו ווינט בענטשע דער איינבינדער", וואָלט דאָס קינד נישט טראַכטנדיק קיין סך, אַ הויב געטאָן די פיסלעך און צוגעפירט דעם יידן גלייך צו זיין הויז. עס איז קיין וווּנדער נישט: אָנהויבנדיק פון גיטל קאָרצעוויטשערס הויז אין עק מיכאַלישאָק, ביז באַסקירס הויז אויף שווערזנער טראַקט און פון עליע מוניעס שטוב אויף ביי־שטאָט ביז צעכאַנאָוויטשעס הויז אויף קאַזשימער (נעבן בוינע), אַריינרעכנדיק דעם מאַרק, דעם שול־הויף, די טויטע געסעלעך — האָבן אַלע ווי איינער, יונג און אַלט, אַפילו קינדער געקענט בענטשע דעם איינבינדער.

וואָס פאַראַ זכות האָט ער געהאַט, אַז אַלע זאָלן אים קענען? טאָ זייט וויסן, אַז פון ערשטן טאָג פון אונדזער געבורט ביזן לעצטן מאָמענט, האָבן מיר, ניעסוויזשער, געמוזט אָנקומען צו בענטשע דעם איינבינדער. צום ביישפּיל: אַ פרוי איז געלעגן געוואָרן — ביי וועמען קויפט מען שיר המעלות, כדי אויפצוהענגען ביי דער געווינערין אויף דער וואַנט, אַז דער שטן אָדער שדים זאָלן קיין שליטה נישט האָבן איבער דעם ניי־געבוירן עופעלע? אַז אַ קינד הייבט אָן גיין אין חדר — מוז מען אָנקומען צו בענטשע דעם איינבינדער נאָך אַן אַרבע כנפות, נאָך אַן אלף־בית. אַז ער הייבט שוין אָן דאַווענען — ווו קויפט מען אַ סידור, אַ בענטשערל? ווערט ער בר־מצוה — מוז ער האָבן אַ פּאָר תפילין. און ווער שמועסט אַז מען ווערט ראוי לחופה — איז דעם טלית אַוודאי כדאי צו קויפן ביי בענטשע דעם איינבינדער.

האָט אַ ייד געדאַרפט אַ קליינעם לוח, אַ וואַנט־קאַלענדאַר, אַ תהילים, אַ גמרא, משניות, מזוזות, רציעות און בכלל אַלץ אויף צו זיין אַ גוטער, פרומער ייד — איז עס געווען צו באַקומען ביי בענטשע דעם איינבינדער. זיין פאַך איז געווען איינבינדעריי. זיין וואַרשטאַט איז שטענדיק פול געווען מיט סידורים, חומשים און גמראס צום איינבינדן.

אין אַלטן בית־המדרש פלעגט ער שבתים און יום־טובים דאַווענען פאַרן עמוד. ימים־נוראים איז ער אויך געווען דער בעל תוקע. מיר פלעגן אין געסל פילן די אָנקומענדיקע ימים־נוראים אָנהייב אלול, ווייל בענטשע דער איינבינדער האָט אַלע פרי געבלאָזן שופר, כדי דער שטן זאָל חס וחלילה נישט האָבן קיין השפּעה אין די ימים־נוראים ביים דינען דעם עבודת הבורא. אין דער אמתן איז זיין שופר־בלאָזן געווען ריין און גוט.

נאָך אַ פליכט האָט בענטשע דער איינבינדער געהאַט: פרייטיק בייטאָג, אומגעפער אַ שעה פאַר ליכט בענטשן, איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק און שול־הויף מיט אַ שטעקן אין האַנט און געקלאַפּט איבער גאַנקעס, טירן און לאָדן, זאָגנדיק: „צייט צו

ליכט בענטשן״. ווען ער איז צוריק געקומען אַ היים, פלעגט זיין ווייב שרה, מיט וועלכער ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט, גלייך בענטשן ליכט.

איז טאַקע זיין ווייב שרה געווען די אַנזאָגערין פון ליכט־בענטשן אין אונדזער געסל, ווייל אַלע ווייבער פון געסל, אויך מיין מאַמע, האָבן פרייטיק פאַרנאַכט אָדער ערב־יום־טוב געקוקט אין פענצטער צו שרה בענטשט שוין אירע ליכט.

אַזוי האָט בענטשע דער איינבינדער מיט זיין ווייב שרה, הגם זי איז געווען אַן עקרה, געלעבט גליקלעך און צופרידן. זיי זענען געווען די איינציקע אין געסל, וואָס האָבן געהאַט אַ גראַמאָפאָן מיט יידישע און חזנישע פלאַטן. אין אַ זומערדיקן שבת־צונאַכטס, ביי אָפענע פענצטער, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן אויפן טיש און די נגינה האָט אָפגעקלונגען איבערן גאַנצן געסל. שכנים האָבן זיך צוגעהערט, ווער ביים אָפענעם פענצטער ביי זיך אין שטוב, אָדער זיך דערנענטערט צו בענטשעס פענצטער.

אויפן טיש איז געשטאַנען דער הייסער סאַמאָוואַר און שרה האָט דערלאַנגט טיי איר מאַן, ווי אויך אַן אורח, אָדער צוויי, וועלכע זענען געווען גאַנץ אָפטע געסט ביי זיי אין הויז.

ביי בענטשע דעם איינבינדער איז געווען אַן אַלקער, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טישל און 2 שטו׳ן. ער מיט זיין ווייב האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה הכנסת אורחים. איז טאַקע ביי זיי אין הויז אָפט געווען אַן אורח אין אַלקער. פאַרשטייט זיך, אַז דער אורח איז שטענדיק געווען פון זיין קלאַס: אַ מגיד, אַ ייד מיט אַ בריוו פון אַ רב וואָס פאָרט אַרום זאַמלען געלט פאַר הכ־נסת כלה, פאַר אַ ישיבה, אָדער סתם אַ מדינה־גייער.

ויהי היום און בענטשע דעם איינבינדערס ווייב, שרה, איז אַוועק אין אַלע אייביקייטן, נאָך אַ שווערער קראַנקייט. אויסער דעם וואָס בענטשע האָט פאַרלוירן זיין לעבנס־באַגלייטערין — האָט ער אויך פאַרלוירן זיין געשעפטס־פירערין. פון זיין גאַנצן כלי־קודש געשעפט איז זי געווען די פירערין.

פון דער גאַס־טיר, זענט איר גלייך אַריינגעקומען אין וואַר־שטאַט און געטראָפן בענטשען ביי זיין איינבינדעריי — מיט קלעפיקע הענט פון קליי, ביים בינדן א בוך און זינגען דערביי אַ חזניש שטיקעלע. אויב איר האָט געוואָלט עפּעס קויפן פון זיין כלי־קודש־סחורה, אָדער וויסן אַ פרייז פון איינבינדן אַ בוך — האָט ער אייך געענטפערט, אַז „דאָס דאַרף מען רעדן מיט שרהן״. גלייך פלעגט ער איר אַ רוף טאָן: „שרה, מען דאַרף דיך האָבן!״

זיין אשה שרה איז תיכף געקומען, גענוי אייך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, ווייל זי איז געווען אַ קורצזיכטיקע און שעפּטשענ־דיק: „דו ביסט, דוכט מיר, דער און דער — איז וואָס־זשע וויל־סטו״? און אָנגעהויבן אויסרעכענען די סחורה וואָס זי פאַרמאָגט: אַ סידור, אַ מחזור, ארבע כנפות, מזוזות, ציצות אאַז״וו. גראָד האָט דער מענטש געדאַרפט עפּעס איינבינדן און געפרעגט אַ פרייז. שרה, אַ געניטע אין פאַך, האָט באַטראַכט דעם ספר פון אַלע זייטן און געזאָגט דעם פרייז. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך אַ ביסל אַ דונג געטאָן. עפּעס האָט זי אַראָפּגעלאָזן, געזאָגט צו בענטשען:

— נעם בענטשע און בינד איין דעם ספר. דו וועסט פאַר־דינען מער אַ צווייט מאָל, ווען ער וועט עפּעס קויפן.

האָט זיך שוין געמאַכט אַ קונה צו קויפן אַ מחזור, אַ טלית אַ סידור, אַ תהילמל — דאַן איז שרה געווען אין די פעדערן. אַזוי גיך האָט זי פון פרייז נישט אַראָפּגעלאָזן, געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה, לויבנדיק איר סחורה.

— פאָרט קיין באַראַנאָוויטש, אָדער קיין ווילנע. און אין וואַר־שע וועט איר צאָלן כפל כפליים.

נאָר ווי זאָגט מען: אַ ייד איז נישט קיין גזלן, אַ יידענע — אַוודאי און אַוודאי נישט... אַ זלאָטע אַראָפּ, אַ זלאָטע אַרויף. דער מסחר איז געוואָרן און דער קונה מיט שרהן זענען געבליבן צו־פרידן.

ווי געזאָגט, האָט דער גורל באַשטראָפט בענטשען. ער האָט פאַרלוירן זיין לעבנס־באַגלייטערין און זיין פאַרוואַלטערין פון וואַרשטאַט און כלי־קודש קראָם. ס׳איז געווען אַ צער צו קוקן אויף אים. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אַ ציל, אָפּהענטיק. האָבן יידן אין אַלטן בית־המדרש גענומען מיט אים טענהן, אַז אַ פרומער ייד, ווי ער, טאָר אַליין נישט זיין. ס׳קאָנען נאָך אַ מאָל קומען בייזע מחשבות, בפרט נאָך, אַז ער איז אַ שליח צבור, דאַוונט ביים עמוד, אַ בעל־תוקע און גבאי אין אַלטן בית־המדרש, ווו דער רב ירום הודו דאַוונט. לכן דאַרף ער און מוז האָבן אַן אשה כדת משה וישראל און השם יתברך וועט העלפן מיט אַ קדיש אויך אחרי מאה ועשרים שנה.

האָט זיך בענטשע צוגעהערט וואָס קהל האָט אים געראָטן און אָפּגעזוכט אַ באַגלייטערין, מיט מזל געשטעלט אַ חופה כדת משה וישראל. דער אויבערשטער האָט דערהערט זיין געבעט און זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ בן זקונים. די שמחה איז ביי בענטשע דעם איינבינדער געווען גרויס. דעם ברית האָט ער געמאַכט פאַר אַלעמען, ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט קומען זיך פרייען מיט אים. אַ נאָמען האָט מען דעם יינגעלע געגעבן יואל.

מ׳האָט געדאַרפט זיך צוקוקן ווי בענטשע דער איינבינדער, אַ ייד פון אַ יאָר 65, מיט זיין הויך־דיקער פיגור און מיט דער ברייטער לאַנגער, צעקעמטער באָרד, פלעגט זיך שפילן מיט זיין בן זקונים אויף די הענט און דאָס יינגעלע האָט געצופּט מיט זיינע דינע פינגערלעך די באָרד.

און השם יתברך האָט אים ווידער געהאָלפן און באַשאָנקען בענטשען מיט נאָך אַ זון, אַ פאָר יאָר נאָכן געבורט פון בכור.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז געקומען דער דייטשער נאַציזם, בראש מיט היטלערן, ימח שמם וזכרם און האָט אויסגעהרגעט, פאַרטיליקט, פאַרברענט אַלע ניעסוויזשער יידן.

יצחק שחור (איטשע טשאַרני)

*

יאַנקל דער שמיד

מען פלעגט אים רופן דער למד־וניק. ער האָט געהערט צו די אויסערגעוויינלעכע ריינע טיפּן, וואָס זענען באַשאָנקען מיט גוטע מידות און גרויסע מעלות, איבערגעגעבן צו מענטשן, מיט ליבע צו קינדער, גרייט יעדן צו העלפן אין יעדער צייט.

זיין גאַנצן לעבן געווען באַשעפטיקט ביי שווערער פיזישער אַרבעט און דאָך שטענדיק געפינען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ביי יאַנקלען אין קוזשניע האָט מען טאָג־טעגלעך געקענט טרעפן אָרעמע מיכאַלישקער קינדער, וואָס פלעגן קומען אַהין מיט פאַרשידענע בקשות — און ער פלעגט זיי דערפילן. ווינטער־צייט האָט ער זיי אָנגעקלאָפט דראָט אויף די גליט־שערס, זומער־צייט האָט ער זיי געמאַכט רייפן צום קאָלערן. ער פלעגט זיי אויך אָפּבאַקן טאַראַנעס אויפן פייער. הגם אַנטקעגן אים איז געווען אַ צווייטע קוזשניע, זענען די קינדער געגאַנגען נאָר צו יאַנקלען. און ער, יאַנקעל, פלעגט לאָזן שטיין די פויערים וואַרטן און אין דער ערשטער ריי דערפילט די בקשות פון די קינדער.

זיין אָנטאָן איז געווען פשוט. די שבתדיקע מלבושים — אַ שוואַרצע בלוזע, געשפּילעט אין דער זייט און אַ גראַנאַטן רעקל. ער האָט נישט געהערט צו קיין פאַרטיי, אָבער ער פלעגט זיך קאָנטאַקטירן מיט די צעירי־ציון, נעמען ביי זיי ביכלעך צו לייענען. ער האָט געלייענט זייער אַ סך.

צו יאַנקלען פלעגן זיך ווענדן מיכאַלישקער איינוווינער נאָך הלוואות. ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס פלעגן אים נישט אָפּגעבן, אָבער ער האָט נישט געמאָנט.

הגם יאַנקל איז נישט געווען קיין רעליגיעזער, פלעגט ער מיט גרויס כבוד אַריינגיין צו אַ מנין, אויב מען האָט אים גערופן. „איך וויל נישט, אַז צוליב מיר זאָלן די אַנדערע ביין יידן נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו דאַווענען".

נאָך די יום־טובים, ווען אין דרויסן איז געוואָרן קאַלט און ער האָט דערזען אַן אָרעם קינד גיין באָרוועס — פלעגט ער עס נעמען פאַרן הענטל, אַוועקפירן אין קראָם און קויפן אַ פּאָר שיך. דערביי האָט ער נישט אונטערשיידעט, צי דאָס קינד איז אַ יידיש אָדער אַ קריסטלעך.

די קריסטן, וואָס זענען געקומען צו יאַנקלען פאַריכטן זייערע אַקערס צי אַנדערע מכשירים האָבן געוווּסט, אַז מיט אים וועט מען שטענדיק דורכקומען, צי זיי האָבן געלט צי נישט.

מיר איז אויסגעקומען מיטאַרבעטן מיט יאַנקלען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס־שול. די שול איז אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ דאַנק פאַרשידענע אימפּרעזעס, אָוונטן, דאָך איז איר מצב געווען שווער, ווייל קיין שום סובסידיעס האָט די שול נישט באַקומען. ס'איז אָפט נישט געווען קיין געלט צו קויפן האָלץ פאַר דער שול. דאַן פלעגט יאַנקל קויפן אַ פּאָר וועגעלעך האָלץ.

איין מאָל אין ווינטער האָט דער שול־דינער זיך אָפּגעזאָגט אויפצורוימען דעם שניי ביי דער שול, ווייל מען האָט אים נישט געצאָלט. איז יאַנקל אַריין אין שול פאַרטאָג אויסהייצן די אויוונס און אויפרוימען דעם שניי. ווען די קינדער זענען געקומען אין שול אַריין, איז שוין געווען וואַרעם און ריין.

אַ געוויסן שבת־צו־נאַכט האָבן די שול־קינדער געדאַרפט פאָרן אויף אַ פאָרשטעלונג אין סטאָלפּצי. ווען די פור איז צוגעקומען צו לייבל אייזנבודס שטוב און יאַנקל האָט געזען אַז די קינדער פרירן פאַר קעלט, האָט ער אַראָפּגענומען זיין פּעלצענעם מאַנטל און אין אים איינגעוויקלט די קינדער.

יאַנקל האָט אַנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אין יעדער געלט־אַקציע וואָס דער פאַראיין האָט פּראָקלאַמירט, איז יאַנקל געווען פון די ערשטע שפּענדערס. ער פלעגט אויך געבן די גרעסטע סומע.

יאַנקל האָט מקיים געווען דעם פּסוק „ואהבת לרעך כמוך". ער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט אַלע יידן. כבֿוד זיין אָנדענק!

יהודה אַלפּעראָוויטש

*

שלמה לאַנסקי

(1914 — 1942)

געבוירן אין ניעסוויזש, געווען אַ קעמפער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין באַראַנאָוויטש. זומער 1942 ווערט ער פלוצלונג אַרעסטירט דורך דער דייטשער ס.ד. אים געלונגט צו אַנטלויפן פון טורמע און ער קומט אין וואַלד. דאָ טרעט ער אַריין אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד פון קאַפּיטאַן טשאָרני. ער נעמט אָנטייל אין פיל דיווערסיע־אַקציעס און אין עטלעכע שלאַכטן קעגן די דייטשע רוצחים און קעגן די אוקראַינישע און ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן.

איין מאָל איז דער אָטריאַד פלוצלונג באַפאַלן געוואָרן פון דייטשן און פּאָליציאַנטן. שלמה לאַנסקי איז דאַן פאַרווונדעט געוואָרן און בײדע פיס און איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן אים צוגעבונדן צו אַ פערד און אים אַזוי געשלעפּט איבערן גאַנצן ראַיאָן, ביז ער איז אין גרויס פּיין געשטאָרבן.

*

אין אַ געוויסן האַרבסט־טאָג, סוף נאָוועמבער 1942, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל פון איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז אַ באַוואָפנטע גרופּע פון צען מאַן זאָל אַרויסגיין צום ראַנד פון וואַלד, ביי דער שטשאַרע, דאָרט זיך אָנשליסן צו אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער און צוזאַמען מיט זיי אַנטקעגן־גיין אַן אָפּטיילונג דייטשע זעלנער, וועלכע האָבן געזאָלט אָנקומען פאַרנאַכט אין דאָרף זאַלוזאַ, אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע.

משהל זאַלמאַנאָוויטש האָט צוזאַמענגעשטעלט די גרופּע לויט זיין איינזען און זי איז אַרויס פאַרנאַכט צו איר אויפגאַבע.ביים ראַנד פון וואַלד איז געשטאַנען אַ פערד מיט אַ וואָגן צו דער דיספּאָזיציע פון דער גרופּע. ווען די חברים זענען אָנגעקומען צום טרעף־פּונקט און האָבן גענומען צוגרייטן דעם פערד־און־וואָגן צום פאָרן, האָט פלוצלונג אויף זיי אַ פלייץ געטאָן מיט אַ האָגל־קוילן פון מאַשין־געווער. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, פאַרנומען פּאָזיציעס און געענטפערט מיט אַ פייער. צוליב דער ריזיקער איבערגעוויכט פון מענטשן (10 קעגן 1) און געווער, זענען די חברים געווען געצוווּנגען צוריקציען זיך אין וואַלד. אין דעם איבערפאַל זענען געפאַלן די חברים מאָמע קאַפּעלאָוויטש און שלמה לאַנסקי. דער לעצטער איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן און נאָכן אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, האָט מען אים געהאָנגען אין האַנצעוויטש. אַ דריטער פּאַרטיזאַנער שמחה, איז פאַרווונדעט געוואָרן, אָבער חברים האָבן אים געראַטעוועט און געבראַכט צוריק אין וואַלד. פון שונאס זייט זענען געפאַלן עטלעכע דייטשן, וועלכע האָבן געלאָזן אַ סך בלוט־צייכנס אויפן שטח. (ביז היינט איז אונדז נישט געלונגען אויפצוקלערן, פאַר וואָס זענען די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער ניט געקומען און פאַר וואָס האָט מען אונדז נישט געמאָלדן, אַז דער שטח איז אַרומגערינגלט פון דייטשן, וועלכע האָבן אויף אונדז געלויערט. ווי באַוווּסט האָבן די רוסישע פּאַרטיזאַנער געהאַט אַ גוט אָרגאַניזירטן אויסשפּיר־אַפּאַראַט און אינפאָרמאַציע־דינסט אין די דערפער).

צומאָרגנס פרי זענען מיר געגאַנגען זוכן די פעלנדיקע חברים. שפּעטער האָבן מיר געפונען מאָמע קאַפּילעוויטשעס קערפּער, אַ הונדערט מעטער פון וואַלד. מיר האָבן אים קובר געווען אין צענטער אין אַ פלאַנץ־גאָרטן, ביים אַריינגאַנג אין וואַלד, לעבן דאָרף זאַלוזאַ, ביים טייך. אין דער לויה האָבן אָנטייל גענומען 25 חברים און אין זיין קבר האָבן מיר אַריינגעלייגט אַ פלאַש מיט זיינע פּערזענלעכע דאָקומענטן.

ביים אָפענעם קבר האָב איך מספּיד געווען דעם ערשטן יידישן קרבן פון אונדזער שטאָט באַראַנאָוויטש, וועלכער איז געפאַלן אין אַן אָפענעם קאַמף מיט די דייטשן. 25 יידישע ביקסן האָבן צום ערשטן מאָל סאַלוטירט אַ געפאַלענעם חבר און קעמפער. ערע זיין אָנדענק!

ניסן גען

*

מאָטע בער זאַטורענסקי

די „אוניווערסיטעטן" זיינע זענען געווען: די תלמוד־תורה אַרום די שולן; עטלעכע יאָר — די יידישע פאָלקס־שול און די קעלנע פון זיין טאַטנס פּאַס, אין וועלכן ער האָט

אַרומגעפירט האָסטער איבערן שטאָט, געשעפּט אין „הייפל״־ברונעם.

אַ שטילער, שעמעוודיקער בחור, האָט ער אין די זומער־דיקע חדשים געפירט די שפּייז־פּראָדוקטן פאַר דער קינדער־קאָלאָניע פון „טאַז״, וועלכע האָט זיך געפונען אין שטאַטישן וואַלד, אַ 4 קילאָמעטער פון שטאָט.

פון פאַרטאָג אָן האָט ער אָפּגעשטעלט זיינע וויזיטן ביי ראַדונסקיס קראָם. שרהקע די אייגל האָט געהאַלטן אין איין אַריינפּאַקן אין מאָטע־בערס וואָגן פּוטער און אייער און בוטלעס נאַפּט און בוימל. דערנאָך האָט מען צוגעלייגט



מאָטע בער זאַטורענסקי, געפאַלן אין באַפרייונגס־קריג אין יאָר 1948.
מרדכי דב זטורנסקי, נפל במלחמת השחרור תש״ח־ט׳.

זיינע קאַנען מילך און היידא — מיטן זאַמדיקן וועג צום וואַלד. צו דעם אַלעם האָבן מאַמעס מיטגעשיקט פּעקעלעך אויף וועל־כע ער האָט געדאַרפט האַלטן אַן „אויג״.

גבירישע מאַמעס וואָלטן אַוועקגעגעבן אַ פאַרמעגן צו דערגיין וואָס אַ שטייגער עסט מאָטע־בער, — וואָרעם תמיד האָט ער געהאַט אַ געזונט רויט פּנים, פולע באַקן און איז בכלל געווען אַ קרעפּטיקער בחור. נאָר אַז מען וויל — קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז דער הויפּט מאכל וואָס מען האָט דאָרט גע־געסן איז געווען קאַרטאָפל אין שאָלעכץ און הערינג, פון וואָס ער האָט תמיד געהאַט גלאַנציקע ליפּן.

שט־לערהייט האָט זיך ביי אים פונדעסטוועגן אויסגעפּיקט אַן אידעע — און ער איז געוואָרן אַ חבר פון דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט״.

אַז די רוסן האָבן פאַרנומען ניעסוויזש און ס׳איז געקומען די צייט — איז מאָטע־בער אַוועק דינען אין דער רויטער אַרמיי...

אַרום 1948 האָבן מיר זיך צופעליק באַגעגנט אין פּליטים־לאַגער באַד־רייכענהאַל אין דייטשלאַנד. דאָס שטעטל ליגט האַרט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ, אין מיטן פון די בייע־רישע אַלפּן. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ קנאַפּער ריידער, אָבער ווי ניט איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט מיטגעמאַכט די צווייטע וועלט־מלחמה אויפן אונגאַריש־רומענישן פראָנט און עטלעכע מאָל פאַרווונדעט געוואָרן.

דאָ האָט מען אים געשיקט מיט אַן אויפגאַבע: ער אַרבעט אין דער „בריחה״. פאַרשטייט זיך אַז די „בריחה״ איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אומלעגאַלער עליה — און מאָטע־בער איז געווען צווישן די וואָס האָבן געאַרבעט אויפן אָפּשניט פון דער עסטרייכיש־בייערישער גרענעץ. קיין סך וועגן דעם האָט ער ניט דער־ציילט. אַפילו אין לאַגער האָט מען די „בריחה״־מענטשן קנאַפּ אָנגעזען. זיי האָבן געהאַט אָפּגעשלאָסענע וווינונגען און איי־גענע וועגן צו טאָן די אַרבעט.

אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען געזעגענען זיך, מיטגע־בראַכט אַפילו אַ בילד, געלאָזט אויך פאַלן אַ וואָרט וועגן אַ מיידל... ס׳איז שוין דאַמאָלט געווען די מדינה וואָס האָט גע־פירט די ערשטע קאַמפן מיט די אַראַבער פאַר איר עקזיסטענץ. מאָטע־בער איז געפאָרן צולייגן אַ האַנט צו אָט דעם קאַמף.

אַ וואָכן צוויי־דריי שפּעטער בין איך אויפגעציטערט גע־וואָרן פון אַ פּלאַקאַט וואָס רופט די לאַגער־יידן צו באַטייליקן זיך אין אַ טרויער־אָוונט, געווידמעט דעם ערשטן געפאַלענעם ייד אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד פון לאַגער באַד־רייכענ־האַל: מאָטל זאַטורענסקי...

משה אייזענבוד

*

די צוויי גבאיטעס

פון צווישן די אַנדערע גבאיטעס, וואָס זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט, האָבן זיך באַזונדער אויסגעטיילט מיט זייער פּערזענלעכקייט און אָנגעזען מיט זייערע גוטע מעשים די צוויי גבאיטעס: באָשע און פּערלע.

באָשע די גבאיטע איז געווען אַ פרוי מיט אַ פאַרנעם: הויך־געוואַקסן און פעסט געבויט. אויף דער עלטער איז זי נאָך געגאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע. ס׳איז אין איר גאַנצן וועזן געווען פון דער פעסטקייט פון איר גרויסן, דריי־שטאָקיקן מויער, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג פון ווילנער־און־שול־גאָסן און האָט זיך טאַקע גערופן אויף איר נאָמען: באָשעס מויער.

באָשעס געזיכט־שטריכן זענען געווען ברייט־געפורעמט, מע־נעריש, און פון צווישן זיי האָבן אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן.

באָשע האָט כמעט שטענדיק געטראָגן טונקעלע קליידער. ס׳רוב איז זי געווען איינגעהילט אין אַ ברייטער רעטאָנדע. אויפן קאָפּ ביי איר — אַ שוואַרצע הייבל, באַצירט מיט אַ בינטל האַנט־געמאַכטע בלומען. אירע קליידער האָבן איר צוגעגעבן חן און חשיבות.

באָשעס גאַנצע האַלטונג און באַנעמונג האָבן אַרויסגערופן צו איר אַכטונג און האָבן עדות געזאָגט, אַז באָשע איז באַ־שאַפן צו זיין אַן אויפטוערין פון גרויסע זאַכן.

באָשע די גבאיטע האָט זיך שטאַרק פאַרנומען דער עיקר מיט אַזעלכע מצוה־ענינים, וואָס האָבן געפאָדערט גרויס אויפטו. האָט געטראָפן, אַז די געשעפטן פון אַ שיינעם בעל־הבית

אין שטאָט זענען אַוועק שלעכט און ער איז געוואָרן אַ יורד, און ס׳איז געווען נייטיק צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט צו שטעלן אים צוריק אויף די פיס — האָט באָשע אויף זיך גענומען אָט די מצוה. זי האָט ניט גערוט. זי האָט געזוכט און געפונען וועגן און מיטלען ביז זי האָט דעם יורד אויפגעשטעלט.

ווען אַ כלה פון אַ יחוסדיקער משפחה האָט געדאַרפט גיין צו דער חופה און דער טאַטע אירער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו סילוקן דעם צוגעזאָגטן נדן, האָט שוין באָשע געזען, אַז די חופה זאָל ניט אָפגעלייגט ווערן. זי האָט געוווּסט צו וועמען זיך צו ווענדן פאַר „הכנסת כלה" און האָט שוין איינוועגס געשאַפן געלט פאַר חתונה־הוצאות.

צו יעדער וויכטיקער קהלישער מצוה, צו וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט אונטערנעמונג, ווי למשל, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַרריכטן די באָד, וואָס האָט געהאַלטן כסדר אין איינפאַלן; אָדער להבדיל, בויען אַ שול, אָדער נאָך אַ חדר פאַר דער תלמוד־תורה, האָבן די שטאָט־גבאים שטענדיק צוגעצויגן באָשע די גבאיטע, זי זאָל זיי מיטהעלפן — און באָשע האָט שוין געטאָן איר טייל באמונה.

צו באָשעס אַן עצה האָבן זיך די שטאָט־מנהיגים צוגעהערט און מיט איר וויכטיקער מיינונג האָט מען זיך גערעכנט.

אויף די אַלע גבאות־זאַכן, מיט וועלכע באָשע האָט זיך אָפּגעגעבן, איז געלעגן דער שטעמפּל פון אויטאָריטעט, וואָס אַזעלכעס מערקט מען נאָר אין די מעשים פון אָנגעזעענע בעלי־בתים און כלל־טוער.

ווען כ׳פלעג ייִנגלווייז אָנטרעפן באָשען, ווי זי פלעגט גיין אין גאַס מיט נאָך אַן אָנגעזעענער בעל־הביתטע אין גבאות, האָב איך זיך שטענדיק אָפּגעשטעלט און איר אָנגעקוקט מיט גרויס יראת־הכבוד.

כ׳האָב אויך געוואָלט זען צו טראָגט באָשע אין האַנט אַ שיינעם שטעקן, ווי עס טראָגן, געוויינטלעך, די אַלטע שיינע בעלי־בתים און די שטאָט־גבאים. כ׳האָב געפילט, אַז פאַר באַשען פאַסט צו גיין מיט אַזאַ שטעקן.

כ׳בין אָבער תמיד געבליבן אַן אַנטוישטער און אין האַרצן געפילט אַ פאַרדראָס. מיר האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע קריוודע דאָס וואָס באָשע האָט ניט קיין שיינעם שטעקן. כ׳בין געווען זיכער, אַז ס׳וועדט באַגאַנגען אַן עוולה קעגן אַזאַ פיל־געאַכטעטער, חשובער פרוי, ווי באָשע די גבאיטע, וואָס גיט אָפּ איר גאַנצן לעבן פאַר וויכטיקע שטאָטישע ענינים און פאַר צדקה און מעשים טובים.

*

פערלע די גבאיטע, די גוטע מאַמע פון די אָרעמע אין אונדזער שטאָט, איז געווען דאַר און קליינגעוויקסיק. זי איז אָבער פון גאָט געווען געבענטשט מיט אַן אונערשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע. אויך אין איר טיפן עלטער איז זי געווען פול מיט לעבן, זשוואַווע און רירעוודיק. אירע גרוי־בלויע אויגן האָבן קינדיש־ליכטיק אַרויסגעשיינט פון דער ראַם פון איר דאַרן, אַ ביסל צעקנייטשטן פנים.

פערלע איז קיינמאָל ניט געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק. אַ גרויסע וואָלענע פאַטשיילע פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, האָט צוגעדעקט איר שווערן בורנעס ווינטער־צייט. זומער־צייט האָט זי געטראָגן אַ טוכענע טיכל איבער איר סיצענע קלייד און יאַקל.

פערלע האָט קיינמאָל ניט גערוט. מ׳האָט איר תמיד געזען אין גאַנג, פאַרטאָן און פאַרהאָרעוועט אין צדקה־זאַכן. אויסער דעם איז זי געווען די שפּייזערין פון איר אייגענער הויזגעזינד. זי האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם. פערלע איז געווען אַ גרויסע בריה אויף פרעגלען אַלערליי פרוכטן און מאַכן איינגעמאַכטסן. פערלעס וואַרעניע האָט געהאַט אַ נאָמען אין גאַנץ ניעסוויזש און אין דער סביבה. האָט טאַקע פערלע צוגעשטעלט אַלערליי מינים פרוכטן און איינגעמאַכטסן אויך אין „שלאָס" פון פירשט ראַדזשיוויל. פון דעם בעיקר, האָט זי געצויגן חיונה.

כדי צו העלפן אַן אָרעמען, איז פאַר פערלען קיין זאַך ניט געווען צו שווער. מ׳האָט איר שטענדיק געזען אַרומגיין אין די פאַרחושכטע געסעלעך צו ברענגען הילף צו די אומגליקלעכע און נויטבאַדערפטיקע.

פערלע האָט זייער געהאַלטן פון „מתן בסתר". האָט זי שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז דער, פון וועמען זי באַקומט געלט אויף צו שטיצן אָרעמעלייט, זאָל ניט וויסן ווער עס באַקומט עס,



פערלע מאָשעוויצקי — פערלע די גבאיטע, פאָטאָגראַפירט בעתן באַזוך פון איר זון פון לאָנדאָן אין 98סטן יאָרטנג. (פאָטאָ: מ. פאַיאַנס).
פרלה הגבאית), שצולמה בעת ביקור בנה מלונדון, במלאת לה 98 שנים ב־1936. (צילום: משה פאַיאַנס).

כדי אַז דער אָרעמער ברודער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן, ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיין שטיצער און אַרויסהעלפער. פערלע האָט אַלץ באַזאָרגט מיט גרויס מיטגעפיל פאַר די ליידנדיקע.

קעלט און היץ, שלאַקסרעגנס און שניי־זאַווערוכעס האָבן פערלען ניט צוריקגעהאַלטן פון דערפילן אירע מצוה־שליחות.

פערלע האָט אַריינגעגעבן קראַנקע אָרעמעלייט אין שטאָט־שפּיטאָל, אָדער ווי מען האָט עס גערופן „הקדש", און באַזאָרגט זיי מיט רפואות.

פערלע האָט זיך געזאָרגט פאַר די אָרעמע קימפעטאָרינס, געזען זיי זאָלן האָבן גוטע פלעגע, הינער־יויך און טאַקע אַ שטיקל עוף אויף צו קרעפטיקן זיך. זי האָט געזאָרגט פאַר דעם, אַז אָרעמע כלות זאָלן האָבן אויף נדן און אויף אויסשטייער. פערלע האָט זיך מיט זיי אויך משמח געווען אויף די חתונות.

פערלעס הויפּט־זאָרג איז געווען פאַר אָרעמע אַלמנות און זייערע יתומים. זי האָט געזען, אַז די יתומים וואָס גייען אין תלמוד־תורה זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן.

פערלע האָט אירע אָרעמע שוועסטער געדינט ווי אַ גוטע,

טרייע מאַמע ניט נאָר ביים לעבן, נאָר אויך ביים טויט. זי, פּערלע, האָט מיט זיי געזאָגט ווידוי פאַרן טויט. זי האָט זיי באַגלייט צו זייער אייביקער רו, און זי, טאַקע פּערלע, האָט זיי אַריינגעלייגט אין קבר.

*

פּערלע איז געווען אמת פרום. זי האָט אין זיך ניט געהאַט קיין סימן פון צביעות. וואָס געזאָגט — דאָס געמיינט. זי האָט ניט געשאַנעוועט די רייכע און יחסנים.

מ׳האָט דערציילט וועגן פּערלע דער גבאיטע אַזאַ מין מעשה:

ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן, און אין ניעס־וויזש האָבן די מענער די „אַריסטאָקראַטן“ זיך גענומען אָנטאָן אין קורצע רעקלעך און זייערע פרויען און טעכטער אין קורצע קליידער, האָט פּערלע אָנגעטראָפן אין גאַס אַ טאָכטער פון איינעם פון די שענסטע בעלי־בתים פון שטעטל און דערזען אַז זי האָט קורצע אַרבל אין איר יאַקל, וואָס גרייכן קוים ביז די עלנבויגנס. רופט זיך אָפּ צו איר פּערלע: „טאָכטער מיינע, דיר מוז זיכער זיין קאַלט אַרומצוגיין מיט נאַקעטע הענט. זיי אַזוי גוט און זאָג דער מאַמען דיינער, אַז פּערלע האָט דיר געהייסן זאָגן, אַז אויב זי האָט ניט געהאַט, חלילה, פאַר וואָס צו קויפן גענוג צייג צו מאַכן פאַר דיר לענגערע אַרבל, זאָל זי קומען צו פּערלע דער גבאיטע, וועט זי שוין איר באַזאָרגן“.

יענע אַריסטאָקראַטישע מאַמע האָט ניט פאַריבל געהאַט אויף פּערלען פאַר איר מוסר זאָגן און האָט זיך ניט באַליידיקט. זי האָט גענומען אין אַכט פּערלעס „אָנצוהערעניש“ און געמאַכט די אַרבל פון איר טאָכטערס יאַקל אַ ביסל לענגער.

אַלע אין שטאָט האָבן גוט געקענט פּערלען. געוווּסט אַז זי איז אויפריכטיק און האָבן איר געאַכט פאַר איר צדקות. מ׳האָט פּערלען מכבד געווען און טייער געהאַלטן ווי מ׳האַלט טייער אַן אייגענע מאַמען.

און דווקא פּערלע דער גבאיטע, וואָס איז געווען אַזוי אָפּגעהיט און ניט געהאַלטן פון קיין נייעסן, איז עס באַשערט געווען אַריינצוברענגען אַ נייעס אין אונדזער שטעטל, צו גורם זיין, אַז מ׳זאָל אין יידישע הייזער אָנהייבן עסן אַ נייעם מאכל — „ט אָ מ אַ ט ן“.

דער ענין מיט די טאָמאַטן איז אין זיין צייט געווען „אַ געשעעניש“, וועגן וועלכער מ׳האָט פיל גערעדט אין שטאָט, און פּערלע האָט געהאַט פון דעם אויסצושטיין זלזולים פון יידענעס רכילותניציעס.

די מעשה מיט די טאָמאַטן איז אַזוי געווען: פּערלע, וואָס איז צוליב איר וואַרעניע, געווען אַן איינגייערין אין „שלאָס“ פון פירשט ראַדזשיוויל, האָט דאָרט אָפּט באַמערקט ליגן אויפן שוועל פון קיך־פענצטער עפּעס אַ נייע מין פרי, וואָס האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ געקאַרבטער עפּל. צייטנווייז האָט די פרי געהאַט אַ בלאַס־גרינלעכן קאָליר; אַמאָל האָט עס אויסגעזען האַלב־רויטלעך, האַלב־גרינלעך, און אַן אַנדערש מאָל איז עס געווען אינגאַנצן רויט. האָט פּערלע זיך גענומען צוקוקן וואָס די קוכערס טוען מיט דער פרי, האָט זי געזען אַז מ׳נוצט עס אין אַ סך פּאַטראַוועס און מ׳עסט עס רויערהייט און געקאָכט.

פּערלע, וואָס האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פרעגלען אַלערליי פרוכטן, האָט זיך גענומען נאָכפרעגן ביי די מענטשן פון שלאָס וואָס פאַר אַ מין פרי איז עס. האָט דער הויפּט־גערטנער איר געזאָגט, אַז דאָס זענען „פּאָמידאָרן“. ער האָט פּערלען אַוועקגעפירט אין גרויסן גאָרטן פון שלאָס און געוויזן די בייטן ווו די פּאָמידאָרן וואַקסן, ווי מ׳פאַרזייט עס און ווי מ׳דאַרף אויף דעם אַכטונג געבן.

האָט פּערלע אַ פרעג געטאָן דעם גערטנער: „זאָג מיר נאָר, האַרציקער, אפשר ווייסטו צו דער מין פרי איז אַ כשרע? צו מעג אַן אונדזעריקער עס עסן?“

האָט דער גערטנער, וועמען פּערלע האָט געקענט פאַר זייער אַן אָרנטלעכן און באַגלויבטן גוי, איר דערציילט און געשוואָרן אויף זיין „האָנאָר“ וואָרט, אַז די פּאָמידאָרן זענען כשר. ער ווייסט זיכער, האָט ער געזאָגט, אַז די יידן אין די געגנטן פון וואַרשע, בריסק און פּינסק זייען זיי אַליין אין זייערע גערטנער און עסן זיי, פונקט ווי מ׳עסט קאַרטאָפל.

דער הויפּט־גערטנער האָט דאַן מיטגעגעבן פּערלען אַהיים דריי טאָמאַטן אויף צו פאַרזוכן.

פּערלע האָט אַהיים געבראַכט די רייפע, רויטע טאָמאַטן, האָט איינע פון זיי אָרומגעוואַשן, צעשניטן אויף שטיקלעך, געמאַכט אַ ברכה און „שהחיינו“, האָט עס פאַרזוכט און זיך אָנגערופן צו אירע טעכטער: „ס׳איז אָנגעגאָסן מיט אַ געשמאַקן ווייניקן זאַפט, וואָס איז מחיה נפשות“. פּערלע האָט מכבד געווען אירע קינדער מיט שטיקלעך פּאָמידאָרן, מיט דעם נייעם וווּנדער־מאכל, וואָס אי פירשטן, אי פשוטע יידן עסן עס, און די קינדער האָבן זיך אויך מחיה געווען.

פּערלע האָט אינגיכן אָנגעהויבן ברענגען פון שלאָס די נייע זאַפטיקע פרות, די טאָמאַטן, און האָט זיי פאַרקויפט צו אירע קונים, צו די בעלי־בתישע טעכטער, וואָס פלעגן אַריינקומען צו איר אין שפּייז־קראָם.

האָט זיך איבערן שטאָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּערלע די גבאיטע קאָרמעט אָן די יידן פון ניעסוויזש מיט גוייִשע פירות, וואָס זי ברענגט פון שלאָס, מיני פירות וואָס אונדזערע אָבות־אַבותינו האָבן עס ניט געגעסן.. אַ פאָר רכילותניצעס און אַזוי פאַרפרומטע יידענעס האָבן באַלד אַליין געפּסקנט, אַז דאָס זענען טריפה־פרוכט, וואָס טאָרן אין אַ יידיש הויז ניט אַריינקומען.

איז פּערלע איינמאָל געגאַנגען אַהיים פון שלאָס און געטראָגן אַ קליין קערבל מיט טאָמאַטן. אויפן וועג האָט זי געדאַרפט פאַרבייגיין נחמן קליאַטשקינס גאַסט־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג פון דער שיינער, „פּאָטשטאָווער“ גאַס. איז דאַן געזעסן אויפן גאַניק פון גאַסט־הויז נחמנס אַלטע מוטער, איטע־מלכה. זי איז געווען אַ זייער פרומע פרוי, אַ ווילקע־נעווידיקע, אַ זאָגערין אין דער ווייבערישער שול, די עזרת־נשים פון מאַרק־שול.

ווען איטע־מלכה האָט דערזען אין פּערלעס האַנט דאָס קוישל מיט די ניי־מאָדנע טריפע פירות, האָט זי די ערשטע זאַך אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אַן אַ זייט, אויסגעשפּיגן און געזאָגט „שקץ תשקצנו“. און צו פּערלען האָט זי זיך אָנגערופן: „פּערלע קרוין, צו אַלעם ערשטן פאַרדעק וואָס־גיכער מיטן טיכל די טריפהנע פירות, אַז מיינע אויגן זאָלן זיי נישט אָנקוקן, און דו אַליין קום אַהער פאַר אַ ווײַלע, וועל איך דיר עפּעס זאָגן“.

פּערלע האָט זיך צוגעזעצט אויפן גאַניק און איטע־מלכה האָט איר שטאַרק אויסגערעדט: „ס׳וווּנדערט מיר אויף דיר, פּערלע קרוין, און כ׳קען גאָר נישט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך! ביסט דאָך אַן אשה צנועה, אַ פרומע און גוטע יידישע טאָכטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מצוות און מיט מעשים טובים, טאָ ווי איז דאָס ביי דיר רעכט אָנצוקאָרמענען זיך אַליין און די קינדער דיינע מיט טריפות, און נאָך, שונאי ישראל, ברענגען זינד אויף אַנדערע יידישע טעכטער און טריפה מאַכן יידישע הייזער?!“

ס׳האָט ניט געהאָלפן פּערלען איר טענהן און פאַרענטפערן זיך, אַז זי האָט בעפאָר גוט אויסגעפאָרשט דעם גערטנער פון שלאָס, וואָס זיין וואָרט איז הייליק און אויף זיין עדות זאָגן קען מען שטעלן, און ער האָט איר פאַרזיכערט אַז די פּאָמידאָרן זענען כשר ממש ווי קאַרטאָפל.

איטע־מלכה האָט פּערלען ניט געלאָזן זיך פאַרענטפערן און

איר ניט געוואָלט פאַרגעבן, ביז פערלע האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט מער ניט פאַרקויפן די פּאָמידאָרן, ביז דער רב און בעלי־בתים וועלן ריכטיק אויסגעפינען צי די פירות זענען כשרע.

און כך־הוה: דורך די סוחרים פון ניעסוויזש, וואָס פאַרן צוליב געשעפט קיין וואַרשע, קיין בריסק, קיין פּינסק, האָט דער רב געגוי אויסגעפונען און פעסטגעשטעלט, אַז די טאָמאַטן זענען כשרע פירות און אַז יידן עסן זיי און פאַרזייען זיי אין די גערטנער.

פון דאַן אָן האָבן די יידן פון ניעסוויזש גענומען עסן די טאָמאַטן און די יידענעס די רכילותניצעס, האָבן אויפגעהערט צו באַריידן פערלע די גבאיטע.

פערלע האָט ווידער גענומען ברענגען די טאָמאַטן פון שלאָס און זיי פאַרקויפט צו אירע קונים.

און ווען דער פרילינג איז געקומען, האָט פערלע אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, פאַרזייט טאָמאַטן אין איר גאָרטן לעבן „קוידענאָווער שטיבל".

און אַזוי איז פערלע דער גבאיטע באַשערט געווען צו זיין אויך די ערשטע אין ניעסוויזש, וואָס האָט פאַרזייט טאָמאַטן.

שלמה דמשק

פונעם בוך „אין יענע יאָרן" (פאַרצייכענונגען און בילדער פון מיין היימשטאָט ניעסוויזש), אַרויסגע־געבן פון תלמידים און פריינד. ניו־יאָרק, תשי"א—1950, ז"ז 160.

*

דער אומבאַקאַנטער זינגער

פאַרצייכענונגען וועגן חבר סיאָמקע פּאַרפּעל

אַ דינער, פוכיקער שניי איז לאַנגזאַם געפאַלן און לייכט זיך געלייגט אויף די הייזער,ביימער און גאַסן. ער האָט ווייך גע־מאַכט די טריט, ווי ער וואָלט זיי איינגעזאַפּט אין זיך. פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט און די בלאַסע זון האָט אָפּ־געשפיגלט אירע לעצטע שטראַלן אויף די שויבן פון קלויס־טער־טורעם מיט אַ מעשענעם גלאַנץ און איז פאַרשוווּנדן. זיל־בערנע בלומען פון אומבאַקאַנטע, טראָפּישע וועלדער האָבן באַ־צירט די פענצטער. דער פראָסט האָט זיך אונטערגעגנבֿעט מיט אַ סקריפּ, נאָר דער האָריזאָנט האָט אים סיי ווי פאַר׳יסגעזאָגט, פאַרציענדיק זיך מיט אַ פּורפּור־רויטער פאָן. די טראָפּנס וועל־כע האָבן געטריפט פון די דעכער זענען געבליבן הענגען אין אייז־צעפּלעך און האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלן פלאָם. דאָס איז געווען איינער פון יענע ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, וואָס צירן אויס דאָס קליינע, ווייסרוסישע שטעטל ווי אין אַ צויבער־מעשהלע.

סיאָמקע איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. ער איז געווען אַ נידעריקער, ניינצן־יעריקער בחור מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך געריסן פון אונטער דעם ווינטערדיקן היטל אַרויס. דאָס פּנים דורכגעאַקערט מיט ענערגישע שטריכן פון צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט טיפע, קלוגע אויגן.

געלעבט האָט זיך אים ניט פריילעך. דעם גאַנצן טאָג — געזעגט ברעטער און דערנאָך זיי אומרחמנותדיק צוגענאָגל׳ט צו איינאַנדער, אָדער אויסגעבויגן פאַר ווייכע פאָטעלן. ביינאַכט, אין זיין אָרעמער היים, ביים שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל, האָט ער געשריבן שטילע, האַרציקע לידער.

די זעלבע האַנט וואָס האָט מיטן שאַרפן הובל אַרומגעריסן די זייטן פון העלצער, האָט מיט צאַרטקייט געפירט די פען איבער די ווייסע זייטלעך פון העפט און זיינע געדאַנקען אויס־געשטעלט אין קאָלומנעס פערזן מיט דראָבנע אותיותלעך. יעדע איינע פון זיי האָט דערציילט פון ליבע, האָפענונג און יוגנטלעכע טרוימען. דאָס איז געווען די איינציקע פרייד אין זיין לעבן. כאָטש ער האָט די לידער אין ערגעץ ניט געדרוקט, און קיינער האָט קיין רעצענזיעס איבער זיי ניט געשריבן, האָבן זיי דאָך געלעבט צווישן זיינע חברים. זיי זענען אויך פאַר אים געווען אַ טרייסט אין זיין ערשטער, איינזייטיקער ליבע...

סיאָמקע האָט זיך געאײַלט. די ביבליאָטעק מיט אירע שענק ביכער, וועלכע זענען געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און האָבן באַהאַלטן הינטער זייערע שוואַרצע רוקנס די ניט אויסגעלעבטע לעבנס פון דיכטער, איז אויך געווען דער טרעף־פּונקט פון דער יוגנט.

סיאָמקע האָט געהאָפט דאָ צו באַגעגענען צינקען. זי איז געווען אַ יונג מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס אַריבערגעשפּרייזט די גרענעץ צווישן קינד און מיידל. געקומען איז זי מיט נאָך אַ סך יידן, וועלכע מען האָט גער.פן „ביעזשענצעס", ווייל זיי



סיאָמקע פּאַרפּעל

זענען געקומען פון יענער זייט בוג, ווו עס האָבן געהערשט די דייטשן. דער קריג האָט זי אַרויסגעיאָגט פון איר היים, איז זי פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ניעסוויזש.

סיאָמקע האָט זי צופעליק באַגעגנט אין דער קיך, וואָס איז געווען אין קהילה־לאָקאַל איינגעאָרדנט פאַר די „ביעזשענצעס". זי איז אים געפעלן מיט איר קינדערישן שמייכל און די בלאָנדע לאָקן וואָס האָבן זיך ווי גלעקלעך אַראָפּגעלאָזט איבער איר שטערן. זיין פילבאַרע נשמה האָט באַלד דערפילט אין איר אַן אָנשפּאַר.

דאָס איז זי — די אויסגעטרוימטע געשטאַלט פון זיינע לי־דער. זיין איך האָט ער ניט פאַרשלאָסן אין די ענגע ראַמען פון זיין פערזענלעך גליק. ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, איר טייערע יידישע שפּראַך מיט איר קולטור און וועלטלעכקייט, כאָטש ער האָט אויך געשריבן אין העברעיש.

*

פון די געטאָ־פלאַמען איז ער אַרויס שוואַרץ. די האָר און קליידער פאַרסמאַליעט. בלויז די ווייסקייט פון די ציין האָבן דערמאָנט אין דעם אַז ער איז אַ מענטש. אונטער זיין צעלע־כערט העמד איז צום האַרצן געווען צוגעדריקט אַ העפט מיט

בלעטלעך — פֿאַרגעלטע פֿון רויך. די לעצטע בלעטלעך געשריבן אין בונקער — אין אָנבליק פֿון טויט. ער האָט זיי געטראָגן ווי אַ קמיע. לידער — פֿול מיט בענקשאַפֿט צום מענטש און עקל צו דער מאָרד־מאַשין וואָס שענדעט דאָס מענטשלעכע. ווי פֿריער דעם הובל און זעג, האָט ער איצט געקלאַמערט אין זיין האַנט די פּאַרטיזאַנער־ביקס. אין די רויקע שעהן האָט ער אין וואַלד געשריבן לידער, אָנגעזאַפּט מיט בענקשאַפֿט צו אַ פֿריי לעבן — און ווען ער האָט זיי געלייענט ביים שיין פֿון שייטער אין נאַכטיקן וואַלד, זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן פֿון די מוטיקע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן קיין ציטער ניט געטאָן אונטערן האָגל פֿון קוילן.

*

דער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסער שניי־דעק, ווי פֿאַרמאַסקירט פֿאַר אַ פֿרעמד אויג. אַ פֿויערישער שליטן האָט געפֿירט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע. זיי זענען געזעסן אין שליטן, די פֿיס אַראָפּגעהאַנגען, גרייט אַרויסצושפּרינגען אין קאַמף. אַרום איז געווען שטיל. קיין שאָרך פֿון אַ צווייג — אַ שטילקייט ווי פֿאַר אַ שטורעם. סיאָמקע איז ניט צום ערשטן מאָל אין קאַמף. דורך די צוויי יאָר פּאַרטיזאַנער־לעבן האָט ער פֿאַרשידנס מיטגעמאַכט. ניט איין מאָל געווען אַרומגערינגלט פֿון שונא — און זיך דורכגעריסן. נאָר עפּעס קלאַפּט היינט מאָדנע זיין האַרץ, ער פֿילט — עס וויל אַרויס פֿון זיין ברוסט, עס וויל רו. ער וועט עס איר געבן — אָבער דערווייל מוז מען פֿאַרניכטן דעם שונאס טראַנספּאָרטן.

דאָס פֿערד האָט לאַנגזאַם געשטעלט זיינע טריט. זיי האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום דאָרף, ווו עס האָט זיי דערוואַרט די אויפֿגאַבע.

פּלוצלונג האָט זיך אויף זיי געעפֿנט אַ שרעקלעך פֿייער פֿון אויטאָמאַטן און ביקסן. אַ געדיכטער האָגל פֿון שטאָל און בליי. די מערדערישע קויל פֿון אַן אויטאָמאַט האָט דורכגעלעכערט זיין האַרץ און צוזאַמען מיט אים — די דינע ווייסע זייטלעך פֿון זיינע לידער. זיי זענען דורכגעווייקט געוואָרן פֿון זיין וואַרעם בלוט...

*

אין ווייסרוסלאַנד, אין די כאָמינקער וועלדער, אונטער א שלאַנקער סאָסנע, האָבן פּויערים באַהאַלטן דעם קערפּער פֿון דעם יונגן אומבאַקאַנטן פּאָעט, דעם טרוימער — סיאָמקע פּאַרפּעל.

משה אייזענבוד

פֿונעם בוך „ניעסוויזשער יידן״, דערציילונגען. מעלבורן 1965, ז״ז 246.

*

קאָזשימעראַנצעס

די יאַטן אויף קאָזשימער האָבן אויף זיך געזאָגט — קאָזשימעראַנצעס. ס׳האָט געדאַרפֿט אונטערשטרייכן אַז זיי זענען ניט קיין מיכאַלישקער, אָדער ניישטאָטער — נאָר טאַקע די יאַטן פֿון קאָזשימער.

יאַטן זענען זיי געווען פֿעסטע, ביינערדיקע. אַזאַ יאַט האָט געקענט פֿאַרברענגען אַ נאַכט אין פֿעלד, אַליין ביי אַ שייטער, און פֿאַשען פֿערד. געחברט זיך מיט שקצים און גערעדט גויאיש ניט ערגער פֿון זיי. דער קאָזשימער בולוואַר איז זומער געווען זייער פֿוטבאָל־פּלאַץ, כאָטש ס׳איז שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט די קאַשטאַן־ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג. ווינטער האָבן זיי זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ אויף שליטעלעך, זיך נאָכגעהאָנגען אַ פֿויערישן שליטן, און אַז יצחק דער סטעלמאַך האָט זיך פֿאַרקוקט, איז רעכט געווען פֿון אונטער זיין טיר אַוועקצושלעפּן אַ גרויסן שליטן, אַריינפּאַקן אין אים אַ צענדליק יאַטלעך און זיך אַ לאָז טאָן באַרג אַראָפּ. אָנשטאָט אַ פֿערד, האָבן זיי פֿון הינטן צוגעפּעסטיקט אַ האָלאָבלע, ווי אַ רודער, און:

— היידאַ!

אין די זומערדיקע שבת־נאָך־וואַרעמס זענען די קאָזשימעראַנצעס געווינלעך געווען באַשעפֿטיקט מיט פֿירן אַ „באַי״ מיט די מיכאַלישקער יאַטלעך איבער דעם רעכט צו באַנוצן זיך מיט די פּרוכט־סעדער, וואָס וואַקסן אַרום קאָזשימער שול.

קלאָר, אַז די קאָזשימעראַנצעס זענער געווען זיכער אַז די אַלע פּרוכט־ביימער, ווערמענס צווייגן עס הענגען אַריבער דעם שול־פּאַרקאַן — געהערט זיי. די בעסטע צייט זיך אַ נעם צו טאָן צו די עפּל, באַרן, וואָס וואַקסן אַריבער פֿון שעלעפּאַנקערס סאָד אָדער פֿון כוואָלעס איז — שבת, ווען דער טאַטע לייגט זיך צו כאַפּן אַ דרימל.

די מיכאַלישקער, וואָס האָבן די אויבסט־סעדער פֿון שטאָט געקענט ווי זייערע פֿינף פֿינגער, זענען אויך געווען בעלנים אויף אַ גוטן עפּל, פֿאַר וועלכן מען דאַרף ניט ריזיקירן. זיי זענען אָנגעקומען אויפֿן שול־הויף איבערן פּאַרקאַן פֿון אַרל גאָלדינס האָלץ־סקלאַד. נאָר חברה קאָזשימעראַנצעס האָבן שוין געוואַרט. דער „באַי״ איז געגאַנגען מיט אָפּגעשיילטער קאָרע פֿון די ביימער, וואָס זענען געלעגן אויפֿן האָלץ־סקלאַד. די קלעפּ מיט פֿאַסן פֿון דער פֿרישער קאָרע האָבן ניט אַזוי וויי געטאָן, ווי עס האָט איבערגעלאָזן פֿעך סימנים אויף די הענט און אויף די קליידער.

דערנאָך זענען די יאַטלעך געשטאַנען נעבן דער קאָזשימער פּאָמפּע און זיך אָפּגעוואַשן: ווער ס׳צעבלוטיקטע נעזל, וואָס דאָס האָט געמיינט אַזוי גוט ווי גאָרניט. ערגער — אַז עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ געוואַלד־ריס אין די הייזלעך, פֿאַר וועלכן מען וועט דאַרפֿן אין דער היים אָפּגעבן דין־וחשבון...

איינס אָבער האָבן די קאָזשימער יאַטן פֿאַרמאָגט, וואָס קיינער האָט זיי עס ניט געקענט צונעמען — דאָס איז געווען די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. אַ רויטער געמויערטער בנין מיט דריי ברייטע, הויכע טויערן. אַז מען האָט זיי צעעפֿנט, האָבן פֿון אינעווייניק אַרויסגעקוקט פֿעסלעך, וועגן, לייטערס, האַקעס און קישקעס. יעדעס יאַטל איז געווען אויסגעקאָכט אין די אַלע כלי־זין פֿון לעשן אַ שריפֿה. נעבן פּאָזשאַרנע, אויף צוויי הויכע סלופּעס אונטער אַ דעכל, איז געהאָנגען אַ מעשענער גלאָק, מיט וועלכן מ׳פֿלעגט קלינגען טרעוואָגע.

זונטיק בייטאָג האָט זיין קלינגער ניט באַאומרויקט, נאָר געוועקט, גערופֿן — פּשוט איינגעלאַדן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי די פֿייערלעשער.

— ברענען, ברענט טאַקע ניט, אָבער מאַכן אַ רעפּעטיציע שאַדט ניט...

ווייל די מערהייט פֿון די פֿייערלעשער זענען געווען יידן, אָט די באַקאַנטע שניידערס, שוסטערס און טרעגערס — זענען די יאַטלעך אויף אַ רעפּעטיציע געווען ווי ביי זיך אין דער היים.

אברהמל מרדכי דעם מעלערס, וועלכן מען האָט אייגנטלעך גערופֿן — אברהמל ראַשעס, אין אַ ווייסער, ניקלנער קאַסקע פֿון אַן עלטסטן, האָט אַרויסגעגעבן קורצע קאָמאַנדעס:

— טעמ־פּאָ ראַז!

האָבן די פּאָזשאַרניקעס, אין די בלישטשענדיקע מעשענע קאַסקעס, וועלכע די ווייבער האָבן פֿרייטיק געשייערט צוזאַמען מיט די קופּערנע פֿאַנען, געגעבן אַ כאַפּ די לייטערס און געוואַרט.

— טעמ־פּאָ דוואַ!

איין טייל האָט שנעל צוזאַמענגעשלאָסן די לייטערס, אַ צווייטער האָט פאַנאַנדערגעוויקל׳ט די קישקעס, צוגעפּעסטיקט די מעשענע שפּריצערס.

— טעמ־פּאָ טשי!

די גראָבע קישקע מיטן מעשענעם נעץ האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קאָזשימער ברונעם, פיר פייערלעשער האָבן זיך גענומען צו די הענטלעך פון דער פּאָמפּע און אַ וואַסער־שטראָם האָט זיך צעגאָסן איבער די ביימער פון בולוואַר, ווי אַ נאַוועליצע.

העלדישע יאַטלעך זענען בשעת־מעשה געזעסן צווישן די צווייגן, כדי שפּעטער צו קענען דערציילן ווי אַזוי ס׳איז אַלץ צוגעגאַנגען.

דערפאַר ביי אַ שריפה זענען די מיכאַלישקער יאַטלעך געווען די ערשטע. זיי האָבן ניט געדאַרפט וואַרטן ביז טאַטע־מאַמע וועט געבן רשות. ביים ערשטן רוף פון גלאָק זענען זיי געווען גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, אונטערצושטופּן אַ פעסל, צולייגן אַ האַנט ביי דער וואַסער־פּאָמפּע און טאַקע די ערשטע צו רייסן געבאַקענע עפּעלעך פון אַ ברענענדיקן בוים. געברענט האָט עס דאָס רוב אין די דערפער נאָכן שניט.

אַז ביי עמיצן אין שטאָט האָט אַמאָל געברענט אין קוימען, די סאַזשע האָט זיך אָנגעצונדן, האָבן די פייערלעשער קודם געריסן דעכער, איינגעלייגט פאַרקאַנעס...

שיין און העלדיש האָבן זיי אויסגעזען אויפן פּאַראַד אין די בלאַנקנדיקע קאַסקעס און רויטע מונדירן, מיטן אָרקעסטער פאָרויס. הינטערן אָרקעסטער זענען געגאַנגען די צוויי וועטעראַנען — קאַמאַצקי און מרדכי־דוד — באַהאָנגען מיט מעדאַלן.

דער טרוים פון יעדן יאַטל איז געווען אויסצוואַקסן — כדי צו ווערן אַ פּאָזשאַרניק.

*

אין זייער געשיכטע האָבן די קאָזשימער יאַטלעך צו פאַרצייכענען אַ פּאַסירונג — און הגם עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען אויך אַנדערע יאַטלעך, איז עס געווען אויף זייער טעריטאָריע. עס איז געווען אַ פּאַסירונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער טאַט. די געשעעניש האָט אויפגערודערט די שטאָט, און מען האָט ניט געוווּסט מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן...

דער אַטענטאַט

אַ פּראָסטער, פּרייטיקדיקער זומער־טאָג. דאָס שטעטל גרייט זיך אויפצונעמען דעם פּאַן וואָיעוואָדע. אַלע רינשטאָקן זענען ווייס אויסגעקאַלכט. דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן צווישן די שטיינער — אויסגעפּוצט. וואָרעם קאָסטעק־ביערנאַצקי, דער וואָיעוואָדע און שעפער פון פוילנס קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע, האָט ליב אָרדענונג.

דאָס אַלץ איז אָבער ניט אָנגעגאַנגען די יאַטלעך. זיי האָבן נאָך אַרומשפּאַצירט אונטער דער מאַמעס פאַרטוך און זיך ניט געקימערט איבער פּאָליטיק. פאַר זיי איז עס געווען אַ יום־טוב, ווו דער פייערלעשער־אָרקעסטער וועט שפּילן, מענטשן וועלן שטיין אויסגעפּוצטע, מיט בלומען און עפּעס דערוואַרטן.

אויפן שפּיץ באַרג, ביים סאַמע אַריינפאָר אויפן שאָסיי, וואָס פירט פון האָראָדזשעי, איז געווען אויפגעשטעלט אַ טויער. כמעט אַ טריומף־טויער. עס האָט בלויז געפעלט דער ריכטיקער טריומפאַטאָר — וואָרעם קאָסטעק־ביערנאַצקי איז געווען אַ פּראָסטער גוי, מיט אַ קרענקלעכער מאַניע איינצופירן אָרדענונג אין לאַנד, אָנצושרעקן די מורד־במלכותניקעס און אויפן ערשטן אָרט — די יידן.

דאָס טויער איז געווען באַפּוצט מיט פרישע יאָדלע־צווייגן וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט וואַלד. גרינע קליאָן־ און קאַשטאַן־בלעטער האָבן זיך געוויגט, צונויפגעבונדעטע אין קרענץ אַרום די הערבן פון דער שטאָט און דער מלוכה. ביי די זייטן האָבן פאָנען געפלאַטערט אין ווינט.

דער פייערלעשער־אָרקעסטער איז געשטאַנען אין זיין פולן גלאַנץ. די מעשענע טרומפּייטערס אויסגעשייערט, אַזש מען האָט ניט געקענט קוקן אין זיי צוליב דער זון, וואָס האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט. די זילבערנע גאַלאַ־עפּאָליעטן אויף די אַקסלען האָבן יעדן מוזיקאַנט צוגעגעבן חשיבות.

משה־הירש האָט געהאַלטן אין איין האַנט גרייט דעם קלאַרנעט, און די צווייטע — גרייט צו געבן די קאָמאַנדע: טרי־טשטערי... און דער מאַרש זאָל אויפשאַלן.

אַ ביסל ווייטער זענען געשטאַנען די כלי־קודש אין שוואַרצע סורדוטן און האַרטע קאַפּעלושן. זיי האָבן זיך געפּעדערט לכבוד דעם שררה מיט ברויט און זאַלץ. דער סטאַראָסטע, אין אַ גלאַנציקן צילינדער, איז געשטאַנען אַ ביסל שטייפלעך, מיט אַ וויכטיקער מינע. ניט ווייט פון אים פּאָליציי, שול־קינדער מיט בלומען אין די הענט און סתם ליידיק־גייער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טראָטואַר מיט דער האָפענונג צו זען אַ מיניסטאָרישן פּליך.

צו דער שמחה האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו קומען די יאַטלעך — די קונדייסים פון שטעטל.

אַלע זענען געשטאַנען געשפּאַנט אין דערוואַרטונג. נאָר דער פּאַן וואָיעוואָדע האָט געפעלט. ער האָט זיך ניט געאיילט צו קומען.

ס׳איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און די אָנגעשטרענגטע שטימונג פון דערוואַרטונג האָט אַ ביס׳ נאָכגעלאָזט. דאָס וואַרטן איז געוואָרן צו ביסלעך לאַנגווייליק.

אַנטקעגן דעם אויפגעשטעלטן טריאומף־טויער האָט מיעדוויעצקי דער אַגראָדניק געבויט אַ הויז. די ווענט זענען שוין געשטאַנען ווייס־אַרומגעטיעסעט און אויסגעשטאָפּט מיט גרינעם מאָך. דער דאַך איז נאָך ניט געווען געדעקט. נאַקעטע לאַטעס האָבן געוואַרט אויף די שינדלען. דערווייל זענען אויף זיי געזעסן די קאָזשימער יאַטלעך. פון דער הייך האָבן זיי געהאַפּט בעסער צו זען דעם פּאַראַד. אַן אַנדערע חברה יאַטלעך ווידער, זענען געשטאַנען אויפן הויכן פאַרקאַן און דערוואַרט דעם פייערלעכן מאָמענט. חברה איז ניט איינגעשטאַנען רויק. ווו קאָן מען עפּעס שטיין און קוקן סתם אין הימל אַריין און גאָרניט טאָן? גראָד האָבן זיך אויפן הויף געפונען אַ פּאָר קוישן קאַרטאָפל און צוליב צייט־פאַרטרייב האָבן די יאַטלעך פאַרפירט אַ מלחמה צווישן פאַרקאַן און דאַך — איבערשיסנדיק זיך מיט קאַרטאָפל.

אין היץ פון געפעכט האָט קיינער ניט באַמערקט ווי דער פּאַן וואָיעוואָדע איז צוגעפאָרן צום טויער. די מוזיק האָט פייערלעך אויפגעשפּילט, ווייל משה־הירש האָט פּונקט צו דער מינוט געגעבן דעם סיגנאַל: טרי־טשטערי...

ווייסע, זיידענע הענטשקעס האָבן זיך געדריקט. שוואַרצע צילינדערס האָבן אַנטבלויזט גלאַנציקע פּליכן.

די מלחמה צווישן דאַך און פאַרקאַן איז דערווייל אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ ברען, אַז מ׳האָט גאָר פאַרגעסן איר חשובן גאַסט, וואָס איז שוין אָנגעקומען. פּלוצלונג האָט אַ קאַרטאָפל, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער שאָס, געטראָפן דעם פּאַן וואָיעוואָדע אין אַקסל. דער „טריאומפאַטאָר" איז בלאַס געוואָרן. די בלויע אָדערלעך אויפן נאַקעטן פּליך האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. די מוזיק איז ראָפּטום שטיל געוואָרן. אַלע האָבן אין אַנגסט דערוואַרט, אַז אַ ליאַדע רגע — און דער געוואָרפענער קעגנשטאַנד וועט אויפרייסן. אין דער בהלה האָט קיינער ניט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע קאַרטאָפל. און די ערד־פּרי האָט זיך ניט געאיילט

אויפצוררייסן. זי איז זיך דווקא רויק געלעגן אויפן ברוק. פייגלעכע מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהן. די שטילקייט איז ממש געווען אָנצוטאַפּן. אָבער ענדלעך האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אָנגענומען מיט קוראַזש, אויפגעהויבן דעם אָביעקט און צעשניטן אים מיט אַ טאַשן־מעסערל. ווען מען האָט דערזען דאָס געוויינלעכע ווייסע פלייש פון אַ קאַרטאָפל, האָט די אַרומשטייענדיקע מאַסע לייכטער אָפּגעאָטעמט. די פייערלעכע שטימונג איז שוין אָבער געווען אַ צעשטערטע. פון נערוועזן ציטערן זענען די נערוון אויסגעשעפּט געוואָרן. די באַגריסונגרעדעס האָבן זיך מער ניט געקלעפּט.

שנעל איז דער וואָיעוואָדע פאַרשוווּנדן אין זיין לימוזינע. פּאָליציי איז דערווייל ניט געשלאָפן. זי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און פאַרנומען די „אָטענטאַטער" פון פאַרקאָן, די „אויסקוקער" פון דאַך און זיי אָפּגעפירט אין חד־גדיא.

די פּראָצעסיע פון פירן די קליינע, פאַרראָצטע יינגלעך אין פּאָליציי אַריין, ווי מען פירט ווילטיקע אַרעסטאַנטן, איז געווען גאָר ניט קיין פייערלעכע. הויכע, געזונטע פּאָליציי־לייט פירן אַ חברה צען־צוועלף־יעריקע, איבערגעשראָקענע יאַטלעך.

דערשראָקענע מאַמעס, מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן, זענען געלאָפן צום ראש־הקהל מיט אַ געוויין:

— ראַטעוועט אונדזערע קינדער! זיי זענען אומשולדיקע עופהלעך.

דערווייל איז אַריבער אַ מעת־לעת. דאָס שרעקן מיט בייטשן און קאַנטשיקעס האָט אַרויסגערופן נאָך מער טרערן ביים קליינוואַרג אין אַרעסט־הויז. אַפילו די שבתדיקע מאכלים, די פרישע זעמעלעך מיט צימערינג, וואָס די מאַמעס האָבן אַריינגעשיקט אין אַרעסט, זענען ניט געווען צום האַרצן.

יידן האָבן גערעדט מיט די הענט, גערעדט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען. אָבער אומדערוואַרט איז געשען דער נס. אויפן צווייטן טאָג האָט מען די יאַטלעך אַרויסגעלאָזט פון דעם אַרעסט און זיי זענען זיך צעלאָפן איבערן מאַרק מיט ברייט־צעעפנטע פאַרחידושטע אויגן, ווי זיי וואָלטן דעם מאַרק שוין ווי לאַנג ניט געזען.

ווען זיי זענען געזעסן מיט זייערע עלטערן ביים שבתדיקן וואַרעמס, האָבן זיי צוגעזאָגט צו זיין ווילע יידישע קינדער און מער ניט פירן קיין „מלחמה" מיט קאַרטאָפל, גראַד ווען אַ פאַן וואָיעוואָדע קומט אָן אויף אַ באַזוך אין שטאָט.

שבועות אין וואַלד

דער שטאָטישער וואַלד וואָס פאַרלירט ניט זיין גרינקייט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, ענדערט פונדעסטוועגן זיינע קאָלירן... אין ווינטער ווערט ער טונקל גרין און ווו ניט ווו באַקומט ער געלע פלעקן פון די בעריאָזע־בלעטער וואָס ווערן אָפּגעטרוקנט. אין פרילינג איז זיין גרינקייט אַ יונגע, אַ באַנייטע. זי שפּראָצט פון די צווייגן, פון די נאָדלען און פון די יונגע קנאָספּן אויף די ביימער. דעמאָלט איז עס אַ צאַרט־גרינע קאָליר, וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד פון וואַקסן, פון פאַרמערן זיך.

פון דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַלד, שטייט דער בנין פון דער קינדער־קאָלאָניע. די פענצטער — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, די טירן צוגעשלאָסן. זי וואַרט אַז די קינדער — באַפרייטע אויף זומער פון די שולן — זאָלן אַריינבלאָזן לעבן אין איר; דאַן וועט זי זיך צעשמייכלען מיט די אויסגעוואַשענע שויבן און די פייגעלעך וועלן ווידער אַמאָל אַריינפליען דורך די ברייט־צעפראַלטע פענצטער.

האָבן די יאַטן פון „סקיפּ" באַשלאָסן, אַז ס'איז אַן עבירה צו לאָזן פוסטעווען דעם בנין, ווען אין דרויסן איז פרילינג און דער וואַלד צעזינגט זיך מיט יונגע שטימעלעך, ווי ער וואָלט איינגעלאַדן די חברה זי זאָל צוזאַמען מיט די ברוינע וועווריקעס אַ קלעטער טאָן איבער די ביימער, אָדער זיך אַוועקלאָזן שפּילן צווישן די הויכע גראָזן.

— מ'דאַרף מאַכן אַן אויספלוג — אַזוי האָט פאַרגעשלאָגן משהל — אַ שבועות־לאַגער. מ'קען אפילו איינלאַדן די מירער און די סטויבצער אויך!

די יאַטן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. צו ערשט זענען אַוועק בריוו מיט איינלאַדונגען, דאַן די צוגרייטונגען.

— דריי טעג וועט מען זיין אין וואַלד! מ'עט לעבן אין איין משפחה!

דער אַלטער וואַלד איז מיט אַמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט יונגע קולות. עס האָבן געקלאַפּט האַמערס און דער קאָלאָוראָט פון ברונעם האָט נאָכן לאַנגן ווינטער אַרויסגעלאָזט אַ סקריפּ, ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזן די שטריק מיטן עמער אין ברונעם.

אין איין זייט וואַלד האָבן אויך די שומרים געבויט זייערע געצעלטן, אַרומגעגראָבן דעם טיש און זיך געגרייט אויפצוהויבן דעם מאַשט, אויף וועלכן זיי וועלן אַרויפציען די פאָן.

דער מאַשט, צונויפגעשלאָגן פון דינע לאַנגע סאָסנעס, איז אַ ביסל צו שווער פאַר זייערע כוחות.

איז באָמע קאַטשאַנאָווסקי אַוועק אין לאַגער פון די סקיפּיסטן:

— העלפט אונדז אויפשטעלן דעם תורין!

— אדרבא!

שוין האָבן חברה פאַרוואָרפן אַ שטריק, איין עק פון דעם מאַשט אָנגעשפּאַרט אין וואַנט פון גרוב, און ווי פויערים וואָס טוען עפּעס צוזאַמען, האָט באָמע אָנגעפירט:

— ראַז, דוואַ, ווזיאַלי...

— אישטשאָ ראַז, ווזיאַלי!

פּאַוואָליע האָט זיך דער מאַשט גענומען אויסגלייכן און ווען ער איז שטיין געבליבן, האָט ער אַריבערגעקוקט הויך איבערן וואַלד.

פון ברייטן, זאַמדיקן שליאַך זענען אָנגעקומען געסט.

— חברשאַפט!

— חברשאַפט!

— אָ, הערשל פּיערניקאָוו פון דערמיר, וואָס מאַכט מען?

— און דאָס איז חבר הערשל פּאַסמאַניק. דער ליאַק... — דאָס האָבן יאַטן פאָרגעשטעלט אַן עלטערן צוקונפטיסט.

פאַרנאַכט זיצט שוין חברה ביים אָוונט־ברויט, ווי אַלטע באַקאַנטע. איין גרויסע משפחה.

דער שטאָטישער וואַלד איז געווינט צו זען ווי איבער זיינע קרוינען פלאַטערט די ווייס־בלויע פאָן. אויך דער גאַיאָווע, דער וואַלד־שומר, איז געווינט צו זען אַז יונגע יידישע בחורים קלייבן זיך צוזאַמען אין וואַלד, זאָל אויפן מאַשט פלאַטערן די פאָן. אַזוי פירט זיך שוין זינט יאָרן, און ער קען כמעט אַלע שומרים. ער ווייסט שוין ווען זיי דאַרפן אָנקומען אין וואַלד, דעמאָלט גרייט ער אָן פאַר זיי צוויי יונגע סאָסנעס פאַרן מאַשט. דערפאַר קויפן זיי ביי אים מילך. ער קען אַפילו זייערע טאַטעס אין שטאָט וואָס האָבן קראָמען, ווו ער קומט אָפט איינצוקויפן פאַר זיין ווירטשאַפט.

וועגן די אַנדערע קימערט ער זיך קנאַפּ. זיי וווינען אין קאָלאָניע־בנין, מסתמא האָבן זיי אַ שייכות צום „טאָז" ווו ס'איז פּרעזעס דער פאַן דאָקטער גינזבורג. נאָר עפּעס איז אים געווען פאַרדעכטיק דאָס רויטע פענדל וואָס פלאַטערט ניט צו הויך ביים אַריינגאַנג. אמת, נעבן איר פלאַטערט אויך אַ בלויע. דער פאַרדאַכט לאָזט אים ניט רוען, עפּעס הענגט דאָס פענדל צו נידעריק; און זי איז גאָר אַזוי קליין, קוים מען זעט עס. ביי די אַנדערע זעט זיך די ווייס־בלויע פאָן פון דער ווייטנס, הויך איבערן וואַלד. אַ רויט פענדל צווישן יידן — דאָ מוז עפּעס זיין אַ ניט גלאַטע זאַך. פאַרטייעט זיך דער גאַיאָווע צווישן די ביימער,

כלומרשט — ער גייט אין וואַלד און וויל דערווייל זען וואָס די דאָזיקע יינגלעך און מיידלעך טוען.

— נאָר מען רעדט — זאָגט ער צו זיך אַליין. — איינער דערציילט און די אַנדערע הערן צו; גאָר גלאָט איז עס ניט...

מיט זיין פּשוטן פּויערישן שכל קען ער עס ניט באַנעמען. אין אַזעלכע פאַלן ווייסט ער, איז בעסער צו מעלדן ווו מען דאַרף. זיי וועלן עס שוין קלאָר מאַכן.

אויפן דריטן טאָג האָבן חברה אָפּגעשלאָסן דעם לאַגער און זיך אַוועקגעלאָזן צופוס אין שטאָט אַריין.

— איידער מען צעפאָרט זיך, ווילן מיר כאַפּן אַ קוק אויף ניעסוויזש.

אויפן וועג זענען אָנגעריטן פּאָליציי־לייט אויף פערד; זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון וואַלד.

צום ערשטן זענען די געסט אַוועק אין דער יידישער שול. צו דער שול האָבן זיי זיך געפילט גאָר נאָענטע מחותנים.

דער דרייצן־יעריקער משהל איז געווען צו מיד אַרומצו־פירן די געסט איבער דער שטאָט. די לאַגער־ווירטשאַפט, דאָס אַכטונג געבן אויף די איינריכטונגען פון דער קאָלאָניע, אַז אַל׳ץ זאָל בלייבן אין אָרדענונג, ווי ער האָט עס צוגעזאָגט זיין טאַטן, האָט פאַרשלונגען פיל צייט. ס׳איז אים ווייניק צייט געבליבן אויף אָפּצורוען זיך. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער נאָך אַלץ געזעסן, ביז די פייערן האָבן זיך אויסגעברענט. דער נאַכטיקער גערויש האָט איינגעוויגט, נאָר די פליכט איז שטאַרקער געווען.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק אַהיים.

די פּאָליציי האָט שוין אויפן לאַגער קיינעם ניט געפונען. זיי זענען שנעל צוריק געקומען אין שטאָט אַריין. ערשט אַרום די שולן האָבן זיי געטראָפן די פרעמדע און אָפּגעפירט אין קאָ־מיסאַריאַט אַריין.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זיי גענומען אויפן פאַרהער:

— ווער זענט איר?

— צוקונפטיסטן.

— וואָס האָט איר געטאָן אין וואַלד?

— מיר האָבן געהאַט אַ דריי־טאָגיקן לאַגער.

— שפּאַצירט אין וואַלד, געזונגען לידער.

— אַזוי, לידער, טאָ לאָמיר הערן אַ ליד!

איז חברה ניט פויל און צעזינגט זיך אויף אַלע שטימען: „דעם מאַרגן־רויטן אַנטקעגן" — אַזש עס צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער אין מאַרק אַריין.

פון דעם ליד פאַרשטייט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר נאָר דאָס לעצטע וואָרט אין רעפריין:

— ווייל מיר די יונגע גוואַרדיע פון פּראָלעטאַריאַט...

פּסקנט ער מיט אויטאָריטעט:

— קאָמבונד, פּסיאַ קרעוו...

אַצינד ווערט די חברה אים ערשט פאַרדעכטיקט, און ער נעמט זיך צו דער אויספאָרשונג:

— ווער האָט אייך אַהער אַראָפּגעבראַכט?

קוקן זיך די יאָטן איבער, און עס בלייבט, אַז מען דאַרף זאָגן דעם אמת. דעקלערן זיי:

— משה אייזענבוד!

— טעגאָ יאַ דאַבזשע זנאַם! — מאַכט דער קאָמיסאַר, — און שיקט אַ פּאָליציסט מען זאָל אים אַהער ברענגען.

אַ פערטל שעה שפּעטער האָט זיך דער פּאָליציסט צוריק־געקערט מיט משה אייזענבוד, דעם אייגנטימער פון „האָטעל וואַרשאַווסקי".

די געשיכטע מיט אַרעסט איז דערגאַנגען צו ניאָמקע איי־זענבודן, דעם צאָן־דאָקטער און אָנפירער פון די ציוניסטן.

— וואָס? משהן? — האָט ער זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט זיי?

זיי — דאָס זענען ביי אים געווען די צוויי „לינקע" אין דער משפחה: דער דעפּוטאַט פון לעטישן פאַרלאַמענט נח מייזל און לייבל אייזענבוד.

ניאָמקע האָט אַ נערוועזן דריק געטאָן די גאָלדענע פענסע, גענומען דעם קאַפּעלוש און זיך אַוועקגעלאָזט צום פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— וואָרעם טאַקע, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו זיי...

— אָט דאָס איז ער! האָט מיט טריומף אויסגערופן דער קאָ־מיסאַר, נאָך דעם ווי ער האָט משהן אַריינגעפירט. די חברה האָבן אים אָנגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— ניין, מיר זעען דעם מענטש ס׳ערשטע מאָל...

— צאָ זאַ פּסיאַ קרעוו — האָט זיך דער קאָמיסאַר גענומען וואַרפן. — צו ערשט זאָגט איר: משה אייזענבוד, איז אָט איז ער דאָך. זאָגט איר: ניין. טאָ ווער זשע?

— משה אייזענבוד — חזרט חברה איבער ס׳זייעריקע.

אין קאָמיסאַריאַט איז אַריין ניאָמקע.

— פּאַניע אייזענבוד, ביטע, זעצט זיך — איז דער קאָמי־סאַר העפלעך. — קענט איר מיר אַרויסהעלפן?

— יאָ, משה אייזענבוד קען איך. ער איז אַ ציוניסט.

דער דאָזיקער פּלאָנטער פון די פיל אייזענבודס האָט אין קאָפּ פון קאָמיסאַר גענומען אויסזען ווי אַ יידישער שווינדל, אָבער אַזאַ כיטרער, אַז מען קען ניט געפינען דעם פאָדים אים אויסצופּלאָנטערן. דעם פאַן דאָקטער גלויבט ער. דעם משהן קען ער ניט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן. אָבער זיי טענהן דאָך פאָרט — משה אייזענבוד, טאָ ווער איז ער?

כדי אַרויסצוקריכן פון דער לאַגע, דערביי ניט אָנצורירן זיין האָנאָר, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געפּסקנט:

— איר פרעמדע, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, נאָך היינט נאָך. מיט די היגע וועלן מיר זיך שוין אַליין פאַנאַנדערקלייבן...

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען דער דרייצן־יערי־קער משהל האָט זיך אויסגעשלאָפן און איז געגאַנגען זען חב־רים. ערשט דאַן איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ווען ער איז זיך רויק געשלאָפן, האָט די פּאָליציי אים אַרומגעזוכט...

משה אייזענבוד

פונעם בוך „ניעסוויזשער יידן".

*

קאָנספּיראַטאָרן

קלמן־איטשעס שטוב איז געווען אַן אַלטע, הילצערנע גע־ביידע וואָס האָט פאַרנומען איר ווינקל אין דער גאַס. קיינער האָט קיין אַכט ניט געלייגט דערויף וואָס קלמן־איטשע, דער ווינקל־אַדוואָקאַט, איז שוין אויך ניטאָ. דער נאָמען „קאָלמאַ־ניטשעס שטוב" איז געווען ווי די דריי גאַניקעס, פאַר די דריי טירן וואָס האָבן זיך אויפגעמאַכט פון גאַס, ווי די געטיע־סעטע ברושעס אין וועלכע זשוקעס האָבן אויסגעבויערט קליינע לעכעלעך און פון זיי האָט זיך געשאָטן ווייסער פּולווער; ווי דער פונדאַמענט פון געהאַקטע שטיינער — עס איז געווען אַ טייל פון דער געביידע.

אין עטלעכע אָפּגעלאָזענע, טונקעלע צימערן האָט געלעבט די פאַמיליע שטיין. ערגעץ־ווו האָבן זיי זיך אָנגעהערט משפּחה מיט קלמן־איטשען, און ווייל קיינער אין שטאָט האָט זיך ניט געקליבן איבערצונעמען די ירושה, האָבן די שטיינס ניט נייטיק געהאַט צו דערווייזן געווי, אין וועלכן אָרט זייער צווייג האָט

אַרויסגעשפּראָצט פון דעם בוים, פון קלמן־איטשעס יחוס. ס'איז געווען גענוג אַז זיי האָבן זיך דערקלערט ווי קרובים. דערפאַר איז אָבער אויך ניט געווען פון וועמען צו פאַרלאַנגען אַז מען זאָל די פאַר חדרים אויסקאַלכן לכל הפחות, כדי זיי צו געבן אַ שיין פון אַ מענטשלעכע דירה.

אַרום טיש האָט געוויינלעך אַרומשפּאַצירט אַ הון. די מאַמע שטיין האָט זי געקויפט אין מיטן דער וואָך, ווי אַן אַדערויף אויפן שבת. ווען ס'איז דער הון לאַנגווייליק געוואָרן אַרומצושפּאַצירן, האָט זי געקאָנט אַ פלי טאָן איבער די בעטן, זיך זעצן אויפן ראַנד פון אַלמער און דאָרטן טאָן איר הינערישע באַדערפעניש. טאָמער איז צופעליק אויפן טיש געלעגן אַ שטיק ברויט, איז זי ניט פויל געווען זיך אַרויפשטעלן אויבן אָן און עס נעמען פּיקן. וואָרעם אַז אַ הון איז אָפּגעווען עטלעכע טעג אין דער וווינונג פון די שטיינס, איז זי גלייך געקומען צום שכל אַז וואַרטן אויף כבוד דאַרף מען ניט; מען מוז זיך אַליין פאַרשאַפן דעם ביסן, אַפילו ווען דער לעבנס־שפּאַן איז אַ קורצער — אַזוי פון מאָנטיק־דינסטיק, ביז פרייטיק אין דער פרי..

די רויטע איבערבעטן, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקראָכן דער פוך און זענען געלעגן צעוואָרפן איבער די הילצערנע בעטן, האָבן געשאַפן דעם איינדרוק אַז ס'איז ערב־פּסח און מען גרייט זיך זיי איבערציען. ניט מער, דער ערב פּסח האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן ווינטער.

אַז אַ פרעמדער וואָלט אין אַ געוויינלעכן טאָג צופעליק אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער וווינונג און פאַרזיכטיק שטעלנדיק די פיס צווישן די הינערישע איבערבלייבעכצן דערזען די אָפּגעשיילטע ווענט, דאָס מעבל און די ניט פאַרבעטע בעטן, און וואָלט זיך געוואָלט צוריקציען, כדי אַרויסצוכאַפּן זיך אין דרויסן — וואָלט זיין בליק געפאַלן אויף אַן עטאַזשערקע אָנגעפּראָפּט מיט ביכער. דער פרעמדער וואָלט זיך פלוצלונג פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיינע אויגן ניט געגלויבט — ב י כ ע ר?

נאָר פאַר אַ שטעטלדיקן איז דאָס אַלץ ניט קיין וווּנדער. די מאַמע שטיין האָט וואָס אַן אמת קיין חיונה בריווח ניט געהאַט. דאָס ביסעלע וואָס זי האָט אַרויסגעריסן פון לעבן האָט קוים געקלעקט צו דערנערן די משפּחה. פונדעסטוועגן האָט דער עלטסטער ראובן געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע, דער מיטעלער איז געווען פאַרקאָכט אין פילאָזאָפישע ביכער און דער דרייצן־יעריקער לייבע — אַ שילער אין דער העברעישער שול „תרבות".

און אַלע האָבן זיי ליב געהאַט — ביכער.

*

די סאָוויעטישע מאַכט וואָס האָט פאַרנומען ס'שטעטל, ווי ס'וואָלט שוין לאַנג געווען אַ טייל פון ווייסרוסלאַנד, האָט ניט ליכטיקער געמאַכט אין דער דירה פון דער משפּחה שטיין. זיי זענען אויך ניט זאַטער געוואָרן, זי האָט בלויז די דירה גראַמער געמאַכט. מחמת דער עלטסטער איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען אויף קורסן, דער מיטעלער האָט פון אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע זיך אַ נעם געטאָן צו קאָנקרעטע פּראָבלעמען און איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ בקי אין דער „סאָוויעטישער תורה" — און זיך באַלד אַ רוק געטאָן אויבן אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מתמיד. אין דער היים איז געבליבן דער דרייצן־יעריקער לייבל, ווי אַ קינד ביי דער מאַמעס פאַרטוך.

ניט מער, אויך קינדער טראַכטן. ס'איז נאָר ניט קלאָר ווי לאַנג דאַרף עס דויערן ביז די געדאַנקען ווערן רייף... אַלנפאַלס, ביי לייבען זענען זיי רייף געוואָרן אין מיטן ווינטער. די מיטלען וואָס האָבן דערצו מיטגעהאָלפן זענען געווען פאַרשידענע. אָט איז די „תרבות"־שול געשלאָסן. קלאַנגען גייען — מען דאַרף אָנהייבן לערנען יידיש. יידיש — האָט לייבע געטראַכט — זאָל זיין יידיש, אַבי לערנען. וואָרעם ווי ווייט איז דען יידיש פון העברעיש? נאָר איינס איז קלאָר, די העברעישע ביכער פון דער שול־ביבליאָטעק קען מען ניט איבערשרייבן — זיי וועט די נייע מאַכט באַשטימט צונעמען און פאַרניכטן. און לייבען ווילט זיך בשום אופן ניט שיידן מיט די ביכער דורך וועלכע ער האָט דערזען די וועלט (כאָטש פאַר זיין מיטעלן ברודער איז דער אויסדרוק וועלט געווען צו פּשוט, און ער האָט תמיד אין אַזאַ פאַל גענוצט דאָס וואָרט — אוניווערס...).

אין אַ פראָסטיקן טאָג, ביי דער גרויער וואַנט פון קלמן־איטשעס שטוב, אַ וואַנט מיט ווייניק פענצטער, ווייל זי גייט אַרויס צום הויף, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דריי יאַטלעך. אַ פרעמדער וואָלט געמיינט, אַז זיי מאַכן שניי־קוילן, אָדער טאָפּטשען סתם אַרום אין אָנגעפאַלענעם שניי. נאָר זיי האָבן גערעדט — תכלית. זיי האָבן זיך ניט געקליבן אַראָפּוואַרפן די מאַכט, חלילה. אַפילו ניט צו וואַרפן באָמבעס, ווי אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געפירט. אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט איז — ראַטעווען די ביבליאָטעק מיט די העברעישע ביכער.

און אָט, צייכענענדיק מיט שטעקעלעך איבערן שניי, איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן: דער בעסטער אָרט פאַר דער נייער ביבליאָטעק איז דאָס „שטיבל" פון דער קאַלטער שול. שעפּסלס פעטער, איטשע דער הויכער, וואָס איז געווען גבאי פון דער שול, האָט דעם שליסל. כדי מען זאָל ניט באַמערקן אַז די ביכער־שענק זענען ליידיק, דאַרף מען די סידורים, מחזורים וואָס שטייען אין די שענק פון שטיבל, אַרויסרייסן פון זייערע טאָוולען. אויף די העברעישע ביכער אַרויסרייסן פון די טאָוולען און די ביכער אויסטוישן.

וואָרעם טאָוולען — האָבן די יאַטלעך געהאַלטן — דערציילן ניט וועגן אינהאַלט פון בוך און די סידורים נוצט סיי ווי קיינער ניט, ווייל דאָס שטיבל שטייט פאַרלאָזן.

— איז אַלץ קלאָר? — האָט געפרעגט דער שוואַרצער לייבע, נאָך דעם ווי דער פּלאַן איז געלעגן פאַר די חברים ווי אויף דער האַנט.

אַצינד איז געבליבן די סטראַטעגיע צו פאַרוואַנדלען אין טאַקטיק:

— מען דאַרף צוציען נאָך עטלעכע יאַטלעך — האָט פאַרגעלייגט שעפּסל, — אַזאַ זאַך קען מען לאַנג ניט פאַרציען..

האָט מאָיעק באַנקאָווסקי גענומען אויף זיך איבערצורעדן די זאַך מיט די אַנדערע יאַטלעך פון זייער קלאַס. ער האָט אין זינען געהאַט דעם רויטן מאָטקע פּראַמאַן, לייבעלע סלוצקי, יצחק פּערלמאַן און די צוויי כאַלאַפּעס: נאָטע און איטשע. אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן.

— אַלץ איז גרייט — האָט מאָניעק איבערגעגעבן — מען קען צוטרעטן.

זענען די יאַטלעך אַוועק צו יאַנען, דעם סטרוזש פון „תרבות", כדי צו זען וואָס ער מאַכט. יאַן האָט זיך דערפרייט מיט די אַלטע פריינד זיינע און זיך מיט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן די נייע צייטן:

— ווען וועט מען ווידער דאָ לערנען?

און ביז זיי האָבן אים געגעבן די תשובה, האָט עמיץ דערווייל אָפּגעקייטלט אַ פענצטער.

*

די נאַכט אַ קאַלטע, פראָסטיקע, האָט די יונגע קאָנספּיראַטאָרן געגעבן דעקונג. לייבע איז געשטאַנען פאַר די אָפענע שענק, געפליקט די ביכער פון זייערע טאָוולען און אַרויסגעגעבן זיי דורכן אָפענעם פענצטער. ערשט דאָ האָבן די יאַטלעך זיי אַריינגעלאָזט אין די פאָלעס פון די מאַנטלען, און אַוועקגעלאָזט זיך צום „שטיבל", ווו שעפּסל האָט שוין גרייט געהאַט די סי־

דורים וואָס וועלן צוריק פאַרנעמען דאָס ליידיקע אָרט אין שאַנק...

האָבן די דרייצן־יעריקע יאַטלעך אָפּגעשאַצט די געפאַר וואָס לויערט אויף זיי, טאָמער אַנטדעקט זיי אַ פּאַטראָל וואָס דרייט זיך אַרום איבער דער שטאָט? האָבן זיי געטראַכט וואָס עס קען פּאַסירן מיט זייערע עלטערן, לערער, מיט די אַנדערע יידן אין שטאָט? שווער דערויף צו ענטפערן. איינס האָבן זיי פאַרשטאַנען: אַלץ מוז מען מאַכן אַליין און ניט פאַרטרויען קיין עלטערן...

די שטאָט איז רויק געשלאָפן, ווי עס שלאָפן מענטשן, וועלכע האָבן אַקצעפּטירט די נייע אָרדענונג, מיט אירע געזעצן. ווי עס שטייט געשריבן: דינא דמלכותא — דינא.

די יאַטלעך האָבן געאַרבעט פיבערדיק, ניט שפירנדיק דעם פראָסט. נאָר מיט איין מאָל איז עס אוממעגלעך געווען צו פאַרענדיקן.

— מען מוז צו דער צייט אַ היים קומען...

די מאַמע שטיין האָט בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס די קעשענעס פון לייבעס מאַנטל זענען צעטרענט, אַזש די האַנט פאַלט אַריין אין די פאָלעס.

— ניט אַנדערש, נאָר דו טראָגסט שטיינער אַריבער.

— ניט קיין שטיינער, מאַמע. דאָס קלייב איך זיך דעם מאַגיסטראַט אַריבערצוטראָגן...

די מאַמע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און די לעכער פאַרנייט...

*

די לערער און די עלטערע תלמידים האָבן מיט באַדויערן, ווי זיי וואָלטן באַגלייט אַ מת, אַרויסגעבאַגלייט די פאַרקלאַפּטע ביכער־שענק, וועלכע פרעמדע הענט האָבן אָנגעלאָדן אין שליטנס.

די יאַטלעך האָבן זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס, ווי ס׳וואָלט זיי גאָרניט אָנגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן מיט אַמאָל פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר ביכער. בלויז זייערע אויגן האָבן געפינקלט. דאָס איז געווען דאָס פּייערל פון סוד און נצחון.

די ביבליאָטעק האָט ווייטער עקזיסטירט...

משה אייזענבוד

*

שלום שאַפּיראָ ז״ל

געבוירן אין יאָר 1909 אין ניעסוויזש, געלעבט אין ניעסוויזשער געטאָ. בעת דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ, דעם 22סטן יולי 1944, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן — און ער איז אָנגעקומען אין די וועלדער פון פּאָלעסיע. דאָ האָט מען אים נישט געוואָלט צונעמען אין די פּאַרטיזאַנער, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געווער. שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין נאַליבאָקער פּושטשע און געוואָרן אָנגענומען אין דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אויפן נאָמען „פּיערוואָיע מאַיאַ" (ערשטער מאַי). געווען קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, באַטייליקט זיך אין אויפרייסן בריקן און באַן־וועגן אויף דער ליניע ניעגאָרעלאָיע—באַראַנאָוויטש.

איין מאָל האָט ער געשיקט זיינעם אַ פּאַרטיזאַן אויפצורייסן אַן אייזנבאַן־ליניע. די מינע האָט אָבער ניט אויפגעריסן. שלום איז געגאַנגען זען די סיבה דערפון — נאָר ס׳האָט פּאַסירט אַן אומגליק: ווען שלום האָט זיך דערנענטערט צו דעם אָרט ווו די מינע איז פאַרלייגט געוואָרן, האָט זי פּלוצלונג אויפגעריסן און ער איז דערהרגעט געוואָרן. דער טויט האָט אים געפונען ביי דער באַן־סטאַציע ניעגאָרעלאָיע.

ברוך שפּירא

(לויט דער דערציילונג פון לעבן־געבליבענע פּאַרטיזאַנער)

*

ר׳ אהרון לעווין דער שוחט ז״ל

מיין פעטער ר׳ אהרון לעווין, דער שו״ב פון דער קהילה, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט. אַ דאַנק זיינע פּערזענלעכע כאַראַקטער־שטריכן: אַ ליכטיק פּנים, אַ גוט האַרץ, מיט אַ טיפע ליבע צו מענטשן. טאָן אַ יידן אַ טובה, געבן עמעצן אַ גמילות־חסד אָדער אַ „מתן־בסתר" — האָט אים חוץ די מצוה, פאַרשאַפט ממש אַ פאַרגעניגן. ער איז געווען געניגט מוחל זיין מענטשן, וואָס האָבן אים



אַרויסגעוויזן אומדאַנקבאַרקייט. ער האָט תמיד געשטראַלט מיט אָפּטימיזם און אויך אין די שלעכטסטע טעג אויסגעפונען גוטע כוונות ביי מענטשן, אַפילו ווען זיי זענען נכשל געוואָרן.

ר׳ אהרון האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט בטחון. אויב עמעצן אין דער משפחה און סתם אַ יידן איז געווען שווער אויפן האַרצן — איז ער געגאַנגען צו ר׳ אהרונען זיך אויסריידן זיין האַרץ. ר׳ אהרון האָט שוין געוווּסט וואָס ער דאַרף טאָן פאַר אַזאַ ייד אין יענער שעה.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געפירט אַ פרומען אָרט לעבן, אָבער גלייכצייטיק האָט ער געהאַט אַ סך פאַרשטענדעניש אויך פאַר אַ נישט פרומען.

זיין שטוב איז געווען אַ נעסט פון יידישקייט און ציוניזם. דער עלטסטער זון פייוול (שרגא) איז ווי אַ חלוץ געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין אָנהייב פון דער דריטער עליה — און ר׳ אהרון איז דערמיט געווען שטאָלץ. אַז פייוול האָט יאָריערלעך געשיקט אַן אתרוג מיט אַ לולב פון ארץ־ישראל, איז דאָס געווען אַ יום־טוב, אַ פרייד און שטאָלץ פאַר דער גאַנצער משפחה. ר׳ אהרונס שטוב האָט דאַן געשמעקט מיט ארץ־ישראל.

מיר קינדער, פלעגן קומען צום פעטער ר׳ אהרון מיט ארץ־ישראל בענקשאַפט אָנקוקן דעם שיינעם, איידעלן אתרוג, וועלכער איז געלעגן אין אַ זילבערנע פושקע, אויסגעבעט אין וואַטע. זיין ייִנגערער זון לייבל, איז יאָרן־לאַנג געווען דער מורשה פון קרן־קיימת אין שטאָט, דערפאַר איז די שטוב שטענדיק פול געווען מיט ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור. די יונגע טאָכטער שרהלע האָט ר׳ אהרון געשיקט שטודירן קיין בעלגיע. און די אַלטיטשקע באָבע, מיין פעטערס מוטער, אַ גרויסע למדנתטע וואָס האָט געשפּרודלט מיט תורה, ווערטלעך פון חז״ל און שפּריכווערטער — פלעגט ביי ר׳ אהרונען אין שטוב צוטראָגן אירע באַליבטע אייניקלעך אַ שטיקל לעקעך פון שבתדיקן געבעקס.

ר׳ אהרון האָט געוווינט אין איין הויף מיט זיין שוואָגער ר׳ איטשע סאַראַגאָוויטש — אַ ייד מיט אַ שאַרפן קאָפּ, אַ גרויסער למדן און אויסגעצייכנטער מאַטעמאַטיקער. דעם גאַנצן לעבן האָבן זיי געפירט ויכוחים אין סוגיות פון דער הלכה און אויך אין עניני דיומא.

ר׳ איטשע איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פון בית־שמאי. און ר׳ אהרון — אַן אומהיילבאַרער בית־הלל. די מומעס חיה און ראַשע פלעגן טראָגן דעם טאָג־טעגלעכן יאָך פון לעבן...

פּסח, קומענדיק פון שול פאַרן סדר, פלעג איך אַלס קינד, מיט די אויף יום־טוב אויפגענייטע סאַמעטענע הייזלעך און די נייע סקריפּנדע סאַנדאַלן, לויפן שנעל פון אונדזער גאַס צו ר׳ אהרונען כדי נעמען אַ ביסל חרוסת, ווייל ער האָט געהאַט אַ חזקה צו גרייטן חרוסת פאַר אַ סך יידישע משפחות.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה מיט די דייטשן, בין איך צוזאַמען מיט ר׳ אהרונען און ר׳ איטשען געשטאַנען אויף זייער הויף און נאָכגעפאָלגט די ידיעות און די עראָפּלאַנען, וועלכע זענען געפלויגן. ר׳ אהרון האָט גערעדט מיט אַ סך בטחון, אַז דער דייטש, ווי אַלע יידישע שונאים, וועט האָבן אַ גרויסע מפּלה.

אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג איז ר׳ אהרון, אָנגעטאָן אין שבתדיקע בגדים, אַוועק קיין האָראָדזיי צופוס מיט אַ יידן, וואָס איז געקומען אים בעטן ער זאָל מל זיין זיין אייניקל.

ר׳ אהרון איז צוזאַמען מיטן יידן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די דייטשן אויפן שאָסיי, אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים מיטן באַפעל צו מעלדן זיך אין דער זשאַנדאַרמעריע.

צומאָרגנס איז ר׳ אהרון אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן זיין שבתדיקע קאַפּאָטע און זאַלבעצווייט אַוועק אין דער דייטשער קאָמענדאַטור. פון דאָרט איז ר׳ אהרון מיטן ייד אָפּגעפירט געוואָרן דורך אַ דייטשע וואַך צו די גלינישטשער גריבער, ווו מ׳האָט זיי דערשאָסן.

אין יענעם טאָג האָב איך געאַרבעט אויפן פעלד ביי דער „אַלבע״ ס׳איז געווען הייס און שטיל. מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט פון דערווייטנס אייניקע שאָסן. ס׳איז מיר אַדורך אַ ציטער...

אין אָוונט איז מיר באַוווּסט געוואָרן דעם אמת: ר׳ אהרון איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיטן האָראָדזייער ייד, וואָס האָט מיט אַ טאָג פריער אים געבעטן אויפן ברית פון זיין אייניקל. די גאַנצע שטאָט יידן איז דערציטערט געוואָרן. ר׳ אהרונס טויט איז געווען אַ וואָרענונג, אַ רוף!

שלום כאַלאַווסקי

*

דער טויט פון מיין פאָטער

מיין טאַטע משה גרינוואַלד און מיין פעטער יהושע גרינוואַלד (אָווסיי) האָבן בשותפות געהאַט די ציגעלניע אין פּאָהולאַנקע — די איינציקע גרויסע אונטערנעמונג, וואָס האָט אויסגעאַרבעט זייער אַ סך ציגל. נישט איין מויער אין ניעסוויזש און אין דער סביבה איז אויסגעבויט געוואָרן פון די דאָזיקע ציגל. אין 1912 האָט מיין פאָטער איינגעשטעלט די גרויסע „האָפמאַנס אויוון״, און אַ דאַנק דעם פאַרבעסערט די קוואַליטעט פון די ציגל.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ציגעלניע האָט ניט געאַרבעט, האָט מיין פאָטער אויפגעשטעלט אַ דאַמף־מיל. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, אין 1917, האָבן די פּוילישע לעגיאָנען צוריקגעשטויסן די באָלשעוויקעס און זענען דערגאַנגען ביז קיעוו. שפּעטער, בעתן צוריקצוג פון די פּאָליאַקן, האָבן די פּוילישע סאָלדאַטן געמאָרדעט יידן. נישט איין מאָל פלעגט אונדז אויסקומען זיך אויסצובאַהאַלטן אין שייער פאַר די פּוילישע רוצחים. אונדזער משפחה האָט באַזונדערס געליטן, היות מיר האָבן געוווינט הינטער דער שטאָט, ווו קיין יידן, אויסער אונדזער משפחה, זענען נישט געווען.

נישט ווייניק צרות האָבן מיר אויך געהאַט אויסצושטיין פון די באָלשעוויקעס. אַזוי ווי מיין פאָטער און פעטער זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן, האָבן זיי אין די אויגן פון די באָלשעוויקעס אויסגעזען ווי בורזשויען און רעאַקציאָנערן.

די פּאָליאַקן האָבן ביי אונדז צעראַבירט דעם גאַנצן פאַרמעגן, אַרויסגעשלעפּט פון שייער די תבואה, געקוילעט בהמות און אַרויסגענומען פון שטוב די בעסטע זאַכן. אין יענער צייט האָבן די פּוילישע זשאַנדאַרמען געוואָלט צונעמען מיין מאַן אהרן אין אַבאָז. מיין פאָטער איז מסכים געווען אים צו פאַרביטן — האָט ער איינגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן.

אין אַ וואָך אַרום איז געקומען דוד דעלאַטיצקי פון האָראָדזיי און געזאָגט, אַז אין דאָרף אוזשאַנקאַ האָט אַ קריסט פאַרקויפט דעם טאַטנס פערד־און־וואָגן. ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין אוזשאַנקאַ, האָבן פויערים אָנגעוויזן ביי וועמען עס געפינט זיך אונדזער פערד־און־וואָגן. דערנאָך איז געקומען דעם סטאַראָסטעס שרייבער און אָנגעזאָגט, אַז „נאָך אַ ייד האָבן די באַלאַכאָוועס דערמאָרדעט״. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען אומגעבראַכט מיין פאָטער. מיר האָבן באַצאָלט פּאָליאַקן זיי זאָלן אויפזוכן דעם טויטן קערפּער — אָבער אָן דערפאָלג. ערשט אַרום פּסח האָבן פויערים זיך אָנגעטראָפן אין האָראָדזייער וואַלד אויף אַ קופּע פון בלעטער און צווייגן און אונטער זיי איז געלעגן אַ בר־מינן. מען האָט אונדז גלייך געגעבן צו וויסן און ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן מיר באַלד דערקענט דעם טויטן קערפּער פון אונדזער פאָטער. דער גאַנצער גוף איז געווען דורכגעלעכערט, אויף זיין האַלדז איז געווען פאַרצויגן אַ פּאַסעק. ווייזט אויס,

אַז נאָכן איזדעקעווען זיך איבערן טאַטן, האָט מען אים דערשטיקט.

מיר האָבן דעם טויטן קערפּער געבראַכט אַ היים און אים מקבר געווען אויפן ניעסוויזשער בית־עלמין. מער האָבן מיר שוין אין פּאָהולאַנקע נישט געקענט זיין און זענען אַריבערגעפאָרן קיין ניעסוויזש.

חנה יאַסינאָווסקי

*

מיינע באַגעגענישן מיט יואל ראָזאָווסקי

בעת דעם סאָוויעטישן פּעריאָד אין ניעסוויזש (41—1939), האָב איך געדינט אין דער מיליץ און צווישן די אַנדערע פליכטן מיינע, האָב איך אויך געהיט די ניעסוויזשער טורמע. צווישן די ערשטע אַרעסטירטע יידן, וואָס די נ. ק. וו. ד. האָט געבראַכט אין טורמע, זענען געווען דער ראש הקהל ר׳ יואל ראָזאָווסקי, די ברידער אייזיק און שמואל כאַרלאַפּ, דער בירגערמייסטער הענריצי און אינזשיניער קרופּסקי.

אַ מיליציאָנער איז געווען פאַרבאָטן אַנצובינדן וועלכן ס׳איז קאָנטאַקט מיט אַן אַרעסטירטן, ווער רעדט נאָך — אַ פּאָליטישן, האָב איך פונדעסטוועגן נישט געקוקט אויף דער סכנה און אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אַרעסטירטע יידן, איבערהויפּט מיט ר׳ יואלן.

אויף איינער פון מיינע באַגעגענישן מיט אים, האָט ער דערציילט, אַז די נ. ק. וו. ד. באַשולדיקט אים, צווישן אַנדערע „חטאים" זיינע אַלס ראש הקהל פון ניעסוויזש און אַלס פירער



יואל ראָזאָווסקי

פון די ציוניסטן, אויך אין אַזאַ חטא, אַז ער האָט געראַטעוועט אַ יידישן בחור פון רוסלאַנד, אַ ציוניסט, געהאָלפן אים גנבענען די גרענעץ און נאָך אַ קורצער צייט אים אַריבערגעשיקט פון ניעסוויזש קיין ארץ־ישראל. ר׳ יואל ראָזאָווסקי האָט מיר אויך דערציילט, אַז בעת מען פלעגט אים פירן צו די אויספאָרשונגען, איז אים געלונגען צו כאַפּן אַ פּאָר ווערטער מיט שמואל און אייזיק כאַרלאַפּ. פאַרן אַפּשיקן אים פון דער ניעס־ווישער טורמע קיין מינסק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט אַז ער וועט ווען ס׳איז זען זיין משפחה.

*

מיט ר׳ יואלן האָב איך אין אַ צייט אַרום זיך געטראָפן צופעליק ביי גאַנץ אַנדערע אומשטענדן:

דאָס איז געווען סוף זומער 1941. איך בין דאַן אַלס סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי אָנגעקומען מיט אַן עשאַלאָן קיין מיטל־אַזיע, אויף דער סטאַציע נאַריס (אוזבעקיסטאַן). אויפן פעראָן האָב איך פלוצלונג דערזען ר׳ יואלן. איך האָב אים דערקענט לויט זיין הערצל־באָרד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין צעריסענע מלבושים, כמעט באָרוועס. איך בין צו אים צוגעלאָפן און געפרעגט: „פּאַניע ראָזאָווסקי, איר דערקענט מיך נישט...? איך בין אברהם וואָלאָזשינסקיס אַ זון — דער געוועזענער מיליציאָנער פון דער ניעסוויזשער טורמע". ערשט דאַן האָט ער מיך דערקענט. מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

אין משך פון די 2 טעג וואָס איך האָב זיך געפונען אין נאַריס, האָב איך אייניקע מאָל זיך געטראָפן מיט ראָזאָווסקין.

ר׳ יואל האָט מיר דערציילט, אַז פון דער ניעסוויזשער טורמע האָט מען אים צוזאַמען מיט שמואל און אייזק כאַרלאַפּ אַפּגעשיקט אין דער מינסקער תפיסה. דאָרט האָט מען ווייטער פאָרגעזעצט די אויספאָרשונגען. באַפרייט האָט מען אים אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע פאַר די געוו. פּוילישע בירגער. אַזוי האָט ער געוואַנדערט פון אָבלאַסט צו אָבלאַסט, ביז ער האָט זיך דערקליבן קיין מיטל־אַזיע, באַקומען אַרבעט אין אַ קאָלכאָז — געפּאַשעט בהמות און שעפּסן.

צו אים איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אויך זיין פרוי און זון, בנימין, וועלכע די נ. ק. וו. ד. האָט אַרויסגעפירט נאָך זיין אַרעסט, געפינען זיך ערגעץ אין קאַזאַכסטאַן און לויט אַלע סימנים דאַרפן זיי זיין אין אַלמאַ־אַטאַ. וויל ער איצט זיי זוכן און האָפט זיי צו געפינען — ביז די כוחות וועלן אים דינען. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וועט קיין מאָל מיין הילף נישט פאַרגעסן און דערציילן וועגן דעם זיין משפחה.

פאַר מיין אָפּפאָרן פון נאַריס האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט און זיך געווונטשן צו טרעפן זיך נאָך דער מלחמה מיט אונדזערע משפחות.

יצחק וואָלאָזשינסקי

*

נעמען און צונעמען

אַרום דעם פולבלוטיקן יידישן לעבן אין ניעסוויזש איז געווען אַן אַנוווקס פון צונעמענישן. אינעם אָפיציעלן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען האָבן זיך געניטיקט דער „אוזשאָנד סקאַרבאָווי" (שטייער־אַמט) און מאַגיסטראַט, וועלכע האָבן געשיקט דערמאָנונגען צו צאָלן שטייערן. און דער וואָס האָט נישט איינגעצאָלט דעם שטייער, ווייל די אָרעמקייט איז געווען זייער גרויס, איז געקומען דער סעקוועסטראַטאָר מיט דער באַוווסטער אין גאַנץ פוילן, „גראַבסקיס עגלה" און צוגענומען דאָס לעצטע ביסל בעבעכעס. אין דער אָפיציעלן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען האָט זיך אויך געניטיקט די פּאָסט, בעסער געזאָגט, דער בריוועטרעגער, און דווקא מיר יידן, האָבן געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אַז די פּאָסט זאָל וויסן פון אונדזערע יידישע נעמען און פאַמיליעס צוליב די בריוו פון אַמעריקע, אַרגענטינע, בראַזיל, לאָנדאָן, פּאַריז, וואָס

קינדער שיקן צו זייערע עלטערן אין דער אַלטער היים, אָדער אַ מאַן צו זיין פרוי און קינדער, וואָס זענען נאָך געבליבן אין ניעסוויזש — ביז וואַנען ער וועט זיך איינאָרדענען אין זיין נייער היים. טאָמער זענען אין דעם בריוו וואָס דער פּאָסט־טרעגער האָט געבראַכט, געלעגן אַ פּאָר דאָלאַר אָדער אַ טשעק, איז ווער געווען גלייך צו יענעם — ער האָט דאָך שוין געהאַט פון וואַנען צו לעבן אַ שטיקל צייט. ווו נאָר דער בריוו־טרעגער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין גרויסן לעדער־בייטל אויף דער יידישער גאַס, איז מען אים אַנטקעגן געקומען און זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים מיטן נאָמען און פאַמיליע, פרעגנדיק, צי ס׳איז נישטאָ קיין בריוו. און אויב היינט איז נישט געווען, האָט מען געהאָפט אויף מאָרגן.

אין אַ נאָמען האָט מען זיך אויך געניייטיקט ביים אַריינגעבן אַ קינד לערנען אין דער „פּאָווּשעכנע", גימנאַזיע, יידישע פאָלקס־שול, תרבות, א. א. וו. אָבער אין אונדזער אייגענעם לעבן אויף דער יידישער גאַס, ווער האָט געדאַרפט און ווער האָט זיך געניייטיקט אין אַ נאָמען און אַ פאַמיליע? אַ צונעמעניש איז געווען דער נאָמען און פאַמיליע. נאָר אַזוי האָט מען געקענט איינער דעם צווייטן אין גאַנצן שטעטל. גענוי פון וואַנען צו איינעם האָט זיך גענומען אַ צונעמעניש איז שווער צו וויסן, ס׳איז אויסגע־וואָקסן פון זיך אַליין, ווי ווילדגראָז אין אַ בליענדיקן גאָרטן. ביי אייניקע איז דער צונאָמען דאָך געווען פאַרבונדן מיט זיין פאַך, ביי אַנדערע ווידער — מיטן נאָמען פון טאַטן, מאַמען, אָדער נאָמען פון שווער און שוויגער. צום ביישפּיל: אַלתר שרה מ׳כהעס — דער צונעמעניש איז נאָך דער שוויגער.

אַ מעשה מיט איטשע עוץ...

מיין אייגענער צונעמעניש „איטשע עוץ" האָט זיך אָנגע־טשעפּעט אָט ווי אַזוי: ס׳איז געווען אין דער צייט ווען כ׳האָב געלערנט ביי עזרא דעם מלמד אויף פאַרנע גאַס. דער רבי האָט אונדז, די תלמידים פון דער ערשטער כיתה אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן הויבן מיר אָן צו לערנען איוב תנ"ך. גייענדיק אַהיים פון חדר (אבא דאַווידאָווסקי, דעם דיינס זון; נטע ליפשיץ, חנה חיי אדם׳ס זון; שלמה פּימשטיין, שלמה בעץ; אברהם׳ל טורטשין, אברהם׳ל מורזעס; ראובן אַלפּערט, רוועע שפּיץ און איך), זאָגט אַבאַ דעם דיינס:

— איר ווייסט, חברה, מאָרגן, ווען דער רבי וועט מיט אונדז אָנהייבן לערנען איוב תנ"ך, און וועמען ער וועט דעם ערשטן הייסן זאָגן דעם ערשטן פּסוק פון תנ"ך, וועלכער זאָגט, ווי מיר געדענקען „איש אחד היה בארץ עוץ ואיוב היה שמו", זאָל מען יענעם געבן אַ צונעמעניש „עוץ". דער גורל איז אויסגעפאַלן, אַז דער רבי האָט מיך געהייסן אָנפאַנגען מיטן ערשטן פּסוק. איך האָב געהאַט אַ ספּעציעלן חן ביי עזרא דעם מלמד, אַלע מאָל האָט ער מיך געהייסן דעם ערשטן זאָגן די סדרה פון דער וואָך, די ברכות פון דער הפטרה אאַז"וו. בכלל איז ער געווען זייער אַ שטרענגער רבי. אויב אַ תלמיד האָט נישט געקענט גוט דעם לערנען, פלעגט ער אים פרייטיק, ביים פאַרהערן יעדן באַזונדער, גוט אָנפּאַטשן אין באַק אַריין. איך געדענק אַ פאָר פאַלן, ווען ער האָט געשמיסן תלמידים מיט זיין לאַנגער דאַרער האַנט אויפן הוילן לייב.

דאָס איז די „געשיכטע" פון מיין צונעמעניש. נאָר ווי איך האָב שוין באַמערקט, זענען פון דור־דורותדיקן יידישן לעבן אין ניעסוויזש אָנגעוואָקסן צונעמענישן אויף דער יידישער גאַס.

ביי די אַלע ניעסוויזשער וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, וועט אין זייער זכרון אַוודאי אויפגע־לעבט ווערן די געשטאַלט פון יעדן איינעם מיט זיין צונעמעניש. דאָס וועט זיין אַ גייסטיקע מצבה נאָך אונדזערע פאַמיליעס, פריינד און קרובים און נאָך דער גאַנצער ניעסוויזשער קהילה, אומגעקומען אויף קידוש השם.

און איצט — די צונעמענישן און באַצייכענונגען, ווי איך געדענק זיי:

נחום הינקעדיקער — „נחום די באָרד", (אָדער) „דער האַלבער"
איטשע טורטשין — „איטשע מורזע"
מאיר באַשינקעוויטש — „מאיר מורזע"
שמואל קראַוויעץ — „שמואל שורון"
זיין זון אישיע — „אישיע שורון"
זיין זון וועלוול — „וועלוול שורון"
אברהם יצחק מאַליער — „האָיע"
אליעזר גאַבריעלאָוו — „לאָזער דער בעקער"
דבורה קאַצליער — „דבורה שמעלטשיכעס"
רחל פישער — „רחל פיקטושיכע"
איטשע סראַגאָוויטש — „איטשע דער הויכער"
ירחמיאל סאָלטאַן — „רחמיאל בוף"
באַשע סאָלטאַן — „באַשקע די לאַניערקע"
לייבע באַשינקעוויטש — „לייבע דער שערער"
שמחה סראַגאָוויטש — „שמחה זעמעלע"
יאַנקל בלומעס = „יאַנקל דער שמיד"
שרה פראַנק — „שרה די סופרטע"
איטשע קאַטשאַנאָווסקי — „איטשע די באַלעבאָסטע"
אלתר אַלפּערין — „אלתר די נאָז"
אַורעמל פּאָמעראַנץ — „אַורעמל דער טעפּער"
יצחק יעוועלעווסקי — „באָניק"
ראוך בענעראָף — „ראובן טאַראַן"
מאַניע בענעראָף — „מאַניע טאַראַן"
ישראל בענעראָף — „ישראל טאַראַן"
קאָפּל בלומעס — „קאָפּל דינה־ריוועס"
ברידער כאָלאָווסקי — „די סטעלמאַכעס"
קאַלמאַנאָוויטש — „דער טויבער"
משה־ראובן זאַטורענסקי — „דער טויבער יאַש"
גיטל רעכעלעס — „גיטל פּאַליוק"
יאַנקל מענדעלעוויטש — „יאַנקל סאַצע"
זיין זון עליע — „עליע סאַצע"
הירשל סווירשטשיק — „הירשל דער קאַפּוליער"
זלמן גאָלדבערג — „זלמן קוליע"
אַורעמל יעוועלעווסקי — „אַורעמל דער מאַלער"
לייבע גאַלדין — „לייבע פישער"
מרדכי יעוועלעווסקי — „מרדכי דער מאַלער"
בערל ליפשיץ — „בערל דער אָסמאַלאָווער"
בערל פאַבריקאַנט — „בערל שוועטליע"
נחום זאַטורענסקי — „נחום ליפסעס"
חיים פאַבריקאַנט — „חיים שוועטליע"
משה אַלבענסקי — „משה פּעטערבורגער"
מאָטע באַכער — „מאָטע דער וואַרשעווער"
נחום צעכאַנאָוויטש — „נחום אבלופעס"
רבקה לעקאַך — „רבקה אָבלופּשטשיכע", „בראָכאַלשטשיכע"
הערץ גאָלאַנד — „דער גריבאָווטשינער"
מאָטע גאָלאַנד — „מאָטע דער גריבאַווטשינער"
שמואל־לייב פאַרפעל — „שמואל־לייב דער קצב"
מאַשקע פאַרפעל — „מאַשקע דער קצב"
אליהו ראַדונסקי — „אליהו סאָרקעס"
ישעיה פאַרפעל — „אישיע בראָוויש"
אַורעמל סראַגאָוויטש — „אַורעמל האָצקעס"
דוד ריקלין — „דוד סאָראָוויטקע"
פאַמיליע הינקעדיקער — „די פאַלניצעס"
משה צירולניקאָוו — „משה דער רופא"

מאיר דוד לובעצקי — „מאיר קייצעץ"
הערשל לובעצקי — „דער ברויזער"
מרדכי לובעצקי — „מרדכי דער ברויזער"
בערקע לובעצקי — „בערקע דער ברויזער"
ישראל צינמאַן — „ישראל דער בלעכער"
אליהו אַנגעלאָוויטש — „עליע מוניעס"
אהר"ל צינמאַן — „אַרל דער בלעכער"
זלמן צינמאַן — „זלמן דער בלעכער"
סאַשאַ גאָלדבערג — „דער אַפּאַלאָק", אָדער „דער באַראַטשינער"
ירמיהו פיש — „ירמיהו דער שמיד"
בענטשע קלעצקין — „בענטשע באָטשיק"
עוזר גרינבערג — „עוזר דער מלמד"
חיים בוטצין — „דער קאַרצעוויטשער"
נח שטשעפּורזשיצקי — „נח דער שניידער"
שלמה שאַכנאָוויטש — „שלמה דער האָוועזנער"
בערקע שאַכנאָוויטש — „בערקע דער האָוועזנער"
מאָטע ליפשיץ — „מאָטע גוטעס"
בעניע וויינשטיין — „בעניע בליץ"
מאָטל גאַך — „מאָטל שטינקער"
לייזער פאַרפעל = „לייזער דער קצב"
(זיין פרוי ציפּע) — ציפּע די קצבטע"
חנה אַלפּערט — „חנה שמחה'ס"
זלמן שוועד — „זלמן איטשקעס"
בערע קאָפּעל — „בערע האַטשקעס"
שלמה חדש — „שלמה קאָטשערקע"
פעשע מירסקי — „פעשקע מירעלעס"
לייבע עפּשטיין — „לייבע דער גלאָזקרעמער"
שטיינוואָרצל — „דער לאַזאָוויצער מלמד"
יעקב לעווקאָוויטש — „יעקב דער טאַראָפּיצער"
שלמה מעדוועצקי — „שלמה דער האַנאָסטשינער"
נחום ווסעלאָווסקי — „נחום דער זאַגאָטאָווסטשיק"
אבא דאַווידאָווסקי — „אבא דעם דיינ'ס"
ברכה שטיינהאוז — „ברכה מינקעס"
משה חיים מאָגילעווסקי — „משה־חיים דער אוזדער"
יאַנקל לייבאָוויטש — „דער קאַלאָשניק"
איטשע פיאַלקאָ — „דער ראַדקעווער"
חיים־שמואל ריפּ — „חיים שמאָטשע"
חיים בערעזין — „חיים שעטשקע"
שלמה בערעזין — „שלמה בעץ"
שרה'קע ראַדונסקי — „שרה'קע די אויגל"
נח באַסקיר — „נח טעקליע"
משה אייזענבוד — „משה אָקס"
הערצל דרוקער — „הרצל ספּיוואַק"
אברהמ'ל סוויצקי — „אַורעמל דער שוואַרצער"
ד"ר יעקב גינזבורג — „יאַנקל דער דאָקטער"
איסער מעריצקי — „דער בעזדעטניק"
זעליק קאַנטאַראָוויטש — „זעליק דער באַראַבאַנשטשיק"
סאָפיע אַבראַמאָוויטש — „סאָפיע די משומדתטע"
ביניע גאַבריעלאָוו — „ביניע מיט די רעדלאַך"
שלמה'קע גאַבריעלאָוו — „שלמה'קע ציגעלע"
פייגע־לאה פּערלמאַן — „פייגע־לאה די שניידערקע"
פּערלמאַן — „דער דאַמסקער שניידער"
סאנע שמערקאָוויטש — „סאנע כוואָלעס"
בערל מענכוס — „דער גראָבער מענכוס", אָדער „פּרעה"
פאַמיליע ליס — „די בייטאַלאַך"
פסח בערעזין און פאַמיליע — „די מעדוועדיצער"
אבא טענענבוים — „אבא דער חסיד"
בן־ציון קאַנטאַראָוויטש — „בענטשע דער איינבינדער"

חיים ווסעלובסקי — „דער וואָסניק"
פסח גאַבריעלאָוו — „פּיישע פּעלץ"
שלמה פּוטער — „שלמה קאַרטאָפּעלע"
לייבע גאַך — „לייבע דער לונאַטיקער"
איטשע טשאַרני — „איטשע עוץ"
ראובן אַלפּערט — „ראובן שפּיץ"
שלמה פּימשטיין — „שלמה בעץ"
משה לאַפּידוס — „משקה'ע דער שמש", אָדער „דער דוכוס"
אברהם בראַטקאָווסקי — „אברהעמעלע כאַמכון"
ישראל בורשטיין — „ישראל רילע"
מאָטל בורשטיין — „מאָטל קראַט"
אברהמעלע קאַטשאַנאָווסקי — „דער קורצער פּרייטיק"
חיה־ריווע (זיין פרוי) — „שבת הגדול"
משה ליפּאָווסקי — „משה'קע דער לערער"
בערל ליפּאָווסקי — „בערל פּאַפּע"
יוסף ליפּאָווסקי — „יוסף פּאַפּע"
באַשע ליפּאָווסקי — „באַשע די קירבעס"
איטשע פּאָרטנאָי — „איטשע פּישער"
מוליק פּוטצין — „מוליק סטעפּאַן"
זעליק שפּילבערג — „זעליק דער באַריטאָן"
יאָסל ליפשיץ — „יאָסל דער אינטעליגענט"
אהר'ל גאָלדין — „אהר'ל דער נאַטשאַלניק"

סתם צונעמענישן, אָן די פאַמיליע־נעמען

